קוטנע איז מקדמונים אָן געווען אַ פּריוואַטע ד"ה פּריצישע שטאָט. אין 16־טן י"ה איז קוטנע געווען דאָס אייגנטום פון דעם ראַווער וואָיעוואָדעס פרוי. אויף איר בקשה האָט דער קעניג זיגמונט אויגוסט געשאָנקען אין יאָר 1555 דאָס רעכט איינצואָרדענען אין שטעטל יאַרמערק — און דאָס האָט מסתמא בייגעטראָגן צו דעם, אַז קוטנע איז געוואָרן אַ שטאָט „מיט לייטן גלייך". אָבער זי איז נאָך לאַנג פאַרבליבן אַ קליינע אומבאַדייטנ־דיקע שטאָט, אייגנטלעך אַ קליין פּריציש שטעטל. אַרום 1800 האָט די גאַנצע באַפעלקערונג (יידן און קריסטן) געציילט סך־הכל 2.278 נפשות.[4]

ווי דערמאָנט, ווערט ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י"ה דאָס היסטאָרישע בילד פון יידישן ישוב קלאָרער און אינהאַלטרייכער. פון דעם פּעריאָד האָבן מיר שוין אַ גרעסערע צאָל געשיכטלעכע דאָקומענטן וואָס אויף זייער סמך קאָן מען רעקאָנסטרואירן אַ פולער בילד פון דעם לעבן פון דער יידישער קהילה.

אָנגעהויבן האָט זיך די צווייטע העלפט פון 18טן י"ה מיט א קאַטאַסטראָפע: אין 1753 האָט אַ שריפה חרוב געמאַכט כמעט די גאַנצע שטאָט. די הילצערנע הייזקעס זענען גיך פאַרצערט געוואָרן פון די פלאַמען. עס האָט געדויערט העכער צען יאָר ביז די שטאָט האָט זיך צוריק אויפגעבויט פון די חורבות. אין יאָר 1766 האָט דער נייער אייגנטימער פון דער שטאָט, דער קרוינ־קאַנצלער גראַף אנדריי זאַמויסקי, באַקומען פון לעצטן פּוילישן קעניג, סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, אַ נייע לאָקאַציע־פּריווילעגיע פאַר דער צוריק־אויפגעבויטער שטאָט. אין דער „אָרדינאַציע" פאַר דער שטאָט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1767, האָט ער געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר באַזעצן זיך פון יידן אין קוטנע. איינע פון די פונקטן פון דער „אָרדינאַציע" באַשטימט, אַז „יידישע פּלעצער, סיי באַבויטע, סיי די וואָס דאַרפן ערשט באַבויט ווערן, טאָרן נישט ווערן באַנוצט פון די שטאָט־לייט". בכדי אויסצומיידן עווענטועלע סיכסוכים צווישן יידן און די קריסטלעכע בירגער, האָט ער אַרויסגענומען די יידישע באַ־פעלקערונג פון דער יורידישער קאָמפּעטענץ פון די שטאָטישע געריכטן. פאַר זיך האָט ער אויך רעזערווירט דאָס אויסשליס־לעכע רעכט אַרויפצולייגן אויף די קוטנער יידן פאַרשידענע הת־חייבותן און אָפּצאָלן.

אין 1766 האָט די קוטנער קהילה צוזאַמען מיט איר קהלישער סביבה, צו וועלכער עס האָבן אַ סברא געהערט אויך די יידן פון די שכנותדיקע שטעטלעך זשיכלין און גאָסטינין,[5] ווי אויך פון אַ גרעסערער צאָל דערפער, געציילט אָפּיציעל (לויט דער פאָלקס־ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אויפן שטח פון דער גאַנצער פּוילישער מלוכה פון די יאָרן 1765—1766) — 928 נפשות. וויפל עס איז פון דער דאָזיקער צאָל אויסגעפאַלן אויף קוטנע גופא, איז נאַטירלעך, שווער צו זאָגן.

אַן אַלגעמיינע דערשיינונג ביי דער ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין 1765—1766, איז געווען דאָס פאַרהוילן פאַר די ציילערס די פאַקטישע צאָל יידישע נפשות, מחמת דער טראַדיציאָנעלער יידישער מורא פאַר יעדן מין מלוכהשער סטאַ־טיסטיק, וואָס האָט דאָך נאָך געהאַט איין צוועק: קאָנטראָל און פאַרגרעסערונג פון יידישע שטייערן. ד"ר רפאל מאהלער, וואָס האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט וועגן דער דאָזיקער ציילונג אַן אויסשעפּיקע און פּרטימדיקע סטודיע,[7] קומט צו דער מסקנה, אַז די צאָל פאַרהוילענע נפשות האָט אין דורכשניט באַטראָפן 20%. בכן, מיט דער דאָזיקער קאָרעקטור, האָט די צאָל נפשות אין דער קוטנער קהילה צוזאַמען מיט איר סביבה באַטראָפן בערך 1,115 נפשות. צו דער דאָזיקער צאָל דאַרף מען נאָך צוגעבן זויג־קינדער ביז 1 יאָר, וואָס זענען נישט געציילט געוואָרן און וואָס זייער לפי־ערכדיקן פּראָצענט באַרעכנט מאַהלער אויף 6.35% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. צוזאַמען, האָט דעריבער די קרוב־לאמתדיקע צאָל נפשות באַטראָפן אין די יאָרן 1765—1766 בערך 1,185—2,000 נפשות.

די דאָזיקע קאָרעגירטע ציפער קוקט אויס נאָך מער קרוב לאמת, ווען מיר פאַרגלייכן זי מיט דער צאָל יידן מיט 10 יאָר שפּעטער — אין 1776. אין דעם יאָר ווערט אין אַן אָפיציעלן מקור אָנגעגעבן פאַר דער שטאָט גופא 200 פאַמיליעס און פאַר דער דאָרפישער סביבה — 187 יידישע משפחות. צוזאַמען — 387 פאַמיליעס. רעכענדיק אויף אַן איינצלנער משפחה אין דורכ־שניט 5 נפשות, באַקומען מיר פאַר דער שטאָט בערך 1,000 נפשות און פאַר דער קהלשער סביבה — 935 נפשות, בכן אין סך־הכל — 1,935 נפשות. דער זעלביקער מקור גיט אָן, אַז ביי די שטאָטישע יידן האָט מען אָפּגעציילט 885 ספרים און אין דאָרף 200.[7] די דאָזיקע ציילונג פון ספרים איז דאַמאָלט ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גאַנצער פּוילישער מלוכה אדורכגעפירט געוואָרן צוליב דעם שטעמפּל־שטייער פון ספרים, וואָס דער מלוכה־אוצר האָט ארויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

אגב, אַ דאַנק דעם דאָזיקן ספרים־שטייער, האָט זיך אויפ־געהיט א ידיעה וועגן אַ יידישן דאָקטער אין קוטנע פון אַרום 1775 יאָר. דער דאָזיקער דאָקטער מיטן פאַרפּוילישטן נאָמען מאַרעק (געהייסן מסתמא מרדכי), האָט אין דעם אָנגערופענעם יאָר אָפּגעצאָלט דעם שטעמפּל־שטייער פון 6 ספרים.[8]

פון 18טן יאָרהונדערט האָבן מיר אויך ידיעות וועגן צוויי קוטנער רבנים. דער עלטסטער באַקאַנטער קוטנער רב פון סוף 17טן און תחילת 18טן יאָרהונדערט איז געווען ר' משה יקותיאל קויפמאַן הכוהן, דער מחבר פון ספר „לחם הפנים", אַן איידעם פון קאַלישער רב ר' אברהם אבעלע גאָמבינער, מחבר פון „מגן אברהם". געבוירן אין קראָטאָשין, איז ער דאָרט נפטר געוואָרן אין תפ"ב (1722) אלס דאָרטיקער רב.[9] אַ סברא, אַז זיין ממלא מקום איז געווען ר' אריה לייב, זון פון קאַלישער רב ר' יוסף חיים, וואָס אין יאָר 1768 האָט אים די פּויזנער קהילה אויפגענומען ווי אַ דרשן. ער האָט דאָרט גלייכצייטיק אויסגעפירט די פונקציעס פון אַ רב.[10]

אין דער צווייטער העלפט פון דעם אָנגערופענעם יאָר־הונדערט, באַגעגענען מיר קוטנער יידן אין וואַרשע, ווו יידן האָבן פאָרמעל נישט געטאָרט וווינען. נאָר בעת סעסיעס פון די סיימען, איז זיי געווען דערלויבט צו באַזוכן וואַרשע און דאָ פירן מסחרים, בתנאי, אַז זיי וועלן אויסקויפן דעם אַזוי גערופענעם „טאָג־צעטל". אַרום 1784 איז דער קוטנער ייד משה בן שלמה (סאַלאָמאָנאָוויטש) געווען אַ „פאַקטאָר" (האַנדלס־אַגענט) ביי דעם עסטרייכישן געזאַנדטן אין וואַרשע און האָט גענאָסן פון זיין שוץ און פון אַן אומזיסטן „טאָג־צעטל".[11]

אַ צווייטער קוטנער ייד משה בן שמואל (שמולעוויטש), האָט בעת די גאַסן־קאַמפן אין וואַרשע דעם 17טן אַפּריל 1794, אין שייכות מיט דעם קאָשטשיושקאָ־אויפשטאַנד, צוגעשטעלט די פּוילישע אויפשטענדלער געווער און מנדב געווען לטובת דער מרידה צוויי פערד און אַ וואָגן.[12]

ווייזט אויס אז אין זכות פון זיין פּאַטריאָטישער פאַרגאַנגענ־הייט, האָט אים דער וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט, פּאַוועל ביעלינסקי, באַשטימט אין פרילינג 1807 ווי אַ סינדיק (שתדלן) פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע. וועגן דער דאָזיקער נאָמי־נאַציע איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן דעם וואַרשעווער פּרעזידענט און די ראשי־הקהל, וואָס האָבן זי נישט געוואָלט אָנערקענען און דעם נאָמינאַט אריינגעלייגט אין חרם. דער ענין

האָט אָנגעשפּאַרט אין די צענטראַלע מלוכה־אָרגאַנען און דער סוף איז געווען, אַז דער שטאָט־פּרעזידענט האָט זיך געזען געצוווּנגען צוריקצוציִען די נאָמינאַציע.[13]

אפילו געזעלן פלעגן שוין דאַמאָלט קומען קיין וואַרשע זוכן „גליקן". וועגן איינעם פון זיי, אַ יונגען בחור מיטן נאָמען דוד, דערציילט די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" פון 1787 נישט קיין שיינע מעשה: „אַנשטאָט צו זיין דאַנקבאַר דעם שניידער־מייסטער, וואָס האָט דעם היימלאָזן און וואַנדערנדיקן געזעלן אַריינגענומען צו זיך, האָט ער אים גאָר באַגנבעט און איז אַנטלאָפן".[14]

רירעוודיקע יחידים האָבן געגרייכט ווייטער פון וואַרשע: אַרום 1800 באַגעגענען מיר קוטנער יידישע סוחרים אויף די באַרימטע פראַנקפורטער, ברעסלער און לייפּציקער יאַרידים. אויף צו פינאַנסירן די דאָזיקע קאָסטבאַרע נסיעות, פלעגן זיי לייען געלט ביי די קוטנער פּריצים.[15]

פון דער דאָזיקער צייט (די לעצטע צוויי צענדליקער פון 18טן יאָרהונדערט) שטאַמען אויך די סטאַטוטן פון 2 בעלי־מלאכהשע צעכן — איינער פון געמישטן צעך פון שניידערס, שמוקלערס און קירזשנערס, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן פון פּריץ גאַדאָמסקי אין 1783, און אַ צווייטער — פון דער חברה קצבים, וואָס האָט באַקומען די באַשטעטיקונג פון קוטנער פּריץ אין 1781. די דאָזיקע 2 סטאַטוטן, בפרט דער ערשטער, גיט אונדז אַ מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין די פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן געהערשט אין דעם יידישן האַנטווערק אין קוטנע אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט.

די סטאַטוטן זענען פאַרפאַסט אין דער פּוילישער שפּראַך און זענען שפּעטער, ווען קוטנע איז אין 1793 אַרונטערגעפאַלן אונטער פּרייסישער הערשאַפט, איבערגעזעצט געוואָרן אין דייטש.[16] די תקנות פון סטאַטוט פון געמישטן צעך זענען טיפּיש פאַר די סטאַטוטן פון יידישע בעלי־מלאכות פון יענער צייט, וואָס זייער עיקר־כוונה איז געווען, ראשית, אויסצומיידן אומערלעכע קאָנקורענץ צווישן די מייסטערס און יעדן פון זיי פאַרזיכערן אַ יושרדיקע חיונה; והשנית, האַלטן די געזעלן אונטער אַ שטרענגן קאָנטראָל. מיר ברענגען דאָ ווייטער אַ צאָל אַזעלכע תקנות:

§ 18 פון סטאַטוט באַשטימט, אַז קיין שום מייסטער טאָר נישט האַלטן מער ווי איין געזעלן און איין לערניינגל. אויב אַ מייסטער האָט אַ סך אַרבעט, מעג ער צונעמען אַ צווייטן געזעלן, אָבער נאָר פון די חתונה־געהאַטע אָדער אַן אָרעמען מייסטער, וואָס האַלט נישט קיין געזעלן, און איז מחויב אים צו צאָלן אַ דריטל פון דעם מייסטערס פאַרדינסט („דעם דריטן גראָשן"), „בכדי אַלע זאָלן זיך קאָנען דערנערן";

אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז אַ מייסטער האָט אָפּגערעדט אַ געזעלן ביי אַן אַנדערן מייסטער, מוז ער באַצאָלן 6 „גריוונעס" קנס אין דער צעך־קאַסע (24);

מייסטערס טאָרן נישט שיקן זייערע געזעלן אויף די וועגן (ד"ה אין די דערפער) און אויף יאָרמערק, בכדי אָנצונעמען פאַר זיי אַרבעט. זיי מעגן דאָס טאָן נאָר אַליין (20);

אויב עס וועט טרעפן, אַז אַ מייסטער האָט קאַליע געמאַכט אַ שטיק אַרבעט, דאַרף דער מייסטער באַצאָלן אַנטשעדיקונג פון זיין קעשענע און נישט פון דער צעך־קאַסע. די כוונה פון דער דאָזיקער תקנה איז, ווי עס ווערט אָנגעוויזן, צו פאַרהיטן, אַז די וואָס זענען נישט געניט אין זייער אַרבעט, זאָלן נישט אָנגענומען ווערן אין צעך אלס מייסטערס. אַזאַ „פּאַרטאַטש" טאָר אויך נישט האַלטן קיין געזעלן (14);

יעדער אָפּמאַך צווישן מייסטער און אַ געזעלן דאַרף פאַרשריבן ווערן ביים צעכמייסטער. עס דאַרף אין אַזאַ אָפּמאַך פעסטגעשטעלט ווערן די צייט פון „טערמינען" און אַלע אַנדערע תנאים פון דעם הסכם. דעם אָפּמאַך פאַרשרייבט אין צעך־פּנקס דער צעך־שרייבער, וואָס באַקומט פון מייסטער פאַר זיין טירחה אַ קופּערנעם גראָשן (22 און 29);

אַ געזעלן טאָר נישט אַוועקגיין פון זיין מייסטער פאַר דער אָפּגערעדטער צייט (ד"ה אין מיטן „זמן"). אַ מייסטער וואָס נעמט אָן אַ געזעלן, נישט אָנפרעגנדיק ביי דעם פריערדיקן מייסטער, צי דער געזעלן איז אַוועק פון אים מיט זיין הסכמה, איז מחויב צו באַצאָלן 4 „גריוונעס" קנס אין דער צעך־קאַסע (23);

אַלע מייסטער זיינען מחויב צו צאָלן וואָכן־געלט אין דער צעך־קאַסע: אַ מייסטער וואָס האַלט אַ געזעלן — 4 „שעלאָנג" (אַ שעלאָנג האָט דעמאָלט באַטראָפן בערך אַ האַלבן גראָשן). דער וואָס האַלט נישט קיין געזעלן — 2 „שעלאָנג" (30).

עס איז סימפּטאָמאַטיש, אַז אין סטאַטוט ווערט מיט איין וואָרט נישט דערמאָנט די באַציִאונג צו די שייכותדיקע קריסטלעכע צעכן ווי אויך צו קהל. להיפוך צי די קיניגלעכע שטעט, ווו יידישע בעלי־מלאָכות האָבן מקדמונים געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן קאָנקורענץ־קאַמף מצד די קריסטלעכע צעכן, האָט אין די פּריוואַטע שטעט, ווו דעם פּריצס ווילן איז געווען געזעץ, דער פּריצישער אייגנטימער אָפּט גענומען אין שוץ די יידישע בעלי־מלאכות און זיי באַפרייט פון דער אפּוטרופּסות און השגחה סיי מצד די קריסטלעכע צעכן און סיי מצד קהל.[17]

פון דער דאָזיקער צייט, פון לעצטן צענדלינג פון 18טן יאָרהונדערט, האָט זיך אויפגעהיט זייער אַ וויכטיקער דאָקומענט, וואָס אויף זיין סמך קאָן מען באַקומען אַ מער־ווייניק פולזייטיק בילד פון דער יידישער קהילה. דאָס איז נעמלעך אַ סטאַטיסטישער באַריכט וועגן דער יידישער באַפעלקערונג, צונויפגעשטעלט פון דער נייער, שוין פּרייסישער מאַכט, אין יאָר 1796, בכן באַלד ווי קוטנע איז נאָך דער צווייטער צעטיילונג פון פּוילן אין יאָר 1793 אַרונטערגעפאַלן אונטער פּרייסישער הערשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1807 — דאָס יאָר פון אַנטשטיין פון וואַרשעווער פירשטנטום (1807—1815). דער אַקט האָט זיך געפונען אין שטאַטישן אַרכיוו און טראָגט דעם נאָמען Specialia betr. die Einrichtung des Juden Wesens. די סטאַטיסטיק איז לפי־ערך אַ גאַנץ גענויע. זי נעמט אַרום די פאָלגנדיקע רובריקן: 1. מיטגלידער פון דער משפחה און זייער עלטער (דינערשאַפט אַריינגערעכנט); 2. הויזווירט, אָדער לאָקאַטאָר; 3. צושטאַנד פון הויז און זיין קוואַליטעט; 4. באַשעפטיקונג; 5. פאַרשיידענע שטייערן.

ביי די דאָרפסיידן — די סטאַטיסטיק נעמט אויך אַרום די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין 71 דערפער אַרום קוטנע — געפינט זיך אַחוץ די דערמאָנטע רובריקן, נאָך דער נאָמען פון דעם געגעבענעם דאָרף און זיין פּריץ.

נאָך דעם גייען סומירונגען פון אַלע איינצל־רובריקן און אַ פעסטשטעלונג פון אַלע שטייער־פליכטיקע אויף להבא. דאַן קומט אַ מין אַלגעמיינער איבערבליק איבער די קהילה, איבער אירע פינאַנצן און אינסטיטוציעס און ווייטער — גענויערע פּרטים וועגן פאַרמעגן־צושטאַנד, שטייער־פרייקייט און וווינונג־פראַגן פון 250 משפחות שטאָטישע און דאָרפישע.

דער רעגיסטער ענדיקט זיך מיט אַ פּראָטאָקאָל, וועלכן עס האָבן אונטערגעשריבן אַ באַאַמטער און די קהלה־פּרנסים. בכלל איז די סטאַטיסטיק צונויפגעשטעלט געוואָרן אויף דעם סמך פון די ידיעות, וועלכע די קהילה־פּרנסים האָבן צוגעשטעלט דער מאַכט. די באַגלייבטקייט פון זייערע אינפאָרמאַציעס זענען זיי געווען גרייט — ווי עס ווערט פעסטגעשטעלט אין פּראָטאָקאָל — צו באַקרעפטיקן מיט אַ שבועה. עס ווערט דערציילט, אַז דער קאָמיסאַר האָט זיי געוואָרנט מיט שטראָפן (5 טאָלער פאַר יעדן פאַרשוויגענעם קאָפּ), אָנצוגעבן דעם ריינעם אמת, אויף וואָס די פּרנסים האָבן ווידער געענטפערט מיט דער גרייטקייט צו שווערן אויף דער ריכטיקייט פון זייערע ידיעות, וועלכע שטיצן זיך — לויט זייערע אייגענע רייד — אויפן „שטרענגסטן אמת".

ווי מיר וועלן אָבער ווייטער זעען, זענען זייערע אָנגאַבן נישט געווען קיין הונדערט־פּראָצענט ריכטיקע, טראָץ די סטראַשונקעס און פייערלעכע דערקלערונגען. די סיבות — זענען גאַנץ קלאָרע: דאָס איז די אַלטע, כמעט טראַדיציאָנעלע מורא פאַר יעדן מין סטאַטיסטיק. מיט אַ ריכטיקן אינסטינקט האָבן די יידן שטענדיק אַרויסגעפילט די סכנה, וואָס האָט געלויערט אויף זיי פון יעדער ציילונג, וועלכע מען פלעגט דאָך נאָר אַדורכפירן צוליב פיסקאַלע טעמים. יעדע ציילונג האָט נאָר געהאַט איין צוועק: קאָנטראָל און פאַרגרעסערונג פון די יידישע שטייערן. בפרט אין אונדזער פאַל — ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ סטאַטיסטיק, וועלכע עס האָט אַדורכגעפירט אַ פרעמדע אָקופּאַציע־מאַכט, וועמענס פיסקאַלע פּאָליטיק לגבי „אירע" יידן איז מסתמא געווען נישט אומבאַקאַנט — האָט מען אַוודאַי געזוכט מיטלען ווי אַזוי אָפּצושוואַכן די „גזירה". די פּרנסים זענען דאַן געווען אין אַ שווערער לאַגע, כמעט אין אַ טראַגישן קאָנפליקט צווישן זייער אייגענעם געוויסן און די כלל־אינטערעסן. ווייזט אויס, אַז די צווייטע האָבן גובר געווען.

מיר מוזן זיך דעריבער באַציען מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט צו די ציפערן, וועלכע זענען פאַראַן אין דעם רעגיסטער און זיי באַטראַכטן נאָר אַלס וואַרשיינלעכע און אַלס אַזעלכע, וואָס האָבן גיכער אַ נטיה צו פאַרקלענערן, ווי צו פאַרגרעסערן. אָט די פאָר מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען זענען נייטיק, איידער מיר טרעטן צו צום מאַטעריאַל גופא. מיר מיינען אויך, אַז דאָס בילד וואָס מיר פּרוּוון ווייטער צו סקיצירן, איז נישט עפּעס קיין אָפּגעזונדערטס און כאַראַקטעריסטישס, נאָר גיכער אַ טיפּישס פאַר דעם רוב פּריצישע שטעטלעך אין 18טן י״ה.

צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג

1. שטאָטישע

לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, האָט די יידישע באַפעלקערונג אין קוטנע אין יאָר 1796 געציילט 1087 נפשות, צווישן וועלכע עס זענען געווען:

טאַבעלע נומ׳ 1

מענער (פאַרהייראַט)	343
פרויען ״	342
יינגלעך אונטער 14 יאָר	166
מיידלעך ״ ״ ״	152
יינגלעך איבער 14 יאָר	28
מיידלעך ״ ״ ״	13
דינערשאַפט, געזעלן און לערן־יינגלעך	25
דינסט־מיידלעך	18
צוזאַמען	1087 נפשות

פון דער טאַבעלע נומ׳ 1 זעען מיר, אַז די צאָל יינגלעך און מיידלעך אין פאַרשיידענעם עלטער האָט באַטראָפן 359. אַזוי ווי פאַמיליעס זיינען געווען, לויט דער אָפיציעלער רשימה 357, מאַכט אויס אויף איין פאַמיליע דורכשניטלעך עפּעס מער, ווי איין קינד. דאָס איז אַ בפירושער אומזין. די צאָל איז באַשיינפּערלעך פאַלש אָנגעגעבן. משמעות האָט מען מיט אַ כיוון אַריינגעפירט די מאַכט אין אַ טעות. די סיבות האָבן דאָ געקאָנט זיין פאַרשיידענע. מען האָט פאַרקלענערט די צאָל קינדער צוליב דעם קאָפּ־געלט, וואַרשיינלעך אויך, בפרט די צאָל יינגלעך — צוליב דער מורא פאַר דעם עווענטועלן רעקרוטן־דינסט, שול־צוואַנג, לויט דעם פרישן ביישפּיל פון גאַליציע (די רעפאָרמען פון דעם קייסער יאָזעף דעם צווייטן) אאַז״וו.

מען מוז דעריבער אָננעמען, אַז די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג — שוין נעמענדיק אין אַכט דאָס פריִע חתונה־האָבן פון בחורים און מיידלעך אין עלטער פון 14—16 יאָר, וואָס האָט גורם געווען, אַז די צאָל נישט פאַרהייראַטע קינדער, עלטערע ווי 14 יאָר איז געווען לפי־ערך קליין — איז געווען אַ סך אַ גרעסערע. רעכענענדיק אויף אַ פאַמיליע אין דורכשניט 5 נפשות (פאַר יענער צייט איז דער דורכשניט גיכער אַ צו קליינער, איידער אַ צו גרויסער) — באַקומען מיר די לפי־ערכדיקע צאָל פון 1760 נפשות. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן 43 פּערזאָן מענלעכע און ווייבלעכע הויז־דינערשאַפט, געזעלן און לערן־יינגלעך,[18] צוזאַמען אַלזאָ האָט די קוטנער יידישע באַפעלקערונג געציילט אין יאָר 1796 מינדעסטנס ביי 1800 נפשות. די צאָל, וועלכע מיר האָבן באַקומען, איז מיט 713 גרעסער ווי די אָפיציעלע. ווי מיר זעען, האָט מען 65 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג (ס׳רוב אַ פּנים, קינדער) נישט אַריינגעטראָגן אין דער מלוכה־רשימה.

פאַרגלייכנדיק ווייטער די צאָל אין דער טאַבעלע, זעען מיר, אַז די צאָל מענער (פאַרהייראַטע) איז כמעט גלייך צו דער צאָל פרויען (פאַרהייראַטע). דאַקעגן איז די צאָל יינגלעך אין פאַרשיידענעם עלטער אַ גרעסערע, ווי די צאָל מיידלעך. די פּראָפּאָרץ איז 165:194 (עס איז געווען מער סיבות צו פאַרבאַהאַלטן פאַר דער מאַכט יינגלעך, איידער מיידלעך, און ווען די צאָל יינגלעך איז אפילו אָפיציעל אַ גרעסערע — איז נישטאָ קיין גרונט צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון דער אויבנדערמאָנטער פאַרהעלטעניש).

מעגלעך, אַז די דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ דערקלערט זיך דערמיט, וואָס מיידלעך האָבן בדרך־כלל פריִער חתונה געהאַט, ווי בחורים. בעת די פּראָפּאָרץ צווישן יינגלעך און מיידלעך יינגערע פון 14 יאָר איז 152:166, איז די פּראָפּאָרץ ביי עלטערע 13:28 — מער ווי נאָך אַ מאָל אַזוי פיל.

אויף דער פראַגע, וויפל נפשות האָבן געוווינט אין איין הויז, קאָן מען לײדער קיין גענויע תשובה נישט געבן, ווייל אונדזער סטאַטיסטיק רעכנט נאָר ביי יעדן הויז דעם באַלעבאָס און נישט די לאָקאַטאָרן. נעמענדיק אָבער אין אַכט, אַז דעמאָלט האָבן משמעות מינדעסטנס 90 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג געוווינט אין יידישע הייזער,[19] באַקומט זיך 1620 נפשות אויף 100 הייזער, ד״ה מער ווי 16 נפשות (3 פאַמיליעס) אויף יעדן הויז. פון דעם קאָן מען דרינגען, אַז די „הייזער" זענען געווען באמת קליינע הייזלעך.

2. דאָרפישע

לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, האָבן אין די 71 דערפער, וועלכע געפינען זיך אויסגערעכנט אין דער רשימה, געוווינט 381 נפשות (דער שרייבער גיט אָן על־פּי־טעות 378), אָדער 98 פאַמיליעס,[20] צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען:

טאַבעלע נומ׳ 2

מענער (פאַרהייראַטע)	98
ווייבער ״	97
זין אונטער 14 יאָר	84
טעכטער אונטער 14 יאָר	63
זין איבער 14 יאָר	8
טעכטער איבער 14 יאָר	5
מענלעכע דינערשאַפט	19
דינסטמיידלעך	7
צוזאַמען	381 נפשות

ווי מיר זעען, איז די פאַרהעלטעניש ביי די דאָרפישע יידן צווישן קינדער (אומפאַרהייראַטע) און צאָל פאַמיליעס אַ ביסל גרעסער, ווי ביי די שטאָטישע. זי מאַכט אויס 98:160 — 1,6 קינד אויף אַ פאַמיליע. זי איז אָבער נאָך גענוג קליין, כדי זי צו מוזן קאָרעגירן. די סיבות, וואָס האָבן דאָ געווירקט אָנצוגעבן די

צאָל קינדער קלענער, ווי זי איז געווען פאַקטיש, זענען אפנים געווען די זעלביקע, וואָס ביי די שטאָטישע. די לפי־ערכדיקע צאָל נפשות, וואָס האָבן געלעבט אויפן דאָרף, וועט דעריבער באַטרעפן מער, ווי די אָפיציעלע אָנגעגעבענע. רעכענדיק אויף אַ דאָרפישער פאַמיליע 5 נפשות, באַקומען מיר די צאָל 510. צו דעם גייען נאָך צו 26 פּערזאָן מענלעכע און ווייבלעכע דינער־שאַפט, געזעלן און לערן־ייִנגלעך,[21] צוזאַמען אַלזאָ ביי 536 נפשות. די ציפער, וועלכע מיר האָבן באַקומען, איז מיט קנאַפּע 35 פּראָצענט גרעסער, ווי די אָפיציעלע, נאָר איין דריטל פון דער באַפעלקערונג איז נישט אריינגעטראָגן געוואָרן אין דער רשימה. די סיבה איז לייכט פאַרשטענדלעך: אויפן לאַנד, ווו עס האָבן געוווינט איינצלנע יידישע פאַמיליעס, איז געווען שווערער אריינצופירן די קהילה און די מאַכט אין אַ טעות בנוגע דער צאָל קינדער, וועלכע אַלע אין דאָרף האָבן אַוודאי געקענט, ווי אין דער שטאָט, ווו די יידן האָבן געוווינט קאָמפּאַקט, אין אַ גרויסער צאָל.

ווייטער זעען מיר פון דער טאַבעלע 2, אַז אויך דאָ איז די צאָל פאַרהייראַטע מענער כמעט גלייך דער צאָל פאַרהייראַטע פרויען. די פּראָפּאָרץ צווישן ייִנגלעך און מיידלעך (זין און טעכטער) אין פאַרשיידענעם עלטער איז 68:92 — אַלזאָ אַ גרעסערע ווי ביי די שטאָטישע. מען האָט אפנים צוליב די שווערע דאָרפישע באַדינגונגען, ווי רייך־קריסטלעכע סביבה אאז"ו, די מיידלעך ווי ווייט מעגלעך ווייניקער געהאַלטן אין דער היים. זיי האָבן זיך אוודאי אויפגעהאַלטן ביי די קרובים אין שטאָט. די דיספּראָפּאָרץ צווישן ייִנגלעך און מיידלעך עלטערע פון 14 יאָר איז נאָך אַ גרעסערע — 5:8. דאָס דערקלערן מיר אויך מיט דעם פריען חתונה־האָבן פון מיידלעך.

וואָס איז איצט נוגע דער פראַגע וועגן דער צאָל יידישע פאַמיליעס אין יעדן דאָרף, טרעפן מיר בדרך־כלל 1—2 אין יעטוועדן ישוב. נאָר אין איין דאָרף האָט די צאָל באַטראָפן 4 פאַמיליעס און אין דריי צו 3 יידישע משפחות.

אין סך־הכל האָט צוזאַמען די צאָל יידישע באַפעלקערונג אין שטאָט און אין דאָרף באַטראָפן לויט דער אָפיציעלער צאָל 1452, לויט אונדזער קאָרעקטור — 2340 נפשות.

וואָס שייך דעם עלטער — האָט מען אין דער סטאַטיסטיק אריינגערעכנט קינדער שוין פון 1/4 יאָר אָן. אָפיציעל זענען קינדער ייִנגערע פון 2 יאָר געווען 89 ביי די דאָרפישע, 65 ביי די שטאָטישע), זקנים פון 60 יאָר אָן (מענער און פרויען) 122 (11 ביי די דאָרפישע און 111 ביי די שטאָטישע). ווען מיר פאַרגלייכן די צאָל אַלטע לייט מיט דער צאָל דערוואַקסענע מענער און פרויען ביי די שטאָטישע און דאָרפס־יידן, באַקומען זיך פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע פּראָפּאָרצן: ביי די שטאָטישע 583:111, ביי די דאָרפישע: 184:11. ווי מיר זעען, האָט אין דער שטאָט געלעבט מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל אַלטע לייט, ווי אין דאָרף. ווייזט אויס, אַז אין דאָרף, ווו עס האָט זיך געפאָדערט שווערערע פיזישע אַרבעט און ווו די לעבנס־באַדינגונגען זענען בכלל געווען שווערער, איז פאַר די זקנים נישט געווען קיין אָרט. חוץ דעם פלעגן עלטערע מענטשן צוליב רעליגיעזע מאָטיוון בכלל זיך צוריקקערן אין די שטעט. ווען מיר פאַרגלייכן איצט די צאָל קינדער ייִנגערע פון 2 יאָר מיט די עלטערע, באַקומט זיך ביי די דאָרפישע די פאַרהעלטעניש 160:24, ביי די שטאָטישע 359:65. מען קאָן פון דעם מיט אַ געוויסער וואַרשיינלעכקייט דרינגען, אַז די געבורטן און קינדער־שטערבלעכקייט זענען אין שטאָט און אין דאָרף געווען פּראָפּאָרציאָנעל כמעט גלייך.

באַשעפטיקונג

אלגעמיינע באַמערקונגען

ווען מיר באַטראַכטן די פּרנסות פון דער קוטנער יידישער באַפעלקערונג, וואַרפט זיך קודם־כל אין די אויגן דאָס פעלן פון אַ שטאַרקערער פּראָפעסיאָנעלער ספּעציאַליזאַציע. ביי דער פונאַנדערטיילונג אין די גרופּן: מלאכה, מסחר אאז"וו, האָבן מיר גענומען אין אַכט די הויפּט־באַשעפטיקונג — די ערשט אויס־גערעכנטע. אויפן סמך פון דער נעבן־באַשעפטיקונג, האָבן מיר אָבער די זעלבע פּערזאָן (פאַמיליע) צוגערעכנט צו אַן אנדער פאַך־רובריק. מיר מוזן דעריבער אונטערשיידן אין יעדער פאַך־רובריק צווישן הויפּט־און־נעבן באַשעפטיקונג. אַזוי טרעפן מיר בעלי־מלאכות, וואָס זענען גלייכצייטיק קרעמער און פאַרקערט, און אפילו מער באַשעפטיקונגען ביי איין און דער זעלביקער פּערזאָן. עס איז אָפט שווער צו געפינען צווישן זיי כאָטש דעם מינדסטן ווירטשאַפטלעכן צוזאַמענהאַנג, אַזוי פאַרשיידן און טייל מאָל אפילו קוריאָז זענען די צונויפּפּאָרונגען פון די פּראָפעסיעס. מיר האָבן אָפּגעציילט 31 פאַמיליעס, וועלכע האָבן טאָפּלטע פּרנסות, ד"ה מער ווי 8,5 פּראָצענט.

בפרט זייער פאַרשפּרייט איז געווען די שענקערייַ אַלס נעבן־פּרנסה. אַזוי פאַרנעמען זיך מיט שענקערייַ: אַ גאָלדשמיד (חוץ דעם האַנדלט ער נאָך מיט בשמים...), אַ היטל־מאַכער, אַ שניט־סוחר, אַ לעדער־סוחר, 2 שניידערס און 3 קירזשנערס. דאָס זאַלץ־קאָכן טרעפן מיר בכלל נאָר אַלס נעבן־פּרנסה. מיט זאַלץ־קאָכן האָבן זיך באַשעפטיקט 2 באַרבירער (פריזירער), 2 שענקער, אַ פעלדשער, אַ שניט־סוחר און אַ קרעמער. מיר געפינען אויך אַ גאָלדשמיד, וואָס איז גלייכצייטיק אַ שניט־סוחר; אַ פעלדשער — גלייכצייטיק אַ קרעמער; אַ לעדער־סוחר — ליכט־ציער; שניידער, קירזשנער און שמוקלער, וואָס זענען גלייכצייטיק קרעמער; און אַ קרעמער, וואָס פאַרנעמט זיך זומער מיט היטל־מאַכערייַ. אַז בעלי־מלאכות, ווי היטל־מאַכער, זענען גלייכצייטיק געשטאַנען אויפן מאַרק, ווו זיי האָבן פאַרקויפט זייערע אויס־אַרבעטונגען, איז נאַטירלעך. אויך די פרויען פון די אָרעמע קהילה־באַאַמטע, ווי מלמדים און חזנים, טרעפן מיר ס'רוב אַלס מאַרק־שטייערינס. מערקווירדיק איז דער איינציקער יידישער גאַרבער, וועלכער פאַרנעמט זיך אויך מיט יעגערייַ און אנדערע „גוישע" ענינים (ער האָט, ווייזט אויס, געפּאַרבט די פעלעכלעך פון די געכאַפּטע חיות). אין צוזאַמענהאַנג, אַפנים, מיט זיינע נישט־יידישע נטיות, רעדט זיך וועגן אים אין דער נאָטיץ, ווי וועגן איינעם, וואָס פירט נישט קיין מאָראַלישן לעבנס־שטייגער. ער ווערט באַצייכנט אַלס פאַרשווענדער און בעל־גוף, פון וועלכן די קהילה קאָן אפילו נישט נעמען קיין שטייערן...

די סיבה פון דער פיל־באַשעפטיקונג אין משמעות געלעגן אין דעם, וואָס פון דער איינצל־באַשעפטיקונג האָט מען נישט געקאָנט ציען קיין גענוגנדיקע חיונה.

1. באַשעפטיקונג ביי די שטאָטישע יידן

מלאכה

לויט דער אָפיציעלער רשימה פון 1796, האָבן די קוטנער יידן פאַרנומען זיך מיט פאָלגנדיקע מלאכות און אַרבעטס־פּראָפעסיעס:

טאַבעלע נומ' 3א

מלאכה און אַרבעטס־פּראָפעסיעס

זעלבשטענדיקע און אָנגעשטעלטע

1. שניידער (נאָר אַלס הויפּטבאַשעפטיקונג)	74
2. קירזשנער	26
3. שמוקלער	15
4. קצבים	11
5. היטלמאַכער (7 הויפּטבאַשעפט. + 2 נעבן־באַשעפט.)	9
6. באַרבירער (פריזירער)	4
7. בעקער	5

8. טאַנדייטער	3
9. קאַם־מאַכער	3
10. גאָלדשמידן	2
11. טאָקער	2
12. ליכט־ציער (2 הויפּטבאַשעפט. 1 — נעבן־באַשעפט.)	3
13. פילץ־מאַכער	2
14. קנאָפּ־מאַכער	2
15. שפּיצן־מאַכער	1
16. גאַרטל־מאַכער	1
17. גאַרבעווי	1
18. פאַרבער	1
19. איינבינדער	1
20. זאַלץ־קאָכער (נאָר נעבן־באַשעפט.)	7
21. פורמאַנעס	2
22. הויז־דינערשאַפט	28
23. פאַרשיידענע געזעלן	18
24. טאָג־לוינער	6
25. שליחים	4
ס״ה	231

ווי מיר זעען, האָט די קאַטעגאָריע פון דער יידישער באַ־פעלקערונג וואָס האָט געלעבט פון אַרבעטס־פּראָפעסיעס ווי אַ הויפּט־באַשעפטיקונג, געציילט 231 פּערזאָן, צווישן זיי זענען געווען 175 זעלבשטענדיקע און 56 אָנגעשטעלטע (געזעלן, דינער־שאַפט, טאָג־לוינער און שליחים). מיט מלאכה אַלס נעבן־באַשעפטיקונג האָבן זיך פאַרנומען 10 פּערזאָן — עפּעס מער ווי 4 פּראָצענט.

צו דער גרופּע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די א״ג פרייע פּראָפעסיעס, האָבן געהערט 10 פּערזאָן: 4 באַרבירער (אַ באַר־בירער האָט זיך אין יענע צייטן אויך פאַרנומען מיט פעלדשעריי), 2 פעלדשערס, 2 הייבאַמס און 2 קלעזמאָרים.

ווען מיר זאָלן די אויסגערעכנטע מלאכות און פּראָפעסיעס (הויפּט־ און נעבן־באַשעפטיקונג) סכעמאַטיש גרופּירן אין גרע־סערע גרופּן, באַקומט זיך די פאָלגנדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע נומ׳ 3ב

מלאכה און פרייע פּראָפעסיעס

פאַך־גרופּע	צאָל	%
1. נאָדל־בראַנזשע (זעלבשטענדיקע)	116	48.0
2. מעטאַל־בראַנזשע 〃	17	7.0
3. דערנערונג־בראַנזשע 〃	23	9.5
4. גאַלאַנטעריע־בראַנזשע 〃	4	1.7
5. פרייע פּראָפעסיעס (פעלדשער, הייבאַמס, באַרבירער, מוזיקער)	10	4.1
6. אָנגעשטעלטע (הויז־דינערשאַפט, געזעלן און טאָג־לוינער)	56	23.5
7. טראַנספּאָרט־אַרבעטער	6	2.5
8. אַנדערע	9	3.7
ס״ה	241	100%

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע, איז כמעט אַ העלפט פון אַלע פאַך־גרופּן געווען באַשעפטיקט אין דער נאָדל־בראַנזשע. אין דעם פּרט איז די פאַך־קאָנסטרוקציע פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג געווען כמעט ענלעך צו דער וואָס איז געווען דאָמינירנדיק ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

קליין דאַקעגן איז די גאַלאַנטעריע־בראַנזשע (1.7 פּראָצענט), וועלכע בילדעט היינט אַ היפּשן פּראָצענט פון די יידישע פאַכן.

אויפפאַלנד גרויס איז די צאָל שניידער, וועלכע מאַכן אויס צוזאַמען מיט די געזעלן 70 פּראָצענט פון דער גאַנצער נאָדל־בראַנזשע און קנאַפּע 34 פּראָצענט פון אַלע בראַנזשעס. מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן די גרויסע צאָל שמוקלער (15) און קצבים (11) און די קליינע צאָל געזעלן (18).[22] די צאָל איז אפנים געווען אַ פיל גרעסערע, נאָר צוליב די אויבנדערמאָנטע טעמים האָט מען בכיוון אָנגעגעבן אַ קלענערע צאָל. לערן־יינגלעך זענען אָנגעגעבן בערך 5. אַז די צאָל האָט ווייט נישט געשטימט מיט דער ווירק־לעכער, איז איבעריק צו דערמאָנען. כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטן איז די גרופּע שליחים (4) — אין אָריגינאַל הייסן זיי Fuss-Bothe — וועלכע ווערן באַנוצט סיי דורך דער קהילה, סיי דורך פּריוואַטע פּערזאָנען. מעגלעך, אַז די פּאָסט האָט זיי אויך באַנוצט אַלס בריוו־טרעגערס. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָס לחלוטנדיקע פעלן פון שוסטערס און מוליערס. די דאָזיקע פאַכן, אפנים זענען געווען ריין גוישע. ווי עס דרינגט אַרויס פון מאַטעריאַל, זענען דעמאָלט קיין גרעסערע אינדוסטריעלע וואַר־שטאַטן נאָך נישט געווען. יידישע בעלי־מלאכות האָבן באַטראָפן העכער 55 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל.

2. האַנדל

אין אונדזער רעגיסטער זענען אויסגערעכנט פאָלגנדיקע קאַטעגאָריעס:

טאַבעלע נומ׳ 4א

האַנדל

1. וואָל־ און שניט־סוחרים	18	
2. לעדער־סוחרים	10	
3. קליינהענדלער (געמישטע קראָמען)	24	
4. שענקערס	22	
5. משקאות און רויכוואַרג־הענדלערס	5	
6. מאַרק־שטייער	21	
7. הויזירער	8	
8. תבואה־סוחרים	1	
9. פערד־סוחרים	1	
10. אויסלענדישע סוחרים	1	1
ס״ה	111	

צו דער קאַטעגאָריע, וואָס האָט געלעבט פון האַנדל, דאַרף מען נאָך צורעכענען 4 מעקלערס. צוזאַמען האָבן געלעבט פון האַנדל 115 פּערזאָן, וואָס באַטרעפט כמעט 25 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. מיט האַנדל אַלס נעבן־באַשעפטיקונג האָבן זיך פאַרנומען 20 פּערזאָן. זיי באַטרעפן 18% פון דער אַלגעמיינער צאָל סוחרים. ווען מיר פאַרגלייכן די דאָזיקע צאָל מיט דער צאָל פּערזאָנען, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט מלאכה אַלס נעבן־באַשעפטיקונג, באַקומען מיר די פּראָפּאָרץ 4:18 — די צאָל פון די, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט האנדל אַלס נעבנפאַך, איז געווען פאַרהעלמנישמעסיק 4.5 גרעסער פון דער צאָל, וואָס האָט געהאַט מלאכה אַלס נעבן־פאַך. די סיבה איז פאַרשטענדלעך. צו מלאָכה פאָדערט זיך כאָטש אַ געוויסע ספּעציאַליזאַציע, דאַקעגן צו שטיין אויפן מאַרק, אָדער אין שענק, פאָדערן זיך נישט קיין ספּעציעלע קוואַליפיקאַציעס. ווי מיר זעען טאַקע, געבן די שענ־קערס און מאַרק־שטייערס די גרעסטע צאָל נעבן־באַשעפטיקטע (14 אויף 43).

דער האַנדל מיט אייזן, פעל און משקאות, ווי וויין, ליקער און אַראַק, איז געווען אַ פּריצישער מאָנאָפּאָל און פלעגט אָפּגע־געבן ווערן ס׳רוב צו איינצלנע אין פאַכט.[23] דער אייזן־האַנדל

פאַר 1,200 פלאָרין [24] יערלעך, דער האַנדל מיט פעל 1500 פלאָרין, מיט משקאות פאַר פאַרשידענע סומעס.

פריער האָט זיך דער פריציזשער מאַנאָפּאָל אויסגעשפּרייט אויף אַ גרעסערע צאָל אַרטיקלען און איז, לויטן עדות־זאָגן פון באַריכט, צו שטרענג אָנגעווענדט געוואָרן. די פּראָצענטועלע פאַרהעלטענישן צווישן די פאַרשיידענע האַנדלס־קאַטעגאָריעס זענען אויס פאָלגנדיק:

טאַבעלע נומ׳ 4ב

האַנדל

גרופּע	צאָל	%
1. וואָל־ און שניט־סוחרים	18	15.6
2. לעדער־סוחרים	10	8.7
3. קליין־הענדלערס	24	20.8
4. שענקער־ און וויין־הענדלערס	27	23.5
5. מאַרק־שטייערס	21	18.3
6. הויזירער	8	6.9
7. מעקלערס	4	3.4
8. אַנדערע	3	2.8
ס״ה	115	100 %

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע, באַטרעפן די שענקערס און וויין־הענדלערס כמעט אַ פערטל פון אַלע האַנדל־קאַטעגאָריעס. שענקעריי אין שטאָט און דאָרף איז דעמאָלט געווען אַ זייער פאַרשפּרייטע פּראָפעסיע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטן איז אויך די לפי־ערך גרויסע צאָל געווירצן — (בשמים) הענדלערס — 10 (מיר האָבן זיי פאַררעכנט צו דער גרופּע קליין־הענדלערס), ווי אויך קרעמערס פון שמעק־טאַבאַק.

3. קהילה־אָנגעשטעלטע (באַאַמטע)

די דאָזיקע גרופּע, וועלכע געהערט אייגנטלעך צו די פרייע פּראָפעסיעס, רעכענען מיר באַזונדער צוליב איר ספּעציפישקייט און צאָלרייכקייט. לויט דער סטאַטיסטיק, זענען געווען פאָלגנדיקע קהילה־באַאַמטע:

טאַבעלע נומ׳ 5

קהילה־באַאַמטע

1. רב	1
2. דיינים	2
3. סינדיק (שתדלן)	1
4. מלמדים [25]	11
5. חזנים	2
6. אונטער־חזנים	2
7. שוחטים	4
8. שמשים	6
9. קברנים	5
10. סופר	1
11. מבקר־חולים	1
12. שול־קלאַפּער	1
צוזאַמען	37

ווי מיר זעען, האָט אַ גרויסע צאָל פון דער ייִדישער באַפעל־קערונג (9.7 פּראָצענט) געלעבט פון און אַרום דער קהילה.

אויפפאַלנד גרויס איז די צאָל מלמדים (11), שמשים (6) און קברנים (5). עס איז זייער מעגלעך, אַז נישט אַלע פון זיי זענען ווירקלעך ווי אַזעלכע געווען ביי דער קהילה אָנגעשטעלט און אַז כדי זיך צו באַפרייען פון צאָלן שטייערן (קהילה־באַאַמטע האָבן אין אַלגעמיין — לויט דעם, ווי עס גיט אָן אונדזער רשימה — נישט געצאָלט קיין שטייערן), אָדער בכלל כדי אָנצוגעבן עפּעס אַ באַשעפטיקונג, האָבן געוויסע יחידים מיט דער שטילשווייגנ־דיקער הסכמה פון קהל פיקטיוו זיך אָנגעגעבן אַלס אירע אָנגע־שטעלטע.

4. הויז־דינערשאַפט [26]

די רשימה רעכנט אויס צוזאַמען אין איין רובריק 25 „קנעכט", געזעלן און לערן־ייִנגלעך. אין דער צווייטער — 18 דינסט־מיידלעך, צוזאַמען 43 פּערזאָן. די ערשטע רובריק איז זייער נישט קיין גענויע. עס איז שווער פעסטצושטעלן די צאָל פון יעדער גרופּע באַזונדער, פון וועלכער ס׳קאָן זיך נאָר באַקומען אַ בערכדיקע צאָל. לויט אונדזער אָפּשאַצונג, זענען אין דער אָנגעגעבענער צאָל (25), מענלעכע „קנעכט" געווען 8—10. צוזאַמען אַלזאָ באַטרעפט די הויז־דינערשאַפט 26—28. פונאַנדער־טיילנדיק די דאָזיקע צאָל אויף די 352 פאַמיליעס, באַקומט זיך פאָלגנדיקער רעזולטאַט: אויף יעדע 13 פאַמיליעס איין דינער, אָדער דינסט־מיידל. אָננעמענדיק אפילו, אַז די דאָזיקע צאָל איז נישט קיין ריכטיקע (ווייל צוליב די אויבנדערמאָנטע טעמים, צוליב וועלכע מען האָט געהאַט אַ גרונט צו פאַרהוילן פאַר דער מאַכט די אמתע צאָל, איז נאָך צוגעקומען אַ ספּעציעלער: הויז־דינערשאַפט ווייזט אויף פאַרמעגלעכקייט), באַווייזט דאָך די דאָזיקע צאָל, אפילו ווען מיר זאָלן זי פאַרטאָפּלען, אַז נאָר 1/6 פון דער באַפעלקערונג האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו האַלטן דינסט־מיידלעך, אָדער „קנעכט" — אַ גענוג בולטער באַווייז פאַר דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

דינסט־מיידלעך טרעפן מיר נאָך ביי 18 פאַמיליעס און דאָס ביי די רייכסטע, אָדער פאַרמעגלעכסטע משפחות. דהיינו, ביי 4 שניט־סוחרים, לעדער־סוחרים, 2 פאַכטער (פון אייזן און משק־אות), גאָלדשמיד, שטאָטישן שתדלן, קצב, שניידער און ביי אַ מלמד, וואָס איז אַ הויז־באַזיצער. ביים רב געפינט זיך אַ מענ־לעכער דינער (שמש).

צו צווייט: אַ דינסט־מיידל און דינער, אָדער צוויי דינער האָבן נאָר דריי משפחות, וועלכע געהערן אָבער נישט צו די רייכסטע, נאָר צו די מער־פאַרמעגלעכע פאַמיליעס, ווי אַ רייכער זייד־סוחר און צוויי טוך־הענדלערס. אינטערעסאַנט, אַז ביים גרעסטן גביר פון שטעטל (אַ רייכער קצב און פּילפּאַכיקער פּאַכ־טער) איז נישט אָנגעגעבן קיין הויז־דינערשאַפט. דינסט־מיידלעך טרעפן מיר אָן נאָך גאַנץ יונגע — פון 12 יאָר, לערן־ייִנגלעך פון 10 יאָר אָן.

5. אָן באַשעפטיקונג

אין דער רובריק "Ohne Gewerbe" זענען אויסגערעכנט 19 פאַמיליעס, ד״ה 5 פּראָצענט. צו דער דאָזיקער גרופּע געהערן 8 יונגע פאַמיליעס (פון 13—20 יאָר), וועלכע געפינען זיך נאָך אויף קעסט ביי די עלטערן. עס ווערט ביי זיי ס׳רוב באַמערקט, אַז נאָכן קעסט־טערמין (מערסטנס ביז דעם 20 לעבנס־יאָר), וועלן זיי ווערן עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק, ווייל זיי האָבן דעם נייטיקן פאַרמעגן. פון די איבעריקע איז דער רוב אָדער אַלטע לייט (פון 60—90 יאָר — 6 פּערזאָן), אָדער קאַליקעס (5). מערסטנטייל זיינען ביי זיי קיין קינדער נישטאָ. פון די אָרעמע און אַלטע ווערט אַ טייל אונטערשטיצט פון קהל און אַ טייל אויס־געהאַלטן פון דער פאַמיליע.

מיר האָבן אַ גרונט חושד צו זיין, אַז די צאָל באַשעפטיקונגס־לאָזע איז געווען אַ גרעסערע ווי 5 פּראָצענט. ווי באַקאַנט, האָט די פּויליש מאַכט אָנגעווענדט רעפּרעסיעס לגבי באַשעפטי־קונגסלאָזע יידן. דאָס איז געווען אַ גענוגנדיקער גרונט צו פאַר־קלענערן די צאָל פאַכלאָזע דורך פאַרשוויגן, אָדער דורך אָנגעבן פיקטיווע פּראָפעסיעס.

די פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס פון דער שטאָטישער באַפעלקע־רונג זענען, בכן, אויס לויט דער טאַבעלע אַזוי:

טאַבעלע נומ׳ 6

די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג

פאַך־גרופּע (הויפּט־באַשעפטיקונג)	צאָל	%
זעלבשטענדיקע:		
1. מלאכה און אינדוסטריע	158	41.6
2. האַנדל	95	24.9
3. קהילה־באַאַמטע און פרייע פּראָפעסיעס	47	12,4
4. טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע	6	1.1
אָנגעשטעלטע:		
1.דינערשאַפט, געזעלן, שליחים און טאָג־לוינער	56	14.8
אָן באַשעפטיקונג:	19	5.2
ס״ה	381	100%

עס איז נישט אָן אינטערעס אונטערצושטרייכן, אַז לויט אונד־זער סטאַטיסטיק, האָט קנאַפּע 42% פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע געלעבט פון מלאכה און נאָר איין פערטל פון האַנדל. ווען מיר נעמען נאָך אין אַכט אַלע אָן אויסנאַם אַרבעטס־מענטשן, ד״ה זעלבשטענדיקע און אָנגעשטעלטע, ווי אויך די פרייע פּראָפעסיעס (אָן די קהילה־באַאַמטע), באַקומט זיך גאַנצע 60%. בערך 80% זענען זעלבשטענדיקע, 15% אָנגעשטעלטע.

פּרנסות ביי די דאָרפישע יידן

אין די דערפער זענען די פּרנסות געווען פאַרטיילט אויפן פאָלגנדיקן אופן:

טאַבעלע נומ׳ 7א

די יידישע פּרנסות אויפן דאָרף

זעלבשטענדיקע:	
1. פּראָפּינאַציע־פאַכטער	40 פאַמיליעס
2. קרעטשמער (2 נעבן־באַשעפט.)	24
3. שניידער	7
4. גאַרבערס (1 נעבן־באַשעפט.)	7
5. שוחטים און מלמדים	3
6. בעקערס	1
7. מילך־פאַכטערס (נעבן־באַשעפט.)	1
8. קרעמערס	1
9. זייף־קאָכערס	1
10. פורמאַן	1
נישט־זעלבשטענדיקע:	
11. ביר־און בראָנפן־ברויערס	14
12. געזעלן (גאַרבערס)	2
13. דינערשאַפט	25
ס״ה	127 פּערזאָן

(122 הויפּט־באַשעפט. + 5 נעבן־באַשעפט.)

גרופּירנדיק די באַזונדערע פאַכן אין גרעסערע קאַטעגאָריעס, באַקומט זיך דאָס ווייטערדיקע בילד פון דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג:

טאַבעלע נומ׳ 7ב

די פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס פון דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג

פאַך־גרופּע (הויפּט־באַשעפטיקונג)	צאָל	%
1. פּראָפּינאַציע־פאַכטערס	40	32.5
2. קרעטשמערס	22	17.9
3. ברויערס	14	11.4
4. האַנטווערקער (זעלבשטענדיקע און געזעלן)	17	13.9
5. כלי־קודש	2	1.6
6. דינערשאַפט	25	20.3
7. אַנדערע	2	2.4
ס״ה	122	100.0%

לויט דער טאַבעלע, זענען די פּראָפּינאַציע־פאַכטערס געווען די צאָלרייכסטע גרופּע. זיי מאַכן אויס כמעט אַ דריטל פון אַלע באַשעפטיקטע. גרויס איז אויך די צאָל קרעטשמערס (17.9%). בכלל מאַכן די זעלבשטענדיקע צוזאַמען אויס העכער 2/3 (68.7%) און די נישט־זעלבשטענדיקע כמעט 1/3 (31.3%) פון דער גאַנצער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג.

ווי עס ווייזט נאָך די אויבנדיקע טאַבעלע, האָבן מער ווי 60% פון דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג (76 אויף 122) געלעבט פון „ביטערן טראָפּן" — ווי פּראָפּינאַציע־פאַכטערס, קרעטשמערס און ברויערס. פון מלאכה און אינדוסטריע האָבן געלעבט 78,8%, פון מסחר — 18,8% פון דער באַפעלקערונג.

די פּראָפעסיאָנעלע ספּעציאַליזאַציע איז אין דאָרף אַ גרע־סערע, ווי ביי די שטאָטישע. די פּראָפעסיעס זענען כמעט שאַרף אָפּגעגרענעצט. נאָר 5 פאַמיליעס האָבן טאָפּלטע פּרנסות. אַזוי געפונען מיר צווישן די פּראָפּינאַציע־פאַכטערס 2, וואָס זענען אויך קרעטשמערס און צווישן די 3 שוחטים איז איינער אויך אַ גאַרבער, דער צווייטער פאַכטעט די מילך און דער דריטער איז אויך גלייכצייטיק אַ מלמד.

די פּראָפּינאַציע־פאַכט איז געווען על־פּי־רוב רעגולירט לויט אַ מינדלעכן אָפּמאַך צווישן דעם פּריץ און פאַכטער. עס טרעפן זיך אויך פאַלן פון שריפטלעכע אָפּמאַכן. וועגן די פאַכט־באַדינ־גונגען פון יעדן באַזונדערן פאַל האָט פאַר דער פּרייסישער מאַכט אָפּגעגעבן דערקלערונגען דער פּריץ. זי האָט דורכשניטלעך באַ־טראָפן פון 150—300 גילדן (די נידעריקסטע 50, די העכסטע 2000). דער פאַכט־טערמין איז געווען פאַרשידן — ס׳רוב אויף איין יאָר. נאָר אין איין פאַל איז די פאַכט לעבנסלענגלעך.

אויפפאַלנד איז אויך די פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע צאָל גאַרבערס (7), בעת אין דער שטאָט האָבן מיר אָנגעציילט נאָר איין גאַרבער! אפשר איז די סיבה פון דעם דאָזיקן פאַקט דאָס, וואָס דער פּריצישער מאָנאָפּאָל־האַנדל מיט פעלן איז געווען חל נאָר אויף דער שטאָט און נישט אויפן דאָרף, אַזוי אַז אין די דער־פער האָבן זיך געשאַפן גוטע באַדינגונגען פאַר גאַרבערייען.

מיט דעם דערקלערט זיך אפשר אויך די גרויסע צאָל שוח־טים, וואָס האָבן באַזאָרגט די דאָרף־יידן מיט כשר פליש, ווייל חוץ די דערמאָנטע 3 דאָרפישע, האָבן אויך 2 שטאָטישע געשחטן פאַר די דערפער.

איין גאַרבעריי איז, ווייזט אויס, געווען אַ גרעסערער וואַר־שטאַט. אין אים טרעפן מיר, חוץ דעם אייגנטימער, 3 באַשעפטיק־טע אַרבעטער.

פון די 14 ברויערס זענען 5 אָנגעשטעלטע אין די פּריצישע ברויערייען, צוויי ביי יידישע פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס און די איבעריקע אין אַנדערע ברויערייען.

די ביידע געזעלן זענען פאַמיליען־פּאַטערס. איינער איז נאָך אַ יונגער (20 יאָר). דער צווייטער איז שוין אַ סך עלטער — 50 יאָר.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער רשימה פון די דאָרף־יידן, געפינט זיך נישט קיין איין יידישער ערד־אַרבעטער.[27]

די הויז־דינערשאַפט [28] ביי די ישובניקעס האָט באַטראָפן אָפיציעל 25 פּערזאָן, דערין 7 דינסט־מיידלעך און 18 דינער. אין דינסט־פּערזאָן פאַלט אַלזאָ אויס אויף קנאַפּע 4 פאַמיליעס. ד. ה. — אָפיציעל 3 מאָל אַזוי פיל, ווי ביי די שטאָטישע. די גרעסטע צאָל מענלעכע דינערשאַפט איז געווען באַשעפטיקט ביי די פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס (16 פון 18), ווי ביי דער רייכסטער גרופּע ביי די דאָרפישע יידן. פיר האַלטן אפילו צו צוויי (דינסט־מיידלעך און דינער) און איינער, וועלכער האנדלט גלייכצייטיק מיט זאַלץ — אזש דריי מענטשן. צוויי דינסט־פּערזאָנען האַלט אויך דער דאָרף־קרעמער, אין דער צייט, ווען ביי די שטאָטישע געפינען מיר נאָר ביי דריי פאמיליעס צו צוויי דינסט־פּערזאָנען; צו דריי — געפינען מיר לגמרי נישט. דינערשאַפט האָבן פון אַלע קרעטשמערס נאָר צוויי און פון אַלע בעלי־מלאכות נאָר איין גאַרבער. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאָרפישע אַרבעטס־באַדינגונגען, אַז די מענלעכע דינערשאַפט איז 2.5 מאָל צאָלרייכער, ווי די ווייבלעכע (18 אויף 7), אין דער צייט ווען ביי די שטאָטישע איז די פּראָפּאָרץ אַ פאַרקערטע: 18 דינסט־מיידלעך אויף בערך 10 דינער. עס איז נאַטירלעך, אַז צו דער שווערער דאָרפישער אַרבעט אין די שענקען, ברויערייען — האָט מען באַנוצט מענער. משמעות האָבן אויך מיידלעך זיך נישט געערן פאַרדונגען אויפן דאָרף. די מענלעכע דינערשאַפט איז על־פּי־רוב אין עלטער פון 20—30 יאָר, די דינסטמיידלעך — פון 13—16 יאָר.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז אין אַלע דערפער, וואָס ווערן אויסגערעכנט אין רעגיסטער, האָבן מיר נאָר געפונען איין איינציקן יידישן קרעמער. וואַרשיינלעך האָבן די שטאָטישע הויזירער, פון איין זייט, און די קרעטשמערס, פון דער אַנדערער, באַפרידיקט אין דעם פּרט די באַדערפענישן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן, אַז די רשימה פון די דאָרפישע יידן האָט לגמרי נישט קיין באַשעפטיקונגסלאָזע.

פאַרגלייכנדיק איצט די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג, וואָס שייך מלאכה, אינדוסטריע און מסחר, באַקומט זיך פאָלגנדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע נומ׳ 8

פאַרגלייך צווישן דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור ביי די שטאָטישע און דאָרפישע יידן

	%
שטאָטישע	
1. זעלבשטענדיקע:	66.5
מלאכה און אינדוסטריע	41.6
מסחר	24.9
2. אָנגעשטעלטע:	14.8
הויז־דינערשאַפט, געזעלן, טאָג־לוינער	14.8
דאָרפישע	
1. זעלבשטענדיקע:	63.6
מלאכה און אינדוסטריע	45.0
מסחר	18.6
2. אָנגעשטעלטע:	33.6
דינערשאַפט, ברויערס, געזעלן	33.6

ווען מיר פאַרגלייכן די טאַבעלע, זעען מיר קודם־כל, אַז די צאָל זעלבשטענדיקע איז אין שטאָט אַ גרעסערע, ווי אין דאָרף. די פּראָפּאָרץ איז 63,6:66,5. דאַקעגן איז די צאָל אָנגעשטעלטע אין דאָרף אַ סך גרעסער: 14,8:33,6, ד״ה מער ווי טאָפּלט. דאָס דערקלערט זיך פון איין זייט דערמיט, וואָס די דאָרפישע באַשעפטיקונגען, אַלס ספּעציפיש שווערע, ווי די ברוי־הייזער, קרעטשמעס, גאַרבערייען, האָבן געפאָדערט אַ גרעסערע צאָל אָנגעשטעלטע, פון דער אנדערער זייט דערקלערט זיך דאָס — ווי מיר וועלן נאָך האָבן אַ געלעגנהייט צו באַווייזן — מיט דער בעסערער מאַטעריעלער לאַגע פון דאָרפישע יידן.

ווען מיר פאַרגלייכן איצט די צאָל, וואָס איז באַשעפטיקט אין מלאכה, אינדוסטריע, קאָנסטאַטירן מיר, אַז אין דאָרף איז זי גרעסער מיט 3.4%. דאַקעגן איז די צאָל באַשעפטיקטע אין מסחר אין שטאָט אַ גרעסערע מיט 6.3%. ווען מיר וועלן אָבער די הויזירער באַטראַכטן אַלס דאָרף־קרעמערס, וועט זיך די פאַרהעלטעניש אויסגלייכן.

די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג

1. שטאָטישע

אין אונדזער סטאַטיסטישער רשימה געפינט זיך אַן אַלגעמיינער איבערבליק איבער דער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער באַריכט באַטראַכט די לאַגע פאַר אַ שלעכטע און ווי סיבות גוט ער אָן די ווילקירלעכע שטייערן, וואָס דער פּריץ פלעגט אויספּרעסן ביי די קוטנער יידן, ווי אויך דעם פּריצישן האַנדלס־מאָנאָפּאָל פון פאַרשיידענע אַרטיקלען. אַלס באַווייז פאַר דעם שלעכטן עקאָנאָמישן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג גיט אָן דער באַריכט דעם פאַקט, וואָס מען האָט געמוזט אָפּשטעלן דעם בוי פון אַ גרויסער געמויערטער שול, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן בויען מיט 30 יאָר צוריק, ד״ה אַרום 1766.

דער באַריכט רעדט אויך וועגן דעם, אַז זייט דעם יאָר 1791 בערך, פילן זיך די קוטנער יידן „גליקלעכער" צוליב דעם, וואָס די שטייערן זענען אין דעם צייט־אָפּשניט פאַרקלענערט געוואָרן, ווי אויך, ווייל דער פּריץ האָט פון פיל רייכערע בעלי־בתים באַקומען געוויסע סומעס אויפן חשבון פון דעם חוב, וואָס די קהילה איז אים שולדיק און אַזוי אַרום האָבן זיך פאַרגרעסערט די הכנסות פון דער קהילה, ווייל ביז איצט פלעגט ער באַקומען די שחיטה־פּאַכט אַלס דעקונג פון חוב.

וועגן דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון יעדן שטייער־צאָלער באַזונדער, פעלט אונדז אויספירלעכער מאַטעריאַל (אין דער סטאַטיסטיק איז נאָר אָנגעגעבן עפ״י רוב די באַשעפטיקונג און די סומע שטייערן, וואָס איטלעכער צאָלט). ווי עס ווערט באַמערקט אין באַריכט, האָט דער שטייער־רעגיסטער פון דער קהילה, וואָס האָט געדינט ווי מאַטעריאַל פאַר אונדזערע „אָפּשאַצונג־טאַבעלן", אַנטהאַלטן גענויערע פּרטים וועגן דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון יעדן שטייער־צאָלער, ווי אויך פון די, וואָס זענען פון שטייערן פריי געווען. ליידער, האָט זיך דער דאָזיקער רעגיסטער נישט אויפגעהיטן און מיר זענען ביים פעסטשטעלן די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן פון יעדער פאַמיליע, אָנגעוויזן נאָר כמעט אויף די שטייער־רשימות, וואָס גיבן אָבער נישט קיין גענוי בילד פון פאַרמעגנס־צושטאַנד פון יעדער פאַמיליע, נאָר אַן אַלגעמיינע און בערכדיקע אָפּשאַצונג. צו אונדזער פראַגע, קאָנען מיר, ליידער אויך נישט נוצן די רובריק: „לאָקאַטאָר אָדער הויז־אייגנטימער", וואָס געפינט זיך אין אונדזער רשימה. אייגנטלעך וואָלט מען די גרופּע הויז־בעלי־בתים געדאַרפט פאַררעכענען צו דעם קלאַס פאַרמעגלעכע.

ווען אָבער מיר שטויסן זיך אָן אויף הויז־אייגנטימער, וואָס מוזן אָנקומען צו אונטערשטיצונג און בכלל אויף אַ היפּשע צאָל, וואָס מיר פאַררעכענען אויפן סמך פון זייער באַשעפטיקונג און גרויס פון די שטייערן, וואָס זיי צאָלן, צו די נישט־פאַרמעגלעכע, דאַן גיט אונדז דער בלויזער פאַקט פון באַזיצן אַ הויז אַליין, אָדער בשותפות, זייער אַ נישטיקן, אָדער כמעט גאָר קיין אָנשפּאַר נישט ביים פעסטשטעלן דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון דער געגעבענער פּערזאָן. ווי מיר זעען פון דער רשימה, איז דער איבערוויגנדיקער רוב הייזער געווען הילצערנע: 97 אויף דער אַלגעמיינער צאָל 100. דאָס באַזיצן פון אַזאַ הילצערן און איינ־פאַלנדיק הייזל, בפרט נאָך בשותפות, האָט ווייניק וואָס אַוודאי געענדערט אין דער פּאַקטישער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון דער געגעבענער פּערזאָן. די דאָזיקע גרופּע האָט געציילט 130 פאַמיליעס, וואָס באַטרעפן 34% פון אַלע יידישע פאַמיליעס. עס זענען פאַראַן אויך רייכע בעלי־בתים. אָבער זיי זענען חוץ דעם אויך רייכע סוחרים. בכלל האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן נאָר אויף אַ פּאָר פאַמיליעס, וואָס ציען אַפּנים זייער חיונה אויסשליסלעך פון הויז. (אונדזער רשימה קען איבערהויפּט נישט אַזאַ מין פרנסה).

ווען מיר נעמען אַלס קריטעריע פון די פאַרמעגנס־פאַר־העלטענישן די גרייס פון שטייער, וואָס איטלעכער האָט געצאָלט, באַקומט זיך די פאָלגנדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע נומ׳ 9

שטייער־פּיראַמידע

גרופּע	סומע	צאָל פאַמיליעס און ווירטשאַפטן	%
1	2 —20 פל׳	115	42.2
2	20 —50	101	37.6
3	50 —100	38	14.2
4	100—200	8	3.0
5	200—העכער	8	3.0
	צוזאַמען 270 פאַמיליעס		100%

ווי עס ווייזט די טאַבעלע, האָבן צו דער ערשטער גרופּע, וואָס מיר באַצייכענען אַלס נישט־פאַרמעגלעכע (זיי צאָלן אַ מינימאַלן שטייער), געהערט 155 פאַמיליעס. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע, וואָס נעמט אַרום די גרופּן 2 און 3 און וועלכע איז מסתמא (לויט דער גרייס פון די שטייערן) באַשטאַנען פון מער ווייניקער פאַרמעגלעכע, האָבן געהערט 139 פאַמיליעס, צו דער דריטער קאַטעגאָריע — רייכערע — 16 פאַמיליעס, צוזאַמען 270 פאַמיליעס.

פון די איבעריקער 88 ווירטשאַפטן זענען געווען פריי פון שטייערן:

1) 26 צוליב אָרעמקייט (הגם זיי זענען באַשעפטיקט);

2) 6 וואָס לעבן פון קהלישער, אָדער פּריוואַטער אונטער־שטיצונג (אַלטע לייט און קאַליקעס);

3) 26 פאַמיליעס קהילה־באַאַמטע (פון 37 פאַמיליעס זענען נאָר 26 געווען פריי פון שטייערן);

4) 8 יונגע פאַמיליעס אויף קעסט;

5) 7 פאַמיליעס פון געזעלן;

6) 15 פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך בעת דער ציילונג געפונען אין צושטאַנד פון עטאַבלירונג. (זיי האָבן זיך נאָך נישט געהאַט איינגעאָרדנט און זענען דעריבער נישט צוגעצויגן געוואָרן צו דער שטייערן־לאַסט). וועגן די פאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן פון די לעצטע, קאָנען מיר אַפילו דאָס אַלגעמיינע אויך נישט אָנגעבן.

די דאָזיקע 72 שטייער־פרייע פאַמיליעס און ווירטשאַפטן קאָן מען פונאַנדערטיילן אויפן פאָלגנדיקן אופן: צו די אָרעמע פאַררעכענען מיר 32 פאַמיליעס (26+6); די קהילה־באַאַמטע (22) אויסער דעם רב, צוויי דיינים און שתדלן — צו די נישט־פאַרמעגלעכע. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע קאָנען מיר באַ־שטימט אויך פאַררעכענען די 7 פאַרהייראַטע געזעלן; וואָס איז שייך די 8 פאַמיליעס, וואָס געפינען זיך נאָך אויף קעסט, מוזן מיר זיי צורעכענען צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע, וואָס זייערע עלטערן ד״ה לכל־הפּחות צו די פאַרמעגלעכע (מיר מוזן בדרך־כלל אָננעמען, אַז קעסט האָבן געגעבן נאָר פאַרמעגלעכע משפּחות).

אין ס״ה באַקומט זיך אַזאַ לפי־ערכדיק בילד פון די פאַר־מעגנס־פאַרהעלטענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג.[29]

טאַבעלע נומ׳ 10

גרופּע	צאָל פאַמיליעס און ווירטשאַפטן	%
1 אָרעמע	32	9.2
2 נישט־פאַרמעגלעכע	144	42.1
3 פאַרמעגלעכע	151	44.1
4 רייכע	17 [30]	4.6
ס״ה	344	100%

מיר וועלן זיך איצט אָפּשטעלן אויף די דאָזיקע באַפעל־קערונג־שיכטן אין צוזאַמענהאַנג מיט זייערע פרנסות.

אָרעמע

די דאָזיקע קאַטעגאָריע מאַכט אויס אַ קנאַפּ צענטל פון דער באַפעלקערונג. עס געהערן צו איר בעלי־מלאכות (עלטערע און קראַנקע מענטשן), ווי למשל שניידערס, (ס׳רוב לאַטוטניקעס), ווייטער — טאָג־לוינער (5), מעקלערס (1), הויזירער (1), שטאָט־שלוחים (2 אויף 4 בכלל), קירזשנערס (2) אאז״וו.

צו איר געהערן אויך 6 פאַמיליעס (אַלטע לייט און קאַליקעס), וואָס לעבן פון עפנטלעכער און פּריוואַטער צדקה.

נישט־פאַרמעגלעכע

די דאָזיקע שיכט איז זייער אַ צאָלרייכע, זי נעמט אַרום טיילן פון כמעט אַלע באַשעפטיקונגס־גרופּעס: פון האַנטווערקער און אַרבעטס־מענטשן — 74 פאַמיליעס, פון קרעמערס — 33. פון דער גרופּע האַנטווערקער זענען נישט פאַרמעגלעך: אַ העלפט שניידערס (36), אַ העלפט שמוקלערס (8), ווייניקער ווי איין דריטל קירזשנערס (8), ביי אַ העלפט היטל־מאַכערס (3), ביי אַ דריטל בעקערס (2) אאז״וו. פון די סוחרים, כמעט אַ העלפט קליינהענדלערס (9), שענקערס (6), און מאַרק־שטייער (8), דער רוב הויזירער (5) און מעקלערס (3). מיר האָבן אויך צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פאַררעכנט 22 פאַמיליעס קהילה־באַאַמטע. עס איז אינטערעסאַנט, אַז צו איר געהערן 5 פּערזאָן (מיט קליינע פאַמיליעס), וואָס לעבן פון עפנטלעכער אָדער פּריוואַטער צדקה, וואָס זענען אָבער אייגנטימער, אָדער שותּפים צו „הייזער". זיי צאָלן אַלע דעם הויז־שטייער („פּאָדימנע") און 3 פון זיי אויך די איבעריקע פּריצישע און קהלשע שטייערן. איינער פון זיי ווערט אויסדריקלעך באַצייכנט אַלס בעטלער...

די גרענעצן צווישן די אָרעמע און נישט־פאַרמעגלעכע זענען משמעות געווען זייער פליסיק. מיר געפינען ביי זיי כמעט די זעלבע באַשעפטיקונגען. אַזוי האָבן מיר שטאָט־שלוחים, וואָס זענען באַפרייט פון שטייערן און אַזעלכע, וואָס צאָלן דאָך שטייער,

הגם אַ מינימאַלן. דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן די לאַטוטניקעס און קירזשנערס. דער איבערגאַנג פון איין שיכט צו דער אַנדערער איז אַפּנים געווען אַ לייכטער און אָפטער. דאָס זענען אייגנטלעך צוויי קרובישע שיכטן מיט פאַרשיידענע מדרגות אָרעמקייט.[31] זיי מאַכן צוזאַמען אויס מער ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג — אַ גענוג בולטער באַווייז פאַר דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה.

פאַרמעגלעכע

די דאָזיקע קאַטעגאָריע איז די צאָלרייכסטע. זי נעמט אַרום די בעסער סיטואירטע פון אַלע באַשעפטיקונגס־גרופּעס: 90 האַנטווערקערישע משפחות און 47 סוחרישע. פון די האַנטוווערקער זענען געווען פאַרמעגלעך אַ העלפט שניידערס (38), כמעט אַלע קצבים (10), דער רוב קירזשנערס (16), אַלע באַרבירערס (4), די העלפט שמוקלערס (7) א״אנד.

פון די סוחרים: אַ העלפט שניט־סוחרים (8), די מערהייט לעדער־סוחרים (4), די העלפט קליינהענדלער (13), שענקערס (7), מאַרק־שטייער (8) א״אנד.

ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, געהערן נאָך צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע 4 פאַמיליעס קהילה־באַאַמטע און 8 יונגע פּאָר פּעלקער (קעסט־קינדער).

רייכע

צו דער דאָזיקער גרופּע געהערן 17 פאַמיליעס, פון וועלכע מער ווי די העלפט באַשטייט פון טוך־און זייד־סוחרים (9). עס געהערן צו איר ווייטער 2 גאָלדשמידן, 4 פאַכטערס, פון וועלכע איינער, דער רייכסטער, צאָלט יערלעך פאַר דער שחיטה און פלייש־פּאַכט די היפּשע סומע 6000 פל׳. און פון די איבעריקע: פּאַכטעט איינער דעם אייזן־מאָנאָפּאָל פאַר 1200 פל׳. דער צווייטער דער משקאות־האַנדל פאַר 500 פל׳ און דער פערטער — די בריק־אָפּצאָלן („מאָסטאָווע״) פאַר 300 פל׳. רייך איז אויך אַ שמוקלער, וואָס האַנדלט מיט ברעסלע (וווראָצלאַוו). ער איז דער איינציקער אויסלענדישער סוחר, וואָס איז פאַרצייכנט אין דער רשימה.[32]

ווען מיר זאָלן פאַרגלייכן די פאַרמעגנס־פאַרהעלטעניש, לויט דער פּראָפעסיע, קאָנען מיר צונויפשטעלן פאָלגנדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע נומ׳ 11

פאַרגלייך צווישן די פאַרמעגנס־גרופּעס ביי די בעלי־מלאכה און סוחרים

האַנטוווערקער	%	סוחרים	%
אָרעם	2.1	אָרעם	12.6
נישט־פאַרמעגלעך	34.7	נישט־פאַרמעגלעך	38.6
פאַרמעגלעך	49.4	פאַרמעגלעך	46.8
רייך	13.8	רייך	2.0
ס״ה	100%	ס״ה	100%

די אויבנדיקע טאַבעלע ווייזט אונדז, אַז די קאַטעגאָריעס פאַרמעגלעכע און נישט פאַרמעגלעכע זענען, סיי ביי די האַנטווערקער, סיי ביי די סוחרים, געווען כמעט גלייך. דער פּראָצענט נישט־פאַרמעגלעכע איז אַ ביסל גרעסער ביי די האַנטוווערקער און דער פּראָצענט פאַרמעגלעכע — ביי די סוחרים. די ביידע שיכטן האַלטן אייך, קאָן מען זאָגן, די גלייכגעוויכט. גרעסערע אונטערשיידן קאָנסטאַטירן מיר ביי די צוויי עקסטרעמע גרופּעס: אָרעם און רייך. אין דער צייט, ווען ביי די בעלי־מלאכות באַטרעפט די צאָל אָרעמע 12.6 פּראָצענט, באַטרעפט די דאָזיקע צאָל ביי די סוחרים נאָר 2.1 פּראָצענט. ביי די האַנטוווערקער און אַרבעטספּראָפעסיעס זענען געווען פאַרהעלטנישמעסיק 6 מאָל אַזוי פיל אָרעמע, ווי ביי די סוחרים. אַ פאַרקערטע דערשיינונג זעען מיר ביי דער גרופּע רייכע. ביי די ערשטע באַטרעפט זי נאָר 2 פּראָצענט, ביי די צווייטע 13.8 פּראָצענט, ד״ה כמעט 7 מאָל ווייניקער.

2. די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן ביי די דאָרפישע יידן

פאַר דער דאָזיקער פראַגע איז אונדזער מאַטעריאַל נאָך ווייניקער גענוגנד. מיר קאָנען אַפילו נישט, ווי מיר האָבן עס געטאָן ביי די שטאָטישע, נעמען אַלס מער אָדער ווייניקער וואַרשיינלעכע אָפּשאַצונג־קריטעריע די גרויס פון שטייער, וואָס איטלעכער האָט געצאָלט, ווייל אַ דריטל האָט בכלל נישט געצאָלט קיין שטייערן אין דער קוטנער קהילה (דעם קאָפּ־שטייער האָבן זיי געצאָלט אין די קהילות, צו וועלכע זיי האָבן פריער געהערט) און אַ גרויסע טייל (26 פאַמיליעס) האָט זיך ערשט נישט לאַנג געהאַט איינגעאָרדנט אויף די דערפער און זענען נאָך צו קיין שטייערן נישט צוגעצויגן געוואָרן.[33] נאָר, ווי עס ווייזט אויס, זענען די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון די ישובניקעס געווען בעסערע, ווי ביי די שטאָטישע. מען זעט עס קודם־כל פון דער גרויסער צאָל פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס (40 פאַמיליעס). ווי מיר האָבן שוין אויף אַן אַנדער אָרט דערמאָנט, האָט די פּאַכטסומע באַטראָפן דורכשניטלעך פון 150—300 פל׳ יערלעך. נאַטירלעך מוז מען די פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס פאַררעכנען צו די מערווייניקער פאַרמעגלעכערע און אַ פּאָר פון זיי (6 פאַמיליעס) ביי וועלכע די פּאַכט־סומעס באַטרעפן: צו 2000 פל׳ (2), 1700 פל׳ 820, 700 און 600 פל׳ — צו די רייכערע. אַלס פאַרמעגלעך דאַרף מען אויך באַטראַכטן 5 קרעטשמערס, וואָס צאָלן גרעסערע פּאַכט־סומעס — ביז 100 פל׳. ווייטער באַווייזט די בעסערע לאַגע פון די דאָרפישע יידן דער פאַקט, וואָס נאָר אין 7 פאַלן רעדן די מאַטעריאַלן וועגן דער פאַראָרעמטקייט פון די באַטרעפנדיקע פאַמיליעס: צוויי פון זיי זענען פאַראָרעמטע קרעטשמערס. פון וועלכע איינער האָט זיך פאַרדונגען ביים פּריץ, אַלס בהייער, דריי זענען דאָרף־שוחטים, ווייטער — אַן אַלטער שניידער און אַ בעקער, וואָס טראָגט אַרום געבעקס איבער די דערפער. עס איז דערביי אויפפאַלנד, וואָס נאָר צוויי פון זיי (דער אַלטער שניידער און שוחט) זענען אין גאַנצן פריי פון שטייערן, די איבעריקע דאַקעגן צאָלן אַלע קאָפּ־שטייער. פאַר דער מאַטעריעל־גינסטיקער לאַגע פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג רעדט אויך דער פאַקט, וואָס אין דאָרף מאַכט אויס אָפיציעל איין דינסט־פּערזאָן אויף קנאַפּע 4 פאַמיליעס, אין דער שטאָט דאַקעגן — אויף יעדע 13 פאַמיליעס.

ווען מיר זאָלן פּרווון צו באַשטימען די פאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, קאָנען מיר פעסטשטעלן בערך פאָלגנדיקע גרופּעס: 1) אָרעמע — 2 פאַמיליעס; 2) נישט־פאַרמעגלעכע: די 5 פאַמיליעס, וואָס מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, ווייטער 5 גאַרבערס, דריי שניידערס (זיי צאָלן אַ מינימאַלן שטייער), העכסט־וואַרשיינלעך אַלע ברויערס[34] אין דעם איינציקן פורמאַן, צוזאַמען 28 פאַמיליעס; 3) פאַרמעגלעכע: 34 פאַמיליעס פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס, 5 קרעטשמערס, דער איינציקער זייף־קאָכער און דער דאָרף־קרעמער, צוזאַמען — 41 פאַמיליעס. 4) רייכע — 6 פאַמיליעס פון די רייכסטע פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס. אַז די גרופּן 3 און 4 זענען געווען די איינציק פאַרמעגלעכע, באַווייזט אויך דער פאַקט, וואָס כמעט נאָר ביי זיי טרעפן מיר דינערשאַפט.

טאַבעלע נומ׳ 12

די פאַרמעגנס־גרופּעס ביי די דאָרפישע יידן

גרופּע	צאָל פאַמיליעס	%
1 אָרעמע	2	2.6
2 נישט פאַרמעגלעכע	28	36.9
3 פאַרמעגלעכע	41	52.6
4 רייכע	6	7.9
ס״ה	77 פאַמיליעס	100%

אונדזער טאַבעלע גיט נאָר אַ בערכדיקע אָפּשאַצונג פון 77 פאַמיליעס אויף 102, ד״ה בערך 75 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. מיר מיינען, אַז די דאָזיקע פּראָצענטועלע פאַר־העלטעניש צווישן די פאַרשיידענע פאַרמעגנס־גרופּעס וואָלט זיך אין תוך נישט געענדערט, ווען מיר וואָלטן אריינגערעכנט אויך די איבעריקע 25 פּראָצענט. אויב זי וואָלט זיך יאָ אונטערגע־שיידט פון אונדזערער, וואָלט זי זיכער אָפּגענייגט אין דער ריכטונג צו פאַרגרעסערן די גרופּעס פאַרמעגלעכע, ווייל כמעט אַ העלפט פון די פאַמיליעס, וואָס מיר האָבן נישט גערעכנט, באַשטייט פון קרעטשמערס, וועלכע געהערן גיכער (יעדנפאַלס אין זייער מערהייט) צו די פאַרמעגלעכע, ווי צו די נישט־פאַרמעגלע־כע, און די איבעריקע (בעלי־מלאכות) צאָלן כמעט אַלע קאָפּ־שטייער די קהילות, פון וועלכע זיי שטאַמען, ווי אויך דירה־געלט פון 10—50 פל׳ יערלעך דעם פּריץ פון דאָרף.

ווען מיר פאַרגלייכן איצט דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון די שטאָטישע און דאָרפישע יידן, באַקומען מיר פאָלגנדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע נומ׳ 13

פאַרגלייך צווישן דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון דער שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג

גרופּע	שטאָט %	דאָרף %
1 אָרעמע	9.2	2.6
2 נישט־פאַרמעגלעכע	42.1	36.9
3 פאַרמעגלעכע	44.1	52.6
4 רייכע	4.6	7.9
ס״ה	100%	100%

די אויבנדיקע טאַבעלע אילוסטרירט בולט אונדזער טעזע וועגן דער בעסערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די ישובניקעס אין פאַרגלייך מיט דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג. קודם־כל זעען מיר, אַז פּראָפּאָרציאָנעל זענען אין שטאָט געווען מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל אָרעמע, ווי אין דאָרף: 9.2 — 2.6. עס איז נישט קיין וואונדער. נאָר אין שטאָט, וווּ עס זיינען געווען פאַר־שיידענע צדקה־חברות, האָט זיך געקאָנט אויסהאַלטן אַ גרעסערע צאָל אָרעמע און מיטללאָזע פאַמיליעס. מיר געפינען טאַקע נישט אין דאָרף אַפילו איין מענטש וואָס זאָל לעבן פון עפנטלעכער צדקה. דער איין־און־איינציקער, וואָס לעבט פון אונטערשטיצונג — אַן אַלטער שניידער ווערט אויסגעהאַלטן דורכן זון. די צאָל נישט־פאַרמעגלעכע איז אין דאָרף קלענער, ווי אין שטאָט — 42.1:36.9. דערפאַר איז די צאָל פאַרמעגלעכע אַ גרעסערע — 44.1:52.6. אויך די צאָל רייכערע משפחות איז אין דאָרף גרעסער ווי אין שטאָט, כמעט נאָך אַ מאָל אַזוי פיל — 4.6:7.9.

די דאָרפס־יידן שטייען אין באַציאונגען מיט די שטאָטישע. די רייכערע פאַרמאָגן אין דער שטאָט הייזער, אָדער זענען שותפים צו זיי.

שטייערן

שטאָטישע

ווי מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט צו באַמערקן, געפינט זיך אין אונדזער סטאַטיסטיק אַ גענויע רשימה פון די שטייער־צאָלערס און שטייערן. מיר וועלן זיך פריער אָפּשטעלן אויף די לעצטע.

ווי עס ווערט דערציילט אין באַריכט, זענען די רשימות צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט אַ ספּעציעלן שטייער־רעגיסטער, וואָס איז אריינגעטראָגן געוואָרן דורך די קהילה־פּרנסים. אין וועלכע עס איז געווען גענוי אָנגעגעבן די פאַרשיידענע מינים שטייערן, וואָס עס צאָלט יעדער קהילה־מיטגליד, די, וואָס זענען לויט דעם ביזאיצטיקן מינהג באַפרייט געווען פון שטייערן, ווי אויך דער בערכדיקער פאַרמעגנס־צושטאַנד פון די, וואָס זענען יאָ אונטערגעוואָרפן דער שטייער־לאַסט. עס ווערט דאָרט אויך ווייטער באַריכטעט, אַז די קהלשע און די פּריצישע שטייערן פון יעדן איינעם ווערן יאָר־יערלעך פעסטגעשטעלט דורך פינף, דורך אַ גורל געוויילטע און געשוואוירענע פּערזאָנען, לויט די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן פון איטלעכן צאָלער.[35]

אונדזער סטאַטיסטיק רעכנט אויס דרייערליי שטייערן: 1) קעניגלעכע (Königliche). 2) קהלשע (Synagogale) און 3) פּריצישע (Dominale). דער קעניגלעכער שטייער איז באַשטאַנען פון דריי „סוב״־שטייערן: 1. קאָפּ־געלט (Kopf-Geld — pogłówne) רעקרוטן־געלט (Recruten-Geld) און 3. Rauchangsgeld (אַ שטייער פון הייזער — אויף פּויליש האָט ער געהייסט podymne)

דעם קאָפּ־שטייער האָבן געצאָלט אַלע שטייער־פליכטיקע. די גרויס פון שטייער איז געווען אַ פאַרשיידענע. ער האָט זיך געוואַקלט אין די גרענעצן פון 3—18 פל׳. אין דורכשניט האָט ער באַטראָפן 6 פל׳ פון יעדער פאַמיליע. לויט דער קאָנסטיטוציע פון סיים פון 1775, האָט מען דעם קאָפּ־שטייער פעסטגעשטעלט אויף 3 פל׳ פון אַ קאָפּ (פון 1 יאָר אָן). אַזוי אָבער ווי מיט דעם אויס־מעסטן און איינקאַסירן דעם דאָזיקן שטייער האָט זיך פאַרנומען די קהילה, האָט מען דעם דאָזיקן פּרינציפּ אין דער פּראַקטיק נישט אָנגעווענדט, נאָר מען האָט אים, ווייזט אויס, אָפּגעשאַצט לויט אַ פאַרמעגנס־קריטעריע. ער האָט אין יאָר 1796 באַטראָפן (פאַר קוטנע נאָטירלעך) 1654 פלאָרין.

דער רעקרוטן־שטייער פיגורירט נאָר אין קעפּל פון דער רובריק, וואָס איז אין גאַנצן ליידיק. קיין רעקרוטן־שטייער, האָבן די פּוילישע יידן, ווי מיר ווייסן, נישט געצאָלט. דאָס איז נישט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, דער איינציקער שטייער, וואָס פיגורירט אין דער רובריק, הגם מען האָט אַזאַ שטייער נישט געצאָלט. דער פּרייסישער באַאַמטער האָט אפנים פון דעם נישט געוווּסט און האָט דעריבער איינגעפירט אין זיינע טאַבעלעס אויך די שטייערן, וועלכע עס האָבן געצאָלט די יידן אונטער פּרייסישער הערשאַפט. דעם „פאָדימנע״־שטייער האָבן געצאָלט נאָר הויז־באַזיצער. דער מינימאַלסטער אָפּצאָל האָט באַטראָפן 2 פל׳, דער מאַקסימאַלסטער — 8 פל׳. ער האָט אריינגעבראַכט פאַר דעם דערמאָנטן יאָר 482 פל׳. צוזאַמען האָט דער קעניגלעכער שטייער באַטראָפן 2136 פל׳.

דער קהלשער שטייער האָט אויך ארומגענומען 3 מינים שטייערן: 1) Synagogaler Beitrag (דער א״ג „עטאט״). 2) Interessen-Beitrag און 3) Schlacht-Accise. פון די אַלע 3 מינים קהלה־שטייערן האָבן יידן געצאָלט אַלס דירעקטן שטייער נאָר דעם ערשטן. דעם צווייטן, וואָס איז געווען אַ שטייער אויף צו דעקן די פּראָצענטער פון די קהילה־חובות, האָבן זיי אין

גאַנצן נישט געצאָלט און דעם דריטן האָט מען געצאָלט, אָבער נישט דירעקט, אַלס איינמאָליקן שטייער, נאָר אין פאָרם פון שחיטה־אָפּצאָל ביים שעכטן (לויט אַ פעסטגעשטעלטער טאַקסע).

דער מינימאַלסטער עטאַט־אָפּצאָל האָט באַטראָפן 2, דער העכסטער 390 פל׳ יערלעך. ער האָט פאַר דעם יאָר אריינגעבראַכט 6,539 פל׳. פון דער שחיטה, וואָס די קהילה פלעגט אָפּגעבן אין פאַכט, האָט זי געהאַט 3200 פל׳ הכנסה, צוזאַמען 9,739 פל׳.

די דריטע גרופּע שטייערן — די פּריצישע — איז באַשטאַנען פון אַן אַלגעמיינעם דירעקטן שטייער, וועלכן כמעט אַלע האָבן געצאָלט, דעם א״ג „טלאָקי״ און פון אַ גאַנצן סיסטעם אומ־דירעקטע שטייערן אין פאָרם פון ארענדע־אָפּצאָלן:

1) דער צינז פאַר די יאַטקעס, וועלכע עס פאַכטעט אַ שוחט פאַר 200 פל׳ יערלעך.
2) די „לאָפּאַטקאָווע״־פאַכט — אַן אָפּצאָל פאַר די „לאָפּאַט־קעס״ פון די בהמות, וואָס האָבן געהערט צום פּריץ. דער פאַכטער איז אַ רייכער קצב און לעדער־סוחר, די פאַכט־סומע באַטרעפט — 1300 פל׳ יערלעך.
3) די פעלן־פאַכט, אַ שטייער פון פעלן.[36] דעם דאָזיקן שטייער פאַכטעט דער אויבנדערמאָנטער פאַר 1500 פל׳ יערלעך.
4) די פאַכט פון בריק־אָפּצאָל, דאָס פּוילישע „מאָסטאָווע״ דער פאַכטער — אַ בעקער — צאָלט 300 פל׳ יערלעך.
5) די פאַכט פאַר האַנדל מיט אײדעלע משקאות, די פאַכט־סומע האָט באַטראָפן 500 פל׳ יערלעך.
6) די פאַכט פאַר אײַזן־האַנדל, דער אײַזן־סוחר צאָלט 1,200 גל׳ יערלעך.

ווי מען איבערצייגט זיך, האָט דער פּריץ יעדעס יאָר אויס־געפּרעסט פון די קוטנער יידן פאַרן „חסד״ צו וווינען אין זיין שטאָט גאַנץ היפּשע סומעס. פאַר דעם אָנגעמערקטן יאָר (1796) האָט דער פּריץ געהאַט 7,321 פל׳ און 15 גר׳ הכנסה פון זיינע יידן. פון איין ייד, נעמלעך דעם פאַכטער פון „לאָפּאַטקאָווע״ און „סקוראָווע״, האָט דער פּריץ געהאַט 2,833 פל׳ הכנסה.

די אַלגעמיינע סומע שטייערן — מלוכהשע, קהלשע און פּריצישע — האָט אין דעם דערמאָנטן יאָר באַטראָפן 19.196 פל׳ און 15 גר׳. אויף אַ קאָפּ מאַכט אויס, לויט דעם אָפיציעלן חשבון 17,70 פל׳. אַזוי ווי שטייער־פליכטיק זענען געווען 270 פאַמיליעס, קומט אויס אין דורכשניט אויף איין פאַמיליע 71,01 פל׳.

פון די 357 שטאָטישע פאַמיליעס אוןווירטשאַפטן זענען געווען שטייער־פליכטיק נאָר 270 — 75.6%. די קאַטעגאָריעס, וואָס זענען געווען פריי פון שטייערן, האָבן מיר שוין אויסגערעכנט. מיר וועלן נאָר דאָ זיי בקיצור אויפציילן: 1) דער רוב קהילה־אָנגעשטעלטע. 2) געזעלן. 3) אָרעמע (מיט אויסנאַמען), און 4) די משפחות, וואָס האָבן זיך נאָך נישט געהאַט איינגע־אָרדנט בעתן צונויפשטעלן די שטייער־רשימות. אַלס אַ ספּעציעלע גרופּע שטייער־צאָלערס — כאַראַקטעריסטיש אין זין פון שווערער באַלאַסטונג — דאַרפן דערמאָנט ווערן די קצבים, וואָס צאָלן חוץ די אַלגעמיינע שטייערן, נאָך ספּעציעלע אָפּצאָלונגען לטובת די פלייש־פעל און שחיטה־פאַכטערס. די טאַקסע פון אָפּצאָלונגען לטובת דער „לאָפּאַטקאָווע״־פאַכט איז געווען:

פאַר 1 אָקס	3 פל׳, 25 גר׳
פאַר 1 ביק אָדער קו	1 פל׳, 4 ״
פאַר 1 קאַלב[37]	28 ״
פאַר 1 ציג אָדער שעפּס	12 ״

די אָפּצאָלונגען לטובת דעם פעל־פאַכטער זענען:

פאַר 1 אָקס	3 פל׳
פאַר 1 ביק אָדער קו	2 פל׳, 15 גר׳
פאַר אַ קליינע בהמה	1 פל׳
פאַר אַ קאַלב, ציג אָדער שעפּס	1 פל׳, 15 גר׳

צולעצט די שחיטה־טאַקסע:

פאַר 1 אָקס, ביק אָדער קו	4 פל׳, 5 גר׳
פאַר אַ צוויי־יאָריקע בהמה	2 פל׳, 25 גר׳
פאַר אַן איין־יאָריקע בהמה	1 פל׳, 10 גר׳
פאַר אַ קאַלב, ציג אָדער שעפּס	20 גר׳

ווי מיר זעען אַלזאָ, איז די באַלאַסטונג פון די קצבים מיט די אָפּצאָלונגען לטובת די פאַכטערס געווען אַ גענוג גרויסע. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער צושלאָג צו איין אָקס האָט באַטראָפן 8 פל׳ מיט 5 גר׳ און צו אַ קו — 7 פל׳, 24 גר׳. ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז אַן אָקס האָט דעמאָלט געקאָסט פון 80—100 פל׳, אַ קו — 50 פל׳, דאַן האָבן די פאַרשיידענע אָפּצאָלן באַטראָפן פאַר אַן אָקס פון 8—10 פּראָצענט און פון אַ קו 15—16 פּראָצענט פון זייער נאָמינעלן ווערט. נאַטירלעך, האָבן פאַר דעם באַצאָלט די פלייש־קונים.

פון פאַרקויף פון פלייש האָבן געהאַט אַ יערלעכע הכנסה · די קהילה 3,200 פל׳ און דער פּריץ 2,800 פל׳, צוזאַמען 6,000 פל׳

מען דאַרף אָבער רעכענען, אַז די פאַכטערס האָבן צום עסק נישט צוגעלייגט (מיר שטעלן זיי אַ „באַשיידענעם״ פאַרדינסט פון 30—40 פּראָצענט — די „קאָראָבקע״־לייט זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך געטויגט צום געשעפט). צוזאַמען אַלזאָ האָט די יידישע באַפעלקערונג געצאָלט ווי אַ ספּעציעלן קאָנסומציע־שטייער פון פלייש בערך 8—9 טויזנט פלאָרין יערלעך. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך דער נישט־פאַרמעגלעכער ייד געקאָנט דערלויבן עסן פלייש מסתמא נאָר משבת לשבת.

דאָרפישע

פון די אויבן־אויסגערעכנטע 3 מינים שטייערן האָבן די דאָרפישע יידן געצאָלט פון די מלוכהשע נאָר קאָפּ־געלט און פון די פּריצישע נאָר די נישט־דירעקטע אין פאָרם פון פּראָפּינאַציע־און קרעטשמע־פאַכט. אין קעגנזאַץ צו די שטאָטישע, צאָלן נישט די דאָרפישע יידן דעם שטייער פון היבער, דעם דירעקטן פּריצישן „טלאָקי״־שטייער, ווי אויך לגמרי נישט דעם קהילה־שטייער. ווי מיר זעען אַלזאָ, האָבן די דאָרפישע יידן געצאָלט נאָר איין דירעק־טן שטייער — קאָפּ־געלט. ער באַטרעפט כמעט דאָס זעלבע ווי ביי די שטאָטישע, נעמלעך, אין דורכשניט, 6 פל׳ אויף אַ פאַמיליע. די גאַנצע הכנסה פון דעם דאָזיקן שטייער האָט באַטראָפן 390 פל׳. פון דער פּראָפּינאַציע־פאַכט האָט דער פּריץ געהאַט 14,288 פל׳ הכנסה און פון ארענדירן די קרעטשמעס 256 פל׳. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט די קלענסטע פאַכט־סומע פון דער פּראָפּינאַציע באַטראָפן 50 פל׳, די גרעסטע — 2000 פל׳. די קרעטשמע־פאַכט — די קלענסטע — 20 פל׳, די גרעסטע 100 פל׳. די מילך־פאַכט 20 פל׳.

פון די 98 דאָרפישע פאַמיליעס האָבן שטייערן געצאָלט נאָר 66, ד״ה 66.8 פּראָצענט. שטייערן האָבן נישט געצאָלט 32 פאַמיליעס: 26 פאַמיליעס ערשט־אָנגעקומענע, 2 געזעלן, 2 אָרעמע פאַמיליעס און 2 פאַמיליעס וואָס זענען געבליבן שולדיק פאַר אַ פאָר יאָר שטייערן (אַ שניידער און קרעטשמער). עס איז כאַראַק־טעריסטיש, אַז פון די 22 קרעטשמערס צאָלן פאַכט נאָר 5. ביי כמעט אַלע פון זיי איז בפירוש באַמערקט, אַז זיי צאָלן נישט, אַלס קרעטשמערס, קיין דאָמינאַל־שטייערן (פּריצישע).

צי איז דאָ געווען עפּעס אַ סיסטעם, צי האָט דעצידירט דאָ נאָר דער פּריצישער ווילן און קאַפּריז, איז נישט באַוווסט. גיכער דאָס

אַנדערע. די 2 דאָרפס־שוחטים האָבן יאָ געצאָלט, ווייל זיי האָבן געהאַט אויך אנדערע נעבן־פּראָפעסיעס.

דער אַלגעמיינער סכום שטייערן פון די דאָרפישע יידן האָט באַטראָפן 14,934 פל׳. אויף אַ קאָפּ האָט אַלזאָ אויסגעמאַכט אין דורכשניט 39.3 פל׳. אויף יעדער פאַמיליע אין דורכשניט 226.3 פל׳. ווען מיר פאַרגלייכן זיי מיט די שטאָטישע שטייערן, זעען מיר, אז די שטייער־לאַסט אויף יעדן קאָפּ איז אין דאָרף געווען כ״ע־ווי צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי אין שטאָט. אויף אַ פאַמיליע מאַכט זי אויס מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל. 6 פאַמיליעס האָבן געצאָלט נאָר מיט 42.2 פראָצענט ווייניקער ווי 270 פאַמיליעס שטאָטישע די צאָל פאַמיליעס איז מער ווי 4 מאָל אַזוי פיל, בעת די שטאָטישע שטייערן זענען נאָר מיט 28 פראָצענט גרעסער, ווי די דאָרפישע.

די פאַרשידענע פאַכט־אָפּצאָלונגען, וואָס די דאָרפישע יידן האָבן געצאָלט דעם פּריץ, זענען כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס. ווי די פריצישע שטייערן, וואָס האָבן געצאָלט די שטאָטישע — 7,321:14,564. ביי די ישובניקעס פאַלן שטאַרק אין וואָג די פאַכט־סומעס פון דער פּראָפּינאַציע, וואָס באַטרעפן אַליין 14,288 פל׳.

טאַבעלע נומ׳ 14

שטייערן־טאַבעלע פון די שטאָטישע און דאָרפישע יידן

שטאָטישע	סכום	דאָרפישע	סכום
מלוכהשע	2,136 פל׳	מלוכהשע	390 פל׳
קהלשע	9,739 ״	קהלשע	—
פריצישע	7,321 ״	פריצישע	14,544 ״
ס״ה	14,934 פל׳	ס״ה	19,196 פל׳

צוזאַמען 34,130 פלאָרין

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע, האָבן די פריצישע שטייערן און פאַכטן באַטראָפן 21,865 פל׳, ד״ה מער ווי 64 פראָצענט פון אַלע שטייערן! די קהלשע באַטרעפן 25 פראָצענט. אַמווייניקסטן באַטרעפן די מלוכהשע — 2,526 פל׳, ד״ה קנאַפּע 10 פראָצענט.

צוזאַמען באַטרעפן די שטייער־פליכטיקע פאַמיליעס און ווירטשאַפטן אין שטאָט און אין די דערפער 337. לויט דעם חשבון, וואָס עס מאַכט דער פרייסישער באַאַמטער (מן הסתם פאַר דער צוקונפט), געפינען זיך צווישן דער שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג מער שטייער־פליכטיקע, דהיינו 428. דער חשבון זיינער איז אַזאַ: ער באַרעכנט די צאָל נפשות אויף 1452, פון דעם גייען אַראָפּ אַלס שטייער־פריי: 1. זקנים־מענער פון 60 יאָר און — 81 2. פרויען (אָן אונטערשייד) — 426; 3. יינגלעך, אונטער 14 יאָר — 247; 4. טעכטער (אָן אונטערשייד) — 230; 5. מענלעכע דינערשאַפט אונטער 14 יאָר — 5, 6. ווייבלעכע דינערשאַפט — 25. צוזאַמען — 1024. בלייבט אַלזאָ אַלס שטייער־פליכטיק 428 (1452—1024).

מסתמא איז די צאָל 428 געווען נאָר אַ טעאָרעטישע, וואָס וואָלט אין דער פּראַקטיק ביים באַשטימען די צאָלונג־פעיקייט פון יעדן באַזונדער, געמוזט שטאַרק מאָדיפיצירט ווערן. אונטער דעם דאָזיקן חשבון געפינט זיך די חתימה פון פלאָצקער רעגענט דאמאַן מיט דער דאַטע: 1796, 8/5, פלאָצק.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פרייסישן פיסקאַלן שטייער־סיסטעם, אַז דער באַאַמטער באַגנוגנט זיך נישט דערמיט, וואָס ער האָט טעאָרעטיש פאַרגרעסערט די צאָל שטייער־פליכטיקע פון 336 אויף 428, נאָר פאַרגרעסערט זי באַלד אויף דער אַנדערער זייט דורך אַ פרישן (פרייסישן...) חשבון איין מאָל אויף 873 נפשות און אַ פאָר שורות ווייטער, אויף גאַנצע 1254! ד״ה, אַז צאָלן דאַרפן אַלע — צי זיי קאָנען יאָ, צי נישט, אפילו קינדער אין די וויקעלער.

מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז די לעצטע צוויי צונויפרעכענונגען זענען געווען עפּעס פריוואַטע חשבונות פון אַ דינסט־גרייטן און צו איפעריקן באַאַמטן, וועמענס כוונה עס איז געווען צו רייסן פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָס גרעסערע שטייערן.

די דאָזיקע השערה באַקרעפטיקט אין אַ גרויסער מאָס דער פאַקט, וואָס אונטער זיי געפינען מיר שוין נישט די אונטערשריפט פון דאָמאַנען, ווי ביי דער ערשטער צונויפרעכענונג. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָט, ווי מיר זעען, די פרייסישע רעגירונג שטאַרק פאַרגרעסערט די צאָל שטייער־פליכטיקע. ווען מיר זאָלן צום פאַרגלייך נעמען נאָר די ערשטע (אָפיציעלע?) צאָל, באַקומט זיך, אין פאַרגלייך צו דער צאָל שטייער־פליכטיקע אונטער דער פוילישער הערשאַפט, די פּראָפּאָרץ 336:428; ד״ה מיט 27 פראָצענט מער.

די קהילה

לויט דעם באַריכט, האָט אַלס באַזע פאַר די באַציונגען צווישן פריץ און די יידן, וואָס זענען פאָרמולירט געוואָרן אין אַ באַזונדערן אָפּמאַך (אין אָריגינאַל הייסט ער Pacht-Contract), געדינט דער פריווילעג פון דעם לעצטן פוילישן קעניג, סטאַניסלאַוו אויגוסט פון 22/11, 1796 פאַר דעם קוטנער פריץ. די דאַטע איז באַשיינפערלעך אַ פאַלשע, ווייל ווי באַקאַנט, האָט סטאַניסלאַוו אויגוסט אַבדיקירט אין יאָר 1795. איז, אָדער מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ טעות, אַלס רעזולטאַט פון שרייבערס עם־הארצות, אָדער מיר האָבן דאָ בכלל אַ פאַלסיפיקאַט.

אין דעם אָפּמאַך זענען געווען אויספירלעך באַשטימט: 1. דער פריצישער האַנדל־מאָנאָפּאָל; 2. דער פאַרנעם פון דעם פריען האנדל; 3. דער רעספּעקט צו וועלכן יידן געהערן אין פּאָליציי און געריכטס־ענינים, ווי אויך 4. די רעכט פון די יידישע איינוווינערס. לײדער האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן צו געפינען דעם דאָזיקע וויכטיקן דאָקומענט. צו קוטנער קהל האָבן פריער — לויט דעם עדות פון באַריכט — געהערט די יידן פון די שטעט זשיכלין און גאָסטינין. זיי האָבן געצאָלט שטייערן אין דער קוטנער קהלשער קאַסע. זיי האָבן זיך אָבער לעצטנס אָפּגעריסן און געבילדעט זעלבשטענדיקע קהילות מיט אייגענע רבנים. דער פרייסישער שרייבער באַצייכנט דעם גאָסטינינער רב אַלס אומגעזעצלעכן, ווייל ער פאַרמאָגט נישט די נייטיקע קוואַליפיקאַציעס און פאַרנעמט זיך, אין קעגנזאַץ צו די יידישע דינים(!) מיט האַנדל.

צו דער קהילה האָבן אויך געהערט די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין די אַרומיקע 71 דערפער. זיי צאָלן די שטייערן אין דער קהלישער קאַסע און מוזן, אונטער אַ חרם, קומען אין שטאָט אַנגעבן די נייטיקע אינפאָרמאַציעס.

די קוטנער קהילה האָט זיך אַרום דעם יאָר 1796 נישט געפונען — לויטן עדות־זאָגן פון אונדזער שרייבער — אין קיין שום פאַרבינדונג מיט די קהילות פון אנדערע דעפּאַרטאַמענטן און קאַמערן (פרייסישע), ווי אויך נישט מיט אנדערע פוילישע קהילות און „לאַנד־סינאָדן" (ועדי־הגליל).

די קהילה, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט אַרום 1796 געהאַט אַ רב — ער הייסט ר׳ טוביה, צוויי דיינים (איינער הייסט אין טעקסט Beisitzer), אַ שתדלן (Syndik), 4 שוחטים (2 פאַר די דאָרפישע יידן), 4 חזנים, 11 מלמדים, 6 שמשים, 5 קברנים, אַ סופר און שול־קלאַפּער.

חוץ די קהלשע מלמדים, זענען אויך געווען פריוואַטע. ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, איז די צאָל קהילה־באַאַמטע געווען פּראָפּאָרציאָנעל זייער אַ גרויסע. צי זי איז פאַקטיש געווען אַזוי, האָבן מיר אַ גרונט צו צווייפלען.

אַלס ראשי־קהל זענען אין די אַקטן אויסגערעכנט 4 פּערזאָן. שלום בן מאיר — אַ רייכער טוך־סוחר, דער שוין פיל מאָל דער־

מאָנטער שחיטה־פּאַכטער און קצב הירש בן לייבל,[38] אַ ווייך־שענקער וואָלף בן חיים (ער האַנדלט מיט וויין פּריי, „אויס באַזונדערן חסד פון פּריץ“...) און אַ שניידער — פון די פּאַר־מעגלעכסטע — שלמה בן אברהם. זונדזער סטאַטיסטיק רעכנט אויך אויס אַ שול (שוין בויפעליק) און א בית־המדרש — ביידע הילצערנע געביידעס. וועגן דעם בוי פון אַ געמויערטער שול, וועלכן מען האָט אָנגעהויבן אין יאָר 1766 און וואָס מען האָט געמוזט צוליב דער שלעכטער לאַגע, אָפּשטעלן — האָבן מיר שוין אויף אַן אַנדער אָרט באַמערקט (די שול איז פאַרטיק געוואָרן אין יאָר תקנ״ט — 1799).[39]

קהל האָט אויך אויסגעהאַלטן אַ הכנסת אורחים. זיינע הכנסות האָט קהל געהאַט פון דעם דירעקטן קהילה־שטייער, וואָס האָט געגעבן אַ יערלעכע הכנסה פון 6539 פל׳ און פון דער שחיטה־פּאַכט. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט די פּאַכט־סומע פאַרן יאָר 1796 באַטראָפן 3200 פל׳. צוזאַמען האָבן די הכנסות פאַרן יאָר 1796 באַטראָפן 9739 פל׳. ביז אַהער האָט די הכנסה פון דער שחיטה צוגענומען דער פּריץ אַלס דעקונג פון דעם חוב, וואָס די קהילה איז אים געווען שולדיק, פון וועלכער ער האָט געהאַט 2600 פל׳ יערלעך הכנסה. צום ערשטן מאָל אין יאָר 1796 איז די הכנסה פון דער שחיטה אַריינגעפלאָסן אין דער קהילה־קאַסע.

דער העכסטער קהילה־שטייער („עטאַט“) האָט באַטראָפן 390 פל׳, דער קלענסטער — 2 פל׳. דער קהילה־שטייער איז על־פּי־רוב געשטאַנען אין אַ קאָרעספּאָנדירנדיקער באַציונג מיט די צוויי מינים אַנדערע שטייערן — קעניגלעכע און פּריי־צישע, ד״ה די פּערזאָן, וואָס האָט געצאָלט אַ הויכן קהילה־שטייער, האָט אויך געצאָלט הויכע פּריצישע און מלוכהשע שטייערן. עס זענען אָבער אויך דאָ אויסנאַמען. די דאָרפס־יידן האָבן נישט געצאָלט קיין קהילה־שטייער. לויט דעם באַריכט, שרייבן צו די פּרנסים די שולד פאַר דער דאָזיקער פּריווילעגיע פון די דאָרפס־יידן — דעם פּריץ, וואָס האָט נישט דערלויבט אַרויפלייגן אויף „זיינע“ יידן דעם קהילה־שטייער. דער שרייבער איז מוסף, אַז כדי צו מאַכן דעם פּריץ „גינסטיק און געפעליק“, האָט די קהילה מוותר געווען אויף דער הכנסה פון די ישוב־ניקעס. אַזוי איז פון פּריצישן ווילקיר געוואָרן אַ פעסטגעזעצטער מנהג.

אין קעגנזאַץ צו דעם, ווערט דערציילט אין ח״ק־פּנקס, אַז אַ גאָלעמביאָווער אַרענדאַר צאָלט יאָ קהילה־שטייער. מעגלעך אָבער, אַז דער פּנקס מיינט דאָ נישט דעם אייגנטלעכן קהילה־שטייער, נאָר דעם מלוכהשן קאָפּ־שטייער, וועלכן די דאָרפס־יידן האָבן אויך געצאָלט. די קהילה־קאַסע האָט געליטן פון אַ כראָנישן דעפיציט.

די חברה־קדישא

וועגן דער חברה־קדישא אין יענער צייט האָבן מיר צוויי מקורות: אַ קורצער באַריכט אין דעם פּרייסישן דאָקומענט און דעם חברה־קדישא־פּנקס. דער חברה־קדישא־פּנקס האָט גע־שטאַמט פון יאָר 1808. מיר געפינען אָבער אין אים אַ פּאָר בלעטער, פון וועלכע די עלטסטע שטאַמען פון יאָר תקט״ו (1755). אין פּנקס ווערט דערציילט, אַז מען האָט ביי זיי צוגע־נומען („מפּני סוד כמוס“) דעם עלטערן פּנקס. די סיבה, ווי אויך די אומשטענדן, זענען נישט אָנגעגעבן. מען קאָן נאָר משער זיין, אַז דאָס האָט אפשר געטאָן די פּרייסישע אָקופּאַציע־מאַכט. די בלעטער פון יאָר 1755 און ווייטערדיקע שטאַמען טאַקע פון דעם אַלטן פּנקס. מען האָט זיי, ווייזט אויס, אַרויסגעריסן און אַריינ־געקלעפּט אין דעם נייעם, לזכרון. צוזאַמען מיטן גאַנצן קהילה־אַרכיוו און דעם גאַנצן יידישן קולטור־פאַרמעגן, איז אויך דער ח״ק־פּנקס געגאַנגען לאיבוד בימי־היטלער.[40]

דער פּנקס, וואָס זיינען תקנות שטאַמען פון תחילת 19־טן יאָרהונדערט, דערגאַנצט אין אַ ריי וויכטיקע פּרטים דעם באַריכט. אַזוי, אַז אויפן סמך פון ביידע דאָקומענטן, קאָן מען זיך שאַפן אַ בילד וועגן דער אָרגאַניזאַציע און טעטיקייט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

בראש פון דער חברה זיינען געשטאַנען די גבאים אויסגע־ווילטע אויף אַ יאָר אין דער אַלגעמיינער קלפּי. די וואַלן פלעגן פאָרקומען אסרו־חג פּסח. פון דער קלפּי, אין וועלכער מען האָט אַריינגעלייגט צעטעלעך מיט נעמען פון אַלע וואַל־באַרעכ־טיקטע חברים, פלעגט מען אַרויסנעמען 5. די דאָזיקע פינף, גערופן כשרים, האָבן אויסגעפירט די פונקציע פון גבאים במשך 8 טעג, ד״ה ביז ר״ח אייר. ביז דער דאָזיקער דאַטע זענען זיי געווען מחויב צו נאָמינירן די דריי גבאים און זייערע דריי שטעל־פאַרטרעטערס. די אָפּטרעטנדיקע גבאים האָבן נישט געטאָרט נאָך אַ מאָל נאָמינירט ווערן. די כשרים איז אויך געווען פאַרווערט זיך אַליין צו באַשטימען אויפן אַמט פון גבאי, זיי האָבן אָבער איינגעהאַלטן געוויסע פּרעראָגאַטיוון: זיי האָבן געהאַט רעכט אָנצונעמען נייע חברים און אַריינשרייבן אין פּנקס נייע תקנות, בכן, האָבן זיי אויסגעפירט די פונקציע פון בעלי־תקנות אין אַנדערע קהילות. פּאַסיווע וואַל־רעכט האָט מען געהאַט ערשט נאָך 6 יאָר זיין אין דער חברה, אַקטיווע וואַל־רעכט — נאָך 3 יאָר. ביז דעם דאָזיקן טערמין פון פולבאַרעכ־טיקייט האָט מען זיך גערופן „מלאָדזש“ (פון פּוילישן młódź — ד״ה יינגע). אַ „מלאָדזש“ האָט געמוזט פאָלגן אַן עלטערן חבר און אויספירן אַלע פליכטן פון אַ חבר. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר תלמידי־חכמים און גבירים. זיי זענען נישט געווען מחויב במשך די ערשטע 6 יאָר אויסצופירן די התחייבותן פון אַ „מלאָדזש“.

להיפוך צו דעם פּרייסישן באַריכט, ווערט אין פּנקס אונטערגעשטראָכן, אַז די גבאים זענען אויף דער וואַל־פאַרזאַמ־לונג געווען מחויב אָפּצוגעבן אַ קאַסע־באַריכט. די חשבונות פלעגן מוזן באַשטעטיקט ווערן דורך די שטעל־פאַרטרעטערס. יעדן חודש פלעגט אַן אַנדערער גבאי שטיין בראש פון דער חברה ווי דער חודש־גבאי. די גבאים האָבן געמוזט זיין פאַרמעגלעכע און פון אַ מאָראַלישן לעבנס־אויפפיר.

חוץ איר אייגנטלעכער אויפגאַבע פון זיך מתעסק זיין מיט קבורה, האָט די חברה געהאַט נאָך אַנדערע אויפגאַבעס: מבקר זיין קראַנקע, טיילן קיצבה אָרעמעלייט און כיבוד יום־טוב די כלי־קודש.

דער חברה־שמש איז מחויב געווען צו נעכטיקן די ערשטע נאַכט ביים קראַנקן, שפּעטער האָבן דאָס געטאָן חברא־לייט, לויטן איינזען פון גבאי־חודש, וואָס פלעגן אויפפאָדערן די חברים לויט „פעלטן“ (קוויטלעך). שפּעטער האָט שוין אויך די חברה־קדישא געהאַט אירס אַ שפּיטאָל (הקדש). ווי דערמאָנט, פלעגט די חברה־קדישא אויסצאָלן חודשלעכע שטיצע אָרעמעלייט, אלמנות ווי אויך חזנים, מלמדים, שמשים א״אַנד נידעריקע כלי־קודש. לויט אַ רשימה פון 1811, האָט די חודשלעכע שטיצע אויסגעצאָלט פון דער חברה, באַטראָפן 88 גל׳. לויט דעם פּרייסישן באַריכט, האָט די יערלעכע הוצאה פון דער חברה אין די יאָרן 1795—1796 באַטראָפן 840 גל׳. די הכנסות פון דער חברה זענען באַשטאַנען: פון איינקויפגעלט פון יעדן חבר, פון זאַמלען מיט דער „ביקס“ (פּושקע) אויף יעדער לוויה אין פרייטאָגס, פון די חודשלעכע אָפּצאָלן פון די חברה־לייט לטובת אָרעמע, פון די הכנסות פון דער מקוה וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן פון אירע פאָנדן און דורך איר אויסגעהאַלטן און פון אָפּצאָלן פאַר קרקע.

די לעצטע האָט מען געצאָלט פּראָפּאָרציאָנעל צום פאַרמעגן פון בר־מינן. דער העכסטער אָפּצאָל האָט בעת דער פּרייסישער הערשאַפט באַטראָפן 180 גל׳, דער נידעריקסטער — 3 גל׳.

עס זענען נאַטירלעך אויך געווען בחינומדיקע לוויות. אַ חבר האָט פאַר זיין קרקע געצאָלט נישט מער ווי 10 גל׳, ווי רייך ער זאָל נישט זיין. 10 גל׳ האָט אויך באַטראָפן דאָס איינשרייבגעלט פון אַ זון פון אַ חבר (פ״עמדע האָבן געצאָלט מער). זייער „מלאָדזשעסטוואָ״ האָט זיך אָבער גערעכנט ערשט פון נאָך דער חתונה. דאָס שכירות פון חברה־שמש זענען באַשטאַנען פון אַלע איינקונפטן פון דער מקוה, פון דער „ביקס״ און פון 30 גל׳ אַ יאָר. אין באַריכט ווערט זיין יערלעכער געהאַלט באַרעכנט אויף 300 גל׳ יערלעך.

פאַר דעם סאָציאַלן פּנים פון דער חברה איז סימפּטאָמאַטיש דער פאַקט, אַז ווען אַ חבר, אַ זון פון אַ קצב, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיטן פאָטערס פאַך, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ביים איינשרייבן האָט ער צוגעזאָגט דאָס נישט צו טאָן, האָט מען ביי אים צוגענומען די קלפּי־רעכט (פּראָטאָקאָל פון 1810).

די חברה קדישא האָט פאַרנומען אין דער קהילה אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע און טיילוויז קאָנקורירט מיט דעם קהל. די זעלביקע פּערזאָנען שטייען אַ מאָל בראש פון ביידע אינסטיטוציעס (אין יאָר 1808 איז דער ראש־הקהל משה מייזלער געווען אויך גבאי אין דער חברה). צו איר געהערן די הכנסות פון דער מקוה (זי איז, ווי דערמאָנט, אויסגעבויט געוואָרן פון אירע פאָנדן, ענלעך ווי אין אַ צאָל אַנדערע קהילות אין דער זעלבער צייט). זי האָט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם צדקה־וועזן, קראַנק־פלעגע א״אַנד. סימפּטאָמאַטיש פאַר איר קאָנקורירנדיקער שטעלונג לגבי קהל איז דער פאַקט, וואָס ווערט איבערגעגעבן אין א פּראָטאָקאָל פון 1791, דהיינו, אַז מיט 3 יאָר צוריק (1787) האָט זי רעדוצירט אַ שכנישן דאָרף־אַרענדאר (פון גאָלעמביאָוו) די סומע פון קאָפּ־שטייער במשך 3 יאָר, היות ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער 300־גילדנדיקער הלוואה וואָס ער האָט געליען אויף צוצוקויפן פעלד פאַרן בית־עולם.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז קהל האָט געהאט פאַרמשכנט ביי אים, ווי אַ פאַרזיכערונג פון דער הלוואה, דעם זילבערנעם שמוק פון די ספרי־תורות.

די שול־קאָסע

איז לויטן באַריכט פון שרייבער אומבאַדייטנדיק און האָט דעריבער געהאַט נאָר איין גבאי, וועלכער האָט פאַרנומען שוין דעם אמט אַ פּאָר יאָר. זי האָט געהאַט אירע הכנסות פון נדרים, וועלכע מען פלעגט מנדר זיין ביים דאַווענען אין שול. (זיי האָבן אריינגעבראַכט דורכשניטלעך 400 פל׳ יערלעך). דאָס געלט איז געגאַנגען אויף באַלייכטונג פון דער שול און קליינע רעמאָנטן. די הכנסות האָבן געדעקט די הוצאות.

מצד דער פּרייסישער מאַכט — ווערט דערציילט אין באַריכט — האָט מען אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די הכנסה פון 400 פל׳ שיינט צו זיין צו קליין און אַז אין אַנדערע קהילות באַטרעפן זיי אַ פּאָר טויזנט פל׳. דער גבאי און די פּרנסים האָבן דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס צוליבן שלעכטן מצב פון דער שול, קומט נישט דער עולם דאַווענען אין ווינטער און ביי שלעכטע וועטערן. דעריבער זיינען די הכנסות שטאַרק געפאַלן.

חובות

אַ באַזונדער קראַנקער פּונקט אין די פינאַנצן פון די קהילות זענען געווען די חובות. די פאַראָרעמונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין 18טן יאָרהונדערט האָט ממילא גורם געווען צו דער פאַרערגערונג פון דעם פינאַנציעלן מצב פון די קהילה־קאַסעס. און גראָד זענען די הוצאות פון די קהילות אין 18טן יאָרהונדערט שטאַרק אויסגעוואַקסן.

חוץ די געוויינלעכע און אויסערגעוויינלעכע שטייערן, וואָס קהל צאָלט דער מלוכה, די מאַגיסטראַטן און די שררות, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן, האָבן זיך שטאַרק פאַרגרעסערט די אויסגאַבעס אויף השתדלנותן, אויף אויסצוקויפן די אומשולדיקע קרבנות פון די אָפטע ריטועלע פּראָצעסן דורך פעטן שוחד, אויף צדקה אאז״וו.

עס האָט נישט געראַטעוועט די לאַגע דאָס העכערן די קהלישע שטייערן און איינפירן פאַרשיידענע קאָנסומציע־שטייערן („קאָראָבקע״) פון פלייש א״אַנד אַרטיקלען, וועלכע האָבן זיך געלייגט, ווי אַ שווערע לאַסט, אויף דער אָרעמער באַפעלקערונג — די קהילה־קאַסע איז ווייטער פוסט. קהל מוז אָנקומען צו קרעדיטן. און קרעדיטן האָט קהל גראָד געקאָנט באַקומען גאַנץ לייכט. אין פוילן, ווו די בענק באַווייזן זיך ערשט ביים סוף פון 18טן יאָרהונדערט, איז נישט געווען ווו צו לאָקירן גרעסערע קאַפּיטאַלן. אַזוי ווי די קירכן־געזעצן האָבן נישט דערלויבט צו נעמען פּראָצענט, האָט מען גערן געבאָרגט יידן, בפרט קהל, וועלכע איז אין די ערשטע צייטן אָנגעגאַנגען פאַר אַ גרויסן בטוח. די קאַפּיטאַל־רייכע פּויליש ספערן, ווי די שררות, און הויפּטזאַכלעך דער רייכער קלער — ווערן די הויפּטקרעדיטאָרן פון די יידישע קהילות. די קהילות האָבן אָבער צוליב דער וואָס מער איינרייסנדיקער פּאַפּופּעריזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, דער אַנאַרכישער און אָפט מיסברויכנדיקער געלט־ווירטשאַפט פון די קהילה־פּרנסים, נישט געקאָנט צאָלן די חובות. און כדי צו דעקן די אָנגעוואַקסענע פּראָצענטער, נעמען זיי פרישע הלוואות — און אַזוי וואַקסן כסדר די התחייבותן פון די קהילות און גרייכן אין די שווערע הונדערטער טויזנטער גילדן. ווי באַקאַנט, האָבן זיך אַלע פּרוון צו רעגולירן די פינאַנצן פון די קהילות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונג — זיך נישט איינגעגעבן און די מלוכות, וואָס האָבן געירשנט פּוילן, האָבן אויך געירשנט דאָס פאַרוויקלטע פּראָבלעם, וואָס האָט געהייסן „ליקווידאַציע פון די יידישע חובות״.

אויך די קוטנער קהילה איז אין דעם פּרט נישט געווען קיין אויסנאַם. איר קרעדיטאָר איז געווען דער קוטנער שררה. אין 1791 האָט די קוטנער קהילה — לויט דעם עדות־זאָגן פון באַריכט — געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דעם דאַמאָלסדיקן פּריץ, דעם וואָיעוואָדע גאַדאָמסקי, אין וועלכן זי האָט זיך פאַרפליכטעט צו צאָלן 3500 פל׳ יערלעכן פּראָצענט. זיין נאָכפאָלגער, דער פּריץ זשענטקאָווסקי, פלעגט באַקומען אַלס דעקונג פון די 3500 פל׳ די הכנסה פון דער שחיטה־פּאַכט, וואָס האָט אים אריינגעבראַכט 2600 פל׳ יערלעך. אַזוי, אַז ס׳איז געבליבן אַ דעפיציט פון 900 פל׳ יערלעך; און הגם — ווי די יידן באַהויפּטן — זאָלן זיי האָבן דעם פּריץ ביי זיין אָנקומען שוין באַצאָלט 500 גל׳, דאָך איז צו קיין אָפּרעכענונג נישט געקומען.

אגב ווערן מיר געוויויער אַן אינטערעסאַנטן פּרט, אַז קעגן דעם פריערדיקן פּריץ האָבן די יידן פאַרפירט אַ פּראָצעס ביי דער רעגירונג (פּרייסישער?) אין טוירן. זיי זאָלן האָבן דאָרט באַוויזן, אַז צו דעם דערמאָנטן שריפטלעכן אָפּמאַך זענען זיי געצוווּנגען געוואָרן און אַז צו דער אייגנטלעכער שולד־סומע האָט מען אומגעזעצלעך צוגעגעבן נאָך אַנדערע, ספּעציעלע סומעס.

דער באַריכט דריקט אויס ווייטער די השערה, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס קאָן זיין די סיבה פון דעם, וואָס דער איצטיקער פּריץ האָט צוריקגעצאָלט די פּאַכט־סומע פון דער שחיטה פאַרן לויפיקן יאָר 1796. די לאַסט פון חוב איז געפאַלן אויף די רייכערע קהילה־מיטגלידער, וועלכע האָבן — ווי מיר האָבן שוין אויף אַן אַנדער אָרט דערמאָנט — אויסגעצאָלט דעם פּריץ געוויסע סומעס אויפן חשבון פון חוב. גלייכצייטיק האָט מען געהעכערט די שחיטה־פּאַכט אויף 3200 פל׳. אָבער די רעפאָרם — איז מוסיף דער שרייבער — האָט אויך נישט אריינגעטראָגן

קיין אָרדענונג אין דער פראַגע פון די קהלשע חובות. מיר קענען אים גלייבן.

אונטער פּרייסישער הערשאַפט האָט קוטנע געהערט צו דער ניי־געשאַפענער פּראָווינץ דרום־פּרייסן („זיד־פּרויסן") וואָס האָט אַרומגענומען די וואָיעוואָדסטוועס: פּויזן, גנעזן, אינאָווראָצלאַוו, דעם גאַנצן קאַלישער געביט, בריסק־קויאַווער, די געגנטן פון שעראַדז, וויעלון, לענטשיץ, פּלאָצק און אַ טייל פון ראַווער און מאַזאָוויעצקער וואָיעוואָדסטוועס — אַ שטח פון בערך 1000 קוואַדראַט מייל.

וועגן דעם מצב פון דער קוטנער קהילה אין די ניי־אַנטשטאַנענע פּאָליטישע באַדינגונגען, האָבן מיר נישט קיין דירעקטע ידיעות (דער אויבנדיקער באַריכט שפּיגלט פּאַקטיש אָפּ די פאַרהעלטענישן פון דער פּוילישער, פאַר־פּרייסישער תקופה).

בכלל איז די פּאָליטיק פון דער נייער פּרייסישער מאַכט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין די געוועזענע פּוילישע טעריטאָריעס געווען דיקטירט פון אויסגעשפּראָכן פיסקאַלישע מאָטיוון, פון איין זייט, און פון אַן אויפגעקלערטן ביוראָקראַטיש־פּאָליציייאישן רעזשים פון דער אַנדערער. „דער גענעראַל יודען־רעגלאַמענט פאַר זיד־אונד־ניי־אָסט־פּרויסען" פון 17טן אַפּריל 1797 האָט אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַ ריי ווירטשאַפטלעכע באַגרענעצונגען (פאַרבאָט פון האַנדלען אין דאָרף, פאַר סוחרים צו האָבן אַ נעבן־באַשעפטיקונג אאז"וו), האָט שטאַרק באַגרענעצט די יידישע אויטאָנאָמיע, פאַרשמעלערנדיק די קאָמפּעטענץ פון די קהילות און רבנים צו רייןרעליגיעזע ענינים און אָפּשאַפנדיק דעם חרם ווי אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונגען צווישן די קהילות.

עס איז אויך שווערער געוואָרן די שטייער־לאַסט. עס איז באַדייטנדיק געהעכערט געוואָרן דער פּוילישער קאָפּ־שטייער (פון דריי גל' אויף צען) און עס זיינען איינגעפירט געוואָרן נייע, ווי: רעקרוטן־שטייער, דערנערונג (כשרות) שטייער, אָפּצאָלן פון חתונות, קבורה א"אנד. פאַר דערלויבענישן אויף חתונה האָבן, איז באַשטימט געוואָרן אַן עלטער־און פאַרמעגן־צענזוס (דער תנאי איז געווען: האָבן געענדיקט 25 יאָר און פאַרמאָגן אַ שטענדיקע הכנסה אָדער אַן אייגענעם קאַפּיטאַל).

דער „יודענרעגלאַמענט" פון 1797 האָט שווער געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איר פון דורות איינגעפונדעוועטן ווירטשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבנס־נוסח, האָט אַ פּאָליציייאישע מלוכה געפּרוווט צעשטערן מיט פּרייסישער סיסטעמאַטישקייט און הארצלאָזער אומרחמנותדיקייט. אמוויטיקסטן האָט די יידישע באַפעלקערונג געפילט דאָס צעברעכן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון איר אינעווייניקסטן קהילה־לעבן. צום גליק האָט די דאָזיקע פּרייסישע הערשאַפט אָנגעהאַלטן נישט מער ווי 14 יאָר.

אין 1807, נאָך דער צעשמעטערנדיקער מפּלה פון פּרייסן ביי יענא, איז דורך נאַפּאָלעאָנען געשאַפן געוואָרן דאָס וואַרשעווער פירשטנטום.

קאַפּיטל 11

די קוטנער קהילה במשך דעם 19טן און תחילת 20סטן יאָרהונדערט

אין דער אַדמיניסטראַטיווער פאַרטיילונג פון וואַרשעווער פירשטנטום, האָט קוטנע געהערט צום וואַרשעווער דעפּאַרטאַמענט און האָט זיך גערעכנט פאַר איינע פון די אָנגעזעענע קהילות.

די מלחמות פון דער נאַפּאָלעאָנישער צייט האָבן גורם געווען אַ פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין 1803 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין קוטנע געציילט אָפיציעל נישט מער ווי 1,357 נפשות, ד"ה אַז במשך די 8 יאָר (1800—1808) איז די יידישע באַפעלקערונג נישט נאָר נישט געוואָקסן, נאָר איז געפאַלן אויף מער ווי 3%. ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג איז דער צוריקגאַנג במשך דער דאָזיקער צייט געווען אַ פיל שטאַרקערער: פון 877 אויף 748 נפשות. ד"ה אַ פאַרקלענערונג אויף קנאַפּע 18%. יידן באַטרעפן אין דעם דאָזיקע יאָר קנאַפּע 2/3 פון אַלע איינוווינער (64.5%).

אין דער תקופה פון וואַרשעווער פירשטנטום, האָט זיך אין די פאָדערשטע רייען פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אירע אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג, אַרויסגערוקט דער קוטנער ראש הקהל משה בן ירמיה מייזלער.

אין 1809 טרעפן מיר אים ווי אַ שתדלן פון דער יידישער באַפעלקערונג פון וואַרשעווער דעפּאַרטמענט, וואָס באַמיט זיך צוזאַמען מיט פאָרשטייער פון אַנדערע קהילות (לענטשיץ, לוטאָמיערסק), וועגן פאַרקלענערן די לאַסט פון כשר־פלייש־שטייער, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג לויטן קעניגלעכן דעקרעט פון 25סטן מערץ 1809 אויף אַ כוללדיקער סומע פון 3,300.000 גל', און וואָס האָט געדאַרפט פאַרטרעטן אַלע ביז־איצטיקע שטייערן. די דאָזיקע סומע האָט פּאַקטיש איבערגעשטיגן די צאָלונג־מעגלעכקייטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז מחמת די אומרואיקע מלחמה־צייט שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן (די דורכשניטלעכע יערלעכע שטייער־סומע פון אַ פאַמיליע האָט באַטראָפן 84 גל' און איז געווען 4 מאָל העכער ווי די דורכשניטלעכע סומע שטייערן פון אַ יידישער משפחה אין די עסטרייכישע פּראָווינצן אין יענער צייט).

אָבער מייזלערס השתדלות איז געבליבן אָן אַ פּעולה.

אין זיין בריוו צו די פּויזנער ראשי־קהל פון 22טן אָקטאָבער 1809 שרייבט ער, אַז אויף אַלע זיינע השתדלותן, האָט דער פינאַנץ־מיניסטער געגעבן אַזאַ ענטפער, אַז מען דאַרף אויף אים קריעה רייסן.[1]

סוף אָקטאָבער 1809 נעמט מייזלער ווידער אָנטייל אין אַ צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון קהילות פון וואַרשעווער דעפּאַרטאַמענט וועגן אונטערנעמען שריט ביי דער רעגירונג וועגן ענדערן די פּראָפּאָרץ פון כשר־פלייש־שטייער צווישן דער וואַרשעווער און די דעפּאַרטאַמענט־קהילות לטובת די לעצטע (די פּראָווינץ־קהילות האָבן געהאַלטן אַז די פּראָפּאָרץ איז נישט קיין יושרדיקע און די וואַרשעווער קהילה צאָלט פאַרהעלטנישמעסיק ווייניקער).

די קליינע הנחות וואָס דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום האָט געמאַכט פאַר די יידישע איינוווינער אין אַ פּאָר דעפּאַרטאַמענטן (לאָמזשער, פּלאָצקער און בידגאָשטשער), האָבן נישט באַפרידיקט די יידישע דעלעגאַטן. זיי קומען נאָך אַ מאָל זיך צונויף אין וואַרשע אין דער העלפט יולי 1810 און טראָגן אַריין מעמאָריאַלן צום קעניג, מלוכה־ראַט און פינאַנץ־מיניסטער.

לסוף וויליקט איין דער מיניסטער צונויפצורופן אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשעווער פירשטנטום. סוף מערץ 1811 זענען זיך די דעלעגאַטן צונויפגעפאָרן קיין וואַרשע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען מייזלער, ווי אַ פאָרשטייער פון דער קוטנער קהילה. אויף אַן אוידיענץ ביים מיניסטער האָט ער צוזאַמען מיט אליעזר משה אפרים פון אינאָווראָצלאַוו רעפּרעזענטירט דעם גאַנצן צוזאַמענפאָר. אַלע פּראָיעקטן פון דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ, וואָס האָבן געצילט אין דער ריכטונג פון רעדוצירן די שטייער־לאַסט פון דער יידישער באַפעלקערונג און באַפרייען זי פון מיליטער־דינסט מיט דעם אַרגומענט, אַז ווי באַדריקטע און נישט־גלייכבאַרעכטיקטע בירגערס דאַרפן זיי נישט טראָגן די שווערע לאַסט פון רעקרוטן־דינסט — זענען פון דער רעגירונג אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

די יידישע פאָרשטייערס האָבן דעם קאַמף פאַר באַזייטיקן

די עוולות לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשעווער פירשטנטום, נישט געקוקט אויף דער נעגאַטיווער איינשטעלונג פון דער רעגירונג, נישט אויפגעגעבן.

אין דער צווייטער העלפט יולי קומען זיך ווידער צונויף אין ליסע די ראשי־הקהל פון ליסע, פויזן, אינאָוורואָצלאַוו און קוטנע (משה מייזלער). משה מייזלער האָט צוזאַמען מיט די פאָרשטייערס פון די אויבן־אויסגערעכנטע קהילות געשפּילט אַן אַנפירנדיקע ראָל אין דער אַל־מלוכהשער יידישער רעפּרעזענטאַנץ אין אירע באַמיונגען צו געפינען ביי דער רעגירונג אַנערקענונג פאַר די גערעכטע פאָדערונגען פון דער שטייער־באַדריקטער יידישער באַפעלקערונג.[2]

אין מיטן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט זיינער, האָט זיך מייזלער אַריבערגעקליבן קיין ליסע, ווו ער איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ שתדלן פון דער ליסער קהילה, וואָס איז געווען פון די חשובסטע קהילות אין וואַרשעווער פירשטנטום. תחילת 1811 איז דערשינען אַ פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג, אַז אַלע ווענדונגען צו איר מוזן פאַרפאַסט זיין אין דער פּוילישער שפּראַך. אין דער ליסער קהילה איז דאַמאָלט נישט געווען קיינער וואָס האָט באַהערשט גוט די פּוילישע שפּראַך. די רייכע ליסער קהילה האָט זיך דעריבער געוואָנדן צום ביז־איצטיקן קוטנער ראש־הקהל וואָס האָט נישט נאָר באַזיצט די נייטיקע שפּראַך־קענטניש, נאָר האָט זיך געמאַכט אַ שם מיט זיינע אינטערווענצן ביי דער רעגירונג און געהאַט פאַרבינדונגען מיט איינפלוסרייכע רעגירונגס־לייט[3] און אים פאַרבעטן צו זיך אויפן אמט פון שתדלן. זיין געהאַלט האָט באַטראָפן 8 טאָלער אַ וואָך און אַ האַלבן פּראָצענט פון יעטוועדן נדן.[4]

און ווירקלעך האָט שוין משה מייזלער אין יאַנואַר 1812 אונטערגעשריבן אין פינאַנץ־מיניסטעריום דעם שלוס־אַקט, וואָס האָט רעגולירט די פראַגע פון שחיטה־שטייער און רעקרוטן־דינסט (פאַרן פּוייז פון דער הסכמה מצד די יידישע פאָרשטייערס צו העכערן דעם שטייער אויף 3 מיליאָן גל׳ זענען די יידן באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט), ווי איינער פון די רעפּרעזענטאַנטן פון גאַנצן פויזנער דעפּאַרטאַמענט (צו וועלכן עס האָט אויך געהערט ליסע).[5]

אין דער דאָזיקער אייגנשאַפט באַגעגענען מיר מייזלערן אויך אין די שטורמישע יאָרן פון וואַרשעווער פירשטנטום אין שייכות מיט נאַפּאָלעאָנס מאַרש אויף רוסלאַנד.[6]

נאָכן פאַלן פון וואַרשעווער פירשטנטום איז דער פויזנער דעפּאַרטאַמענט איינגעגלידערט געוואָרן אין דעם פויזנער גרויס־פירשטנטום (1815). מיר הערן דאַמאָלט דאָס לעצטע מאָל וועגן מייזלערן. דעם 13טן אויגוסט 1815 האַלט מייזלער אַ פּאַטריאָטישע באַגריסונג־רעדע לכבוד דעם פּרייסישן קעניג פרידריך ווילהעלם III און זיין שטאַטהאַלטער אין פויזנער פירשטנטום פירשט אַנטאָני ראַדזשיוויל. די רעדע איז דערשינען אין דרוק (אמרי שפר, ברעסלע, 1815). משה בן ירמיה מייזלער איז געשטאָרבן אין ליסע י״ד חשון תקפ״ט (1828).[7]

מיט ליסע איז אויך פאַרבונדן דער קוטנער רב ר׳ אליעזר בריש. אַן אָפּשטאַמיקער פון ליסע, איז ער געווען רב אין דער דאָרטיקער אַזוי־גערופענער „יונגען־שולע". אין 1820 געפינען מיר זיין נאָמען אין דער פּרענומעראַנטן־רשימה פון „היד החזקה", ווו ער ווערט טיטולירט אב״ד דק״ק קוטנע. ער איז נפטר געוואָרן אין קוטנע ה׳ תשרי תקצ״א (1830).

ער איז ביי זיינע בני־דור געווען זייער אָנגעזען. אין אַ בריוו פון באַרימטן ליסער רב ר׳ יעקב לאָרבערבוים צו די קוטנער פּרנסים, אין וועלכן ער פאַרלאַנגט פון זיי צו באַשטימען פאַר אים אַ שכירות פון 5 טאַלער אַ וואָך, דריקט ער זיך אויס וועגן ר׳ אליעזר בריש מיט די ווערטער „המאה״ג, החריף והבקי".[8]

אין דער צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד פון 1830—1831 האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ קוטנער ייד האָט געדינט אין דער רוסישער געהיים־פּאָליציי און איז געווען אַ סוב־אַגענט ביי איינעם פון די הויפּט־אַגענטן פון דער וואַרשעווער געהיים־פּאָליציי מאַטעאוש שליי. דער דאָזיקער ייד איז געווען שמעון ברין, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין קוטנע — שימעלע. יונגערהייט האָט ער געלערנט אין אַ ישיבה און געקענט אַ ביסל פּויליש, אַ דאַנק דעם איז ער געוואָרן אַ שרייבער אין קוטנער קהל אין יענע יאָרן פאַרן אויפשטאַנד. ער איז געקומען איין מאָל קיין וואַרשע וועגן אַ כלל־ענין, האָט ער זיך דערשלאָגן צו שליין. דער לעצטער האָט אים פאַרגעלייגט צו ווערן זיין געהיים־אַגענט אין קוטנע. שימעלע האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען און אָפּגעגעבן אַ שבועה אויף די ציצית, אַז ער וועט זיין געטריי דער פּאָליציי און זאָגן דעם אמת. פאַר זיין דינסט האָט ער תחילת באַקומען 3 רויטע גילדן (54 פּוילישע גראָשן) און שפּעטער 5. זיינע באַריכטן האָט ער צוגעשטעלט משמעות אין יידיש און דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט און געזען אין דער שטאָט. קיין וויכטיקעס צו דערציילן האָט ער נישט געהאַט. בעתן אויפשטאַנד, ווען מען האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן אַרכיוו פון דער געהיים־פּאָליציי, האָט מען אין אים אויך געפונען זיין נאָמען. אין פרילינג 1831 איז ער אַרעסטירט געוואָרן און נאָך אַן אויספאָרשונג איז זיין נאָמען ווי אַן אגענט איבערגעגעבן געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט. דאָס איז געווען נישט קיין קליינע סענסאַציע פאַר די קוטנער יידן. שפּעטער האָט אים די מאַכט באַפרייט פון תפיסה און איבערגעלאָזט אין קוטנע אונטער פּאָליצייאישער השגחה.[9]

אין דער תקופה פון עקאָנאָמישן אויפשטייג פון קאָנגרעס־פּוילן, האָט זיך די שטאָט שטאַרק אַנטוויקלט. די געוואַנט־אינדוסטריע וואָס גרייכט מיט איר התחלות צום לעצטן צענדלינג פון 18טן יאָרהונדערט,[10] האָט אין די צוואָנציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט דערגרייכט אַ העכערע אַנטוויקלונגס־שטופע. די קוטנער טליתים־פאַבריק איז אויף דער אינדוסטריעלער אויסשטעלונג אין וואַרשע אין 1828 אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַ זילבערנעם מעדאַל.[11]

נאָך דער דערעפענונג פון דער קאַלישער און ווינער באַן־ליניעס אין 1845, איז קוטנע געוואָרן אַ וויכטיקער באַן־קנופּ פאַר דעם גרעסטן טייל פון פּלאָצקער און טיילווייז קאַלישער גובערניעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט וואַרשע.

נעבן קוטנע האָט דער באַקאַנטער וואַרשעווער יידישער אינדוסטריעלער און באַנקיר הערמאַן עפּשטיין געגרינדעט אין 1852 די צוקער־פאַבריק „קאָנסטאַנציא", וואָס האָט געהערט צו די גרויסע צוקער־פאַבריקן אין קאָנגרעס־פּוילן. נאָך זיין טויט האָט די פאַבריק איבערגענומען זיין זון מיעטשיסלאַוו עפּשטיין, וואָס האָט מיט איר אָנגעפירט ביז זיין טויט אין 1914[12] (זי איז שוין נאָך זיין טויט נישט געווען מער טעטיק).

די צוקער־פאַבריק „קאָנסטאַנציא" האָט געשאַפן אַ ריי נייע פּרנסות פאַר די שטאָטישע יידן (צושטעלונגען, אָפּזאַץ פון צוקער אין אַנדערע שטעט אאז״וו).

אַ צווייטער באַנקיר פון דער וואַרשעווער טעפּליץ משפחה, שמעון טעפּליץ (1822—1894), דער זון פון וואַרשעווער סוחר לעאָפּאָלד טעפּליץ, האָט נאָכן ליקווידירן זיינע געשעפטן אין וואַרשע, זיך באַזעצט אין קוטנע, ווו ער האָט עוסק געווען איז צושטעלונגען פאַר „קאָנסטאַנציא". ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן אָנטייל אין די צוקער־פאַבריק פון באַקאַנטן גרויס־פינאַנסיסט לעאָפּאָלד קראָנענבערג.[13]

זיין אייניקל לילי איז שוין געווען אַ נאָנע אין אַ קלויסטער אין פראַנקרייך.[14] אויב עס איז שוין אויסגעקומען צו רעדן וועגן באַקאַנטע משומדים, אָפּשטאַמיקע פון קוטנע, דאַרף מען נאָך

דערמאָנען די פֿאַמיליע פראַנקענשטיין. לעאָן פראַנקענשטיין איז אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט געווען אַ קוטנער סוחר, זיין זון אַלעקסאַנדער לעאָן (געב׳ אין 1801) האָט פאַרנומען דעם אַמט פון קאָנטראָלער פון טאבאַק־מאָנאָפּאָל אין פינאַנץ־מיניסטעריום אין קאָנגרעס־פּוילן. לעאָנס אייניקל עדוואַרד האָט שוין געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע: פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע אין בריסל און געוואָרן פאַררעכנט צום רוסישן ירושהדיקן אַדל־שטאַנד. ער איז אויך געווען אַ טאַלענטירטער פידלער.[15] אין די 20קער יאָרן האָט עקזיסטירט אין שטאָט אַ שול פאַר יידישע קינדער, וווּ מען האָט געלערנט וועלטלעכע לימודים. עס פלעגן אין איר פאָרקומען עפנטלעכע עקזאַמענס מיט דער באַטייליקונג פון שטאָט־באַאַמטע (די אַקטן, וואָס זענען נוגע דער דאָזיקער שול, האָבן זיך פאַר דער מלחמה געפונען אין מאַגיסטראַט־אַרכיוו).

אין די 30קער יאָרן פון דעם 19טן יאָרהונדערט פלעגן שוין קוטנער בעלי־בתים (מסתמא משכילים) שיקן זייערע קינדער קיין וואַרשע זיך לערנען וועלטלעכע לימודים. אין שוליאָר 1830—1831 טרעפן מיר אין דער וואַרשעווער ראַבינער־שול, וואָס האָט ביי דעם פרומען יידישן עולם געהאט אַ שם ווי אַ נעסט פון אפיקורסות, די ברידער יצחק און נפתלי נעלקין. זיי זענען דעמאָלט געווען תלמידים פון 2טן און 3טן קלאַס.[16]

אַ זון פון אַ קוטנער סוחר, הערש קאָפּעל, האָט אויך אין די 50קער יאָרן שטודירט אין דער מעדיציניש־כירורגישער אַקאַדעמיע אין וואַרשע.[17]

בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד קעגן צאַר אין 1863, האָט דער קוטנער דאָקטאָר־מעדיצין יוסף האַנדעלסמאַן געשפּילט אַן אַקטיווע און וויכטיקע ראָל אין דער קוטנער אומגעגנט. עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אַ ביסל אויספירלעכער אויף דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פערזענלעכקייט. אין 1833 האָט ער געענדיקט אין וואַרשע די מיטלשול און איז 1852 די מעדיצינישע אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג. בעת דער קרימער מלחמה (1853—1855), האָט ער געאַרבעט ווי אַ דאָקטער אין מיליטערישן שפּיטאָל אין וואַרשע (אויאַזדאָוו). אין 1854 האָט ער זיך באַזעצט אין קוטנע.

דער יונגער דאָקטער האָט שנעל פאַרנומען אַן אנגעזעען אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער שטאָט, געהאט אַ ברייטע פּראַקטיק און געוואָרן זייער פּאָפּולער ביים יידישן עולם און ביי די אַרומיקע פּריצים.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, איז ער נאָמינירט געוואָרן ווי דער הויפּט פון די אויפשטענדלער אויפן גאַנצן גאָסטינינער קרייז. משמעות אונטער זיין השפעה איז צושטאַנד געקומען אין דער קוטנער געגנט אַ פּויליש־יידישע פאַרברידערונג. בעת דער קריסטלעכער חגא פון ווייַנאכטן, האָט מען געטרונקען פאַר דער פאַראייניקונג פון אַלע אמונות און שטאַנדן. אַן אויפשטענדלער מיטן נאָמען ווישניעווסקי האָט געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע אַ גרופּע בעלי־מלאכות, צווישן זיי עטלעכע יידן. דאָקטער האַנדעלסמאַן איז אַרומגעפאָרן און געהיים געהיילט פאַרווונדעטע אין די קאַמפן אין דער געגנט פון גאָסטינין, לענטשיץ און קינצק.

ער האָט אַנטוויקלט אַן ענערגישע טעטיקייט לטובת דעם אויפשטאַנד און צוגעצויגן יידן צו מיטאַרבעטן מיט די אויפשטענדלערס, ווי למשל, דעם משרת איציק, וואָס האָט געדינט ביי דעם קוטנער סוחר הערץ. איציק פלעגט איינמאָנען ביי די קוטנער יידן שטייערן און נדבות פאר דער קאַסע פון די „פּאָווסטאַנצעס”: ביי דעם סוחר סענאַטאָר האָט ער איינגעמאָנט 150 רובל, ביי קראָנזילבערן — 120 רובל. אין סעפּטעמבער 1863 איז האַנדעלסמאַן אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, בכדי איינצושאַפן געווער. ער האָט זיך דאָרט געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די יידישע אַגענטן גאָלדשטיין און קאַלישער, נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן אין 1865, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און דעם 10טן סעפּטעמבער פאַרמשפּט געוואָרן אויף פאַרשיקונג קיין סיביר.

דער נאַמיעסטניק גראַף בערג האָט אים די שטראָף פאַרביטן אויף דריי חדשים תפיסה אין דער דעמבלינער פעסטונג, מיטן באַדינג פון אונטערוואַרפן זיך פּאָליציייִשער השגחה נאָכן אָפּקומען די שטראָף.

צי ער איז אָפּגעזעסן אין דער פעסטונג דעם באַשטימטן טערמין — איז נישט באַוווּסט. יעדנפאַלס האָט האַנדעלסמאַן געהאַט נאָך אַ פּראָצעס, נאָך דעם ווי ער איז דאָס צווייטע מאָל צוריקגעקומען פון אויסלאַנד וווהין ער איז אפּנים אומלעגאַל אַרויסגעפאָרן. ער איז דאָס צווייטע מאָל פאַרמשפּט געוואָרן אויף צוויי יאָר טורמע. נאָכן אַרויסגיין פון תפיסה, קערט ער זיך אום נאָך קוטנע, וווּ ער האָט געוווינט אָן איבעררייס ביז 1909. אין דעם יאָר באַזעצט ער זיך אין וולאָצלאַוועק, וווּ ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער אין מערץ 1911, געשעצט און געאַכטעט דורך דער גאַנצער באַפעלקערונג. ער איז געווען אַן אַנערקענטער ספּעציאַליסט אין היילן די קראַנקייט פון מוח־אנטצינדונג.[18]

דער עלטסטער פון זיינע צוויי זין איז געווען דער באַקאַנטער פּוילישער היסטאָריקער פּראָפ. מאַרצעלי האַנדעלסמאַן, געבוירן פון זיין קריסטלעכער פרוי און קינדווייז אָפּגעשמדט. אין יאָר 1944 איז פּראָפ׳ האַנדעלסמאַן דערמאָרדעט געוואָרן דורך פּוילישע פאַשיסטן פון דער אונטערערדישער מיליטערישער פאָרמאַציע N. S. Z. דער יונגערער זון יוזעף איז אַ צייט געווען לערער אין מיטלשולן.

צוזאַמען מיט האַנדלסמאַנען, אָדער אַ ביסל שפּעטער פון אים, האָט אין קוטנע פּראַקטיצירט און זיך דערוואָרבן דאָרט גרויס אָנזען אַ צווייטער אַנערקענטער יידישער דאָקטער פעליקס אָרנשטיין (1849—1916). געבוירן אין וואַרשע, האָט ער שטודירט אויף דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון דער „שקאָלאַ גלוונאַ” אין וואַרשע און אין יאָר 1873 געענדיקט מעדיצין אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אין דעם יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין קוטנע און דאָ פּראַקטיצירט במשך 34 יאָר ביז 1907. אין דעם יאָר טראָגט ער זיך איבער קיין וואַרשע. געשטאָרבן איז ער אין 1916 פון פלעק־טיפוס, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגעשטעקט ביים היילן טיפוס־חולים. באַזונדער גרויסע פאַרדינסטן האָט ד״ר אָרנשטיין געהאַט פאַר דער אַנטוויקלונג פון טשעכאָטשינעק אַלס היילאָרט. זיינע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען האָבן באַקומען גרויס אַנערקענונג אין דער פּוילישער מעדיצין.[19]

פון רבנים פון דער ערשטער העלפט פון יאָרהונדערט דאַרף דערמאָנט ווערן ר׳ משה אהרן קראָנזילבער, אויפגענומען, אַפּנים נאָך דער פטירה פון ר׳ אליעזר בריש, נפטר געוואָרן אין קוטנע און ר׳ משה יהודה לייב, געשטאַמט פון לענטשיץ, דער מחבר פון די ספרים „זית־רענן” (וואַרשע תרי״א) און „תפארת ירושלים”. פריער איז ער געווען רב אין קוויעל, שעפּס, דאָברין און לאַסק. אין תרי״ז (1857) האָט ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין ירושלים און דאָרט נפטר געוואָרן אין תרל״ט (1879).[20]

נאָך זיין פאַרלאָזן קוטנע איז דאָס קוטנער רבנות, ווייזט אויס, געבליבן וואַקאַנט במשך צוויי יאָר, ווייל ערשט אין טבת תרכ״א (1860) איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב דער באַוווּסטער גאון ר׳ ישראל יהושע טראַנק, וואָס איז דאַמאָלט געווען רב אין פּולטוסק.

אַ דאַנק דעם ליבעראַלן קורס לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין די ערשטע יאָרן פון אַלעקסאַנדערס II הערשאַפט, איז אויך אין קאָנגרעס־פּוילן רייף געוואָרן דער באָדן פאַר אָפּשאַפן די אַלטע יורידישע באַגרענעצונגען.

דעם 5טן יוני 1862, איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן דאָס געזעץ וועגן גלײַכבארעכטיקונג פאַר יידן. עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די יידישע „רעווירן" אין אַ גרעסערער צאָל שטעט און עס איז דערלויבט געוואָרן יידן צו קויפן גיטער.

דעם 31סטן מאי 1862 איז דערשינען אַ געזעץ, אַז יידן מעגן האָבן אַפּטייקן און לעגאַל זיך פאַרנעמען מיט פעלדשערײַ. עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע מניעות זיך אָנצושליסן אין די האַנטווערקער־צעכן. דעם 1טן יאַנואר 1863 איז בטל געוואָרן דער „כשר־פלייש־שטייער" און צוויי טעג שפּעטער איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער דערנידעריקנדיקער „טאָג־צעטל" פאַר יידן וואָס פלעגן קומען קיין וואַרשע.

פון אַלע גזירות וואָס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן, האָט די גרעסטע פרייד אַרויסגערופן ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן דאָס אָפּשאַפן דעם „כשר־פלייש־שטייער", וואָס האָט זיך במשך צענדליקער יאָרן געלייגט ווי אַ שווערע מאַסע אויף דער יידישער באַפעלקערונג. יידן זענען אויך צוגעלאָזט געוואָרן צו די וואַלן אין די זעלבספאַרוואַלטונג־אָרגאַנען.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער וויכטיקער היסטאָרישער געשעעניש אינעם לעבן פון די פּוילישע יידן זענען שבת, פּרשת ויחי תרכ״ג (1963) אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שול און בית־המדרש פייערלעכע תפילות. דער רב האָט געהאַלטן אַ דרשה און דער שול־חזן שלמה יצחק אָסלאָווינסקי האָט נישט געקאַרגט קיין הנותן תשועהס פאַר דעם צאַר, דעם צאַרישן נאַמיעסטניק אין פוילן, גרויספירשט קאָנסטאַנטין און פאַר דעם הויפּט פון דער ציווילער אדמיניסטראַציע מארקגראַף וויעלאָפּאָלסקי, וואָס איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון יידישער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע פאַרן פּרייז פון אסימילאַציע און האָט אויסגעפועלט ביים צאַר די „אוקאַזן" פון 1862 און 1863.[21]

אין דער העברעישער פּרעסע פון דער צווייטער העלפט פון יאָרהונדערט האָבן זיך אויפגעהיט אַ פּאָר פאַקטן, וואָס זענען נוגע געוויסע פּערזאָנען און געשעענישן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם לעבנס־שטייגער אין יענע צייטן.

אַזוי למשל, ווערט אין „המגיד" פון 1861 (נומ' 16) אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון קוטנע דערציילט וועגן פירן אין דער שול אַריין אַ נייע ספר־תורה (שוין די פּערטע), וואָס עס האָט מנדב געווען די אלמנה ביילע זילבערבערג. זי האָט געמוזט זיין אַ פאַרמעגלעכע פרוי (די ערשטע דריי ספרי־תורות האָבן אָפּגעקאָסט 6,000 פּוילישע גילדן), לויט דער ברייטער האַנט מיט וועלכער זי האָט פינאַנצירט די דאָזיקע עפנטלעכע פייערונג. צוערשט האָט זי ביי זיך איינגעאָרדנט אַן אויפנאַמע פאַר דער „גאַנצער שטאָט", אויף וועלכער עס זענען געווען, ווי עס גיט איבער דער קאָרעספּאָנדענט, העכער טויזנט מענטשן (מענער, פרויען און קינדער). נאָך דעם האָט מען געפירט די ספר־תורה, וואָס עס האָט געהאַלטן דער דאַמאָלטיקער רב ר' יהושעלע קוטנער אונטער אַ חופה, אין שול אַריין. אויפן וועג האָבן געשפּילט די קוטנער כלי זמרים, דער חזן האָט געזונגען און מען האָט געטאַנצט אויף די גאַסן. ווי אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און כבוד, האָט מען דער אלמנה דערלויבט אַליין אַריינצושטעלן די ספר־תורה אין ארון־קודש. אין אָוונט האָט זי איינגעאָרדנט ביי זיך אַ סעודה פאַר די קוטנער לומדים און געטיילט מיט א ברייטער האַנט צדקה.[22]

צו די גרויסע קוטנער גבירים האָט אין יענער צייט אויך געהערט יעקב ערדבערג. ער איז געווען אַ גרויסער וואַלד־סוחר, געהאַנדלט מיט פּריצים און געגעבן באַשעפטיקונג און פּרנסה פיל יידישע משפחות. אין דער צוואה (ער איז געשטאָרבן אין 1873 אין עלטער פון 69 יאָר), האָט ער איבערגעלאָזט 3,000 רובל פאַר אַ קרן־קימת. אין דער קאָרעספּאָנדענץ, געשריבן אין „המגיד" פון זיין איידעם פייוויש וועבער, ווערט דערציילט, אַז אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט פיל אַנגעזענע קריסטן פון דער שטאָט און סביבה.[23] זייער פּאָפּולער אין שטאָט איז געווען זיין פרוי מרים (געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „די מאַרע").

צו די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים אין יענער צייט האָבן געהערט: דער לאַנג־יאָריקער „דאָזער" זלמן פינקוס (גערעדט דייטשמעריש און געטראָגן שבת אַ צילינדער), לייב קושמיראַק, וואָס האָט געהאַט אַ גיט הינטער קוטנע, און דער קאָצקער חסיד (שפּעטער געפאָרן צום „חדושי־הרי״ם) יהודה מאיר ליפּסקי (ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש זיך צו קליידן „דוכאָוונע" ד״ה אין רבנישן טראַכט).

צו דער קליינער גרופּע משכילים האָבן געהערט וואָלף לייב לערער (געלערנט העברעיש און תנ״ך, געווען פון די געציילטע „הצפירה"־לייענערס אין שטאָט), פייוויש וועבער, דער קוטנער קאָרעספּאָנדענט פון „המגיד", י. רויזנצווייג און ישראל וואָלף גליקסמאַן דער פאָטער פון ד״ר אברהם און ד״ר יעזשי גליקסמאַן און דער שטיף־פאָטער פון בונדישן פירער וויקטאָר אַלטער.

די ממשלה אין דער קהילה איז נאַטירלעך געלעגן אין די הענט פון שיינע בעלי־בתים, די גבירים און לומדים. עס פלעגט אָבער טרעפן, אַז „עמך" פלעגט זיך צעבונטעווען און פאַרלאַנגט פאַר זיך אַ דעה אין קהלישע ענינים.

וועגן אַזאַ פאַל וואָס האָט געטראָפן אין 1886, האָבן מיר אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ": שבת פ' נשיא האָט געזאָלט דאַווענען אין שול אַ ניי־געקומענער חזן, אָבער די גבאים („ראשי־העדה") האָבן אים נישט צוגעלאָזט (די סיבות זענען אין דער קאָרעספּאָנדענץ נישט אָנגעגעבן). האָט ער געדאַוונט אין ביהמ״ד און איז געפעלן געוואָרן. דעם צווייטן שבת האָט דער עולם געפאָדערט ער זאָל דאַווענען אין שול. דער רב האָט געמאַכט אַ פשרה ער זאָל דאַווענען קבלת שבת און מוסף. דער המון איז געבליבן אומצופרידן און ווען מען האָט אים נישט נאָכגעגעבן, איז אין שול אויסגעבראָכן אַ מחלוקה און א געשלעג צווישן די מתפללים. דעם אלטן חזן האָט מען אוועקגעשלעפּט פון עמוד און מען האָט אים שטאַרק צעשלאָגן. זיין צושטאַנד — איז מוסיף דער קאָרעספּאָנדענט — איז אַ שווערער, ווי אַזוי דער דאָזיקער סקאַנדאַל, וואָס ווייזט אז אויפגעברויזטע לײַדנשאַפטן פון המון צוליב אַ חזן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אפילו פאַר אַזאַ אויטאָריטעט ווי דער דאַמאָלסדיקער קוטנער רב, האָט זיך פאַרענדיקט — איז נישט באַוווּסט.[24]

וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג, דערציילט אונדז אַ פאַל, וואָס האָט געטראָפן אין 1875, אַז אין געוויסע פּעריאָדן זיינען זיי געווען זייער פריינדלעכע.

דעם 19טן מערץ 1875 איז אין דער יידישער געגנט אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה וואָס האָט בדלות געשטעלט 600 יידישע משפחות. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער דאָזיקער טראַגישער געשעעניש, ווערן געבראַכט פאַקטן פון וואַרעמער הילף מצד דער קריסטלעכער באַפעלקערונג סיי ביים לעשן די שריפה, סיי שפּעטער. אַן אָרטיקע פּוילישע אַמאַטאָרן־גרופּע האָט געגעבן אַ פאָרשטעלונג לטובת די נשרפים, וואָס האָט געגעבן 200 רובל הכנסה. לאַנדווירטן פון דער סביבה האָבן פאַר די נויטליידנדיקע געשיקט מעל און קאַרטאָפל.[25]

פריינדלעך זענען, ווייזט אויס, אויך געווען די באַציונגען צווישן קהל און די לעצטע קוטנער פּריצים — די זאַוואַדזקיס. ווען אין יאָר 1891 איז געשטאָרבן דער פּריץ נאַטאַריוס זאַוואַדזקי, האָט קהל געלייגט אַ קראַנץ אויף זיין אַרון אין נאָמען פון דער יידישער קהילה.[26]

קיין קראַנץ האָט מען זיכער נישט געלייגט אויפן קבר פון אַ יינגער מארטירערין פון בילדונג, וואָס האָט אין דעם זעלבן יאָר 1891 געמאַכט אַ סוף צו איר יונג לעבן.

דאָס איז געווען אַ יונגע פרוי פון סוואַלק, וואָס האָט געענדיקט די ווילנער גימנאַזיע און געקומען קיין קאָטנע מיט דער אידעע צו עפענען דאָ אַ שול פאַר מיידלעך. מחמת דוחק אין געלט־מיטלען (זי האָט אפנים נישט געפונען קיין אונטער־שטיצונג ביי ידישע עלטערן), האָט זי איר לעבנס־אויפגאַבע — ווי זי האָט געשריבן אין איר געזעגענונגס־בריוו — נישט געקענט רעאַליזירן און געפינענדיק זיך חוץ דעם אין שווערער מאַטעריע־לער נויט, האָט זי אויסגעטרונקען סם.[27] ווער עס איז געווען די דאָזיקע, זיכער איינע פון די ערשטע דערפאַלגלאָזע פּיאָנערינס אויפן געביט פון ידישן שולוועזן אין דער שטאָט, איז אין דער שייכותדיקער קאָרעספּאָנדענץ נישט אָנגעגעבן.

קאַפּיטל III

די דעמאָגראַפישע און פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער ידישער באַפעלקערונג פון סוף 19טן ביזן ערשטן פערטל פון 20סטן יאָרהונדערט

לויט דער פאָלקס־ציילונג אין צאַרישן רוסלאַנד אין יאָר 1897, האָט די ידישע באַפעלקערונג אין קאָטנע געציילט אין דעם יאָר 5,345 נפשות אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 11,250 נפשות (47.5%). פון זיי זענען 2,611 געווען זכרים און 2,763 — נקבות, ד״ה אַז אויף 100 מענער זענען אויסגעפאַלן 105 פרויען.

פון דער אָנגערופענער צאָל זענען 1,496 געווען משפּחה־קעפּ און 3,849 אויף אויסהאַלטונג פון די ערשטע. אין דורכ־שניט פאַלט אויס אויף איין משפּחה 2,6 קינדער.

ביי דער גרופּע האַנדל פאַלט אויס אויף איין משפּחה מער פאַמיליע־מיטגלידער ווי אין דורכשניט, נעמלעך 3,5, ביי בעלי־מלאכות זענען קינדער פריער געוואָרן עקאָנאָמיש זעלב־שטענדיק ווי ביי סוחרים און קרעמערס. ביי די לעצטע האָבן אויך אפנים די בעסערע מאַטעריעלע באַדינגונגען זיי דערלויבט אויסצוהאַלטן אַ גרעסערע משפּחה.

די פּראָפעסיאָנעלע גלידערונג איז לויט דער ציילונג פון 1897 געווען אַזאַ:

טאַבעלע נומ׳ 15

פּראָפעסיאָנעלע גלידערונג אין 1897

פּראָפעסיאָנעלע גרופּע	עקאָנאָמיש זעלבשט.	פאַמיליע־מיטגליד.	צוזאַמען	%
1. מלאכה און אינדוסטריע	436	1,210	1,646	30.9
2. האַנדל	458	1,589	2,047	38.3
3. פון אייגענע קאַפּיטאַלן	134	332	466	8.7
4. הויזדינערשאַפט, משרתים	220	239	459	8.6
5. טראַנספּאָרט	65	226	291	5.4
6. באַאַמטע (קהלשע א״אנד)	19	60	29	1.5
7. מלמדים, לערער	25	88	113	2.1
8. פרייע פּראָפעסיעס	15	50	65	1.2
9. געשטיצט פון דער מלוכה־קאַסע און צדקה	9	5	14	0.2
10. אַנדערע	115	50	165	3.1
סך־הכל	1,496	3,849	5,345	100%

ווי מיר איבערציייגן זיך פון דער טאַבעלע, האָט אַ קנאַפּ דריטל פון דער ידישער באַפעלקערונג געלעבט פון מלאכה און אינדוסטריע און קנאַפּע 40% פון האַנדל. די גרופּע וואָס ווערט באַצייכנט אין דער רשימה ווי די וואָס לעבן פון אייגענע קאַפּיטאַלן, איז משמעות באַשטאַנען פון הויזווירטן, מלווים־בריבית און אַזעלכע וואָס אינוועסטירן זייערע קאַפּיטאַלן אין מסחר, דירעקט אָדער אומדירעקט, בכן האָט אַ היפּשער טייל פון זיי געלעבט פון מסחר און קרעדיט. דעריבער האָבן פון מסחר און קרעדיט געלעבט צוזאַמען בערך 45% פון דער ידישער באַפעלקערונג.

פון טראַנספּאָרט האָבן געצויגן חיונה 5.4% און פון די א״ג פרייע פּראָפעסיעס — 1.2%.

די רוסישע פאָלקס־ציילונג פון 1897 האָט נישט קיין פאַר־טיילונג פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער באַפעלקערונג אויף לוין־געבער און לוין־נעמער, ביידע קאַטעגאָריעס ווערן פאַררעכנט צו איין און דער זעלביקער פאַך־גרופּע. די איינציקע פאַך־גרופּע, ביי וועלכע עס איז קלאָר אַז זיי זענען געווען לוין־נעמערס, זענען הויז־דינערשאַפט און משרתים, באַאַמטע, מלמדים און לערער — צוזאַמען באַטרעפן זיי 12.2%.

עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע ציפער שעפּט ווייט נישט אויס דעם ארבעטער — און אָנגעשטעלטן־עלעמענט צווישן דער ידישער באַפעלקערונג, ווי למשל די געזעלן, פאַבריק־אַרבעטער. מיר האָבן אָבער נישט קיין שום מיטל פעסטצושטעלן זייער צאָלמעסיקן אַנטייל אין דעם עקאָנאָמיש־אַקטיוון טייל פון דער ידישער באַפעלקערונג.

עס איז אויפפאַלנדיק וואָס אין דער רשימה פעלט לחלוטין לאַנדווירטשאַפט ווי אַ מקור פון חיונה. עס האָבן זיכער נישט געפעלט דאַמאָלט קיין אייגנטימער, אָדער פאַכטערס פון סעדער און פעלדער, נאָר משמעות מחמת דעם וואָס די דאָזיקע באַשעפ־טיקונג איז געווען פאַר די שייכדיקע פּערזאָנען נאָר אַ נעבן־באַשעפטיקונג אין די זומער־סעזאָנען, איז דער דאָזיקער פּרנסה־צווייג נישט אריין אין אונדזער רשימה, וואָס גיט נאָר אָן די הויפּט־פּראָפעסיע.

מיר וועלן איצטער אַנאַליזירן מער פּרטימדיק די באַזונ־דערע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס אין אונדזער רשימה.

טאַבעלע נומ׳ 16

מלאכה און אינדוסטריע	זעלבשט.	פאַמיליע־מיטגליד.	צוזאַמען	%
באַקלייד־בראַנזשע	826	766	1052	64.3
אויסאַרבעטונגען פון אַלקאָהאָל א״אנד משקאות	49	132	181	11.2
אויסאַרבעטונגען פון טעקסטיל	23	68	91	5.7
אויסאַרבעטונגען פון האָלץ	11	57	68	4.3
אויסאַרבעטונגען פון פלאַנץ א״א שפּייז־פּראָדוקטן	13	33	46	2.8
אויסאַרבעטונגען פון פעלן, לעדער א״א	5	27	32	2.1
בוי	14	56	70	4.4
פּאָליגראַפיע	6	27	33	2.1
אין גרובנס	13	20	33	2.1
אויסאַרבעטונג פון קעראַמיק	3	9	12	0.7
אַנדערע	2	4	6	0.3
סך־הכל	425	1,199	1,624	100%

ווי עס ווייזט טאַבעלע נומ׳ 16, האָבן כמעט צוויי דריטל פון אַלע באַשעפטיקטע אין מלאכה און אינדוסטריע געצויגן זייער חיונה פון נייען מלבושים, וועש א״א באַקלייד־אַרטיקלען. שניידעריי איז ענלעך ווי אין פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון תחום־המושב, געווען אַ טיפּישע ידישע מלאכה. אויפן

צווייטן אָרט גייען באַשעפטיקטע אין דער אויסאַרבעטונג פון אלקאָהאָל א״א משקאות. פון דער דאָזיקער גרופּע זענען העכער 90% געווען באַשעפטיקט נישט אין דער אייגנטלעכער אַלקאָ־האָל־אינדוסטריע (אין די ברויערייען וואָס האָבן געהער־ט צו יידן זענען געווען באַשעפטיקט בעיקר קריסטלעכע אַרבעטער). אויפן דריטן אָרט פון אונדזער טאַבעלע שטייען באַשעפטיקטע אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אויפן פערטן — אין דער בוי־בראַנזשע, אויפן פינפטן — אין דער האָלץ־אינדוסטריע און אויפן זעקסטן אין דער דערנער־בראַנזשע.[4]

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז מיר געפינען נישט קיין יידן באַשעפטיקטע נישט אין דער מעטאַל און נישט אין דער כעמישער אינדוסטריע.

דער אָנטייל פון פרויען אין מלאכה ווי עקאָנאָמיש־זעלב־שטענדיקע איז געווען אַ מינימאַלער, נאָר אין באַקלייד־פאַך זענען געווען באַשעפטיקט אַ ביסל פרויען (12 אויף 286 בכלל!) דאַקעגן איז מערקווירדיק דער לפי־ערך אָנזעעוודיקער אָנטייל פון פרויען אין דער גרובן־אינדוסטריע (5 אויף 13 בכלל).

ממש אומגלייבלעך קליין איז דער אָנטייל פון יידן אין דער וואַלד־אינדוסטריע. בסך־הכל נאָר 1 פערזאָן, בעת דער דאָזיקער צווייג האָט אין פיל יידישע יישובים געהערט דאַמאָלט צו די פאַרשפרייטסטע אונטערנעמונגען פון יידישע פינאַנסיסטן.

מיר וועלן איצט איבער־גיין צו דער צווייטער אממייסטן פאַרשפרייטער באַשעפטיקונג צווישן דער יידישער באַפעלקע־רונג, נעמלעך צום האַנדל.

די פאַרטיילונג אויף האַנדלס־גרופּעס איז געווען אַזאַ:

טאַבעלע נומ׳ 17

גרופּע	זעלבשט. האנדל	פאמ.־מיטגליד.	צוזאַמען	%
הענדלערס סתם	119	370	489	24.7
״ מיט שפּייז־פּראָדוקטן	100	278	378	19.0
״ ״ תבואות	52	235	287	14.5
״ ״ טעקסטיל	67	247	314	15.8
״ ״ לעדער און פוטער	19	82	101	5.2
״ ״ מעטאַל און מאַשינען	15	59	74	3.8
״ ״ שטוב־חפצים	15	42	57	2.8
״ ״ האָלץ, הייץ־מאַטער׳	12	44	56	2.7
״ ״ משקאות	11	43	54	2.6
״ ״ בהימות	7	29	36	1.6
״ ״ אנד׳ אַרטיקלען	9	33	42	2.2
מעקלערס	17	83	100	5.1
ס״ה	443	1,545	1,988	100%

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע, האָט אַ קנאַפּ פערטל פון אַלע עקאָנאָמישע־זעלבשטענדיקע אין דער דאָזיקער גרופּע (24.7%) נישט געקאָנט אָנווייזן געניי מיט וואָס זיי האָבן אייגנט־לעך געהאַנדלט און זיי פיגורירן אין אונדזער רשימה ווי סתם הענדלערס. זיי האָבן משמעות געהערט צו דעם טיפּ „לופט־מענטשן״, וואָס איז בשעתו געווען אַזוי פּאָפּולער אין די שטעט און שטעטלעך פון תחום המושב און געלעבט פון צופעליקע פאַר־דינסטלעך ביי מסחר א״אנד אומבאַשטימטע עסקים. זיי באַטרעפן צוזאַמען מיט זייערע משפחות העכער 9% פון דער גאַנצער יידי־שער באַפעלקערונג. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע דאַרף מען אויך צורעכענען אַ היפשע צאָל מעקלערס (לכל־הפחות אַ העלפט), ווי אויך די וואָס פיגורירן אין אונדזער רשימה אונטער „אומבאַשטימטע און נישט־אָנגעגעבענע באַשעפטיקונגען״. אין סך־הכל ציילט די דאָזיקע גרופּע, וואָס איר ווירטשאַפטלעכע

באַזע איז געווען זייער אַן אומזיכערע און וואַקלדיקע און האָט געלעבט אַזוי צו זאָגן „פון האַנט צום מויל״, העכער 600 נפשות (מיט די פאַמיליעס) ד״ה 11.5% פון דער יידישער באַפעלקערונג — אַ גענוג בולטער באַווייז פאַר דעם דערונטערדיקן עקאָנאָמישן מצב פון גרויסע טיילן אירע (מיר רעכענען דאָ נישט אַריין אָרעמע בעלי־מלאכות, נידעריקע כלי־קודש און בכלל אָרעמ־שאַפט פון אַלע מינים, וואָס מיט די דאָזיקע גרופּעס וואָלט דער פּראָצענט פון ווירטשאַפטלעך־דערונטערדיקע לכל־הפחות זיך פאַרטאָפּלט).

העכער אַ פינפטל פון אַלע באַשעפטיקטע אין האַנדל (22.5%) זענען געווען קרעמע־ס פון שפייז־פּראָדוקטן, אויף די ווייטערדיקע ערטער שטייען די טעקסטיל־סוחרים („שניט־קראָמען״), די תבואה־סוחרים און די לעדער־סוחרים.

להיפוך צו דער גרופּע מלאכה און אינדוסטריע, ווו מיר טרעפן זעלטן פרויען ווי עקאָנאָמיש־זעלבשטענדיקע, פאַר־נעמען פרויען אין געוויסע האַנדלס־קאַטעגאָ־יעס אַן אָנזעעוודיק אָרט. אַזוי, למשל, באַטרעפן פרויען העכער אַ פינפטל פון אַלע שפייז־הענדלערס (21 פרויען אויף 100 בכלל), מער ווי אַ זיבעטל פון אַלע שניט־סוחרים (10 פרויען אויף 67), מער ווי אַ פערטל פון אַלע הענדלערס מיט משקאות (3 אויף 11). זיי באַטרעפן אויך אַ דריטל פון אַלע שטוב־הענדלערס וואָס פלעגן אַרומטראָגן צום פאַרקויפן איבער די הייזער (5 אויף 15).

וואָס שייך ווייבלעכע און מענלעכע דינערשאַפט (דינסט־מיידלעך און משרתים) באַטרעפט זייער צאָל 220 (155 דינסט־מיידלעך און 55 משרתים), ד״ה אַז דורכשניטלעך האָט נאָר יעדע 7טע משפחה געקאָנט זיך דערלויבן צו האַלטן אַ דינסט־מיידל אין דער היים אָדער אַ משרת אין געשעפט.

די גרופּע וואָס ווערט אין אונדזער רשימה באַצייכנט ווי אַזעלכע, וואָס האָבן געלעבט פון אייגענע קאַפּיטאַלן, האָט געציילט 134 פאַמיליעס (466 נפשות), וואָס באַטרעפן קנאַפּע 9% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. ווי מיר האָבן שוין באַ־מערקט, האָט די דאָזיקע גרופּע מסתמא אַרומגעכאַפּט על פּי רוב בעלי־בתים פון גרעסערע הייזער און וואָכערניקעס וואָס פלעגן אויסלייען געלט אויף משכנות.

די גרופּע באַאַמטע נעמט אַרום סיי אָנגעשטעלטע ביי קהל, סיי אין דער מוניציפּאַלער און מלוכהשער אדמיניסטראַציע. די ערשטע האָט געציילט 14 משפחות (אַ רב, 2 דיינים, אַ חזן, שוחטים, שמשים, נאמנים א״א). איין ייד איז געווען אָנגעשטעלט אין שטאָטישן מאַגיסטראַט (מסתמא געפיר־ט די יידישע מעטריקע־ביכער), אַ צווייטער אויף דער פּאָטשט און טעלעגראַף און איין מיידל איז געווען א מלוכה־באַאַמטין.

מאָדנע איז דער פאַקט וואָס איין ייד פיגורירט אין דער רשימה ווי אַ באַאַמטער אָנגעשטעלט פון דער פּראָוואָסלאַוונער קירך און אַ יינגער בחור ווי אַן אָנגעשטעלטע־ר פון אַן אנדערער קריסטלעכער רעליגיע! וואָס דאָס זאָל באַטייטן — איז שווער צו טרעפן.

אַ לפי־ערך קאָנטיקער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעל־קערונג (65 משפחות — 5.4%) האָט זיך מפרנס געווען פון טראַנספּאָרט. דאָס לאָזט זיך דער־קלערן מיטן פאַקט וואָס קוטנע איז געווען אַ וויכטיקער באַנקנופּ פאַר אַ ברייטער סביבה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע באַן־פאַרבינדונג (פּלאָצק און אומגעגנט, קויל, קאָנין מיט דער אומגעגנט אין דער קאַלישער גובערניע). קוטנער בעלי־עגלות האָבן זיך אפנים שטאַרק באַ־טייליקט אין טראַנספּאָרטירן סחו־רות „פער אקס״ פון די דאָזיקע מקומות צו דער קוטנער באַנסטאַציע.

25 משפחות האָבן געצויגן חיונה פון מלומדות און לערעריי און 4 משפחות פון ווייסנשאַפטלעכער און ליטעראַריש־קינסטלע־רישער טעטיקייט. ווער זענען דאָס געווען די ווייסנשאַפטלער און

קינסטלער ביים סוף 19טן יאָרהונדערט, האָט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות נישט געקאָנט דערגיין.

צווישן די א"ג „פרייע פראָפעסיעס" רעכנט אונדזער רשימה אויס צוויי אדוואָקאַטן און 7 דאָקטוירים און פעלדשערס (צווישן זיי צוויי פרויען). צוזאַמען מיט די אויבן־דערמאָנטע וויסנשאַפט־לער און קינסטלער — 13 משפחות — וואָס האָבן באַטראָפן נישט מער ווי 1% פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע.

לויט דער דאַמאָלטיקער שטאַנדן־איינטיילונג זענען 81 פער־זאָן (38 מענער און 43 פרויען) געווען פאררעכנט צום סוחרים־שטאַנד („קופצי"), 5,226 נפשות צום בירגערלעכן שטאַנד („מיעשטשאַני") און 9 פערזאָן צום פויערים־שטאַנד („קרעס־טיאַניע").

פאַר דעם קולטור־מצב פון דער קוטנער יידישער באַפעל־קערונג איז באַלערעוודיק די ציפער פון 1209 פערזאָן, וואָס ווערן באַצייכנט ווי אַזעלכע וואָס קאָנען לייענען און שרייבן רוסיש (760 מענער און 449 פרויען), וואָס האָט אויסגעמאַכט העכער אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין עלטער פון 14 יאָר און העכער (34.3%.) עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פעסטער נאַציאָנאַלער אינטעגראַלקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַז נאָר ד ר י י פערזאָן האָבן אָנגעגעבן ווי זייער מוטער־שפּראַך אַן אנדערע שפּראַך ווי יידיש אָדער העברעיש.

אונדזער רשימה האָט אויך פאַרצייכנט איין ייד ווי אַ תפיסהניק (קיין פאַמיליע ווערט ביי אים נישט אָנגעגעבן) ווי אויך צוויי פראָסטיטוטקעס, וואָס האָבן געהאַט אויף זייער אויס־האַלטונג צוויי קינדער.

עס איז כדאי צו פאַרגלייכן די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קוטנע במשך די 100 יאָר: 1796—1897. די דאָזיקע ענדערונגען אילוסטרירט די ווייטערדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע נומ' 18

די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין 1896 און 1897

	1896	1897
האַנדל	24.9	38.3
מלאכה און אינדוסטריע	41.6	30.9
באַאַמטע (קהלשע א"א)	* 9.7	1.5
טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע	1.1	5.4
פרייע פראָפעסיעס	2.1	0.2
הויז־דינערשאַפט און משרתים	8.4	8.6
אָן באַשעפטיקונג	5.2	0.2
אַנדערע	5.0	15.1
סך־הכל	100.0	100.0

די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער פּראָ־פעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג במשך דעם יאָרהונדערט, וואַרפן זיך ממש אין די אויגן: עס האָט זיך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט איר אַנטייל אין האַנדל — פון איין פערטל פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער באַפעלקערונג סוף 18טן י"ה אויף קנאַפּע 40% הונדערט יאָר שפּעטער; דאַקעגן איז געפאַלן איר אַנטייל אין מלאכה און אינדוסטריע — פון העכער 40% אויף אַ קנאַפּ דריטל.

מיר דאַרפן אָבער נעמען אין אַכט, אַז אַ געוויסער פּראָ־צענט בעל־מלאכות האָט זיך אין 1796, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, גלייכצייטיק פאַרנומען מיט קרעמעריי, בפרט מיט שענקעריי, ווי אַ נעבן־באַשעפטיקונג, אַזוי אַז פאַקטיש איז דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געצויגן חיונה פון האַנדל (אָדער אויך פון האַנדל) געווען אַ גרעסערער. אָבער אפילו מיט דער דאָזיקער באַוואָרעניש, בלייבט אַן אומ־שטרייטבאַרער פאַקט, אַז פאַרהעלטנישמעסיק האָבן מער יידן געצויגן חיונה פון מלאכה אין 1796, ווי מיט הונדערט יאָר שפּעטער.

ווייטער זעען מיר, אַז עס איז שטאַרק געפאַלן דער פּראָ־צענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט פון דער קהלישער קאַסע: 1897 באַטרעפן אַלע מינים באַאַמטע נישט מער ווי 1.5%, בעת אין 1796 האָבן די קהלשע אָנגעשטעלטע אויסגעמאַכט קנאַפּע 10% פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער באַ־פעלקערונג. דאַקעגן איז במשך דעם 19טן יאָרהונדערט באַדייטנ־דיק געוואַקסן דער אַנטייל פון יידן אין טראַנספּאָרט און קאָמוני־קאַציע — כמעט 5 מאָל אַזוי פיל ווי אין 1796 — לפי־ערך סטאַביל איז געבליבן דער פּראָצענט הויזדינערשאַפט (ווייבלעכע) און משרתים (8.4% און 8.6%).

ווייטער: אין 1796 האָט העכער 5% פון דער יידישער באַפעלקערונג נישט געהאַט קיין שום באַשעפטיקונג און געלעבט פון עפנטלעכער צדקה — אין 1897 באַטרעפט די דאָזיקע גרופּע אַפילו נישט קיין האַלבן פּראָצענט (0.2%) — אַ באַווייז ווי במשך דעם יאָרהונדערט האָט זיך ממשותדיק פאַרקלענערט די פּאָ־פּעריזאַציע, אין וועלכער די יידישע באַפעלקערונג האָט טיף געזונקען ביים סוף פון 18טן יאָרהונדערט.

די יאָרן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען יאָרן פון שטאַרקער פאַרמערונג פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג. במשך 13 יאָר (1897—1910) איז זי געוואַקסן פון 5345 אין 1897 ביז 9245 אין 1910 — אבסאָלוט מיט 3900 און רעלאַטיוו אויף 73%. זי האָט אין דעם יאָר באַטראָפן 63% פון אַלע איינוווינערס.

דעם דאָזיקן צוּוואוּקס קען מען נישט פאַרשרייבן בלויז אויפן חשבון פון נאַטירלעכן צוּוואוּקס, וואָס האָט אין אָנגערופענעם צייט־אָפּשניט — ביי דער „ענדע פון 19טן און 20סטן יאָרהונ־דערט — באַטראָפן אין דורכשניט 16 פּראָמיל, ד"ה, אַז במשך פון די אָנגערופענע 13 יאָר, האָט דער נאַטירלעכער צוּוואוּקס ביי די קוטנער יידן באַטראָפן בערך 1,100 נפשות. ווען מיר געבן צו די דאָזיקע ציפער צו דער צאָל יידן אין 1897, באַקומען מיר די צאָל 6,445 נפשות; פאַקטיש האָט די יידישע באַפעלקערונג אין קוטנע געציילט, ווי אויבן דערמאָנט, 9,245 נפשות, ד"ה אַז בערך 2,800 נפשות האָבן במשך פון די 13 יאָר איינגעוואַנדערט אין שטאָט פון דער פרעמד.

אַזאַ צאָלרייכע אימיגראַציע פון פרעמדע יידן במשך פון אַ לפי־ערך קורצן צייט־אָפּשניט איז אַן אומדירעקטער באַווייז, אַז קוטנע איז דאַמאָלט געווען אַן אָרט פון פּרנסה, וואָס האָט געצויגן יידן פון דער פרעמד. אין די דאָזיקע יאָרן האָט זיך שטאַרק אנטוויקלט דער תבואה־האַנדל, עס זענען אויפגעבויט געוואָרן גרויסע מעכאַנישע מילן און אַנדערע אונטערנעמונגען פון לאַנדווירטשאַפטלעכער אינדוסטריע, אין וועלכע דער יידי־שער אַנטייל איז געוואָרן גאָר אַן אָנזעעוודיקער. מען האָט צוגעוואַנדערט קיין קוטנע סיי פון די נאָענטע פּראָווינץ־שטעט־לעך, סיי פון ווייטערע מקומות. מיר טרעפן אין קוטנע תחילת 20סטן יאָרהונדערט אַ גאַנץ היפּשע קאָלאָניע פון „ליטוואַקעס", ווי סוחרים און אינדוסטריעלער.

די ווייטערדיקע טאַבעלע אילוסטרירט דעם וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג פון סוף 18טן ביז תחילת 20סטן יאָר־הונדערט.

* דאָ ווערן אַריינגערעכנט אַלע מינים קהלישע באַאַמטע, צוזאַמען מיט מלמדים, אָנגעשטעלטע ביי קהל.

טאַבעלע נומ׳ 19

יאָר	צאָל יידן	צאָל נישט־יידן	% פון נישט־יידן דער באַפעלק׳	צוּוואוּקס, אָדער פאַרמינערונג יידן %	נישט־יידן %
1776	1,000 *	—	—	—	
1796	1,800	—	—	+ 80.0	
1800	1,401	877	61.4	— 22	
1808	1,357	748	64.5	— 3.1	— 14.9
1827	2,859	1,761	61.8	+110.6	+135.4
1840	2,635	1,425	64.9	— 7.9	— 19
1857	3,859	2,009	65.8	+ 34.9	+ 14.1
1897	5,345	5,187	50.7	+ 30.7	+158.2
1910	9,245	—	63.0	+ 73.0	—
1921	6,784	13.92	42.5	— 26.6	—

די אויבנדיקע טאַבעלע, וואָס אילוסטרירט די דינאַמיק פון דעם וואַקסן פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז זייער באַלערנדיק.

אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט וואַקסט די יידישע באַפעלקערונג זייער שנעל. פון 1776 ביז 1796 (במשך פון 20 יאָר) איז איר צאָל געשטיגן אויף בערך 80%. **אין דעם צייט־אָפּשניט** פון 1796 ביז 1808 האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג באַדייטנדיק פאַרמינערט און האָט אין 1808 באַטראָפן מיט אַ קנאַפּ פערטל ווייניקער ווי אין 1796. די דאָזיקע פאַרמינערונג לאָזט זיך דערקלערן מיט די אומרויקע און אָפּט שטורמישע צייטן אין דער תקופה פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און די פּאָליטישע איבערטרייסלונגען אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט (1796—1815). אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך אין די דאָזיקע יאָרן שטאַרק פאַרקלענערט.

נאָך דעם ווי דער מצב אין פּוילן האָט זיך סטאַביליזירט מיטן אַנטשטייען פון „קאָנגרעס־פּוילן" (1815), געפינט זיך די יידישע באַפעלקערונג במשך דעם גאַנצן 19טן יאָרהונדערט אין אַ צושטאַנד פון אַ כמעט כסדרדיקן וואַקסן. אין משך פון ערשטן פערטל פון יאָרהונדערט (1808—1827), איז די יידישע באַפעלקערונג געוואַקסן אויף מער ווי נאָך אַ מאָל אַזוי פיל. במשך פון צווייטן פערטל (1827—1857) — אויף מער ווי אויף אַ דריטל. דאָס זעלבע קען מען אָבסערווירן במשך די 40 יאָר 1857—1897.

דער טעמפּאָ פון וואַקסן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג לויפט כמעט פּאַראַלעל מיטן צוּוואוּקס־טעמפּאָ פון דער יידישער, מיטן אויסנאַם פון דעם פּעריאָד 1857—1897, ווען די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט פילפאַך איבערגעשטיגן אין איר וווּקס די יידישע: בעת די יידישע איז אין דעם אָנגערופענעם פּעריאָד געוואַקסן אויף ווייניקער ווי אויף אַ דריטל, האָט זיך די קריסטלעכע פאַרמערט מער ווי אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי פיל.

פון דער טאַבעלע זעען מיר אויך, אַז במשך כמעט דעם גאַנצן 19טן יאָרהונדערט איז קוטנע געווען אַ שטאָט מיט אַן איבערוועגנדיקער יידישער מערהייט — אין 1857 האָבן יידן באַטראָפן כמעט צוויי דריטל פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער. אָבערביים סוף פון יאָרהונדערט ענדערט זיך די פאַרהעלטעניש לטובת דער פּוילישער באַפעלקערונג — לויט דער ציילונג פון 1897 מאַכן יידן אויס שוין נאָר עפּעס מער ווי אַ העלפט (50.7%).

אין דער ערשטער דעקאַדע פון 20סטן יאָרהונדערט ענדערט זיך ווידער די פּראָפּאָרץ לטובת דער יידישער באַפעלקערונג און האָט אין 1910 דערגרייכט אַ פּראָצענט, וואָס מיר טרעפן ביז 1897 (העכער 60%).

די דאָזיקע לאַגע ענדערט זיך ראַדיקאַל אין דעם צום תחית־המתים אויפגעשטאַנענעם פּוילן אין די 20קער און 30קער יאָרן.

לויט דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1921 זענען אויף 15,976 איינוווינער בכלל געווען 6,784 יידן, ד"ה 42.5%. און לויט דער צווייטער פאָלקס־ציילונג פון 9טן דעצעמבער 1931, איז דער פּראָצענטיקער אָנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אַלגעמיינער ווייטער געפאַלן: אויף 23,368 איינוווינער נאָר 6,440 יידן (לויט אָנגעגעבענער רעליגיע), בכן האָבן יידן באַטראָפן נישט מער ווי 27%.

אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1910 מיט איר מאַקסימאַלער צאָל יידן פאַר דעם גאַנצן געשיכטלעכן פּעריאָד, האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג סיי אַבסאָלוט, סיי רעלאַטיוו שטאַרק פאַרקלענערט. די דאָזיקע פאַרמינערונג דאַרף מען פאַרשרייבן אויפן חשבון פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון דער עמיגראַציע מעבר לים, אָנהייבנדיק פון די 20ער יאָרן. דאָס פאַלן פון דעם פּראָצענט יידן לגבי דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער איז אָבער אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַ קינסטלעכן אופן דורך איינשליסן פון ביי־שטאָטישע שטחים מיט אַן אויסשליסלעכער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין די אַדמיניסטראַטיווע שטאָטישע גרענעצן.

קאַפּיטל IV

דאָס גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע פּנים פון דער קהילה אין 19טן און תחילת 20סטן יאָרהונדערט

קוטנע פאַרנעמט אַ גרענעץ־פּאָזיציע צווישן גרויספּוילן און מאַזאָוויע, און דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויפן קולטור־פּרצוף פון די קוטנער יידן. עס איז דאָ געווען אַ געמיש פון גרויספּוילישער „דייטשמערישקייט" און מאַזאָווישער קערנדיקער עמכדיקייט, פון מתנגדישע בעלי־בתים, וואָס האָבן שבת צום דאַווענען געטראָגן הויכע גלאַנצנדיקע צילינדערס און צעכראַסטעטער חסידישער חבריא (קאָצקער און וואָרקער חסידים), פון פאַרמשכילישטע מתנגדים, וואָס האָבן געלייענט די „הצפירה" און „קורייער וואַרשאַווסקי", און שאַרפע קאָצקער חסידים, וואָס האָבן גערודפט רבנים און געשפּילט די ראָל פון אַ שאַרפן פערמענט אין קהלשן לעבן.

די דאָזיקע געאָגראַפישע גרענעץ־ליניע פון קוטנע האָט געפונען איר אויסדרוק אין דעם קוטנער „דיאַלעקט", וואָס איז געווען אַ געמיש פון גרויספּוילישן, פאַרדייטשמערישטן, און מאַזאָוויש־קערנדיקן, אַ ביסל פאַרגרעבטן יידיש. בעת דער אַלטער דור האָט באַנוצט נאָך דעם ערשטן פאַרדייטשמערישטן יידיש, האָט אין דער שפּראַך פון יינגערן דור דאָמינירט דער שפּראַכלעכער עלעמענט פון צווייטן.

די שטאָט איז אויך געווען אַ געמיש פון שאַרפער תורה און עמכדיקער פאַרגרעבטקייט. אַשׂס „קוילער געסל" איז נישט געווען ווייט פון בית־המדרש, פול מיט בחורים־לערנערס און שאַרפע לומדים. בשכנות פון ר׳ יהושעלע קוטנערס בית־דין־שטוב האָבן געוווינט קאַטאַריניאַזשעס און דאָס א"ג „פּעבל".

קוטנע איז ווי יעדעס יידיש שטעטל אין פּוילן געווען רייך אין כאַראַקטעריסטישע פאָלקסטיפּן, וואָס זענען געוואָרן אַ שם־דבר און פאַרנומען אַן אָרט אין שטעטלדיקן פאָלקלאָר. געוויסע טיפּן ווי למשל מרדכי „פּשאָרעק" און חיים וואָדניק זענען אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור דורך די שרייבער שלום אש („מאָטקע גנב") און י. י. טרונק („פּוילן").

אַן אייגנאַרטיקע גרופּע איז געווען די קליינע גרופּע „ליט־וואַקעס", וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן אין דער שטאָט נאָך דעם גירוש מאָסקווע (1891). זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין דער שטעטלדיקער אַטמאָספער אַ געוויסן עלעמענט פון גרויס־

* אין מקור איז אָנגעגעבן 200 משפחות אין קיילעכדיקע ציפערן. פאַר דער צווייטער העלפט פון 18טן י. ה. רעכענען מיר אין דורכשניט צו 5 נפשות אויף איין משפחה.

שטאָטישקייט, געפּאָרט מיט לויזער באַציונג צום רעליגיעזן לעבנס־שטייגער.

אָבער ווי אַ פאַרמעגלעכער עלעמענט (גרויסע סוחרים, פּאַבריקאַנטן), וואָס האָט זיך געלאָזט קאָסטן אויף קהלישע הצטרכות, האָט די גרופּע געניאָסן פון אַ ווייטגייענדיקער טאָלעראַנץ (מען האָט פאַרקוקט אויף זייער נישט איבעריק טראַדיציאָנעל־יידישן אויפפיר) און אייניקע פון זיי האָבן אַפילו פאַרנומען חשובע פּאָזיציעס אינעם קהלישן לעבן.

דער פונדאַמענט פון פּאַטריאַרכאַלישן שטעטלדיקן לעבנס־שטייגער האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען מיטן אָנקומען פון נייע ציינטן און נייע לידער.

די מאָדערנע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען האָבן פאַרכאַפּט די הערצער און מוחות פון יונגן דור. אַרום 1908 איז געגרינדעט געוואָרן אַ „ליטעראַרישע געזעלשאַפט" (אַ פיליע פון דער צענטראַלע אין פּעטערבורג), זי עפנט אַ ביבליאָטעק, אָרדנט איין פאָרלעזונגען אויף וועלכע עס טרעטן אַרויס אַזעלכע שרייבערס ווי שלום־עליכם (1913), ה. ד. נאָמבערג, הלל צייטלין א"אנד.

בעת די וואַלן צו דער צווייטער דומע אין 1907 איז אין שטאָט געווען טעטיק אַ פּועלי־ציוניסטישע גרופּע.

דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ראַדיקאַל געענדערט דעם מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג און אַ שטויס געטאָן איר געשיכטלעכע אַנטוויקלונג אויף נייע וועגן.

הערות צום קאַפּיטל 1

1 ישעיה טרונק — „ווען און ווו האָבן זיך יידן באַזעצט אין מאַזאָוויע ?" לאַנדקענטעניש, 193 נומ' 1.

2 J. Wierzbowski — Matricularum Regni Poloniae, Summaria, pars IV, No. 2017, 1513.

3 Soncino-Blätter, II Berlin, 1927, p. 110.

4 Słownik Geograficzny Królewstwa Polskiego ... vol. V, p. 956. Balinski-Lipinski, **Starożytna Polska,** I, p. 694.

4א Jakub Goldberg. „Osiemnastowieczne lokacje miejskie w dawnych województwach łęczyckim i sieradzkim. **Rocznik Łódzki,** tom IX (XII), 1964. p. 82.

5 אין דעם ווייטער ציטירטן דאָקומענט פון יאָר 1796 ווערט באַריכטעט, אַז די דאָזיקע שטעטלעך זענען פריער געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דער יוריסדיקציע פון קוטנער קהל און האָבן געצאָלט שטייערן אין דער קוטנער קהלשער קאַסע.

6 רפאל מאַהלער — יידן אין אַמאָליקן פוילן אין ליכט פון ציפערן, וואַרשע, 1958 ז' 37.

7 עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלעך געשיכטע פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פוילן, בוענאָס־איירעס, 1933, ז' 200.

8 דאָרטן.

9 לעווינשטיין — דור דור ודורשיו, וואַרשע 1890, ז' 109. Freudenthal, **Aus Moses Mendelsons Heimat**, p. 21.

10 Louis Lewin — **Beitrage zu der Geschichte der Juden in Kalish.** p. 153—154; Hepner-Herzberg — **Aus Vergangenheit und Gegenwart der Juden u. jüdischen Gemeinden in den Posener Landen.** Koschmin-Bromberg, II p. 728.

11 ע. רינגעלבלום — „דאָס יידישע טאָג־צעטל אין וואַרשע", לאַנדקענטעניש, וואַרשע, נומ. 1 (23), 1937.

12 E. Ringelblum — **Żydzi w Powstaniu Kościuszkowskim,** Warszawa, s.d. pp. 54, 80.

13 Konic — Komisja Rządząca w 1807 roku, Warszawa, 1904, p. 180; A. Eisenbach — Status prawny ludności Żydowskiej w Warszawie. **Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego,** 1961, no. 39, pp. 7—10.

14 E. Ringelblum — Żydzi w świetle prasy warszawskiej w XVIII. wieku, **Miesięcznik Żydowski,** 1932,, no. 7/8.

15 Gruetzmacher F. — Grundherrschaft und Bürgerschaft. **Zeitschrift der Historischen Gesellschaft für die Provinz Posen,** v. XXVII pp. 90—91.

16 Archiwum Główne Akt Dawnych, Warszawa, Księga Skarbowa, Oddz. 91, ks. 26 (36).

17 מ. קרעמר, „לחקר המלאכה והחברות בעה"מ אצל יהודי פולין" ציון, תרצ"ז, ע' 319, 320.

18 די צאָל 43 איז אומבאַדינגט צו קליין. מיר האָבן ליידער נישט קיין שליסל ווי אַזוי זי צו פאַרגרעסערן.

19 צו דער דאָזיקער מסקנא קומט אויך ד"ר מאַהלער אין זיין אָפּהאַנדלונג : „סטאַטיסטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לובלינער וואָיעוואָדשאַפט פון יאָר 1764". יונגער היסטאָריקער, ב. 2, וואַרשע, 1937.

20 חוץ די 98 פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך פערזענלעך געשטעלט צו דער ציילונג, רעכנט נאָך די רשימה 41 פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך נישט געמאָלדן און וועגן וועלכע עס איז גאָרנישט מער אָנגעגעבן. אַזוי אַרום באַטרעפט אייגנטלעך די צאָל פאַמיליעס 102.

21 אויך דאָ מוז מען די צאָל באַטראַכטן פאַר אַ זייער פאַרקלענערטע.

22 פון די שניידער־געזעלן האָבן 7 חתונה געהאַט און האָבן געאַרבעט אָדער ביי זייערע טאַטעס (2), אָדער ביי פרעמדע (5).

23 נאָר איין ווייַן־סוחר — אַ פּרנס — האָט געהאַנדלט פריי מיט משקאות „אויס ספּעציעלן פּריצישן חסד" — ווי עס באַמערקט דער שרייבער.

24 טאַד. קאָרזאָן שאַצט אָפּ דעם ווערט פון אַ פלאָרין (פּוילישער זילבערנער גילדן) אויף 36 רוסישע פאַרמלחמהדיקע קאָפּיקעס. זע זיינע Dzieje wewn. Polski za Stanisława Augusta I, p. 87.

25 חוץ די זענען אויך געווען פּריוואַטע מלמדים, וועלכע מיר געפינען אָבער נישט אויסגערעכנט, נאָר אין אַלגעמיין אָנגעמערקט, אַז אַזעלכע זענען פאַראַן. עס ווערט אויך ביי זיי באַמערקט, אַז זיי האַלטן זיך נישט אויף ביי זייערע תלמידים, נאָר פירן זעלבשטענדיקע ווירטשאַפטן.

26 אין דער דאָזיקער רובריק זענען אויסגערעכנט נאָר יידישע הויזדינערשאַפט. מען דאַרף אָבער אָננעמען, אַז אַ געוויסע צאָל קריסטלעכע הויזדינער און דינסטמיידלעך זענען געווען אָנגעשטעלט אין יידישע הייזער. מען דאַרף אָבער דעם פּראָצענט קריסטלעכע דינערשאַפט נישט צו הויך שאַצן (האַלטן אַ קריסטלעכע דינסט איז נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק געווען אַן אַקט פון „פאָרט־געשריטנקייט") אַזוי, אַז וועזנטלעך וועלן זיך די צאָל־פאַרהעלטענישן נישט ענדערן.

27 אין די אַקטן, וואָס זענען נוגע די שטאָטישע, זענען אויך דערמאָנט צוויי יידן, וואָס אַרבעטן ביים פּריץ אויף טאָג־לוין. מעגלעך, אַז זיי זענען געווען באַשעפטיקט ביי ערד־אַרבעט.

28 אויך דאָ איז אויסגערעכנט נאָר יידישע הויזדינערשאַפט. אין דאָרף איז משמעות דער פּראָצענט קריסטלעכע דינערשאַפט געווען באַדייטנדיק אַ העכערער, ווי אין שטאָט, אַזוי, אַז די פאַקטישע צאָל דינער איז ביי די דאָרפישע יידן געווען אַ גרעסערע, ווי מיר האָבן די מעגלעכקייט אָנצוגעבן.

29 מיר מיינען, אַז די 15 אָנגעקומענע, זיך ערשט איינאָרדענענדיקע פאַמיליעס, וועלכע מיר רעכענען נישט צו צו קיין שום גרופּע, שטעלן נישט אין ספק די וועזנטלעכע ריכטיקייט פון דער געגעבענער פאַרהעלטעניש.

30 צו דער גרופּע רייכע האָבן מיר אויך פאַרעכנט אַ רייכן דאָרפישן פאַכטער, וואָס וווינט אָבער, ווי עס באַמערקט די רשימה, אין דער שטאָט ; קיין שטייערן זענען ביי אים נישט אָנגעגעבן.

31 עס האָבן אַוודאי נישט געפעלט קיין פאַלן, ווען די אָפּשאַצונג איז נישט געווען קיין גענוג גענויע און גערעכטע, אַזוי, אַז פערזאָנען, וואָס וואָלטן אייגנטלעך צוליב זייער אָרעמקייט געדאַרפט באַפרייט ווערן אין גאַנצן פון שטייערן, זענען דאָך מיט זיי באַלאַסטעט געוואָרן.

32 די אַלע זענען מיט איין אויסנאַם הויזבאַזיצערס. אויך דער פאַקט, וואָס כמעט ביי אַלע געפינען מיר הויזדינערשאַפט און ביי עטלעכע פון זיי צו צוויי דינסטן, באַשטעטיקט אויך פון אַן אַנדערער זייט, דעם וווילשטאַנד פון דער דאָזיקער גרופּע.

33 ווי מיר זעען, איז געגאַנגען אַ כסדרדיקער עמיגראַציע־שטראָם פון די שטעט אין די דערפער. כמעט אַלע פון די 26 פאַמיליעס קומען פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי קלאָדאָווע, גאָמבין, גאָסטינין א"אַנד. אין פאַרלויף פון אַ פּאָר יאָר איז צוגעקומען 25% פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַמיליעס.

34 זייער לאַגע איז, ווייזט אויס, נישט געווען קיין גלענצנדיקע. אין אַ נאָטיץ רעדט זיך וועגן אַ לאַנגיאָריקן פאַכטער, וואָס האָט געמוזט, צוליב אָרעמקייט, זיך פאַרדינגען אין הויף אַלס ברויער.

35 די דאָרפס־יידן זענען דערביי געווען מחויב צו קומען אין שטאָט און אונטער אַ שטראָף פון אַ חרם, אָנצוגעבן די געפאָדערטע אינפאָרמאַציע.

36 די פוילישע רעגירונג האָט איינגעפירט אין יאָר 1789 אַ שטייער אויף רויע לעדער, וועלכן מען האָט אין יאָר 1791 פאַרביטן אויף שחיטה־שטייער (Podatek od rzezi).

37 אין באַריכט ווערט באַמערקט, אַז די „לאָפאַטקאָווע"־אָפּצאָלן פאַר אַ קאַלב דאַרפן צאָלן אויך די קריסטלעכע קצבים, וואָס איז ביז איצט נישט געשען.

38 סימפּאַטאָמאַטיש פאַר דער ריכטונג פון דער עוואָלוציע, וואָס די קהילה האָט אַדורכגעמאַכט, איז דער פאַקט, אַז מיט 12 יאָר שפּעטער האָט מען — ווי עס ווערט דערציילט אין ח"ק־פּנקס — געוואָלט אויסשליסן אַ קצב פון דער חברה מיט דעם מאָטיוו, אַז זיין פּראָפעסיע איז פאַר איר אַן אומכבוד. דאָ האָבן מיר נאָך אַ קצב אַלס פּרנס.

39 זי איז אונטערגעצונדן געוואָרן דורך די נאַציס אין פעברואַר אָדער מערץ 1940 און איז פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן.

40 אין אַרכיוו פון ייוואָ אין ניו־יאָרק געפינט זיך אַ האַנטשריפטלעכע קאָפּיע פון פּנקס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַ דאַנק דער השתדלות פון דעם בן־עיר, דעם היסטאָריקער ל י פ מ אַ ן צ אָ מ ־ ב ע ר (דעפּאָרטירט געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ קיין טרעבּ־לינקע, זומער 1942. ע. רינגעלבלום, נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ, וואַרשע, 1952, ז' 314). ל. צאָמבער האָט אויך פאַרעפנט־לעכט אַן אָפּהאַנדלונג אויפן סמך פון פּנקס א. נ. „אַ בילד פון יידישן לעבן אין אַ פוילישער שטאָט אָנהייב פון נײַנצנטן י"ה (די קוטנער חברה־קדשא אין אָנהייב נײַנצנטן י"ה)", אין יונגער היסטאָריקער, העפט I, וואַרשע, 1926, ז"ז 58—65 (באַמ. פון רעדאַקטאָר: צאָמבערס אָפּהאַנדלונג ווערט געברענגט אין דעם בוך, אויף דער זייט).

הערות צום קאַפּיטל 2

1 א. אייזענבאַך — „דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון די דעפּאַר־טאַמענט־וועדים און געפּלאַנטע צענטראַלע וועדים אין וואַרשע־ווער פירשטנטום", בלעטער פאַר געשיכטע, II, וואַרשע, 1938, ז' 149.

2 א. אייזענבאַך — „די צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַנען פון די יידן אין וואַרשעווער פירשטנטום, 1807—1815", בלעטער פאַר געשיכטע, II, ז"ז 45, 48, 55—56, 70, 71, 78, 79.

3 אין דעם אויבן ציטירטן בריוו צו די פּויזנער ראשי־הקהל שרייבט ער וועגן זיינע קאָנטאַקטן מיטן קוטנער פּריץ, וואָס איז געווען אַ מיטגליד אין מלוכה־ראַט.

4 Louis Lewin — **Geschichte der Juden in Lissa,** Pinne, 1904, pp. 305—306.

5 א. אייזענבאַך — בלעטער פאַר געשיכטע, ב. II, ז' 71.

6 דאָרטן, ז"ז 78, 79, 82.

7 Louis Lewin, o.c.p. 114, 168.

8 Heppner-Herzberg, o.c. II, pp. 609—610.

9 ישעיה וואַרשאַווסקי — „יידן אין קאָנגרעס־פּוילן (1815—1831)", היסטאָרישע שריפטן, ייוואָ, ב. II, 1937, ז' 341.

10 R. Pruemers — **Das Jahr 1793,** Posen, 1895, p. 580.

11 Philip Friedman — Wirtschaftliche Umschichtung- und Industrialisierungs-Prozesse im polnischen Judentum. **Jewish Studies in Memory of Alexander Kohut,** New York, 1935, p. 235.

12 Philip Friedman, o.c. p. 232; Kazimierz Reychman, Szkice genealogiczne, Warszawa, 1936, I, p. 52.

13 **Żydzi w Polsce Odrodzonej,** Warszawa, 1933, II, p. 441.

14 Kazimierz Reychman, o.c. I, p. 190.

15 Idem, o.c. I, pp. 75, 76.

16 I. Schiper — **Żydzi Królestwa Polskiego w dobie powstania listopadowego,** Warszawa, aneks, 2, p. 199.

17 עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלעך געשיכטע פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן, בוענאָס־איירעס, 1953, ז' 288.

18 דאָרטן, ז"ז 312—316.

19 דאָרטן, ז"ז 343—344.

20 חלקת מחוקק, מחברת ד, שורה י"ט.

21 המגיד, נומ' 4, 1863, ש. י. אָסלאָווינסקי איז פריער געווען חזן אין דובנאָ (המגיד, מס. 16, 1861).

22 המגיד, נומ' 16, 1861.

23 המגיד, נומ. 37, 1873.

24 המליץ, נומ. 42, 1886.

25 הצפירה, 1875.

26 הצפירה, נומ. 99, מאַי 1891.

27 הצפירה, נומ. 12, 1891.

די קוטנער חברה־קדישא אנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט

ל. צאָמבער

אַ בילד פון יידישן קולטור־לעבן אין אַ פוילישער שטאָט אין אָנהייב פון נײַנצנטן יאָרהונדערט

קוטנע געהערט אין אָנהייב פון נײַצנטן יאָרהונדערט צו די גרעסטע יידישע ישובים און אין וואַרשעווער דעפּאַרטאַ־מענט, צו וועלכן קוטנע געהערט, איז זי, אויסער דער הויפּט־שטאָט וואַרשע, די גרעסטע קהילה. אַזוי, למשל, באַשטייט דאָרט אין יאָר 1800 די יידישע באַפעלקערונג פון 1401 נפש, בעת די קריסטלעכע ציילט דאָ נאָר 887.*

נאָך מער: אירע גבירים שפּילן גאָרנישט קיין קליינע ראָל! אָט הערן מיר, אַז ר' משה שמולעוויטש פון קוטנע ווערט באַ־שטימט אין יאָר 1807 דורכן וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט אַלס יידישער קהילה־סינדיק פאַר וואַרשע.**

און דאָך איז די געשיכטע פון די יידן אין קוטנע, אַזוי ווי כמעט פון אַלע פוילישע שטעט, נאָך נישט באַרירט געוואָרן דורך אונדזערע היסטאָריקער.

זאָל דאָס קליינע בילדל פון אונדזער לעבן אין איין שטעטל דינען אַלס אַן אָנרעגונג פאַר אונדזערע יונגע היסטאָריקער צו באַאַרבעטן די געשיכטע פון זייערע שטעט און שטעטלעך, כדי דער־נאָך צו האָבן אַן אַלגעמיין לעבנס־בילד פון אונדזער עבר אין אַלע זיינע שאַטירונגען און ניואַנסן.

דער פּנקס, פון וועלכן מיר שעפּן אונדזערע ידיעות, הייבט זיך אייגנטלעך אָן פון יאָר תקס"ח (1808). אין דער הקדמה זאָגט דער אַנאָנימער מחבר, אַז די אַלטע פּנקסים זענען אַוועקגע־קומען „צוליב זייער אַלטקייט (ברוב עתים) און בעת פאַרשי־דענע שריפות, וואָס אונדזער קהילה האָט דורכגעמאַכט". אָבער אויף אַ צווייט אָרט (אין דער קאָפּיע איז עס איבערגעחזרט אַזש

* Holsche: Geographie und Statistik von West- Süd- und Neuostpreussen. בערלין, 1800, II טייל.

** Konis: Komisja rządząca w r. 1807. וואַרשע, 1904, זייט 180

צוויי מאָל), ווערט אַ ביסל געריעדט מיט אַ פאַרשטעלט לשון, אַז ס'איז פון אונדז צוגענומען געוואָרן דער אַלטער פנקס „מפני טעם כמוס״... אפשר מיינט מען די פריערדיקע פרייסישע מאַכט, צו וועלכער קוטנע האָט געהערט פון יאָר 1793 ביז 1806, וואָס האָט זיך באַמיט אַ תל צו מאַכן פון יעדן קהילה־לעבן; נאָר מער ווי זיכער מיינט דאָ דער מחבר די אינערלעכע מחלוקות, מיט וועלכע אונדזערע קהילות זענען פון שטענדיק אָן געווען רייך.

די צווייטע השערה ווערט נאָך זיכערער צוליב דעם, וואָס ס'האָבן זיך דערהאַלטן אַ פּאָר זייטלעך, פראַגמענטן, פון די פריערדיקע יאָרן, וועלכע גרייכן ביזן יאָר תקט״ו—1755.

נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז:

1) דער „נייער״ פנקס הייבט זיך אָן פון יאָר 1808;

2) פריער זענען שוין געווען אַלטע פנקסים, וועלכע זענען לײדער אַוועקגעקומען.

*

פאַרשטענדלעך, אַז דער פנקס, וואָס נעמט אַרום דאָס לעבן פון דער חברה־קדישא פון יאָר 1808 (עווענטועל 1755) ביזן היינטיקן טאָג, קאָן צושטעלן אַ סך מאַטעריאַלן נישט פאַר איין זייט פון קהילה־לעבן אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט. מיר ווילן זיך אָבער איצט באַגרענעצן נאָר מיט איין זייט: מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון דער חברה־קדישא אין אָנהייב פון נײַנצנטן י״ה, ד. ה. מיר נעמען אין אַכט נאָר דעם סטאַטוט, די תקנות, וועלכע זענען אַרײַנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1808, און אויך עטלעכע פראַגמענטן, וועלכע מאַכן בולטער אונדזער בילד.

*

די חברה־קדישא האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע: מבקר צו זיין קראַנקע, זיך מתעסק זיין ביי טויטע און אויף יום־טוב טיילן כיבוד און קיצבה.

כדי צו דערגרייכן דעם ערשטן ציל — השגחה צו געבן אויף קראַנקע — איז דער שמש מחויב צו נעכטיקן די ערשטע נאַכט ביי יעדן קראַנקן, דערנאָך שוין די חברים, לויטן אײַנזען פון גבאי־חודש (וועגן אים שפעטער), וועלכער שיקט אַרום „פלעטן״ — קוויטלעך. יעדער, וואָס קומט מבקר זיין אַ חולה, מוז זען, אַז דער קראַנקער זאָל האָבן צו עסן, טרינקען און אַלע רפואות, כדי עס זאָל אים גאָרנישט פעלן.

שפעטער האָט שוין די חברה־קדישא אירס אַ שפּיטאָל (הקדש).

די צווייטע אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דעם בײַצוווינען ביי דער גסיסה, צו טאָן דעם מת „זיין רעכט״, מטהר און מלווה זיין, און, ענדלעך, אים מקבר זיין.

די חברה האָט דעריבער אין איר רשות אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות דערמיט, אַלזאָ דעם בית־הקברות, די טהרה־כלים אאַ״וו.

חוץ דעם צאָלט אויס די חברה־קדישא חודשלעכע שטיצע פאַר אָרעמעלייט, אלמנות, און אויך חזנים, מלמדים, שמשים און אַנדערע „כלי קודש״.

(לויט אַ רשימה פון יאָר 1811 מאַכט אויס די חודשלעכע שטיצע 88 פוילישע גילדן).

*

שטעלט זיך די פראַגע: פון וואַנען האָט די חברה־קדישא געשעפּט אירע הכנסות?

אויף דעם ענטפערט אונדז דער פנקס אין פאַרשידענע שטעלן:

1) פון אײַנקויף־געלט פון יעדן נייעם חבר;

2) פון זאַמלען מיט דער „ביקס״ (פושקע) ביי יעדער לוויה און יעדן פרייטיק;

3) פון חודשלעכע אָפּצאָלונגען, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די חברים, ספּעציעל פאַר אָרעמעלייט;

4) די הכנסות פון דער מקוה, און

5) די וויכטיקסטע הכנסה: דאָס געלט פאַר דער קרקע

*

די אָנפירונג מיט דעם אַלעם איז געלעגן אין די הענט פון אַ פאַרוואַלטונג, וועלכע איז אָפיציעל באַשטאַנען פון 3 גבאים און אַזוי פיל שטעלפאַרטרעטערס, וועלכע זענען אויסגעוויילט געוואָרן אויף 1 יאָר אָן 8 טעג. נאָר פאַקטיש האָבן אויך געהאַט אַ דעה די כשרים.

די וואַלן זענען פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן:

אסרו חג פון פסח (בשום אופן נישט שפעטער), קומט פאַר די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער די פריערדיקע גבאים גיבן אָפּ אַ דין וחשבון פון קאַסע־צושטאַנד. די רעכענונגען באַשטעטיקן די שטעלפאַרטרעטערס. דערנאָך קומט פאַר די אָפּשטימונג. מ'וואַרפט אַרײַן אין אַ קאַפּל די נעמען פון די פולבאַרעכטיקטע חברים און מ'ציט אַרויס 5 קוויטלעך. די, וואָס זענען זוכה בגורל, הייסן כשרים.* אין דער קלפי האָבן דאָס רעכט אָנטייל צו נעמען אַלע חברים, אַחוץ די גבאים פון פריערדיקן יאָר, אָרעמעלייט און מקבלים, וואָס נעמען קיצבה, ווי אויך יונגע חברים, „מלאָדזשי״ (וועגן זיי — שפעטער).

די אויסגעוויילטע כשרים נעמען איבער די קאַסע, דערפילן די פונקציעס פון די גבאים, ביז ר״ח אייר, ד. ה. 8 טעג. אין דעם טאָג (אָבער בשום אופן נישט שפעטער), וויילן זיי אויס ברוב דעות צו 3 גבאים און שטעלפאַרטרעטערס, ווען זיי גיבן איבער די קאַסע, דעם פנקס א. אַ., און די ניי־געוויילטע גבאים הייבן אָן אויסצופירן זייערע פונקציעס.

פאַרשטענדלעך, אַז די כשרים קאָנען אויסוויילן פאַר גבאים וועמען זיי ווילן (אַזוי הייסט עס נאָר), אָבער אסור איז זיי „צונעמען די קרוין פאַר זיך״ אונטער דער שטראָף צו פאַרלירן די קלפי־רעכט אויף שטענדיק. אָבער נאָכן אויסוויילן די נייע גבאים, ענדיקט זיך נישט די קאָמפּעטענץ פון די כשרים, זיי האָבן דאָס רעכט, גלייך ווי די גבאים, אָנצונעמען נייע חברים, אַרײַנצושרייבן החלטות אין פנקס אאַ״וו.

דאָס אויסשליסלעכע רעכט, וואָס געהערט נאָר צו די גבאים, איז דאָס פירן די קאַסע און שיקן „פלעטן״ צו די חברים. און דאָס דערפילט יעדן חודש אַן אַנדער גבאי, וואָס ווערט אָנגערופן גבאי־חודש (דער חודש־גבאי) — אַ שטייגער, דער פרנס החודש אין יעדער קהילה־פאַרוואַלטונג.

אָבער אויך ביי געלט־ענינים האָט מען נישט געהאַט קיין צו פיל צוטרוי צו די גבאים. אַזוי, למשל, ווען איינער קויפט אַ קבר, מוז זיין אָנוועזנדיק לכל הפחות זיין שטעלפאַרטרעטער (נישט רעכענענדיק אַ קבר פאַר אַ קינד ביז 4 יאָר).

ווען עס שטאַרבט אָבער אַ חשובער ייד, מוזן זיין אָנוועזנדיק ביי דער השוואה אויך אַנדערע חברים. און ווען דער גבאי באַגייט אַ מאָל אַ שווינדל, מוז ער באַצאָלן דעם היזק פון זיין קעשענע.

דאָס זעלבע איז אויך נוגע די הוצאות. למשל, ביים צוזאַ־

---

* דאָס בילדל האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אויפן סמך פון אַ קאָפּיע פון פנקס, וואָס געהערט צו דער חברה־קדישא. צום באַדויערן איז עס נישט קיין קאָפּיע אין פולן זין פון וואָרט, ווייל זי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לויטן אײַנזען פון היינטיקן קוטנער רב י. י. טרונק, און עס געפינען זיך אין איר פראַגמענטן, וואָס זענען איבערגעשטעלט, איבערגעחזרט, און אפילו אַזעלכע, וואָס זענען אין אָריגינאַל נישטאָ.
נישט געקוקט דערויף, קומט דעם קוטנער רב אַ דאַנק דערפאַר, וואָס צוליב זיין מי, האָט די עפנטלעכקייט באַקומען אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דעם דאָזיקן פנקס, וואָס איז ביז איצט געווען שטאַרק אָפּגעהיט פון אַ פרעמד אויג דורך דער חברה־קדישא.
די דערמאָנטע קאָפּיע געפינט זיך אין אַרכיוו פון דער קוטנער קהילה.

מענשטעלן אַ רשימה פון אָרעמעלייט, וועלכע באַקומען די חודשלעכע קיצבה, מוזן זיין אָנוועזנדיק מערערע חשובע חברים.

*

אָבער נישט אַלע חברים האָבן די זעלביקע רעכט. אין פאַרלויף פון די ערשטע דריי יאָר, ווערט יעדער נייער חבר אָנגערופן „מלאָדזש", און האָט נישט קיין שום רעכט אָנטייל צו נעמען אין וואָסער ס'איז באַראַטונג, קלפי אאַז"וו. פאַרקערט, ער איז מחויב צו פאָלגן די עלטערע חברים, משמש זיין ביי קראַנקע און מתים און זיין גרייט אויף יעדן רוף פון די גבאים.

נאָך די ערשטע דריי יאָר, דאַרף ער שוין נישט משמש זיין מער, ווי אַ פולבאַרעכטיקטער חבר; ער קאָן שוין אָנטייל נעמען אין די באַראַטונגען, אויך אין דער קלפי, אָבער ער קאָן נישט אויסגעוויילט ווערן אַלס גבאי אָדער אויף עפּעס אַן אַנדערן אַמט.

פולבאַרעכטיקט ווערט ער ערשט נאָך 6 יאָר.

בנוגע חשובע יידן, ד. ה. תלמידי־חכמים, נגידים א. אַ. ווערט געמאַכט אַן אויסנאַם: זיי זענען אויך „מלאָדזשיס" אין פאַרלויף פון 6 יאָר, ד. ה. זיי האָבן נישט קיין אַקטיווע און פּאַסיווע וואַל־רעכט, נאָר זיי דאַרפן נישט משמש זיין מער ווי אַ פולבאַרעכטיקטער חבר.

אויף די חברים ליגט אַ חוב איינצושרייבן זייערע יונגע זין, פאַר וועלכע זיי צאָלן איינקויף־געלט בלויז 10 פוילישע גילדן (אַ פרעמדער צאָלט מער). אָבער זייער „מלאָטשעסטווע" הייבט זיך ערשט אָן נאָך דער חתונה.

די חברים האָבן אָבער אויך אַנדערע רעכט. ווי מיר האָבן שוין געזען, מוז ביי יעדן וויכטיקן ענין, ווי אָפּנעמען און אויסגעבן געלט, זיין די הסכמה פון די חברים. אויך נייע החלטות קאָנען נישט אָנגענומען ווערן אָן זייער צושטימונג. זיי האָבן אָבער נישט דאָס רעכט עפּעס אַריינצושרייבן אין פנקס, אַ פשיטא שוין — אַקעגנצושטעלן זיך, אָדער פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס עס איז שוין אַריינגעשריבן געוואָרן אין פנקס. דערפאַר, ווען אַ חבר שטאַרבט, האָט ער, אַחוץ דעם כב"ד, וואָס אַלע חברים זענען אים מלווה, אויך דאָס, וואָס מ'באַצאָלט פאַר זיין קבר, ווי רייך ער זאָל נישט זיין, נישט מער ווי 10 פוילישע גילדן.

*

אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון דער חברה־קדישא איז געווען דער שמש. ער מוז נעכטיקן די ערשטע נאַכט ביי יעדן קראַנקן, ער טוט צו וויסן דעם גבאי־חודש וועגן יעדן קראַנקן און מת, ער רופט אין די ידישע גאַסן מלווה צו זיין אַ מת, גראָבט די קברים, היט דעם אינווענטאַר אאַז"וו.

דערפאַר באַקומט ער:

1) די גאַנצע הכנסה פון דער מקוה,

2) די „ביקס", ד. ה. וואָס ער נעמט צונויף מיט דער פושקע יעדן פרייטיק, און

3) דרייסיק פוילישע גילדן אַ יאָר.

*

פון דעם געזאָגטן זעען מיר:

1) אַז די חברה־קדישא האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע פילאַנטראָפּישע פונקציעס, וואָס געהערן אייגנטלעך צו דער קהילה.*

* * *

איך בעשטאַטיגע דען ערהאַלט דיא אויף מיין נוממער 50 № געצאָגענעם געווינען פון 50 MK פינפציג מארק.
א׳ בדר״ח תמוז 13.6.15

מרדכי מאנטשעסטער

בחתימת דלמטה הנני מקיים קבלת זכיית הגורל על נוממער 335 № סך 100 מאה מארק.
ב״ה א׳ ברד״ח תמוז 13.6.15

אביגדור גרוניהמאן

איך בעשטאטיגע דען ערהאלט דיא אויף מיין נוממער 886 № געצאגענע געווינען פון 50 פונפציג מארק.
א׳ בדר״ח תמוז העת״ר 13.6.15

איטשע גאָלדמאן

איך בעשטאטיגע דען ערהאלט דיא אויף מיין נוממער 6 № געצאגענע געווינען פון 200 צווייהונדערט מארק.
א׳ בדר״ח תמוז העת״ר 13.6.15

שמואל שמוקלערסקי

איך בעשטאטיגע דען ערהאלט דיא אויף מיין נוממער 165 № געצאגענעם געווינען 100 הונדערט מארק.
א׳ בדרח״ח תמוז העת״ר 13.6.15

ש. גייסט

באַמערקונג פון רעדאַקטאָר: **דאָס העפטל מיט די קנאַפּע טויזנט נעמען פון יידן, וועלכע האָבן געקויפט לאָטעריע־צעטלען פון דער קוטנער תלמוד־תורה, האָט ר׳ אהרון־שלמה עלבערג אָפּגעהיטן אין משך פון 50 יאָר — און ווי אַ וויכטיקער דאָקומענט איז ער דאָ פאַרעפנטלעכט „ווי ער גייט און שטייט״, הן לײַטן אויסלייג, הן לויטן אינהאַלט — אָן וועלכע ס׳איז ענדערונגען.**

קוטנע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

מירל ערדבערג־שאַטאַן
מאָנטרעאל

עס איז געווען אין יאָר 1914, דעם 28סטן יולי. מיין מאַמע האָט מיך געשיקט קיין קאַליש צו מיינעם אַ פעטער, אויף אַ חתונה פון זיין זון. עס זענען זיך צונויפגעקומען געסט פון פאַרשידענע שטעט. צווישן זיי — מיינער אַן עלטער־פעטער, שלום איציק קראָשניעווסקי, פון שטעטל באַביאַק, נעבן פלאָצק. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, געזעסן טאָג־און־נאַכט און געלערנט. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, איז ער גלייך ביים אָנהייב מלחמה געווען אַ קרבן פון די רוסישע קאָזאַקן. זיי האָבן אים דערהרגעט אין דער באַביאַקער קלויז, בשעת ער און נאָך חסידים זענען דאָרט געזעסן און געלערנט.

עטלעכע טעג נאָך דער חתונה, עס איז געווען אַ שבת, זענען מיר, אַ גרופּע מיידלעך, געגאַנגען באַקוקן דעם קאַלישער שטאָט־גאָרטן. פּלוצלינג האָבן צוויי עראָפּלאַנען גענומען אַרומפליען איבערן גאָרטן. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ סומאַטאָכע. אַ סך מענטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. ווי פיל אַנדערע, בין איך אַהיימגעלאָפן אַ דערשראָקענע און געוואָר געוואָרן, אַז דאָס זענען דייטשע אויסשפּיר־עראָפּלאַנען. מיין פעטער האָט אַלעמען געראָטן וואָס פריער אַהיימצופאָרן. זונטיק פרי בין איך אַוועק קיין קוטנע.

דעם גאַנצן וועג אויף דער באַן האָט מען שוין גערעדט וועגן מלחמה. מיר האָבן געפילט, ווי שוואַרצע וואָלקנס הענגען איבער אונדזערע קעפּ. די גאַנצע הנאה, וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דער חתונה, האָט זיך אין איין מינוט פון אונדז אָפּגעטאָן.

אַריינקומענדיק אין דער פרי אין אונדזער שטעטל קוטנע, זענען שוין אַלע גאַסן, טויערן און ווענט, געווען באַקלעפּט מיט גרויסע פּלאַקאַטן, וועלכע האָבן גערופן צו מלחמה־מאָביליזאַציע. גרופּעס מענטשן זענען געשטאַנען מיט דערשראָקענע בליקן און נישט געוואָלט גלייבן זייערע אויגן. מאָנטיק באַגינען, בשעת מיר זענען נאָך געווען אין די בעטן, האָבן מיר שוין געהערט אַ הירזשען פון הונדערטער פערד, אַ געקלאַפּער פון זייערע אייזערנע פּאָדקאָוועס און די פאַרצווייפלטע זיפצן פון מענטשן. די גאַסן זענען געווען איבערגעפולט. מענער מיט טרויעריקע בליקן און שווערע פּעקלעך אויף די אַקסלען, האבן דערשראָקענע מאַרשירט צו דער באַן־סטאַציע. זייערע פרויען האָבן זיי באַגלייט מיט טרערן אין די אויגן און איינגעהאַלטענע שלוכצן, פירנדיק ביי דער האַנט דערשראָקענע קינדער. פון די פערד האָט זיך געטראָגן אַן עיפּושדיקער ריח איבער דער גאַנצער שטאָט — אָבער ווער האָט איצט עפּעס געזען אָדער געהערט. אַלץ איז געקומען אַזוי שנעל און פּלוצלינג.

די מלחמה האָט זיך כמעט נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן, האָט מען שוין געשמועסט, אַז מער ווי 4 וואָכן וועט עס נישט אָנהאַלטן. נאָך דעם אייגענעם טאָג (מאָנטיק נאָכמיטאָג), האָבן מיר שוין געהאַט די איבערראַשנדיקע נייעס, אַז קאַליש, פון וואַנען איך בין ערשט נעכטן צוריק געקומען, איז שוין דורך די דייטשן באָמבאַרדירט און צעשטערט געוואָרן, אַ סך מענטשן זענען אומגעקומען. אַלע אין אונדזער שטוב האָבן אַרויסגעקרעכצט: „אוי, דער פעטער!". וועגן דעם פעטער האָבן מיר לאַנג נישט געקאָנט טראַכטן. מ'האָט אונדז באַלד געלאָזט וויסן, אַז מאָרגן, דינסטיק קומט אָן די ערשטע פּאָרפּאָסט, און אויב זיי וועלן זיך באַגעגענען מיט די רוסן און די לעצטע וועלן אויף זיי שיסן און ס'וועלן זיין דייטשע קרבנות — וועלן זיי אונדזער שטעטל טאָן דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן קאַליש.

מע קאָן זיך פאָרשטעלן אונדזער אַלעמענס שרעק און פאַרצווייפלונג. מ'האָט אַ גאַנצע נאַכט געבעטן, אַז בעסער זאָלן די רוסישע פּאָרפּאָסטנס האָבן פאַרלוסטן, איידער די דייטשע. מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט אויפן פרימאָרגן. עס האָבן זיך באַלד פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער שטאָט־נאַטשאַלניק האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן און מיטגענומען מיט זיך אַ צוויי צענדליק סאָלדאַטן און אַז די דייטשן וועלן זיך נאָר באַוויזן, וועט ער זיי באַפאַלן און דערהרגענען. עס איז טאַקע אַזוי געווען...

נישט ווייט פון שטאָט האָט זיך געהערט אַ שיסעריי. מיר האָבן זיך באַלד דערוווּסט, אַז 4 דייטשן און צוויי רוסן זענען געפאַלן טויט. עס איז געוואָרן אַ מהומה, אַ בהלה. באַלד וועט פון אונדזער קוטנע בלייבן אַ באַרג אַש. עס איז שווער אַרויסצוברענגען מיט דער פעדער, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן. ווער עס האָט געהאַט געלט, האָט געדונגען גרעסערע וועגענער. די מיט ווייניקער געלט, האָבן געדונגען קלענערע וועגענער, אויף וועלכע מ'האָט אַרויפגעלייגט ס'ביסל האָב־און־גוטס. מ'איז געפאָרן, ווו די אויגן האָבן געטראָגן. די פורמאַנעס האָבן גענומען געצאָלט, וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזן. זענען טאַקע אַ סך אָרעמע פרויען מיט זייערע קינדער אויף די הענט, געגאַנגען צופוס, נישט וויסנדיק אַפילו ווו זיי גייען.

כאַראַקטעריסטיש, אַז כמעט אַלע מענער זענען געבליבן אין שטאָט. איך, מיין מוטער און ייִנגערע שוועסטער, מיין שוועגערין (דעם ברודער אברהם ערדבערגס פרוי), מיט אַ קליין קינד, זענען אויף אַ קליין פורל אַוועק אין אַ דערבייאיקן דאָרף צו באַקאַנטע. פאָרנדיק אויף דער פור אין אַזאַ שיינעם, זומערדיקן טאָג. האָב איך געטראַכט: פאַר וואָס טוען די מענטשן אַזוי פיל שלעכטס איינער דעם אַנדערן?! פאַר וואָס האָבן מיר איבערגעלאָזט דעם זיידן, דעם טאַטן און דעם ברודער? איך האָב געזאָגט דער מאַמען:

— לאָמיר צוריק אַהיימפאָרן.

די מאַמע האָט געענטפערט:

— מיר וועלן שטיין אין פאַרבינדונג מיט אונדזער שטעטל. דער ברודער וועט אונדז טעלעפאָנירן און איבערגעבן וואָס דאָרט קומט פאָר...

טאַקע גלייך נאָך אונדזער אָנקומען, האָט אונדז דער ברודער טעלעפאָנירט. מיר זענען גראָד געשטאַנען אין אַ דאָרף, ביי באַקאַנטע יידישע פּריצים, וועלכע האָבן געהאַט אַ טעלעפאָן. דאָס דייטשע מיליטער איז נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען. די שטאָט איז נאָך גאַנץ, נאָר אין די גאַסן זעט מען הונדערטער מענטשן, פאַרשידענע קראַנקע, וועלכע זענען געווען אויף קור־ראַציע אין טשעכאָטשינעק, זיי קאָנען נישט איצט באַקומען קיין באַנען ווייטער צו פאָרן אַהיים. די שטאָט טוט אַלץ, כדי צו באַקומען וועגענער אָפּצושיקן די אומגליקלעכע אין זייערע וווינערטער. דערווייל איז אַדורכגעפאָרן און אַדורכגעגאַנגען אַ סך עסטרייכיש מיליטער מיט פּולעמיאָטן, קאַנאָנען און האַרמאַטן.. מיר האָבן אַלע אָנגעהויבן וויינען פאַר שרעק און געציטערט. „דאָס פאָרט מען באָמבאַרדירן אונדזער שטאָט, נקמה נעמען פאַר די 4 דייטשע סאָלדאַטן"...

מיין ברודער האָט אונדז ווידער טעלעפאָנירט און באַרויִקט, אַז די שטאָט־דאָזאָרעס מיטן רב גרייטן צו אַ פייערלעכע אויפנאַמע פאַר די דייטשן, מ'זאָל די שטאָט נישט באָמבאַרדירן; פאַרן מאַגיסטראַט האָט מען אַוועק געשטעלט אַ גרויסן, געדעקטן טיש מיט כל טוב: וויינען, ליקערן, געבראָטענע גענדז — און אַזוי ווייטער. כאָטש מיר האָבן די אַלע פיינע ידיעות באַקומען טעלעפאָניש פון מיין ברודער, זענען מיר פאָרט דאָ אין דאָרף געווען אומרואיק. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר נישט געשלאָפן. די ייִנגערע האָבן זיך געטוליעט צו די עלטערע און צוזאַמען געזיפצט און געקרעכצט: „אָט וועט פון אונדזער שטעטל ווערן אַ באַרג אַש. צוזאַמען מיט אונדזערע נאָענטע וועט אַלץ צעשטערט ווערן". די נאַכט האָט ביי אונדז אויסגעזען לאַנג ווי דער יידישער גלות. קוים זיך דערוואַרט אויף טאָג.



מודעה על נשף עברי דרמתי־ספרותי ב־1917
פלאַקאַט וועגן אַ העברעיש־דראַמאַטיש־ליטעראַרישער פייערונג אין יאָר 1917

באַלד אין דער פרי (מיטוואָך), האָט מען אונדז געלאָזט וויסן, אַז מיר קאָנען זיך שוין אומקערן אַהיים, אַלץ איז אַדורך בשלום. די דייטשן באַנעמען זיך העפלעך. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די פריינד, זיי געדאַנקט און געפאָרן אַהיים. צוריקגעקומען, האָבן מיר געפונען די פּעק צוגעבונדענע ווי מ'האָט זיי געהאַט איבערגעלאָזן. מ'האָט אַלץ צוריק אויפגעפּאַקט און געטראַכט צו נעמען זיך צו דער נאָרמאַלער אַרבעט. אָבער נישט אַלץ איז געגאַנגען ווי מיר האָבן געמיינט. ס'איז געווען מלחמה — לאַנגע וואָכן, חדשים, יאָרן...

דעם ערשטן האַלבן טאָג זענען געקומען רוסישע פּאָרפּאָסטנס, דעם צווייטן האַלבן טאָג — דייטשע. אַזוי זענען מיר אין דער פרי געווען רוסישע אונטערטאַנען, און נאָך מיטאָג — דייטשע...

די שטאָט איז דערווייל געפירט געוואָרן פון אַ געמישטער מיליץ. די ייִדן האָבן אין אָנהייב שטאַרקער דערפילט דעם טעם און ווייטיק פון דער מלחמה איידער אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די רוסן האָבן געשריגן „ביעי זשידאָוו!" („שלאָגט די ייִדן!"). פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען אַ קאָזאַק מיט אַ לאַנגער פּיקע — איך האָב זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן. דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען איך האָב געוואָלט אַריבערגיין די גאַס קויפן ברויט.



קאָזאַקן אין דער אָקופּירטער קוטנע — 1914
הקוזקים בקוטנה הכבושה — 1914

די קאָזאַקן מיט די גרויסע פוטערנע פּאַפּאַכעס האָבן אויף אונדז אָנגעוואָרפן אַ שרעק. זיי האָבן געכאַפּט אַלע הינער, וואָס זיי האָבן נאָר געזען אין די הייף, אַ דריי אַראָפּ געגעבן די קעפּלעך, געמאַכט גריבער, אָנגעלייגט אַ פייער, אָפּגעבראָטן די עופות און געגעסן ווי ווילדע. נאָכמיטאָג ווידער האָבן די דייטשן אויך געזוכט הינער, אָבער זיי נישט געבראָטן אין גריבער אויף די הייף, נאָר געקומען אין די ייִדישע היימען און געבעטן מ'זאָל זיי ריינמאַכן און אָפּקאָכן. טייל מאָל האָבן זיי נאָך דערפאַר באַלוינט. איך מוז באַמערקן, אַז סיי די רוסן, סיי די דייטשן, האָבן געכאַפּט נאָר ייִדישע עופות...

מיר האָבן געמיינט, אַז די דייטשן וועלן זיין אונדזערע דערלייזער און זיך נישט אָפּגעזאָגט צו קאָכן פאַר זיי און געבן אַ געלעגער צו שלאָפן. דערפאַר האָבן די גוייִשע שכנים געהעצט קעגן אונדז און געמסרט פאַר די רוסישע קאָזאַקן. יעדן פרימאָרגן זענען פאָרגעקומען קליינע פּאָגראָמען אויף ייִדן. די איינציקע דערלייכטערונג איז געווען, וואָס נאָכמיטאָג האָבן די קאָזאַקן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. און באַלד נאָך זייער אַוועקרייטן אויף די ריזיקע פערד, האָבן זיך באַוויזן די דייטשן.

גאַנץ אָפט האָבן די קאָזאַקן מיטגעשלעפּט מיט זיך ייִדישע יונגעלייט, אויף וועלכע די פּאָליאַקן האָבן אָנגעוויזן, אַז זיי האָבן פריינדלעך גערעדט מיט די דייטשן. איינעם פון זיי, יצחק דאָמאַנאָוויטש, האָבן זיי אין אַ דערבייאיק שטעטל פאַרפייניקט צום טויט, אויך נאָך איינעם, איך געדענק נישט זיין נאָמען.. נאָך פיל יונגע מענטשן האָבן זיי פאַרשלעפּט, זיי פאַרשפּאַרט אָן אַ פאַרוואָס אין די טורמעס.

נאָך עטלעכע וואָכן „קאַץ־און־מויז־שפּיל" צווישן די רוסן און דייטשן, זענען אָנגעקומען גרויסע דיוויזיעס דייטשיש מיליטער, מיט פיל שפּייז און אַמוניציע. דאָס מאַרשירן פונעם מיליטער האָט פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג. הינטער דער שטאָט האָבן זיי גלייך גענומען גראָבן אָקאָפּעס. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אין מלחמה־פיבער. יעדער, ווער עס האָט נאָר געקאָנט — האָט זיך אָנגעגרייט שפּייז. אין די נעכט זענען די שכנים זיך צונויפגעקומען אין די קעלערס פון די הייזער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַ מאַנגל אין שפּייז. ווער עס האָט געהאַט מער געלט, האָט געקויפט אַ סך און בעסערע שפּייז. און די וואָס האָבן געהאַט ווייניק געלט, האָבן זיך געמוזט באַגנוגענען מיט מינימום עסן, ווי, למשל, ברויט, געבאַקן פון רעטשענע מעל, מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ. קאַשעס פון פאַרשידענעם אָפּפאַל. די נעכט וואָס מיר זענען נישט אַראָפּ אין די קעלערס, האָבן מיר געמוזט גלייך מיטן אָנקום פון אָוונט זיך לייגן אין די בעטן. מ'האָט נישט געטאָרט אָנצינדן קיין ליכט. יעדער מיליטער־מאַן האָט געהאַט דאָס רעכט צו שיסן אין אַ הויז, ווו ער האָט געזען אַ שטראַלעכל ליכט.


טאָג און נאַכט האָבן זיך געלאָזט הערן די האַרמאַטן. טייל מאָל שטאַרקער, טייל מאָל שוואַכער. די ערד האָט זיך געטרייסלט. אַזוי זענען מיר אָפּגעלעגן האַלב הונגעריקע און אין טויט־שרעק אין די בעטן, אָדער אין די קעלערס.

איין מאָל אַ פאַרנאַכט, האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקערע שיסעריי ווי געוויינלעך. אַלע זענען אַראָפּ אין די קעלערס און אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט; די קינדער האָבן דערשראָקענע זיך געטוליעט צו די מוטערס. יעדער האָט געבעטן עס זאָל שוין ווערן טאָג, וועלן מיר אפשר די שרעק אַזוי שטאַרק נישט פילן. די האַרמאַטן־שאָסן האָבן זיך געלאָזט הערן אַלץ שטאַרקער און נענטער, אַפילו אין די קעלערס האָט די ערד זיך געטרייסלט. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט איינער פון דער גרופּע געזאָגט, אַז ער וועט פאָרזיכטיק אַרויסגיין זיך דערוויסן וואָס עס הערט זיך. ער איז צוריק געקומען מיט אַ שמייכל און איבערגעגעבן, אַז ס'איז שטיל, דוכט זיך, אַז די שלאַכט איז שוין פאָריבער.

מיר זענען אַלע אַרויסגעלאָפן אין גאַס און פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד: טויזנטער ביקסן זענען געלעגן אויפן וועג, מ'האָט געטראָגן טויטע און פאַרוווּנדעטע אויף בעטלעך, בלוט איז גערונען פון אונטער די יילעכער. פון אַ טייל בעטלעך האָט מען געהערט קרעכצן, פון אַנדערע — הויכע, פאַרצווייפלטע געשרייען, און אַ טייל איז געווען אין גאַנצן שטיל. שפּעטער האָט דייטשיש מיליטער מאַרשירט מיט געזאַנג איבער די גאַסן.

דעם אייגענעם טאָג האָבן די דייטשן איבערגענומען די גאַנצע שטאָטישעווירטשאַפט. באַזעצט דעם מאַגיסטראַט, אַריינגעצויגן עלעקטרישע באַלייכטונג, אָנגעהויבן אויסגלייכן וועגן, געברענגט מאַשינען, וואָס מ'האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען. זיי האָבן באַלד גענומען יונגע מענטשן (פון 17 ביז 40 יאָר) צו די שווערסטע אַרבעטן, אַ גאָר גרויסן טייל פון זיי האָבן זיי געשיקט אויף שווערער אַרבעט קיין דייטשלאַנד. פיל זענען פון די שווערע אַרבעטן פאַרקריפּלט אָדער געהרגעט געוואָרן. מיינער אַ געשוועסטערקינד, עזריאל ערדבערג, אַ יונגער בחור פון 17 יאָר, איז ביי אַ דינאַמיט־אויפרייס אין דייטשלאַנד בלינד געוואָרן. (געשטאָרבן אין לאָנדאָן אין 1964).

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז פאַרוווּנדעטע ייִדישע סאָלדאַטן



ייִדישע צוואַנגס־אַרבעטער ביים אויסלאָדענען וואַגאָנען (1915)
פועלי־כפייה יהודיים בפריקת קרונות (1915)

געפינען זיך אין שפיטאָל, נישטאָ ווער עס זאָל זיך אויף זיי אומקוקן. אַ גרופּע מיידלעך און בחורים האָבן אָרגאַניזירט אַ זעלבסטהילף און געבעטן אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען אין שפּיטאָל. מיר האָבן דאָרט געזען שרעקלעכע בילדער. די פאַר־ווונדעטע זענען געלעגן אויפן בלויזן דיל. זייערע העמדער — אויסגעברענט פון די קוילן, עס האָבן אַרויסגעקוקט אָפענע וווּנדן. זיי זענען געלעגן פאַרשמאַכטע פון הונגער און דורשט. מיר האָבן צונויפגעבראַכט וועש און עסן און טיילווייז געלינ־דערט זייערע ליידן און איינזאַמקייט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שטעלן פּאָקן, מאַכן איינשפּריצונגען קעגן קראַנקייטן, נעמען פאָטאָגראַפיעס פאַר פּעסער. יונג און אַלט האָבן געמוזט אָפּ־זיצן אין שטאָטישן טעאַטער, וואָס איז געווען דער זאַמלפּונקט — און וואַרטן אויף זייער ריי.

אין די רייכערע הייזער האָט די דייטשע מאַכט איינגע־קוואַרטירט גענעראַלן. אין הייזער פון מיטעלן שטאַנד — אָפי־צירן מיט קראַנקן־שוועסטערס און די פּשוטע סאָלדאַטן.


ס'איז געווען נאָענט צו ווינטער. די נויט און אָרעמקייט איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. די דייטשע מאַכט האָט אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן פון לאַנד אַלע פּראָדוקטן. אין די הייזער, ווו עס האָבן זיך געפינען אָפיצירן אָדער סאָלדאַטן — איז נאָך געווען צו דערליידן. די מיליטער־לייט האָבן געברענגט אַ ביסל קוילן, אַ ברייטל, אַ ביסל בעבלעך. אָבער אין די אָרעמע הייזער, ווו מ'האָט קיין מיליטער נישט איינגעקוואַרטירט, איז די נויט געווען זייער גרויס. מ'האָט איינגעפירט שפּייז־קאַרטן. אויף יעדן מענטש — אַ האַלב פונט ברויט, אַ פערטל פונט פלייש און אַ פונט קאַרטאָפל אַ טאָג. די אָרעמע האָבן אויף דעם אויך נישט געהאַט קיין געלט. מ'איז אָפּגעשטאַנען גאַנצע טעג אין דער ריי, כדי צו באַקומען דאָס ביסל שפּייז.

איבער אונדזערע קעפּ זענען געפלויגן קריגס־עראָפּלאַנען. מיט אַ שטיק צייט שפּעטער האָט מען שוין דאָס ביסל שפּייז אויך נישט באַקומען. די גבירים האָבן זיך אָנגעגרייט צוקער, מעל, שמאַלץ, קאַרטאָפל. די האַרמאַטן האָבן זיך כסדר געלאָזט הערן. דאָס האָט מען געדונערט אויף וואַרשע, וועלכע איז גע־ווען קנאַפּע 300 מייל פון אונדזער שטאָט קוטנע. פון דעסטוועגן האָבן מיר זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן אָנגעשטרענגט, אַז דאָס לעבן זאָל אָנגיין נאָרמאַל, אויף וויפל די מלחמה־אומשטענדן האָבן דערלויבט.

אַזוי ווי אין די גרעסערע שטעט איז דער דוחק אויף שפּייז געווען שאַרף, וואַרשע איז געווען באַלאַגערט כמעט אַ יאָר צייט, געווען דאָרט אַ גרויסער ווידערשטאַנד — זענען אַ סך מענטשן געקומען פון די גרויסע שטעט אין די קליינע שטעט־לעך, ווו ס'איז געוואָרן אַן אויפלעבונג. ביי די קלאַנגען פון די האַרמאַטן־דונערן האָבן מיר זיך צוגעוווינט צו שלאָפן, עסן, גיין שפּאַצירן.

מיר האָבן פון דעסטוועגן, אין די מלחמה־יאָרן, געגרינדעט פאַרשידענע פאַראיינען, אָרגאַניזאַציעס, דראַמאַטישע קרייזן, וויל מיטן צופלוס פון יונגע מענטשן פון די גרויסע שטעט, האָט אונדזער קוטנע איבערגעלעבט אַ בלי־פּעריאָד. דער שוי־שפּילער יעקב וויסליץ (געשטאָרבן אין אויסטראַליע), האָט אָנגעפירט מיט אַ דראַמאַטישן קרייז אין משך פון עטלעכע יאָר. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ פעיקע גרופּע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שפּילן. מיר האָבן אויפגעפירט דעם „דיבוק" פון ש. אַנסקי, „מיטן שטראָם" פון שלום אַש און אַנדערע פּיעסן. דאָס דראַמאַטישע טעאַטער האָט געהאַט גרויס דער־פאָלג.

ביז וואַרשע האָבן די באַנען קורסירט נאָרמאַל, איז מען געפאָרן אַהין־און־צוריק. אַלע נאָרמאַלע פּרנסות זענען אונטער־געגאַנגען. זענען מענטשן געפאַלן אויף פאַרשידענע המצאות,


קוטנא —— י"ב תמוז —— תר"ע"ד

= צום אנדענקונג =

פאר אונזער גרויסען דיכטער

„שלום עליכם"

מיר בעגריסען איך מיט א הערצליכען שלום עליכם !!!

צו־ליב איער בעזוך אין אונזער שטאדט אין מיר ווינשען איך פון

טיעפען הערץ דאס איהר זאלט זיך צוריק קעהרען צו איהר —

פאלקסמען געזונד. אין נאך לאנג — לאנג אונז בעשענקען מיט איהרע

שעפונגען וועלכע ברענגען אריין פרייד אין די פינסטערע ——

ווינקעלעך פון יודישען פאלק - - - - - - -

פון די קוטנער יונגע

אמאטארן־טרופע

An official greeting to Sholem Aleichem by the youth group of Kutno, Poland, on the occasion of the humorist's visit to that city shortly before World War I.—*From the Vilna Collection of the Yivo Archives.*

באַגריסונג פאַר שלום־עליכם צו זיין באַזוך אין קוטנע אין 1914
(פ.ן ייוואָ־אַרכיוו)

ברכה לשלום־עליכם לרגל בואו לקוטנה ב־1914 (מארכיון של ייוואָ)

געשמוגלט שפּייז פאַר די גרויסע שטעט. אַממערסטן האָבן זיך איינגעשטעלט יונגע, כוואַצקע מיידן. זיי האָבן אין די קליידער באַהאַלטן פלייש, מעל, צוקער, און אַזוי געפאָרן עטלעכע מאָל אַ וואָך. אין אַ טייל יידישע הייזער האָבן זיך געפונט א. ג. „טיי־הייזער" פאַר דייטשן. די מענער האָבן זיך געשטעלט אין דרויסן, פאַרן הויז, און גערופן: „וואָלן זי טיי טרינקען". דאַקעגן האָבן די ווייבער אינעווייניק געגרייט טיי מיט צובייסנס. די טעכטער זענען געזעסן אויסגעפּוצטע און גרייט געווען צו דער־לאַנגען די טיי. געטאָן האָט מען דאָס צוליבן ווילן צו פאַרדינען עטלעכע גילדן, עס זאָל זיין אויף אַ שטיקל ברויט. צווייטנס, אפשר וועט מען דאַרפן אַ טובה פון אַן אָפיציר, אָדער סאָלדאַט — זאָל מען האָבן קאָנטשאַפט.

אַזוי האָט מען געלעבט דריי יאָר צייט, ביי די שווערסטע באַדינגונגען. מיר האָבן געהאָפט, אַז יעדן טאָג וועט זיך די מלחמה ענדיקן. נאַטירלעך, אַז די עלטערע מענטשן האָבן דאָס אַלץ איבערגעלעבט שווערער ווי מיר, יונגע. זיי זענען אַרום־געלאָפן, איינגעשטעלט דאָס לעבן, כדי פאַרדינען אַ גילדן די נשמות צו דערהאַלטן. טייל יידן האָבן געהאַט אין געהיים מי־לעכלעך אויף צו מאָלן קאַשע. די קאַשעס זענען אַממערסטן געווען פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ און אַנדער אָפּפאַל. מיין מאַמע איז יעדן פאַרטאָג אַוועק צו אונדזערס אַ באַקאַנטן, וואָס האָט געהאַט אַ מילעכל, אים אַוועקגעגעבן די לעצטע פאַר גראָשן און אַהיימגעברענגט אונטער דער פאַטשיילע אַ ביסל קאַשע...

מרדכי פּשאָרעק (שלום אַשס טיפּ פון „מאָטקע גנב"), האָט גראָד אין יענער צייט געמאַכט די בעסטע געשעפטן. די „מייד־לעך", וואָס האָבן זיך ביי אים אויפגעהאַלטן, האָבן זיך געניי־טיקט אין שיינע וועש און קליידער. ער האָט נישט געזשאַלע־וועט, מיט דער פולער האַנט געצאָלט גוטע פּרייזן. מ'האָט אים געזען מיט זיין ווייב כמעט יעדן טאָג גיין איבער די קראָמען: ער — מיטן ברייטן אָפענעם העמד. פונעם הוט, פאַררוקט אין אַ זייט, האָט אַרויסגעקוקט זיין וווילייגעריש פּנים. זיין ווייב, מיט די לאַנגע אוירינג און געשטופּלטן פּנים, האָבן קראָם־איין קראָם־אויס איינגעקויפט די טייערסטע זאַכן.

יעדע פאַר טעג האָבן מיר געהאַט נייע צרות, נייע ליידן. הגם די דייטשן האָבן נאָכן אָקופּירן אונדזער שטאָט פאַראָרדנט, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג זאָל זיך לאָזן מאַכן איינ־שפּריצונגען קעגן כאָלערע, טיפוס, אָדער שטעלן פּאָקן —

האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפן צוליב די שווערע לעבנס־באַדינגונגען. עס איז אויסגעבראָכן די טיפוס־עפּידעמיע און צוגערויבט פיל מענטשלעכע לעבנס. אַממערסטן די פון מיטעלן עלטער, צווישן 40 און 50 יאָר. גאַנצע משפּחות זענען מיט איין מאָל קראַנק געוואָרן. גאַנץ אָפט האָט געטראָפן, אַז יונגע מענטשן, אַהיים קומענדיק געזונטע פון שפּיטאָל, האָבן זיי זייערע עלטערן שוין נישט געפונען צווישן די לעבעדיקע. צום גליק, איז ביי אונדז קראַנק געוואָרן נאָר איין מענטש — מיינע אַ קוזינקע, די יתומה פריידע שטראַוך, וואָס האָט זיך ביי אונדז דערצויגן (אומגעקומען אין אָשוויענטשים בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, מיט איר זון יצחק). די אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען האָבן אויך צוגערויבט דאָס לעבן פון מיין איינציקן ברודער אברהם ערדבערג ע״ה. ער איז אַלט געווען 33 יאָר, באַוווּסטער העברעישער לערער, געהאַט דעם ערשטן חדר מתוקן, אַ גרויסער ציוניסטישער עסקן. נאָך אין יאָר 1917 האָט ער געזאָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל אויף אַ פּאָסטן פון קרן־קימת. לײַדער, זיין לאַנג געגאַרטער חלום איז נישט מקוים געוואָרן.

ווי ווייט מעגלעך, האָבן מיר זיך באַמיט צוצופּאַסן צו די דאָזיקע באַדינגונגען. די שכנים־פּאָליאַקן האָבן אַרויסגערופן פאַרשידענע אויפרייצונגען קעגן די יידן. די שולן זענען געווען אונטער דער אויפזיכט פון אַ געמישטער פאַרוואַלטונג. די פּוילישע שפּראַך האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן, דאַקעגן די דייטשע שפּראַך איז געווען אויפן צווייטן אָרט. מיט יעדן טאָג האָבן זיך אָנגערוקט נייע וואָלקנס. די דייטשן האָבן אַדורכגעפירט רעוויזיעס, דער עיקר אין יידישע הייזער, דורכגענישטערט יעדעס ווינקל, צוגענומען אַלץ פון מעש, קופּער, סאַמאָווארן, לייכטערס, מערזשערס, אַפילו קליאַמקעס פון די טירן. זיי האָבן געזוכט אויף די ביידעמער און קעלערס, צוגענומען זאַכן, וואָס מענטשן האָבן געהאַט פון דור דורות. אַפילו קיין הינט האָבן זיי נישט געלאָזט לעבן במנוחה.

ביי אונדז אין הויז האָט צען יאָר צייט זיך געפונען אַ הונט. דער דייטשער אָפיציר, וואָס איז איינגעשטאַנען ביי אונדז אין הויז, האָט אויף אים געוואָרפן אַן אויג, צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו זיין בעט... ער איז אַוועק און געברענגט נאָך 9 הינט. עטלעכע זעלנער זענען געקומען אים העלפן צונויפבינדן אַלע הינט מיט אַ שווערער אײַזערנער קייט. די אַרבעט איז זיי נישט גרינג אָנגעקומען. די הינט האָבן געבילן מיט שרעקלעכע קולות, זיך געריסן. ווען מ׳האָט זיי אַרויסגעפירט פון הויף, איז זייער בילן געווען פול מיט אימה. אונדזער הונט האָט מוראדיק געוואָיעט, נישט געוואָלט גיין, נאָר זיך געריסן אויף צוריק. ס׳איז געווען אַ ביטער רחמנות צו זען. מיין שוועסטער און איך זענען אַריין אין שטוב, כדי נישט הערן און זען די פאַרצווייפלטע הינט.

עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דייטשן וועלן פאַרלאָזן פּוילן. פּוילן וועט ווערן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה. אַזוי צי אַזוי, האָבן מיר זיך געפילט אומבאַשיצט. די יידן האָבן שוין געהאַט אַן אייגענע זעלבשוץ, כדי זיך פאַרטיידיקן אין אַ נויט. די אַזוי אויך כאַאָטישע ווירטשאַפט האָט זיך ווייטער געקייקלט באַרג־אַראָפּ, עס האָט זיך געפילט אַן אומרו.

איין מאָל, אין יאָר 1918, אָדער 1919, (איך געדענק נישט גענוי די דאַטע), בין איך אַהיימגעגאַנגען פון קינדערגאָרטן, ווו איך בין געווען פּרעבליסטין. צו מיין דערשטוינונג, האָב איך אָנגעטראָפן אין די גאַסן... פּויליש מיליטער. זיי האָבן מאַרשירט מיט געזאַנג און מוזיק. קיין איין דייטשן זעלנער האָט מען שוין נישט געזען.

די פּאָליאַקן האָבן באַלד גענומען איינשטעלן אָרדענונג אויף זייער אופן. מיר, יידן, האָבן ווידער געלעבט אין שרעק. מיר האָבן געמיינט, אַז די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט — אָבער אין יאָר 1920 האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די פּויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה. ביי די טויערן, פון וואַרשע ביז וולאָצלאַוועק, איז געשטאַנען רוסיש מיליטער.

די מלחמה האָט איבערגעלאָזן טרויער און צער, אלמנות און יתומים. לאַנג נאָך האָט זיך דאָס געלאָזט פילן.

ביסלעכווייז האָט זיך דער הימל אָנגעהויבן אויסצולייטערן. מ׳האָט געגלויבט און געהאָפט, אַז עס קומט אַ נייער טאָג. די יוגנט, צוזאַמען מיטן עלטערן דור געזעלשאַפטלעכע טוער, האָבן אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט. די יידישע ביבליאָטעק אין קוטנע איז געווען איינע פון די שענסטע און גרעסטע ביבליאָטעקן אין דער געגנט. אויך דער בית ספר עממי איז געווען איינער פון די פיינסטע, העברעישע שולן.

אין יאָר 1916 איז געקומען קיין קוטנע דער באַוווּסטער אַדוואָקאַט, קולטור־טוער און שריפטשטעלער נח פּרילוצקי (אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה). ער האָט אָרגאַניזירט יידישע וועלטלעכע שולן אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, וועלכע האָבן זיך גוט אַנטוויקלט און עקזיסטירט ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

הלל צייטלין אין קוטנע

מיינע זכרונות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועל איך פאַרענדיקן מיט אַ דערינערונג פון... אַ יאָר, צי צוויי פאַרן קריג, ווען קיין קוטנע איז געקומען האַלטן אַ רעפעראַט דער שרייבער און דענקער, דער שפּעטערדיקער קדוש — הלל צייטלין.

איך געדענק נישט גענוי ווען דאָס איז געווען, אין 1912 אָדער אין 1913. מיכאל ראש האָט אויסגעבויט אויפן אַלטן מאַרק אין קוטנע דעם ערשטן גרויסן שיינעם זאַל פאַר חתונות. דער זאַל האָט געהאַט אַ סך פענצטער מיט לאַנגע זיידענע פאָרהאַנגען. פאַר אונדזער שטאָט איז דאָס געווען אַ גרויסע געשעעניש. און דאָ איז פאָרגעקומען דער ערשטער ליטעראַרישער אָוונט.

משה וויינגאַרט, אַ טיפּישער העברעישער לערער פון יענער צייט, אַן ערלעכער און איבערגעגעבענער קולטור־טוער (אָבער אויך אַ שטיקל בטלן און אַן אַלטער בחור), האָט אָרגאַניזירט דעם אָוונט. נישט גרינג איז עס אים אָנגעקומען. כאָטש עס איז געווען אַ קאָמיטעט — איז די גרעסטע אַרבעט געלעגן אויף זיינע פּלייצעס. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ כאָר און עס איז אויך געוואָרן אויפגעפירט אויף דער בינע „גוטע ברידער״ פון אברהם רייזען.

שווער געווען צו געפינען מיידלעך פאַרן כאָר. מיט בחורים איז געווען גרינגער. ערשטנס, זענען געווען בחורים משוררים, וואָס האָבן געזונגען ביי חזנים, און, צווייטנס, האָבן זיי נישט געדאַרפט נעמען קיין דערלויבעניש ביי זייערע טאַטעס. אָבער אַז מיידלעך זאָלן זיך שטעלן זינגען מיט בחורים צוזאַמען אויף אַ בינע, האָבן ווייניק פאָטערס געוואָלט דערלויבן. משה וויינגאַרט איז אָבער געווען שטאַרק פאַרעקשנט און געזאָגט צום קאָמיטעט: „מיר מוזן דעם אָוונט אַדורכפירן, טראָץ אַלע שוועריקייטן״.

די שווערסטע אַרבעט האָט וויינגאַרט גענומען אויף זיך — דאָס קריגן מיידלעך פאַרן כאָר און אויך אַ מיידל צו שפּילן אין „גוטע ברידער״. אַזוי ווי מיין פאָטער ע״ה איז געווען אַ משכיל, האָט וויינגאַרט זיך דערלויבט אַריינצוקומען צו אונדז און רעדן מיט מיין פאָטער ער זאָל מיר דערלויבן צו שפּילן אַלס כאַנקע אין „גוטע ברידער״, ווי אויך מיטזינגען אין כאָר. מילא, מיטן זינגען וואָלט שוין אפשר געגאַנגען אַ גאַנג, כאָטש, וואָס אַן אמת, קיין גרויסע זינגערין בין איך נישט געווען; אָבער שפּילן מיט דריי בחורים אויף דער בינע, דאָס איז שוין געווען אַ ביסל צו פיל.

אָבער אַזוי ווי מיין פֿאָטער איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער לייענער פֿון יידישער און העברעישער ליטעראַטור, האָט ער דערויף געגעבן זיין הסכמה. נו, אַז דער טאַטע איז באַשטאַנען, האָט שוין די ליבע האַרציקע מאַמע מיט אַ שמייכל אויך איינגעשטימט.

משה ווייַנגאַרט איז גאַנצע נעכט געווען פֿאַרנומען מיט פּראָבעס. כאָטש עס איז געווען שווער, האָט ער פֿון דעסטוועגן געהאַט גרויס הנאה, אַז עס האָט זיך סוף־כל־סוף איינגעגעבן דעם אָוונט דורכצופֿירן. דער זאַל איז געווען העל באַלויכטן מיט בליץ־לאָמפּן און פֿאַרפֿולט מיט יונגוואַרג. זייערע יונגע פּנימער האָבן געשיינט פֿאַר גליק, און ווער שמועסט נאָך די אָנטיילנעמער. ס׳איז געווען אַ גאָלדענע צייט!


אַחוץ דעם כאָר און דעם איינאַקטער „גוטע ברידער" פֿון אברהם רייזען, זענען אויך פֿאָרגעקומען טענץ אונטער דער באַגלייטונג פֿון מוזיק.

מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט דעם חשובֿן שריפֿטשטעלער און דענקער הלל צייטלין צו האַלטן אַ רעפֿעראַט. עס איז געווען די צייט, ווען די יוגנט האָט געשמאַק געלייענט און שטודירט הלל צייטלינס ווערק: „די בענקשאַפֿט נאָך שיינקייט", „יוגנט־שמערץ" אאַז״וו. הלל צייטלין, ווי מיר דוכט זיך, איז נאָך דעמאָלט געווען גאַנץ יונג. זיין באָרד איז געווען העל בלאָנד און אַ ביסל רויטלעך. זיין גרויסער קאָפּ האָר איז געווען צעוואָרפֿן איבער אַלע זייטן פֿון זיין הויכן שטערן, און צוגעגעבן אַ סך ערנסטקייט צו זיין הדרת פּנים. שוין דעמאָלט האָט מען צייטלינען געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן פֿילאָזאָפֿישן שריפֿטשטעלער און געהאַט פֿאַר אים אַ סך דרך־ארץ.

נישט איין באַוווסטזיניקער ייד פֿון עלטערן דור חסידים האָט געגאַרט צו גיין אים הערן, אָבער אין אַ האַלב־באַלויכטענעם זאַל, ווו עס וועלן טאַנצן בחורים מיט מיידלעך — האָט זיי נישט געפּאַסט. ס׳איז אויך קעגן יידישן דין פֿאַר פֿרומע מענטשן צו גיין אויף אַזאַ אָוונט. אויך מיין פֿאָטער האָט געהאַט חשק צו גיין, אָבער צוליב דער אייגענער סיבה איז ער געבליבן אין דער היים. די חסידים האָבן זיך אַפֿילו געוווּנדערט, אַז אַזאַ פֿרומער שרייבער ווי הלל צייטלין, זאָל איינשטימען אויפֿצוטרעטן אויף אַן אָוונט, ווו ס׳וועלן טאַנצן בחורים מיט מיידלעך צוזאַמען. אויף וויפֿל איך געדענק, איז דער רעפֿעראַט געווען זייער אַ געלונגענער און אינטערעסאַנטער און געלאָזן אַ טיפֿן איינדרוק אויף אַלע אָנוועזנדיקע. די טעמע איז געווען: „די יידישע ליטעראַטור און די יידישע שפּראַך". ער האָט געגעבן אַ קורצן איבערבליק וועגן די שאַפֿונגען פֿון די וויכטיקסטע יידישע שרייבער, ווי מענדעלע, י. ל. פּרץ, אברהם רייזען, שלום אַש און אַנדערע. אין דער זעלבער צייט האָט ער שטאַרק קריטיקירט די אַסימילאַציע וואָס איז זייער שעדלעך פֿאַרן יידישן פֿאָלק. ער האָט שטאַרק געלויבט די קוטנער יוגנט, וועלכע האָט אויפֿגעבויט איינע פֿון די שענסטע ביבליאָטעקן אויף דער פּראָווינץ און איז אַזוי טעטיק אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן געביט.

נאָכן רעפֿעראַט, איז הלל צייטלין געזעסן גאַנץ געמיטלעך. אַ דינער שמייכל איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין צעלויכטענעם פּנים און ער האָט זיך צוגעקוקט ווי די יונגע בחורים מיט מיידלעך טאַנצן. מ׳האָט מיך פֿאַר אים פֿאָרגעשטעלט און געזאָגט, אַז איך שרייב לידער. ער האָט זיך באַזונדערס פֿאַראינטערעסירט מיט מיר, געשמועסט גאַנץ געמיטלעך. אַלס יונג מיידל, בין איך געווען אַ ביסל שעמעוודיק, אָבער דאָך איז עס געווען פֿאַר מיר אַ גרויסער כבוד צו זיצן נעבן אַזאַ חשובֿן מענטש און רעדן מיט אים. כאָטש איך בין קיין גרויסע טענצערין נישט געווען, וואָלט איך זיכער געכאַפּט אַ טענצל. אָבער פֿאַרבייטן דעם שמועס אויף טאַנצן, איז מיר גאָרנישט איינגעפֿאַלן.

איך וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן מיט וואָס פֿאַר אַ גרויסער הנאה ער האָט זיך צוגעקוקט ווי די יוגנט טאַנצט און פֿאַרברענגט גאָר פֿריילעך. פּלוצלינג זאָגט ער צו מיר: „פֿאַרוואָס גייט איר נישט טאַנצן? יונגע מיידלעך דאַרפֿן זיך משמח זיין, זיי האָבן נאָך צייט צו זיין ערנסט!" אין יעדן וואָרט זיינעם האָב איך געפֿילט די דערהויבנקייט פֿון אַ טיף דענקנדיקן מענטש — און אָנגענומען זיין פֿאָרשלאַג. כ׳בין געגאַנגען טאַנצן. ער האָט זיך צוגעקוקט מיט גרויס פֿאַרגעניגן. נאָך די טענץ איז ערשט געווען אַ קעסטל־אָוונט. עס זענען געשטעלט געוואָרן פֿאַרשידענע אינטערעסאַנטע פֿראַגן, מ׳האָט זיך געשריבן ליבעס־בריוועלעך...



אין אַ יאַריד־טאָג („טאַרג") • ביום השוק

דער דאָזיקער אָוונט איז געווען אַ גרויס געשעעניש פֿאַר אונדזער שטאָט. דער לערער משה ווייַנגאַרט איז נאָך דעם אָוונט אַרומגעגאַנגען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ: אַ קלייניקייט — ער האָט מנצח געווען, טראָץ דעם, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אַזעלכע שוועריקייטן און אויך אַ סך קעגנער.

דער אָוונט איז געבליבן איינגעקריצט ווי די שענסטע איבערלעבונג אין מיין פֿריער יוגנט. איצט, ביים פֿאַרענדיקן דאָס ביסל אָנגענעמע זכרונות, גייט אויף אין מיר דער אומעט, טרויער און גרויסער צער, ווי אַזוי דער גרויסער שריפֿטשטעלער און פֿילאָזאָף הלל צייטלין האָט פֿאַרענדיקט זיין לעבן, — אַ קרבן פֿון די נאַצי־רוצחים.

הלל צייטלין איז אַוועק אויף אייביק, געהייליקט מיט די 6 מיליאָן קדושים אונדזערע.

מיט א זעכציק יאר צוריק

משה ווייַנגאַרט
הרצליה

איך ברענג דאָ אַ בינטל זכרונות פון מיין שטאָט קוטנע, אין דער צייט פון סוף ניינצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אין יענע יאָרן זענען אין קוטנע געווען יידן לומדים, חסידים און מתנגדים, סוחרים און בעלי־מלאכות. די אַלע מענטשן האָבן זיך גרופּירט אין זייערע באַזונדערע שטיבלעך און חברות.

פון די חסידישע שטיבלעך זענען דאָס רוב געווען גערער, ווי אויך אַלעקסאַנדער, גראָדזשיסקער, וואָרקער, סאָכאַטשעווער און גאָסטינינער. די גאָסטינינער זענען געווען די „מאָדערנע" — מע האָט שוין געזען צווישן זיי אַ ווייסן קאָלנער מיט אַ שניפּס...

צווישן די עלטערע לומדים, זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן באַהאַלטענערהייט אַריינגעקוקט אין ספרים חיצוניים — אין „מורה נבוכים", „הכוזרי" און „חובת הלבות", אינעם „המגיד", וועלכער איז געווען געדיכט אין רש"י־כתב אַזוי.

און חברות זענען אויך געווען — אָן עין־הרע. קודם־כל די חברה־קדישא, ביקור־חולים, הכנסת־כלה. ווען עס האָט זיך געשאַפן די ציוניסטישע באַוועגונג, האָט עס אונדזער שטאָט אויך נישט געמיטן. עס איז אַנטשטאַנען אַ חברה ציוניסטן מיט אַן אייגענעם מנין, וווּ עס האָט געדאַוונט דער אָנגעזעענער בעל־הבית גאָלדמאַן. דער דאָזיקער גאָלדמאַן איז אגב געווען אַ דעלעגאַט צו דער מינסקער קאָנפערענץ.

אין דער זעלבער צייט איז די השכלה אַריינגעדרינגען צווישן די בחורים אין בית־המדרש. מ'האָט געפונען פאַרשיידענע אויפקלערערישע בלעטלעך אין די גמרות. איינער פון די ערשטע פאַרשפּרייטער פון די „טריף־פסולס" זענען געווען חיים וואָדניק און אהרון מאיר באָזשיקאָווסקי.

ווען דער ענין מיט די טריפהנע בלעטלעך איז דערגאַנגען צום רב און צו די חסידים, האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער ויצעקו. מע האָט געפּאָרשט און אויפגעפונען דעם שעיר לעזאזל אין אהרון פישעלע (שמואל דוד דעם מלמדס אַ זון), וועלכער איז געווען געצוווּנגען עפנטלעך תשובה טאָן...

די איבעריקע אַפּיקורסים האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. זיי האָבן אָבער איבערגעלאָזן ירושה פאַר זייערע יינגערע חברים. די דאָזיקע ממשיכים האָבן געשאַפן אַ קליינע ביבליאָטעק פון לשון־קודש־ביכלעך — „תושיה"־אויסגאַבן. דאָס איז טאַקע געווען דער קערן פון שפּעטערדיקן ביבליאָטעק־וועזן אין קוטנע.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן ביכער פון דער שיינער ליטעראַטור אויף יידיש, האָט מען איינגעקויפט אויך יידישע ביכער, וואָס האָט דערפירט צו אַ שטרייט צווישן יידישיסטן און העברעיסטן. און אַזוי ווי די אָנפירער פון דער ערשטער ביבליאָטעק אין קוטנע האָבן זיך קעגנגעשטעלט איינצושאַפן אַ גרעסער'ע צאָל יידישע ביכער — איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג. אַזוי אַרום זענען אַנטשטאַנען צוויי ביבליאָטעקן — אַ העברעישע און אַ יידישע. שפּעטער, ביים סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט, איז אויך אַנטשטאַנען אַן אָפּטיילונג פון דער „פּעטערבורגער ליטעראַרישער געזעלשאַפט" און פאַרשידענע ריכטונגען האָבן זיך געשאַפן אייגענע ביבליאָטעקן.

כ'וויל דאָ דערמאָנען די חברה בחורים, וועלכע האָבן געלאָזן שרייבן אַן אייגענע ספר־תורה. מיט וואָס פאַר אַ פייערלעכקייט מ'האָט אַדורכגעפירט דעם סיום! מיט וואָס פאַר אַ פּאַראַד מען האָט דעם ספר געפירט אין שול אַריין, באַגלייט מיט מוזיק און טענץ!

עס ווילט זיך אויך אָנמערקן וועגן אייניקע געשטאַלטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי, למשל, ר' לייביש דיין — אַ ייד אין די אַכציקער, וואָס איז אַלע פאַרטאָגן געגאַנגען אין בית־המדרש, וווּ ער האָט געהאַט זיין אייגענעם ווינקל. דאָרט האָט ער אויפגענומען זיינע שאלות־פרעגער. די באַלעבאָסטעס האָבן ליב געהאַט צו פרעגן שאלות ביי ר' לייבישן, כאָטש עס זענען געווען אַנדערע דיינים אין שטאָט, ווי אויך דער רב.

דער הויפּט־סעזאָן איז געווען אין די זומער־חדשים, ווען עס קומען אויף די יונגע קאַטשקעלעך. אין די פרייטיקדיקע טעג פלעגן די ווייבער קומען אין בית־המדרש צו ר' לייבישן — איינע מיט אַ פּיפּיקל, די צווייטע מיט אַ קישקעלע — און ר' לייב האָט געשניטן און געקראַצט און גענישטערט אינעם דרויב, אַרומגערינגלט מיט ווייבער, וועלכע זענען געשטאַנען מיט קלאַפּנדיקע הערצער און אָנגעשטרענגט זיך צוגעקוקט צו דער מלאכה פון דיין. אַז זיי האָבן סוף־כל־סוף זיך דערוואָרט אויפן פסק־דין „כשר" — האָבן זיי לייכטער אָפּגעאָטעמט.

שבת און יום־טוב האָט ר' לייב געדאַוונט אין קליינעם שולעכל, וווּ עס האָבן תפילה געטאָן די קצבים, פורמאַנעס און טרעגער.

פון די חסידישע טיפּן דערמאָנט זיך מיר ר' סענדער לייביש אגלמאַן, אַ פריילעכער מענטש. שמחת־תורה, ביי די הקפות, איז אים געווען נישט צום דערקענען, זיין התלהבות און שמחה, זיין טאַנצן און זינגען און שפּרינגען — איז געווען אין לשער, און ס'איז נישט געווען צו פאַרשטיין וווּ ער האָט גענומען אַזוי פיל כוח.

איך געדענק אויך ר' אייזיק זאַקליקאָווסקי, אַ ייד אַ מתנגד, וואָס האָט געהאַט ביי זיך אַן אייגענעם מנין און צום סוף פון זיינע יאָרן, האָבן זיך ביי אים געזאַמלט די יונגע משכילים־אַפּיקורסים, ווי: יעקב־מאיר פרענקעל, יחיאל ריפעל און אַנדערע. דאָרט האָט ר' אייזיק געפירט דיסקוסיעס און געוואָלט די יונגעלייט מחזיר למוטב זיין. ער האָט גערן געהערט לייענען לשון־קודשדיקע פּאָעזיע.

פון די בעלי־מלאכות איז ווערט צו דערמאָנען ר' מאיר קאָוואַל, אַ ייד וואָס איז אין די באַגינענס, סיי זומער, סיי ווינטער, דער ערשטער געקומען אין בית־המדרש, געשטעלט זיך ביים עמוד און מיט זיין קרעפטיקער שטימע אָפּגעזאָגט יעדן טאָג זיין קאַפּיטל תהילים און דערצו אַ קאַפּיטל פון אשרי תמימי דרך.

עס איז געווען נאָך אַ ייד אַ שניידער, וועלכער האָט גענייט קאַפּטאַנעס פאַר די פּויערטעס. איך געדענק נישט זיין נאָמען. ווען ס'איז געקומען ראש חודש אלול, האָט דער דאָזיקער ייד געפאַסט אַ גאַנצן חודש. קען זיין, אַז דאָס איז געווען אַ תשובה פאַר די מחשבות זרות, וואָס ער האָט געהאַט ביים מעסטן אויף די פּויערטעס די קאַפּטאַנעס...

*

ווי באַוווּסט, זענען אין קוטנע געווען אַלע יאָרן טעאַטער־אַמאַטאָרן, וועלכע האָבן אין פאַרשידענע צייטן געשפּילט פּיעסן רעזשיסיר'ט פון יעקב ווייסליץ.

איך וויל דאָ דערמאָנען די ערשטע אַמאַטאָרן־אויפפירונג, וועלכע איז רעזשיסירט געוואָרן דורך די ערשטע ציוניסטישע פירער — יוסף־משה ליבערמאַן און יוסף העפּטמאַן. דאָס איז געווען „מכירת יוסף".

די סאָציאַליסטישע אידעען האָבן אַריינגעפירט קיין קוטנע די ברידער זויערבאַך, וועלכע זענען געווען טאַנדייט־שניידער.

מ׳האָט זיי גערופן מיטן צונאָמען „קלוסקעס״. די דאָזיקע צוויי ברידער האָבן געאַרבעט אין וולאָצלאַוועק. קומענדיק אַהיים אויף יום־טוב, האָבן זיי פאַרשפּרייט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און געפונען אַנהענגער אין די ברידער שאַטאַן — אַלס בונדיסטן, און אַנדערע.

עס איז אויך אַנטשטאַנען אַ גרופּע ייִדישע פּ.פּ.ס., מיט אהרון שוסטערס אַ זון, וועלכן מען האָט גערופן לאַפּע.

שפּעטער איז אויך אַנטשטאַנען די ס.ס. מיט משה ווינ־גאַרט, יוסף־רפאל מאָרגענשטערן, נאָך שפּעטער — די פּועלי־ציון מיט אברהם ערדבערג בראש.

נאָך דעם ווי דער צאַריזם האָט דערשטיקט די רעוואָלוציע פון 1905טן יאָר, איז אַריין אַ שטילשטאַנד אין דער געזעל־שאַפטלעכקייט פון קוטנע. אָבער עס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דאָס ליטעראַרישע לעבן. אין יאָר 1907 איז אין קוטנע פאָרגע־קומען דער ערשטער עפנטלעכער ליטעראַרישער אָוונט אין חתונה־זאַל פון מיכאל שמחה ראַש אויפן אַלטן מאַרק.

קולטור און פילאנטראָפּיע

יעקב פערנבאַך
נהריה

דאָס ייִדישע קולטור־לעבן אין קוטנע מיט אַ 50 יאָר צוריק איז געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ עס זענען געווען טעטיק צוויי ביבליאָטעקן (א. נ. פון י. ל. פרץ און פון אחד־העם). די פרץ־ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן אין די גאָר פריע יאָרן. די אחד־העם־ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן שפּעטער דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די צוויי ביבליאָטעקן האָבן פאַרשפּרייט וויסן צווישן דער יוגנט. זיי זענען שטאַרק באַזוכט געוואָרן. פון וואַרשעווער ייִדישן ליטעראַטן־פאַריין, האָט מען פאַרבעטן קיין קוטנע ייִדישע דענקער, שרייבער און פּאָעטן, וועלכע פלעגן רעפערירן אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע טעמעס. די לעקציעס זענען מאַסנ־וויז באַזוכט געוואָרן. מען האָט מיר דערציילט וועגן באַזוך פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, הלל צייטלין, י. ל. פרץ, שלום־עליכם און וולאַדימיר מעדעם.

אין מיינע צייטן געדענק איך אַ באַזוך פון לעאָן פינקלשטיין, וועלכער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. ער האָט רעפערירט איבער פילאָזאָפיע.

כמעט אַלע ייִדישע שרייבער און דיכטער האָבן באַזוכט קוטנע. אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע האָט מען גע־שמועסט וועגן גרויסן דערפאָלג וואָס די שרייבער האָבן אין קוטנע.

*

אַזוי ווי שלום אַש איז געווען אין דער צענטראַלע פון דזשאָינט, האָט קוטנע באַקומען געלט צו גרינדן אַ גמילות־




שלום־עליכם בקוטנה (1914)

שלום־עליכם אין קוטנע (1914)

חסדים־קאַסע, אַרויסצוגעבן אָנפּראָצענטיקע הלוואות. די קאַסע האָט פּשוט געראַטעוועט מענטשן פון עקאָנאָמישן אונטערגאַנג. אין קאָמיטעט פון דער קאַסע איז אויך געווען דער קוטנער רב, רבי יהודה טרונק ז״ל. דער מיטלשטאַנד האָט זיך שווער גע־ראַנגלט פאַר זיין קיום, באַזונדערס אין די צייטן פון גראַבסקיס שטייערן־פּאָליטיק. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט האָט פּראָקלאַמירט אַ פּריוויליקע באַשטייערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לטובת די געטראָפענע. אינעם קאָמיטעט זענען אַריינגעגאַנגען די אָנגעזעענסטע מענטשן. צווישן זיי איז געווען שטאַרק אַקטיוו דער רב.

ס׳איז געווען טעטיק א בית־לחם געזעלשאַפט, וואָס האָט געזאָרגט, אַז דאָס שטיקל ברויט זאָל זיך געפינען אין די אָרעמע היימען. די יידישע באַפעלקערונג פלעגט פאַר דעם צוועק צאָלן וואָכן־געלט. מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן די דאָזיקע עסקנים, וואָס האָבן זייער אַרבעט געטאָן שטיל, אָן געפּילדער. מען פלעגט זיי באַצייכענען אַלס „עוסקים צרכי צבור באמונה״.



בית בשוק הישן בקוטנה

אַ הויז אין אַלטן מאַרק אין קוטנע

געווען אַ פּרוי, וואָס האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט הכנסת כלה. היינט קלינגט עס מאָדנע און נאַאיוו. אָבער אין דער געשילדערטער תקופה האָבן יונגע פּאָרלעך נישט געהאַט די עלעמענטאַרע מעגלעכקייט אָנצוהייבן בויען אַ פאַמיליע־לעבן.

געווען אויך אַ געזעלשאַפט לינת־הצדק, וואָס האָט געזאָרגט אַז דער אָרעמער קראַנקער זאָל נישט בלייבן עלנט און איינזאַם. פּריוויליק פלעגן מענטשן, לויט אַ ריי, באַזוכן און פאַרברענגען ביים קראַנקן. אַ גאַנצן מעת־לעת האָט דער קראַנקער געהאַט הילף און שוץ. ווער שמועסט נאָך, אַז דער קראַנקער איז געווען אין אַ געפערלעכער לאַגע. דעמאָלט איז די זאָרג געווען פון אַלעמען. איך געדענק, אַז מען פלעגט שיקן טעלעגראַמעס צום רבין. איך ווייס פון אַ פאַל, ווען מען האָט געשיקט אַ טעלעגראַם צום גערער רבין, ער זאָל מתפלל זיין פאַרן חולה. אויב מען האָט געדאַרפט געלט אויף אַרויסצורופן אַ גרויסן דאָקטאָר, פלעגן צוויי פּרויען שנעל צוזאַמען נעמען די נויטיקע הוצאות.

*

מיינע עלטערן האָבן געוווינט אויפן אַלטן מאַרק („סטאַרי רינעק״). נאָכן מאָרד פון פּיעראַצקין, האָט מען אונדזער גאַס אָנגערופן אויף זיין נאָמען. עס איז געווען אַ זייער ברייטער סקווער. אין דער מיט איז געווען אַ פּאָמפּע. דאָרט איז אויך צוויי מאָל אין דער וואָך פאַרגעקומען דער שטאָט־יאַריד.

אויפן אַלטן מאַרק איז געווען אַ זייער גרויס הויז, ממש אַריסטאָקראַטיש, וואָס האָט באַשיינט דעם פּשוטן מאַרק. דער אייגנטימער פון הויז איז געווען אַ ייד, יהושע ראש. ווען עס איז אויפגעקומען דאָס קינאָ, האָט מען אין ראָשס הויז געוויזן אַ מאָל אַ יידישן פילם. דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען „מכירת יוסף״.

אויפן אַלטן מאַרק האָבן געוווינט יידן־„עמך״. עס איז געווען אַ שפּרודלדיק, פּולבלוטיק יידיש לעבן. אין די יאַריד־טעג האָט מען אויפן מאַרק געזען יידן שניידער־טאַנדייטערס, היטלמאַכער, שוסטער און קליין־הענדלער. מ׳האָט געהאַנדלט און שווער געקעמפט פאַרן שטיקל ברויט.

אין מיינע צייטן האָט מען נאָך געזען דעם שטאָטישן פּויקער, וואָס פלעגט צוזאַמענרופן דעם עולם, ווען די רעגירונג, אָדער דער מאַגיסטראַט האָבן געהאַט עפּעס צו מעלדן די באַפעלקערונג.

די שול איז נישט בלויז געווען אָן אָרט צו דאַווענען. אויב ס׳איז עפּעס פאָרגעקומען וויכטיקס אין יידישן לעבן, האָט עס זיך אָנגעשפּילט אין בית־הכנסת.

איך געדענק, ווי עס האָט זיך געקאָכט מיט אַ טריפה־סקאַנדאַל פון יידישע קצבים. קינד־און־קייט האָט זיך צוזאַמען גענומען אין שול. מען האָט געשמועסט, אַז מען גרייט זיך צו אַ שבועה, וועלכע די קצבים וועלן געבן וועגן פאַרקויפן טריפה פלייש. אָבער אין די לעצטע מינוטן איז עס בטל געוואָרן.

ווען דער יידישער האַנטווערקער־פאַראיין האָט באַנייט אַ פאָן, איז די פייערונג אויך פאָרגעקומען אין שול. דער רב האָט אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער פייערונג.

אויך אין די פּוילישע נאַציאָנאַלע יום־טובים („דריטער מאַי״ און „אומאָפּהענגיקייטס־טאָג״), פלעגן אין שול פאָרקומען פייערונגען. אין שול פלעג איך גיין מיט מיין פאָטער, עליו השלום, צוויי מאָל אין יאָר, שבת תשובה און שבת הגדול. דער רב האָט דאָרט געפלעגט האַלטן אַ דרשה...

1905 - און שפּעטער

עזריאל שמעונאָוויטש
גבעתיים

מיינע דערינערונגען פון די קינדער־יאָרן גרייכן פון יאָר 1905. אין דער היים האָט מען שטאַרק גערעדט וועגן עפּעס אַ רעוואָלוציע, וואָס שטורעמט גאַנץ רוסלאַנד און פּוילן, וועלכע איז דאַמאָלט געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער צאַר־ישער אימפּעריע. אויך קיין קוטנע האָט זיך דערטראָגן די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע.

אַזוי ווי מיין עלטסטע שוועסטער ביילע האָט געאַרבעט אין אַ פאַרקויפס־האַלע אויף דער דריטער בריק אין די אַלייען, האָב איך באַשלאָסן אַוועק גיין צו איר, זיין נאָענט פון דער שוועסטער, וועלכע האָט מיך זייער ליב געהאַט. ווי נאָר כ׳בין אין דער פרי אויפגעשטאַנען פון שלאָף, בין איך אַוועק צו די אַלייען. שוין אויף דער צווייטער בריק האָב איך דערזען עפּעס אויסטערלישעס: אַ גרויסע לאַנגע קאָלאָנע אַרעסטאַנטן, באַגלייט מיט אַ שטאַרקע וואַך פון רוסישע באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרן. געפירט האָט מען זיי אין דער ריכטונג צום מאַגיסטראַט, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער שטאָטישער

אַרעסט. צווישן די פאַרהאַלטענע האָב איך דערקענט מיין קוזין אברהם שמעונאָוויטש, אַ בעקער־אַרבעטער...

די האַלע האָב איך געפונען אָן אָפענע. ניטאָ די שוועסטער, מען זעט ניט בכלל קיין לעבעדיקן מענטש דאָרט. דערפאַר אָבער איז די קראָם אָנגעשטאָפּט מיט כל טוב. עס וואַרפן זיך אין די אויגן די שיין פאַרפאַקטע טעוועלעך שאָקאָלאַד. איך האָב באַלד פאַרגעסן די רעוואָלוציע, און די אַרעסטאַנטן מיט די פּאָליציאַנטן, אַפילו די שוועסטער איז מיר אַרויס פון קאָפּ... אַזאַ אוצר מיט נאַשוואַרג. כ׳הייב אָן אָנשטאָפּן די טאַשן פון די הויזן, פונעם ווינטערדיקן פּאַלטאָ. די שעכטלען זענען גרויס, די קעשענעס האַלטן ניט אויס דעם דרוק. זיי האָבן געפּלאַצט. פון מידקייט און אוודאי איבערגעגעסנקייט מיטן זיסוואַרג, בלייב איך שטיין ווי אַ געליימטער, קאָן זיך ניט רירן פון אָרט. פּלוצים באַווייזט זיך מיין פאָטער. דערזעענדיק מיין מעמד, האָט ער זיך גראָד צעלאַכט, בעת איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט ארייַנפאַלן אין אַ גרימצאָרן — און אפשר, ווער ווייסט, אויך שלאָגן. אָבער דער טאַטע האָט מיט אַ שמייכל אויסגעליידיקט מיינע טאַשן. ער האָט דאָס געמאַכט שנעל, נאָר מיר האָט עס אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. ער האָט מיר באַפוילן גיין אַהיים — אוז איך האָב געטראַכט: וואָס פאַראַ גוטער טאַטע, אַפילו קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט!

אויפן וועג אַ היים האָב איך געזען ווי גרופּעס מענטשן סודען זיך און קוקן זיך אום פאָרזיכטיק אין אַלע זייטן. האָב איך זיך געטראַכט:

„דאָס איז אַוודאי די רעוואָלוציע!״...

די פרייד פון דער רעוואָלוציע האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. נאָכן יאָר 1905, האָבן די אַרעסט־הייזער און תפיסות זיך פאַרפולט. מענטשן זענען געוואָרן צוריקגעהאַלטענער, פאָרזיכטיקער. מיינע קינדערישע אויערן האָבן דאַמאָלט אויפגעכאַפּט אַזעלכע ווערטער, ווי רעאַקציע, סטאָליפּין, צאַר — נאָר וועגן זייער באַדייטונג האָב איך געהאַט אַ קנאַפּע אַנונג.

מען פאָרט קיין ארץ־ישראל

אויף דער יידישער גאַס איז צווישן אַנדערע ריכטונגען, דערשינען די פּועלי־ציון פּאַרטיי. זייער פּראָגראַם — ארץ־ישראל פאַרן יידישן פאָלק, איבערהויפּט פאַרן יידישן אַרבעטער און האַרעפּאַשניק — האָט געוווּנען אַ סך אָנהענגער.

פון די ערשטע, וואָס זענען פון קוטנע געפאָרן קיין ארץ־ישראל, געדענק איך: מאָנטשיק הערש, דעם קאַמאַשנשטעפּער אַרבוז און דעם שוסטער יוסף מאָסקאָוויטש (אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ר׳האָט זיך אומגעקערט פון א״י, האָט מען אים געזען אויף זיין שוסטער־בענקעלע אַרבעטן אין אַ קעלער אויפן אַלטן מאַרק, אין הויז פון ראָש). ער איז געווען אַ הויכער און דאַרער, דערפאַר, האָט מען געשמועסט, האָט די פּריזיווע קאָמיסיע אים געשיקט דינען קיין מאָסקווע.

אַרבוז און מאָסקאָוויטש זענען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין דער שטאָט עזה, געאַרבעט ביי זייערע פאַכן. תל־אביב האָט נאָך כמעט ווי ניט עקזיסטירט. אין עזה זענען אָבער די לעבנס־באַדינגונגען פאַר צוויי קוטנער יידישע בעלי־מלאכות געווען אַזעלכע שווערע, אַז מ׳האָט נאָך אַ געוויסער צייט זיך אומגעקערט קיין פּוילן. זיי האָבן ווייניק גערעדט וועגן דעם דורכפאַל, נאָר געוווּסט האָט מען, אַז אינעם ציוניסטישן אידעאַל זענען זיי ניט אַנטוישט...

אין אַ זומערדיקן טאָג פון יאָר 1913 האָב איך צוזאַמען מיט נאָך אַ סך יידן פון קוטנע באַגלייט צום באַן די פאַמיליע לאָמסקי. דאָס זענען געווען אַרבעטזאַמע מענטשן, פון באַגינען זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. דאָס שטעטל האָט באַגלייט מיט ברכות און בענקשטאַפט, ווי אויך מיט קנאה, וואָס זיי פאָרן קיין ארץ־ישראל. אויך דאָרט האָבן זיי זיך באַזעצט אין דאָרף און געטאָן זייער מלאכה, בעת די זין האָבן געאַרבעט אין שטאָט. מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען טערקיי האָט געפאָדערט פון די ארץ־ישראל איינוווינער זיי זאָלן אָננעמען די טערקישע בירגערשאַפט — האָט די פאַמיליע לאָמסקי ניט געוואָלט דאָס טאָן און זיך אומגעקערט קיין קוטנע.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

נאָך אין 1916, בעת דער דייטש האָט אָקופּירט קוטנע, האָבן זיך שוין געמערקט די ערשטע שפּראָצונגען פונעם ברייט־פאַרצווייגטן געזעלשאַפטלעכן און פּאַרטייאישן לעבן, וואָס האָט אָנגענומען אַזאַ שוווּנג נאָך פּוילנס אומאָפּהענגיקייט אין יאָר 1918.



אייזיקס לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרם • החווה החקלאית של אייזיק

אין קוטנע אַנטשטייט דער החלוץ און אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען, וועלכע האָבן פּראַקטיש און אידעאָלאָגיש געגרייטן די יוגנט צו עליה. אויף די אָוונט־קורסן האָבן הונדערטער יינגלעך און מיידלעך געלערנט העברעיש. אויך עלטערע מענטשן, האַנטווערקער, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, זענען געוואָרן תלמידים אויף די קורסן און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די טעטיקייטן פון די ציוניסטישע פּאַרטייען.

דער החלוץ איז פון אַ קליינער גרופּע ענטוזיאַסטן און אידעאַליסטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער און שטאַרקער באַוועגונג. די זאַמלונגען פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן, ספּעציעל פאַרן „באַנק הפּועלים״, אויסשטעלונגען פון ארץ־ישראל בילדער, קינאָ־סעאַנסן פון ארץ־ישראלדיקן שטייגער, די קולטורדערציערישע טעטיקייט, ספּאָרט אד״גל — האָבן אַקטיוויזירט צענדליקער יוגנטלעכע פאַרן ציוניסטישן אידעאַל.

דעם ערשטן הכשרה־פּונקט האָבן מיר איינגעאָרדנט ניט ווייט פון קוטנע. שפּעטער האָט מען זיך אַריבערגעטראָגן צו אַ יידישן פּריץ אין קאָנין. ביז די החלוץ־צענטראַלע אין וואַרשע האָט געפאָדערט צו שיקן אין אירע אייגענע לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרמס און פּונקטן די קאַנדידאַטן פאַר הכשרה און עליה. די יידישע פּרעסע אין פּוילן האָט צו יענער צייט אַ סך געשריבן וועגן דער קוטנער יידישער יוגנט און אירע אויפטוען פאַרן ציון־געדאַנק.

צום אָנדענק פון חברים

אַ סך פון די חברים פון די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זוכה געווען צו דורך סערטיפיקאַטן, צו אומלעגאַל צו קומען קיין ארץ־ישראל, האָבן געגעבן זייער צושטייער צום בנין הארץ און אויך געוווּסט צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד מיט געווער אין האַנט. זיי האָבן געאַרבעט, געשאַפן און געקעמפט אין קיבוץ, מושב און אין שטאָט.

איך זע איצט פאַר זיך איינעם פון די ערשטע חלוצים און

עולים, משולם לאַנדוי, וועלכער איז נאָך אַ שווערער קראַנקהייט, אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז אין יאָר 1961.

עס איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן אַזעלכע טרייע און איבערגעגעבענע טוערס, ווי טורבאָוויטש, קלינגבייל, פלאַצקער, אַרבוז, פּיעטריקאָווסקי, חיים זינגער, דוד קלעטשעווסקי, אייזיק און אַנדערע.

איך דערמאָן זיך די מאָביליזאַציע פון די חברים אין אַ „בלימל־טאָג" פאַרן קרן קיימת, צי פאַר אַן אַנדערן ציוניסטישן פאָנד. וויפל באַגייסטערונג און פאַרמעסט איבערצושטייגן אַנדערע אין דער זאַמלונג האָבן דאַמאָלט אַרויסגעוויזן די חברים. די איינגעפירטע געלט־שטראָף פאַר ניט צושטעלן זיך צום „בלימל", האָט מען כמעט ניט אָנגעווענדט. אַלע האָבן זיך צוגעשטעלט.

חבר אייזיק ז"ל האָט אַלס לאַנדווירט שטודירט אין אויסלאַנד, אין אַן אַגראָנאָם־שול און אַ סך צייט אַוועקגעגעבן די חלוצים אויף אויסצוברייטערן זייערע קענטענישן אין ערד־אַרבעט, ספּעציעל ביי בלומען־צוכט. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געקומען קיין ישראל — נאָך אַ צעבראָכענער צוליבן אומקום פון זיין גאַנצער משפּחה. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געשטאָרבן. כבוד זיין אָנדענק!

א גרוס פון שלום אשס שטעטל

י. מ. ניימאַן

(איבערגעדרוקט פון אַ פאָטאָסטאַט פון וואַרשעווער „היינט", צוגעשיקט פון ייוואָ אין ניו־יאָרק).

מיר זענען געווען אין שטעטל — און אין שלום אַשס שטעטל — אין קוטנע.

דאָרט איז דער דיכטער געבוירן געוואָרן. דאָס הילצערנע איין־שטאָקיקע הייזל שטייט ביז היינט, אין שכנות מיט דער י. ל. פּרץ־גאַס. דער פאָרשלאָג אָנצורופן אין קוטנע אַ גאַס אויף שלום אַשס נאָמען — איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן אָן שום בייזער כוונה. גראָד איז קוטנע אַן אויסנאַם שטאָט. די יידיש־פּוילישע באַציאונגען זענען פאַרהעלטנישמעסיק דערטרעגלעכע. פאַראַן אַ פּרינציפּ ביים בירגערמייסטער: נישט אָנצורופן קיין גאַס אויפן נאָמען פון אַ לעבעדיקן מענטש.

אָבער נישט געקוקט וואָס ס'איז נישטאָ קיין שלום אַש גאַס אין קוטנע, לעבן די שפּורן פון שלום אַש, וואָס איז נאָך ביים לעבן דאָרט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע. מען דערציילט זיך זכרונות. מען וויזט אָן אויף מענטשן פון וועלכע אַש האָט געמאָלן זיינע טיפּן און געשטאַלטן. מאַנכע זענען שוין אויפן עולם האמת, אַנדערע — אויסגעוואַנדערט. אַ סך אין ארץ־ישראל. גאַנצע משפּחות, אַלטע, איינגעוואָרצלטע, זענען אָפּגעפאָרן אין אונדזער היימלאַנד און פּונקט ווי אַמאָל — האָט איינער דעם אַנדערן אַריבער גענומען.

„מאָטקע גנב" — דערציילט מען מיר מיט אַ שמייכל — איז אויך געפאַלן אַ קרבן פון דער אורבאַניזאַציע, אָדער ווי מען זאָגט אויף דער פּראָווינץ: חורבאַניזאַציע. איינגעוואָרפן די שטוב, מאָטקע אַליין איז אויף צרות.

אַך — עס איז שוין נישט דאָס שטעטל פון אַמאָל. דאָס אידילישע, דאָס באַזונגענע. עס איז ני'שט מער ווי אַ בוים, ווו די צווייגן טוליען זיך צום שטאַם ווי קינ'ער. שוי'ן דאָ קלאַסן־קאַמף און ראַסן־קאַמף. שטורעמס פון דער צייט רייסן זיך אַריין.

און באַזוכט מען אַיין שטעטל — ווי מען וואָלט באַזוכט אַ סך שטעטלעך. ווי אַ קוואָרשניט פון יידישן לעבן. מיר וויסן אַזוי וויניק וועגן דער פּראָווינץ, נעמען זי אויף אַמיינסטן פון דער הומאָריסטישער זייט, בעת דאָס לעבן דאָרט איז מוראדיק ערנסט און פאַרבונדן מיט מסירת־נפש.

*

רייך אויסערלעך: אויסגעוואַקסן, אויסגעבויט, מיט סקווערן, מיט אַ סך גרינס, אָבער אָפּגעטיילט פון קריסטן. נאָך איידער מען האָט געהערט געטאָ־לאָזונגען, נאָך מיט יאָרן צוריק — האָבן שוין פּאָליאַקן געבויט זיך באַזונדער אַ קוואַרטאַל. אין דער שענסטער און געזונטסטער געגנט פון שטאָט, אויף דער עטוואָס בערגיקער זייט, האָבן באַאַמטע, אַ דאַנק דער הילף פון מלוכהשע הלוואות, זיך אויפגעבויט שיינע קאָאָפּעראַטיווע הייזער, מיט פיל לופט און זון.

און דער יידישער טייל פון שטאָט — צונויפגעפּרעסט, אַלט־פרענקיש, געטאָ־מעסיק.

אָבער יידן האָבן דאָ נישט קיין געפיל, אַז מען לעבט אויף דערוויל, אַן אַלטע שטאָט, מיט אַ סך יחוס. האָט מען די אַלטע שטאָט איבערגעבויט, מ'האָט איבערגעמאָלן די אַלטע געמעלן, און דער פּשוטער מאָלער האָט גאַנץ פיין דערפילט זיין אויפגאַבע.

אין שול איז איינגעמויערט אַ קרן־קיימת פּושקע. דערציי'ט מען מיר: אויפגעהעצטע פּרומאַקעס האָבן אין שבת אויפגעריסן די קרן־קיימת פּושקע און מיט סמאָלע באַשמירט די אויפשריפט און דאָס געלט צוגענומען — אָבער באַלד צוריק געגעבן. עס איז געווען אַן „אידעישער" אַטענטאַט. אָבער איצט שעמען זיך שוין אַפילו די פּרומאַקעס מיט דער דאָזיקער גבורה. נישט איינער פון זיי איז קאַפּאַבל געווען צו בעטן אַ סערטיפיקאַט. די קהילה גיט סובסידיעס אויף ארץ־ישראל צוועקן און אויך אויף אָרטיקע קולטור־צוועקן.

קוטנע איז געווען די ערשטע שטאָט אין פּוילן וואָס האָט געגעבן אַ סובסידיע פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע.

פאָרט שלום אַשס שטעטל — און מע באַמיט זיך אויסצופיינערן.

קוטנע האָט מזל צו איר ראש־הקהל. אַרבעט לשמה. לאָזט זיך אַליין קאָסטן. און צום ציוניסט האָבן רעספּעקט אויך די קעגנער.

אין שטעטל זעט מען בחוש, ווי איין ענערגישער מענטש קען אַ סך אויפטאָן, ענדערן, באַלעבן. נישט איין שטעטל גייט איין, ווייל עס פעלט דער איבערגעגעבענער עסקן בצרכי־ציבור.

*

דערציילט מען מיר: קוטנע האָט אַ גימנאַזיע פאַר יידישע קינדער, אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע. די גימנאַזיע איז אַ העברעישע, אָבער ס'רוב לימודים זענען אין פּויליש.

האָט זיך אַמאָל געהאַנדלט וועגן געבן אַ סובסידיע פון שטאָטראַט פאַר דער דאָזיקער גימנאַזיע. די בונדישע ראַטמענער זענען געווען איזן־פייער קעגן, ווייל עס שמעקט דאָך מיט העברעיש און ציוניזם. און גראָד אַ קריסטין, אַ לינקע, האָט זיך געלאָזט איבערצייגן און מכריע געווען לטובת אַ סובסידיע.

געווען אַ מאָל אַ פאַל: בונדישע פּרנסים אין דער קהילה האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָפיציעל צו באַגריסן שלום אַשן צו זיין יובילעאום, ווייל ער איז אַריינגעטרעטן אין דער ידישער אַגענץ. און דער קוטנער רב האָט זיי מוסר געזאָגט. איך ווייס נישט צי דעם רבס מוסר האָט געווירקט אויף די בונדיסטן, אָדער נישט, אַ פאַקט איז, די קהילה האָט יאָ באַגריסט און שלום אַש איז געוויילט געוואָרן אַלס ערן־מיטגליד פון דער קהילה — און זיין בילד העגגט אין זאַל.

אין קוטנע קאָן מען נישט צו לאַנג און צו שטאַרק זיך קריגן. אַפילו דאָס לשון איז דאָרט פאַרצערטלט און צעפּישטשעט און מען זאָגט: „אַ לעפעלכיע, אַ שיסעלכיע". איך האָב אַ מאָל באַגעגנט אין קוטנע אַ בונדיסט אין אַ פּרייטיק צו נאַכטס און מיר האָבן שטאַרק דיסקוטירט וועגן קלעריקאַליזם און קלאַסן־קאַמף. פּלוצלינג לאָזט מיך איבער דער קוטנער בונדיסט אין מיטן דער דיסקוסיע און זאָגט צו מיר: „איך מוז אַ היים לויפן קידוש מאַכן פאַר דער מאַמען..."

אַפילו דער בונדיסט דאָרט איז ווייניקער איינגעקשנט. נישט אומזיסט איז אין דער שטאָט אויפגעשריבן געוואָרן די אידיליע און פון דאָרט קומט דער קולט פאַר דער מוטער אין דער יידישער ליטעראַטור, אַז אפילו די שפּראַך איז פאַרצערטלט.

צום פאָלקלאָר געהערן: „גאַנץ קוטנע אונטער איין טלית". עס נעמט זיך צוליב אַ מעשה מיט אַ פּריץ פאַרצייטנס. די קהילה האָט געהערט צו אַ פּריץ, האָט ער זיך שטאַרק גענייטיקט אין געלט און דעריבער באַשטימט אַ גרויסן שטייער אויף טליתים. האָט זיך קהל אַן עצה געגעבן און געדאַוונט אין איין טלית...

אַך, אַמאָליקע אידילישע צייטן. אַמאָליקער שטייער־אַמט! היינט איז אַנדערש: דאַוון יאָ, דאַוון נישט — פּעטער משלם!...

*

אויפן בית־עולם אין קוטנע. אַלט, אַרומגעמויערט. קברים פון אַמאָליקע צדיקים, מיט לעגענדעס פאַרבונדן. אויף איין קבר פון אַ צדיק ר' בעריש געפינט זיך אַן איינפאַכע מצבה. פערציק יאָר געשלאָפן אויפן דאָזיקן האַרטן שטיין און באַפוילן אַז מען זאָל אים מאַכן אַ מצבה. און פרומע יידענעס קומען אויפן קבר, לייגן קוויטלעך, כדי געהאָלפן צו ווערן.

אַן אהל פון ר' יהושעלע קוטנער.

אויפן קוטנער בית־עולם איז דאָ אַן אוצר פון אַלטער יידישער קונסט, פון אָרנאַמענטיק. דער יונגער קינסטלער, דער אויטאָדידאַקט טיבער, וואָס האָט שוין אין וואַרשע אויסגעשטעלט און מען לייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען, באַגלייט אונדז אויפן בית־עולם און ער ווייזט די מוסטערן פון אַלטער יידישער פאָלקס־קונסט. געווען אַ מאָל אַ משפחה פון מצבה־קריצער, די סאַטס, פון שפּאַניע געקומענע, פרומע יידן, זוהר־יידן, און זיי האָבן זייער פרומקייט אַריינגעקריצט אין די מצבות — און פון אַזאַ פאַבוליר־לוסט און קריץ־לוסט, אַז זיי האָבן פון ביידע זייטן מצבה געקריצט לייבעלעך, הערשעלעך, אותיות ליבלעכע. דער וואָס וועט פאָרשן יידישע קונסט און יידישן סטיל, דאַרף נישט פאַרזוימען דעם קוטנער בית־עולם, אַן אוצר פון פרימיטיווער שיינקייט. עס איז כדאי צו דערוויסן זיך ווער זענען געווען די שעפער פון די ווערק.

*

אין דער קוטנער קהילה.

זיבן טויזנט נפשות. הונדערט טויזנט זלאָטעס אַ יאָר עטאַט, — און זי דערמאָנט: מען איז שטאָלץ, קוטנער קהילה גיט אויך ארץ־ישראל און אויף קולטור־צוועקן.

מ'האָט דאגות: מען דאַרף אויפבויען אַן אייגענעם בנין פאַר דער גימנאַזיע. און מען דאַרף האָבן אַ האַנטווערקער־שול. פון אַלע שטעטלעך, ביי עסקנים, איז פאַראַן אַ דראַנג נאָך פּראָדוק־טיוויזאַציע. מען ווייסט: מען קען נישט, ווי אַמאָל, זיך פאַרלאָזן אויף נסים, אויף די שלמה נגידס. פון די פענצטער פון דער קהילה זעט מען דעם יאַריד. יידן האָרעווען, ציען חיונה, — פויער און ייד לעבן בשלום, — אָבער די נייע לאָזונגען רייסן זיך אַריין. מע רעדט וועגן איבערטראָגן דעם מאַרק. און מען זעט שוין איין: סחורה איז נישט די בעסטע תורה, מען וויל אַ האַנט־ווערקער שול און אַ שול פאַר ערד־אַרבעט. פאַראַן גראָד אַ מעגלעכקייט. אַ יידישער גוט־באַזיצער, פון דור־דורות, האָט אַ גיט און ער האָט באַקומען אַן אָנזאָג צו פאַרצעלירן. ווען מ'זאָל דאָרט גרינדן אַ יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע שול, וואָלט מען געקאָנט אַ סך אויפטאָן. פאַר ערד־אַרבעטער וועט די וועלט זיין אָפן. מען דאַרף געלט. אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינע סומע. עס איז דאָך דער בעסטער אופן פון פּראָדוקטיווער הילף.

אויף די ווענט פון דער קוטנער קהילה הענגען פּאָרטרעטן. ר' יהושעלע קוטנער, שלום אַש, הערצל, ביאַליק, ווייצמאַן און ד"ר בערנאַרד קאָהן. איך ווייס נישט צי מ'האָט אָנגעפרעגט דעם ערנווירדיקן ד"ר קאָהן, אויב ער דערלויבט אויפהענגען זיין פּאָרטרעט צווישן הערצל און ביאַליק, וואָרום ד"ר בערנאַרד קאָהן האָט זיכער געפיל פאַר דיסטאַנץ, בפרט אַז אַ פּאָרטרעט פון אַ מאַרשאַל און אַ בראַנדעס — הענגען נישט. די נאַיווע קוטנער יידן! זיי ווייסן נישט, אַז צוזאַמען מיט פּאַול נאַטאַן, האָט ד"ר בערנאַרד קאָהן געפירט פאַר דער מלחמה דעם קאַמף קעגן איינפירן העברעיש אין חיפהער טעכניקום — און מזרח־יידן האָבן געקעמפט שווער און פאַרביטערט פאַר זייער ביסל ארץ־ישראל און ביסל העברעיש — און זיי האָבן געזיגט.

אַ סך וואַסערן זענען אַריבער און פייערן האָבן אויפגע־פלאַמט — און זיי פלאַמען ווייטער — און די מזרח־יידן קעמפן ווייטער פאַר זייער אייגנאַרטיק קולטור־לעבן, פאַר די רעכט פון די קוטנעס אַרויסצוגעבן פאַר זיך און פאַר דער וועלט אַ שלום אַש. און ד"ר בערנאַרד קאָהן האָט פיל צו זאָגן און צו באַאיינ־פלוסן אין די ענינים — האָט זיך זיין אינערלעכע באַציאונג פיל געענדערט זינט יענעם קאַמף צוזאַמען מיט פּאַול נאַטאַן, אין יאָר 1913, צו די קולטור־באַדערפענישן פון די מזרח־יידן? ד"ר בערנאַרד קאָהן איז אַ זייער ערנווירדיקער און איבערגעגעבענער און טיכטיקער טוער, אָבער אויפהענגען זיין בילד אין אַ קהילה־זאַל, נעבן ווייצמאַן און ר' ישיעלע קוטנער און שלום אַש, לויטער פּוילישע מזרח־יידן, פאַרטועגע אין גייסטיקייט און יידישע מלוכה — נאַיווע קוטנער יידן! ער וואָלט עס זיכער נישט דער־לויבט, און עס איז אפשר גערעכט דער פּרנס פון דער אָפּאָזיציע, וואָס האָט מיר באַמערקט: אויב עס וועט אַזוי גיין אויף דעם וועג, וועלן באַלד אויספעלן ווענט פאַר די בילדער.

פאָרזיכטיק מיט בילדער! אַ בילד איז אויך פאָרבילד. עס דאַרף דינען אַלס העלדן־פאַרערונג, כזה ראה וקדש. און מען מוז האָבן אַ געפיל פאַר דיסטאַנץ.

*

אַ באַזוך ביי דער משפחה פון שלום אַש, וואָס איז גראָד איינגעהילט אין טרויער צוליבן טויט פון דער מוטער.

און מ'הערט זיך אָן אַ ביסל משפחה־כראָניק — וועגן אָפּשטאַם פון שלום אַשן, וועגן דעם פאָטער ר' יחזקאל גאָמבינער, אַ גרויסער שעפּסן־סוחר געווען. אין גאַנץ פּוילן געהאַט פאַר־טרויאונגס־מענער און געשיקט גאַנצע שיפן און באַנען מיט שעפּסן קיין אויסלאַנד. די געשעפטן פאַרצווייגט, אַ דור אויפגע־שטעלט, דעמבעס! און די מוטער, די נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענע אשת־חיל, אויף איר שטייגער פרום געווען. זי האָט זיך געשפּיגלט אין זון.

מיט יאָרן צוריק האָט ביסמאַרק אַרויסגעגעבן אַ צאָל־גזירה און דער שעפּסן־האַנדל איז צוליב ביסמאַרקס איין פעדער־שטריך — איינגעגאַנגען. מאַנכע קינדער, די דעמבעס און קרובים.

האָבן געמוזט אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע און פון דאָרט: די פּראָטאָטיפּן פון „אָנקל מאָזעס" און אַנדערע געשטאַלטן פון דער נייער וועלט.

און שלום אַש, דער דעמב וואָס נעמט אַרום מיט זיינע אָרעמס די אַלטע און נייע וועלט און פאַרצייכנט עס און לאָזט איבער אַ געדעכעניש.

שלום אַש לעבט אין זיין שטעטל. און ער האָט זיין שטעטל לעבעדיק געמאַכט פאַר דער וועלט.

קוטנער קריכערס

הענעך שלייפער
פּאַריז

אַ גרויסע צאָל קוטנער יידן האָבן אויסער זייערע נעמען און פאַמיליע־נעמען, געהאַט אויך אַ צונאָמען, וואָס איז נישט פאַרשריבן געווען אין די מעטריקעס, צי אין די איינמעלד־ביכער — נאָר איז זיי צוגעקלעפּט געוואָרן פון חברים, שכנים און סתם גוטע פריינד.

אין די דאָזיקע אומגעוווּנטשענע „פּסעוודאָנימס" האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ טייל קוטנער יידיש שטייגער־לעבן. אַוודאי איז די אייגנשאַפט צו באַצייכענען אַ קרוב, אַ חבר, אַ שכן, אַ פאַך־קאָלעגע, אָדער אפילו אייגענע שוועסטער־ברידער, מיט אַ „פּאַסיקן" צונאָמען, געווען אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר אַנדערע שטעט און שטעטלעך. איך מיין אָבער, אַז קוטנער יידן האָבן זיך באַנוצט מיט אַ גאַנץ אַנדערן און אייגענעם צוגאַנג, אַ באַזונדערן לאָקאַלן מעטאָד, וואָס איז געווען אַ טייל פון דער קוטנער אייגנאַרטיקייט, מיט וועלכער אונדזער שטעטל האָט זיך אויסגעטיילט און באַקאַנט געמאַכט.

דאָס באַזונדערע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די צונעמען זענען געווען נישט בלויז פאַך־אָנגעהעריקע, אָדער לויט דער באַשעפטיקונג; אויך נישט לויט דעם פיזישן אויסזען פון מענטשן (אויך אַזעלכע זענען, פאַרשטייט זיך, געווען), נאָר דער עיקר זענען דאָס געווען רייך פּערזענלעכע באַצירונגען, וואָס האָבן באַדאַרפט אויסדריקן דעם מהות פון דער געגעבענער פּערזאָן, צוגעפּאַסט צו זיין כאַראַקטער, באַנעמונג און האַלטונג, ווי אויך אין זיין באַציאונג צו מענטשן. עס זענען געווען צונעמען פּשוטע, בעל־הביתישע, בכבודיקע, שפּאָטישע און באַליידיקנדיקע. אויב אַזאַ שם איז איבערגעגאַנגען בירושה, איז עס נאָר געווען דערפאַר, ווייל דער יורש האָט נישט אַרויסגעבראַכט קיין אייגענע נייע שטריכן, נאָר ווייטער אָנגעהאַלטן דעם פאַמיליע־שטייגער פון זיינע עלטערן.

איך וועל דאָ נישט צוזאַמענשטעלן קיין גענויע רשימה, צי אַריינלאָזן זיך אין אַ ווייטזוכנדיקע שטודיע וועגן דעם, ווען און ווי אַזוי די נעמען זענען געשאַפן געוואָרן. איך וויל נאָר דערמאָנען, אַז די „מאָדע" האָט נישט געשאַנעוועט אַפילו אָנגעזעענע בעלי הבתים, אַריינגערעכנט אונדזער גרויסן בן־עיר שלום אַש. ער האָט געהאַט אַ צונאָמען, מיט וועלכן מ'האָט אים מכבד געווען נאָך יונגערהייט און ווערט נאָך היינט באַנוצט צווישן די קוטנער. אויך אונדזער באַרימטער גאון ר' יהושעלע קוטנער, ווּעמען קיינער וואָלט נישט געוואַגט פּוגע בכבוד זיין — האָט געהאַט אַ מין צונאָמען.

אַחוץ דער שפע פון צונעמען, מיט וועלכע קוטנער יידן האָבן זיך קעגנזייטיק באַטיטלט, האָבן זיי נאָך געפונען איינעם אַ מין היפּער־צונאָמען פאַר קוטנע בכלל, פאַר גאַנץ קהל — ק ו ט נ ע ר ק ר י כ ע ר ס.

ווער עס דערהערט אַזאַ נאָמען, קען זיך ביי אים שאַפן דער איינדרוק, אַז אַלע קוטנער יידן זענען געווען פון איין טייג געקנאָטן, אָדער אַז אַלע זענען געווען באַהערשט פון אַ מין פלעגמאַטישקייט. עס האָט געקענט הייסן, אַז אין קוטנע האָט מען זיך אי געלאַנגווייליקט, געווען פויל און ווייך, אי לאַנגזאַם און צעקראָכן. מיט איין וואָרט — קריכערס.

איך ווייס נישט פון וואַנען דער דאָזיקער חוזק האָט זיך גענומען. צי פון אַ רירעוודיקן אויסלענדער, וואָס האָט אפשר געהאַט צו טאָן מיט איינעם פון זיינע קוטנער פאַרטרעטער, אָדער אַ סוחר, ווּעמען זיינער אַ צושטעלער האָט אַמאָל פאַרשפּעטיקט די באַשטעלונגען; אָדער גאָר פון אַן אייגענעם לץ, וואָס אַליין האָט ער גאָרנישט געטאָן, און — געחוזקט פון אַלעמען אָדער פון די אייפערזיכטיקע יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס זענען זיך מתקנא געווען אין דעם ברויזנדיקן, געזעלשאַפטלעכן און סאָציאַלן לעבן אין קוטנע; און אפשר דערפאַר, וואָס אָנקומענדיק קיין קוטנע פון דער באַן, האָט מען געמוזט קריכן באַרג־אַרויף... עס בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז דער צונאָמען האָט זיך אָנגענומען, ממש צוגעקלעפּט און זיך צעטראָגן איבער מדינת פּוילן, דערנאָך ווייט איבער אירע גרענעצן. אומעטום, ווּ נאָר עס זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אָפּשטאַמיקע פון אונדזער שטאָט, איז דער צונאָמען „קוטנער קריכערס" זיי נאָכגעגאַנגען, אויב נישט פאָרויסגעלאָפן.

מעגלעך אויך, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך יענע אַרבעטער־געזעלן, פאַר ווּעמען קוטנע איז געוואָרן צו ענג. מע האָט זיך געלאָזט אין ווייטע מקומות זוכן אַרבעט, צי דורך קוטנער יונגעלייט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט מיליטער־דינסט אין פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד, אָדער פון איידעמס, וואָס שווער־און־שוויגער האָבן איינגעאָרדנט ביי זיך אויף קעסט אויסער קוטנע — און זייערע ווייבלעך האָבן פאָרגעוואָרפן, אַז זיי זענען... קוטנער קריכערס. אָדער אפשר גאָר פון די באַריידעוודיקע וואָיאַזשאָרן, וועלכע האָבן פאַרפולט די באַנען און וועגן און זענען אויך אָנגעקומען קיין קוטנע אָפּצוזעצן די פאַרשידענע סחורות. וועגן אַזעלכע האָט דער באַליבטער שלום עליכם שוין לאַנג געזאָגט, אַז זיי זענען גרויסע פּלאַפּלערס. ווייטער זענען דאָס געווען די גרויסע עמיגראַציע־שטראָמען איבער דער וועלט, מיט וועלכע עס האָבן אויך מיטגעוואַנדערט אונדזערע לאַנדסלייט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין די ווייטע לענדער, אין די גרויסע וועלט־שטעט און דאָרט מפורסם געמאַכט אונדזער „קריכער־יחוס".

אין דער אמתן איז קוטנע געווען אַ זייער לעבעדיקער און אַקטיווער צענטער. אַלץ, אין וואָס עס האָט זיך געגייטיקט אַזאַ סאָרט שטאָט, האָט קוטנע אַליין פּראָדוצירט. פאַבריקן און פאַבריקלעך, וואַרשטאַטן, אַרבעטער און אונטערנעמערס — האָבן פלייסיק געשאַפן. זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַלערליי פּראָדוקטן, מאַטעריאַלן און פאַרברויך־אַרטיקלען. אַן אינטענסיווער האַנדל איז אָנגעגאַנגען מיט דער אַרומיקער סביבה. מאַשינען, ווערקצייג און אַנדערע פאַבריקאַציעס, צו וועלכע דאָס שטעטל איז נישט דערגאַנגען — זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן פון אָרטיקע סוחרים, פּיפּיקע פאַרטרעטערס און פאַרמיטלערס, וועלכע האָבן

גוט פֿאַרשטאַנען ווי אַמבעסטן צו געניסן פֿון די נייע פּרנסה־קוואַלן.

די גרויסע באַן־ליניע וואַרשע—בערלין, וואָס האָט זיך געצויגן האַרט ביי אונדזער שטאָט, האָט זיי שטאַרק געלאָקט און אַזוי אַרום געהאָלפֿן אַנטוויקלען די שטאָט. די סטאַציע „קוטנאָ", וואָס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו אַ געדיכטן באַן־קנופּ און אַפֿילו צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן, וויכטיקן פֿאַרבינדונגס־פּונקט — האָט באַדינט אַ ווייטן שטח אַרום און ערנסט קאָנקורירט מיט די ווייטערע, גרעסערע שטעט, ווי: פּלאָצק, וולאָצלאַוועק, לוי־וויטש און לענטשיץ. זי איז אַריבערגעוואַקסן די נעענטערע פּאָוויאַטאָווע קרייז־שטעט און גמינעס. די אַלע שכנישע אָרטשאַפֿטן האָבן געמוזט אָנקומען צו אונדזער שטאָט, וועלכע איז ממילא געוואָרן אַ וואָגיקער האַנדלס־צענטער און באַדייטנדיקער עקאָנאָמישער און אַדמיניסטראַטיווער ראַיאָן. צום רעשיקן אויפֿשטייג פֿון דער שטאָט, האָבן די קוטנער יידן צוגעטראָגן דעם גרעסטן חלק מי, פֿלייס, ענערגיע און קענטעניש — פֿיל מער וויפֿל מ'האָט געקענט דערוואַרטן פֿון אַזעלכע רענאָמירטע און באַטיטלטע קריכערס.

די קוטנער יידישע אינטעליגענץ און די אַקטיווע עלעמענטן פֿון עמך, האָבן אין אַ גענוגנדיקער מאָס באַזעצט די אָנפֿיר־אינסטאַנצן פֿון די פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, פֿאַראיינען און אינסטיטוציעס — הן וועלטלעכע, הן רעליגיעזע, פּראָפֿעסיאָנעלע,ווירטשאַפֿטלעכע, קולטורעלע און ספּאָרטיווע. אָנגעהויבן פֿון די דורות־באַרימטע רבנים, דיינים, חזנים, מלמדים און כלי־קודש — ביז לערער און דערציער, שול־טוער, פּאַרטיי־פֿאָרשטייער, אָנפֿירער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען און האַנטווערקער־פֿאַרבאַנדן, ספּאָרט־אינסטרוקטאָרן און יוגנט־פֿירער, מוזיק־ליבהאָבער, בינע־אַמאַטאָרן, שרייבער, פּאָעטן, וויל־לערנער און ליטעראַטור־קענער, חסידים און מתנגדים, פֿרומע און אַפּיקורסים, נאַציאָנאַלע יידן און קאָמוניסטן, בונדיסטן און פּועלי־ציוניסטן, אַרבעטער און ספּעציאַליסטן, סוחרים און אָנגעשטעלטע, בוכהאַלטערס און סתם אינטעליגענטן און בני־תורה. דאָס אַלץ האָט געפֿאָדערט אַ צאָלרייכן שטאַב פֿון געבילדעטע מענטשן, געניטע פֿאַכלייט, אויף אַלע מעגלעכע און נוצלעכע געביטן. אונדזער שטאָט האָט אויף די אַלע אַמטן „געגעבן דעקונג" אין דער ווייט גרעסטער מאָס. אויב אַ געוויסע צאָל מענטשן — חוץ די קוטנער — זענען געווען באַשעפֿטיקט ביי אונדז אין שטאָט, האָבן קוטנער אָפּשטאַמיקע, אין אַ נאָך גרעסערע צאָל, געאַרבעט און געשאַפֿן אויף אַנדערע ערטער און אַזוי אַרום פֿאַרפֿולקאָמט דאָס בילד פֿון קוטנער חשיבות.

די קוטנער יידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט איז געווען זייער צעצווייגט און אָנזעעוודיק. אונדזערע בני־עיר זענען געווען גוטע פֿאַכמענער, דערפֿאַרענע סוחרים, איבערגעגעבענע עסקנים, עדלעכע אידעאַליסטן, דרייסטע רעוואָלוציאָנערן און נוצלעכע בירגער פֿון זייער שטאָט. און איבער אַלעם — געטרייע יידן פֿון זייער פֿאָלק. נאָך היינט טרעפֿט מען פֿיל קוטנער ביי אָנגעזעענער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט אין אַ סך לענדער.

די יידישע יוגנט האָט זיך מאַסנווייז באַטייליקט אין לאָקאַלן קוטנער לעבן. עס האָט זיך געפֿילט מאָדערנעם ריטם און יוגנטלעכער ברען. אונדזער שטעטל האָט נאָך געקענט אַ סך צוזאָגן און דערפֿילן.

אַזאַ האַרבער און ציניש נאָמען ווי „קריכערס", איז געווען אַ בייזוויליקער און אומפֿאַרדינטער, ממש אויסגעטראַכט אַ בילבול. און כאָטש יעדער קוטנער האָט אים אויסגעהערט מיט ביטול און שמייכל, וואָלט דאָס זיכער נישט געשטערט נאָך לאַנג, זייער לאַנג, אָנצוהאַלטן דעם נאָענטסטן און וואַרעמסטן קאָנטאַקט מיט אונדזער געבורט־שטאָט, ווען נישט דער אַכזריותדיקער, נאַציסטער באַרבאַריזם, וואָס האָט ביזן גרונט חרוב געמאַכט דאָס שפּרודלדיקע און שעפֿערישע לעבן פֿון דער אַזוי טיף יידישער שטאָט קוטנע.

קוטנער פֿייערלעשער

אברהם לוסטיגמאַן
חולון

נישט איין מאָל איז קוטנע געווען אויסגעשטעלט אויפֿן גענאָד פֿון אירע פֿייערלעשער צוליב די קליינע און גרויסע שריפֿות. אין די אונטערגעסלעך, באַווינט פֿון יידן, האָבן זיך געפֿונען אַ סך הילצערנע הייזקעס. אַ קליין פֿייער האָט געקענט אָפּווישן אַ גאַנץ געסל. איז געווען וויכטיק, אַז צווישן די פּאָזשאַרניקעס זאָלן זיך אויך געפֿונען טרייע יידישע הענט, וואָס זאָלן נישט פֿאַרשפּעטיקן צו לעשן די שריפֿה...

צווישן די אַקטיווע סטראַזשאַקעס האָבן זיך געפֿונען עטלעכע יידן: פֿאַסירשטיין — אַ לעכער־שלייפֿער, יחיאל שוסטער, בנימין שמאַטע — אַ טרעגער און נאָך עטלעכע, וועמענס נעמען איך געדענק נישט. אויך אינעם אָרקעסטער פֿון די פֿייערלעשער האָבן געשפּילט עטלעכע יידן. בעת אַ שריפֿה אין יידישע גאַסן און געסלעך האָבן זיי זיך ממש מוסר־נפֿש געווען צו ראַטעווען יידיש האָב־און־גוטס. אָבער נאָך מער האָט פּסיכאָלאָגיש געווירקט אויפֿן עולם דער פֿאַקט, אַז צווישן די פֿייערלעשער געפֿינען זיך יידן.

דער רוב סטראַזשאַקעס זענען געווען אין מיטעלן עלטער, פֿון אַרבעטער־קלאַס — בעלי־מלאכות, צומייסנט שוסטערס. בראש פֿון דער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע" איז געשטאַנען דער נאַטשאַלניק שימאַנסקי.

ווי נאָר אַ חגא, אַ גאַלוווקע, איז ער אַרויס אין גאַס אַן אויסגעפּוצטער אין זיין גאַלאַ־מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפּ און רויטע עפּאָלעטן. די עלעגאַנטע אָפּיצערסקע שטיוול האָבן דערגרייכט ביז די קניען. אויף די הענט — שניי־ווייסע הענטשקעס. געגאַנגען איז ער שטייף, אויסגעצויגן. געווען אַ שיינער מענטש, זיין לאַנגע שוואַרצע באָרד האָט אים געגעבן דעם אויסזען פֿון אַ גענעראַל און אויך גורם געווען צו... יידישע צרות.

נאַטשאַלניק שימאַנסקי איז נישט געווען קיין יידן־פֿריינד, נאָר אַ ביסל קלעפּ ווי אַ ייד — האָט ער יאָ פֿאַרזוכט צוליב זיין „יידישער באָרד"

געשען איז דאָס אין 1919/20, ווען די אַנטיסעמיטישע האַלערטשיקעס האָבן געבושעוועט אין פּוילן, געשלאָגן יידן און געשניטן זייערע בערד. אויף דער קוטנער באַן־סטאַציע האָבן זיי אָנגעטראָפֿן אויפֿן נאַטשאַלניק שימאַנסקי, וועלכער איז גראָד געווען ציוויל אָנגעטאָן. די באַנדע איז אים באַפֿאַלן און געוואָלט אָפּשניידן זיין לאַנגע באָרד. אָבער ווי אַנטוישט זענען די האַלערטשיקעס געוואָרן, ווען דער דאָזיקער כלומרשטער „זשיד" האָט געשטעלט אַ העפֿטיקן ווידערשטאַנד, געשלאָגן און פֿאַרטיידיקט די באָרד. פֿון די קלעפּ וואָס שימאַנסקי האָט דערלאַנגט די אָנפֿאַלער, האָבן זיי דערשפּירט, אַז דאָס זענען גאָר „ידיים ידי עשו"...

די פֿייערלעשער האָבן זייער זאַמלפּונקט געהאַט אין הויף פֿון טעאַטער. דאָרטן פֿלעגן זיי אַלע זונטיק זיך צוזאַמענקומען,

מושטרירט און געמאַכט איבונגען. אינעם גרויסן הויף איז געשטאַנען אַ הויכער הילצערנער טורעם, מיט אָפענע פענצטערלעכער. אויף אַ הענגלייטער האָבן זיך די סטראַזשאַקעס אַרויפגעכאַפּט ביזן שפּיץ פון טורעם און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף שטריק, אָדער מיט ברייטע לייוונט־זעק. בשעת מעשה, איז דער סטראַזשאַצקע אָרקעסטער געשטאַנען אויפן טעאַטער־באַלקאָן און צוגעשפּילט.

דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג פון די פייערלעשער האָט זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט פון הויף, אויף דער פּאָדזשעטשנע, אָדער ווי מ׳האָט די גאַס גערופן — די שוסטער־גאַס. עטלעכע סאָרטן וועגענער האָט פאַרמאָגט די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע: לייטער־וואָגנס, מיט פעסלעך וואַסער, וואָגנס מיט ברייטע וואַסער־קישקעס, לאַנגע הילצערנע דרענגער מיט אייזערנע שפּיצן,ווידלעס און שופּליעס. ביים נאַטשאַלניק שימאַנסקי האָט אַלץ געמוזט שטיין גרייט: די פעסלעך מיט וואַסער, די וואַסער־קישקעס אויסגעטרוקנט און אויפגעוויקלט. די לייטער־וועגענער אין פּראָנט, גרייט די ערשטע צום פאָרן. אַז מען האָט באַדאַרפט, האָט מען געכאַפּט פערד ווו נאָר מ׳האָט געקאָנט.

דעם אינוועטאַר האָט געהיטן אַ שומר, דער אַלטער בייזער פּאָליאַק ווישניעווסקי, אַ מיאוסער אַנטיסעמיט, וואָס פלעגט אַ הנאה האָבן פון כאַפּן אַ יידיש קינד און עס צעשלאָגן ביז בלוט. אָט דער בייזער גוי האָט באַדאַרפט דער ערשטער מאַכן אַן אַליאַרם בעת אַ שריפה. ער האָט געוווינט לעבן די שאָפעס פון די פייערלעשער און ווי נאָר אַ פייער, איז ער געלאָפן צום גרויסן גלאָק, וועלכער איז געהאָנגען ביים הילצערנעם צלם, אין ווינקל פון דער שוסטער־גאַס און אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק קלינגען, אַז אַ טויבער האָט געקאָנט דערהערן. ס׳איז גלייך געוואָרן אַ בהלה. פון אַלע עקן שטאָט האָבן גענומען לויפן די סטראַזשאַקעס, שוין אָנגעטאָן די קופּערנע אָדער מעשענע העלמען, טונקל־בלויע בלוזעס מיט ברייטע לעדערנע פּאַסקעס, אויף וועלכע עס זענען געווען אָנגעהאָנגען העקלעך אין לעדערנע שיידלען, זיי האָבן שנעל אַרויסגעשטופּט די וועגענער, אויסגעשפּאַנט פערד פון צופעליק אָנגעטראָפענע וואָגנס, אָבער קיינער האָט זיך נישט געטאָרט קעגנשטעלן. אַ סך יידישע פורמאַנעס זענען אַליין געלאָפן מיט זייערע פערד. דער ערשטער איז תמיד געווען ט י ג ע ר. „פּאָלסקי זשיד" האָט מען אים גערופן. ער פלעגט קומען צו לויפן מיט זיינע צוויי „אָדלערס", קנאַלן מיט דער בייטש — „היידאַ". ווי אַן אמתער קאָזאַק איז ער געריטן. אויך משה יאַנטשע דער געלער, פלעגט אָנקומען צווישן די ערשטע, רייטנדיק אויף זיינע „בערן", ווי ער האָט גערופן זיינע פערד. מאַסן מענטשן און קינדער זענען אַרויס אין גאַס און געלאָפן צו דער שריפה.

איז אָבער אין שכנותדיקן דאָרף אויסגעבראָכן אַ שריפה, איז גאָר אַנדערש צוגעגאַנגען. ס׳האָט גענומען אַ שטיק צייט, ביז אונדזערע פייערלעשער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דאָרף — איז שוין געווען נאָך אַלעמען. די כאַטקעס מיט די שטרויענע דעכער זענען געווען פאַרברענט, געטראָפן האָבן זיי אַ קליין טליענדיק פייערל, אַרום מיט אַש. אויך אין שטאָט איז געווען פאַלן, ווען אַ שריפה האָט אויסגעבראָכן אין מיטן נאַכט, האָבן די פייערלעשער „פאַרשפּעטיקט". אָבער צו זייער שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי זענען געווען שטאַרק איבערגעגעבן זייער אויפגאַבע.

יאָרן פון זוכענישן, געראַנגל און טרוימען

ראובן מרוז
קיבוץ לוחמי הגיטאות

ווייט, ווייט פון דער אָכניע, ווייט פון די שמאָלע קוטנער געסלעך און פונעם זאַמענהאָף־געסל מיט די נידעריקע דעכלעך, וואָס נאָר אין געדאַנק קען מען צו זיי גרייכן, פּרוביר איך איצט צייכענען קוטנע אין דער ריכטיקער פאַרב, הגם עס טיילן אונדז אָפּ פון יענער תקופה מער ווי 30 יאָר.

דאָ, צופוסנס די שיינע גליל־בערג, ביי די שטילע ברעגן פון מיטללענדישן ים; דאָ, ווו ס׳האָט זיך געשאַפן אַ ניי לעבן — איז שווער צו שילדערן דאָס פאַרגאַנגענע. עס טיילט דער תהום פון מרחק און צייט.

עס ליגט פאַר מיר דער טרויעריקער דאָקומענט, וועלכן כ׳האָב געפונען אין אַרכיוו פון „בית־כצנלסון": די פּלאָצקער׳ס און הערשקאָוויטשעס פאָדערן ביי די לעבנגעבליבענע נקמה. זיי, וואָס האָבן געזען אונדזערע נאָענטע אין זייער לעצטן וועג, שרייען: נקמה!

מיין טעכטערל, אַ קינד פון 9 יאָר, פרעגט: „אבא, וואָס שרייבסטו?" ליידער, געפין איך נישט קיין ווערטער איר דאָס צו דערקלערן. אָבער פאַר איר און פאַר אירס גלייכן ווערט געשריבן דאָס בוך. זיי דאַרפן דאָס פאַרשטיין, מוזן פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס איז געשען מיט זייערע זיידעס און באָבעס — זאָל שוין מער נישט זיין.

אויף וויפל איך געדענק, זענען די יאָרן 1930—1939, ערב דעם גרויסן אומקום, געווען יאָרן פון אויפברויז און זוכעניש אויף דער יידישער גאַס. אויך די יוגנט זוכט וועגן, קען נישט איינזיצן אין די ד׳ אמות פון די ענגע שטובן און וואַרשטאַטן.

ווי ביי די דערוואַקסענע, שאַפן זיך אויך ביי דער יוגנט אָרגאַניזאַציעס און קלובן.

דער „בונד", וועלכער האָט אין קוטנע אַ גרויסע השפעה ביי דער פּראָלעטאַרישער יוגנט, קאָנצענטרירט אַרום זיין יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" אַ סך שניידער־ייִנגלעך, געזעלן. עס ווערט אויפגעבויט אַ גאַנץ שיין הויז פאַר דער טעטיקייט, לאָקאַלן פאַר די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַ ספּאָרט־קלוב „מאָרגנשטערן", פּרץ־ביבליאָטעק, פוטבאָל־מאַנשאַפט, אַ בלאָז־אָרקעסטער.

עס געדענקט זיך אויך די ציש"אָ־שול, וועלכע לינקע פּועלי־ציון האָבן אויפגעהאַלטן צוזאַמען מיטן „בונד". צוליב בודזשעט־טעמים, האָט זיך די שול אויפגעלייזט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען די לערערין מאַנדלמאַן און דעם לערער מאַן, וועלכע האָבן אַ סך ליבע און האַרץ געגעבן די קינדער, איינוואָרצלענדיק אין זיי נאַציאָנאַלן שטאָלץ און ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור, דיכטונג און אַנדערע נאַציאָנאַלע ווערטן.

ס׳וואָלט געווען אַן עוולה נישט צו דערמאָנען די „פּאָוושעכנע" שול, אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה, וועלכע האָט אויך דערצויגן יידישע קינדער, אָבער אין דער פּוילישער שפּראַך.

ווי אַ קאַריקאַטור זע איך אַצינד, אין געדאַנק, די לעקציעס פון רעליגיע און תנ"ך: אַ יידישער לערער לערנט וועגן די אָבות — אין דער פּוילישער שפּראַך.

פּאַראַלעל מיטן „בונד", אַנטוויקלט זיך אויך אויף דער

א. ג. בירגערלעכער גאַס, די „מכבי״־אָרגאַניזאַציע. אַרום דער פאָן פון „מכבי״ זאַמלען זיך דער רוב קינדער פון קליינהענדלער, סוחרים, האַנטווערקער. אויך דאָ פירט זיך אַ לעבעדיקע ספּאָרט־טעטיקייט, אַ פּרעכטיקער טורן־פאַראיין מיט זיין אינסטרוקטאָר קראָקעווער, אַ פוטבאָל־מאַנשאַפט, אויך אַ בלאָזאָרקעסטער. עס פעלן נישט קיין יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע שאַטירונגען. נישט איין מאָל פאַרוועבט זיך אויפן זאַמענהאָפגעסל דאָס העברעישע ליד פון „השומר הצעיר״ מיטן ניגון פון די גערער חסידים.

אויף דער פּאָדזשעטשנע הערט זיך ביז שפּעט אין אָוונט דאָס געזאַנג פון יונגוואַרג. דאָ איז דער לאָקאַל פון „השומר הצעיר״, „פרייהייט״ און דאָס הויז פון „בונד״. אויף דער נאַרוטאָוויטשאַ גאַס, אַרום דער ביבליאָטעק פון אחד־העם, קאָנצענטרירט זיך דער „הנוער הציוני״. דאָ איז אַנטוויקלט אַ ברייט־פאַרצווייגטע ציוניסטישע טעטיקייט.

דער קרן־קיימת, וואָס פאַרשפּרייט די ווייס־בלויע פּושקע אין דער מערהייט שטובן פון קוטנע, שטעלט דער יוגנט דערציערישע אויפגאַבן. עס גייט אַ פאַרמעסט ווער פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס וועט מערער זאַמלען פאַרן ק.ק.ל.

דער אופן פון פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן געדאַנק, דאָס קאָלאָניזירן ארץ־ישראל, דער קאַמף מיט דער מאַנדאַט־מאַכט — דאָס אַלץ ווירקט אויף דער יוגנט. די הייסע דיסקוסיעס זענען נישט איין מאָל באַגלייט מיט געשלעגן. אויך די רעוויזיאָניסטן, הייסע קעגנער פון דער אָפיציעלער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַנטוויקלען אין קוטנע זייער טעטיקייט.

דער מונדיר, די מיליטערישקייט — לאָקט די יוגנט. עס דערמאָנט זיך דער באַזוך פון זשאַבאָטינסקין אין קוטנע, וועלכער ווערט אויפגענומען מיט גרויס כבוד און פּאַראַד.

נישט איין מאָל הערט מען וועגן קעגנזייטיקע דעמאָלירונגען פון לאָקאַלן, צערייסן בילדער און פענער. דער טאָג פון ל״ג בעומר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּרעכטיקער דעמאָנסטראַציע פון הונדערטער יוגנטלעכע. זיי גייען אַרויס אין גלעמבאָווער וואַלד, פאַרברענגען אויפן שויס פון דער נאַטור. דאַקעגן צוריקוועגס, פעלן נישט קיין געשלעגערייען צווישן די קעגנערישע גרופּן.

די סיסטעמאַטישע אַרבעט פון די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, הייבן אָן צו געבן פּרוכטן. עס קומען אָן גרופּן פון די הכשרה־פּונקטן פון אַלע עקן אין פּוילן. אַ סך פון די, וואָס קענען זיך נישט דערוואַרטן אויף סערטיפיקאַטן און מוזן עטלעכע יאָר זיצן אויף הכשרה, קערן זיך צוריק אין די היימען. עס קומען אויך אָן גרופּן פון די וואָס האָבן יאָ געהאַט די זכיה עולה צו זיין. מען הערט די נעמען „עין שמר״. עס קומען אויך אָן גרופּן פון דעם זיך בויענדיקן תל־אביב.

דער איינציקער הכשרה־פּונקט פון „השומר הצעיר״ אין קוטנע ברענגט פון צייט־צו־צייט נייע בחורים און מיידלעך פון די מזרח־קרעסן. ווער מיט באַוווּנדערונג, ווער מיט שפּאָט, און ווער מיט קנאה, קוקט אויף די יונגעלייט און מיידלעך אין לעדערנע קורטקעס און שמאָלע „גאַליפע״־הויזן. זיי דעראָבערן פאַר זיך אַרבעטס־פּלעצער ביים האַקן האָלץ, צי אַנדערע שווערע צע אַרבעטן.

אייזיקס בלומען־פּלאַנטאַציע האָט געדינט אַלס וויכטיקער אַרבעטס־פּלאַץ פאַר אַ סך הכשרהניקעס. מ׳דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די הכשרה־מענטשן פון די קרעסן, האָבן געפירט אַ וויכטיקע דערציאונגס־אַרבעט אין אָרטיקן קן פון „השומר הצעיר״ און גראָד אין דער יידישער שפּראַך. ווי באַקאַנט, האָבן די אָרטיקע מדריכים גערעדט מיט די קינדער פּויליש און ווי מעגלעך — העברעיש. יידיש, האָבן זיי געהאַלטן, איז די שפּראַך פון גלות — און מ׳האָט זי נעגירט.

עס דערמאָנען זיך די מאַי־דעמאָנסטראַציעס. זייער אימפּאָזאַנט זענען זיי געווען. די גאַסן־צוגן פון „בונד״, פּועלי־ציון און נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועלכע זענען צוגעקומען צום אַלגעמיינעם מאַי־צוג — איז געווען בולט מיט זייער באַזונדערקייט און אייגנאַרטיקייט. די יוגנטלעכע פון „השומר הצעיר״ האָבן נישט אָנטייל גענומען אין די מאַי־דעמאָנסטראַציעס, דערקלערנדיק, אַז אין גלות איז נישטאָ קיין קלאַסן־קאַמף. ערשט דאָרט, אין ארץ־ישראל, האָבן זיי געטענהט, שאַפן זיך די קלאַסן...

אַ סך קוריאָזן קאָן מען דערציילן וועגן אָנטייל פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין די מאַי־דעמאָנסטראַציעס. עס דערמאָנט זיך מיר בוקשטיין, פון פאַך אַ שוסטער, וועלכער האָט נאָכן שבתדיקן דאַווענען, מיטן טלית־זעקל אונטערן אָרעם, גלייך אַריין אין מאַי־צוג, האַלטנדיק בכבוד גדול די רויטע, פּראָלעטאַרישע פאָן...

די „פרייהייט״־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשאַפן ערשט אין די לעצטע פּאָר יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. עטלעכע טוער פון פּועלי־ציון (צ.ס.): אייקע, באַאַמטער פון דער יידישער קהילה, פּראָפעסאָר שור, לערער אין דער העברעישער שול „עם הספר״ און חיים זשיכלינסקי, אַ שניידער־כאַלופּניק — האָבן אָפּגעגעבן פיל מי און צייט צו שאַפן דעם סניף פון „פרייהייט״.

ווי באַוווּסט, האָט די „פרייהייט״ געהאַט אויך סתם חלוצים, וועלכע האָבן געשיקט עטלעכע יוגנטלעכע אויף הכשרה קיין קלאָסאָווו (קעניג און אַנדערע בחורים און מיידלעך, וועלכע געפינען זיך היינט אין לאַנד). נישט גרויס איז געווען דער סניף אין קוטנע. נאָר אַ סיסטעמאַטישע דערציאונגס־אַרבעט האָט ער געפירט. מ׳האָט אָנטיילגענומען אין כמעט אַלע ציוניסטישע אימפּרעזעס, וואַלן צום סיים, שטאָטראַט, ציוניסטישע קאָנגרעסן, קהילה. יעדעס יאָר זענען אַ סך יוגנטלעכע אַרויס אויף זומער־קאָלאָניעס, אָנטיילגענומען אין די ק.ק.ל.־אַקציעס. עס זענען געווען די יאָרן, ווען אין א״י איז פאָרגעקומען אַ שווערער געראַנגל פאַר עליה און קליטה. דאָס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט און אויסגעווירקט אויף דער טעטיקייט־אַרבעט פון דער „פרייהייט״ אין קוטנע.

מען האָט געשיקט אויף קורסן אין קיבוץ „באָראָכאָוו״ אין לאָדזש. דאָרט זענען אויך געווען „הגנה״־קורסן פאַר דער יוגנט פון די גרעסערע שטעט און שטעטלעך.

דער לאָקאַל פון „פרייהייט״ איז נישט איין מאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין קאָנספּיראַטיוון אָרט, ווו מ׳האָט ביי פאַרהאָנגענע פענצטער געלערנט סיגנאַליזאַציע און פאַרבינדונג.

פון לאַנד זענען אָנגעקומען בילדער און שילדערונגען פון דעם יידישן פאַרטיידיקער און אַרבעטער, דער „גפיר״ מיט דער הויכער פּאַפּאַכע, מיטן ביקס אויפן אַקסל און לעבן אים — דער אַקערער; ישובים, אויפגעקומענע איבער נאַכט. די בילדער האָבן באַפּוצט די ציוניסטישע לאָקאַלן.

לאַנג וועלן בלייבן אין זכרון די מסיבות און די אָוונטן, וועלכע זענען געווען פול מיט ארץ־ישראל־גייסט. אוממעגלעך צו פאַרגעסן די מסיבה, ווען מיר האָבן אַוועקגעשיקט דעם ערשטן בוגר אויף הכשרה אין בענדין — בנימין אַבראַמאָוויטש (היינט אין חולון).

דער ערשטער סעפּטעמבער 1939, האָט מיט איין מאָל, ווי אַ מעסער, איבערגעשניטן דעם גאָלדענעם פאָדעם פון יונגער שאַפונג און חלומות. בלויז יחידים האָבן מיט נסים זיך באַוויזן דורכצורייסן דורכן פלאַם פון פאַרניכטונג.

דער אלטער מארק

י. עלבוים, א. ווייכסעלפיש, צ. לאַסמאַן

שווער זיך פאָרצושטעלן די יידישע קוטנע, וועלכע האָט געלעבט מיט תורה און עבודה — אָן דעם אַלטן מאַרק און זיין „באַפעלקערונג". דאָס איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער פּלאַץ מיט בנינים, געשעפטן, סטראַגאַנעס, וואַרשטאַטן — נאָר אַ גאַנצער באַגריף, אַ וועלט פאַר זיך. דאָ האָט זיך קאָנצענטרירט דער יידישער קליינהאַנדל און האַנטווערקעריי. אויב משפּחות לויטן אַלטן מאַרק און זיינע באַוווינער, האָט זיך געשאַפן דער פאַלשער איינדרוק, אַז קוטנע איז אַ ריין יידישע שטאָט. דאָרט זענען די הייזער, קראָמען, ביידלעך, געשטעלן, מיט די הענד־לערס, פאַרקויפערס, „רופערס" און „כאַפּערס" — געווען דורכאויס יידישע. דאָקעגן די בעלי־מלאכות האָבן זיך נישט אַזוי שטאַרק אָנגעזען. די אַלע שניידערס, שוסטערס, קאַמאַשן־מאַכערס, היטלמאַכערס, טישלערס, זייגערמאַכערס, בעקערס, בלעכערס, גלעזערס, קירזשנערס, טרעפּיאַזשעס, רימערס און אַנדערע — זענען געווען פאַרשטעקט אין די וואַרשטאַטן, אַרבעטס־פלעצער, וועלכע האָבן אין רוב זיך געפונען אין



אהרון־נחום דער שניידער אהרון־נחום החייט

ביידעס־שטיבלעך, סוטערינעס, קעלערס, אין די הויף. קוטנער עמך, די שער־און־אייזן יידן, זענען געווען נישט נאָר פּראָדו־צענטן, נאָר אויך ליפערער און פאַרקויפער פון הונדערטער אַרטיקלען פון ערשטן געברויך פאַר דער שטאָט און סביבה. דאָס האָבן זיי אַריינגעהויכט אָטעם, אינהאַלט, נשמה און געגעבן אַ תיקון דעם מאַרק־פּלאַץ. דאָ האָבן צענדליקער יידישע משפּחות געפירט זייער גערעַנגל פאַרן שטיקל ברויט, דאָ האָט מען געהאָפט און געטרוימט וועגן פּרנסה, וועגן חתונה מאַכן אַ קינד, לערנען אַ זון. אויף דעם אָרט האָבן זיך געטראָפן און געקרייציקט די אינטערעסן פונעם יידישן סוחר און בעל־מלאכה מיט זייערע שטאָטישע און דאָרפישע קונים.

*

דער מאַרק איז באַשטאַנען פון אַ פיר־קאַנטיקן פּלאַץ ווי אַ קאַסטן, וועלכער האָט געהאַט זיין אָנהייב ביים קלויסטער. אויף דער לינקער זייט — אַ לאַנגער בנין, די אַמאָליקע קאַזאַרמע, וועלכע איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־שול און דערנאָך — אין אַ קאַסינאָ פאַר אָפיצירן. אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען דאָס הויז און געשעפט פון הרב קאַפּלאַן. ער האָט זיך באַזעצט אין קוטנע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָפּגעקויפט פעלדער און אַליין זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. אין די יאָרן פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט, האָט זיין פּאָרם

געדינט אַלס הכשרה־פּונקט פאַר חלוצים פון קוטנע און אַנדערע ערטער.

פון די אייגנטימער פון די שפּייז־געוועלבער איז געווען זייער פּאָפּולער דער הויכער מלך (דער העכסטער ייד אין שטאָט!) און זיין גאָר נידעריקע ווייב חנהלע. אַ סברה, אַז זי איז געווען די נידעריקסטע יידישע פרוי אין קוטנע. צו דער „לאַנדשאַפט" פון מאַרק האָט אויך געהערט דער תבואה־סוחר גרינבוים און די שענק פון ברוך בילד, ווו יידן און קריסטן האָבן זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ מיט אַ קופל ביר, גוטע אַרבעס און אַ וואַרעם לעבערל... בשכנות איז געווען דאָס מעבל־געשעפט פון יידל קרויט. אַזוי ווי ער איז אין דער רוסישער אַרמיי געווען אַ פייקלער, האָט מען אים שוין צוגעזעצט אַ צונאָמען — יידל פויקער...

בשכנות פון אים האָבן זיך געפונען עטלעכע יאַטקעס פון די ברידער נאָסאַל, באַקאַנטע קצבים אין שטאָט.


די געשעפטן פון ראַווערן פון די גאָלדבערגס און לוקס, פלעגן אויסבאַרגן יידישע יוגנטלעכע די מאַשינדלעך צו פאָרן אויף אויספלוגן. נישט איינער פון זיי פלעגט צוריק קומען פון אַזאַ נסיעה אַ צעמזיקטער, אָדער אַ הייזעריקער און צוגעקילטער (פון מידקייט איז דאָך אָפּגערעדט!). זענען די פאַרזאָרגטע און אָנגעברוגזטע טאַטע־מאַמע אַוועק צו די ראַווערן־אייגנטימער מיט טענות, הלמאי זיי מאַכן קאַליע די קינדער...

אַזוי ווי אין קוטנע פלעגן צוויי מאָל אין וואָך (דינסטיק און פרייטיק) פאָרקומען מערק, האָבן יידישע טאַנדייטערס געהאַט אויפן אָרט ווו אָפּצוליפערן זייערע סחורות און פאַרטיקע זאַכן. צו די באַקאַנטסטע טאַנדייטערס האָבן געהערט די ברידער קאַזאַק: איטשע, מרדכי, מיכאל. זיי האָבן אויסגעזען, ווי אַ געבוירענער דריילינג — נידעריק, דאַר און בלאָנד. אַליין געפירט דעם וואַרשטאַט און די פאַרקויף־שטעלע, געפאָרן אויף אויף יאַרידן אויסער קוטנע. אימפּולסיווע סוחרים געווען, פלינקע בעלי־מלאכות. בעת די קוטנער מאַרק־טעג, האָבן זיי געהאַט „רופערס", אָדער „כאַפּערס", וועלכע האָבן מיט אַ סך רייד און טייל מאָל מיט כוח געשלעפּט פויערים אין געשעפט פון די קאַזאַקס. איז אַזאַ פויער דאָרט אַריין, האָט גאָר זעלטן פּאַסירט ער זאָל נישט האָבן עפּעס געקויפט.

צו די באַקאַנטע טאַנדייטערס אין שטאָט האָבן אויך געהערט די פינף לייכמאַנס מיט זייער מאַמען פריידע נעכע. צוליב זייער אויסזען, האָט מען זיי גערופן „בורציקעס". זייער סטראַגאַן אויפן מאַרק איז באַדינט געוואָרן דורך לייב־בערן, מרדכין, לייבישן, פּנחסן און יעקבן. זיי זענען געווען די „רופערס" און פאַרקוי־פערס, דערלויבט זיך אַפילו טייל מאָל אַרויסשלעפּן אַ קונה פון יענעמס געשעפט. צוליב דעם זענען נישט איין מאָל אויסגע־בראָכן סקאַנדאַלן און אַפילו געשלעגן. די הויפּט־פאַרקויפערין איז געווען די מאַמע אַליין, פריידע נעכע, מיט אַן אָנגעהאַנ־גענער לייוונטענער טאַרבע אויפן האַלדז, ווו זי האָט געהאַלטן דעם פּדיון פון טאָג.

פון די אַנדערע אָנגעזעענע טאַנדייטערס געדענקען מיר: לאַסמאַן, לענטשיצקי, מאַשקאָוויטש, איטע באַבעס, אָסאָווסקי, פּופּע לאָלאַ מיט איר טאָכטער און זאַקשעווסקי. און אויב די פרויען האָבן זיך פאַרנומען מיטן האַנדל, זענען די מענער געווען די שניידערס, געזעסן אויפן אָרט, בעת דער „שוואַכער מין" פלעגט אַפילו פאָרן קיין לאָדזש איינקויפן רוי־שטאָף און פאַרטיקע סחורות, אַוועק געלאָזט זיך אויף די מערק און יאַרידן, מיטנעמענדיק מיט זיך אָפט די קינדער. דאָס קליינוואַרג איז דעמאָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „כאַפּערס", „שלעפּערס" און „רופערס" פון קונים...

אַזאַ אשת־חיל האָט דעם האַנדל געפירט אויך ביי זיך אין שטוב, אויב מ׳איז נישט געשטאַנען אויפן מאַרק. געשען איז דאָס באַזונדערס אין די קריסטלעכע חגאות, ווען דער מסחר איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. אַפילו די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן געוווּסט ווו געבן צו לייזן דעם יידישן הענדלער און בעל־מלאכה, נאָך דעם ווי זיי האָבן געענדיקט דאָס זונטיק־געבעט אין קוטנער קלויסטער. די פּאָליציי האָט געהאַלטן אויג אויף דעם סאָרט האַנדל און נישט איין ייד איז באַשטראָפט געוואָרן. פון דעסטוועגן האָט מען אויך אין אַ



מעכל טרעגער — געצייכנט פון חיים טיבער
מעכל הסבל — צייר חיים טיבר

זונטיק צי אַנדערן חגא־טאָג געריסן דעם קונה פון די הענט און פון דער שטוב. צוליב דעם איז אַמאָל דערגאַנגען צו אַ שאַרפן קאָנפליקט צווישן טאַנדייטער ביינישׁ מאָשקאָוויטש מיט רבקה לאַסמאַן, אַזש אָנגעשפּאַרט אין געריכט. נאָכן אַנטשולדיקן זיך פאַר איר, האָט פרוי לאַסמאַן בטל געמאַכט די אָנקלאַגע.

צווישן די מאַרק־שטייערס און הענדלערס איז געווען אַ באַזונדערע גרופּע — „קאָמיסיאָנערן". נישט האָבנדיק קיין אייגענעם קאַפּיטאַל צום האַנדל אָדער מלאכה, האָבן זיי גענומען ביי די כאַלופּניקעס און סוחרים פּאַרטיקע מלבושים צום פאַרקויפן. די סחורה האָט מען באַקומען אויף קאָמיס — און די נישט פאַרקויפטע זאַכן האָט מען שפּעטער צוריק געגעבן די אייגנטימער. אויף אַזעלכע קאָמיסיאָנערן האָט מען געקוקט פון אויבן אַראָפּ, באַצויגן זיך צו זיי מיט ביטול, שיקאַנירט, נישט צוגעלאָזט צו זיי קיין קונה. אַ טייל פון זיי האָבן געמוזט אויפגעבן זייערע געשעפטן און זיך פאַרוואַנדלען אין כאַלופּניקעס, צי אין „כאַפּערס".

*

צו דער „מענטשן־פּאַנאָראַמע" אויפן אַלטן מאַרק האָבן אויך געהערט די צוויי פאַרקויפערס ((מיט זייערע ביידלעך) פון גרינס. פאַרבראָקעכץ און אַנדערע שאַר־ירקות. אין די מאַרק־טעג, ווען די פּויערים האָבן געבראַכט אָן אַ שיער פון דער דאָזיקער סחורה, האָבן יידן פון דעסטוועגן נישט פאַרלאָזט זייערע בני־עיר, די קבצנים אין זיבן פאָלעס — און געקויפט ביי זיי אַ מייערל, אַ פּעטרושקע, קאָפּער, אַ ציבעלע.

פון די גאַלאַנטעריע־קראָמען אויפן מאַרק ווילן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די צוויי פון אבאלע בראונס הויז. איינס פון זיי — אַ שיין געשעפט, נאָר די פּאָליצעס זענען געווען פאַרשטעלט מיט... לײדיקע שאַכטלען. אין מאַרק־טאָג פלעגט אַזאַ סוחר אויפהאַלטן דעם קונה און דערווייל שיקן וועמען פון די קינדער ב־ענגען פון אַ צווייטן סוחר דאָס געפאָדערטע אַרטיקל. דאַקעגן מירעלע מרוז מיט איר טאָכטער האָבן אין דעם סטראַגאַן זייערן אַרויסגעשטעלט בלויז „מוסטערן": אַ פּאָר שיך־בענדלעך, פּאָדקאָוועס, טיכלעך, אַ פּאַסיקל און... לײדיקה שאַכטלען. אויך דאָ האָט מען זיך באַמיט אויפהאַלטן דעם קונה אַזוי לאַנג, ביז מ׳האָט פון אַ צווייטן סוחר געברענגט די פאַרלאַנגטע סחורה.

צו די לעדער־סוחרים האָבן געהערט: מענכע, קאָלאַשינסקי, פּרץ קעניג, ערדבערג. קאַמאַשן־מאַכערס: פּלאָצקער, שיע קו־טשינסקי, גוטמאַן, עפּשטיין. טאַמבאַרירער: מרוז יעקב (וועטעראַן פון לינקע פּועלי־ציון).

אויפן אַלטן מאַרק האָט אויך געהאַט זיין געשעפט דער מאַנופאַקטור־סוחר דוד מעטאַל. דאָס איז געווען אַ ייד מיט אַ וואַרעם האַרץ, געהאָלפן מיט הלוואות און מיט מתן בסתר די טאַנדייטערס און אַנדערע נויטבאַדערפטיקע יידן.

*


דער מאַרק־פּלאַץ איז געווען אַ באַזונדערע, אָפּגעשלאָסענע וועלט פאַר זיך. אין סאַמע צענטער, ווי אַ פעסטונג וואָס באַשיצט די סביבה, איז געשטאַנען דער בנין פון רויטע ציגל, וואָס האָט געהערט צו ר׳ מיכאל שיע ראַש, דער פאָטער פון אַכט טעכטער און איין זון. דאָס איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד, און דערצו — אויך אַ מין יידישער פּריץ. אַמאָל האָט ער געהאַט אַ גרויסן פּאָלוואַרק. אויב ר׳איז ניט געווען זיין אייגנטום, האָט ער אים אַוודאי געהאַלטן אין אַרענדע. אין די גרויסע קעלערן פון זיין הויז האָט מען אין פעסער געזייערט אוגערקעס און קרויט, וואָס זענען פאַרקויפט געוואָרן ניט נאָר אין קוטנע, נאָר אין לאַנד, ווי אין אויסלאַנד. זיין „צווייטע האַנט" ביים פירן די געשעפטן איז געווען זיין טאָכטער געניע, די פרוי פון זלמן קירשטיין ז״ל, וועלכער איז אין אָנהייב קריג דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן.

ר׳ מיכל שיע האָט אין זיין הויז געעפנט דאָס ערשטע קינאָ אין שטאָט. דער דאָזיקער זאַל האָט אויך געדינט פאַר חתונות און בעלער. אָבער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַז מ׳האָט אין קוטנע אויפגעבויט נאָך קינאָס און זאַלן, איז דער צענטער פאַר קולטור און פאַרווייִלונג איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ צווייטער געגנט פון שטאָט — ביים נייעם מאַרק. ר׳ מיכאל שיע האָט דעם גרויסן זאַל פאַרוואַנדלט אין אַ וווינונג, אויפן פאַרלאַנג פון זיין קרוב ר׳ אברהם פראָמער (זיין פרוי פרומעט, די טאָכטער פון ר׳ משה אהרון מענכע, איז געווען אַ קרובה פון די ראַשס).



די עופות־הענדלערין — געצייכנט פון חיים טיבער
מוכרת עופות — צייר חיים טיבר

ר׳ אברהם איז געווען דער צושטעלער פון לייוונט פאַר אַלע ניי־וואַרשטאַטן אויפן אַלטן מאַרק. עס זענען כמעט ניט געווען קיין פאַלן, אַז די שניידערס פון יענער סביבה זאָלן קויפן ביי אַ צווייטן סוחר פון אַן אַנדערער גאַס (געווען אַזעלכע סוחרים: ר׳ יעקב אָפּאַטאָווסקי און ר׳ שמואל אַש). די שניידערס פון אַלטן מאַרק זענען געבליבן טריי ר׳ אברהמען און גענאָסן ביי אים פון אַן אומבאַגרענעצטן קרעדיט. ר׳ אברהם האָט געפירט זיינע געשעפטן אין גרויסן מאַסשטאַב, לויט די דעמאָלטיקע השגות אין קוטנע. ביי אים האָט געאַרבעט זיין שוואָגער ר׳ משה סקורקאַ, אַ גערער חסיד. זיין טאָכטער לובטשע איז געווען פון די ערשטע יידישע מיידלעך פון אַלטן מאַרק, וועלכע האָט באַקומען מאַטורע אין מלוכהשן ליציי. אויסער דעם שוואָגער, האָבן ביי אים געאַרבעט זיינע צוויי זין: יעקב און חנא. די בוכהאַלטעריע האָט געפירט גאָדל מענכע. אין מאַרק־טאָג האָט מען געקענט זען דעם 10־יאָריקן שמחה, ר׳ אברהמס יינגסטער זון, אָנגעטאָן דאָס גימנאַזיע־היטל אויפן קאָפּ, ווי ער פלעגט מיט אַ צעטל אין האַנט גייען פון סטראַגאַן צו סטראַגאַן און איינמאָנען חובות ביי די בעלי־מלאכות.



ר׳ מיכל יהושע ראַש

די לייוונט האָט מען געברענגט פון לאָדזש. יעדן דינסטיק און פרייטיק איז אין גרויסן הויף פון ר׳ מיכל שיעס הויז פאַרפאָרן ר׳ משה יאַנטשע מיט זיין בויד, געשפּאַנט אין צוויי פערד. פון דער בויד האָט מען גענומען אויספּאַקן ראָלן לייוונט און מאַנופאַקטור־סחורות, וועלכע האָבן דעם וועג קוטנע—לאָדזש אַדורכגעמאַכט אין דער בויד, הגם צווישן ביידע שטעט איז געווען איינגעשטעלט אַן ערשטקלאַסיקע באַן־פאַרבינדונג.

כמעט אין צענטער פון די קראָמען אויפן אַלטן מאַרק, האָט זיך געפונען דאָס וויין־געשעפט פון ר׳ הערשל פלאָצקער, באַקאַנט אַלס הערשל וויינמאַכער. ווער אין שטאָט איז ערב שבת ניט געלאָפן אַהין קויפן וויין אויף קידוש? און מיט וואָס פאַראַ אומגעדולד מען פלעגט פרעגן ר׳ הערשלען: „ווען וועט שוין אָנקומען דער ,עין גדי׳־וויין צום פסחדיקן סדר?"

בדרך כלל איז דער פלאַץ ניט געווען אַזאַ ריינער. דאָ האָבן זיך געשטעלט אַ סך לוזשעס מיט עיפּושדיק וואַסער פון דער קאַנאַליזאַציע. נאָר ערב שבת האָט זיך אַלץ געענדערט. עס איז שווער געווען צו גלייבן, אַז דאָס קומט גאָר פאָר אין אַן קאַטוילישער מלוכה. דער גאַנצער פלאַץ האָט באַקומען אַ יום־טובדיקן אויסזען. די געשעפטן און וואַרשטאַטן — פאַרמאַכט. די האַנטווערקער האָבן אין אַ ווינקל פאַרשטעקט די סחורות, איבערגעדעקט די מאַשינען. די פּאָדלאָגע האָט מען אויסגעקערט, אויסגעוואַשן און באַשיט מיט פרישן, געלן זאַמד. די אָפּגענוצטע וואָכעדיקע מלבושים זענען פאַרביטן געוואָרן מיט די שבתדיקע בגדים. שבת פרי האָבן אַלע געאיילט אין שול אַריין. נאָכן דאַווענען, איז חברה קליינוואַרג געלאָפן צום בעקער אָפּנעמען די טשאָלנטער. גאַסטפריינדלעכע און אָנגעזעענע בעלי־בתים האָבן אַהיים גענומען אַן אורח צום שבתדיקן טיש. נאָכן שלאָף האָט מען זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר אַרום דעם פלאַץ, אָדער אויף די וויטערדיקע גאַסן — צו אַ קרוב אָדער פריינד אויף אַ גלעזל טיי. דער פלאַץ איז געוואָרן אַן אַנדערער, מער וויכער, ראָמאַנטישער.

אַ גאָר אַנדערן אויסזען האָט דער מאַרק־פלאַץ באַקומען אין קריסטלעכן רו־טאָג — זונטיק. נאָך שבת גאַנץ פרי, נאָכן פרייטיקדיקן מאַרק־טאָג, האָבן די שטאָטישע קערערס גוט אָפּגערייניקט דאָס אָרט. זונטיק פרי, ווי נאָר די גלאָקן פונעם קלויסטער אויפן פלאַץ האָבן זיך צעקלונגען, האָבן אָנגעהויבן אַהין שטראָמען פשוטע מענטשן פון פאָלק, פאַרשטייט זיך — אַז צופוס, בעת די רייכערע זענען געקומען אין בריטשקעס און קאַרעטעס, אַפילו מיט מונדירטע דינערס, ווען ס׳איז פאַרפאָרן אַ קאָטש מיט אַ גוטבאַזיצער פון דער סביבה. בעת די פריצים זענען אַריין אין קלויסטער, האָבן זייערע דינערס און פורמאַנעס געמאַכט אַ כוסה אין רעסטאָראַן פון שימאַנסקין, אָדער פון בילדן.

אין די אָפיציעלע יום־טובים האָט דער פלאַץ באַקומען אין גאַנצן אַן אַנדערע צורה. ערב דעם יום־טוב פון דער קאָנסטיטוציע פון דריטן מאַי זענען אַלע פענצטער און באַלקאָנען אַרום דעקאָרירט געוואָרן מיט דיוואַנעס, פענער און בילדער פון פוילנס מדינה־פּרעזידענט. אין טאָג פון יום־טוב האָט דער 37סטער פיעכאָטע־פולק, וועלכער האָט סטאַציאָנירט אין שטאָט, אַדורכמאַרשירט דורך דער קרולעווסקע גאַס צום נייעם מאַרק, בראש מיטן אָרקעסטער, איינער פון די בעסטע מיליטערישע פון דער פוילישער אַרמיי, וועלכער האָט דערנאָך געגעבן אַ פּאָפּולערן קאָנצערט.

צומאָרגנס איז פאָרגעקומען דער מיליטערישער פּאַראַד, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען דאָס מיליטער, מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, פ.וו. (מיליטערישע צוגרייטונג), צווישן זיי אַ יידישע אָפּטיילונג א. נ. פון בערעק יאָסעלעוויטש, באַוואָפנט מיט ביקסן און זייערע עלטסטע — מיט אַנטבלויזטע שווערדן; פּאָליציי, פייערלעשער, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, סקויטן (אָבער ניט קיין יידישע) און די שול־קינדער. יעדע גרופּע — מיט איר פאָן, אַ טייל אַפילו מיט אַן אייגענעם אָרקעסטער. פאַרן פּאַראַד איז פאָרגעקומען אַ מיליטערישער אַפּעל, בדרך כלל מיט אַ רעדע פון אַ שטאָטישער פּערזענלעכקייט, וועלכע איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן פון פראָמערס וווינונג. אין אַזאַ טאָג איז דער מאַרק־פלאַץ געווען אין צענטער פון אַלעמענס פאַראינטערעסירונג. אויף די טראָטואַרן האָבן זיך פאַרזאַמלט מאַסן מענטשן פון דער גאַנצער שטאָט און אומגעגנט. קרובים און פריינד האָבן זיך איינגעאָרדנט אין די דירות אויפן פלאַץ, כדי קענען זען דעם פּאַראַד.

צו די כאַלופּניקעס, וועלכע האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט רייכטום, האָבן געהערט די היטלמאַכערס. זייערע פּאַציאַטעס און סוטערינעס האָבן גלייכצייטיק געדינט פאַר וווינונגען און וואַרשטאַטן. חיונה האָט מען געצויגן פון נייען היט׳ען נישט נאָר פאַר יידן און פויערים, נאָר קודם כל — פאַר די ש׳ילער פון די פאָלקס־שולן און גימנאַזיעס. בעת קליין און מרוז ,האָבן סיי געאַרבעט, סיי אַליין פאַרקויפט אויפן מאַרק זייער פּראָדוקציע, איז דער היטלמאַכער גייסט געווען ספּעציאַליזירט אין נייען היטלען פאַרן מיליטער, באַזונדערס פאַר די אָפיצירן. דאָס האָט אים אויך געשאַפן אַ בעסערן מעמד אין זיין בראַנזשע.

פון די שיך־סוחרים אויפן אַלטן מאַרק געדענקען מיר: בילד משה (דער בלינדער משה), שימאָנאָוויטש, הערש בראון („זשעלוד"), שיע בלאַנק („פּאַקע"). זיי זענען געווען גוט סיטואירט, הגם מ׳האָט נישט געהאַט קיין שטעלן אויפן מאַרק. דערפאַר איז געווען דאָ אַנטוויקלט דאָס „כאַפּערייי" פון קונים. זייערע קונים זענען געווען דער עיקר די פויערים.ביים שוסטער אייזיק שאפּשעוויטש איז געשטאַנען אַ דראָנג מיט אַ פּאָר שיך. ער

פלעגט אויך אַרומפּאָרן אויף אַנדערע מערק און יאַרידן אויסער קוטנע, זיין צונאָמען איז געווען אייזיק „יילך". שפּעטער האָבן פּוילישע שוסטערס אָנגעהויבן אַריינדרינגען אינעם פאַך.

אַ שם־דבר אויפן אַלטן מאַרק זענען געווען די פריזירערס קלאַר מיט זיינע צוויי בנים און זייער אַרבעטער דוד פּאַקולסקי ז"ל. אין אַ מאַרק־טאָג האָבן אַלע געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט. עטוואָס ווייטער אויף דער קרולעווסקע, האָט זיך געפונען דער פריזיר־אַנשטאַלט פון גאָרשקאָוויטש (קאַשליאַפּ). אויסער ראַזירן און שערן, האָט ער נאָך געשטעלט באַנקעס, פּיאַווקעס און געמאַכט קאַנעס... אַז אין אַ מאַרק־טאָג האָבן זיך צו אים אַריינגעשטעלט אַ צען פּויערים מיט אַ מאָל צום ראַזירן, איז ער נישט געוואָרן נתפּעל. אַלעמען אויסגעזעצט אויף אַ לאַנגער באַנק, איינגעזייפט פון אַ גרויסן עמער מידלינעס — פון לינקס אויף רעכטס און פון רעכטס אויף לינקס — און זיי געלאָזט זיצן. זעענדיק אַז די איינגעזייפטע ווערן אומגעדולדיק, האָט ער אַ געשריי געטאָן „אָרקעסטראַ!" — און די פּויערים מיט ווייסע פּנימער זענען אַרויס אין גאַס. זיי האָט זיך געוואָלט זען דעם אָרקעסטער... דער עולם האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. די איינגעזייפטע פּויערים האָבן שוין פאַרגעסן נאָך וואָס זיי זענען אַרויס. געווען אַפילו עטלעכע ליידיקגייער, וואָס האָבן יעדן מאַרק־טאָג געוואַרט אויף דעם „ספּעקטאַקל" מיט די איינגעזייפטע פּנימער... ערשט אַז די פּויערים זענען צוריק אַריין אין דער ראַזורע, האָט מען זיך גענומען צום גאָלן. אויף גאָרשקאָוויטשן האָט מען געזאָגט, אַז בעצם איז ער אַ בעסערער מוזיקער ווי פריזירער, ווייל ער האָט אויך געשפּילט אין מכבי־אָרקעסטער, אין קינאָ (אין דער תקופה פון די שטומע פילמען), אויף חתונות. צוליב זיינע קענטעניש אין פעלדשעריי, איז ער געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין לינת הצדק. דאָס איז געווען אַ פריילעכער ייד, באַליבט ביי אַלעמען.


איז סאמע מיטן פון מארק, ווי אַן אינדזל, איז געשטאַנען דער האנדלס־צענטער. פון איין זייט האָבן זיך געפונען געשעפטן און פון דער אַנדערער — תבואה־שפּייכלערס. צוויי פּלומפּן האָבן באַשיינט דאָס אָרט, ווו עס איז אויך געשטאַנען דאָס הויז פון ה' ראַש.

*

אַ האָלץ־בודקע אויפן אַלטן מאַרק, דאָס אייגנטום פון י. זאַק, איז געווען אויסגעשטאַט מיט סאָדע־וואַסער, צוקערלעך און ליאָדעס פון אייגענער פּראָדוקציע. דערפאַר האָט מען אים גערופן „זשימנע ליאָדי". ביי דער בודקע האָט די יוגנט ליב געהאַט צו טרעפן זיך. לעקנדיק דעם אייז־קרעם, האָט מען פאַרפירט שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס. די וואָס האָבן גערעדט אַ סך, האָבן אויך געמוזט זיך באַנעצן דעם האַלדז מיט אַ גלאָז וואַסער. זאַק איז געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין דער חברה קדישא און מיט יראת הכבוד זיך באַצויגן צו דער הייליקער אַרבעט.

ועד הקהילה ב־1928. יושבים: א. אייזמן, הרב יצחק יהודה טרונק, יהונתן מיירנץ. עומדים: א. שינרוק, א. ש. אלברג.
קהילה־פאַרוואַלטונג אין 1928. עס זיצן: א. אייזמאַן, הרב יצחק־יהודה טרונק, יהונתן מייראַנץ. עס שטייען: א. שיינרוק, א. ש. עלבערג.

וצועקים על גזירות רעות וסופן להתבטל, בעצלתיים ושפלות ידים נותנים יד והסכמה לאכזריות! התעוררו לבות המתיאשים והלכו להפצרתי לאכוף המשתמטים מהשתדלות, באשר חשבו הענין בנידון כגמר דין ואין להשיב והתיצבנו שלשתנו הרב, מירנץ ואני, לפני שר המחוז. הלז מסרנו לשר העירוני ובבואנו שמה קיבלנו בספ"י: הרב ופרנסי העדה, בואכם לשלום! מה משאלתכם? (ישבנו ברווחה על ספסלאות הכבוד) זקן העדה ורבה מצאו לנכון תיכף למסור רשות הדבור לצעיר הפרנסים כמוני ע. ידבר באה התשובה. בהפתעה גמורה בשבילי אז פתחתי פי ואמרתי: אדוני שר העיר! ידוע הדבר שבימות הבינים עת חשכת הבערות כסתה ארץ צרות רבות צררונו — עם ישראל „בעלילות הדם"... בפרוס הפסח אנטישמים הרגו לפעמים נפש כדי להשליכה סביבת בתי הכנסת לעלל על היהודים שרצחו להשתמש עם דמו למצות... והרג רב וחרבן נעשה נקמת דמים... אל יחר בעיני אדוני אם אומר כי „עלילת דם" חדש מודרני נעשית לעינינו! רוטקס ואמתלה שמשתמשים בהם לגרוש הלודזאים, זה מעין „עלילת דם" אומרים שהם מחמקים סחורות מחרמות ועוסקים בהם הלא אם היום כבר סוף חודש ולהם 150 משפחות 750 נפשות לא ניתן „כרטיסי מחיה" מה יעשו? בעל כרחם להתחמקות ידחקו על ידכם האם ימותו ברעב?!... אגלה סוד! כבר עשיתם גם אותנו פרנסי הקהלה למחמקים! כיצד? באים ודופקים לפתחינו, רעבים וצמאים, נשים וטף לפרוסת לחם חשכנו מפינו בראשית החדש כי אמרנו מחר מחרתים, הלא יותן להם ויחזירו לנו עכשיו סוף חודש, הקלקלה עומדת ומתקיימת על ידכם. עלינו לחמק באסור פן נמות, פקוח נפש דוחה הכל, אם תגיעו למקומנו תחטאו כמוני... לבסוף עמדתי ואמרתי בפתוס חזק: הרשות בידכם לאסרנו, ואני אומר כי אם לא תבטלו רוע הגזירה שלא יגרשו לעיר ההרס, לודז, עניי הפליטים שכבר התאזרחו בעירנו, ובחזקה תגרשום ותרדפום על צואריהם זקנים וטף... אם לא יותן להם חזרה כרגיל „כרטיס מחיה" מכל החודש אז ארשה לי להכריז בפומבי נגד העולם כלו על האכזריות המרובה שקננה בלבבכם; יכירו וידעו הכל: כי הגרמנים הם המה הברברים... (בפתוס גדול!) (כידוע תעמולה רבה נעשתה בשנות המלחמה בשתי המחנות המתגוששים תחת הסיסמה: מי המה הברברים?! האנגלים קראו את הגרמנים — והגרמנים את האנגלים, והוכיחו בספרות ועובדות צעקניות משערוריות הקרב: מי המה הברברים!...) שר העיר נדמה ונדהם, וטלפן לשר המחוז הדרישה הנמרצת של הרב ופרנסי הקהלה לבטל רוע הגזירה, וקיבל הסכמתו לפי הצעתו, ואותו יום הוחזרו „הכרטיסים" מכל החדש שכמעט כבר עבר ושמחה וששון וגיל... ידעו להוקיר גודל המפעל ובאי כח הלודזאים נתנו בעתונים מודעה של: תודה רבה ויישר כח לעוסקים בצרכי צבור באמונה ובטלו מהם רוע הגזירה ושמי הדגישו ביחוד כי באמת סכנתי בנפשי ועלול הייתי לבא במאסר על דברים בוטים כמדקרות חרב שטפחתי על פניהם של השלטונות הכובשים בזמן מלחמה ושעת חירום הכי תקיף...

ידעתי חובת הפרנס לצאן מרעיתו, וגודל האחריות לפקח על עסקי גולים וכל קשה יום, אשר נפשו ונפשות ביתו הוא קובע אם מתרפה במלאכתו, עליו להזדיין ולסכן נפשו בהצלת נפשות אביונים.

פדיון שבוים! מצוה זו כמו נאבדה בגלות מאז וראיתיה כמציאה ונפלתי עליה. אחרי עשותי סדר למשנה במוסד „התלמוד תורה" לבנותו קודש וחול ובתי הספר העירונים הבנוים בחול ופתוחות לקודש נתתי את לבי לבתי ספר תיכונים, בכל מקרא קודש והזדמנות הכרזתי בפומבי לרבותי וחברי, בואו ונוסד צורך הכרחי „בית אולפנה" כדוגמת בית ספר גבוה בלודז לנער־ים המתגדלים ומתבגרים כדי שיזדיינו לצאת למלחמת החיים במדה גדושה הראויה של תורה ודעת! לדאבוני בזו לשכל, אילו הקצינים שבעדה אף שראו שנכשלים בזרעם הם...

צעקתי ככרוכיה: יהודים! „נעשה אדם"! זה צו לחכמי הדור ולהורים, כי „אדם עיר פרא יולד", ועלינו להדריכו לחכמו ולחנכו... שור או כלב או עז כי יולד, שה טלה או גדי לא נאמר, שהם נולדים בצביונם אלא שהמה מחוסרי זמן, מה שאין כן באדם... כן הוכחתים השכם והערב, לצערי ולבקשתי לא מצאו הד, קול קורא במדבר... פעם עש"ק של שבת תשובה כמו תכף והנה מר יוסף איזמן חתן הישיש ר' שלום קרונזילבר ז"ל בא

לבקשני בשם הרב לבקרו, התפלאתי מה פתאום? החסרים לו שמשים... דבר נחוץ מאד! חשתי לבית הרב שליט״א והנה ענין לפקח... היות והמנהל של הגימנסיה העירונית, צורר יהודים קוסטרו, אוכף על תלמידיו העברים לחלל שבתות, עלינו ללכת להשתדל להעביר את הגזירה (השליח יש לו בן). סרבתי וטעמי ונמוקי, כי הסביבה מבית ספר כזה, הריהי גם בחול גרם שמד, לכן ודעתי החובה לדאוג לרפאות המכה ולא לחבוש מארה להמעיט כאבה... כלומר: עלינו לבנות „בית ספר עברי תיכוני", הרב המליץ באשר לפי שעה אי אפשר צריכים להשתמש בהכלל: בוחר הרע במעוטו... בטלתי דעתי לצרכי השעה והלכנו, שבענו מרורות כי עברנו על מאמרם: אסור להתגרות ברשעים בשעה שהשעה משחקת להם...

רבות שבענו בוז כי הוכיחנו על פנינו שאנחנו מגבבי חומרות... כבר היו לי שיח ושיג עם „גדולי ישראל" והסכימו „לדעתו" כי שאלתנו אינה אלא, דוגמה ישנה... לא הועלנו כלום. התקפתי לקוסטרו: אנחנו קוראים לבי״ס מקדש החכמה, איך בונים מקדש ביד אחת, ומחריבין בשניה?!... נאום דומיה. שבנו בבושת פנים. הלכנו לכומר הזקן לחלותו שישפיע על קוסטרו. הפצרנו בו, והשיב ריקם פנינו. שוב הטיף למוסר: להשפיע על צעירינו הנתפסים למינות הבולשביזם... נתתי לו תשובה כהלכה, כי דרישתנו, „שווי זכיות גמור" ואפילו לבולשביזם... כשם שיש לפולנים מרכלבסקי ודזירז׳ינסקי, כן לנו הזכות על יפה וטרוצקי...

בחזירתנו אמרתי לרבי עכשיו אתם רואים שהצדק אתי?... איפה מצות „פדיון שבויים" שאפילו סדורי אבנים למבני בי כנישתא — מעדיפים פדיון שבויים... ומעשה ברבי פנחס בן יאיר.. ודעתי אינה דוקא להציל מן הגייס ומן הלסטים או מן הכומרים... אלא להציל מספסלי בית ספר כזה, הריהי אותה המצוה ממש... כי מצילין נפשות...

כן ניהלתי תעמולה ולא עלתה בידי לדאבוני. אמנם כאשר אלצה עלי השאלה הבוערת נגשתי לבדי עם קומץ מחברי, קראתי לצעיר אקדמי וייז׳ביצקי המתגורר בעירנו, אמרנו לו: קח וסדר גימנסיה עברית! השתומם במה ואיפה? עניתיו: זה סדר הבנין ליהודים: בונין סוכה שתים כהלכתן ושלישית אפילו טפח... אח״כ לימות הגשמים רוצים להשתמש בה מכסין גג עליה, גומרים כתליה בטיח ופצומין ובית נכון נבנה... בקושיים ומאמצים כבירים, בקומבינציות שונות, חליפות לזמנים ועונות הלמודים... נבנית והולכת גימנסיה לעינינו... שנה שנה מוסיפים והולכים חדר ומחלקה ומורים לקודש וחול, ספסלי התלמידים נתוספים, ומכל הסביבה באים ללמוד מגומבין, לנצ׳יץ, לוביטש וקרנוז׳ה ומשאר עיירות ושם המוסד הולך וגדול... „עם הספר" שמו.

הגימנסיה היתה גם כן „פיפטי־פיפטי" תקציב הלמודי קודש, עלתה כלמודי חול, באשר שלשה מורים מומחים ומנוסים הטיפו למודים במידה רצויה ומספקת והועד המפקח עם הרב בראש עשה בקורים תכופים לתהות על התקדמות התלמידים והתלמידות.

פעם פרץ סכסוך ביני ובין וייז׳ביצקי וזהו: לפני „חופש הלמודים" לקח המחלקות להצטלם, והצטלמות זו בערב שבת לא עלתה יפה. מה עשה? פקד על תלמידיו לבא בשבת קודש שוב לאותה הצטלמות... התלקחה מריבה ודרשתי פטוריו, והוא טען כי שגג ולא ידע כי אשם... בין כך ובין כך הגיעה שעת פטוריו. ונתכנסו לעבודה חבר מורים מומחים אבסולבנטים מקרקו, בראשיתו של ד״ר אברהם לשמן, התקציב הוגדל והמטבע הופחתה... „פירמידה" של תקציבים נעשו מחודש לחודש מסבת „יוקר יאמיר" סכנה היתה צפויה לקיומה של הגימנסיה, ערכתי נשפי ליל שבת בהרצאות להורים ומורים, לחנך ההורים לתשוקת הלמודים בשביל ילדיהם, וללמד המורים פרק במוסר היהדות, כי חניכי האוניברסיטה יספיקו בזמורת זר, ורוחנו זרה להם... זמן מה נתתי בשבתות „שעור במסכת סנהדרין" לבוגרי חניכותו כלומר לחנכם על פי תורת ישראל סדר המשפטים. כי מסכת זו יסודתה למשפט ישראל, בארץ ישראל... השתתפתי בכנסיות „האגודה ליסוד בתי ספר תיכוניים" בנשיאות הד״ר ברודא מלודז. קונפרנציה של תרפ״ה לפני עלותי לא״י התקיימה בורשה



ועד־ההורים של ביה״ס העברי התיכון „עם הספר" בקוטנה • עלטערן־קאָמיטעט פון דער ערשטער העברעישער גימנאַזיע — „עם הספר"

בהשתתפות חברי ועדי המפקחים והמנהלים הצעתי אז, להכניס לתכנית הלמודים „הסידור" ללמדו פרקים ביושר הגיון ובטוב טעם ודעת וכאשר הביטו הרבה כעל הצעה מוזרה, הטעמתי בנמוקים מוצקים: אל תבוז כי זקנה אמך!... בואו וראו שפת צרפתית שהיא שפת ארמונים לעמים המקולטרים, בכל זאת כשהם מספרים הם „בטלים בששים"... ושבעים מספרים ע"י צירוף ששים ועשר. שמונים וארבע — ארבע פעמים עשרים וארבע... הלא אם אין אנו פילולוגים יכולים אנו לחדש ולהוסיף על הסדר?! שמע מינה: הוד זקנה מקדשת...

הרבה התלבטנו שנה שנה בשאלת הדירות להרחבת הגימ־נסיה למחלקותיה, אחרי המלחמה ושביתת הבנין היו ימי מצור ומצוק לדירות... ועד אזרחים מפקח בשלטון העיריה, וכל דירה שנתרוקנה בקושיים מרובים, נחרמה... פעם עשיתי „חוזה" עם שר העיריה קליפו שמו, יש לי היכולת לשחרר דירה מתאמת ע"י אמנה עם תושב שעסקיו מרשים לו לצאת לעיר אחרת, ושם אמציא לו תמורת דירתו, דירה הבטחתי לו זכות להשתמש בה... ידידי המנוח מר אביגדור גרומן יצא ללודז, ודירתו נשארה לגימנסיה. אמנם טרם נפתרה השאלה, חתרנו עצות לצאת מסבך הזה, ונעשתה הצעה לשלוח „משלחת הגימנסיה" לאמריקה כי שמה היו ימים טובים לישראל, וכל מי שבא מילא אמתחותיו, ומה גם לצרכי בניני צבור... הציעו שאני כנשיא המוסד אפליג. אמנם מעולם לא נטלתי שכר טרחה או שכר בטלה, ואיך זה אשנה דעתי... להפקיר ביתי ועסקי שוב אי אפשר לזמן חדשים מרובים... ובכן הצעתי למסור השליחות להרב — וכן נעשה. ששים אלף מרק, מקופת הגמנסיה מסרנו לידו, כדי לצאת אמריקתה, אמנם שוב בא הכשלון, כי הרב לא הצליח עשה „עירוב פרשיות" ובין זאב לרועה נבקע השה... פעם בא אורח מר יחיאל קיבל מאמריקה, קבלנו פניו ודרשנו תמיכה למוסדנו קבלנו 50 ד' מסרנום לר' יעקל ברומברג בשביל דירה למנהל ונבלעו בתהום נשיה...

פעם התאמצנו וקנינו בנין של מנדל אורבך שקנה מאשר גולדמן בסכום מאה ועשר אלף מרקאות, שלמנו לו דמי קדימה 35 אלף ונבלעו בכיסו... זוהי היתה השנה של מלחמת רוסיה ופולין. המטבע סבלה ירידות, ודרש הוספה מיום ליום... נתננו התראה נוטרית, ובשעה שהלכנו לנוטריון קדמנו לילך לבית הרב להתפשר... בבואנו שמה, נזדמן הרבי שפירא אחי הקדוש מפלוצק, נסבה שיחה והגיע זמן המנחה, הפסקנו לגמור למחר... בינתים בא בער־מומיות להנוטריון... ובהעדר באי כח הגמנסיה יצא כמנצח... ופשט לנו את הרגל...

נחליתי אותו תוהמ"ס ונתגלגלו הדברים שבלע ולא חמל... לא הוא ולא „האחרים"... כבא כח הקהלה נבחרתי להמועצה המחוזית של בתי הספר בין למעלה מעשרים חברים של „שמנה וסלתה" של העיר הפולנים, הייתי היהודי היחידי, ביניהם. לפרוס החנוכה לחופש חג האזרחים, עמדה על הפרק, שאלת ארגון נשף חגיגי, (תרפ"א 1920) הקציבו מועד המחלק „כרטיסי כלכלה" סולת וצוקר, לנשף חנוכה לילדינו ונשף חג המולד לילדיהם. בנאומו היתל הרופא המחוזי וכה אמר: בתקופת לידת הנוצרי לא היתה אפילו מנורת המאור, ועכשיו כבר יש מאור החשמל...

כשהגיע תורי לנאום, להציע הצעה, בדבר תכנית הבקורים לבתי הספר, החלתי מאותה מהתהלה ואמרתי הרופא שקדמני, החליט ככה, ואני ארשה לי לעשות „פלאגיאט" כלומר היפוכו: בתקופת לידתו של הנוצרי היו בעולם „מאור חשמל" של אהבת אחים, חיבת קרובים, שלמד לעולמו, אמנם עכשיו אפילו נצוץ מאותה אורה איננו!... והחלתי לתאר הפוגרום שבלבוב ואיומיו... אמרתי אותו חלק מנאומו של הטרודוביק הכומר טוחבינסקי „בדומה" הרוסית לבטול עונש המות. נתאר לנו אמרתי שני ילדים בני גיל אחד מגודלים, והם בני שלשים שנה, והגורל מביאם שהאחד יושב לו על ספסל הנאשמים צפוי לעונש מיתה בדבר מעשה רצח, ומשנהו יושב על כסא דין כשופט. הלא עדים אנחנו שנולדו יחד, תמימים וישרים ואיך נהיתה וקמה העובדה במשך הזמן שזהו יושב למשפט וזהו להשפט... אבל אנחנו אשמים! שלא חנכנוהו לבן דל כמשנהו בן העשיר... וזה הוספתי לאמור מאמר התורה בפרשת עגלה ערופה: וענו ואמרו — זקני העם ושופטיו ידינו לא שפכו את הדם הזה!... כן הדבר! אם דם נפשות נקיים נשפך אנחנו אשמים! כדי לצאת ידי חובתנו שחניכנו לא יפרעו פרעות נחנכם לתורה ודרך ארץ! הצעתי: ליצור „ועדות בקור" מעורבים, ויהודים בין המבקרים יבקרו בבית ספר לילדי הפולנים כדי להודיעם שגם תושבים יהודים אזרחים בעלי זכויות מלאות המה... מקצוע החנוך היו חלקי בעמלי בפרנסות, בכל זאת ידי נטויה גם בשאר המקצועות של חיי הקהלה. פעמים הייתי המתווך בין הקצבים והבי"ד או הקהלה, בשעת סכסוך. כן הייתי עומד על המצפה ומשמרת טהרה של המקוה, פעם בהיות הרב בצופוט קיטן, ובינו ובין החוכר אברהם קלינגביל קלקלו סדרים, ופקד על הבי"ד לבלי כשר המקוה טרם ימלא הדרישות של החוזה בסיסמת: מוטב שיחלל שבת אחד ואל יחללו שבתות הרבה... כשנודעתי התנגדתי בכל עוז. הלכתי לביהח"ס דגור, לדרוש גם מהם לצוות לרבי פנחס ז"ל, בפעם הזאת לעבור על פקודת הרב — סיסמתי: במקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב! וחויתי דעתי שלפי תלמודן (סנהדרין ל"ז) אסור לדור ביחד „בלי טבול ובלי ברכה"... ובשוב הרב ספרתי לו בהתגלות לב, שלא להיות בכמעט ברבותיו...


(כ"כ בנסעי יחד עם האדמו"ר מרדזימין לא"י אלול תרפ"ח אמרתי שהתנגדתי לעובדה שמצאה מקומה בורשה שסרבו למחלל שבת למול את בנו, שזהו נגד תשובת הרמב"ם ואינני מודה לזה!)

כן לפני הפלגת הרב לאמריקה דרשתי בישיבת הקהלה, היות ויוקר חמרי הסקה האמיר, ומקוואות סגורות... דרשתי למכור בארצה"ב כמה ס"ת לקנות חמרי הסקה. שאלתים וכי לא מוטב למכור ס"ת כדי לשמור על כריתות שבהן מלשמרם בהיכל וכריתות נדרסות ברגל?... ועל של„טהרות בנות ישראל" מסר לי בשעתו עריכת „קול קורא" לדפוס. גם מצות „מנוי דיינין" קיימתי ונהנתי מפעולתי. ביד"צ דמתא נשאר „כב"ד חצוף" רב ודיין ותלמיד ותיק וגאון ר' יהושע'לי זצ"ל נשאר בלי משען לחם. דרשתי בישיבת הקהלה מנוי של ר' זליג מייזלס אמרתי — היתכן שעיר קוטנה תעשה רעות שתים! להתקיים „בבי"ד חצוף" של שנים שדנו... ולתת נפש יקרה להיות רעב ללחם איו... מלפנים אשתו „ילדה" כמילדת ועכשיו קמו מלומדות וידחפוה... וגם הוא „ילד" זכה בגורלות כסוכן... ועכשיו בטל! הצלחתי אחרי קושיים. דאגתי לחיים האקונומיים. עוד בראשית התפרצות המלחמה, קראתי לאספה החייטים (במקרה השתתף בה העתונאי ז. טיגל) לארגן חברה קואופרטיבית מהם לקנות בזול הצטרכות האומנות, לסדר תקונים לעבודה למשכורת שליותיהם ושעות עבודה... לא הצלחתי מקור משחת של הרגלות טרם איכשר... מכספים שהכנסתי מחלוק קמח־סולת שאחרי כן רציתי לסדר חנויות מכולת משותפות, באו בעלי השפעה מנוגעים בנגיעה עצמית והתנגדו... רציתי לסדר „קופת הלואה" במקום הבנקים שנחרבו, לא מצאתי הד בלבות אבירי לב, שחקו עלי רעי...

בתקופה האחרונה טרם הכנתי עצמי להפליג לארה"ב חפצתי לערוך קואופרטיבה סיטוניה (הורטובניה) לבעלי חנויות, אספ־תים „לחברה קדושה" בשבת כדין מפקחים על עסקי רבים בשבת — אמנם אין מרבין, אזנים אטומות משמוע לדרישת השעה...

במשבר שלחץ על המון עמנו משרי מסים שהנהיג גרבסקי מיניסטר הכספים, והבורג של המסים והארנונות התחיל לדחוק בזעם... צוחתי ככרוכיה בשלטון הקהלה שמן הנחוץ להושיב בכל קהלה מחוזית, עורך דין לנהל עסקי המסים שלא להיות טרף לשיני אריות ומתלעות עוול של כל שר המסים והמון

לוחצין הגורבים באכזריות נוראה בדי עורו של אביון... אמנם לדאבוני הייתי כקול קורא במדבר! (גם היום אחרי עשרת שנים נחוץ לעשות בעצמו) תמיד דרשתי הגנה והצלה עצמית התנגדתי הרבה בפרוץ המלחמה לחתום שמי בבקשה למוסד „הילפס ווערייו ברלין" ביאת כח האמריקאים „הדז'וינט" שאח"כ לקבל תמיכה טענתי לחרפה לדרוש תמיכה בשביל עיר שלא סבלה... ובאמת נסוגתי מעבודת הכלל, בתקופת הובר נשיא ארצות הברית שבא עם צרכי אוכל לכלכלת התינוקות, ורבים נעשו לעסקנים... עסקנים צבורים צצו וגדלו ככמיהין ופטרי־אות... ובידיהם המזוהמות והמסואבות משמשות „בקלחת הצבור" אז מצאתי חובה לעצמי להיות פורש מעסקי הצבור, ולשבת מן הצד... אמנם גולת הכותרת של עבודת הקודש היתה אצלי תמיד בנין ציון וגידול בניה בוניה. מלתי כבר אמירה צחה „למען ציון" ו„ערציהן לא אחשה!" ראיתי כי הגלות משחת



ZARZĄD
Gminy Wyznaniowej Żydowskiej
w Kutnie,
Warszawska 100.

Kutno, dn 10.II. 192 5r.

Z A Ś W I A D C Z E N I E.

Gmina Wyznaniowa Żydowska niniejszym zaświadcza, iż p. Aron-Szlama Elberg jest członkiem Zarządu od 1916 r. Pan Elberg zostaje wydelegowanym przez Gminę Wyzn. Żydowską do Palestyny w sprawach społecznych, związanych ze wzmożoną emigracją do tegoż kraju.

Wszelkie instytucje rządowe i prywatne w kraju i zagranicą proszone są ułatwiać p. Elbergowi powierzoną mu przez nas honorową misję.

The Jewish Congregation certifies herewith, that Mr Aron-Shlama Elberg is a member of its Committee ever since the year 1916.
Mr Elberg has been delegated by said body to Palestine, on an important mission in connection with the increased emigration to that country.

All government and private institutions here and abroad are requested to facilitate Mr Elberg his honorary mission.

Członkowie Zarządu:

אישור ועד הקהילה על שליחותו הציבורית של א. ש. אלברג לארץ־ישראל (1925)
באַשטעטיקונג פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג פאַר א. ש. עלבערג אין שיכות מיט זיין געזעלשטאַפטלעכער שליחות קיין ארץ־ישראל (1925)

חלאת הטומאה, ואין קיום לעם ישראל אלא בארץ ישראל! מן התורה מן המסורה ומן הסברה חובה קדושה רובצת עלינו לחתור חתירות לבא למטרה זו. ומה גם באשר עקב המלחמה בא שנוי ערכין זה כי ארצות הגולה אינן קולטות. הסגר שעריה נעשה ובמקום תפוצות הגולה נחתם שם צרו צעדינו, חרמות



זרחין — מורה ראשון לעברית בקוטנה
זרחין — ערשטער עברית־לערער אין קוטנע

וגדופים נאצות ושקוצים כמים הזדונים שוטפים עלינו בשצף קצף, לחיצות ונגישות במסים וארנוניות עד שרבים עולים לראשי הגגות למשליכים עצמם... או שמים קץ לחיתם במיתות משונות. נשים רחמניות משליכות בראש כל חצות ילדיהם הכשרים מחוסר אמצעים להחיותן, בנות ישראל ראשן מלבין... ובחוריו אכלה אש... אין קץ לחלאות והרפתקאות — אין מוצא אחר רק לבנות ארצנו! וראו חזו מפעלות אלקים הצהרת בלפור והסכמת סן רימו בששים המה מלכות מסכימות... הייתי ממארגני „המזרחי" אולי יתעתשו אחינו החרדים ויצטרפו למצוה רבה זו... נתאכזבתי ממשלחת „המזרחי" ל„גור" שתלינו בה בטחון, קירוב לבבות לא הצליחה. הגרמנים זרעו משטמה בין אחים והפרידו אלוף... וכן המלצתי בכנסיה השניה של „המזרחי" שדתן ואבירם הראו עצמם לפרעה, באבנטים רחבים ופאות מסולסלות כלומר שהם הם „החרדים האמיתים" ולמדו עם פרעה תורה, שבנות ישראל וקטניהם פטורים המצות... ובכן „שקר וכזב" משה ואהרון ידברו, ויעריצוהו לענות להם: לא כן! לכו נא הגברים, כי אותה אתם מבקשים — ויגרש אותם... אמנם משה ואהרן לוחמי מלחמת השם בבית ובחוץ ענוהו: בבנינו ובבנותינו נלך! פרשה זו חוזרת ונשנית, חרדים מדומים, כעיט צבוע נוכלים ורמאים עושים שמות...

באשר לא זכיתי לראות פרי בעמלי לטובת האחדות בישראל על אופק רחב במדינה. נתתי לבי בעיר מושבי לארגן בלי מפלגתיות „עזרת עולי ארץ ישראל" לכנס חבורה נאה, ועפ"י הגורל לתת היכולת לעלות לארצנו מזמן לזמן מספר משפחות... מסבות בלתי תלויות בי לא קמה לצערי מחשבתי ועצתי הופרה לדאבוני.

אז הסכמתי בנפשי לעלות בעצמי לתייר ולסייר אמצעים ודרכים לממש שאיפות נפשי, עליתי בתמוז התרפ"ה — ונת־לבטתי בדרך שלש שנים ושוב הפלגתי שנית והצלחתי תודה לשם בהשתתפות הבנין של בני ברק. ועוד אני יושב ומצפה ותקותי חזקה כי משפטי אתי חלקי צדקי ולא לריק יגעתי, לא לתוהו והבל — חלילה כחי כליתי.

יגיע יום לא רחוק ואמרתי: אודך ד' — ישוב אפך ותנחמני ולעלות לציון ברנה ושמחת עולם תזכנו לישיבת שלוה והשקט בארץ חמדתנו! אמן. כן יהי רצון!

אינטערוויו מיטן פרעזעס פון דער קוטנער קהילה, ה' ש. פאַלץ

(איבערגעדרוקט פון „נאַש פשעגלאָנד", וואַרשע, יולי 1938. געחתמעט: ס. ר.)

דעם ה' פרעזעס האָבן מיר געטראָפן אין דער קאַנצעלאַריע פון דער ייִדישער גמינע.

— די איצטיקע קהילה — האָט דערקלערט ה' פאַלץ — האָט זיך ווייט געענדערט לגבי די פריערדיקע יאָרן. זי האָט מערער אויפגאַבן און דעריבער איז די אַרבעט אַ שווערערע. נאָר די קהילה־פאַרוואַלטונג אַרבעט האַרמאָניש, הגם ס'איז נישט פאַראַן קיין קריסטאַליזירטע מערהייט. די אַגודה־פאָרשטייער און הרב טרונק אַרבעטן מיט מיט די ציוניסטן און טראָץ דער אָפּאָזיציע פון „בונד", שטויסט זיך נישט אָן די אַרבעט אויף קיין ספּעציעלע שוועריקייטן.

— ווי גרויס ס'איז די אָרעמקייט אויף דער ייִדישער גאַס, אַחוץ די פּאָזיציע פאַר סאָציאַלער הילף, אויך די טעטיקייט פון דער אָנפּראָצענטיקער גמילות־חסד־קאַסע, וועלכע איז ערשט נישט לאַנג געווען אַ זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע און איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין די אַגענדעס פון דער קהילה. איצט פירט זי זיך לויטן סטאַטוט פון דעם רוב פון אַזעלכע קאַסעס אין די גרויסע שטעט. איר מיטגלידערשאַפט באַשטייט פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג: האַנטווערקער — 184, הענדלער און סוחרים — 318, אַרבעטער, און פּויערים — 79. די גרייס פון די אַרויסגעגעבענע הלוואות איז פון 20 ביז 300 זלאָטעס. די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אַדורכגעפירט די א. ג. פּאַטענטן־אַקציע, פון וועלכער ס'האָבן גענאָסן העכער 100 פּערזאָן. די דאָזיקע אַקציע האָט אָפּגעקאָסט דער גמינע אַרום 6.000 זלאָטעס.

— פון די קולטור־אינסטיטוציעס אין שטאָט איז כדאי צו דערמאָנען די ייִדישע גימנאַזיע „עם הספר", וועלכע ווערט יעדעס יאָר סובסידירט פון דער קהילה מיט 4.000 זלאָטעס. די גימנאַזיע האָט נישט קיין גרויסע פּערספּעקטיוון פון אַנטוויק־

לונג, צוליבן פעלן פון אַן אייגענעם בנין און אויך דערפאַר, ווייל זי האָט נישט באַקומען די אָנערקענונג פון אַ ליצעום. די געזעלשאַפט „טאַז“, וואָס ווערט אָנגעפירט פון ד״ר פינקעלשטיין, ווערט אויסגעהאַלטן אַ דאַנק דער שטיצע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע און אויסטראַליע — באַקומט אויך סובסידיעס פון דער קהילה.

די קהילה פירט אויך אָן מיט יודאַיסטישע קורסן פאַר שילער פון די „פּאָווּשעכנע“ שולן. הגם די צאָל שעהן איז אַ באַגרענעצטע, גיבן זיי אָבער אַ סך די יידישע קינדער, וואָס ביי אַנדערע באַדינגונגען, וואָלטן זיי אין גאַנצן געווען אָפּגעריסן פון יידישן גייסט און וויסן.

— בײדע יידישע ביבליאָטעקן א.נ. פון אחד־העם און י. ל. פרץ — אַנטוויקלען זיך גוט. די בונדישע ביבליאָטעק א.נ. פון י. ל. פרץ האָט אַ גרעסערן ביכער־אוצר דערפאַר, ווייל זיי האָבן בשעתו געלאָזן ביי זיך פיל ביכער פון די ציוניסטישע גרינדער און אייגנטימער פון דער ביבליאָטעק.

— דער פּרעלימינאַר־בודזשעט פון דער קהילה אויפן לויפנדיקן יאָר באַטרעפט 97.000 זלאָטעס — הכנסות און הוצאות.

— אין דער צייט פון אונדזער קאַדענץ — דערציילט ווייטער ה׳ פאַלץ — זענען אונטערגענומען געוואָרן גרויסע אינוועסטיציע־אַרבעטן. מ׳האָט אַדורכגעפירט אַן אינערלעכן און אויסערלעכן רעמאָנט פון דעם בית־הכנסת, וואָס האָט באַטראָפן 18.000 זלאָטעס. די שול געהערט איצט צו די שענסטע אין פוילן. מ׳האָט געקויפט באָדן פאַר אַ בית־הקברות, פאַר דער סומע פון 20.000 זלאָטעס.

דער גמינע־סעקרעטאַר ה׳ באַראָווסקי האָט אונדז איבערגעגעבן אַ ווייטערדיקע אינפאָרמאַציע: די צאָל יידן אין קוטנע באַטרעפט איצט 6792 נפשות. מ׳האָט איינגעשטעלט אַ ספּעציעלע קאַרטאָטעק, וועלכע ווערט אַלע צוויי וואָכן פאַרגלייכט און קאָנטראָלירט מיטן אַקטועלן צושטאַנד פון דער קוטנער באַפעלקערונג. אַ דאַנק דער קאַרטאָטעק קאָן מען צו יעדער צייט פעסטשטעלן די צאָל יידישע איינוווינער אין קוטנע.



הרב י. טרונק ויו״ר הקהילה, מר פלץ

הרב י. טרונק און פאָרזיצער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, ה׳ פאַלץ

מע דאַרף אויך דערמאָנען, אַז די קהילה־פאַרוואַלטונג אין קוטנע האָט אַרויסגעגעבן און פּרעמירט די אַרבעט פון יונגן היסטאָריקער, דער זון פון אָרטיקן רב, מגר. ישעיהו טרונק „קוטנע אין סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט“, ווי אויך די אַרבעט פון ישראל טראַנק „וועגן אַדלערס פּסיכאָאַנאַליז“.

הישיבה האחרונה של מועצת הקהילה בקוטנה

נתן מושקוביץ
הרצליה

מעל העיר נישא שרב כבד, ספוג ענני אבק, שהיתמרו מאלפי זוגות רגלים שאצו־רצו על פני הרחובות מרוצפי אבנים ומצופי אספלט.

העצים עמדו עולפי־חום, צמרותיהם קפאו ואוושת הרוח גוועה ודממה.

ירק הדשאים שבעיבורי העיר זוהר וכובש את עין בעדנתו. גון של ירקות אטומה משתקף מאספקלריית מימי הנהר אוכנה עליו שטים ברבורים צחורים שמוטי ראש.

יום השוק של השלישי־בשבוע הגיע לקיצו.

בשוק החדש והישן נישאים הדי המולה רבה, בעת אריזת שארית הסחורה שנותרה על הדוכנים. שקשוק כלים ודברי גאלאנטריה וגלגול פראי של חביות דגים־מלוחים ממלא את החלל. מרחוק עולה ומתערמת ערימת סלים גדולים וקטנים ויהודים מושכי־עגלות־יד או נושאים צרורותיהם הכבדים על גביהם נשרכים אט־אט לבתיהם, לאים ויגעים בעורגם לקורטוב של מנוחה לאחר יום אוגוסט לוהט.

מפינת רחוב זאמנהוף מופיע משה בלאנק, גבה־הקומה והמצומק כלולב, על חזהו מיכל הפליז הכבד וקריאותיו הנכאות מכריזות: „וודה סודובה“.

קריאותיו נבלעות ברקיעות פרסותיו של הסוס המושך עגלתו של משה־איטשה (רוטקופ).

ובעברה השני של העיר כבר נחפזים הביתה האחים פלוטקין, בסינריהם הלבנים ובכיפותיהם הלבנות על ראשיהם, דוחפים הם את ארגזיהם הירוקים הדו־גלגליים ומותירים בחלל את הידהוד קריאותיהם האחרונות: „לודי“, „לודי“.

אותה שעה מופיעים באופק האפל פרנסי העיר העושים את דרכם לישיבת מועצת הקהילה המתקיימת באולם המואר בשפע אורות שבבעלות הקהילה, השוכן בביתו של שמואל אש שבשוק החדש.

בין קהל־הצופים שזכו לכרטיסי כניסה לפי מפתח מפלגתי נמצא אף בנו בכורו של פנחס דיין ע״ה, איצ׳לה, הנדחק בסקרנות לעבר המחיצה המפרידה בין משתתפי הישיבה ובין הצופים.

איש מוזר הוא איצ׳לה הגוץ, תמיד נחפז כאילו עתותיו אינן בידו והרי למעשה מעודו לא עשה האיש כל מלאכה והקהילה היתה תומכת בו.

אף־כי איש דתי הוא, הריהו מלא טענות נגד כל מטיפי־המוסר ובפרט טוען הוא נגד אביו על שלא לימדו מלאכה כדי שיוכל יחד עם כל העם־העובד ללחום על עולם צודק יותר.

אחריו נשרך שכנו לבית, קלצ׳בסקי, אף הוא מבקר קבוע בישיבות מועצת הקהילה. זה עתה לבש את בגדי השבת שלו לאחר יום עבודה מפרכת בתפריה, ובא להאזין בדריכות יתרה לסעיפי התקציב הארצישראלים כמו קרן הקימת, קרן היסוד והסעד לחלוצים המתעתדים לעלות שמא יקופחו.

לאורך השולחנות הארוכים הערוכים בצורת דל״ת כבר ישובים חברי המועצה, נציגי המפלגות השונות.

מאחורי השולחן תלוייה תמונתו של תיאודור הרצל וממולה לוח־השנה המצביע על חודש אוגוסט שנת 1939. על השולחנות לפני כל פרנס מונח עותק של הצעת התקציב לשנה השוטפת והבאה, מודפס במכונת כתיבה שהוכן על־ידי מזכירה הקבוע של המועצה יואב בורובסקי.



מימין: הרב י. י. טרונק עם הפרנסים י. שטיינפלד וקם
פון רעכטס: הרב טרונק און די דאָזאָרעס שטיינפעלד און קאַם

את נאום הפתיחה נושא היושב ראש אלכסנדר פאלץ, חליפתו האפורה המגוהצת ועניבתו הקשורה כיאות עושות רושם מצויין. ממספר הרב של הסעיפים המשקפים את ההצטרכויות הדתיות, החילוניות־תרבותיות והדרישות הקונסטרוקטיביות כמו תלמוד־תורה, חדר יסודי־תורה, בית־ספר „בית־יעקב״, „עם־הספר״ בית־ספר „מעדעם״ ספריות „פרץ״ ו„אחד־העם״, „יוו״א־טאז״, מועדוני ספורט ומוסדות להכשרה מקצועית מצטיירת תמונה רב־גונית של פעילות חברתית ותרבותית ענפה מאוד.

לאחר דברי הפתיחה של היושב־ראש נוטל את רשות הדיבור נציג סיעת ה„בונד״, א. מ. זילברברג ובנתחו מספרים אחדים הוא מצביע על חוסר הממשות שבהם ומביע חשש שמא נתונים אלה יהיו גורם להעלאת המסים שתכביד מאוד על המון העם הרחב. על הצעת התקציב הגן מאיר לנצ׳יצקי הקדורני תמיד, שפניו הכחושים ועיניו האפורות הביעו תקיפות. אחריו הביע את הסכמתו להצעת התקצב אליעזר זאנדברג, נציג הציוניים הכלליים הבלתי תוקפני. על במת הנואמים עולים זה אחר זה, חברי המועצה האורתודקסיים: פישל זאנדברג ויואל שטיינפלד. שניהם טוענים כי צריך להגדיל את הסעיפים לצרכי הדת וכהוכחה מסייעת לדבריהם מצטטים הם סעיפים מקבילים בתקציבים של ערים אחרות. מלא חימה עולה על הבמה לייבוש קאם בעל הקומה הבינונית. פניו שחומות, עיניו כגחלי־אש ובתנועות ידיו מבטל הוא את טענות הדוברים הקודמים בסוברו כי סכומי כסף גדולים למדי מוצאים על־ידי הקהלה לצרכים דתיים, אף־כי רק חלק קטן מן האוכלוסיה היהודית נהנה מהם.

נציגם של פועלי־ציון וצעירי־ציון, שור הוא הנואם האחרון בישיבה הראשונה של מליאת המועצה.

מחוגי השעון מתקרבים לשעת חצות. הירח המלא מגיח מבעד העצים והבתים, הענפים רוחשים ומסתודדים, העיר אפופה שלווה רוגעת, אי־שם נשמע קול נביחת כלב.

בדומיית הוד־הלילה אין איש מהרהר על הצפוי לבוא.
אך אבוי, המשך הישיבה לא נתקיים עוד לעולם...

די לעצטע ראט־זיצונג פון דער קוטנער קהילה

נתן מאָשקאָוויטש
הרצליה

אַ געדיכטע היץ און שטויביקייט איז אויסגעשפּרייט איבער דער שטאָט. די ביימער שטייען פאַרשמאַכטע, אָן באַוועגונג. קיין שאָרך פון אַ ווינטל. בלויז איינצלנע דורכגייע־שפּאַנען איילִיק, הגם מיד, איבער די אָנגעגליטע טראָטואַרן.

פון דער ווייטנס קוויקט דאָס אויג די גרינע לאָנקעס הינטערן שטאָט און דער וואַסער־שפּיגל פונעם טייך אָכנא.

דער דינסטיקדיקער מאַרק־טאָג ענדיקט זיך. אויפן נייעם און אַלטן מאַרק פאַרפּאַקט מען שוין די איבערגעבליבענע סחורות. אויף האַנט־וועגעלעך שלעפּט מען די וואַנדער־קראָם, אָדער גאָר אין אַ זאַק אויף דער פּלייצע, צי אין קוישן. דער עולם איילט זיך אַהיים, מען וויל אַנטלויפן פון דער אויגוסט־היץ.


אויפן עק פון דער זאַמענהאָף־גאַס באַווייזט זיך דער הויכער און ווי אַ לולב דאַרער משה בלאַנק, מיטן אָנגעהאָנגענעם פון פראָנט קופּערנעם שווערן באַלאָן און שרייט אומעטיק: „סאָדע וואַסער! וואָדאַ סאָדאָוואַ!״... זיין געשריי ווערט פאַרהילכט פונעם רעדער־געקלאַפּעריי פון פאַרביילויפנדיקן פערד־און־וואָגן, וווּ עס זיצט אויף דער קאָזלע משה יאַטשע (ראָטקאָפּ).

פון אַ צווייטן עק שטאָט איילן אַהיים די ברידער פלאָטקין, וועלכע שלעפּן די גרין־געפאַרבטע קעסטלעך אויף אַ צווייירעדערדיק וועגעלע. זיי אליין טראָגן ווייסע פאַרטעכער און ווייסע מיצן אויף די קעפּ, ניט אויפהערנדיק שרייען „ליאָדי. ליאָדי!״.

פון פאַרשידענע זייטן איילן איצט די ערשטע פּרנסים צו דער זיצונג פון קהילה־ראַט, וואָס דאַרף באַלד פאָרקומען אין אייגענעם, העל־באַלויכטענעם זיצונגס־זאַל אויפן נייעם מאַרק, אין הויז פון שמואל אַש. אַלע איינטריטס־קאַרטן צו דער זיצונג, פאַרטיילט לויטן „פאַרטייאישן שליסל״, זענען צעכאַפּט געוואָרן. מע שטופּט זיך און מע שטויסט זיך צו דער „גאַלעריע״ — אַ באַריערע, וואָס טיילט אָפּ דאָס פּובליקום פון די דאָזאָרעס. צווישן די נייגעריקע, וואָס ווילן זען און הערן די זיצונג, געפינט זיך איטשעלע, דער זון פון פּנחס דיין ע״ה.

אַ מאָדנער טיפּ אָט דער איטשעלע. אַ קליינטשיקער, קיינמאָל ניט קיין צייט, רק ער איילט זיך, הגם אַ שטענדיקער ליידיקגייער, וועמען די קהילה האָט אויסגעהאַלטן. אַ רעליגיעז געשטימטער, איז ער געווען פול מיט טענות צום רבונו־של־עולם, הלמאי ס׳איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזוי פיל אומרעכט און עוולות. מיט די טענות האָט ער אויך ניט געשוינט דעם אייגענעם טאַטן, פאַר וואָס ר׳האָט אים ניט אויסגעלערנט זיין אַ בעל־מלאכה, דעמאָלט וואָלט ער באַזאַמען מיט אַלע אַרבעטנדיקע געקעמפט פאַר אַ מער יושרדיקע וועלט...

צוזאַמען מיט אים שלייכט זיך אַריין אין זאַל זיין שכן


תקציב הקהלה בקוטנה לשנת 1927.

I פרעלימינאר בודזשעט אויפן יאהר 1927.

הכנסה

איינקונפט

88.575 - 79964-18 157500-

הצעת־תקציב לקהילה לשנת 1927

פרעלימינאַר־בודזשעט פון דער קהילה אויפן יאָר 1927

פון זעלביקן הויז, קלעטשעווסקי — אַ שטענדיקער באַזוכער פון די זיצונגען פונעם קהילה־ראַט. ער האָט נאָר וואָס באַוויזן זיך איבערצוטאָן אין שבתדיקן בגד, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט ביי שטעפעריי. היינט וויל ער הערן די דעבאַטע אַרום די ארץ־ישראלדיקע פּאָזיציעס פון קהילה־בודזשעט, ווי: קרן־קימת, קרן היסוד און שטיצע פאַר די, וואָס דאַרפן עולה זיין קיין א״י.

אַרום די לאַנגע טישן, אויסגעשטעלטע אין דער פאָרם פון אַ „ד״, זענען אויסגעזעצט די דאָזאָרעס — פאָרשטייער פון פּאַרטייען, וועלכע געהערן צום ראַט. איבערן פּרעזידיום־טיש הענגט אַ גרויס בילד פון טעאָדאָר־זאב הערצל. דערלעבן — אַ וואַנט־קאַלענדאַר, וועלכער ווייזט: אויגוסט 1939. פאַר יעדן ראַטמאַן ליגט אויפן טיש אַ צוגעגרייטער עקזעמפּליאַר פונעם פּרעלימינאַר־בודזשעט פאַרן יאָר 1940 און דער פריערדיקער בודזשעט — פאַרן יאָר 1939, צוגעגרייט דורכן גמינע־סעקרעטאַר יואל באָראָווסקי.

די הויפּט־רעדע האַלט דער פּרעזעס פון דער יידישער גמינע אין קוטנע, שיע פאַלץ, זיין גוט אויסגעפּרעסטער, גראָער אָנצוג, דער שיין־אויסגעבונדענער קראַוואַט — מאַכן אַ באַזונדערן איינדרוק. פאַלץ הייבט אָן אויסרעכענען די פּילצאָליקע פּאָזיציעס פאַר די רעליגיעזע, וועלטלעכע, קולטורעלע און סאָציאַלע באַדערפענישן, ווי: תלמוד־תורה, בית־יעקב שול, „עם הספר״, פאָלקס־שול א. נ. פון וו. מעדעם, פאַר די ביבליאָטעקן א. נ. פון י. ל. פּרץ און אחד־העם, פאַרן ייוואָ, טאָז, ספּאָרט־געזעלשאַפטן אאז״וו, אאז״וו. די דאָזיקע בודזשעט־רעדע האָט געגעבן אַ פיל־פאַרביק בילד פון אַ ברייט־פאַרצוויגטער טעטיקייט.

ווי נאָר דער פּרעזעס האָט פאַרענדיקט זיין רעדע, נעמט אַ וואָרט דער פאָרשטייער פון „בונד״, א. מ. זילבערבערג. ער אָפּערירט מיט ציפערן און ווייזט אויף, אַז אַ טייל זענען אינגאַנצן ניט רעאַלע, דעריבער רוקט ער אַרויס אַ פאַרדאַכט, אַז מע וועט דאַרפן העכערן דעם עטאַט, וואָס וועט קודם כל טרעפן די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן.

דאַקעגן מאיר לענטשיצקי פאַרטיידיקט מיט אַ סך מוט דעם פאָרגעלייגטן בודזשעט. דער שטענדיק אָנגעכמורעטער דאָזאָר, מיט זיין מאָגערן געזיכט און גראָע אויגן, איז קעמפעריש, אַפילו אַגרעסיוו. באַלד נאָך אים האָט זיין חבר פון דער פראַקציע — אַלגעמיינע ציוניסטן, דער דאָזאָר אליעזר זאַנדבערג, געגעבן זיין הסכמה צו פאַלצס אַרויסטריט.

ווייטער ווערט דער רעדנער־פּולפּיט אויסגענוצט דורך די אָרטאָדאָקסישע ראַטמענער: פישל זאַנדבערג און יואל שטיינפעלד. ביידע זענען ביי דער מיינונג, אַז די סובווענצן פאַר רעליגיעזע הצטרכותן זענען צו קליינע. והראיה — אין אַנדערע שטעט האָט מען באַשטימט פיל גרעסערע סומען...

דער מיטלוווקסיקער לייביש קאָם קאָכט זיך און ברויזט. די אויגן שיקן פייער־בליצן, די הענט זשעסטיקולירן און מיטן מויל פרעגט ער אָפּ די טענות פון די פריערדיקע רעדנער. די קהילה גיט טאַקע אויס צופיל אויף רעליגיעזע צוועקן, הגם דאָס איז צום גינסטן פון אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג...

דער פאָרשטייער פון פּועלי־ציון־צעירי־ציון, שאָר, איז דער לעצטער רעדנער אויף דער ערשטער (און לעצטער!) בודזשעט זיצונג פון דער קוטנער קהילה.

דער זייגער ווייזט 12 ביינאַכט. אַ גרויסע לבנה באַוויזט זיך אויפן הימל, באַלייכט די איינגעשלאָפענע שטאָט. עס דערטראָגט זיך פון ערגעץ אַ הונט־בילעריי, וואָס ווערט אונטערגעכאַפּט — דורך אַנדערע הינט — ביז עס שטילט זיך איין...

אין יענער נאַכט־שטילקייט האָבן אַוודאי אַ סך געטראַכט וועגן דעם זיך אָנרוקנדיקן שטורעם.

דער המשך פון דער זיצונג איז שוין ניט פאָרגעקומען...



מסיבה בוועד הקהילה בקוטנה, אוגוסט 1939.

מסיבה אין קוטנער קהילה, אויגוסט 1939.

ZARZĄD
Gminy Wyznaniowej Żydowskiej
w KUTNIE
Plac Marsz. Piłsudskiego № 17.

שלטון הקהלה העברית
בקוטנה.

פאַרוואַלטונג
פון דער יידישער קהלה
אין קוטנא

P.K.O. פ.ק.א. № 62213 telefon טעלעפאָן № 68

BILANS na rok 1934 המאזן של השנה ביּלאַנס פאַרן יאָר

Protokuł przeprowadzonej rewizji
przez Komisję Rewizyjną, w dn. 28 i 29 XI 1934 r.

Po skontrolowaniu wydatków p-g przedstawionych kwitarjuszy, na wszystko znaleziono odpowiednie dowody i pokwitowania, szczegółowo sprawdzono dział wydatków nieprzewidzianych, którego suma stanowiła **zł. 1062 gr. 05,** na preliminowaną **zł. 1590.** Wydatki poczyniono w ramach budżetu.

Działy opieki społecznej, pomocy jednorazowej, stałej, doraźnej — wszystkie wydatki są zgodne z pozycjami w budżecie, jakotez uchwałami Zarządu.

Książki prowadzone są przejrzyście i w porządku, niema skreśleń ani poprawek.

Kutno, dn. 29 XI. 1934 r.
Przewodniczący Komisji Rewizyjnej
Joel Sztajnfeld
Sekretarz: **Dr. M. Finkielsztajn**
Członek Komisji: **A. M. Lichtenstein.**

פּראָטאָקאָל פון דער דורכגעפירטער רעוויזיע

דורך דער רעווידיר־קאָמיסיע דעם 28־29 נאָוו 1934
נאָכן דורכזען די אויסגאַבן לויט די פאָרגעשטעלטע קוויטונגען, איז אויף אַלץ געפונען געהעריקע באַווייזן און קוויטונגען, גענוי באַטראַכט דער טייל: ניט פאָרויסגעזעענע אויסגאַבן, וועלכנס סומע האָט באַטראָפן 1062 05 אויף דעם פּרעלימינירטן סכום 1590 זל. די אויסגאַבן זיינען אין די בודזשעט־ראַמען.
די טיילן פון געזעלשאַפטלעכער הילף, איינמאַליקע און שטענדיקע שטיצע. אַלע אויסגאַבן זיינען געמאַכט לויט די בודזשעט־פּאָזיציעס און באַשלוסן פון דער פאַרוואַלטונג.
די ביכער זיינען געפירט דורכזיכטיק, אין פולער אָרדענונג, אָן שטרייכונגען אָדער ענדערונגען.
קוטנא, דעם 29־11 1934.
פאָרזיצער פון רעווידיר־קאָמיסיע:
יואל שטיינפעלד
סעקרעטאַר: ד״ר מ. פינקעלשטיין
מיטגליד א. מ. ליכטענשטיין.

R-ek zamknięcia sum pozabudżetowych na dzień 31 grudnia 1934 r.

Stan czynny.			
1) Kasa i sumy do dysp.			
a) gotówka w kasie	1185,47		
b) pozost. w P.K.O.	28,96		
c) „ w KKO.	3,—	1217,43	
2) Zaległ. budż. st. cz.		21534,25	
3) Ruchomości		17977,—	
4) R-ek Różnych		127,50	
5) Papiery wartośc.		288,—	
6) Nieruchomości		152210,—	
7) Zaliczki budżetowe		2176,49	
8) Niedob. za lata ub.		3147,62	[illegible]
Legaty			1000,—
Razem			[illegible]

Stan bierny.		
1) Sumy przechodnie	3088,62	
2) Zaległ. budż. stanu biern.	23645,96	
3) Zaciągnięte pożyczki	6614,46	
4) R-ek Różnych	504,25	
5) Majątek gminy	170475,—	204328,29
Legaty		1000,—
Razem		205328,29

Kutno, dn. 31 XII 1934
Sekretarz:
(—) J. Borowski.

Rachunek zamknięcia sum budżetowych na dz. 31 grudnia 1934 r.

W-n		
1) Wyd. budżetowe w r. 1934		95631,60
2) Pożyczka Narodowa		288,—
3) Ruchomości		178,90
Nadwyżka budżetowa		3205,79
		99304,29

Ma		
1) Dochody budz. w r. 1934		98794,04
2) Nadpłata pensji w r. 1934		510,25
		99304,29

Kutno, dn. 31 XII 1934 r.
ZARZĄD
Prezes: (—) J. Sz. Fa[illegible]
Vice-Prezes: (—) A. Eisman
Członkowie Zarządu
(—) Rabin I. Trunk
(—) J. Steinfeld
(—) Dr. M. Finkielstein
(—) A. M. Lichtenstein
(—) Ch. M. Arbus
(—) A. I. Toronczyk
(—) M. Fast

בודזשעט פון דער קהילה אין קוטנע אויפן יאָר 1934

OBROTY W ROKU SPRAWOZDAWCZYM
bez sum bilansu otwarcia i zamknięcia.

Tytuły rachunków	W-n	Ma
1) Kasa	107968,28	106965,30
2) Dochody budżetowe		98794,04
3) Wydatki budżetowe	95631,60	510,25
4) Zaległe pod. państwowe (Sumy przechodnie)	681,42	
5) Zaległ. budż. st. czynnego	7513,75	8269,—
6) „ „ „ biernego	8569,47	12737,18
7) Zaciągnięte pożyczki	8329,39	6435,—
8) Ruchomości	178,90	
9) P. K. O.	3610,26	3624,—
10) Akcepty	350,—	
11) R-ek Różnych	150,—	596,75
12) Papiery wartościowe	192,—	
13) Banki	1000,—	1015,—
14. Zaliczki budżetowe (nowy parkan cmentarny)	2476,49	272,54
15) Umorzenie składek	1975,—	1975,—
16) Niedobory i nadwyżki	2367,50	
Razem	241194,06	241194,06

Wyszczególnienie dochodów budżetowych za r. 1934

	Prelim.	Wpłynęło	Zaległości
Składka za rok 1934	33116,—	25602,25	7513,75
Rzeźnie	52000,—	47901,40	
Cmentarz grzebalny	6000,—	14476,40	
Ofiary na przaśn. itp.	2300,—	3225,24	
Różne wpływy	200,—	75,—	
Razem	93616,—	91280,29	7513,75

Wyszczególn. wydatków budżetowych za r. 1934.

	Prelim.	Wykonano	Zaległości
Wydatki personal.	55926,—	50075,04	5850,96
„ admin.	2620,—	2600,41	
„ religijne	1124,—	1269,01	
Rem. budyn. gm.	500,—	1113,35	
Opieka Społeczna	17700,—	14819,52	
Subwencje	12200,—	10660,23	1239,77
Pod. Państw. i Kom	2100,—	1330,02	2520,16
Potrzeby pogrzeb.	740,—	1310,58	
Nieprzew. wydatki	1590,—	2232,30	
Razem	94500,—	85510,46	9610,89

תקציב של קהילה היהודית בקוטנה לשנת 1934

יידיש־פּוילישע באַציאונגען אין קוטנע מיט א 40 יאָר צוריק

(יידישער קאַמף אין קוטנער שטאָטראַט)

דוד שטאָקפיש
רמת־גן

עס ליגן פאַר אונדז אייניקע דאָקומענטן און צייטונגען, דאַטירט פון יאָר 1925: אָפּשריפטן פון אינטערפּעלאַציעס צום קוטנער שטאָטראַט מצד די יידישע ראַטמענער!* צוויי פּלאַקאַטן מיט אַן אַנטיסעמיטישן אינהאַלט; די נומערן פון 1 ביז 12 פונעם וואָכנבלאַט „גלאָס קוטנאָווסקי" — „אומאָפּהענגיקע אויסגאַבע פאַר אַלע", פון 23סטן אויגוסט ביזן 8טן נאָוועמבער 1925; 3 נומערן (36, 40 און 46) פונעם „טיגאָדניק קוטנאָווסקי" — „געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישער און ליטעראַרישער אָרגאַן געווידמעט דער עיקר לאָקאַלע ענינים און פון דער נאָענטער געגנט", דאַטירט פון 6.9.25 ביזן 15.11.25, מיט דער איבערשריפט איבערן קאָפּ פון דער צייטונג „מיר נעמען אָן אַנאָנסן נאָר פון קריסטלעכע פירמעס" און צוויי נומערן פון דער וואַרשעווער טעגלעכער פּוילישער צייטונג „גאַזעטאַ פּאָראַננאַ" — „דוואַ גראָשע", פון 3.9.1925 און 19.9.1925.

די אויבן אויסגערעכנטע מאַטעריאַלן זענען אין פאַרלויף פון 40 יאָר זאָרגפעליק אָפּגעהיטן געוואָרן דורך ה' מענדלעוויטש — און נאָר אַ דאַנק דעם איז אונדז מעגלעך צו רעקאָנסטרואירן און זיך שאַפן אַ געוויס בילד וועגן די הערשנדיקע באַציונגען צווישן דער פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג — בסך־הכל 7 יאָר נאָך דעם ווי פּוילן איז געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה און 14 יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פאַרטיפנדיק זיך אין די אַלע פּאַפּירן, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק די דערציילונג פון ד״ר נחום ניר, וויצע־פּאָרזיצער פון כנסת און וועטעראַן פון פּועלי־ציון, וועגן אַ דיסקוסיע, וואָס ער האָט פאַר דער מלחמה געפירט אין ארץ־ישראל מיט אַן אָנפירנדיקן ציוניסט. דער לעצטער האָט אים געזאָגט, אַז „אַ קעלבל, וואָס ווערט געבוירן אין אַ קיבוץ האָט פאַרן יידישן פאָלק אַ גרעסערע באַדייטונג ווי אַ רעדע, וואָס ווערט געהאַלטן

* מענדלעוויטש און ה. וויינשטיין — ציוניסטן; אייזמאַן און בראַמבערג — אגודת ישראל; נ. וויינשטיין — סוחרים־פאַראיין; ז. צאַמבער — פאָלקיסטן; קירשנבוים און עווא פּודלאָוויטש־קירשנבוים — „בונד".

פון אַ ציוניסט אין קוטנער שטאָטראַט...״ אויף דעם האָט נ. ניר געענטפערט, אַז בעצם זענען ביידע וויכטיק פאַר יידן: סיי דאָס קיבוצישע קעלבל, סיי אַ רעדע פון אַ יידישן פאָרשטייער אין קוטנער מאַגיסטראַט...

די עטלעכע צייטונגען דערציילן טאַקע, הגם מיט אַנטיסע־מיטישן גיפט און אַנטי־יידישן שפּאָט, וועגן דעם מוטיקן און עקשנותדיקן קאַמף פון די קוטנער יידישע שליחי־ציבור אין שטאָטראַט — די ציוניסטן, אָרטאָדאָקסן, פאָלקיסטן און בונ־דיסטן, וועלכע האָבן געוווּסט צו זיין אייניק און געשלאָסן, באַ־זונדערס אין אַנבליק פון שאַרפע אַנטי־יידישע האַנדלונגען מצד די שטאָטישע פאַרזאָרגערס, אַרויסטרעטן קעגן דער אַנטי־סעמיטישער פּעסט און אַנטי־יידישער העצע, וועלכע האָט אין יאָר 1925 אַנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען אין שטאָט און אַפילו געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אויסער איר.

דער שרייבער פון די שורות איז נישט קיין קוטנער און דיספּאָנירט אויך נישט מיט צו פיל מאַטעריאַלן, כדי ברייטער פונאַנדערצוּוויקלען די יריעה פון יידיש־פּוילישע באַציאונגען צווישן ביידע וועלט־מלחמות. אָבער דער ווינציקער מאַטעריאַל פון עטלעכע צייטונגען, הגם ער באַציט זיך בלויז צו אַ 2—3 חדשים פון יאָר 1925, איז געגליכן צום טראָפּן וואַסער, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם ים — און קאָן אונדז אַ סך אַ סך העלפן פאַר־שטיין די וויטערדיקע געשטאַלטיקונג פון די דאָזיקע באַציאונ־גען, ביזן טראַגישן אומקום פון קוטנער יידנטום אין געטאָ קאָנ־סטאַנציע און אין די גריבער און קרעמאַטאָריעס פון כעלמנאָ.

*

לאָמיר אָנהייבן די דערציילונג פון אַן אינטערפּעלאַציע פון די זעקס יידישע ראַטמענער אין קוטנער שטאָטראַט וועגן דער באַגאַנגענער עוולה פון דער לאָקאַלער שול־מאַכט לגבי דער יי־דישער באַפעלקערונג.

דרינגענדיקער פאָרשלאָג


אַזוי ווי דער שטאָטראַט האָט עטלעכע מאָל באַשלאָ־סן, אַז אינעם איצט זיך בויענדיקן שול־בנין זאָל מען קודם כל איינאָרדענען די שול נומער 3, וועלכע געפינט זיך אין אַ נישט־אַנטשפּרעכנדיקער געביידע אויף דער פאַדזשעטשנע גאַס — איז די יידישע באַפעלקערונג באַ־אומרואיקט צוליב דער שטרעבונג און ווילן פון דער שול־מאַכט, ד. ה. דעם אינספּעקטאָראַט און טיילוויז פון שול־קוראַטאָריום, און זעט דערין אַ פאַרגוואַלדיקונג פון אירע עלעמענטאַרע באַדערפענישן. די אונטן־אונטערגע־שריבענע ראַטמענער קענען נישט דערלאָזן דאָס פאַר־לעצן אויף אַזאַ אומדערהערטן אופן דעם פאַרלאַנג פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג.

צוליבן אויבנדערמאָנטן, דאַרף דער שטאָטראַט באַשליסן וועגן אויפפאָדערן דעם מאַגיסטראַט און שטאָט־ראַט, אין די ראַמען פון דער שול־זעלבסטפאַרוואַלטונג, זיי זאָלן מאַכן אַלע באַמיאונגען, כדי אַריבערפירן די שול נומער 3 פון דער פאַדזשעטשנע אינעם זיך בויענדיקן שול־בנין. אין פאַל פון נישט אויספירן דעם אויבנדער־מאָנטן באַשלוס, וועט דער שטאָטראַט און מאַגיסטראַט אַרויסציען זייערע פאָרשטייער פון דער שול־זעלבסטפאַר־וואַלטונג.

די מיטגלידער פון שטאָטראַט:

אהרן מענדלעוויטש	הערש ווינשטיין
יעקב בראַמבערג	נתן ווינשטיין
אברהם איזמאַן	הערמאַן קירשבאַום

4.7.1925





„סכנה יהודית״ — זהו נושא ההרצאה האנטישמית בקוטנה, ב־30.8.25. משמאל — כרוז אנטי־יהודי

„די יידישע געפאַר״ — איז די טעמע פון אַן אַנטיסעמיטישן רעפעראַט אין קוטנע, דעם 30.8.25. לינקס — אַנטי־יידישער אויפרוף

פאָדערונג צו באַשטראָפן די העצער

ווידער אַן אינטערפּעלאַציע, דאַטירט דעם 14.7.25:

דרינגענדיקער פאָרשלאָג צום מאַגיסטראַט.

דעם 7טן ד. ח. האָבן אויף די גאַסן פון שטאָט און אויף סלופּעס זיך באַוויזן געדרוקטע אין צעל־קאָווסקיס דרוקעריי אויפרופן, אונטערגעשריבענע דורכן אויספיר־קאָמיטעט פון דער „סטאָוואַזשישעניע סאַמאָפּאָמאָצי ספּאָלעטשנעי" אין קוטנע, וועלכער גיט אָן זיין זיצאָרט אינעם לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „טיגאָדניק קוטנאָוווסקי" אין שייכות מיטן באַפאָרשטייענדיקן אַגראַר־שטרייק.

אין דעם אויפרוף העצן די מחברים די פּוילישע באַפעלקערונג קעגן דער יידישער. אַלס אילוסטראַציע דערפאַר קאָנען דינען די פאָלגנדיקע אויסצוגן פון דער־מאָנטן אויפרוף:

1. אַ גאַנצע מאַסע געצאָלטע אַגיטאַטאָרן פון די יידיש־באָלשעוויסטישע רויבער זענען זיך צעלאָפן איבער גאַנץ פוילן, רופנדיק צום שטרייק. אין זייער אונטערהעצן צום שטרייק, נוצן אויס די דאָזיקע פאַרברעכער די פינצטערקייט פון די מאַסן, באַלעמוטשען דאָס פאָלק מיט צוזאָגן אאַז"וו.

2. פאָליאַקן, לאָמיר אָנשטרענגען אַלע אונדזערע כוחות און ווי אין 1920 יאָר מיר האָבן אָפּגעשטויסן די רויטע אינוואַזיע, וועלכע האָט פאַרפלייצט פוילן, אַזוי וועלן מיר אין דעם איצט נישט ווינציק קריטישן מאָמענט, אַרויסשטויסן דאָס מעסער פונעם יידיש־באָלשעוויסטישן רוצח, וואָס איז געווענדט אין אונדזער ברוסט. — אאַז"וו.

דער דאָזיקער אויפרוף באַמיט זיך איינצורעדן דער פינצטערער מאַסע פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אַזעלכע זאַכן, אין וועלכע די מחברים גופא גלייבן נישט, נעמלעך, אַז די יידן זענען כלומרשט די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם אַגראַר־שטרייק, באַזאַמען מיט די באָלשעוויקעס. און די צווייטע ציטאַטע העצט טאַקע די פּוילישע באַפעלקערונג און רופט זי צו אַקטיווע אַרויסטרעטונגען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג (...און אַזוי ווי אין יאָר 1920 האָבן מיר אָפּגעשטויסן די רויטע אינוואַזיע...).

צוליבן אויבנדערמאָנטן, דאַרף דער שטאָטראַט אויפפאָדערן דעם מאַגיסטראַט, ער זאָל אין נאָמען פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַרויסטרעטן צו דער אַנטשפּרעכנדיקער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, עווענטועל צו די געריכטלעכע אינסטאַנצן, מיטן ציל:

1. געהעריק באַשטראָפן די מחברים און בכלל אַלע שולדיקע אין אַרויסגעבן, דרוקן און פאַרשפּרייטן דעם פריער דערמאָנטן אויפרוף

2. נישט דערלאָזן אין דער צוקונפט פאַרשפּרייטן און אַרויסגעבן ענלעכע אויפרופן.

מיר לייגן ביי אַ קאָפּיע פונעם אויפרוף.

מיטגלידער פון שטאָטראַט:

אהרון מענדעלעוויטש	יעקב בראָמבערג
אברהם אייזמאַן	הירש וויינשטיין
נתן וויינשטיין	זונדל צאָמבער

אַ שאָד, וואָס ס'האָבן זיך נישט אויפגעהיטן קיין דאָקומענטן, וועלכע זאָלן דערציילן וועגן פאַרלויף פון דער שטאָט־ראַט־זיצונג, די באַשלוסן און רעאַגירונגען, ווי די אַרויסטריטן פון די באַזונדערע ראַטמענער. א סברה, אַז דער שטאָטראַט האָט נישט אַזוי רעאַגירט ווי די יידישע פאָרשטייער האָבן געפאָדערט, ווייל קוטנע איז אויך ווייטער געווען אַן אַרענע פאַר אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען.

*

מיר וועלן ווייטער ציטירן דעם פולן טעקסט פון אַ פּלאַקאַט, וואָס איז פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן אין שטאָט מיט זעקס וואָכן שפּעטער, נאָך דער אינטערפּעלאַציע. דער „טאָטע" פון דעם פּלאַקאַט איז די באַקאַנטע יידן־פרעסערישע אָרגאַניזאַציע „ראָזוווי".

„פּאָליאַקן פון אַלע פּאַרטייען — פאַראייניקט אייך!
פּאָליאַקן־קריסטן.

זונטיק, דעם 30סטן אויגוסט 1925, 1 נ.מ., וועט אין קוטנע, אין זאַל פון שטאָטישן טעאַטער אויף דער טעאַטראַלנע גאַס, רעפערירן א.ד.ט. „די יידישע געפאַר" — דער דירעקטאָר פון „ראָזוווי", ע. זאַיאָנטשעק.

פּאָליאַקן! ווער פון אייך עס וויל אַנטיידישן פּוילן און באַזאַמען דערמיט, אַז פּוילן זאָל אין דער ערשטער ריי האָבן ברויט פאַר די פּאָליאַקן, זאָל קומען צו דער פאָרלעזונג און ווערן באַוווּסטזיניק. די יידישע געפאַר איז גרויס, דער דאַך ברענט איבער אונדזערע קעפּ, כל זמן ס'איז צייט, לאָמיר זיך ראַטעווען. אַנטיידישן פּוילן, איז אונדזער הייליקער חוב.

„סוווי דאָ סוועגאָ פּאָ סוואָיע אי טילקאָ פּאָ סוואָיע"

*

פאַר די קוטנער אַנטיסעמיטן איז געווען ווינציק סיי די טעטיקייט פון דער "ראָזוווי"־געזעלשאַפט, סיי איין וואָכנשריפט אין דער פּוילישער שפּראַך „טיגאָדניק קוטנאָווסקי", וועלכע האָט אָנגעהויבן דערשיינען נאָך מיט 8 יאָר צוריק. דעם 23סטן אויגוסט 1925 דערשיינט דער ערשטער נומער פון אַ צווייטער וואָכנשריפט — „גלאָס קוטנאָווסקי", וועלכע שטעלט זיך פאַר אַלס „אומאָפּהענגיקע צייטשריפט פאַר אַלע". אינטערעסאַנט, אַז אין דער ווענדונג צו די לייענער, פאַרעפנטלעכט אויף דער גאַנצער ערשטער זייט, דערמאָנט נישט די צייטונג מיט קיין וואָרט, אַז זי האָט בדעה צו קעמפן קעגן יידן און זייערע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. פאַראַן אין דער ווענדונג אַ גאַנצער „פּראָגראַם", אָבער אָן וועלכן ס'איז יידישן מאָמענט. נאָר שוין אויף דער צווייטער זייט איז פאַראַן אַ ידיעה, וועלכע באַווייזט גלייך דאָס אַנטיסעמיטישע פּרצוף פון דער צייטונג.

עמיגראַציע פון יידן פון פּוילן קיין פּאַלעסטינע

די עמיגראַציע פון יידן וואַקסט אין דער לעצטער צייט, הגם פּאַמעלעך. היינטיקס יאָר זענען אַרויסגעפאָרן יידן פון פּוילן קיין פּאַלעסטינע: אין יאַנואַר — 943 פּערזאָן, מערץ — 1409, מאַי — 1416, אין יולי — 1451. בכלל איז פאַר דער גאַנצער צייט אַרויסגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע 8413 יידן, דערפון 50% אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, 20%—30% אויפן סמך פון סערטיפיקאַטן, אַרויסגעשיקטע דורך קרובים אין פּאַלעסטינע און די רעשט האָבן באַקומען וויזעס פון דער ענגלישער מאַכט, נאָכן באַווייזן, אַז זיי באַזיצן אַ קאַפּיטאַל פון מינימום 500 פונט שטערלינג.

אַ גליקלעכע רייזע! און וואָס שנעלער.

מיר וועלן אויך להבא זיך אפשר ליב האָבן — נאָר מעבר לים.

*

און פון אַן אַלגעמיינער יידישער ידיעה, מיט אַ גיפטיקן אַנטיסעמיטישן קאָמענטאַר, גייט די צייטונג איבער (אויף זייט

3 פון דעם זעלבן, ערשטן נומער) צו אַ לאָקאַלן, קוטנער ענין. דער ציל פון זייער אַטאַקע — דער פּוילישער וועטערינאַר־דאָקטאָר אַנטאָני גאַרליצקי, וועלכער האָט געלויבט יידן און... קריטיקירט פּאָליאַקן.

צום שאַנד־סלופּ!

די טאַקסע פון דאָקטאָר גאַרליצקי: אַ ייד איז ווערט 2000 זלאָטעס, אַ פּאָליאַק — 2 זלאָטעס. 1000:1!

די רעדאַקציע פון אונדזער צייטונג האָט באַקומען אַ בריוו, וואָס צוליב דעם ממש אומגלויבלעכן פאַקט פון לעסטערן דעם נאַציאָנאַלן כבוד, ברענגען מיר אים „אין עקסטענסאָ", גאַנצערהייט:

„ד"ר גאַרליצקי, וועטערינאַר־דאָקטאָר ביים שטאָטישן שעכטהויז אין קוטנע, באַליידיקט די געפילן פון אונדז פּאָליאַקן, ווייל דעם יידישן קצב פאַסט פון קוטנע האָט ער געזאָגט, אַז די פּאָליאַקן זענען גנבים, שווינדלערס, אַז ער פּערזענלעך, גאַרליצקי, האָט נישט קיין צוטרוי צו אַלע פּאָליאַקן, די קצבים, ווי צו אַנדערע: אַז זיי זענען נישט ווערט מ'זאָל זיי באָרגן געלט, ווייל צו יעדן איינצלנעם ייד האָט ער גרויס צוטרוי, אַז ער וואָלט ליבערשט געליען אַ ייד 2000 זלאָטעס, איידער אַ פּאָליאַק 2 זלאָטעס. דעריבער מיר, אַלס פּאָליאַקן, פילן זיך טיף געטראָפן, אַז ה' גאַרליצקי, אַזאַ הויכער באַאַמטער, וואָגט צו באַליידיקן פּוילישע געפילן פאַר אַ ייד, דעם אייביקן שונא, וועלכער לויערט נאָר אויפן אומקום פון ז'ער פּוילישער מלוכה.

צי קען דער שטאָטראַט, דער מאַגיסטראַט, האַלטן אַזאַ מענטש ווי ד"ר גאַרליצקי, אַ מענטש, וועלכער אָטעמט מיט שנאה צו פּאָליאַקן און צו אַלץ, וואָס איז פּויליש דערנידעריקט ער, בעת דאָס יידישע דערהייבט ער און ווען אַפילו דער דערמאָנטער ייד פאַסט האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אויך פּאָליאַקן זענען גוטע, האָט ה' גאַרליצקי געענטפערט, אַז אויף 1000 פּאָליאַקן וועט זיך אפשר געפינען איינער אַן אָרנטלעכער".

מיט אַכטונג:

איגנאַצי לוטשאַק
וולאַדיסלאַוו וויעוויוראָווסקי

און די רעדאַקציע גיט צו איר קאָמענטאַר צו דעם בריוו:

„מיר רייבן זיך די אויגן פון שטוינונג, און דער נאַטירלעכער אויפברויז פאַרהאַקט פשוט דעם אָטעם. דער בריוו מיט די אונטערשריפטן, וועלכער ליגט פאַר אונדז, רעדט וועגן דער טרויעריקערווירקלעכקייט. וואָס קאָן אין דער פראַגע זאָגן אויף זיך פאַרענטפער דער הער גאַרליצקי? אַוודאי גאָרנישט. די פּוילישע עפנטלעכע מיינונג, באַשמוצט פאַר די יידן דורכן „פּאָליאַק" ה' גאַרליצקי, וועט זיכער אויף אים אַרויסטראָגן אַ גערעכטן אורטייל.

צי דער אַפּעל פון די אונטערגעשריבענע צום שטאָטראַט, עווענטועל צום מאַגיסטראַט, וועט געפונען עפּעס אַן אָפּקלאַנג, דערלויבן מיר זיך צו צווייפלען, צוליבן „נאַציאָנאַל־מינדערהייטלעכן" באַרימטן צוזאַמענשטעל (אַוודאי נאַציאָנאַל־מערהייטלעכן — באַמערקונג פון הבחור־הזעצער) פון דער רעפּרעזענטאַטיווער אינסטאַנץ פון אונדזער שטאָט. די „מערהייט פון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט", וועלכע שפּילט די ערשטע פידל אין שטאָטראַט, וועט נישט דערלאָזן צו אַזאַ סקאַנדאַל, ווי אָפּזאָגן אַזאַ "לאָיאַלן" פּאָליאַק.

אונדזער צייטונג אָבער, באַשיצנדיק דעם באַליידיקטן נאַציאָנאַל־פּוילישן כבד, גיט איבער דעם פאַקט דער עפנטלעכער מיינונג, פאַראורטיילט דעם טרויעריקן אַרויסטריט פון אַ פּאָליאַק און שטעלט אים צום עפנטלעכן שאַנד־סלופּ.

רעדאַקציע פון „גלאָס קוטנאָווסקי"

*

אין נומער 2 פון „גלאָס קוטנאָווסקי" (פון 30.8.1925) איז אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקער בריוו פון ד"ר גאַרליצקי:

די נאָטיץ „צום שאַנד־סלופּ" איז בכלל און אין אירע פּרטים נישט ריכטיק. דאַקעגן איז אמת, אַז נישט איין מאָל האָב איך אין שטאָטישן שעכטהויז גערופן די קצבים־פּאָליאַקן צו סאָלידאַריטעט, וועלכע איז אין אַלגעמיין כאַראַקטעריסטיש פאַר יידן. אמת איז, אַז אַלע איינקויפונגען מאַך איך שטענדיק אין פּוילישע געשעפטן, אַחוץ די אַרטיקלען, וועלכע זענען דאָרט נישט בנמצא. אמת איז, אַז כ'האָב אויפמערקזאַם געמאַכט די קצבים־פּאָליאַקן זיי זאָלן אָפּהיטן די פאָרשריפטן, צו וועלכע ס'האָט זיך שוין צוגעוווינט דער רוב קצבים. עס איז אמת, אַז כ'האָב אָפּט אַריינגעזאָגט פּוילישע קצבים, ווען זיי זענען געקומען שיכורע אין שעכטהויז און געגעבן אַ ביישפּיל, אַז אַ יידישן קצב האָב איך ביז איצט נישט געזען שיכור אין שעכטהויז. אמת איז, אַז איינער פון די מחברים פונעם בריוו, ה' וולאַדיסלאַוו וויעוויוראָווסקי, האָט אַ בגילופנדיקער אַרויסגערופן אַן אַוואַנטורע אין שעכטהויז און דערפאַר צוגעצויגן געוואָרן צו קרימינעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אמת איז, אַז דאָס אָפּהיטן דורך מיר די ביז איצט אַזוי פאַרנאַכלעסיקטע סאַניטאַרע פאָרשריפטן, געפעלט נישט אייניקע קצבים און זיי זענען נישט איין מאָל אַוועק אין מאַגיסטראַט מיט אָנקלאַגעס אויף מיר. איינער פון זיי האָט זיך אַפילו עפנטלעך אויסגעדריקט, אַז זאָל דאָס אים קאָסטן טויזנט זלאָטעס — וועל איך אין שעכטהויז נישט זיין. ס'איז אויך אמת, אַז כ'האָב געדראָט די עקשנותדיקע קצבים, וואָס פאַסן זיך נישט צו צו די פאָרשריפטן, אַז כ'וועל אויפהערן איבערווייזן זייערע ענינים אין געריכט, נאָר זיי פאַרעפנטלעכן אין דער היגער פּרעסע.

אַנטאָני גאַרליצקי, וועטערינאַר־דאָקטאָר,
פאַרוואַלטער פון שטאָטישן שעכטהויז.

*

איצט מוזן מיר זיך אומקערן צו דער אַנאָנסירטער פאָרלעזונג פון זאַיאָנטשעקן וועגן דער „יידישער געפאַר אין קוטנע", וועלכע האָט גורם געווען צו שפּעטערדיקע ערנסטע געשעענישן. דער „גלאָס קוטנאָווסקי" נומ' 2 פון 30.8.25 דערציילט:

דער ייד מענדלעוויטש „פאַרוועדט" פונאַנדערקלעבן די אַפישן פון „ראָזוווי". — „אויף מיין באַפעל, אַראָפּרייסן די אַפישן". — צוויי הערשער פון קוטנע!

לעצטנס האָט אין קוטנע פּאַסירט אַ פאַקט, וועלכער וואַרפט אַ כאַראַקטעריסטיש ליכט אויף די הערשנדיקע באַציאונגען אין קוטנער מאַגיסטראַט.

זונטיק, דעם 30טן ד. ח., דאַרף פאָרקומען אַ רעפעראַט פון ה' זאַיאָנטשעק, איינגעאָרדנט דורך „ראָזוווי", א.ד.ט. „די יידישע געפאַר", וואָס האָט באַקומען אַ דערלויבעניש פון היגן סטאַראָסטע. דער רעדאַקטאָר פון „טיגאָדניק קוטנאָווסקי", ה' האַלץ, וועלכער האָט געוואָלט באַצאָלן אין מאַגיסטראַט פאַרן פונאַנדערקלעבן די אַפישן, האָט זיך דאָרט אָנגעשטויסן אויפן מאַגיסטראַט־„סעקרעטאַר", דער ייד מענדלעוויטש, וועלכער האָט אויף אַן אַראָגאַנטן, קאַטעגאָרישן אופן, דערקלערט בוכשטעבלעך: אין נאָמען

פון מאַגיסטראַט, דערלויב איך נישט אַרויסהענגען די פּלאַקאַטן פון „ראָזוווי".

אויף אַזאַ שאַרף וואָרט פונעם צעיושעטן יידל, איז ה' האָלץ אַוועק צו דער העכסטער מאַגיסטראַטישער אינסטאַנץ, צום בירגערמייסטער קלעפּא.

דאָ איז אָבער ווידער פּאָרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל. אויך דער ה' בירגערמייסטער האָט נישט דערלויבט פונאַנדערקלעבן די פּלאַקאַטן, דעקנדיק זיך מיט זיין שוואַכער פּאָזיציע צוליב דער גרויסער צאָל יידישע ראַטמענער אין שטאָטראַט, וואָס וואָלט פון זייער זייט דערפירט צו אַן אומצוטרוי־וואָטום און ער וואָלט געמוזט פאַרלאָזן זיין אַמט.

ה' האָלץ האָט וועגן דעם צו וויסן געגעבן דעם פאָרשטייער פון די האַנטווערקער, גראַדאָווסקי באָלעסלאַוו, וועלכער איז אַוועק צום בירגערמייסטער אויפקלערן דעם ענין. דאָ האָט שוין דער בירגערמייסטער יאָ געגעבן די דערלויבעניש, נישט נעמענדיק אַפילו קיין אָפּצאָל פאַרן מאַגיסטראַט.

אין צווישנצייט, ווען מ'האָט שוין פונאַנדערגעקלעבט די אַפישן, האָט מענדלעוויטש אויף אייגענער האַנט אַרויסגעשיקט דעם מאַגיסטראַט־וואָזשני אַראָפּצורייסן די אַפישן. די אַלאַרמירטע פּאָליציי איז אָבער געווען הילפלאָז, נישט האָבנדיק קיין אינסטרוקציע פון סטאַראָסטע, ווייל דער וויצע־סטאַראָסטע, ה' קלאַמבאַראָווסקי, האָט נישט געפונען קיין אויסוועג אין דער אויסערסט שווערער פאַר אים לאַגע. דעריבער איז דאָס אַראָפּרייסן די אַפישן ווייטער פאָרגעקומען, פאַר די אויגן פון דער פּאַסיוו זיך צוקוקנדיקער פּאָליציי און איראָניש שמייכלענדיקע יידן.

נאָכן שילדערן די דאָזיקע געשעעניש, לאָמיר זיך פאַרטראַכטן: ווו קומט דאָס פאַר? אין פוילן! און אין פוילן וואַגט אַ ייד, אַ מוניציפּאַלער באַאַמטער, גוט באַלוינט פאַר פויליש געלט, צו פאַרווערן „אין נאָמען פון מאַגיסטראַט" פונאַנדערצוקלעבן אַפישן פון אַ פוילישער געזעלשאַפט, לעגאַליזירט דורך דער רעגירונג זינט אַ ריי יאָרן. פון וואַנען האָט דער ייד מענדלעוויטש די העזה צו ריידן אין נאָמען פון מאַגיסטראַט? צי פילט ער זיך אַזוי זיכער אין דעם מאַגיסטראַט? אויב ס'איז שוין צו דעם דערגאַנגען — וואָס וועט זיין ווייטער? צי דאַרפן מיר מיטן געדולד פון אַ שעפּסעלע זיך צוקוקן צום מאַגיסטראַטישן אוזורפּאַטאָר־הערשער, וועלכער שטופּט זיך מיט די עלנבויגנס?

פון וואַנען האָט אַ ייד די רעכט, טראָץ דער דערלויבעניש פונעם בירגערמייסטער אַרויסצוהענגען די אַפישן, אַרויסגעבן דעם מאַגיסטראַט־וואָזשני אַ „באַפעל" די אַפישן אַראָפּצורייסן? האָט דער בירגערמייסטער געוווּסט וועגן זיין סעקרעטאַרס באַפעל דעם וואָזשני, הגם ס'איז שווער דאָס תופס צו זיין פאַר יעדן מענטשן, וועלכער איז געוווינט צו נאָרמאַלע באַדינגונגען, אַפילו אין דער פּרימיטיווסטער זעלבסטפאַרוואַלטונג?

אויב נישט, צי וועט דער ה' בירגערמייסטער נישט זיין געניגט, נאָך דעם סקאַנדאַליעזן אַרויסטריט פון ה' מענדלעוויטש, דערקלערן אים אַזוי קאַטעגאָריש און אַנטשלאָסן: אַרויס, ייד, פון פוילישן מאַגיסטראַט, וועלכן דאַרפסט שוינען און אין וועלכן, אייגנטלעך, דאַרפסט זיך נישט געפונען. דאָס דערוואַרט די גאַנצע פוילישע באַפעלקערונג פון קוטנע.

*

ווייזט אויס, אַז די האַנדלונג פון יידישן לאַווניק מענדלעוויטש האָט נישט געלאָזט רוען די אַנטיסעמיטישע רעדאַקטאָרן פון „גלאָס קוטנאָווסקי". אין נומ' 3 פון דער וואָכנשריפט, פון 6טן סעפּטעמבער 1925, איז כמעט די גאַנצע צווייטע זייט געווידמעט דעם יידישן פאָרשטייער. צום ערשט — אַ „ליד" „וועגן העלדישן יידל און זיין טרויעריקן סוף" (אַ טראַגישער עפּאָס), וווּ עס ווערן אין אומגעלומפּערטע גראַמען אויסגעלאַכט די יידן און מענדלעוויטש ווערט אָנגעגריפן אויפן סאַמע גראָבסטן אופן. אין אַ פעליעטאָן־נאָטיץ „ברעקעלעך", געווידמעט דעם קוטנער מאַגיסטראַט, ווערט מענדלעוויטש באַצייכנט אין קאָפּ אַלס „כשרער נאַפּאָליאָן". מיר לייענען דאָרט:

> צי וואָס דאַרפן יידן פּאַלעסטינע? אַז דאָ, אין קוטנע, האָבן זיי בעסער ווי ביי אברהמן הינטערן אויוון. אַזאַ טשופּולניק, אַזאַ בלייכער ניקאָ, אַזאַ יידישער נאַפּאָליאָן, רעגירט זיך אין מאַגיסטראַט ווי דער סאַמעראָדנער גענעראַל־גובערנאַטאָר.
>
> ער וועט אַפילו נישט געבן אַ כשרן שמייכל, נאָר ווי דער ווילדער מנהיג פון אַ מאַראָקאָ, צי ווי אַן אַנדערער אַראַבישער שייך, דרייט דער שיע מיטן האַלדז אויף אַלע זייטן און אומעטום שטעקט ער אַריין זיין „שנאָבל" — ווו מען דאַרף יאָ און וווּ מען דאַרף נישט.
>
> ער געוועלטיקט כמעט אַליין אינעם שטאָטישן בלאָטקעלע „זאַט און צופרידן", צמאָקעט און פרייט זיך, בעת דאָס אַלץ שטערט נישט דעם בירגערמייסטער קלעפּאַ צו פאַרנעמען געזעלשאַפטלעכע אַמטן, אין פלי־וועזן, גאַז און אַנדערע, פאָרן אין דער לופטן, עסן, טרינקען, שווימען פון איין כוואַליע צו דער צווייטער אויף נאַס און אויף טרוקן.
>
> אַנטקעגן דעם כשרן „נאַפּאָליאָן" איז די סטאַראָסטע אַ גאָרנישט, די פּאָליציי אַ גאָרנישט און דער מאַגיסטראַט — צוויי גאָרנישטן אינעם בוימאייל פון זיין תלמודישער חכמה.
>
> צי וואָס־זשע דאַרפן די יידן פּאַלעסטינע? אַז דאָ האָבן זיי אַלץ וואָס זייער נשמה פאַרלאַנגט, וואָס איז גוט באַוווּסט יעדן אומטרייען טאָמאַש.

*

מענדלעוויטשעס ענין — אין סטאַראָסטווע

אונטער דעם קעפּל, איז אין דער זעלבער צייטונג אָפּגעדרוקט די ווייטערדיקע נאָטיץ:

> דער סקאַנדאַליעזער אַרויסטריט פונעם צעיושעטן יידישן מאַגיסטראַט־סעקרעטאַר מענדלעוויטש, צוליב די „ראָזוווי"־פּלאַקאַטן, וועט געפונען זיין לייזונג אין דער סטאַראָסטווע, וווּ דער ענין איז איבערגעוויזן געוואָרן דורך דער פּאָליציי.
>
> די פּאָליציי, ווי באַוווּסט, באַקומענדיק די ידיעה וועגן אַראָפּרייסן אויף מענדלעוויטשעס „באַפעל" די אַפישן, האָט גאָרנישט געטאָן קעגן דעם און זיך באַגנוגנט מיט צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל מיט די ה"ה האָלץ, גראַדאָווסקי, מענדלעוויטש און בירגערמייסטער קלעפּא. דעם גאַנצן מאַטעריאַל האָט די פּאָליציי איבערגעשיקט צו דער סטאַראָסטווע, כדי צוציען מענדלעוויטשן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ס'איז צו האָפן, אַז דער אויסברוך פונעם אַראָגאַנטישן יידישן פיליפּ פון די קאָנאָפּיעס וועט באַקומען אַ פאַרדינטע שטראָף.

אומקערנדיק זיך צו יענעם היסטאָרישן טאָג אין דער געשיכטע פון קוטנע, וועלן מיר אַרויסברענגען נאָך איין זייער כאַראַקטעריסטישן פּרט. ווען דער מאַגיסטראַט־וואָזשני האָט באַקומען פון גובערנאַטאָר מענדלעוויטש דעם „באַפעל" אַראָפּצורייסן די אַפישן, איז ער (נישט גלייבנדיק וואָרשיינלעך די אייגענע אויערן) אַוועק צום

בירגערמייסטער. און ה׳ קלעפּא, האָט נאָכן אַקצעפּטירן, צוגעגעבן, אַז אין פאַל ווען די אַפּישן וועלן זיך נישט לאָזן אַראָפּרייסן, דאַמאָלט דאַרף מען זיי פאַרקלעבן מיט אַנדערע אַפּישן. צי אַזאַ „אַמטלעכע״ קפּדנות האָט נישט צו ווייט אַוועקגעטראָגן דעם הער בירגערמייסטער? באמת רירנדיק.

*

אין דער זעלבער צייטונג ווערט אויך באַריכטעט בקיצור (אַ ג׳ענגערן באַריכט זאָגט מען צו איבערצוגעבן די צווייטע וואָך) וועגן פאָרגעקומענעם מיטינג פון „ראָזוווי״. די אָנגענומענע רעזאָלוציע לויטעט:

די פאַרזאַמלטע מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון „ראָזוווי״, אין דער צאָל פון 1000 מאַן, נאָכן אויסהערן די רעדעס פון רעדאַקטאָר האָלץ און דירעקטאָר ע. זאַיאָנטשעק, דריקן אויס זייער ענערגישן פּראָטעסט קעגן דעם שענדלעכן פאַרן פוילישן פאָלק אָפּמאַך פון דער רעגירונג מיט די יידן.

די פאַרזאַמלטע אויף דעם מיטינג פאָדערן קאַטעגאָריש צו באַזייטיקן דעם לאַווניק מענדלעוויטש פון מאַגיסטראַט, וועלכער באַליידיקט די פוילישע געפילן מיט זיין פּראָוואָצירנדיקן אויפפירן זיך כלפּי דעם דעלעגאַט פון דער „ראָזוווי״־אָפּטיילונג.

*

דער „גלאָס קוטנאָווסקי״ נומ׳ 4 האַלט וואָרט — און אויף דער ערשטער זייט פאַרעפנטלעכט ער אַ פולן באַריכט פון „ראָזוווי״־מיטינג, אונטערן קאָפּ „די יידישע געפאַר״. איז דאָס נאָך ווינציק פאַר דער צייטונג — האָט זי אויף זייט 2 אָפּגעדרוקט אַ קורצע, נאָר בייסיקע נאָטיץ אויפן חשבון פון די מאַגיסטראַט־באַאַמטע, וועלכע קויפן צייטונגען אין יידישע קיאָסקן:

די אַסימילאַציע פון מאַגיסטראַט

„סוווי דאָ סוועגאָ פּאָ סוואָיע״ — אַזוי לויטעט דער פּלאַקאַט פון „ראָזוווי״. ביי אונדז שטיצט מען נישט אייגענע, נאָר דערפאַר קויפט מען ביי „אונדזעריקע״.

לאָמיר צ. ב. נעמען אַזאַ זאַך, ווי דאָס קויפן יעדן טאָג צייטונגען אין די קיאָסקן פון פּאָליאַק פּלאַזשעווסקי און משה וויטקאָווסקי — און מיר וועלן זען ווי אייניקע מאַגיסטראַט־באַאַמטע גייען נאָך אַ צייטונג צום יידישן קיאָסק. הגם דער קריסטלעכער קיאָסק געפינט זיך נענטער, איז שטענדיק בעסער צו זיין לאָיאַל כלפּי דעם „גובערנאַטאָר״ מענדלעוויטש, ווייל „ער״ קאָן אַ סך...

דערווייל פילן די באַאַמטע אַ „מאָראַלישן״ חוב צו שטיצן די יידעלעך. מעגלעך, אַז אין גיכן וועלן זיי באַקומען אַ באַפעל צו אַמטירן אין פאַרביקע כאַלאַטלעך און עפּעקטיווע יאַרמעלקעס, צו דער גרעסטער צופרידנקייט פון אונדזערע האַרציקע מיטבירגער, אַז די גויים אַסימילירן זיך אַזוי שנעל.

*

אין די ווייטערדיקע נומערן — ווידער אינסינואַציעס, פּעליעטאָנען און לידער מיט אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישן אינהאַלט. אָט אַטאַקירן זיי די עטלעכע יידישע האָטעלן ביים קוטנער וואָקזאַל, פאָרשטעלנדיק זיי ווי נעסטן פון פּראָסטיטוציע און ווענערישע קראַנקהייטן — פאָדערנדיק פון דער מאַכט זיי צו שליסן, אויך מיט אַזאַ מאָטיוו, הלמאי זיי נעמען נישט אויף קיין צוגעפאָרענע געסט פרייטיק־צו־נאַכטס און שבת... אָט באַשרייבן זיי אַ פאַל אין לאָדזש, ווו יידישע שילער זאָלן כלומרשט האָבן אַראָפּגענומען פון וואַנט דעם הייליקן קרוציפיקס, אים געטרעטן מיט די פיס — כדי באַווייזן, אַז אויך אין קוטנע איז די יידישע חוצפּה גרויס. און ווידער אַ דערמאָנונג פונעם פאַל מיט די „ראָזוווי״־אַפּישן, די אינטערפּעלאַציעס פון די יידישע ראַטמענער אאַז״וו).

*

אויב דער נומער 6 „גלאָס קוטנאָווסקי״ איז געווען פריי פון אַנטי־יידישער העצע, האָט דערפאַר דער נומער 7 זיך „אָפּגענומען״ פאַרן שווייגן פאָריקע וואָך. פאַראַן אין דער צייטונג אַ גרעסערע נאָטיץ א. ק. „ראַפינירטע יידישע אַרויסדרייערישקייט״, מיט אונטערקעפּלעך, ווי: יידישער באָיקאָט פון פייערונגען. — פּאַלעסטינער העלדן פון דער בירגערלעכער וואַך. — אַ שנעל אין נאָז פאַר לאָיאַליטעט און פיינער קורטואַזיע.

מיר ברענגען די נאָטיץ אָן קירצונגען, ווייל זי באַציט זיך אויך צום קבלת־פּנים פאַר שלום אַש, וועלכער האָט באַזוכט קוטנע אין יאָר 1925:

...אַזאַ חוצפּהדיק, ציניש און צעבאַלעוועט יידנטום ווי אין קוטנע, פאַרמאָגט נישט, דוכט זיך, קיין שום ווינקל אין פוילן.

דער פּראָוואָקאַטאָרישער יידישער שבט אין שטאָטראַט, וועלכער גיט דעם טאָן דער מאַגיסטראַטאָרישער הערשאַפט אין קוטנע; וועלכער וואַרפט זיך חוצפּהדיק אויף די זיצונגען פון דעם זעלבן ראַט אויף לינקס און אויף רעכטס, מיט פאַריסענע אינטערפּעלאַציעס, רעזאָלוציעס און דרינגענדיקע פאָרשלאַגן; ווייטער — דער חוצפּהדיקער, פאַריסענער יידישער מאַגיסטראַט־סעקרעטאַר מענדלעוויטש, מיט זעלבסטהערשערישע אינסטינקטן, — שיקט איבער אַ רירנדיקן בריוו פון די יידישע ראַטמענער צום בירגערמייסטער, ווען ער רעקאָמענדירט אָנטייל צו נעמען אינעם אָפיציעלן קבלת־פּנים לכבוד דעם ציוניסטישן שרייבערל שלום אַש, וועלכער איז געקומען מיט אַ רעפעראַט קיין קוטנע צו וועקן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט. דאָס אַלץ באַווייזט, אַז די יידן אין קוטנע שטופּן זיך אַלץ מערער מיט די עלנבויגנס און פילן זיך זיכערער ווי אין דער סאַמע־ראָדנער פּאַלעסטינע, ווו די ענגלענדער ווייסן אוודאי בעסער ווי אַזוי צוימען זייער ראַסן־טעמפּעראַמענט. לעצטנס איז אין קוטנע ווידער געשען אַ פאַקט, וועלכער באַווייזט אויף אַ גענוגנדיקן אופן צו אַ וואָסער חוצפּה די יידן זענען פעיִק כלפּי דער פוילישער געזעלשאַפט.

אָט האָט דער קאָמיטעט, וועלכער פירט אַדורך אין קוטנע די „וואָך פון דער פּאָליציי״, באַשלאָסן איינצולאַדן צו באַטייליקן זיך אין די פייערונגען אַלע געזעלשאַפטן, אָרגאַניזאַציעס, פאַרבאַנדן און פאַראיינען. דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט, בירגערמייסטער קלעפּא, האָט אויך נישט פאַרגעסן אין די יידן, אַרויסשיקנדיק אין נאָמען פון קאָמיטעט אַן איינלאַדונג צו דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה. די יידן אָבער, האָבן ווי באַוווּסט, נישט באַטייליקט זיך אין דער פייערונג, ווי אויך אין דער גאַסן־מאַניפעסטאַציע, ווי אין דער לאָטעריע, באָיקאָטירנדיק שטרענג די פייערונגען, אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַטייליקט אַלע שיכטן און קלאַסן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. דערפאַר האָבן זיי אויפן אַדרעס פון קאָמיטעט אַרויסגעשיקט אַן אַראָגאַנטישן, חוצפּהדיקן און ראַפינירטן בריוו, פול מיט פּרעטענסיעס — און פאָלגנדיקן אינהאַלט:

פאַרוואַלטונג פון דער יידישער רעליגיעזער געמיינדע אין קוטנע — צום קאָמיטעט צו פייערן דעם צענטן יאָרטאָג פון דער פוילישער זיכערהייטס־דינסט — דאָ.

„אייער איינלאַדונג האָבן מיר דערהאַלטן. דער טאָג פון די פייערונגען פאַלט אויס אין צווייטן טאָג פון אונדזער ראש־השנה (ניי־יאָר). צוליבן אויבנדערמאָנטן, קענען מיר זיך נישט באַטייליקן אין די פייערונגען, באַשטימטע

אויף דעם טאָג. אונדז וווּנדערט זייער, אַז איר האָט נישט גענומען אין באַטראַכט די דאַטע פון דער פייערונג, וועלכע איז דאָך נישט קיין עקזאַקטע. מיר שטרייכן אונטער, אַז די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג האָט מאַטעריעל און מאָראַליש געשטיצט די קאָמיטעטן פון דער בירגער־וואַך, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין איבערברוך־מאָמענטן. אונדזערע ברידער האָבן זיך דאַמאָלט געפונען אין די רייען פון דער וואַך".

אויף אַזוי פיל דער קאָמוניקאַט פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, אונטערגעשריבן דורך אַלע מיטגלידער, וואָס נאָכן איבערלייענען אים, איז צו שטוינען, אַז די דאָזאָרעס האָבן נישט באַקומען קיין אַפּאָפּלעקסיע.

פון איין זייט איז דאָס אַ וויטיקלעכער פּאַטש אין פּנים פאַר דער גאַנצער אָרטיקער פּוילישער באַפעלקערונג, פון דער צווייטער זייט ווידער איז דאָס אָנגעריבן אַ נאָז דעם בירגערמייסטער, וועלכער האָט מיט זיין איבערגעטריבענער לאָיאַלקייט און קורטואַזיע, אויסגעשטעלט זיינע קאָלעגן פון קאָמיטעט אויף אַ קאָמפּראָמיטירנדיקן אָפּזאָג מצד דעם צעיושעטן יידנטום.

די יידן באַרימען זיך, איינרעדנדיק אונדז גלייכצייטיק, אַז „מאָראַליש און מאַטעריעל האָבן זיי אין איבערברוך־מאָמענטן געשטיצט די קאָמיטעטן פון דער בירגערלעכער וואַך". אונדז איז גוט באַקאַנט זייער „מאָראַלישע שטיצע" בעתן שלום־קאָנגרעס אין פּאַריז, ווו מען האָט אַרומגעשניטן פּוילן פון אַלע זייטן; מיר קאָנען זייער „שטיצן" בעת די פּויליש־אוקראַאינישע קאַמפן אין לעמבערג, ווו זיי האָבן די פּוילישע זעלנער אָפּגעגאָסן מיט קאָכעדיק וואַסער און געשאָסן פון באַהעלטענישן; מיר קאָנען ענדלעך זייער שטיצע פון דער תקופה פון דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אויף פּוילן אין יאָר 1920, ווען זיי האָבן מיט שפּיאָנאַזש, מיטן שאַפן קאָמוניסטישע קאָמיטעטן אין די שטעט און שטעטלעך, באַפעסטיקט דעם קאָמוניסטישן גן־עדן אויף די נאָר וואָס פאַרנומענע געביטן, אין וועלכע ס'האָבן אַ באַדייטנדיקן אָנטייל גענומען אַפילו רביים, ווי דאָס זאָגט עדות דער אומפאַרגעסלעכער באַרימטער רב־שפּיאָן שאַפּיראָ פון פּלאָצק, דערשאָסן דורכן קריגס־געריכט פאַרן געבן אָנווייזונגען דעם באָלשעוויסטישן מיליטער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין שטאָט.

אַזוי האָט אויסגעזען — ראַפינירטע יידן — אייער „מאָראַלישע און מאַטעריעלע שטיצע" פאַר אונדז אין איבערברוך־מאָמענטן.

און היינט הייסן זיי אונדז, פּאָליאַקן־קאַטאָליקן, צופּאַסן זיך צו זייערע יידישע, בית־המדרשדיקע שבתים, זיי אָפּהיטן און זיך רעכענען מיט די דאַטעס פון סוכות, יום־כיפור, אין אַ צייט ווען די יידן דערלויבן זיך אין אונדזערע פייערלעכע קריסטלעכע חוגאות ווי אַמבעסטן האַנדלען און קאָמבינירן, ווייל זיי גייט אין גאַנצן נישט אָן אונדזערע יום־טובים און נאַציאָנאַלע פייערונגען. דאָס צעבאַלעוועטע יידנטום פילט זיך אַזוי זיכער און האַלט אַוודאי די פּוילישע באַפעלקערונג פאַר אַזוי געפּיללאָז און פאַריידישט, אַז זיי דערלויבן זיך אַפילו אויף אַלץ חוצפּהדיקערע פּראָוואָקאַציעס אויף אונדזער אַדרעס. טאַקע די פאַרריסנקייט און זעלבסטזיכערקייט איז נאָך אַ פּריצייטיקע, אַז די שעה פון טריאומף וועלן זיי נישט דערלעבן, ווייל פּוילן איז נישט רוסלאַנד־באָלשעוויע. זיי גיבן זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון, אַז דער פּוילישער גייסט, וועלכער וואַכט אויף נאָך הונדערטער יאָרן לעטאַרגיע, שרייבט פאַר די יידן די ערשטע אותיות פון זייער „מנא תקל ופרסין".

*

דער זעלבער בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער צווייטער וואָכנשריפט, „טיגאָדניק קוטנאָווסקי" (נומ' 40, פון 6.10.25), נאָר פאַרזען מיט די אונטערשריפטן פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: הרב טרונק, י. מייראַנץ, א. אייזמאַן.

און דער „טיגאָדניק" גיט צו זיין קאָמענטאַר:

ווונדערן זיך דעריבער די קוטנער יידן, אַז דער קאָמיטעט רעכנט זיך נישט מיט דער דאַטע פון יידישן יום־טוב. אַ סברה, אַז לויט זייער מיינונג, דאַרף דער קאָמיטעט זיך צופּאַסן צו די טערמינען, וועלכע זיי וועלן באַשטימען, צי זייערע ראַבינערס. קאָמענטאַרן זענען איבעריק!

דער דאָזיקער פאַקט דאַרף פאַר אַלע פּאָליאַקן זיין אַ וועגווייזער, אַז דער יידישער עלעמענט דאַרף ווערן עלימינירט נישט נאָר פון פּריוואַטן, נאָר אויך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די קריסטן.

*

דאַקעגן די רעדאַקטאָרן פון „גלאָס קוטנאָווסקי" האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט אַ גיפטיקן קאָמענטאַר און אָנפאַל אויפן אַדרעס פון דער קהילה. דאָס בלעטל איז דערשינען נישט מער ווי אין 4 זייטן, דאָך האָבן זיי אין דעם זעלבן נומער אָפּגעגעבן אָרט פאַר אַ גרויס ליד־פעליעטאָן מיט אומגעלומפּערטע גראַמען וועגן אַ יידישן דענטיסט אין קוטנע, וועלכער זאָל האָבן באַגאַנגען שווינדלערייען, ביי דער צושטימונג פון אָרטיקן רב — און אַ ידיעה „האַנדל אויף די בענק", ווו עס זאָגט זיך:

אַלע שטיינערנע בענק אויף דער שענקעוויטשאַ גאַס זענען פאַרנומען מיט קיישלעך פּרוכטן, מיט וועלכע עס האַנדלען יידישע פאַרקויפערס. מענטשן, וועלכע איילן זיך צו דער באַן מיט באַגאַזשן, אָדער קומען פון דער באַן, באַלאָדנטע און מידע, האָבן נישט די מעגלעכקייט ווו זיך אָפּצורוען, ווייל די באַשטימטע פאַר דעם צוועק בענק זענען פון אין דער פרי ביז אין אָוונט פאַרנומען דורך די „האַנדלעסן", וועלכע פאַרטשעפּען נאָך דערצו די דורכגייער. צי וואָלט די פּאָליציי נישט גענויגט געווען אָפּצוריייניקן די בענק פון די יידישע הענדלער, וועלכע שטופּן זיך מיט זייערע קוישן, פאַראומרייניקן דאָס אָרט און דעם אַרום מיט אָפּפאַל פון פאַרפוילטע פּרוכטן — און אָפּגעבן די בענק פאַרן עפנטלעכן געברויך, לויט זייער באַשטימונג.

*

אויף זייט 3 ווידער — אַ קליינטשיקע נאָטיץ וועגן שטאָטזייגער, און שבת־גויים פון שטייער־אַמט, וואָס גיט ווידער אַ געלעגנהייט צו אַטאַקירן יידן.

דער מאַגיסטראַצקי זייגער

„דירעקטאָר" אָנצודרייען דעם מאַגיסטראַטישן זייגער איז אַ ייד. דעריבער יעדעס יאָר, אין די יידישע יום־טובים, שטייט דער זייגער. היי־יאָר האָט דער זייגער גערוט דעם לעצטן זונטיק, ווייל ס'איז אויסגעפאַלן דאָס יידישע ניי־יאָר. באמת, איז דאָס נישט קיין חרפּה, אַז אין קוטנע זאָל מען נישט צונעמען אָנצודרייען דעם זייגער אַ פּאָליאַק, וועלכער וועט אַוודאי זיך אַן עצה געבן מיט דער פילאָזאָפיע. צי מוז דער מאַגיסטראַט, אין גאַנצן אָדער טיילווייז שטינקען מיט יידן? *

---

* געמיינט דעם יידישן זייגערמאַכער יעקב־שלמה האַלער. (ד. ש.)

שבת־גויים פון דער סקאַרבאָווער קאַסע

געוויסע באַאַמטע פון דער קאַסע סקאַרבאָווע אין קוטנע אַבאָנירן סטאַבילביים ייד די „גאַזעטאַ פּאָראַננאַ״ און „קוריער וואַרשאַווסקי״, הגם נישט ווייט געפינט זיך דער קיאָסק פון קריסט פלאַזשעווסקי.

ווי מיר דערוויסן זיך, האָבן די אויבנדערמאָנטע באַאַמטע באַהאַרפט באַקומען אויף שבת חלות און איצט זענען זיי אויף סוכות פאַרבעטן געוואָרן, ווו זיי וועלן איןביידלעך, צוזאַמען מיט באַפּיאותטע קודלאַיעס, עסן פיש מיט מייערן און ציבעלעס און צוטרינקען אַ טראָפּן יום־טובדיקע פּעיסאַכוווקע.

*

„אַנטיידישן פוילן איז אונדזער הייליקער הוב״ — שרייט אַראָפּ אַן אַנאָנס אויף דער ערשטער זייט פון נומ׳ 8 „גלאָס קוטנאָווסקי״. און אויף דער זעלבער זייט — אַ גרעסער לייט־אַרטיקל א. נ. „זעלבסטפאַרטיידיקונג״, געווידמעט דער יידן־פראַגע אין פוילן. און אויף דער גאַנצער ברייט פון עמוד, אין סאַמע אויבנאָן — אַ מעלדונג וועגן אַ פאָרלעזונג „פוילן און די יידן״, וואָס דאַרף פאָרקומען אין זאַל „פּאָלאָניאַ״. רעפערענט — מ. לאַכאָוויטש פון וואַרשע.

אין זעלבן נומער איז (אויף ז׳ 2) איבערגעדרוקט אין גאַנצן דאָס אַרטיקל פון ע. זאַיאָנטשעק, וואָס איז דערשינען אין דער וואַרשעווער וואָכנשריפט „ראָזוווי״. דאָס איז דער זעלבער, וועלכער האָט געהאַט זיך פאָרלעזונג אין קוטנע און דער בירגערמייסטער האָט פאַרבאָטן אַרויסצוהענגען די אַפישן זיינע. דער „גלאָס קוטנאָווסקי״ קלערט אויף, אַז נאָך אַ צווייטאָגיקן באַזוך אין קוטנע, איז ע. זאַיאָנטשעק דערגאַנגען צו דער מסקנה, אַז „די יידן־פראַגע אין קוטנע שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערנסט און שווער פּראָבלעם״. זיין אַרטיקל הייסט: „יידיש־מאַגיסטראַטיש פּראָבלעם אין קוטנע״:

בראש פון דער שטאָט שטייט דער פּרעזידענט קלעפּאַ, כלומרשט אַ „נאַציאָנאַליסט און לידער — פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, ווענענס איינפלוסן אין קוטנע, אַ דאַנק דעם אומגעלומפּערטן ליבלינג, ווערן קלענער פון טאָג צו טאָג מיטן שאָדן פאַר דער נאַציאָנאַלער זאַך.

צו וואָס פאַר אַ מדרגה דער הער קלעפּאַ איז אונטערן אי־נפלוס פון יידן און גיט זיי נאָך אויף יעדן שריט, זאָל אילוסטרירן דער וויטערדיקער דאָקומענט. דער דאָזיקער דאָקומענט, אַלס קוריאָז אין אונדזער העכער 6־יאָריקער טעטיקייט, פאַרעפנטלעכן מיר וואָרט־ביי־וואָרט, כדי ער זאָל אָן ענדערונגען אַריין אין דער היסטאָריע פונעם שווערן געראַנגל אויפן וועג צו אַנטיידישונג פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט — מיט אירע קרבנות:

מאַגיסטראַט פון דער שטאָט קוטנע
וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט.
דעם 1925.8.29, נר׳ 1/1—3843.

צום ה׳ האָלץ — דאָ.

איך טייל אייך מיט, אַז צוליב דעם, וואָס דער פּלאַקאַט פון ה׳ זאַיאָנטשעק אַנטהאַלט אַן אויפרוף געווענדט קעגן איין טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכע באַוווינט אונדזער שטאָט, קאָן נישט דער מאַגיסטראַט פון קוטנע דערלויבן פונאַנדערצוהענגען די דאָזיקע מעלדונג אויף די 4 שטאָטישע רעקלאַמע־סלופּעס ווייל דער מאַגיסטראַט רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון אַלע שיכטן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

קלעפּאַ, בירגערמייסטער

ה׳ קלעפּאַ, איבערשיקנדיק צום פאָרשטייער פון „ראָזוווי״ אַ בריוו מיטן אויבנדערמאָנטן אינהאַלט, האָט וואַרשיינלעך געוואָלט ווערן באַרימט און אַריינגיין אין דער היסטאָריע. און ר׳האָט גוט געשאָסן. אין דער געשיכטע וועט ער יאָ אַריין — ווייל ס׳איז נאָך נישט געווען קיין פאַל אין אונדזער אַרבעט, אַז אַ פּאָליאַק, אַ פאָרשטייער פון מאַגיסטראַט, זאָל פאַרווערן אַרויסצוהענגען פּלאַקאַטן, וואָס זייער אינהאַלט איז אַקצעפּטירט געוואָרן דורך די מלוכהשע אָרגאַנען. מיר האָפן, אַז הער קלעפּאַ וועט זיך פאַרדינען גרויס כבוד אין די יידישע קרייזן. מיטן דאָזיקן רום וועט קיינער פון די וואָס דענקען פויליש — אים נישט מקנא זיין. דער קרעדאָ פון ה׳ קלעפּאַ איז נישט מער, ווי אַ זייער אינטערעסאַנטער צושטייער צו דערקענען די יידישע געפאַר אויפן געביט פון פאַריידישן דעם פוילישן גייסט. די געזעלשאַפטלעכקייט וועט טיף פאַרגעדענקען דעם נאָמען פון ה׳ קלעפּאַ און אַנדערע קלעפּאַס. אַלס גוטע בירגער וועלן מיר באַצייכענען נאָר די, וואָס אַפילו אַלס פּשוטע זעלנער וועלן זיי זיך שטעלן אין דער ריי פון די קעמפנדיקע פאַר פוילנס פוילישקייט און נישט די וואָס לעקן די טיילווייז שטאַרקע און איינפלוסרייכע מיטגלידער פון דער אַנאָנימער גרויס־מאַכט. הער פּרעזידענט קלעפּאַ! בלויז איין האַר קאָן מען דינען. דאָס זענען די נעגאַטיווע זייטן פון קוטנע, וועלכע כ׳האָב געהאַלטן פּשוט פאַר אַן אַמטלעכן פליכט צו פאַראורטיילן.

אויף צו דערגענצן דאַרף מען צוגעבן, אַז די אַקציע פון פאַקטאָרן, עווענטועל פון נאַציאָנאַלע גרופּן צו אַנט־יידישן קוטנע מיט דערפאָלג, ווערט פאַראַליזירט דורך פּערזאָנען, וואָס שטייען ביים רודער פון דער מוניציפּאַלער מאַכט. מיר מיינען, פאַרשטייט זיך, דעם ה׳ קלעפּאַ, וועלכער איז אַ פּאַראַדאָקסאַלע קרעאַציע פון אַ נאַציאָנאַליסט־פילאָסעמיט. ערגעץ אַנדערש, אין גרעסערע צענטערס, וואָלט אַזאַ פראַגע, צי דער מאַגיסטראַט איז מערער אָדער ווייניקער פאַריידישט — אפשר זיך פאַרלוירן. אין קוטנע אָבער איז דער ענין מאַגיסטראַט דאָמינירנדיק איבער אַלע אַנדערע. „די שכנים ווייסן ווו ווער עס זיצט״ — זאָגט אַ שפּריכוואָרט. עס ווייסן דעריבער די פּשוטע, די מינדעסטע, די אַפילו אַמווייניקסטן „אינטעליגענטע״, אַז מענדלעוויטש איז נישט געבוירן געוואָרן אין מאַגיסטראַט, נאָר אַז מ׳האָט אים דאָרט אַוועקגעזעצט. זיי ווייסן גוט, אַז דער בירגערמייסטער קלעפּאַ האָט גלייך געגעבן מענדלעוויטשן אַזאַ געהאַלט, וועלכן עס באַקומט אַ רעגירונגס־באַאַמטער ווינציקסטנס נאָך צען יאָר מוסטערהאַפטער דינסט, נעמלעך — 8טע קאַטעגאָריע, פּונקט ה׳.

ווייטער ווייסן מענטשן — און זיי וועלן זיך נישט לאָזן פאַררעדן די ציין — אַז מענדלעוויטש איז דורך די יידן אָנגעוואָרפן דעם בירגערמייסטער, וועלכער האָלט אים געוואָלט יעדע מינוט פּטור ווערן, נאָר ער קאָן דאָס נישט טאָן, ווייל דאָס איז יורידיש און פיזיש אוממעגלעך. זיי ווייסן וועגן דעם, ווייל מ׳קאָן דאָס אַרויסלייענען פון די פּראָטאָקאָלן פון די שטאָטראַט־זיצונגען, אַז עס זענען געווען פאַלן, ווען אַפילו די סאָציאַליסטן זענען צוזאַמען מיט די רעכטע אַרויסגעטרעטן קעגן מענדלעוויטשן, אַזוי, אַז מ׳האָט אים געקענט אַרויסוואַרפן פון מאַגיסטראַט — האָט דעמאָלט זיך דרייסט געשטעלט אין זיין שוץ און פאַרטיידיקט ווי אַ לייב, — דער בירגערמייסטער אַליין. דעריבער האָט דער דאָזיקער ייד, פילנדיק פון איין זייט די אונטערשטיצונג פון די יידן, ווענענס פאַר־

טרויאונגס־מאַן ער איז אין מאַגיסטראַט, און פון דער צווייטער זייט, האָבנדיק אַלס פּאַרטיידיקער דעם בירגערמייסטער, וועלכער וויל פּאַר יעדן פּרייז זיך דערהאַלטן אויף זיין אַמט — האָט דער דאָזיקער ייד אַזוי זיך אָנגעבלאָזן מיט חוצפּה און פּאַרריסנקייט, אַז ער דערלויבט זיך פּראָוואָקאַטאָרישע מעשים כלפּי דער פּוילישער באַפעלקערונג.

אַלעמען איז באַוווּסט, אַז דער צווייטער „לייב־אַדיונטאַנט" פונעם בירגערמייסטער איז דער מאַגיסטראַט־וואָזשנע, דער ייד גורקער. יעדן איינעם, וואָס קומט אין מאַגיסטראַט, גיט דער דאָזיקער ייד באַלד אויפן שוועל אַ בילד פון פּאַריידישן דעם מאַגיסטראַט, באַזונדערס ווען אַזאַ פּעטענט ווערט דערהערן דאָס זשאַרגאָנישע גאָנערן פונעם וואָזשנע־ייד מיט זיינע גלויביקע ברידער־אינטערעסאַנטן. דאַקעגן יעדער אמתער אָרטיקער פּאָליאַק, וועלכער גייט מיט אַן ענין צום בירגערמייסטער, מוז זיך פּריער מעלדן ביי אַזאַ זשידליי מיט אַן אַמטלעכן היטל און אָדלערל — פּאַרקריצט פּשוט מיט די ציין פון כעס און באַדויער, אַז אַפילו אַ פּאָסטן פון אַ וואָזשני אין אַ פּוילישן מאַגיסטראַט איז נישטאָ פּאַר קיין פּאָליאַק.

קיין ווונדער דעריבער, אַז אַלע ענינים און באַשטעלונגען, אַפילו די קלענסטע, ווי צ. ב. קויפן צייטונגען, ווערט דער דאָזיקער וואָזשני, צי אויפן בפירושן באַפעל פון זיין מיטגלויביקן דעם סעקרעטאַר מענדלעוויטש, צי אויף אייגענער איניציאַטיוו און צוליב יידישער סאָלידאַריטעט — ווערט ער דערליידיקן ביי יידן. צום סוף איז אויך באַוווּסט, אַז וועכטער אין שטאָטישן שעכטהויז איז דער ייד הערש לעווקאָוויטש און די מולערייַ־אַרבעטן אין מאַגיסטראַט פירט אויס אויך דער ייד שמואל וואָלשטיין. מיט איין וואָרט — אַ ייד אויף אַ ייד און מיט אַ ייד טרייבט אָן.

אַזאַ בירגערמייסטער, וועלכער זיצט גלייכצייטיק אויף צוויי בענקלעך, דעם פּוילישן און יידישן, איז גורם צו צעטרענצלען די פּוילישע זאַך אין קוטנע. בפרט נאָך, אַז אויף זיין אַמט געניסט דער בירגערמייסטער פון אַן אונטערשטיצונג מצד פּערזאָנען, וועלכע שטייען בראש פון נאַציאָנאַלן לאַגער אין שטאָט און פּאָוויאַט, וועלכע זעען נישט קיין שאָדן פּאַרן נאַציאָנאַלן ענין, טאָלערירן ביי זיך אַזאַ חבר, מאַכן אוממעגלעך די קאָנסאָלידאַציע פון די צעשפּליטערטע פּוילישע כוחות צו באַקעמפן דעם געמיינזאַמען שונא, ווי עס איז מיט איר איינהייטלעכקייט דאָס קוטנער יידנטום.

ווען אַלע וועלן דאָס דערזען און פאַרשטיין — איז דערווייל שווער פעסטצושטעלן.

מען דאַרף זיך אָבער ווינטשן, אַז דאָס זאָל פּאַרקומען ווי אַמשנעלסטן, ווייל, באמת, די געפאַר איז אין אָפּשלעפּן. מיר, פּאַרשווענדנדיק צייט און כוחות אויף פּוסטע רייד, קלאָגענישן, קרעכצן און פּאַרענטפערונגען, פּאַרלייכטערן בלויז די מאָביליזאַציע פון די יידישע כוחות צו די צוקונפטיקע און נישט ווייטע וואַלן, וועלכע האָבן אַ ברירה אונדז צו באַגעגענען צעריסענע און צעטומלטע.

*

אַ סברה, אַז אַפילו אין וואַרשע האָט מען דערפילט, דאָס די באַשולדיקונגען אויפן אַדרעס פון בירגערמייסטער קלעפּאַ זענען צו האַרבע, איבערגעטריבענע און זיין פילאָסעמיטישקייט איז נישט אַזוי גרויס, ווי די לאָקאַלע און צענטראַלע יידן־העצער האָבן אים פאָרגעוואָרפן.

די וואַרשעווער „גאַזעטאַ פּאָראַננאַ—דוואַ גראָשע", פון 19טן סעפּטעמבער 1925, פּאַרעפנטלעכט דעריבער פאָלגנדיקע קאָרעספּאָנדענץ פון קוטנע:

וואָס איז אמת און וואָס איז נישט אמת

פון די באַציאונגען אין קוטנע

נאָכן אָפּדרוקן אין נר' 242 פון דער „גאַזעטאַ פּאָראַננאַ" פון 3טן ד. ח. די קאָרעספּאָנדענץ פון קוטנע, וועלכע וואַרפט אַ געוויסן שאָטן אויפן גוטן נאָמען פון אָרטיקן בירגערמייסטער אַלס בירגער און פּאָליאַק, האָבן מיר צונויפגענומען מערער אינפאָרמאַציע בנוגע דעם עצם פאַקט, ווי אויך בנוגע דער פּערזאָן פון בירגערמייסטער קלעפּאַ.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז אמת דאָס דער יידישער לאַווניק מענדלעוויטש האָט זיך אויפגעפירט חוצפּהדיק און אַראָגאַנטיש, ווי דאָס איז אונטערגעשטראָכן אין דער קאָרעספּאָנדענץ, נאָר דאַקעגן בנוגע דעם בירגערמייסטער קלעפּאַ — האָט ער נישט פּאַרבאָטן פונאַנדערצוקלעפּן די אַפישן אין שטאָט; ער האָט בלויז געבעטן, אַז צום פונאַנדערקלעפּן די אַפישן זאָל מען נישט באַנוצן דעם מאַגיסטראַט־וואָזשני און פיר שטאָטישע רעקלאַמע־סלופּעס.

אויך דערוויסן מיר זיך, אַז ה' קלעפּאַ איז איינער פון די טיכטיקסטע אַרבעטער אין די שטאָטישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין אַ סך פון זיי פּאַרנעמט ער דעם אַמט פון פּאָרזיצער און בכלל געהערט ער צו די ווינציקע פּאָרשטייער פון דער יינגערער גענעראַציע, וועלכע קאַרגן נישט קיין צייט און מי צו טאָן גוטע מעשים.

ה' קלעפּאַ האָט אויך מחוץ קוטנע זיך פּאַרדינט אָנערקענונג, ער איז דער געוויילטער פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון פּאַרבאַנד פון די שטעט און פּאָרזיצער פון בירגערמייסטער־פּאַראיין פון נישט־אויסגעטיילטע שטעט.

מיר דערוויסן זיך, אַז אויפן אַמט פון בירגערמייסטער אין קוטנע, האָט ה' קלעפּאַ צו דערפילן אַ זייער שווערע און אומדאַנקבאַרע אויפגאַבע. ער איז נאָר דער אויספירער, אין גאַנצן אָפּהענגיק פון די באַשלוסן פונעם שטאָטראַט, וואָס זיין מערהייט באַשטייט פון עלעמענטן, וואָס באַציען זיך טייל מאָל פיינדלעך צו די פּוילישע אינטערעסן פון שטאָט. די באַשלוסן פון שטאָטראַט זענען אָפּט דענערווירנדיקע פון שטאַנדפּונקט פון פּוילישע געפילן, אָבער שולדיק איז נישט דער בירגערמייסטער, נאָר די איינוווינער, וועלכע האָבן אַזאַ ראַט אויסגעקליבן און טאָלערירן אים.

*

איצט ווידער וועגן דעם שול־ענין. דער „גלאָס קוטנאָווסקי" נומ' 9, פון זונטיק, דעם 28סטן אָקטאָבער 1925, טיילט מיט:

אַ באַאומרואיקנדיקער קלאַנג

די קוטנער געזעלשאַפטלעכקייט איז באַאומרואיקט געוואָרן מיט דער אויסטערלישער ידיעה, אַז די געביידע פון דער נייער שול דאַרף גענוצט ווערן אויך דורך יידן. ס'איז דערווייל שווער דערין צו גלויבן, אַז מע זאָל ביי פּוילישע קינדער צונעמען די שול און אויף זייער אָרט אַריינזעצן יידן. אַ סך פּוילישע קינדער באַזוכן דאָך נישט די שול, ווייל צוליבן מאַנגל פון אַ לאָקאַל — וועלן יידישע קינדער זיין בילכער פון די פּוילישע? מיר וואַרטן אויף אַן אויפקלערונג, צי איז דער קלאַנג אַ ריכטיקער.

אויב אָבער ס'וועט אַזוי געשען — וואָלט דאָס אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג. צי איז דער פאַרפאַל אין דער לאָדזשער שול נישט גענוג אויף אָפּצוּוואַרפן אַזאַ געדאַנק?

מיר פרעגן דעם ה' שול־אינספּעקטאָר: איז די ידיעה אַ ריכטיקע און וואָס האָט ער בדעה צו טאָן, כדי באַרואיקן די איינוואוינער פון קוטנע?

אַ קוטנער.

אויף דעם בריוו — אינפאָרמירט די צייטונג — האָט דער אינספּעקטאָר געגעבן אַזאַ אויפקלערונג:

דער איצט אויסגעענדיקטער נייער שול־בנין באַצייכנט מיטן נומער 2, וועט אין פאַרלויף פון בערך 10 טעג איבערגעגעבן ווערן פאַר שול־צוועקן. אין דעם געבוג גרויסן בנין, וועט זיך געפינען אַ באַדייטנדיקע צאָל קינדער, וואָס וועט דערמעגלעכן צו אַנטלאַסטן די איבערפולטע קלאַסן פון אַנדערע שולן, באַזונדערס פון דער שול נומ' 3, צעוואָרפענע איבער דער גאַנצער שטאָט. ביים איבערפירן אין דער נייער שול, האָט דער אינספּעקטאָר אין זינען די יידישע אָפּטיילונג אויף דער פּאָדזשעטשנע גאַס. דערפאַר וועט אין דער נייער געביידע אַנטשטיין אַ באַזונדערע יידישע קלאַס, אונטערגעאָרדנט וואָס אַן אמת, דער אַדמיניסטראַציע פון נייעם בנין, נאָר מיט דעם אויסנאַם, אַז די יידישע שילער וועלן נישט לערנען אין שבת. וועגן וועלכע ס'איז אַנדערע ברייטערע פּריווילעגיעס און רעכט צו דער נייער שול — קאָן אַפילו קיין רייד נישט זיין. אַפילו יודאַיסטישע קעגנשטאַנדן וועט מען אין דער קלאַס נישט לערנען.

אויף אַזוי פיל דער שול־אינספּעקטאָר. דאַקעגן וועגן די יידישע פּרעטענסיעס צו דער נייער שול — ברייטער אין נאָענטסטן נומער.

*

אין דער רובריק „לויפנדיקע נייעס", האָט די צייטונג צו אינפאָרמירן אירע לייענער — מיט דער גיפטיק־העצערישער שפּראַך — וועגן אַזעלכע פאַלן אין קוטנע:

דער רויטער מאָרדקע

קוטנע, ווי אַלע אַנדערע שטעט אין פּוילן, האָט זיך געגרייט צום פּאָליציייאישן יום־טוב דעם 20סטן סעפּטעמבער ה.י. אַלע שיכטן און גרופּן פון דער אָרגאַניזירטער און אומאָרגאַניזירטער באַפעלקערונג, האָבן זיך געגרייט צו וואָס שענערע אַרויסטריטן, כדי צו באַערן דעם פּוילישן פּאָליציאַנט. עס האָבן זיך אויך געגרייט, נישט שיטנדיק קיין באַרנעס אין אַש, אונדזערע היימישע באָלשעוויקעס. פאַרשטייט זיך, אַז אויף זייער שטייגער, שטיל, ווי די קרעטן, קאָנספּיראַטיוו, דורך פונאַנדערוואַרפן און פונאַנדערקלעפּן פלוגבלעטלעך ביינאַכט.

ערב דעם פּאָליציייאישן יום־טוב, האָט איינער פון די קוטנער איינוואוינער, פאַרבייגייענדיק דעם אַלטן רינעק, באַמערקט עפּעס אַ ייד פונאַנדערקלעפּן אויף די ווענט פון די הייזער קאָמוניסטישע אויפרופן. ער איז צו אים צו, אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געוואָלט איבערגעבן דער פּאָליציי. דער ייד האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן. אַמפּערנדיק זיך מיטן ייד, האָט דער בירגער באַוויזן זיך איינצוקוקן אינעם פּנים פון יידישן באָלשעוויק און עס פאַרגעדענקען. ביים מעלדן וועגן דעם דער פּאָליציי, האָט ער אויך איבערגעגעבן דעם אויסזען פון אַנטלאָפענעם.

אין משך פון עטלעכע וואָכן האָט די פּאָליציי ענערגיש געזוכט דעם באַשריבענעם באָלשעוויק, באַטראַכט אויפן פּאָסטערונעק פאַרהאַלטענע פון אַ סך — אָבער דער קוטנער בירגער, דער „רואה ואינו נראה", האָט אין זיי נישט דערקענט קיין איינעם פון יענעם, וועלכן ער האָט געהאַט געכאַפּט.

ענדלעך האָבן די פּאָליציי־זוכונגען געגעבן רעזולטאַטן. אינעם פאַרהאַלטענעם און אויפן געבראַכטן אין פּאָסטערונעק יידל מיטן נאָמען מרדכי־פּרץ פּרינץ — האָט דער קוטנער איינוואוינער דערקענט דעם דורך אים אַמאָל פאַרהאַלטענעם קאָלפּאָרטער פון דער קאָמוניסטישער ביבולע, וועמענס כאַראַקטעריסטישע „מאָרדע" האָט זיך גוט איינגעקריצט אין זיין זכרון.

מרדכי־פּרץ פּרינץ, 20 יאָר אַלט, אַ הענדלער, לייקנט חוצפּהדיק אָפּ, אַז ער זאָל האָבן געקלעפּט קאָמוניסטישע אויפרופן און דערביי געכאַפּט געוואָרן.

ס'איז אָנצונעמען, אַז מאָרדקע וועט צורו לאָזן מיט דער טאַקטיק פון לייקענען, וואָס גיט גאָרנישט, און זיך מודה זיין אין זיין שולד, דערביי וועט ער עטוואָס אויפדעקן דעם פאָרהאַנג, הינטער וועלכער עס זענען טעטיק די קאָמוניסטן. גלייכצייטיק וועלן מיר האָבן אַ באַוויז, אין אַ וואָסער מאָס דער יידישער עלעמענט פאַרפולט די קאַדרען פון אונדזערע היימישע באָלשעוויקעס. דעמאָלט וועלן אונדזערע האַרציקע פון קוטנער שטאָטראָט, די מענדלעוויטשעס און אַנדערע צאָמבערס, נאָך האָבן די חוצפּה צו ברוגזן זיך פאַרן באַנוצן זיך אין די ס.ס.ס.ס.־אויפרופן די באַצייכענונג „יידיש־באָלשעוויסטישע באַנדיטן" און פאָדערן קרימינאַל פאַר די מחברים?

אַ פריילעך געסל

אויסטערלישע זאַכן לאָזן זיך באַמערקן אויף דער פּאָדזשעטשנע גאַס, וועלכע איז באַרימט מיט איר גרויס „גערעטעניש" אויף שיכורים, הגם אָפיציעל איז נישט פאַראַן דאָרט קיין איין קנייפּע... נישט איינער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווו האַלטן זיך אויף די שיכורים, וועלכע האָבן אויף דער געשטעלטער פראַגע געענטפערט מיט פאַרשידענע קללות.

אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז איינער פון די אָנהענגער פון ביטערן טראָפּן האָט אָנגעוויזן אויף אַ קנייפּע אויף דער זעלבער גאָס, אָנגעפירט דורך דער באַקאַנטער גנבטע „די שוואַרצע בראַנע". דאָרט האָבן זיך געפונען עטלעכע פאַרשוינען אין גאַנצן פאַרגאָסענע, וועלכע האָבן אונטער די קלאַנגען פון אַ מויל־האַרמאָניק געטאַנצט מיט פּראָסטיטוטקעס. די דערמאָנטע „שוואַרצע בראַנע" איז אַ יידישקע, וועלכע זיצט אין תפיסה פאַר אירע פאַרברעכנס און איר יינגערע שוועסטער פייגע פירט דאָס פּראָספּערירנדיקע געשעפט.

אפשר וואָלט די פּאָליציי זיך פאַרנומען מיט דער קיצלדיקער פראַגע, ווייל אין די נעכט זענען די איינוואוינער פון דער פּאָדזשעטשנע גאַס באמת אויסגעשטעלט אויף די אַוואַנטורעס פון די פאַרשידענע צעבאַלעוועטע שיכורים און שלעפּערס.

*

דער נומער 12 פון „גלאָס קוטנאָווסקי" איז גאָר רייך מיט יידן־פרעסערישן מאַטעריאַל. אַחוץ דעם המשך פון דער שטאָטראַט־זיצונג (וועגן וועלכער מיר שרייבן שפּעטער), ווו די יידישע ראַטמענער ווערן אויסגעלאַכט און מע העצט קעגן זיי, זענען דאָרט פאַראַן עטלעכע נאָטיצן, אַ ליד־פעליעטאָן קעגן קוטנער מוניציפּאַלן סיים, אַן אַרטיקעלע „וועגן דער נויטווענדיקייט צו קעמפן קעגן יידן" און אַ דערציילונג פון אַ לייענער, ווי אַזוי בעת

אַ מינוט שטילקייט לכבוד דעם אַראָפּלאָזן אין קבר די טרומנע מיטן אומבאַקאַנטן זעלנער, האָט ער געזען ווי צוויי מענטשן אין אַ גרופּע האָבן נישט אַראָפּגענומען די היטלען בעתן דער צערעמאָניע. נאָכן פאַרענדיקן די מינוט שטילקייט, האָט דער אַנטיסעמיטישער לייענער זיך נישט געפּוילט, אַפילו נאָכגעיאָגט די צוויי ידן, וועלכע זענען געשטאַנען אין די היטלען — און וועגן איינעם פון זיי טיילט ער מיט מיט טריאומף, אַז ר׳האָט אַנטדעקט זיין נאָמען און מעלדעט דער עפנטלעכקייט:

„דער נאָמען פון דעם זשידלאַי, דעם פּאַלעסטיניעץ, דעם פאַרשטייער פון דער מערהייטלעכער מינדערהייט — בעתן אַלגעמיינעם קאָנצענטרירן דעם געדאַנק און פייערלעכן בייגן די אַנטבלויזטע קעפּ, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם געביין פון אומבאַקאַנטן זעלנער, האָט געוואַגט נישט אַראָפּצונעמען דאָס היטל, איז — מייראַנץ, אייגנטימער פון אַ גרויס אייזן־געשעפט אויפן נייעם רינעק און אייגנטימער פון אַ קוילן־סקלאַד אויף דער לענטשיצקע גאַס.

*

אַ צווייטער לייענער, דער פּוילישער סוחר וו. לעלעווסקי, דערציילט:

אַ שיינער ביישפּיל

שבת, דעם 24סטן ד.ח. איז אין מיין געשעפט אַריינגעקומען איינער און געפרעגט ווו עס וווינט לעווין. צום ערשט האָב איך געמיינט, אַז אפשר צוליב אַ טעות פרעגט ער זיך ביי מיר, נאָר נאָכן אינפאָרמירן זיך, וואָס ער וויל פון לעווינען, האָט ער געענטפערט, אַז ער וויל קויפן פאַרב.

איך האָב אים אַוועקגעפירט אין נאָענטסטן אַפּטייקסקלאַד פון ה׳ סטאַזשינסקי. דער מאַן האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, און אין פּוילישן געשעפט נישט געוואָלט אַריינגיין, דערקלערנדיק:

— דער הער גראַף מאָשינסקי האָט מיך געהייסן קויפן נאָר ביי לעווינען. איבעריקנס, מיר קויפן דאָרט אַלץ...

*

ווי אַזוי די שבת־גויים פאַרשטייען די לאָזונג „סווי דאָ סוועגאָ פּאָ סוואָיע”

מיר האָבן שוין בשעתו געשריבן, אַז אייניקע באַאַמטע פון מאַגיסטראַט און שטייער־אַמט קויפן צייטונגען ביים ייד וויטקאָווסקי, אויסמיידנדיק דעם דערבייאיקן צייטונגס־קיאָסק פון פּאָליאַק פלאַזשעווסקי. איינער פון די הערן האָט פאַרשטאַנען אונדזער אַפּעל, די אַנדערע אָבער שטיצן ווייטער דעם ייד און באָיקאָטירן אַ פּאָליאַק, ווייל אַנדערש ווי באָיקאָט, קאָן מען די האַנדלונג פון די הערן נישט אָנרופן. נישט אַנדערש, מיר וועלן אין אַ צייט אַרום מוזן ווידמען די דאָזיקע הערן אַ ספּעציעלע רובריק, ווו מיר וועלן פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די פאַריידישטע פּוילישע נשמות.

עס איז זייער טרויעריק, אַז צו די באָיקאָטירנדיקע פּאָליאַקן געהערן אייניקע פּוילישע לערער — איינער פון פּענסיאָן פון דער פרוי יעלסקאַ און דער צווייטער פון דער מענער־גימנאַזיע. זיי קריכן כסדר צום ייד און קויפן צייטונגען.

אַ שיינעם ביישפּיל ווייזן די הערן פּעדאַגאָגן זייערע שילער. ס׳איז באמת שווער צו פאַרלאַנגען פאַרשטענדעניש אַנטקעגן דער יידישער געפאַר פון פּשוטע און אומבאַוווסטזיניקע, בעת אינטעליגענטע מענטשן האַנדלען אויף אַזאַ אופן.

*

מיר וועלן פאַרענדיקן אונדזער אַרבעט מיט גרעסערע אויסצוגן און אויספירלעכע באַריכטן פון עפנטלעכע שטאָטראַט־זיצונגען אין קוטנע, וואָס זענען פאָרגעקומען סוף אָקטאָבער און אָנהייב נאָוועמבער 1925, וועלכע ווערן מיט אַ סך גענויקייט, הגם מיטן געוויינלעכן אַנטיסעמיטישן גיפט, אַרויסגעבראַכט אין די צוויי קוטנער פּוילישע וואָכנשריפטן. ערשט דאָ קומט צום אויסדרוק די ווירדיקע און נאַציאָנאַלע האַלטונג פון אַלע אָן אויסנאַם יידישע ראַטמענער, דער קאַמף, וועלכן זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין מצד די יידנפרעסערישע פאַרשטייער און די זאָרג פאַרן וווּיל פון דער יידישער באַפעלקערונג מצד אונדזערע שליחי־ציבור:

זיצונג פון שטאָטראַט — מאָנטיק, 26.10.25, 8.15 אָוונט

די זיצונג ווערט געעפנט דורכן פאָרזיצער, בירגערמייסטער קלעפּאַ.

טאָג־אָרדענונג:

1) איבערלייענען די פּראָטאָקאָלן פון די פריערדיקע זיצונגען. 2) מעלדונג צום ראַט. 3) באַריכט פון רעאַליזירן דעם בודזשעט פאַרן יאָר 1924. 4) באַשטימען די עטאַטן פון די שטאָטישע אַרבעטער, לויט דער פאַראָרדענונג פון מלוכה־פּרעזידענט. 5) מיינונג וועגן צוטיילן פּוילישע בירגערשאַפט חנה־רבקה בענענסאָן, וועלכע וווינט אין קוטנע, אויף דער קרושניעווייעצקע גאַס נומ׳ 115, ביים ה׳ טורבאָוויטש. 6) פאָרשלאַג פון דער בודזשעט־קאָמיסיע איבערצופירן קוטנע צו אַ העכערער קאַטעגאָריע, אויפן געביט פון לוינען פאַר די שטאָטישע אַרבעטער.

נאָכן איבערלייענען די פּראָטאָקאָלן פון די פריערדיקע זיצונגען, טיילט מיט דער פאָרזיצער דעם שטאָטראַט, אַז דער 2טער נאָוועמבער וועט אין גאַנץ פּוילן געפייערט ווערן אַלס יום־טוב פון אומבאַקאַנטן זעלנער, וועמענס געביין וועט יענעם טאָג אַריינגעלייגט ווערן אין אַ קבר אין וואַרשע. די שטאָט קוטנע וועט, אויף דער איניציאַטיוו פון דער מיליטערישער מאַכט, אויך פייערלעך באַערן דעם דאָזיקן טאָג, און דער שטאָטראַט ווערט געבעטן צו באַטייליקן זיך אין דער מאַניפעסטאַציע.

דערנאָך האָט דער פאָרזיצער געעפנט די דיסקוסיע וועגן די אַדורכגעלייענטע פּראָטאָקאָלן.

דער ראַטמאַן צאָמבער מאַכט אויפמערקזאַם, אַז ס׳איז אַריינגעפלאָסן אַ דרינגענדיקער פאָרשלאַג וועגן דענטיסט מאַסלאָווסקי, אַנגאַזשירט פאַר די פאָווּשעכנע שולן דורכן בירגערמייסטער. דער פאָרשלאַג־געבער, ה׳ צאָמבער, האָט אין אַ שרעקלעכן פּויליש ברייט באַגרינדעט זיין פאָרשלאַג, באַנוצנדיק זיך בעת זיין רעדע מיט זיין איינגעבוירענער חוצפּה, כאָרכלענדיקער טומלדיקייט און מיטן קלאַפּן פון צייט צו צייט מיט דער פויסט אין טיש, טעראָריזירנדיק ממש דעם גאַנצן ראַט.

ה׳ צאָמבער וואַרפט קודם כל פאַר דעם בירגערמייסטער, אַז אָן אַ פאַרשטענדיקונג און באַראַטונג מיט די אַנדערע מאַגיסטראַט־מיטגלידער, האָט ער פאַר די אַלגעמיינע שולן אַנגאַזשירט דעם גימנאַזיע־דענטיסט ה׳ מאַסלאָווסקי, גיבנדיק אים אַ גרעסערע פּענסיע פון די, וועלכע ס׳האָבן געפאָדערט אַנדערע דענטיסטן אין זייערע אָפּערטעס.

דערנאָך האָט ה׳ צאָמבער ווידער אַטאַקירט מאַסלאָווסקין, אָפּזאָגנדיק אים אַלע קוואַליפיקאַציעס אַלס שול־דענטיסט, ווייל לויט אים, איז מאַסלאָווסקי אַ גרויזאַמער — שלאָגט די קינדער מיט אַ שפּיצרוט, וואָס ער טראָגט מיט זיך כסדר, איז אומיושרדיק, באַהאַנדלט אַנדערש קינדער פון פאַרמעגלעכע על־

טערן און אַנדערש — אָרעמע קינדער. מאַסלאָווסקי האָט נישט קיין דענטיסטישן קאַבינעט און די קינדער נעמט ער אָן אויפן בידעמל פון דער שטאָטישער באָד, ווו ער וווינט. צוליב די דאָזיקע סיבות איז קיינער נישט צופרידן פון ה׳ מאַסלאָווסקי — נישט די עלטערן, נישט די קינדער, נישט דאָס שול־קוראַטאָריום, אויף וועלכע מאַסלאָווסקי האָט זיך באַקלאָגט פארן שול־ראַט.

„פאַר וואָס צאָלן מיר?“, האָט מיט פּאַטאָס אויסגערופן דער ראַטמאַן צאָמבער, און צום סוף פאָרגעלייגט אויסקלויבן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון דריי ראַטמענער, וואָס זאָל באַטראַכטן דעם גאַנצן ענין.

די ראַטמענערין ר. פּודאַלאָוויטש („בונד“) שטיצט צאָמבערן, האַלטנדיק פאַר נישט פּאַסיק די האַנדלונג פון בירגערמייסטער, צוליבן אַנגאַזשירן אויף אייגענער האַנט דעם דענטיסט.

דער פּאָרזיצער קלערט אויף, אַז אין נאָמען פון מאַגיסטראַט האָט ער געהאַט רעכט צו אַנגאַזשירן מאַסלאָווסקין, וואָס איז אויך אין איינקלאַנג מיטן באַשלוס פון שטאָטראַט. דאָס שטערט אויך נישט דעם שטאָטראַט, אויב ר׳איז פון דענטיסט נישט צופרידן — פאָדערן אים צו באַזייטיקן.

ער וואַרפט אויך אָפּ די טענות, אַז מאַסלאָווסקי באַזיצט נישט די געהעריקע קוואַליפיקאַציעס, ווייל ער האָט אַ לענגערע פּראַקטיק, געווען מיליטערישער דענטיסט, איצט איז ער דענטיסט אין די גימנאַזיעס. אַחוץ דעם איז ער רעקאָמענדירט געוואָרן דורכן קוראַטאָריום, און דאָס אַליין איז דער בעסטער אַטעסטאַט פון זיינע קוואַליפיקאַציעס אַלס שול־דענטיסט.

בנוגע די פאָרוווּרפן פון נישט ריכטיקן דערפילן דורך ה׳ מאַסלאָווסקי זיינע פליכטן, מיינט דער פאָרזיצער, אַז נאָכן באַשטעטיקן דעם געהעריקן אַרבעטס־רעגולאַמין, וועלן די בלויזן זיך לאָזן באַזייטיקן.

צום סוף שטיצט ער צאָמבערס פאָרשלאַג וועגן אויסקלויבן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, מיטן באַדינג, אַז די קאָמיסיע זאָל פירן איר אַרבעט אין פאַרשטענדיקונג מיטן שול־קוראַטאָריום.

ר. צאָמבער איז קעגן אַ פאַרשטענדיקונג מיטן קוראַטאָריום, ווייל דאָס וועט נעגאַטיוו ווירקן אויף דער זעלבשטענדיקייט פון דער קאָמיסיע.

דער פאָרזיצער שטעלט צאָמבערס פאָרשלאַג וועגן דער קאָמיסיע צו אַן אָפּשטימונג. דער פאָרשלאַג ווערט דורכן שטאָטראַט איינשטימיק אָנגענומען. אין דער קאָמיסיע זענען אַריין: קאָסטרא, פּיאַסקאָווסקי און צאָבמער.

אין פּראָטאָקאָל האָט מען פאַרשריבן, מיט דער הסכמה פון שטאָטראַט, אַז די קאָמיסיע זאָל פירן איר טעטיקייט אין פאַרשטענדיקונג מיטן שול־קוראַטאָריום.

דערנאָך איז איבערגעלייענט געוואָרן די אינטערפּעלאַציע פון די יידישע ראַטמענער וועגן סאַניטאַר־זיטלעכן פּונקט צו אונטערזוכן פּראָסטיטוטקעס, וועלכער געפינט זיך אין דער יידישער באָד (מקוה), לעבן בית־הכנסת.*

דער פאָרזיצער קלערט אויף, אַז בשעתו האָט ער אויף דער יידישער אינטערפּעלאַציע אינטערווענירט אין דער פראַגע אין סטאַראָסטווע, צו וועמענס קאָמפּעטענצן דער ענין געהערט, ווייל דער אויבנדערמאָנטער פּונקט ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער פּאָוויאַטאָווער סאַניטאַרער מאַכט. די סטאַראָסטווע האָט דעמאָלט מסכים געווען צו באַפרייען די געביידע, אויב דער מאַגיסטראַט וועט געבן אַן אַנדערן אַנטשפּרעכיקן לאָקאַל.

ר. אייזמאַן (אָרטאָדאָקסן) באַקלאָגט זיך צוליבן אויסהאַלטן דעם סאַניטאַרן פּונקט צו באַהאַנדלען פּראָסטיטוטקעס אין שכנהשאַפט פון דער שול, זעענדיק דערין אַ פּראָפאַנאַציע פון די יידישע רעליגיעזע געפילן. ער לייגט פאָר, אַז דער מאַגיסטראַט זאָל אין דער פראַגע ווידער זיך ווענדן צום סטאַראָסטווע (ר. צאָמבער שאָקלט איראָניש מיטן קאָפּ, ער לאַכט).

ר. צאָמבער לייגט פאָר, אַז די שטאָט זאָל קויפן דעם לאָקאַל און וועגן פאָרשלאַג פון אייזמאַנען צו ווענדן זיך צום סטאַראָסטע, האַלט ער, אַז ס׳איז דאָס אייגענע, ווי מע וואָלט אין דעם ענין זיך געווענדט צ. ב. צום ד״ר טראָטשעווסקי (צאָמבערס אַנאַלאָגיע צווישן דעם סטאַראָסטע און ד״ר טראָטשעווסקי איז ביי אים אַוודאי די גלייכמעסיקייט פון זייערע געפילן כלפּי יידן).

צאָמבערס פאָרשלאַג צו קויפן דורך דער שטאָט אַן אַנטשפּרעכיקן לאָקאַל, האַלט דער פאָרזיצער פאַר אַ צו טייערע זאַך און אפילו פאַר נישט אויספירבאַר, ווייל ס׳איז צו צווייפלען, אַז וועלכער פּריוואַטער בעל־הבית וועט מסכים זיין אין אַ הויז מיט לאָקאַטאָרן איינאָרדענען אַזאַ קאָנטראָל־פּונקט.

צאָמבער רוקט דעריבער אַרויס אַ דעמאָנסטראַטיוון פאָרשלאַג אַריבערצוטראָגן דעם סאַניטאַר־זיטלעכן פּונקט אין דער ניי אויסגעבויטער שטאָטישער באָד, ווו „די פרויען וועלן קומען אויף אונטערזוכונגען“.

דער לאַוניק מענדלעוויטש, נישט וועלנדיק בלייבן הינטערשטעליק פון צאָמבערן, לייגט פאָר אַן אידיאָטיש־נאַרישן און וויציקן פאָרשלאַג איינצואָרדענען דעם פּונקט אויף 10 יאָר אין יידישן באָד און אויף נאָך 10 יאָר — אין שטאָטישן באָד.

אַז די חשובע ראַטמענער האָבן אויף דער טעמע זיך אָנגערעדט צו דער זעט — און די קרעפּטיקע יידעלעך האָבן געשפּיגן מיט דער גאַל — איז נאָך העכער אַ שעה צייט וועלגערן דעם קליינעם ענין, אָנגענומען געוואָרן דער קאַפּיטאַלער באַשלוס, אַז דער מאַגיסטראַט ווערט באַפולמעכטיקט צו פאַרהאַנדלען מיטן סטאַראָסטווע.

אַלזאָ, דאָס זעלבע, וואָס איז געווען מיט חדשים צוריק, צי אַפילו מיט אַ יאָר צוריק.

לויטן צווייטן פּונקט פון טאָג־אָרדענונג, איז מען צוגעטרעטן באַטראַכטן דאָס רעאַליזירן דעם בודזשעט פון יאָר 1924. דער פאָרזיצער לייגט פאָר דעם ראַט צו נעמען צו קענטעניש דעם באַריכט. צאָמבער איז קאַטעגאָריש קעגן דעם פאָרשלאַג. ער זאָגט, אַז דער באַריכט האָט באַדאַרפט דערלאַנגט ווערן נאָך אין חודש מערץ ד. י. און אויב די זאַך האָט זיך פאַרשלעפּט העכער אַ האַלב יאָר, איז דערין שולדיק דער בירגערמייסטער, וועלכער האָט געצוימט די טעטיקייט פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע. אין אַן אומדערהערטער נערוועזיטעט וואַרפט נאָך פאָר דער רעדנער דעם בירגערמייסטער פאַרשידענע זאַכן, אַרויסברענגענדיק פאַר דער עפנטלעכקייט כלערליי ענינים זיינע און אינצידענטן מיטן בירגערמייסטער, און שוין מיט אמתער היסטעריע באַצייכנט ער די האַנדלונג פון בירגערמייסטער כלפּי אים אַלס „עקלדיקע“ און „ווולגאַרע“.

ס׳איז צו שטוינען, אַז אויף דעם אָרט האָט דער פאָרזיצער, פאַר אַזעלכע אויסדריקן, נישט נאָר ניט צוגענומען דאָס וואָרט ביי צאָמבערן, וועלכער האָט שוין איבערגעכאַפּט די מאָס, נאָר אַפילו אים נישט גערופן צו אָרדענונג, און דערוואַרט זיך ביז דער צעיושעטער ראַטמאַן האָט זיך אויסגעשעפּט אין זיין היסטעריע, כדי „זיך פאַרענטפערן“, ווי ר׳האָט זיך אויסגעדריקט, פון די פאָרוווּרפן.

צאָמבער האָט נאָך דערמאָנט וועגן דער וואָיעוואָדישער קאָמיסיע, וועלכע האָט געפאָרשט די קאָמונאַלע ווירטשאַפט און פון דער פאָרשונג איז גאָרנישט באַוווּסט וואָס דאָרט איז געווען גוט און וואָס שלעכט. דער מאַגיסטראַט שרייבט באַריכטן נישט דערפאַר, ווייל דאָס איז נייטיק, נאָר ווייל מען דריקט אויף אים פון אויבן.

אַזוי ווי דעם בודזשעט־באַריכט האָט דער ראַט נישט גע־

---

* דער „פּונקט“ איז אין יאָר 1915 געשאַפן געוואָרן דורך די דייטשן, וועלכע האָבן געהאַט אָקופּירט קוטנע.

גומען צו קענטעניש, ווייל ר'איז נישט צוגויפגעשטעלט געוואָרן אין איינקלאַנג מיט די ביכער, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע „אַד האָק", וואָס האָט באַדאַרפט דעם ענין אַדורכפירן. אַ לאַנגע צייט האָט מען געשטויסן דעם ענין פון אויסקלויבן אַ קאָמיסיע. נאָך לאַנגע און שווערע ליידן, האָט מען איבערצייגט צו באַטייליקן זיך אין דער קאָמיסיע די פאָלגנדיקע ראַטמענער: י. שימאַנסקי,ווישניעווסקי און בראָמבערג.

אַזוי ווי אַלע ראַטמענער באַזיצן נישט אַנטשפּרעכנדיקע בוכהאַלטערישע ידיעות, איז געווען נייטיק צוקאָאָפּטירן בוכהאַלטערן־פאַכלייט.

...מ'איז צוגעטרעטן באַהאַנדלען דעם ווייטערדיקן פּונקט פון סדר־היום: אַרויסברענגען אַ מיינונג וועגן צוטיילן פּוילישע בירגערשאַפט דער יידישקע חיה־רבקה בענענסאָן פון קוטנע.

איר ענין האָבן אונטערגעשטיצט מיט גוטע מיינונגען די ראַטמענער צאָמבער, אייזמאַן, פּיאַסקאָווסקי און דער וויצע־בירגערמייסטער פּאָנגאָווסקי.

*

דער פאַרגרעסערטער נומער 12 פון „גלאָס קוטנאָווסקי" (אַזש אין 6 זייטן!), האָט אַ העלפט פון דער צייטונג געווידמעט דעם ווייטערדיקן באַריכט פון דער שטאָטראַט־זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאָרזעצונגען — דעם 25.10.25 און דעם 3.11.25. מיר נעמען אַרויס פון דאָרט די וויכטיקסטע שטעלן, באַזונדערס די, ווו עס זענען געקומען צום אויסדרוק די יידישע ראַטמענער.

...די פראַגע פון קויפן דורך דער שטאָט דעם פּאַרק פין זאַוואַדזקין, וואָס האָט פיגורירט אויפן סדר־היום פון דער זיצונג. האָט אַרויסגערופן אַ באַדייטנדיקע פאַראינטערעסירונג און צונויפגעבראַכט אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסן פּלענום ראַטמענער, ווי אויך אַ פולע גאַלעריע.

...די זיצונג עפנט דער פאָרזיצער ה' קלעפּאַ און פאַרן צוטרעטן צו דער טאָג־אָרדענונג, טיילט ער מיט דעם שטאָטראַט, אַז לזכר דעם אומבאַקאַנטן זעלנער, איז אויפן קוטנער צמענטאַזש אויפגעבויט געוואָרן אַ דענקמאָל. די שטאָט דאַרף עפעקטיוו באַטייליקן זיך אינעם אויפבוי, דעקנדיק אַ העלפט, אַפילו דרייפערטל פון די אויסגאבן. מ'דאַרף באַשטימען אויף דעם צוועק די אַנטשפּרעכנדיקע סומע. אַזוי ווי ס'האָט קיינער נישט גערעדט פאַר אָדער קעגן — איז דער פאָרשלאַג איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

נאָכן אויסבעסערן אַ וואָרט אינעם פּראָטאָקאָל פון דער פריערדיקער זיצונג, אַריינגעטראָגן דורך דער ראַטמענערין פודאַלאָוויטש („בונד"), און אונטערגעשטיצט דורך צאָמבערן — איז מען צוגעטראָטן צו דער פראַגע פון קויפן זאַוואַדזקיס פּאַרק. דער פאָרזיצער קאָנטראָלירט די צאָל אָנוועזנדיקע, ווייל לויטן רעגולאַמין מוז, ביים אָננעמען אַ באַשלוס וועגן איינקויפן אָדער פאַרקויפן שטאָטיש פאַרמעגן, זיין אָנוועזנדיק אַ קוואַליפיצירטע מערהייט פון צוויי דריטל ראַטמענער. דער פאָרזיצער אינפאָרמירט, אַז דער פּאַרק־אייגנטימער ה' זאַוואַדזקי פאָדערט פאַרן גאַנצן קאָמפּלעט 250.000 זלאָטעס, פון וועלכע 100.000 דאַרף מען באַצאָלן היי־יאָר, און די איבעריקע 150.000 צעלייגן אויף ראַטעס אין משך פון עטלעכע יאָר, ביי אַ געהעריקער פּראָצענטירונג.

דאָס אָפּשאַצן די געבײַדעס אין פּאַרק האָט דורכגעפירט דער אינזש. קלאָנאָווסקי און דעם ביימער־צושטאַנד — דער וואַלד־אויפזעער פון די שטאָטישע וועלדער אין גאָסטינין, וועמען דער בירגערמייסטער האָט אַראָפּגעבראַכט און ר'האָט געזאָגט, אַז דער פּרייז פאַרן פּאַרק איז נישט קיין איבערגעטריבענער. צום סוף האַלט דער פאָרזיצער, אַז דאָס קויפן דעם פּאַרק איז פאַר דער שטאָט אַ גלענצנדיק געשעפט, אַ געלעגנהייט.

ר. פודאַלאָוויטש מאַכט אויפמערקזאַם, אַז דער ענין פון אָפּקויפן זאַוואַדזקיס פּאַרק איז שוין באַהאַנדלט געוואָרן דורך דער בודזשעט־קאָמיסיע, מע ווייסט נאָר נישט איר באַריכט.

ר. צאָמבער שטעלט פעסט, אַז דער ענין האָט זיך שויז געפונען אין דער בודזשעט קאָמיסיע, וועלכע האָט באַשלאָסן: 1) ווענדן זיך צו דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן צי דאָס אָרט, ס'הייסט דער פּאַרק, איז אַנטשפּרעכיק פון געזונטהייטלעכן שטאַנדפּונקט. אויב יאָ — 2) ווענדן זיך צו זאַכקענער אויף אָפּצושאַצן דעם ווערט פונעם אָביעקט. 3) דער מאַגיסטראַט וועט אָנווייזן די מקורות צו דעקן די אויסגאַבע.

דער רעדנער לייגט פאָר איבערצושיקן דעם ענין צוריק אין דער קאָמיסיע, כדי געגנוי אים באַהאַנדלען. דער פאָרזיצער ענטפערט צאָמבערן, אַז דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער פּאַרק איז מאַלאַריש, דאַקעגן האָט דער וואַלד־אינספּעקטאָר פון גאָסטינין, ה' גיזשינסקי, פעסטגעשטעלט, אַז נאָך אַ געהעריקן אויסהאַקן די ביימער און אויסטריקענען דעם באָדן, וועט דאָס פאַרבייטן דעם איצט פייכטן שטח אויף אַ לגמרי געזונטן פּאַרק — נישט פאָרשטעלן קיין שוועריקייטן.

ר. קאָסטראָ איז קעגן איינקויפן דעם פּאַרק, ער האַלט אַז ס'איז וויכטיקער אַדורכצופירן אייניקע אינוועסטיציעס.

ל. נאָוואַקאָווסקי חזרט איבער די רייד, אַז דער פּאַרק איז אַ געלעגנהייט און ממש אַ מציאה פאַר דער שטאָט — און מע דאַרף אים קויפן.

ר. פודאַלאָוויטש איז ביי דער מיינונג, אַז ס'איז בעסער אויפצובויען עטלעכע שולן (נאַטירלעך — יידישע, באַמערקונג פון הבחור הזעצער) און לייגט פאָר אַריבערגיין איבער דעם ענין צום טאָג־אָרדענונג.

דער ראַטמאַן יוזעף שימאַנסקי טרעט אַרויס פאַר איינקויפן דעם פּאַרק.

דער לאַווניק מענדלעוויטש האַלט, אַז אַן אויסגאַבע פאַר דער שטאָט פון 30.000 זלאָטעס, ביי אַ בודזשעט, וואָס באַטרעפט 400 טויזנט זלאָטעס, איז גאָרנישט קיין גרויסע. דאָס איבעריקע וועט מען קאָנען אויסצאָלן דעם ה' זאַוואַדזקי, אויב ר'וועט מסכים זיין צו צעלייגן דעם חוב אויף 6 יאָר.

ר. אייזמאַן פאַרבעסערט מענדלעוויטשן, וועלכער רעדט וועגן 30.000 זלאָטעס און זעט נישט די פאַרפליכטיקונג כלפּי זאַוואַדזקין אויף אַ סומע פון 70.000 זלאָטעס, וואָס די שטאָט נעמט אויף זיך און מוז עס שוין באַצאָלן. די שטאָט קען נישט נעמען אויף זיך אַזאַ לאַסט, בפרט, אַז זי איז נישט אימשטאַנד צו קויפן צ. ב. אַזאַ עלעקטראָווניע, וואָס איז מער נוצלעך פאַר דער שטאָט.

לאַווניק נאָוואַקאָווסקי איז קעגן באַהאַנדלען עפנטלעך דעם גאַנצן ענין, נאָר אויף אַ געשלאָסענער זיצונג.

ר. שימאַנסקי (פון די לינקע) שטימט פאַרן קויפן דעם פּאַרק.

די דיסקוסיע ווערט איבערגעריסן אויפן פאָרשלאַג פון פאָרזיצער, וועלכער פאַראָרדנט אַ זיצונג ביי פאַרמאַכטע טירן.

דערנאָך לייגט פאָר דער פאָרזיצער, אַז אויסערן טאָג־אָרדענונג, גיט ער אַ וואָרט דעם באַאַמטן גראַדאָווסקי, וועלכער וועט עפנטלעך ענטפערן דעם ה' צאָמבער אויף זיינע פאָרווורפן קעגן אים אויף דער לעצטער שטאָטראַט־זיצונג.

ר. פודאַלאָוויטש לייגט פאָר אַן איבעררייס, ווייל דער אינצידענט צאָמבער־גראַדאָווסקי איז פאָרגעקומען אויף דער זיצונג און איז נישט פּראָטאָקאָלירט געוואָרן.

צאָמבערס קאָנצערט

נאָכן פאַראָרדענען אַן איבעררייס, האָט ה' גראַדאָווסקי ענטפערנדיק אויף דער עפנטלעכער באַשולדיקונג (דענונציאַציע) פון צאָמבערן, אַז פון זיין גאַנצער אַרבעט דערליידיקט ער

העכסטנס דריי צעטלען אַ טאָג — געגעבן אַ ברייטן איבערבליק פון זיין טעטיקייט אין מאַגיסטראַט.

ר. צאַמבער איז, נאַטירלעך, נישט געבליבן שולדיק. ער נעמט אַ וואָרט. אין אָנהייב אַ פאַרלאָרענער, זעט מען, אַז טראָץ זיין איינגעבוירענער חוצפה און עכט־יידישער אַראַגאַנץ — איז ער צוגענאַגלט געוואָרן פון גראַדאָווסקיס דערקלערונג. ר'האָט זיך געדרייט ווי אַ פיש און געפּלאָנטערט מיטן ענטפער, נישט אַהין, נישט אַהער. ר'איז אָבער שנעל געקומען צו זיך. און ערשט דאָ האָט מען געקאָנט זען דעם סטיל־קאָנצערט פון דער פּערפידער, אַרויסדרייערישער און סאָפּיסטישער עלוי־קובראַציע פון דעם דאָזיקן ייד, וועלכער סוגערירט און מאַיאָ־ריזירט גאַנץ פוילן מיט זיין כאַראַקטעריסטישער פּאַרריסנקייט. דער באַשולדיקטער איז איבערגעגאַנגען צו דער ראָל פון אַ באַ־שולדיקער און ביסלעכוויז אויפגעהויבן דאָס קול, זעצנדיק מיט דער פויסט אין טיש, געליאַרעמט און מיטן כאַרכלענדיקן פּוי־ליש־יידישן זשאַרגאָן, מיט כעס באַצייכנט גראַדאָווסקיס אַרויס־טריט אַלס „אָנפאַל" אויף אים, אַלס ראַטמאַן — אַן אָנפאַל אויפן פּערזענלעכן באַדן, ווייל גראַדאָווסקי פּילט זיך פון אים גע־טראָפן אַאַז"וו אַאַז"וו. צום סוף האָט דער פּאַרריסענער יידי־שער סוואָרען דערקלערט, אַז גראַדאָווסקיס פּאַרענטפערן זיך האָלט ער פאַר... נישט גענוג.

*

נאָכן איבעררייס, איז מען צוגעטראָטן באַטראַכטן דעם לעצטן פּונקט פון טאָג־אָרדענונג — דעם ענין פון פאַר־קויפן די א. ג. ראַגאָטקע־בודקע.

דער פאָרזיצער קלערט אויף, אַז די ראַגאָטקע־בודקע (אויף פּויליש — „צעלבודאַ"), איז אַ הייזל אויף דער קורניוויעצקע גאַס, וואָס האָט געדינט אויף איינצוקאַסירן דעם שלאַבאַן־אָפּ־צאָל. אַזוי ווי די בודקע געפינט זיך נישט אויפן שטאָטישן שטח, נאָר ליגט נאָענט צום באָדן פון ה' האַלצמאַן, האָלט דער מאַגיס־טראַט די געביידע פאַר אַן איבעריקע און לייגט פאָר צו פאַר־קויפן זי האַלצמאַנען, וועלכער וועט זי צענעמען. אַזוי ווי אין דעם הייזל וווינט אַן אַרבעטער, האָט דער קויפער זיך פאַרפּליכ־טעט אים צו געבן אַן אַנטשפּרעכנדיקע וווינונג.

צוליב דעם, וואָס ס'איז נישט געווען קיין קעגנערשאַפט, האָט דער שטאָטראַט באַפולמעכטיקט דעם מאַגיסטראַט צו פאַר־קויפן די בודקע, נאָר מיט דער באַוואָרעניש, אַז אין באַשטימטן טערמין וועט האַלצמאַן צענעמען דעם בנין.

*

מ'איז צוגעטראָטן צו דער דעבאַטע איבערן דרינגענדיקן פאַרשלאָג פון ה"ה קירשבוים, פּודלאַוויטש, פּיאַסקאָווסקי און חברים, אָפּצושטעלן דאָס העכערן דירה־געלט און דערקלערן אַ מאָראַטאָריום פאַר די אַרבעטלאָזע.

דער לאַוויניק נאָוואַקאָווסקי האַלט דעם פאַרשלאָג פאַר אומלאָגיש, ווייל אין פאַל פון אָננעמען אים, וועט דאָס ווירקן צו צוימען דעם הייזער־בוי. ער לייגט פאָר איבערצוגיין צום טאָג־אָרדענונג און איבערשיקן דעם פּונקט אין סיים (געלעכטער אויף די יידישע בענק).

ר. פּודלאַוויטש: „טאָקע דאָס וויל איך..." זי וווּנדערט זיך נישט אויפן לאַוויניק נאָוואַקאָווסקי, אַז ער פאַרטיידיקט דעם קלאַס, צו וועלכן ער באַלאַנגט, ד.ה. דעם באַזיצנדיקן קלאַס, און דע־ר־בער קען ער מיט אַזאַ לייכטקייט פאָרלייגן אַריבערגיין צום טאָג־אָרדענונג. היינט באַטרעפט דאָס דירה־געלט 44% פון פאַר דער מלחמה און פון יאַנואַר 1926 וועט עס דערגרייכן ביז 50%, וואָס מיינט אַ פּערטל פונעם בודזשעט פון אַ דורכשניטלעכן אַרבעטער. זי האַלט, אַז מיט אַזאַ רעזאָלוציע דאַרף מען זיך ווענדן צום סיים.

ר. שימאַנסקי האַלט די רעזאָלוציע פאַר אַ קורצזיכטיקע, ווייל זי וועט אוממעגלעך מאַכן צו בויען הייזער. נאָר אַן איבער־פלוס פון דירות און קאָנקורענץ — וועט ביליקער מאַכן דעם פּרייז פון וווינונגען. אַזאַ באַשלוס איז פּראָבלעמאַטיש, דעם אַרבעטער וועט עס גאָרנישט העלפן, ווייל די הייזער־אייגנטי־מער וועלן במילא ציען אַ פּאַסיק.

ר. צאַמבער וואַרפט פאָר אין אַ שאַרפער פאָרם דעם לאַווי־ניק נאָוואַקאָווסקי און שימאַנסקין זייער שטאַנדפּונקט, אָנרופנ־דיק זיי ביי די נעמען, צוליב וועלכן דער פאָרזיצער רופט אים צו אָרדענונג. ער פרעגט, וויפל הייזער זענען צוגעקומען, זינט מ'האָט איינגעפירט דאָס געזעץ וועגן פּונאַנדערבוי (דער פאָר־זיצער: 2 הייזער היי־יאָר!). דער רעדנער ווייזט ווייטער אויף, אַז די רעזאָלוציע איז אַן השפּעה אויף דער ענערגיע, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין בויען נייע הייזער, באַפרייטע פון לאָקאַטאָרן־שוץ, נאָר די רעזאָלוציע איז נוגע בלויז אַלטע הייזער.

ר. שימאַנסקי איז דערפאַר, אַז פּריווילעגיעס זאָלן געגעבן ווערן נאָר פאַר איין־צימערדיקע וווינונגען.

דער פאָרזיצער ווייזט אויף, אַז אין פוילן קומען פאָר ווײ־ניקער עקסמיסיעס ווי אין אַנדערע לענדער. דאָס באַגרענעצן דירה־געלט און עטלעכע יאָר לאָקאַטאָרן־שוץ, וואָלטן געשטערט דער בויאונג, וועלכע האָט זיך אַ ריר געטאָן ערשט מיטן ער־טיילן הלוואות אויף בוי־צוועקן. אין קוטנע האָט מען אַרויסגע־געבן 15 אַזעלכע הלוואות.

נאָכן אַריינטראָגן עטלעכע אויסבעסערונגען מצד פאַרשי־דענע ראַטמענער, איז מיט אַ מערהייט שטימען אָנגענומען גע־וואָרן פאָלגנדיקער באַשלוס:

דער שטאָטראַט באַפולמעכטיקט דעם מאַגיסטראַט, אַז ר'זאָל אין נאָמען פון ראַט זיך ווענדן צו די אַנטשפּרעכנדיקע מאַכט־אָרגאַנען, אַז צוליב דער אַלגעמיינער קריטישער פינאַנסיעלער לאַגע, אָפּהאַלטן זיך מיט העכערן דאָס דירה־געלט פאַר אַר־בעטלאָזע.

דערמיט איז די זיצונג געשלאָסן געוואָרן.

*

זיצונג פון שטאָטראַט — 3.11.25

אויפן טאָג־אָרדענונג — דער ענין פון קויפן זאַוואַדסקיס פּאַרק.

דער פאָרזיצער דערקלערט אין אָנהייב, אַז די היינטיקע זיצונג איז געווידמעט אויסשליסלעך דער פראַגע פון קויפן דעם פּאַרק — און דאַרף איצט ענדגילטיק דערליידיקט ווערן. דערנאָך טיילט ער מיט, אַז פרייטיק דעם 30סטן אָקטאָבער ד.י. האָבן ראַטמענער און מיטגלידער פון דער בודזשעט־קאָמיסיע, די ה"ה: י. שימאַנסקי, כלעבאָס, פּר. שימאַנסקי און אייזמאַן, ווי אויך די מאַגיסטראַט־מיטגלידער: קלעפּאַ, נאָוואַקאָווסקי און מענדלעוויטש, געווען אין פּאַרק, קאָנטראָלירט די ביימער און בנינים. נאָכן באַזוך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ פּראָ־טאָקאָל.

פונעם פּראָטאָקאָל דרינגט אַרויס, אַז דאָס קויפן דעם פּאַרק איז פאַר דער שטאָט אַ גלענצנדיק געשעפט און אין דעם גייסט דאַרף דער שטאָטראַט באַשליסן. דער ערשטער רעדנער, ראַטמאַן קאַסטראָ, איז ווי אויף דער פריערדיקער זיצונג — קעגן דער טראַנזאַקציע. לאַוויניק נאָוואַקאָווסקי — איז פאַר. דאָס זעלבע — ר. לאַזשינסקי. ר. פּודלאַוויטש איז קעגן און לייגט פאָר בעסער אויפבויען שולן. ר. שימאַנסקי האַלט די טראַנזאַק־ציע פאַר אַ גוטע געלעגנהייט, אויף וועלכער מען וועט דאַרפן וואַרטן אַ סך יאָרן.

די יידישע שול־באַמבע

לאַוויניק מענדלעוויטש שטעלט זיך אויף פייערלעך און נעמט אַ וואָרט. מען זעט, אַז ער האַלט אין בוזעם עפּעס אַ „באַמבע", וועלכע רייצט אים און פירט אַריין אין אַ „פייערלעכער אויפרעגונג", וואָס

קומט צום אויסדרוק אינעם נערוועישן איבערקלויבן מיט די פינגער די פּאַפּירן וואָס ליגן פאַר אים.

ביי אַן אַלגעמיינער שטילקייט, זאָגט ער:

— נעכטן אין אָוונט איז אַ גרופּע ראַטמענער זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג וועגן דער ניי־אויפגעבויטער שול־געביידע. אַזוי ווי פון שטאָטישן בודזשעט האָט מען אויף דעם שול־בנין אויסגעגעבן 125.000 זלאָטעס און דאָס געלט איז הויפּטזעכלעך איינגעפלאָסן פון יידישע שטייער־צאָלערס, וואָס מיינט אַז די שול איז אין רוב אויפגעבויט געוואָרן פאַר יידיש געלט — דאַרף דעריבער די שול, אויב נישט אין דער העלפט, כאָטש אין גרעסערן טייל, איבערגעגעבן ווערן צום נוצן פאַר יידישע קינדער. דערווייל וועלן יידישע קינדער נישט געניסן פון דער דאָזיקער שול.

אַזוי ווי ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַן ענלעכע געשיכטע קאָן אין דער צוקונפט פאָרקומען מיטן פּאַרק — האָט דעריבער די יידישע גרופּע באַשלאָסן נישט דערלאָזן קויפן דעם פּאַרק.

דער פאָרזיצער: דעם איצטיקן ענין פּאַרק דאַרף מען אַוועקשטעלן קלאָר און אָפן און דעפיניטיוו דערלעדיקן. זאָל די שטאָט וויסן ווער ס'איז פאַרן איינקויפן דעם אַזוי נייטיקן פּאַרק און ווער קעגן און זאָל זי גלייכצייטיק וויסן צי מען קאָן זיך נוקם זיין אין דער שטאָט פאַר אַן ענין, וועלכער האָט נישט קיין שום שיכות מיטן פּאַרק. דער שול־ענין איז נאָך אַן אָפענער און נישט פאַרענדיקטער. כל־זמן ס'וועלן אין קוטנע נישט זיין געגנוג שולן — וועלן אויף דעם באָדן שטענדיק זיין רייבונגען.

דערנאָך ווענדעט זיך דער פאָרזיצער צום לאַווניק מענדלעוויטש און בעט אים נישט אָפּערירן אין זיינע אַרויסטרעטונגען מיט פאַראַלגעמיינערונגען, דערצו נאָך אומבאַגרינדעטע, ווי צ. ב. ווער עס צאָלט מערער שטייערן — פּאָליאַקן, צי יידן, ווייל אַזעלכע פאַראַלגעמיינערונגען שטיצן זיך בלויז אויף השערות, פּשוט דערפאַר ווייל דער מאַגיסטראַט פירט נישט קיין שטייערן־סטאַטיסטיק.

וועגן קויפן דעם פּאַרק, דערקלערט דער פאָרזיצער, אַז פאַר דעם איז ביז דער לעצטער מינוט געווען דער לאַווניק מענדלעוויטש גופא, וועלכער טרעט איצט אַרויס אַזוי שאַרף קעגן דעם. דערביי פאַרופט ער זיך אויפן ראַטמאַן אייזמאַן, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געווען אַ קעגנער איינצוקויפן דעם פּאַרק, נאָר פון פרייטיק אָן, ווען ער האָט אַלס קאָמיסיע־מיטגליד באַטראַכט דעם פּאַרק, האָט ער שנעל געענדערט זיין מיינונג און סיי אַלס מבין, סיי אַלס סוחר, האָט ער געפּסקנט, אַז דער פּאַרק וועט זיין אַ גוטער איינקויף פאַר דער שטאָט. ער שטעלט זיך ברייטער אָפּ אויף דער פינאַנסיעלער זייט פון דער טראַנזאַקציע און פאָדערט פון שטאָטראַט צו באַשטעטיקן דעם קויף.

ר. צאַמבער דערקלערט, אַז צו דער קאַלקולאַציע וועלכע איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דורכן פאָרזיצער, האָט ער נישט אינגאַנצן קיין צוטרוי, דערפאַר, ווייל וויפל מאָל די פינאַנס־בודזשעטאַרע קאָמיסיע האָט באַהאַנדלט פאַרשידענע אינוועסטיציעס, ווי צ. ב. לייגן טראָטואַרן פונעם וואָקזאַל ביזן גימנאַזיום, דורך דער גאַנצער שטאָט, אָדער די פראַגע פון קאַנאַליזאַציע — האָט דער מאַגיסטראַט כסדר דערקלערט, אַז ר'האָט נישט קיין געלט.

איצט, ווען ס'האַנדלט זיך אין קויפן דעם פּאַרק, דערקלערט דער פאָרשטייער פון מאַגיסטראַט, אַז אויף דעם צוועק איז דאָ אין קאַסע 30.000 זלאָטעס. פון וואַנען האָבן זיך פּלוצים גענומען די געלטער? און אויב דער מאַגיסטראַט דערקלערט איצט, אַז אויסער דעם וועט ער אויסקאַלקולירן נאָך 70.000 זלאָטעס, האָט ער נישט דערפאַר קיין שום גרונט — און דאָס זענען אַלץ השערות.

בנוגע אונדזער נקמה, וועגן וועלכער ס'האָט גערעדט דער בירגערמייסטער, איז דאָס אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. דאָ גייט נישט וועגן נקמה. מיר דאַרפן קודם כל זאָרגן דערפאַר, אַז אַלע איינוווינער פון אונדזער שטאָט, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע, זאָל זיין גוט — און נישט אַז אַ טייל זאָל ווערן באַעוולהט. אַלע זענען גלייך לויטן געזעץ, בפרט נאָך — כלפּי דעם שטאָטראַט. דאָ גייט דער רעדנער איבער צו דער פראַגע פון דער ניי־אויפגעבויטער שול־געביידע, אַרויסשטעלנדיק צו איר זיינע פּרעטענסיעס אין נאָמען פון די יידן. ער רעדט אויף דער טעמע אַ לענגערע צייט, הגם זי האָט נישט קיין שיכות צום טאָג־אָרדענונג, אָן דער מינדעסטער באַמערקונג מצד דעם פאָרזיצער.

דערנאָך גייט דער רעדנער איבער צום ענין פּאַרק און דער צעפלאַמטער פּאָלעסטינטשיק דונערט מיט זיין קול:

— מיר צווייפלען, צי מיטן מאָמענט פון קויפן דעם פּאַרק, וועט אונדז יידן נישט געשען אַ נייע עוולה. ווייל צווישן די איינוווינער — יידן פון אונדזער שטאָט, הערשט אַן אַלגעמיינע מיינונג, אַז ווי נאָר דער פּאַרק ווערט דאָס אייגנטום פון שטאָט, וועט נישט איינער פון אונדז, געפונענדיק זיך אין פּאַרק, נישט אָנשטויסן זיך מיט אַזאַ פאַקט, אַז מען וועט אים זאָגן: „טראָג זיך אָפּ פון דאַנען וואָס שנעלער, זשידזשע...”

מיר שיינט, אַז כ'האָב נישט קיין טעות. אָט האָב איך נעכטן געכאַפּט אַ שמועס אויף דער טעמע מיט אַן ערנסטן פּערזאָן — פון דער ענדעקישער פּאַרטיי — וועלכער האָט אויך דאָס זעלבע געזאָגט.

נישט האָבנדיק קיין צוטרוי צו דעם גאַנצן ענין — וועלן מיר שטימען קעגן אים.

ר. אייזמאַן דערקלערט, צו דער נישט קליינער שטוינונג פון די מאַגיסטראַט־מיטגלידער, אַז לויט זיין מיינונג, איז די שאַצונג פון פּאַרק אַ צו הויכע. „די שאַצונג איז אַ פּאַפּירענע — וויצלט זיך דער רעדנער — און פּאַפּיר איז געדולדיק, אַ סך געדולדיק. מען דאַרף גענוי באַטראַכטן וועלכע ביימער מ'קאָן אויסהאַקן, ווייל אויב מען וועט דאָס טאָן מיט אַלע — וועט נישט זיין קיין פּאַרק. קיין ליג־קאַפּיטאַל איז אין קאַסע זיכער נישטאָ, און אַרויפוואַרפן אַ לאַסט אויף דער שטאָט — טאָר מען נישט“.

לאַווניק מענדלעוויטש: דער פאָרזיצער האָט מיר געמאַכט אַ פאָרוואָרף, אַז איך באַנוץ זיך מיט פאַראַלגעמיינערונגען, זאָגנדיק, אַז יידן צאָלן מערער שטייערן ווי די פּאָליאַקן. איך קען דאָס באַווייזן. אָבער אַפילו יידן זאָלן נישט צאָלן קיין איין גראָשן שטייערן, קומט זיי דאָך גלייכע רעכט!

י. שימאַנסקי: אָבער נישט קיין פּריווילעגיעס! אין שול־קוראַטאָריום איז דער מאַגיסטראַט רעפּרעזענטירט דורך פּאָנגאָווסקין, אומערסקין און מיר. אויף איינער פון די זיצונגען, ווען מ'האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון איבערגעבן די נייע שול פאַר יידן, האָט אומערסקי געוואָגט צו זאָגן: „גיכער וועט מען מיך דאָ פאַרשטיינערן, איידער די יידן וועלן האָבן אַן אַריינטריט אין דער שול“. אויך ה' פּאָנגאָווסקי האָט אין דער פראַגע געשטימט קעגן מיר. דער איין און איינציקער בירגערמייסטער, הגם ר'איז נישט קיין מיטגליד אין דער קאָמיסיע, האָט זיך באַמיט אין דער פראַגע מיר זאָלן אַדורכקומען. אָבער דער שול־אינספּעקטאָר, ווען כ'האָב אים געזאָגט, אַז יידישע קינדער וועלן פון דער שול נישט געניסן, האָט מיר דערקלערט: „גלייך ווי איר האָט געטראָפן. אָבער נישט אין גאַנצן, ווייל לויטן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, וועלן אין דער נייער שול לערנען די קינדער פון שטשעכאָוו, קאָשטשושקאָ און אַרומיקע דערפער. אויף דעם האָב איך געענטפערט, אַז די שול וועט זיין פאַר קינדער פון ווייטערדיקע געגנטן, און די קינדער פון די גאַסן פּאָדזשעטשנע, קאָלעיאָווע און קרולעווסקע — וועלן דאָרט נישט האָבן קיין צוטריט“.

דער פאָרזיצער רייסט איבער דעם רעדנער, אַז ער באַנעמט נישט ריכטיק דעם ענין. דאָס זענען אַלץ מעשיות — און נישט קיין פאַקטן. קינדער אויסער דער שטאָט וועלן לערנען אין שול, אָבער קודם כל מוז זיין אָרט פאַר די קינדער פון שטאָט. די שול־פראַגע דאַרף מען באַהאַנדלען רואיק, מעסיק און נישט צולייגן צו איר קיין אייגענע ביטוויליקייט און בייסיקייט. ער מאַכט

אויפמערקזאַם נישט אָפּצוהייבן פון דער טעמע און האַלטן זיך ביי פאַקטן.

ר. צאַמבער: איינער פון די ראַטמענער האָט פריער געזאָגט, אַז מיר יידן פאַרלאַנגען פריווילעגיעס.

ל. נאָוואַקאָווסקי: פריווילעגיעס זענען פאַר די היגע...

ר. צאַמבער: אויב פאַר די היגע, ווי איר זאָגט, קאָן נישט דער בירגערמייסטער, נישט דער ה׳ דירעקטאָר, דאָ זיך געפינען.

דער פאָרזיצער רופט דעם רעדנער צו אָרדענונג.

ר. צאַמבער: די פאָרשטייער פון מאַגיסטראַט אין קוראַטאָריום דאַרפן זיך רעכענען מיטן באַשלוס פון שטאָטראַט. די הערן אומערסקי און פאָנגאָווסקי דאַרפן דאָס אַדורכפירן, און אויב זיי ווילן נישט — זאָלן זיי אָפּטרעטן.

ל. אומערסקי: איך האָב פאַר אַ יידישער שול נישט געשטימט.

ר. לאָזשינסקי: דעם פאַרק האָבן אָפּגעשאַצט פאַכלייט, צווישן זיי אויך דער ראַטמאַן אייזמאַן, וועלכער איז פונעם ביימער־צושטאַנד געווען פשוט אַנטציקט, דערקלערנדיק, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר זייער ערנסטע געלט־סומען. איצט האָט ה׳ אייזמאַן געביטן די מיינונג. איך האַלט, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אונטערן איינפלוס פון דער אומגליקלעכער שול, וועגן וועלכער די יידישע ראַטמענער האָבן מאָנטיק באַשלאָסן אויף זייער באַראַטונג.

ראַטמאַן פ. שימאַנסקי (פון די לינקע) איז פאַרן קויפן דעם פאַרק, אים שרעקט בלויז אָפּ דער פרייז — 250.000 זלאָטעס. אפשר וועט דער ה׳ זאַוואַדזקי עפּעס אַראָפּלאָזן. דער רעדנער וווּנדערט זיך, אַז אַנשטאָט וועגן פאַרק, ריידן די יידישע ראַטמענער נאָר וועגן דער שול. אים וווּנדערן די יידישע פּרעטענסיעס, אַז אין דער שול זאָל אויך יידיש זיין די אונטעררייכט־שפּראַך, וואָס איז נישט פאַראַן אין קיין שום לאַנד אין אייראָפּע, צי אין אַמעריקע (ר. צאַמבער: „זענט איר אַ ווייסער...״). איר ווילט זיך לערנען יידיש און רעכט פּויליש ריידן — קאָנט איר נישט. אַזעלכע רעכט האָט איר נישט אין ערגעץ אין דער וועלט, דערפאַר קאָנט איר זיי אויך ביי אונדז נישט האָבן.

ר. קאָסטראָ מאַכט אויפמערקזאַם, אַז מע דאַרף זיך האַלטן ביים טאָג־אָרדענונג, אַ נישט וועט מען ריידן ביז אין דער פרי.

דער פאָרזיצער דערקלערט אין אָנהייב, אַז אויף צאַמבערס פאָרוואורפן וועט ער ענטפערן נאָר בנוגע דעם פאַרק, אויסמיידנדיק דעם שול־ענין, ווייל ר׳האָט נישט קיין שום שייכות צום טאָג־אָרדענונג. פאַר דער אָפּשטימונג פאַראָרדנט ער אַ פינף־מינוטיקן איבעררייס.

די ראַטמענער הייבן זיך לאַנגזאַם אויף פון די ערטער. אַ קענטיקע הייטערקייט מערקט זיך צווישן די יידישע ראַטמענער, וועלכע האָבן אין דעם מאָמענט, אָן אונטערשיד פון זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען, זיך צונויפגעדרענגט אין אַ גרופּע. צווישן די לייבנשאַפטלעכע פּאַלעסטינטשיקעס, יונגע און אַלטע, זענען געווען צום אַקטיווסטן צוויי: צאַמבער און מענדלעוויטש. אַ מאָדנע האַרמאָניע פון די צוויי יידן, וועלכע זיצן ביי קעגנזייטיקע טישן. מענדלעוויטש בייגט זיך אפילו אָן צום אויער פון דער עקסטרעם באָלשעוויזירנדיקער לינקער גרופּע („בונד״) אין דער פּערזאָן פון דער ראַטמענערין פּודאַלאָוויטש און דעם צווייטן ייד, זשעסטיקולירנדיק ליידנשאַפטלעך, קלערט ער עפּעס אויף אין איילעניש. די ערנסטע, אין לאַנגע כאַלאַטן אָרטאָדאָקסן, אייזמאַן און בראַמבערג, שאָקלען מיט די בערד און פינטלען כיטרע מיט די אויגן. זיי זענען שוין „אָפּגעבלאַטעוועט״ פון די פּראָגרעסיווע אָן פּיאות, בערד און כאַלאַטן.

די פינף מינוט גייען פאַרביי און מע זעט שוין די מויער פונעם איינהייטלעכן יידישן סאָלידאַריזם. אין די קולואַרן פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז מע וועט שטעלן צו דער אָפּשטימונג דעם פאָרשלאַג וועגן אָפּלייגן דעם ענין פון קויפן. אַלזאָ, אַ קאַפּיטולאַציע פון מאַגיסטראַט. דאָס קען מען אַרויסלייענען פון פאָרזיצערס מינע, וועלכער קומט אַרויס פון זיין קאַבינעט און זעצט זיך שווער אַוועק ביים פּרעזידיום־טיש.

עס הייבט זיך אָן די מאַגיסטראַטישע קאַלקולאַציע איבערצורעכענען די עווענטועלע מערהייט. קיין רעזולטאַט זעט זיך נישט אַוודאי, ווייל אָט שטעלט זיך אויף ראַטמאַן שימאַנסקי, וועלכער לייגט פאָר **אָפּצולייגן** די פראַגע פון קויפן דעם פאַרק און אויסקלויבן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל בעסער באַטראַכטן די פראַגע.

ר. צאַמבער האַלט דעם פאָרשלאַג פאַר נישט אַקטועל, ווייל דער פאָרזיצער האָט בפירוש דערקלערט, אַז דער קויף מוז **היינט** דערלידיקט ווערן דעפיניטיוו. ער האַלט, אַז אויף דער איצטיקער זיצונג דאַרף מען פּרינציפּיעל דעצידירן: קויפן אָדער נישט קויפן.

פאָרזיצער: מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ה׳ צאַמבער וויל דעם ענין אָפּווישן. מיר אָבער כאַפּן זיך אָן אין לעצטן רעטונגס־ברעטל. מיר שטעלן אַוועק דעם פּרינציפּיעלן פאָרשלאַג פון מאַגיסטראַט ווייטער צו פירן פאַרהאַנדלונגען, האַלטנדיק דעם קויף פאַר געווינטשן, אָדער... (ער ציילט אויפמערקזאַם), דאָס וועט זיך נישט לאָזן מאַכן — דערקלערט ער ענדלעך.

לאַווניק מענדלעוויטש: מע דאַרף דעצידירן וועגן פאָרשלאַג פון מאַגיסטראַט, **צי קויפן**...

פאָרזיצער (צו מענדלעוויטשן): אַלזאָ — אָפּאָזיציע?

נאָכן איבערציילן די שטימען, דערקלערט ער:

— אין פאַל אויב כ׳שטעל אַוועק דעם פאָרשלאַג פון מאַגיסטראַט, וואָלט ער נישט באַקומען די געפאָדערטע צוויי דריטל שטימען, נאָר יעדנפאַלס וואָלט ער געהאַט אַ מערהייט.

לאַווניק מענדלעוויטש: קיין מאָל וועט דער פאָרשלאַג נישט באַקומען קיין קוואַליפיצירטע מערהייט, אָן דער אונטערשטיצונג פון די יידן.

נאָך אַ ווייטערדיקן ווערטער־אויסטויש, איז געשטעלט געוואָרן שימאַנסקיס פאָרשלאַג צו דער אָפּשטימונג. אַלע אָן אויסנאָם יידישע ראַטמענער האָבן געשטימט קעגן, וועלנדיק אַזוי אַרום זיך נוקם זיין, לויט זייער דערגרייכטן הסכם צווישן זיך — פאַרן ענין פון דער שול...

*

וועגן די פריער דערמאָנטע זיצונגען פון שטאָטראַט, שרייבט די אַנדערע קוטנער וואָכנשריפט „גלאָס קוטנאָווסקי״ (נומ׳ 46, 15.11.25):

יידישע אָבסטרוקציע

די יידישע ראַטמענער אין שטאָטראַט, האָבן אָנגעזאָגט אַ שטענדיקע אָבסטרוקציע און געדראָט, אַז קיין שום באַשלוס וועט אָן זייערע שטימען נישט אַדורכגיין. די סיבה דערצו איז די אַנטוישונג, וואָס האָט געטראָפן די יידן אין דער ניי־אויפגעבויטער שול־געביידע. אַנומלט האָט דער שטאָטראַט אָנגענומען אָן אומבאַרעכנטן באַשלוס, אַז אין דער נייער שול דאַרפן לערנען יידישע קינדער. פאַרשטייט זיך, אַז די שול־מאַכט האָט נישט אויסגעפירט דעם באַשלוס. דערפון דער כעס פון די יידן, וועלכע האַלטן, אַז זיי ווערן באַעוולהט, אַז צאָלנדיק די גרעסטע שטייערן, האָבן זיי די גרעסטע רעכט אויף דער שול אאַז״וו. זיי פאָדערן אַפילו באַזונדערע יידישע שולן, מיט יידיש אַלס אונטעררייכטס־שפּראַך.

לאָמיר זיך צוקוקן אַ וואָסער עוולה געשעט די קוטנער יידן. פאַר פּוילישע קינדער זענען נישט פאַראַן קיין באַזונדערע שולן. דאַקעגן די יידן האָבן פאַר זייערע קינדער אַ יידישע שול, אין וועלכער קיין קריסטן ווערן נישט

אָנגענומען. אַחוץ דעם ווערן יידישע קינדער אָנגענומען אין די אַלגעמיינע שולן, ווו עס לערנען פּוילישע קינדער. ס׳איז דעריבער צו זען, אַז די יידן גענימן פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס און אַז זייער עוולה איז אַן אויסגעטראַכטע. די רעגירונג האָט נישט קיין פליכט אויפצושטעלן פאַר זיי באַזונדערע שולן, ווייל קודם כל דאַרף מען איינפירן אַן אַלגעמיין שול־וועזן, ד. ה. — שולן פאַר אַלע. אמת, פאַראַן אַ פאַרשריפט וועגן דעם, אַז יידן קענען באַקומען שולן, אין וועלכע מען לערנט נישט אין שבת, ד. ה. שולן פאַר יידישע קינדער, דאָרט ווו עס וועט זיך פאַרשרייבן אַן אַנטשפּרעכנדיקע צאָל. אָבער דאָס איז זייער רעכט און דער חוב פון דער רעגירונג. דאָס איז אַ רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט און יידן דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען אַ מינדערהייט.

מיר האָבן געהערט, אַז איינער פון די יידישע ראַטמענער האָט זיך דערלויבט פאַרגלייכן די כלומרשטע עוולהס קעגן די יידן אין פּוילן מיט די פון וועלכע עס האָבן געליטן די פּאָליאַקן אונטער דער רוסישער הערשאַפט. דאָס איז אַ פעלער. די פּאָליאַקן, אַפילו אונטער דעם צאַרישן רעזשים, האָבן נישט אויפגעהערט צו זיין אין פּוילן אַ מערהייט, נישט אויפגעהערט זיין די בעלי־בתים אויף זייער פּוילישער ערד און קיין מאָל, אַפילו ביי די מאָסקאַלן, זענען זיי נישט געווען קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייט צי מערהייט. זיי האָבן געקעמפט פאַר אַ פּוילישער שול, צו וועלכער זיי האָבן געהאַט אַ רעכט, און אויסקעמפנדיק זיך געוויסע דערגרייכונגען, האָבן זיי געמוזט די פּוילישע שול אַליין אויסהאַלטן, ווייל די רוסישע רעגירונג האָט אויף דעם נישט געגעבן קיין גראָשן. אין קאַמף פאַר דער פּוילישער שול, האָבן יידן זיך נישט באַטייליקט, פאַרקערט, זיי האָבן פאַרפולט די רוסישע מלוכהשע גימנאַזיעס, באַיקאָטירנדיק דערביי די פּוילישע שולן. אין פּוילן האָבן די יידן, אָן וועלכן ס׳איז קאַמף, יידישע שולן, הגם זיי האַלטן, אַז אין אַ נישט געגנוגנדיקער צאָל. צי זענען דען פאַראַן גענוג פּאָושעכנע (אַלגעמיינע) שולן פאַר קריסטלעכע, ווי פאַר יידישע קינדער?

אין אַזאַ קוטנע דערלויבן זיך איצט די יידן אויף זייער נישט אויסגעהאַלטענע און ממש פּראָוואָצירנדיקע פּרעטענסיעס און פאָדערונגען, ווייל זיי פילן, אַז זיי זענען פאַראַן אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסער צאָל. זיי זענען אָבער אַ מינדערהייט און דאַרפן פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע מינדערהייט קען נאָך פאַרקלענערט ווערן. נישט ווייט איז די צייט, אַז קיין קוטנע וועלן קומען 10 טויזנט באַן־אַרבעטער, קריסטן. דעמאָלט וועט זיך ענדיקן די פּראָפּאָרץ. די דראָונגען פון די אומבאַרעכנטע יידן קאָנען זיין געווענדט קעגן זיי גופא.

*

אַזוי האָבן אויסגעזען די יידיש־פּוילישע באַציונגען אין קוטנע מיט אַ 40 יאָר צוריק. מיט ענדערונגען, ירידות און עליות, האָט זיך געשטאַלטיקט דאָס צוזאַמענלעבן פון ביידע פעלקער. ביז ס׳איז געקומען דער בלוטיקער מבול און אַלץ אָפּגעווישט, — אויך דעם טרוים פון די לאָקאַלע אַנטיסעמיטן צו פאַרוואַנדלען די פּוילישע מינדערהייט אין אַ מערהייט, מיטן אַראָפּברענגען קיין קוטנע 10.000 באַן־אַרבעטער. אין יאָר 1940 איז קוטנע איינגעשלאָסן געוואָרן אין „דריטן רייך״ — און די דייטשן האָבן אָנגעהויבן קאָלאָניזירן און גערמאַניזירן די געגנט, כדי, ווידער, די פּאָליאַקן פאַרוואַנדלען אין אַ מינדערהייט...

די געשיכטע, מיט אירע קאַפּריזן, פּורעניותן און אומוואַנדלונגען — האָט זיך איבערגעחזרט. אָבער קוטנער יידן זענען שוין נישט געווען קיין גורם אין דעם געראַנגל. זיי האָבן געטיילט דעם טראַגישן גורל פון די פאַרשניטענע 3 מיליאָן פּוילישע יידן...

געזעלשאַפטלעך לעבן, קהילה, מאַגיסטראַט

אהרון מענדלעוויטש ז״ל
תל־אביב

קיין קוטנע בין איך געקומען פון בזשעזשין סוף 1916 יאָר. אין יענער צייט איז אין קוטנע געווען טעטיק אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געפונען אין הויז פון וואָלף אַש (שלום אַשס ברודער). צו די אַקטיווע טוער האָבן געהערט: סענדער פאַלץ ז״ל, אברהם ערדבערג ז״ל (העברעיש־לערער), דוד קאַלמאַן ז״ל, טימקאָווסקי ז״ל און יהודה־לייביש גרינבוים. אַזוי ווי איך האָב נאָך אין בזשעזשין געהערט צו דער באַוועגונג, איז געווען נאַטירלעך דאָס אָנשליסן זיך אין דער אָרגאַניזאַציע אין קוטנע.

די שטאָט איז געווען אָקופּירט דורך די דייטשן, וועלכע האָבן בדרך־כלל דערלויבט צו פירן די יידן אַ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אָפן און לעגאַל האָט מען געזאַמלט געלט פאַרן קרן־קיימת, איינגעאָרדנט רעפעראַטן און פאַרשידענע אונטערנעמונגען.

פּאַרטייען און אינסטיטוציעס

אין יאָר 1917, פּסח־צייט, איז אין „פּאָלאָניאַ״ פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די ציוניסטן. אינעם אָפּגעדרוקטן באַריכט צו דער פאַרזאַמלונג, האָבן די פּאָזיציעס פון דער הכנסה און הוצאה — נישט געשטימט... אַלס בוכהאַלטער, איז מיר נישט געפעלן געוואָרן אַזאַ סאָרט באַריכט און באַקומענדיק אַ וואָרט, האָב איך שטאַרק קריטיקירט דעם קאָמיטעט און דערציילט וועגן דער לעגענדע, וואָס איז פאַראַן ביי יידן, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן די קריסטן גיין אויף אַן אייזערנער בריק און... אַריינפאַלן אין וואַסער, בעת יידן וועלן אַדורכגיין אַ פּאַפּירענע בריק און ס׳וועט זיי גאָרנישט געשען. „דער פּאַפּירענער באַריכט וואָס איז היינט דערלאַנגט געוואָרן, איז אַ גרויסער דורכפאַל. ער טראָגט אין זיך אַ סך געפאַרן!״ — האָב איך פאַרענדיקט מיין קריטיק. אין קאָמיטעט האָט מען אויסגעקליבן לגמרי נייע קאַנדידאַטן: דער לערער יונה־ברוך כץ, יהודה ריפּטין, דער שרייבער פון די שורות און אַנדערע.

יהודה ריפּטין איז נפטר געוואָרן אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן אין וואַרשע, אין דער וווינונג פון זיין ברודער. צו זיין לוויה זענען פון קוטנע געפאָרן עטלעכע צענדליק יידן. דער שרייבער פון די שורות האָט אים מספּיד געווען.

אין יאָר 1915 (אָדער 1916) איז דורך דער קהילה געגרינדעט געוואָרן אַ קיך פאַר אָרעמע.

די קיך האָט באַדינט די אָרעמע באַפעלקערונג און איז געפירט געוואָרן דורך דער קהילה. ווי אין יעדער פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע, האָבן אויך דאָ זיך געפאָדערט מסירות־נפשדיקע טוערס. און אַזעלכע זענען געווען: מאַרגוליס, אַ זון פונעם



דין וחשבון הכספים
של האגודה הציונית בקוטנה
מן א׳ תשרי תר״עז
עד א׳ תשרי תר״עח.

הכנסה

הוצאה

פאַבריקאַנט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען אין פלאָצק; טימקאָווסקי, וולאַדיסלאַוו הירשבערג. פון די פרויען: די שוועס־טער ליפאַ און פאָלאַ בראָמבערג, יאַדוויגאַ אָפּאַטאָווסקאַ, רוזשע און מאַניע ראַבינאָוויטש, העלאַ עלבוים, הינדע מייראַנץ, סאַבינע שטראָם־האַלבערשטאַט, סאַלאַ קיבעל (פרוי פון ד״ר גאָלדמאַן), בערטאַ מאָשקאָוויטש און רעבעקאַ בענענסאָן.

פאַר די מיטאָגן האָט מען נישט געצאָלט, דעם לאָקאַל פאַר דער קיך האָט געגעבן אָן אַן אָפּצאָל י. מייראַנץ. בלויז אין קעכין האָט באַקומען געהאַלט. ביי אַ הונדערט מיטאָגן זענען אַרויס־געגעבן געוואָרן טעגלעך. ביזן פאַרלאָזן די שטאָט דורך די דייט־שן, איז דאָס געווען די איינציקע ידישע קיך פאַר אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע. שפּעטער, ביי פוילנס הערשאַפט, האָבן אַ ריי אינסטיטוציעס געשאַפן קיכן, וועלכע האָבן באַדינט ישיבה־בחורים, חדר־ייִנגלעך, שול־קינדער און אָרעמעלייט.

אײדער די דייטשן האָבן פאַרלאָזט קוטנע, דערמאָן איך זיך אַזאַ פאַל: אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז געקומען דער טאַפּעצירער אהרון פוקס מיט אַ פאָרשלאַג, אַז מען קאָן קויפן ביי די דייטשן אַ צאָל ביקסן. ער האָט אַפילו מיטגעברענגט אַ ביקס צום ווייזן. דער קאָמי־טעט האָט באַשלאָסן נישט קויפן קיין געווער. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט די פּאָליאַקן, ווי נאָר זיי האָבן איינגעשטעלט זייער ממשלה אין קוטנע (נאָוועמבער 1918), אַדורכצופירן אַ רעוויזיע אין ציוניסטישן פאַראיין און דאָרט זוכן באַהאַלטן געווער. סענדער פאַלץ האָט דערקלערט דעם עלטסטן פּאָלי־ציאַנט, אַז ער וויל בייזיין די גאַנצע רעוויזיע, וואָס מ׳האָט אויך באַדאַרפט אַדורכפירן אין דער פרעבל־שול, אפשר וועלן זיי עפּעס אונטערוואַרפן... קיין געווער האָבן זיי נישט געפונען.

פון די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס איז נאָך כדאי צו

דערמאָנען די ביקור־־חולים, בראש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען ר' יהונתן מייראַנץ. די געזעלשאַפט האָט ערטיילט אומזיסטיקע מעדיצינישע הילף די אומפאַרמעגלעכע יידן. שפּעטער האָט די פאַרוואַלטונג באַשלאָסן צו נעמען אַן אָפּצאָל: 10 פעניג פאַר אַ קוויטל צום דאָקטאָר און 10 פעניג פאַר יעדער רעצעפּט. דאַקעגן האָט די פאַרוואַלטונג געצאָלט דעם דאָקטאָר 1 מאַרק פאַר אַ וויזיט און דעם פעלדשער — 50 פעניג. נאָכן איינפירן די אָפּצאָלן, איז די צאָל קראַנקע צום דאָקטאָר געפאַלן אויף אַ העלפט...

אויך פאַר די קולטורעלע באַדערפעניש פון דער יידישער קוטנע האָט מען געזאָרגט. אויף קרולעווסקע גאַס, אין מאַשקאָוויטשעס הויז, האָט זיך געפונען אַ ביבליאָטעק, וואָס איז בעצם געגרינדעט געוואָרן דורך די ציוניסטן, אָבער געהערשט האָט איבער איר דער „בונד". אַ סברה, אַז די דערלויבעניש צו עפענען די ביבליאָטעק איז אָנגעקומען אַזש פון פעטערבורג, נאָך פאַר דער מלחמה, אויפן נאָמען פון דוד קאַלמאַן ז"ל. מעגלעך, אַז די פעטערבורגער געזעלשאַפט „חברת מפיצי השכלה" האָט אויסגעאַרבעט די דערלויבעניש.

אין יאָר 1926, ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ ציוניסטישע ביבליאָטעק, האָט מען זיך געווענדעט צום „בונד" אַרויסגעבן כאָטש די העברעיִשע ביכער — נאָר דער ענטפער איז געווען אַ נעגאַטיווער.

בעת דער דייטשער ממשלה אין שטאָט, איז אַנטשטאַנען אַ ייִדיש־פּוילישע פאָלקסשול, וואָס איז אין פּוילנס צייטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער „פאָווסעכנע" שול נומער 3 („שאַבאַסוווקע") פאַר יידישע קינדער. די יידיש־פּוילישע שול איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער קהילה, דער עיקר — דורך ר' אהרון־שלמה עלבערג. די ערשטע לערערס דאָרט זענען געווען: זונדל צאַמבער, אסתר גאָלדמאַן (אַ פליטה פון קאַליש), הינדע מייראַנץ־מענדלעוויטש, וועלכע האָט געלערנט האַנט־אַרבעט, יהודה ריפּטין, לערער פון העברעיִש און דערנאָך פון יידישער רעליגיע. צומערשט האָט די שול זיך געפונען אין דער געביידע פון אַ געוו. רוסישער קאַזאַרמע פונעם 4טן פאָלק, אויפן אַלטן מאַרק.

צום פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל פון דער דייטשער הערשאַפט אין קוטנע ביזן יאָר 1918, וויל איך צוגעבן, אַז אינעם שטאָטישן געריכט איז אַלס בייזיצער געווען דער ייד יהונתן מייראַנץ (מיין שווער). פאָרזיצער איז געווען אַ דייטש, בייזיצערס (לאַווניקעס) — דער פּאָליאַק סטאַרנאַווסקי, אַן אַפּטייקער און מייראַנץ, וועלכער איז אויך ביי די דייטשן געווען לאַווניק אין מאַגיסטראַט.

די יידישע קהילה

אין יאָר 1919 זענען צום ערשטן מאָל פאָרגעקומען וואַלן צו דער יידישער קהילה. עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן 12 דאָזאָרעס אין קהילה־ראַט: 4 ציוניסטן — אהרון מענדעלעוויטש, אהרון־שלמה עלבערג, נפתלי ראַבינאָוויטש און יהושע פאַלץ. 2 פון „בונד" — הערמאַן קירשבוים און אייזמאַן. 2 האַנטווערקער — שפּייער און (?). פאָלקיסטן — זונדל צאַמבער און יעקב מאַמלאָק. פון דער „אגודה" — יואל שטיינפעלד און אברהם־פישל זאַנדבערג.

די פּוילישע אויפזיכט־מאַכט, נישט זייענדיק צופרידן מיטן וואַל־אויסגאַנג און צוזאַמענשטעל פון דעם קהילה־ראַט, האָט ביזן יאָר 1924 נישט צונויפגערופן די געקליבענע אינסטאַנץ. מיט אַלע קהילה־ענינים האָבן ווייטער אָנגעפירט די פיר דאָזאָרעס נאָך פון דייטשס צייטן. נאָך אַ ריי אינטערווענצן פון די ציוניסטישע ראַטמענער צו דער לאָקאַלער און העכערער מאַכט, האָט מען ערשט אין אַ 4—5 יאָר נאָך די וואַלן, צונויפגערופן די קאָנסטיטואירונגס־זיצונג.

כדי צו זיכערן אַ פרוכטבאַרע טעטיקייט פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָאַליציע פון ציוניסטן און אגודה. דער בלאָק איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון רב. מ'האָט אויסגעקליבן אַ פאַרוואַלטונג פון 8 דאָזאָרעס, מיטן רב, וועלכער האָט געזעצלעך געהערט צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג: מענדלעוויטש (ציוניסט) — פּרעזעס, אברהם פישל זאַנדבערג, יאַנקל בראָמבערג ((פון אגודת ישראל), יאַנקל מאַמלאָק פון די פאָלקיסטן, קירשבוים פון „בונד", שיע פאַלץ, נפתלי ראַבינאָוויטש (ציוניסטן).

דער העכסטער עטאַט־אָפּצאָל איז געווען ביז 100 זלאָטעס. די נייע קהילה־פאַרוואַלטונג האָט געהעכערט דעם עטאַט ביז 2 טויזנט זלאָטעס. דעם עטאַט האָט געמוזט צאָלן יעדער יידישער תושב אין קוטנע, ווען די קהילה האָט אָנערקענט, אַז ר'איז צאָלונגס־פעיק. דער באַשלוס איז געווען חל אויך אויף די יידן, וועלכע האָבן געהאַט זייערע געשעפטן אָדער אומבאַוועגלעכע גיטער אין שטאָט און אויסער איר.

די נייע קהילה־פאַרוואַלטונג, איבערנעמענדיק אַ ליידיקע קאַסע, האָט אָנגעהויבן ענערגיש איינמאָנען די פאַרלעגענע עטאַט־חובות. נאָכן צונויפשטעלן דעם נייעם בודזשעט, האָט מען גענומען אין באַטראַכט אויך געוויסע באַדערפענישן פאַר ארץ־ישראל און פאַר די פּאָזיציעס באַשטימט אַ געוויסן פּראָצענט (אַ דריטל פאַרן קרן־היסוד, אַ דריטל פאַרן קרן־קיימת און אַ דריטל פאַרן קרן הישוב פון דער אגודה), אָדער דאָס גאַנצע בלויז פאַרן קרן קיימת. קלאָר, אַז די ארץ־ישראל־פונקטן אין בודזשעט האָבן נישט פיגורירט אונטער זייער אמתדיקן נאָמען, נאָר אונטער אַן אַלגעמיינער באַצייכענונג „שטיצן עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל".

איך דערמאָן זיך אַזאַ פאַל; נישט יעדער ייד אויסער קוטנע, אויף וועלכן די קהילה האָט אַרויפגעלייגט איר עטאַט, ווייל ער האָט געפירט געשעפטן אין שטאָט, איז גרייט געווען צו באַצאָלן דעם שטייער. זיי האָבן אַלץ געטאָן, כדי זיך אַרויסדרייען פונעם קוטנער עטאַט. ביי איינעם אַזאַ ייד, וועלכער האָט געוווינט אין וואַרשע, איז דער סעקוועסטראַטאָר פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט געקומען צו אים אין אויפטראַג פון דער קוטנער יידישער קהילה, איינמאָנען דעם שטייער. האָט ער גאָרנישט געקענט טאָן, ווייל די פרוי האָט אים געוויזן אַ נאָטאַריאַלן אינטערציזיע־אַקט. דאָס האָט מיך באַוויגן שפּעטער, ביים איבערגעבן דעם קוטנער סטאַראָסטע און אין דער וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט צו באַשטעטיקן דעם בודזשעט און עטאַט, אַז צו יעדן סעקוועסטער־באַפעל זאָל צוגעגעבן ווערן די באַמערקונג „איינמאָנען ביים מאַן און פרוי". מיין אַרגומענט איז געווען, אַז אַזוי ווי אויך די פרוי געהערט צו דער יידישער קהילה, זענען אויף איר חל די פליכטן. (דער דערמאָנטער ייד האָט שפּעטער געמוזט באַצאָלן די פּראָצענטער און חובות, נישט קענענדיק זיך מער באַהאַלטן אונטערן שילדל פון דער פרוי... אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז דאָס געווען דער ערשטער פאַל אין פּוילן, אַז מען האָט נישט געלאָזט זיך אַרויסדרייען פון צאָלן דעם עטאַט, אַפילו ווען דאָס פאַרמעגן איז געווען איבערגעשריבן אויפן נאָמען פון דער פרוי...).

זוכנדיק אַמאָל צווישן די דאָקומענטן אין קוטנער מאַגיסטראַט, האָב איך צופעליק געפונען אַ בודזשעט פון דער יידישער קהילה פון יאָר 1840, באַשטעטיקט דורכן גובערנאַטאָר אין וואַרשע. דער בודזשעט איז געווען אונטערגעשריבן דורך דריי דאָזאָרעס (איינער פון זיי — יוסף סלאָמאַ — אַ זיידע פון פריער דערמאָנטן י. מייראַנץ).

אין יאָר 1924 האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעוויזן, אַז אַ גאַנצע ריי אָביעקטן און בנינים פון דער קהילה זענען נישט פאַרשריבן אַלס אייגנטום אין די אינוווענטאַר־ביכער. אמת, די שול, דער בית־המדרש, מקוה און דער נייער בית־הקברות, האָבן פיגורירט אין היפּאָטעק אַלס אייגנטום פון דער קהילה, דאַקעגן דער אַלטער בית־עלמין און דאָס הויז ווו ס'האָבן זיך געפונען

די יידישע יאַטקעס — האָבן פון פאַרמעלן־יורידישן שטאַנדפונקט „נישט געהאַט קיין טאַטן"... די קצבים האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע לאַגע און נישט געצאָלט קיין דירה־געלט. געשען איז עס דערפאַר, וואָס נאָך אין סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, ביים בויען די יאַטקעס, האָבן זיי געשלאָסן אַ הסכם מיט אַ דיק, אַן אָנגעשטעלטער פון דער קהילה, אַז די כשרע יאַטקעס וועלן זיי אויפשטעלן אויף אַ קהילה־פּלאַץ אויף דער וואַרשעווער גאַס — פאַר אַ געוויסן יערלעכן אָפּצאָל. דערנאָך איז דער אָפּמאַך ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען — און די קצבים האָבן גאָרנישט געצאָלט.

דאָס הויז פון קינאָ „פּאָלאָניאַ", ווו ס׳האָט זיך אויך געפונען אַן אַריינפאָר („זאַיאַזד"), איז געווען פאַרשריבן אַלס אייביקער סערוויטוט פאַר דער קהילה, אויף אַ סומע פון עטלעכע הונדערט רובל יערלעך — דורכן פריערדיקן אייגנטימער פון הויז. די קהילה־פאַרוואַלטונג אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, האָט נישט געוואָלט משלים זיין מיט אַזאַ הפקר־צושטאַנד בנוגע איר פאַרמעגן און אויך געוואָלט געניסן פון אַ הכנסה־קוואַל. אַלע מיינע באַמיאונגען ביים היפּאָטעק־ריכטער אין קוטנע, ה׳ לאָזשינסקי, האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן. ער האָט זיך געהייסן גוט באַצאָלן פאַרן בלויזן קאָנטראָלירן די היפּאָטעק־ביכער.

זייענדיק אין וואַרשע, בין איך אַוועק אין צענטראַלן אַמט פון דער היפּאָטעק און צו מיין גרויסער איבערראַשונג און פרייד געפונען דאָרט אין די ביכער פאַרשריבן, אַז די „יעווריעיסקאָיע קלאַדבישטשע" (יידישער בית־עלמין) איז דאָס אייגנטום פון דער קהילה. לאָזשינסקי איז געווען איבערראַשט און... אַנטוישט פון מיין אַנטפּלעקונג. איצט איז שוין נישט געווען קיין ספק, אַז דאָס בית־הקברות געהערט דער יידישער גמינע. אויך האָב איך צופעליק אַנטדעקט אַן אַלטע מאַפּע פון קוטנע, ווו ס׳איז געווען אַמאָל פאַרצייכנט, אַז דער „שפּיטאַל זשידאָווסקי" (יידיש שפּיטאָל — אַזוי האָט מען גערופן דאָס הויז פון די יאַטקעס, ווייל אַמאָל איז דאָרט געווען אַ הקדש פאַר יידישע קראַנקע) — איז אַן אייגנטום פון דער קהילה...

פון קוטנער מאַגיסטראַט

די ערשטע וואַלן צום קוטנער שטאָטראַט אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, זענען פאָרגעקומען אין יאָר 1919. אַזוי ווי די דאָזיקע וואַלן האָבן געגעבן די יידן אַ מערהייט (13 אויף 24 ראַטמענער), האָט די צענטראַלע מאַכט, אָדער דער וואַרשעווער וואָיעוואָדע, זיי אַנולירט און באַשטימט, אַז די קוטנער איינוווינער דאַרפן נאָך אַמאָל ווילן זייערע „שטאָט־טאַטעס". ניט מער, דאָס מאָל זענען צו דער שטאָט קוטנע איינגעשלאָסן געוואָרן עטלעכע אַרומיקע ישובים, כדי צו זיכערן אַ פּוילישע מערהייט. ביי די צווייטע וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען דעם זעלבן יאָר, זענען שוין אויסגעקליבן געוואָרן 11 יידישע פאָרשטייער: 6 פון ציוניסטיש־בירגערלעכן בלאָק, 2 פאָלקיסטן און 3 פון „בונד" (ביי די ערשטע וואַלן איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַ פאָרשטייער פון פּועלי־ציון — אליעזר עלבערג, אַ ייִנגערער ברודער פון ר׳ אהרן שלמה עלבערג נ"י).

די קאָנסטיטואירנדיקע זיצונגען פון דער ניי־געוויילטער שטאָט־פאַרוואַלטונג זענען פאָרגעקומען סוף 1919, אָדער אָנהייב 1920, ערשט נאָך דעם ווי זי איז פריער 2 אָדער 3 מאָל בטל געוואָרן צוליבן מאַנגל פון אַ קוואָרום. דער צוזאַמענשטעל איז געווען אַזאַ: 6 בירגערלעכע פּאָליאַקן, נאָענטע צו דער ענדעציע, און 7 פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — פּ.פּ.ס. נאָר ביים צוטרעטן אויסוויילן דעם ביגערמייסטער, זיין פאַרטרעטער און די לאַווניקעס, האָבן די 7 ראַטמענער פון פּ.פּ.ס. און 5 יידישע (3 פון „בונד" און די 2 פאָלקיסטן) פאַרלאָזט די זיצונג, וואָס איז ווידער געבליבן אָן אַ קוואָרום. ערשט אויף אַ ווייטערדיקער זיצונג, ווען בלויז איינער פון די פאָלקיסטישע ראַטמענער — צאַמבער — האָט צוזאַמען מיט פּ.פּ.ס. און „בונד" פאַרלאָזט די זיצונג און דער צווייטער פאָלקיסט — אברהם מאַרקוס — איז געבליבן אויפן אָרט, איז דערמעגלעכט געוואָרן אויסצוקלייבן אַ בירגערמייסטער.

די פּאָליטיק פון פּ.פּ.ס. און „בונד" איז געווען אַ קלאָרע: מיטן ניט דערלאָזן אַדורכפירן די קאָנסטיטואירונג פון נייעם שטאָטראַט, וועט מען מוזן פאַראָרדענען נייע וואַלן, ביי וועלכע זיי האָבן געהאַט אַלע שאַנסן צו באַקומען אַ לינקע מערהייט. אברהם מאַרקוס איז אָבער ניט געווען זיכער, אַז ביי וואַלן צום דריטן מאָל וועט זיין פּאַרטיי, די פאָלקיסטן, זוכה זיין ווידער צו צוויי מאַנדאַטן. דעריבער האָט ער זיך ניט סאָלידאַריזירט מיטן ראַטמאַן פון זיין פראַקציע, זונדל צאַמבער.

אויף דער פריער דערמאָנטער זיצונג איז דעריבער געלונגען, הגם מיט דער אָנוועזנהייט פון בלויז 13 ראַטמענער (6 בירגערלעכע פּאָליאַקן און 7 יידן), צו דערוויילן די אָנפירונג פון מאַגיסטראַט אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל:

בירגערמייסטער — טאָמאַש קלעפּאַ; וויצע־בירגערמייסטער — פּעטקאָ, אייגנטימער פון אַ פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען אין קוטנע. נאָך זיין דעמיסיע, איז אויף זיין אָרט באַשטימט געוואָרן דער הויכער מאַגיסטראַט־באַאַמטער פּאָנגאָווסקי; 3 לאַווניקעס — כלעביצקי פון די בירגערלעכע פּאָליאַקן, אומערסקי פון פּ.פּ.ס. און דער שרייבער פון די שורות, אַלס פאָרשטייער פון דעם יידישן בירגערלעכן בלאָק און פון די ציוניסטן. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט כלעביצקי זיך אָפּגעזאָגט און אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער אַפּטייקער ק. סטאַרנאָווסקי. אין יאָר 1925 איז אויף סטאַרנאָווסקיס אָרט פון לאַווניק באַשטימט געוואָרן אינזשיניער נאָוואַקאָווסקי פון דער פּלאָצקער גאַס.

די יידישע ראַטמענער האָבן אין יענער צייט רעפּרעזענטירט כמעט אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות אין שטאָט, לויט דעם צוזאַמענשטעל: לאַווניק אהרן מענדלעוויטש, די ראַטמענער דוד קאַלמאַן, הערש ווײַנשטיין, יצחק וועבער — ציוניסטן; נתן ווײַנשטיין — פאָרזיצער פון קליינהענדלער־פאַריין; יעקב בראָמבערג און אברהם איזמאַן — פון דער אגודה. בעת דער ערשטער איז געווען אַ גערער חסיד, האָט דער צווייטער געהערט צו די אַלעקסאַנדער חסידים. זונדל צאַמבער — לערער; אברהם מאַרקוס — בעקעריי־אייגנטימער, פאָרשטייער פון פאָלקיסטישן האַנטווערקער־פאַריין. צו דער בונדישער פראַקציע האָט געהערט דער אָרטיקער מנהיג פון דער פּאַרטיי, הערמאַן קירשבוים, אַ קאָמאַשנשטעפּער; משה חיים טיגער — עלטערער ברודער פון פּועלי־ציון־טוער נתן טיגער ז"ל, וועלכער האָט אין די דרייסיקער יאָרן עולה געווען קיין א"י און דאָ טעטיק געווען אין דער קולטור־אָפּטיילונג פון דער הסתדרות. געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין זיין קיבוץ, יגור; יצחק כהן — פון פאַך אַ טרעפּיאַזש (אויסגעאַרבעט הילצערנע שיך).

נאָך עטלעכע חדשים, האָט טיגער זיך אָפּגעזאָגט און זיין אָרט אַלס ראַטמאַן האָט פאַרנומען עוואַ פּודאַלאָוויטש, די שפּעטערדיקע פרוי פון ראַטמאַן הערמאַן קירשבוים. איר נאָמען איז דערנאָך געווען עוואַ פּודאַלאָוויטש־קירשבוים.

אין יאָר 1922 איז נפטר געוואָרן דער ראַטמאַן דוד קאַלמאַן. זיין אָרט אין שטאָטראַט האָט פאַרנומען אליהו שיינראָק — פאָרשטייער פון די סוחרים. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז קאַלמאַנס אָרט האָט געירשנט יצחק וועבער און אַז שיינראָק איז געוויילט געוואָרן צווישן די ערשטע ראַטמענער. די דאָזיקע זכרונות שרייב איך פון זכרון, מיט קנאַפּע 50 יאָר שפּעטער — און עס זענען מעגלעך טעותים.

*

אין דעם אַרטיקל פון רעדאַקטאָר פון אונדזער יזכור־בוך, ד. שטאָקפיש, א. נ. „יידיש־פּוילישע באַציונגען אין קוטנע מיט

40 יאָר צוריק" (ז"ז 115—131) איז אויספירלעך באַשריבן די טעטיקייט פון די ייִדישע ראַטמענער אין קוטנער שטאָטראַט, ווי אויך מיין קאַמף פאַר ייִדישע רעכט אַלס לאַווניק אין מאַגיסטראַט. מיין פּרינציפּ איז געווען צו פאַרטיידיקן די ייִדישע אינטערעסן אַלס כלל, אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי און מעמד, ווי אויך די אינטערעסן פון יעדן ייִד — אַלס פּרט. כדי דאָס צו אילוסטרירן, וועל איך בקיצור דערציילן עטלעכע עפּיזאָדן פון יענער צייט.

זומער 1920, בעתן פּויליש־באָלשעוויסטישן קריג, האָבן די רוסן שוין געהאַט איינגענומען פּלאָצק, 40 קילאָמעטער פון קוטנע. די פּוילישע מאַכט האָט אין אונדזער שטאָט, צווישן אַנדערע „אומזיכערע עלעמענטן", אַרעסטירט אויך די דריי בונדישע ראַטמענער און זיי אינטערנירט אין אַ לאַגער הינטער קראָקע אויף עטלעכע חדשים. אָבער אַפילו נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך שוין געהאַט אומגעקערט פון לאַגער, זענען פאַרגעקומען עטלעכע זיצונגען פון שטאָטראַט אָן זייער באַטייליקונג. ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט מען זיי בכלל נישט געשיקט קיין איינלאַדונגען, הגם זיי האָבן זיך שוין געהאַט געפונען אין שטאָט און קיינער האָט זיי ניט צוגענומען די רעכט אַלס ראַטמענער. דעריבער איז גרויס געווען אַלעמענס איבעראַשונג, ווען די דריי בונדישע ראַטמענער זענען מיט אַמאָל דערשינען אויף אַ זיצונג פון שטאָטראַט... אומגעבעטענערהייט. ערשט דעמאָלט איז די אָל אַרויס פון זאַק און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אינטערפּעלאַציעס, פּראָטעסטן און סקאַנדאַלן.

די אַנטיסעמיטישע ראַטמענער פון דער ענדעציע האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז „היות די פאָרשטייער פון „בונד" זענען אומלאָיאַל צו דער פּוילישע מלוכה, והראיה — זיי זענען געווען אינטערנירט אין אַ לאַגער אַלס אומזיכערער עלעמענט, דאַרף מען זיי אויסשליסן פון שטאָטראַט". אינטערעסאַנט, אַז די ראַטמענער פון פּ.פּ.ס. האָבן אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער און לגמרי ניט רעאַגירט אויף דעם פאָרשלאָג פון די ענדעקעס און ס'האָט דעריבער געדראָט אַ געפאַר, אַז ער זאָל ווערן אָנגענומען. אַזאַ באַשלוס אין יענער צייט האָט לייכט זיך געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ בלבול קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג בכלל. איך האָב געבעטן אַ וואָרט און שאַרף אַטאַקירט דעם ענדעקישן פאָרשלאַג, אָנווייזנדיק, אַז אַ צופעליקער, אַדמיניסטראַטיווער אַרעסט אויפן סמך פון דראַקאָנישע אויסנאַם־געזעצן אין מלחמה־צייט, איז דאָך ניט דאָס זעלבע וואָס אַ נאָרמאַלער געריכט־אורטייל, בפרט נאָך, אַז קעגן אינטערנירן אין אַ לאַגער גילט ניט אַפילו קיין אַפּעלאַציע און וועלכער ס'איז געריכטלעכער אינסטאַנץ. איך האָב אויסגעדריקט מיינע ספקות בנוגע דער גילטיקייט פון יענע באַשלוסן פון שטאָטראַט, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן אין דער אָפּוועזנהייט פון די בונדישע ראַטמענער, בפרט נאָך זייער באַפרייונג שוין, ווען מ'האָט ניט געפונען פאַר נייטיק צו שיקן זיי איינלאַדונגען צו די זיצונגען.

אויך ראַטמאַן זונדל צאַמבער האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם ענדעקישן פאָרשלאַג, וועלכער איז בכלל ניט געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג, נאָר ערשט אַרויס געשפּרונגען אויף דער איצטיקער זיצונג.

אויף דעם איז געקומען אַ „פּשרה־פאָרשלאַג" פון בירגערמייסטער קלעפּאַ, וועלכע האָט פאַרלאַנגט פון די בונדישע ראַטמענער אַן עפנטלעכע לאָיאַליטעט־דערקלערונג אויף דער זיצונג. איך האָב שאַרף אָפּגעענטפערט דעם פאָרזיצער, אַז אַזאַ דעקלאַראַציע פון לאָיאַלקייט צו פּוילן וועט די בונדישע ראַטמענער נאָך מער פאַרדעכטיקן אין די אויגן פון דער מאַכט און דער עפנטלעכקייט — און פאָרגעלייגט, אַז אַלע 24 ראַטמענער, מיטן בירגערמייסטער, וויצע־בירגערמייסטער און לאַווניקעס, זאָלן אָפּגעבן אַ טריישאַפט־דעקלאַראַציע דער פּוילישער מלוכה... אַזאַ דעקלאַראַציע וועט קיינעם ניט פאַרדעכטיקן.

*

איך האָב איניקע מאָל אַנטדעקט און אויפגעוויזן דעם מאַגיסטראַט, אַז פּאָליאַקן, צעכאָווע מייסטערס, וועלכע האָבן אויסגעפירט געוויסע אַרבעטן פאַר דער שטאָט, האָבן געמיסברויכט מיט שטאָטישע געלטער און גענאַרט מיט דער אַרבעט. אַזוי, למשל, האָט אַ קריסטלעכער טעסלער זיך אונטערגענומען צו מאַכן פּאָדלאָגעס אין דער פאָלקס־שול נומ. 3 פאַר ייִדישע קינדער (די א.ג. שאַבאַסאָווקע") אויף דער פּלאָצקער גאַס. אויפן סמך פון אַ בריוו פון מאַגיסטראַט, האָט דער בעל־מלאכה באַקומען אין האָלץ־סקלאַד פון איטשע האָלצמאַן די נייטיקע צאָל ברעטער. ווען איך האָב אַדורכגעקוקט דעם חשבון פון סקלאַד, באַשטעטיקט דורכן טעסלער, האָב איך פאַרן בירגערמייסטער אויסגעדריקט מיין פאַרדאַכט, אַז צו פיל ברעטער האָט מען פאַרנוצט פאַר די פּאָדלאָגעס און דאָס איבעריקע האָלץ האָט ער גענומען פאַר זיך.

דער בירגערמייסטער האָט איבערגעגעבן דער פאַרוואַלטונג פון צעך (צו וועלכן, אגב, מ'האָט קיין ייִדן נישט אָנגענומען) אויסצופאָרשן דעם ענין און זיי האָבן באַשטעטיקט, אַז מיין חשד איז געווען אַ באַרעכטיקטער. דער בעל־מלאכה האָט גענומען צוויי מאָל אַזוי פיל ברעטער וויפל ר'האָט באַדאַרפט. קיין פּראָצעס האָט מען אים נישט געמאַכט, אָבער אַ געוויסע סומע געלט האָט מען אָראָפּגערעכנט. אויף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע האָט דער פאָרזיצער פון פּוילישן צעך מיר געזאָגט, אַז ס'איז פאַר אים אַ חרפּה די האַנדלונג פון זיינעם אַ צעך־מייסטער, וועלכער האָט געוואָלט באַגנבענען דעם מאַגיסטראַט און זיך באַרייכערן אויפן חשבון פון שטאָטישע געלטער. און דעם שווינדל האָט גראָד אַנטדעקט אַ ייִד...

נאָך יענער געשעעניש האָבן שוין אויך ייִדישע בעלי־מלאכות באַקומען אַרבעט פון מאַגיסטראַט, ווי דער מאַלער אָפּאָטשינסקי, דער מויערער און אויווין־שטעלער שמואל וואָלשטיין, דער זייגערמאַכער האַלער און אַנדערע.

*

סוף 1925, אָדער אָנהייב 1926, האָט זיך צו מיר געווענדעט דער לערער פון דעם „עם הספר"־שול, משה־דוד גרינבערג ז"ל מיט אַ בקשה, אַז היות ער מיט זיין משפּחה ווילן עולה זיין קיין ארץ־ישראל און אַלס לערער וועט ער קיין סערטיפיקאַט ניט באַקומען, נאָר אויפן סמך פון אַן אָפיציעלער באַשטעטיקונג, אַז ר'איז אַן אַרבעטער, אָדער בעל־מלאכה — האָב איך אים פאָרגעלייגט זיך ווענדן אָפיציעל צום מאַגיסטראַט וועגן אַרויסגעבן די נייטיקע באַשטעטיקונג. מיר איז טאַקע געלונגען צו באַקומען אַן אָפיציעלן דאָקומענט, פאַרזען מיטן שטעמפּל פון קוטנער מאַגיסטראַט און אונטערשריפט פון בירגערמייסטער, אַז מ. ד. גרינבערג איז פון פאַך אַ... סטאָליער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די לייכטקייט מיט וועלכער ה' קלעפּאַ האָט אונטערגעשריבן דעם דאָקומענט, איז אַוודאי אַ רעזולטאַט פונעם ווילן פון די פּאָליאַקן, אַז וואָס מערער ייִדן זאָלן פאַרלאָזן פּוילן...

אין יאָר 1926 האָט דער לערער גרינבערג עולה געווען פון קוטנע אַלס בעל־מלאכה, אַ סטאָליער, און זיך באַזעצט אין רעננה, וווּ ר'איז געוואָרן דירעקטאָר פון אַ פאָלקס־שול. אין יאָר 1960 איז ער אַרויס אויף פּענסיע. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער נפטר געוואָרן אין תל־אביב. אין זיין לוויה האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער געווו. תלמידים, לאַנדסלייט און פריינט־רער. צו קבורה איז ער געבראַכט געוואָרן אין רעננה.

באַלד נאָך זיין אָנקומען אין לאַנד, האָט ער געטוישט זיין פאַמיליע־נאָמען אויף מגד (ראשי־תיבות פון משה־דוד גרינבערג). זיינע צוויי זין אהרון און מתי מגד, זענען היינט צוויי אָנגעזעענע העברעישע שריפטשטעלער. אַזוי אַרום האָב איך אומדירעקט געגעבן מיין באַשיידענעם צושטייער צו דער היינטציטיקער העברעישער ליטעראַטור...

קוטנע של מעלה

הרב מרדכי יהודה לובאַרט
בעמח״ס מלחמות יהודה ניו־יאָרק

דער אויסדרוק קוטנע של מעלה, וואָס מיר נוצן דאָ, מיינען מיר די קוטנע פאַר דעם חורבן, ווען אונדזער שטאָט האָט געלעבט און עקזיסטירט. מיר ווילן דאָ פאַרצייכענען קאַפּיטלען זכרונות פון קוטנע, וואָס האָט צו טאָן מיטן גייסטיקן געביט פון קהלהשן לעבן, איז געווען פאַרהייליקט און ביי יעדן געשטאַנען העכער ווי זיין פריוואַט לעבן.


אין דער אמתן איז ביי אַלע אונדזערע פאַרהייליקטע קהילות, שווער פונאַנדערצוטיילן די ראָלן צווישן גייסטיקן און מאַטעריעלן לעבן, ווייל אויף אַלע געביטן האָט געשפּרודלט מיט גייסט און פראַקטישע מעשים.

נאָך שווערער איז צו קומען מיט אַ פּינקטלעכער אָפּשאַצונג וועגן אונדזערע חרוב געוואָרענע קהילות. ס׳איז אוממעגלעך אַרויסצוברענגען אין ווערטער די אייגנאַרטיקייט, וואָס יעדער שטאָט באַזונדער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. אייגנשאַפטן נאַטירלעכע, וואָס זענען געוואָרן אויסגעפורעמט דורך יאָרהונדערטער. דאָס זענען אומשאַצבאַרע אוצרות, וואָס מ׳קען נישט מעסטן לויט דער אויפפאַסונג פון מענטשלעכן אויג, זיי זענען העכער ווי דער באַגריף פון שכל.

„שמים לרום וארץ לעומק ורוחב לב נבון אין חקר״ — מיט די דאָזיקע ווערטער הייבט אָן דער געטלעכער חוקר ידעי׳ הפניני הבדרשי זיין באַרימט ספר „בחינות עולם״. און די זעלבע ווערטער קען מען אָנווענדן לגבי אונדזערע קהילות. פּונקט ווי מ׳קען זיך נישט דערגרונטעווען צו דער הויכקייט פון הימל און דער טיפקייט פון דער ערד, אַזוי זענען מיר נישט אימשטאַנד אָפּצושאַצן די ריזיקע גייסטיקע פאַרמעגנס פון אונדזערע אומגעבראַכטע קהילות, ווייל יעדער קלענסטער פּרט אין שטאָט איז געווען „מיעוט המחזיק את המרובה״.

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן אַפילו לגבי דעם געוויינלעכן, טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס איז אָנגעגאַנגען במשך אַלע יאָרן אין קוטנע, על אחת כמה וכמה, ווען מיר ווילן מיט אונדזער ווייטן זכרון אַריינבליקן אין דעם קודש־הקדשים פון אונדזער שטאָט, אין דעם בית המקדש פון דער קוטנער שול, וועלכע שטייט נאָך היינט אין אונדזער זכרון אַ לעבעדיקע, מיט איר גייסטיקער געשטאַלט. און דער צווייטער הייליקער בנין אַנטקעגן דער שול — דער קוטנער בית־המדרש, וואָס איז געווען די גייסטיקע קוזשניע פאַר דער תורה־יוגנט אין קוטנע, דאָרט ווו ס׳זענען געוואָרן אויסגעהאַמערט און אויסגעשמידט די גרעסטע לומדים, די גרעסטע רבנים און די גרעסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון קוטנע.

וועגן דער קוטנער שול און בית־המדרש וואָלט זיך וועלן אַרויסברענגען די שטריכן, אין וועלכע די ביידע מקומות הקדושים זענען געווען אַנדערש איינע פון דער צווייטער. בדרך כלל קען מען זאָגן, פּונקט אַזוי ווי אַמאָל אין בית־המקדש איז געווען קודש און קודש הקדשים, די ערטער זענען געווען פאַרשידנאַרטיק אין זייער מאָס קדושה — דאָס זעלבע אויך לגבי אונדזער שול און דעם בית־המדרש. מיר געדענקען די שול, וואָס האָט געאָטעמט מיט הייליקייט און תורה, געווען אָפּגעזונדערט פון אויסערלעכן לעבן, אויסגעטאָן פון וואָכעדיקייט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ באַזונדערע הכנה אַריינצוקומען אין שול. די מינהגים און נוסחאות האָבן דאָרט געמוזט ווערן אָפּגעהיט מיט



בית־המדרש אין קוטנע. דאָ האָבן געלערנט: נחום סאָקאָלאָוו, שלום אַש, רבנים, ראשי־ישיבות — מיט די רבנים ר׳ שיעלע קוטנער און ר׳ אליהו וועלצמאַן (קולישער)

בית־המדרש בקוטנה, בו למדו: נחום סוקולוב, שלום אש, רבנים וראשי־ישיבות — עם ר׳ יהושעלה קוטנר ור׳ אליהו וולצמן (קולישר)


דער גרעסטער שטרענגקייט, מ׳האָט נישט געטאָרט באַנוצן די שול פאַר מינדסטן געברויך, אויב ס׳איז נישט געווען אַ דבר שבקדושה, אַזוי, אַז די שול האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ הייליקן מאָנומענט, אַ מצבה־זכרון פאַר די פריערדיקע דורות, וואָס דערמאָנט פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. אויך איז כדאי צו באַמערקן נאָך אַן אינטערעסאַנטע זאַך, וואָס האָט צו טאָן מיט דער שול, דאָס וואָס יידן פלעגן אָנרופן די זיצערטער אין שול, מיט דעם מאָדנעם אויסדרוק „שטעט״. יעדער בעל־הבית האָט דאָרט געהאַט אַ „שטאָט״, און די דאָזיקע „שטאָט״ איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור. דאָס אַלץ האָט אַ שייכות צו דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון שול, וואָס איז געווען ווי אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך; דאָס האָט געשאַפן די אַזוי גערופענע „שטעט״ מיט אַ העכערע כוונה ווי די געוויינלעכע און נאַטירלעכע שטאָט.

אין קעגנזאַץ צו דער שול, איז געווען דער בית־המדרש — מער פאָלקסטימלעך און היימיש. מיט מוטערלעכער וואַרעמקייט האָט דער בית־המדרש אויפגענומען יעדן איינעם, צי יענער איז אַריינגעקומען דאַווענען, אָדער זיך נאָר אָנוואַרעמען ביי די אויוונס, צי סתם אַזוי פאַרברענגען. יידן מיט זייער וואָכעדיקייט האָבן זיך „אַריינגעכאַפּט״ אין בית־המדרש, אָן שום צוגרייטונגען. דער בית־המדרש האָט געניצט ווי אַ „בית לעם״, ווו ס׳זענען דורכגעפירט געוואָרן פאַרשידענע פייערונגען, געווען אַן אָפּרו־אָרט פאַר דורכגייענדיקע אורחים. דער בית־המדרש האָט אויך געדינט פאַר דעם מקום תורה אין שטאָט — מיט אַנדערע ווער־טער — די ישיבה.

קוטנע האָט געהאַט אַ תלמוד־תורה פאַר אָרעמע קינדער, אויך אַ חדר מיטן נאָמען „יסודי התורה״, אָבער דאָס אַלץ איז געווען פאַר יינגערע קינדער, ביז אַן ערך פון בר־מצוה־יאָרן און עפּעס מער. ווען אָבער אַ יונגטלעכער איז עלטער געוואָרן און נישט מער געהאַט קיין אָרט אין תלמוד־תורה און אין חדר, איז זיין ווייטערדיקע פאַרזעצונג און זיין אַנטוויקלונג אין לערנען געווען דער בית־המדרש. און זאָל דאָ טאַקע אויף דעם אָרט אַרויסגעבראַכט ווערן אַן אינטערעסאַנטע באַמערקונג: מיר ווייסן, אַז פאַר אַלע צייטן, פון גאָר פרי, זענען ביי יידן געווען ישיבות, וועלכע האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין יידישן לעבן, אַזוי זענען מיר ביי פאַרשידענע תקופות, אין די ישובים ווי יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין זייער גלות־וועג, ווי אין ספרד, צרפת און אשכנז, אַז אין דער שטאָט, ווו ס׳איז געווען איינגעאָרדנט די ישיבה, זענען צוגעפאָרן תלמידים פון אַנדערע מקומות, און האָבן זיך דאָרט משתלם געווען אין לערנען ביי גרויסע ראשי־ישיבה רבנים, וועלכע האָבן מיט זיי געלערנט און זיי געגעבן אַ דרך אין לערנען, אַזוי אַז יעדער באַוווסטער למדן און גאון האָט געלערנט אין אַ ישיבה און זיין דרך אין לערנען איז געווען לויט דעם ווי ער האָט מקבל געווען פון זיין רבין.

פאַר קוטנער לאַנדסלייט איז גענוג צו דערמאָנען אונדזער גרויסן גאון און צדיק ר׳ יהושיעלע קוטנער זצ״ל, וועמען מען האָט געהאַלטן פאַר דעם רבן של כל בני הגולה, וואָס זיין פּסק הלכה איז געווען דעצידירנדיק פאַר דעם כלל ישראל — און איז גלייכצייטיק געווען אַן אָנהענגער פון חסידות. אַזוי ווי עס דערציילט זיין אייניקל, דער לעצטער קוטנער רב ר׳ יצחק יהודה טרונק ז״ל, אין ספר „ישועות מלכו״, קונטרס תולדותיהן של צדיקים, אַז זיין זיידע ר׳ יהושיעלע האָט פאַרבראַכט זעקס וואָכן אין קאָצק, ביים קאָצקער רבין, וואָס איז אין יענער צייט געווען דער צענטראַל־פונקט פון חסידות אין פּוילן. כדאי אויך צו דערמאָנען אַ צווייטן באַרימטן גאון, וועלכער איז געווען רב אין קוטנער אומגעגנט, אין קראָשניעוויץ, שפּעטערדיקער רב און רבי אין סאָכאַטשאָוו, ר׳ אברהמלע באָרענשטיין.

דער צוגאַנג צו תורה, נישט געבויט אויפן ישיבהשן כאַ־ראַקטער ווי אַמאָל, האָט געבראַכט אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן אויפן געביט פון מרבה זיין תורה צווישן יידן. אין משך פון די לעצטע 200 יאָר, איז דער לימוד התורה שטאַרק אַריינגעדרונגען צווישן די מאַסן און דאָס פּוילישע יידנטום איז געווען אויפן ערשטן אָרט אויף דעם דאָזיקן געביט. פון די פּשוטע מאַסן, פון סוחרים און בעלי־מלאכות, זענען אַרויסגעוואַקסן באַרימטע תורה־יידן און גרויסע לומדים.


ספר
זית רענן
חלק שני
אדני ספר זה הטבעו על כ״י וכמה שמעתתא ושו״ת, בד׳ חלקי ש״ע, וגם ליקוטי חידושי אגדה.
אשר חבר כבוד ארונינו מו״ר הרב הגאון החריף בעומקה של הלכה, פאר הדור צדיקא ופרישא וכו׳ כקש״ת מו״ר משה יהודה ליב ובתחלת ירח שבט שנת תרכ״ה אשר חלה למות הוסיפו לו עוד שם יהושע) זצללה״ה, שהיה אב״ד וריש מתיבתא בכמה קהלות ובק״ק לאסק ובק״ק קוטנא, ובאור תורתו הופיע לקצוי ארץ רחוקים, ולעת זקנתו נטע אהל תורתו וישיבתו בירושלים עיר הקודשה תוב״ב, ושמה יסד ספר זה,
בעל המחבר ספר זית רענן חלק ראשון וספר תפארת ירושלים על כל שתא סדרי משנה.
הביאותיו לבית הדפוס בעזר צור ישועתי
אני עבדו ותלמידו של אדמו״ר מחותני מרן הגאון המחבר זצוק״ל, שמרי׳ יוסף בהרב המנוח הותיק מוהר״ר יעקב זאב קלעפפיש זצ״ל, אשר זכה להביא לבית הדפוס ספר זית רענן ח״א, וספר תפארת ירושלים. כה יזכנו ה׳ להוציא לאור עולם יתר כתבי קודש ממרנא ורבנא המחבר זצוק״ל, וזכותו יגן עלינו עדי נצח.
ווארשא
בדפוס ר׳ יצחק גאלדמאן
שנת תרכ״ט לפ״ק
ЗАИСЪ РАНОНЪ
ТОМЪ II.
ВАРШАВА
Въ Типографіи И. Гольдмана.

שערבלאַט פון קוטנער גאונס ספר זית רענן, וועלכער האָט אין פאַריקן יאָרהונדערט עולה געווען קיין ירושלים און דאָרט נפטר געוואָרן.
שער ספרו של הגאון מקוטנא זית רענן, שבמאה הקודמת עלה ירושלימה וכאן נפטר.

אין דעם פּרט איז אונדזער שטאָט קוטנע נישט געווען קיין אויסנאַם. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז געווען — אַ לומדישע שטאָט. פיל אונדזערע יידן זענען געווען פאַררעכנט פאַר גרויסע לומדים, געהאַט אַ נאָמען, אָפּגערעדט פון די, וועלכע האָבן גע־האַט אַ שייכות צו כלי־קודש, ווי: ר׳ יצחק קוביץ, ר׳ מענדל נאַמן (עלבוים), ר׳ שלמה שוחט (הויכגעלערנטער), ר׳ חיים הירש הילער (זיינע צוויי זין — משה־מיכאל און בנימין־וואָלף, געפינען זיך אין ניו־יאָרק), זענען אויך פון בעל־הבתישן עולם, געווען באַרימטע לומדים, ווי: ר׳ לייבל מאַמלאַק (זיינס אַן איי־ניקל, מרדכי פאַגאַל, געפינט זיך אין ניו־יאָרק), ר׳ משה פנחס קלעטשעווסקי, דער איידעם פון ר׳ פנחס דייך ז״ל, זיינע צוויי זין — שמחה און מרדכי; ר׳ ישראל ראַק, דער איידעם פון ר׳ ירחמיאל שוחט, געווען באַקאַנט צווישן גערער חסידים אין פּוילן אַלס ישראל קוטנער, די ברידער ר׳ חיים בעכלער און הבל״ח ר׳ שלמה בעכלער, וועלכער געפינט זיך היינט אין ישראל. זיינע קינדער זענען געווען צווישן די לומדישע בחורים אין בית־המדרש אין קוטנע. אויך די משפחה זאַנדבערג, משפחה פּרץ און פיל אַנדערע. געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט באַלאַנגט צו די פּני פון שטאָט, נאָר באַהאַלטענע „אונטער־אויוון־יידן״, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ וועלט מיט ידיעות התורה, ווי

צב״ש: ר׳ איטשע קעניג, וועמען מ׳האָט אָפט געפונען אין בית־המדרש זיך וואַרעמען ביים אויוון. דער זכרון זיינער איז געווען אַ פענאָמענאַלער, נישט געווען קיין זאַך אין תורה, ער זאָל נישט וויסן, אָנגעזאָפּט מיט ספרי חקירה והשכלה. און אַזוי זענען געווען פיל אָנדערע, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פון לומדים מופלגים.

ווי באַוווסט, שטאַמט די שיטה פון חסידות פון איין שורש: דער גרינדער ר׳ ישראל בעל שם טוב זצ״ל האָט מיט 200 יאָר צוריק געשאַפן די באַוועגונג פון חסידות, און אין משך פון יאָרן זענען געוואַקסן די אָנהענגער פון דער דאָזיקער שיטה, וואָס האָט אַריינגעדרינגען צווישן באַדייטנדיקע שיכטן פון פאָלק. אין דער זעלבער צייט האָט דער דאָזיקער שורש אַרויסגעגעבן פיל צווייגן, אַ צאָל רבים און תלמידים, ס׳האָבן זיך געשאַפן פאַרשידענע דרכים, נוסחאות און מינהגים, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט די חסידישע מחנה אין באַזונדערע גרופּן. ס׳האָבן זיך געשאַפן די א. ג. חסידים־שטיבלעך, מיט פאַרשידענע נעמען.

אויך אין קוטנע זענען געווען חסידים פון פאַרשידענע קרייזן: גערער, אַלעקסאַנדער, סאָכאַטשאָווער, סקערניעוויצער און אַנדערע. גערער — אין די גרעסטע צאָל. זיי האָבן געהאַט צוויי שטיבלעך. איין שטיבל — אַ גרויסער זאָל, ווו ס׳פלעגן דאַווענען הונדערטער יידן, און אַ צווייט שטיבל, אַ קלענערס, ווו ס׳פלעגן דאַווענען די „שאַרפע" חסידים. די אַלעקסאַנדער חסידים, וועלכע זענען געווען פיל ווייניקער אין צאָל, האָבן געהאַט איין שטיבל, דאָך האָבן זיי זיך געפירט תקיפותדיק און ביי געוויסע צוזאַמענשטויסן מיט די גערער, געשפּילט די ראָלע ווי אַ גלייכער צד.

אין דער קוטנער קהילה האָט נישט דאָמינירט קיין שום חסידישער צד. נישט גער, נישט אַלעקסאַנדער, האָבן אָנגעהאַלטן וועלכע ס׳איז פּאָזיציע אין דער קהילה. אַלע כלי־קודש־אָנגעשטעלטע זענען געווען אומאָפּהענגיק, נישט געהאַט קיין שייכות

ספר
מלחמות יהודה
כולל

חדושים וביאורים הערות והארות
בענינים חמורים וסוגיות עמוקות
בש״ס וברמב״ם סדר קדשים

חובר מאתי בעזהי״ת

מרדכי יהודה לובארט

בלא״א מו״ה ישראל יואל חיים ז״ל, מקוטנא

ניו יארק

שנת הוד והדר תשו״ה עליו לפ״ק

נדפס בדפוס

הדר

290 סאראטוגא עוועו.

ברוקלין נ. י.

שער הספר „מלחמות יהודה" של המחבר

שערבלאַט פונעם ספר „מלחמות יהודה" פונעם מחבר

צו וועלכן ס׳איז חסידישן צד. אַזוי אַרום איז אין קוטנע קיינמאָל נישט געווען קיין מחלוקה צווישן גער און אַלעקסאַנדער איבער אַ פּאָזיציע אין דער קהילה. די אָפטע רייבונגען צווישן די צוויי גרופּן זענען נישט געווען קיין אַקטועלע, נאָר אידעאָלאָגישע.

דער בית־המדרש אין קוטנע, וואָס האָט באַלאַנגט צו דער קהילה, איז געווען שטרענג נייטראַל. די שטרייטן אין די חסידישע שטיבלעך, צווישן גער און אַלעקסאַנדער, האָבן נישט עקזיסטירט אין בית־המדרש, דעריבער איז דער בית־המדרש געווען דער פּאַסיקער אָרט פאַר אַ מקום־תורה פאַר אַלע דערוואַקסענע בחורים אין קוטנע, וואָס האָבן ממשיך געווען זייער לערנען (נאָכן ענדיקן דעם חדר).

די גרויסע מאַסיווע טישן אין בית־המדרש זענען געווען געדיכט באַזעצט פון צענדליקער דערוואַקסענע בחורים. דער אופן פון לערנען אין מערסטנטייל געווען אַליין, דורך אייגענער יגיעה, אָדער צוזאַמען מיט אַ חבר. געלערנט האָט מען אַ גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי אַרום האָט דאָס בית־המדרש אין קוטנע מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד פון אַן אמתדיקער ישיבה.

צום סוף פון די צוואַנציקער און אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, איז בראש פון די בית־המדרש־בחורים אין קוטנע געשטאַנען ר׳ ישראל ראַק. מיר האָבן פריער דערמאָנט זיין נאָמען צווישן די לומדים פון קוטנע. ער איז געווען אַ זון פון ר׳ הענעך ראַק, אײדעם פון ר׳ ירחמיאל שוחט. זייענדיק אַן אײדעם אויף קעסט, האָט ער מקריב געווען אַ סך יאָרן, טאָג־און־נאַכט, אָן שום באַלוינונג, צו לערנען מיט די דערוואַקסענע בחורים אין בית־המדרש. זייענדיק אַ גרויסער למדן און פּעדאַגאָג, האָט ער אין יענער צייט פיל געהאָלפן צו דער הצלחה און וווקס פון די תלמידים אין בית־המדרש. אין יענע יאָרן האָט אויך דער רב פון אונדזער שטאָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט די בית־המדרש־בחורים. פון־צייט־צו־צייט פלעגט ער פאַרהערן די בחורים און עוסק זיין מיט זיי אין לערנען.

די תקופה פון די אויבנדערמאָנטע יאָרן, קאָנען פאַררעכנט ווערן ווי אַ הויך־לומדישע פאַרן קוטנער בית־המדרש. די דעמאָלטיקע בית־המדרש־בחורים האָבן געהאַט אַ גרויסע צוקונפט צו פאַרנעמען אַ חשוב אָרט אין דער רבנישער וועלט, ווען נישט די מלחמה, וואָס האָט צעשטערט זייער המשך. אין יענער צייט איז געעפנט געוואָרן די באַרימטע ישיבה אין לובלין, די „ישיבת חכמי לובלין". די דאָזיקע ישיבה, וועלכע איז געווען די גרעסטע און פּאָפּולערסטע צווישן יידן, האָט געוועקט אינטערעס ביי טויזנטער בחורים פון אַלע עקן וועלט, צו ווערן אַריינגענומען אין דער דאָזיקער ישיבה, וועלכע האָט געהאַט אַ באַגרענעצטע צאָל ערטער. דערפאַר האָט מען דאָרט אָנגענומען נאָר די גאָר אויסגעצייכנטע, מיט אויסערגעוויינלעכע קוואַליפיקאַציעס אין תורה־קענטעניש. כדי צו געפינען די דאָזיקע מצויינים, האָט מען איינגעאָרדנט צוזאַמענקונפטן פון די בחורים אין פאַרשידענע ערטער. יעדע שטאָט און שטעטל האָט געהערט צו אַ געוויסן קרייז, דאָרט זענען אַראָפּגעקומען פון לובלין גרויסע רבנים, וואָס האָבן פאַרהערט און אויסגעפּרווווט די בחורים. קוטנע און אומגעגנט האָט געהערט צו וולאָצלאַוועק. קוטנער בית־המדרש־בחורים זענען צו דעם צוועק געקומען קיין וולאָצלאַוועק. דער סוף איז געווען, אַז פון קוטנע האָבן געלערנט אין דער „ישיבת חכמי לובלין" אַזש פינף בחורים. משה וועלצמאַן, אַ זון פון ר׳ הירשל שוחט און אַן אייניקל פון ר׳ מרדכי שוחט; מרדכי יהודה לובאַרט (דער שרייבער פון די שורות), זישע הויכגעלערנטער, דער זון פון ר׳ שלמה שוחט; הירש ראָזענבערג, דער זון פון ר׳ ישראל יצחק ראָזענבערג און וואָלף שטשערבינסקי.

צוליב דעם איינפלוס פון לעצטן קוטנער רב אויף די בחורים אין בית־המדרש, וואָס דאָס האָט גורם געווען זיי זאָלן ווערן



הרב טרונק, אפרים־פישל זאַנדבערג און ה׳ זאַקליקאָווסקי — בעת זייער באַזוך אין דער „ישיבת חכמי לובלין״, ביי די קוטנער תלמידים (1938).
הרב טרונק, אפרים־פישל זנדברג ומר זקליקובסקי — בעת ביקורם ב„ישיבת חכמי לובלין״, אצל התלמידים מקוטנה (1938).

אַריינגענומען אין דער „ישיבת חכמי לובלין״, האָט דער רב ז״ל געפילט אַ נאָענטקייט צו די דערמאָנטע לובלינער תל־מידים. אין יאָר 1938 (לויטן יידישן לוח איז עס געווען כ״ח סיון תרצ״ח), איז דער קוטנער רב געקומען קיין לובלין באַזוכן זיינע תלמידים. ביי מיר האָט זיך אויפגעהיט אַ בילד, וואָס איז פון אים דעמאָלט גענומען געוואָרן, שטייענדיק אויפן באַלקאָן פון דער ישיבה מיט עטלעכע קוטנער, און להבל״ח, מיט מיר.

די דאָזיקע זכרונות, וואָס איך האָב דאָ פאַרצייכנט, זענען ביז צום סוף יאָר 1932, מחמת דעמאָלט האָב איך פאַרלאָזט מיין געבוירנשטאָט קוטנע און געפאָרן לערנען אין דער „ישיבת חכמי לובלין״.

אין לובלין בין איך געווען ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה. עס איז שוין דעמאָלט נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו פאַראייניקן זיך מיט מיין מוטער, שוועסטער און ברידער (מיין פאָטער ע״ה איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר פאַר דער מל־חמה), וועלכע זענען דעמאָלט געווען אין קוטנע.

פון לובלין בין איך געלאָפן קיין ווילנע, ליטע, און פון דאָרט, דורך רוסלאַנד — קיין יאַפּאַן און שאַנכיי, ווו כ׳בין גע־ווען די גאַנצע צייט פון דער מלחמה.

אין יאָר 1941, ביז אַרום פסח־צייט, האָב איך נאָך אָנגע־האַלטן מיט זיי אַ שוואַכן קאָנטאַקט. כ׳האָב אויך געקריגן פון זיי אַ בילד, וואָס איך פאַרצייכן אין יזכור־בוך, אָבער שפּעטער האָט אויפגעהערט יעדער פאַרבינדונג מיט זיי.

עס בלוטיקט דאָס האַרץ און עס פלייצן ימים טרערן, ווען מע טראַכט וועגן דער סיבה פון זייער דעמאָלטיקן שווייגן. דאָס זענען געווען די דייטשע מערדער, ימח שמם, וואָס האָבן געמאַכט אַ סוף צו זייער יונג לעבן, זיי אומגעבראַכט צוזאַמען מיט דער גאַנצער קוטנער קהילה, הי״ד.

החיים הדתיים בעירנו

מאיר אוריין (בכלר)
חיפה

על מפת הערים והעיירות היהודיות במדינת פולין נחשבה קוטנה, בעשרות השנים האחרונות לפני פרוץ מלחמת העולם השניה, לעיר נאורה. החיים עמדו בסימן „הסער והפרץ" של התקופה וחותם התרבות המודרנית היה טבוע בהם. סיסמאות חופש זעקו מעל דגלים אדומים ותחייה לאומית מדגלי תכלת־לבן. ובתוך חיי חולין אלה נותר מעגל קטן של משי־ואטלס שנשאו עליהם יהודי שבת־יום־טוב. הם איפיינו את יחידיותה של יהדות פולין, את אורח חייה ואורח־מחשבתה.

דורות רבים חיו היהודים בין שכניהם הגויים; עם האכרים נפגשו בחנויות וליד הדוכנים בשוק; היו מוכרים זה לזה והיו תוקעים־כף זה לזה. למרות זאת אפילו חוט אחד לא קישר אותם עם שכניהם. כאורחים נוטים ללון התהלכו תחת השמים הזרים. הם היו ולא היו שם. הם בנים לעם עולם, כלומר עם, שלו עולם משלו, עם השוכן לבדד בין שכניהם.

המלומד והוגה־הדעות הפרופ' א. השל מארצות הברית (נכדו של הרבי אברהם יהושע השל מאַפּטא) אמר: יהודי אשכנז היו מקימים טמפלים ואילו יהודי פולין היו בונים גשרים, היינו היו מגשרים גשר בין לב האדם לבין אביהם שבשמים. ליהודים אלה התכוון השל, ועל אלה נייחד אנו את הדברים.

*

שלושה סוגי בתי־התפילה היו בקוטנה. בית־הכנסת הגדול, שהיה בחינת מקדש מעט, מוצק מבחוץ ומפואר מבפנים, מן היפים שבסביבה; ממול בית־המדרש הגדול, שחלונות הרבה היו קרועים בו וספרים לאין ספור כיסו קירותיו, ובתי־תפילה של חסידים. בבית־הכנסת היו מתפללים היהודים „הבעלי־בתים" שבעיר: הציונים והמשכילים, בעלי הצוארונים הלבנים ועונבי עניבות, סוחרים בעלי היכולת ו„פני" העדה. בחג בלטו גם צילנדרים נוצצים. לכאן באו גבירי העיר: שמחה זשליכובסקי, בעל טחנת־קמח; מרדכי מנטשסטר, סוחר ברזל עשיר; ההולצמנים — סוחרי יערות ועצים; ואלף אש, שחסה בצלו של אחיו הסופר שלום אש; הרופאים והפלדשרים. את כותל המזרח פיאר הרב יצחק יהודה טרונק, נכדו של הגאון ר' יהושעלע, איש־רוח שמחיצה בלתי נראית חצצה בינו ובין בני עדתו. בשבתות ובחגים עבר לפני התיבה החזן בעל הקול הערב והצלול, ישעיהו פוליקיביץ, מוקף מקהלה גדולה ובשעת קריאת התורה היה קולו של השמש מסתלסל, עת שקרא ל„עליה" ב„י־ע־מ־ו־ד" ארוך אחד מנכבדי העדה.

בבית־המדרש הגדול התפללו ה„עמך": סנדלרים ונגרים, רוכלים וסוחרים זעירים, חייטים וקצבים. יהודי־תהלים ויהודי „קב הישר" בעברי טייטש. כאן עבר לפני התיבה, בלי מקהלה, השוחט הזקן ר' מרדכי וולצמן, עטור זקן שירד על פי מידותיו שקצהו התפצל לשתי „כנפים".

מכאן יצא ר' נטע שמש בערבי־שבת, סמוך לזמן הדלקת הנרות, לעבור על פני רחובות העיר היה מקיש של דפיקות על דלתות החנויות.

כאן התפלל ר' מאיר הנפח, סמל האמונה התמימה והשלמות היהודית.

ראוי שנקדיש לו מספר שורות.

קצר קומה היה ר' מאיר, את פניו עיטר זקן קצר לבן. אך על־אף זקנתו המופלגת היה עומד בנפחיה ש„ברחוב האחורי" (אונטער־געסל). עמד ליד המפוח ומלבה אש בגחלים, מנקש בקורנס פעם — הקשה ארוכה — על הברזל הלוהט ופעמיים — הקשות קצרות — על הסדן; מפרזל פרסות לסוסים ומתקין גלגלים לעגלות. ואילו בלילות, בחורף ובקיץ, בהתחלת האשמורה השלישית היה בא אל בית המדרש. בחוץ שררה עדיין עלטה, רוחות צלפו זעף ופתיתי שלג טישטשו את השבילים המוליכים לבית־המדרש. אך את ר' מאיר לא שלג ורוח ירתיעוהו. ראשון היה שנשק את המזוזה של בית־המדרש, ראשון שהדליק נר באפלה, ניגש ל„עמוד" ובידו הרועדת מזוקן החזיק נר דלוק, ולאור שלהבתו הדלה שהיתה עולה ויורדת, היה שר פרקי דוד־המלך בקול ערב, שצליליו היו משתפכים בחלל בית־המדרש.

בטרם הנץ השחר הגיעו לבית־המדרש עוד יהודי ועוד יהודי. יהודים גברתניים בריאי־גוף וזקופי קומה. בתחילה דמו לשיבלים בודדות, אך אט־אט נהפכו לעדה קטנה ואז, כשמבעד חלונות המזרח נראו פסי א"ר, היה הזקן ממלמל בניגון אחר: ברוך אתה... שלא עשני גוי; ברוך... העוטר ישראל בתפארה...

נערים היינו אז, הקפנו את הזקן ושאלנוהו על סוד זקנתו. ר' מאיר העלה חיוך על שפתותיו הבלות, כשעיניו היו נדלקות בשובבנות והשיב: כוסית י"ש תשעים ושש ופרק תהלים מאריכים את שנותיו של האדם.

בבית־המדרש הזה שלט ר' יעקב צומבר. יהודי עליז היה ובעל נשמה חסידית. כל ימי חייו שימש ראש חברה משניות. בין מנחה ומעריב ישוב היה ליד השולחן הארוך ביותר שבבית־המדרש וקולו, קול אדיר, כבש עדה גדולה של יהודים עממיים. מסביב לשאר שולחנות ישבו בחורים צורבים, שהיו מתפלפלים בלהט וצללו למעמקי התלמוד, ואילו ר' יעקב צומבר לא עקר הרים וטוחנם זה בזה; לא הפליג לרום ולתהום. הוא פירש פרקו לכל נפש. המשיל משל מתוק, סיפר סיפור נאה, ולעתים גם דבר שבבדיחות הדעת, והכל כדי למשוך את לבם של פשוטי העם לתורה.

בשעת למוד משניות הקיפו את שולחנו יהודים מזוקנים, שבמשך היום היו טרודים בעול הפרנסה. זה ליד הבקתה שבכפר וזה ליד הדוכן שבשוק; זה ליד המגהץ והמספריים וזה ליד דלפק הסנדלרות — עתה שקועים הם בעולם אחר. לשעה קלה העלה אותם ר' יעקב צומבר מעמק הבכא; לשעה קלה שכחו את הגלות המרה ואת הגוי הזועם; את הדלות המנוונת ואת צער השעבוד.

ברגעים אלה שב היהודי לעצמו, לייחודו ולעולמו הפנימי.

ב„שטיבלך" של החסידים התרכזו השכבות הלמדניות, המוחות החריפים. כאן חישלו את ה„יחדיו". כך היה קל יותר לשאת בעול הגלות. בבתי החסידים לא היו מקומות ישיבה מסומנים, לא מחיצות בין עשיר לעני. קנה־המידה בו מדדו את האדם היה כאן אחר, לא הגביר שמדפי חנותו מלאים סחורה הוא אשר זכה בכבוד; לא הלמדן שכרסו מלאה ש"ס ופוסקים, אלא החסיד בעל מדרגות באמונה, שהיתה לו יראת ה' ואהבת ה'.

החסידים לא הקימו לעצמם בנינים מוצקים, ל„שטיבלך" שלהם חסרו כל הדר חיצוני. היו שוכרים דירה צנועה, העמידו שנים־שלושה שולחנות מלוחות־עץ, וכמה ספסלים לאורך הקירות; ארון הקודש שפרוכת פשוטה, ללא קישוט אריות כיסתה אותו. שתי חביות מים לנטילת ידים ומגבת — והרי לפניכם בית תפילה לחסידים. הקישוטים היחידים הם: ה„שויתי" על העמוד; הלוחות מאירי עינים של „מורים דרבנן", „כגוונא" ו„בריך שמיה" — שהיו מפוזרים על גבי הקירות. חזנים בעלי קולות מטופחים לא עברו כאן לפני התיבה. כאן הקפידו ששליח הצבור יהא ירא־שמים ונקי־כפיים — כלומר — אַן ערלעכער ייד...

גם בבית־המדרש היו מתפללים יהודים שנסעו לרבי, אך הם לא היו חסידי משי ואטלס אלא יהודים פשוטים. הולכי דרכים, שבצר להם היו נוסעים לגוסטינין, לרבי יחיאל מאיר, „היהודי הטוב" (הדמות המרכזית של „בעל התהלים" לשלום אַש) כדי להתברך מברכת פיו.

רבים היו בקוטנה החסידים של חצרות אדמו"רים שונים שבפולין הקונגרסאית. אך עדות חסידים לא היו יותר משלוש: גור, אלכסנדר וסקירניביץ. עדת גור (גער) היתה הפופלרית ביותר. בית החסידים הגדול שלהם שכן ברחוב הראשי, ברחוב קרולבסקה. אימרה היתה רווחת בפולין: גור— חכמה; סוכטשוב — תורה; אלכסנדר — פרומקייט (אדיקות); וסקרניביץ — ערלעכקייט. בבית החסידים דגור היו מרכזים הלומדים שבעיר. כאן התפללו שני הדיינים: ר' פנחס'ל ור' זליג'ל. אל הראשון באו נשים להתיר ספקות בעניני טרפה־כשר; ואל השני היו פונים לומדים, שיפענח להם מקומות מסובכים בש"ס ופוסקים. כאן היה מתפלל ר' יעקב ברומברג, הגביר שבין החסידים; ר' אברהם פישל זנדברג הסוחר המכובד, ויהודי ירא שמים.

בדרך כלל, היו החסידים סגורים והשפעתם לא היתה רבה על חיי הקהלה. אך לכל קבוצת חסידים היה ה„פוליטישן" משלה, שניהל את הצד הארגוני של העדה ואת ה„שטיבל פוליטיק". בין חסידי גור מילא התפקיד הזה ר' איטשע מאיר זאַקליקובסקי, השנון והממולח שבהם.

המוסדות החינוכיים־התורתיים של אגודת ישראל — בתי ספר "יסודי התורה" לנערים ו„בית יעקב" לנערות — היו פרי עבודתו של ר'איטשע מאיר זה.

מבין חסידי גור התבלט באישיותו ר' לייבל מאמלוק. יהודי נמוך־קומה ללא תואר חיצוני, ועם זאת „היהודי היפה" ביותר בקרב העדה. עני ואביון היה ר' לייבל, משופע בצרות ושרשרת של פגעים היתה רודפת אותו. בבית שרקה הדלות בכל פינותיו במלוא כוחה ועוצמתה. בנו, „הפילוסוף" דוד, דעתו נטרפה עליו מרות הגות; אשתו היתה חולנית ורתוקה תמיד למיטתה, אך כשר' לייבל היה נכנס לשטיבל נכנסה עמו רוח של יראת הכבוד שקשה לדעת פישרה.

לא בגלל הלמדנות כבדוהו — חסידים אינם מעריכים למדנים סתם — אלא בגלל צדקנותו, כי הוא היה יהודי של עליית נשמה. תמיד היה שקוע בעולמות רחוקים. מחשבתו היתה מקרקרת בדפנות השמים. דומה היה כמרחף מעל גגות העיר — דמות שירדה אלינו מעל בדיו של שאגאל. רגע לא התהלך בטל. תמיד קיים את המצווה „והגית", והחסידים היו אומרים שמעולם לא הסיח את דעתו מהבורא, תמיד היה הוגה בתורה. בעוד רגליו היו פוסעות ברחובות קוטנה היתה מחשבתו מרחפת במקומות רחוקים — לנהרדעא ופומבדיתא שבבבל, או בעולמות המיסתורין של „הזוהר". בקי גדול היה בתורת הסוד, והיחידי מבין חסידי גור שידע לפענח פרק קשה שבספר „שפת אמת", הוא הספר הקלאסי של חסידי גור.

שני לר' לייבל מאמלוק היה ר' משה־פנחס קלצ'בסקי. חנותו לבגדי נשים שכנה במרתף חשוך וצר. שם שלטה אשתו הצדקת. היא שניהלה המקח־וממכר עם הערלים והערלות; ואילו הוא, בעלה, היה העזר כנגדה — מוריד את הבד מהמדפים בלי להרים את עיניו מהשולחן. הוא היה סמל היושר, שלם עם עצמו ועם בוראו. כשהקונים־הגויים לא הטרידוהו, מיד ישב ליד גמרא פתוחה, וכבר שומע אתה את הניגון: „הוי, אמר אביי". ואילו אשתו יוצאת לרחוב כשמטפחת בידה, כדי לאסוף צדקה לנצרכים. לעתים, בעצם ימי „היריד", בתוך המולת המשא־ומתן עם בני ובנות הכפר, היו יורדים למרתף כמה מבחורים־לומדים לשאול את ר' משה־פנחס פשרו של קטע מסובך בתוספות או במפרשים, אז היה מוסר את הגויים והגויות בידי אשתו ובעצמו נכנס לקיטון הסמוך לחנות, שהה כמה ששהה ויצא משם כשפניו מאירים ושמחים — הוא מצא את התשובה הנכונה.

מכניס אורחים גדול היה ר' משה־פנחס. דירתו הקטנה שימשה אכסניה ליהודים שנקלעו לקוטנה לצורך ענינים שונים. במו ידיו שפת עבורם תה, והציע להם את המיטה. בלילות הצוננים, כשבחוץ היו שורקות רוחות שלג, היה ניגש לכל מיטה כדי להיווכח אם חם לו, לאורח.

כאן גם התפלל ר' שלמה בעכלער, אבי, סוחר נאמן וחסיד אמיתי. ביתנו שימש בית ועד לחסידים. בסתם לילה־של־חול היו מתכנסים לעתים כמה חסידים והיו מסתודדים בחשאי על פלוני שירד מנכסיו, ועל האמצעים שיש לנקוט כדי לשקמו מחדש, דרך כבוד. ואילו בחגים, בייחוד בשמחת תורה, פורים ופסח, נפתח הבית לרווחה בפני כל. המוני חסידים התפרצו אל הדירה, מריקים כל שהיה בארונות ובמטבח ואחרי שהטיבו את לבם במשקה החביב על חסידי גור — פונטש חם — היו יוצאים בריקוד שזיעזע את סיפי הבית וקולות הזמרה והשירה הדהדו בחצות הלילה על פני „הככר הישנה" (דער אַלטער מאַרק) והכניסו מעט שמחה בלב היהודים שהתעוררו משנתם העמוקה.

בבית החסידים דגור התפלל ר' אברהם אורנר, איש מצניע־לכת. אחד עשר בנים ובת אחת ילדה לו אשתו. הדירה לא היתה מרווחת, אך מעולם לא היתה צרה לאורח. אצלו התארחו שני המלמדים מזשיכלין — ר' אשר ור' גרשון. כיצד מצאו הם שם איכסון — חידה היא שלא נוכל לפענחה.

ר' אברהם אורנר היה מזכיר אגודת הסוחרים. אליו באו הסוחרים הזעירים לתנות את לבם. לא פעם הוציא מכיסו את הזהובים האחרונים שלו כדי לשלם מסים עבור אחד הסוחרים שהאוצר הפולני עיקל את רכושו. מה תימא, אם בעצמו ירד בסוף מנכסיו?

בזכרוני צפה ועולה דמות חסידית משרידי בית קוצק — ר' שלום קרונזילבר. גבה־קומה היה ורחב־כתפים. מצחו, רחב ובהיר, בעל הדרת פנים וזקן לבן־ארוך, כצבע כסף ירד לו על־פי מידותיו. בבית החסידים נתיחד לו לר' שלום מקום כבוד בכותל המזרח ליד העמוד. למרות זקנותו המופלגת לא נס ליחו. ידוע היה בחריפות־מוחו ולשונו היתה חדה כתער. תמיד מהורהר וארשת של רצינות נסוכה על פניו, אולם איש זה ידע להצפין את הרצינות והרהוריו תחת מסוה של שובבות. יום־הכיפורים, בין תפילת מוסף לנעילה היה שר שירים רוסיים שאת תוכנם לא הבנתי; אך יודע אני, שנפשם של הצמים היתה מתרוממת על ידם.

עוד בית נוסף היה לעדת גור, מיוחד לאברכים צעירים, הסמוכים על שולחן חותנם או שלא מכבר עמדו ברשות עצמם. כלל גדול היה בגור — צעירים אינם מתערבים בזקנים. אולם כאן, ב„שטיבל" של אברכים־חסידים, הלהט הוא אחר, החיים החסי־דיים הם אינטנסיביים יותר. האברכים היו שוהים בגור יותר מאשר בקוטנה. כל אחד מהם — או שהיה לפני הנסיעה לגור, או לאחריה, או בין נסיעה לנסיעה. בחג השבועות ובראש־השנה, נסגר כליל בית החסידים הזה. הכל נסעו לרבי. החיים החסידיים היו כאן שלמים. היו סעודות בצוותא שהעמיקו את הידידות בין החסידים והגבירו את הקירבה ביניהם.

בכל מוצאי־שבת עת רחובותיה של קוטנה וככרה החדש (דער נייער מאַרק) היו מלאים זוגות מטיילים, היו מפלסים לעצמם דרך, אברכי משי לבושים בגדי־שבת ושטריימלים, כשבידם צלחות וסירים. הם מיהרו אז לסעודת מלווה־מלכה המשותפת. כל אחד הביא עמו שיירים שנשתיירו ממאכלי השבת, זה הביא פרוסת חלה וזה חתיכת דג, זה הביא כרעי תרנגולת וזה בקבוק י"ש. ור' ישראל ראק, המנצח על החבורה היה אוסף את השיירים, עירבב אותם בצלחת אחת, ומעמידה באמצע השולחן. כל אחד מהמסובים חטף ממנה כזית או כביצה. שרו „איש חסיד היה" ולא יצאה שעה ארוכה וברחוב הראשי נישאו הדי מרשים עליזים — נוסח גור!

*

צנוע יותר בהיקף היה בית החסידים דאלכסנדר. חסידי אלכסנדר וגור היו צרוהים אלה לאלה וכמעט שלא היה מגע ביניהם. רוחם של חסידי אלכסנדר היתה פחות מיליטנטית. הילוכם היה שקט יותר. גם כאן רישרשו בשבתות קפוטות של משי ואטלס, אך עם זאת היו אלה נעימי הליכות. ר' ירחמיאל

שוחט ור׳ איסר וישינסקי היו יהודים שדבקו בתורה ובחסידות, אך לא שאפו להטיל את מרותם על הצבור. חסידי אלכסנדר מצאו אפילו שפה משותפת עם המחנה הציוני בעיר.

חסיד אחד התבלט בבית חסידים זה, והוא ר׳ יצחק קוביץ. למדן מופלג בש״ס ופוסקים. בקי, חריף ושנון מוח. בלמדנותו הטיל אימה על חסידי גור. „את ר׳ יצחק אי אפשר לבטל במחי יד״. בגלל שנינותו ופקחותו נעשה ליד ימינו של הרב. בנו הבכור של ר׳ יצחק היה בין החלוצים הראשונים שעלו לארץ־ישראל באמצע שנות העשרים.

חסידי סקירניביץ לא רבים היו במספר, אך הם קנו את עולמם הודות למסירות שגילו זה לזה. רוח משפחתית היתה שרויה בקרב עדה זו. איש לא הסתיר בפני רעהו דבר. צרתו של אחד היתה צרת כולם ושמחת הפרט היתה שמחת הכלל. הם לא הרקיעו שחקים. אורחותיהם היו פשוטות. אהבת ישראל פשוטה וכבוד אדם — היו התכונות שאיפיינו את החסידים לבית וורקי. הם התרחקו מהקלחת הפוליטית. עיקר דאגתם היתה נתונה לחנוך ילדיהם כיהודים ט ו ב י ם וכיראי שמים.

צר היה בית החסידים שלהם. הגביר ר׳ יעקב ברומברג הקצה להם חדר צר בבית החומה הגדול שלו. אך חדר קטן זה תוכו היה אהבה, אחוה, שלום וריעות.

טיפוסי לחסידי סקרניביץ היתה דמותו של השוחט ר׳ שלמה הוכגילרנטר. ציינו אותו התכונות של הרביים ר׳ משה ליב מסא־סוב ור׳ דוד מלילוב, שהיו מתחפשים לאכרים והכתיפו על כת־פיהם אלומות תבן בשביל אשה חולה. ר׳ שלמה שימש כתובת לכל כושל ודך. הוא דאג לצרכיו הארציים של יהודי, שהיה נתון במצוקה חומרית. את כולם הוא כיבד — לכן כיבדוהו כולם.

לעדת סקירניביץ השתייך גם ר׳ אהרון שלמה אלברג. הוא היה הנון־קונפורמיסט שבמחנה החסידים. אופקו היה רחב יותר מיתר חבריו, לכן גם בעומדו בתוך המחנה, דומה היה כאילו ניצב הוא מחוצה לו. היה לוהט כולו באהבת ארץ־ישראל וחדור רגש לאומי בלתי־מצוי.

ר׳ אהרון שלמה, בדומה לר׳ לייבל מאמלוק ראה את עצמו כנטע זר בעיר. בעוד רגליו דורכות ברחובות העיר, רוחו מרחפת במקום אחר. רק הבדל אחד הבדיל בין שניהם. שעה שר׳ לייבל ביקש שמים אחרים מעל ראשו, חיפש ר׳ אהרון־שלמה גם אדמה אחרת תחת רגליו — אדמת מולדת שלו. לכן היה חביב עליו הרצל כמו רבי חסידי. אין פלא, איפוא, שהחסידים — פרט לחסידי סקירניביץ — התיחסו אמנם אל ר׳ אהרון־שלמה בדרך־ארץ, אך כחסיד לא הכירו בו. מן הראוי להזכיר את ר׳ דוד מוטל ז״ל ובנו ר׳ זליג יבל״ח, דמויות אציליות שהעניקו מזיוום על העדה הקטנה אך מובחרת זו.

בבית חסידים לעדת סקירניביץ נתתי בפני חברים ותלמי־דים את השעור הראשון בתלמוד לפני שעזבתי את העיר ופני לארץ־ישראל.

*

בית־הכנסת ובבית־המדרש היה הרב ר׳ יצחק יהודה טרונק בעל הסמכות היחיד אך החסידים לא היו נתונים למרותו. מקור יניקתם לא בעירם היתה, הסמכות שעיצבה את אורח־חייהם שכנה במקום אחר, בגור, באלכסנדר, בסקירניביץ.

ממרחק הזמן נראה כי החסידים עשו עוול לאישיותו של הרב. ר׳ יצחק יהודה, נכדו של הגאון ר׳ יהושעלי, היה אריסטוקרט רוחני. הוא היה משכמו ומעלה מכל בני עירו. ולא מהם בלבד. הוא לא היה מוכן להם כלל. בנעורי זכיתי להיות אחד מתלמידיו. השתתפתי בקביעות בשעוריו, בקרתיו בביתו ועמדתי על ידיעו־תיו העמוקות בתלמוד (ספרו „ישועות מלכו״, הינו אחד מהספרים העמוקים ביותר בספרות התלמודית). תהום היתה רובצת בין עולמו של מנהיג זה ובין עולמם של הסוחרים והחסידים כאחד.

נמשכתי אל דמותו של הרב עוד כשהייתי עול ימים ואחד הדפים מאותם הימים יסופר להלן.

הדבר קרה לפני ארבעים שנה ויותר. היהדיות (ידישקייט) עמדה אז בשיפולי השקיעה. שיני הזמן החלו לכרסם את החומה שהפרידה בין העולם היהודי ובין העולם הנכרי. רוחות הקידמה וסיסמאותיה גרפו את הנוער היהודי בזרם אדיר. התנועות הסוציאליסטיות והציוניות מוטטו יסודות. הכל עמד בסימן של מרד נגד העבר. נשמעו זמירות חדשות ושמות חדשים: פרץ, אש, צייטלין, סעגלוביץ׳, ביאליק ובר בורוכוב. כוחות הנעורים פרצו באון. באותו הזמן נתכנסו לקוטנה הרבנים מהמחוז כדי לסכם עצה כיצד לעצור בעד בריחתו של הנוער מיהדות. הכינוס היה בבית תלמוד־תורה שבחצר בית־המדרש ונכחו בו כמאה רבנים. נושאי הדיונים נשמטו מזכרוני. כנראה שגם לא הבנתי את משמעותם. אך וויכוח אחד נשאר חרות היטב במוחי, היה זה הוויכוח בין הרב מקוטנה והרב מאוזרקוב. דברי הרב שלנו נאמרו בשקט, וניתח בהגיון את פגעי הדור באומרו, כי אם הרב יעסוק בשיפור ושליא הוא יאבד את השליטה ברחוב היהודי. תוך כדי דיבור הפליט הרב את המשפט הזה: „איך בין נישט קיין פופיק־רב. צו פיפקעס זענען דאָ דיינים! (אינני רב של קורקבנים, לפסיקה בשאלות כשר־טריפה ישנם דיינים). פליטת פה זו ירדה כמהלומה על ראשי הרבנים נשואי־הפנים. אז קם הרב מאוזרקוב וקרא לעבר הרב טרונק: קוטנער רב! דער פופיק איז אונדזער שטאָלץ, מיר האָבן אַוועקגעגעבן אונדזערע בעסטע יאָרן צו לערנען דעם פופיק (גאים אנו על הקורקבן, לו מסרנו מיטב שנותינו, לדעת מה כשר ומה טרף).

כאמור, זה היה לפני ארבעים שנה ויותר. ברם אם החסידים הסתייגו מרבה של העיר הרי הערכתם לסבו ר׳ יהושעלי היתה עמוקה ולזכרו התיחסו במלוא יראת הכבוד.

סיפר ר׳ מאיר זנדברג: פעם באו לקוטנה אל ר׳ יהושעלע, שני אברכים מוורשה עיר הבירה. הציגו את עצמם כשליחים מישיבה מפורסמת. הישיבה — אמרו — מצבה החמרי בכי רע והם אינם אלא שליחי הצלה. בקשתם מרבה של קוטנה לעזור להם באיסוף כספים. רבי יהושעלע כינס מיד את פרנסי העיר והטיל עליהם לצאת לרחוב ולדפוק על דלתי נדיבים. לא יצאה שעה קלה והם שבו אל הרב ובשמחה הודיעו שהשכילו תוך זמן קצר לאסוף את הדרוש. רבי יהושעלי הרהר מעט, ופקד על השמש לקרוא מיד את שני האברכים. בהיותם לבדם בחדר אמר להם רבי יאושעלי: גוזרני עליכם שתגידו לי את האמת — מי אתם?! תקפה עליהם גערת הרב, ומתוך דחילו ורעדה הודו שהם אינם אלא שליחים של מסדר מיסיונרי בוורשה.

הדבר התפרסם מיד בעיר וכולם ראו בכך נס, רוח הקודש. ואילו רבי יהושעלי קרא את פרנסי העדה ואמר להם: יודע אני מנסיוני מה רבים הם המכשולים הנערמים בדרך לקיום מצווה. אילו הכסף היה מיועד לתורה לא היה נאסף בקלות כל כך. אך כיוון שסיפרתם, שהשכלתם לאסוף סכום כה גדול תוך זמן קצר, ידעתי שאין זה אלא לצורך עבירה. מעשה היצר היה בדבר ואת ההצלחה יש לזקוף על חשבונו. לכו והחזירו לכל אחד את הסכום שקבלתם.

יהודים יקרים אלה אינעם עוד. הכל נמחה מעל פני האדמה. נשמותיהם הטהורות מרחפות בתבל ואת עפרם פיזר הרוח על שדות ונהרות. הפאר נעשה לאפר.

המשורר ביירון אמר:

לצפור יש קן
לחיה — מאורה
לאדם — בית
וליהודי — בית העלמין.

ולא חזה המשורר, כי יבואו ימים, שלא יהיה ליהודי אף בית־עלמין.

אלף שנים היינו בגלות פולין וביתנו שם היה לקברנו.

ה׳ ינקום דמם של קדושינו!

דער חדר יסודי־תורה

גרשון פּאָגעל
ניו־יאָרק

מיין יונג פאַרשניטענעם פאָטער
דעם ראש־ישיבה יצחק מאיר פּאָגעל
וואָס דער אָנדענק פון זיין קרישטאָל־ריינע פערזענלעכקייט —
האָט מיין מאַמע ווי אַ נר־תמיד געהאַלטן
פאַר די פאַריתומטע קינדער —
לזכרון עולם געווידמעט.

אין אוצר פון יידישע אגדות געפינט זיך אַ ווונדערלעכע מעשה, ווי גאָט האָט פאַרן געבן יידן די תורה, געפאָדערט פון משה רבינו אַ גאַראַנטיע, אַז די תורה וועט דורך דעם פאָלק אָפּגעהיט ווערן. משה האָט געפּרוּווט אָנגעבן אין ערבות די אָבות, נאָך דעם — זיך, ווי דעם פירער פון פאָלק, אָבער השי״ת האָט אים געענטפערט: „איך וויל נישט דיך און נישט די אָבות (אין אני רוצה בך ולא באבות הקדושים... [מדרש תנחומא]). דעמאָלט האָט משה דערקלערט: „הבנים יערבו״; („די קינדער פון אונדזער פאָלק וועלן די גאַראַנטיע זיין!״).

סאַראַ טיפער און באַלערנדיקער אמת שטעקט אין דער אגדתא; ווי וויכטיק עס זאָל נישט זיין די רומרייכע פאַרגאַנגענהייט, ווי וואָגיק עס איז נישט די ראָל פון גלאָררייכע פירער, דאָך — נישט אין דעם ליגט די יסודותדיקע גאַראַנטיע פאַר דער ווייטערדיקער פאָלקס־עקזיסטענץ; נאָר אין דעם מדריך זיין די צוקונפטיקע דורות, אין דער טעגלעכער אָנשטרענגונג צו פירן די אייגענע קינדער אויף די היסטאָרישע שליאַכן — אין דעם ליגט באַהאַלטן דער מיסטישער סוד פון קיום האומה.

ווי אַ ווונדערלעכער מוסטער פון דער לערע, וועט פאַר אונדז שטענדיק בלייבן דאָס פאַרשניטענע פּוילישע יידנטום. אויך אונדזער חרוב־געוואָרענע קהילה פון קוטנע האָט זיך אויסגעצייכנט אויף דעם געביט.

דער כאַאָטיש צעשטורעמטער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט, האָט מיט צעשטערערישער און פאַרפירערישער קראַפט געריסן די מויערן און פעסטונגען פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט. ווי פּאַספּאַר־פייערלעך, וואָס לאָקן בלאָנדזשענדיקע וואַנדערער, אַזוי האָבן פרעמדע און פיינדלעכע אידעאַלן אַריינגעבליצט אין דער יידישער מחנה, באַדראָענדיק די איינהייט און דעם קיום פון אונדזער פאָלק, די גאַנצקייט פון דער יידישער היים און זיין פאַמיליע־לעבן, געזייט דעזאָריענטאַציע אין זיין שווערן היינט און געשפּרייט דראָענדיקע שאָטנס פון אַ צווייפלהאַפטן מאָרגן.

דאָס דורותדיק־אויסגעפּרוּווטע פאַרהיטונגס־מיטל קעגן די דעסטרוקטיווע כוחות, האָט געקאָנט זיין אַ פעסט־דיסציפּלינירטער דערציאונגס־סיסטעם, דאָס שאַפן אַ בעטאָנענע שוץ־מויער אַרום די נשמות פון די תינוקות של בית רבן, אָפּצוהיטן דעם יונגן דור פון קינדוויז אָן פון פאַרסמטע איינפלוסן, פון פאַלשע אילוזיעס און פאָלקס־פיינטלעכע אידעאַלן, פאַרפאַנצערן אים מיט די אייביקע יידישע אמתן אין מיטן פון דער צעשטורעמטער, רעלאַטיווער וועלט.

דער חדר יסודי־התורה אין אונדזער שטאָט איז געווען אַ געוואַגטער פאַרמעסט פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס אין דער דאָזיקער ריכטונג.

אין מיטן פון די דראָענדיקע כוואַליעס פון עקאָנאָמישן געראַנגל, אויפן פאָן פון אַ שטייגנדיקער מאַטעריעלער נויט, געפּלאָגט פון טעגלעכע זאָרגן, פאַרפאָלגט פון אַנטיסעמיטישע רדיפות און כוליגאַנישע איבערפאַלן, האָבן זיי באַוויזן אויפצובויען אַ שטאָלצע פעסטונג, וואָס האָט ווי אַ לייכט־טורעם זיך אַרויסגעהויבן פונעם גרויען אינדזל פון וואָכעדיקן לעבן, און צווישן זיינע שיצנדיקע ווענט געפורעמט די צאַרטע נשמות פון דעם ערובניק פאַרן יידישן קיום; די מוחות און הערצער פון יידישן קינד.

דער חדר יסודי־התורה, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן — די ישיבה, איז פאַקטיש געווען אַ גרויסער פּעדאַגאָגישער איבערברוך אין אַלטן דערציאונגס־סיסטעם. געדענקען מיר דאָך דעם אַמאָליקן טיפּ חדר, די געשטאַלט פון אַ בייזן אָדער קרענקלעכן מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט תלמידים פון פאַרשידענעם עלטער, אין אַ שטוב, וואָס האָט געדינט פאַר אַלערליי צוועקן, מיט דער באַגלייטנדיקער געשטאַלט פון אַ בייזער יידענע, דעם רבינס פאַרביטערטע ווייב; דער דאָזיקער חדר איז געוואָרן דאָס צילברעט פאַר אַלע משכּילישע פיילן, פון אַלע די, וואָס האָבן הינטער דער פּסעוודאָ־פּעדאַגאָגישער קריטיק פון דער פעלערהאַפטער פאָרעם געזוכט צו צעשטערן דעם ווערטפולן אינהאַלט — די תורה־דערציאונג פון יידישן קינד.

אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן נישט געלייענט די ביכער פון מאָדערנע פּעדאַגאָגן, אָבער מיט דער גרינדונג פון אַ חדר יסודי־התורה, האָבן זיי פאַקטיש אַדורכגעפירט אַ פּעדאַגאָגישע רעוואָלוציע, איבערבויענדיק דעם גאַנצן אויסערלעכן סיסטעם פון דערציאונגס־וועזן, געבנדיק המשך און נייעם שווונג דעם ווערטפולן תוך: דער טראַדיציאָנעלער דערציאונג פון יונגן דור.

באַטראַכטנדיק היינט, רעטראָספּעקטיוו, ווי אַזוי אונדזערע נישט־„מאָדערנע״ עלטערן האָבן באַוויזן אַדורכצופירן אַזאַ מאָדערניזירונג פון חדר־סיסטעם, שווימען אַרויף פילזאָגנדיקע מחשבות: ווער ווייס וויפל פאַרעלטערטע פאָרמען וואָלטן דורך טראַדיציאָנעלע יידן אַליין פאַרביטן געוואָרן, ווען די משכּילים און זייערע נאָכפאָלגער וואָלטן נישט געמאַכט זיי פאַר קאָמפּאָזיציעס און געשאַפן אויף אונדזער גייסטיקער טעריטאָריע אַ קריגערישן 38סטן פּאַראַלעל צווישן צוויי וועלטן!...


אויף אַ פּאָזיטיוון און שעפערישן אופן, האָט אַ גרופּע אידעאַליסטישע עסקנים, ראַדיקאַל געענדערט דעם אַזוי פיל קריטיקירטן חדר־טיפּ. אָנשטאָט איבערצולאָזן פאַרן איינצלנעם פּאַטער דאָס פּראָבלעם פון זוכן יעדן זמן אַ נייעם מלמד, אָנשטאָט דער פּריוואַטער לערן־שטוב מיט אַלע שאָטנדיקע באַגלייט־דערשיינונגען — האָט דער נייער סיסטעם צוגעשטעלט אַ שול־בנין, וואָס האָט צווישן אירע ווענט געלייזט דאָס יידישע דערציאונגס־פּראָבלעם. פון דרדקי־קינד ביז צום בחור, וואָס איז גרייט געווען, כמעט, פאַר היתר־הוראה, מיט אַ שטאַב פון מלמדים און ראשי־ישיבות, אַ מנהל און עסקנים, וואָס אַלע צוזאַמען און יעדער באַזונדער איז גרייט געווען אויף די גרעסטע פּערזענלעכע קרבנות, אויפצוהאַלטן און פאַרשטאַרקן די באַליבטע אינסטיטוציע.

ווי לעבעדיק און קאָלירפול שטייען פאַר מיינע אויגן די מלמדים אין זייערע כיתות. דער זיכרון טראָגט זיך אויף צוריק, דורך אָקעאַנען פון בלוט און בערג מיט קדושים, דורך רואינען פון היימען און חרובע הייזער... ווידער טויכן אויף באַקאַנטע געסלעך און צווישנשיידן, עס רוקט זיך אַרויס דער אומפאַרגעסלעכער בלאָק אויף דער סענאַטאָרסקע; פון פאָרנט די מאַיעסטעטישע שול־געביידע, מיט דעם ברייטן דורכגאַנג צווישן די אייזערנע מויערן, דעם שמאָלינקן טראָטואַר ביי דער לינקער זייט — דער פאַרפאַסטן פון די יידישקייט־בנינים.

ווי צו אַ לעגענדאַרן, ראָמאַנטישן שלאָס, פלעגן אונדזערע קינדערישע הערצער זיך ציען צו דער שול־געביידע. אירע גאָטיש־געשניצטע פענצטער־טורעמס, האָבן אין זומערדיקע פאַרנאַכטן געהייצט אונדזערע יינגלשע פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן

זיך געצונדן צוזאַמען מיט די זיך טוקנדיקע זון־שטראַלן. די צופאַלנדיקע נאכט־שאָטנס האָבן אונדז געשראָקן מיט די געשטאַלטן פון היימישע מתים, וואָס האָבן אין זייערע ווייסע כאַלאַטן זיך געשלײַכט צווישן אירע מאַסיווע ווענט... אין ווינטערדיקע נעכט פלעגן מיר פאַרבײַגייענדיק דעם שול־פּלאַץ, אויפן וועג פון חדר, מיט אַ פאַרטייעטן אָטעם זיך צוהערן צו דעם סקריפּענדיקן שניי אונטער אונדזערע טריט, און מיט געמאַכטער דרייסטקייט יאָגן די בײַנאַכטיקע פינצטערניש מיט אונדזערע צאַנקנדיקע לאַמטערנס. אויף אָפּשייד, האָבן מיר מיט דערלייכטערונג און דרך־ארץ איר צוגעווינטשן אַ גוטע נאַכט...

גלייך אַנטקעגן איבער די מאָלעריש־לאַנגע שול־פענצטער, האָט זיך אויסגעשפּרייט די גאַסטפרײַנדלעכע געבײַדע פון בית־המדרש. ברייטע און נידעריקע טרעפּ האָבן געפירט צו די רחבותדיק־צעעפנטע טירן.



חיים טיבר — תקיעת שופר • חיים טיבער — שופר־בלאָזן

דאָ, אינעווייניק, איז געווען דאָס אמתדיקע און איינציק אומפּאַרטייאישע פאָלקס־הויז פון קוטנער ייִדן־פאָלק. אויף שמאָלע בענק, ביי לאַנגע טישן, האָבן איידעלע בחורים מיט התלהבות זיך געשאָקלט איבער דיקע גמראס און ביי די אָנגעגליטע קאַכליעס פון די פּרימיטיווע פּיראָקיקע אויוונס, האָבן זיך געוואַרעמט די פּשוטע, אָרעמע, היימישע און צוגעפאָרענע אורחים. לעבן דעם אָרון קודש האָט דער הדרת־פּנימדיקער רב געלערנט זײַן חריפותדיקן שיעור, און ביים טישל לעבן כיור האָבן אורחי־פורחא געציילט זייערע געזאַמלטע גראָשנס און געגעסן זייער אָרעמאַנסקן מאָלצייט. פונעם מאַסיוון באַלעמער האָבן עקזאַלטירטע מגידים געהאַלטן שטראָפנדיקע דרשות, און ביים שמות־קאַסטן האָבן האַלב־אויפגעקלערטע יונגעלייט געפירט סקעפּטישע וויכוחים. פאַר זיי אַלעמען איז דער בית־המדרש געווען אַן אייגענער ווינקל און אַ וואַרעמע היים; רעכטס פון דעם אַרײַנגאַנג אין בית־המדרש, צווישן איר מזרחדיקע־וואַנט פון איין זייט און אַ ריי האַלב־געזונקענע כאַלופּעס פון דער צווייטער זייט, איז געווען דער דורכגאַנג צום חדר.

פון הינטן האָט זיך געטורעמט די צפונדיקע שול־וואַנט און פון פאָרנט איז געלעגן דער ברייטער, פּירעקיקער הויף מיט דעם אויסבליק צו די גרינע פעלדער פון די גויישע „דאָליסקעס", וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך דער לעצטער ייִדישער „פעסטונג" — די מקווה.

אָט דאָ איז עס געווען די „אימפּעריע" פון חדר. דאָ טומלען, אין די שעהן פון „פויזע"־הפסקה, קינדער פון יעדן עלטער; קליינע האַלב־פאַרוויינטע אלף־בית־לערנענדיקע און ווילד־שטיפּערישע חומש־ייִנגלעך. און פאַרחלומטע אין גמרא מיט מפרשים פאַרטראַכטע בחורים.

קינדער פון אַלע שטאַנדן און שיכטן פון האַרציקן קוטנער ייִדנטום; דאָ אויף דעם רחבותדיקן הויף צווישן דער שול און דער מקווה, אַרומגערינגלט מיטן בית־המדרש און הכנסת־אורחים, צווישן דעם צענדליק היימיש־פּשוטע ייִדישע פאַמיליעס מיט אַן איינציקן גוי ווי אַ סטרוזש, פילן זיך ייִדישע קינדער געזיכערט מיט אַלע זייערע שטיפערייען. נאָר ווען עטלעכע, גאָר געוואַגטע, לויפן אַדורך די לעצטע ייִדישע ליניע צום טייכל, טרעפט, נישט זעלטן, אַז מע קומט צוריק מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ. דאָס האָבן די פּוילישע שילער, וועמענס ריזיק־גרויסער שקאָלע בנין האָט זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון די מיט זון און גרינס באַגאָסענע פעלדער, נישט געקאָנט פאַרטראָגן די „חוצפּה" פון די ייִדישע חדר־ייִנגלעך, וועלכע האָבן געוואַגט צו געניסן פון די בשותפותדיקע לאָנקעס און היימישע בערגלעך.

איך זע פאַר זיך די מלמדים: דעם ברייטפּלייציקן דרדקי־מלמד, דוד לוסטמאַן; דעם צוגעלאָזענעם, ווייכהאַרציקן חומש־רבי משה־לייב גאָלדבערג; דעם משניות־ און גמרא־מלמד אריה גרשון קלינגבייל, אַ נידעריקער, מיט אַ לענגלעכער, גרויער באָרד, האָט ער אונדז קינדער פאַרוווּנדערט, טראָגנדיק אַ שווערן ווינטער־מאַנטל, שטענדיק פאַרוואָרפן אויף זײַנע קראַנקע פּלייצעס, באַקלאָגנדיק זיך אין די הייסע תמוז־טעג, אַז ס'איז אים קאַלט...

נאָך דעם קומען: די ראשי־ישיבות — דער הויכער, רירעווידיקער חיים־הערש הילער, וועלכער האָט דעם שווערסטן תוספות מסביר געווען מיט לומדישן שאַרפזין און יוגנטלעכער לייכטקייט. אין זומערדיקע אָוונטן פלעגט ער אויך לערנען מיט אונדז תנ"ך און מיט אַ האַרציק־פאַרבענקטער שטים האָט ער פאַר אונדז אויפגעלעבט די פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלטן פון די ביבלישע נביאים, געמאַכט אָפּקלינגען אין אונדזערע אויערן זייערע פייערדיקע שטראָף־רייד קעגן די ווידערשפּעניקע הערשער פון יהודה און שומרון; עס האָבן דאָ אויך געלערנט צוויי ראשי־ישיבות פון זשיכלין. פון זייערע שטעלעס זענען זיי טאַקע נישט בכוח געווען צו באַשפּייזן זייערע משפּחות, וואָס האָבן אין שכנותדיקן שטעטל חדשים לאַנג געוואַרט אויף די נישט־אויסגעצאָלטע פּענסיעס, דערפאַר אָבער האָבן זיי געשאַפן גייסטיקע שפּייז פאַר די תלמידים פון די העכסטע כיתות אין דער קוטנער ישיבה, איינקנעלנדיק מיט זיי די קאָמפּליצירטסטע סוגיות אין תלמוד און אין מפרשים; דער ערשטער, ר' אָשר מיינוואַלד, אַ ברייטבייניקער, שטאַלטנער ייִד, מיט אַ זאָרגפעליק געפלעגטער גראָלעכער באָרד, איז בטבע געווען אַ געלאַסענער, וואָס האָט נישט געמאַכט קיין איבעריקן טראָט, אָבער ביים לערנען פלעגט ער דווקא זיך אַוועקלאָזן מיט אונדז אויף די ווייטסטע שפּאַצירן, אַרײַנפירן אונדז צווישן די געדיכטענישן פון תלמודישע שקלא וטריאס, פאַרפּלעכטן אונדז אין געוועב פון פּלפּול און סתירות, בכדי דערנאָך מיט אַ זיגערישן שמייכל אין זײַנע גוטמוטיקע אויגן, אַרויספירן אונדז אויפן ברייטן, קעניגלעכן שליאַך פון קלאָרער הלכה. זײַן בן־עיר, דער קליינגעוויקסיקער, פאַרמרה־

שחורהטער ר׳ גרשון לענטשיצקי, איז געווען פּונקט דער קעגנזאַץ אין אויסזען און אין כאַראַקטער.

יעדער פון זיי האָט געגעבן זיין אייגנאַרטיקן קאָלאָריט און נוסח, אַלע צוזאַמען זענען זיי געווען דער פּעדאַגאָגישער שטאַב, וואָס האָט אויסגעפורעמט דעם ישיבה־בחורס נשמה, פון אַ קליין קינד ביז אַ רייפן בחור; זיי האָבן געגעבן אַן אומשטערבלעכן צושטייער צו דער געשטאַלטיקונג פון דער קוטנער יידישער יוגנט צווישן בידע וועלט־מלחמות.

ווי אַ פרעמדער אינדזל, אין מיטן פון לומדישן ים, האָט זיך געפונען די גרופּע לערער, וועלכע זענען געקומען אויף עטלעכע שעה אַ טאָג לערנען וועלטלעכע לימודים. דריי זענען זיי געווען: דער הויכער, שלאַנקער אַפּעלאָס, דער זון פון אַן אָרעמען יידישן טאָקער, וואָס האָט דורך זעלבסטבילדונג זיך דערוואָרבן אַ לערער־ראַנג, אָבער נישט געוואָרן אָפיציעל אָנערקענט דורכן פוילישן בילדונגס־קוראַטאָריום. שאַפּשעוויטש, אַן אייניקל פון אַ קוטנער דיין, וואָס האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו שאַפן דעם איינדרוק פון אַ געבוירענעם לעביונג. און דער דיקער, פעסלדיקער קלאַפּער, אַן אַסימילירטער ייד, וועלכער האָט זיך דערדינט צו דעם ראַנג פון אַ לייטער פון דער ייִדיש־פוילישער פאָלקסשול. דער לעצטער איז אויך געווען דער פירער פונעם דריילינג, וואָס איז געקומען ברענגען „בילדונג“ אין דער פעסטונג פון „פאַנאַטיזם“.

עס זענען פאַרבליבן אין זיכרון עפּיזאָדן, ווי די מלמדים, וועמען מען האָט אָפט חדשים נישט אויסגעצאָלט פּענסיעס, האָבן מיט פאַרביטערונג גערעדט וועגן דער „פּריווילעגירטער“ גרופּע, וועלכער מ׳האָט געמוזט, לויטן געזעץ, רעגולער צאָלן. אָבער אַפילו דער אָפּגעפרעמדטער דריילינג האָט זיך געפילט ווי אַ טייל פונעם חדר־סיסטעם און אָפט אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמען אינטערעס אינעם גאַנג פון חדר־לעבן. אויס סימפּאַטיע צו דער לאַגע פון די מלמדים, האָבן זיי אַפילו געפּרווט זיי אָרגאַניזירן און צורעדן צו אַ שטרייק, אַז מע זאָל זיי מוזן רעגולער צאָלן דעם לוין. זיי האָבן פשוט נישט באַנומען, פאַרוואָס די מלמדים ווילן פאַר קיין פאַל נישט איבעררייסן דאָס לערנען...

איין מאָל, בעת אַ ברודערל פון קלאַפּערן איז געווען ערנסט קראַנק, האָט ער דווקא פאַרלאַנגט, אַז מיר, די חדר־ייִנגלעך, זאָלן זאָגן קאָלעקטיוו תהילים פאַר זיין געזונט ווערן... און איז פול געווען מיט דאַנקבאַרקייט, נאָך דעם ווי זיין ברודער איז געזונט געוואָרן.

אין סאַמע שפּיץ פון דעם אַלעם, איז געשטאַנען דער מנהל.

אויף דעם פּאָסטן האָט זיך אַלע פאַר יאָר געפונען אַ צווייטער. דער ערשטער איז געווען אברהם באָמס, אַ ייד אַ האָרעפּאַשניק, וועלכער האָט נאָכן פאַרלאָזן דעם אַמט, זיך מפרנס געווען פון אַרוטראָגן מילך אין די שטובן. ער איז אויך שפּעטער געווען אַ טוער פון דער פּועלי אגודת ישראל. אים האָט פאַרטראָטן דער ענערגישער, סוחרישער, איטשע־מאיר זאַקליקאָווסקי, וועמענס פאַמיליע־צרות האָבן אָפּגעריסן פון דער אַרבעט. אויף זיין אָרט איז געקומען דוד־מלך קאָפּער פון גראָדזשיסק, אַן עלעגאַנטער, געפּוצטער יונגערמאַנטשיק, שטרענג און ענערגיש, האָט ער אויף אַלעם געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג. נאָך זיין צוריקפאָרן אַהיים, איז געוואָרן מנהל דער שטילער און באַשיידענער יחיאל ווענגראָווער. צום סאַמע סוף, ביז צום חורבן, איז געווען מנהל שלמה מאיר ליבערמאַן.

אַ גאָר גרויסע לאַסט איז געלעגן אויף די פּלייצעס פון די פרייוויליקע עסקנים, די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט פאַרן חדר. דאָס זענען געווען אַ גרופּע לומדים און כלל־טוער, וועלכע האָבן כסדר געזאָרגט פאַר דעם לעכערדיקן בודזשעט פון דער ישיבה, איבער וועלכער עס איז יעדן זמן געהאָנגען אַ פראַגעצייכן, צי זי וועט קאָנען ווידער געעפנט ווערן.

די שטוב פון מיין זיידן ר׳ לייבל מאַמלאָק ז״ל, איז אייביק געווען איינגעהילט אין די פּראָבלעמען און דאגות פון דער ישיבה־עקזיסטענץ. אין מיינע אויערן קלינגען נאָך די טענות פון די מלמדים, וואָס האָבן געפרעגט די האַרבע־פראַגע:

— ווי לאַנג קאָן מען דאָס די אייגענע ווייב שפּייזן מיט תירוצים אַנשטאָט מיט פרנסה? — דערביי הילפלאָז צעשפּרייט די הענט און אויסגערופן: — „אם אין קמח, אין תורה“, דאָס באַקלאָגן זיך, אַז „באו מים עד נפש“, ווייטער קאָן מען שוין נישט... און די מיט שטילן בטחון אויסגעפּילטע ענטפערס פון מיין זיידן, אַז גאָט וועט נישט פאַרלאָזן, קהל וועט פאָרט נישט לאָזן אונטערגיין דעם חדר און זיין אַפּעלירן, אַז דאָס לערנען זאָל, חלילה, נישט איבערגעריסן ווערן אויף קיין איין שעה...

אַ סך מאָל האָט עס אויסגעזען, אַז עס קומט דער סוף, אַז לענגער קאָן שוין די ישיבה נישט עקזיסטירן; אַלע מיטלען זענען אויסגעשעפּט, אַלע וועגן פאַרמאַכט.

פון וואַנען האָבן אַזעלכע יידן ווי אברהם פישל זאַנדבערג, שלמה מאיר ליבערמאַן, לייבל מאַמלאָק, מאיר זאַנדבערג, שלמה בעכלער און אַ סך אַנדערע, גענומען די כוחות און מיטלען, די ענערגיע און דעם בטחון אין יענע דחקות־טעג און שווערע יאָרן? דאָס איז אַ סוד, וועלכן זיי האָבן מיטגענומען אין זייערע קדושים־קברים! דער פאַקט איז, אַז דער חדר יסודי־התורה האָט עקזיסטירט און געטאָן זיין הייליקע אַרבעט ביז די לעצטע שעהן פאַרן חורבן.

*

איין געשעעניש איז פאַרבליבן אין מיין זכרון און שטאַרט אַרויס ווי אַ שטעכיקע פלאַנץ אין מיטן פון זוניק־גרינעם זכרונות־פעלד.

געווען איז דאָס אַן ערך אין די יאָרן 1925/6. אַ גרופּע פון „וועלטלעכע טוער“ האָבן באַשלאָסן, אַז דער חדר „יסודי התורה“



הכניסה הראשית לבית־הכנסת הגדול

הויפּט־אַריינגאַנג אין דער גרויסער שול

איז אַ פעסטונג פון רעאַקציע אין מיטן פונעם „פּראָגרעשריטענעם פוילן", און מען דאַרף זען צו באַזייטיקן די שטערונגען אויפן וועג פון יידישן „פּראָגרעס".

עס איז נישט כדאי אָנצורופן דאָ קיין נעמען. די מענטשן זענען אַליין געווען קרבנות, פאַרבלענדטע פון די פאַרפירערישע פּאָספּאָר־פייערלעך, וואָס דער עצם געדאַנק פון דעם חדר „יסודי התורה" איז געווען, אויסצוהיטן פון זיי די יידישע גאַס; זייער מאַרטירער־טויט פון דייטשישן עמלק ימ"ש, האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט אַלע קדושים. ווערט דאָ דעריבער דערמאָנט נאָר דער עפּיזאָד, ווי אַ באַלערנדיקער באַווייז ווּהין „מאָדערנער פאַנאַטיזם" קאָן דערפירן און פאַרפירן!

וואָלט עס זיך געהאַנדלט אין אַדורכפירן ענדערונגען אין חדר־סיסטעם, איינפירן מער צייט פאַר וועלטלעכע לימודים אד"גל, וואָלט עס געקאָנט זיין פאַרשטענדלעך, אָבער די האַק איז אויפגעהויבן געוואָרן אויף דער עצם עקזיסטענץ פון חדר.

די שטימונג דעמאָלט, ספּעציעל אויף דער יידישער גאַס, איז דאָך געווען אַ רעוואָלוציאָנערע, און דער שלאָג־לאָזונג פון דער צייט האָט געלויטעט: בכדי צו בויען דאָס נייע, מוז מען פריער צעשטערן, חרוב מאַכן דאָס עקזיסטירנדיקע... ווי מען האָט אין עקזאַלטאַציע ציטירט די באַרימט געוואָרענע שורות: „...און אויף די חורבות... וועלן שטאָלצע שפּאַנען, מיר די......"

איך געדענק אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג. דעם גאַנצן טאָג שוין איז דער מנהל (דעמאָלט, יחיאל ווענגראָווער) געווען אומרואיקגעשפּאַנט. איבער זיין פיין־פּאַרקעמטער, רויטלעכער באָרד, איז געלעגן אַ שאָטן פון טיפער זאָרג און אַן אומעט האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע יידישע אויגן. ער איז יענעם טאָג געווען אַזוי הילפלאָז צוגעלאָזן צו אונדז, ווי זוכנדיק אונדזער מיטהילף. די מלמדים זענען געווען שטאַרק צעטראָגן און אַלע מאָל זיך געסודעט. מיר, ישיבה־קינדער, האָבן גאָרנישט הנאה געהאַט פון דער לויז־געוואָרענער דיסציפּלין. עפּעס איז אונדז די פרייקייט נישט באַקומען. מיר האָבן געאַנט וועגן אַ געפאַר, וואָס לויערט אויף אַלץ און אַלעמען.

ווי גערן מיר זענען נישט געווען דערפאַר, אַז עס זאָל קומען אַן איבעררייס אין אונדזער טעגלעכער רוטין, האָבן מיר אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ צו ערנסטע זאַך און מיר האָבן געטיילט די שרעק און האָפענונג פון די דערוואַקסענע.

און אָט זענען זיי געקומען. איך זע אַזוי קלאָר די שלוססצענע: עס שטייט מיט אַ סטאָאישער רואיקייט דער פוילישער אינספּעקטאָר מיט אַ דינער, שוואַרצער טעקע אונטערן אָרעם. לעבן אים שטייט דער פאָרשטייער פון די „וועלטלעכע" און אַרגומענטירט עפּעס זייער שטאַרק. פאַר זיי, אָן אַ היטל, מיט אַ בלויזן קאַפּל אויפן קאָפּ, שטייט דער מנהל, אויסערלעך באַהערשט, איז ער אָבער אין גאַנצן אַדורכגענומען מיט יידישער ציטערניש. פון דער זייט שטייען די מלמדים. אויך מיר, די קינדער. און עס קלינגט אַזוי בולט אין מיינע אויערן דער ווייטער, מאָדנער דיאַלאָג: דער פאָרשטייער פון דער „וועלטלעכער" גרופּע קלערט אויף פאַרן גוישן אינספּעקטאָר, ווי שטיקנדיק עס זענען די ישיבה־ווענט, ווי מיטלאַלטערלעך עס איז דער גאַנצער סיסטעם, און אָנווייזנדיק אויף אַ ייִנגל (ער איז געווען דער עלטערער זון פון פריערדיקן מנהל: זאַקליקאָווסקי) באַווייזט ער דעם אינספּעקטאָר, אַז די בלאַסקייט פונעם קינד איז אַ רעזולטאַט פון דעם זיצן אַזוי פיל שעהן אין חדר, ווו עס פעלט זון און לופט, און אַז די ווענט פון דער ישיבה צאַפּן אויס דאָס בלוט פון די קינדער... דער מנהל, קוים באַהערשנדיק זיין פאַראַכטונג און צאָרן, באַמיט זיך צו דערקלערן דעם אינספּעקטאָר, אַז דאָס קינד איז זייער אַ געזונטס, נאָר ער איז בטבע אַזאַ בלאַסער.

מן־הסתם זענען דאָרט געווען נאָך גענוג רייד און קעגנרייד. געבליבן איז מיר דורך אַלע די יאָרן אין זיכרון נאָר דאָס פילזאָגנדיקע בילד, ווי אַ טראַדיציאָנעל־געקליידעטער ייד ווערט געצוווּנגען דורך זיין „וועלטלעכן" ברודער צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אַ גוישן קאָנטראָלער און צו באַווייזן, אַז צווישן די ווענט פון אַ יידישער אינסטיטוציע ווערט נישט געצאַפּט קיין בלוט פון אומשולדיקע קינדער...

דאָס קליינע גערער שטיבל

אברהם לוסטיגמאַן
תל־אביב

אונדזער שטאָט איז געווען געבענטשט מיט אַ סך חסידים, וואָס האָבן זיך גרופּירט אין דעם גרויסן גערער שטיבל, אין קליינעם גערער שטיבל, אין סאָכאַטשעווער, סקערניעוויצער, אַלעקסאַנדער, קאַרלינער, זגערזשער און אַנדערע שטיבלעך.

דאָס גרעסטע שטיבל איז טאַקע געווען דאָס „גרויסע גערער". שאַרפע חסידים האָבן דאָרט מתפלל געווען און געלערנט. חסידים מיט ברען, דביקות און התלהבות, מקפיד געווען אויף אַ קיצור של"ה יוד; פאַנאַטיקער, וועלכע פלעגן זיך אָפּט אַרומרייסן. דאַקעגן האָט אין קליינעם גערער שטיבל תמיד געהערשט אַן אידיליע. די חסידים פון דאָרטן זענען צווישן זיך געווען מער היימישער, אויך באַשייז'ענער, זיך געהאַלטן ווי אַן אייגענע משפחה. איינער האָט דעם צווייטן געהאָלפן אין אַ נויט. אין דער סביבה האָט תמיד געהערשט וואַרעמקייט און ליבשאַפט פון איינעם צום צווייטן.

דערוואַקסענע און יינגערע אין השומר הצעיר

אולם דווקא אז, בימי ההתנכלויות נגד היהודים התפתח ושגשג הקן. לנגד עינינו ניצב רעיון העליה לארץ־ישראל, הקיבוץ ועבודה. הרגשנו צורך לתת טעם כלשהו לחיינו בעיירה בתנאים העויינים בסביבתנו. הגדוד שלנו החליט על חיי שיתוף: יחד ביקרנו בקולנוע, בספריה, הרבה זמן בילינו בצוותא בכל מיני מסיבות. אולם הדבר לא ארך זמן רב. לפני האחד במאי נעצרנו על־ידי המשטרה בעת שישבנו בסרט „העולם־צוחק". פחד ובהלה אחזו את הורינו. בניהם ובנותיהם עצורים במשטרה! והרי הכל הכירו יפה את טבעם של שוטרי קוטנה אלה „אצילי־הרוח", המכבדים את האדם... מסביב לבניין המשטרה, ששכנה אז בפינת הרחובות נובי־רינק וסנקיביצ'ה, התקהלו אותו לילה הורים, קרובים, ידידים וסתם יהודים ופחד ניבט מעיניהם. מה יהיה? מה לעשות?

אולם אנחנו העצורים, שישים במספר, לא נבהלנו ולא פחדנו. כולנו כאיש אחד הכרזנו, כי חברי „השומר־הצעיר" אנו ואין לנו כל קשר לקומוניסטים. ציונים אנו ועינינו נשואות לארץ־ישראל. אכן, תנועת „השומר־הצעיר" נסכה בנו בטחון, גאים היינו ולא נבהלנו מהטלת פחד על־ידי השלטונות. והרי לביטחון וזקיפות קומה זקוקים היו אז כל היהודים. בערבים חששו יהודים לצאת לרחוב — שמא לא רצוי להיראות היום בחוץ, אולי חג לפולנים היום, אולי קיבלו היום את משכורתם וכבר ביזבזו את הכסף על י"ש ובטוב ליבם ביין ייטפלו ליהודים. הרי „סיבות" להרביץ ביהודים לעולם לא חסרו להם...

האווירה נעשתה מורעלת יותר ויותר. כל גוי הרגיש חובה „קדושה" להסית נגד היהודים. מדי פעם זכינו לביקורי סטודנטים מפוזנאן, שנשאו נאומים והסיתו נגד היהודים. עוד זכור לרבים מאתנו אותו יום שישי, יום קיץ חם ולוהט, עת התפשטה האזהרה מבית יהודי למשנהו „אל תקנו שמנת וחמאה בשוק — האנדקים הרעילו את כל תוצרת החלב" והנשים היהודיות יצאו אותו ערב שבת לשוק, קנו רק עופות ודברי חלב לא באו אז אל פיהם. העגלונים היהודיים התארגנו לשמירה לילית על היהודים ובתיהם, ובחורים צעירים נשאו בכיסם אגרופני ברזל.

הימים קדרו, המתיחות גברה, חסר אוויר לנשימה, ואנו התרכזנו סביב הקן שלנו, שבאותם הימים נהרו אליו רבים. בין כתלי הקן ביקשנו תשובה ופתרון לעתיד חיינו. כולם ביקשו לעלות, גם ההורים לחצו לעלייה בכל הדרכים, אם בסרטיפיקאט ואם בעלייה ב', אך שערי ארץ־ישראל היו נעולים.

„אנו עולים ארצה" — שרנו בערבי הקיץ החמים, ולרגע קט דימית, כי אכן עלה נעלה, כולנו, כל צעירי העיר. אך היה זה רק חלום.

סערת הדמים והמוות התקרבה במהירות והרסה את בית־ישראל על יושביו.

דף מזהיר בתולדות הנוער היהודי בקוטנה

נפתלי קרול
בית־אלפא

קן „השומר־הצעיר" בקוטנה הינו אחד הקנים הוותיקים בפולין. קרוב לוודאי שהוא נוסד בשנות מלחמת העולם הראשונה, על־ידי האחים טורונצ'יק מלודז'. בתקופה ההיא נשא הקן אופי צופי מובהק, והתמסר ללימוד השפה העברית וידיעת הארץ. עם הווסדו זכה מיד להד בקרב הנוער היהודי המקומי, שכן חן נעורים נסוך היה עליו. הודות לפעולתו החינוכית ונאמנותו לערכי הציונות, זכה הקן לאהדה כללית בציבוריות היהודית. זמן ממושך הוא נשא את שמה של הסתדרות הצופים או סניף להפצת תרבות שע"י ההסתדרות הציונית. בתקופה ההיא נעזר הקן ע"י ועד הורים של חבריו. הקן מורכב היה ברובו מהנוער הלומד של שני בתי־הספר שבעיר: מתלמידי ביה"ס „עם הספר" ומתלמידי הגימנסיה הפולנית. אני וחברי הצטרפנו לקן אחרי שיחה עם ראש הקן דאז יעקב ריפתין.

נוסף ליסוד האמוציונאלי שהיה בהצטרפותנו לקן פעם בנו גם הרצון להבליט את השוני שציין אותנו, ע"י פעילות למען העם ולהיות מופת לאחרים. התנועה שימשה לנו כר נרחב לפעילות חברתית — ובמרוצת הזמן עם גיבושה הרעיוני כתנועת נוער יהודית המחנכת את חבריה לנאמנות לאומית והשואפת לחברה המבוססת על אדני צדק ושוויון, בה הקיבוץ משמש מופת לחיים האלה — ראינו בתנועה אתגר למציאות הקודרת של חיי היהודים בעיירות פולין. ואכן כזאת היתה המציאות. גלי האנטי־שמיות החלו לגאות, וקומתו של היהודי שחה. רבים היו הפתרונות למצוקת החיים שמפלגות לא־ציוניות העלו בפני הציבור היהודי. ובהקשיבי לוויכוחים שניהלו ה„בונד" והקומוניסטים שנערכו גם בביתנו (אחי השתייכו למפלגות האלה), ידעתי כי במפלגות אלה לא אמצא את דרכי ולא את הדרך לתקומת עמנו.

פעולות הקן

משלוש שכבות גיל היה מורכב הקן: „כפירים" — נערים ונערות עד גיל 15; „צופים" — עד גיל 16־17 ובוגרים. פעלנו בתנאים לא נוחים. לא עמד לרשותנו מועדון קבוע והיינו נאלצים לנדוד ממקום למקום. הפעולה ההשכלתית התנהלה בהתאם לגיל. לימוד השפה העברית, תולדות תנועת הפועלים וההתישבות בארץ. נערכו בירורים על נושאים שונים, כגון: יחסינו למפלגות אחרות, הגולה וארץ־ישראל, מקומנו בתנועת הפועלים הבינלאומית וכו'. אולם עיקרו של החינוך היתה השאיפה לחינוך עצמי, להגשמה אישית ולהתחדשות האדם והחברה.

אחת הפעולות העיקריות של הקן היה ארגון „מושבות קיץ" לכל חברי הקן. כבר בשנת 1925 נערכו שלוש „מושבות קיץ" כאלה של גליל קוטנה־ולוצלאבק עליו נמנו הקנים: קוטנה, ולוצלאבק, ז'יכלין גומבין ופלוצק. בראש הנהגת הגליל עמד הח' יעקב ריפתין.

מושבות־הקיץ אורגנו לשם חינוך ליתר עצמאות, לחיי צוותא של הנוער מן העיירות הסמוכות, להתקרבות לטבע והכרתו ולפעולות תרבותיות מרוכזות. כמובן, שהיינו מעונינים במכסימום ההשתתפות של החניכים במושבות, אך לא קל היה הדבר. עקב חששותיהם של ההורים לגורל ילדיהם צריך היה להשקיע מרץ רב כדי לשכנע את ההורים להרשות לבניהם לצאת למושבות קיץ אלה.

הקן אף נטל חלק בפעולות ציבוריות כלליות ומוניטין יצאו לקן עקב התמסרותו לפעולות קרן־הקימת, בהן תמיד זכינו לתפוס המקום הראשון. כמו־כן השתתפנו בהפצת „השקל הציוני" ובליגה למען ארץ־ישראל העובדת. בשנות השלושים ניהלנו את פעולות סניף „החלוץ" בעירנו והטבענו את חותמנו על כל פעולותיו.

עם התבגרותם של חברי הקן הגיעה העת לצאת ל„הכשרה", כלומר להכשיר עצמנו לעלייה ולחיי קיבוץ. כבר בשנת 1926 יצאה קבוצת חברים ראשונה להכשרה בקישלניצה הסמוכה ללומז'ה ובמרוצת השנים יצאו חברינו לנקודות ההכשרה ברדום, קילצה, צ'נסטוחובה ואחרות. רבה היתה הברכה בתקופת ההכשרה,

שכן כך נתגבשו גופים חברתיים אשר היוו הנושא העיקרי בהקמת קיבוצים בארץ־ישראל וכך הסתגלו לעבודה פיזית שרובם לא התנסו בה מעולם.

על סף הקץ

הקן ידע תקופות של גאות ושפל בפעולתו. שערי הארץ היו נעולים. התקווה לעלייה מהירה — קלושה ושנים רבות צריך היה לשהות בהכשרה. שכבת הבוגרים בקן הצטמצמה ולא היה מי שיוכל להתמודד עם הרעיונות הנפסדים של ה„בונד" והשמאל הקיצוני אשר סתמו את הגולל על התנועה הציונית. כזה היה מצבו של הקן בשנים 1935—36 שמנה אז יותר מ־200 חניכים שמדריכיו היו חברי ההכשרה השומרית בקוטנה (פודלסיה א'). לאחר זמן קצר נצטמצם מספר החברים ל־150. חלק מגדוד הבוגרים לא יצא להכשרה ונחשב כעוזב את התנועה.

עם הכיבוש הנאצי החל הקן להתארגן מחדש. בדו"חות שנשלחו מהקן להנהגה הראשית על־ידי דב טרשמיל (שניים מהם שמורים במכון רינגלבלום ופוטוסטאטים ב„יד ושם") כותב הח' עזריאל מרוז (כיום חבר קבוץ גזית) בקיץ שנת 1939: „למרות המתיחות ששררה בעיר וריח המלחמה שהורגש באוויר, פעל הקן כתמיד. במיוחד פעילות היו שכבת „הצופים", „צופים־בוגרים" ו„בוגרים". בגלל חוסר מועדון לא היתה פעילות בשכבות הצעירות. ביולי יצאה שכבת „צופים" למושבת־קיץ בדוברז'ין שעל נהר וייסל. לאחר שבועיים פוזרה המושבה בפקודת השלטונות בנימוק של הפרעת הסדר הציבורי: לאחר שובנו הביתה התברר שכל יתר המושבות פוזרו מטעמי בטחון. שכבת הצופים־הבוגרים כבר לא יצאה למושבת־קיץ, אך הקן המשיך לפעול ופעולותיו נערכו בגנים הציבוריים עד ל־1 בספטמבר 1939. לאחר פרוץ המלחמה התקיימו פגישות בודדות של חברים ואחת מהן היתה — עזרה לפליטים — לחברי התנועה שברחו מבידגושץ', ולוצלאבק, טורון פוזנאן שהיו בדרכם לווארשה.

„ב־16 בספטמבר נפלה העיר בידי הגרמנים. נפסקו הפגישות, ולאחר התארגנות־מה חידשנו שוב את הפגישות. עיקר הפעולה היתה כיצד להסתיר את מעט הרכוש של הקן. בפגישה עם דב טרשמיל ועם חברי שכבת הצופים הוחלט להחביא את דגלי הקן וגדודי הצופים ואילו את החוברות בעברית ובפולנית לשרוף.

„עם גידול הזרם מזרחה עזבו רוב חברי התנועה את העיר ובמיוחד עזבוה השכבות הבוגרות וביניהם גם אני".

החלום על מחר חדש

לדברים אלה מוסיפה הח' צפורה מרוז (קיבוץ גזית) שהיתה אז חניכה צעירה בקן: „לאחר שכל שכבת הבוגרים ברחה מזרחה נשארנו אנו הצעירים ללא כל הדרכה. היינו אובדי עצות ולא ידענו מה לעשות. מדי פעם, עת הנסיבות הניחו לנו, היינו נפגשים ומעלים זכרונות. חיינו בתקווה שהכל יחלוף מהר, חברינו ישובו הביתה וחיי התנועה יחודשו. בטוחתני, כי אילו היו נשארים כמה חברים משכבת הבוגרים ודאי היינו ממשיכים בפעולות בהתאם לתנאים שנוצרו בימים ההם.

כך עבר עלינו הקיץ מלא דאגות וגזרות שגזרו הגרמנים עלינו.

„בקיץ שנת 1940 ניתנה הפקודה לעזוב את בתינו ולעבור לגיטו. אין בכוחי לתאר את הגיטו על זוועותיו ותנאיו המחרידים, אף־על־פי־כן חיפשנו איש את רעהו והיינו אף נפגשים יחדיו. הפגישות היו צורך חיוני פנימי של כולנו, כדי להימלט לרגע קט מתנאי הגיהינום להעלאת זכרונות מימים עברו. לעתים קראנו ספרים וחלמנו על מחר אחר. אפילו לשיר אסור היה לנו, שמא יגלו אותנו, ומי כמונו ידע מה רב כוחה של השירה בצוותא לעזור לאדם ביגונו ועצבונו.

„הפגישות שהתקיימו על אחת הגבעות שבתוך הגיטו ידועות היו לחברינו בלבד. היינו מציבים שומרים מפחד השוטרים העלולים היו לגלותנו, והרי הם עשו הכל לדכא כל ניצוץ של אירגון. ולמרות שלא נעלמה מאתנו הסכנה הכרוכה שבפגישות אלה, הרגשנו בהן צורך עז לשמירת המגע בין החברים. עם החוץ לא קיימנו כמובן שום קשר. מנותקים היינו מן העולם לחלוטין"...

אכן, קן „השומר־הצעיר" בקוטנה רשם דף מזהיר בתולדות הנוער המקומי. חינוכו לשינוי ערכים, שאיפתו להגשמה עצמית, ולפעילות ציונית הביאה עשרות חברים לחיי קיבוץ בארץ הנמצאים כיום באילון, בית־אלפא, גזית, גלאון, מרחביה, עברון, עין־החורש, עין־שמר, רמת־השופט וכן עשרות רבות של חברים הפעילים כיום בישראל בתחומים שונים. ובזה זכותו וערכו של קן השומר־הצעיר בקוטנה.



קבוצת חברים מ„השומר־הצעיר"
אַ גרופּע פון „השומר־הצעיר"

צום אייביקן אָנדענק פון אונדזערע אומפאַרגעסלעכע עלטערן און משפּחה:

פאָטער משה לעוווקאָוויטש, געב׳ אין זשיכלין;

מוטער פריידע לעוווקאָוויטש, געב׳ מאַקאָווסקי, אין איזביץ;

שוועסטער שיינדל זאָלנע, געב׳ לעוווקאָוויטש, אין קוטנע, אומגעקומען מיט איר מאַן;

ברודער חיים לעוווקאָוויטש, אומגעקומען מיט זיין פרוי און צוויי יונגע טעכטער;

שוועסטער פאָלאַ אַדלער, געב׳ לעוווקאָוויטש. געשטאָרבן אין גרענאָבל, פראַנקרייך — 31.7.1963, אין עלטער פון 56 יאָר;

ברודער יוסף לעוווקאָוויטש, געב׳ אין קוטנע.

מיר וועלן אייך תמיד געדענקען!

עדזשא און ישראל באָך־לעוווקאָוויטש
שטראַסבורג, פראַנקרייך

כ׳וועל שטענדיק געדענקען די טהורים און קדושים:

רבקה פלאָצקער, נפטר געוואָרן 1938;

יאָסל פלאָצקער, געב׳ 1893, אומגעקומען אין געטאָ קוטנע;

חנה־בלימע פלאָצקער, געב. 1915, אומגעקומען אין געטאָ קוטנע;

אברהם־אהרון פלאָצקער, געב׳ 1918, געשטאָרבן אין רוסלאַנד;

לייביש פלאָצקער, געב׳ 1924, אומגעקומען אין געטאָ;

יחיאל ריפעלד, געב׳ 1891, אומגעקומען אין געטאָ;

שמחה־אליעזר ריפעלד, געב׳ 1899, געפאַלן פון דער ערשטער באָמבע אין קוטנע, 1939;

יוסף שטיינזאַלץ, געשטאָרבן אין רוסלאַנד.


איר וועט תמיד בלייבן אין מיין זכרון!

ישראל פלאָצקער
בערלין

יתר מחשבה לכל בעיות החיים והחברה. לא לקבל דברים מוסכמים ומקובלים על הכל. בתביעות כאלה יכלו לעמוד רק בני נוער, בעלי רמה אינטלקטואלית גבוהה יותר, משאר הנוער היהודי בעיירות היהודיות של שנות השלושים בפולין.



בקן • אין קן



קבוצת בוגרים של השוה"צ • אַ גרופּע עלטערע חברים פון השוה"צ


כיצד פעלה תנועת השומר־הצעיר בין כתלי בית־הספר? השלטונות, שלא ראו בעין יפה את פעולות „השומר־הצעיר" בכלל, אסרו על התנועה כל פעילות בגימנסיה. לא נותרה אלא הדרך הקונספיראטיבית. בכיתות הגבוהות היו אחד או שניים שהשתייכו לתנועה והם אשר הביאו את דבר התנועה לחבריהם הצעירים, בכיתות הנמוכות יותר — לא לכולם, אלא באלה שניתן בהם אימון, בתנאי שאם לא יצטרפו בעצמם, ידעו לפחות לשמור סוד ולא יסכנו את חבריהם בפיטפוטיהם.

בתחילה נוסד הגרעין, שמנה כשמונה תלמידי הכיתה השניה והשלישית. הם התאספו תחת הדרכתו של תלמיד גימנסיה אחר, קובה, (כיום יעקב ריפתין) אשר שוחח אתם על בעיות העם היהודי ועלינו הנוער של העם הזה. קבוצת נערים זו שקדה על לימוד השפה העברית, על תולדות העם היהודי, על ספרותו ותרבותו. קמעה־קמעה החלה לחדור בנו ההכרה, כי אנו חלק בלתי־נפרד של העם היהודי, וכי גורלו הוא גורלנו. הכרנו, כי ראשית חייבים אנו לזהות את עצמנו כבני העם הזה, לא לטשטש בשום מקום את יהדותנו וקודם כל בבית־ספרנו הפולני. דבר זה ראוי להדגיש ביתר הדגשה, שכן הגימנסיה תפסה אצלנו המקום העיקרי בחיינו ובמחשבתנו והכל סבב סביב הציר הזה ששמו היה: הגימנסיה הפולנית הנוצרית בקוטנה. לא אחת היה עלינו להגן על כבוד העם היהודי, אותו השמיצו התלמידים הפולניים והעלילו עליו עלילות שונות. ולא בלבד בהגנה מילולית עמדנו, גם בהגנה פיזית נתנסנו נגד האנטישמיים למיניהם, שהציפו את פולין בשנים האחרונות לפני פרוץ המלחמה.

רבות היו הדרישות שהציב „השומר־הצעיר" בפנינו. הוא לימד אותנו לבחון את עצמנו — את מחשבותינו, את הרגשותינו ואת אורח־חיינו. הוא חינך אותנו לאהבת הספר, להשכלה, הוא המריץ אותנו להשתלמות בלתי־פוסקת, כדי להבין את התהליכים המתחוללים בעם היהודי ובעולם כולו.

לא כולם יכלו לעמוד בתביעות אלה, לא כולם מסוגלים היו לשנות את אורח־חייהם ומחשבתם. רבים נשרו מתוך שורותינו. הנותרים צורפו לקבוצת בני גילם, תלמידי „עם־הספר" ולמרות ההבדלים בחינוך ובסגנון־החיים עלה המיזוג ביניהם יפה. בתוך הגימנסיה החלו להרגיש בייחודה ובשוני של קבוצת נערים זו לבין שאר תלמידי הגימנסיה. תשובותיהם במבחנים ובשיעורים בהיסטוריה או בספרות היו ביקורתיות, כאילו ביקשו לנתח את השאלה לא בלבד מן הצד הגלוי אלא אף לחשוף את הסמוי מן העין. התעניינותם בבעיות הלאומיות והחברתיות, עמדתם הגאה כיהודים והופעתם האישית המכובדת, עוררו חשדנות. לכן צריכים היו חברי השומר־הצעיר להופיע בזהירות יתרה, שכן צפויים היו לגירוש מבית־הספר, כפי שזה קרה לא אחת. משום כך התנהלו כל הפעולות בסתר, ללא הופעות פומביות, ללא נשיאת מדים ואף טקס חלוקת סמל „השומר־הצעיר" נערך בשעות הערב בחוותו של אייזיק מחוץ לעיר. למרות־זאת לא פסקה פעילותו של הקן השומרי ואפילו התרחבה. הצטרפו אליו תלמידים מהכיתות הנמוכות יותר. במרוצת הזמן קיבלה על עצמה קבוצת תלמידים זו את הנהגת הקן, כמדריכים או בהנהגת הקן.

רבים מהם חיים אתנו כיום בארץ, מי בקיבוץ, מי בעיר או בכפר. אך למרות השוני שבצורות החיים ואורחותיהם, רב מאוד הוא המקשר אותנו, בזכות עברנו וחוויותינו המשותפות בגיל הנעורים בתנועת „השומר־הצעיר". אולם לא רק חוויות נעורים משותפות בעבר מאחדים אותנו, כי אם יסודות חינוכנו, עיצוב דמותנו, התביעה העצמית והביקורת העצמית, כיבוד הזולת — כל אלה ינקנו בגיל ההתבגרות בתנועת „השומר־הצעיר". וערכים אלה, פרי חינוכה של תנועת השומר־הצעיר, מלווים את כולנו בדרך חיינו, עד היום.





למעלה: קבוצת חברי השומר־הצעיר בקוטנה, ב־1926.
למטה: אותה קבוצה בתל־אביב, 1962.



„הנוער הציוני" בעת ייסודו (1934)

דער „הנוער הציוני" בעת זיין אנשטייאונג (1934)

החלוץ הכלל־ציוני ו„הנוער־הציוני"

תנועת „הנוער־הציוני" בקוטנה החלה בפעולותיה בשנות השלושים. בין מייסדיה היו צ. לאנדאו, צ. נורדברג, קורן, יצחק קלצבסקי ואחרים.

חברי התנועה היו תלמידי בתי־הספר העממים ובית־הספר התיכון „עם־הספר". לשון דיבורם היתה בעיקר פולנית, אך היו גם רבים שבאו משכבות עממיות יותר ודיברו אידיש. לכן היה הכרח לתכנן את הפעולה ההשכלתית והחינוכית לכל בני הנוער האלה. ואכן נעשה רבות להקנות השפה העברית לכולם שצריכה היתה ליהפך לשפת דיבור בקן. עבודת הקן היתה רב־צדדית: פעולה תרבותית, מחנות־קיץ, שיחות והווי של ערבי קן. כמו־כן נהגנו לציין באורח חגיגי חגים לאומיים ותאריכים בעלי חשיבות בתנועה הציונית.

בינתיים הלך והחמיר המצב באירופה עקב השתלטותו של היטלר על ארצות שונות והגברת האנטישמיות בפולין. מצב היהו־דים הלך והורע מיום ליום עד שפרצה המלחמה, שהביאה כליון על כל בית ישראל בפולין. הנוער היהודי, בתוכו גם חברי תנועתנו התגייסו למאבק נגד הצורר וגורל התנועה היה כגורל העם היהודי באירופה כולה שנגזר עליו הכליון.



„הנוער הציוני" עם מדריכיהם

דער „הנוער הציוני" מיט זיינע מדריכים

די גרינדונג פון „צעירי־ציון" - און אנדערע זכרונות

דוד מענשעס
תל־אביב

איך בין געבוירן אין דעם פויליש־יידישן שטעטל קוטנע, וואָס איז באַרימט געוואָרן צוליב די צוויי גרויסע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן דאָרט געלעבט און געווירקט: 1) דער גרויסער גאון און למדן ר' יהושיעלע קוטנער, וועלכער איז געווען לאַנגע יאָרן רב און מורה־דרך פאַר די רעליגיעזע יידן אין קוטנע און אויסער איר. 2) דער גרויסער באַרימטער שרייבער שלום אַש, וואָס האָט אַזוי וווּנדערלעך באַשריבן קוטנע אין זיין ערשטן בוך „דאָס שטעטל".

מיינע עלטערן זענען געווען זייער פרומע מענטשן. דער טאַטע — אַ קאָצקער חסיד, דער זיידע — אַ גערער. אַזוי די גאַנצע משפחה — חסידישע יידן. יאָרן־לאַנג זענען זיי געזעסן אין שטעטל, געפירט מיסחר מיט לעדער, דערצויגן און חתונה געמאַכט קינדער, פאַר די טעכטער גענומען די שענסטע איידעמס, געגעבן נדן מיט קעסט. געפירט שיינע בכבודיקע הייזער, ווי עס פאַסט פאַר חסידים־נגידים. אַזוי האָט עס זיך שלווהדיק־אידיליש געצויגן לאַנגע יאָרן.

אָנהייב 20־סטן יאָרהונדערט, האָבן אין רוסלאַנד־פוילן גענומען בלאָזן נייע ווינטן, מיט שטורמיש־רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג און השפעה אויך אויף דער יידישער סביבה. מען האָט גענומען פילן, אַז די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור נעמט זיך ברעכן, דיווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס פון יידן ווערן צעטרייסלט. באַזונדער איז דאָס בולט געוואָרן נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה און נאָך דעם מוראדיקן קישענעווער פּאָגראָם. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע יידישע עמיגראַציע. אַ נייע דערשיינונג אין יידישן לעבן. דעמאָלט האָט זיך אויך געענדערט פּסיכאָלאָגיש דער צוגאַנג און באַגריפן ביי גרויסע טיילן פון יידישן מיטלשטאַנד און אַפילו פון סוחריש־חסידישן קלאַס. די וואָס האָבן מיט אַ צייט צוריק געקוקט אויף אַ בעל־מלאכה ווי אויף אַ מענטש פון אַ נידעריקער מדריגה, האָבן איצט אַליין געשיקט זייערע קינדער לערנען אַ פאַך. קיין גרויסער אויסקלייב איז אין די קליינע שטעטלעך נישט געווען; איז מען געוואָרן שוסטערס, שניידערס. אַ ביסל יחוסדיקער — קאַמאַשן־שטעפּערס, זייגערמאַכערס, סטאָלאַרעס א"אַ.

איך ווער אַ לערן־ייִנגל

אויך ביי אונדז אין שטוב איז די פּרנסה געוואָרן שוואַכער. דאָס לעדער־געוועלב, תמיד געפּאַקט מיט סחורה — איז איצט געוואָרן ליידיקער און שיטערער. האָט מען גענומען טראַכטן וועגן אַ תכלית אויך פאַר מיר, דעם 11־יאָריקן בחור. די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע פאַכן זענען מיין פאָטער נישט געפעלן געוואָרן, אויך נישט געפּאַסט צו זיין ייחוס. האָט ער נאָך לאַנגע טראַכטענישן באַשלאָסן מיך צו מאַכן פאַר אַ מיליטערישן שניידער. דער מאַמען האָט ער אויפגעקלערט די מעלות פון דעם פאַך: ראשית, זענען אַזעלכע שניידער פאַראַן זייער ווייניק — אין קוטנע נאָר איינער; והשנית, האָט מען דאָ צו טאָן מיט הויכע מיליטער־לייט, אָפיצירן, גענערעלער, הויכע רעגירונגס־באַאַמטע, מיט אַן אָפענער האַנט און רייכער קעשענע. מען קאָן פון זיי האָבן פּרנסה איבערן קאָפּ. אויב אַזוי, האָט מיין פאָטער באַשלאָסן מיך אָפּצוגעבן אויף דער לער צו דעם איינציקן מיליטער־שניידער אין קוטנע — באָטשקע.

באַלד אין דער פרי, דעם ערשטן טאָג נאָך סוכות, בין איך אַוועק אויף מיין אַרבעט צו באָטשקען. געעפנט די טיר, אַריין אין שטוב (אָנקלאַפּן איז דעמאָלט נישט געווען קיין מינהג), האָט זיך מיר גלייך געוואָרפן אין די אויגן אַ ברייט, הילצערן בעט אין וועלכן ס'זענען געלעגן צוויי דערוואַקסענע מיידלעך. מיינענדיק אַז כ'האָב על־פּי־טעות פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער שטוב, האָב איך שוין געוואָלט אַרויסגיין, נאָר איינע פון די מיידלעך האָט זיך אָפּגערופן: „ייִנגעלע, ייִנגעלע, גיי נישט, ביסט געקומען דאָ זיין אויף דער לער, יאָ? ביסט געקומען אַ ביסעלע צו פרי, וואַרט אונטער, דער טאַטע קומט באַלד". דער צימער איז געווען אַ שלאָף־שטוב, אַ קיך און דער עיקר — אַן אַרבעטס־וואַרשטאַט.

נישט לאַנג געוואַרט, איז געקומען באָטשקע אַליין. אַ הויכער ייד מיט ברייטע פּלייצעס, אַ ברייט צעקעמטע באָרד מיט אַן אַרויסשטאַרטשענדיקן בויך, פון אונטערן וועסטל האָבן אַרויסגעקוקט ציצית פון טלית־קטן. הערנדיק מיין „גוט מאָרגן", האָט ער מיך באַקוקט מיט זיינע גרויסע גרויע אויגן: „האַ, דאָס ביסטו גרשונס ייִנגל? ווי רופט מען דיך?". „דוד" — האָב איך געענטפערט. „נעם אַ בענקל, זעץ זיך, באַלד וועט קומען דער געזעלן יוסף, וועט ער דיר ווייזן וואָס צו טאָן".

ס'איז געקומען יוסף — אַ מיטלוווקסיק, פעטלעך מענטשל. כאָטש נאָך פאַר די 30, האָט ער שוין געהאַט אַ פיין פּליכל אויפן קאָפּ, גוטמוטיק, מיט קליינע סימפּאַטישע אויגן, האָט ער זיך באַלד פאַרנומען מיט מיר. דאָס ערשטע: אָנגעטאָן אַ פינגער־הוט אויפן דריטן פינגער פון מיין רעכטער האַנט, געגעבן אַ נאָדל מיט אַ שטיק טוך און געהייסן שטעכן — אַריין און אַרויס. אַרויס און אַריין, ווי כ'וואָלט גענייט. „אַזוי וועסטו שטעכן עטלעכע טעג, ביז דו און די האַנט וועט זיך צוגעוווינען".

...אָט באַווייזט זיך די פרוי באָטשקע (זי איז ביי אים דאָס צווייטע ווייב), אַ הויכע דאַרע יידענע, לאַנגע דאַרע פיס, מיט אַ גרויס מויל און גרויסע בייזע קעצישע אויגן. אָן צו זאָגן אַ „גוט מאָרגן", ווענדעט זי זיך גלייך צו מיר: „הער, ייִנגעלע, היינט דעם ערשטן טאָג, לאָז איך דיר דורך, אָבער פון מאָרגן אָן דאַרפסטו וויסן: ווי נאָר דו קומסט אַריין, דאַרפסטו קודם אויסקערן די שטוב, אַראָפּ ברענגען קוילן פון בוידעם, איינהייצן די קיך, ס'זאָל זיין צום קאָכן און צום וואַרעמען די פּרעס־אייזנס"...

יוסף איז געווען אַ מענטש אָן אַ גאַל, שטענדיק גוטמוטיק, פריילעך. ביי דער אַרבעט כסדר געזונגען לידלעך פונעם יידישן טעאַטער. ער איז אויך געקומען פון אַ גוטער, פאַרמעגלעכער היים, וווּ עס האָט קיין פּרנסה נישט געפעלט. זיינע עלטערן — די פּאַקולסקיס — האָבן געפירט אַ מסחר פון פעטע מאכלים: גענדז, אינדיקעס, ווורשטן, שמאַלץ, שווייצאַרישע קעזן, פיש, אייער, פּוטער. דעם ריח פון די אַלע פעטע זאַכן, האָט יוסף געברענגט, נאָר אויך עפּעס פון די גוטע זאַכן גופא האָט ער נישט פאַרגעסן צו נעמען מיט זיך: לעבערלעך, פּיפּיקלעך, ווורשט, גענדזענע גריוון. ר'איז קיינמאָל נישט געקומען צו דער אַרבעט אַ ליידיקער. ער האָט נישט געהאַלטן פון פּאָליטיק, נישט אָנגעהערט צו קיין פּאַרטיי, ווי ס'איז געווען די מאָדע אין יענער צייט. געהאַט אַ כלה, איז זי געווען די גאַנצע וועלט פאַר אים. ווען ער האָט געענדיקט די אַרבעט, ווי שפּעט עס זאָל נישט געווען זיין, איז ער געלאָפן צו דער כלה און כסדר געהאַלטן אין איין שיקן איר מתנות.

כ'האָב זיך מיט גרויס חשק אַ נעם געטאָן צום לערנען רוסיש. צוויי מאָל אין וואָך געגאַנגען צו אַ לערער. — אַ שאָד, פאַרגעסן זיין נאָמען, כ'געדענק אָבער גוט זיין גרויסן שטערן מיט אַ קאָפּ ווילד צעשויבערטע האָר, אַ גרויסער שוואַרצער שלייף אין קאָלנער פון העמד, אַ פּעלערינע מיט אַ שוואַרצן

ברייט־רונדיקן הוט. אַ חבר פון דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן". לײדער, האָט מיין לערנען רוסיש נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. ס'איז געוואָרן נאָענט צו פּסח. אויסרעכענענדיק, אַז 8 טעג פּסח וועט מען נישט אַרבעטן, האָט מען שוין אַ סך וואָכן פאַר יום־טוב געאַרבעט ביז 10 ביינאַכט, און פון פּורים אָן — ביז 12. דערפאַר איז פון מיין רוסיש גאָרנישט אַרויסגעקומען.

פריילעכע יידן

באַטשקע האָט געהאַט אַ נאָענטן ידיד — חיים מאָראָז. אַ פריילעכער ייד, נישט קיין הויכער, אַ פעסט־געבויטער, אַ רויטלעך פּנים מיט אַ שוואַרץ צוגעשוירן בערדל. ער פלעגט זיך אָפט אַריינכאַפּן צו אונדז אין קיך־וואַרשטאַט. פון באַטשקעס פרומקייט האָט ער נישט צופיל געהאַלטן. אַ פּשוטער ייד, ווייט פון לומדות, אָבער מיט כבוד און דרך־ארץ פאַר לומדים און געלערנטע, פלעגט ער שטענדיק זאָגן: „ס'איז גלייכער צו זיין גוט, איידער פרום". זיין פּרנסה איז געווען: האַנדלען מיט אַלטע קליידער. צוליב זיין מסחר איז ער 2—3 מאָל אין יאָר געפאָרן קיין לאָנדאָן איינקויפן זיין סחורה. ביי אָט די איבערקויפערס, האָט חיים מאָראָז געקויפט זיין סחורה, געברענגט קיין קוטנע, פאַריכט, געפאַרבט, געפרעסט — ביז זיי זענען געוואָרן כמעט ווי נייע. דער רוב פון זיינע קונים זענען געווען פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. ס'איז געווען אַ שוין פון לאַנג איינגעפירט געשעפט. די קריסטן האָבן געוווסט: וויל מען האָבן אַ גוט מלבוש פון אמתן ענגלישן מאַטעריאַל און טאַקע ביליק אויך, — קאָן מען עס קויפן ביי חיים מאָראָז. דער עסק איז גוט אַוועק. ס'איז געווען פּרנסה בשפע און פריילעך ביי אים אין הויז. ביי אים אַליין — שטענדיק אַ גוטע שטימונג, אַ וויץ, אַ גלייכווערטל. כ'האָב זיך תמיד געפרייט, זעענדיק אים אַריינקומען אין וואַרשטאַט, באַזונדער דעמאָלט ווען די אַרבעט איז, צוליב עפּעס אַ סיבה, נישט געגאַנגען גלאַט און באַטשקע האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ בייז פּנים. מיט זיינע וויצן און פריילעכקייט האָט חיים איבערגעריסן די אָנגעצויגענע שטימונג. שטענדיק געהאַט מיט זיך פולע קעשענעס מיט עפּל און אַנדערע גוטע זאַכן. פלעגט ער נאָר איבערטרעטן די שוועל, האָט ער באַלד אַ געשריי געטאָן צו יוספן: „נו, וואַרף נאָר אַוועק דעם קוימען, דעם פאַסקודנעם סיגאַרעט. ס'איז דאָך אמתער סם. נאַ, עס בעסער אַן עפּל!"

אָט דער חיים מאָראָז האָט געהאַט אַ זון פון אַ יאָר 20. אַ שיינער, גלייך־געוואָקסענער און איידעלער. פון פאַך איז ער געווען אַ שניידער, נאָר עפּעס איז ער געווען אַנדערש פון אַ פּראָסטן בעל־מלאכה, מחמת זיין פיינער באַנעמונג און האַלטונג. אברהם איז געווען אַ חבר אין דער „פּועלי־ציון־פּאַרטיי" געלייענט אַ סך ביכער, געלערנט תנ"ך ביי אַ לערער אַ ליטוואַק און ציוניסט, וועמען די פרומע חסידים האָבן געהאַלטן פאַר אַ משומד, וואָס פירט אַראָפּ ערלעכע יידישע קינדער פון גלייכן וועג...

אויך אברהם, ווי זיין פאָטער, איז אָפט אַריין געקומען צו אונדז אין וואַרשטאַט. וויצלען זיך איז נישט געווען זיין טבע, דערפאַר פלעגט ער ריידן וועגן ערנסטע ענינים: ליטעראַטור, ציוניזם, ארץ־ישראל, פרייהייט, אָדער גאָר וועגן — תנ"ך. מיר זענען זיינע רייד אַריין אין קאָפּ, מיין יונג הערצל האָט געצאַפּלט און געוואָלט וויסן וואָס מער... אמת, באַטשקען איז נישט אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן אברהמס באַרעדעוודיקייט אין מיטן דער אַרבעט. ער האָט אַלע מאָל אַ וואָרף געטאָן זיינע גרויסע אויגן צו מיר, צי מיינע הענט אַרבעטן, בעת כ'הער אברהמס דרשות. נאָר ווען אברהם איז שוין צו ווייט פאַרקראָכן, האָט אים באַטשקע איידל געזאָגט: „אַברהם, אפשר וואָלסטו איבער־

געלאָזט דעם תנ"ך אויף שבת?". געדולד און איידלקייט איז גאָר נישט געווען אין באַטשקעס טבע, נאָר זיין בעסטן ידידס אַ זון, און די האָפענונג, אַז עס קאָן אפשר ווערן אַ שידוך מיט זיין טאָכטער רחל — האָט אים געמאַכט אַזוי איידל...

פון צייט־צו־צייט פלעג איך אַריינגיין אין הויז פון חיים מאָראָז, כדי זיך זען מיט אַברהמען, געפרעגט אים פאַרשיידענע פראַגן: וועגן רעליגיע, סאָציאַליזם, ציוניזם א"אַ. אַברהם האָט זיך באַמיט, אויף וויפל ס'איז אים מעגלעך געווען, צו ענטפערן אויף אַלע שאלות, אַלץ אויפגעקלערט און שטענדיק פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „דער עיקר, מוזט לייענען, לייענען וואָס מער". איין מאָל האָט ער מיר געוויזן מאַרקעס פון „קרן קימת לישראל". כ'האָב זיי געזען צום ערשטן מאָל, אַ שטאַרקע באַגייסטערונג האָט מיך אַרומגענומען. ס'איז מיר געבליבן אין זכרון: אַ מגן־דוד אין דער מיט, ביי דער זייט — אַ לייב און אַ קיילעכדיק רעדל אַרום. די מאַרקעס האָב איך געקויפט, אויף יעדער בריוו וואָס איך האָב געשריבן, האָב איך לעבן דער אָפיציעלער פּאָסט־מאַרקע, צוגעקלעפּט אויך אַ ציוניסטישע מאַרקע.

אַלע שבת אין דער פרי בין איך געגאַנגען אין אַ סאָד, נישט ווייט פון דער שול, מיט אַ „טריף־פּסול" ביכל אונטער דער מאַרינאַרקע און דאָרט געזעסן און געלייענט. פאַרן טאַטן האָט עס געהייסן, אַז איך בין אַוועק אין שול דאַווענען. גיין מיטן טאַטן אין קאָצקער שטיבל, האָב איך נישט געוואָלט און בכלל — ווי פּאַסט עס צו גיין אין שטיבל קורץ געקליידעט, ווי אַ דייטש? נאָר איין זאַך האָב איך תמיד באַדאַרפט געדענקען. די פּרשת השבוע, די פּרשה וואָס מען לייענט אין דער תורה, ווייל גאַנץ אָפט פלעגט מיך דער טאַטע אַ פרעג טאָן: „דוד, וואָסער סדרה גייט די וואָך?". אַזוי אַרום האָט ער מיך געוואָלט כאַפּן, צי איך בין טאַקע געווען אין שול...

אַ געוויסן שבת אין דער פרי, כ'זיץ אין גאָרטן און לייען, קומט אָן אברהם מיט אַ חבר, — אַ לאַנג־געקליידעטער בחור, מיט אַ חסידיש בלאַס פּנים. אַברהם האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין חבר מנשה און דער פרעגט מיך וואָס איך לייען? נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, נעמט ער דאָס ביכל פון מיין האַנט און גיט אַ קוק, „אָהאָ", דו לייענסט „אַננאַ קאַרענינאַ". מיינסטו נישט, אַז דאָס בוך איז אַ ביסל צו שווער פאַר דיר?" — פרעגט ער. „יאָ, אַ ביסל שווערלעך", — ענטפער איך. „אויב אַזוי" — זאָגט אַברהם — „לאָז אָפּ די אַלע ראָמאַנען. ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו זיי לייענען. לויט די אַלע שאלות, וואָס דו פרעגסט מיך, זע איך, אַז דו האָסט אַן אינטערעס פאַר ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען, טרעף זיך מיט מיר דעם מיטוואָך, וועל איך דיך באַקענען מיט אַ ציוניסטישער משפחה, וואָס האָט אַ גרויסע פּריוואַט־ביבליאָטעק מיט ביכער, וועלכע קאָנען דיך אינטערעסירן און זענען פּאַסיק פאַר דיר".

אין עטלעכע טעג — אַרום האָב איך זיך געטראָפן מיט אַברהמען אויף דער ברייטער גאַס, מיר האָבן דורכגעשניטן דעם אַלטן מאַרק און זענען אַריין אין קוילער־געסל. דאָ האָבן געוווינט ס'רוב קצבים, צווישן וועלכע עס האָט זיך אַרום געדרייט די ריזיק־הויכע פיגור פון מרדכי פשאָרעק — אַ הפקר־מענטש מיט צוויי אייזערנע הענט, וועלכן שלום אַש האָט באַשריבן אין זיין „מאָטקע גנב". גוים האָבן צוליב אים זיך געשראָקן דורכצוגיין דאָס געסל...

אין אַ משכילישער שטוב

אין אָט דעם געסל, טיף אין אַ הויף, איז געשטאַנען אַ באַזונדער הילצערן הייזל. ווען מיר זענען אַריין אין דעם ערשטן צימער, בין איך איבערראַשט געוואָרן. אַלע ווענט ביזן סופית זענען געווען באַלייגט מיט ביכער. אויפן טיש, אויף די

בענק, אויף דער פּאָדלאָגע — אומעטום ביכער און ביכער. נאָר אויף איין שטיקל ליידיק אָרט, אַנטקעגן פענצטער, זענען געהאָנגען די בילדער פון הערצל און נאָרדוי. אַברהם האָט מיך באַקענט מיט דער משפּחה ערדבערג: משה ערדבערג, אַ יידיש־געקליידעטער מענטש, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, אין וועלכער ס'האָבן זיך שוין דורכגעוואָרפן איינציקע גרויע האָר. אַ ייד אַ משכיל מיט זייער אַן איידעלער באַנעמונג און רואיקער שפּראַך. די פרוי זיינע, אַן ערנסטע, אינטעליגענטע, האָט זיך באַטייליקט צוזאַמען מיטן מאַן אין אַלע ציוניסטישע און קולטור־רעלע אונטערנעמונגען. זייער זון און טאָכטער זענען אויסגע־וואַקסן אין דער זעלבער גייסטיקער וועלט ווי זייערע עלטערן, נאָר ראַדיקאַלער, אין מאָדערנע מלבושים. די גאַנצע משפּחה איז געווען געבינדן מיט ציוניזם.

משה ערדבערג האָט אַרויסגענומען פון דער ספרים־שאַנק דעם ערשטן באַנד פון גרעצס „יידישע פאָלקס־געשיכטע" און געבנדיק מיר דאָס בוך האָט ער געזאָגט: „דאָס ערשטע, וואָס אַ ייד דאַרף וויסן, איז די געשיכטע פון זיין פאָלק. נאַ, נעם אַהיים, לייען, לייען לאַנגזאַם און לערן. ווען דו וועסט וועלן זיך אָפּרוען, קאָנסטו דערווייל לייענען די צוויי בראָשורן וואָס איך גיב דיר: 1) „משה" פון ד"ר יוסף קלויזנער. 2) „אויף וואָס דאַרף מען דאָס" פון מ. ל. ליליענבלום. די בראָשורן זענען נאָר־וואָס אַרויס פון דער ציוניסטישער „קאָפּיקע־ביבליאָטעק אין אָדעס".

נאָך דער טיי מיט וועלכער מ'האָט אונדז מכבד געווען, האָבן מיר באַדאַנקט און פאַרלאָזט דאָס הויז.

שבת אין דער פרי, ווי תמיד, בין איך במקום צו גיין אין שול, אַוועק אין גאָרטן. געזעסן און געלייענט די בראָשורן „משה" און „אויף וואָס דאַרף מען דאָס?". זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, האָב איך זיי עטלעכע מאָל איבער־געלייענט. שפּעטער איז געקומען אברהם מיט מנשהן און נאָך צוויי חברים. און צום סוף איינער, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט „חבר עלבערג". באַלד האָט זיך אַנטוויקלט אַ פילאָזאָפישער שמועס: איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַבסאָלוט, שלימותדיק גליק? מנשה, וואָס האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אַ זייף־פאַבריק — האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ זאַך איז נישט בנמצא; אַז דאָס לעבן באַשטייט פון אַ כסדרדיקן קאַמף און שטרעבן, אַפילו די, וואָס האָבן שוין אַלצדינג און מיינען, אַז זיי זענען פולקאָם גליקלעך, קומט דער טויט און פאַרענדיקט דעם גאַנצן חשבון. טאָ ווו איז דאָס שלימותדיקע גליק? אַזוי האָב איך זיך צוגעהערט צום וויכוח. פּלוצים נעמט עלבערג אַרויס אַ סיגאַרעט און פאַררייכערט. כאָטש כ'בין שוין דעמאָלט נישט געווען פרום, אַפילו נישט געדאַוונט, בין איך געוואָרן איבערראַשט און צעמישט. רייכערן אין שבת?... אין דער שטיל האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: „זאָגט מיר, חבר עלבערג, כ'וויל עס וויסן: איז דאָ אַ גאָט?". עלבערג קוקט מיך אָן און ענטפערט: „כ'קאָן דיר אויף דעם נישט ענטפערן, כ'קאָן דיר נאָר ראַטן: לייען, לייען וואָס מער — וועסטו לסוף אַליין אויסגעפונען"...

מנשהס טויט

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען איך בין געקומען אין דער פרי צו דער אַרבעט, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן אַברהמען. אַ נישט ראַזירטער, אַ טרויעריקער, אין אַ שוואַרצן ווייכן הוט און אין אַ שוואַרצער בינדע. מען האָט באַלד געקענט זען, אַז עפּעס שרעקלעכס האָט געטראָפן. אויף מיין שטומער פראַגע וואָס איז געשען? האָט אַברהם שטיל געענטפערט: „חבר מנשה איז מער נישטאָ... נעכטן נאָכמיטאָג האָט ער אין דער זייף־פאַבריק געמישט אין אַ גרויסן קאָכעדיקן קעסל מיט זייף, האָט ער זיך אַריבערגעבויגן און אַריין געפאַלן אין קעסל — פאַרברענט געוואָרן". זאָגנדיק דאָס, האָבן זיך טרערן געגאָסן פון זיינע אויגן. אויך ביי מיר האָבן זיך באַוויזן טרערן... כ'ווייס נישט פון וואַנען עס האָט זיך ביי מיר גענומען די דרייסטקייט, נאָר כ'האָב פאַרלאַנגט פון באַטשקען ער זאָל מיר דערלויבן גיין אויף דער לוויה. איך האָב באַלד צוגעגעבן, אַז איך וועל פאַר דער צייט אָפּאַרבעטן. אָנקוקנדיק מיך און אַברהמען, האָט ער אָן רייד מסכים געווען.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג, איז אין גאַנצן שטעטל באַקאַנט געוואָרן וועגן דעם טראַגישן טויט פון מנשהן. די „פּועלי־ציון"־פאַרטיי, צוזאַמען מיטן „בונד", האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די יידישע אַרבעטער, מען זאָל איבעררייסן די אַרבעט אויף צוויי שעה, בעת די לוויה. אַ קליינער עולם האָט באַגלייט דעם אָרון פון שטאָט ביזן בית־הקברות, נאָר אויפן בית־עולם, ביים פרישׂ אויסגעגראָבענעם קבר, האָט געוואַרט אַ ריזיקער המון אַרבעטער און יוגנט. דאָס איז געווען ספּעציעל אַזוי אַנגאַזשירט, כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד ביי דער פּאָליציי. וויל רעדעס קעגן קאַפּיטאַליזם און פאַר סאָציאַליזם זענען געווען טריף — און קעגן דער מאַכט. פאַר אַזעלכע רעדעס האָט מען שטרענג באַשטראָפט און אַ סך מאָל פאַרשיקט קיין סיביר.

ביים פרישן קבר האָט דער ערשטער גערעדט זיין נאָענטער חבר אברהם, מיט אַ געדעמפּטער שטים, ווי מען רעדט צו אַ לעבעדיקן: „חבר מנשה, מיט דיין טויט האָבן די יידישע אַרבע־טער, די „פּועלי־ציון"־פאַרטיי, פאַרלוירן אַ געטרייען קעמפער און דאָס יידישע פאָלק — אַן איבערגעגעבענעם זון. מיר שווערן ממשיך צו זיין דעם הייליקן קאַמף, פאַר דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס און פאַר זיין לאַנד ארץ־ישראל".

אַ חבר פון „בונד": „מנשה איז אַ קרבן פון קאַפּיטאַליס־טישער עקספּלואַטאַציע, ער איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער קרבן. כאָטש מנשה האָט געהערט צו אַן אַנדערע פאַרטיי, אַן אַנדערע אידעאָלאָגיע, איז ער אָבער איינער פון דער אַרבעטער־מחנה. אונטערדריקונג מאַכט נישט קיין חילוק פון פאַרטייען, זי דריקט דעם קלאַס. נאָר נישט טרויערן דאַרפן מיר, מיט געאייניקטע כוחות ממשיך זיין דעם קאַמף פאַרן אַרבעטער־קלאַס, פאַר זיין באַפרייונג. דאָס איז אונדזער אויפגאַבע".

עס האָבן נאָך גערעדט אַנדערע פאָרשטייער פון פאַרטייען. מיט שווערע געמיטער איז דער גרויסער המון זיך פונאַנדערגע־גאַנגען.

שפּעט אין אָוונט, גייענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, באַגעגנט מיך עלבערג. ער רופט מיך אַריין אין אַ פינצטערן אַריינגאַנג פון אַ הויז און שטופּט מיר אַריין אַ פּעקל פּראָקלאַ־מאַציעס צום צעטיילן. „זיי פאָרזיכטיק!" — זאָגט ער מיר אָן נאָך דעם היינטיקן טאָג, נעם איך ביי אים גערן. ס'איז געווען אַן אויפרוף צום פאָלק: אַרונטער וואַרפן די ביוראָקראַטישע זעלבסטהערשונג פון דעם צאַריזם, פאַר פרייהייט, סאָציאַליזם אאַ"וו.

דעם נאָענטן שבת־צונאַכטס האָב איך געמאַכט אַ באַזוך ביי מיין פעטער הענעך. נאָכן אָפּזיצן אַ ביסל, צי איך אַרויס פון בוזים־טאַש אַ פּראָקלאַמאַציע און דערלאַנג אים. ער גיט אַ בליק, ווערט בלאַס און לאָזט מיר אַראָפּ אַ קלינגענדיקן פאַטש. „דו שייגאַץ איינער! ווייסט מיט וואָס דו שפּילסט זיך? וואָס ווילסטו, מען זאָל מיך פאַרשיקן קיין סיביר?". ער איז אַרויס פון שטוב, אין עטלעכע מינוט אַרום צוריק געקומען, שוין אַ באַרואיקטער, אָן דער פּראָקלאַמאַציע. כ'האָב פאַרשטאַנען וווהין ער האָט זי געוואָרפן — אויף זייער אַ מיאוסן אָרט. מיר האָט עס ווי געטאָן, כ'האָב אָבער נישט געקאָנט רידן, וויל דער פעטער איז נאָך געווען אין כעס און נישט אויפגעהערט מיך מוסרן.

געענדיקט לייענען גרעצס „יידישע פאָלקס־געשיכטע" און גענומען „אַלט־ניילאַנד" פון ד"ר הערצל. דאָס בוך האָט מיך

געצויגן ווי אַ מאַגנעט. יעדן אָוונט, ווי נאָר כ'בין געקומען פון דער אַרבעט, האָב איך זיך געזעצט לייענען ביי אַ טונקל נאַפּטלעמפּל. אַמאָל זיצנדיק פאַרטיפט אין לייענען, קומט אַריין דער טאַטע. מיט כעס גיט ער אַ פרעג: „הער נאָר דו, האָסט שוין געדאַוונט מעריב?, וואָס וועט זיין דיין תכלית?, וואָס טויגן דיר די ביכער מיטן ד״ר הערצל? גיי בעסער דאַווענען". כ'האָב נישט געענטפערט — און דער שטורעם איז אַדורך...

קוטנער מקווה

די מקווה איז געווען נישט ווייט פון בית־המדרש. פאַרן אַריינגיין פרעגט מיך דער מקווה־ייד: „יונגערמאַן, דו ווילסט אַ באַזונדער צימערל, צי אַ וואַנע אין אַלגעמיינעם צימער?". פילנדיק דעם רובל אין קעשענע, זאָג איך: „אַ באַזונדער צימער... דער ייד גיט אַ קוק אויף מיר פון אויבן אַראָפּ און זאָגט: „נו, אויב אַזוי, וועסטו דאַרפן אונטערוואַרטן. היינט איז ערב פּסח און אַלע גייען אין מקווה..."

איבערטרעטנדיק די שוועל, האָב איך דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן. די געדיכטע פּאַרע מיט דעם ריח פון שווייס, האָבן געשטיקט. די מקווה איז געבויט ווי אַ „ח", דריי זייטן קליינע צימערלעך און אין דערמיט, טיף אַרונטער צו גיין מיט טרעפּלעך, איז פאַראַן די מקווה זיך טובל צו זיין. אַנטקעגן דעם איז דער גרויסער אַלגעמיינער צימער פון די וואַנעס: אַ בעטאָנענע פּאָדלאָגע, אַרום די ווענט לאַנגע בענק, איבער זיי — ברעטער מיט טשוועקעס אויפצוהענגען די מלבושים, ביי דער צווייטער וואַנט — קראַנען מיט קאַלט און וואַרעם וואַסער און אַ סך עמערס. די וואַנעס שטייען אין מיטן צימער צעוואָרפן, אָן אַ סדר. די פּאַרע און די היץ זענען געדיכט. יידן ליגן אין די וואַנעס און קרעכצן מיט פאַרגעניגן, אַנדערע לויפן מיט ליידיקע, אָדער פולע עמערס הייסע וואַסער אָנצוגיסן אָדער צוגיסן אין די וואַנעס.

נאַקעטע יידן מיט ברייטע בערד, גראָבע בייכער, אַ טייל מיט קילעס, מיט אויסשיטן אויפן קערפּער, הויקערס, פליכן, רויטע אויגן און רויטע נעז, באַוועגן זיך אין דער פּאַרע ווי שאָטנס. יידן מיט ברייטע פּלייצעס און געבויגענע רוקנס — טרעגערס. גאָט האָט זיי באַשאַפן גלייכע, נאָר דאָס לעבן האָט זיי פאַרהויקערט. אַ נאַקעטע קאָלעקציע פון געשטאַלטן און פיגורן...

שטעלט נאָר איינער אַרויס אַ פוס, איז שוין אַ צווייטער מיט זיינעם אין דער וואַנע. נישט אַלע מאָל גיסט מען אַרויס דאָס גענוצטע וואַסער. מען גיסט נאָר צו, עס זאָל זיין פול. גיט זיך אַ שווערער ייד אַ לייג אין וואַנע, גיט אַ שפּריץ אַרויס און אַלע אַרום ווערן באַגאָסן. דער רעש און געפילדער מאַכט טויב. אַלע מאָל באַווייזט זיך דער מקווה־ייד און שרייט: „יידן! איילט זיך צו, היינט איז ערב־פּסח, נאָך יידן וואַרטן, ווילן אַ וואַנע!". ווער עס האָט נישט געזען דאָס בילד — קאָן עס זיך נישט פאָרשטעלן. נאָר וויפל ערנסטע הכנה ס'איז געווען אויפצונעמען דעם הייליקן יום־טוב, קאָן היינט זעלטן ווער פאַרשטיין...

די „בירזע"

שבת־צונאַכט איז געווען דער גרעסטער שפּאַציר אויף דער „בירזשע". פאַרזאַמלונגען זענען געווען פאַרווערט. האָט מען ביי עמעצן געפונען אַ פּראָקלאַמאַציע, אָדער אַ סאָציאַליסטישע בראָשור, איז די גאַנצע גרופּע אַרעסטירט געוואָרן, אַ מאָל האָט זיך עס געענדיקט אַפילו מיט סיביר. גרעסערע פאַרזאַמלונגען זענען בכלל נישט מעגלעך געווען. האָט מען זיך געטאָן אַן עצה: שבת פאַרנאַכט שפּאַצירן אויף די אַלייען, וואָס פירן צו דער באַן הונדערטער מענטשן. אויבן־אויף איז עס כלומרשט אַן אומשולדיקער שפּאַציר; נאָר דאָ ווערט איבערגעגעבן אַלץ, וואָס מען דאַרף, אַלע באַשלוסן, נייעסן און פאָדערונגען ווערן דאָ דערליידיקט.

אויך איך דריי זיך צוזאַמען מיט אַלע אויף דער בירזשע. אַ מאָל מיט מיין חבר, קאַם, נאָר אָפטער מיט אונדזער שכנהס אַ טעכטערל, איידל האָט מען זי גערופן — אַ 14־יאָריק מיידל, נאָר גוט אַנטוויקלט, הויך, בלאָנד, מיט בלויע אויגן. צוויי לאַנגע צעפּ, וואָס האָבן זיך געוואָרפן בעתן גיין.

יעדע צווייטע וואָך, שבת, זענען אין פּאַרק געהאַלטן געוואָרן פּאָליטישע רעדעס, לויט אַ הסכם — יעדעס מאָל פון אַן אַנדערער פּאַרטיי. דער רוב רעדנער זענען געקומען פון אַנדערע שטעט. דער גאַנצער וועג פון דער באַן־ליניע ביז דעם פּאַרק, איז געווען באַשטעלט, אָפּגערוקט איינער פון צווייטן אויף אַ געוויסן שטח — חברים פון דער פּאַרטיי, כדי צו וויסן טאָן, אויב ס'וועלן זיך באַווייזן פּאָליציי, וועט דער רעדנער און דער עולם נעלם ווערן...

ביי עטלעכע אַזעלכע רעדעס בין איך געווען אָנוועזנדיק. קיין סך האָב איך טאַקע נישט פאַרשטאַנען, כ'האָב אָבער אַ סך געפילט... כ״האָב זיך געפילט שטאָלץ און העלדיש בייצוזיין אויף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג...

י. ל. פּרץ אין קוטנע

דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם האָט זיך גיך איינגעשטילט, די רעאַקציע האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. מיט געוואַלטיקער אַכזריות האָט זי אונטערגעדריקט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. די רעדנער זענען מער נישט געקומען. די רעדעס אין וואַלד אין פּאַרק האָבן אויפגעהערט. אויך די „בירזשע" איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זייער אָרט האָט איצט פאַרנומען די ליטעראַרישע טעטיקייט. אין קוטנע איז געשאַפן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון דער „יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט" אין פּעטערבורג. כמעט די גאַנצע יוגנט האָט זיך געכאַפּט צום לייענען ביכער. אויף די שפּאַצירן האָבן אַ סך יינגלעך און מיידלעך געטראָגן ביכלעך אונטער די אָרעמס. דאָס בוך איז אַריין אין דער מאָדע...

דער גרעסטער יום־טוב איז געווען ביי דער יוגנט די ליטעראַרישע פאָרלעזונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אינעם שטאָט־טעאַטער. ס'זענען געקומען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי י. ל. פּרץ, הלל צייטלין, ה. ד. נאָמבערג א״אַ גרויסע שרייבער.

אין שטאָט זענען אויסגעקלעפּט אַפישן — האַלב ייִדיש, האַלב פּויליש, אַז פּרץ וועט האָבן אַ פאָרלעזונג א.ד.ט.: „די יידישע ליטעראַטור". שבת פאַרנאַכט, נאָך פאַר דער באַשטימטער צייט, גייען מיר אין אַ יום־טובדיקער שטימונג אין טעאַטער. דער זאַל איז איבערגעפּולט נישט נאָר מיט יידיש־רעדנדיקע, נאָר אויך מיט האַלב און גאַנץ אַסימילירטער אינטעליגענץ. אויף דער בינע — אַ טישל מיט אַ רויטן בוקעט בלומען. ווען פּרץ האָט זיך באַוויזן אין זאַל, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און אים געמאַכט אַ שטורמישע אָוואַציע. בעתן רעדן, איז אין זאַל געווען אַן איינגעהאַלטענע אָנגעשטרענגטע שטילקייט. נאָכן רעפעראַט האָט דער עולם לאַנג, לאַנג אַפּלאָדירט. ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען מענטשן געשטאַנען אין רעדלעך און געשמועסט, דיסקוטירט די געדאַנקען, וואָס פּרץ האָט אַרויסגעזאָגט. איך האָב ווייניק פאַרשטאַנען, נאָר צוזאַמען מיט אַלע געפילט די געהויבענע שטימונג און דעם צויבער פון זיין פּערזענלעכקייט...

„צעירי־ציון פאַראיין"

זומער 1912, אין תשעה־באָב, איז אויף מיין איניציאַטיוו פאָרגעקומען אין גאָרטן אויף דער שוסטער־גאַס, די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אַ צעירי־ציון פאַראיין, ווי מען האָט עס

גערופן אין יענער צייט. באַטייליקט האָבן זיך עטלעכע צוואַנציק יוגנטלעכע. נאָך מיין קורצער איינלייטונג, איז מיט אַ לענגערער רעדע אַרויסגעטראָטן דער אין שטאָט גוט־באַקאַנטער צעירי־ציון טוער אַברהם ערדבערג. זיין רעדע האָט געמוזט זיין אַ גענוג שטאַרקע און איבערצייגנדיקע, ווייל אַלע אָנוועזנדיקע האָבן דעקלאַרירט זייער אָנגעהעריקייט צום נייעם פּאַרטיי. אין דעם קאָמיטעט זענען אויסגעקליבן געוואָרן: צאַמבער, ערדבערג, דער שרייבער פון די שורות און אַנדערע. צוליב דער אָפּגע־שוואַכטער פּאַרטייאיש־פּאָליטישער טעטיקייט אין יענע יאָרן, האָט די אַנטשטייאונג פון דער נייער אָרגאַניזאַציע אַרויסגערופן אינטערעס און דערוואַכונג ביי דער יידישער יוגנט אין קוטנע. אַ סך פון זיי זענען געוואָרן טרייע, איבערגעגעבענע חברים פון צעירי־ציון.

קורץ נאָך דער פאַרזאַמלונג, האָב איך פאַרלאָזט פּוילן און זיך באַזעצט אין ענגלאַנד.

אין ענגלאַנד, אַרגענטינע, אורוגוויי

נאָך אַ יאָר וווינען אין לאָנדאָן, האָט די צעירי־ציון אין ענגלאַנדס הויפּטשטאָט געציילט אַ 600 חברים, וועלכע האָבן מיט נאָך יידישע אַרבעטער און אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס אַדורכגעפירט אַ גרויסע גאַסן־דעמאָנסטראַציע קעגן דעם ביילים־פּראָצעס, וואָס האָט יענעם יאָר (1913) זיך געפירט אין קיעוו. ביי אַ 50 טויזנט יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער מאַניפעסטאַציע, איך בין געווען איינער פון די רעדנערס. דעם זעלבן יאָר האָב איך געהאַט דעם כבוד צו פירן דעם פּאַרזיץ פון אַן אָוונט מיטן אָנטייל פון שלום עליכם, וועלכער האָט אויפן וועג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זיך אָפּגעשטעלט אין לאָנדאָן. דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיט 3 יאָר שפּעטער, נאָכן טויט פון דעם גרויסן שרייבער, זאָל איך זיין פאַרזיצער פון דעם אָנדענק־מיטינג אין לאָנדאָן.

אין יאָר 1915 איז בער באָראָכאָוו געקומען קיין לאָנדאָן און דאָ פאַרברענגט אַ סך טעג אין בריטיש מוזעום, כדי לייענען, לערנען און שטודירן. די נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט האָט אַ סך משפּיע געווען אויף מיין ווייטערדיקן לעבנס־גאַנג. אויך אין פאַל פון באָראָכאָוון האָט אַ מאָדנער צופאַל געוואָלט, אַז מיט 3 יאָר שפּעטער זאָל איך אים דאַרפן מספּיד זיין אויף אַ טרויער־מיטינג אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע.

אין יאָר 1915 ווער איך אויסגעקליבן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי־ציון אין ענגלאַנד. אין אַ ביסל שפּעטער־דיקער תקופה איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, ווו ער האָט אין ענגלאַנד פאַרשפּרייט זיין אידעע וועגן אַ יידישן לעגיאָן און געפינען פאַר איר אַ סך אָנהענגער. ער איז געקומען צו אַ זיצונג פון צ. ק. פּועלי־ציון, כדי רעפערירן וועגן דער נויטווענדיקייט פון דעם לעגיאָן. דאָ, ווי אומעטום, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך קעגנער־שאַפט, אָבער צומאָרגנס האָב איך, מיט נאָך אַ חבר, פּירסט, זיך אָנגעשלאָסן אינעם אַלגעמיין־יידישן קאָמיטעט פאַרן לעגיאָן.

אין יאָר 1916 בין איך אַלס מאַטראָז (ווייל קיין אַנדערע לעגאַלע מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן ענגלאַנד אַלס ענגלישער בירגער — איז נישט געווען) אָנגעקומען קיין אַרגענטינע, ווו כ'האָב אין דער אַרטיקער פּרעסע און אויף עפנטלעכע אַרויס־טרעטונגען גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פון יידישן לעגיאָן. דאָ איז אויך אויף מיין איניציאַטיוו געשאַפן געוואָרן די פּועלי־ציון פּאַרטיי. אין אויפטראָג פון צ. ק. באַזוכט די פּראָווינץ און די יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן דורכן באַראָן הירש. אויך אָרגאַניזירט (צום ערשטן מאָל אין בוענאָס־איירעס) אַ גאַסן דעמאָנסטראַציע אין טאָג פון ערשטן מאַי, מיט רויטע פענער און אָרקעסטער.

אין יאָר 1917 בין איך געקומען קיין אורוגוויי, אין דער הויפּטשטאָט מאָנטעווידעאָ, ווו ס'האָבן צו יענער צייט געוווינט אַ 300 יידישע משפּחות. צו מיין רעפעראַט זענען געקומען אַ הונדערט צוהערער און ס'איז געשאַפן געוואָרן די פּועלי־ציון פּאַרטיי אין אורוגוויי. נאָך צוויי חדשים זיין אין דעם לאַנד, האָב איך זיך אומגעקערט קיין אַרגענטינע. דאָ האָט דערגרייכט די בשורה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. איך טרעט אַרויס מיט רעפעראַטן וועגן איר באַדייטונג און פאַרעפנטלעך אַרטיקלען אויף דער טעמע אין דער יידישער פּרעסע. איך רוף די יידישע יוגנט זיך אָנשליסן אין לעגיאָן. עס האָט נישט גענומען קיין סך צייט און מיר האָבן זוכה געווען צו דעם גליקלעכן מאָמענט: פרייוויליקע יידישע יוגנט האָט זיך געלאָזט צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל, כדי מיט געווער אין האַנט קעמפן פאַר אַ יידישער מדינה. איבער 10 טויזנט יידן האָבן באַגלייט ביז דער שיף די דאָזיקע יוגנטלעכע און איך האָב פון דער שיף געמוזט ריידן צו דעם באַגייסטערטן עולם.



המחבר — במדי הלגיון היהודי (1917)
דער מחבר — אין מונדיר פון ייד. לעגיאָן (1917)

מיר פאַרלאָזן אַרגענטינע. אויפן וועג האָט די שיף זיך אָפּגעשטעלט אין בראַזיל, ווו אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער קהילה האָט אונדז צוגעגרייט אַ וואַרעמען קבלת־פּנים.

צוריק אין קוטנע — דורך ארץ־ישראל...

אָנגעקומען קיין ענגלאַנד, האָט מען אונדז אין דער שטאָט פּלימוט, אין משך פון זעקס וואָכן, געלערנט הלכות זעלנערײ. דערנאָך זענען מיר אַ 1000 יוגנטלעכע פון אַמעריקע און אַנדערע לענדער, אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. עס איז געווען די תקופה פון וואָפנשטילשטאַנד, איז אונדזער אויפגאַבע געווען בלויז צו היטן טערקישע קריגס־געפאַנגענע, פּאַטרולירן, שמירה. די מלחמה איז שוין געווען כמעט אַ פאַרענדיקטע און די ענגלענדער האָבן נישט געהאַט צו פיל אינטערעס צו לערנען אונדז זיין אמתע זעלנער. זשאַבאָטינסקי האָט נישט מסכים געווען מיט אַזאַ צוגאַנג און געזאָרגט דערפאַר, אַז טאָג־איין טאָג־אויס זאָל מען אונדז לערנען זיך באַגיין מיט געווער, מושטערע און אַנדערע אויפגאַבן פון דער מיליטערישער קונסט. עס איז אויך געשטאַנען די פראַגע פון איינאָרדענען שפּעטער די דעמאָביליזירטע לעגיאָנערן. איך האָב זיך באַטייליקט אין אַ

דעלעגאַציע, צוזאַמען מיט דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי, וועלכער האָט געפּאָדערט צו דערמעגלעכן די 7000 לעגיאָנערן צו קאָלאָניזירן דאָס לאַנד.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אין ספּעקטאָרס האָטעל אין יפו די פּועלי־ציון קאָנפערענץ, וועלכע האָט באַדאַרפט באַשליסן וועגן אַ פאַראייניקונג מיטן הפּועל הצעיר, וואָס איז טאַקע דערנאָך פאָרגעקומען אין פּתח־תקוה. צו דער קאָנפערענץ אין יפו בין איך דעלעגירט געוואָרן דורך דעם 38טן באַטאַליאָן פון יידישן לעגיאָן.

מיר איז אָפּט אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט זשאַבאָטינסקין און מיט אים ריידן וועגן דער נויטווענדיקייט צו פאַרוואַנדלען די באַפרייטע לעגיאָנערן אין קאָלאָניסטן. דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ערשטע וועלן דעמאָביליזירט ווערן די לעגיאָנערן פון אַרגענטינע, ווייל דאָס דאָזיקע לאַנד איז געווען נייטראַל אין דער וועלט־מלחמה. אויף מיין אָנפראַגע, האָט זשאַבאָטינסקי שריפטלעך מיר באַשטעטיקט די דאָזיקע ידיעה און צוגעגעבן, אַז מיר דאַרפן זיך נישט לאָזן דעמאָביליזירן, כל־זמן ס'איז נישט אונטערגעשריבן געוואָרן דער שלום־טראַקטאַט.

אין יאָר 1919 קום איך צוריק קיין פּוילן. אויפן וואָקזאַל אין וואַרשע וואַרטן מיך אָפּ זשאַנדאַרן מיט ביקסן, וועלכע פירן מיך אָפּ אין פּאָליציי. איך ווער באַשולדיקט אין... באָלשעוויזם. די נאַכט איז מען איבערגעשלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. אין דער פרי האָט ערשט אַ מיליטערישער אויספאָרשער קאָנטראָלירט אַלע מיינע פּאַפּירן און פרייגעלאָזט. איך פאָר קיין קוטנע.

פאַר די 7 יאָר פון מיין אָפּוועזנהייט, האָט די שטאָט זיך געענדערט. באַזונדערס — אירע יידישע איינוווינער. זיי זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט יענע שטורמישע טעג פון געזעלשאַפטלעכן שווונג און אויפברויז. כמעט אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געווירקט אין באַפרייטן פּוילן, האָבן אויך געהאַט זייערע ווירדיקע נאָכפאָלגער אין קוטנע. איך בין דאָ אויפגעטראָטן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פּועלי־ציון, שפּעטער איז מיר אויסגעקומען מספּיד צו זיין אויפן בית־עלמין, די אַקטיווע פּאַרטיי־חברטע, אַ יינגערע טאָכטער פון שיע קאַמאַשנשטעפּער.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי־ציון באַשליסט מיך שיקן אויף דער פּראָווינץ מיט רעפעראַטן. זייענדיק אין דאָבזשיץ, דערוויס איך זיך, אַז די פּאָליציי אין קוטנע האָט צוויי מאָל מיך געזוכט ביי מיינע עלטערן אין דער היים. מיין באַשלוס: פאַרלאָזן פּוילן. איך קער זיך צוריק קיין לאָנדאָן.

אין יאָר 1920 זיך באַטייליקט אין דער פינפטער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין ווין, אויף וועלכער ס'איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אויף רעכטס און לינקס. פון ווין בין איך געפאָרן צוריק קיין לאָנדאָן אין איין קופּע מיט דוד בן־גוריון. הגם מיר האָבן שוין נישט געהערט צו איין פּאַרטיי, איז די פריינטשאַפט ווייטער אָנגעגאַנגען.

•

מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה, האָב איך זיך באַזעצט אין ישראל.

תנועת הנוער של „פועלי־ציון" („יוגנט")

אליהו קלינגבייל
באר־שבע

על אודות תנועת הנוער „יוגענט" של „פועלי־ציון" לא נותרו כל מסמכים או תעודות. הארכיון שלה, ספריה, וכל אשר היה כרוך בפעולתה עלו באש בימי המלחמה או נקבר בשדות ולא נותר מהם זכר. אשתדל על־כן להעלות מעט זכרונות, כפי שנשתמרו בזכרוני.

תנועת הנוער של „פועלי־ציון", „יוגענט", נוסדה אחרי מלחמת־העולם הראשונה. היה זה אחרי הרצאתו של הח' זרובבל בקוטנה, בה הוא הרצה על „שלום, רעוואָלוציע און פּאַלעסטינע". רבים מבני הנוער נכחו בהרצאתו זו והושפעו ממנה מאוד. אמנם עוד קודם לכן היינו מבקרים באספות של ה„צוקונפט", זו תנועת הנוער של ה„בונד", אך לא הושפענו ממנה. שהרי בבתינו שררה אווירה יהודית־לאומית ואין פלא, כי נמשכנו יותר לרעיון הציוני ולארץ־ישראל. פנינו על־כן להברי „פועלי־ציון" וביקשנו את עזרתם באירגון תנועת־נוער ברוחה של מפלגה זו.

פעולתנו התרכזה בעיקר בשיחות על הבעיות שעמדו אז ברומו של עולם: הקומוניזם והציונות, האנטישמיות וארץ־ישראל, דרכו של הנוער היהודי בגולה ובארץ וכו'. זמן רב הקדשנו ללימוד הבורוכוביזם והסוציאליזם, ערכנו הרבה ערבי „שאלות־ותשובות", ויכוחים עם תנועות נוער אחרות על הבעיות השונות שהעסיקו אותנו אז. התווכחנו בחום על סדרי העולם כולו — אספראנטו תהיה השפה הבין־לאומית של כל המין האנושי. יבוטלו הגבולות בין ארצות על דת ואמונה, על אינטרנאציונאל פועלים, כל אדם יוכל להתמסר לעבודתו ולמקצועו לפי כשרונותיו ונטיותיו האישיות.

בינתיים החלטנו להקים ספריה, אירגננו שעורי ערב ל־80 תלמידים בהנהלת הח' טיכמאן, מורה מראדום. גם עתון התנועה „די יוגענט פון" שהחל להופיע בוורשה ב־1922 הפצנו בין הקוראים הצעירים, נוער עובד ולומד. אבל בלי פילוגים כידוע אי־אפשר, ולכן היו אף אצלנו פילוגים מימין ומשמאל. גם ממלשינים לא נוקינו. המשטרה שמה עלינו עין ורדפה אותנו,



הועד הראשון של פועלי־ציון בקוטנה (1917): מימין — כץ (בלגיה), אפלאסט ז"ל, שפירא יוסף (קרית־אתא), מרוז ז"ל ופרנקל

ערשטער פּועלי־ציון קאָמיטעט אין קוטנע (1917): פון רעכטס — כץ (בעלגיע), אפלאסט ז"ל, שאַפּיראָ יוסף (קרית־אתא), מרוז ז"ל, פרענקעל

עד שנאלצנו לרדת למחתרת. מעשה בדגל אדום, אותו רקמו חברותינו ימים ולילות, ובו השקיעו את כל חלומותיהן על עולם יפה וטוב שאותו דגל צריך היה לסמל עד שלפתע נודע לנו, כי המשטרה מתכוננת לערוך חיפוש בבתינו. כבר עמדנו לשרוף את הדגל, לבל יפול בידי המשטרה. אז התערבו האמהות (יידישע מאַמעס) שראו בצער הבנות והחביאו את הדגל. באחד במאי נישא הדגל בידי חברינו, יחד עם שאר דגלי מפלגות הפועלים, אבל דגלנו היה היפה ביותר!

אחד המקרים שנחרתו עמוק בזכרוני היה מאסרי יחד עם כל צירי הוועידה של תנועת ה„יוגענט", שנערכה בלודז'. ביושבנו בוועידה ודנים על בעיות תנועת הפועלים היהודית והעולמית, על האינטרנאציונל השני והשלישי פרצו לפתע לתוך האולם בלשי המשטרה הפולנית באקדחים שלופים ותחת פקודת „ידים למעלה" העבירו אותנו, כשישים צירים למשטרה. שוחררנו מידיהם בעזרת שוחד כספי ניכר, וצוונו לחזור „איש־איש לביתו". אולם קצבי הבאלוט לא כך היתה דעתם. הם העבירו את כל הצירים למועדונם ברחוב בז'יז'ינסקה 5, סגרו מאחורינו את הדלתות ותחת שמירה מעולה שהציבו בחוץ, המשכנו אנו הצירים בדיונינו. קיבלנו החלטות והוועידה כולה עברה כמתוכנן. כל העת עמדו חברינו הקצבים בחוץ, מצויידים בסכינים ומי היה מעז להתגרות בהם?

בבואי לעיירה, בהיותי בדרכי לביתי, עצר אותי ראש המשטרה הפוליטית בעיירה בשאלה: „אליק, מה היו מעשיך בלודז'?" נדהמתי על שאלתו, אך מיד סיפרתי לו כמה „בלופים" והוא יעץ לי להיזהר, „כי הימים קשים עתה מאוד". אבל מיד בשבת הקרובה, שוב ערכנו אספת חברים ביער, למסירת דו"ח על הוועידה ונתפסנו על־ידי המשטרה. בהשתדלויות רבות אצל ראש המשטרה הפוליטית הנ"ל, וודמאן, יצאנו מהעסק בשלום...

בשנים 1924—1923 החלה אמיגראציה מהעיירה. רבים נסעו לצרפת, לבלגיה, לארצות־הברית, לבראזיל וגם לארץ־ישראל. אירגוננו החל לארגן קבוצות הכשרה לקראת העליה לארץ־ישראל. חברנו יצאו למשקים חקלאיים בסביבה, אך לא ראינו ברכה במעשינו.

נוסף על כך ערכנו פעולות שונות כגון: התרמות לקרן א"י העובדת, (פ.א.פ.), נשפים, וטיולים בסביבה הקרובה. קיימנו קשרים עם ארגוני הנוער של ערי הסביבה: עם וולוצלאבק, ז'יכלין, לנציץ וכו'. רבים מהם ביקרו אצלנו ותפקיד ההארחה הוטל עלי, שכן כעובדים בבתי־מסחר נאלצנו לחגוג נוסף על החגים היהודיים גם את החגים הנוצריים ומשום כך היו עתותי בידי ועלי הוטל תפקיד ההארחה. ראשית־כל צריך הייתי להציג בפני האורחים את הטיפוסים השונים של בני־עירנו, אותם הנציח שלום אש ביצירותיו: את מוטקה־גנב, את „מוצני־ווּזטק", את „מאטיס־פוקס" ואח'. ערכנו טיולים ביערות הסביבה ובפארק, התרחצנו בנהר וכל אלה היו לא אחת מלווים תגרות ידים עם „השקצים".

בשנת 1924 עליתי ארצה, מאז לא ביקרתי בקוטנה. אמנם שנתיים לפני המלחמה ביקרתי בפולין אך לא פקדתי את עיר הולדתי. ומצפוני אינו נותן לי מנוח בשל כך עד יום. אך מי יכול היה להעלות בדמיונו כליון ושמד כזה של העם היהודי בפולין? מי יכול היה לתאר לעצמו אפילו בחלומותיו האיומים ביותר, כי כך יהיה סופם של היהודים ובתוכם קהילת יהודי קוטנה!

יהיו נא שורות מעטות אלה נר לנשמת חברי, הנערים בתנועת הנוער „יוגענט", שנשאו את עיניהם לארץ־ישראל ועלו על המוקד יחד עם כל בית־ישראל.

ברוך יהא זכרם!



ביום ההתרמה בקוטנה

א „בלימל־טאָג" אין קוטנע

יידישע ארבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון" און „יוגנט"

הענעך שלייפער
פּאַריז

ביים שרייבן וועגן דער טעטיקייט פון דער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון" אין קוטנע, מוז איך מאַכן עטלעכע באַוואָרענישן.

ערשטנס: אַלץ, וואָס ווערט דאָ דערמאָנט, איז נאָר פון זכרון, און איז פאַרצייכנט מיט דער הילף פון די חברים מנשה קאַץ (בעלגיע) און בערל פאַנטש (פּאַריז). אַנדערע מאַטעריאַלן — זענען נישט בנמצא.

צווייטנס: אַלע אַמאָליקע חברים, וואָס האָבן אַליין מיטגעמאַכט די אָנהייב־יאָרן פון „פּועלי־ציון", זענען שוין אַוועק אין דער אייביקייט.

דריטנס: דער מחבר פון די שורות איז אויך נישט פון יענעם דור, וואָס זאָל קענען איבערגעבן אייגענע, דעמאָלטיקע איבערלעבונגען, געבונדן מיט דער איצט שוין ווייטער פאַרגאַנגענהייט. צוליב אַזעלכע פאַרשטענדלעכע סיבות, קענען דאָ נישט אָפּגעהיטן ווערן קיין גענויע דאַטעס און פּינקטלעכער סדר פון די אויפטועז פון דער „פּועלי־ציון" אין קוטנע.

לאָמיר דעריבער אָננעמען, אַז דאָס איז אַ באַשיידענער ביישטייער צו דער געשיכטע פון יידן אין קוטנע, וואָס וועט אפשר אַמאָל אָנרעגן דעם פאַראינטערעסירטן פאָרשער, גרינטלעכער אַרויסצוברענגען די ענינים, וואָס ווערן דאָ דערמאָנט.

איך האַלט אָבער פאַר מיין פליכט צו פאַרצייכענען אין דעם געדענק־בוך, אין אַלגעמיינע שטריכן, די עקזיסטענץ, טעטיקייט און אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי אונדז אין שטאָט.

1

די ציוניסטישע אידעען זענען אַריינגעדרונגען אין אונדזער שטעטל אין סאַמע אָנהייב פונעם אויפקום פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן.

פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט אונטער דעם צאַרישן, דעספּאָטישן און אַנטיסעמיטישן רעזשים, איז אויך אין קוטנע אויפגעקומען די בענקעניש צו נאַציאָנאַלער דערלייזונג. ווי דער שטייגער, זענען די ערשטע אָנגעשטעקט געוואָרן מיט די נייע אידעען יידן, פּראָגרעסיווע שטאָט־אינטעליגענטן, אָנגעזעענע בעלי־בתים און אויפגעקומענע יונגעלייט, וואָס האָבן געזוכט אַ ציל אין לעבן און זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק.

קוטנע האָט געהאַט דעם גרויסן זכות צו האָבן אַן אייגענעם דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ אין מינסק. די אָנוועזנהייט פון אַ קוטנער רעפּרעזענטאַנט אויף אַזאַ היסטאָרישן וועלט־צוזאַמענפאָר, האָט זיכער געהאַט די גרעסטע ווירקונג פאַר דער איינפלאַנצונג פון נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־געדאַנק אין דער שטאָט און אַרום איר. קוטנער יידן האָבן אַזוי אַרום געהאַט דירעקטע אינפאָרמאַציעס וועגן די גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן, זייער איינפלוס אין דער וועלט, די זאָרגן און שטרעבונגען פון באַוווּסטע יידישע כלל־טוער, וועגן די רעפעראַטן, דיסקוסיעס און באַשלוסן פון דער גרעסטער און וויכטיקסטער מאָדערנער יידישער וועלט־אסיפה, וועמענס צילן זענען געווען בפירוש און קלאָר — שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק.

2

אַן אָנגעזעענער בעל־הבית, מתתיהו (מאַטעס) גאָלדמאַן, האָט אין פאַרשטענדיקונג מיט אַנדערע איבערצייגטע ציוניסטן אין שטאָט, גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו זיין דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ אין מינסק. דער רושם, וואָס זיין שליחות און צוריקקער האָט געמאַכט אין שטאָט, איז זיך גאָרנישט פאָרצושטעלן. דאָס איז אַוודאי געווען די ערשטע עפנטלעכע דערשיינונג פון ציוניסטישער טעטיקייט, און אויך אַ זיכערער באַוויז פון דער עקזיסטענץ פון אַן אָרגאַניזירטער ציוניסטישער באַוועגונג.

די עצם שאַפונג פון אַזאַ באַוועגונג, מיט דעם קלאָר־פאָרמולירטן פּראָגראַם און די פּריווילעגיע צו האָבן אַן אייגענעם פאַרטרעטער אין מינסק, איז זיכער געווען אַ סטימול צו א טיפער פאַרוואָרצלונג פון ציוניזם אין קוטנער געגנט און אַ גוטע געלעגנהייט אויסצובּרייטערן דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין. דאָס האָט אויך מיטגעווירקט צו באַקומען אַ סך חשיבות ביי די צענטראַלע אינסטאַנצן אין פּוילן.

אַ ביסל שפּעטער, האָט אויך דער „בונד" אין קוטנע געלייגט זיינע ערשטע פונדאַמענטן.

די סאָציאַליסטישע שטראָמען, וואָס האָבן פאַרפלייצט די גאַנצע צאַרישע אימפּעריע, דער אַלגעמיינער דראַנג נאָך פּאָליטישע רעכט און דעמאָקראַטיע, — האָבן געפונען אַ ממשותדיקן אָפּקלאַנג צווישן די געדרודפטע יידישע מאַסן. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די לאָזונגען פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט, האָבן מיטגעריסן די פעלקער, וועלכע האָבן געשמאַכט אונטערן צאַרישן יאָך. עס איז דעריבער לייכט צו פאַרשטיין, אַז אויך יידן האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט די פרייהייטס־אידעאַלן און באַגייסטערט געוואָרן צום קאַמף קעגן אַבסאָלוטיזם און אונטערדריקונג.

לייכט און פּשוט זענען געווען די בונדישע אַרגומענטן: סאָציאַליזם איז גוט פאַר די רוסן, פאַר די ליטווינער און פּאָליאַקן. ביי אַלע פעלקער וואַקסט די צאָל קעמפער פאַר פרייהייט און יושר — מוז דאָס זיין גוט אויך פאַר יידן. קיין „דאָרט" איז נישטאָ און וועט קיין מאָל נישט זיין — איז געווען די בונדישע טענה. זייער קאַמף איז בעיקר געווען פאַר די טעגלעכע נויטן און אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן „דאָ". מיט אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע איז לייכט געווען צו געפינען מיטגלידער.

די פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָט ערשט געהאַלטן אין אויספאָרמירן זיך. פּועלי־ציוניזם, אַלס אידעאָלאָגיע פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, האָט נאָר וואָס באַקומען די ערשטע אָנהענגער — און שוין האָבן זיך געפונען אין קוטנע מענטשן, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צו די אידעען פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. זיי האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז די סינטעזע פון סאָציאַליזם און ציוניזם איז די נאַטירלעכע לייזונג פון די אָנגעווייטיקטע יידישע אַרבעטער־פּראָבלעמען; אַז די באַזונדערע לאַגע פון יידישן פאָלק און די ספּעציפישע נויטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, פאָדערן עפּעס אַנדערש ווי די פּשוטע איבערזעצונג פון סאָציאַליסטישע לאָזונגען אויף יידיש. אַ יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי מוז אין איר פּראָגראַם זוכן צו שאַפן אַ ווייט גייענדיקע פאַרענטפערונג פאַר די יידישע אַרבעטער־אינטערעסן און טאָר נישט פאַרזען די טראַגישע רעזולטאַטן פון דער יידישער באָדנלאָזיקייט. מען מוז דעריבער שאַפן אַזעלכע עקזיסטענץ־באַדינגונגען, אין וועלכע דער יידישער אַרבעטער זאָל געפינען זיין אָרט און ראָל אַלס דער בויענדיקער קלאַס פון דער יידישער נאַציע, צוגרייטן די נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע פון יידישן פאָלק.

נישט לייכט איז אָנגעקומען די ערשטע פּועלי־ציון־חברים אויפצוקלערן די דאָזיקע געדאַנקען פאַר די קוטנער יידן. נאָך שווערער איז געווען צווישן די אַרבעטער־קרייזן. דער „בונד"

האָט שוין געהאַט פאַרנומען פעסטע פּאָזיציעס אויף דער יידישער גאַס. די פאָדערונגען פון לאַנד־פּראָלעטאַריאַט, זענען אויך געוואָרן זיינע פאָדערונגען. דער סאָציאַליזם פון „בונד" האָט זיך נישט גענייטיקט אין קיין אויסטייטשונגען. גענוג געווען צוצוגעבן דעם פּסוק „נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע" — און זיך פאַרלאָזן אויף דער צוקונפטיקער גערעכטער אָרדענונג, וואָס וועט ענדערן דעם מענטש, און במילא אויך דעם ייד. דערמיט וועט נעמען אַ סוף צו דער יידישער רעכטלאָזיקייט און אַנדערע מינדערווערטיקייט־געפילן. דאַקעגן די באַגרינדונג פון אַרבעטער־ציוניזם, האָט מען געמוזט שטודירן און אויפקלערן. עס האָט גענומען אַ סך צייט, ביז די פּועלי־ציון־טעאָריע איז אַריינגעדרונגען אין די מוחות, ביז זי איז פאַרשטאַנען געוואָרן און געווינען אָנהענגער און סימפּאַטיקער.

3

די ערשטע גרופּע פּועלי־ציון אין קוטנע איז שוין באַקאַנט געווען אין דער געגנט נאָך אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט. עס איז זיכער, אַז אין 1906 האָט באַזוכט קוטנע דער שליח פון צענטער, חבר סאַלאָמאָן (היינט באַקאַנט — מ. יאַרבלום). לויט געוויסע ידיעות, זענען אויך אַנדערע אָנפירנדיקע חברים געקומען קיין קוטנע פון וואַרשע און לאָדזש.

אין 1907, בעת די וואַלן צו דער צווייטער דומע, איז די פּועלי־ציון־גרופּע אין קוטנע געווען אַקטיוו אין דער וואַל־קאַמפּאַניע.

די ערשטע פּועלי־ציון־טוער אין קוטנע, זענען באַקאַנט לויט די נעמען: אברהם ערדבערג, יחיאל רייפעלד, שמשון גייסט, אליעזר עלבערג, טוביה באָזשיקאָווסקי, יעקב־מאיר פרענקעל און אַנד. דאָס זענען געווען איבערצייגטע אידעאַליסטן מיט אַ רייפן בליק איבער אַלגעמיינע און יידישע אַרבעטער־פּראָבלעמען. זייער טעטיקייט איז באַשטאַנען דער עיקר אין אַ לעבהאַפטער דיסקוסיע מיט די בונדיסטן וועגן ענדציל און לייזונג פון דער יידן־פּראַגע.

א. ערדבערג איז געווען די פירנדיקע פּערזענלעכקייט פון דער גרופּע. אַ שטאָט־אינטעליגענט און לערער אין זארחינס העברעישער גימנאַזיע. ער האָט געלערנט עברית און יידישע געשיכטע. שמשון גייסט איז געווען פון פאַך אַ דרוקער, א. עלבערג — אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער און י. מ. פרענקעל — אַ זאָקנמאַכער. אַלע זענען זיי געווען אָנגעשטאָפּט מיט וויסן און חכמה.

ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז די גרופּע נישט שטאַרק געוואַקסן. דאָס זענען געווען יאָרן פון שטאַרקע פּאָליצייאישע רעפּרעסיעס. זייער אָפט האָט מען אַרעסטירט און אויך אַוועקגעשיקט אויף סיביר. די אַרבעט איז געווען קאָנספּיראַטיוו און באַגרענעצט. ערשט נאָך דער באַזעצונג פון קוטנע דורך דער דייטשער אַרמיי, האָט זיך די לאַגע געענדערט צום בעסערן.

היינט קומט דאָס אויס זייער מאָדנע ווען מיר זאָגן, אַז אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, איז דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. נישט געקוקט אויף די לעגאַליזאַציע־שטערונגען, האָבן אָנגעהויבן וואַקסן געזעלשאַפטן און פאַראיינען. די יידישע פּאַרטייען האָבן אונטער פאַרשידענע אויסריידן, אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט. דער רוב פון דער יידישער אַקטיווער באַפעלקערונג איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דעמאָלט האָבן זיך בולט אויסגעקריסטאַליזירט די ראַמען פון יעדער ריכטונג.

אין דעם דאָזיקן פּרילינג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן אויפשטייג, האָט די פּועלי־ציון פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט. צו יענער צייט איז קיין קוטנע געקומען אַ צאָל פאַמיליעס פון רוסלאַנד, פון וואַרשע און בעיקר — פון לאָדזש. צווישן זיי האָבן זיך געפונען ווערטפולע מענטשן, וואָס האָבן אויפגעהויבן דאָס יידישע לעבן צו אַ העכער מדרגה. עס האָבן זיך באַזעצט אין קוטנע יעקב ווייסליץ מיט זיין פרוי און טעכטערל מילאַ. ער האָט געגרינדעט און אָנגעפירט מיט אַ גוטן דראַמאַטישן קרייז, וואָס האָט אָפט אויפגעפירט גוטע פּיעסן. געקומען זענען אויך ביינישׂ זילבערשטיינס עלטערן. ער גופא איז נאָך געווען אַ יונגער בחור, געשטעלט די ערשטע טריט אין דער יידישער פּאָעזיע, באַזאַמען מיט זיין יונגערן חבר יוסף טורקא (באַקאַנט אַלס יוסף אָקרוטני). פון די רוסישע בעזשענצעס זענען צווישן אַנדערע געקומען: די פאַמיליעס ריפּטין (די עלטערן פון יעקב ריפּטין), שאַפּיראָ, שוסטער, שיינראָק, לעוויטין, עלבוים (די עלטערן פון שיע עלבוים). צווישן די געקומענע פון לאָדזש, האָבן מיר באַקומען זייער אַקטיווע טוער.

4

אין יאָר 1916, אין סאַמע מיטן פון וועלט־קריג, האָבן די חברים שאַפּיראָ, יעקב מרוז, י. מ. פרענקעל, מנשה קאַץ (היינט אין בריסל), שיע אפּעלאַסט, ראובן יאַבלאָנסקי — געשאַפן די באַנייטע פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין קוטנע. צו זיי איז צוגעשטאַנען אַ גרופּע אַרויסגעטרעטענע פון „בונד" — זייערע נעמען זענען מיר אומבאַקאַנט. די נייע גענעראַציע פּועלי־ציוניסטן איז איצט באַשטאַנען פון א. שוסטער, ב. זאַנדבערג, רוטע שיינראָק, סאָכאַטשעווסקי, מילער, פישל גרינבוים, חיים שטייך, שרה באַראַן, שרה אפּעלאַסט און איר עלטערע שוועסטער, די דריי שוועסטער קוטשינסקא (די עלטסטע איז געוואָרן די פרוי פון חבר יעקב מרוז, איר פאָטער, שיע קוטשינסקי, האָט מען גערופן „שיע מיט די טעכטער") און חוהלע ערדבערג, די יינגסטע שוועסטער פון אברהם ערדבערג און אַנד.

זיי האָבן געפונען אַ לאָקאַל און באַלד זיך פאַרנומען מיט אַקטיווער אַרבעט: מיטינגען, רעפעראַטן, קעסטל־אָוונטן, דיסקוסיעס. עס זענען געקומען רעפערענטן פון ראַיאָן און פון צענטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן פּאַרטיי־ליטעראַטור און פּאַרטיי־פּרעסע. מען האָט געזאַמלט פאַרן „פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד". די פאַרשידענע אימפּרעזעס האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם יידישע אַרבעטער, אינטעליגענץ און יוגנט. אין אַ קורצער צייט, איז די פּאַרטיי אויסגעוואָקסן צו אַ ברייטער מאַסן־אָרגאַניזאַציע, מיט אַ סך פאַרמעסט און שווונג. עס האָבן זיך געשאַפן אינסטיטוציעס, ס'איז שטאַרק געוואָקסן די צאָל מיטגלידער און סימפּאַטיקער.

פּועלי־ציון אין קוטנע האָט געהאַט אַלע שאַנסן צו ווערן אַ דעצידירנדיקער כּוח אויף דער יידישער גאַס. איך דערמאָן זיך די דערפאָלגרייכע אַרויסטריטן פון חבר מענטשעס. ער איז נאָר וואָס געהאַט געקומען פון לאָנדאָן, געברענגט מיט זיך די דערפאַרונג פון אַ וועלט־רייזנדער. ער איז געווען אַ גוטער רעדנער און אַן אַקטיווער טוער אין דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיין מיטאַרבעט און דינאַמישע נאַטור, האָבן אַ סך צוגעטראָגן צו אונדזער טעטיקייט.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג, איז קיין קוטנע געקומען, אַלס לערער אין דער יידיש־פּוילישער גימנאַזיע, דער חבר ישראל טייכמאַן. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַן אַלזייטיק וויסן, הויכע לערער־קוואַליפיקאַציעס און ביז גאָר סימפּאַטיש. זיין קומען קיין קוטנע איז געווען פאַרבונדן מיט אַן אומגעריכטן גליקלעכן פּעריאָד, וואָס די פּאַרטיי און יוגנט האָבן אויסגענוצט אויף אַ ווונדערבאַרן אופן.

ישראל טייכמאַן האָט אַרום זיך גרופּירט אַלע יידישע לערער פון שטאָט. דאָס האָט פאַרשטאַנען דער אָרטיקער פּועלי־ציון־קאָמיטעט. עס איז גלייך געשאַפן געוואָרן די געזעלשאַפט

„אָוונט־קורסן", מיט וועלכער די לערער האָבן מסכּים געווען מיטצואַרבעטן. אַלס לאָקאַל האָבן מיר באַקומען די יידישע פאָלקסשול. אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע האָבן פאַרפולט די קלאַסן. מיט אַלע חושים, האָט יונגוואַרג זיך צוגעהערט צו ד־לעקציעס און ליב געקראָגן די לערערס. אָנפירער פון דער אָוונט־שול איז געווען דער חבר טייכמאַן. געהאָלפן האָבן אים די לערער: שאַפּשעוויטש, אַפּעלאַסט, קיבעלס טאָכטער און אַנד.

די געזעלשאַפט „אָוונט־קורסן", איז געווען אַ ברכה פאַר דער שטאָט און אַ גליק פאַר פּועלי־ציון, מחמת אונטערן מאַנטל פון דער אינסטיטוציע, איז געפירט געוואָרן די גאַנצע טעטיקייט. די באַקוועמע לאָקאַלן זענען אויסגענוצט געוואָרן אויך אויף אַנדערע געביטן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאָס איז געווען די שענסטע צייט פאַר די קוטנער פּועלי־ציון.

5

די אַנטוויקלונג און דער ראַשיקער וווּקס פון דער פּאַרטיי, האָבן געפאָדערט די געהעריקע באַדינגונגען צו קענען כּולל זיין אַלע אויפגאַבן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַזאַ באַוועגונג. עס זענען אָבער אויך געקומען שטערונגען, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן דעם שיינעם בוים און אָפּגעטרוקנט זיינע צווייגן.

די יידישע באַפעלקערונג אין קוטנע איז נישט געווען פון רייכן שטאַנד. אַוודאי האָבן זיך געפונען עטלעכע גבירים, סוחרים, שיינע יידן. זיי איז ווייניק אָנגעגאַנגען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, פּונקט ווי די עטלעכע אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון יידן. געווען אויך אַ גרויסער מיטלקלאַס, וואָס איז מערסטנס באַשטאַנען פון פרומע, כּמו־פרומע, הענדלער, האַנטווערקער, כאַלופּניקעס, מאַרק־שטייערס. דער רוב פון די מענטשן איז געווען אָרעם און באַשיידן, קוים געהאַט אויף חיונה. געווען עטלעכע פאַבריקן אין קוטנע — אָבער אַלע געשלאָסן פאַר יידן. די פּועלי־ציון־חברים זענען אין דער ווייט גרעסטער מערהייט געווען פון אומפאַרמעגלעכן שיכט.

די לאָקאַלן פון פּועלי־ציון זענען געווען געדונגענע, סובלאָקאַטאָרישע, אומבאַקוועמע און געקאָסט טייער. די לאָקאַלן זענען געווען האַלב־לעגאַלע, מע האָט זיך געפילט אין זיי אומזיכער. אַט די אומגינסטיקע באַדינגונגען האָבן זיך גלייך אָפּגערופן אויף די באַזוכער. די סימפּאַטיקער האָבן זיך גענומען דערווייטערן.

באַלד איז אונטערגעקומען נאָך אַ פּלאָג — די עמיגראַציע. נאָכן סוף פון וועלט־קריג, האָבן זיך צוביסלעך געעפנט די גרענעצן און יידן האָבן אָנגעהויבן אויסצוּוואַנדערן.

די דאָזיקע דערשיינונג האָט שווער געטראָפן דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין קוטנע. נאָך יעדעס מאָל אויסשולן אַן אַקטיוו, איז ער זיך תּיכּף צעפאַלן, מחמת דער כּסדרדיקער אויסוואַנדערונג פון די חברים. דערנאָך איז געקומען די אומגליקלעכע שפּאַלטונג, וואָס האָט צעטיילט די פּועלי־ציון אויף „לינקע" און „רעכטע". אַ געוויסע צאָל חברים איז אַוועק פון דער פּאַרטיי. זיי האָבן געפירט אַ באַזונדערע טעטיקייט אַלס „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל". נאָך דער שפּאַלטונג האָט זיך אָנגעהויבן די דיסקוסיע אַרום די באַרימטע 21 פּונקטן פון קאָמינטערן. די דיסקוסיע האָט פאַרצערט אַ סך ענערגיע און זיך געענדיקט מיטן אַוועקגיין פון אַ גרופּע אַקטיוויסטן.

נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער פּויליש־סאָוויעטישער קריג. דער רוב פון די חברים איז געוואָרן מאָביליזירט. אַלע לאָקאַלן זענען גלייך פאַרמאַכט געוואָרן. אַלץ איז מיט אַמאָל אַראָפּ פון דער אויבערפלאַך.

אין אַ צייט אַרום זענען די ענינים אַריבער אין די הענט פון די יינגערע, וואָס האָבן מיט מסירת־נפש אויפגעהאַלטן דעם פלאַם, אין דערוואַרטונג אויף בעסערע צייטן.

6

נאָך דעם ווי פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק, דערמאָנען זיך מיר דריי וואַל־קאַמפּאַניעס, אין וועלכע עס האָבן אָנטייל־גענומען פּועלי־ציון אין קוטנע — צוויי מאָל צום סיים און איין מאָל צום שטאָטראַט. כּ׳מיין, אַז צום ערשטן שטאָטראַט האָבן מיר אַדורכגעפירט איין ראַטמאַן. דאָס איז געשען אַ דאַנק דעם בלאָק פון פּועלי־ציון מיט די אומאָפּהענגיקע. ראַטמאַן איז געווען דער פּועלי־ציוניסט אליעזר עלבערג. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָבן מיר אויך שפּעטער געהאַט אַ דאָזאָר אין דער קהילה — חבר שוואַרץ.

פון גרויס וויכטיקייט איז פאַר אונדז געווען די שטאַרקע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע אין זשיכלין. אין קעגנזאַץ צו קוטנע, האָט דער „בונד" נישט געהאַט דאָרט קיין שום השפּעה. דער קאָנטאַקט מיט דעם שכנישן זשיכלין איז געווען אַן אָפטער, וואַרעמער און נוצלעכער.

פּועלי־ציון האָט אַ סך מאָל אָנטייל גענומען אין די מאַי־דעמאָנסטראַציעס אונטער דער אייגענער פאָן. אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען מיר געווען אין דער מינדערהייט. דער „בונד" האָט זיך דאָרט געפירט ביד חזקה.

איך דערמאָן זיך, ווען עס איז געשטאָרבן די חברטע פּריווע קוטשינסקאַ — די סעקרעטאַרין פון דער קוטנער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. איר טויט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין שטאָט, סיי צוליב איר יונג פאַרשניטן לעבן און סיי דערמיט, וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זאָגן ווידוי און האָט דורכאויס פאַרלאַנגט צו האָבן אַ לוויה אָן רעליגיעזע צערעמאָניעס. דאָס ערשטע מאָל אין קוטנע האָט מען ביי איר קבר געזונגען די פּועלי־ציון־שבועה.

ווען אין פּוילן איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, האָבן די פּועלי־ציון געעפנט אַן אייגענע בעקעריי. פאַרוואַלטער איז געוואָרן דער חבר שוסטער. דאָס איז געווען כאַסקל קאַצס בעקעריי. זי האָט אָבער נישט לאַנג עקזיסטירט.

אין יאָר 1926 איז ביי אונדז געשען אַ פאַקט, וואָס האָט געגעבן געוויסע האָפענונגען אויסצוברייטערן די רייען פון דער פּאַרטיי. אַ גרופּע פון צען חברים פון „השומר הצעיר", האָט זיך געווענדעט צו פּועלי־ציון וועגן אַריינגעמען זיי אין דער פּאַרטיי. מ׳האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, אָבער די פרייד האָט נישט לאַנג געדויערט. די „שומרים", אָפּשטאַמיקע פון בירגערלעכע היימען, האָבן זיך נישט גוט געפילט אין די רייען פון פּועלי־ציון אין קוטנע, וועמענס חברים ס׳זענען ס׳רוב געקומען פון אַרבעטער־היימען. זיי האָבן אויך נישט געוואָלט מסכּים זיין מיט דער פּועלי־ציון־אידעאָלאָגיע אין דער באָראָכאָוויסטישער אויפפאַסונג. אָנפירער פון דער גרופּע איז געווען יעקב ריפּתין — געוו. מפּ"ם־דעפּוטאַט אין כּנסת.

7

פון גרויסן ווערט און וויכטיקייט פאַר דער פּועלי־ציון אין קוטנע, איז געווען די גרינדונג פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. די יוגנטלעכע מיטגלידער האָבן מיט באַגייסטערונג אויפגענומען די לערע פון פּועלי־ציוניזם און מיטגעהאָלפן אין אַלע אַקציעס און אונטערנעמונגען. הגם אָרגאַניזאַציאָנעל איז דאָס געווען אַ באַזונדערע פאָרמאַציע, איז אָבער תּמיד געווען אַ נאָענטע צוזאַמענאַרבעט. די „יוגנט" האָט געדינט ווי אַ רעזערוואַר פאַר דער פּאַרטיי און איר מיטגלידערשאַפט. ביים דערגרייכן די אַכצן יאָר, איז דער יוגנט־מיטגליד אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי. דער דאָזיקער פאַקט האָט צוגעטראָגן אַ סך דערפאָלג אין אירע אַקציעס און אויפגעהאַלטן און פאַרלענגערט די עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי אין קוטנע.

די קוטנער „יוגנט" איז געווען אַן אָפּטיילונג פון דער אין גאַנץ פּוילן פאַרצווייגטער „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע.

פּורים־צייט, אין יאָר 1917, האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן: בערל פאַנטש, אליהו קלינגבייל, פריווע קוטשינסקאַ און לעווי־טין (מ'האָט אים גערופן „דער שיינער ליטוואַק") און געשאַפן אַ נייע יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

דער נאָמען „יוגנט" איז פאַר מיר נאָך דעמאָלט געווען אומ־באַקאַנט. איך בין נאָך געווען אַ יונג בחורל, אין אַ לאַנגער קאַ־פּאָטע, געווען אויף־ידער לער אַלס שטעפּער ביים „געלן ריזשע". מיין עלטערער ברודער שלום שלייפער, האָט שוין געהערט צו די צעירי־ציון. ער האָט מיך געברענגט אין זייער יוגנט, וואָס האָט געהייסן „פּרחי ציון". קיין חברים, גלייכע צו מיר, האָב איך דאָרט נישט געפונען. דאָרט האָט אויך געפעלט וואַרעמקייט.

איין מאָל טרעפט מיך אליהו קלינגבייל און קלערט מיר אויף דעם ענין „פּועלי־ציון". דאָס וואָרט „ציון" האָט שטענדיק געהאַט פאַר מיר אַ מאַגנעטישע קראַפט. איך האָב באַלד מסכים געווען אַריינצוטרעטן. אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג האָט מען באַהאַנדלט פאַרשידענע פראַגן, וואָס זענען נוגע אונדזער קו־מענדיקע טעטיקייט. איך האָב צוגעשריבן אַ צעטעלע צום ח' שאַפּיראָ (דעם פאָרזיצער), מיט דער פראַגע וועגן בילדונג, אין וועלכער מיר נייטיקן זיך אַזוי שטאַרק.

ווי דערשטוינט בין איך געווען, ווען מ'רופט פּלוצום אויס — „ח' שלייפער האָט דאָס וואָרט". איך האָב נישט געוווסט ווי זיך אַ הין צו טאָן. אומדרייסט, פאַרויטלט, האָב איך מיך אויפגעשטעלט און איבערגעחזרט די פראַגע וועגן בילדונג: „ווי אַזוי קלערט מען דאָס צו מאַכן און ווען?" ח' שאַפּירא, מנשה קאַץ און יעקב מרוז האָבן געענטפערט אויף מיין פראַגע, אַז „צוזאַמען מיט אייך וועלן מיר דאָס מאַכן".

איך האָב געזען, אַז די מענטשן נעמען די זאַך ערנסט און זענען דערמיט איבערגענומען. דאָס איז געווען מיין ערשטער „אויפטריט" אויף אַ פאַרזאַמלונג. מיין רעדן האָט גוט אויס־גענומען. פון דעמאָלט אָן בין איך שוין געווען אַ מיטגליד אין יוגנט־קאָמיטעט. מיר האָבן באַלד אונטערגענומען אַ ווערביר־אַקציע. אָנגעהויבן ביי ברידער און שוועסטער, אייגענע משפחה־מיטגלידער, נאָענטע און ווייטע קרובים. די אַקציע האָט געהאַט אַ סך דערפאָלג. מיר האָבן זיך דערפילט, ווי אַן אויפגייענדיקער כוח און טאַקע געוואָרן די שענסטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין קוטנע. דער פּועלי־ציון־לאָקאַל איז מיט אַ מאָל ענג געוואָרן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז כדי צו אַנטוויקלען די אַרבעט, מוז מען אָנהייבן טראַכטן וועגן אַן אייגענעם לאָקאַל.

פון וואַרשע האָבן אָנגעהויבן צו קומען צירקולאַרן, צייטונ־גען און אויך אינסטרוקטאָרן. מיר זענען שוין געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. די אָפטע באַזוכן פון די חברים פון וולאָצלאַוועק, לאָדזש און זשיכלין, האָבן געהאָלפן דער אָרגאַניזירונג. מיר האָבן זיך געגרייט צו דער ערשטער לאַנד־קאָנפערענץ פון „יוגנט"־פאַרבאַנד.

מיר האָבן געהאַט רעכט אויף אַ דעלעגאַט צו דער קאָנפע־רענץ. מ'האָט זיך געגרייט צו איר, ווי גרויסע מענטשן. אויסגע־ווילט איז געוואָרן ח' בערל פאָנטש. מיט שטאָלץ האָט ער רעפּרעזענטירט די קוטנער אָרגאַניזאַציע אויף דעם צוזאַמענפאָר.

8

צווישן די ערשטע אַקטיוויסטן דערמאָן איך מיך די חברים: ב. פאנטש, א. קלינגבייל, פריווע קוטשינסקאַ, יוסף צעלעמענ־סקי, פישל פאָגעלמאַן (אַ באַרימטער חזן אין אַמעריקע), פּנחס טערשמיל, איטע סאַלאָמאָן, ר. קרוטשיק, לעוויטין, הענעך שטיין, הינדע שטיין, וואָלף אַבראַמאָוויטש, ש. אָסאָווסקאַ, ז. אָפּאַטאָוו־סקי א"אַנד. דערנאָך איז געקומען די יינגערע גענעראַציע: לייבוש און בנימין פּיעטריקאָווסקי, מרדכי שטיין, שיע עלבוים,



הליגה למען ארץ־ישראל העובדת — 1935

ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל — 1935

חנה אַבראַמאָוויטש, נתן קאַץ, אברהם קאַץ, אברהם און זעליג לוסטיגמאַן, אריה לוסטמאַן, חנה אַפּעלאַסט, אברהם פּריזלער, מ. א. קאָוואַלסקי, יאָסל ציאָלעק, ווינטרויב, שיינראָק א״אַנד.

איך האָב דעמאָלט געאַרבעט ביי פּלאָצקערן, צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן בונדיסט הערמאַן קירשבוים, ראובן פּוקאַטש און משה אהרון מענכע — אַ בחור, וואָס האָט לויט זיין אייגענער פֿאַנטאַזיע, אויסגעאַרבעט אין 1919 אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

איין מאָל דערציילט מיר פּוקאַטש, אַז לייבאָוויטש וויל מיט מיר רעדן. נאָך עטלעכע שמועסן דערקלערט מיר לייבאָוויטש, אַז ער וויל אַריין אין אונדזער יוגנט. ער איז געווען פֿאַר אונדז אַ ווערטפולער חבר. ער האָט געשטאַמט פֿון דער זייער אָנגעזעענער משפּחה צאַמבער. זיין זיידע איז געווען סעקרעטאַר ביי די רבנים פֿון שטאָט. ער האָט אויך פֿאַרנומען די בכבודיקע פּאָזיציע פֿון פֿירן די מעלד־ביכער אין שטאָט. דורך לייבאָוויטשן זענען מיר צוגעקומען צו דער ביבליאָטעק פֿון זיינע פֿעטערס (די צאַמבערס). שפּעטער האָט די ביבליאָטעק איבערגעוואַנדערט צו אונדז אין לאָקאַל. איך בין געפֿאָרן קיין וואַרשע און צוגעקויפט אַ שפּאָר ביסל ביכער. מיט גרויס פֿרייד האָבן מיר געעפֿנט די ביכער־שאַנק — צו דער דיספּאָזיציע פֿון דער קוטנער יוגנט. די ביבליאָטעק איז זיך צעוואַקסן. זי איז געוואָרן די צווייטע אין שטאָט (נאָך דער פּרץ־ביבליאָטעק). מיט דער ניי־געשאַפֿענער אינסטיטוציע, האָט זיך פֿאַרשטאַרקט אונדזער אָנזען.


דער דירעקטאָר פֿון דער אָוונט־שול, חבר ישראל טייכמאַן, האָט געהאַט אַ פֿאָטערלעכע באַציאונג צו אונדזערע חברים־שילער. ער האָט אויסגעשטעלט און ספּעציעל צוגעפּאַסט דעם לערן־פּראָגראַם, צום ניוואָ און קענטעניש פֿון די פֿאַרשידענע שילער. אויך די אַנדערע לערער האָבן אָנגעווענדט די בעסטע מעטאָדן און זיך באַמיט צו געבן צו פֿאַרשטיין די לימודים אויף אַ זייער פּאָפּולערן אופֿן.

דאָס פּאָליטישע לעבן אין פּוילן האָט זיך אָבער שנעל געביטן. די פֿאַרשטאַרקטע פּאָליציי־רדיפֿות האָבן געצוווּנגען אונדזערע צענטראַלע אינסטאַנצן איינצוטיילן די באַוועגונג אויף דריי ראַיאָנען: וואַרשע, לאָדזש און קראָקע. מיר האָבן געהערט צום לאָדזשער ראַיאָן. עס איז גערופֿן געוואָרן אַ קאָנפֿערענץ אין לאָדזש, כּדי צו רעאַליזירן און באַקאַנט מאַכן דעם נייעם סיסטעם. צו דער קאָנפֿערענץ האָבן מיר געשיקט דעם חבר קלינגבייל. אויפֿן דריטן טאָג האָט די פּאָליציי זיך דערוווּסט דאָס אָרט, ווו די קאָנפֿערענץ קומט פֿאָר. זיי זענען באַפֿאַלן דעם לאָקאַל, אַרעסטירט אַ סך דעלעגאַטן. דעם ח׳ קלינגבייל איז געלונגען צו אַנטלויפֿן. מיט זיין צוריק קומען קיין קוטנע, האָט אונדז דערוואַרט אַ נייע איבערראַשונג.

מיר האָבן אָרגאַניזירט די באַריכט־פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד, נעבן פּאַרק. פּונקט אין דער צייט, האָט דעם פּריץ זאַוואַדזקי זיך פֿאַרגלוסט צו מאַכן אַ שפּאַציר אויף זיין בריטשקע — און ער האָט אין וואַלד דערזען די פֿאַרזאַמלונג. אונדז, פֿאַרשטייט זיך, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, נאָר גלייך געמאָלדן די פּאָליציי. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר זיך געזען אַרומגערינגלט. מ׳האָט אונדז פֿאַרהאַלטן, אויסגעשטעלט אין רייען, באַוואַכט און נאָך דעם אַלעמען געפֿירט אין קאָמיסאַריאַט אַריין, לענגאויס דער קאָלעיאָווע גאַס.

קיין פֿאַרדעכטיקטע מאַטעריאַלן האָט מען ביי קיינעם נישט געפֿונען. בעת דער פֿאַרזאַמלונג בין איך געווען דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער וואַך — און באַוויזן זיך אַרויסצודרייען, געבראַכט די ידיעה אין שטאָט אַריין. חבר קלינגביילס פֿאָטער, אַ מענטש מיט אַ סך פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די קינדערס דרכים, האָט זיך באַלד געזען מיט אַ באַקאַנטן פּאָליציאַנט. יענער האָט געטאָן אַ טובה, און דער ענין איז פֿאַריבן געוואָרן.

מיט אַ צייט שפּעטער איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסער אַרעסט אין וולאָצלאַוועק. העכער פֿערציק חברים זענען איינגעזעצט געוואָרן אין תּפֿיסה. אַ טייל פֿון זיי איז געבליבן זיצן לאַנגע חדשים. די אַרבעט פֿון וולאָצלאַוועקער סעקרעטאַריאַט איז צוליב דעם געוואָרן דעזאָרגאַניזירט. אויך אין דער שטאָט קאָלאָ איז געווען אַ דורכפֿאַל. פּאָליציי האָט זיך אַריינגעריסן אין לאָקאַל פֿון אונדזערע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, געמאַכט רעוויזיעס אין דעם פּועלי־ציוניסטישן קאָאָפּעראַטיוו, אין דער בעקעריי, אַרעסטירט עטלעכע אָנגעזעענע טוער. אין רעזולטאַט פֿון דער געשעעניש, איז דער ראַיאָן־סעקרעטאַריאַט איבערגעגאַנגען פֿון וולאָצלאַוועק קיין קוטנע, אין צוזאַמענשטעל פֿון די חברים: קלינגבייל, לייבאָוויטש און איך.



דער מחבר פֿון די זכרונות, בעת זיין באַזוך אין קוטנע אין 1935

מחבר הזכרונות, בעת ביקורו בקוטנה ב־1935

פֿון וואַרשע האָט דער ח׳ יעקב קענער געשריבן, אַז מיר זאָלן שיקן ווּעמען נאָך קאָלאָ (קויל), כּדי געוואָר ווערן, וואָס דאָרט טוט זיך. איך בין אַהין געפֿאָרן, זיך אינפֿאָרמירט וואָס עס קומט פֿאָר און גלייך אָפּגעגעבן אַ באַריכט קיין וואַרשע.

מיר האָבן אויך רעאָרגאַניזירט די אַרבעט אויפֿן אָרט. קיין אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען האָבן מיר מער נישט געמאַכט. מיר האָבן איינגעטיילט די אָרגאַניזאַציע אין זעקסטלעך — יעדעס זעקסטל מיט זיין פֿאַראַנטוואָרטלעכן. אויסגעטיילט פֿון די פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַ קליינע אָנפֿירונג און מיט גאָר אַנדערע, קאָנספּיראַטיווע מעטאָדן, פֿאָרגעזעצט די אַרבעט.

פֿון לאָדזש האָט מען אונדז מודיע געווען, אַז עס גרייט זיך אַ קאָנפֿערענץ, אָבער דאָס מאָל — אין קראָקע. האָבן מיר דווקא געוואָלט שיקן אַ דעלעגאַט. מיט הוצאות אויף אַזאַ לאַנגן וועג, איז גראָד געווען אַ שווערער ענין. מיט אַ ספּעציעלן „דעלעגאַטןפֿאָנד״, האָט מען אויך די דאָזיקע שוועריקייט גובר געווען. צו דער קאָנפֿערענץ בין איך געווען דעלעגירט. איך בין אָנגעקומען קיין קראָקע פֿרייטיק אין אָוונט, נאָך ליכט־בענטשן. מיין פֿרומער פֿעטער, וואָס האָט דאָרט געוווינט, איז שוין געווען ביים דאַווענען. אַהיימגעקומען און מיך דערזען, האָב איך אַריינגעכאַפּט יענעם פּסק...

די קאָנפֿערענץ איז געווען גוט צוגעגרייט און איז אַדורך בשלום. פֿון קאָלאָ איז געווען דעלעגאַט ח׳ באָרנשטיין. איך און דער ח׳ פֿישל וואָלפֿמאַן (געשטאָרבן אין פּאַריז), זענען געווען די ייִנגסטע דעלעגאַטן (יונגער פֿון זעכצן יאָר). אַ דאַנק דער קאָנפֿערענץ, האָבן מיר באַקענט קראָקע, געזען די אַלטע שול, דעם אַלטן בית־עולם, דעם קבר פֿון מהר״ל און דעם וואַוועל. איך בין צוריקגעקומען קיין קוטנע מיט אַ גרויסן גייסטיקן גענוס. דאָס ערשטע מאָל בין איך געווען דעלעגאַט אויף אַ קאָנפֿערענץ. דאָרט האָב איך באַקענט די צענטראַלע אָנפֿירער פֿון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און פֿון דער „יוגנט״־באַוועגונג.

9

נאָך דער פּויליש־סאָוויעטישער מלחמה, האָט אין פּוילן אויפגעבליט די שיינע ספּאָרט־באַוועגונג „שטערן". אין רוב שטעט און שטעטלעך האָבן זיך געשאַפן פוטבאָל־דרוזשינעס, גימנאַסטיק־סעקציעס, פּינג־פּאָנג, שווימערס, לויפערס, גייערס און באָקס. די ספּאָרט־קלובן „שטערן" זענען געווען די שענסטע יידישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס. קלוב־קאַפּיטאַן פון „שטערן" אין קוטנע איז געווען יהודה שטיין (היינט אין פּאַריז).

צום סוף וויל איך נאָך צוגעבן אַזאַ אינטערעסאַנטן עפּיזאָד:

דער מאַנגל אין אַ לאָקאַל האָט אונדז שטענדיק געשטעלט פאַר פאַרשידענע נסיונות. צווישן די שטעפּער־אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך, זענען געווען די גרעסטע צאָל אונדזערע חברים. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך געקענט מיט די פּוילישע שוסטערס־כאַלופּניקעס. זיי האָבן געהאַט אַ לאָקאַל, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען זייער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. אויף דעם לאָקאַל האָבן מיר געוואָרפן אַן אויג. האָט מען טאַקע נישט איין מאָל געפּועלט דאָרט אַדורכצופירן אונדזערע פאַרזאַמלונגען. איין מאָל, בעת אַ שטרייק, האָבן די שוסטערס געהאַט אַ פאַרזאַמלונג אין דער זעלבער צייט וואָס מיר. זיי האָבן אָבער פריער געענדיקט. אַרויסגייענדיק, האָבן זיי באַדאַרפט אַדורכגיין אונדזער צימער. בעת זיי זענען אַריין און דערזען די פאַרזאַמלונג, האָבן זיי געעפנט מויל און אויגן און פאַרחידושט געפרעגט: „דאָס זענען די צוציקעס, וואָס האָבן ביי אונדז געבעטן דעם לאָקאַל?" פאַרגאַפּטע האָבן זיי זיך צוגעקוקט צו די פאַרזאַמלטע, מיטן כמעט קינדערישן אויסזען — און דאָך פירן זיי זיך ווי גרויסע: מיט אָפּשטימונגען, דיסקוסיעס און רעזאָלוציעס. מ'האָט דערקענט אין זייערע פּנימער, אַז אויך זיי וואָלטן זיך געווונטשן פאַר זייערע קינדער אַזאַ ערנסטקייט.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר שוין אָפטער באַקומען פון זיי די לאָקאַלן. איך געדענק אויך ווי מיר האָבן אויפגענומען די געסט דניאל לייבל, ד"ר עמנואל רינגעלבלום, חיים טורנער, יעקב פּעטערזייל א"אַ.

לאַנג איז מיר שוין נישט אויסגעקומען צו זיין אין קוטנע. מיט זעקס חדשים שפּעטער בין איך אַריבערגעפאָרן קיין וולאָצלאַוועק. אָבער מיין ענגן קאָנטאַקט מיט קוטנע האָבן איך אָנגעהאַלטן. כמעט יעדן שבת בין איך געווען אין דער היים.

אין חודש מאַי 1925 האָב איך מיך געלאָזט אין וויטן וועג אַריין — קיין פראַנקרייך. אַ האַלב אומלעגאַלע און ווייטע רייזע. מיט צוויי חדשים שפּעטער בין איך אָנגעקומען קיין פּאַריז. אויך פון פּאַריז האָב איך אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונג — ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין דעצעמבער 1935, נאָך עלף יאָר אויסוואַנדערונג, בין איך געקומען אויף אַ באַזוך קיין קוטנע. איך האָב דאָרט געטראָפן אַ גרופּע פּועלי־ציון־חברים, אויך יעקב מרוז — דעם וועטעראַן. קיין גרויסע טעטיקייט האָבן זיי שוין נישט געפירט. מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען, באַטראַכט די לאַגע. איך האָב זיי געגעבן עטלעכע עצות, דערמוטיקט און געבעטן פאָרצוזעצן די אַרבעט מיט אַלע כוחות.

זייער פריינטלעך האָט מיך אויפגענומען די „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל". זיי האָבן מיר דערמעגלעכט צו האַלטן צוויי רעפעראַטן, וואָס זענען אַדורך מיט דערפאָלג. דעם פאַרזיץ האָט געפירט מיין גוטער חבר חיים זשיכלינסקי.

דאָס איז געווען מיין לעצטער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט מיין געבוירן־שטאָט, מיט מיין אומפאַרגעסלעכער משפּחה. דאָס איז אויך געווען מיין לעצטע באַגעגעניש מיט די רעשטלעך פון מיינע טייערע פּועלי־ציון־ און „יוגנט"־חברים, און מיט דער טרויעריק־פאַרשניטענער עיר ואם בישראל — אונדזער קוטנע.

יוגנט־זכרונות פון דער „יוגנט"

יהושע עלבוים
גבעתיים

זאָלן די ווייטערדיקע ווערטער זיין אַ יאָרצייט־ליכט אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון מיין טייערער מאַמען, דריי שוועסטער און דריי ברידער, די חברים און פריינד, אומגעקומענע על קידוש־השם.

דעם 1טן אויגוסט 1914, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־קריג, האָבן מיר געוווינט אין לאָדזש. נאָר אַזוי ווי אין עת־צרה ווילט זיך זיין מיט נאָענטע און אייגענע מענטשן, האָט מיין פאָטער ע"ה, ר' זלמן עלבוים, אַ געבוירענער אין קוטנע, באַשלאָסן זיך אומצוקערן אין זיין היימשטאָט.

מיינע עלטערן און זיידע־באָבע זענען פון דור־דורות געווען פאַרבינדן מיט קוטנע. אַן ערך 250 יאָר האָבן די עלבוימס געלעבט אין דער שטאָט. מיין גרויסער זיידע ר' יעקב־לייב ז"ל, איז געווען מוהל אין די צייטן פון ר' שיעלע קוטנער — און די הייליקע מלאכה האָט ער אויסגעפירט נאָר דעמאָלט, ווען דער גרויסער גאון בכבודו ובעצמו איז געווען סנדיק. פאַרשטייט זיך, אַז מיין זיידע האָט פאַר דער מצווה נישט גענומען באַצאָלט.

מיט העכער 50 יאָר צוריק, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין קוטנע, האָבן דאָרט געוווינט: מיין פעטער אברהם און די מומע רבקה בענדער, ווי אויך אַנדערע קרובים. אונדזער דירה האָט זיך געפונען אין שטרומס הויז, אַנטקעגן דער גרויסער שול. פון די ניין קינדער (4 שוועסטער און 5 ברידער), זענען אומגעקומען זיבן. געראַטעוועט האָט זיך מיין שוועסטער רבקה פּרוינד (איצט אין ישראל) און איך.

א

„צום ערשטן שכל", ווי מען זאָגט, בין איך געקומען אין קוטנע. דאָ בין איך אויפגעוואָקסן אין אַ פרומער חסידישער שטוב. מיין ערשטער חדר־מלמד איז געווען ר' אלי־גרשון קלינגבייל ז"ל. ביי אַ לאַנגן טיש, הינטער אַ פאָרהאַנג, האָט מען מיך, דעם 7־יאָריקן בחורל, אוועקגעזעצט מיט נאָך אַזעלכע קינדער קנעלן אַ פרשה חומש מיט רש"י. נאָר דעם רבינס שטרענגקייט און זיין קאַנטשיק, האָבן נישט דערוועקט קיין שטאַרקן גלוסט דאָרט צו לערנען. עס האָט געצויגן צו דער פאָלקס־שול, צו וועלטלעכע לימודים.

אָבער מיין פאָטער, דער גערער חסיד, וועלכער פלעגט אָפט זיך צוכאַפּן צום עמוד אין גערער שטיבל און אויך לערנען דאָרט אַ שיעור, האָט אַנדערש נישט געטראַכט, אַז זיין ייִנגסטער זון דאַרף אויסוואַקסן אַ רב. האָט ער מיך איבערגעגעבן צום זגערזשער מלמד, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ מאָדערניזירטן חדר („בית אולפנה"), וווּ מ'האָט אויך געלערנט פּויליש, חשבון. עס זענען פאַריבער עטלעכע יאָר, דעם זגערזשערס חדר איז פאַר מיר געוואָרן צו קליין, איז מען אַוועק העכער — אין דער ישיבה „יסודי התורה", ביים בית־המדרש.

מיין גאַנצע „חדר־עפּאָפּייע" האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די מלחמה־יאָרן. מיט עסן אין יענער צייט איז נישט געווען אַזוי פויגלדיק, אַלץ אויף קאַרטן. נישט איין יידישע משפּחה אין קוטנע האָט אונטערגעהונגערט. אָבער מיר אין ישיבה האָבן באַקומען יעדן טאָג אַ נישקשהדיק מיטאָג, אַ דאַנק די פּראָדוקטן פון אַמעריקע, צוגעשיקטע דורכן „דזשאָינט". אויך אין אונדזער היים איז מען געווען זאַט, ווייל מיין פאָטער האָט פון די דייטשן באַקומען אַ קאָנצעסיע צו באַקן פּערפּל, פאַרשטייט זיך, אַז פון צוגעטיילט מעל. קיין ספּעציאַליסט אין דער בראַנזשע איז מיין פאָטער נישט געווען, אָבער וואָס טוט מען נישט צוליב פּרנסה? מ'האָט אין שטוב אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלן אויוון — און ס'איז אַוועק אַן אַרבעט מיט באַקן פּערפּל. דאָס גאַנצע הויזגעזונט איז געווען פאַרנומען מיטן קנעטן, וועלגערן, שניידן און באַקן. דאָס געשעפט האָט פּראָספּערירט, דער אויוון איז געווען צו קליין פאַר אַזאַ צעוואַקסענער אונטערנעמונג. זענען מיר אַריבער אין הויז פון פעטער אברהם, אויפגעשטעלט אַ גרויסן אויוון אין קעלער — און די גאַנצע משפּחה האָט געהאַט אַרבעט און פּרנסה.

ב

מיין עלטסטער ברודער שמואל איז געווען אַ מוזיקער, במילא אויך — אַ וועלטלעכער, מאָדערנער מענטש. ער האָט געגרינדעט ביי דער מכבי אַן אָרקעסטער און אין די יאָרן 1918—19 מיט אים דיריגירט. איך געדענק דעם גרויסן טורן־פעסט אויף וועלכן ער איז אויפגעטרעטן מיט זיין אָרקעסטער. ער האָט אויך געגעבן לעקציעס מוזיק. די מאַטעריעלע זעלבשטענדיקייט האָט אים פאַרלייכטערט דעם קאַמף מיטן פאָטער צו זיין אומאָפּהענגיק און פאַרגעשריטן.

דאַקעגן איז מיין ברודער יעקב־לייב געגאַנגען אין טאַטנס וועגן. אַ פרומער יונגערמאַן, חסידיש געקליידעט, מיט אַ באָרד. געלערנט יום ולילה אין בית־המדרש, שפּעטער זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַגודת ישראל. אינעם „אַפּיקורסישן ים" פון זיינע ברידער און שוועסטער, איז ער געווען אַ פרומער אויסנאַם. נאָר מיר האָבן פון אים קיינמאָל נישט געחוזקט. אומגעקערט, מ'האָט אים געשעצט און ליב געהאַט.

דער דריטער ברודער אבא, האָט שוין אָנגעהערט צום „בונד". זיין פאַך — אַ צוקער־בעקער. ווייזט אויס, אַז ביים באַקן די פּערפּל, האָט אים בכלל אַ צי געגעבן צו דעם פאַך. זיין פּאָליטישע טעטיקייט אין דער פּאַרטיי האָט ער צונויפגעפּאָרט מיט ספּאָרט אין „מאָרגנשטערן" אלס „פאָר־טורנער".


אין אַזאַ אַטמאָספער און סביבה, האָב איך געפּייערט מיין בר־מצווה. מיין פאָטער האָט נאָך אַלץ געגלויבט, אַז מיך וועט אים געלונגען צו „פאַרהיטן פון שמד, רחמנא ליצלן" — ווי ער פלעגט טענהן.

ג

די באַפרייאונג פון פוילן אין יאָר 1918 איז איינגעקריצט אין מיין זכרון מיטן אריינמאַרש פון אַ פוילישער מיליטערישער איינהייט קיין קוטנע. באָרוועסע, רעכט נישט אָנגעטאָן, האָבן זיי מאַרשירט אויף דער קרולעווסקע גאַס און געזונגען... אַנטיסעמיטישע לידער. שפּעטער זענען געקומען די „האַלערטשיקעס", געריסן און געשניטן בערד ביי יידן, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו באַווייזן זיך אין גאַס. די אַנטיסעמיטישע העצע איז געווען גרויס אויך צוליבן דערשיסן דעם פּלאָצקער רב „פאַר שפּיאָנאַזש לטובת די רוסן".

(אין יענער תקופה, דערמאָן איך זיך, האָבן מיט אַמאָל זיך באַוויזן אין שטאָט די אַנטיסעמיטישע פּאָזנאַנטשיקעס, באַפאַלן די יידן אויפן נייעם מאַרק, צעשלאָגן דעם תבואה־סוחר גייסט פון שול געסל. די כוליגאַנעס האָבן אָבער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד נתן פישערס זון, סטוטשינסקי, מעכל טרעגער און אַנדערע. פאַר כעס צוליב די קלעפּ, האָבן זיי אָפּגעשניטן די באָרד מיט אַ שטיק פּנים, ביים פּרעזעס פון דער חברה קדישא, שאול זגערסקי).

די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג ביי דער יידישער יוגנט אין יענעם פּעריאָד, זייער פאַראינטערעסירונג מיט סאָציאַלע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען, דער „שטורעם־און־דראַנג־פּעריאָד" וועלכער האָט מיטגעריסן דעם יונגן יידישן דור אין פוילן — האָבן אויך געהאַט זייער אויסווירקונג אין קוטנע. אין יאָר 1922 קומט ביי מיר פאָר דער איבערברוך: איך פאַרלאָז דעם בית־המדרש און הייב אָן זיך לערנען אַ פאַך, נאָר אַ בכבודיקן, אַן אָנגענומענעם אין יענער צייט, כדי נישט פאַרגרעסערן דעם עגמת־נפש פון טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן אַזוי אויך געליטן פון מיין איבערייסן דאָס לערנען. דאָס האָט מיין מאַמע פייגע מלכה, אַן אָפּשטאַמיקע פונעם סאָכאַטשעווער הויף און פון גרויסן זיידן יוסף־שמואל קליין ז"ל, מיך געשיקט לערנען... קאַמאַשנמאַכעריי. מיין מאַמע האָט אַלע יאָרן געליטן נישט ווייניקער פונעם טאַטן וואָס שייך אונדזער אַפּיקורסישקייט, נאָר ווי אַן עכט יידישע מאַמע, האָט זי אַלץ פאַרגלעט, פאַרשטעלט, נאָכגעגעבן, נישט וועלנדיק רייצן דעם טאַטן און די קינדער. נישט איין



ועד הסניף של „יוגנט"

דער „יוגנט"־קאָמיטעט: שטייען (פון רעכטס) — ב. פּיעטריקאָווסקי, י. עלבוים. זיצן: א. קלינגבייל, ל. פּיעטריקאָווסקי, מ. שטיין

מאָל האָט מיין פאָטער איר פאָרגעהאַלטן, אַז צוליב איר זענען די קינדער אַוועק אויף שלעכטע וועגן, תרבות רע... אָבער זי האָט נישט ווייניקער פון אים איבערגעלעבט די אומוואַנדלונגען פון די זין.

אַלס קאַמאַשן־שטעפּער בין איך געוואָרן אומאָפּהענגיקער פון דער היים. נאָך דער אַרבעט זיך געטראָפן מיט מיינע גלייכן, זיך אָנגעהערט און אָנגערעדט וועגן „בונד", פּועלי־ציון, קאָמוניסטן. נאָר אַמיינסטן איז מיר געפעלן געוואָרן די אידעע פון איבערשיכטונג, פּראָדוקטיוויזירונג, פון אַ טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל — וועלכע פּועלי־ציון האָט פּראָפּאַגירט. איך טרעט אריין אין דער קוטנער אָרגאַניזאַציע פון לינק פּועלי־ציוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד „יוגנט".

נאָר כדי אָנקומען אין דער באַוועגונג, האָט מען באַדאַרפט אַדורכמאַכן אַ גאָר אייגנאַרטיקן עקזאַמען. און וועגן דעם ווילט זיך דערציילן:

צו די אָנפירנדיקע חברים האָבן דאַמאָלט געהערט קלינגבייל אליהו (אין ישראל), שלייפער הענעך (פּאַריז). יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט האָבן מיר, יוגנטלעכע, געוואַרט אויפן חבר אליהו. ער האָט געאַרבעט אין לעווינס אַפּטייק אויף קרולעווסקע גאַס. ווי נאָר ר'איז פון דאָרט אַרויס, איז ער געקומען צו אונדז, אויסגעשפּרייט זיינע פעסטע, מוסקולירטע הענט און אונטער זיי אַרונטערגענומען וויפל יוגנטלעכע עס האָט זיך געלאָזט. קיין לאָקאַל איז נאָך דעמאָלט נישט געווען, האָט ער אונדז

אוועקגעפירט הינטער דער מקוה, ווו ס׳איז פאָרגעקומען דער עקזאַמען. קודם האָט ער אונדז רעפערירט וועגן אַן אקטועלן ענין, דערנאָך באַפוילן אַלעמען זיך אויסדרייען מיטן פנים צום וואַנט און געשטעלט פראַגן בנוגע דעם רעפעראַט. דערביי האָט ער געפּאָכעט מיט אַ לאַנגן שטעקן הינטער אונדזערע רוקנס — און ווער ס׳האָט ארויסגעוויזן מורא פאַרן שטעקן, קוים באַקומט ער אַ קלאַפּ — איז ער געפּסלט געוואָרן אַלס מיטגליד פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט איר טעטיקייט געפירט אין טיילווייזער קאָנספּיראַציע. אַלע האָבן מיר אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען — און געוואָרן אַקטיווע, איבער־געגעבענע „יוגנטאָווצעס״.

ד

די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַרבעט איז ווי ביי די אַנדערע פּאַרטייען, אָנגעגאַנגען מיט גרויס שוווּנג און טעמפּעראַמענט. דערביי איז כסדר געפירט געוואָרן אַ ווערביר־אַקציע צו פאַרגרעסערן די רייען מיט נאָך און נאָך יוגנטלעכע. און די יוגנט האָט געצויגן סיי דער ספּאָרט־קלוב „שטערן״, סיי די געזעלשאַפט אָוונט־קורסן מיט אירע דערפאָלג־רייכע ליטעראַרישע און קולטורעלע אונטערנעמונגען, די קעסטל־שמועסן יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס.

משה בלאַנק (איצט אין ישראל) פלעגט מיר אָפט דערמאָנען די קוטנער שבתים, נאָכן עסן, ווען די עלטערן זענען געגאַנגען שלאָפן, און די יוגנט האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער די פעלדער און וועלדער אַרום קוטנע, געריסן אויבסט אין די סעדער, שפּאַצירט און פאַרוויילט זיך.



אַקטיוויסטן פון דער „יוגנט״ (פון רעכטס): כץ, לוסטיגמאַן, עלבוים
פעילי ה„יוגנט״ (מימין): כץ, לוסטיגמן, אלבוים

„מיין ברודער בעריש — דערינערט משה — אַליין אַ פּוט־באָליסט אין „שטערן״, האָט מיך איין מאָל מיטגענומען אויף אַ מעטש. פון דאַמאָלט אָן האָט אויך שטאַרק געצויגן צום באַלעם, הגם מ׳האָט נישט מזלזל געווען מיט דער ערנסטער אויפקלע־רונגס־אַרבעט אויך״...

אַ באַזונדערע צוציאונגס־קראַפט פאַר דער יוגנט איז געווען דער דראַמאַטישער קרייז ביי דער לעגאַליזירטער געזעלשאַפט אָוונט־קורסן, מיט דער אַקטיווער מיטאַרבעט פון ניסן פרענקעל הי״ד, משה זאַקס (איצט אין די פאַר. שטאַטן), נתן כץ ז״ל און אַנדערע.

אין די יאָרן 25—1923 מערקט זיך אַ שטאַרקער באַרג־אַרויף פון דער אָרגאַניזאַציע. געהאָלפן צו איר וווּקס האָט אַוודאי דער אומדערמידלעכער לערער טייכמאַן. די חנוכה־אָוונטן אין זאַל „פּאָלאָניא״, די טעאטער־פאָרשטעלונגען פון ערנסטע וואַרשעווער טרופּעס, די רעגולערע און ערנסטע קולטור־פּאָליטישע טעטיקייט, האָבן געגעבן די בעסטע רעזולטאַטן. פון צייט־צו־צייט פלעגט מען איינאָרדענען „בלימל־טעג״ פאַר דער געזעלשאַפט אָוונט־קורסן, וועלכע האָבן אריינגעבראַכט אַ נישט־שלעכטע הכנסה.

איך דערמאָן זיך נישט, אַז מיר זאָלן שוין האָבן געהאַט צו יענער צייט אַ לייטישן פּאַרטיי־קלוב. געטראָפן האָט מען זיך אין הויז פון שיע קוטשינסקי. זייער גאַנצע משפחה האָט געהערט צו דער פּאַרטיי — דעריבער האָט מען אין זייער וווינונג אָפּגע־האַלטן די זיצונגען, איינגעאָרדענט צוזאַמענטרעפן און פאַר־זאַמלונגען, דיסקוטירט. פון יענער דירה האָבן מיר גענומען די יוגנט־צייטונג „פרייע יוגנט״, וועלכע פלעגט אָנקומען פון וואַרשע און זי פאַרשפּרייטן אויך צווישן יוגנטלעכע אַרבעטער פון אַנדערע ריכטונגען.

אַז אליהו קלינגבייל האָט אין יאָר 1923 עולה געווען קיין ארץ־ישראל און הענעך שלייפער האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין פּאַריז — האָבן די יינגערע חברים איבערגענומען דעם עול און אחריות פאַר דער אָרגאַניזאַציע. אינעם נייעם יוגנט־קאָמיטעט זענען געווילט געוואָרן: לייביש און בנימין פּיאָטרקאָווסקי, אברהם כץ, זעליג לוסטיגמאַן (אַלע אומגעקומען), מרדכי שטיין, טשאָלעק יוסף (ביידע איצט אין פּאַריז) און דער שרייבער פון די שורות. מיר האָבן ביי מענכען, אין אַלטן מאַרק, געדונגען אַ בוידעם־שטיבל, ווו מ׳איז צוגעקומען אויף הילצערנע טרעפּ. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און אין צימערל איז שוין געווען איינגעאָרדענט אַ ביבליאָטעק, נישט קיין גרויסע, אָבער דערפאַר האָט זי פאַרמאָגט די נייעסטע ביכער, וועלכע די יוגנט האָט געשלונגען מיט נייגיר און התלהבות. די קעסטל־שמועסן יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. אויף די געשטעלטע פראַגן האָבן געענטפערט דער וועטעראַן פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, יעקב מרוז, די ברידער פּיאָטרקאָווסקי און אַנד.

אַ קאַפּיטל פאַר זיך איז די פרוכטבאַרע אַרבעט פון אונדזער דראַמאַטישן קרייז. אין די שבת־צו־נאַכטן זענען פאָרגעקומען ליטעראַרישע אָוונטן און דער דראַמקרייז (אונטער מיין אָנפירונג), האָט צוגעגרייט איינאַקטערס, רעציטאַציעס און פאַרשידענע אינ־סצעניזאַציעס — מיט ליכט־עפעקטן און גרים. ניסן פרענקעל האָט אין דעם קרייז אריינגעלייגט אַ סך מי און ליבשאַפט. פון די שפּילערס וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט, געדענק איך: משה־אהרון קאָוואַלסקי מיט זיין שיינער שטימע און חנה סאָכאַטשעווסקי (הגם זי האָט געשטאַמלט, איז אָבער אויף דער בינע איר שפּראַך און געזאַנג ארויסגעקומען גלאַט און פליסיק).

ה

די טעטיקייט פון דער „יוגנט״ אין קוטנע איז זיך אַזוי פונאַנדערגעוואַקסן, אַז דער קליינער לאָקאַל האָט לגמרי נישט אַנטשפּראָכן דער נייער ווירקלעכקייט. זענען אַלע געקומען צום באַשלוס, אַז מען דאַרף דינגען אַ גרעסערן לאָקאַל. נאָר ווו נעמט מען געלט? דאָס האָבן מיר נישט געהאַט און עמעץ וואַרפט דעם געדאַנק, אַז מען זאָל זיך ווענדן צו די יוגנט־קאָמיטעטן אין די ערטער: זשיכלין, לענטשיץ, אָזאָרקאָוו. געווען דאָרט שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס און עס האָט זיך געוואָלט גלויבן, אַז זיי וועלן קומען קוטנע צו הילף. כדי אָבער זיי באַוועגן און אָנרעגן צו דער אַקציע, האָט מען באַדאַרפט שיקן אַהין אונדזערע שליחים. שווימט ווידער אויף אַ פּראָבלעם מיט רייזע־הוצאות. ווו נעמט מען געלט אויפן באַן־בילעט, צי צו באַצאָלן פאַרן אויטאָבוס אָדער פאַר דער בויד? נישטאָ קיין ברירה — מ׳דאַרף זיך לאָזן אין די ערטער צופוס. זעליג לוסטיגמאַן, אברהם כץ און אני הקטן האָבן אויף זיך גענומען די שליחות. דער רוב חברים פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן אונדז ארויסבאַגלייט ביז הינטער דער שטאָט, ביים געזעג־נענען זיך האָט מען ספּאָנטאַניש געזונגען די „יוגנט״־שבועה און מיר האָבן געפילט אַז די בליקן פון צענדליקער חברים באַגלייטן

אונדז ביזן האָריזאָנט מיט קנאה און גלייכצייטיק ווינטשן זיי אַ סך הצלחה.

דער מאַרש איז געווען אַ שווערער, די צאָל בלאָזן אוןביילן אויף די פיס זענען געוואָקסן — אָבער נאָך אַ וואָך צייט, האָבן מיר זיך אומגעקערט פון דער „רייזע" און געדונגען אַ נייעם לאָקאַל ביי יהודה נאָסאַל, אויפן אַלטן מאַרק. ערשט אין דעם רחבותדיקן לאָקאַל האָט די קולטורעל־דערציערישע אַרבעט אָנגענומען אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער און פאַרנעם. די יוגנט האָט גענאָסן פון די פאָרלעזונגען און פון די פאָרשטעלונגען פונעם דראַמאַטישן־קרייז, ווייל מ'האָט איינגעאָרדנט אַ בינע מיט אַ פאָרהאַנג. אַזאַ אמתע טעאַטער־איינריכטונג האָט שוין אָנגערעגט צו שטעלן אַן ערנסטע פּיעסע. נישט אַנדערש — ווי י. גאָרדינס. די הויפּט־ראָל האָט דאָרט אַ שוסטער. דער חבר בעריש בלאַנק האָט באַזיצט דאָס פאַך, אָבער נישט די אַרטיסטישע קוואַליפיקאַציעס. פון דעסטוועגן האָבן אַלע געשטוינט, ווען ער האָט מיט אַזאַ מייס־טערשאַפט געקלאַפּט די נעגל אין די שיך און דערביי געשמאַק געזונגען „העמערל, העמערל קלאַפּ... !"

מיר האָבן אפילו זיך דערלויבט איינצואָרדענען טאַנץ־אָוונטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ נישט קלענערן דערפאָלג, ווי די ערנסטע אונטערנעמונגען...

ו

אַן אָפּפרישונג און דערמוטיקונג זענען געווען די גייסטרייכע רעפעראַטן פון די פּרעלעגענטן וואָס זענען אין שליחות פון צ. ק. געקומען קיין קוטנע, ווי: י. זרובבל, י. ראָזען ז"ל, ד"ר רפאל מאהלער, י. לעוו ז"ל און אַנדערע. די צוהערער האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט, געשעפּט פרישע באַגייסטערונג און מוט.

אין יאָר 1928 האָב איך פאַרלאָזט קוטנע, געפאָרן קיין לאָדזש אַרבעטן. אָבער מיין קאָנטאַקט מיט דער שטאָט און אירע מענטשן איז געווען אַן אָפטער און פעסטער. אויף יעדער יומטוב בין איך געקומען אַ היים — און דאָס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, זען זיך מיט דער משפחה, חברים און פריינד. צווייטנס, האָב איך אין משך פון יאָרן געזונגען (אַלס משורר) אין דער גרויסער שול, ביי אַזעלכע חזנים און דיריגענטן ווי סאָקאָלאָווסקי, פרענקעל און אנד. האָט זיך נישט געוואָלט איבעררייסן די פאַרבינדונגען אויך מיט דער סביבה און מענטשן.

ז

נאָך אַלס 12־יעריק ייִנגל, האָב איך אָנגעהויבן אַלס משורר ביי פאַרשידענע חזנים אין דער גרויסער שול. דער ערשטער פון זיי איז געווען דער חזן מאַראָקאָ, דיריגענט — סאָקאָלאָווסקי, געקומען פון בריסק. אַ גרויסער מוזיקער, מיט אַ שטאַרקער באַס־שטימע. ער האָט אויך איינגעשטעלט כאָרן פון תלמידים אין די שולן, וועלכע זענען מיט גרויס דערפאָלג אויפגעטרעטן אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען.

זייער פאָפּולער און באַקאַנט אין קוטנע איז געווען אונדזער בן־עיר פרענקעל. אַ נידעריקער, מיט א באַדייטנדיקן הויקער. האָט ער אָבער פאַרמאָגט אַ סך מוזיקאַלישן וויסן און ארויסגעוויזן פיל בקיאות אין ליטורגישער, ווי אין מאָדערנער מוזיק. פון וואַנען ער האָט געלערנט די תורה — ווייס איך נישט, אָבער אַ מוזיקאַלישע אויטאָריטעט איז ער אומבאַדינגט געווען.

ער ווערט באַשטימט אַלס דיריגענט פונעם כאָר אין דער גרויסער שול, דערנאָך גרינדעט ער דעם כאָר „הזמיר", אין וועלכן ס'האָבן געזונגען כמעט אַלע משוררים און עטלעכע זינ־גערינס. די שוועסטערס פראַנצוז האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע הערלעכע שטימען און טאַקע געווען די סאָליסטינס פון „הזמיר". פון די מענער־שטימען געדענק איך דעם טענאָר תנחום שטאַרק, מיט זיין „געציקלט" קול (היינט אין אַמעריקע); חיימקע — אַ טיפער באַס. נישט קיין גרויסער יודע ספר, אָבער זיין טיפע, מעטאַלענע שטים האָט אים געגעבן דעם מעמד פון א סאָליסט. געוווינט אין אַלטן מאַרק, אין אַ גרויסן צימער. דאָרט האָט די יוגנט זיך פאַרזאַמלט אין די אָוונטן, געלערנט ביי אים זיך טאַנצן.

פישל פאָגעלמאַן האָט פון דער פריסטער יוגנט געזונגען ביי



דער „הזמיר" און איר דיריגענט יעקב פרענקעל (אין צענטער) • „הזמיר" ומנצחו יעקב פרנקל (במרכז)

חזנים. זיין קלינגעוודיק שטימעלע האָט פאַראויסגעזאָגט אַ גרויסע חזנישע צוקונפט. ער האָט שטענדיק געזונגען סאָלאָ. אז עס האָט זיך דערהערט זיין „לא אמות כי אחיה" — האָבן מענטשן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ביי אים געווען אַ שפּילעכל אַ צי צו געבן אויף דער אויבערשטער „צע"... ער איז דערנאָך געוואָרן חזן אין יאָהאַנעסבורג (דרום־אַפריקע), היינט — אין אַמעריקע.

אַזעלכע זינגערס האָט געהאַט אין זיין כאָר דער דיריגענט פרענקעל. צי ער האָט אויך געהאַט פון דעם פרנסה — ווייס איך נישט. ער האָט געוווינט אין אַ קלייך שטיבעלע, געלעבט אין דחקות. דאָך האָט ער געהאַט אַ סך אָנזען און ליבשאַפט ביי אַלעמען, אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון יידישער מוזיקאַלישער פאָלקסטימלעכקייט, חזנישע ווערטלעך און יידישן קולטור־אוצר. באַהאַוונט אין אונדזער ליטעראַטור, מיט דורכאויס וועלטלעכע אנשויאונגען, הגם ער האָט דיריגירט מיט אַ שול־כאָר.

ח

אומקערנדיק זיך צו די יוגנט־זכרונות נאָך פון קוטנע, מוז איך ארויסברענגען די געשטאַלטן פון אייניקע חברים און חבר־טעס. דער אויבנאָן אין דער רשימה געהערט אָן שום ספק דעם חבר יעקב מרוז, אנערקענטער און באַליבטער אָנפירנדיקער חבר פון דער באַוועגונג.

דאָס הויז פון שיע קוטשינסקי, ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, האָט אַ לאַנגע צייט געדינט אַלס טרעף־פונקט פאַר די חברים פון פועלי־ציון און איר יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ווייל די גאַנצע משפחה האָט זיך פאַרבונדן מיט דער באָראָכאָוויסטישער אידעע.



יעקב מרוז ז"ל

ר' שיע, אַן עלטערער ייד, אַ פרומער, האָט געלעבט פון זיין קאַמאַשנשטעפּעריי. ער, דער אלמן, איז פאַרבליבן מיט אַ סך טעכטער און די עלטסטע פון זיי, רחל, האָט חתונה געהאַט מיט יעקב מרוז. אַזוי אַרום איז דער אַלטער שיע אויך אריינגעצויגן געוואָרן, רייך משפחה'דיק, אינעם פועלי־ציון קרייז.

יעקב איז פון פאַך געווען אַ העפטער. איך געדענק, מיט אַ וואָסער פרייד און שטאָלץ ער האָט געקוקט אויף דער יוגנט־פאָן וועלכע ר'האָט פאַר אונדז אויסגעהאָפטן. באַזונדערס שיין זענען ביי אים ארויסגעקומען די אותיות פון דער אויפשריפט „פּראָ־לעטאַריער פון אַלע לענדער — פאַראייניקט אייך!". די פאָן איז געטראָגן געוואָרן בעת דער געמיינזאַמער, יידיש־פּוילישער דע־מאָנסטראַציע אין טאָג פון ערשטן מאי 1926. ס'איז געווען מער ווי סימבאָליש דער פאַקט, וואָס דער חבר מרוז, וועלכער איז מיט לייב־און־לעבן געווען איבערגעגעבן דער פועלי־ציון פאָן — האָט זי אויך באַשאפן...

יעקב מרוז איז שטענדיק געווען בראש פון דער קאַנדידאַטן־ליסטע בעת די וואַלן צו דער קוטנער יידישער קהילה און צום שטאָטראַט. ער האָט אויך פיגורירט אין דער צענטראַלער קאַנ־דידאַטן־ליסטע צום סיים, פון לינקע פועלי־ציון אין פוילן.



פריווע קוטשינסקא ז"ל

איינע פון קוטשינסקיס שוועסטער, די חברטע פריווע, איז געווען ביז גאָר אַקטיוו אין דער יוגנט. צוליב איר שטענדיקער זאָרג. פאַר אַלץ און אַלעמען, האָט מען זי געקרוינט מיטן נאָמען מ אַ מ ע. אַ שלאַנקע, הויך־ווּוקסיקע, איבערגענומען מיט דער פאַרטיי און משפחה, האָבן זי אַלע געשעצט און ליב געהאַט. איר איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען, וואָס איר פאָטער האָט דערלויבט ביי זיך אין שטוב פירן די גאַנצע פאַרטיי־אַרבעט.

גאָר אייגנאַרטיק איז געווען די משפחה פּיאָטרקאָווסקי. דער פאָטער מאיר איז געווען אַן אלמן, קלייך־ווּוקסיק, טאָג און נאַכט געאַרבעט ביי זיין שניידעריי, כדי מפרנס זיין זיך און די פיר בנים: לייביש, בנימין, זעליג און וואָלף. נישט קענענדיק זיך קיין עצה טאָן מיטן אויפהאָדעווען די יונגע קינדער, האָט ער צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט אַ פרוי — דער פולשטענדיקער קאָנטראַסט פון אים: אַ הויכע, אַ דאַרע, נאָר אַ יונגע און זייער אַ וווילע. אַלע האָבן זי ליב געהאַט, אפילו די שטיף־קינדער, ווייל זי איז צו זיי געווען ווי אַ מאַמע און אַ גוטע בעל־הביתטע אין שטוב. זי האָט אויך געבוירן דריי קינדער, נאָר איך האָב זיי שוין נישט געקענט.

לייביש פּיאָטרקאָווסקי, וועלכן מיר האָבן געהאַלטן פאַר אַ טעאָרעטיקער, האָט ליב געהאַט צו רעפערירן אויף ליטעראַרישע טעמעס — מיט אַ סך טיפקייט און געלערנטקייט. פון פאַך — אַ שניידער, איז ער דורך לייענען און לערנען געוואָרן אַן ערודיט. ער האָט חתונה געהאַט מיט פייגע גרינבוים, געוווינט אויפן אַלטן מאַרק, אין הויז פון די קעניגס.

דאַקעגן בנימין פּיאָטרקאָווסקין האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַ פּאָליטיקער און געזעלשאַפטלעכן טוער. ער איז טאַקע געווען אַזעלכער. אָנגעפירט מיט די קעסטל־אָוונטן, געענטפערט אויף דעם רוב פראַגן מיט אַ סך טאַלאַנט און וויסן. אַ הויך־געוואַקסיקער, אידעלער בחור, פון פאַך — אַ דאַמען־שניידער. ער האָט חתונה געהאַט מיט איטע זאַנדער, שפּעטער פאַרלאָזן זיי קוטנע, עמיגרירן קיין פּאַריז און זענען טעטיק אין דער דאָרטיקער פאַרטיי.

אברהם כץ איז געווען אַ שיינער בחור, ליב געהאַט זיך פיין אָנצוטאָן. פון פאַך — אַ קאַמאַשנמאַכער. אַלע האָבן באַוואונדערט

זיין טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט פאַר דער אידעע. ער האָט אַ סך מיטגעווירקט אין געשטאַלטיקן דעם גייסטיקן פּרצוף פון אונדזער „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע.

זעליג לוסטיגמאַן, געשטאַמט פון אַ חסידישער היים, אַ סך ברידער און אַ שוועסטער. אַ שעמעוודיקער און ערלעכער אַרבעטער געווען. אַ קאַמאַשנמאַכער. זייער אַקטיוו אין דער „יוגנט" גרייט געווען אויף יעדן רוף אויסצופירן די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי.

בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, איז ער געכאַפּט געוואָרן צו אַרבעטן ביי דער באַן אין קוטנע. דער איידעלער בחור איז נישט געווען פעיק צו שווערער אַרבעט, האָבן אים די דייטשע מערדער געשלאָגן ביז בלוט. צו מאָרגנס האָט זיין קוזין, זעליג ליפּשיץ, זיך צוגעשטעלט אויף זיין פּלאַץ אלס זעליג לוסטיגמאַן. מיט אַ צייט שפּעטער איז זעליג דערהרגעט געוואָרן דורך אַ דייטש, מיט אַ שטיק אייזן, ביי דער באַן־אַרבעט.

יאָרן פאַרגאַנגענע, יאָרן פון טרוימען און האָפענונגען, אַנטוישונגען און אומוואַנדלונגען. דערמאָנט מען זיך אין יענער תקופה, קומען אויך אויפן זכרון די נאָענטע פריינד און חברים, מיט וועלכע מ'האָט צוזאַמען געבענקט און געקעמפט פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט. פאַרן רוב פון די־אָ יונגע טרוימער און קעמפער, וואָס אייניקע געשטאַלטן פון זיי האָב איך זיך באַמיט אַרויסצוברענגען אין מיינע זכרונות, האָט דאָס יאָר 1939 געבראַכט אַ גאָר אַנדערע וועלט: יידן־פאָרפאָלגונגען, געטאָס און טראַגישער אומקום אין די גאַז־אויטאָס און אויוונס פון כעלמנאָ. נאָך היינט איז טיף די ווונד צוליבן פאַרלוסט פון די מענטשן, וועלכע האָבן געהאָלפן געשטאַלטיקן מיין גייסטיקע וועלט, דערצויגן מיך ליב צו האָבן דאָס אייגענע פאָלק און לאַנד...

זכרונות פון א בונדיסט

ה. כאַבוס
פאַריז

איך געדענק די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין אונדזער שטאָט נאָך ווייט פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַלס 16־יאָריק יינגל בין איך אַריינגעטרעטן אין דער באַוועגונג, וועלכע האָט איר טעטיקייט געפירט אין אומלעגאַלע באַדינגונגען. פון די פאַרנעפּלטע דערינערונגען, וועלכע זענען פאַרבליבן אין זכרון, ווייס איך, אַז די פאַרטיי האָט אָרגאַניזירט די יידישע אַרבעטער צו קעמפן פאַר אַ בעסערן לוין, פאַר אַ קלענערן אַרבעטס־טאָג, וועלכער האָט אין יענע צייטן זיך געצויגן „פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג" און אויך געפירט אַ וויכטיקע אויפקלער־אַרבעט דורך קרייזלעך, שמועסן און צוזאַמענטרעפן אויף דער א. ג. „בערזע".

דער „בונד" אין קוטנע האָט אַפילו אויפגעשטעלט אין געהיים אַ ביבליאָטעק, פון וועלכער עס האָבן גענאָסן אַ סך אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. די וויכטיקסטע טוער אין דער באַוועגונג זענען געווען די דריי ברידער שאָטאַן: ישעיה, משה־יחיאל און נפתלי.

מיטן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג, איז קוטנע אָקו־



אַ גרופּע חברים פון „בונד"

קבוצת חברים מ„בונד"

פירט געוואָרן פון קייזער ווילהעלמס ארמיי. אַ נייער, מער פרייער רעזשים האָט דערמעגלעכט די ביז איצט אומלעגאַלע אינסטיטוציעס צו דערשיינען אויף דער אויבערפלאַך. אַמת, פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן נישט געטאָרט פירן זייער טעטיקייט, עס איז דאָך געווען קריגס־צייט, דערפאַר אָבער איז די ביבליאָטעק אָנגעגאַנגען מיט איר נאָרמאַלער, עפנטלעכער אַרבעט. אַרום דער ביבליאָטעק איז שוין במילא געפירט געוואָרן די געוויינלעכע בונדישע טעטיקייט.

אין יאָר 1918, ווען פוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק, האָט די פּאַרטיי אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און קולטורעלע אַרבעט. צו יענער צייט האָט זי אָבער שוין געהאַט זייער ערנסטע „קאָנקורענטן" מצד די בירגערלעכע פּאַרטייען און דער עיקר — אויף דער אַרבעטער־גאַס. אין דעם געשאַפענעם האַנטווערקער־פּאַראיין, וועלכער איז געווען אונטער דער השפעה פון „בונד", בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אין דער פּאַרוואַלטונג.


אין יאָר 1920 האָב איך אויסגעוואַנדערט קיין פּאַריז. אין דער הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך בין איך ווייטער געווען אַקטיוו געזעלשאַפטלעך — אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך.

דער „בונד" און זיינע אינסטיטוציעס

נתן מאָשקאָוויטש
הרצליה

יאָר 1918. דאָס מלחמה־פייער האָט זיך נאָר וואָס פאַרלאָשן. פוילן ווערט זעלבשטענדיק. קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, באַזונדערס אויף דער יידישער גאַס — פאָדערן אַנטשיידונג. דאָס יידישע לעבן הייבט זיך אָן אָרגאַניזירן, די פּאָליטישע פּאַרטייען אַנטוויקלען אַן אומגעהויערע אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע טעטיקייט. גלייך אַ פאַרשטאָפּטער קוואַל האָט מיט אַמאָל זיך אַ ריס געטאָן אין דער הייך...

אין פאָדערגרונט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן, ווי אויך אין קוטנע, דערשיינט דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד „בונד". דער יידישער בעל־מלאכה, אַרבעטער, פאָלקס־מענטש און קליינהענדלער, הייבן אָן אויפשטעלן זייערע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. דער „בונד" דערמוטיקט דעם פּראָצעס, פּאַסט אים אַריין אין זיינע פּאַרטייאישע ראַמען. עס פאַרפעלן אויך נישט קיין קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון.



קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט" (1927)
ועד הנוער הבונדאי „צוקונפט" („עתיד") — 1927

די אַרבעט וואַקסט זיך פונאַנדער. די פאַראַנענע לאָקאַלן זענען צו ענג. אין יאָר 1930 איז אַ דאַנק די באַשטייערונגען פון דער קוטנער יידישער אַרבעטערשאַפט, אויפגעשטעלט געוואָרן אַ צווישטאָקיקער בנין, ווו ס'איז געווען קאָנצענטרירט די גאַנצע בונדישע טעטיקייט פון שטאָט — דאָס ביניש מיכאַלעוויטש־הויז.

פּאָליטישע אַקציעס

דער „בונד" ווערט אַ מאַסן־כוח. ער שטעלט זיך קעגן די עוולות פון וועלכער זייט זיי זאָלן נישט קומען: עקסמיסיעס פון אַן אָרעמער יידישער משפחה, וועלכע האָט נישט צו באַצאָלן קיין דירה־געלט, זי פירט מלחמה מיט די היימישע אַנטיסעמיטן און זייער באָיקאָט־פּאָליטיק צי כוליגאַנישע איבערפאַלן אויף יידישע דורכגייער, וויקלט פונאַנדער אַ ברייטע אויפקלערארבעט בעת וואַלן צום סיים, צום שטאָטראַט און צו דער קהילה. נאָכן פשיטיקער פּאָגראָם, ווערט אויף דער איניציאַטיוו פון „בונד" אַדורכגעפירט אַ פּראָטעסט־שטרייק, די וואַרשטאַטן און געשעפטן ווערן געשלאָסן און די יידישע קוטנע שטראָמט מאַסנווייז צום געמיינזאַמען פּראָטעסט־מיטינג.

„צוקונפט" און „סקיף"

די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" האָט מיט התלהבות און שטורעם דעראָבערט באַדייטנדיקע טיילן פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט אין קוטנע. די קרייזן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטישע און קולטורעלע קורסן, ווו ס'האָט זיך אויסגעשמידט דער באַוווסטזיין פון דער יונגער חברה. די דאָזיקע יוגנט איז אויך געוואָרן דער געטרייער קאָנסומענט פון יידישן בוך, דער אויפמערקזאַמער צוהערער פון פאַרשידענע רעפעראַטן און לעקציעס. זיי האָבן אין זייערע טראַדיציאָנעל יידישע און פרומע היימען אַריינגעבראַכט נישט נאָר מאָדערנע יידישע קולטור און ליטעראַטור, נאָר אויך סאָציאַליסטיש וויסן.

די וואָס האָבן אין געטאָ קאָנסטאַנציע, אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען געפירט אַ קולטור־טעטיקייט און פּאָליטישע אַרבעט, האָבן געהערט צום יוגנט־בונד „צוקונפט". דער דיכטער ביניש זילבערשטיין איז דערשאָסן געוואָרן אין אוישוויץ, ביים וואַרפן אַ שטיין אויף אַ מערדער. ביניש איז געווען אַ סובטעלער דיכטער און פּראָזאַיקער, רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „בעלגישע בלעטער". זיין שרייבערישע קאַריערע האָט ער טאַקע אָנגעהויבן אינעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער „צוקונפט" — „יוגנט־וועקער".

פון די „צוקונפט"־רייען שטאַמט אויך יוסף טורקאָ (אָקרוטני), דער מחבר פון 10 בעלעטריסטישע ביכער (היינט אין אַרגענטינע); גראַדאָם, שראַנק און סאָבוטקי — אַקטיווע אונטערערדישע טוער אין קוטנער געטאָ.

ליבע צו דער יידישער שפּראַך, צום יידישן שרייבער און צום יידישן בוך — איז געפלעגט געוואָרן אין די רייען פון יינגסטן בונדישן דור, אין דער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף". און צו דעם צו — ספּאָרט, אויספלוגן, קרייזן.

די יוגנטלעכע גלאָווינסקי, גאָלדבערג, האָלער און שלמה מאָשקאָוויטש, וועלכע האָבן באַקומען זייער דערציאונג אין

„סקיף", זענען אין געטאָ געווען פון די, וואָס האָבן דאָרט גע־שאַפן אַ געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע און צוויי מאָל אין טאָג איבער־געגעבן ידיעות, געמונטערט דעם עולם, גערופן צו ווידער־שטאַנד.

פראָפעסיאָנעלע טעטיקייט

די פראָפעסיאָנעלע טעטיקייט אין קוטנע איז פּאַקטיש געפירט געוואָרן אין אַ קאָאַליציע פון די דריי אַרבעטער־פּאַר־טייען: „בונד", קאָמוניסטן און לינקע פועלי־ציון.

צו די שטאַרקסטע און צאָלרייכע פאַראיינען, האָט געהערט דער נאָדל־אַרבעטער־פאַראיין, וועלכער האָט אַריינגענומען אַלע באַשעפטיקטע אין דעם פאַך. אויך מיטגלידער פון בית״ר האָבן געהערט צום פאַראיין. די פאַרוואַלטונג האָט מוטיק פאַרטיידיקט די אינטערעסן פונעם לוין־אַרבעטער.



קאָאָפּעראַטיוו פון „בונד". ביים אַריינגאַנג — די לייטערין גנענדיל געצל.

הקואופרטיב של „בונד". ליד הכני־סה עומדת המנהלת — גנגדיל גצל.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט איז געשאָנקען געוואָרן דער יוגנט־סעקציע ביים פאַראיין. אויסער דעם פאַרטיידיקן זייערע פראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, איז געפירט געוואָרן אַ ברייט־פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט, באַזונדערס אויפן געביט פון אָוונט־קורסן. די כוונה איז געווען — אויסוואָרצלען דעם אַנאַלפאַבעטיזם, וועלכער האָט געהאַט אַ נישקשהדיקע אַחיזה צווישן יידישע יוגנטלעכע פון דער אָרעמקייט.

דער צווייטער, לויט דער ריי, איז געווען דער טראַנספּאָרט־פאַראיין, צו וועלכן ס'האָבן געהערט טרעגערס און פורמאַנעס. דאָס איז געווען אַן עלטערער עלעמענט, מיט גרויסע משפחות און קליינע הכנסות, שטענדיק איבערגענומען מיט דאגות פרנסה. אויף איינצוהאַלטן אַזעלכע יידן, דערצו נאָך פרומע, אין די ראַ־מען פון אַ פראָפעסיאָנעלן פאַראיין, האָט מען באַדאַרפט שאַפן אַ ספּעציעל וואַרעמע חברישע אַטמאָספער. די פאַרוואַלטונג האָט געגרינדעט אַ ליי־קאַסע, פון וועלכער די מיטגלידער האָבן גענאָסן פון אָנפּראָצענטיקע הלוואות. מ'האָט אויך פאַר זיי אויס־געקעמפט די רעכט צו געניסן פון דער מלוכהשער קראַנקן־קאַסע, פאַר אַ מינימאַלן אָפּצאָל.

צו דער פראָפעסיאָנעלער טעטיקייט פון „בונד" דאַרף מען אויך צורעכענען די געבענטשטע אַרבעט פון סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַראיין, צו וועלכן ס'האָבן געהערט צענדליקער כאַלופּניקעס, האַנטווערקער און בעלי־מלאכות פון אַלע פאַכן און פון... פיל פּאָליטישע שאַטירונגען.

ספּאָרט און פיזישע דערציאונג

העכער 200 יוגנטלעכע האָבן כמעט יעדער אָוונט פאַרפולט דעם ספּאָרט־זאַל פון מיכאַלעוויטש־הויז אין קוטנע, ווו ס'האָט געפירט זיין פרוכטבאַרע טעטיקייט דער בונדישער ספּאָרט־קלוב „מאָרגנשטערן" („יוטזשניאַ"). אויפן וואַנט איז געהאָנגען אַ גרויסע אויפשריפט „אין אַ געזונטן קערפּער — אַ געזונטער גייסט". דער אינסטרוקטאָר, קאָפּל קירשבוים, האָט מיט זיין געטרייער אַרבעט, אָן באַצאָלט, געפירט מיט די יוגנטלעכע אַרבעטער גימנאַסטישע איבונגען און אויפריכטיק געשטרעבט צו געזונטע קערפּערס ביי אַלעמען. דער ספּאָרט־קלוב איז געווען אַ שם־דבר אין קוטנע, יעדער האָט באַוווּנדערט די דאָזיקע אינסטיטוציע.

איין מאָל אין יאָר איז פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער אַרויס־טריט פון די „מאָרגנשטערן"־ספּאָרטלער, באַגלייט פון אייגענעם בלאָז־אָרקעסטער.

די פוטבאָל־מאַנשאַפט פון קלוב איז געווען די בעסטע אין שטאָט. מיט אָנערקענונג האָט מען גערעדט וועגן זייערע דער־גרייכונגען — און נישט נאָר צווישן יידן.

יידישע שולן און קולטור־ליגע

אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן איז אין קוטנע געשאַפן געוואָרן אַ פרימאָרגן־שול מיט דער יידישער אונטערריכט־שפּראַך. לאָמיר ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען אַן עפּיזאָד, וועלכער האָט אַרויסגערופן אַ ביסל בייז בלוט:

האַרט פאַרן דערעפענען די שול, ווען כמעט אַלע צוגרייטונ־גען צו דעם אַקט זענען שוין געמאַכט געוואָרן, איז קיין קוטנע געקומען אונדזער בן־עיר, דער גרויסער שרייבער שלום אַש. אין אַ שבתדיקן טאָג האָט ער צוזאַמען מיט זיין ברודער וואָלף, אַ קוטנער תושב, באַזוכט די פּרץ־ביבליאָטעק, ווו ס'איז גראָד פאָרגעקומען אַ זיצונג פונעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער שול. דער גאַסט האָט צום ערשט זיך געפרעגט וועגן דער ביב־ליאָטעק, אירע לייענער, אַ וואָסערע ביכער אינטערעסירן זיי און בכלל וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין שטאָט. אויפן אָרט האָט ער איבערגעלאָזן אַן איבערווייזונג דעם פאַרלאַג „קולטור־ליגע" אין וואַרשע איבערצושיקן דער ביבליאָטעק אַלס מתנה — אַלע זיינע דערשינענע ביכער. דערנאָך האָבן מיר אים אינפאָר־מירט וועגן דער דערעפענונג פון דער שול, וואָס דאַרף בקרוב פאָרקומען. מיט אַמאָל האָט ער אונדז געשטעלט די איבעררא־שנדיקע פראַגע:

— צי וואָלטן מיר נישט מסכים געווען, אַז די שול זאָל טראָגן זיין נאָמען?

דערפאַר האָט ער אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו דעקן 50% פונעם שול־בודזשעט.

איך געדענק, אַלס באַטייליקטער אין יענער זיצונג, אַז אַשס פאָרשלאַג האָט אַלעמען אַריינגעפירט אין אַ פאַרלעגנהייט. דער פאָרזיצער האָט צוגעזאָגט דעם שרייבער צו געבן אַ תשובה אין אַ צייט אַרום.

און די תשובה איז געווען — אַ נעגאַטיווע. די שול האָט באַקומען דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם בונדישן טעאָרעטי־קער און פירער, וולאַדימיר מעדעם.

אומקערנדיק זיך צו דער שול. זי האָט גלייך פאַרמאָגט פיר קלאַסן, צו 40—50 קינדער אין אַ קלאַס. זי האָט זיך צומערשט אויסגעהאַלטן אַ דאַנק די פרייוויליקע באַשטייערונגען פון בונ־דיסטן, לינקע פועלי־ציון און אומפּאַרטייאישע.

אַ דאַנק דער סאָציאַליסטישער מערהייט אין שטאָטראַט (7 פון פּ.פּ.ס., 5 „בונד" און 1 קאָמוניסט), איז דער שול צוגע־טיילט געוואָרן אַ יערלעכע סובווענץ. אויך די יידישע קהילה האָט אין איר בודזשעט אַריינגעשטעלט אַ טיילווייזע סובסידיע, ווי פאַר די אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס אין שטאָט.

היינט ווייסן מיר, אַז פיל קינדער, וועלכע האָבן באַקומען זייער בילדונג און דערציאונג אין דער מעדעם־שול, זענען מיט דער צייט געוואָרן פלייסיקע מיטבויער פון דער קיבוצישער באַ־וועגונג אין ארץ־ישראל.

פון די לערער מיט גרויסע פּעדאַגאָגישע קוואַליפיקאַציעס, געדענק איך: ירוחמזאָן פון וואַרשע, מאַנדעלמאַן, חנטשע פיש־זאַצער און מאַן פון ווילנע.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די טעטיקייט פון דער „קולטור־ליגע", מיט איר רייכער פּרץ־ביבליאָטעק מיט אַ ביכער־אוצר פון 10 טויזנט יידישע, העברעישע און פּוילישע ביכער און אַ

ספעציעלע אָפּטיילונג פון קינדער־ליטעראַטור. דער „יחוס־בריוו" פון דער „קולטור־ליגע" האָט זיך געצויגן פון דער געזעלשאַפט „הזמיר". נאָך פון פאַרן ערשטן וועלט־קריג. אין „הזמיר" איז שלום עליכם בשעתו אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט און געלייענט פון זיינע שאַפונגען. אַ טייל פון דער הכנסה איז געווען באַשטימט פאַר דער ביבליאָטעק, וועלכע איז דערנאָך איבערגעגאַנגען צו דער „קולטור־ליגע".

די צאָל לייענער האָט זיך רעקרוטירט פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און דערגרייכט די צאָל פון עטלעכע הונדערט.

דער פאָלקס־אוניווערזיטעט ביי דער קולטור־ליגע האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין שטאַרקן דעם באַוווסטזיין פון זיינע צוהערער אַ דאַנק די רעפעראַטן, פאָרלעזונגען און לעקציעס אויף וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעמעס. פון די רעפערענטן: בערטיש און גראָספעלד — לערערס פון „עם הספר"; דער היסטאָריקער צאָמבער ליפּמאַן (אומגעקומען אין וואַרשע); די געסט פון וואַרשע — הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער; אונדזער שרייבער און תלמיד־חכם ישראל־ישעיה טרונק, דער עלטסטער זון פון קוטנער רב, וועלכער האָט געהאַט אַ נייגונג און אינטערעס פאַר ליטעראַטור און עקזאַקטע וויסנשאַפטן, מיטאַרבעטער פון ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „אות" אין לאָדזש. זיינע לעקציעס האָבן תמיד צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. דער עיקר האָט ער זיך באַמיט צו פּאָפּולאַריזירן די פּסיכאָאַנאַליזע פון פרוידן און זיין תלמיד אַלפרעד אַדלער.

קוטנע האָבן אויך באַזוכט מיט רעפעראַטן: דער ליטעראַטור־קריטיקער ש. ניגער, דער שול־טוער שלמה מענדעלסאָן און דער עסייאיסט לעאָ פינקעלשטיין, ווי אויך ד״ר קרוק, ד. ב. מאַלקין, י. האַלפּערין, דער דיכטער איציק מאַנגער, דער קינסטלער רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרד.

גרויס איז די רשימה פון די אויפטוען און אויפטוערס פון „בונד" און זיינע אינסטיטוציעס. נאָר די ברוטאַלע רוצחישע האַנט פון די היטלעריסטן האָט אַלץ חרוב געמאַכט...

מיינע קינדער־יאָרן אין „סקיף"

פּאָלאַ מאַנטשוק־גאָלדבערג
מאָנטרעאַל

וועגן דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד אין קוטנע, וואָלט מען באַדאַרפט פיל מער אָנשרייבן ווי די ווייטערדיקע שורות. ס'איז דאָך געווען אַ געבענטשטע און שעפערישע אַרבעט לטובת דעם יידישן קינד.

ווען איך בין אַריינגעטראָטן אין „סקיף", האָב איך דאָרט שוין געטראָפן אַרום 50 קינדער, דער רוב — פון אַרבעטער־היימען. די אַרבעט האָט זיך געפירט אין דריי ריכטונגען:

א. שרייבן און לייענען יידיש. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן



טיול של ה„צוקונפט" בגומבין (1931)

פאַר דער וויכטיקסטער טעטיקייט פון „סקיף". אָנגעפירט דערמיט האָבן מ. ח. טיגער ז״ל און נ. מאָשקאָוויטש (איצט אין ישראל). די קינדער האָט מען אויך געלערנט זינגען יידישע לידער. געטאָן האָט דאָס מיט אַ סך ליבשאַפט און קענטעניש די לערערין פון דער מעדעם־שול אין קוטנע, חנהטשע פישזאַצער.

ב. אַ באַזונדערער אויפטו איז געווען דער דראַמאַטישער קרייז פון דער אָרגאַניזאַציע, אָנגעפירט דורך דער לערערין פון דער מעדעם־שול — רבקה מאַנדעלמאַן און עוואַ קירשבוים, בונדישע ראַטמענערין אין קוטנער שטאָטראַט (געשטאָרבן אין וואַרשע 1945, בעת דער עקסהומאַציע און קבורה פון איר מאַן, הערמאַן קירשבוים, דעם קעמפער און אונטערערדישער טוער).

ג. נישט ווייניק מי האָט מען אַוועקגעגעבן פאַר ספּאָרט און אויספלוגן. האָבן דאָך די אָרעמע קינדער אַזוי געלעכצט צו פאַרברענגען אויף דער פרישער לופט, אין וואַלד, פעלד און וואַסער. אויף דעם געביט האָבן געאַרבעט די ברידער יוסף און קאָפּל קירשבוים (ביידע אומגעקומען).

פאַר זייער וויכטיק האָט מען געהאַלטן דאָס אַרויסשיקן די



„סקיף"

קינדער אויף אַ זומער־קאָלאָניע אין די הייסע חדשים פון די שול־פעריען. אַזאַ אונטערנעמונג האָט געקאָסט אַ סך געלט. האָט יונג און אַלט זיך איינגעשפּאַנט אַ גאַנץ יאָר צו זאַמלען געלט און אַדורכפירן די אונטערנעמונגען לטובת דער קאָלאָניע. מיר האָבן געוווסט, אַז וואָס אַ גרעסערע סומע מיר וועלן צונויפזאַמלען, אַלץ מערער אָרעמע יידישע קינדער וועלן געניסן פון דער קאָלאָניע.

די לעצטע זומער־קאָלאָניע פון „סקיף" איז אַדורכגעפירט געוואָרן בשותפות מיט נאָך אַרומיקע שטעטלעך, נישט ווייט

פון וולאָצלאַוועק, ביים ברעג פון דער ווייסל. יידישע קינדער פון קוטנע, גאָסטינין, ליפּנע און קרושניעוויץ, האָבן יענעם זומער פון 1939 גענאָסן פון דער שיינקייט פון דער נאַטור, פאַרברענגט אין אַ פריידיקער און וואַרעמער אַטמאָספער. נאָר אַלץ איז מיט אַמאָל פאַרשטערט געוואָרן. נאָך אין חודש יולי זענען געקומען פאַרשטייער פון דער פּוילישער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט און געשלאָסן די קאָלאָניע. אין דער לופט האָט זיך שוין געטראָגן דער מלחמה־שטורעם, אָבער די קינדער האָט עס ווייניק געקימערט. זיי האָבן נישט געוווּסט, פּונקט ווי די עלטערע, אַז דאָס איז די לעצטע זומער־קאָלאָניע, אַז זיי וועלן טיילן דעם טראַגישן גורל פונעם אויסגעמאָרדעטן דריטל פון אונדזער פאָלק.

זאָלן מיינע דערמאָנונגען זיין אַ דענקמאָל פאַר די אַלע קינדער און דערוואַקסענע, וועלכע האָבן אין „סקיף" געפונען זייער גייסטיקע וועלט...

דראַמאַטישער קרייז „יאב"

חיים בן־מנשה
חולון

(אַ בינטל זכרונות פון דער „יידישער אַרבעטער בינע" און איר רעזשיסער הערש־מאיר גלאָווינסקי)

געזען האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל אין דער פּרץ־ביבליאָטעק. ער איז געזעסן שטיל, מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. דאָס לאַנגזאַמע פאַרציען דעם רויך האָט זיין פּנים ערנסטער געמאַכט און צוגעגעבן אַ מינע פון אומצופרידנקייט. דאָס פּנים און די פּעך־שוואַרצע טשופּרינע, האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון. אויך ער האָט זיין שאַרפן, שפּיציקן בליק געוואָרפן אויף יעדן איינעם.

ווען איך מיט מיין חבר אָשר זענען אַריינגעקומען, אויפגעמישט דעם קאַטאַלאָג און געפונען דעם נומער פון געזוכטן בוך, זענען מיר ביידע מיט פרייד צוגעלאָפן צום ביבליאָטעקאַר שמואל סאָבוטקי און געבעטן דאָס בוך. באַקומען דעם ספר, האָבן מיר מיט אומגעדולד אים געבלעטערט. מיין חבר האָט גלייכצייטיק גענומען ציטירן שטיקער פּראָזע פון אויסנווייניק. הערש מאיר גלאָווינסקי, וואָס איז געזעסן דערלעבן, האָט אונדז ביידע אָבסערווירט. ער האָט אַוודאי באַמערקט אונדזער צעטראָגנקייט, געמישט מיט צופרידנקייט. די זאַך האָט אים, קאָנטיק, אינטריגירט. ער האָט גלייך געפרעגט:

—וועער רעפּעטירט מיט אייך? ווי אַזוי הייסט די פּיעסע, וועלכע איר גרייט זיך אויפצופירן?

— איך — ענטפערט אָשר מיט שטאָלץ.

— ווער זענט איר און ווי רופט מען אייך? — פרעגט גלאָווינסקי מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, אָבער אין אַ גרינגשעצנדיקן טאָן.

— מיך רופט מען אָשר און איך בין דעם טשעכאָטשינקער שוסטערס אַן אייניקל. טעאַטער שפּיל איך שוין לאַנג. ווי מיין מוטער האָט דערציילט, האָב איך שוין אַלס קינד אַרויסגעוויזן נייגונג — צום טעאַטער. איצט, ווען איך אַרבעט ביי מיין זיידן, זינגען מיר ביידע ביי יעדן קלאַפּ מיטן העמערל. בעת מיין זיידע טרינקט אויס אַ צוויי־דריי גלעזלעך, לייגט ער גלייך אַוועק דאָס העמערל און צעטאַנצט זיך ווי אַן אַכצן־יאָריק יינגל. ער טאַנצט אַ קאָזאַטשאָק, אַ קאָמאַרסקע, אַז די שכנים קומען זיך אַזש צונויף קוקן אויף דעם ווונדער.

נישט פאַרלירנדיק קיין צייט, זינגט ער טאַקע גלייך אויף, מיין חבר אָשר, צוויי קופּלעטן און פרעגט ביי גלאָווינסקין:

— זענט איר כאָטש אַ מבין אויף דעם געזאַנג? — און מאַכט דערביי אַ ווויליינגערישע מינע.

אָט דאָס פרייע רעדן און דרייסטע האַלטונג, האָט גראָד געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף גלאָווינסקין.

— און איר, יונגערמאַנטשיק? — ווענדט ער זיך מיט איראָניע צו מיר. — איר שפּילט אויך „טריאַטער"?

—איך האָב נישט אָנגעהויבן אַזוי פרי — ענטפער איך אַ ביסל זשענירט. — אין שול האָב איך פאַרשידענע לידלעך רעציטירט, פּורים האָבן מיר זיך פאַרשטעלט און אויך געשפּילט גלית מיט די פּלישתים. נאָר דאָס ערשטע מאָל האָט מען מיך אויף די אָוונט־קורסן אַנגאַזשירט אָנטיילצונעמען אין דעם דראַמקרייז, מיט ניסן פרענקל, מענכע און פּעסע פּרינץ, אינעם איינאַקטער פון שלום עליכם „דער דאָקטאָר". אָנגעפירט מיט אונדז האָט שייע טרונק, דעם רבס זון. איך האָב געשפּילט חיים לייבן — ענטפער איך מיט שטאָלץ. — איצטער האָבן מיר אַ קאָלעקטיוו פון צען מיידלעך און יינגלעך, מיר ווילן שפּילן „מאָטיע מלך דער סטאָליער". דאָס איז אַן אַמעריקאַנער דראַמע (דעם נאָמען פון מחבר האָב איך נישט אָנגעהויבן וויסן). מיר רעפּעטירן שוין עטלעכע וואָכן, נאָר צוליב דעם פאַרעלטערטן כתב־יד פון דער איבערגעשריבענער דראַמע, איז אונדז שווער צו לייענען. מיר האָבן דעריבער גענומען זוכן און טאַקע אַצינד געפונען דעם אָריגינאַל.

גלאָווינסקי האָט ביי אונדז געבעטן דעם אַדרעס פון דער שטוב, ווו עס קומען פאָר די רעפּעטיציעס. ער הייבט זיך אָן באַווייזן און צוקוקן צו די אויסבעסערונגען, וואָס אָשר מאַכט פון צייט צו צייט. הערנדיק דעם צעקאַליעטשעטן יידיש, וואָס מיר באַנוצן, האָט עס אים זייער דענערווירט.

— חברה, איר ווילט שפּילן טעאַטער? — גיט ער איין מאָל אַ פרעג אַן אויפגערעגטער — לערנט אייך רעדן ווי מע דאַרף און וואַרפט אַוועק דעם אומנוצלעכן פּאַטאָס. רעדט פּשוט, מענטשלעך, שטרענגט אייך נישט אָן.

מיר בעטן אים איבערנעמען די רעזשי. ער טוט דאָס מיט צופרידנקייט. מיר מאַטערן זיך, וואָס אַן אמת, באַמיען זיך אָבער אַנטקעגן קומען זיינע פאָדערונגען, צופּאַסן זיך צו זיינע באַמערקונגען. נאָך עטלעכע וואָכן שווערער אַרבעט, גרייטן מיר צו די פאָרשטעלונג. גלאָווינסקי ענדערט דעם נאָמען אויף „די טענצעריך". דער נאָמען רייצט מער — זאָגט ער. די לעגאַליזאַציע ברענגט גלאָווינסקי פון דער „קולטור־ליגע" — און די פאָרשטעלונג קומט פאָר צו דער באַשטימטער צייט.

מיטן ריווח טיילן זיך — גלאָווינסקי און אָשר. מיר באַגנוגענען זיך דערמיט, וואָס אונדזערע נעמען שריַיען אַראָפּ פון די פּלאַקאַטן און אינעווייניק, אין די פּראָגראַמען.

דער קאָלעקטיוו צעפאַלט זיך, ווייל גלאָווינסקי האָט נישט געקענט דולדן אָשרן, וועלכער האָט, אגב, געהאַט גרויס חוצפּה. זיי צעקריגן זיך. אָשר פאַרלאָזט קוטנע און שפּילט אין זיין געבוירן־שטאָט — קאָלאָ.

מיר גרינדן אַ צווייטן קאָלעקטיוו. גלאָווינסקי רופט זיינע באַקאַנטע אַמאַטאָרן: יוסף פּאַקולסקי, ישראל עפּשטיין, שיע ליכטנשטיין, פּעסע פּרינץ, רוזגע, חיים גרינבוים א"אַ. מיר הייבן אָן רעפּעטירן דעם „ווילדן מענטש". גלאָווינסקי לייגט אַריין מי און אַרבעט אין דער פאָרשטעלונג. ער פאָדערט פון אונדז אַ ריינע שפּראַך, אַ קלאָר יידיש וואָרט און גוטע עברי.

— אַרטיסטן — שרייט ער — וועט איר סיי ווי נישט זיין, זאָל מען כאָטש הערן אַ ריין יידיש וואָרט.

פון שימשע מאַטשיק קען ער דאָס נישט פאָדערן; פון ראובן טרעגער, צי פון די מאַרק־שטייער — אויך נישט. אָבער פון דער בינע וויל ער הערן עברי. אויך קוריאַזן האָבן נישט געפעלט. ווען ישראל עפשטיין האָט אין זיין פראָזע געזאָגט מיט פּאַטאָס: „שבת איז היינט, די לאַאַכטער אויפן טיש”, האָט גלאָווינסקי מיט ציין־קריצעניש געשריגן: — מע זאָגט נישט לאַאַכטער, נאָר לייכטער. וויפל מאָל וועל איך דיר זאָגן, האַ? פאַרוואָס צאַפּסטו מיר דאָס בלוט?! און ווען שעיה ליכטנשטיין האָט צוויי ווערטער באַדאַרפט איבעררײדן אין העברעיש, ווי נקבים נקבים, חלילים חלילים — האָט זיך געטאָן חושך. מיט אַלע עפּיטעטן וואָס גלאָווינסקי האָט געהאַט אין זיין „רעפּערטואַר”, האָט ער באַשאָנקען ליכטנשטיינען פאַר זיין עם־הארציש־קייט.

אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד דערמאָנט זיך מיר, ווען אונדזער סופליאָר, יעקב מאיר ז״ל, איז געשטאַנען אין דער סופליאָרקע און זיך פאַרקוקט אויף אַ שפּילערין — און דערוויל פאַרגעסן צו געבן די געפאָדערטע ווערטער. שעיה ליכטנשטיין האָט אַ זעץ געגעבן מיט דער שטול, אויף וועלכער ר׳איז געזעסן, אויסגעשריגן „אין דער מאַמען אַריין” אויף אַ זאַפּטיקן רוסיש... די צושויער, וואָס האָבן זיך ווי אויפגעכאַפּט פון דעם פּלוצעמדיקן אויסברוך, האָבן דערפאַר ליכטנשטיינען באַשאָנקען מיט לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. הערש־מאיר דאַקעגן, האָט זיך געריסן די האָר און געשריגן: „געוואַלד, וואָס האָט ער געטאָן?!”

נאָך אַ קוריאָז איז געשען מיט מענדל קאָהן. ער האָט געשפּילט אַלס חזן. אין ערשטן אַקט, פאַרשטייט זיך, מיט אַ באָרד — דאָס איז אין רוסלאַנד. דער צווייטער אַקט קומט שוין פאָר אין אַמעריקע, ווו אונדזער חזן דאַרף אויפטרעטן אָן אַ באָרד. טרעפט אים אַ היימישער ייד פון רוסלאַנד און פרעגט אים:

— האַ? ווו האָסטו אַהינגעטאָן דיין באָרד און פּיאות?

— דאָ, פאַרשטייסטו מיך, איז אַמעריקע — ענטפערט ער.

— דאָ טראָגט מען נישט קיין באָרד, האָב איך זי אויסגעטאָן...

הערש מאיר האָט געשאַפן אַ ראָם פאַר אונדזער קאָלעקטיוו. געגעבן אַ ספּעציעלן נאָמען „יאַב” — „יידישע אַרבעטער־בינע” ביי דער קולטור־ליגע. ס׳ווערן צוגעצויגן פרישע קאַדרען, ספּעציעל מיידלעך מיט גוטע און שיינע שטימען. זייערע נעמען: נעכע צאַלער, ראָזענבלאַט, רחל־לאה, אסתר פרענקל, רויזע פּיטל א״אַ. פון יינגלעך: זקן אַש, פּייוויש און חנא בלום. זלמן קאָם ווערט טעכנישער בינע־לייטער און זאָרגט פאַרן רעפּערטואַר. גלאָווינסקי וויל צוגרייטן אַ רעוויע, עפּעס אויסטערלישס, אייבערראַשנדיקס. צו אַ רעוויע האָבן זיך געפאָדערט דעקאָראַציעס, מוזיק, רעקוויזיט. קאָפּל קירשבוים נוצט אויס זיין קאָנטשאַפט מיט אברהם אָפּאָטשינסקי. מיר דערלויבן אים בייזיין אויף אונדזערע רעפּעטיציעס. ער הערט זיך צו און מאַכט פאַרשידענע פאַרצייכענונגען און ווערט אַ הייסער אָנהענגער פון אונדזער דראַמקרייז. זיינע דעקאָראַציעס האָבן פאַר אונדז אַ ביז גאָר וויכטיקן ווערט און באַדייטונג.

גלאָווינסקי זעט דאָס צו, איז צופרידן פון די נייע כוחות און פון דעם, וואָס אונדזער קאָלעקטיוו אַנטוויקלט זיך און גייט פאָרויס. ער לייגט אַריין זיין גאַנצן חוש און נאָך מער כוחות אין די פאָרשטעלונגען. ער שאַפט אויך מוזיק. צוגעהאָלפן האָט אים אַנשל פרוינד און אברהם שטיפּט. די פאָרשטעלונג „חי געלעבט”, וואָס מען האָט געגרייט, איז ענדלעך געשטעלט געוואָרן. זי איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. עטלעכע מאָל האָט מען זי געגעבן אין אַלטן טעאַטער און טיילווייז אויך אין מיכאַלעוויטש־הויז. דאָס איז געווען אַ רעווי־פאָרשטעלונג. דער פאָלקסטימלעכער פּראָגראַם איז געשטעלט געוואָרן מיט געשמאַק און טעם, אָנגענעם פאַרן אויג און אויער. די סקעטשן און איינאַקטערס פון שלום עליכמען, פּרצן און אַנדערע, זענען געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ און אויך מייסטעריש אויסגעפירט געוואָרן. מער ווי אַ העלפט פון פּראָגראַם זענען געווען לידער, קופּלעטן, הומאָריסטישע דיאַלאָגן, אינסצעניזאַציעס. גרויס הייטערקייט האָט ביים עולם אַרויסגערופן דער ציגיינער־טאַבאָר מיט זיין רייכן לידער־אינהאַלט. זייערע טענץ אין ספּעציעלע קאָסטיומען, באַגלייט פון פאַרשידענע מוזיק־אינסטרומענטן, ליכט־רעפלעקטאָרן אאַז״וו — האָט ממש פאַרכישופט דעם עולם.

מיט גרויס ליבשאַפט און אָנערקענונג איז אויפגענומען געוואָרן אַ סערענאַדע, געזונגען דורך אַ שטאַמלדיקן פאַרליבטן בחור צו זיין אויסדערוויילטער — אַ דינסטמיידל, וועלכע שרעקט זיך פאַר איר באַלעבאָסטע. דאָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך נעכע צילער און זקן אַש.

אַ גרויסער סורפּריז איז געווען דאָס אויפטרעטן פון כלעמער חזן מיט זיינע משוררים, אויסגעפירט דורך קופּערן, ניסן פרענקל און אַנדערע מיטגלידער פון קאָלעקטיוו.

דאָס איז געווען אַן אָוונט פון הומאָר, סאַטירע און גראָטעסק. דער אויסערגעוויינלעכער דערפאָלג איז נאַטירלעך געווען אַ רעזולטאַט פון דער מי און אָנשטרענגונג פון קאָלעקטיוו, און ספּעציעל פון הערש־מאיר גלאָווינסקי.

ס׳טאָר אויך נישט פאַרמינערט ווערן דער גרויסער ביישטייער און די לייסטונג, וועלכע ס׳האָט אַרויסגעוויזן אברהם אָפּאָטשינסקי מיט זיין קינסטלערישן טאַלאַנט פון צוקלייבן און צופּאַסן דעם דעקאָראַטיוון טייל צו יעדן נומער באַזונדער. דער דערפאָלג איז געווען די אָנערקענונג פאַרן קאָלעקטיוו און אַ גרויסע סאַטיספאַקציע פאַר גלאָווינסקין.

מיט דער פאָרשטעלונג „חי געלעבט”, זענען מיר אויך אַרומגעפאָרן איבער די שכנותדיקע שטעטלעך, ווו מיר זענען מיט גרויס וואַרעמקייט אויפגענומען געוואָרן. אין דעם שטעטל קאָוועל, ביי וולאָצלאַוועק, האָבן מיר געהאַט אַ שטיקל דורכפאַל צוליב דעם, וואָס דאָרט האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן די השפּעה פון לינקע פּועלי־ציון. דאָס שטעטל איז געווען זייער אַ פּעסטונג.

אונדזער אופטריט איז אַפּישירט געוואָרן אויף אַ געוויסן פרייטיק־צו־נאַכטס. אַזוי ווי די פּלאַקאַטן האָבן געטראָגן אַ קעפּל „יאַב” ביי דער קולטור־ליגע, איז במילא אויסגעקומען, אַז דאָס שמעקט מיט „בונד”. נו, איז געווען פריילעך אין שטעטל. די אַפישן זענען אַראָפּגעריסן געוואָרן. קוים מיט מי האָבן מיר באַקומען דעם שליסל פון לאָקאַל, וואָס איז נאָך פריער באַשטעלט געוואָרן. עס קומט פּאָליציי אויפן זאַל און פאָדערט פון אונדז די לעגאַליזאַציע. עס האָבן נישט געהאָלפן אונדזערע טענות און באַווייזן, אַז דער אָוונט איז געמאָלדן געוואָרן אין דער פּאָליציי. מיר האָבן געמוזט רעזיגנירן פון דער פאָרשטעלונג.

אָבער גלאָווינסקי גיט זיך נישט אַזוי לייכט אונטער. אין עטלעכע וואָכן אַרום אָרגאַניזירט ער נאָך אַמאָל, מיט דער הילף פון די וולאָצלאַוועקער בונדיסטן, אַן אָוונט, וועלכער איז אַדורך מיט דערפאָלג. מיר פּרובירן שפּעטער „די גרינע פעלדער” פון פּרץ הירשביין, אָבער אָן דערפאָלג, ווייל גלאָווינסקי האָט נישט אויפגעהערט צו פאָדערן פון אונדז מער וויפל מיר האָבן געקענט פאַרנעמען.

אַזוי האָט זיך עס געענדיקט, ביז זיין פאַרלאָזן קוטנע אין יאָר 1933. ער פאָרט אַרום מיט רעציטאַציעס אין די מערבגעביטן פון פּוילן און פּרוּווט שטילן זיין ווייטיק צוליב דער נישט דערגרייכטער קאַריערע אין דער אַרטיסטישער וועלט. די לעצטע צייט האָט ער געגרינדעט אין דאַנציג אַן אַרטיסטן־אַקטיוו.

כבוד זיין אָנדענק!

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אירע חברים *

די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג

קוטנע האָט געציילט העכער 33 טויזנט איינוווינער — און יידן האָבן געבילדעט אַן ערך 25 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

די שטאָט האָט זיך מפרנס געווען פון אַ גאַנצער ריי פאַבריקן, ס׳רוב פון דער איבעראַרבעטונגס־פּראָדוקציע, פאַרבונדן מיטן דאָרף. אויסער דער פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, האָט די שטאָט פאַרמאָגט עטלעכע מילן, אַן אייל־פאַבריק, אַ גאַרבעריי, אַ צוקער־ראַפינעריע, אַ בראָנפן־ברענעריי, אַ פאַבריק פון שוועבעלעך און אַנדערע. די גאַנצע פּשעמיסלאָווע גאַס איז געווען פאַרבויט מיט פאַבריקן, וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך, אַזש ביז דער באַרימטער אין גאַנצן לאַנד און אין אייראָפּע „ראָזלעווניע" — אַ בענזין־ראַפינעריע, וועלכע האָט אפילו היטלער־דייטשלאַנד פאַרקויפט איר פּראָדוקציע. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט די נאַצישע פליערס, בעתן באָמבאַרדירן די שטאָט, צו טרעפן גענוי אין די אונטערערדישע ציסטערנעס, אַרויסרופנדיק אַ ריזיקע שריפה אין דער גאַנצער געגנט.

די אַלע פאַבריקן און וויכטיקע אַרבעט־פּלעצער זענען, חוץ איניקע אויסנאַמען, געווען פאַרשלאָסן פאַרן יידישן אַרבעטער און בעל־מלאכה. די יידישע אייגנטימער פון די מילן און אַנדערע אונטערנעמונגען, האָבן אויך פאַרמאַכט זייערע טירן פאַרן יידישן האָרעפּאַשניק, אונטערן אויסרייד פון מחלל שבת זיין. אויסער דעם האָבן נישט געפעלט אויך אַזעלכע תירוצים, ווי דער יידישער אַרבעטער איז אַ ביסל פויל, צו קלוג, און צו שוואַך אויפצוהייבן אַ שווערע משא.

דעריבער איז נישט קיין וווּנדער, וואָס יידישע אַרבעטער זענען געווען באַשעפטיקט ביי ספּעציפיש־יידישע פאַכן, ווי: שניידעריי, בעקעריי, היטלמאַכעריי, בערשטעריי, זייגערמאַכעריי. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרנומען מיט קליינהאַנדל אויפן מאַרק — מיט גאַלאַנטעריע, טעקסטיל, קיך־געשיר, קאָנפעקציע אאַ״וו, אָפּגערעדט פון די יידישע בודקעס מיט גרינסן און פרוכט און די יידישע מאַרק־פאַרקויפערינס.

באַזונדערס שטאַרק איז געווען אַנטוויקלט די באַקלייד־בראַנזשע. דאָ האָט מען געקענט אָנטרעפן אויף שיינע, רייד־אויסגעשטאַטע געשעפטן. דער דאָזיקער צווייג (ווי אַנדערע פאַכן) האָט געהאַט פאַר אַ יסוד די פּראַצע פון יידישן כאַלופּניק. מיטן אָנקומען פון סעזאָן, פלעגן יידישע בעלי־מלאכות נישט זען די לעבעדיקע וועלט. פון באַגינען ביז אין דער שפּעטער נאַכט פלעגן זיי האָרעווען, איינשפּאַנענדיק דערביי דאָס גאַנצע הויזגעזינט, כדי אויסצואַרבעטן חיונה, אויך אויפן טויטן סעזאָן, ווען אין וואַרשטאַט איז געווען צוגערוימט, די פּאָדלאָגע באַשאָטן מיט זאַמד... אָבער אַפילו אין מיטן סעזאָן, איז דער פאַרדינסט געווען אַזאַ, אַז ר׳האָט קוים געקלעקט אויף אויסצוהאַלטן אַ משפחה פון פיר־זעקס מענטשן. דעריבער איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די נויט איז געווען אַ סטאַבילער תושב אין אַ סך יידישע היימען אין קוטנע.

אַרום די רייכע גאַסן, ווו עס האָט געוווינט אַ קליינער טייל פון דער פאַרמעגלעכער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זיך געפונען די גאַסן און געסלעך פון דער גרויסער יידישער אָרעמקייט און אַרבעטלאָזיקייט, ווי: סענאַטאָרסקע, פּאָדזשעטשנע, דאָס קאַשע־געסל. די יידישע האָרעפּאַשניקעס, וועלכע האָבן געאַרבעט דאָס רוב ביי זיך אין דער היים, האָבן פון קיין אַרבעטלאָזע־שטיצע כמעט נישט געוואָסן. טאָמער האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ געלעגנהייט פון עפנטלעכע אַרבעטן פונעם מאַגיסטראַט, האָבן יידישע מענטשן נישט געקענט פון דעם געניסן אי צוליב אייגענער פרומקייט, אי צוליבן טעראָר פון יידישן קלער. ווען דער אַרבעטער מאיר קעניג (פון לינקע פועלי־ציון) האָט געוואַגט אַרויסצוגיין שבת צו דער אַרבעט, צוזאַמען מיט קריסטלעכע אַרבעטער, האָבן די פרומע שרעקלעך געטומלט: „ס׳טייטש, ווי וואַגט עס אַ ייד אַרויסגיין שבת מיט אַ לאָפּעטע אין האַנט?!"

קוטנע, דאָס געבוירנאָרט פון שלום אַש, איז ווייט נישט געווען דאָס פּאַטריאַרכאַליש־ראָמאַנטישע שטעטל פון ר׳ יחזקאל גאָמבינער, אין וועמענס ברייטן הכנסת־אורחימדיקן הויף, „זענען אַלע געווען אין דער היים"... גיכער איז עס געווען דאָס שטעטל פון מענדעלע מוכר ספרים, — אָנגעלאָדן מיט שווערע, סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן.

זייענדיק אַריינגעשטופּט אין די באַגרענעצטע יידישע פאַכן, ווו דער רוב אָרעמע בעלי־מלאכות האָט פון באַגין ביז האַלבער נאַכט אַרויסגעיאָגט דעם זיבעטן שווייס, כדי אויסצואַרבעטן אויף אַ שטיקל ברויט, האָט זייער קאַמף קעגן רייכן יידישן סוחר, געהאַט אָפּטמאָל אַ האַרבן, ביטערן פאַרלויף. נאָך מער, די יידישע האָרעפּאַשניקעס זענען געווען געצוווּנגען, דורך שווערע קאַמפן, צו דעראָבערן אַזעלכע דערגרייכונגען, וועלכע דאָס געזעץ פון דער מלוכה האָט געזיכערט אין די גרויסע פּריוואַטע און מלוכהשע אונטערנעמונגען. אָבער די יידישע אַרבעטער האָבן דאָרט, צוליב דער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעאַקציע פון איין זייט, און דער אַנטי־יידישער פּאָליטיק פון די יידישע פאַבריקאַנטן גופא — נישט געהאַט קיין דריסת הרגל.

סאָציאַלע קאָנפליקטן, צוזאַמענשטויסן, שטרייקן

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען אין קוטנע, און באַזונדערס דער שטאַרקער נאָדל־פאַראיין, האָבן די גאַנצע צייט און ביי שווערע פּאָליטישע באַדינגונגען, געמוזט פירן אַ קאַמף פאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, וועלכער איז קיין מאָל נישט געווען פולשטענדיק רעאַליזירט, באַזונדערס אין די ראַמען פון קליינעם וואַרשטאַט, צי ביי סעזאָן־אַרבעט. יידישע אַרבעטער האָבן מיט די נעגל געמוזט אַרויסרייסן פון יידישן אונטערנעמער די מעגלעכקייט צו געניסן פון מעדיצינישער הילף אין די קראַנקן־קאַסעס. דעסגלייכן האָבן די יידישע פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע אַרבעטער געפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר באַשיצן דעם יוגנטלעכן אַרבעטער קעגן דער אויסנוצונג און שיקאַנעס מצד דעם אַרבעטגעבער, קעגן מיטלאַלטערלעכן מינהג פון אומזיסטער, דריי־יאָריקער האָרעוואַניע, ביים אויסלערנען זיך אַ פאַך; קעגן פאַרהאַלטן חדשים־לאַנג דעם שווער פאַרהאַרעוועטן לוין, קעגן נישט צאָלן די וועקסלען פאַר אָפּגעגעבענער אַרבעט... די דאָזיקע אַלע שווערע, עקשנותדיקע, לאַנג־זיך־פאַרציענדיקע קאַמפן, האָבן יידישע האָרעפּאַשניקעס געפירט אויף דער איניציאַטיוו פון דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג, צוזאַמען מיט די בונדישע און פועלי־ציוניסטישע אַרבעטער

דער שטרייק ביי אַלטער האַזענפעלד אין שניידער־וואַרשטאַט, איז נישט געווען קיין פאַראיינצלטער פאַל, אָבער ער קען דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר די קאָנפליקטן, וואָס זענען ביי

* פון געזאַמלטע מאַטעריאַלן ביי געוו. אַקטיוויסטן, די ח״ח לעאָן איזשביצקי, נתן קלאר און אַנד. צונויפגעשטעלט — חיים גרינבוים.

אונדז פאַרגעקומען. אין דאָזיקן וואַרשטאַט האָבן געאַרבעט אַרום 15 מאַן — איינער פון די גרעסטע אַרבעט־פּלעצער. די אָפטע קאָנפליקטן פלעגן טיילווייז געלייזט ווערן דורכן נאָדל־פאַראיין, אָנגעפירט דורך די קאָמוניסטן, „בונד" און לינקע פּועלי־ציון. ווי נאָר אָבער די אַרבעטגעבער פלעגן דערפילן, אַז דער פאַראיין איז אָפּגעשוואַכט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַטאַקירן די דערגרייכונגען פון אַרבעטער. אין די וואַרשטאַטן פון מראָזן און פאַלצן זענען אויסגעבראָכן ערנסטע געשעענישן, אין רעזולטאַט פון מסירות׳ און פּראָוואָקאַציעס אין דער פּאָליציי. אַזוי איז מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן מענדל זשוראַוווסקי (אגב, נישט קיין שניידער) צוליב אַ פּראָוואָקאַציע. אַזוי איז אויך פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ יאָר תּפיסה דער שניידער־אַרבעטער אברהם האָלצמאַן, ווען דער אַרבעטגעבער האָט אים בעת אַ קאָנפליקט פאַרמסרט אַלס קאָמוניסט.

אין יאָר 1932, איז די לאַגע פון יידישן אַרבעטער געווען אַזאַ: נישט אויסגעצאָלט דעם לוין צו דער צייט; נישט איינגעמאָלדן די אַרבעטער אין דער קראַנקן־קאַסע; אַרויסגעבן די אַרבעט צו נישט־אָרגאַניזירטע כאַלופּניקעס, יידישע ווי קריסטלעכע; נישט מענטשלעכע באַציאונג פונעם בעל־הבית. אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַן אַטמאָספער, אָנגעלאָדן מיט דינאַמיט. דער אויפרייס איז געווען אומפאַרמיידלעך. דער נאָדל־פאַראיין איז דעמאָלט געווען אָפּגעשוואַכט. האָבן די חברים הענעך כאַבוס און יצחק וועצלער (קאָמוניסטן), דערקלערט, אַז כל־זמן מיר קריגן נישט אויסגעצאָלט אונדזער חוב — אַרבעטן מיר נישט. די בעלי־הבתים האָבן געוואָלט באַזייטיקן די דאָזיקע חברים פון דער אַרבעט. אָבער דער קאָלעקטיוו איז געווען געאייניקט — און דאָס איז דעם בעל־הבית נישט געלונגען. מיר האָבן דעריבער דערקלערט אַן איטאַליענישן שטרייק, אָבער דער אַרבעטגעבער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט שטרייקברעכערס, דווקא פון די כוליגאַנישע ענדעקעס, באַקאַנטע אַנטיסעמיטן. דאָס האָט די אַרבעטער נאָך מער אויפגערעגט. אין אָנבליק פון אונדזער ענערגישער שטעלונג, האָט די פּאָליציי זיך אַריינגעמישט און געטיילט קלעפּ מיט גומענע שטעקנס. שפּעטער — פאַרנומען אין קאָמיסאַריאַט אַריין. נאָר גלייכצייטיק האָט די פּאָליציי באַפוילן דעם בעל־הבית אויסצוצאָלן דעם חוב די אַרבעטער. אין דער צייט, ווען מ׳האָט אונדז געהאַלטן אין אַרעסט, האָבן אַנדערע חברים אַדורכגעפירט אַן אַקציע.

אַלע אַרבעטער האָבן פאַרלאָזן די וואַרשטאַטן, וועלכע זענען שפּעטער באַיקאָטירט געוואָרן דורך דער גאַנצער קוטנער אַרבעטערשאַפט.

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז געווען די אויפפירונג פון די יידישע הויז־אייגנטימערס, וואָס דווקא פרייטיק פאַרנאַכט האָבן זיי אויסגעקליבן די צייט צו עקסמיסירן אָרעמע לאָקאַטאָרן פון זייערע וווינונגען.

פּאַרטיי־טעטיקייט

אין יידישן קוטנע האָבן געווירקט: די „מאַרקסיסטישע גרופּע" מיט שאול ראָזשאַנסקי, יהושע (שיע) מאָשקאָוויטש, יענקל יאַקובאָוויטש, רוסאַק, אהרון שוסטער, פישל שטיין א. אַנד. די גרופּע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון „בונד" און „צוקונפט" (די א. ג. „קאָמוניסטישע צוקונפט"), בראש מיט יענקל קילבערט, גראַדאָם זיסקינד, זאָשע גראַדאָם, הערש קערש. די דאָזיקע צוויי גרופּעס האָבן אין יאָר 1921/22 זיך אַריינגעגאָסן אין דער אַנטשטאַנענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן (איינער פון די ערשטע סעקרעטאַרן פון דער פאַראייניקטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין קוטנע, איז געווען דער באַוווסטער יידישער דיכטער ביניש זילבערשטיין).

די פּאָליטישע טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז געווען באַשווערט צוליב איר אומלעגאַלקייט. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשראָקן דעם ברויזנדיקן יענקל קילבערט און די מסירות־נפשדיקע זאָשע גראַדאָם, צו פירן אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די יידישע האַרעפּאַשניקעס.

די קוטנער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט אַנטוויקלט אַ גרויסע און אַקטיווע אַרבעט ביים אָרגאַניזירן אומלעגאַלע מאַסןווקעס אויף דער גאַס, אָדער אין פאַרמאַכטע לאָקאַלן, ביים פונאַנדערטיילן געדרוקט מאַטעריאַל, אויפרופן, צייטונגען, ביים פונאַנדערקלעפּן אויף די ווענט אַקטועלע פּאַרטיי־לאָזונגען אין שייכות מיט לאָקאַלע און צענטראַלע אַקציעס, צי ביים אָפּמערקן די פּראָלעטאַרישע יום־טובים דורך פאַרוואַרפן פענער אויף די דראָטן אא"וו. חוץ דעם האָט אין קוטנע זיך געפונען דער קרייז־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און אויף דער קוטנער אָרגאַניזאַציע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו באַדינען די אַרומיקע שטעטלעך.



גוטשע זעלקאָוויטש

באַזונדערס אָנגעשטרענגט איז געווען די אַרבעט פון די חברים ערב די פּראָלעטאַרישע יום־טובים, דער ערשטער מאַי, די יאָרצייט פון די „דריי ל" (לענין, לוקסעמבורג, ליבקנעכט), דער זיבעטער נאָוועמבער (אָקטאָבער־רעוואָלוציע). די פּאָליציי פלעגט אין יענע טעג געשטעלט ווערן אויף די פיס, צענדליקער חברים זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בעטן, אָדער געכאַפּט געוואָרן ביי אומלעגאַלער אַרבעט און מ׳האָט זיי אַריינגעשליידערט אין תּפיסה, אָפט מאָל — אויף לאַנגע יאָרן. נישט איין מאָל פלעגט עס זיין פאַרבונדן מיט שווידערלעכע פייניקונגען, אַפילו ביז טויט. אַזוי זענען טאַקע חיים זאַקשעווסקי, קלאַרטאָבע, רוסאַק, ראובן גאָלדמאַן, אַנדזשע קעניג, רוטקע ראָזען, און פיל אַנדערע חברים, — פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנג־טערמיניקע תּפיסה־שטראָפן. און די איידעלע, צאַרטע, שוואַרץ־חנעוודיקע אַרבעטער־טאָכטער גוטשע זעלקאָוויטש, וועלכע איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן תּפיסה, אויסשטייענדיק דערביי גוואַלדיקע פייניקונגען פאַר נישט אויסגעבן אירע קאַמפס־חברים, איז אין יאָר 1937 דערמאָרדעט געוואָרן אין דער לענטשיצער טורמע, ווייל זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווי אַ פּאָליטישע אַרעסטירטע, אָנצוטאָן תּפיסה־קליידער, באַשטימטע פאַר קרימינעלע פאַרברעכער. איר לויה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע קעגן סאַנאַטאָריש־פּאָליציייִשן טעראָר. טויזנטער אַרבעטער, פּאָליאַקן און יידן, האָבן געמיינזאַם מאַרשירט איבער די גאַסן פון קוטנע, אָפּגעבנדיק דעם לעצטן כבוד דער געפאַלענער יידישער קעמפערין. די פּאָליציי־אַגענטן מיט שודאַן בראש, זענען בעת־מעשה געשטאַנען הילפלאָז אין אָנבליק פון אַזאַ מעכטיקן סאָלידאַריטעט־

אויסדרוק, אָבער אין דער שפּעטער נאַכט, האָבן זיי שוין געהאַט וועמען צו שלעפּן פון די בעטן...

די אַריינגעפאַלענע חברים פלעגן אָבער נישט בלייבן פאַרלאָזט. אויף דער פריי איז געווען טעטיק אַן אָרגאַניזאַציע פון אינטערנאַציאָנאַלער הילף פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע („מאָפּר"), וואָס פלעגט אָרגאַניזירן יורידישע און מאַטעריעלע הילף פאַר די אַרעסטירטע און פאַר זייערע נויטבאַדערפטיקע משפחות, דורך אַריינשיקן שפּייז־פּעקלעך אין תפיסה, דינגען אַדוואָקאַטן, זאַמלען געלט אאַז"וו. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען שטרענג געהיים, ביי דער מיטהילף פון אַ סך אומפּאַרטייאישע סימפּאַטיקער. איך קוטנע זענען אַפילו געווען בירגערלעכע מענטשן, וואָס האָבן סטאַביל געצאָלט פאַרן „מאָפּר", שטעלנדיק בלויז איין תנאי: זייער נאָמען זאָל, חלילה, נישט דערמאָנט און נישט פאַרשריבן ווערן.

חברים פון דער לינקער ריכטונג זענען אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען פון די אַקטיווסטע טוער אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט. אייניקע קאָמוניסטישע טוער זענען פאַר זייער איבערגעגעבענער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט פאַרשיקט געוואָרן אין טרויעריק־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע. איינער פון די דאָזיקע חברים, יוסף קאָם, לעבט היינט אין פראַנקרייך.

דער בלוטיקער ערשטער מאַי פון יאָר 1932

מיט אירע אָפטע רעוויזיעס אַ פּאָר טעג פאַרן ערשטן מאַי פלעגט די פּאָליציי „מאַכן שטימונג", אָנוואַרפנדיק אַ פחד דורכן אַרויסשלעפּן פון די בעטן די סאַמע אַקטיווסטע חברים, כדי דעזאָרגאַניזירן די צוגרייטונגען צו דער מאַי־דעמאָנסטראַציע. אָבער אויך די לינקע אַרבעטער האָבן זיך אויסגעאַרבעט אַן אייגענע סטראַטעגיע: ערב דעם ערשטן מאַי זענען די אַקטיוויסטן נישט געשלאָפן אין דער היים. אַלע יאָר פלעגט זיך איבערחזרן דאָס זעלבע. צוליבן אָנוווּקס פון אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען אין לאַנד, האָבן מיר זיך געריכט אויף אַ פאַרגרעסערטן אָנטייל אין די מאַי־אַרויסטרעטונגען, אָבער צו אַזאַ מאַסן־אָנטייל און צו אַזאַ פאַרביסנקייט פון די דעמאָנסטראַנטן, זענען מיר שוין לאַנג נישט געוווינט געווען, ווי דאָס איז געשען אין יאָר 1932.

זיבן אַ זייגער אין דער פרי, הייבן זיך אָן זאַמלען די אַרבעטער אויף די אָנגעמערקטע פּונקטן. קאָמוניסטן האָבן זיך געזאַמלט אין לאָקאַל פון דער „קאָלאָ", ביי יעקב פוקס. אייניקע חברים האָבן גערעדט פאַרן עולם וועגן דער באַדייטונג פון פּראָלעטאַרישן יום־טוב. פּלוצלונג איז אַן אומבאַקאַנטער אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש און אַ פרעג געטאָן:

— איר ווילט הערן אַ דעפּוטאַט פון דער קאָמוניסטישער סיים־פראַקציע?

ביז וואָס־ווען, האָט ער שוין באַוויזן אויסצורופן די וויכטיקסטע מאַי־לאָזונגען פון דער ק.פּ.פּ. קעגן דער רעגירונג, וואָס פירט אַדורך אַ בלוטיקע פּאַציפיקאַציע אויף די קרעסן. די אָנוועזנדיקע פּאָליציי האָט אָנגעהויבן צעטרייבן דעם עולם, וועלכער לאָזט זיך אַוועק צום אַלטן טעאַטער, ווו עס גרופּירן זיך הונדערטער אַרבעטער מיט זייערע רויטע פענער. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די מאַסע מאַרשירט באַרג־אַרויף, אין דער ריכטונג צו דער קירכע. די פּאָליציי פאַרמאַכט דעם וועג. די דעמאָנסטראַנטן רייסן זיך אַדורך. אויפן וועג שליסן זיך אָן הונדערטער מענטשן און אויף דער הויפּט־גאַס וואַקסט אויס אַ ריזיקע מאַסע פון טויזנטער דעמאָנסטראַנטן. ביים מאַגיסטראַט שטעלט אויף די פּאָליציי גרויסע פאַרפעסטיקונגען, כדי נישט דערלאָזן די דעמאָנסטראַציע צו דער תפיסה. דאָ קומט צו אַ גרויסן צוזאַמענשטויס. עס אַנטוויקלט זיך אַ שלאַכט מיט פענער, שטעקנס, אייזנס און האָלאָבליעס פון די פויערישע וועגנער. עס ווערט אַ גרויסע סומאַטאָכע. די פויערים ווילן שפּאַנען זייערע וועגענער און אַנטרינען ווערן פון קאַמפּס־פּלאַץ, אָבער דער ריזיקער געדראַנג האָט זיי פאַרהאַלטן.

צום סוף האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן שיסן אין דער לופט. די דעמאָנסטראַציע איז זיך צעפאַלן אויף צוויי טיילן — איין טייל האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער פּאָליציי, בעת דער צווייטער טייל האָט אַוועקמאַרשירט צו דער תפיסה, פון וואַנען עס האָבן זיך געהערט רעוואָלוציאָנערע לידער און מאַי־לאָזונגען. דאָ איז באַלד אונטערגעקומען אַ פּאָליציי־אָפּטיילונג און עס איז דערגאַנגען צו אַ צוזאַמענשטויס. אין דער זעלביקער צייט איז אויפן מאַרק ווייטער אָנגעגאַנגען אַ פאַרביסענער קאַמף צווישן דער אָנגרייפנדיקער פּאָליציי און די דעמאָנסטראַנטן. אַלץ האָט זיך דאָ אויסגעמישט: פויערים, די אויסגעשפּאַנטע פערד, די קונים. די פּאָליציי, נישט זייענדיק אימשטאַנד צו באַהערשן די לאַגע, האָט אָנגעהויבן שיסן אין המון. אין רעזולטאַט פון דער שלאַכט, איז געפאַלן אַ יידישע פרוי.

אין די דאָזיקע געשעענישן, וועלכע האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער אויסלענדישער פּרעסע, האָבן אָנטיילגענומען אַ סך יידישע האָרעפּאַשניקעס און סטודענטן, צווישן וועלכע עס זענען דערנאָך פאָרגעקומען צאָלרייכע אַרעסטן. די בלוטיקע מאַי־טעג אין קוטנע האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף דער יידישער סטודענטישער יוגנט. די סטודענטן מיטעק בוקי, ווייַנבערגער, בוים, ליפּשיץ, שייע שאַטאַן און אַנדערע זענען דערנאָך אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי. אייניקע פון זיי האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין די קעמפער־רייען פון דער שפּאַנישער רעפּובליק (אין יאָר 1936). שאַטאַן — אַליין אַ געוועזענער בונדיסט, איז דער מחבר פון אַ בראָשור קעגן „בונד".

הונגער־דעמאָנסטראַציע אין יאָר 1934

ווי נאָר ס'איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַרבעטלאָזע אונטערשטיצונג, האָט אַ גרופּע יוגנטלעכע זיך אַוועקגעלאָזט צו דער באַן און גענומען אַ ביסל קוילן צום דערוואַרעמען די קאַלטע היימען. פּאָליציי האָט געעפנט אַ שיסעריי און פאַרוווּנדעט אַ יוגנטלעכן, וועלכער איז געבליבן אַן אינוואַליד אויפן גאַנצן לעבן. פון דער באַן־סטאַציע האָט די זעלביקע דעמאָנסטראַציע אַוועקמאַרשירט צום מאַגיסטראַט. פּונקט דעמאָלט איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן מיט ברויט, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אַ געוועלב אַנטקעגן וויטקאָווסקיס קיאָסק. דער אַרבעטער יוזשוויאַק איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן און צעטיילט דאָס ברויט די הונגעריקע אַרבעטער, צווישן זיי — אויך יידן. איינער פון די יידן, נחמן טרעגער, האָט זיך אויך געפונען צווישן די אַרעסטירטע. יוזשוויאַק איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ יאָר תפיסה.

די קוטנער טורמע

די קוטנער טורמע איז געווען גוט באַקאַנט דער גאַנצער באַפעלקערונג — פון קליין ביז גרויס, שוין צוליב דעם, וואָס גייענדיק אויפן בית הקברות, צי אויפן צמענטאַזש, האָט מען ווילנדיק־נישט־ווילנדיק געמוזט פאַרבייגיין דעם תפיסה־בנין, וועלכער איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט אויף אַ דיקער מויער, באַוואָרנט נאָך מיט צעשטויסענעם גלאָז. אָבער וואָס ס'האָט זיך געטאָן הינטער די מויערן, האָבן געוווּסט נאָר די, וואָס זענען דאָרט געווען אויף קעסט...

פון צייט צו צייט זענען דאָרט געווען פאַרשפּאַרט אויך פּאָליטישע אַרעסטירטע, ביז צום משפט. אַזוי, למשל, זענען רוטקע ראָזען (היינט — אָזשעל), מיט ראובן גאָלדמאַן, ביים אָרגאַניזירן די פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע, אַריינגעפאַלן אין תפיסה און געזעסן צוזאַמען מיט די קרימינעלע אין איין קאַמער. די באַציאונגען זענען געווען זייער גוטע. עס איז געלונגען די

פּאָליטישע אַרעסטירטע צו דערווערבן ביי די קרימינעלע פאַרברעכער סימפּאַטיע און אויטאָריטעט. ווען די וועכטער פלעגן נישט איין מאָל אַרויסווייזן ברוטאַלקייט, באַזונדערס צו די קרימינעלע, האָבן אַלע צוזאַמען פּראָטעסטירט. דאַקעגן ווען די פּאָליטישע האָבן אונטערגענומען אַן אַקציע קעגן קאָכן דאָס עסן אין שמוציקע קעסלען, וואָס האָבן געשטאַמט נאָך פון די צאַרישע צייטן, און געפאָדערט אויפגענומען צו ווערן דורכן נאַטשאַלניק פון דער טורמע — האָבן די קרימינעלע אונטערגעשטיצט די דאָזיקע אַקציע.

נאָך דעם ווי רוטקע ראָזען איז אויפגענומען געוואָרן דורכן נאַטשאַלניק, זענען די קעסלען אויסגעווייסט געוואָרן און דאָס עסן איז געוואָרן ריינער און געשמאַקער. דאָס איז געווען אַ וויכטיקע דערגרייכונג, אָבער נאָך וויכטיקער ווי דאָס עסן, איז זיכער געווען די סאָלידאַרע אַרויסטרעטונג פון אַלע אַרעסטירטע צוזאַמען. די פּאָליטישע איז אַ געוויסע צייט געווען דערלויבט צו טראָגן אייגענע וועש און מלבושים. אָבער שפּעטער איז די דאָזיקע דערגרייכונג ליקווידירט געוואָרן. די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן נישט איין מאָל אונטערגענומען אַן אַקציע קעגן די ברוטאַלע פאַראָרדענונגען פון דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע. אַזוי איז אין רעזולטאַט פון די קאַמפן די חברטע גוטשע זעלקאָוויטש איבערגעפירט געוואָרן קיין לענטשיץ און אין די אונטערוועש פאַרשפּאַרט געוואָרן אין קאַרצער. דערביי האָט מען איר אָפּגעשלאָגן די נירן — ביז מען האָט זי דערמאָרדעט פאַר נישט וועלן אָנטאָן די טורמע־קליידער.

איינהייט־אַקציעס פון די אַרבעטער־פּאַרטייען

ווי באַוווּסט, איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן, אין משך פון איר גאַנצער געשיכטע, געווען ביטער באַקעמפט מצד דעם הערשנדיקן רעזשים, וועלכער האָט אין דער דאָזיקער ריכטונג געזען פאַר זיך די גרעסטע געפאַר פאַר זיין קיום. אָבער אויך די אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען, אויף דער פּוילישער, ווי אויף דער יידישער גאַס, האָבן זיי באַקעמפט מיט אַלע מיטלען... די זאַך האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן, ווען דער פּילסודסקי־רעזשים האָט אויך אָנגעהויבן טרעטן אויף די פּיס פון „בונד” און פּ.פּ.ס. דעמאָלט איז פּאַמעלעך אָנגעוואַקסן דער געדאַנק פון פאַראייניקן די כוחות קעגן בשותפותדיקן שונא.

ס'דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד, ווען דער פירער פון ק.פּ.פּ. אין קוטנע, אַנקערשטייך, האָט אין די דרייסיקער יאָרן, צוזאַמען מיטן בונדישן טוער הערמאַן קירשבוים, אָפּגעהאַלטן אַן אומלעגאַלע מאַסוווקע אין ווינקל קרולעווסקי—אַלטער מאַרק. פיל חברים פון ביידע פּאַרטייען זענען זיך צונויפגעקומען. ווען די פּאָליציי איז אָנגעקומען, איז שוין קיינער נישט געווען אויפן אָרט. עס זענען שפּעטער פאָרגעקומען אַ סך אַרעסטן, אָבער צוליבן מאַנגל אין באַווייזן, זענען אַלע פאַרהאַלטענע באַפרייט געוואָרן נאָך 24 שעה.

אָט איז אַ צווייטער, כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד פון די טרויעריק־באַרימטע צייטן בימי סקלאַדקאָווסקי און זיין „אָווושעם”־פּאָליטיק:

אין איינעם אַ מאַרק־טאָג, ווען די יידישע קליינהענדלער האָבן אַרויסגעטראָגן זייער ביסל סחורה און צעלייגט אויף די סטראַגאַנעס, האָבן מיט אַמאָל זיך באַוויזן אַנטיסעמיטישע „פּיקעטניקעס”, וועלכע האָבן נישט צוגעלאָזן די פּויערים צו קויפן ביי יידן זייערע נייטיקע אַרטיקלען. דאָס איז אַקוראַט אויסגעפאַלן פאַר די ווייַנאַכט־יום־טובים, ווען די פּויערים קומען מאַסנווייז אין שטאָט אַריין.

די אַרבעטער־פּאַרטייען זענען געווען אינפאָרמירט, אַז עס גרייטן זיך אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען. איז טאַקע אין גייסט פון איינהייט־פראָנט, אָרגאַניזירט געוואָרן אַ זעלבשוץ צו פּאַרטיידיקן יידיש האָב־און־גוטס. ביי הירשבערגן און ראַבינאָוויטשן, האָבן אין דער פרי זיך אויסגעשטעלט גרופּן אַרבעטער, מיט שטעקנס און אייזנס. ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע „פּיקעטניקעס” און אָנגעהויבן שרייען: „ניע קופּ או זשידאַ, סווּוי דאָ סוועגאָ!” — האָבן די פּאַרטיידיקער זיי פאַריאָגט ווי דער פעפער וואַקסט... דאָס מאָל האָט אויך די פּאָליציי אַרויסגעוויזן איר אַנטיסעמיטישן פּרצוף, אָבער נישט געשטערט מורא האָבנדיק, אַז עס קען ביים ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער, קומען צו אַ בלוט־באָד.

אַזוי האָבן קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און בונדיסטן — אַרבעטער, טרעגער, פורמאַנעס און שניידער־יונגען — פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

„דו אַלטער באָלשעוויק!...”

אויף אָט דעם אַלטן מאַרק, אין אַ דירה פון צוויי נישט איבעריק גרויסע צימערן, אויפן צווייטן שטאָק, האָט געוווינט מאַן זילבער — אַ שניידער, אַ כאַלופּניק מיט זיין משפּחה — אַ פרוי מיט פינף קינדער. די פענצטער פון זיין וווינונג זענען אַרויס אין מאַרק. מאַנס שטוב איז אָבער נישט געווען באַשטימט בלויז צום וווינען אין איר און צו אַרבעטן, נאָר אויך פאַר אַנדערע זאַכן: נישט רעכענדיק זיך מיט קיין שום סכנות האָט ער מקריב געווען זיין דירה פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

וואָס איז דען נישט פאָרגעקומען אין דער דאָזיקער שטוב? שטרענג־קאָנספּיראַטיווע צוזאַמענטרעפן פון יידישע און פּוילישע אַקטיוויסטן, און שטענדיק — ביי אַ געדעקטן טיש מיט געטראַנקען און צובייסעכץ; אויפן בוידעם האָט זיך געפונען אַ גאַנצער שפּייכלער פון אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואָס איז געווען באַשטימט צום צעטיילן אין די אַרומיקע שטעטלעך און אין די דערפער. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מאַנס שטוב האָט זיך געפונען אונטער אַ כסדרדיקער אָבסערוואַציע פון פּאָליציי־אַגענטן, פלעגן מענטשן פון דער פּראָווינץ רעגולער קומען אָפּנעמען די פאַר זיי באַשטימטע ליטעראַטור און געהעריקע אָנווייזונגען, ווייל דער בוידעם האָט געהאַט אַ דאָפּלטן אַרויסגאַנג.

דער פּאָליציי־אַגענט פליכטע פלעגט נישט איין מאָל וואָרענען זילבערן:

— געדענק, דו אַלטער באָלשעוויק, וועסט פאַרפוילט ווערן אין תפיסה...

דאָס האָט אָבער, אין דער מינדסטער מאָס, נישט אָפּגעשראָקן אַזאַ מוטיקן חבר, ווי עס איז געווען מאַן זילבער. עס פלעגט אָפּטמאָל טרעפן, אַז אין דער הינטערשטער שטוב איז געזעסן רוטקע ראָזען און אָנגעפירט מיט אַ קאָמערל, בעת אין דער פאָדערשטער שטוב איז געזעסן די פּאָליציי, וואַרטנדיק אויף געסט. די אָפּטע רעוויזיעס האָבן דערפירט צו דעם, אַז די דירה פלעגט יעדעס מאָל באַקומען אַ נייע צורה... די פּאָליציי האָט בכוונה אים נישט געלאָזן אַרבעטן, כדי צווינגען אים צו פאַרלאָזן די דירה. דער פּאָליציאַנט שודא האָט געקריצט מיט די ציין, זעענדיק ווי דער אַלטער קאָמוניסט מאַן זילבער מאַרשירט דעם ערשטן מאַי, און דווקא אין די פאָדערשטע רייען...

מיעטעק בוקי

דער יוגנטלעכער מיעטעק בוקי האָט געלערנט אין אַ גימנאַזיע אין קוטנע. אויף איינער פון די לעקציעס פון היסטאָריע, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט דעם פּראָפעסאָר אַ באַמערקונג, אַז ער פעלשט, אַז נישט אַזוי איז פאָרגעקומען, ווי דער פּראָפעסאָר האָט פאָרגעלייענט פאַר די תלמידים. בוקי האָט דאַן געגעבן אַ פולשטענדיקע אויפקלערונג פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט, צו דער שטוינונג און צעדרודערונג פון פּראָפעסאָר און די שילער. דער רעזולטאַט פון בוקיס אַרויסטרעטונג איז

געווען: דערוויטערונג פון דער גימנאַזיע, פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דער באַוועגונג. אין יאָר 1932 ווערט ער אין פויזן אַרעסטירט און דאָרט געשטעלט פאַרן געריכט. ער זאָגט זיך אָפּ פון אַ רעגירונגס־אַדוואָקאַט, פאַרטיידיקנדיק זיך אַליין...

עס איז כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז נאָכן משפט האָט זיך אויפגעשטעלט דער ריכטער און זיך געווענדט צו דער מוטער, באַדויערנדיק, וואָס אַזאַ טאַלאַנטפולער מענטש קען נישט אויס־גענוצט ווערן צו בעסערע צוועקן, ווי צו פאַרנעמען זיך מיט קאָמוניסטישער אַרבעט. די מוטער, אַן אַלמנה, וויינט פון פרייד און שטאָלץ צו הערן אַזאַ מיינונג וועגן איר זון, אָבער גלייכצייטיק איז זי צעבראָכן פון דעם, וואָס ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ יאָר תּפיסה. נאָכן אָפּזיצן די שטראָף, קומט ער צוריק קיין קוטנע און איז ווידער טעטיק אין דער פאַרטיי. ער האָט אַרויסגעגעבן צוויי ביכער לידער, האַרט פאַרן מלחמה־אויסברוך.

חיים זאַקזשעווסקי

חיים זאַקשעווסקי האָט געשטאַמט פון אַ קליינבירגערלעכער משפּחה, אָבער גאָר יונגערהייט איז ער צוגעטראָטן צו דער לינקער באַוועגונג. אַ שניידער פון פאַך, האָט ער מיט זיין ברו־דער געאַרבעט ביי האַזענפעלדן אין וואַרשטאַט און מיטגעמאַכט דעם גאַנצן קאַמף, וואָס האָט זיך דאָרט געפירט. ווער עס האָט אים געקענט פון דער נאָענט, האָט געוווסט, אַז חיים באַזיצט אַ שטורמישן כאַראַקטער, גוואַלדיקע עקשנות און גלויבן אין דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס. ווי אַ בן־זקונים איז ער שטאַרק גע־ווען באַליבט אין זיין משפּחה און זיין ברודער האָט אַלץ געטאָן, כדי אים אויסצוהיטן פון סכנות. חיים האָט זיך נישט אונטער־געגעבן דעם שטאַרקן דרוק פון דער משפּחה, באַזונדערס פון זיין באַליבטן ברודער, ער זאָל אָפּשוואַכן אַ ביסל זיין אַקטיוויקייט אין דער באַוועגונג, נישט וואַרפן זיך צו פיל אין די אויגן. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט געגלייבט אין דער הייליקער זאַך פון קאָמוניזם, פאַר וועלכן ער איז תּמיד געווען גרייט אַוועק־צוגעבן זיין לעבן. זיין דרייסטער כאַראַקטער האָט אים שטענ־דיק געפירט אויף די סאַמע געפערלעכסטע ערטער, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין די פּאָליצייאישע הענט. זיין אַרעסט האָט אויפ־גערודערט די גאַנצע שטאָט. וואָס האָט זיין ברודער נישט געטאָן, כדי אים אַרויסצוראַטעווען פון דער צרה? ער האָט אַראָפּגע־בראַכט פון וואַרשע דעם בעסטן אַדוואָקאַט און איינגעלייגט וועלטן, אָבער חיים איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף פינף יאָר תּפיסה.

זיין ברויזנדיק לעבן האָט ער פאַרענדיקט אין קאַמף מיט די היטלעריסטישע מערדער.

אין יאָר 1941 טרעט ער אַריין פרייוויליק אין דער רויטער אַרמיי און פאַלט אין יאָר 1943 ביים פאַרטיידיקן מאָסקווע. נאָכן טויט, האָט זיין פרוי סאַליע דערהאַלטן אַן אָרדן פאַר זיין העל־דישקייט. זיין קבר געפינט זיך אין אַ ווייסרוסישן דאָרף.

זיין פרוי סאַליע ראָזען איז אויך געווען אַן אַקטיוויסטקע און געזעסן אין די פוילישע טורמעס. איצט געפינט זי זיך אין פוילן.

אויך זיי האָבן געקעמפט

אַ גרויסע אַקטיוויטעט האָט אַרויסגעוויזן דער ברודער פון מאַן זילבער, הערש־פּיוויש, ווען וועמענס שטוב איז אויך געווען אַ זאַמלפונקט פאַר די לינקע עלעמענטן פון קוטנע. אויך ער, ווי זיין ברודער, איז שטענדיק פאַרפאָלגט געוואָרן דורכן פּאָליציי־אַגענט שודאַ.

יאַנקל זאַנדבערג איז געווען אַקטיוו ביי די פאַבריק־אַרבע־טער, סיי אויף דער יידישער, סיי אויף דער פוילישער גאַס. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט אין אונ־דזער שטאָט געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג. דאָס איז געווען דער פאַרדינסט פון דער אויפקלערונגס־אַרבעט אין די פאַבריקן, שולן אין פאַרשידענע ערטער, אַריינגערעכנט דאָס פוילישע מיליטער... דאָ האָבן, לעבן די פוילישע חברים, געווירקט אויך, חיים דוד קלינגבייל, מלכה פרענקעל (דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך מיטן מאַן און זון), אברהם שטיפט און אַנד.

די דאָזיקע העלדישע חברים לעבן שוין נישט. קלינגבייל איז בעת דער וועלט־מלחמה געשטאָרבן אין ראַטנפאַרבאַנד, מלכה פרענקעל — אומגעקומען אין פאַרניכטונגס־לאַגער און אברהם שטיפט איז געפאַלן אין שלאַכט מיט די דייטשישע חיילות.

יאַנקל קילבערט — פון די גרינדער פון דער קפּפּ אין קוט־נע. אַ מענטש מיט הויכער בילדונג (געבוירן אין 1902), דערמאָרדעט געוואָרן אין יאָר 1939.

גראַדאָם זיסקינד — אויך פון די גרינדער פון דער קפּפּ (צוזאַמען מיט קילבערטן), שטאַמט פון אַ טראַדיציאָנעל־יידי־שער היים, געלערנט אין דער ישיבה. יונגערהייט צוגעטראָטן צו דער באַוועגונג און שפּעטער געאַרבעט אַלס פונקציאָנאַר אין לינקן נאָדל־פאַראיין אין לאָדזש, אומגעקומען אין יאָר 1939.

פישל שטיין — אַ זון פון אַן אַרבעטער־פאַמיליע, אַ שניי־דער. שפּעטער אַוועק קיין דאַנציק און דאָרט געוואָרן איינער פון די איבערגעגעבנסטע פאַרטיי־טוער.

די סטודענטן: מיעטעק בוקי (צוגעשטאַנען צו דער באַוועג־גונג אין די דרייסיקער יאָרן), געווען זייער אַקטיוו.

סאַלעק וויינבערג — געקעמפט אין שפּאַניע, לעבט היינט אין פראַנקרייך.

ליפשיץ — געקעמפט אין שפּאַניע.

באַומאַן — שטאַמט פון שניידער־האָרעפּאַשניקעס, איבער־געגעבענער פאַרטיי־טוער, פיל געטאָן פאַר דער יוגנט.

אין די קוטנער יידישע ספּאָרט־געזעלשאַפטן זענען געווען טעטיק אַ גאַנצע ריי חברים און סימפּאַטיקער:

שיע פייבער, פּרווינט, די ברידער דוקאַט, בריצמאַן — אַלע צוזאַמען, מיט די פריער דערמאָנטע חברים קלינגבייל, שטיפט, רוטקע ראָזען, אַבעק — זענען געווען טעטיק אין יידישע ספּאָרט־קלובן זש. ט. ג. ס., מכבי, שפּעטער אין „מאָרגנשטערן", אין לינקן ספּאָרט־קלוב „איסקראַ".

כבוד זייער אָנדענק!

געשעענישן און געשטאַלטן פון דער קאָמפּאַרטיי

יוסף קאַם
ליאָן

די ווייטערדיקע שורות פּרעטענדירן נישט צו שילדערן די אויספירלעכע געשיכטע און אַנטוויקלונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אונדזער שטאָט, נאָר בלויז אַרויסברענגען אייניקע דערמאָנונגען וועגן געשעענישן און געשטאַלטן, וועלכע האָבן געהאָלפן אויספאָרמירן אין קוטנע די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דעם גענוג וויכטיקן פאַקטאָר אין דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין שטאָט און אומגעגנט.

דאָס „אומגליק" קומט אין שטוב אַריין...

שוין באַלד 30 יאָר זינט איך האָב פאַרלאָזט קוטנע (אין 1937), נאָך דעם ווי כ'בין באַפרייט געוואָרן פון דעם טרויעריק־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע, ווו כ'בין געווען פאַרשפאַרט 5 חדשים. די שטראָף האָב איך באַדאַרפט אָפּקומען פאַר מיין טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער און אַלס סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די נאָדל־אַרבעטער אין קוטנע. באַפרייט האָט מען מיך אַ דאַנק די אומאויפהערלעכע באַמיאונגען פון מיין פאָטער ע"ה און דעם אַדוואָקאַט הענריק ערליך ז"ל, פירער פון „בונד" אין פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

אונדזער גרויסער בן־עיר שלום אַש האָט אַמאָל געשריבן, אַז „זאָל מען זיין מיילן ווייט פון שטעטל, ציט דאָך אַלץ צוריק צו איר". דער גרויסער מרחק אין צייט און געאָגראַפישער מהלך פון קוטנע, האָט נאָך היינט נישט פאַרטושט אין מיין זכרון דאָס בילד פון שטעטל, מיט איר שיינער לאַנדשאַפט אַרום, די גרינסאַמעטענע וועלדער און גרינע לאָנקעס, ווו מיר פלעגן אָפּהאַלטן די קאָנספּיראַטיווע זיצונגען; עס געדענקט זיך גוט די היימשטאָט מיט אירע 30 טויזנט איינוווינער, דערפון אַ דריטל — יידן. הגם קוטנע איז נישט געווען קיין צענטער פון דער שווער־אינדוסטריע, האָט זי אָבער געשמט מיט איר גרויסער פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, די 7 צי 8 מילן, אייל־פאַבריק און איבער אַלעמען — מיט איר גרויסן באַן־קנופּ אויפן וועג וואַרשע־פּויזן.

קוטנער יידן זענען דער רוב געווען בעלי־מלאכות: שניידערס, שוסטערס, בעקערס, טרעגערס, פורמאַנעס, שטעפּער און טרעפּיאַזשעס (אַזוי האָט מען גערופן די, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט די הילצערנע שיך, „קלאַפּערס", אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה).

איך שטאַם פון אַ חסידיש־באַלעבאַטישער פאַמיליע. מיין פאָטער איז געווען אַ סוחר. אין שטוב האָבן זיך געפונען 12 קינדער. אין „יענע יאָרן", נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, האָבן אויך אין אונדזער שטוב זיך אַריינגעריסן די נייע ווינטן און אידעען. איך געדענק בלויז, אַז מיין עלטסטער ברודער איז געוואָרן דער אָנערקענטער פירער פון „בונד" אין קוטנע. מיין פאָטער האָט געטענהט, אַז דאָס האָט ער (געמיינט דעם בכור) אַריינגעבראַכט דאָס אומגליק אין שטוב אַריין... מיינע עלטערע שוועסטערס האָבן געהערט צו די אחדותניקעס. בכלל איז די גאַנצע משפּחה אַוועק צום „בונד", אויסער צוויי שוועסטערס — ציוניסטקעס, וועלכע געפינען זיך היינט אין ישראל.

פון „צוקונפט" — אין דער קאָמ.־יוגנט

אין 1923, אַלס 16־יאָריק יינגל, טרעט איך אַריין אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט", ווער דאָרט אַקטיוו, מיטגליד אין קאָמיטעט. אין יענער צייט איז אויך געווען טעטיק די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, מיט באַדייטנדיקע איינפלוסן אויף יידישע און פוילישע אַרבעטער אין שטאָט. פון זייערע טוערס געדענק איך אהרון־הענעך קעניג (היינט — אין פּאַריז), וועלכער האָט געגרינדעט דעם „קאָמבונד", ערשטער פאָרשטייער פון יידישע אַרבעטער אין שטאָטראַט; חבר קאַץ, וועלכער האָט אַלס קאָמוניסט געמוזט אין די צוואַנציקער יאָרן אַנטלויפן קיין ראַטנפאַרבאַנד (היינט — אין פּאַריז); אהרון סקראָבעק (דוד קוטנער), געשטאַמט פון שכנותדיקן שטעטל זשיכלין, שפּעטער אויסגעוואַקסן אַלס אָנגעזעענער טוער פון דער ק.פּ.פּ., דעלעגאַט אין וואַרשע צום אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט, געווען פאַרשפאַרט אין קאַרטוז־בערעזע 17 חדשים. זינט 1936 געלעבט אין פּאַריז, ווו ר'האָט רעדאַגירט די „נייע פּרעסע" און דערנאָך, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אויך אין אומלעגאַלע באַדינגונגען. ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן אין יאָר 1942; אויך די משפּחה וואַרצקי האָט געהאַט איר בכבודיקן אָרט ביים פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קוטנע; די משפּחה שלענק, באַזונדערס דער „וויאַשעק" („פעטער").

אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן האָט מען אין „בונד" און אין דער „צוקונפט" ברייט דיסקוטירט די פראַגן פון סאָציאַליזם, יידישע פּראָבלעמען, ראַטנפאַרבאַנד אד"גל. די דיסקוסיע איז פאַרשאַרפט געוואָרן, ווען אַנרי באַרביס האָט פאָרגעלייגט אָפּצוהאַלטן אין אַמסטערדאַם (האָלאַנד) אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פאַר שלום. יאָ אָדער נישט באַטייליקן זיך אין דעם קאָנגרעס — איז געוואָרן די צענטראַלע שטרייטטעמע, מיט וועלכער דער קוטנער „בונד" האָט זיך באַשעפטיקט אויף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג, מיטן אָנטייל פון אַרטור זיגלבוים פון וואַרשע. אין מיין אַרויסטריט האָב איך געשטיצט די אידעע פון קאָנגרעס — און דערפאַר האָב איך זוכה געווען פון זיגלבוימען מיט אַ צווישנרוף: „דו שטייסט שוין מיט איין פוס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי..."

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט — און כ'בין אויך מיטן צווייטן פוס אַריבער צו דער קאָמוניסטישער יוגנט.

אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם

די פּאַרטיי האָט מיר אָנפאַרטרויט אַ ריי וויכטיקע אַמטן און שליחותן, ווי סעקרעטאַר פון נאָדל־פאַראיין, די גרעסטע יידישע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, מיטגליד אין שטאָטישן און ראַיאָן־קאָמיטעטן, אינסטרוקטאָר און רעפערענט אויף דער אַרומיקער פּראָווינץ. נאָך אַן אַרויסטריט דעם ערשטן מאַי אין זשיכלין, אין לאָקאַל פון „השומר הצעיר", האָט מען מיך אַרעסטירט. כ'האָב אויך באַזוכט די אַרומיקע דערפער, ווו די פּאַרטיי האָט געהאַט השפּעה. אין 1934 בין איך צוזאַמען מיט נתן מאָשקאָוויטש געפאָרן אַלס דעלעגאַט פון קוטנער נאָדל־פאַראיין צום לאַנד־צוזאַמענפאָר פון אַלע באַקלייד־אַרבעטער אין פוילן, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין וואַרשע. חבר מאָשקאָוויטש האָט רעפּרעזענטירט דעם בונדישן טייל פון אונדזער פאַראיין.

דערווייל האָט די אַנטיסעמיטישע כוואַליע פאַרפלייצט פוילן. די פּאָגראָמען אין פּשיטיק און אין מינסק־מאַזאָוויעצק האָבן געוויזן די אמתע געפאַר. מיר ווענדן זיך צו פּ.פּ.ס. און „בונד" וועגן אַ געמיינזאַמער פּראָטעסט־אַקציע. אויף דער שולגאַס, נישט ווייט פון אַלטן מאַרק, איז פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג — איינע פון די שענסטע מאַניפעסטאַציעס פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט. עס זענען דעמאָלט אַרויסגעטראָטן: הער־

מאַן קאַפּעל, יוזשעק קירשבוים, לייביש און זלמן קאַם, נתן מאַשקאָוויטש.

נאָך דעם מיטינג זענען פּאָרגעקומען אַרעסטן. עטלעכע זעכציק מענטשן זענען אַרעסטירט געוואָרן. שפּעטער זענען בלויז יוזשעק, גוטע זעלמאַנאָוויטש און איך, פאַרבליבן אַ לענגערע צייט אין אַרעסט.

אַ צווייטע דעמאָנסטראַציע פאַר אַרבעטער־איינהייט און ווידערשטאַנד קעגן די אַנטיסעמיטישע העצערס און פּאָגראָמשטשיקעס, איז געווען אין יאָר 1936.

אַ געוויסן שבת ביינאַכט קלאַפּט עמעץ אָן אין אונדזער שטוב. מיין ברודער לייביש עפנט די טיר, עס באַווייזט זיך הערמאַן קירשבוים און גיט איבער, אַז ער האָט אַ זיכערע ידיעה, באשר די ענדעקעס גרייטן אויף מאָרגן, זונטיק, אַ פּאָגראָם אין קוטנע. מע דאַרף שוין שאַפן אַ זעלבשוץ. אין מיטן נאַכט קומט פאָר אַ באַראַטונג און מען באַשליסט 6 פאַרטאָג זיך טרעפן אויף אַ ברייטער זיצונג אין בונדישן הויז א. נ. פון בייניש מיכאַלעוויטש. איך און יחיאל זאווערבאַך האָבן רעפּרעזענטירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. יענעם טאָג האָט קיינער נישט געאַרבעט. יידישע שניידערס, קצבים, טרעגערס און פורמאַנעס, ווי אויך פּוילישע פאַבריק־אַרבעטער, האָבן אין קאַמף־גרייטקייט געוואַרט אויף דער ענדעקישער פּראָוואָקאַציע, כדי זי דערשטיקן באַלד אין אָנהייב.

איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאָדזשעטשנע גאַס.

ערשט פאַרנאַכט איז פּאָליציי געקומען אין מיכאַלעוויטש־הויז און געבעטן מ׳זאָל אַלע וואַכן אַראָפּנעמען פון די גאַסן.

איך געדענק נאָך אַן איינהייטלעכע אַקציע מיטן „בונד" נאָכן שאַפן אין פראַנקרייך דעם פאָלקס־פראָנט און נאָכן דערדריקן דעם סאָציאַליסטישן אויפשטאַנד אין עסטרייך. אין מיכאַלעוויטש־הויז איז פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמער מיטינג, אונטערן פאָרזיץ פון לייביש קאַם. נתן מאַשקאָוויטש האָט גערעדט אין נאָמען פון „בונד", איך — אַלס פאָרשטייער פון דער קאָמפּאַרטיי.

ווי באַוווּסט, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן געאַרבעט אין אומלעגאַלע באַדינגונגען. אין קוטנע האָבן מיר אָבער געהאַט אַ מעגלעכקייט אָנצוגיין מיט דער פאַרבאָטענער אַרבעט אין די ראַמען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

לאָמיר פאַראייביקן זייערע נעמען !

די דריי ברידער זילבער האָבן אַ סך געהאָלפן דער פּאַרטיי. איינער פון זיי, אַ גוט סיטואירטער, האָט מיט זיין געלט און אַדרעס (דירה) פאַרלייכטערט די חברים אין דער פּאַרטייאישער אַרבעט. אַ טאָכטער פון די זילבערס, גאָלדע, האָט זיך געווידמעט דער „מאָפּר"־טעטיקייט (הילף פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע). ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון קאַרטוז־בערעזע, איז זי געקומען צו מיר מיטן ד״ר קליינערמאַן ער זאָל מיך אונטערזוכן.

זיגמונט גראַדאָם — איינער פון די ערשטע יידישע קאָמוניסטן אין קוטנע, אַ זון פון אַ קוטנער דיין. געקומען אין דער באַוועגונג גלייך פון בית־המדרש.

חנה קעניג שטייט איצט אַ לעבעדיקע פאַר מיינע אויגן. זי האָט געוווינט אויפן אַלטן מאַרק. אַ גימנאַזיע־שילערין, פלעגט זי אַרויסטרעטן מיט פלאַם־פייערדיקע רעדעס, אָנגעפירט מיט דער יוגנט. אומגעקומען אין שעראַדזער תפיסה.

גוטשע זעלמאַנאָוויטש, אַ שניידער־אַרבעטערין, טעטיק אין דער קאָמוניסטישער יוגנט. אומגעקומען אין דער לענטשיצער תפיסה.

גאָלדמאַן איז אָפּגעזעסן 5 יאָר אין וראָנקי. אַ זון פון אַ דאָראָזשקאַזש, געווען אַקטיוו אין דער פּאַרטיי.

יצחק וועצלער, טעטיק אין דער „רויטער" פראַקציע פון נאָדל־פאַראיין. אַן איבערגעגעבענער פּאַרטיי־חבר. איך גלייב, אַז ער לעבט היינט אין פּוילן.

זאָלן אויך דערמאָנט ווערן: מענדל ראַק („פּאַיע"), די ברידער זאַנדבערג, משה ראָזענבוים, חיים זאַקשעווסקי (געזעסן אַ לענגערע צייט אין דער פּלאָצקער תפיסה), די שוועסטערס ראָזען פון אַלטן מאַרק, איטע קעניג (פּאַלץ), וועמענס דירה איז געשטאַנען צו אונדזער דיספּאָזיציע.

זיי אַלע האָבן געטרוימט און געקעמפט פאַר אַ שענער און בעסער לעבן...

צען יאר כויט דער „געזעלשאפט פריינד פון ייווא"

ישעיה טאַוב
מעלבורן

נאָך מיין זיין און שטודירן אין וואַרשע פיל יאָרן, איז מיר שפּעטער אויסגעקומען אָנצונעמען אַ לערער־פּאָסטן אויף דער פּראָווינץ. אָבער מיט פאַרגעניגן האָב איך באַשלאָסן אַוועק אַרבעטן אין קוטנע, ווייל דאָס איז דאָך געווען דאָס באַרימטע און אידעאַליזירטע „שטעטל" מיט אַ פאַרצווייגט און שיין אַנטוויקלט געזעלשאַפטלעך יידיש לעבן, וואָס האָט געשמט ווייט און ברייט צווישן פּוילישן יידנטום.

די אַרבעט דאָרט אַלס לערער האָט מיך נישט שטאַרק צופרידנגעשטעלט, נאָר דערפאַר האָב איך זיך גוט אויסגעלעבט אין דער וואַרעמער סביבה פון פריינד פון ייוואָ אין ווילנע — און וועגן דעם וויל איך אַ ביסל דערציילן.

דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט איז דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין 5 יאָר. אין אַ סך לענדער האָט מען געפירט אַן אויפקלערונגס־אַרבעט און פאַרשידענע אַקציעס פאַרן ייוואָ. נאָר דער פונדאַמענט, וואָס איז געוואָרן פאַרלייגט אין ווילנע, האָט ערשט באַקומען דעם אמתן תיקון, ווען איבער פיל שטעט אין פּוילן האָבן יידישע קולטור־טוער און אָרגאַניזאַציעס אויסגעקעמפט סובסידיעס אין די קהילות און שטאָטראַטן.

קוטנע איז געווען איינע פון די ערשטע, וואָס האָט איינגעפירט אַ שטענדיקע יערלעכע סובסידיע פאַרן ייוואָ — סיי פון דער יידישער קהילה, סיי פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. עס האָט זיך געגרינדעט און אַפילו לעגאַליזירט מיט שוועריקייטן אַ „געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ" אין קוטנע, און אויף דער ערשטער ייוואָ־קאָנפערענץ אין 1929 אין ווילנע, איז שוין געווען אַ דעלעגאַט פון קוטנע (זלמן קירשטיין).

צווישן די גרינדער פון דער „געזעלשאַפט פריינד" געפינען זיך: דער דערמאָנער קאָנפערענץ־דעלעגאַט זלמן קירשטיין, דער קהילה־סעקרעטאַר יואל באָראָווסקי, הערמאַן און עוואַ קירשבוים — פירער פון „בונד", מרדכי טיגער א״אַ. די הויפּט־אַרבעט האָט אין אָנהייב זיך געפירט אַרום דער מאַטעריעלער הילף און אַקציעס פאַרן צענטער אין ווילנע.

מיט מיין אָנקומען האָט זיך אָנגעהויבן אַן ערנסטע און

אינטענסיווע טעטיקייט אין דער „געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ" אין קוטנע. מען האָט פאַרלייגט אַן עטנאָגראַפיש־פאָלקלאָריסטישן זאַמלער־קרייז אויפן נאָמען פון ש. אַנסקי, אונטער דער אָנפירונג פון פרישן לערער — אַן אַלטער באַקאַנטער זאַמלער און מיטאַרבעטער פון די ייוואָ־שריפטן.

בערך 20 אַקטיווע מיטגלידער זענען אַ צייט לאַנג זיך צונויפגעקומען רעגולער יעדן מיטוואָך אין אָוונט, אָפּגעהאַלטן וויסנשאַפטלעכע זיצונגען מיט לעקציעס, דיסקוסיעס, באַהאַנדלט פאַרשידענע אינסטרוקציעס און אָנווייזונגען ווי אַזוי אויפצוהיטן, אַרויסבאַקומען, באַאַרבעטן און אָפּשיקן קיין ווילנע אַלערליי עטנאָגראַפישע און פאָלקלאָריסטישע מאַטעריאַלן און שאַפונגען. יעדער פון אונדז האָט תמיד געטראָגן מיט זיך אין טאַש אַ גוט און שיין איינגעבינדן נאָטיץ־ביכל (ספּעציעל געמאַכט פאַר דער ייוואָ־געזעלשאַפט דורכן באַרימטן קוטנער איינבינדער־קינסטלער מעטאַל), און געהאַלטן פאַר אַ חוב, אַ גאַנצע וואָך, צווישן איין מיטוואָך און צווייטן, פאַרשרייבן, פאַרצייכענען און פאַרנאָטירן ביי יעדער געלעגנהייט אַלערליי לידער, שפּרוכן, מנהגים, קללות, לאָקאַלע ווערטלעך, וויצן, לעגענדעס אָדער אַדרעסן פון פאַרשידענע מענטשן און ערטער, וווּ עס געפינען זיך היסטאָרישע חפצים, דאָקומענטן, בילדער, זעלטענע ביכער אד"גל.

אויף יעדער זיצונג האָט מען די איינצלנע אַרבעטן אויסגעסדרט און דערנאָך אַוועקגעשיקט קיין ווילנע. עס איז נישט אַדורך קיין איין חודש, אַז מיר זאָלן נישט אָפּטראַנספּאָרטירן אַ גרויסן פאַק אָדער קאַסטן מיט תשובות אויף פאַרשידענע ייוואָ־אַנקעטעס, זאַמלונגען פון לידער, ווערטלעך, לעגענדעס, לויפנדיקע דרוק־זאַכן און ביכער פאַר דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע און ייוואָ־ביבליאָטעק, זעלטענע טעאַטער־אַפישן און בילדער פון אַמאָליקע אויפפירונגען פון אָרטיקע דראַמאַטישע קרייזן, אַלטע חנוכה־לאָמפּן, בשמים־ביקסלעך, טאַבאַק־שקעטעלעך און הונדערטער אַנדערע זאַכן.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די צרות, ליידן און יסורים, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען ביים אַרויסבאַקומען און אַוועקשיקן מיט דער באַן קיין ווילנע אַ גרויסן, שווערן אייזערנעם און אַלטפרענקישן קאַסטן, וועלכער פלעגט שטיין פון יאָרן אין דער בית־דין־שטוב פון קוטנער רב ר' יצחק יהודה טרונק, אַן אייניקל פון באַרימטן צדיק ר' יהושעלע קוטנער און איידעם פון ר' שמואל באָרנשטיין, וואָס איז געווען אַ זון פון ר' אברהמל סאָכאַטשעווער, דער תלמיד פון ר' מענדעלע קאָצקער. דער באַצירטער און זעלטענער קופערט האָט שפּעטער פאַרנומען אַ חשובן און אָנגעזעענעם פּלאַץ אין ייוואָ־מוזיי אויף וויווולסקי גאַס אין ווילנע.

געווען אין קוטנע אַן אַלטער ייוואָ־פריינד און איבערגעגעבענער זאַמלער — עלבוים. איז מיט וואָס פאַר אַ פרייד האָט ער אַמאָל אַרויסבאַקומען פון אַן אַלטער יידישער פרוי אַ ירושה־קלייד פון אירס אַ באָבע פון שוואַרצן סאַמעט און זייד, שיינע האַנט־אַרבעט און זעלטן קינסטלעריש געשטיקט — איבער הונדערט יאָר אַלט. דאָס איז אין ווילנע געווען אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער געשיכטע פון הלבשה ביי יידן, וואָס אַ ייוואָ־אַספּיראַנט האָט גראָד באַאַרבעט און געשריבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן יידישער קליידונג.

צווישן די זאַמלער האָט זיך אויסגעצייכנט אַ חסידישער בחור פון פּועלי אגודת ישראל, יצחק קראַוט, וואָס האָט פיל צייט, מי און מאַטער אַוועקגעגעבן אויף צו זאַמלען אין זיינע קרייזן פאַרשידענע אינטערעסאַנטע פאָלקלאָריסטישע מאַטעריאַלן. אין פיל נומערן „ידיעות פון ייוואָ" פלעגט ער אָפט פיגורירן מיט זיינע צושיקונגען, וואָס זענען תמיד געוואָרן אויסגענוצט אין די פאַרשידענע ייוואָ־אויסגאַבן.

„די געזעלשאַפט פריינד" און דורך איר דער ייוואָ גופא, זענען געווען אַ וויכטיקער און בכבודיקער פאַקטאָר אין קולטורעלן לעבן פון יידישן ישוב אין קוטנע. גרויסע געלט־אַקציעס און דאָס פאַרשפּרייטן די ייוואָ־אויסגאַבן, זענען תמיד אַדורכגעפירט געוואָרן מיטן גרעסטן דערפאָלג און די יידישע קוטנע האָט זיך באַצויגן צו אַלעם, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן דעם סטעמפּל פון ייוואָ, מיטן גרעסטן רעספּעקט און דרך־ארץ.

פאָלק האַלפּערן, ד"ר גרשוני און ד"ר מאַקס ווײַנרייך בכבודו ובעצמו, האָבן בעתן זיין אין קוטנע אין שליחות פון ייוואָ, געקוויקט זיך מיטן לעבעדיקן אינטערעס, וואָס אונדזער שטאָט האָט תמיד אַרויסגעוויזן צו יעדן רוף פון ייוואָ.

געווען אַ מעשה מיט אַ פאָלקס־ציילונג אין דעצעמבער 1931. די פוילישע האַלב־פאַשיסטישע סאַנאַציע־רעגירונג האָט דעמאָלט בכוונה אַרויסגעלאָזט פון די ציילונגס־בויגנס די רובריק פון נאַציאָנאַליטעט — צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים. איז ווער אַרויס קעמפן פאַר אָנגעבן כאָטש יידיש די מוטער־שפּראַך (וואָס האָט יאָ געהאַט אַ רובריק)? — די ייוואָ־געזעלשאַפט אין קוטנע. מיר האָבן ביי גייסטן אין דרוקעריי אָפּגעדרוקט אַ גרויסן שיינעם אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג, אַז אַלע זאָלן געדענקען אין ציילונגס־טאָג אָנגעבן יידיש און דערמיט באַצייכענען זייער נאַציאָנאַליטעט. דער פּלאַקאַט איז אָבער קאָנפיסקירט געוואָרן און זיין מחבר (דער שרייבער פון די שורות), האָט זיך שטאַרק געהיטן פאַר אַ „גוט אויג" פון דער פּאָליציי, וואָס האָט געוואָלט דערגיין ווער עס האָט דאָס צונויפגעשטעלט.

דער ייוואָ ביי אונדז האָט געהאַט נאָך אַן אויפגאַבע: רעפעראַטן פון באַרימטע פרעלעגענטן אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס, ווי: לעאָ פינקעלשטיין, נח פרילוצקי א"אַ. די אונטערנעמונגען זענען באַזוכט געוואָרן פון הונדערטער מענטשן און דער גרויסער „פּאָלאָניאַ"־זאַל אָדער פייערלעשער־טעאַטער איז שטענדיק געווען פול.

איך געדענק אַ פאַל, ווען צוויי קוטנער תושבים האָבן געהאַט אַ סכסוך וועגן דער באַדייטונג פון אַ יידיש וואָרט, מיט וועלכן איינער האָט דעם צווייטן מכבד געווען ביים זידלען זיך... זענען זיי געקומען צום ייוואָ ער זאָל זיין דער פּוסק — און האָבן מיט הכנעה אָנגענומען דעם פּסק־דין. איך אַליין בין אַמאָל אין אַן ערב יום־כיפּור געוואָרן אַרויסגערופן אין קוטנער קרייזגעריכט אַלס עקספּערט און מומחה צו דעשיפרירן און איבערזעצן אַ יידישן כתב־יד פון אַ האַנדלס־אָפּמאַך צווישן די באַקאַנטע מילנערס, די שלייפערס, וואָס האָבן צווישן זיך געהאַט אַ געלט־משפּט.

נישט געווען אין קוטנע קיין איינציקע דערשיינונג פון געזעלשאַפטלעכן אָדער קולטורעלן כאַראַקטער, אַז דער ייוואָ זאָל זיך אין איר נישט באַטייליקן. צווישן אונדזערע פריינד האָבן מיר געהאַט מענטשן פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען און פאַרטייען, פון אַלע קלאַסן און שיכטן פון דער באַפעלקערונג — אַלט און יונג; געווען אויך אַן אָנגעזעענע צאָל באַוווּסטזיניקע און געבילדעטע פרויען.

מיר האָבן געזאַמלט נישט נאָר היסטאָרישע און אַלטע דאָקומענטן, נאָר יעדעס געדרוקט יידיש וואָרט, אָדער וועגן יידן — אין אַנדערע שפּראַכן. מיר האָבן געשטרעבט אויפצוזאַמלען יעדעס פּיצעלע און ברעקעלע, וואָס דאַרף ווערן אָפּגעהיטן און זיין אַ צושטייער צום פאַראייביקן אונדזער לעבן אין קוטנע. מיר האָבן זיי געוואָלט אָפּראַטעווען פון אומקום, חורבן און פאַרגעסונג.

איז אָנגעקומען דער שרעקלעכער מבול, וואָס האָט דאָס אַלץ אָפּגעווישט און צוזאַמען מיטן יידישן לעבן אין קוטנע איז פאַרשוווּנדן דאָס אַלץ, וואָס איז אונדז געווען אַזוי טייער, ליב און נאָענט. און אויפן בית־עולם פון קוטנער יידנטום — דעם ספר יזכור — דאַרף מען שטעלן נאָך אַ מצבה דער „געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ" און אירע טרייע איבערגעגעבענע טרעגער. מען טאָר זיי נישט פאַרגעסן!

בית ספרנו - „עם־הספר"

ניסן ולצמן
חיפה

לאחר שנים רבות חוזר אני במחשבתי ודמיוני לבית־ספרנו העברי בעיירתנו קוטנה. אני מנסה להעביר לנגד עיני את דמויות המורים והמורות האהובים עלי. ואין השכל והרגש מסוגלים לתפוס, כי אכן כולם אינם עוד, כי כולם הושמדו על ידי הרוצח הנאצי. בית־הספר על מוריו ותלמידיו, על האווירה העברית והציונית ששררה בו היה נכס יקר לכולנו. פרנסיו, מוריו ותלמידיו שמרו עליו כעל בבת־עינם, טיפחוהו ככל שיכלו והרי לא אחת צריך היה להפיח בו רוח חיים, כי מצבו מעולם לא הניח את הדעת מבחינה כלכלית.

לנגד עיני עוברים כל המורים, החל ממורתי הראשונה, רחל ריפתין ז"ל, שנישאה למורה יצחק שור. אך רחל ריפתין לא רק מורה היתה, היא היתה גם המזכירה של בית־הספר — תפקיד שקשורה היתה בו האחריות המינהלית לבית־הספר. והנה המורה פריוה טרונק הצעירה ואחיה — בני הרב של העיירה. ולאחריהם מופיעים לנגד עיני המורים פלד ההדור בלבושו ותמיד מגולח למשעי, המורה צינצינאטוס הרציני, בעל הבלורית הפרועה, המורה הגב' פינברג בהירת־השער והחיננית, המורה הורוביץ והמורה פלוגר ובעלה המורה צ'יכי למקצועות עבריים, אתם עמדתי בקשרי מכתבים שנים רבות לאחר עלותי ארצה וקשרי ידידות עמוקים קשרו אותי אליהם. והנה המורה מינץ שלימד לאטינית ושימש גם כמנהל בית־הספר, המורה רוזנבוש, פרוסט ועוד ועוד.

ודאי, היינו נערים ככל נערים בבתי־ספר בעולם. שובבים, לעתים עצלנים, „פוזלים" למחברתו של החבר בשעת מבחן, מתגרים בבנות גילנו, לעתים מושכים בצמה של נערה חיננית או סתם מתגרים בהן, כדי לכסות על מבוכתנו בגיל ההתבגרות. והאמת ניתנה להאמר, כי לא תמיד היתה התרשמותם של המורים מהתנהגותנו „מניחה את הדעת" והיו גם „אי־הבנות" בינינו ובינ־הם. כי ע"כ נערים צעירים היינו ככל נערי העולם, בגיל זה ולא תמיד ידענו להעריך את „חשיבותה של הרצינות" בעיני המורים. אף־על־פי־כן שותפות והזדהות שררו בינינו ובין המורים בכל הנוגע לבית־הספר. כי היה זה בית־ספרנו, היהודי והציוני,



די שול „עם הספר" ב־ה"ס „עם הספר"

שנוסף על יעודו כבית־ספר ללימוד מקצועות עיוניים, הוא החדיר בנו גם אהבת העם ואהבת ארץ־ישראל, הוא חינך אותנו לערכי חלוציות וציונות. בכל הדרכים ביקשו לחנכנו ליהודים בעלי הכרה ציונית, לעליה ולהגשמה עצמית. המורים לא יצאו ידי־חובתם בשיעורים בלבד, נפגשו אתנו גם לאחריהם, בחוגים, בהכנת חגיגות, בהצגות ובפעולות רבות אחרות שלא היו כלולות במסגרת עבודתם השותפת. הם היו מזמינים אותנו לבתיהם לשיחות, לקריאה משותפת בעתון ארצישראלי וכו'. אך גם



ביה"ס היסודי ממלכתי („פובשכנה") — 1930 מלוכהשע פאָלקס־שול („פאָווישעכנא") — 1930



מורי הגימנסיה „עם הספר" • לערער פון דער גימנאַזיע „עם הספר"

בלימודים תבעו מאיתנו הישגים נאותים, שכן היינו צריכים להוכיח את עצמנו יותר מהפולנים, כד להשביע את רצונו של המפקח הממשלתי הפולני, ואמנם השתדלנו לא לאכזב את המורים ולהשיג את הרמה הדרושה ואף הצלחנו בכך יפה.

אולם תמיד היתה לנו הרגשה, כי אנו „זרים" במדינה הזאת. אין זו מדינתנו, חגיה אינם חגינו, דגלה אינו דגלנו, וגם השדה הירוק הוא שלהם והנהר והיער, אף מגרש המשחקים ומגרש החלקה על הקרח הם לא שלנו!

קינאנו בילדי הגויים קנאה עזה, בעיקר בימי חגיהם הלאומיים, בימים בהם גאוותם הלאומית התבטאה בהתנפלויות עלינו, בהתגרויות ובמכות.

נחמה פורתא מצאנו בין כתלי בית־הספר שלנו, שם מצאנו מלה טובה מפי מורינו או חיוך מעודד וידידותי, אם הודות להצלחה בלימודים או אפילו בגלל קיצור יום הלימודים בימי החורף, בשל חוסר פחמים להסקה בכיתות. ימים יפים היו לנו בימי החגים שלנו בבית־הספר — בימי חנוכה ופורים. אסתר המלכה הנוקמת בצורר היהודים, המכבים משחררי העם והמולדת היו לנו דמויות־מופת של לוחמים על כבוד העם ועל חירותו. והרי אז לא שיערנו כי עלילת המכבים תחזור במהרה בימינו! בינתיים, יצאנו היערה בקשת וחץ. ל"ג בעומר הוא חג לילדים. טיולי ל"ג בעומר הסבו לנו הרבה קורת־רוח והנאה. ההכנות לטיול החלו עוד לפני חג הפסח. התכונה היתה רבה, תוכניות על תוכניות תוכננו כיצד לבלות את היום הזה. המורים עשו כמיטב יכולתם, כדי להנעים לנו את הטיול, סיפרו סיפורים, הכינו משחקים ואפילו בדיחות ספרו לנו. ואכן, לא בכדי נחרת יום זה בזכרוננו.

ערכנו גם טיולים ארוכים יותר ולא בלבד ליער במרחק של 5־6 קל"מ מאתנו. גם לווארשה ולקראקוב הגענו. אמנם, לא קל היה לבצע טיול שכזה, כי הרי כרוך הדבר בהוצאות מרובות ולא כל אב, ידו השיגה לשאת בהוצאות הטיול של בנו לעיר מרוחקת כל־כך. אך הטיול לקראקוב אחרי מותו של המרשאל פילסודסקי נחרת עמוק בזכרוני. היתה זו חוויה בלתי נשכחת. אמנם, ייתכן שפה ושם לא שמרו תמיד התלמידים על ה„פורמה" ועל ההתנהגות כיאה לתלמידי בית־ספר, כי גם עצם הטיול השפיע להתיר המשמעת היומיומית ולפרוק מעט העול. אולם, דומני כי, המורים הבינו לרוחנו וסלחו לנו. עוד זמן רב לאחר מכן שימש הטיול נושא לשיחה, לזכרונות, ואף בכתב, בעתון בית־הספר, נתנו ביטוי לחוויותינו.

מספר תלמידי בית־הספר מעולם לא היה רב, ומצוקה



מסיימי „עם הספר" יחד עם כיתות חדשות (1932) • אַרביטורעגטן פון „עם הספר" מיט די נייע קלאַסן (1932)

כספית לוותה אותו, במשך כל זמן קיומו. עיני המורים ותלמידים נישאו עם ראשית השנה לתלמידים החדשים שיירשמו אצלנו, לאחר סיימם את בית־הספר העממי. אמנם, ההחרות שקטה וסמוייה התנהלה בינינו הוותיקים והחדשים על התואר של התלמיד המצטיין. אך עם זאת ציפינו להם, כי כל תלמיד חדש הקל במעט את המצוקה הכלכלית של בית־הספר. והרי רבים עזבו אותו ולא סיימו את לימודיהם, כי ידם לא השיגה לשלם את שכר הלימוד, למרות ההנחות שזכו להן.

לקראת סיום שנת הלימודים גברה המתיחות והציפיה לטכס קבלת התעודות. רבים התאכזבו (הגיע להם „יותר"), רבים קבלו את „הדין" בשלוות־נפש ורבים אף התעודדו מהציונים הטובים הבלתי־צפויים שנפלו בחלקם. ועם התעודות פרצנו בצהלה החוצה! „החופש הגדול" הגיע! עכשיו נוכל לפרוק עול! חופשים נהיה! אך ככל שהחלו להתמשך ימי החופש כן גבר השיעמום וביקשנו בסתר בלבנו — מי יתן והחופש המיוחל יגיע כבר לסיומו ונוכל לחזור לבית־ספרנו, שאמנם לא היה מן המפוארים ביותר, אך רבות הוא האציל עלינו מרוחו והרבה תודות חייבים לו כל אלה, שזכו בימי נעוריהם ללמוד בו תורה.

בית־הספר, לינת־הצדק און סוחרים־פאריין

אפרים ויכסלפיש
ת"א


עתה נותרו רק הזכרונות. זכרונות שטופי טל־ילדות, זוהר שחרות נעורים, תום חיים ומבט בוהה של עיניים ילדותיות.

הנה אמי ז"ל עומדת בבוקר ליד מיטתי, מגישה לי את בגדי הנקיים שהכינה לי לבית־הספר ומאיצה בי לקום, לבל אאחר ללימודי. נוטל אני את תיק הספרים וכבר אני ברחוב קרולבסקה. והרחוב הוא כתמול־שלשום. פוגש אני בדרכי את אותן הדמויות, שמדי בוקר, בשעה קבועה זו, עושים דרכן לעבר בית־הכנסת של גור, ל„קליינער גערער שטיבל". ליד חנויותיהם עומדים כמינהגם, חיים יעקב ולטר וחיים ראַבה וכמינהגם מתבדחים על משהו או מישהו ופניהם מביעות קורת־רוח. בעוברי ליד אחד מהם איני נפטר אלא רק לאחר צביטה בלחיי כאות חיבה שהם מטביעים בי... והסומק עומד בלחיי כל היום לבל אשכח את אהבתם אלי... וכך חוזר הדבר מדי יום ביומו, הם צובטים ואני מפליט צעקה מרוב כאב, כאות תודה על גילויי החיבה שלהם...

לאחר שאני מצליח להיפטר מהם מתקרב אני למגרש הריק שעל יד בית־הספר. כאן יש עוד הסיפק בידי התלמידים לחטוף משחק קל עד בוא המורים. ולפתע נשמע צלצול הפעמון. המנהל קלאפר הופיע! הילדים כאחוזי תזזית נדחפים כולם יחד לעבר הכיתות.

בית־הספר מס' 3

לא אזכור בדיוק את שנת פתיחתו של בית־ספרנו, אך לפי התעודות שנמצאות בידי מר שלמה אלברג אשר טרח הרבה והודות לעקשנותו ומרצו הוקם בית הספר, בשנים 1916—1917.



ביה"ס היסודי („פובשכנה") מס' 4 — התלמידים והמורים • פאָלקס־שול („פאָוושעכני") נר' 4 — די שילערס און לערערס

אך אינני זוכר את שנותיו הראשונות כי אז טרם למדתי בו ורק את תקופת לימודי אני אזכור.

כיתות בית־הספר היו אז מפוזרות בשני מקומות בעיר. אחדות מהן היו שכנו בבית קובט ואחרות שכנו בבניין בית־הספר עצמו ברחוב קושצ׳ושקו. כיתתנו היתה כבר אז מצויידת בציוד מודרני כבבתי־הספר הפולניים עצמם. כאשר מחנכת הכיתה שלנו הגב׳ קושניאק־אלטמן נכנסה לכיתה קיבלנו את פניה בשיר הפולני „Kiedy ranne wstają zorze", כדרישת משרד־החינוך הפולני בימים ההם.



כיתה ב„עם הספר" (1932) • אַ קלאַס אין „עם הספר" (1932)

אמנם, הרבה נערים ביקשו לרכוש השכלה יהודית רחבה יותר, אך בית־ספר עברי — והוא „עם־הספר", — היה רק אחד בעירנו ולא יכול היה לקלוט את כל התלמידים, לכן רבים מהם נהרו לבית־ספרנו, שאף הוא הקנה השכלה עברית במידה מסויימת, נוסף על ההשכלה הכללית של בית־ספר יסודי. רמת הלימודים בבית־ספרנו היתה גבוהה והמורים דרשו הרבה מהתלמידים. הודות לכך הצליחו אף רבים מתלמידי בית־הספר העממי להיקלט בקלות בבית־הספר התיכוני. שררה בו אווירת לימודים נעימה ורצינית, שכן התלמידים למדו בשקידה, בעניין והמשמעת היתה בו למופת. נוסף על הלימודים גילו התלמידים ערנות רבה בתחומים נוספים: הם הוציאו עתון־תלמידים „חיינו" וכן ייסדו להקה דראמאטית, שהציגה בימי החנוכה ופורים. הלהקה אורגנה על־ידי המורה טאוב. נוסף על הוראתו בבית־ספרנו היה מורה זה פעיל גם בחיים הציבוריים של העיר. הוא היה חבר התנועה הציונית, לימד עברית בשיעורי ערב, אירגן את האיגוד על־שם ברק יוסלביץ׳ ואף הורה תנ"ך ותלמוד. זוכרני שבאחד השיעורים שלו ביקרו אצלנו באורח פתאומי הרב טרונק, המפקח הממשלתי על בתי־הספר וכן מנהל בית־ספרנו. הם התיישבו בכיתה והאזינו כיצד הוא מעביר את השיעור. לאחר־מכן אמר לו הרב טרונק, כי הוא מרוצה מאד־מאוד מדרך הוראתו והסברתו. כאמור היה המורה טאוב גם ציוני נאמן ודאג לחינוכם של תלמידיו ברוח ציונית.

באחד מימי ל"ג בעומר שהיו קודש לחגיגות של תנועות הנוער, ביקשנו את מנהל בית־ספרנו, קלאפר, לשחררנו ליום זה מהלימודים. אך הוא לא אישר לנו את בקשתנו. גם התערבותו של המורה טאוב בנידון לא הועילה. לא נותר לנו אלא לצאת ליער על דעת עצמנו. למחרת היום בל"ג בעומר בעוברנו בסך, בשורות מלוכדות על־יד בית־הספר, עמד שם המנהל קלאפר ורשם את כל התלמידים שהשתתפו בטיול ונעדרו משום כך מהלימודים... בחוזרנו לבית־הספר לא הניח לנו המנהל להכנס לכיתות, בהוסיפו בלעג „ואולי גם היום ל"ג בעומר". לאחר התערבותם של ההורים והמדריכים של בית"ר ושל המורה טאוב, ושפשביץ חוסלה התקרית והמשכנו בלימודינו. מאז התנהלה הפעולה של תנועות הנוער באין מפריע ולא הוצרכנו עוד לפעול



בי"ס עממי ממלכתי („פובשכנה") — 1930

מלוכהשע פאלקס־שול („פובשכנה") — 1930

במחתרת בפני עינו הרעה של מנהל זה. קלאפר ניספה בשואה יחד עם כל יהודי העיר.

המורה טאוב נמנה על המורים שלא היו מבני קוטנה, ואשר הגיעו לעירנו לאחר מלחמת העולם הראשונה והתערו יפה בחיי עירנו. היו אלה המורים שפשביץ׳, אפלסט, אלטמאן. הם היו מורים אהובים על הכל, על תלמידיהם והוריהם כאחד. גאים היינו על מורינו, כי אהבנו אותם וגם הערכנו את מסירותם לעבודת ההוראה ולתלמידיהם. המורה שפשוביץ׳, שהיה מורה למאטימאטיקה ידע הכל על חיי תלמידיו, התעניין בהם ודאג לשלומם. המורה י. אלטמן הגיע אלינו ישר לאחר גמר שירותו בצבא הפולני. הוא נקלט יפה בחיי העיר ואף נשא לאשה את המורה קוזשניאק. הם היו מעורים בציבור היהודי. שניהם ניצלו מהשואה, כיום חיים בישראל וממשיכים בהוראה.

המורה קוזשניאק היתה מורה ופדאגוג מעולה וידעה לחבב את מקצועותיה — היסטוריה וספרות — על כל תלמידיה. היא ניצלה מהטבח, היגרה לאמריקה ולא מזמן ביקרה בישראל. המורה טץ, שאף היא היתה מורה טובת־לב, לימדה אותנו את השפה הפולנית ואת דיקדוקה, ניספתה בשואה. יהיה זכרה ברוך.

ואחרון אחרון — המורה לזימרה, שהיה המורה הלא יהודי היחידי בבית־ספרנו. הוא היה נוצרי והרבה־הרבה אפשר לספר עליו ועל עזרתו בימי האימים שפקדו את יהודי עירנו. הוא היה צדיק מחסידי אומות העולם. לא אחת הלך לחוטי התייל שהקיפו את הגיטו, כדי להביא לתלמידיו והוריהם מעט מזון או דבר בעל־ערך אחר, שכה נזקקו להם היהודים האומללים בימי מצוקתם הנוראה. הוא סבל יחד עם היהודים וביקש לעזור להם בכל הדרכים.



טיול של „עם הספר" לזאקופנה
אויספלוג פון „עם הספר" קיין זאקאפאנע

לינת הצדק וביקור־חולים

„לינת הצדק" תפסה מקום מכובד בין שאר המוסדות היהודיים בקוטנה. על פעולותיה פיקח אברהם יהודה זנדברג הי"ד. הוא פעל והפעיל אחרים למען מוסד זה. למרות שהיתה רשימה של מתנדבים, שהוטל עליהם לשהות במשמרות ליד מיטת החולים, בכל זאת הופנה כל מקרה לאברהם יהודה זנדברג, והוא אשר דאג לסידור נאות לחולים. בביתו אף נמצא מחסן התרופות וציוד רפואי שונה. גם מיני מרקחת שונים היו בביתו, כדי להשיב את החולה לאיתנו לאחר מחלה.

ראוי לציין, כי „לינת הצדק" פעלה עוד לפני המלחמה העולמית הראשונה ואז עמד בראשו יונתן מיירנץ אשר הופקד על חלוקת העזרה לחולים והיה מפנה את החולים שפנו אליו לרופאים פרטיים.

אכן, בני עירנו ידעו מאז ומתמיד עזרה הדדית מהי, ותמכו ביד רחבה בכל חולה ובמוסד „לינת הצדק" בכלל זה.

סוחרים־פאראיין

אין יאר 1918, ווען פוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק, איז איר גאַנצע עקאָנאָמיק געווען אַ חרובע. די מוראדיקע אינפלאַציע האָט גורם געווען דערצו, אַז ביליקע אַרטיקלען פון טאָג־טעגלעכן געברויך האָט מען געקויפט פאַר מיליאָנען מאַרקן... נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער הויפט־געליטענער פון אַזאַ פאַטאַלער ווירטשאַפטלעכער סיטואַציע איז געווען דער ייד — האָט די פוילישע אַנטיסעמיטישע רעגירונג אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

Ruch członków i udziałów

	Liczba członków	Liczba zadekl. udziałów po zł. 100	Suma wpłaconych udziałów
			Zł. gr.
Na początku roku było .	101	134	11,520.00
W ciągu roku przybyło .	20	142	15,385.00
Pozostaje na dz. 1/I 1929	121	276	26,905.00

Kapitał gwarancyjny 276,000 zł.

Sprawozdanie

z rewizji przeprowadzonej przez Radę Nadzorczą

W dniu 31 grudnia 1928 roku przeprowadzono szczegółową rewizję portfelu i dokumentów oraz stanu kasy, zaś w dniu 23 lutego 1929 roku sprawdzono zamknięcie r-ków i ksiąg.

Stwierdzono, iż wszystko prowadzone jest w należytym porządku i że w działalności swej Zarząd kierował się przepisami statutu.

Kutno, dnia 23 lutego 1929 r.

Prezes: **(-) J. Opatowski**
Wice-Prezesowie: **(-) J. Bromberg (-) W. Asz.**
Członkowie: **Sz. Babe, A. Bożekowski, A. Blumstein, Z. Metal, A. Szajnrok, I. Weber, N. Weinstein, Sz. Zylberberg, S. Żelechowski.**

דו"ח הועד המפקח על פעולות ה„בנק קופייצקי" (1928)
באַריכט פון אויפזיכט־ראַט וועגן דער טעטיקייט פון „באַנק קופיעצקי" (1928)

אין די ערשטע יאָרן פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט, איז געווען טעטיק אין לאַנד אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו באַקעמפן די שפּעקולאַציע. ווי אין אַלע ערטער, האָט אויך אין קוטנע געווירקט אַזאַ קאָמיסיע. און ווי אומעטום, האָבן זיי אויך ביי אונדז אין שטאָט באַשטראָפט דער עיקר דעם יידישן סוחר, קליינהענדלער און בעל־מלאכה. גענוג געווען, אַז צוויי פּאָליאַקן מיט טעקעס אונטער די אָרעמס זאָלן זיך באַווייזן אין גאַס — און די בהלה צווישן די יידישע קרעמערס איז געוואָרן גרויס. באַלד איז אין שטאָט געוואָרן שטיל, יידן האָבן פאַרמאַכט טיר־און־לאָדנס און זיך אָפּגעטראָגן אַהיים. זיי האָבן געוווּסט, אַז ווי נאָר די באַאַמטע צי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע באַזוכן אַ יידיש געשעפט — מיינט עס אַ פּראָטאָקאָל און אַ גרויסע געלט־שטראָף.

נאָר ווי לאַנג קען אָנהאַלטן אַזאַ קאַץ־און־מויז־שפּיל צווישן אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג מיט דער קאָמיסיע צו באַקעמפן שפּעקולאַציע?



הנהלת ה„בנק קופייצקי" בקוטנה. יושב במרכז — הרב טרונק
פאַרוואַלטונג פ.ון „באַנק קופיעצקי" אין קוטנע. אין צענטער (זיצט) — הרב טרונק

האָבן אַלע יידישע סוחרים פון קוטנע זיך פאַרזאַמלט אין קינאָ־זאַל „מאָדערן" און דאָרט אַרויס מיט אַ ויצעקו — ס׳טייטש, יידן, מיר זענען פאַרלאָרן! ס׳איז נייטיק צו אָרגאַניזירן זיך — אַנדערש דראָט אונטערגאַנג...

די הויפּט־רעדנער זענען געווען — יצחק אָפּאַטאָווסקי און יצחק שמעונוביץ, וואָס אַ דאַנק זייער איניציאַטיוו, איז טאַקע פאָרגעקומען די פאַרזאַמלונג. איך געדענק נאָך היינט דעם שטאַרקן אַרויסטריט פון י. שמעונוביץ ז"ל, וועלכער האָט גע־רופן די קוטנער סוחרים און קליינהענדלער צו מאָביליזירן זיך צום קאַמף קעגן די פאַרשידענע גזירות — און נאָר אַזוי וועלן די שונאים מערער זיך רעכענען מיט דער יידישער באַפעלקע־רונג.

ביי אַזעלכע אומשטענדן איז אין קוטנע אַנטשטאַנען דער סוחרים־פאַראיין. אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג זענען אויס־געקליבן געוואָרן: יצחק שמעונוביץ, יצחק אָפּאַטאָווסקי, לעווין, ווייכסעלפיש, זאַנדבערג און לענטשיצקי הי"ד. דער ער־שטער אויפטו פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען: איינפירן אַן איינהייטלעכן פּרייז־קוראַנט ביי אַלע סוחרים, באַזירט אויף אָפיציעלע חשבונות. דערמיט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די עפּי־דעמיע פון פּראָטאָקאָלן מצד דער קאָמיסיע צו באַקעמפן די שפּעקולאַציע. נאָר אַזוי ווי די פּרייזן האָבן זיך כסדר געענדערט — זענען יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק דערשינען נייע פּרייז־קוראַנטן...

דער סוחרים־פאַראיין האָט געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט, ווען די שטייערן־שרויף האָט אָנגעהויבן דריקן דעם יידישן קרעמער און סוחר. צוליב דער דאָזיקער שטייערן־פּאָליטיק, ווערט אויך שטאַרקער דער צופלוס פון מיטגלידער. אינטער־ווענצן, בקשות־שרייבן, שתדלנותן — זענען די הויפּט־אַרבעט פון פאַראיין. שמעונוביץ מיטן סעקרעטאַר אָפּאַטאָווסקי אַרבעטן מעשים אין שטייער־אַמט. אַזוי ווי נאַטשאַלניק פון „אוזשאָנד סקאַרבאָווי" איז אַ געוויסע צייט געווען דער קוטנער פּאָליאַק יאַוואָרסקי, וואָס האָט געקענט אַלעמען — איז די אַרבעט געווען אַ לייכטערע.

מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט, איז די אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע אין פּוילן פאַרשטאַרקט געוואָרן. פון די ווענט און צייטונגען האָבן אַראָפּגעשריגן די לאָזונגען „ניע קופּוי או זשידאַ" („קויף נישט ביים ייד"), די אַנטיסימעטישע פלוגבלעט־לעך און דער עיקר — די פּיקעטן ביי די יידישע געשעפטן, ביי וועלכע כוליגאַנעס באַוואָפנט מיט שטעקנס, האָבן נישט אַריינ־



„בנק הסוחרים" („קופייצקי" — 1929) • „סוחרים־באַנק" (1929)

געלאָזט אַהין קיין קריסטלעכן קונה — האָבן אויך גורם געווען צו צוזאַמענשטויסן און געשלעגן.

אין די יאָרן 1934—1935, זענען אויף די קוטנער יידישע סוחרים אַרויפגעלייגט געוואָרן גרויסע שטייערן. כדי אָפּשרייען די גזירות, אָדער זיי אָפּשוואַכן, איז דורכן סוחרים־פאַראיין אַריינגעשיקט געוואָרן אַ פאָרשטייער אין דער שטייערן־קאָמיסיע. ער האָט טריי געדינט די אינטערעסן פון יידישן הענדלער. די אויפגאַבע פון אַזאַ שליח־ציבור איז געווען אַ גאָר שווערע, זיין קול יעקב האָט באַדאַרפט געהערט ווערן פאַר אַ סך עשו׳ס, וואָס האָבן געוואָלט שלעכט טאָן דעם יידישן האַנדלסמענטש.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען קוטנע, האָבן אָפּאַטאָווסקי, לעווין און לענטשיצקי נאָך אַדורכגעפירט עטלעכע אינטערווענצן ביי דער מיליטערישער מאַכט, לטובת יידישע סוחרים. דער שטריק אויפן האַלדז איבערן יידישן סוחר אין קוטנע איז אָבער אַלץ מערער פאַרצויגן געוואָרן דורך די היטלעריסטישע רוצחים. איידער זיי האָבן אומגעבראַכט די קרבנות, האָט מען זיי פריער באַרויבט.


BANK KUPIECKI w KUTNIE
Spółdzielnia z ograniczoną odpowiedzialnością
Kutno, ul. Sienkiewicza Nr. 203
Telefon 182.
P. K. O. 64.616. „Wuer" 734.
Członek Zw. Żyd. Tow. Spółdz. w Polsce
Drugi rok istnienia
BILANS
na dzień
1-go stycznia 1929 roku.
Bank punktualnie wykonuje zlecenia inkasowe, pobierając minimalną prowizję. Przyjmuje wkłady oszczędnościowe oraz załatwia wszelkie operacje bankowe.
Drukarnia S. Geista w Kutnie, ul. Królewska 21.

מאזן „בנק קופייצקי" ל־1929
באַלאַנס פון „באַנק קופּייצקי" — 1929

האירגון להתעמלות ולספורט בקוטנה

אברהם קולסקי
חיפה

האירגון היהודי לחינוך גופני בקוטנה היה בלתי־מפלגתי, ועובדה זו איפשרה לכל בני הנוער מכל השכבות ומכל המפלגות להצטרף אליו. אירגון זה דאג לחינוכו הגופני ובמידה מסויימת גם לחינוך הרוחני של הנוער היהודי בעירנו. הוא הקים שתי תזמורות: אחת לכלי קשת והשניה לכלי נשיפה, מקהלה, מועדון־ספורט, וקבוצות התעמלות וספורט לילדים, לנוער, לנשים גם ולגברים. היו קיימות קבוצות לכדורגל, כדור־יד, כדור־סל וכו׳. הציוד הספורטיבי לכל הקבוצות נרכש הודות להתנדבותם של חבריו.


ספורטאי „מכבי" (1918) • „מכבי"־ספאָרטלער (1918)

באירגון היו חברים פעילים ואוהדים. אלה האחרונים כמובן היו הזקנים והמבוגרים יותר, שתמכו בנו בתרומות כספיות שונות, בעזרה שהושיטו להנהלה וכד׳, אך בספורט ממש עסקו רק לעיתים רחוקות מאוד. ואילו הצעירים יותר, הנוער והילדים היו פעילים מאוד — בקבוצות השונות ובהתעמלות.

כדי לממן את כל הפעולות הספורטיביות וכן את תשלום משכורתם של המדריך להתעמלות ולספורט ושל מנצח התזמורת והמקהלה וכדי לכסות ההוצאות השוטפות של המינהלה ושל הקבוצות (ההכנסות ממסי־חבר היו מצומצמות למדי ולא הספיקו לכסות את כל ההוצאות) נאלצנו מדי פעם בפעם להשכיר את האולם לגופים שונים, שכיסו במעט את הוצאותינו. כמו־כן אירגננו ערבי פגישות „על כוס תה" ונשפי ריקודים בליווי תזמורתנו. לפגישות ולערבי הריקודים באו בני נוער מכל שכבות הציבור. אבל כל הפעולות האלה לא הספיקו לממן את הוצאותינו, לכן שימשנו גם כאמרגנים והבאנו להקות־במה, אירגנו קונצרטים, הרצאות וכו׳.

הארגון ערך ערבי התעמלות וספורט שנתקיימו פעמיים בשנה: בחול־המועד פסח וסוכות. ערבי הספורט האלה זכו להצלחה רבה, שכן בוצעו בדייקנות ובחן רב והשאירו רושם עמ־ק על כל הנוכחים ושימשו זמן רב נישא לשיחה בפי כל אוהדי הספורט בעירנו. אולם מלבד הצלחתם וערכם הספורטיבי של מבצעים אלה כשלעצמם, הרי הם שימשו לנו גם כמקור להכנסות כספיות שכה דרושות היו לנו.

כמו־כן אורגנו גם תחרויות ספורט בין קבוצותינו לבין קבוצות

אחרות, יהודיות ונוצריות מקומיות ומחוץ למקום. זכינו אף לארח קבוצה ארצישראלית שהגיעה אלינו בשנת 1931 מתל־אביב. איני זוכר אם היתה זו קבוצת „מכבי" או „הפועל". הופעת הקבוצה הארצישראלית עוררה כמובן רושם עצום בעיירתנו ובכל עיירות הסביבה.

בימי ל"ג בעומר הופיע אירגננו בתהלוכה רבת־רושם בחוצות העיירה. כולנו צעדנו בסדר מופתי, התלבושות הבהיקו בצחותן, התזמ:רת ניגנה ודגלנו הלאומי הכחול־לבן נישא בראש התהלוכה. הופעותינו בימי ל"ג בעומר השאירו רושם עמוק ונאה על כל הצופים — יהודים ונוצרים כאחד. הפולנים לא רגילים היו לראות נוער יהודי זקוף קומה, הצועד צעד איתן וגאה, השואף ל„יישר את הגב" ולא להיות עוד ללעג בעיני הגויים. היה זה נוער נכון לכל מאמץ והקרבה, כדי להעלות את כבוד ישראל בעיני עצמו ובעיני הגויים כאחד.

יהיו נא שורות מעטות אלה זכר לבני „האירגון היהודי להתעמלות ולספורט בקוטנה", זכר לנוער יהודי בריא ותוסס, שנכרת בעלומיו על ידי המרצחים הנאציים ולא זכה לחיות את חייו.

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים.



אגודת „מכבי" (1916)

טורן־פאריין „מכבי" (1916)

ערשטער יידישער ספּאָרט־קלוב אין קוטנע

מנחם קאַהן
בעזענסאָן (פראַנקרייך)


(אַ דערינערונג)

איך בין געבוירן אין קוטנע אין יאָר 1893 — און אין פראַנקרייך געפין איך זיך זינט 1929. אַז ס'איז מיר באַוווּסט געוואָרן וועגן די צוגרייטונגען אַרויסצוגעבן אַ יזכור־בוך, האָב איך באַשלאָסן אַרויסברענגען אויפן פּאַפּיר אַ דערינערונג פון „מכבי".

אין דער ערשטער וועלט־קריג איז קוטנע געווען אָקופּירט דורך די דייטשן. אין יענער תקופה איז געווען אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט — און די ידישע יוגנט, וועלכע האָט געזוכט וועגן און אידעאַלן, האָט אויסגענוצט די דאָזיקע מעגלעכקייטן. אין יאָר 1915 האָבן אַ גרופּע יוגנטלעכע געגרינדעט דעם ערשטן יידישן ספּאָרט־קלוב — „מכבי". אָנגעפירט מיטן קלוב האָב אַ... דייטשער אונטעראָפיציר, מאַזיק, וועלכער איז שפּעטער דערטרונגען געוואָרן בעתן באָדן זיך. באַזונדערס אַקטיוו פאַרן קלוב איז געווען בערנאַרד האָלצמאַן.

ביים קלוב איז אויך געווען אַן אָרקעסטער, מיטן דיריגענט בירענצווייג בראש. אין יאָר 1916 (אָדער 1917) האָבן מיר באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ ספּאָרט־פעסטיוואַל מיטן אָנטייל פון די קלובן פון די אַרומיקע און ווייטערדיקע ערטער: וואַרשע, לאָדזש, וולאָצלאַוועק און פּלאָצק. אויך פיל יוגנטלעכע פון די נאָענטע שטעטלעך זענען געקומען צום פעסטיוואַל.

אין אַ שיינעם זומער־טאָג, האָבן צענדליקער יידישע ספּאָרטלער, באַגלייט פון אַן אייגענעם, יידישן אָרקעסטער, אַדורכמאַרשירט די גאַסן פון קוטנע. דאָס געפיל איז געווען, גלייך מיר וואָלטן זיך געפונען אין אַן אייגן לאַנד... די בלוי־ווייסע ספּאָרט־מונדירלעך, די יידישע מעלאָדיעס, וועלכע דער



מאַזיק, ערשטער ספּאָרט־אינסטרוקטאָר פון „מכבי" (1915)

מאזיק, מדריך ספורט ראשון של „מכבי" (1915)

אָרקעסטער האָט כסדר געשפּילט און דער ראַטמאַן אַליעזר עלבערג, וועלכער האָט געשפּאַנט בראש פון פּאַראַד...

דעם זעלבן יאָר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע. מיר האָבן געוואָלט זען אַ שייכות צווישן אונדזער ספּאָרט־פעסטיוואַל אין קוטנע און דער פּאָליטישער דעקלאַ־



קבוצת ילדים של „מכבי" (1922) • קינדער־גרופּע פון „מכבי" (1922)

ראַציע פאַר יידישע רעכט אין ארץ־ישראל, וואָס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אין לאָנדאָן. ליידער, ניט אַלע דעמאָלטיקע אין שפּעטערדיקע ענטוזיאַסטן פון „מכבי" האָבן זוכה געווען צו דער פאַרווירקלעכונג פון זייער טרוים — די אַנטשטייאונג פון אַ יידישער מדינה...

יידישע ספּאָרט־קלובן אין קוטנע

וואָלף מאַנטשיק

כרכור

די טעטיקייט פון יידישע ספּאָרט־קלובן אין קוטנע איז געווען אַ רינג אין דער קייט פונעם אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן אין שטאָט. הונדערטער יוגנטלעכע האָבן אין די קלובן באַקומען פיזישע דערציאונג, מיט אויסגעגלייכטע רוקנס און אויפגעהויבענע קעפּ זיך פאַרמאָסטן אויף די פאַרשידענע ספּאָרט־פּלעצער מיט פּוילישע מאַנשאַפטן, באַזיגנדיק זיי אָפט מיט הויכע רעזולטאַטן. די פאַרשידענע סעקציעס, ווי גימ־נאַסטיק, לייכט־אַטלעטיק, פוטבאָל — האָבן דעם יידישן יוגנט־לעכן פון די אָרעמע היימען געגעבן אַ מעגלעכקייט „זיך אויס־צוגלייכן די ביינער" און געניסן פון אַ סך לופט, זון, וואַסער.

די ווייטערדיקע באַשרייבונג האָט איך צוזאַמענגעשטעלט אויפן סמך פון אַן אייגענעם טאָגבוך, וועלכער דערמעגלעכט מיר איצט צו דערציילן בפּרטיות וועגן יידישן ספּאָרט־לעבן אין קוטנע.



א.ס. „הגבורה" (1926) • ספּאָרט־קלוב „הגבורה" (1926)

דער אָנהייב

ווי איך האָב שפּעטער געהערט דערציילן, איז נאָך אין יאָר 1924 געגרינדעט געוואָרן אין קוטנע אַ יידישער ספּאָרט־און טורן־פאַראיין (זש. ט. ג. ס.). דאָס איז געווען אַן אומפּאַר־טייאישע און אַפּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ס'האָבן געהערט סיי בונדיסטן, סיי ציוניסטן און סתם יידן: האָלצמאַן בערנאַרד, קירשבאַום הערמאַן, בראָמבערג, טורבאָוויטש, **בוקי** יוסף, קירשבאַום קאָפּעל, בלומענזאָן אהרון, מאַרקיעוויטש און אַנדערע.



קבוצת כדורגל „בר־כוכבא" (1923) • פוטבאָל־מאַנשאַפט „בר־כוכבא"

דער קלוב האָט געפירט אַן אַלזייטיקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון ספּאָרט. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט די גימנאַסטישע סעקציע מיט איר באַגאַבטן אינסטרוקטאָר זיידע. די סעקציע האָט אָפט איינגעאָרדנט עפנטלעכע אַרויס־

טרעטונגען און דעמאָנסטרירט אירע דערגרייכונגען. זש.ט.ג.ס. האָט אויך פאַרמאָגט אַן אייגענעם אָרקעסטער.

די ווייטערדיקע געשיכטע פון דעם קלוב איז מיר אומבאַקאַנט. מיר שיינט, אַז צוליב אינערלעכע רייבונגען, האָט דער קלוב זיך שפּעטער ליקווידירט.

פון יאָר 1925 פאַרצייכענען מיר אַ גרויסע אַקטיוויטעט פון ידישע ספּאָרט־קלובן, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אין יענער תקופה: „חשמונאי“, „בר־כוכבא“, „ירדניה“ און „הגבורה“. זיי האָבן פאַרמאָגט נאָר פוטבאָל־מאַנשאַפטן אין אַדורכגעפירט צווישן זיך פריינדשאַפטס־מעטשן. די שטאַרקסטע מאַנשאַפט זענען געווען פון „בר־כוכבא“ און „ירדניה“. דער צוזאַמענשטעל פון די באַזונדערע מאַנשאַפטן איז געווען אַזאַ:

„חשמונאי“ — דוד זשיכלינסקי (טויערמאַן); אהרן קלאר, הערש סטשיג (פאַרטיידיקער); נחמוש אייזענמאַן, העניעק קאָזאַק, העניעק אָפּאָטשינסקי (געהילף); פייוול מעלער, שמעון גורדוק, יהודה שטיין, אָלעק אָפּאָטשינסקי און מענדעלסאָן (אָנגרייפער).

„בר־כוכבא“ —ביירעך פאַיענצקי, משה ראָזענבלום, יוקל לענטשיצקי, מ. א. קאָוואַלסקי (2), אברהם גאָמבינסקי, קאָפּעל, הערש מענכע, זלמן טימיאַנקאָ, ישראל פרענקעל, יעקב צימבערקנאָפּף.

„ירדניה“ — שמעון קאַץ, משה מאָשקאָוויטש, ישראל גאָלדשטיין, שיע פייבער, פנחס מאַרקוס, הערמאַן צעלעמינסקי. אברהם שטיין, חנא בלום, נח טעפּליצקי, קונע מענכע, מרדכי (מאָנדריק) ליפשיץ.

„הגבורה“ — פיניע ראַק, ל. זאַקשעווסקי, פעליקס טייכנער, סאַלעק וואַלטער, אברהם לענטשיצקי, וועלצמאַן, ל. ווינשטיין, שיע זאַנדבערג, ג. באָרקאָווסקי, באָראָווסקי, פּרץ וואַלטער, אידעק מייראַנץ.

ליידער, אויך די קלובן האָבן זיך לאַנג נישט געהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט די פוטבאָל־סעקציע פון „ירדניה“ זיך פאַראייניקט אין יאָר 1929 מיט דער נאָר וואָס אַנטשטאַנענער אַרבעטער־געזעלשאַפט פאַר פיזישער דערציאונג „מאָרגנשטערן“ — און פון די פאַרבליבענע דריי קלובן האָבן זיך געגרינדעט צוויי נייע: „מכבי“ און „שטערן“ („גוויאַזדאַ“).

די נייע קלובן טראָגן שוין אַן אויסגעשפּראָכן פּאַרטייאישן כאַראַקטער.


„מאָרגנשטערן“ („יוטזשניאַ“)

דער דאָזיקער קלוב האָט געהאַט עטלעכע מוסטערהאַפטע ספּאָרט־סעקציעס: גימנאַסטיק, פוטבאָל, פינג־פּאָנג, לייכט־אַטלעטיק.

דעם אויבנאָן האָט אומבאַדינגט פאַרנומען די גימנאַסטיק־סעקציע מיט איר באַליבטן אינסטרוקטאָר קאָפּל קירשבוים. די סעקציע איז געווען איינגעטיילט אין עטלעכע גרופּן, פון וועלכע עס האָט זיך אויסגעטיילט די ערשטע גרופּע (זקן אַש, חיים גרינבוים, נח טעפּליצקי, שלמה קאָוואַלסקי און אַנדערע), ווי אויך די ריטמישע גרופּע מיט די מיידלעך פרענקעל, ע. פוקס, ל. פוקס, קאָזאַק, פּאָלאַ מאַנטשיק און פיל אַנדערע. אויך די אַקראָבאַטישע גרופּע האָט זיך געהאַט איר נאָמען און פאַרדינסטן, מיט די ספּאָרטלער: י. גריידער, י. אָגורעק, שפּילמאַן, י. גאָלדבערג, מ. ל. מענכע און אַנדערע. צוויי מאָל אין יאָר (זומער — אויפן סטאַדיאָן פון „סאָקול“, ווינטער — אין אַלטן טעאַטער) האָט די גרופּע איינגעאָרדנט טורן־פעסטן.

אַלע גרופּן זענען בעת זייערע אויפטריטן באַלוינט געוואָרן מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן, געהאַט זייערע אָנהענגער און אונטערשטיצער. דער אייגענער אָרקעסטער האָט תמיד באַגלייט די ספּאָרטלער בעת זייערע אויפטריטן.

ס'איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז אין יאָר 1931 איז אין ווין פאָרגעקומען אַן אַרבעטער־אָלימפּיאַדע, אין וועלכער ס'האָט זיך אויך באַטייליקט אַ רעפּרעזענטאַנץ פון „מאָרגנשטערן“. און צווישן דער רעפּרעזענטאַנץ — דריי אויסגעצייכנטע ידישע



„יוטשניאַ־מאָרגנשטערן“ — 1928

ספּאָרטלער פון קוטנע: קאָפּל קירשבוים, זקן אַש און חיים גרינבוים.

מיט צוויי יאָר שפּעטער, אויף דער אַרבעטער־אָלימפּיאַדע אין בריסל (1933), האָט דער קוטנער „מאָרגנשטערן" ווידער געשיקט אין דער פּוילישער רעפּרעזענטאַנץ צוויי זיינע ספּאָרטלער: חיים גרינבוים און לאה פוקס, וואָס באַווייזט דעם הויכן ניוואָ פונעם קלוב.

אויך די פוטבאָל־סעקציע פון „מאָרגנשטערן" איז געווען אַ שם־דבר אין שטאָט און אויסער איר. נאָך אין יאָר 1929, האָט די סעקציע באַזיגט דעם קוטנער „סטשעלעץ" — 2:3. דער פאַרמעסט איז פאָרגעקומען אויפן מיליטערישן ספּאָרט־פּלאַץ אויף די פּיאַסקעס און געהאַט זייער אַ דראַמאַטישן פאַרלויף. אין דער ערשטער האַלבער שעה פון שפּיל האָט סטשעלעץ געפירט 0:2. אָבער ביזן איבעררייס האָט „מאָרגנשטערן" באַוויזן אויסצוגלייכן — 2:2. ביים סאַמע סוף פון דער צווייטער העלפט, איז מאָשקאָוויטשן געלונגען צו דערגרייכן דעם דריטן און דעצידירנדיקן גאָל. די פריערדיקע צוויי גאָלן האָבן אַריינגעשאָסן: אלתר־שיע פוקס און חנא בלום.

שפּעטער האָט די זעלבע מאַנשאַפט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבערן וולאָצלאַוועקער „מכבי" — 1:2. דער צוזאַמענשטעל פון די „מאָרגנשטערן"־פוטבאָליסטן איז געווען פאָלגנדיקער: מענדל זשוראַווסקי, פּ. מאַרקוס, מ. ז. בלאַנק, זעליג דאַוויצקי, ח. ראָטשטיין, גבריאל הירשביין, לייב נאָסאַל, וואָלף מאַנטשיק, נח טעפּליצקי, חנא בלום, משה מאָשקאָוויטש. מיט דעם צוזאַמענשטעל זענען אויך באַזיגט געוואָרן:

„מכבי" קוטנע (0:6) און (2:2), „הכוח" לענטשיץ (0:3), „פּאַראָוויז" קוטנע (1:5), „קוטנאָוויאַנקאַ" (1:1) און „סאָקול" (1:4). די ספּאָרטלער זענען דעמאָלט געווען אין אַ גוטער פאָרעם, די יידישע באַפעלקערונג האָט ענטוזיאַסטיש אויפגענומען די שפּילערס.

איך דערמאָן זיך דעם מעטש מיט „טור" אויף די פּיאַסקעס. ווען די יידישע ספּאָרטלער האָבן דערגרייכט דעם ערשטן גאָל, איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג, באַגלייט מיט אַנטיסעמיטישע אויסגעשרייען און זידלערייען. די שפּיל איז געוואָרן איבערגעריסן, דאַוויצקי און אברהם־יצחק שטיין זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן.

אין יאָר 1931 דערגרייכן מיר אַ רעמי־רעזולטאַט (0:0) מיט דער באַרימטער וולאָצלאַוועקער „מכבי".

אין 1932 הייבן זיך אָן די קרייז־פאַרמעסטן — און „מאָרגנשטערן" דאַרף שפּילן מיט „מכבי" און זש.ט.ג.ס. פון די דריי יידישע קלובן, פאַרנעמט „מאָרגנשטערן" דעם אויבנאָן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער אַנטיסעמיטישער קרייז־פאַרבאַנד האָט איר צוגעטיילט צום קלאַס „צע". מיר זענען דערפון נישט נתפּעל געוואָרן, ווייל דעם זעלבן יאָר, נאָך צוואַנציק פאַרמעסטן, האָבן מיר פאַרשפּילט בלויז 3 פונקטן און אַזוי אַרום באַוויזן אונדזער פעיקייט. אין יאָר 1933 איז מען אַריבער אין קלאַס „בע".

אין 1933 זענען נישטאָ צו פאַרצייכענען קיין ספּעציעלע נצחונות, אויסער איבער דער „קוטנאָוויאַנקאַ" (2:5), וואָס איז געווען אַ פאָרשפּיל צום אָפיציעלן מעטש צווישן דער וואַרשעווער „גוויאַזדאַ־שטערן" און „טים" קוטנע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן זיג פון דער יידישער מאַנשאַפט (2:3).


די אַנדערע צוויי יידישע קוטנער ספּאָרט־קלובן — „מכבי" און זש.ט.ג.ס. האָבן געשפּילט אין קלאַס „צע".

אין יאָר 1934 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ יום־טוב פון אַרבעטער־ספּאָרט אין לאָדזשער קרייז, פאַרבינדן מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן פוטבאָל־פאַרמעסט מיט דער אַרבעטער־רעפּרעזענטאַנץ פון דאַנציק. אין דער מאַנשאַפט פון לאָדזשער קרייז האָבן זיך באַטייליקט דריי שפּילערס פון קוטנער „מאָרגנשטערן": וואָלף מאַנטשיק, יורעק אָגורעק און זעליג דאַוויצקי.

פון די ספּאָרטלער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט, דאַרף מען קודם כל דערמאָנען: מענדל זשוראַווסקי, נח טעפּליצקי, חנא בלום און אַנדערע.

די פאַרוואַלטונג פון „מאָרגנשטערן" האָט אַרויסגעוויזן גרויס זאָרג פאַר די שפּילער און מיטגלידער פון קלוב, נאָר גלייכצייטיק אין זינען געהאַט אויך זייער פּאָליטישע דערציאונג. אין יאָר 1935 זענען אויף דעם באָדן אויסגעבראָכן מיינונגס־פאַרשידנקייטן און עטלעכע וווּרטפולע שפּילערס האָבן פאַרלאָזט דעם קלוב (יוקוש גריידער, וואָלף מאַנטשיק, איציק טימיאַנקאָ, הערש קאָזאַק און אברם־יצחק שטיין).

אַ צווייטע גרופּע שפּילערס, איז נאָכן פאַרלאָזן דעם „מאָרגנשטערן", אַריינגעטרעטן אין „מכבי".


ליגה למען ארץ־ישראל העובדת בפולין
ליגע פאַר אַרבעטנדן ארץ־ישראל אין פּוילן
№
מיטגלידס־קאַרטע
כרטיס־חבר
עיר
שטאָט
שם ומשפחה
נאָמען און פאַמיליע
ורשה, יום
וואַרשע, דעם
1932
הועד המרכזי
צענטראַל־קאָמיטעט
הועד המקומי
אָרטיקער־קאָמיטעט


Związek Żydowskich
Towarzystw Gimnastycznych i Sportowych w Polsce
„MAKKABI"
Legitymacja członkowska
כרטיס 1934 חבר
האגודות להתעמלות וספורט בפולניה
„מכבי"

„מכבי" — זש.ט.ג.ס.

„מכבי" אין קוטנע איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1930. אַזוי ווי אין דער אָרגאַניזאַציע זענען אַריינגעטראָטן אַ סך לינקע עלעמענטן, מיט אויסגעשפּראָכן פּאָליטישע צילן, האָט דער ספּאָרט־קלוב קיין אריכת־ימים נישט געהאַט. נאָך אַ שווערן קריזיס איז אין יאָר 1931 אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג, בראש מיט אַהרון פראַנקענשטיין. אויפן פאַרלאַנג פון די מיטגלידער איז דער נאָמען פון קלוב געטוישט געוואָרן אויף זש.ט.ג.ס. („זשידאָווסקע טאָוואַזשיסטוואָ גימנאַסטיטשנאָ־ספּאָרטאָווע" — „יידישע גימנאַסטישע ספּאָרט־געזעלשאַפט") און אַרומגענומען אַ סך יידישע יוגנטלעכע פון אַלע קרייזן, צעטיילט אין פאָלגנדיקע סעקציעס: גימנאַסטישע (אָנגעפירט דורכן געניטן אינסטרוקטאָר קראַקאָווסקי), פּינג־פּאָנג, פוטבאָל.

אין דער גימנאַסטיק־סעקציע האָבן זיך אויסגעצייכנט: קלאר אהרן, וואַרשאַווטשיק משה, קאָזאַק משה, טימיאַנקאָ זלמן, ווּעצלער משה, ראָזענבערג משה, קלינגבייל חיים־דוד. פון די פרויען: דאָראַ און עדזשאַ פוקס, מעטאַל, מלכה פרענקעל און אַנדערע.

די פּינג־פּאָנג סעקציע האָט אין משך פון אַ קורצער צייט דערגרייכט די מייסטערשאַפט פון קוטנער קרייז. צו די וויכטיקסטע שפּילערס האָבן געהערט: קעניג אברהם, קאַלישער איציק, קורביטש משה, בריצמאַן אברהם, פראַנקענשטיין אהרון.

די פוטבאָל־סעקציע האָט געהאַט אין אירע רייען: ראָזענבלום פּנחס, גאָלדבערג איציק, שטיין אברהם־יצחק, לענטשיצקי י., קורביטש משה, גרינבוים חיים, ליפשיץ ז., מענכע הערש, טימיאַנקאָ זלמן, שיינבערג יאַנקל, קרעניג א., גאָלדבערג יאַנקל און מאָשקאָוויטש געצל.

די־אָ סעקציע האָט ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָל צווישן

די יידישע קלובן, איר פאַרדינסט איז אָבער דאָס אַראָפּברענגען קיין קוטנע אויסלענדישע קלובן און פון אַנדערע שטעט, כדי פּאָפּולאַריזירן צווישן דער יידישער יוגנט די אידעע פון ספּאָרט. אַ דאַנק דעם איז אין יאָר 1931 געקומען קיין קוטנע: דער באַרימטער ווינער „הכוח", וועלכער האָט געשפּילט מיטן אָרטיקן „סאָקול" אַ מעטש, געווינענדיק מיט אַ גאָר הויכן רעזולטאַט — 0:8; די לאָדזשער „מכבי" און „הכוח", די וואַרשעווער „גוויאַזדאַ" און „מכבי" און אַנדערע אָנעַרקענטע יידישע קלובן.

זש. ט. ג. ס. האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם אָרקעסטער, מיט וועלכן ס׳האָט דיריגירט בנימין וויטקאָווסקי. דער אָרקעסטער האָט אויך געגעבן קאָנצערטן און געווען פּאָפּולער אין קוטנע און סביבה.

שפּעטער, צוליבן מאַנגל אין געלט־מיטלען, האָט אויך זש. ט. ג. ס. זיך אויפגעלייזט — כדי ווידער גרינדן די „מכבי".

„גוויאַזדאַ" — „שטערן"

און איצט — עטלעכע ווערטער וועגן יידישן אַרבעטער ספּאָרט־קלוב „שטערן" („גוויאַזדאַ"): דאָס איז געווען אַן אויסשליסלעכער אַרבעטער־קלוב, פאַרבונדן מיט דער לינק־ציוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון". דער קלוב האָט געהאַט נאָר אַ פוטבאָל־סעקציע, וואָס האָט געשפּילט פריינדשאַפטלעכע מעטשן מיט שוואַכע מאַנשאַפטן. איך געדענק בלויז איין מעטש זייערן מיט דער נישט־אָפיציעלער רעפּרעזענטאַנץ פון „מאָרגנשטערן" אויף די פּיאַסקעס, פאַרענדיקט מיטן זיג פון די לעצטע — 1:3. די יונגע ספּאָרטלער פון „שטערן" האָבן געשפּילט מיט אַ סך אַמביציע קעגן די פון זיי בעסערע פוטבאָליסטן. צו די שפּילער פון „שטערן" האָבן געהערט: וואָראָנאָווסקי טוביה, בלאַנק מ., בלאַנק מ. ל., אָסאָווסקי יוסף, פּיעטרקאָווסקי וואָלף, פּאַסירשטיין שמואליק, נאָסאַל לייב, מענכע קונע, זיידענוואַרד שלמה, שטיין אַברהמשע, הירשביין גבריאל.

אין דער פאַרוואַלטונג זענען אויסגעקליבן געוואָרן: אָסאָווסקי לאָזער, קאָוואַלסקי יוסף, לוסטיגמאַן אברהמל, קעניג מאיר, בלאַנק ר׳זריש.

„גוויאַזדאַ—שטערן" האָט לאַנג ניט עקזיסטירט. פון אירע שפּילער זענען אַ טייל אַוועק צום „מאָרגנשטערן" (בלאַנק משה־לאָזער, נאָסאַל לייב, הירשביין גבריאל) און אַ טייל צו „מכבי" (וואָראָנאָווסקי טוביה, זיידענוואַרד שלמה, דומאַנאָוויטש שמואל).

דער ספּאָרט־קלוב פון בית״ר

אין יענער צייט איז געווען אין קוטנע נאָך אַ יידישער ספּאָרט־קלוב — בית״ר, וועלכער האָט געהאַט אַ שוואַכע פוטב[illegible] אין אַ פינג־פּאָנג סעקציע. פון די פוטבאָליסטן געדענק איך די ווייטערדיקע נעמען: אָסאָווסקי (געלער), בענעט אברהם, קלינגבייל אַליעזר, גייסט שמואליק, מרוז שמחה, קאָלאָשינסקי משה־עוזר, בוקשטיין שמעון, יאַקובאָוויטש ה., גנאָט סאַלעק, קינסטלער העניעק, קאָלאָשינסקי לייבל.

דאַקעגן איז די פינג־פּאָנג סעקציע געווען זייער אַן אַקטיווע און זיך באַטייליקט אין די מייסטערשאַפט־פאַרמעסטן פון קוטנע. די וויכטיקסטע שפּילערס: קאָן הערש, לענטשיצקי גאָדל, פּאַסט ישראל, גייסט שמואליק, בראַון לייב, גנאָט פאַלעק.

דער נאָמען פון קלוב זאָגט שוין אויס, אַז פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל איז פאַר אים געווען פאַראַנטוואָרטלעך די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון די רעוויזיאָניסטן — בית״ר.

די באַנייטע „מכבי"

וואָס שייך דער באַנייטער „מכבי", וועלכע איז ווידער געשאַפן געוואָרן נאָכן אויפליזן דעם זש. ט. ג. ס., זענען פאָלגנדיקע חברים אויסגעקליבן געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג: בראָמבערג, טורבאָוויטש, קאָרן מנחם, מאַרקעוויטש ישראל.

די נייע פאַרוואַלטונג האָט טריי געאַרבעט פאַרן קלוב, אַראָפּגעברענגט טרענירער און אינסטרוקטאָרן, וועלכע האָבן צוגע־



כדורגלני „מכבי" (1932)

פוטבאָליסטן פון „מכבי" (1932)

גרייט נייע קאַדרען פאַרן קלוב. די „מכבי״־ספּאָרטלער זענען אויף ביידע טעג שבועות 1936 אַרויסגעפאָרן קיין קאָלאָ, צו פאַרמעסטן זיך מיט דער דאָרטיקער „מכבי״ אין פוטבאָל, נעצבאָל און קוישבאָל. אין פוטבאָל האָבן די קוטנער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון 1:3. די טויערן האָבן דעראָבערט: זאַקשעווסקי לאָלעק, שפּייער מאָטעק און אַלבערט קאַין.

נאָך אַ מעטש איז געשפּילט געוואָרן מיט דער רעפּרעזענטאַנץ פון קוטנע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַזעלכע „סטאַרן״, ווי דאָדעק לודוויקאָווסקי, רעצלאָוו אַנטאָש, זשאַביצקי סט., גאָנשאָראָווסקי סט., טרושטשינסקי יוזעף און אַנדערע אויסגעצייכנטע שפּילערס. דאָך איז „מכבי״ ניט געווען שוואַכער אויפן פעלד ווי די קעגנערישע מאַנשאַפט מיט אירע באַרימטע נעמען. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז „מכבי״ האָט אַפילו געפירט אַ געוויסן מאָמענט 0:1 (נאָך די ערשטע 15 מינוט). ליידער, ביזן איבעררייס איז דערגאַנגען 2:4 לטובת דער רעפּרעזענטאַנץ צוליבן שוואַכן פאַרטיידיקן דעם טויער פון „מכבי״ דורך קושמיראַק שלאָמעק. נאָכן איבעררייס, האָט דער אַמביציעזער שפּיל לגמרי געענדערט דעם רעזולטאַט — 3:4 לטובת דער רעפּרעזענטאַנץ. דאָ איז אויסגעבראָכן אַן אינצידענט — און דער שפּיל איז געוואָרן איבערגעריסן. דער קליינער אונטערשייד (1 גאָל) האָט באַוויזן די גרויסע דערגרייכונג פון קלוב.

דער קלוב האָט דערנאָך באַקומען אַ טרעניג־פּלאַץ אויף שענקעוויטשאַ 27 (מייזעלס פּלאַץ) און אויך דערגרייכט דעם געגאַרטן אַוואַנס — איבערגעגאַנגען אין קלאַס „בע״. נאָך מער — אין יאָר 1937 איז „מכבי״ צוגעלאָזן געוואָרן צו די פאַרמעסטן וועגן בעכער פון אונטערקרייז קוטנע—וולאָצלאַוועק. צווישן די 12 קלובן אין דעם פאַרמעסט, האָט „מכבי״ פאַרנומען דאָס פערטע אָרט (נאָכן „סאָקול״, ק. פּ. וו. און „באָרוטאַ״). פון 22 שפּילן האָט זי דערגרייכט 24 פונקטן.

די קרוינונג פון די אַלע דערגרייכונגען איז געווען דאָס צולאָזן די קוטנער „מכבי״ צו די פאַרמעסטן אַריינצוגיין אין קלאַס „א״, מיטן מייסטער פון וולאָצלאַווקער אונטערקרייז ל. ק. ס. ליפּנע. „מכבי״ האָט פאַרשפּילט דעם מעטש מיט אַ קליינעם אונטערשיעד (1:2), צוליב דעם וואָס עטלעכע אירע גוטע שפּילערס זענען אַוועק אין מיליטער־דינסט (אַלבערט קאַין, פראַשקער יצחק, וועלצמאַן משה, מאָנטשיק וואָלף — געשפּילט דעמאָלט אין „מכבי״ פּלאָצק) און פאַלץ אברהם, וועלכער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

דער רעוואַנזש־מעטש אין ליפּנע איז ניט צושטאַנד געקומען, ווייל „מכבי״ קוטנע האָט פון אים רעזיגנירט, וויסנדיק וועגן די אַנטיסעמיטישע שטימונגען און כוליגאַניזם אין יענער שטאָט.

אין די פאַרמעסטן וועגן בעכער אין יאָר 1937, האָט אונדזער „מכבי״ געהאַט צו פאַרצייכענען עטלעכע באַדייטנדיקע דערגרייכונגען, ווי: מיט „מאַזאָוויאַ״ פּלאָצק 1:2 (די טויערן האָבן דערגרייכט — אַלבערט און טימיאַנקאָ) און דערנאָך 0:3 (אַ „וואַלקאָווער״);

מיט ד. ק. ס. דאָבזשעלין 3:4 און 1:5. אין ערשטן פאַרמעסט האָבן די טויערן דערגרייכט אַלבערט — 2, זאַקשעווסקי — 2. אין צווייטן: אַלבערט — 3, גריידער — 2;

מיט ר. ז. זשיכלין — 4:4 און 3:4 (פאַלץ סאַמעק — 2 גאָלן, אַלבערט — 1, קורביטש — 1; וועלצמאַן — 2, אַלבערט — 1, זאַקשעווסקי — 1).

מיט ק. פּ. וו. קוטנע — 4:7 און 6:2 (זאַקשעווסקי 3,



„גוויאַזדאַ־שטערן״ (1930)

אַלבערט 2, פאַלץ פעלעק 2 ; גריידער און פאַלץ פעלעק — צו איינעם).

מיט „יוטשניע" קוטנע — 2 : 4 און 0 :0 (אַלבערט 2, פאַלץ סאַמעק 1, טימיאַנקאָ 1).

מיט „הפועל" פלאָצק — 3 : 0 און 1 : 0 (קורביטש 1, אַלבערט 1, לידאָער 1, אַלבערט 1).

מיט ק. פ. וו. סקיערניעוויץ — 2 : 3 און 5 : 2 (זאַקשעווסקי 2 ; וועלצמאַן 2, גריידעק 2, גרינבוים שלאָמעק 1).

מיט „סטשעלעץ" קוטנע, מייסטער פון קרייז — 5 : 3 און 2 : 2 (זאַקשעווסקי 2, פאַלץ סאַמעק 2, וועלצמאַן 1 ; גריידער 1, אַלבערט 1).

מיט וו. ק. ס. („באַרוטאַ") קוטנע — 0 : 8 און 3 : 5 (די טויערן האָבן דערגרייכט אין צווייטן מעטש : גריידער, פאַלץ און מאָנטשיק).



פעלעק פאלץ ז"ל
פלק פלץ ז"ל

לויט דער קלאַסיפיקאַציע פון „גאָלן־שיסער", האָט „מכבי" געהאַט דעם בעסטן פון אַלע קלובן : אַלבערט קאַין, וועלכער האָט דערגרייכט 15 גאָלן. נאָך אים — די ווייטערדיקע שפּילערס פון „מכבי" : פאַלץ סאַמעק 10, גריידער יוקוש 9, זאַקשעווסקי לאָלעק 8, וועלצמאַן משה 5, טימיאַנקאָ איציק 3, מאָנטשיק וואָלף, קורביטש משה און פאַלץ פעלעק — צו 2, גרינבאַום שלאמעק 1.

אַ דאַנק אירע דערפאָלגן, איז „מכבי" קוטנע צוגעלאָזן געוואָרן צו די פאַרמעסטן איבערצוגיין אין אַ העכערן קלאַס.

אין חודש מערץ 1938 איז אונדז אויסגעקומען צו געזעגענען דעם חבר אַלבערט קאַין, צוליב זיין אַוועקגיין אין מיליטער־דינסט. ביי געדעקטע טישן, מיטן געזאַנג „סטאָ לאַט" („הונדערט יאָר") און „התקווה", נאָך די האַרציקע געזעגענונגסווערטער פון קאָלעגע בראָמבערג, האָט מען זיך צעשיידט מיטן גוטן חבר אַלבערט, דער טאַלאַנטירטער אינסטרוקטאָר און פעיקער פוטבאָליסט. מיטן אויסברוך פון קריג, איז ער אַוועק אויפן פראָנט. שפּעטער צוריק געקומען פון געפאַנגענשאַפט — און אומגעקומען אין קוטנער געטאָ. כבוד זיין אָנדענק !

די פאַרמעסטן „מכבי" — „מאָרגנשטערן"

די מעטשן צווישן ביידע יידישע ספּאָרט־קלובן האָבן שטענדיק ארויסגערופן אינטערעס, שפּאַנונג, אַטראַקציע. הגם „מכבי" איז געווען אַ מער קאָנסאָלידירטער און דיסציפּלינירטער קלוב, האָבן אָבער דעם רוב מעטשן געוווּנען „יוטשניאַ־מאָרגנשטערן", צוליב זייער אַמביציעזקייט און קרבנות־גרייטקייט. אין יאָר פון מלחמה־אויסברוך, האָבן ביידע קלובן געהאַט פאָלגנדיקע שפּילערס :

„מכבי" : בראַון לייב, לידאָער יחיאל, מאַנטשיק וואָלף, טימיאַנקאָ איציק, זילבער לייב, קאָזאַק הערש, זאַקשעווסקי ל., גריידער י., גרינבאַום שלאָמעק, אַלבערט קאַין, פאַלץ סאַמעק. אין רעזערוו : וועלצמאַן משה, יאַקובאָוויש שלאָמעק, קורביטש משה, שטיין אברהם, פּראַשקער איציק, לענטשיצקי גאָדל, סאָכאַטשעווסקי אברהם, ווינשטיין פרעדעק, באַום מיעטעק, קאַפּלאַן יוקוש, פוקאַטש און שוואַרץ מלך.

„מאָרגנשטערן־יוטשניאַ" : זשוראַווסקי מענדל, גאָלדמאַן לאָזער, מאָשקאָוויטש בערל, ראָטשטיין ישראל, אָגורעק י., דאָוויצקי זעליק, זשוראַווסקי יואל, גאָלדבערג יוסף, מאַנטשיק אברהם, בלום חנא, קאָכין רפאל. רעזערוויסטן : מענכע מ. ל., פּאַקולסקי מאָטעק, גייער יחיאל, מאָשקאָוויטש שלמה, פוקס נחום, גאָנשאָר.

★

די דייטשע אַגרעסיע אויף פוילן דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, האָט אַ סוף געמאַכט צו דער פּרוכטבאַרער ספּאָרט־טעטיקייט פון די יידישע קלובן אין קוטנע, פּונקט ווי ס'איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס גאַנצע יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן. די קלובן ווערן פאַרמאַכט, די ספּאָרטלער צעלויפן זיך — און לעבן זענען געבליבן בלויז געציילטע פון דער מאַסע מיטגלידער פון די יידישע קלובן, די פוטבאָליסטן, לייכט־אַטלעטיקער, גימנאַסטיקער, די אומצאָליקע סימפּאַטיקער און קיביצער. געראַטעוועט האָבן זיך די, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד און נאָך דער מלחמה עולה געווען אין דער יידישער מדינה.

פון די לעבן־געבליבענע ספּאָרטלער — ווייס איך פאָלגנדיקע נעמען :

אין ישראל — פאַלץ סאַמעק און אברהם, מאַנטשיק וואָלף, גריידער יוקוש, זשוראַווסקי מענדל, גרינבוים חיים, טייכנער פעלעק, סאָכאַטשעווסקי אברהם, בלאַנק משה־לאָזער, שטיין אברהם־יצחק, קלינגבייל אַליעזר, אָסאָווסקי לאָזער, קאָלאָשינסקי משה־עוזר. פון די, וואָס זענען נאָך פאַרן קריג געקומען קיין א"י : וואַלטער סאַלעק, ראק פּיניע, וויינשטיין לאָלעק, זאנדבערג שיע און מאָטעק.

אין פוילן זענען געבליבן : פּראַשקער יצחק, מאָשקאָוויטש משה, מאָנטשיק אברהם.

אין קאַנאַדע : שפּייער מאָטעק, מאַרקוס פּנחס, ראָטשטיין ישראל, גאָלדבערג יאָסל, מאָשקאָוויטש געצל, ליוושאק אברהם.



החוג הדראמטי עם הבמאי יעקב ווייסליץ ז"ל (1919 ?)
דראַמקרייז, מיטן רעזשיסער יעקב ווייסליץ ז"ל (1919 ?)

יידיש טעאַטער און דראַמאַטישער קרייז

צום פאַרענדיקן מיינע זכרונות וועגן די יידישע ספּאָרט־קלובן אין קוטנע, וויל איך נאָך איבערגעבן אייניקע דערינערונגען וועגן דער טעטיקייט פון אַ יידיש טעאַטער און אַ דראַמאַטישן קרייז אין אונדזער שטאָט. אמת, צו ספּאָרט האָט עס ניט קיין דירעקטן שייכות, נאָר אויף וויפל דער אָרקעסטער פון „מאָרגנשטערן" פלעגט אָפט זיך באַטייליקן אין די פאַרשטעלונגען און געוויסע ספּאָרט־טוער זענען געווען אויך פאַרטאָן און פאַרקאָכט אין דער בינע־טעטיקייט — איז דאָך פאַראַן

אַ צוזאַמענהאַנג צווישן די צוויי פאָרמען פון יידיש־געזעלשאַפּ־לעבן לעבן אין אונדזער שטאָט.

דער ערשטער דראַמאַטישער קרייז, אָנגעפירט דורך ישראל־יעקב ליסנער, איז געגרינדעט געוואָרן ביים האַנטווערקער־פאַראיין. אין אַ שפּעטערער תקופה איז ער געוואָרן זעלבשטענ־



„מכבי"־אָרקעסטער (1916) • תזמורת „מכבי" (1916)

דיק. די אַרטיסטן־אַמאַטאָרן האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך אַקטיוו־קייט אויף דעם געביט. די פּיעסן, וועלכע זיי האָבן געשטעלט: „דער ווילדער מענטש", „יידלס בר־מצווה", „די רומענישע חתונה" און אַנדערע.

צו די אַמאַטאָרן־אַרטיסטן פון דעם קרייז האָבן געהערט:

וסף גריידער (פאַקולסקי), עלבאַום מיכאל, עפּשטיק ישראל, עפּשטיק, ליכטענשטיין ישראל, פרענקעל ניסן, אַבראַמאָוויטש לאה, ראָזענבערג רחל, פרינץ חוה.

קוטנער יידן האָבן שטאָלצירט מיט זייער דראַמאַטישן קרייז און אַרטיסטן. דער אויסגעצייכנטער אָרקעסטער פון „יוטשניאַ־מאָרגנשטערן" האָט אָפט באַגלייט די פאָרשטעלונגען. דיריגירט מיטן אָרקעסטער האָט בנימין וויטקאָווסקי. די פריי־לין פּאָליאַקעוויטש פלעגט אָפט באַגלייטן אויפן פּאָרטעפּיאַן.

ביי דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" האָט עקזיסטירט אַן אַמאַטאָרן־טרופּע א. נ. „רעוויע", אָנגעפירט דורך גלאָווינסקי הערש־מאיר. אייניקע פּיעסן האָט געשטעלט דער באַרימטער זינגער אונדזערער קופּפער, פון פאַך אַ דרוקער־אַרבעטער. צו דער „רעוויע" האָבן געהערט:

בלום חנה, גרינבוים חיים, בלום פּיוויטש, אַש זקן, מענכע משה־לעמל, פוקס לאה, טשאַרנע מאַניע, פּיטעל רויזע, פרענקעל אסתר.

דער אַנסאַמבל איז געווען באַליבט אין שטאָט און אויך אין דער סביבה, ווו ער פלעגט אַרויספאָרן אויף גאַסטראָלן.

פון די אַלע אויסגערעכנטע אַרטיסטן זענען נאָר געבליבן לעבן פוקס לאה און גרינבוים חיים (איצט אין ישראל). די אַנדערע, פונקט ווי דער רוב ספּאָרטלער — זענען אומגעקומען על קידוש השם.

זאָלן די זכרונות זיין אַ יאָרצייט־ליכט אויף זייערע אומ־באַוווסטע קברים...

„מארגנשטערן־יוטשניא", איר פארזיצער און אינסטרוקטאר

גרינבוים חיים
חולון

אַלס נאָענטער מיטאַרבעטער און אינטימער פריינד פון קאָפּל קירשבוים ז"ל, וויל איך אַרויסברענגען אייניקע דער־מאָנונגען און שילדערונגען וועגן דער דאָזיקער פּערזענלעכ־קייט, אויפן פאָן פון זיין געבענטשטער טעטיקייט אינעם ספּאָרט־קלוב „מאָרגנשטערן" און אַנדערער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעטן.

אויף דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער אַרענע אין קוטנע האָט קאָפּל זיך באַוויזן אין יאָר 1924. און מעשה שהיה — כך היה:

דער פּאָפּולערער טורן־ און ספּאָרט־פאַראיין „מכבי", וועל־כער איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1915/16 אין קוטנע און געפירט זיין טעטיקייט ביז 1920, האָט אונטער דער אָנפירונג פון די אינסטרוקטאָרן מאזיק (אַ דייטש), זיידע, מאַרקעוויטש און אַנ־דערע — איבערגעלאָזט טרייע אָנהענגער פון ספּאָרט. זיי האָבן נאָכן אויפלייזן פון „מכבי" אויפגעשטעלט עטלעכע ספּאָרט־קלובן אין קוטנע, ווי: „הכוח", „השמונאה", „בר־כוכבא" „יוטשענקאַ", „ירדניה", „הגבורה", „האַמער־און־סערפּ", „גוויאַז־דאַ־שטערן". אָבער דער רוב פון די קלובן האָבן ניט געהאַט קיין אַריכת־ימים.

פון די אויפגעלייזטע „יוטשענקאַ" און „ירדניה" האָט זיך געשאַפן אַ קלוב, וועלכער האָט זיך פאַרנומען נאָר מיט פוטבאָל, מאַרשן הינטער דער שטאָט, גימנאַסטיק (דער עיקר — פּיראַ־מידן) און מושטרע, אויפן מיליטערישן שטייגער. אָנגעפירט מיט דעם אַלעמען האָט יוזשעק קירשבוים, אונטעראָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי. די גרינדער פון דער באַנייטער „יוטשענקאַ" זענען געווען: די נאָדל־אַרבעטער פּייוויש פוקס (היינט אין



קאָפּל קירשבוים ז"ל

בראַזיל), מרדכי מענדל ליטעווסקי (פאַר. שטאַטן), מאָשקאָוויטש נתן (ישראל), גרינבוים לייביש, כאַבוס הענעך און אַנדערע. זייערע איבונגען און מאַרשן האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם יוגנטלעכע, בפרט אַז חברה האָבן אויך אָנגעהויבן שפּילן אין פוטבאָל מיט אַ באַלעם, צונויפגעשטעלט פון פענכער (בלאָזער).

איבערגעצויגן מיט אַ לעדער, אָדער צונויפגענייט פון אַ סך שמאַטעס... יוזשעק האָט זיך פאַרלאָרן פון אַזאַ גרויסע צאָל מיטגלידער און געבעטן זיך ברודער קאָפל אים אַרויסהעלפן. פון „ירדניה" זענען דאמאָלט צוגעטרעטן צו „יוטשענקאָ" אַ ריי שפּילערס, ווי: מאָשקאָוויטש משה, בלום חנא, טעפּליצקי נח, מאַרקוס פנחס, קרייער יהודה. דער קאַפּיטאַן פון „ירדניה", הערמאַן צעלעמענסקי, האָט אָפּגעזאָגט צוצושטיין צו „יוטשענקאָ", הגם מ'האָט מיט אים געפירט וועגן דעם אונטערהאַנדלונגען.

קאָפּל, געוועזענער אַקטיווער מיטגליד אין „מכבי", פאַרמאָגט די געהעריקע אינסטרוקטאָרישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיקייטן צו דערפילן די נייע אויפגאַבן, וועלכע דער ברודער און די באַדינגונגען האָבן אויף אים אַרויף געלייגט. אין „זיך" קלוב קומען איצט יוגנטלעכע פון די אַרבעטער־גאַסן. ער פאַרנאַכלעסיקט זיינע פּריוואַטע געשעפטן, טראַכט ניט וועגן קיין פאַמיליע־לעבן — און פירט אָן מיט אַ סך קענטעניש מיט די פאַרשידענע ספּאָרט־סעקציעס. ער שאַפט נייע, אויסגעבעסערטע סיסטעמען פון איבונגען און פאַרמעסטן. די קוטנער יידישע יוגנט געפינט אַ סך אינטערעס און באַפרידיקונג אין די רייען פון ספּאָרט־קלוב.


דער קליינער לאָקאַל לאָזט אָבער ניט „צעפירן די הענט". קאָפּל אינטערווענירט אין דער „קולטור־ליגע" און אין דער פרץ־ביבליאָטעק, אין טרעגער־פאַראיין און ביי סאָציאַליסטישע האַנטווערקער, וועגן איבערגעבן פאַרן קלוב די לאָקאַלן אויף קרולעווסקע און סענאַטאָרסקע, כאָטש צוויי מאָל אין וואָך. ערשט ווען עס ווערט אויפגעשטעלט אין קוטנע דאָס „מיכאַלעוויטש־הויז", באַקומט דער „מאָרגנשטערן" דעם פּאַסיקן לאָקאַל פאַר זיין טעטיקייט. אַלע ווייסן, אַז דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק די אומדערמידלעכן אינטערווענץ און פאָדערונגען פון קאָפּל קירשבוים.

אין זיין אינסטרוקטאָרישער טעטיקייט פאַרוואַרפט ער דעם שוועדישן סיסטעם און פירט איין דעם סיסטעם פון פּראָפּ' בוק. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גרויסער איבערברוך אינעם איבונג־סיסטעם פאַר די ספּאָרטלער. קאָפּל שאַפט אויך אַן אינסטרוקטאָרן־ראַט, צו וועלכן ס'האָבן געהערט: אַש זקן ז"ל, ראָזענבערג משה, קאָוואַלסקי שלמה ז"ל, גרינבוים חיים (באַלעק, היינט אין ישראל), גאָלדבערג יאָסל (קאַנאַדע), אָגורעק י. ז"ל.

אויב „מאָרגנשטערן" איז אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט דערגאַנגען צו אַ מוסטער־גרופּע פאַר ריטמיק פון מיידלעך, וועלכע האָט באַקומען אָנערקענונג פון הויפּט־אינסטרוקטאָר פון דער וואַרשעווער „מאָרגנשטערן", ה. גאָדפייל — צו 2 פרויען־גרופּן, 3 גרופּן יוגנטלעכע, 2 גרופּן דערוואַקסענע מענער, 6 קינדער־גרופּן (4 מיידלעך און 2 ייִנגלעך) פאַר גימנאַסטיק, 3 פוטבאָל־מאַנשאַפטן, סעקציעס פאַר האַנטבאָל, קוישבאָל, נעצבאָל, שאָך, אָרקעסטער, לייכטאַטלעטיק — איז עס אומבאַדינגט דער פאַרדינסט פונעם אומדערמידלעכן און ענערגישן קאָפּל קירשבוים.

ביי דער געלעגנהייט — עטלעכע ווערטער וועגן אָרקעסטער: ער איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ גרופּע מיטגלידער פון דער קולטור־ליגע מיט ח' בוקי יוסף בראש. אין יאָר 1930 ווערט דער אָרקעסטער אָנגעשלאָסן אין „מאָרגנשטערן" — אָבער קיין אינסטרומענטן זענען ניט געווען, האָט בוקי אַנטדעקט ביי האַלצמאַנען אין סקלאַד אַ ביסל שפּיל־כלים. ניט לאַנג געטראַכט, האָט ער אין אַ זאַק מיט זעגעכץ אַרויסגענומען פון דאָרט אַלע אינסטרומענטן און איבערגעגעבן דעם אָרקעסטער. זיי האָבן געהערט צום אַלטן טורן־פאַראיין „מכבי".

אין דער אָלימפּיאַדע פון די אַרבעטער ספּאָרט־קלובן אין ווין, פאָרגעקומען אין יאָר 1931 אין חודש יולי, מיטן אָנטייל פון עטלעכע דרייסיק לענדער, זענען געווען פאַרטרעטן בלויז צוויי יידישע קלובן: „הפועל" פון ארץ־ישראל און „מאָרגנשטערן" פון פּוילן. ביים צונויפשטעלן אַ רעפּרעזענטאַנץ פון די לעצטע, איז קאָפּל קירשבוים שטאַרק געווען פאַראינטערעסירט, אַז „זיך" קוטנער קלוב זאָל זיין פאַרטראָטן. ער שטעלט דערביי האַרבע תנאים פאַר די, וואָס ווילן זיך באַטייליקן אין די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרמעסטן אין ווין: ניט טרינקען קיין שום אַלקאָהאָל, ניט רויכערן, גוט עסן — אָבער ניט צופיל, ניט פאַרברענגען מיטן „שיינעם מין" קיין סך צייט. חברה איז גרייט געווען צו נעמען אויף זיך די אַלע באַגרענעצונגען, יעדן אָוונט געאיבט אַ 5 — 6 שעה אין ריטמיק, גימנאַסטיק, אַקראָבאַטיק. אין קאָפּל גופא איז געווען אַריינגעטאָן ביז איבערן קאָפּ אין די צוגרייטונגען.



תעודה גרמנית לק.קירשבוים מ־21 לספטמבר 1939

דייטשע באַשטעטיקונג פאַר ק. קירשבוים פון 21סטן סעפּטעמבער 1939

די עלימינאַציע איז פאָרגעקומען אין לאָדזש. קאָפּל ערצאָלט פאַר פרייד, ווען ער זעט ווי די קוטנער גייען מיט זיכערע דערגרייכונגען צום פינאַל. מיר דערגרייכן דאָס פערטע אָרט. אונדזער קאָנקורענט איז די קראָקעווער „מאָרגנשטערן". זיי האָבן די זעלבע צאָל כונקטן. ביידע מאַנשאַפטן פאַרמעסטן זיך ווידער — און מיר דערגרייכן אַן איבערגעוויכט פון 6 פונקטן. נאָך וואַרשע און לאָדזש פאַרנעמען די קוטנער דאָס דריטע אָרט. קאָפּל צעקושט זיך מיט אונדזערע ספּאָרטלער. אַזאַ דערפאָלג! קוטנע באַקומט דריי ערטער קיין ווין: זקן אַש, גרינבוים חיים און קאָפּל קירשבוים.

✶

צום פאַרענדיקן די אָלימפּיאַדע, איז פאָרגעקומען אַ גרויסער אויפטריט אין דער ווינער אָפּערע. רעדעס פון אָנערקענטע סאָציאַליסטישע מנהיגים, פאַרמעסטונגען פון ספּאָרטלער. איך זיץ מיט קירשבוימען אין איין לאָזשע און דערמאָן אים אַ געשעעניש פון נעכטן: בעתן פינאַל־אויפמאַרש און אַפּעל אויפן ספּאָרט־פּלאַץ, האָבן די ספּאָרטלער באַדאַרפט מאַרשירן אונטער זייער נאַציאָנאַלער, צי מלוכהשער פאָן. זענען מיר, די חברים פון „מאָרגנשטערן", געוואָרן צעטומלט: מיט וועמען גיין — צי אונטער דער בלוי־ווייסער פאָן פון ארץ־ישראלדיקן „הפועל" אָדער אונטער דער רויט־ווייסער פאָן פון דער פּוילישער דעלעגאַציע? דער סוף איז געווען, אַז מיר זענען געבליבן ווי אַ סטאַדע שאָף אָן אַ פּאַסטעך... צו קיינעמען זיך ניט צוגעשטעלט. קאָפּלען האָט ווי געטאָן די דערמאָנונג, מען האָט געזען, אַז ר'האָט שטאַרק איבערגעלעבט די נעכטיקע געשעעניש... דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז עפּעס ענלעכס איז פאָרגעקומען מיט מיר. אַזוי ווי כ'בין ניט געווען קיין מיטגליד אין „בונד", האָט דער פּאַרטיי־קאָמיטעט אין קוטנע

געפּסלט מײַן נסיעה קיין ווין. ערשט אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון קאַפּלען אין וואַרשע, איז די גזירה בטל געוואָרן.

*

נאָכן אומקערן זיך פון ווין, איז די אַרבעט נאָך מער זיך צעוואַקסן. דאָס האָט אויך דערפירט צו אַן אויפלעבונג און באַנייאונג אין דער טעטיקייט פון „מכבי״, מיט האָלצמאַנען בראש. דער ניט־קוטנער אינסטרוקטאָר מילער ווײַזט אַרויס אַ סך פעיקייטן און ער ציט דעם עולם אין „מכבי״. יוגנטלעכע אַרבעטער, שילער און פון די לינקע קרייזן, טרעטן אַרײַן אין קלוב. האָבן דאָרט השפּעה. באַזונדערס אימפּאָזאַנט איז אויסגעפאַלן זייערס אַ ל״ג בעמר פייערונג, מיטן מאַרש איבער די קוטנער גאַסן, אונטער די קלאַנגען פון אייגענעם אָרקעסטער. נאָר די חילוקי־דעות צווישן האָלצמאַנען און דער אָפּאָזיציע — פנחס קרול, אָזשעל (נשר), פייבער, קלינגבייל און אַנדערע וועגן גרין־ווייס, אָדער בלוי־ווייס, ווי אויך די פערזענלעכע אַמביציעס און אַמפּערנישן צווישן די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פראַנקענשטיין, גאָלדמאַן, האָלצמאַן, קאָרן, רוער — האָבן דערפירט צו אַ שפּאַלטונג. פראַנקענשטיין איז געשטיצט געוואָרן דורך אַלע ניט־ציוניסטישע עלעמענטן. „מכבי״ האָט געענדערט איר נאָמען אויף „יידישע געזעלשאַפט פאַר גימנאַסטיק און ספּאָרט״ (ראשי־תיבות אין פויליש: זש. ט. ג. ס.). אַזוי ווי די ציוניסטיש־געשטימטע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער האָבן ניט געשטיצט דעם פאַראיין, איז ער שפּעטער אויפגעלייזט געוואָרן דורך דעם סטאַראָסטע, מיטן מאָטיוו, אַז ער איז אַ לינקער. געווען אַ פאַרדאַכט, אַז מן־הסתמא האָט עס געהאַט צו טאָן מיט אַ מסירה פאַר דער מאַכט...

די ניי־געגרינדעטע „מכבי״ אין יאָר 1932/33 איז שוין אַ דורכאויס ציוניסטישע, נעמט ניט אַרײַן צו זיך קיין לינקע עלעמענטן. אין איר ספּאָרט־טעטיקייט באַמיט זי זיך אויסצוגלייכן מיטן מאָרגנשטערן״.

אויך אין „מאָרגנשטערן״ ווערט ניט אָפּגעהיטן די גאַנצקייט און אייניקייט. די בונדישע פאַרוואַלטונג באַזייטיקט די ספּאָרטלער, וועלכע ווילן זיך ניט דעקלאַרירן אַלס פאַרטיי־חברים. קאַפּל איז קעגן אַזאַ האַנדלונג פון דער פאַרטיי. אין 1932 ווערן געפירט מיט קאַפּלען אונטערהאַנדלונגען וועגן צוריק אַרײַנטרעטן אין „מאָרגנשטערן״. קאַפּל איז צופרידן מיט דער ווענדונג, ער לייגט פאָר דריי ערטער אין דער פאַרוואַלטונג: מאָריץ שאַפּשעוויטש אַלס סעקרעטאַר, גרינבוים — קאַסיר און שטיפּט אברהם — פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן אָרקעסטער. אויסער דעם: פּרווינט אַנשל — דיריגענט פון אָרקעסטער, בריצמאַן אברהם — לייטער פון דער שאָך־סעקציע, טימיענקאָ — מכשירים, קלינגבייל און עדזשאַ פוקס — פינג־פּאָנג סעקציע. דער פאַרטיי־קאָמיטעט פון „בונד״ איז אָבער ניט מסכים מיט קאַפּלען — און דער לעצטער טרעט אַרויס פון פאַרטיי־קאָמיטעט אַלס צייכן פון פּראָטעסט, איז אַפילו אין אַ צושטאַנד פון ברוגז מיט זײַן ברודער הערמאַן... קאַפּלען האָט קודם־כל אינטערעסירט דער ספּאָרטלער און ניט דער פאַרטיי־חבר. אַ סברה, אַז מ׳האָט אים נאָכגעגעבן. מיר זענען צוריק אַרײַנגעטרעטן אין „מאָרגנשטערן״ אַלס קאָלעקטיוו — און אַ נייער גייסט האָט באַלעבט די פאַרשידענע סעקציעס. די חברים פּרווינט און שטיפּט האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך קענטעניש און איניציאַטיוו צו באַנייען דעם אָרקעסטער.

אין ספּאָרט־לעבן אויף דער יידישער גאַס, פּונקט ווי אין פּאָליטיש־פּאַרטייאישן לעבן, איז אָנגעגאַנגען פּאַרמעסטן און קאַמף פאַר השפּעה. די באַנייטע „מכבי״ האָט טאַקע געוואָלט ריוואַליזירן מיט „מאָרגנשטערן״. מעגלעך, אַז דאָס וואָלט איר געלונגען, ווען בראש פון זייער אָרגאַניזאַציע זאָל האָבן געשטאַנען אַזאַ דינאַמישער און טרייער מענטש, ווי קאַפּל. דער טרענירער פון „מכבי״, אַלבערט קאַין, איז געווען אַ גוטער פוטבאָליסט, איבערגעגעבן דער זאַך, און מיט דער הילף פון זײַן פאַרטרעטער גריידער יוקוש, אַ סך געלייסטעט פאַרן קלוב. נאָר אַז ס׳איז געקומען אַ פוטבאָל־פאַרמעסט, שבת נאָכמיטאָג, ווען דער רוב יוגנט און עלטערע זענען געקומען זיך צוקוקן צום נצחון, אָדער מפּלה פון „זייער״ קלוב, לויט די סימפּאַטיעס, וואָס מ׳האָט געהאַט — איז בדרך כלל „מאָרגנשטערן״ אַרויס דער זיגער. מען האָט שיער דערין ניט געזען אַ זיג פון בונדיזם איבערן ציוניזם...

דער טרענירער פון די „מאָרגנשטערן״־פוטבאָליסטן איז געווען משה מאָשקאָוויטש (היינט אין אַמעריקע). נישט שטענדיק איז ער אַדורכגעקומען מיט קאַפּלען אין ספּאָרט־פראַגן, אָבער זײַנע אינסטרוקטאָרישע פעיקייטן האָט קיינער נישט געלייקנט. ער האָט צוגעגרייט אַ גוטן קאַדער שפּילער, ווי חנא בלום, נח טעפּליצקי, פנחס מאַרקוס, משה בלאַנק, וואָלף מאַנטשיק. און וועגן טויערמאַן מענדל זשוראַווסקי (אין חיפה), זענען ממש אַרומגעגאַנגען לעגענדעס צוליב זײַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט צו כאַפּן דעם באַלעם. מע האָט אים גערופן „ציגאַן״ און די אַנטי־סעמיטישע שפּילערס זענען מיט ציין־קריצעניש אַראָפּ פון פּלאַץ, ווען מענדל איז געשטאַנען אין טויער...

אויך די שאָך־סעקציע אונטער דער לייטונג פון אברהם בריצמאַן און שמעון פלאַצקער האָט געהאַט אַ סך אָנערקענונג. פאַרמאָגט אַ 40 שאַכיסטן.

אַז איך רייד שוין וועגן דער טעטיקייט פון „מאָרגנשטערן״ — די רייפע פרוכט פון קאַפּלס מי און אָנשטרענג, איז כדאי צו דערמאָנען די מוסטער־גרופּע פאַר מענער, צו וועלכער עס האָבן געהערט זקן אַש, גרינבוים, יאָסל גאָלדבערג, שלמה קאָוואַלסקי, יורעק אָגורעק, נח טעפּליצקי.

דער ריטמיק־גרופּע פון 16 מיידלעך (פון 15—16 יאָר), בראש מיט בינע קאַזאַק, האָט קאַפּל אַוועקגעגעבן אַ סך פון זײַן צייט און ענערגיע. געפאָרן קיין וואַרשע נאָכקוקן די בעסטע ריטמיק־מייסטער, כדי דאָס איבערגעבן דער סעקציע פון זײַן קלוב. די עפנטלעכע אויפטריטן פון די יינגע מיידלעך האָבן אַרויסגערופן אַלגעמיינע באַגייסטערונג. אַפילו דער הויפּט־אינסטרוקטאָר פון וואַרשעווער „מאָרגנשטערן״, וועלכער האָט אַמאָל בייגעוווינט אַזאַ אויפטריט אין קוטנע, האָט נישט געהאַט קיין לויב־ווערטער פאַר דער גראַציעזקייט און איינגעאיבטקייט פון די יונגע ספּאָרטלערינס. און קאַפּל האָט געשיינט פון פרייד, געפילט זיך גליקלעך, וואָס זײַן אַרבעט גיט אַזעלכע רעזולטאַטן.

*


בעת אין די שטובן האָט געפייפט דער דלות, מרה־שחורה האָט דאָרט געוועלטיקט — האָבן יידישע יוגנטלעכע געפונען פרייד און דערמוטיקונג אין די פאַרשידענע ספּאָרט־סעקציעס און איבונגען פון „מאָרגנשטערן״. קאַפּל האָט וועגן דעם געוווּסט. זײַן פרייד איז געווען נאָך שטאַרקער, זײַן שטאָלץ — גרעסער, וואָס דעם ספּאָרט געלונגט אָפּצורייסן דעם יוגנטלעכן פון דער גראָערווירקלעכקייט. ער האָט ממש איבערמענטשלעך זיך אָנגעשטרענגט ביי יעדער עפנטלעכער אַרויסטרעטונג פון קלוב, געזאָרגט פאַרן קלענסטן פּרט, „געבראָכן דעם קאָפּ״ פאַר די קאָסטיומען, מכשירים און איבער אַלעמען — די זאָרג פאַרן מענטש. זײַן דערהויבנקייט האָט מען געזען אין אַ שבת נאָכמיטאָג אין יולי, ווען אַ 500—600 ספּאָרטלער פלעגן אָפּמאַרשירן אויפן ספּאָרט־פּלאַץ דורך די גאַסן פון שטאָט. אַפילו די פרומע טאַטעס און מאַמעס האָבן אָנגעקוואָלן פון זייערע קינדער, ווי זיי האָבן מאַרשירט צום טאַקט פון דער מוזיק. אַלץ איז געווען טומלדיק, פריידיק, מוטיק — און קאַפּל האָט געשיינט פאַר גליק...

כבוד זײַן אָנדענק!

ייד. סאציאליסטישע ספארט־ארג. „מארגנשטערן"

יאָסל גאָלדבערג
מאָנטרעאָל, קאַנאַדע

דער יידישער אַרבעטער־ספּאָרט קלוב אין קוטנע „מאָרגנשטערן", האָט אין פאַרלויף פון אַ גאָר קורצער צייט דורכגעמאַכט אַ זייער ראשיקע אַנטוויקלונג: פון עטלעכע גימנאַסטישע גרופּן בעת דער אַנטשטייאונג פון קלוב — ביז עטלעכע גוט־איינגעשטעלטע סעקציעס פאַר גימנאַסטיק, פוטבאָל, לייכט־אַטלעטיק, שאַך, מוזיק און אַנדערע.



„יוטשניאַ־מאָרגנשטערן"

אין „מאָרגנשטערן" בין איך געקומען אין יאָר 1928 מיט מיין שול־חבר אָגורעק, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער הויפּט־קאַסירער פון קלוב.

צומערשט האָט דער קלוב זיך געמוזט באַגרענעצן אין זיין טעטיקייט, צוליב דעם קליינעם לאָקאַל, וועלכן דער „בונד" האָט געהאַט אויף קרולעווסקע גאַס. אַז די פּאַרטיי האָט דערגרייכט אַן אייגענע, צוויי־שטאָקיגע געבידע, איז פאַרן „מאָרגנשטערן" אָפּגעגעבן געוואָרן אַ ריזיקער זאַל אין דער גאַנצער לענג פון בנין. די פרייד איז געווען גרויס, בפרט נאָך, אַז דער זאַל איז אויסגעשטאַט געוואָרן מיט אַלע נייטיקע מכשירים, ווי: שוועדישע רינגען, טראַפּעזן, טראַמפּאָלינען, מאַטראַצן, מעדיצינישע באַלעמס אד"גל. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ האָט אַריינגעצויגן אין קלוב אַלץ מער יוגנטלעכע אַרבעטער און פון דער אָרעמקייט. אַפילו קינדער־גרופּן (פון 5 יאָר אָן) האָבן געאיבט אין „מאָרגנשטערן".

ווי איך געדענק, איז דער אַרבעטס־פּלאַן געווען איינגעטיילט אויף אַזאַ אופן:

2 מאָל אין וואָך — אַ קינדער־גרופּע פון יינגלעך און אַ קינדער־גרופּע פון מיידלעך אין עלטער פון 5 יאָר; 2 יוגנט־גרופּן — פון 11 ביז 15 יאָר; צוויי מענער־ און פרויען־גרופּן פון 16 יאָר אָן און ווייטער; צוויי מוסטער־גרופּן (פאַר מענער און פרויען).

די אינסטרוקטאָרן זענען אַלע געווען מיטגלידער פון „מאָרגנשטערן". אויך דער שרייבער פון די שורות האָט אָנגעפירט מיט עטלעכע גרופּן. נאָר די קינדער, וועלכע כ'האָב אינסטרואירט — וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן; בראש פון דער אינסטרוקטאָרן־גרופּע איז געשטאַנען דער אומפאַרגעסלעכער קאָפּל קירשבוים.

צו דער שטאַרקסטער און פּאָפּולערסטער סעקציע האָט געהערט די פוטבאָל־מאַנשאַפט, וועלכע האָט געציילט ביי אַ 30 ספּאָרטלער. זיי האָבן זיך דערשלאָגן ביז די פאַרמעסטונגען אין קלאַס „א" און געווען שטאַרק באַליבט ביי יידן, ווי ביי ניט־יידן.

דער בלאָז־אָרקעסטער פון „יוטשניאַ" האָט געהאַט אַ דריי צענדליק אינסטרומענטן, ווי: קאָרנעטן, קלאַרנעטן, אַלטן, טענאָרן, באַריטאָנען, באַסן און אַ דזשאַז. 2 מאָל אין וואָך זענען פאָרגעקומען לעקציעס, אונטער דער אָנפירונג פון דיריגענט וויטקאָווסקי. דער אָרגאַניזאַטאָר און אויפזעער איבערן אָרקעסטער איז געווען אברהם גאָלדבערג (מיין פאָטערס ברודער). ער אַליין האָט געשפּילט אויף אַ באַס און זיינע צוויי זין, משה־הערש און יחיאל, האָבן אויך געשפּילט אין אָרקעסטער.

צוויי טורנפעסטן זענען פאָרגעקומען יעדעס יאָר אין גרעסטן זאַל אין שטאָט אין ווינטער, און אויפן ספּאָרט־פּלאַץ — אין זומער. אַ גרויסער עולם האָט מיט נייגיר און אָנערקענונג זיך צוגעקוקט צו די ספּאָרט־אויפטריטן אויף אַ הויכן ניוואָ. דער טורנפעסט אין זומער איז געווען פאַרבינדן מיט אַ ספּאָרט־מאַניפעסטאַציע פון די ספּאָרטלער איבער די גאַסן פון דער שטאָט, אונטער די קלאַנגען פון אייגענעם אָרקעסטער. דער מאָראַלישער און פינאַנסיעלער דערפאָלג פון די פעסטן איז געווען אַ ביז גאָר צופרידנשטעלנדיקער.

דער קלוב האָט ניט גענאָסן פון קיין שום סובסידיעס, נאָר זיין בודזשעט געבויט דער עיקר אויף מיטגלידס־אָפּצאָל (מינימום — 10 גראָשן אַ וואָך. אַ סך חברים זענען אויך פון דעם באַפרייט געוואָרן, ווייל זיי האָבן ניט געקענט צאָלן אַפילו די קליינע סומע).



ספּאָרטלער פון „יוטשניאַ־מאָרגנשטערן"

היינט וווּנדער איך זיך, ווי אַזוי האָט מען געפירט אַזאַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט, אָן וועלכער ס'איז זייטיקער הילף און שטיצע. און אין געדאַנק טויכן אויף אַזעלכע געשטאַלטן־אידעאַליסטן, וואָס נאָר אַ דאַנק זיי איז מעגלעך געווען אויפצובויען דעם „מאָדגנשטערן", ווי קאָפּל קירשבוים און אַנדערע, וועמענס איינציקער שכר איז געווען — דער וווּקס און אַנטוויקלונג פון קלוב.

דאקומענטן, בילדער און צייטונגען - וועגן קוטנער יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן

ציוניסטישע נייעס

(איבערגעדרוקט פון „דער מאָמענט“,
וואַרשע, 17טער פעברואַר 1933)

די היגע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט איבערגענומען די דירה פון פרנס יצחק מייראַנץ, צוליב זיין אָפּפאָרן קיין א״י.



לפרנס / דעם פרנס
יצחק בר׳ יהונתן ז״ל מייראַנץ
בעד עבודתו המועילה / פאַר זיין פּאַרטייִשן אַרבעט
לטובת הציבור היהודי / לטובת דער היגער יידישער
בכאן ביום עזבו את / געזעלשאַפט אין טאָג פון זיין
קוטנה ועלידו עם / אָפּפאָרן און באַוועגן צוזאַמען
משפחתו ארצה ישראל / זיין פאַמיליע אין ארץ ישראל
למזכרת / אלס אנדענקונג
מועצת ושלטון הקהלה העברית בקוטנה / דער ראַט און פערוואַלטונג פון דער יידישער קהלה אין קוטנא
קוטנא כא טבת תרצג

אנערקענונגס־בריוו פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג פאַרן פרנס יצחק מייראַנץ צו זיין עולה זיין קיין א״י

דאָרט ווערט איינגעאָרדנט אַ „בית עם“ מיט אַ גרויסן לייען־זאַל. אין לאָקאַל (אגב, אַ גרויסאַרטיקע דירה פון פינף צימערן), וועלן זיך געפינען: די ביבליאָטעק א. נ. פון אחד־העם, די פרעבל־שול פון וויצ״אָ, דער בית״ר, און די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן א״י.

*

די פרויען־אָרגאַניזאַציע וויצ״אָ, צוזאַמען מיטן אָרטיקן קאָמיטעט פון קק״ל, גרייטן זיך צום באַזאַר, וואָס קומט שוין פאַר טראַדיציאָנעל אין קוטנע, יעדעס יאָר — פורים־צייט.

*

אין דער נאָענטסטער צייט פאָרט אָפּ קיין א״י איינער פון די טעטיקסטע ציוניסטישע טוערס, דער געוו. פאָרזיצער פון דער קהילה, דירעקטאָר פון דער „באַנק קופּיעצקי“ — ה׳ אהרון מענדלעוויטש. ה׳ מענדלעוויטש איז געווען טעטיק אויף אַלע געביטן פון אָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן און איז לאַנג געווען דער איינציקער יידישער לאַווניק אין מאַגיסטראַט.

*

(וואַלן צום שטאָטראַט). — אין שטאָט קורסירן קלאַנגען, אַז שוין אין דער נאָענטסטער צייט זאָלן פאָרקומען וואַלן צום שטאָטראַט, ווענענס קאַדענץ ענדיקט זיך היינטיקן חודש.

י. ב. ק.


וויצ״אָ געזעגנט אירס אַ חברטע צום עולה זיין קיין א״י

געזעגענונגס־רעדע פון פרוי אַננאַ באַזשיקאָווסקאַ אין נאָמען פון קוטנער וויצ״אָ, אויפן אָפּשיידס־אָוונט לכבוד דער עליה פון פרוי דבורה קדמוני, (מענדל קאַנאַלס טאָכטער), רחובות.

טייערע חברטע,

די היינטיקע פייערונג האָט פאַר מיר אַ ניט קלענערע באַדייטונג, ווי פאַר אייך. אַ סך מיטגלידערינס זענען שוין ארויסגעפאָרן פון קוטנע, ווי די פרויען מענדלעוויטש, מייראַנץ, ראַמאַנאָוו און אַנדערע. אָבער זיי זענען געפאָרן אויפן סמך פון סערטיפיקאַטן, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון זייערע מענער, אָדער אַלס טוריסטינס, ווי צ. ב. די פריילין פלידערבלום. אָבער איר זענט עולה קיין ארץ־ישראל גלייך פון דער הכשרה, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין דער דיאַספּאָרע — אין דער שול, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דער מיטגלידערין פון דער וויצאָ־עקזעקוטיווע, פרוי אַדאַ פישמאַן און אויסגעהאַלטן דורך וויצ״אָ. אייער אַרויספאָר איז דעריבער פאַר מיר עפּעס מער ווי פרייד. מען מעג אַזאַ רייזע באַצייכענען אַלס גליק. אַזוי וואָלט איך עס געוואָלט אָנרופן... און דאָס וואָרט גליק איז אָפּהענגיק פון אייך, אַרויספאָרנדיקע.

איך ווענדע זיך צו אייך, חברטעס, מיט אַ וואַרעמען רוף. אַפילו מיט אַ געבעט: טוט אַזוי, אַז אייער עליה און זיין אין ארץ־ישראל, זאָל אונדז דאָ פאַרשאַפן שטאָלץ. אַז איר זאָלט מיט איבערגעגעבנקייט און קרבנות־גרייטקייט אַרבעטן פאַרן לאַנד. איך פאָדער נישט אָפּזאָגן זיך פון די נאָענטסטע, נאָר געדענקט: איר זענט פון די ערשטע. דאָס לאַנד בויט זיך און נייטיקט זיך אין אידעאַליסטן. עס פאָרן אַהין גענוג אומגע־


P R O G R A M M
... Einweihung der Jüdischen Volksschule in ...
am ... 18.
... 11 Uhr vorm.
1. Ansprache des Herrn ...
2. Ansprache des Herrn ...
3. Ansprache des Stadtverordneten ...
4. Ansprache des ...
5. Ansprache des ...

תוכנית החגיגה לפתיחת ביה״ס היהודי בקוטנה, ברשות הגרמנים (1918)
פּראָגראַם פון דער פייערונג צו דערעפענען די יידישע שול אין קוטנע (1918) בעת דער דייטשער הערשאַפט

וונטשענע עלעמענטן, אָבער איר דאַרפט פאַרן קיין ארץ און אַרבעטן פאַר ארץ מיט אַ סך אָפּפערוויליקייט. ע׳רשט איצט נייטיקט מען זיך דאָרט אין מענטשן. איר יונגע, געשיקט פון דאַנען, וועט זיין אונדזער שטאָלץ, אַזוי ווי קובאַ ריפּתין איז אין זיין אָרגאַניזאַציע זייער שטאָלץ, און אַרבעט מיט איבער־געגעבנקייט פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק. דאמאָלט וועל איך זאָגן, אַז כ׳בין גליקלעך.

מיר איז שווער צו ריידן וועגן אייערע פאַרדינסטן דאָ. איר זייט יונג. די „ווי׳צ״אָ הצעירה״ האָט ניט געקענט קיין סך אויפ־טאָן. איך בעט אייך, פאָדערט אַפילו, אַז איר זאָלט זיין אונדזער שטאָלץ און פאַר, יעדער טאָט אייערן זיך פרעגן: „צי איז דאָס לטובת דעם לאַנד און דעם פאָלק?״.

אין אַזעלכע מענטשן נייטיקן מיר זיך — און אַזעלכע ווילן מיר אייך זען אין לאַנד...

אין נאָמען פון וויצ״אָ אין קוטנע
— אַננאַ באָזשיקאָווסקאַ



אָנדענק־בילד צום עולה זיין פון ה׳ מייראַנץ קיין א״י

ראַיאָן־צוזאַמענפאָר אין קוטנע פון פראָפי־פאַראיין פון אָנגעשטעלטע אין יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פוילן

(איבערגעדרוקט פון „ביולעטין״ נומ׳ 2, 1טער אַפּריל 1931, וואַרשע, אַרויסגעגעבן פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די אָנגעשטעלטע אין יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פוילן).

קוטנע

דעם 1טן מערץ איז פאָרגעקומען אַ ראַיאָן־קאָנפערענץ אין קוטנע אין וועלכער ס׳האָבן אָנטייל גענומען דעלעגאַטן פון פאָלגנדיקע שטעט: קוטנע, דאָברושין, גאָמבין, גאָסטינין, קרוש־ניעוויץ, לוביען, לאָוויטש, סאָכאַטשעוו, וולאָצלאַוועק, זשיכלין. און אַלס פאָרשטייער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג דער ה׳ ד״ר שאַלמאַן.

אין נאָמען פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט די קאָנפערענץ געעפנט דער ה׳ קאַנטאָר, וועלכער האָט אין אַ לענגערער רעדע אָנגעוויזן אויף די צילן און אויפגאַבן פון אונדזער פאַראיין. נאָכן אויסוויילן אַ פּרעזידיום, האָבן די קאָנפערענץ באַגריסט דער ה׳ ד״ר שאַלמאַן אין נאָמען פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג און פּרעזעס לעווין אין נאָמען פון דער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַטיווער באַנק, ווו די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען.

דער ה׳ שאַלמאַן האָט געהאַלטן פאָלגנדיקע רעפעראַטן:

א) אונדזער שטעלונג אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

ב) דער אַלפוילישער צוזאַמענפאָר.

אין דער דיסקוסיע האָבן אָנטיילגענומען די ח״ח: קראַש־ניעווסקאַ און פּיאָטרקאָווסקי (לוביען), זאמאָשטש (גאָמבין), קאַנ־טאָר, מענדעלעוויטש, אייקע, מייראַנץ (קוטנע), קעלמער און שטיינבערגער (זשיכלין), גראודענס (וולאָצלאַוועק), צווייגעל (דאָבזשין), אָשעראָוויטש (לאָוויטש).

ס׳האָט אויך בייגעוווינט די קאָנפערענץ דער ה׳ אינזש. שאָשקעס, וועלכער האָט געוויילט אין קוטנע אין אַמטלעכע אָנגעלעגנהייטן.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן דעם רעווי־זיאָנס־פאַרבאַנד אַ באַגריסונגס־דעפּעשע צו זיין צעניאָריקן יובל און האָט אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס וועגן אָרגאַניזאַציאָ־נעלע פראַגן. נאָך דעם האָט דער פּאָרזיצער ה׳ שטיינבערגער געשלאָסן די קאָנפערענץ.

ווענדונג פון דער געזעלשאַפט פון יידישע מיטלשולן אין קוטנע

דער אויפרוף איז דערשינען (אין 1930?) אין פויליש און אין יידיש, אידענטישע טעקסטן. דער יידיש־טעקסט ווערט דאָ געבראַכט מיט אייניקע אויסבעסערונגען אין אויסלייג און אין סטיל. (זע בילד אויף ז׳ 230).

ג. ח.,

די צוקונפט פון יעדן פאָלק איז אָפּהענגיק פון דער דערציאונג וועלכע עס באַקומט דער יונגער דור. אַ גוטע, יידישע דערציאונג קאָן די יוגנט באַקומען נאָר אין אַ יידישער נאַציאָנאַלער שול. די איינציקע יידישע נאַציאָנאַלע שול אין קוטנע געפינט זיך אָבער אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, אַז די לאַגע קאָן ווערן קאַ־טאַסטראָפאַל, אויב די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט וועט נישט איילן מיט איר הילף. כדי צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון דער שול, האָט זיך געשאַפן אַ נייע פאַרוואַלטונג פון „יידישע מיטל־שולן״ אין קוטנע, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפ־גאַבע אַרויפצופירן די שול אויף דעם נאָרמאַלן וועג פון אַנט־וויקלונג.



כנס מחוזי בקוטנה של האיגוד המקצועי של עובדי המסחר והקואופרטיבים בפולין

די דאָזיקע אויפגאַבן וועלן אָבער נישט קענען דערפילט ווערן, ווען די יידישע באַפעלקערונג אין קוטנע וועט נישט געוויסנהאַפט דערפילן איר חוב פאַר דער איינציקער יידישער נאַציאָנאַלער שול אין אונדזער שטאָט.

בכדי גאַראַנטירן די נאָרמאַלע אַרבעט פון דער שול, און אָפּהיטן זי פון אַריינפאַלן אין דער צוקונפט אין אַזאַ מצב ווי זי געפינט זיך היינט, איז נייטיק אַ גרונט־פאָנד. צו דעם צוועק האָט די פאַרוואַלטונג פּראָקלאַמירט אויף די טעג פון חול־המועד סוכות אַ זאַמל־אַקציע פאַר דער שול.

מיר זענען טיף איבערצייגט, אַז איר וועט געוויסנהאַפט אייער חוב פאַר דער שול דערפילן, ווען מיר וועלן זיך אין דער צייט פון דער אַקציע צו אייך ווענדן.

יידן! זאָרגט וועגן דער צוקונפט פון אייערע קינדער.

געדענקט, אַז נאָר אין דער יידישער נאַציאָנאַלער שול וועלן אייערע קינדער אויסוואַקסן ווירדיקע מענטשן און שטאָלצע יידן.

זאָלן מיר, קוטנער יידן, אויפן געביט פון יידישער דערציאונג, נישט זיין אונטערשטעליק פון אַנדערע ערטער.

מיט דרך־ארץ:

די פאַרוואַלטונג:

פאָרזיצער: ד״ר מ. פינקעלשטיין
וויצע־פאָרזיצער: וול. הירשבערג
סעקרעטאַר: ד״ר ווײנרעב
קאַסירער: מ. יאַרעצקי

קאָמיטעט־מיטגלידער:
ש. פאַלץ, ה. האָלצמאַן, מ. לענטשיצקי,
א. פלאָצקער, י. זשעלעכאָווסקי.



פאַטראָנאַט פון דער הכשרה • ה„פטר:נט״ של ההכשרה

באַשטעטיקונג פון דער יידישער גמינע פאַר א. ש. עלבערג

פאַרוואַלטונג פון דער יידישער גמינע אין קוטנע, וואַרשאַווסקע 100.
קוטנע, דעם 1925.10.2 יאָר.

באַשטעטיקונג*

די יידישע גמינע באַשטעטיקט דערמיט, אַז ה׳ אהרון־שלמה עלבערג איז פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון יאָר 1916. ה׳ עלבערג ווערט דעלעגירט דורך דער יידישער קהילה קיין פאַלעסטינע אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, פאַרבונדן מיט דער פאַרשטאַרקטער עמיגראַציע אין דעם לאַנד.

* אין אָריגינאַל איז דער דאָקומענט געשריבן אויף אַ שרייבמאַשין, אין צוויי שפּראַכן: פויליש און ענגליש.

Rachunek Strat i Zysków

za rok 1928.

Winien	Zł. gr.	**Ma**	Zł. gr.
1. Procenty zapłacone	14,024.41	1. Procenty pobrane	15,609.27
2. Prowyzja zapłacona	2,069.80	2. Prowizja pobrana	29,195.18
3. Podatki	2,036.32	3. Zwroty za druki i t. p.	104.38
4. Koszty handlowe	18,593.21		
5. 10% amortyzacji ruchomości	243.03		
6. Czysta nadwyżka za rok sprawozdawczy	7,942.06		
	44,908 83		44,908.83

Kutno, dnia 17 lutego 1929 roku.

ZARZĄD:

Prezes: (–) J. STEINFELD Wice-Prezes: (–) B. HOLCMAN

Członkowie: (–) Sz. FALC. (–) S. OPOCZYNSKI. (–) J. SZLAJFER.

Kierownik (–) A. MENDLOWICZ

בילאַנס פון „באַנק קופּיעצקי“ (1928) מאזן של ה„בנק קופ״יצקי״ (1928)

אַלע מלוכהשע און פריוואַטע אינסטיטוציעס אין לאַנד און אין אויסלאַנד ווערן געבעטן צו פאַרלייכטערן דעם ה׳ עלבערג די אים אנפאַרטרויטע ערן־שליחות.

פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער :

פאַרזיצער : הרב י. טרונק — א. שיינראַק

א. איזמאַן — י. מייראַנץ

(סטעמפל פון דער קהילה)

דערמיט באַשטעטיק איך די אייגנהענטיקע אונטערשריפטן פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דער ידישער קהילה אין קוטנע: ראַבינער י. טרונק, א. אייזמאַן, א. שיינראַק און י. מיי־ראַנץ.

קלעפּאַ, בירגערמייסטער.

(סטעמפל פון מאַגיסטראַט)


פּראָגראַם* פון דערעפענען די יידישע פאָלקס־שול אין קוטנע (1916)

פאַר איינווייאונג פון דער יידישער פאָלקסשול אין קוטנע, דעם 16טן אָקטאָבער 1916.

11 פאַרמיטאַג.

1. רעדע פון הער בירגערמייסטער, לייטענאַנט טיטז.
2. רעדע פון הער קרייז־שול־אינספעקטאַר.
3. רעדע פון שטאַטפאַראָרדענטן, ה׳ באַנקיר הירשבערג.
4. רעדע פון מיטגליד פון שול־קאָמיטעט, ה׳ עלבערג.
5. רעדע פון הויפּט־לערער ה׳ ערדבערג.

* צונויפגעשטעלט אין דער דייטשישער שפּראַך. עס האַנדלט זיך דאָ אוודאי וועגן אַ חנוכת־הבית פון דער שול.



Towarzystwo Żydowskich Szkół Średnich w Kutnie.

W. P.

Tężyzna narodu, jego siła i dobrobyt zależą od wychowania jakie otrzymuje młode pokolenie. Pierwszym i najważniejszym warunkiem tegoż jest dobra szkoła. Taką właśnie posiadamy. Lecz ta jedyna placówka kulturalna w naszem mieście jest w obecnej chwili poważnie zagrożona! Całe więc społeczeństwo żydowskie powinno spieszyć z pomocą tej jedynej szkole, dającej dzieciom naszym podstawę do przyszłej walki o byt! Celem obrony egzystencji tej szkoły wyłonił się nowy Zarząd Towarzystwa Żydowskich Szkół Średnich, który postanowił zwrócić się z apelem do sumienia i ofiarności żydowskiego społeczeństwa w Kutnie. By zapewnić spokojną pracę szkole i być pewnym jej dobrych wyników na przyszłość, musimy stworzyć fundusz podstawowy. W tym celu przeprowadzamy akcję zbiórkową w wolne dnie „Sukoth".

Wtedy zwrócimy się do W. Pana w tem głębokiem przekonaniu, że nie znajdziemy nikogo wśród społeczeństwa żydowskiego, któryby nie poparł tak szlachetnego celu.

Obywatelu żydowski dbaj o kulturę swego przyszłego pokolenia!

Okaż swą ofiarność!

Niech Kutno pod względem oświaty nie stoi na szarym końcu!

Prezes: (—) Dr. Finkelstein

Sekretarz: (—) Dr. J. Weinreb — Viceprezes: (—) Wł. Hirszberg

Skarbnik: (—) M. Jarecki

Członkowie Zarządu:

(—) Sz. Falc, (—) H. Holcman, (—) M. Łęczycki

(—) A. Płockier, (—) J. Żelechowski

נ. ה.

די צוקונפט פון יעדן פאלק איז אבהענגיג פון דער ערציהונג וועלכע עס בעקומט דער יונגער דור. א גוטע, יודישע ערציהונג קען יוגענד בעקומען נור אין א יודישע נאציאנאלע שולע, די איינציגע יודישע נאציאנאלע שולע אין קוטנא געפינט זיך אבער אין אזעלכע שווערע בעדינגונגען, דאס די לאגע קען ווערן קאטאסטראפאל אויב די גאנצע יודישע געזעלשאפט ווירד נישט איילען איהר מיט הילף. כדי צו ראטעווען די עגזיסטענץ פון דער שולע האט זיך געשאפען א נייע פערוואלטונג פון „יודישע מיטעל שולען" אין קוטנא, וועלכע האט זיך געשטעלט פאר א אויפגאבע ארויפצופיהרען די שולע אויף דעם נארמאלען וועג פון ענטוויקלונג.

די דאזיקע אויפגאבען וועלען אבער נישט קעננען ערפיהלט ווערען ווען די יודישע בעפעלקערונג אין קוטנא וועט נישט געוויסענהאפט ערפיהלען איהר חוב פאר דער איינציגער יודישער נאציאנאלער שולע אין אונזער שטאדט.

בכדי גאראנטירען די נארמאלע ארבעט פון דער שולע, און אבהיטען זי פון אריינפאלען אין דער צוקונפט אין אזא מצב ווי זי געפינט זיך היינט, איז נויטיג א גרונד פאנד. און צו דעם צוועק האט די פערוואלטונג פראקלאמירט אויף די טעג פון חול המועד סוכות א זאמעל אקציע פאר דער שולע.

מיר זענען טיעף איבערצייגט דאס איהר ווירד געוויסענהאפט אייער חוב פאר דער שולע ערפיהלען ווען מיר וועללען זיך אין דער צייט פון דער אקציע צו אייך ווענדען.

יודען! זארגט וועגען דער צוקונפט פון אייערע קינדער.

געדענקט אז נור אין דער יודישער נאציאנאלער שולע וועלען אייערע קינדער אויסוואקסען ווירדיגע מענשען און שטאלצע יודען.

ואלען מיר קוטנער יודען אויפ׳ן געביט פון יודישער ערציהונג נישט זיין אונטערשטעליג פון אנדערע שטעדט.

מיט׳דרך ארץ

די פערוואלטונג

פארזיצענדער: ד״ר מ. פינקעלשטיין — סעקרעטאר: ד״ר ווינרעב

ויצע־פארזיצענדער: וול. הירשבערג — קאסירער: מ. יארעצקי

קאמיטעט׳ס מיטגלידער: ש. פאלץ, ה. האלצמאן, מ. לענטשצקי.

א. פלאצקיער, י. זשעלעכאוואסקי.

אַ בריוו פון קוטנע

איבערגעדרוקט פון וואַרשעווער
„נאַש פשעגלאָנד“, 23.4.1933

סקאַנדאַלעכלעך • געשאָסן אויף אַ זשורנאַליסט • אייער — אַ געווער אין די הענט פון אַ פרוי • באָיקאָט פון דייטשע סחורות.

אונדזער שטאָט, אין אַלגעמיין אַ רואיקע און אָן גרויסע געשעענישן, איז אין דער לעצטער צייט געווען אַן אַרענע פון עטלעכע סקאַנדאַלן, וועלכע האָבן אויפגערודערט אונדזער עפנטלעכע מיינונג.

צוויי סקאַנדאַלן, וועלכע האָבן געהאַט אַ טיפן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער געגנט, האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין שייכות מיט נאָטיצן אין דער היגער וועכנטלעכער פּרעסע. אויפן רינעק האָט מען אַ געוויסן טאָג געשאָסן אויפן רעדאַקטאָר פון דער „קראָניקאַ קוטנאָווסקאַ“, הער שיקאָרסקי. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער שיסער געווען אַדוו. סאַקאָוויטש, וועלכער האָט זיך געפילט געטראָפן פונעם אינהאַלט פון אַ באַריכט, פאַרעפנטלעכט אין דער וואָכנשריפט, רעדאַגירט דורך שיקאָרסקין, אין שייכות מיט סאַקאָוויטשעס פאַרטיידיקן אַ געוויסע פריילין סאָס, וועלכע האָט פּרובירט דערמאָרדן דעם לערער זשענטאַ. די באַשולדיקטע אין מאָרד צוליב אַ ליבעס־אַנטוישונג איז דורכן געריכט פאַרמשפּט געוואָרן אויף צוויי יאָר תפיסה, מיטן פאַרהענגען דאָס אויספירן דעם אורטייל אויף דריי יאָר. דער פון סאַקאָוויטשן פאַרוווּנדעטער רעדאַקטאָר שיקאָרסקי האָט געמאָלדן דער פּאָליציי — און דער גאַנצער ענין וועט האָבן זיין עפּילאָג אינעם געריכט־זאַל.

אין צווייטן פאַל איז דער קרבן פון „איבערפאַל“ אויך געווען אַ זשורנאַליסט. דאָס מאָל איז דאָס געווער אין דער האַנט פון פרוי פּרוכטער, וועלכע האָט אַטאַקירט — געווען אייער, פּשוטע אייער. מיט זיי איז עפנטלעך באַוואָרפן געוואָרן פאַרן מאַגיסטראַט־בנין, דורך דער פרוי פון דאָקטאָר פּרוכטער, דער רעדאַקטאָר פון „טיגאָדניק נאַראָדאָווי“, נאָוואַצקי.

די עיקר סיבה פאַר אַזאַ סאָרט אַרויסטריט קעגן אַדוו. נאָוואַצקי איז געווען אַ נאָטיץ אין „טיגאָדניק נאַראָדאָווי“ וועגן אַ קינדער־פאַרוויילונג, פאַרגעקומען לויט דער איניציאַטיוו פון בירגערלעכן פרויען־קאָמיטעט. אין דער דאָזיקער נאָטיץ האָט די יידנפרעסערישע וואָכנשריפט אַרויסגערוקט אַ גאַנצע ריי באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון די אָרגאַניזאַטאָרן, קריטיקירנדיק אויף אַן אומדערלאָזבאַרן אופן דאָס אַדורכפירן די פאַרוויילונג באַזאַמען פאַר קריסטלעכע און יידישע קינדער. „די יידישע קינדער — לייענען מיר אין דעם עקלהאַפטן בלעטל — טראָגן שוין, ליידער, אין בלוט, די באַקצילן פון פאַרדאַרבונג און דעסטרוקטיווקייט. מע דאַרף דעריבער ריקזיכטלאָז איזאָלירן די קריסטלעכע קינדער פון די יידישע...“

אויף דער דאָזיקער קינדער־פאַרוויילונג זענען אויך געווען אָנוועזנדיק צוויי טעכטערלעך פון דער פרוי פּרוכטער, וועלכע האָט, מיט רעכט, זיך געפילט געטראָפן פונעם עקלדיקן אינהאַלט פון דער נאָטיץ. ביי דעם ערשטן צונויפטרעף מיטן רעדאַקטאָר פון יידנפרעסערישן בלעטל, האָט פרוי פּרוכטער געבראַכט צום אויסדרוק איר אויפרעגונג און עפנטלעך אים באַוואָרפן מיט אייער...

דאָס קוטנער בלעטל, וואָס אָטעמט מיט שנאה צו יידן, האָט נאָך דער לעקציע, וועלכע ס׳האָט באַקומען עפנטלעך זיין רעדאַקטאָר, אָנגעהויבן אַ נאָך מער עקלדיקע העצע קעגן יידן.

דער עפּילאָג פון דער געשעעניש האָט ערשט נישט לאַנג זיך אָפּגעשפּילט אין היגן שטאָטישן געריכט... ביי פאַרמאַכטע טירן.


*

אַחוץ די צוויי פריער דערמאָנטע פאַלן, וואָס האָבן די איינוווינער פון אונדזער שטאָט אַרויסגעשטויסן פון דער „גלייכגעוויכט“ — פליסט ביי אונדז דאָס לעבן רואיק און מאָנאָטאָן. אפשר אַפילו צו רואיק... קוטנער יידן, ווי אונדזערע ברידער אין אַנדערע שטעט און לענדער, לעבן אונטערן איינדרוק פון די מיאוסע געשעענישן אין דייטשלאַנד. עס איז לגמרי פאַרשטענדלעך, אַז די יידן אין קוטנע סאָלידאַריזירן זיך מיט דער אַקציע, וועלכע ווערט איצט געפירט אומעטום, מיטן אָנווענדן אַ באָיקאָט אויף דייטשע סחורות. אַ גאַנצע ריי היגע פירמעס, וועלכע זענען געווען אין האַנדלס־באַציאונגען מיט דייטשלאַנד, האָבן צו וויסן געגעבן זייערע צושטעלער פאַרוואָס זיי האַנדלען אַזוי.

*

אונדזער שטאָט האָט פאַרלאָזט, אָפּפאָרנדיק קיין ארץ־ישראל, דער געוו. פּרעזעס פון דער יידישער קהילה, איינער פון די אַקטיוווסטע היגע געזעלשאַפטלעכע טוער, ה׳ מענדלעוויטש. אויפן באַנקעט לכבוד דעם אָפּפאָר, האָבן די פאָרשטייער פון דער קוטנער געזעלשאַפטלעכקייט אויסגעדריקט באַדויערונג צוליבן פאַרלאָזן די שטאָט דורך אַ טוער, וועלכער האָט אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן נישט געקאַרגט קיין מי לטובת דער שטאָט קוטנע און פאַר די היגע יידן.

א. קוטנער


יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייוואָ
YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE—YIVO
Tel. ACademy 2-0600
YIVO, NEW YORK

מכתב מ„ייוואָ“ למר י. פרנבך
בריוו פון „ייוואָ“ צום ה׳ י. פערנבאַך

4.

אישים, לוחמים, עסקנים, דמויות

פערזענלעכקייטן, קעמפערס, טוערס, געשטאלטן



THE LATE RABBI ISRAEL JOSHUA OF KUTNA

Russia-Poland, who Departed this Life 25 days in Tamuz 5653.

תמונת הרב הצדיק הגאון החריף פאר הדור רבן של כבה"ג אשר שמו נודע בכל תפוצות

ישראל כש"ת מרה **ישראל יהושע זצ"ל** אשר שמש בכתר הרבנות

בקרית ארבע—בעיר „שרענצק" „ווארקע" „גומבין" „ופאלטוסק" ובאחרית הימים

שמר את משמרת הקודש בעיר קוטנא שלשים שנה, נפטר כ"ה תמוז תרנ"ג.

הגאון ר׳ י. י. טרונק מקוטנה

ר׳ יהושע׳לה — כך קראו אותו בפולין — נולד לאביו החסיד ר׳ דוד בחדש כסלו בשנת תקפ״א בקהלת פלוצק. בהיות הילד בן שנתיים לקחה אותו אמו ללבוב כדי לבקר את אביו ר׳ דוד שלמד אז בישיבת הגאון ר׳ יעקב אורנשטיין בעל „ישועות יעקב״. ובעת זקנותו היה רגיל ר׳ יהושע׳לה לספר שהוא זוכר את צורת פיו של בעל „ישועות יעקב״.

כמנהיג הימים ההם בהיות ר׳ יהושע׳לה בן שלש התחיל ללמוד ב„חדר״ תורה ומפרשים וכשהגיע לגיל שש למד כבר גמרא וכתב בעצמו חידושי תורה שלו. מורו ומדריכו של „העילוי״ הצעיר, היה אביו ר׳ דוד. ר׳ יהושע׳לה היה מתמיד גדול מנעוריו וכשנתנו לו לאכול לחם בחמאה, מעולם לא רצה לבטל את זמנו למריחת החמאה על הלחם, והיה אוכל את הלחם יבש אלא אם כן מרחה לו אמו את הלחם. והוא היה אוכל בחפזון כדי שלא לבטל את זמנו מן הלימוד. כבר מנעוריו נעשה בקיא בש״ס ופוסקים וכל ארבעת חלקי השלחן ערוך היו שגורים על פיו. היה רגיל כל שבת קודש לעבור על שתי מסכתות שבת ועירובין, כמאתים וששים דף גמרא. „העילוי״ הצעיר ר׳ יהושע׳לה היה ילד שעשועים של כל הלמדנים שבפלוצק.

בהיות ר׳ יהושע׳לה כבן אחת־עשרה שנה מת עליו אביו, אבל אמו הצדקנית השגיחה עליו והוא המשיך ועסק בתורה בהתמדה. כבן ארבע עשרה התארס ר׳ יהושע׳לה עם בת גילו מרת פרידה בת הרב ר׳ חיים בן הרב הגאון מו״ה ר׳ יהודה מרב׳טש, אבל ר׳ חיים לא זכה להכניס את חתנו העילוי לחופה, כמה שבועות לפני החתונה חלה והלך לעולמו.

ובכל זאת אחרי החתונה נשאר „העילוי״ להיות סמוך על שלחן חותנתו שש שנים ועסק בשקידה בתורה. מאביו ז״ל ירש ר׳ יהושע׳לה את הזיקה לחסידות והיה נוסע מדי פעם בפעם אל הרבי הזקן מקוצק. פעם שהה ר׳ יהושע׳לה בקוצק יותר משלשה חדשים והרבי מקוצק שהיה רגיל להדריך את כל אחד מחסידיו על פי דרכו קרא את ר׳ יהושע׳לה לחדרו ואמר לו: „לפי דעתי אתה צריך לחזור הביתה, ולעסוק בתורה ונראה מה יצא ממך״. הוא הכיר באברך הצעיר שנוצר לגדולות ועליו להיות בעתיד „רבם של כל בני הגולה״ ופוסק הלכות, ולא רצה שיבטל את זמנו עם חסידים בקוצק, ר׳ יהושע׳לה שמע לקול רבו. חזר הביתה והשקיע את עצמו כולו רק בתורה. חברו וידידו הצעיר הגאון מסוכוטשוב היה רגיל לספר שחותנו הרבי מקוצק העריך מאוד את ר׳ יהושע׳לה כגאון ובקיא בכל חדרי תורה, ובעיקר מצאה חן בעיני הרבי מדת האמת שבו על שאיננו נושא פני איש. וכשנתקבל ר׳ יהושע׳לה כרב בקהלות שונות היו שם מחסידי קוצק, בכל פעם כשנסעו החסידים לקוצק אל הרבי, התענין הרבי מקוצק לדעת מה שלומו של הרב הצעיר. ואף שבימים הבאים לא סר ר׳ יהושע׳לה למשמעתו של שום „רבי״ אחרי הרבי הזקן מקוצק, נשאר „חסיד״ כל ימי חייו. ומענין הדבר שבשנת תרמ״ו כותב הגאון מקוטנה לרב אחד מו״ץ בראדום בדבר מקוה חמה בשבת „ששמעתי מגאון אחד אשר גם הה״ק מוהר״ש זצ״ל מק׳ בעלז הנהיג כך״ (שו״ת ישועות מלכו או״ח סי׳ י״ט) ועל פי זה הכשיר את הדבר.

בקהלת פלוצק, כהן כרב בשעתו הרב הגאון המפורסם ר׳ חיים אורבך מלונטשיץ בעל „דברי חיים״ וגם הוא העריך מאד את „העילוי״ הצעיר ובכל פעם השתעשע אתו בדברי תורה והלכה. כבר בתקופה ההיא בהיותו עוד צעיר לימים תפס ר׳ יהושע׳לה עמדה חשובה בחיי הקהלה בפלוצק. בימים ההם החליט הפרנס הידוע ר׳ שלמה זלמן פוזנר מוורשה לעשות את הנסיון לחולל מהפכה בחיי ההמונים היהודים העניים, על ידי העברתם לעבודת האדמה, למען יתפרנסו מיגיע כפיהם, קנה אחוזה במחוז פלוצק והושיב בה יהודים לעבוד בשדות. שם האחוזה היה „קוכארי״ וכדי למשוך את היהודים לעבודת האדמה יסד ר׳ שלמה זלמן גם ישיבה באחוזה ההיא והזמין את הגאון הצעיר ר׳ יהושע לבקר אצלו באחוזה. הוציאו אל השדות והראה לו כיצד יהודים עובדים אדמה, וגם לומדים תורה בשעות הפנויות מעבודה (גלבר „היהודים והמרד הפולני״ ע׳ 21).

בשנת ת״ר בהיותו כבן תשע־עשרה נתקבל כרב בקהלת שרענסק וישב שם שבע שנים בכבוד ובמנוחה. בשרענסק יסד ר׳ יהושע׳לה ישיבה והוא בעצמו היה ראש הישיבה. מישיבה זו יצאו הרבה תלמידי חכמים בפולניה. בפרק זמן זה היה רגיל ר׳ יהושע׳לה להפגש עם הגאון המפורסם ר׳ אברהם מטשעכנוב שהיה מזדמן לעתים קרובות לשרענסק. הגאון מטשע־כנוב אף שהיה קשיש ממנו העריכו מאד. בשנת תר״ז עבר ר׳ יהושע׳לה משרענסק לקהלת גומבין במקומו של הגאון הצדיק ר׳ שרגא פייבל דנציגר מגריצה שעזב אז את קהלת גומבין. כאן בגומבין התחיל לכתוב ולענות תשובות לשואליו, מאותה תקופה נשארו שתי תשובות בספרו „יבין דעת״ בליקוטי שו״ת סי׳ ז׳ משנת תר״ז „לתלמידי החריף המופלג חכם לב מו״ה חיים מרדכי״, תלמידו זה הוציא אח״כ את ספר הכריתות לר״ש משאנץ עם הערותיו והיה ידוע כתלמיד חכם גדול. ובסימן כ״ז שם „להרב ר׳ יצחק מזיכלין״ משנת תר״ח.

אולם כאן בגומבין פרצה מחלוקת נגדו ואף שקודמו ר׳ שרגא פייבל בא לגומבין במיוחד כדי להשקיט המחלוקת ול־הסביר להם שידעו איך להתנהג עם רבם הגדול, לא השפיע עליהם ובסוף כעבור שלש שנים בשנת תר״י עבר לוורקי.

בוורקי נתפרסם ר׳ יהושע׳לה כגדול הדור והתחילו לפנות אליו בשאלות מכל קצוי פולין. מאותה תקופה נשארו ממנו תשובות שונות שנדפסו בספרו „ישועות מלכו״ סי׳ ל״א משנת תרי״א ובספרו „יבין דעת״ תשובות סי׳ ט׳ י׳ י״ב י״ד ט״ו י״ז י״ח כ׳ ועוד משנים תרי״א — תרי״ג.

בוורקי גר אז הצדיק רבי מנחם מענדיל קליש, בנו של הצדיק ר׳ יצחק קליש. הוא היה ממעריציו של הרב הגאון ר׳ יהושע׳לה, והיה רגיל לבקר את ר׳ יהושע׳לה בכל רגל, לקיים מאמר חז״ל: „חייב אני לקבל פני רבי ברגל״. לאנשי שלומו היה אומר „כל זמן שר׳ יהושע׳לה מכהן כרב אצלנו אני ישן במנוחה, כי סומך אני עליו כי כל עניני הדת מתנהלים כתקונם״. בשנת תרי״ג כשנודע לצדיק ר׳ מנחם מענדיל שר׳ יהושע׳לה עומד לעזוב את וורקי, כדי לעבור לפולטוסק, בא אליו והציע לו שישאר בוורקי והוא בעצמו יוסיף לו על משכורתו מכיסו. גם חסידי וורקי מכל פולניה היו נוהגים כבוד ברבם ר׳ יהושע׳לה ותלמידי חכמים שביניהם היו רגילים להכנס אליו ולשוחח אתו בדברי תורה, הגאון הצדיק ר׳ בעריש מביאלה, בנו של הגאון ר׳ אברהם מטשעכנוב, מחשובי חסידי וורקי, היה גם כן מבאי ביתו של הרב ר׳ יהושע׳לה.

ובכל זאת לא נתרצה ר׳ יהושע׳לה להשאר בוורקי ואחרי

שישב שם כשלש שנים עבר בשנת תרי״ג לפולטוסק ושם נולד לו בנו יחידו הרב ר׳ משה פנחס שהיה אח״כ ממלא מקומו בקוטנא. בנו זה נשא לאשה את בתו של הגאון ר׳ אברהם מאיר אבד״ק ביאלאבזוק, שהיה בנו ידידו של הצדיק ר׳ ישעיה מפראגה וחתנו של הצדיק ר׳ יצחק מוורקי. בחתונה של ר׳ משה פנחס השתתף אדמו״ר ר׳ מנדיל מוורקי כדוד הכלה ור׳ יהושע׳לה אמר אז לר׳ מענדיל מוורקי: „אני מוסר לכם את בני יחידי בגוף ובנפש" ובנו זה באמת הצטיין כצדיק ותלמיד חכם.

בטבת תרכ״א נתקבל ר׳ יהושע כרב בקוטנא וכאן נתפרסם כגאון ומשיב דבר הלכה לכל הפונים אליו, ועל שם הקהילה הזאת נתפרסם בעולם היהודי „ר׳ יהושע׳לה מקוטנא". כל מה שהתהוה בעולם היהודי, הרבני התורתי היה קשור בשמו של ר׳ יהושע׳לה. מלבד התשובות להלכה שכתב לרבנים שונים היה גם „שר המסכים", וכל רב או מחבר שרצה לפרסם ספר בדפוס בא אל ר׳ יהושע׳לה לקבל ממנו את הסכמתו, ועל מאות ספרים שנדפסו בתקופה זו משנת תרכ״א — תרנ״ג שנת פטירתו, מוצאים את הסכמתו.

בשנים הראשונות לרבנותו בקוטנא נתעוררה שם שאלת ילדי דלת העם, שגדלו ללא תורה וללא דרך ארץ וללא יראת אלקים. הילדים האלה היו עזובים לנפשם והיו שולחים ידם בגנבת פירות מדוכני המוכרים והיו לנים בחורבות עזובים עד שנחטפו לצבא הצאר ושם נאנסו לשמד. עמדו פרנסי הקהל של קוטנא על תקלה זו והתחילו לשקוד על תקנתם של ילדי ישראל, עבדו תקנון ונגשו לרכוש חברים כדי ליסד בשביל הילדים הללו תלמוד תורה מתוקן, כדוגמתו בערים הגדולות שבמדינה, ואשר גם לימוד הכתב וחשבון נכנס בתכניתו. אולם קמו מתנגדים ליסוד תלמוד תורה כזה מבין החסידים אשר חששו מפני מינות. אלה ואלה באו אל רבה של קוטנא להציג לפניו את טענותיהם. אלה שטענו נגד, ניסו להשפיע על הגאון להניאו מלתת הסכמתו למוסד החדש משום שחששו כי חניכיו עתידים לצאת משם לתרבות רעה. ולעומתם טענו אלה המצדדים, שאין להזניח את הילדים העניים וצריך לחנכם לתורה ודרך ארץ ויהיו לאנשים יודעי קרוא וכתוב ויהיו מוכשרים לעסוק במסחר ובמלאכה ויתמעטו העבריינים והפושעים ביניהם. הויכוח היה סוער בין שני הצדדים ונמשך זמן רב, זה פוסל וזה מכשיר, זה אוסר וזה מתיר, עד שהגאון מקוטנא פסק את פסקו לטובת התלמוד תורה והוא היה הראשון שתרם סכום הגון ממשכורתו לכלכלת המוסד ועינו היתה פקוחה עליו כל ימי כהונתו. (אסף אלברג. מפי ר׳ זאב יהודה (וולף ליב) הכהן שימנוביץ).

כידוע היו קשרי ידידות אמיצים בין שני הגאונים בעל „חידושי הרי״ם" מגור ור׳ יהושע׳לה, למרות ההבדל הרב בשנים שבין שניהם. חידושי הרי״ם היה קשיש מידידו הגאון מקוטנא בעשרים ואחת שנה. הגאון מקוטנא רגיל היה כל אימת שנזדמן לורשה, לסור לביתו של חידושי הרי״ם לשוחח עמו, והיה שוהה שעה ארוכה אצלו בשיחות בעניני דאורייתא וכנהוג היו מתוכחים ביניהם.

פעם בא אל חידושי הרי״ם. הדבר היה לפני ראש השנה. כדרכם בקודש הפליגו בויכוח באחת הסוגיות בהלכה ונתחלקו דעותיהם וכל אחד מהם הגן על דעתו, לבסוף קרא הרב מקוטנא מתוך אי הסכמה לחידושי הרי״ם: „איהר זייט שוין ראש־השנה'־דיג" כלומר, כבודו כבר שרוי באוירה של ראש השנה הממשמש ובא, ומאחר שכבודו מרחף בעולמות העליונים על פי דרך החסידות, אין דעתו פנויה לגופה של ההלכה". ה„חידושי הרי״ם" חייך למשמע דבריו אלה של ידידו הצעיר ונפרדו מתוך ידידות. אולם אך יצא התחיל הגאון מקוטנא לשקול בדעתו את דבריו שהוציא מפיו כלפי הרי״ם והרגיש כי הקל בכבוד ידידו תלמיד חכם גדול וקשיש ממנו בשנים „הגאון החסיד", כפי שרגיל היה לכנותו, ועבר עבירה מפורשת של בזוי תלמיד חכם. מיד חזר ובא לביתו של הרי״ם, חלץ את נעליו ונכנס אליו כנזוף בפוזמקיו, בקש סליחה ומחילה על פליטת הפה שהפליט שלא במתכוין. החידושי הרי״ם חבק את ידידו הצעיר הושיבו והרגיעו באמרו כי שום דבר עלבון או בזיון לא שמע מפיו. מאז ידידותם נתחזקה ביתר שאת.

בשנת תר״ל הוציא ר׳ יהושע׳לה את ספרו „ישועות ישראל" על חושן משפט. הספר עשה רושם רב על הלומדים והגאון בעל „אבני נזר" מסוכוטשוב אמר על ספר זה, כי סודר בשביל תלמידי חכמים גדולים ורק הם יכולים להבין את הדברים העמוקים הכתובים בו.

בשנת תרכ״ד פנה הגאון ר׳ צבי הירש קאלישר רבה של טהורן אל ר׳ יהושע׳לה שיכתוב הסכמה לספרו „דרישת ציון" אשר בו הציע שני דברים א) ליסד חברת ארץ ישראל לבנות את הארץ עוד לפני ביאת הגואל, ב) חידוש הקרבנות בירושלים על יסוד דברי חז״ל „מקריבין אף על פי שאין בית". ר׳ יהושע׳לה הסכים בכל לבו להצעת הרב קאלישר בדבר „ישוב א״י" וכותב בהסכמתו מתאריך י׳ טבת תרכ״ד „כבוד ידידי הרב הגדול המפורסם לגאון ולתפארת כבוד, שמו תפארתו מוהר״ר צבי הירש קאלישר נ״י, הן אמת האירו אל עבר פני אמרותיו היקרים ושמחתני לראות גודל התאמצו בדבר חברת „ישוב ארץ ישראל" והנה המתחיל במצוה אומרים לו גמור, עשה תעשה וגם יכול תוכל, בל יפול לבו ואל ירך מדברי המתנגדים". ר׳ יהושע׳לה מקוטנה, נוסף על חתימתו על הכרוז פנה בתשובות אל גדולי הרבנים שיתמכו במפעל זה של אתרוגי ארץ ישראל „אשרי חלקם של המתאמצים בזה והנני אומר שלום לכבוד תורתו ושלום לראשי החברה והיה ראשיתם מצער ואחריתם ישגא מאד" זאת היתה תחלת הופעתו של הגאון ר׳ יהושע׳לה למען ארץ ישראל. מכאן ואילך תופסת מצוות יישוב ארץ ישראל אצלו מקום בראש.

בשנת תרל״ד הוציא חתנו הגאון ר׳ חיים אלעזר וואקס בעל „נפש חיה" שהיה נשיא הכולל בפולניה, כרוז הקורא לקנות אתרוגי ארץ ישראל ולא אתרוגי קורפו, על הכרוז חתמו אדמו״רי ורבני פולין וגליציה ביניהם ה„שפת אמת" מגור והצדיק ר׳ יחיאל מאיר מגוסטינין והאדמו״ר ר׳ אברהם מסוכ־טשוב ועוד. ר׳ יהושע׳לה, מלבד שחתם על הכרוז הנ״ל, כתב תשובות אל גדולי הרבנים שיתמכו במפעל זה של אתרוגי ארץ ישראל, אל הרב ר׳ אלעזר הכהן מפולטוסק בעל „חידושי מהרא״ך", חתנו של הגאון בעל „חוות דעת" מליסא, כותב ר׳ יהושע׳לה בשנינות, כדרכו, „האמנם רבים מפריזים על המידה במידה גדושה מאוד לבחור להם דוקא אתרוגים הללו... כאילו יצא בת קול משמים ש„פרי עץ הדר" המוזכר במקרא הוא רק מתושבי צוררי־היהודים היושבים על אי קורפו".

כן דרש בכל כחו לתמוך בישוב ארץ ישראל. באחת מתשו־בותיו אל האדמו״ר ר׳ ישראל מפילוב, נכד האדמו״ר הזקן מקוצק, הוא כותב „ולפי דעת הכסף משנה, העולה מבבל אפילו לארץ ישראל עובר בעשה והוא אינו מובן, שהרי זה לא נאמר אלא על ארץ בבל בפרט ולא על שאר חוץ־לארץ והטעם כי אחרי שהם נתרשלו בימי עזרא ולא רצו לשוב כי לא חשבו זאת לפקידה גמורה שצריכים לישב שם כפי נבואת הנביא עד פקידה האחרונה, אבל בני מדינות הללו שהם מגולי טיטוס, שנגלו מארץ ישראל עם שאר בני הארצות, אינם בכלל זה והיא מצוה גדולה... ומה שחשש מהר״ם מרוטנברג הוא מחמת חשש סכנת דרכים וחסרון פרנסה... ואם כן בזמן הזה שנשתנה בעזרת השם יתברך לטובה, הן בסכנת דרכים והן מצד עניות ודאי היא מצוה גדולה וכו׳ מכל מקום בעיקר המצוה אינו אלא בירושה וישיבה כאדם העושה בתוך שלו לרכוש ארץ ישראל שתהיה תחת ירושתנו לא על ביאה ריקנית של עתה... ואין ספק שהיא מצוה גדולה, כי הקבוץ היא אתחלתא דגאולה ועיין ביבמות דף ס״ד „שאין השכינה שורה על פחות משתי רבבות מישראל" ובפרט עתה שראינו התשוקה הגדולה הן באנשים פחותי הערך והן בבינונים, הן בישרים בלבותם, קרוב לודאי, שנתנוצץ רוח

הגאולה. אשרי חלקו שהוא ממזכה הרבים" (שו״ת ישועות מלכו יו״ד סי׳ ס״ו).

*

הגאון ר׳ יהושע׳לה לא פסק מלעסוק בענין ארץ ישראל למרות ההתנגדות מכמה צדדים. בשנת תרמ״ו יצא לארץ ישראל ביחד עם חתנו ר׳ חיים אלעזר וואקס בעל „נפש חיה" מקאליש שהיה נשיא הכולל של רוסיה ופולניה. לפני נסיעתם קבלו הגאונים הללו עשרת אלפים רובל מעשיר אחד בפולניה לטובת עניי ארץ ישראל. שניהם יצאו מאודיסה באניית נוסעים פשוטה במחלקה השלישית ואחרי טלטולים קשים במשך חדשים אחדים הגיעו סוף סוף לאדמת קודש ביפו.

שניהם ר׳ יהושע׳לה וחתנו ה„נפש חיה" זכו לקבלת פנים מיוחדת. כל התושבים היהודים בארץ יצאו לקראתם. בתחילה רצו ר׳ יהושע׳לה וחתנו להוציא את הכסף רק כדי לארגן קבוצה של יהודים תושבי ירושלים שיצאו „מן העיר אל הכפר" לעסוק בעבודת האדמה.

כשהגיעו לירושלים יצאו לקראתם כל נכבדי העיר עם הרב הגאון ר׳ שמואל סלאנט בראשם. כשלשה שבועות שהו האורחים הנכבדים בירושלים. הם ביקרו בכל המקומות הקדושים ומוסדות התורה והחסד שבירושלים, ובשבת פ׳ פנחס דרש „הנפש חיה" דרשת פרידה מבני הכולל שבירושלים ואמר: „הלא תדעו אחי כי כל מחשבותי וכל עבודתי רק לטוב לכם ועתה גמרתי בדעתי לבוא ציונה ולבקש אמצעים להיטיב לכם באופן שתוכלו לחיות על יגיע כפיכם ולא תאלצו שוב לאכול לחם החלוקה, לחם חסד ומגואל...

הרב וואקס לא התחשב עם כל מקבלי חלוקה אלה והחליט לקנות מספר חצרות בחלקה הצפוני של ירושלים, הנקרא „באב חוטה", הבלתי מיושב עוד אז על ידי יהודים. ע״י זה הרחיב את תחום הישוב היהודי שמחוץ לחומה. גם חותנו ר׳ יהושע׳לה, כשראה את המצב הכלכלי בירושלים, אמר לתושבי ירושלים: „מדוע אתם יושבים בטלים ומחכים רק לדמי חלוקה אתם ממאסים בעבודה המפרנסת את בעליה בכבוד?" ורק מפני הכבוד שרחשו להגאון וצדיק מפורסם זה לא החרימו אותו. מלבד זאת קנו ר׳ יהושע וחתנו בעל „נפש חיה" פרדס בכפר חיטין על יד טבריא ונטעו בו עצי אתרוגים. משחזרו לפולין פירסם בעל „נפש חיה" קול קורא נלהב בתאריך ו׳ אלול תרמ״ו ובו כותב:

אל כבוד רבבות ישראל עם סגולה ואל ראשי אחינו שבגולה הרבנים הגאונים וכו׳ ה׳ עליהם יחיו. הנה מאז הודעתי לכבוד הגאונים כי נטעתי עצי אתרוגים באה״ק בכפר חיטין, הנקרא במדרש „כפר חיטיא" והבאתי נטיעות מאלו הכשרים במסורה מדור דור אך בשנה זו כאשר זכיתי לעלות אל הקודש ושכנתי במדבר לא במלון אורחים שמתי עיני אל הגנות ביתר שאת ויתר עז ותיקנתי בכל מה שהיה באפשרי לתקן לטובה ובע״ה גדלו והצליחו במראיהם ותכניתם יפים במראה ונחמדים בחומר עוד יותר מאתרוגי קארפו... ובודאי כל איש יתלהב לקחת אתרוג מארץ הקדושה וגם ע״פ הדין וכאשר הסכימו גם צדיקי ישראל וקדושיו, כי במקום הנמצא אתרוג ארץ הקדושה כשר, אף אם היה אתרוג קארפו נאה ממנו, מהראוי לברך רק על אתרוג מארץ הקדושה" (תולדות הרב ח. א. וואקס מאת בית הלוי ע׳ 74).

הגאון מקוטנא היה הראשון שנגע בשאלת הערבים עוד לפני הרצל. פעם כשדבר עם המנהיג הציוני נחום סוקולוב שאל ר׳ יהושע׳לה „ומה יהיה בארץ ישראל, אם הערבים לא יסכימו לעליית היהודים ארצה?" — והשיב מיניה וביה — לי יש עצה, תביא צעירים שלך מליטא הם אינם בטלנים כמו הצעירים בפולין והם לא יפחדו מפני הערבים" (מפי הרב ברוט ז״ל).

גם הגאון ר׳ עזריאל הילדסהיימר מברלין שעמד בקשרים עם ר׳ צבי הירש קאלישר בדבר ישוב א״י בא במיוחד אל ר׳ יהושע׳לה מקוטנא להתישב אתו בעניני ישוב א״י.

הגאון מקוטנא היה איש אשכולות בקי בתורה שבכתב וגם בתורה שבעל פה, בש״ס בבלי וירושלמי בראשונים ובאחרונים. ידען וביבליוגראף מצוין של ספרות ימי הביניים. וכך כותב במקום אחד: „והנה פשוט שספר חסידים שנתחבר בבית המדרש של ר׳ יהודה החסיד באשכנז בעיר רעגינשבורג, היה אחר רבינו גרשום מאור הגולה זמן רב כי רבינו גרשום מאור הגולה היה רבי דרבו דרש״י ור״י החסיד חי בשנת תתקס״ח ור׳ יצחק אור זרוע היה תלמידו (ישועות מלכו חלק אה״ע סי׳ ב׳) וכן כותב „ונראין יותר דברי האומר שהלכות גדולות אשר בידינו הוא מלוקט מהלכות גדולות שחיברן ר״ש קיירא, כמו שכתבו הראב״ד והרמב״ן ומהלכות פסוקות שחיברן ר״י גאון כמו שכתב הסמ״ג, אם כן אין תימא אם דבריו לפעמים סותרין זה את זה". בזמן הר״ן וריב״ש ונתגדל בבית המדרש של הרשב״א בברצלונה ובמקום אחר כותב „אמנם ראיתי בחי׳ מהר״ם והוא מרב קדמון אצל הרב בנו של הרשב״א ולפי שהספר אינו מצוי כל כך אמרתי להעתיק דבריו" (ישועות מלכו כתבים סי׳ כ׳).

דרכו היה לכנות לכל מי שנתרחק מחיי המסורת, שהוא „חלוש" ולא חס ושלום שהוא „פושע ישראל" או „רשע". אחד מבאי ביתו, מתושבי קוטנא שהיה יהודי מודרני וסטה מדרכי המסורת, בכל פעם כשנכנס היה רבי יהושע׳לה שואל אותו: „מדוע הנך כל כך חלוש?" מתחילה חשב האדם שהגאון מתכוון לשאול אותו מדוע מצב בריאותו חלש, ענה לו האדם שמצב בריאותו בסדר, אבל הגאון לא הרפה ממנו ושוב שאל אותו מדוע הוא כל כך חלוש, עד שנודע לו מפי אנשי ביתו שבמושג „חלש" מתכוון הגאון לא למצב בריאותו אלא למצב יהדותו.


ספר

ישועות מלכו

קרית ארבע

כולל חידושים והגהות על ד׳ חלקי הרמב״ם ותשובות בענינים הנוגעים לד׳ חלקי הש״ע וחידושי אגדה

כל אלה פרי הגיונו של כ״ק אא״ז מו״ר הרב הגאון המובהק יחיד בדורו רשבבה״ג מרנא ורבנא ר׳ ישראל יהושע זצלה״ה מחבר ספר ישועות ישראל קמא אבדק״ק שרענסק, גאמבין, ווארקא, פולטוסק, קוטנא ושם חלקת מחוקק ספון בן הרב הגדול החריף מו״ה ר׳ דוד זצלה״ה מפלאצק.

נעתק ומסודר ע״י בנו יחידו אבא מארי הרב הגאון הצדיק החסיד האמיתי כקש״ת מו״ה ר׳ משה פינחס זצלה״ה אבד״ק וויסקיט ואח״כ מילא מקום אביו זצלה״ה פה קוטנא.

נערך ונגמר הסידור והובא לדפוס ע״י נכדו יצחק יהודה חופ״ק קוטנא יצ״ו

תולדות המחבר ומעט הערות והגהות על הרמב״ם ז״ל מהמו״ל בשם מעט צרי נמצאו בסוף הספר.

פיעטרקוב

בדפוס של ר׳ חנוך העניך בהר״ר ישעי׳ זאב נ״י פאלמאן

שנת תרפ״ז לפ״ק

Sefer Jeszuot Małkoj
ułożył Rabin Sz. Trunk z Kutna.

PRINTED in POLAND

שער הספר „ישועות מלכו" של ר׳ ישראל יהושע מקוטנה

קהלות רבות פנו אל הגאון שיקבל עליו עול הרבנות בקהילותיהם, אולם הוא לא רצה לעזוב את קוטנא שהיה חן המקום עליו, אף שהוא בעצמו היה רגיל לאמר, כשהיתה דעתו בדוחה עליו, שקוטנא איננה עיר והא ראיה מן הפסוק (במלכים ב׳ ב׳) „וישבו מארץ ישראל נערה „קטנה", מקשה הגמרא (בחולין ה׳ ״א) „וקשיא לו, קרי לה נערה וקרי לה קטנה? וא״ר פדת קטנה דמן נעורן" כלומר קטנה מן העיר נערן, ומדוע הגמרא לא מתרצת „נערה דמן קוטנא". אלא שמע מינה קוטנא איננה עיר בכלל".

הגאון ר׳ יהושע׳לה מלבד גדלותו בתורה ובצדקות הצטיין באישיות מוסרית. היה שונא בצע ולא ידע צורת מטבע מה זה. מעולם לא היה לו כיס של מעות, את כל משכורתו מסר לזוגתו הרבנית ולפעמים כשהיה מונח על שלחנו שטר כסף ור׳ יהושע׳לה כדרכו היה שקוע בלמודו, היה לוקח את השטר של ניר וכורך בהן את הטאבק לעישון.

בשנת תרנ״א מלאו שבעים שנה לגאון מקוטנא, ושלשים שנה לשבתו על כסא הרבנות בקוטנא. אנשי קהלתו החליטו לחוג את יובל השבעים. מתוך הערכה וחבה לרבם החלטו אנשי הקהלה להכריז על חג גדול לכבודו ולהזמין מקרוב ומרחוק אורחים גדולי תורה, להשתתף בשמחתם, על אשר זכו כי רב גאון גדול ישב בקרבם. יוזמי החגיגה ידעו את רוב ענותנותו של רבם וחששו שמא לא יסכים לדבר, על כן באו והציעו לפניו את הצורך בחג הזה לכבוד התורה ולומדיה ותומכיה.

בשמעם את התנגדותו המוחלטת של הרב הגאון, נאלצו פרנסי הקהלה לבטל את רצונם מפני רצונו, ואף שהרב מקוטנא לא הדיר את עצמו ממסיבות שמחה והיה נוהג להשתתף בכל סעודת מצוה אפילו אצל פשוטי בעלי הבתים, כדי לקיים מאמר חז״ל „שבעה יורדין לשמים וי״א אף מי שאינו בחבורה של מצוה" (פסחים קיג ע״ב), בכל זאת חגיגת יובל לא נחשבה אצלו כסעודת מצוה ולא הסכים שיערכו לכבודו את החגיגה ונאלצו פרנסי הקהלה לבטל את רצונם מפני רצונו.

*

בשנת תרנ״ג חלה הגאון מקוטנא, הרופאים שבקרו אותו אסרו עליו להתאמץ יותר מדי בלמוד ועיון בש״ס ופוסקים, כי הם מכבידים על לבו, אבל הגאון לא שמע להם ואמר לאנשי ביתו „כי החיים בלא תורה הם חיי בהמה" ולא כדאי להמשיך לחיות בלי לימוד תורה. סמוך לפטירתו בא לבקרו הגאון מסוכטשוב, התייחדו שני הגאונים ושוחחו בדברי תורה. כשנפרד הגאון מסוכטשוב מן החולה, איחל לו רפואה שלמה ואריכות ימים. ענה לו ר׳ יהושע׳לה: „כבודו בודאי, מתכון לעולם שכולו ארוך".* כשיצא הגאון מסוכטשוב אמר למלויו: „ראיתי את ר׳ יהושע׳לה שהוא צופה ומביט למרחקים".

לפני פטירתו צוה כי הוצאת הקבורה יקחו מן הכסף שחסך מיום שמלאו לו שבעים שנה במיוחד לזה. לקנות לו טלית חדשה, כדי לקבור אותו בה. לא להרבות בהספדים ולא לבנות אהל על קברו. ביום א׳ פ׳ מטות ומסעי כ״ה תמוז תרנ״ג השיב את נשמתו אל על. כל גדולי ישראל ביניהם האדמו״ר ר׳ אברהם מסוכטשוב, הגאון ר׳ אליהו חיים מייזל מלודז׳, הגאון ר׳ יצחק הכהן פייגנבוים ראב״ד ורשה, הגאון ר׳ שמעון אורנשטיין מקאליש, תלמידו הגאון ר׳ יואב יהושע מגוסטינין ועוד באו להלוייתו ועשו לו כבוד גדול.

השאיר ספרים חשובים. „ישועת ישראל" על חשן משפט, הדפיס בחייו בשנת תר״ל.

„ישועות מלכו" חידושים ושו״ת לארבעה חלקי השלחן ערוך, נדפס לאחר פטירתו בשנת תרפ״ח ע״י נכדו הרב יצחק יהודה טרונק מקוטנא.

„יבין דעת" חידושים ושו״ת נדפס בשנת תרצ״ב, ע״י נכדו הרב יצחק יהודה טרונק מקוטנא.

הרב א. י. ברומברג


(מתוך „גוילין" — למחשבה דתית־לאומית, חוברת י״ח, תל־אביב, טבת תשכ״ד — דצמבר 1963).

לביקורו של הרב הגאון מקוטנה בירושלים

חיבה יתירה יש לנו לאותם הרבנים, החובבים־העולים, שהגו ברעיון „חיבת־ציון", לא רק בדבר שפתים, כי אם בפעל כפים. ואחד מהם הוא ראש גולת אריאל, ראש גאוני פולין ומדברנא דאומתה, רבי ישראל יהושע זצ״ל, בעל „ישועות ישראל" שעלה לאה״ק לפני חמשים שנה, בשנת תרמ״ה, יחד עם חתנו הרב הגאון רבי חיים אלעזר וואקס זק״ל אבד״ק פיטרקוב.

עלייתם לאה״ק לא היתה רק כדי להשתטח על קברי הצדיקים ולבכות על ענות עמנו וארצנו, וחורבן בית מקדשנו, כי אם אך ורק לעשות ולפעול לטובת הישוב בכלל, ולטובת עדת (כולל ווארשה) בפרט. לדאוג לקיומם בחומר וברוח גם יחד. ותהי ראשית עבודתם ליסד ולכונן „בית תלמוד התורה וישיבת חיי עולם", המתנוסס עד היום לתהלה ולתפארה בעיר פנימה וחוצה לה, בבנינים מפוארים, ובית תבשיל גדול ליתומים.

כן נקנו אז על ידם, מכסף נדבת אחד הגבירים, סך 13,000 רו״ב, בתים וחצרות ברובע „בב חוטה" (במקום גבעת בצעתא)


ספר

ישועות ישראל

על שולחן ערוך חושן משפט

חלק ראשון

ובו נכלל שני באורים

חוקת המשפט	עין משפט
קיצור דינים המבוארים בנו״כ תם סא שהוסיף הרב המחבר מדעתו.	פלפול בשלחן ערוך ונושאי כליו והרבה חדושים בגדולי הראשונים ז״ל.

חברו

הרב הגאון המפורסם כקש״ת מוהר״ר ישראל יהושע שליט״א הרב דק״ק קוטנא

הובא לביה״ד

ע״י בן הרב המחבר האברך וכו׳ מוה׳ משה פנחס נ״י

ווארשא

נשלם בכי טוב ׳חודש שבט תר״ל

בדפוס הרבני מהו׳ יואל לעבענזאהן נ״י בהמנות מהו׳ אביגדור ז״ל.

ЯШУЕСЪ ИЗРАИЛЪ

ЧАСТЬ 1.

Въ Варшавѣ 1870.

Въ типографіи І. Лебензона.

שער הספר „ישועות ישראל" של הגאון מקוטנה

---

* פירושו עולם הבא אחרי מותו.

לעניי כולל ווארשא. לדאבון לב, נחרב שמה הישוב היהודי, ונכרים גרים בו.

הביאו סדרים יפים בעניני העדה הוורשאית ועד „כפר חיטין" הגיעו. שם נקנה עוד קודם פרדס גדול לטובת עדת כולל ווארשא, ע"י הרב הגאון רבי חיים אלעזר וואקס הנז'. ו„פרי עץ הדר" היו נשלחים ממנו לערי פולין. בדבר הפרדס העזוב הזה, עוד נשוב לדבר. יש ויש מה לדבר בו.

עוד בימי נעוריו יצא לו לר' ישראל שם תפארת כאחד העילוים הגדולים, נתאחדו בו כל המדות המשובחות שמנו חז"ל בתלמיד־חכם, ויהי ברבות הימים לראש הגאונים ומדברנא דאומ־תה. „בכל הספרות התלמודית היה נאמן מאין כמוהו. שכלו בהיר וחד, חרוץ ומהיר, ולתבונתו אין חקר". מכל תפוצות ישראל פנו אליו בשאלות, הוא השיב לכל איש ואיש בשאלתו. אכן, בכל אלה לא חפץ להדפיס את חדושיו ואת תשובותיו הרבות מאד. ואך ספר אחד מכתבי ידו „ישועות ישראל" הוצא ע"י נכדו הרב ר' יצחק יהודה טרונק זצ"ל.

הוא כיהן ברבנות בכמה קהלות בפולין. ולאחרונה בעיר קוטנה כשלושים שנה. כרוב גדלו בתורה כן יקרו תכונות נפשו, תם וענוה, אהבת האדם הצדק, והשלום בו נפגשו מתינות, רצון וסבלנות לכל דעה".*

ביום כ"ה תמוז התרנ"ג נתבקש בישיבה של מעלה בעיר מושבו. בשם החיבה „רבי יהושע'לה מקוטנא" נשאר בהערצה עד היום.

פנחס בן-צבי גראיבסקי

(„דאר היום", יום ו ז' תשרי תרצ"ו)

* תמים־דעה היה עם הגאון רבי שמואל סלאנט בשאלתו של הרי"מ פינס ז"ל. דבריו שפרסם אז, עשו רושם גדול להצד שכנגד, וחמת הקנאים שככה!

65 שנה לפטירת ר' יהושע'לה — „הגאון מקוטנה"


לא לחנם נשתבחה העיר קוטנה היהודית בשעת גדולתה ותפארתה בתואר „ירושלים דפולין", כי גדולי התורה שכיהנו פאר על כסא רבנותה, הטביעו את חותמם עליה ועשוה למקום תורה ידוע לתהלה גם במרחקים.

בשורה הארוכה של אדירי התורה, שקהילת קוטנה זכתה להתפאר בקריאת שמה עליהם, היו שנים שפעולתם והשפעתם היו לברכה גם לחיזוק הישוב בארצנו בחומר וברוח: הרב משה יהודה־ליב זילברברג, בעל „זית רענן", שעלה לפני יותר ממאה שנה והשתקע בירושלים, ניהל בה את המוסדות והרביץ תורה לשמה ורב חלקו בבנין שכונות ירושלים שמחוץ לחומה ובעידוד למיסדי המושבות הראשונות. אחריו הגדיל להורות ולעשות הרב ישראל (אליהו) יהושע טרונק, שבפי העם נקרא בקיצור בלשון חיבה רבי יהושע'לה, אך למרות ההקטנה שבשמו היה ידוע בס־ביבתו הקרובה והרחוקה, ואף בחוגי הרבנים בכל תפוצות ישראל כגדול בין הגדולים, ובאנציקלופדיה הבריטית ובאנציקלופדיה הרוסית־היהודית צוין בתואר „גדול התלמידים בעולם".

לשלשת שמותיו נודעת סמליות היסטורית משלהם. בכך נתכוון אביו ר' דוד להתוות את דרכו בחיים בכיוון הגדולה בתורה ומיזוג הזרמים שפילגו לפנים את בית ישראל. לפיכך קרא לו ישראל על שם רבי ישראל בעל שם טוב, אליהו על שם הגאון מוילנה, ויהושע על שם בעל „פני יהושע". בשימוש כללי הושמט השם אליהו, ובפי העם נקרא בשמו השלישי בלבד. וגם הוא בהקטנה של חיבה, אבל בהלכה למעשה החמיר על עצמו להזכיר את שמו־תיו במלואם. וכשבתו, הרבנית מקאליש, נתגרשה מבעלה הראשון, והיה צורך לכתוב בגט את שם אביה, הורה לכתוב לה שני גיטין, באחד בת ישראל יהושע ובאחד בת ישראל אליהו יהושע.

בדרך שני הגדולים ששמותיהם נקראו עליו, הבעש"ט והגר"א, הלך גם בחיבת ארץ־ישראל, ובימיו, כשחיבה זו החלה נוגעת בשאלות הלכה למעשה והחלה תובעת מעשים, תרם לה את חלקו באומץ ובמרץ. בשנת תרמ"ה (1885) בא לארץ עם חתנו ר' חיים־אלעזר וואקס, רבה של קאליש, ורבות טרח למען נטיעת פרדס אתרוגים בכפר־חיטין, כדי שהיהודים בתפוצות הגולה יקיימו מצוות אתרוג מפרי הארץ לגאון ולתפארת וממטע ישראל (לקיים „ולקחתם לכם — משלכם", משל ישראל), כדי שבקיום מצות השם יזכרו גם את ארץ־ישראל, כמו שכתב הנביא: „זכרו מרחוק את ה' — וירושלים תעלה על לבבכם". ובשבת חזון שבת אז בפתח תקוה, כשמתישביה עוד נאבקו בקשיי המחיה והאקלים ובהפרעות השכנים הרעים, ובדברי עידודו, שהיה להם משקל רב בדעת המתשבים נאמני התורה, שידעו את רום ערכו של האורח, חיזק את רוחם להיאבק ולעמוד בנסיון, כי סוף הברכה לבוא.

וכשחיבר רבי צבי קאלישר את ספרו „דרישת ציון", לעורר את העם לקיים מצות ישוב ארץ־ישראל בפועל במגמה לאומית ברורה לכונן בארץ ישוב חקלאי ועירוני ולהשתדל אצל המעצמות הגדולות להשיג בשבילו אוטונומיה לאומית כאתחלתא דגאולה, וזקני הרבנים התנגדו לרעיונו ה„מהפכני", בא אל ר' יהושע'לה מקוטנה, שאמנם היה צעיר ממנו בכחצי יובל שנים, אבל כבר היה ידוע ומקובל כגאון, וההסכמה והעידוד שקיבל ממנו אימצו את ידו להמשיך בפעולתו. הרבנים שהתנגדו לישוב א"י ישוב של ממש מצאו להם אסמכתאות בתלמוד ובתוספות, אך הגאון מקוטנה בתשובתו לשאלת רבי ישראל מקוצק, ובספרו שאלות ותשובות „ישועות מלכו" (סימן ס"ו) וגם בקונטרס מיוחד, סתר את דעות המתנגדים והוכיח, כי לפי האמת שבהלכה אין עבירה בישוב ארץ־ישראל, אלא אדרבא — מצוה גדולה והוכיח, שלפי ההלכה, אמנם יש שוני בדרגות הקדושה של אזורים שונים בארץ, אבל גם עבר הירדן וחבלי עזה ואשקלון כלולים בקדושת ארץ ישראל.



מכתבו של הגאון מקוטנה

ביחוד הגדיל לעשות בשנת תרמ״ח, על סף שנת־השמיטה הראשונה להתישבות החקלאות המחודשת בארצנו. הגאון רבי שמואל מוהליבר מביאליסטוק נאבק קשות עם גדולי הרבנים בליטא, שדרשו להשבית לגמרי את החקלאות בארץ במשך כל שנת תרמ״ט ולהזקיק את המתישבים לאכילת לחם חסד (או לעבור לפרנסה אחרת, ואולי גם לארץ אחרת, לבל יחללו את שבת הארץ), — והגאון מקוטנה היה בין הגדולים שנתנו יד להגאון מביאליסטוק בהמצאת היתר זמני לעבודת האדמה על־ידי מכירתה הפיקטיבית לנכרי, כדי שההלכה תתקיים וגם הישוב יוכל להתקיים.

וכדרכו לגבי ישוב ארץ־ישראל, היתה דרכו גם בהוראת הלכה בנוגע לחיי העם בגולה. גדולה גבורתם של חובבי החומרות, שיכולים להראות לפשוטי העם את גדלם, את ידם החזקה בחומרות על גבי חומרות. ואילו גאון קוטנה שקד ככל האפשר בתחומי ההלכה להקל ולא להחמיר, כדי שההלכה תתקיים וגם העם יוכל להתקיים. הנה כי כן היתה אז החמאה מצרך חיוני מאד ליהודים תושבי הערים בפולין, אבל לא היתה אפשרות לספק להם חמאה מתוצרת יהודית בלבד. באו שוחרי חומרות וביקשו ממנו להכריז איסור על חמאת נכרים. אך הוא דחה אותם בנימוקים מבוססים בהלכה ובהתחשבות בצרכי המוני העם, והתיר להם להחמיר על עצמם, אבל בלא להעיק בחומרותיהם על אחרים: וכן נהג בנוגע לאכילת כופתאות בפסח, שהמחמירים הציגו אותה כאיסור גמור. והוא, עוד בהיותו רב צעיר בעיירה שרינסק שליד פלוצק, התחשב במדת היכולת של המוני העם לעמוד בחומרות, ולא הסתפק בהוראה להיתר, אלא אף הציג בחלון ביתו כופתאות, לראווה בפסח למען ידעו המוני העם, שבאכילת כופתאות אינם פורקים מעליהם עול המצוות וכדאי להם לשמור ולקיים כל יתר דיני המצוות כהלכתם.

וכשיסד רבי עזריאל הילדסהיימר בברלין את בית־המדרש לרבנים אורתודוכסיים בעלי השכלה כללית רחבה, שיוכלו להשפיע ברוח התורה על בני עדתם המחונכים בתרבות המערב, וגדולי הרבנים, ביחוד בהונגריה, התנגדו לו בחריפות טעם „חדש אסור מן התורה״, בא לקוטנה וקיבל מהגאון הסכמה וברכה למפעלו וגם עידוד לפעלו למען ישוב ארץ־ישראל.

בין תלמידיו היה גם נחום סוקולוב, שהשתבח כל ימיו שזכה לצקת מים על ידי גאון קוטנה, שלדבריו היה רבו בתורה ומדריכו בפוליטיקה!

נפטר ביום כ״ה בתמוז תרנ״ג.

זכר גאון וצדיק לברכה.

א. ש. אלברג

(„הבוקר״, 17.7.58)

אַ בינטל זכרונות וועגן ר׳ יהושיעלע קוטנער

עס האָט געמוזט זיין עפּעס פענאָמאַל־גרויסעס אין ר׳ יהושיעלע קוטנער, אַז איך, אַ וועלטלעכער ייד, געדענק אים תמיד. שוין איבער זיבעציק יאָר ווי ער איז נפטר געוואָרן און איך זע אים גאַנץ אָפט פאַר מיינע אויגן, ווי ער שטייט און גייט אין גאַס, אין בית־המדרש, אויף זיין שטענדיקער מזרח־שטאָט, נעבן ארון־הקודש. און ביי זיך אין בית־דין־שטוב, זיצנדיק אויף זיין גרויסן, רבנישן פאָטערשטול, שאָקלענדיק זיך איבער אַ שטויס ספרים. נאַטירלעך, קלייב איך זיך דאָ נישט צו געבן קיין לומדישע אָפּשאַצונג, נייערט אַ ביסל זכרונות. איך האָב נאָר בדעה צו דערציילן, וואָס כ׳האָב געהערט אין מיינע פריסטע קינדער־יאָרן — סיי ביי אונדז אין שטוב, סיי אין דער גאַנצער סביבה מיינער, ווו יידן־לומדים, יידן פון תורה, האָבן גערעדט וועגן ר׳ יהושיעלען מיט אומגעהייערן דרך־ארץ: אַז ער איז אַ גאון, אַ גדול בתורה, און פאַרשטייט זיך, אַ בקי און חריף, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין צווייטער זיינס גלייכן. ער איז באַהאַוונט אין דער תורה אין דער טיף און אין דער ברייט, שווימט אין איר מיט אַזאַ לייכטקייט, ווי אַ גוטער שווימער אין אַ שטילן, רואיקן טייך. און אַז מע קומט צו אים שיער נישט פון כל תפוצות ישראל, מיט האַרבע תורה־שאלות. זיין וואָרט ווערט אָנגענומען אלס דער לעצטער פּוסק...

עס זענען געווען גענוג סיבות, אַז כ׳זאָל דאָס אַלץ הערן, זען, וויסן. און ווי אַ קינד פון דריי־פיר יאָר, איינזאַפּן אין זיך מיינע ערשטע און וויכטיקסטע לעבנס־איינדריקן. וואָרעם, מיר האָבן געוווינט אין דער שול־גאַס, אין הויז פון אברהם כלאַפּ. דאָס איז געווען דאָס ערשטע הויז נעבן בית־המדרש. דאָס האָט געמיינט — זיין דער ערשטער שכן פון ר׳ יהושיעלען. ווייל דער רב האָט אין יענע יאָרן געוווינט אין קהלישן הויז, וואָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון בית־המדרש. יעדן טאָג האָב איך געהאַט פאַרשידענע געלעגנהייטן צו זען ר׳ יהושיעלען און הערן שמועסן וועגן אים און זיין גרויסקייט. די קוטנער יידן זענען געווען שטאָלץ מיט זייער רב און האָבן דעם נאָמען „ר׳ יהושיעלע״ אַרויסגעזאָגט מיט ציטערדיקע ליפּצן. דער גרעסטער טייל פון די קוטנער יידן האָט אין יענער צייט געפילט, אַז מיר אַלע לעבן אין זכות פון גרויסן צדיק ר׳ יהושיעלע. עס וועט אפשר נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז אַזוי אויך האָט געפילט, אָדער לכל הפחות געאַנט, אַ גרויסער טייל פון דער שטאָטישער קריסטלעכער באַפעלקערונג. און זיי האָבן דאָס אויך ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן, אָפּגעבנדיק אים, ר׳ יהושיעלען, גרויס כבוד, מיט געהעריקן דרך־ארץ פאַרן „ראַבין״. אַממערסטן איז עס געווען קענטיק בעת ר׳ יהושיעלע האָט יעדן טאָג, אַרום דריי אַ זייגער בייטאָג, שפּאַצירט איבער דער לאַנגער שול־גאַס, באַגלייט פון זיין שמש, ר׳ הערשל נאמן. פאַרשטייט זיך, אַז וויפל יידן ס׳האָבן נאָר געוווינט אין דער שול־גאַס, זענען אַרויסגעקומען אים זאָגן „אַ גוט מאָרגן, רבי!״ און דערביי אים אָנגעווינטשן דאָס אייביקע לעבן.

אויך מיין מאַמע איז מיט מיר, אפשר נישט מער ווי אַ צוויי־דריי־יאָריק קינד, אַרויס אין גאַס יעדן טאָג און אָנגעוויזן:

— זעסט, משהלע, דאָס גייט ר׳ יהושיעלע, לאַנג לעבן זאָל ער. זאָג נאָך מיינע ווערטער — האָט זי מיר אָנגעזאָגט, — ווייל מיר אַלע לעבן אין זיין זכות. ער איז אַ גרויסער צדיק!

עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז כמעט אַזוי האָבן אויך געטאָן די קריסטן, וואָס האָבן אין אַ קלליינער צאָל געוווינט אויף דער שול־גאַס. זיי האָבן אים לאַנג נאָכגעקוקט, אַ סך האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און מיט פרומקייט זיך איבערגעצלמט. ביי אַלעמען אין די מיילער האָט מען געקענט הערן די ווערטער: „ראַבין אידזשע, וויעלקי ראַבין״. אויף יידיש מיינט עס: „דער רבי גייט, אַ גרויסער רבי!״.

און קוים איז אָנגעפאָרן אַ גוישער וואָגן, האָט שוין דער פורמאַן, נאָך פון ווייטנס, דערזעענדיק ר׳ יהושיעלען מיטן הויכן סאָבלענעם שטריימל אויפן קאָפּ, אָנגעטאָן אין דער שוואַרצער אַטלאַסענער לאַנגער קאַפּאָטע, מיטן גאַרטל אַרומגעוויקלט — גענומען פאָרן געלאַסענער. און צוקומענדיק נאָענט, האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט אין אַ זייט, כדי צו מאַכן אַ וועג פאַרן „ראַבין״. ער האָט אים אויך לאַנג נאָכגעקוקט, זיך איבערגעצלמט און געפּרעפּלט מיט די ליפּצן זיין תפילה.

קוים האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז די יהושיעלע האָט אין זיין פּאַרטראַכטקייט אַריבערגעשפּאַצירט אין דעם ווייטערדיקן נישט־יידישן טייל פון שול־גאַס, איז אַלע מאָל אַרויסגעקומען דער הויכער, פעסט־געבויטער פּאָלקאָווניק (וועמען מ׳האָט דאַן שוין גערופן „גענעראַל״, ווייל מ׳האָט געוווסט, אַז אין פּעטערבורג זאָל מען אים האָבן דערהויבן צו אַ העכערן ראַנג) און באַ־

גריסט דעם „ראַבין״ אויפן מיליטערישן אופן, אויפהייבנדיק זיין רעכטע האַנט אויף „טשעסט״ און זיך דערביי אויסגעצויגן גלייך, ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַ גענעראַל, אָדער אַ גענעראַל פאַרן קייסער. ר׳ יהושיעלע האָט נאַטירלעך געענטפער־ט, מיט אַ שאָקל פון זיין קאָפּ און מיט זיין אַלע מאָל מילדן שמייכל. גאַנץ אָפּט האָט אויך דעם גענעראַלס ווייב, אַ ייִנגע שיינע פריצה, אַרויסגעקוקט דורך די פראָנט־פענצטער און באַגריסט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, דעם ליבן גאַסט — און ביידע האָבן זיי אים לאַנג נאָכגעקוקט, ווי ער שפּרייזט זיך לאַנגזאַם, טריט נאָך טריט, מ... ייטייס אַ גשוילעכן גזייט



ר׳ שיעלע קוטנער מיטן פרנס מאַנטשעסטער

צום אמתן אויסדרוק פון פאַרערונג איז דאָס אַלץ ער־שט געקומען, בעת ר׳ יהושיעלע איז קראַנק געוואָרן. דער גענעראַל האָט דאַן געהייסן אויסלייגן שטרוי איבער דער גאַנצער גאַס, צווישן בית־המדרש און שול, אַז עס זאָל נישט קלאַפּן, אויב עמעצער וועט דורכגיין אָדער דורכפאָרן, כדי נישט צו שטערן די רו פון קראַנקן. חוץ דעם האָט דער מאַגיסטראַט אַוועקגעשטעלט פון ביידע זייטן גאַס אַ פּאָליציאַנט. זיי האָבן נישט געלאָזט אַדורכפאָרן קיין שום וואָגן מיט אײַזערנע רעדער וואָס קלאַפּן, אויסער אַ קעטשל אויף גומענע רעדער, נאָר געמוזט פאַ־ן טריט ביי טריט, מ׳זאָל נישט הערן דאָס שפּרייזן פון די פערד. די שווערע וועגענער האָבן די פּאָליציאַנטן געהייסן אויסקירעווען אין אַ זייטיקער גאַס, אויף יענער זייט שול.

די גאַנצע צייט פון ר׳ יהושיעלעס קראַנק זיין, איז צווישן די ייִדן אין שטאָט קיין נאָרמאַל לעבן נישט געווען. מ׳איז אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט. עמך האָט ווייניק וואָס געאַרבעט און אַפילו ווייניק געהאַנדלט. און אין בית־המדרש האָבן גאַנצע טעג געבערענט ליכט און ייִדן האָבן געהאַלטן אין איין זאָגן תהילים, בעטנדיק, אַז דער רבונו־של־עולם זאָל צושיקן אַ רפואה שלימה פאַרן קראַנקן. די ווייבער זענען געלאָפן אויפן בית־עולם, איינגעריסן קברים פון די צדיקים, זיי זאָלן זיך מיען פאַר גאָט, ער זאָל זיך מרחם זיין און ראַטעווען זייער ר׳ יהושיעלען...

אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט ר׳ יהושיעלע מער נישט געהאַט קיין יאָרן — און נאָך אַ לענגערן קראַנק זיין, אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה...

אין אַ תמוזדיקן פרימאָרגן, דוכט זיך אַרום צען אַ זייגער, איז ר׳ יהושיעלע נפטר געוואָרן. אַלס אויסדרוק פון טרויער, האָט מען גלייך אויפגעהערט צו לערנען אין אַלע חדרים. און די גאַנצע שטאָט איז באַלד איינגעהילט געוואָרן אין איין גרויסן טרויער. מ׳האָט געוואָרפן שע־־און־אייזן און מ׳איז געקומען אין דער שול־גאַס. די גאַס, אַ ברייטע און גאַנץ לאַנגע, איז גיך איבערפולט געוואָרן מיט ייִדן. „טאַקע אמת?!״ — האָט איינער דעם צווייטן איבערגעפרעגט — „נישטאָ מער ר׳ יהושיעלע?״ דערהערנדיק דעם ענטפער: „ברוך דיין אמת״, האָט מען זיך פשוט געריסן די האָ־ פון קאָפּ פאַר גרויס צער. און די ווייבער האָבן זיך פונאַנדערגעקלאָגט אין אַ גרויס געיאָמער, וואָס האָט אַזש מיטגעריסן די שטיינער פון גאַס צו וויינען. אַפילו אַ געוויסער טייל נישט־ייִדן זענען געקומען אין שול־גאַס אַריין, געקוקט לאַנג אויף ר׳ יהושיעלעס וווינונג, אויפן גרויסן עולם פאַרצערטע ייִדן און אַוועק מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

די ייִדישע אָרעמקייט האָט זיך גאָר דערפילט ווי אמתע יתומים. וואָרעם ר׳ יהושיעלע האָט שטענדיק זיך באַצויגן צום אָרעמען מיט דעם זעלבן מילדן שמייכל ווי צום רייכן. און אַז ר׳ יהושיעלע האָט ווינטער־צייט מרעיש עולם געווען אין בית־המדרש און אין שול, אַז מ׳טאָר די אָרעמע קינדער נישט לאָזן פרירן און הונגערן אין די ווינטערדיקע קעלטן, האָט מען גלייך פונאַנדערגעפירט קוילן און קאַרטאָפל אין די אָרעמע קאַלטע שטובן.

ר׳ יהושיעלע האָט קיין מאָל נישט געוואָלט נעמען ביי קיי־נעם קיין פדיון. ער האָט געהאַלטן אין איין זאָגן צו זיינע באַזו־כער: „גיט אַוועק אויף צדקה, ווייל אויף צדקה שטייט די וועלט״. און אַז מענטשן האָבן דאָך איבערגעלאָזט, אין אַ זייט אויפן טיש, געוויסע סומעס, האָט ער עס אַפילו נישט אָנגערירט מיט זיינע הענט, נאָר געהייסן זיין שמש, ר׳ הערשל נאמן, עס צונעמען און אַוועקגעבן אויף צדקה.

צו ר׳ יהושיעלעס פטירה זענען אָנגעפאָרן אַ סך ייִדן, מער וויפל די שטאָט האָט געקענט אַ־יינעמען. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען געווען צווישן זיי אַ סך רבנים, פון גאַנץ פוילן. מ׳האָט פאַרן מת־קדוש געמאַכט אַ ספּעציעלע נייע מיטה, אויך נייע טהרה־מכשירים. די טהרה איז נישט אַדורכגעפירט געוואָרן פון די חברה־קדישא־לייט, נאָר דורך די גרעסטע רבנים. מ׳האָט אויך צוגעלאָזן צו דער טהרה אַ געוויסע צאָל כהנים — לומדים. די רבנים האָבן דערקלע־רט, אַז ר׳ יהושיעלע איז אַ מת־טהור און אַז די כהנים־לומדים דאַרפן און מעגן זיך מתעסק זיין ביי דער טהרה. איך געדענק, ווי היינט, אַז מיין אייגענער טאַטע, אַ כהן און אַ ייִד אַ למדן, האָט טראָץ דעם טיפן טרויער, זיך געפילט זייער דערהויבן, וואָס מ׳האָט אים צוגעלאָזן צו דער טהרה.

די לוויה איז פאָרגעקומען אויפן צווייטן טאָג. זי האָט זיך אָנגעהויבן באַלד אין דער פרי, אפשר זיבן אַ זייגער, מיט אַרומקרייזן זיבן מאָל אַרום דעם בעלעמער אין בית־המדרש, בעת ביידע טירן פון ארון־הקודש זענען געווען ברייט געעפנט און די ספרי־תורות, אויסגעטוענע פון זייערע זילבערנע קרוינען (אויך אין טרויער), האָבן מיט זייער גאַנצע־ הייליקייט אַרויסגעקוקט אויפן מת־טהור. די מיטה האָבן געטראָגן רבנים און אָנגעזעענע כהנים. דער לוויה־צוג איז געווען אַ גרויסער, ס׳איז

נישט מעגלעך זיך משער צו זיין וויפל מענטשן עס זענען געוועזן — קעפ אויף קעפ, נישט צום איבערציילן. אין פראָנט פון דער מיטה זענען געגאַנגען אַלע יידישע קינדער פון די חדרים און געזאָגט אויף אַ קול: „צדק לפניו יהלך" און אַנדערע פּאַסיקע פסוקים פון תהילים. די מיטה איז געווען אַן אָפענע און הויכע, מיט ברעטער פון בײדע זייטן, וואָס האָט איר געמאַכט אויסזען ווי אַ בעט. אויפן גאַנצן וועג האָבן יידן, און אפשר אויך גויים, געהאַלטן אין איין אַריינוואַרפן קוויטלעך. אויב איך געדענק ריכטיק, האָט מיין טאַטע, זייענדיק איינער פון די כהנים נושאי־המיטה, אַריינגעוואָרפן אַ קוויטל, אַז ר׳ יהושיעלע זאָל זיך מיען פאַר גאָט, אַז ער זאָל שיקן אַ רפואה שלימה פאַר דער קראַנקער מאַמע מיינער, און פאַרשטייט זיך — אויך פּרנסה. אַזאַ איז מסתמא געווען דער ווונטש אין אַלע אַנדערע קוויטלעך.

די לוויה האָט געדויערט אַ גאַנצן תמוזדיקן טאָג, ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. אויב איך געדענק גוט, האָט מען ר׳ יהושיעלען געגעבן אַ קבר ווי אַ כהן.

אַ ציטער האָט אַלעמען אַדורכגענומען און דער גרויסער עולם האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט, בעת מ׳איז צוגעקומען צום אָפענעם קבר. דער עולם האָט דערפילט אויף אַן אמת, אַז שוין, ר׳ יהושיעלע גייט טאַקע אַוועק פון אונדז, מיר בלייבן אָן אים ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך...

ביים ערשטן שאָפל ערד, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעשיט אין קבר אַריין, האָט זיך צוגלייך מיטן גרויסן געיאָמער, אויך דערהערט אויף אַ הויך קול די ווערטער: „מזל טוב!" דאָס האָט די קוטנער קהילה געלאָזט וויסן ר׳ יהושיעלען דורך אַ „מזל טוב", אַז זי נעמט אויף אַלס קוטנער רב זיין בן־יחיד, הרב משה פּנחס, אויף זיין אָרט, ממלא מקום צו זיין. און זיין זון ר׳ משה פּנחס איז טאַקע גלייך געוואָרן קוטנער רב.

אַ גאַנצע וואָך נאָך דער לוויה, איז דאָס בית־המדרש געווען פול געפּאַקט מיט יידן און רבנים, וועלכע האָבן איינער נאָכן אַנדערן געמאַכט הספדים פון סאַמע פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. מ׳איז אויך געזעסן שבעה אין די היימען. און אַזוי גוט ווי אין בית־המדרש, האָבן אין יעדן יידישן הויז געברענט ליכט, אין טיפן טרויער נאָך דעם גרויסן מנהיג און גאון ר׳ יהושיעלע, וועלכער איז זיין גאַנץ לעבן געווען פאַר זיי אַ ליכט, וואָס האָט מיט געטלעכקייט באַלויכטן זייער לעבנסוועג...

אַ לענגערע צייט נאָך ר׳ יהושיעלעס פּטירה, איז דאָס לעבן פון די יידן אין שטאָט געווען נישט לייכט. אַן אומעט האָט געהערשט אין יעדן ווינקל, ווו עס זענען זיך נאָר צונויפגעקומען עטלעכע יידן, אָדער אַ מנין אין בית־המדרש, אָדער אין וועלכן עס איז חסידים־שטיבל, האָט מען וועגן עפּעס אַנדערש נישט גערעדט ווי וועגן ר׳ יהושיעלען — סיי וועגן זיין טויט, וואָס האָט אַזוי אויפגערודערט די יידישע וועלט און סיי וועגן זיין דערהויבן לעבן, וואָס האָט באַשטראַלט אונדזער שטאָט מיט אַלעם וואָס איז שיין און גוט. דערפאַר איז טאַקע נישט לייכט געווען שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ר׳ יהושיעלע איז אין דער אמתן פון אונדז אַוועק אויף אייביק...

ווי אַ געבוירענער קוטנער, מעג איך מיר דערלויבן צו זאָגן, אַז סיי דער רב ר׳ משה פּנחס זצ״ל און סיי דער רב ר׳ יצחק זצ״ל, אַ זון פון ר׳ משה פּנחסן און אַן אייניקל פון ר׳ יהושיעלען, האָבן, זיצנדיק אויפן קוטנער כסא־הרבנות, אַלע יאָרן געטראָגן די קרוין פון ר׳ יהושיעלעס גרויסקייט... דער דור קוטנער יידן, וועלכער האָט נאָך גוט געדענקט ר׳ יהושיעלען, האָט אויף זיי אַלע מאָל געקוקט ווי אויף די קינדער, די יורשים פון זייער גרויסן טאַטן און זיידן, דעם גאון און חריף ר׳ יהושיעלע קוטנער...

מ. י. שאָטאַן / מאָנטרעאַל

☆ ☆ ☆

הרב יצחק יהודה טרונק

(תרל״ט—תרצ״ט, 1879—1939)

הרב יצחק יהודה טרונק, אַ זון פון הרב ר׳ משה פּנחס און אַן אייניקל פון באַקאַנטן גאון ר׳ ישראל־יהושע (ר׳ שיעלע קוטנער), איז געבוירן געוואָרן אין אדר תרל״ט אין קוטנע, ווען דער גרויסער זיידע איז געווען קוטנער רב. דערצויגן אין דער אַטמאָספערע פון קולט פאַר דעם זיידן, און אונטער זיין גייסטיקער השגחה, האָט ער שוין פרי אַרויסגעוויזן עילוישע פעיקייטן. ווען ר׳ יהושיעלע איז נפטר געוואָרן (כ״ה תמוז תרנ״ג), איז ער שוין געווען אַ יאָר נאָך בר־מצוה. קוטנער לומדים האָבן געוואָלט אין אים זען אַ ווייטערדיקן המשך פון דעם גרויסן זיידן (אין די עלטערע יאָרן איז ער מיט זיין אויסזען געווען ענלעך צו ר׳ יהושיעלען). צו 18 יאָר איז ער געוואָרן אַן איידעם פון ר׳ שמואל באָרנשטיין, דעם זון פון סאָכאַטשאָווער רבין ר׳ אברהמלע, וועמענס עלטסטע טאָכטער, פרימעט, איז געוואָרן זיין זיווג. דאָ, אין סאָכאַטשאָווער הויף, אויף וועלכן עס האָט געלייגט זיין חותם דער גאון התורה ר׳ אברהמלע, און אונטער זיין השגחה און הדרכה, האָט דער קוטנער עילוי דערגרייכט אַ הויכע מדרגה אין לימוד התורה.



וועגן דעם דאָזיקן סאָכאַטשאָווער פעריאָד פון זיין לעבן, שרייבט ער אין דער הקדמה צום ספר יבין דעת פון ר׳ ישראל יהושע (פּיעטרקאָוו, תרצ״ב): „והנה נטפלתי לטהור וצרפתי לסוף הספר... גם את דברי הספר אבני נזר מכ״ק אדמ״ור חו״ז גאון ישראל וקדושו מסאכטשאוו זצ״ל, שזכיתי ללמוד תורה אצלו והייתי חביב בעיניו כבניו זי״ע..." אין סאָכאַטשאָוו איז ער געזעסן על התורה ועל העבודה בערך זיבן יאָר.

אין תרס״ה האָט אים די יידישע קהילה אין לובראַניץ (אַ שטעטל נישט ווייט פון וולאָצלאַוועק) פאַרבעטן צו פאַרנעמען

דאָרט דאָס כסא־הרבנות. לאַנג איז ער אין דעם דאָזיקן, אַ ביסל פאַרגרעבטן קויאַווער מקום, נישט פאַרבליבן.

אין תרס״ז, ווען עס איז פריי געוואָרן דער פּאָסטן פון אַ רב אין טשעכאַנאָוו, נאָך דער פּטירה פון דאָרטיקן רב, האָט אים די טשעכאַנאָווער קהילה פאַרבעטן אויף דעם דאָזיקן אַמט. אין טשעכאַנאָוו איז ער געזעסן העכער 5 יאָר, ביז תרע״ב (1912) און זיך געמאַכט זייער פּאָפּולער און באַליבט ביי דער יידישער באַפעלקערונג. אין דעם „יזכור־בוך פון דער טשעכאַנאָווער יידישער קהילה" (תל־אביב תשכ״ג, 1962) לייענען מיר אין די זכרונות פון אַ דאָרטיקן תושב, ש. ראָטשטיין, די ווייטערדיקע כאַראַקטעריסטיק פון דעם דעמאָלטיקן טשעכאַנאָווער רב:

„מיט זיין תורה־קענטעניש, לומדות, חכמה און ליבשאַפט צו מענטשן — זיך דערוואָרבן אַ סך פריינד. זיין הויז איז געווען אָפן פאַר יעדן. בפרט פאַר בחורים ווילערנער. ער האָט געהאַט אַן אומגעוויינלעכע ווירקונג אויף יעדן ייד, וואָס איז געקומען מיט אים אין באַרירונג. בעת זיין רבנות אין טשעכאַנאָוו, האָט הרב טרונק פיל גוטע זאַכן געטאָן פאַר דער דאָרטיקער קהילה. דורך זיין איניציאַטיוו איז אויסגעבויט געוואָרן די נייע שול (די אַלטע שול איז נאָך פריער אָפּגעברענט געוואָרן), ער האָט געזאָרגט, אַז אַרום דעם בית־הקברות זאָל אויסגעבויט ווערן אַ צעמענטענער פּלויט... אין יאָר תרע״ב, ווען אין קוטנע איז נפטר געוואָרן זיין פאָטער, איז הרב יצחק יהודה טרונק גערופן געוואָרן פון דער קוטנער קהילה צו ווערן זיין ממלא־מקום. דער טשעכאַנאָווער יידישער קהילה איז געווען שווער זיך צו שיידן מיט איר טייערן רב, אָבער די שטאָט האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי דאַרף זיין, הרב י. י. טרונק מוז פאַרנעמען דאָס אָרט פון זיינע גרויסע אבות" (זייטן 39—40).

נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער הרב ר׳ משה פּנחס, איז אַ דעלעגאַציע פון דער קוטנער קהילה געקומען קיין טשעכאַנאָוו אים פאַרצולייגן דאָס קוטנער רבנות. די טשעכאַנאָווער ראשי־הקהל האָבן מיט אַ שווער האַרץ מסכים געווען זיך אָפּצוזאָגן פון זייער יונגן און באַליבטן רב. זיי האָבן לכתחילה איינגעזען, אַז יעדער פּרוּוו פון קעגנשטעלן זיך — איז אַ פאַרשפּילטער. עס האָבן דאָ דעצידירט כוחות לגבי וועלכע זיי זענען געווען אוממעכטיק: אַ משפּחה־טראַדיציע און דער נאָמען פון ר׳ יהושיעלען, וואָס זיין געראָטן אייניקל איז געווען דער פּאַסיקסטער ממלא־מקום אויף דעם וואַקאַנטן כסא הרבנות.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט זיך הרב טרונק געפונען אין דייטשלאַנד און איז ווי אַ רוסישער בירגער אינטערנירט געוואָרן אין אַ ציוויל געפאַנגען־לאַגער. אַ דאַנק דער השתדלות פון דעם רב אין קיסינגען, איז ער באַפרייט געוואָרן פון לאַגער און באַקומען די דערלויבעניש זיך אומצוקערן קיין פּוילן. סוכות־צייט תרע״ד איז ער אָנגעקומען קיין לאָדזש, ווו ער האָט פאַרבראַכט צוזאַמען מיט דער משפּחה, ביז עס האָט זיך סטאַביליזירט די דייטשע אָקופּאַציע פון קאָנגרעס־פּוילן. פאַר פּסח תרע״ו איז ער צוריק געקומען קיין קוטנע, ווו ער איז געווען רב ביז זיין פּטירה אין וואַרשע, מוצאי שבת כ׳ אדר תרצ״ט (11טער מערץ 1939). אויך דאָ האָט ער זיך געמאַכט פּאָפּולער צווישן דער יידישער און אַפילו קריסטלעכער באַפעלקערונג, אָבער מחמת זיין פּאָליטישער טעטיקייט אין „מזרחי", האָט ער אַרויסגערופן קעגן זיך אַן אָפּאָזיציע מצד דער אָרטיקער „אגודה".

ער איז געווען פּאָפּולער און באַליבט ביי דער פאָלקס־מאַסע, וואָס וועגן איר מאַטעריעלן און גייסטיקן מצב ער האָט געזאָרגט, און ביי דער יידישער שטאָטישער אינטעליגענץ. ער איז געווען אַ דורכאויס דעמאָקראַטישע נאַטור (שמחת־תורה, אויף קידוש, פלעגט ער פאַרבעטן אַלע אָן אויסנאַם מתפּללים, וועלכע זענען געווען אין שול, נישט מאַכנדיק קיין אונטערשייד צווישן מזרח־וואַנט־יידן און פּראָסטע יידן, שוין נאָענט צו דער טיר). ער האָט פאַרמאָגט אַ טיפן חוש פאַר הומאָר, געווען אַ שאַרפזיניקער דערציילער פון חסידישע מעשיות, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט אין זיין פענאָמענאַלן זכרון.

אַלס קוטנער רב האָט ער פיל אויפמערקזאַמקייט געשאָנקן דער פאַרבעסערונג פונעם מצב פון דער קהילה. אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו איז אין 1932 פאַרענדיקט געוואָרן אַ גרינטלעכער רעמאָנט פון דער שול, וואָס האָט זיך שוין אין דעם שטאַרק גענייטיקט (די שול איז אויפגעבויט געוואָרן אין תקנ״ט, 1799). עס איז געשאַפן געוואָרן אַ בעסערער סדר אין אַלע קהלישע אינסטיטוציעס, ווי דאָס אויפבויען פון אַ ניי שעכטהויז, מאָדערניזירונג פון דער אינעווייניקסטער איינריכטונג פון דער מקווה, דאָס הייבן דעם ניוואָ פון דער תלמוד־תורה אאַ״וו. ער האָט אויך פיל ענערגיע געשאָנקן דער טעטיקייט פון דער אָרטיקער גמילות־חסדים־קאַסע און מיטגעאַרבעט מיטן עקאָנאָמישן ביוראָ פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט" ביים זוכן נייע פרנסות פאַר דער פאַראָרעמטער און פאַרפאָלגטער יידישער באַפעלקערונג.

ער האָט זיך פיל אָפּגעגעבן מיט ענינים פון יידישן חינוך, געווען דער יידישער פאָרשטייער אין דערציאונגס־ראָט פון קוטנער פּאָוויאַט, ווו אים איז נישט איין מאָל אויסגעקומען צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם יידישן חינוך קעגן די אָנגריפן פון דער אַנטיסעמיטישער פּוילישער מלוכה־מאַכט. באַזונדערע אַכט האָט ער געלייגט אויף דעם לימוד פון דת אין די אַלגעמיינע שולן פאַר יידישע קינדער און נישט איין מאָל אַליין געפירט לעקציעס אין די קלאַסן.

אין 1937 האָט דער וועד־הקהילה געפייערט דעם 25יאָריקן יובל פון הרב טרונקס רבנות, מיט אַ ספּעציעלער גרויסער אַסיפה אין בנין פון דער קהילה. אין דעם וולאָצלאַווקער יידישן וואָכנבלאַט איז וועגן דער דאָזיקער געשעעניש אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ ספּעציעלער אַרטיקל.


הרב יצחק יהודה טרונק איז געווען אַ קאָלירפולע פּערזענלעכקייט אין דער רבנישער וועלט. ער האָט פאַראייניקט אין זיך די גרונט־עלעמענטן פון דער טראַדיציאָנעלער פּוילישער רבנות, מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש פאַר די נייע פּראָצעסן אינעם געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן, אין וועלכע ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט. אין 1918 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דעם רעליגיעזן פליגל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין „מזרחי" ווו ער האָט זיך באַלד אַרויסגערוקט אויבן אָן אין דער גרופּע פון מזרחיסטישע רבנים, צוזאַמען מיט הרב י. ל. קאָוואַלסקי פון וולאָצלאַוועק, רב י. ל. זלאָטניק פון גאָמבין, רב שמואל הלוי בראָד פון ליפּנאָ א״אַ. הרב טרונק האָט זיך באַטייליקט ווי אַ דעלעגאַט פון פּוילישן „מזרחי" אין דער אַמסטערדאַמער קאָנפערענץ, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אירע באַראַטונגען אין די לעצטע טעג פון טבת תר״פ (1920). ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער מזרחי־דעלעגאַציע אויף דער ציוניסטישער לאָנדאָנער קאָנפערענץ (תמוז, תר״פ, 1920). אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון פּוילישן „מזרחי" אין וואַרשע (אייר תרע״ט), האָט ער געלייענט אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן דער קהילה, וואָס האָט מיט זיין באַהאַוונטקייט און פאַרטיפונג פון דער פראַגע אַרויסגערופן אַ גרויסע און אַלגעמיינע פאַראינטערעסירונג און אָנערקענונג.* (אָפּגעדרוקט אין „המזרחי", נומ׳ 7(159) פון 1922).

---

* **על** הקהילה העברית (הרצאה בועידה השניה של „המזרחי" בפולין, תרע״ט), י״ד אייר תרע״ט, נומ׳ 19—21, **ע״ע** 17—20 (צום סוף פון רעפעראַט האָט דער רעדאַקטאָר (יצחק ניסנבוים הי״ד) צוגעגעבן: „הרצאה זו נפסקה פעמים רבות במחיאות־כפים סוערות ובהגמרה — נערכו אובציית נלהבות למרצה. הרושם היה כל כך גדול, עד שנתקבלה ההצעה שהוכנסה לבלי להתוכח כלל **על** הרצאה זו, רק לתת רשות הדבור לאלה הרוצים למלאות אחריה".

אַ רעפעראַט וועגן דער קהילה האָט ער אויך געלייענט אויף דער דריטער קאָנפערענץ פון „מזרחי" אין וואַרשע (טבת. תרפ"ב).

הרב טרונק איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון „מזרחי" צום 13טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד אין יאָר 1923 („המזרחי", י"ג מנחם אב תרפ"ג, ע' 9). אָבער ער, וואָס האָט שוין ווייזט אויס, געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט זיך צוריקציען פון פּאָליטישער טעטיקייט — איז צום קאָנגרעס נישט געפאָרן.



הבית של הרב טרונק • הויז פון הרב טרונק

זיין טיפער אינטערעס אין דער טעטיקייט און אָרגאַניזאַציע פון די קהילות, האָט געפונען זיין אויסדרוק אויך אין דעם פאַקט, וואָס ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון אַ צוזאַמענפאָר פון קהילות פון קוטנער און וולאָצלאַוועקער ראַיאָן, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט רבנים און ראשי־קהל פון די דער־מאָנטע ראַיאָנען. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז געשאַפן געוואָרן אַ קהלישע רעפּרעזענטאַנץ פון די באַטייליקטע קהי־לות — אַ ווידעראויפלעבונג פון די אַמאָליקע ועדי הגליל אין אַלטן פּוילן.

הרב טרונק האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָנפערענץ פון מזרחיסטישע רבנים (כ"ה־כ"ו תמוז תרפ"ג) און געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום, ווי אויך אין דעם רבנים־צוזאַמענפאָר אין פּוילן, וואָס האָט זיך געעפנט אין וואַרשע כ"ג טבת תרפ"ב מיט דער באַטייליקונג פון העכער 200 רבנים. ווי עס איז פאַרצייכנט געוואָרן אין פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפע־רענץ, האָט ער דאָרט פאָרגעלייגט צו וויילן אַ קאָמיסיע פאַר א"י, צוליב דער קעגנערשאַפט פון דער „אגודה", וואָס האָט דאָמינירט די קאָנפערענץ, און כדי אויסצומיידן פּאַרטיי־רייבונ־גען צווישן די אָנהענגער פון דער „אגודה" און „מזרחי", איז דער פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

גלייכצייטיק האָט ער אינעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, „המזרחי", פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע צאָל אַרטיק־לען אויף אַקטועלע טעמעס פון דער מזרחיסטישער אידעאָלאָ־גיע, פּאָלעמישע אַרטיקלען מיט דער „אגודה", און בכלל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דעמאָלטיקן פּוילן (זע די אונטן־געבראַכטע ביבליאָגראַפיע).

זומער 1921 איז הרב טרונק פאַרבעטן געוואָרן דורך דער קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק אויף אַ לענגערן באַזוך ביי זיינע בני־עיר. אַ דאַנק דעם דאָזיקן באַזוך, איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן דער אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנ־שאַפט און איר היימשטאָט, וואָס האָט צווישן אַנדערן געפונען איר אויסדרוק אין דער בעסער אָרגאַניזירטער און פאַרגרעסער־טער הילף פאַר די באַדערפעניש פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט.

וואַרשיינלעך ביים סוף פון יאָר 1923, האָט הרב טרונק זיך צוריק געצויגן פון דער פּאָליטישער טעטיקייט און זיך גע־ווידמעט בכל נפשו ומאודו צוויי אויפגאַבן: אַרויסגעבן די פאַר־בליבענע כתבים פון זיידן ר' ישראל יהושע, און דער אָנפירונג מיט די קהילה־ענינים.

אין די יאָרן תרפ"ז און תרצ"ב זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן צוויי ספרים: „ישועות מלכו, קרית ארבע" (פּיעטרקאָוו, תרפ"ז) און „יבין דעת" (פּיעטרקאָוו, תרצ"ב).

צו די דאָזיקע ספרים פון זיין גרויסן זיידן, האָט ער מוסיף געווען אַ צאָל קונטרסים. ביים סוף פון ספר „ישועות מלכו", האָט ער אָפּגעדרוקט אַ קורצע ביאָגראַפיע פון ר' יהושיעלען א. נ. „תולדותיהם של צדיקים" און „מעט צרי, הגהות על הרמב"ם". ווידער אין ספר „יבין דעת" האָט ער מוסיף געווען אַ צאָל קונטרסים און שו"ת א. נ. „חסדי אבות, מכתבים בפלפול חברים וקונטרסים בדברי תורה", צווישן זיי „קונטרס גרם המעלות", וועגן באַנוצן אַן אויטאָמאַטישן אויוון אין שבת און „קונטרס הכרת פנים", וואָס באַהאַנדלט אַ פאַל פון זעלבסטמאָרד פון אַ קוטנער ייד, נאָענט צו דער באַן־סטאַציע (דער ייד האָט זיך אַרונטערגעוואָרפן אונטערן צוג). די דאָזיקע קונטרסים, צו־זאַמען מיט די תשובות, האַלטן צוזאַמען 125 צוויי־שפּאַלטיקע זייטן. אין יאָר תרצ"ו איז דערשינען אין דער זעלבער דרוקעריי אין פּיעטרקאָוו פון ה. פּאָלמאַן זיין „ספר מקרא מפורש באורי מקראות שבתורה ע"ד הלכה ואגדה" (148 זייטן).

וועגן זיין טעטיקייט אין דער ריכטונג פון פאַרבעסערן דעם מצב פון דער קהילה, איז שוין אויבן געווען די רייד.

אין די לעצטע יאָרן האָט הרב טרונק זייער סימפּאַטיזירט מיט דער פּועלי אגודת ישראל־באַוועגונג און זיך וואַרעם אינ־טערעסירט מיט דער טעטיקייט פון דעם קוטנער סניף, שטיצנ־דיק זיי מאָראַליש (ער פלעגט האַלטן פאַר זיי אַ שיעור פון צייט צו צייט), ווי אויך מאַטעריעל. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמען אינטערעס פאַר דער אַרבעט פון יידישן וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט (ייוואָ) אין ווילנע, געשטיצט די יערלעכע סובסידיעס פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג פאַרן אינסטיטוט און מיט סימפּאַטיע זיך באַצויגן צו דער טעטיקייט פון דער אָרטיקער זאַמלער־גרופּע.

ישעיה טרונק / ניו־יאָרק

ביבליאָגראַפיע

פון הרב י. י. טרונקס מאמרים און ווערק

1. קונטרסים און ספרים

קונטרס „תולדותיהם של צדיקים", ספר ישועות מלכו, קרית ארבע, פּיעטרקאָוו, תרפ"ז, ע' 154—156.
קונטרס „מעט צרי", הגהות על הרמב"ם", דאָרטן ע' 1—15
קונטרס „חסדי אבית, מכתבים בפלפול חברים וקונטרסים בדברי תורה", ספר יבין דעת, פּיעטריקאָוו, תר"צ"ב, צווישן זיי:
קונטרס „גרם המעלות" און קונטרס „הכרת פנים", צוזאַמען 125 צוויי־שפּאלטיקע עמודים.
ספר מקרא מפורש. באורי מקראות שבתורה ע"ד הלכה ואגדה, פּיעטריקאָוו תרצ"ו, ע' 148.

2. שערי תורה, ירחון רבני, נוסד ע"י הגאון מ. יצחק הכוהן פייגענבוים

חוברת א' (שנה יד') תשרי—כסלו תרפ"ד, סימן ה', ע' ז—ח.
חוב' ב' (שנה טו) אייר תרפ"ה, סימן ח', ע' כ—כב.
חוב' ג', (שנה טי) סיון תרפ"ה, סימן ג' ע' ג—ד.

חוב׳ ב׳, (שנה יז׳) ר״ח אדר תרפ״ז, סימן ד׳ עע׳ ו—ט.
חוב׳ א—ב (שנה יח׳), תשרי—מרחשון תרפ״ח, סימן יג׳, עע. כה—כז.
חוב׳ ד—ה, (שנה יח׳), טבת—שבט תרפ״ח, סימן ב׳, עע׳ ג—ד.
חוב׳ א. (שנה יט׳), תרמו תרפ״ט, סימן ה׳, עע׳ א—י.

3. מאמרים אין „המזרחי״, 1919—1923

1919

נום. 2 זייטן 2—3: „המזרחי ואגודת האורטודוקסים״.

נום. 5. זייטן 9: „תשובה גלויה״ (אַן ענטפער דעם טשעכאַנאָווער רב הרב ברוינראט אויף זיינס אַ נאָטיץ אין „דאָס יידישע וואָרט״ וועגן אַ קול קורא פון אַ גרופּע רבנים צו האַלטן אין די שולן דרשות קעגן באָלשעוויזם; דאָס איז געווען די צייט פון דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין פּוילן).

נום. 6, זייטן 1—2: זכויות דתיות וזכויות לאומיות.

נום. 19—21, זייטן 17—20: על הקהילה העברית.

נום. 25, זייטן 6—7: כחשו וגם שמו בכליהם (וועגן דער אַקציע פון אַסימילאַטאָרן אויף דער פּאַריזער שלום־קאָנפערענץ).

נום. 29, זייטן 2—4: סגולה דאתמחי׳ (וועגן דער אַנטיסעמיטישער שטעלונג פון דער פּוילישער סאָצעאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) אין שייכות מיט דער סיים־דעבאַטע וועגן דער אַגראַר־רעפאָרם.

נום. 37, זייטן 3—4: עלבונה של תורה (וועגן דעם שפלדיקן מצב פון די שוחטים אין די קהילות).

נום. 46, זייט 5: תשובה לרבנים (אין שייכות מיט דעם אַרטיקל „עלבונה של תורה״).

נום. 52, זייטן 2—4: מגיפת השביתות בבתי ספר.

1920

נום. 68/15, ז. 2—3: המזרחי והלאומיות.

נום. 73/20, ז. 7: הגיעה השעה (וועגן בויען ארץ ישראל אין תורה־גייסט).

נום. 74/21, זז. 4—5: דברים אחדים לאחינו המכונים „שלומי אמוני ישראל״.

נום. 94/41, 2—3: זדון ומשוגה (וועגן דער פּאָלעמיק פון ד״ר אברהם גליקסמאַן אין „הצפירה״ מיט די אויפגעקלערטע רבנים).

נום. 96/43, ז. 2—3: המזרחי וחניכיו (אין שייכות מיטן עפענען דעם מזרחיסטישן לערן־אנשטאלט „תחכמוני״).

נום. 99/46, זז. 2—3: אחריות של גזרה (פּאָלעמיק מיט דעם קאָנגרעס פון דער „אגודה״ אין פּרעשבורג).

1921

נום. 105/2, ז. 1—2: שאיפות ומעשים (וועגן פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער קהילה).

נום. 106/3, זז. 1—2: תפקידי „המזרחי״ באַמעריקה.

נום. 109/5, לעצטע זייט: ציון לנפש יקרה (נעקראָלאָג נאָכן טויט פון גאָסטינינער רב ר׳ דוד סילמאַן, נפטר געוואָרן ו׳ טבת תרפ״א).

נום. 113/10, זז. 3—4: אגודת הרבנים.

נים. 115/12, זז. 2—3: האם אפשר לה להלאומיות למלאות מקומה של הדת?

נום. 120/19, זז. 1—2: סבלנות הדעות או חולשת הרוח (וועגן דער געפאַר פון אַסימילאַציע מצד דעם יידישן קאָמוניזם).

נום. 127/24, זז. 3—4: „המזרחי״ ודרישותיו מאת הקונגרס. תוכן וצורה.

נום. 147/44, זז. 1—2: דרכנו.

1922

נום. 159/7, זז. 4—6: על הקהילה העברית — הרצאת הרב י. י. טרונק.

נום. 162/10, זז. 1—2: כל המוסיף גורע (קריטיק פון דער רבנים־קאָנפערענץ).

נום. 15—167/16—168, זז. 2—3: ותורים ופשרות של ה„אגודה״ (פּאָלעמיק מיט דער „אגודת שלומי אמוני ישראל״).



מר יצחק מייראנץ קיבל תואר חבר־כבוד ראשון של הקהילה היהודית בקוטנה — לפי הצעתו של הרב טרונק זצ״ל.

ה׳ יצחק מייראַנץ באַקומען דעם טיטול פון ערשטן ערן־מיטגליד פון דער יידישער קהילה (1933), אויפן פאָרשלאַג פון הרב טרונק זצ״ל.

נום. 171/20, זז. 2—3: תורתם של הנרגזים (קריטישע שטעלונג צום פאַרשאַרפטן פּאַרטיי־קאַמף צווישן דער „אגודה״ און די ציוניסטן. ער באַשולדיקט ביידע פּאַרטייען נישט אויסשליסנדיק דעם „מזרחי״, אין איבערגעטריבענער קנאות. ער רופט צו קעגנזייטיקע קאָמפּראָמיסן און נאַציאָנאַלער אחדות.)

דאָס איז דער לעצטער אַרטיקל פון הרב טרונק אין „המזרחי״ און סיגנאַליזירט שוין דעם איבערברוך, וואָס איז ביי אים פאָרגעקומען אין זיין באַציאונג צום פּאַרטיי־קאַמף אויף דער יידישער גאַס).

☆ ☆ ☆



אש שלום

(מתוך האנציקלופדיה העברית — כללית יהודית וארצישראלית. כרך שביעי. ירושלים—תל־אביב, תשי״ד).

אש שלום (נולד 1880, קוטנה, פולניה), סופר יידי; מחבר של רומאנים, מחזות ומסות. אביו, משה, בן למשפחת שוחטים ובודקים, היה סוחר בהמות ובעל פונדק. אמו נתיחסה על אחד מרבני לנצ׳יצה. לדבריו של אש, ירש מאמו לב, שאינו יודע מנוחה ושוגה בחלומות, ואילו מאביו ירש אמונה ובטחון. תחילת חינוכו של אש היתה ב„חדר" ואח״כ ב„ישיבה". כשיצא מבית המדרש (והוא בן 17), נזדמן לו תרגום גרמני של תהילים באותיות עבריות ועל פיו ניסה ללמוד גרמנית. אחר כך למד את האלפביתא הגרמני והתחיל קורא את הקלסיקאנים הגרמניים. מפני כן נחשד בביתו על מינות. מלבד זה נכנסה בו רוח של אי־מנוחה ולא יכול עוד לשבת במקום אחד. וכך נקלע לכפר אחד לבית קרובים; שם הרביץ תורה לבניהם, ואגב מעשה היה מסתכל בחייהם של האיכרים הפולניים. זה היה לפי דבריו, „בית הספר היסודי של חייו". „בית ספר גבוה" מזה היתה לו העיר ולוצלאווק, שבה היה מתפרנס מכתיבת מכתבים — מלאכה, ש„פתחה לפניו פינות מוצנעות של החיים".

בהשפעת כתבים עבריים, יידיים, רוסיים, פולניים וגרמניים התחיל אש מנסה את כוחו בחיבור דברי ספרות — מתחילה בעברית. ב־1899 הראה את כתביו לי. ל. פרץ בווארשה, ועל פי הצעתו התחיל אש כותב יידית. ב־1900 נתפרסמה ב„דער יוד" רשימתו הראשונה בשם „משה׳לע". באותו זמן נתפרסמו ב„הדור" וב„הצפירה" ציורים וסיפורים קצרים אחרים משלו, וב־1902־1903 פירסם סיפורים ודראמות קצרות בעברית ב„השלח" וב„לוח־אחיאסף"; באותן השנים נתכנסו ויצאו לראשונה ציוריו בצורת ספרים — בעברית: „ספורים" (בהוצאת „תושיה"), וביידית — „אין אַ שלעכטער צייט" — „בימים רעים" (בהוצאת „פרוגרס"). על כתביו הראשונים נסוך העצבון של שנות ילדותו, ואפשר, שיש כאן גם מהשפעתם הספרותית של אברהם רייזין וה. ד. נומברג, שאש נתרועע עמהם מיום שבא לווארשה והיה „דר ביחד עמהם בחורים חשוכים וטחובים, ובא במגע עם מצוקות האדם". תמורה חלה בחייו כשהכיר את הסופר היהודי פולני מ. מ. שפירא, שאחר כך נשא אש את מתילדה בתו. צרכי חייו נתרבו, ועם זה נתרחבו השגותיו הספרותיות.

ב־1904 פירסם אש ב„פריינד" פרקים פרקים את סיפורו „דאָס שטעטל" („העיירה"; עברית: תרע״ג), וסיפור זה שהופיע בשנה שלאחריה בצורת ספר, פתח פרק חדש לא ביצירתו של אש בלבד. נימה חדשה, עליזה יותר, הורגשה מאז בספרות היידית. את מקום העוני של ה„זמנים הרעים" יורשת האידיליה התמימה של „העיירה", זו המלאה מרוח המשפחתיות. בדומה ל„סיפורי העם" של פרץ, לסיפוריו ההומוריסטיים של שלום עליכם ול„חיי שלמה", סיפורו האחרון של מנדלי, מורגש גם ב„עיירה" של אש המפנה החדש, שחל כמעט בכל הספרות של עם ישראל על סף המאה העשרים: התפעלות רומנטית מאורח חייו של העם, במקום היחס השלילי אליו של המשכילים, אמונה במקום יאוש, הומור במקום סאטירה.

באותה שנה (1904) כתב אש את המחזה הראשון שלו „יצא וחזר" (נתפרסם ב„השלח"), שיצא ביידית בצורת ספר בשם „מיטן שטראָם" („עם הזרם", ב„יידישע ביבליאָטעק" של פרץ). לאחר „העיירה" היתה זו פסיעתו השניה בדרך לתהילה. שניים מן המחזות שכתב אחר כך: „משיח׳ס צייטן — אַ חלום פון

מיך פאָלק" („ימות המשיח — חלום עמי", 1906) ו„גאָט פון נקמה" („אל נקמות", 1907) הוצגו ברוסית, בפולנית, בגרמנית ובלשונות אחרות. שמו של אש נתפרסם אז במרכזים של ספרות העולם כפטרבורג, ברלין ומינכן. בשנים שלאחר מכן כתב את המחזות „שבתי צבי", 1908 (עברית: תרפ"ח), „יחוס" (1909), „דער לאנדסמאן" („בן עיר", 1910), „דער בונד פון די שוואכע" („ברית החלשים", 1912), „יפתח'ס טאָכטער" („בת יפתח", 1913), „אונדזער גלויבן" („אמונתנו", 1914), „דאָס הייליגע מיידל" („הנערה הקדושה", 1916), „דער טויטער מענטש" („האדם המת", 1920), „יוסף" (1924), „קוילן" („פחמים", 1928), ועוד מחזות בני שלוש מערכות ובני מערכה אחת.

ביצירותיו הדראמטיות, שנושאיהן והמוטיבים שלהן הם אינדיווידואליים, פסיכולוגיים או לאומיים וסוציאליים, מורגשת שאיפתו החזקה לפרוץ את גבולות העיירה ולהעשיר את יצירתו הספרותית מבחינת התוכן והצורה כאחד. שאיפה זו מורגשת גם בסיפוריו החדשים. הראשון ברומאנים שלו „מערי" (1912) והמשכו: „דער וועג צו זיך" („הדרך אל עצמו", 1913), עוסק בחיים ובבעיות של היהודים בערים וארצות הרבה. לפי הקפו „מערי" הוא רומאן של התפוצות, אבל הוא חסר אחדות ארכי־טקטונית.

אש התחיל בכתיבת רומאנים לאחר שערך כמה מסעות גדולים, מתחילה באירופה ואחר כך בארץ ישראל (1908). פריו הספרותי של המסע לארץ ישראל היה „אין ארץ ישראל" (וארשה, 1911), ופרי הנסיעה לאמריקה — מחזות וסיפורים מחיי היהודים באמריקה. ב־1908 השתתף עם פרץ וסופרים אידיים אחרים ב„ועידת הלשון" בצ'רנוביץ, ושם הירצה על כינוס אוצרות הספרות הישראלית העתיקה ביידית (הוא עצמו תירגם ליידית את מגילת „רות").

באותן השנים כתב את הסיפור הגדול „ר' שלמה נגיד" (1913, עברית תרע"ז), שבו חזר לטפל בנושא של העיירה, אלא שעכשיו טיפל בו לאחר שהבשיל כשרונו: בסיפור החדש נתכוון אש לומר משהו ולא לשיר בלבד. סיפור זה נעשה לו קנה מידה אמנותי, ובסיפורים שחיבר אחריו ביקש אש לחזור ולהגיע לשיא זה. ואולם לא עד מהרה נתגשמה שאיפה זו. הרומאן הסוציאלי „מאטקע גנב", (1917, עברית: תרפ"ט) — חלקו הראשון נוגע הרבה אל הלב, אבל השאר אינו אלא סיפור מן המין המצוי על חיי „העולם התחתון". „אָנקעל מאָזעס" (1918), אע"פ שאינו שופע חיים כ„מאָטקע גנב", עולה עליו מצד אחדותו ושלמות חלקיו. שוב תופסת כאן מקום בראש העיירה הפולנית, אבל במהדורה אמריקאית, ואינה ענין עוד לאידיליה פאטריאר־כאלית, אלא היא דומה יותר לדרמה קומית. מרובה מזו היתה הצלחתו ב„קידוש השם" (1920, עברית: תרפ"ז), סיפור מימי הגזירות של ת"ח ות"ט — אחד מן הסיפורים ההיסטוריים הראשונים בספרות היידית החדשה. כדרכו של אש גם בסיפורים אחרים, הציג כאן כנגד החולין האפורים שבחיי היהודים את השבת הקדושה, כנגד שיעבוד חוץ — חירות פנים. היצירה המלודרמאטית למחצה, „די כישוף־מאכערין פון קאסטיליע" (1921, עברית: „המכשפה מקשטיליה", תרפ"ח), היא המשך של „קידוש השם" לפי רוחה, אף אם לא לפי תכנה.

בתחילת מלחמת העולם הראשונה היגר אש לאמריקה, אבל שנים אחדות לאחר המלחמה חזר לפולניה, ואח"כ נתיישב בצרפת. ב־1938 נשתקע בארה"ב ונעשה אזרח אמריקני.

ב־1920 נוסד בניו־יורק, לרגל יום הולדתו ה־40 של אש, ועד (בראשותו של ד"ר י. ל. מאגנס), שהוציא ב־1921 את כתביו המקובצים ב־12 כרכים, בצירוף הקדמה של ש. ניגר. ב־1930 הוחג יום הולדתו ה־50, וב־1932 נתכבד מטעם הרפו־בליקה הפולנית באות הכבוד „פולוניה רסטיטוטה". באותו זמן נתמנה נשיא הכבוד של הפאֶן קלוב היידי (משרה, שפרש ממנה ב־1936) והיה ציר בכמה קונגרסים של האינטרנאציונאל הספרותי. ב־1937 העניק לו „המכון היהודי לחקר הדת" בניו־יורק את התואר „דוקטור של כבוד לספרות העברית". הרבה שנים היה חבר של הסוכנות היהודית לארץ ישראל.

אש נטל את החומר לסיפורים ולרומאנים שלו מן החיים הכלליים והיהודיים של הארצות, שבהן ישב. „די מוטער" (1923, עברית: „האם", תרפ"ט) הוא רומאן בשני חלקים, אחד יהודי פולני ואחד אמריקני. רומאן זה עשיר בתיאורי סביבה ודמויות של יחידים, אבל לקוי בחוסר שלמות. „טויט־אורטייל" (1924, עברית: „משפט מוות", תר"ץ) — סיפור ארוך מחיי אמריקה בכללה — נקי מפגם זה, והוא הדין בסיפורו „חיים לעדערערס צוריקקומען" (1927, „חזירתו של חיים לדרר", תר"ץ). בדומה לדמות הראשית של „משפט מוות", שייך חיים לדרר לקבוצת אישים, שהיא אופיינית מאד לאש: כל אחת מהן, כמחבר עצמו, מתגעגעת על אידיאל, מבקשת אמונה. ממין הנפשות מלאות הגעגועים ומבקשות הדרך הללו, הוא גם זאכארי מירקין, גיבורה הראשי של הטריולוגיה „פארן מבול" („לפני המבול": „פעטער־בורג", 1927; „ווארשע", 1930; מאָסקווע", 1932) — יצירה מונומנטאלית, שמכמה בחינות יש לראות בה המשך של הרומאן הראשון של אש („מערי") ומהמשכו („הדרך אל עצמו"), אבל המבנה שלה משופר משל רומאנים אלה לאין ערוך והקפה גדול הרבה יותר. בחלק הראשון מתוארת פטרבורג, בירת רוסיה לשעבר, מרכז האינטליגנציה היהודית הרוסית בתקופה שקדמה למהפיכה. בחלק השני מתוארת וארשה — המרכז של חיי העם היהודי לשעבר ושל תנועות מרכזיות בחיי האומה, כתנועה הציונית וכתנועה הסוציאליסטית בפולניה; בחלק השלישי — „מוסקוה" — מתוארים מאורעות ומנהיגים של המהפיכה הקומו־ניסטית. מבחינה אמנותית המשובח שבשלושת חלקי הטרילוגיה הוא החלק האמצעי, שבו מגולל אש יריעת חיים בעלת שרשים עמוקים, שהיטיב להכיר אותה ואת זרמי החיים הסוערים של מוסקוה המהפכנית.

לאחר רומאן הדור הסוציאלי הגדול „לפני המבול" ביקש אש, כביכול, להינפש בספר שקט — סיפור של חיים מוצנעים אישיים: „גאָטס געפאנגענע" („דער גורל פון א פרוי"), (1933, „שבויית אלוהים" [„גורלה של אשה"]). שנה לאחר מכן כתב את „דער תהילים ייד" (1934, „בעל תהילים", תרצ"ה־ו') — ספר, שאפשר לומר עליו, שבו חוזר ומקפל אש את עיקרי המוטיווים של כמעט כל כתביו, וביחוד את המוטיוו של האמונה באמונה. ב־1937 פירסם את „ביים אָפגרונט" („על פי תהום"), רומאן מימי האינפלאציה בגרמניה שלאחר מלחמת העולם הראשונה, שאש ראה בה אינפלציה של כל הערכים, ושל ערכי הרוח בכלל. „געזאנג פון טאָל" („שירת העמק"), שיצא ב־1938, הוא תיאור פיוטי של חיי חלוצים בארץ ישראל, במקום שאש ביקר ב־1936.

החלק הראשון של הטרילוגיה השניה שלו, שעוסקת ביוצריה של הנצרות („האיש מנצרת" — המקור היידי יצא רק ב־1943, ואילו תרגומו האנגלי — ב־1939; „השליח" — עדיין לא יצא במקורו היידי ונתפרסם רק באנגלית ב־1943; „מרים" — באנגלית ב־1949), הוא מבחינה פסיכולוגית המשך ל„בעל התהי־לים", ומבחינת הנושא — של כמה מסיפוריו הראשונים. „האיש מנצרת" נתקבל בהתלהבות בעתונות האנגלית, אך לא כן — בעתונות היידית. לא זו בלבד ש„פאָרווערטס", ששימש עד אז לאש אכסניה קבועה, סירב לפרסם את הרומאן, אלא שיצא בגלוי נגד המחבר בטענה שהוא „מטיף לנצרות", „מוליך לשמד", וכדומה. רוב העיתונות היהודית נמשך אחר מערכת ה„פאָר־ווערטס" — ומאז הוקמה מחיצה בין אש ובין הספרות היידית, ובמקצת נתנדה גם מן החברה היהודית. בכל מה שכתב במשך עשר—שתים־עשרה השנים האחרונות התחילו מבקשים ומוצאים „מיסיונריות" וכל מיני „טרפות". כך היה גם ביחס לרומאן שלו מחיי היהודים באמריקה „איסט ריווער" (1946), בסיפוריו מגזירות

היטלר „דער ברענענדיקער דאָרן" („הסנה הבוער", 1946), ואפילו ברומאן „משה" (1951).

אף ביצירות הללו, כמו בכל יצירותיו שקדמו להן, לפנינו מספר, דראמאטורגן, ורומאניסטאן פורה ממדרגה ראשונה, שמצטיין בתפיסת חיים אידיאליסטית, בדמיון רומאנטי, בהלך רוח לירי ובסיגנון ריאליסטי. הסביבה הלאומית והסוציאלית של גבוריו אינה חשובה לו פחות מן ה„אני" הפרטי שלהם; הגיגיהם המוסריים והחיפושיהם הדתיים אינם פחותים בעיניו משאר הקוים של אפיים. טיפוסיים לאש, כיוצר, סערת רוח, תוקפנות ונדידה בלתי פוסקת לתחומים חדשים. ולפיכך אין תימה בדבר, שאש, שפתח בפעולה הספרותית כמשורר העיירה, נועד להוציא את הספרות הידית מד' אמותיה של העיירה. כאמן האידיאה, כסופר בעל אֶתוס דתי, השתדל להרוס את המחיצה שבין אמיתו של היופי ובין יפיה של אמת. שרשיו הנעוצים עמוק במורשת עמו, וביחוד בערכי „אמונה ובטחון", לא זו בלבד שלא נעלו בפניו את שערי ספרות העולם, אלא אף סייעו בידו לבוא בהם. כתביו ניתרגמו לכל לשונות התרבות. בעברית יצאו חוץ ממה שנזכר בגוף הערך: כתבי שלום אש, אודסה תרע"ג; קידוש השם, תל־אביב תרפ"ז; וארשה, שם תרצ"ד; מוסקוה, שם תרצ"ד־תרצ"ה; פטרבורג, שם תרצ"ד; בעל התהילים, שם תרצ"ה; משה, ירושלים תשי"ג; האיש מנצרת, ירושלים תשי"ג.

ש. אש, אוטוביוגראַפיה (פאָרווערטס, 28.5.1922); ז. רייזין, לעקסיקאָן, 1, 1926; ש. ניגער, דערציילערס און ראָמאַניסטן, 1, 1946, 320—530; הנ"ל, אלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, V, 5—12; בעל מחשבות, געקליבענע ווערק, 1953; יוחנן טבסקי, מספרים אידיים באמריקה, אחיספר, 1943, 264—271.

ש. נ. (שמואל ניגר)

שלום אַש

(לויטן לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור — ערשטער באַנד, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס [פאַראייניקט מיט „ציקאָ"]), ניו־יאָרק, 1956, ז"ז 183—192).

געבוירן אין קוטנע, פוילן, לויט דער מעטריקע דעם 1טן יאַנואַר 1880. לויט דער מוטערס רעכענונג — 4 טעג פאַר פסח. זיין פאָטער, ר' משה גאָמבינער, האָט געשטאַמט פון אַ משפחה שוחטים און איז געווען אַ שטיקל בן תורה און אַ בעל צדקה. ער האָט געהאַנדלט מיט שעפסן און אויך געהאַלטן אַן אַריינפאָר־הויז. זיין מוטער, מלכה, פון דער היים — ווידאָווסקי, די צווייטע ווייבביים פאָטער און פיל יינגער פון אים, האָט געשטאַמט פון אַ לומדישער משפחה אין לענטשיץ. אין שטוב האָט שלום זיך געהאָדעוועט „צווישן צוויי וועלטן": פון איין זייט, די לייבלעכע ברידער — הויכע, געזונטע יונגען, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט קצבים און גויים און ליב געהאַט אַ לעב צו טאָן (שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און זיך דאָ „אַרויפגעאַרבעט"), פון דער אַנדערער זייט — עלטערע שטיפברידער, וואָס האָבן געדאַוונט אין חסידים־שטיבלעך און זענען געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיידענע קאַפּאָטעס. 10 קינדער האָבן זיך געהאָדעוועט אין שטוב. שלומען, דעם מוזיניק, האָבן די עלטערן געהאָפט צו מאַכן פאַר אַ רב, געהאַלטן אים אָפּגעזונדערט פון די ברידער און אים געשיקט צו די בעסטע מלמדים, ביי וועמען עס האָבן זיך געלערנט די „סאַמע גבירישע קינדער פון שטאָט" (צווישן זיי אויך דער שפּעטערדיקער שילדערער פון אַשס קינדהייט — ד"ר אברהם גליקסמאַן). פון חדר איז שלום אַוועק אין בית המדרש, ווו ער האָט געלערנט פאַר זיך. צו 15־16 יאָר האָט ער גענומען לייענען „ספרים חיצוניים". גליקסמאַן דערציילט, אַז ביי זיי אין שטוב, וואָס איז געווען די „איינציקע יידישע אויפגעקלערטע שטוב אין שטעטל", האָבן זיי צוזאַמען געלייענט העברעישע השכלה ספרים. אַש און זיינע חברים האָבן דאָרט געפונען אויך דייטשע קלאַסיקער, און אַזוי ווי זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אַ ביסל דייטש פון מענדעלסאָנס דייטשער איבערזעצונג פון תהילים, וואָס איז געווען געדרוקט מיט העברעישע אותיות, האָבן זיי געלייענט די ווערק פון שילער, געטע, היינע. אַש האָט דעמאָלט שוין געקענט גאַנצע שטיקער היינע אויף אויסנווייניק. אין שטעטל האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז שלום איז אַן אַפּיקורס, איז ער אַנטלאָפן פון דער היים. ער איז דאַן געווען 17 יאָר אַלט. „ביז יענער צייט", דערציילט אַש וועגן זיך, „בין איך געווען אַ גלייביקער ייד. שפּעטער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דער פשוטער ייד, דער פאָלקס־מענטש שטייט אויף אַ העכערער עטישער מדרגה, ווי דער וויל־געלערנטער חסיד". אַש איז אַוועק צו קרובים אין אַ דאָרף, געלערנט דאָרט מיט די קינדער און דערווייל זיך צוגעקוקט צום לעבן פון די פוילישע פויערים. „דאָס איז געווען" דערציילט אַש, „מיין אָנפאַנגס־שול אין לעבן". די ווייטערדיקע צוויי יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין וולאָצלאַוועק, ווו ער האָט זיך געוואָרפן אויף פאַרשידענע באַשעפטיקונגען, ביז ער האָט „אַנטדעקט אַ שטענדיקע פרנסה: געשריבן בריוו פאַר יענע וואָס האָבן אַליין ניט געקענט שרייבן". עס איז אים אויסגעקומען צו שרייבן ליבע־בריוו און דאָס האָט אים געגעבן אַ „מעגלעכקייט אַריין צו קוקן אין די באַהאַלטנסטע ווינקעלעך פון לעבן". דאָס איז געווען זיין „העכערע שול" — ווי ער אַליין דריקט זיך אויס. אין יענע יאָרן האָט שלום אַש געלייענט טאָלסטאָיען, האַופּטמאַנען און באַזונדערס באָלעסלאַוו פּרוס („ווי עס איז געלייענט אין אָריגינאַל"), וואָס זיין דערציילונג „קאַמיזעלקאַ" האָט אויף אַשן „געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק". אויך פון י. ל. פּרצן האָט אַש שוין געוווסט לויטן „העוגב", דער קליינער זאַמלונג העברעישע לידער, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק.

אַש אַליין האָט דאַן שוין אויך גענומען שרייבן צוערשט העברעיש. צופעליק אָבער, זענען אים אין דער האַנט אַריין געקומען פּרצעס „שטריימל" און „באָנטשע שוויג". „דורכגעלייענט און געקומען אונטער אַ שטאַרקן איינדרוק", דערציילט אַש אין זיינע דערינערונגען וועגן פּרצן (צוקונפט, נ"י, מאַי 1915). אין די ערשטע חדשים פון 1900, איז אַש מיט אַ שיף איבער דער ווייסל אַוועק קיין וואַרשע צו פּרצן, וויזן אים זיינע כתבים. פּרץ האָט אַשן געראָטן צו שרייבן אין יידיש. אגב, ביי פּרצן אין שטוב האָט אַש זיך באַקענט מיט ה. ד. נאָמבערג און אברהם רייזען. אין עטלעכע חדשים אַרום איז אַש ווידער אַמאָל געקומען קיין וואַרשע פון וולאָצלאַוועק און פאָרגעלייענט פאַר פּרצן זיינע ערשטע צוויי דערציילונגען אין יידיש. לויט פּרצעס רעקאָמענדאַציע, האָט ד"ר יוסף לוריע, רעדאַקטאָר פון „דער ייד", אָפּגעדרוקט אין נומער 48, 1900, אַשס ערשטע דערציילונג „משהלע". אַש איז געבליבן ווינען אין וואַרשע און האָט געדרוקט דערציילונגען, בילדער, סקיצן אין די צייטשריפטן: „דער ייד", „די יידישע פאָלקסצייטונג" און אין העברעישער איבערזעצונג — אין „הדור" און „הצפירה".

אָנהויב 1903 איז פון דרוק אַרויס אַשס ערשטע זאַמלונג דערציילונגען אין בילדער א. נ. „אין אַ שלעכטער צייט" (וואַרשע, 79 ז"ז). פאַר דעם זענען אַרויס אַשס צוויי ביכלעך דערציילונגען אין העברעיש. די יידישע זאַמלונג איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון בעל־מחשבות. אומעט און טרויער זענען אויסגעגאָסן איבער די דערציילונגען פון אַשס ערשטע זאַמלונג. צו יענער צייט האָט אַש חתונה געהאַט מיט מאַטילדע אָדער מאַדזשע שאַפּירא, אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענעם העברעישן לערער און העברעיש־פּוילישן שרייבער. זי האָט אויף אַשן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס און אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיין טאַלאַנט. אין 1904 האָט אַש קאַפּיטלעכווייז פאַרעפנטלעכט אין „פריינד" (פּעטערבורג) זיין

ערשט גרעסער ווערק „דאָס שטעטל" (אין בוכפאָרם מינסק 1905). מיט דער נייער ראָמאַנטישער באַציאונג צום אַלטן יידישן לעבן, האָט „דאָס שטעטל" אָנגעצייכנט און באַשטימט אַשס פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם זעלביקן יאָר, 1904, האָט אַש אָנגעהויבן זיין קאַריערע ווי אַ דראַמאַטורג. ער האָט אָנגעשריבן זיין ערשטע „טעאַטער־שטיק אין 2 אַקטן" א. נ. „צוריק געקומען". עס איז צו ערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין העברעישער איבערזעצונג א. נ. „יצא וחזר" אין „השילוח", 1904, דאַן אין אָריגינאַל, אין פּרצעס „יידישע ביבליאָטעק" (נומ' 3 און 4) — אויך אין 1904 (אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט אין וואַרשע, 1909. א. נ. „מיטן שטורעם". זומער 1904 האָט אַש זיך באַקענט איז זאַקאָפּאַנע מיט פּוילישע שרייבער. איינער פון זיי, סטאַניסלאַוו וויטקעוויטש, האָט איבערגעזעצט אַשס דראַמע אויף פּויליש און אין דעצעמבער 1904 איז זי אויפגעפירט געוואָרן אין קראָקעווער פּוילישן טעאַטער. אַשס צווייט טעאַטער־שטיק איז געווען „משיחס צייטן", אַ טראַגעדיע אין 3 אַקטן (אין אַ שפּעטערדיקער אויסגאַבע — מיטן אונטערטיטל „אַ חלום פון מיין פאָלק", און נאָך אַ שפּעטערדיקער אויסגאַבע — „אַ צייטשטיק אין 3 אַקטן", ווילנע, 1906, צווייטע אויסגאַבע, דאָרט 1907). „משיחס צייטן" איז כמעט גלייכצייטיק איבערגעזעצט געוואָרן אויף פּויליש, רוסיש און דייטש און איז דעם 12טן פעברואַר 1906 א.נ. „נאַ פּוטי, וו סיאָן" געשפּילט געוואָרן אין פּעטערבורג מיט דער אַקטריסע קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אין דער ראָל פון יוסטינע, און דעם 15טן יולי 1906 אויף דער פּוילישער בינע אין וואַרשע. אין דער זעלביקער צייט האָט אַש געשריבן דערציילונגען און סקיצן, וואָס זענען אין דער פאָרם פון העפטן אַרויס געגעבן געוואָרן דורכן פאַרלאַג „קולטור" אין מינסק און וואָס צום טייל זענען זיי געדרוקט געוואָרן אין „דער נייער וועג", אָרגאַן פון די ס. ס. אין ווילנע, ווו עס איז אויך צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער דראַמאַטישער איינאַקטער „אום ווינטער" (1906). אין 1905 האָט אַש אויך אָנגעשריבן די פאַרנאָטירונגען פון דער 1905־רעוואָלוציע אין וואַרשע — א. נ. „מאָמענטן", (דערשינען אין 1908, אין פּעטערבורג, „פּראָגרעס", וואַרשע 38 ז"ז.)

אין 1907 איז אין דער פּעטערבורגער „צוקונפט", ווילנע, אָפּגעדרוקט געוואָרן אַשס דראַמע „גאָט פון נקמה". זי איז געשפּילט געוואָרן אין פאַרשידענע טעאַטערס פון דער וועלט. אַרום דער דאָזיקער דראַמע האָט זיך אין דער יידישער פּרעסע געפירט אַ היציקע פּאָלעמיק. אין 1908 האָט אַש פאָרגעלייענט פאַר שרייבער אין בערלין זיין דראַמע „שבתאי צבי" (געדרוקט אין די „ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפטן", 3) — אַ פּרווו צו שילדערן דעם געראַנגל צווישן ערדישער תאווה און הימלישער ריינקייט אויפן פאָן פון דער שבתאי צבי באַוועגונג. די געשטאַלטן זענען געווען צו רעזאָנעריש און די דראַמע איז קיינמאָל נישט אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע. צו די יאָרן 1907—1908 געהערן אויך אַשס איינאַקטערס „אמנון און תמר" און „דער זינדיקער". 1908 איז אין פּעטערבורג „שימין"־פאַרלאַג וואַרשע, דערשינען „יוגנט" (149 ז"ז) — זאַמלונג פון דערציילונגען, וואָס אַש האָט פאַרעפנטלעכט אין די יאָרן 1902—1907. צוויי פון זיי („דאָס קוילער־געסל", „דער יונג מיטן קינד"), האָבן, להיפוך צו דער ראָמאַנטיק פונעם „שטעטל", באַלויכטן דעם צווייטן שטראָם פון אַשס קינסטלערישן שאַפן — זיין פולבלוטיקן רעאַליזם. דערביי האָבן זיך ביידע שטראָמען געמישט, די רויע נאַטור פון דעם פּרימיטיוון מענטשן איז געווען איינגעהילט אין אַ ראָמאַנטישער בענקעניש נאָך העכערע וועלטן. דאָס האָט זיך שפּעטער מער ווי איין מאָל איבערגעחזרט אין אַשס ווערק.

אין 1908 האָט אַש צום ערשטן מאָל באַזוכט א"י און זיינע איינדרוקן באַשריבן אין אַ סעריע רייזע־בילדער. אונטערן איינפלוס פון דעם באַזוך אין א"י האָט ער אויך געשריבן זיינע ביבליש־היסטאָרישע בילדער (אין בוכפאָרם אַרויס איז 1911, ווילנע, א"ט „ארץ ישראל", אונ אין וואַרשע א"ט „אין ארץ ישראל"). אין 1908 האָט אַש זיך באַטייליקט אין דער טשערנאָוויצער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ, ווו ער האָט אין זיין רעפעראַט פאָרגעלייגט מען זאָל אַריבערטראָגן די אוצרות פון דער אַלט העברעישער ליטעראַטור אין יידיש. ער האָט דאַן אַליין איבערגעזעצט „רות" אין יידיש (געדרוקט אין „דאָס נייע לעבן. נ"י, 1910). אָנהייב 1909 איז פאַרטיק געוואָרן אַשס דראַמע „יחוס", ווו עס ווערט געשילדערט די ירידה פון אַן אַלט־יידיש אַריסטאָקראַטיש הויז, וואָס פאַלט אַריין דורך אַ מעזאַליאַנס אין די הענט פון אויפגעקומענע גבירים. סוף 1909 האָט אַש צום ערשטן מאָל באַזוכט אַמעריקע און דאָרט אָנגעשריבן און אויפגעפירט אויף דער בינע (אָן באַזונדערן דערפאָלג) זיין ערשטע קאָמעדיע פון יידישן לעבן אין דער נייער היים „דער לאַנדסמאַן" (וואַרשע, 1911). געקומען צוריק קיין פּוילן, האָט אַש אין משך פון 1910—1914 פאַרעפנטלעכט אַ ריי קלענערע און גרעסערע ווערק, אייניקע פון זיי זענען געוואָרן מיילשטיינער ווי אין אַשס אייגענעם שאַפן, אַזוי אויך אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל. צווישן די קלענערע נאָוועלעס פון יענע יאָרן איז געווען „ערד", אַ דערציילונג פון פּוילישן פּויערים־לעבן (וואַרשע, 1910). 1911 איז אין זעלביקן פאַרלאַג דערשינען די גרעסערע דערציילונג „אַמעריקע" (אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס — „קיין אַמעריקע", אויך „יאָסעלע"), אַ רירנדיקע שילדערונג פון דעם טרויעריקן גורל פון אַ יידישן עמיגראַנטן־קינד אויפן וועג קיין אַמעריקע און אין דער נייער, פרעמדער וועלט. 1912 איז אין „די אידישע וועלט", פּעטערבורג, געווען געדרוקט „דער בונד פון די שוואַכע", דראַמע אין צוויי אַקטן פון פּוילישן קינסטלער־לעבן (אויפגעפירט אויף דייטש אין קאַמער־שפּיל טעאַטער אין בערלין). 1913 איז אין קלעצקין פאַרלאַג, ווילנע, דערשינען „רב שלמה נגיד", „אַ פּאָעמע פון יידישן לעבן" — איינס פון אַשס פאָלקסאָמסטע ווערק, דורך וועלכן ער האָט קלאָר אָנגעצייכנט די גרענעצן פון זיינע לעבנס־פילאָזאָפישע האָריזאָנטן. אין דעם זעלביקן יאָר דערשינען (אין ווילנע) „מעשהלעך פון חומש", די דראַמעס „די יורשים" און „יפתחס טאָכטער", די פּאָעמע „חורבן ירושלים" (געדרוקט אין „די יידישע וועלט", 1—2, ווילנע, 1913), און אויך זיין ערשטער ראָמאַן „מערי", וואָס צוזאַמען מיט זיין צווייטן טייל אַ"נ „דער וועג צו זיך" (געדרוקט אין די „יידישע וועלט", ווילנע, 1914), האָט ער פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ נישט קיין געלונגענעם פאַרמעסט צו שאַפן אַ דיאַספּאָראַ־ראָמאַן, ד. ה. צו געבן אַ ברייט סאָציאַל־קולטורעל בילד פון דעם יידישן לעבן אין פאַרשידענע שטעט און לענדער — אין דער שטאָט פון דעם אַמאָליקן „תחום", אין די צענטערס פון האַלב אַסימילירטער יידישקייט, פּעטערבורג און בערלין, ווי אויך אין דעם נייעם ארץ־ישראלדיקן ישוב.

אין יענע יאָרן האָט אַש געלעבט אין פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע, זיך געהאַט באַזעצט דערנאָך ווי אַ תושב אין פּאַריז, אָבער מיט דעם אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער אַריבער געפאָרן קיין ניו־יאָרק, ווו ער האָט אָנגעשריבן די דראַמע „פאַר אונדזער גלויבן" און אַ ריי נייע ראָמאַנען (געדרוקט קאַפּיטלעכווייז אין „פאָרווערטס") און דערציילונגען. 1916 איז אין בוכפאָרם אַרויס („פאָרווערטס"־פאַרלאַג) „מאָטקע גנב", אַ סאָציאַלער ראָמאַן, וואָס די ערשטע צוויי טיילן זיינע, ווו אַש שילדערט מאָטקעס קינדהייט און יוגנט, זענען העכסט קינסטלעריש, בעת דער לעצטער טייל קלינגט ווי קינסטלעך צוגעשטוקעוועט און דערמאָנט אָן די מער ליטעראַרישע קרימינאַל־געשיכטעס. 1918 איז דערשינען „אָנקל מאָזעס", אַשס ערשטער ראָמאַן פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן. אין די דאָזיקע ערשטע אַמעריקאַנער יאָרן האָט אַש אויך פאַרעפנטלעכט: „דער יידישער סאָלדאַט" און אַנדערע מלחמה־דערציילונגען (1918), „חורבן פּוילן", „אַמעריקאַנער דערציילונגען" (צווישן זיי — „לייבל אין דער היים", „לייבל אין אַמעריקע" און די „קינדער פון אברהם", ווי אויך „די רייזע קיין קאַליפאָרניע"), די דערציילונג „יונגע יאָרן" (אין בוךפאָרם צוזאַמען מיט אַנדערע דערציילונגען, ניו־יאָרק 1918), די

דראַמאַטישע ווערק: „דאָס הייליקע מיידל אָדער אַ שנירל פּערל" (1916), „ווער איז דער פאָטער"? (1918) און דעם היסטאָרישן ראָמאַן „קידוש השם" (1919), וואָס איז געווען אַ נייע קינסטלערישע דערגרייכונג. אַש האָט דעם ראָמאַן געשריבן אונטערן איינדרוק פון די פּאָגראָמען אויף אוקראַינע אין 1918־1919 און אויפן היסטאָרישן הינטערגרונט פון גזירות ת"ח ות"ט. אַ דערציילונג פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, געשריבן מיט אַ טיפן אַריינבליק אין דער יידישער געשיכטע, איז עס געוואָרן אַ קלאַסיש ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור, אַ פּראַכטפולער און אַ דאַנקבאַרער שטאָף פאַר דער יידישער שול.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אַש זיך באַטייליקט אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די מלחמה־געליטענע און אין שליחות פון דעם אַמעריקאַנער יידישן הילפס־קאָמיטעט באַזוכט (פרילינג 1919) מערב־ און מזרח־אייראָפּע. אין 1921 איז ער געקומען קיין פּוילן, ווו ער איז פון דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד און פאַרערונג. זיין דראַמע „מאָטקע גנב" איז דאַן געווען דער „שלאַגער" פון יידישן טעאַטער. זי האָט אויסגעהאַלטן הונדערטער פאָרשטעלונגען אויף די יידישע בינעס פון וואַרשע און אַנדערע שטעט. אין 1924 האָט אַש אויף אַ לענגערער צייט זיך באַזעצט אין וואַרשע, ווו ער איז אָפט אַרויסגעטראָטן מיט זיינע אייגנאַרטיקע יידישע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען און דעמאָנסטרירנדיק — פון איין זייט — זיינע סימפּאַטיעס פאַר א"י און העברעיש, האָט ער — פון דער צווייטער זייט — געפירט אַ קאַמף קעגן דעם עקסטרעם ציוניסטישן העברעיזם אין נאָמען פון דער יידישער קולטור און דער יידישער שול. אין 1926, נאָך פּילסודסקיס מאַי־איבערקערעניש, איז אין פּוילן געוואָרן אַ טומל אַרום אַשן, וואָס האָט אָפּגעדרוקט („היינט", וואַרשע, 22 אָקט. 1926) אַן „אָפענעם בריוו צו מאַרשאַל פּילסודסקי". אין זיין בריוו האָט ער געלויבט און גערימט דעם „איידעלן ריטער", וואָס זיין שווערד האָט „באַפרייט די פּוילישע נשמה".

אין די 20ער יאָרן האָט אַש פאַרעפנטלעכט די דראַמעס: „דער טויטער מענטש" (1920), „מאַראַנען" (1922), „יוסף" (1924), „רעוועראַנד דאָקטאָר סילווער" (1927), „קוילן" (1928) און דריי סאָציאַלע ראָמאַנען פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן: „די מוטער" (1925, 407 ז"ז) — רייך אין איינצלנע קינסטלערישע שילדערונגען, באַזונדערס פון יידישן באַהעמיער לעבן אין ניו־יאָרק, פאַרמאַגט, אָבער נישט קיין גאַנצקייט; „טויט אורטייל" אָדער „עלעקטריק טשער" (וואַרשע, 1926, 182 ז"ז) — אַ לענגערע דערציילונג פון אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן; „חיים לעדערערס צוריקקומען" (דאָרט, 1927, 180 ז"ז), אַ סאָציאַל פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן וועגן אַ געוועזענעם ראַדיקאַלן אַרבעטער, וואָס איז רייך געוואָרן און, דערפילנדיק זיין גייסטיקע אויסגעליידיקטקייט, אומגעקערט זיך צוריק צו דער סביבה פון זיינע גענאָסן. 1926 איז אויך דערשינען „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליען" (וואַרשע, 144 ז"ז) — אַ צווייטע היסטאָרישע דערציילונג, וואָס שילדערט יידיש מאַרטירערטום, און „מיין רייזע איבער שפּאַניע" (דאָרט, 442 ז"ז). אין 1929 איז אין וואַרשע דערשינען "פּעטערבורג" (442 ז"ז). דאָס ערשטע בוך פון דער טרילאָגיע „פאַרן מבול". דאָס צווייטע בוך, „וואַרשע" (442 ז"ז), איז אין זעלביקן פאַרלאַג אַרויס אין 1930, און דאָס דריטע בוך „מאָסקווע" (516 ז"ז) — אין 1931. אין דער טרילאָגיע האָט אַש זיך פאַרמאָסטן (1) צו שילדערן דאָס לעבן פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע און רוסיפיצירטער אינטעליגענץ אין פּעטערבורג פון פאַר 1914; (2) צו געבן אַן אַלזייטיק בילד פון אַלע קלאַסן פון דער יידישער געזעלשאַפט אין וואַרשע און לאָדזש אין די שטורמישסטע צוויי צענדליק יאָר פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און (3) אַ קווערשניט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע (1917—1920) אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד. די אינעווייניקסטע פאַרבינדונג איז אין די דריי ראָמאַנען

אַ שוואַכע, די הויפּט־געשטאַלט, דער יונגער זאַכאַרי מירקין, איז אומקלאָר און וואַקלדיק. אין דעם ערשטן בוך, און דערהויפּט אין דעם דריטן, לאָזן זיך צו שטאַרק פילן פרעמדע השפּעות, דערפאַר איז „וואַרשע" גראַנדיעז ווי מיט דער פילזייטיקער לעבנסשטייגער שילדערונג, אַזוי אויך מיט דער לעבעדיקייט פון די איינצלנע געשטאַלטן. נאָך דער טרילאָגיע „פאַרן מבול" איז געקומען „גאָטס געפאַנגענע" („דער גורל פון אַ פרוי"), אַ פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן געדרוקט אין וואַרשע 1933 (261 ז"ז). אין 1934 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן „דער תהילים־ייד" (וואַרשע, 611 ז"ז). — אַ מין סך־הכל פון מאָטיוון, וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבער אַשס פריערדיקע ווערק. גלויבן איז דער תוך פון ראָמאַן, אַ העכערער גלויבן, וואָס שטייט איבער פאָרם אָדער ריטואַל און נעמט אַרום אַלע מינים גלויביקע.

אין 1937 איז דערשינען „ביים אָפּגרונט" (וואַרשע), אַ ראָמאַן פון דער ערב היטלער־צייט אין דייטשלאַנד, 1938 — „דאָס געזאַנג פון טאָל" (דאָרט, 215 ז"ז), אַ פּאָעטישע שילדערונג פון דעם חלוצים־לעבן אין ארץ־ישראל. אין 1930 האָט מען אין וואַרשע געפייערט אַשס דאָפּלטן יובילײ — 50טער געבוירנטאָג און 30 יאָר ליטעראַריש שאַפן. אין 1933 איז ווידער געווען אַ טומל אַרום אַשס נאָמען. אין פאַרבינדונג מיט זיין אָננעמען אַ מעדאַל פון דער פּילסודסקי־רעגירונג. אַש האָט אין די דרייסיקסטע יאָרן געלעבט אין פראַנקרייך און אין פּוילן, איז אויך אַרומגעפאָרן איבער פאַרשידענע אַנדערע לענדער פון אייראָפּע.

אין 1935 האָט ער אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין ניו־יאָרק. דאַן איז ער געקומען צוריק קיין פּאַריז און אין 1938 ווידער פאַרלאָזן אייראָפּע און זיך באַזעצט אין אַמעריקע.

סוף דרייסיקער און אין די פערציקער יאָרן האָט אַש געשריבן זיינע קריסטוס־ראָמאַנען און טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע עסייען און אַרטיקלען. אין בוענאָס־איירעס, ניו־יאָרק, איז אין 1939 דערשינען „דער מאַן פון נצרת" אין ענגלישער איבערזעצונג. (אין אָריגינאַל איז עס אַרויס פון דרוק אין ניו־יאָרק ערשט אין 1943, אין צוויי בענד). דאָס איז אַ ווערק פון גרויסן פאַרנעם. לויט די ריזיקע לייוונטער פון לעבנס־שילדערונג אין דריי קולטור־סביבות, אַ פּאַגאַניסטישער, אַ רוימיש־העלענישער און אַ יידישער, האָט עס צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער יידישער ליטעראַטור. עס צייכנט זיך אויס אויך מיט דער מייסטערשאַפט ביים שילדערן איינצלנע געשטאַלטן, אַ חוץ דער הויפּט־געשטאַלט, וואָס איז צו אַבסטראַקט־„הימליש" צו האָבן פלייש און בלוט. אין צופיל שטעלן — און דאָס איז דער גרויסער קינסטלערישער פעלער פונעם בוך — האָט אַש צו געטריי נאָכגעפאָלגט דעם נייעם טעסטאַמענט. דאָך (און אפשר דערפאַר) איז די ענגלישע ווערסיע ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן פון דער ערנסטער ענגלישער פּרעסע. אין אַ גרויסן טייל פון דער יידישער פּרעסע האָט מען אַשן און זיין בוך זייער שאַרף אַטאַקירט, דער עיקר פון רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. אויף די טענות קעגן אים, האָט אַש געענטפערט מיט אַ ריי אַרטיקלען און פּרעסע־אינטערוויוען אין דער יידישער און ענגלישער פּרעסע און אומדירעקט מיט דער בראָשור „און וואָס איך גלייב" (ניו־יאָרק, 1941). די קאָנטראָווערסיע איז זיך צעוואַקסן, אייניקע האָבן אַשן אַפילו חושד געווען אין „אָפּטריניקייט", אין נאַציאָנאַלן פאַרראַט. אין „פאָרווערטס" ווו אַש האָט רעגולער מיטגעאַרבעט צענדליקער יאָרן, האָט מען דעם ראָמאַן נישט געדרוקט. אויך די טירן פון די אַנדערע יידישע טאָג־צייטונגען זענען פאַר אים געשלאָסן געוואָרן. בלויז אַ קליינער טייל יידישע, העברעישע און ענגליש־יידישע צייטשריפטן, האָט זיך נישט סאָלידאַריזירט מיט די וואָס האָבן דעם שריפטשטעלער באַיקאָטירט. אייניקע פאָרשטייערס פון דער יידישער קריטיק האָבן פון ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט אָפּגעשאַצט „דעם מאַן פון נצרת", ווי איינער פון די העכסטע

„אויב גישט די העכסטע“, קינסטלערישע דערגרייכונגען אין דער יידישער ליטעראטור פון דער לעצטער צייט.

אין 1943 איז אין פוטנאַם־פאַרלאַג דערשינען, אין ענגלישער איבערזעצונג, דער צווייטער פון אַשס קריסטוס־ראָמאַן „דער אַפּאָסטאָל“, וואָס אין יידישן אָריגינאַל איז ער נאָך נישט דערשינען. דאָס איז אַ ראָמאַן וואָס שילדערט די פּערזענלעכקייט און דאָס אַרומיקע לעבן פון דעם אַפּאָסטאָל פּאול (שאול פון תרשיש). ווי אין פּרט פון סביבה־שילדערונג, אַזוי אויך מיט דער כאַראַקטער־געשטאַלטיקונג, איז דער אַפּאָסטאָל ווינציקער קאָמפּליצירט און דערפאַר גאַנצער און קאָמפּאַקטער ווי „דער מאַן פון נצרת“, אָבער אויך דאָ ליידט די קינסטלערישקייט פון דעם מחברס נישט גענוג קריטישן נאָכפאָלגן דער אינטערפּרעטאַציע פון די עוואַנגעליע. דאָס האָט געשטערט דעם פרייקייט פון דעם קינסטלערס פאַנטאַזיע ביים פאָרמירן די הויפּט־געשטאַלט פון דעם ראָמאַן. אין 1949 איז אין ענגלישער איבערזעצונג (אין דעם זעלביקן פוטנאַם־פאַרלאַג) דערשינען דאָס דריטע בוך פון דער סעריע — „מערי“, קינסטלעריש פיל שוואַכער און פון שטאַנדפּונקט פון קריסטלעכער סימבאָליק — פיל צוגעשפּיצטער, ווי די פריערדיקע צוויי ראָמאַנען. איז דער קאַמף קעגן אַשן, וואָס איז געווען שוין אַ ביסל איינגעשטילט, ווידער באַנייט געוואָרן און נאָך מיט מער אימפּעט.

אין דער צווישנצייט (1943) געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט“, דערביי האָבן ביידע צדדים דערקלערט, אַז זיי זענען איינער פאַרן צווייטן נישט פאַראַנטוואָרטלעך. האָט טאַקע אַשס פאַרבינדונג מיט אָט דעם עקסטרעם לינקן פּאָליטישן אָרגאַן לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. פאַר די 2־3 יאָר פון דער „פריינדשאַפט“ על פּי נויט, זענען פון לינקע פאַרלאַגן אַרויסגעגעבן געוואָרן אַשס דערציילונגען „היטלערס געבורט“ (64 ז״ז), די דערציילונג „אַ יידיש קינד אין שנת תש״ה“, וואָס איז שפּעטער אַריין אין דער זאַמלונג פון אַשס געטאָ־דערציילונגען א. ט. „דער ברענענדיקער דאָרן“, ניו־יאָרק, 1946, 285 ז״ז — אַ זאַמלונג וואָס נעמט אַריין „יתגדל ויתקדש“, „קריסטוס אין געטאָ“, „אַ קינד פירט דעם וועג“ און אַנד. אין 1948 האָט דער „איקוף“ אַרויסגעגעבן צוויי בענד פון אַשס געקליבענע ווערק 1) „דאָס שטעטל“, „ר׳ שלמה נגיד“, „דער פאַרבאָרגענער בחור“; 2) דאָס געזאַנג פון טאָל“ און אַנד. אין 1946 איז דערשינען דער ראָמאַן „איסט־ריווער“ (לאַוב־פאַרלאַג, 514 ז״ז), וואָס צוגלייך מיט אַ שלל מייסטערהאַפטע סאָציאַלע שילדערונגען פונעם פריערדיקן יידישן לעבן אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, ברענגט ער אַ פאַרמעסט צו פאַרקערפּערן רעאַליסטיש־לעבנסשטייגעריש אַשס אידייע, אַז צוויי אמונות (די יידישע און די קריסטלעכע) קאָנען הויזן אונטער איין דאַך, נישט נאָר אונטער איין הימל, — אַן אידייע וואָס זוכט אַ תיקון ביי אַשן פונעם „שטעטל“, ווו די תפילות פון דער שול און פון קאָשטשאָל פאַראייניקן זיך אין דער לופטן און גייען אַרויף צו איין גאָט און אַ גאַנצע סעריע יוגנט־דערציילונגען („מענטשן און געטער“, „אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט“), דורכן „תהילים־ייד“, ביז דער קריסטוס־טרילאָגיע. אין די לעצטע יאָרן האָט אַש אָנגעשריבן נייע דריי ווערק: „משה“, (ניו־יאָרק, 1951, 491 ז״ז), אַ ביבלישער ראָמאַן; „גראָמאַן און זון“ (ניו־יאָרק, 1954, 366 ז״ז), אין ענגלישער איבערזעצונג „אַ פּאַסאַזש אין דער נאַכט“; „דער נביא“, פוטנאַם־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1955, 344 ז״ז (דערווייל נאָר אין ענגליש).

אַן אומרואיקער איז אַש קיינמאָל אין זיין לעבן לאַנג אויף קיין אָרט נישט געזעסן. אויך אין די לעצטע יאָרן האַלט ער אין איין ארומפאָרן — איבער אַמעריקע, אייראָפּע און מדינת ישראל, ווו מען האָט פאַר אים אין 1954 אין תל־אביב געמאַכט אַ גרויסע עפנטלעכע אויפנאַמע. לויט די אַרטיקלען, פאַר און קעגן אַשן, וואָס מען דרוקט אָפטער אין דער ישראלדיקער פּרעסע, שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז אויך דאָרט האָט נאָר אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ מיט אים שלום געמאַכט.

אַלע אויסגאַבעס פון אַשס ווערק אין יידיש ביז 1925 ווערן אויסגערעכנט ביי ז. רייזענען אין „לעקסיקאָן“ ב׳ 1, ז״ז 183—185. דאָרט איז פאַראַן אויך אַ רשימה פון איבערזעצונגען פון אַשס ווערק אין העברעיש, רוסיש, פּויליש און דייטש. — אויך ביז 1925. אין ז. זילבערצווייגס לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, באַנד 1, ז״ז 105—111, איז דאָ אַן אויספירלעכע רשימה פון אַשס דראַמעס און קאָמעדיעס און זייערע איבערזעצונגען אין פרעמדע שפּראַכן, ווי אויך פון זייערע אויפפירונגען אויף יידישע און פרעמדשפּראַכיקע בינעס ביז 1930. פון יענער צייט אָן האָט מען אַשס ווערק כמעט אַלע איבערגעזעצט אין ענגליש און עס זענען אַרויס נייע איבערזעצונגען און נייע אויפלאַגעס פון פריערדיקע איבערזעצונגען אין העברעיש, רוסיש, פּויליש, דייטש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, איטאַליעניש, האָלענדיש, דעניש, אונגאַריש, רומעניש און אַנדערע שפּראַכן.

די ליטעראַטור וועגן אַשן איז זייער רייך און צום גרעסטן טייל צעוואָרפן איבער פאַרשידענע צייטשריפטן און פאַרשידענע שפּראַכן. אַ טיילווייזע ביבליאָגראַפיע פון דעם, וואָס מען האָט געשריבן וועגן אַשן, געפינט זיך אין ז. רייזענס „לעקסיקאָן“, באַנד 1, ז״ז 173—186, און אין ז. זילבערצווייגס טעאַטער־לעקסיקאָן, באַנד 1, ז״ז 110—111; שלום אַש וועגן זיך אַליין: „דער וועקער“, ניו־יאָרק, 4טער אָקטאָבער 1930 (איבערגעדרוקט פון „נייע פאָלקסצייטונג“, וואַרשע נומ׳ 206, 1930); „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, 19טער דעצעמבער 1930, אַשס יובליי־נומערן; מ. זילבערפאַרב, „שלום אַש — דער פּאָליטישער, געזעלשאַפטלעכער טוער“, „צוקונפט“, ניו־יאָרק, יוני 1931; „אידישע קולטור“, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1955 (צום 75טן געבוירנטאָג פון שלום אַש); ח. ליבערמאַן — „שלום אַש און קריסטנטום“, ניו־יאָרק 1950, 256 ז״ז; ד״ר א. מוקדוני, „שלום אַש איז אַוועק פון יידיש“ (וועגן אַשס גראָסמאַן און זון“ אין ענגלישער איבערזעצונג), „צוקונפט“, מערץ 1950; נ. מייזיל, „שלום אַשס ערשטע קריטיקער“, אידישע קולטור, ניו־יאָרק, מערץ—אַפּריל 1948; ש. ניגער — דערציילערס און ראָמאַניסטן, צווייטער טייל, ניו־יאָרק 1946, ז״ז 320—531; משה עובד — וויזיאָנען און איידלשטיינער, לאָנדאָן, 1931, ז״ז 75—80, 203—215; לעאָ פינקעלשטיין — לשון יידיש און יידישער קיום, מעקסיקע 1954, ז״ז 172—201; אב. קאַהאַן — שלום אַשס נייער וועג, ניו־יאָרק 1941, 96 ז״ז; ח. ש. קאַזשדן — „אַשס ווערק אין דער יידיש־וועלטלעכער שול“, פאָ״ש, ניו־יאָרק, 12 אויגוסט 1950; הלל ראָגאָף — דער גייסט פון „פאָרווערטס“, ניו־יאָרק, 1954, ז״ז 73—75; מ. ראַוויטש, פאָ״ש, 1941 (נומ׳ 35), 1944 (נומ׳ 10—14), 1945 (נומ׳ 46), 1947 (נומ׳ 33), 1950 (נומ׳ 8—10); י. ראַפּאָפּאָרט, „צוקונפט“, ניו־יאָרק, אַפּריל 1954; נ. א. ראָנטש — אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור (ניו־יאָרק 1945); א. רייזען, עפּיזאָדן פון מיין לעבן, ערשטער טייל, ווילנע, 1929, צווייטער טייל, ווילנע 1929, דריטע טייל, 1935; ד״ר י. שאַצקי וועגן דעם ראָמאַן „משה“, „דער וועקער“, ניו־יאָרק, אויגוסט 1952; תלוש, יידישע שרייבער, מיאַמי־ביטש, 1953.

י. כ — ש

ליטעראַרישע אייביקייט און שלום אַש

57 יאָר — פון דעם יאָר 1900, ווען ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אין דער ליטעראַטור באַוויזן, ביז דעם יאָר 1957, ווען די ערדישע געשטאַלט זיינע איז אויסגעלאָשן געוואָרן — האָט געטורעמט אין דער יידישער ליטעראַטור, אויך אין דער ליטעראַטור ביי יידן אין עטלעכע וועלט־לשונות, און אויך אין אַ היפּשער מאָס אין דער וועלט־ליטעראַטור, די מאַיעסטעטישע פיגור פון אַ שרייבער אין גרעסטן פאַרנעם — און זיין נאָמען איז שלום אַש. עס דערנענטערט זיך זיין זיבעטער יאָרצייט — צו 77 יאָר האָט ער די וועלט פאַרלאָזן — און עס איז כדאי אָט דעם טורעם צוצושטעלן און צוצומעסטן צו נאָך אַ העכערן טורעם — דעם טורעם פון דער אייביקייט, דער ליטעראַרישער אייביקייט. צוצושטעלן און זיך טיף פאַרטראַכטן. פאַרטראַכטן מיט ליבשאַפט, פאַרטראַכטן אָן שום זייטיקע אַפעקטן און פניות אויף דער טעמע: שלום אַש און די ליטעראַרישע אייביקייט.

עטלעכע יאָר נאָך שלום אַשס נפטר ווערן, האָט י. ד. בערקאָוויטש, דער באַרימטער העברעיש־יידישער פּראָזע־שרייבער

— אין גאַנג פון אַן אינטערוויו — אַמאָל זיך אויסגעדריקט וועגן שלום אַשן אַזוי: כל זמן ער האָט געלעבט — האָבן זיינע ראָמאַנען, נאָוועלן, דראַמעס געלעבט מיט אים; אַז ער איז געשטאָרבן, זענען זיינע ווערק צוזאַמען מיט אים געשטאָרבן.

אַוודאי קאָן בשום אופן נישט אָפּגעפרעגט ווערן דאָס רעכט פון אַזאַ ליטעראַרישער אויטאָריטעט, ווי עס איז בערקאָוויטש, אַרויסצוזאָגן פריי און אָפן זיין מיינונג וועגן אַזאַ געשטאַלט אין דער ליטעראַטור ווי עס איז שלום אַש. מעג די מיינונג זיין ווי שאַרף. אדרבא — עס דאַרף אַפילו רעספּעקטירט ווערן די געוואַגטקייט.

אין אָנהייב פון דער דייטשער אָקופּאַציע פון פּוילן (1939) אַנטלאָפן קיין ביאַליסטאָק. 1946 זיך אומגעקערט קיין פּוילן, ווו ביז 1950 געווען אין וואַרשע אַקטיוו אין יידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן. פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון יידישן היסטאָרישן אינ־סטיטוט אין פּוילן. 1951—1953 געלעבט אין מדינת ישראל, ווו געאַרבעט אין קיבוץ לוחמי הגיטאות ע“ש יצחק קצנלסון. 1953 געקומען קיין קאַנאַדע, געווען דירעקטאָר פון דער פּרץ־שול אין קאַלגאַרי. זינט 1954 — אין ניו־יאָרק. מיטגליד פון דער וויסנ־שאַפטלעכער קאָלעגיע פון ייוואָ. דעביוטירט אין „ייוואָ־בלע־טער“ (1931) מיט אַ רעצענזיע אויף ר. מאַהלערס און ע. רינ־געלבלומס „געקליבענע מקורים צו דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן און מזרח־אייראָפּע (מיטלאַלטער)“ און זינט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט היסטאָרישע און פּעדאַגאָגישע פאָרש־אַרבעטן און רעצענזיעס אין: „ייוואָ־בלעטער“, ווילנע; „היסטאָרישע שריפטן“ (ב׳ 2, 1937, „שטודיע צו דער געשיכטע פון די יידן אין מאַזאָוויע אין 15טן י“ה)“, „בלעטער פאַר געשיכטע“ (1934—1937), „לאַנדקענטעניש“, „ליטעראַרישע בלעטער“, „וואָכנ־שריפט“, „שול־וועגן“, „פאָלקסצייטונג“, „יידישע שריפטן“ „דאָס נייע לעבן“ (אַ סעריע אַרטיקלען וועגן יידן אין דער רעוואָלו־ציע פון 1848) — אַלע אין וואַרשע; „דאָס בוך פון לובלין“, פּאַריז, 1952 („געשיכטע פון יידן אין לובלין פון די עלטסטע צייטן ביזן סוף 18טן י“ה)“; „אַנציקלופּדיה של גלויות“, ב׳ 5 (לובלין) און ב׳ 6 (וואַרשע), ירושלים—תל־אביב, 1957, 1959. „דפים לחקר השואה והמרד“ (ב׳ 2), און „ידיעות“ פון בית לוחמי הגיטאות, „לעבנס־פראַגן“, „גאָלדענע קייט“ — מדינת יש־ראל; „צוקונפט“, „אונזער צייט“ — נ“י; „קענעדער אָדלער“ מאָנטרעאַל, א“אַ. צייכנט זיך אויס מיט פאָרשונגען וועגן דער חורבן־תקופה, ווי: „שטודיע צו דער געשיכטע פון יידן אין וואַרטעלאַנד אין דער תקופה פון אומקום“; „יידישע אַרבעט־לאַ־גערן אין וואַרטעלאַנד“ אין „בלעטער פאַר געשיכטע“, וואַרשע, ב׳ 1 און 2, 1948, 1950; „מערב־אייראָפּעישע יידן אין מזרח־אייראָפּעישע געטאָס“ („גאָלדענע קייט“, ת“א, יאַנואַר־אַפּריל, 1953); „מלחמה קעגן יידן דורך פאַרשפּרייטן קראַנקייטן“ („ייוואָ־בלעטער“, ב׳ 37, נ“י, 1953); „דאָס פּראָבלעם ווידערשטאַנד אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור“, „פאַרוואָס האָבן די נאַציס אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידן?“ און „פּראָבלעמען פון אינע־וויניקסטן געטאָ־לעבן“, „פּויליש־יידישע באַציאונגען אין דעם פּעריאָד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה“, אין „צוקונפט“, מאַי־יוני, 1953, אַפּריל, 1955, אַפּריל, 1960, אַפּריל 1964 א“אַ. אין בוכפאָרם: „אַ יידישע קהילה אין פּוילן ביים סוף פון 18טן י“ה“, וואַרשע, 1934, 50 ז“ז; „געשיכטע פון יידן אין פּלאָצק“, ב׳ 1 (1237—1651), ייוואָ, וואַרשע, 1939, 174 ז“ז; „לערנבוך פון יידישער געשיכטע“ (סיסטעמאַטישער קורס פאַרן זעקסטן קלאַס), וואַרשע, 1947, 116 ז“ז. „געשטאַלטן און געשעענישן“ (היסטאָ־רישע עסייען), בוענאָס־איירעס, 1962, 274 ז“ז; „לאָדזשער גע־טאָ — אַ היסטאָרישע און סאָציאָלאָגישע שטודיע“, יד ושם און ייוואָ, ניו־יאָרק, 1962, 528 ז“ז; „שטודיעס פון יידישער גע־שיכטע אין פּוילן, בוענאָס־איירעס, 1963, 328 ז“ז. מיטרעדאַק־טאָר פון „בלעטער פאַר געשיכטע“ און „דפים לחקר השואה והמרד“. זיך באַטייליקט אויך אין די זאַמלביכער: „ספר מלחמת הגיטאות“, ת“א, 1950 (וועגן די אויפשטאַנדן אין די אומקום־לאַגערן); „וויטעבסק אַמאָל“, נ“י, 1956 („געשיכטע פון יידן אין וויטעבסק“ — 14טן־16טן י“ה); „געשיכטע פון ,בונד׳“, ב׳ 1, נ“י, 1960 („די אָנהייבן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג“); „קניגאַ אָ רוסקאָם יעווריעסטוויע“ (רוסיש), נ“י, 1960 („וועגן דער רוסיש־יידישער היסטאָריאָגראַפיע“); אין די יזכור־פּנקסים (וולאָצלאַוועק, פּיעטריקאָוו, וויטעבסק, פּלאָצק, סאָכאַ־טשעוו, לובלין א“אַ). איז באַטייליקט אין די בשותפותדיקע חורבן־פּראָיעקטן פון ייוואָ און יד־ושם.

חיים-לייב פוקס

(דאָרטן. ז׳ 128—130)

☆ ☆ ☆

ישראל טראַנק

(22סטן נאָוו׳ 1901 — 29סטן אַפּריל 1943)

אין מיטן פון די דרייסיקער יאָרן, אַרום 1935, איז די לאָ־דזשער יידישע ליטעראַרישע משפחה באַרייכערט געוואָרן מיט אַ נייעם, חשובן שרייבער — ישראל טראַנק. דער נאָמען טראַנק איז געווען אַ פּסעוודאָנים, אַ וואַריאַציע פון טרונק — דער באַ־גאַבטער רבניש־שרייבערישער משפחה. איך האָב טראַנקן געזען דאָס ערשטע מאָל אין סוף־זומער 1936, אויף אַ שרייבער־פאַר־זאַמלונג אין לאָקאַל פון „אָרט“, בעת וועלכער ס׳איז איניציאירט געוואָרן דאָס אַנטשטייען פון זשורנאַל „אות“. דער ערשטער נו־מער פון דעם זשורנאַל איז דערשינען אין דעצעמבער 1936. **און דער לעצטער** — אין יאָר 1939, אַ קורצע צייט פאַרן מלחמה־אויסברוך. דער „אות“ האָט באַשטראַלט מיט פּעריש־בונטע שטראַלן פון קינסטלערישן וואָרט און בילד, דעם שקיעה־הימל פון יידיש־קולטור, פאַרן אַראָפּלאָזן זיך פון דער „מערב־נאַכט“.

אויף דער דערמאָנטער פאַרזאַמלונג איז טראַנק אויסגעקליבן געוואָרן אין דער רעדאַקציע פון „אות“, צוזאַמען מיט משה בראָדערזאָן און ישראל ראַבאָן. געהערט האָב איך פון טראַנקן נאָך פריער, ווי אַ שרייבער אויף אייגנאַרטיקע טעמעס, אַ וויסנ־שאַפטלער־פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער מאָדערניסטישער תורת זיגמונד פרויד הנקראת פּסיכאָאַנאַליזע. אגב, איז די „תורה“ דערגאַנצט געוואָרן מיט אַ גאַנצן קאָמענטאַרן־„תלמוד“ פון אַזעלכע, וואָס האָבן, באַזירנדיק זיך אויף דער פרוידישער ביבל, דאָך מחולק געווען אויף אים. די קאָמענטאַטאָרן־תלמודיסטן, ווי אַדלער, יונג און אַנדערע, האָבן געפּסקנט די אונטערבאַוווסט־זיניקע שאלות — יעדער אויף זיין אייגענעם דרך, און ס׳האָבן זיך באַקומען באַזונדערע „ישיבות“: אָנהעגנער פון „בית אַד־לער“, „בית יונג“ וכדומה.

...ער איז געווען פון אימפּאָנירנדיקן אויסזען. אַ הויכער, פעסט־געבויטער יונגערמאַן אין די אָנהייב דרייסיקער, מיט אַ טונקל־ברוינעם אָוואַלן פּנים, וואָס האָט געמאַכט אַן אָריענטאַלישן איינדרוק. דער בליק פון די ביר־ברוינע אויגן איז געווען אין האַרמאָניע מיטן גוטמוטיקן, מילד־איראָנישן אויסדרוק פון זיין פּנים, און מיטן האַרציקן שמייכל, וואָס האָט אָפט באַזוניקט. ער איז געווען פון פּראָפעסיע אַ לערער. דאָס האָט אים געגעבן באַשיידענע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. האָט ער זיך, אָן שוועריקייטן, איינגעאָרדנט ביי זיין פּראָפעסיע, באַקומענדיק אַ פּאָסטן אין אַ יידישער שול, און אויך ביי פּריוואַטע לעקציעס.

צווישן טראַנקן, דעם מיטרעדאַקטאָר פון „אות", און מיר, האָבן זיך איינגעשטעלט, אַזוי צו זאָגן, „געשעפטלעכע" באַציאונגען. איך בין געווען אַבאָנענטן־ווערבירער פאַרן „אות", מאַכנדיקט טורן איבער צענדליקער פּוילישע שטעט און שטעטלעך. ביסלעכווייז האָט זיך צווישן אונדז אַנטוויקלט אַ וואַרעם־חבֿרישע פריינטשאַפט: מתוך שלא לשמה, בא לשמה. נאַטירלעך, אַז צווישן ליטעראַטן זאָל די אַקס פון קאָלעגיאַלע געשפּרעכן זיין: ליטעראַטור, קונסט; אָבער ביי טראַנקן, ווי אַ ליטעראַט־וויסנשאַפטלער, האָט דעם רוקנביין פון די געשפּרעכן געבילדעט זיין מאָדערניסטיש־וויסנשאַפטלעכע קבלה, הגם ער האָט אויך אַרויסגעוויזן בקיאות און אינטערעס אין די ספערן פון שיינער ליטעראַטור — אין אַלע אירע פאָרמען.

זייענדיק אין תוך אַ טיפּ פון אַ קאַבינעט־מענטש, אַ תלמיד־חכם, וואָס קאָנטינואירט דאָס למדנישע פון זיינע אָבות אויף אַן אייגענעם, מאָדערנעם אופן — איז אויך טראַנק געווען גלייכצייטיק זייער געזעלשאַפטלעך טעטיק. ער האָט גענומען אָנטייל אין פאַרשידענע קולטור־אַקטיוויטעטן: אין דער „געז. פריינט פון ייוואָ", „קיזש" („קלוב אינטעליגענצי זשידאָווסקעי"), ווו ער פלעגט אויך אָנטייל נעמען אין די עפנטלעכע דיסקוסיעס אויף פאַרשידענע טעמעס. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך אַריינקומען אין קאַפע און גערן אָנטייל נעמען אין לייכטשטיפעריש געשפּרעך פון אַ קרייז יונגע שרייבערס — אַ געשפּרעך, וואָס האָט געקאָנט טאַקע זיין לייכט, פּיקאַנט, אָבער קיינמאָל נישט וווּלגאַר. ער האָט געהאַט אין ריידן אַ הומאָריסטישן „טראַנס", און לייכט שאַרזשירט עמעצנס אַ זשעסט, אָדער כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק — אַלץ נישט מיט קיין גיפטיקייט, גאַליקייט, נאָר מיט יענער גוטמוטיקייט, וואָס מילדערט די הומאָריסטישע „שטעך". מיר זענען אין זכרון פאַרבליבן מאַנכע פון זיינע הומאָריסטישע אַקצענטירונגען. אָט גיט ער איבער, אין אַ כאַראַקטעריסטישער דיקציע, די ווערטער פון זיינעם אַ רבנישן קרובֿ, וואָס איז געקומען אויף אַ קורצע צייט קיין לאָדזש, און אָפּגעבנדיק טראַנקן עליכם שלום זיך אויסגעדריקט: „ישראל, כ'האָב געהערט, אַז דו פאַרנעמסט זיך מיט פּסיכיע?". הגם דער געלונגענער רבניש־למדנישער אויסדרוק „פּסיכיע" איז נישט געווען טראַנקס, נאָר דעם קרובֿס, איז אָבער דער יונגער וויסנשאַפטלער געוואָרן אַ מיטשותּף צו דער עקספּרעסיע, דורך זיין אייגנאַרטיקער אינטערפּרעטאַציע.

טראַנק האָט פאַרעפנטלעכט אין „אות" עטלעכע עסייען, וואָס האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אינטעליגענטן, מיט זייער פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, ווי אויך מיט דער קלאָרקייט און פּשטות פון זייער סטיל. עס איז נישט קיין צו אָפטע דערשיינונג צו שרייבן קלאָר און פאַרשטענדלעך — און גלייכצייטיק וואָגיק — וועגן קאָמפּליצירטע ענינים. אַ סך ווערק אויפן געביט פון וויסנשאַפט און קונסט, זענען ווי שאַרפע עסענצן — נישט צו געברויכן; ערשט דער טאַלענטירטער „לאַבאָראַנט", דער פּאָפּולאַריזאַטאָר, צעפירט זיי אין קלאָרן וואַסער „קאָמאָנסענס", מאַכט זיי אָננעמבאַר און געניסבאַר. אין דעם זין איז דער קאָמענטאַטאָר אַ שותּף צום אָריגינעלן זשעני.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט טראַנק אויפגעהערט מיטצואַרבעטן אין „אות". ראַבאָן איז פאַרבליבן דער רעדאַקטאָר און בעל־הבית פון זשורנאַל, ווייל בראָדערזאָן איז געווען בלויז רעדאַקטאָר אין דעקאָראַטיוון זין.

1938 איז דערשינען אין פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער" טראַנקס בוך — אַ שטודיע וועגן „אַלפרעד אַדלער — דעם מענטש און זיין לערע", אַזוי גלייב איך, איז געווען דער טיטל פון בוך, פון וועלכן כ'האָב, צום באַדויערן, נישט קיין עקזעמפּלאַר. אויף ווי ווייט איך געדענק, האָט דאָס בוך געהאַט גוטע אָפּרופן מצד די קאָמפּעטענטע קרייזן — שריפטשטעלער און אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן געהאַט טיפע ידיעות און אינטערעס אין דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע.

מיין איבערבליק פון טראַנקס ליטעראַרישער און קולטורעלער טעטיקייט, וועט נישט פול זיין, נישט דערמאָנענדיק זיין רעדאַגירן אַ ספּעציעלן נומער „ליטעראַרישע בלעטער", געווידמעט יונג־לאָדזש. אין דעם נומער האָבן זיך געזאָלט באַטייליקן מיט לידער, נאָוועלן, עסייען און דראַמאַטישע מיניאַטורן דער ראשו ורובו פון די לאָדזשער שרייבער, יונגע בפרט. אגבֿ, פון דעם גאַנצן ענין האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. נחמן מייזיל, דער רעדאַקטאָר פון די „ליטעראַרישע בלעטער", איז דעמאָלט נישט געווען אין פּוילן.

*

אַ קורצע צייט נאָכן מלחמה־אויסברוך, האָב איך געטראָפן טראַנקן. דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג, ווען מען האָט זיך נאָך געקאָנט באַוועגן אויף דער גאַס, אָן דער ריזיקע צו ווערן געכאַפּט אויף אַרבעט. די מוראַדיקע נייעס האָט אונדז אַלעמען באַטויבט און איבעראַשט, ווי אַ דונער פון אַ זוניקן הימל — הגם דער הימל איז שוין כמה וכמה חדשים געווען פאַרטונקלט מיט די מערבֿ־כמאַרעס פון גיפטיק דעמאַגאָגישער פּראָפּאַגאַנדע, אַרויסגעקנוילט פון די דראָטלאָזע סם־רעזערוואַרן. אַלע זענען געווען אויפגעטרייסלט, באַזונדערס טראַנק.

דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט אין זיין פּסיכאָלאָגישע אָבסערוואַציעס. גייענדיק אויף דער גאַס, האָט ער מיר דערציילט וועגן סעקסועלע אָרגיעס פון פּוילישע רעקרוטן, פאַרן אָפּפאָרן צום פראָנט. איבערגעגעבן די דראַסטישע סצענעס מיט דער ציכטיקייט פון אַ געלערנטן, האָט ער אָבער זיי געגעבן אַזאַ עקספּרעסיע, וואָס האָט, איבערצייגנדיקער פון אַלע טעאָריעס, געוויזן די מחותּנימשאַפט פון „ליבע און טויט".

ביים געזעגענען זיך, האָט טראַנק זיך געווענדט צו מיר מיט די ווערטער: „מיר וועלן די מלחמה נישט איבערלעבן". עפּעס אַ העלזעעריש בת־קול האָט פון זיינע טיפענישן אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, ער האָט די מלחמה נישט איבערגעלעבט.

נאָך דער באַפרייאונג האָב איך געהערט, אַז טראַנק איז פאַרשיקט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין צפון־רוסלאַנד. ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, איז זיין טרויעריקער סוף געווען אַזאַ: ער האָט געאַרבעט אין אַ שטריקמאַכעריי־קאָאָפּעראַטיוו. איינמאָל איז ער ביינאַכט — ער האָט געהאַט דעם פּאָסטן פון אַ וועכטער — איינגעשלאָפן רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס. ס'איז אַנטשטאַנען אַ פייער און די אונטערנעמונג פאַרברענט. ער איז געקומען פאַר אַ געריכט: צען יאָר תּפיסה פאַר „סאַבאָטאַזש". ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן פון איין „מדור" צו אַ צווייטן, ערגערן, אָבער שנעל און אומגעריכט פון דאָרט באַפרייט געוואָרן און אָפּגעשיקט „אַהיים", אין דעם פאַרהעלטנישמעסיקן „גן־עדן", דעם „אַרבעטס־לאַגער".

זיינע נאָענטע און אחים לצרה, האָבן אים אויפגענומען מיט שמחה און פאַרוווּנדערונג צוליב זיין שנעלן באַפרייט ווערן. אָבער סיי די שמחה, סיי די פאַרוווּנדערונג האָבן נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין אַ קורצער צייט שפּעטער, איז ישראל טראַנק אויסגעגאַנגען. ער איז „אַהיימגעקומען" פון תּפיסה אַ נוטה־למות.

אַזוי איז אומגעקומען אין די קאַלטע צפונדיקע מרחקים פון

ראַטנפאַרבאַנד, איינער פון די פאַרביקסטע געשטאַלטן פון דער לאָדזשער ייִדישער קולטור־סביבה — אַ שריפטשטעלער־פאָר־שער פון פאַרנעם, אַ נאָבעלער מענטש און אויסגעצייכנטער חבר.

כבוד זיין אָנדענק!

ישראל גאָלדקאָרן

„לאָדזשער פאָרטרעטן", פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1963

☆ ☆ ☆

צאָמבער ליפּמאַן

געבוירן אין קוטנע. געווען דער עלטסטער צווישן די מיטגלידער פון קרייז.* אַ תלמיד פון פּראָפ' האַנדעלסמאַן, האָט ער געענדיקט זיין שטודיום אַלס דאָקטאָר פילאָזאָפיע אין עלטער פון איבער פערציק יאָר. אַ חבר פון „בונד", געווען טעטיק אין דער „קולטור־ליגע", דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי אויף דעם קולטור־געביט. באַשעפטיקט אַלס לערער אין די שולן פון דער ציש"אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע), פלעגט ער בעת די זומער־וואַקאַציעס אָנפירן אַן אָפּרו־הויז אין דער געגנט פון וואַרשע. באַטייליקט זיך שוין אין ערשטן זאַמלבוך פון קרייז מיט אַן אַרטיקל וועגן דער חברה קדישא אין קוטנע אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט,** אויפן יסוד פון פּנקס וואָס ער האָט געפונען. פון זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע וועגן די יידן אין פּוילן אונטער דער פּרייסישער הערשאַפט אין די יאָרן 1795—1805, האָט ער פאַרעפנטלעכט צוויי קאַפּיטלעך אין צווייטן און דריטן באַנד פון קרייז. אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער אויפגעשטעלט און אָנגעפירט, אין פאַרבינדונג מיטן „צענטאָס" (צענטראַלע פון שוץ פאַר יתומים) אַן אַזיל פאַר קינדער פון דער גאַס. ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקע בעת דער ערשטער „אַקציע" אין זומער 1942 אין באַזונדער טראַגישע אומשטאַנדן: ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז זיין טאָכטער איז אַוועק געפירט געוואָרן אויף דעם „אומשלאַג־פּלאַץ" (די ספּעציעלע באַן־סטאַציע אין וואַרשע, פאַר דעפּאָרטאַציע פון יידן אין די טויט־לאַגערן), איז ער געלאָפן אין „צענטאָס", כדי צו באַקומען געלט אויף אויסצוקויפן די טאָכטער ביי די יידישע פּאָליציאַנטן און אויפן וועג איז ער אַליין פון די פּאָליציאַנטן פאַרכאַפּט געוואָרן.

רינגעלבלום איז אים מספּיד מיט גרויס וואַרעמקייט; זע: כתבים פון געטאָ, באַנד 2, ז' 74, 175—176.

פּראָפ' רפאל מאַהלער

(פונעם בוך „היסטאָריקער און וועגווייזער", פאַרלאַג „ישראל בוך", תל־אביב, 1967)

☆ ☆ ☆

ביינִיש זילבערשטיין

...ביינִיש זילבערשטייק איז מיר שוין באַקאַנט זינט עטלעכע יאָר, פון דעמאָלט אָן, ווען ער האָט מיר געברענגט אַ פּאָר צענדליק לידער און איך האָב זיי אַרויסגעגעבן. זיין איצטיקער באַנד נאָוועלן „אייביק פאַרמשפּטע" באַהאַנדלט אַ ניי געביט וועגן וועלכן קיינער האָט נאָך ביי אונדז נישט געשריבן. גלייכצייטיק האָב איך זיך באַקענט מיט זיינעם אַ ראָמאַן א. ג. „עסן", וועלכער איז, לויט מיין מיינונג, קינסטלעריש פיל רייפער ווי די פאָרליגנדיקע נאָוועלן. און דאָס האָט מיך איבערצייגט, אַז ב. ז. שטייט נישט נאָר אויף איין אָרט, נאָר אַנטוויקלט זיך און גייט כסדר פאָראויס.

אין „אייביק פאַרמשפּטע" ווערט געשילדערט דאָס שפּיטאָל־לעבן. דער אמתער סיוזשעט פון זיינע נאָוועלן איז די קראַנקהייט, אַ געביט, וואָס איז שווער צו באַהאַנדלען. אויף יעדן בלעטעל פילט איר ווי עס ווייעט דער אָטעם פון טויט, איר פילט די אימה וואָס הענגט איבער די קעפּ פון די אַלע ביז צו הייליק פאַרפּייניקטע, דערביי — דער שטאַרקער דראַנג צום לעבן, די טיפע בענקשאַפט צו דער היים, צו דער שטאָט, צו דער וועלט... דאָס איז אַ מין אַנאַליז פון פיזישע און מאָראַלישע יסורים. דער מחבר דרינגט דאָ אַריין אין די נשמות פון די קראַנקע און שילדערט אונדז פאַרשידענע טיפּן: הכנעהדיקע, אויפגערעגטע, געדולדיקע, באַגייסטערטע. אַ גאַנצע גאַלעריע דאָקטוירים, פעלדשערס און שפּיטאָל־באַאַמטע גייען אַדורך פאַר אונדזערע אויגן. מיט איין וואָרט: לייענענדיק די דאָזיקע נאָוועלן, באַקומען מיר דעם אמתן באַגריף וועגן מענטשן, וואָס זענען אייביק פאַרמשפּט. ביינִיש זילבערשטייק האָט גוט תופס געווען זיינע העלדן און מען דאַרף האָבן טאַלאַנט צו קענען אַזוי שילדערן.

מאַרק ראַקאָווסקי

(פון דער הקדמה צו ב. זילבערשטיינס בוך „אייביק פאַרמשפּטע", דערשינען אין וואַרשע, 1928, ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי).

☆ ☆ ☆

יעקב אוסובסקי ומשפחתו

יעקב אוסובסקי ז"ל עזב את עיר מולדתו — קוטנה — בדרכו לירושלים, ללמוד בישיבה שם, אולם במקום להגיע ליעדו, נתקע בגרמניה ולמד כלכלה־פוליטית מפיו של הפרופ' ורנר זומבארט בברלין. את לחמו הרוויח כפועל־חרט בבית־חרושת. בתקופת שהותו בגרמניה הצטרף י. אוסובסקי לאירגון השמאלי „ספארטאקוס", עד שנכלא בבית־הסוהר בשנת 1918. לאחר זמן הצליח אבי לברוח לברית־המועצות, הצטרף למפלגה הקומוניסטית שם ועבד ככלכלן. בתקופה ההיא לא שפר עלינו מצבנו הכלכלי (אמא ואני הגענו לשם שלוש שנים לאחר בואו של אבא).

אבא התערה מאוד בחיי המפלגה הקומוניסטית הסובייטית ונטל חלק פעיל בוויכוחים הסוערים שהתנהלו אז במפלגה. אך בוויכוח שהתנהל בשנת 1929, יצא אבא נגד דעתו של סטאלין וכתוצאה מכך נאלץ לעזוב את המפלגה. בידי נשתמרה עוד חוברת בה מובעת דעתו של אבא על ניהול המשק ותשובה בקורתית קטלנית נגדו מטעם המפלגה.

לאחר שעזב את המפלגה, ומותה של אמא ז"ל בשנת 1929, השתפר בהרבה מצבנו החומרי. הוא נתמנה למרצה בכלכלה בבית־הספר הגבוה לכלכלה ולא ידענו עוד מחסור. באותו זמן החל אבא להתעניין בבעיות יהודיות והתמסר לחקר הסוציולוגיה היהודית. אז גמלה בלבו ההחלטה, כי עלינו, בנותיו, לעזוב את ברית־המועצות ולעלות לא"י. הודות להתערבותו של הפרופ' הארולד לאסקי, אליו פנה אבא בבקשת עזרה לאפשר לנו לצאת את ברית־המועצות, ולאחר מאמצים רבים — הגענו סוף־סוף בשנת 1934 לארץ־ישראל. (היינו שלוש בנות בגיל עשר, שתים־עשרה ושש־עשרה שנים). לאבא לא הניחו השלטונות לעזוב את רוסיה, אף־כי הסרטיפיקאט היה רשום על שמו, ואנו, שלוש בנותיו, עלינו במקומו. כאן בארץ קיבל אותנו סבא שלנו ובביתו אף חיינו. במשך זמן רב לא חדל אבא ממאמציו להצטרף אלינו ואף פנה בעניין זה לנשיא ברית־המועצות בימים ההם, קאלינין, שחתם את שמו על ההמלצה — אך ללא הועיל. אבא נשאר ברוסיה. עמדנו אתו בקשר במשך ארבע שנים, עד שנודע לנו כי אבא נפטר.

עד לפטירתו כתב אבא הרבה מחקרים על הכלכלה העולמית,

---

* קרייז פון „יונגע היסטאָריקער" אין וואַרשע אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. — רעד'.

** זע ז' 54 די אַרבעט פון צאָמבער ליפּמאַן.

ביניהם — מחקר על התפתחותה של התעשיה האמריקנית (מאמר זה תורגם לאנגלית והופיע בזמנו בכתבי־עת אנגליים).

אבא ז״ל היה בעל השכלה רב־צדדית ותחומי התענינותו היו רבים מאוד — כלל עולמיים — כלליים וחברתיים, וכן בתחומי־חיים יהודיים. בהכירו את מגמות ההתפתחות בתוך ברית־המועצות, עשה את כל המאמצים, כדי שבנותיו יוכלו לחיות בתוך עמן לבל ייטמעו בעם לא להן והודות להבנתו זו הריני תושבת ואזרחית מדינת ישראל.

מיכאל אוסטרובסקי (דוד מישה), נפצע במלחמת העולם הראשונה ועבר עליו זעזוע נפשי עמוק, אך הוא החלים ממחלתו



יעקב אוסובסקי ז״ל

והתמסר ללימוד מתימאטיקה, פיזיקה ומכאניקה. הוא חיבר ספר על סוג טראקטור מיוחד ובשנת 1927 נשלח להשתלמות נוספת לארצות־הברית, שם עבד בבית־חרושת של „פורד״. בשובו לברית־המועצות, כיהן כמרצה באקדמיה הצבאית, למרות שהשפה הרוסית לו היתה שגורה בפיו. הוא נשא רוסיה לאשה ונולד להם בן, הגר כיום במוסקבה, אך אנו איננו עומדים אתו בשום קשר.

גם הדוד מישה נפל קרבן למשפטים שהתנהלו בימים ההם ברוסיה והוצא להורג במשפט נגד קציני צבא סובייטיים ב־1937.

דודה לפשה הגיעה לרוסיה ב־1932. היא עבדה כתופרת בבית־חרושת לשמלות. נראה, כי לא הסתפקה בעבודה בלבד והתקרבה לסופרים היהודיים במוסקבה. אנו, הילדות הקטנות, לא יכולנו לדבר אתה, כי לא ידענו פולנית — והיא לא ידעה רוסית.

בשנות המלחמה העולמית השנייה, ברחה לקאזאן וכעבור כמה שנים חודש הקשר אתה, אותו אנו מקיימים עד היום.

הדוד משה — אחיו הצעיר ביותר של אבא. הוא הגיע לארץ־ישראל בשנת 1935 ועבד במקצועו כאופה. לפי התרשמותי, נחרתו בו ביותר אותות התפוררות המשפחה שחלה עוד בימי ילדותו. בשנים האחרונות לחייו עבד כסבל בנמל ושם נהרג באחת התקפות־האוויר במלחמת השיחרור. הניח אשה, בן ובת.

לא אצא ידי חובתי אם לא אביע את הכרת תודתי לכל בני קוטנה אשר סייעו בזמנו לסבא במאמציו להעלותנו ארצה. סבא ביושבו בירושלים לא חסך כל מאמצים כדי להוציאנו — את אבא ואת בנותיו — מגבולות ברית־המועצות בה ראה אבינו, בימי בחרותו את הארץ, בה יתגשמו כל חלומותיו על חברה אנושית צודקת יותר. אך כידוע לא רק הוא בלבד התאכזב.

בני קוטנה אשר סייעו לסבא הם: ד״ר ברומברג ז״ל, מנהל „הדסה״ בזמנו; אחותו ובעלה האדון והגב׳ טורבוביץ, מר אלברג; וכן ייזכרו לטוב יוסף וולשטיין ז״ל ופרנץ וולשטיין ייבדל לחיים ארוכים, אשר עודדו וסייעו לנו בצעדנו הראשונים בארץ־ישראל ופתחו בפנינו את ביתם לרווחה — אשר היה ביתנו הראשון בארצנו החדשה.

בהזדמנות זו שלוחה שוב ושוב תודתנו הלבבית והכנה ביותר לכל המשפחות אשר קיבלונו בלבביות רבה כל־כך בביתם. כן שלוחה תודתנו למשה, אברהם ובלה לוסטיגמאן ולמשפחת קולסקי על יחסם הנאה והלבבי אלינו. נעים ונאה היה להפגש עם בני עיר אלה אשר הכירו את אבי וידעו לספר עליו ולהחיות לנגד עינינו את דמותו. לכולם הברכה והתודה!

רות הולנדר־אוסובסקי / ירושלים

☆ ☆ ☆

טעא ארצישעווסקא — די בינע־קינסטלערין און שרייבערין

זי האָט געשטאַמט פון דער אין קוטנע גוט באַקאַנטער משפחה ליפסקי. איר פאָטער און זיידע זענען געווען פון שיינעם יחוס, פרום און אָפּגעהיטן אין דורותדיקע טראַדיציעס. דער אַלטער ליפּסקי, דער טרייער גערער חסיד, האָט אַפילו געגלויבט, אַז אַזוי וועט דויערן אייביק. זיינע טעכטער האָבן אָבער אַנדערש אָנגעהויבן קוקן אויף דער וועלט.

די עלטסטע איז אַוועק פון איר מאַן, געקומען קיין פּאַריז, זיך איינגעלעבט אין דער מאָנפּאַרנאַסער באָהעמע און לגמרי איבער־געריסן מיט די דרכים פון אירע עלטערן. די צווייטע האָט געצויגן צו דער טאַנץ־קונסט. זי האָט געחלומט צו ווערן אַ באַלעט־טענצע־רין. די דריטע טאָכטער, טעאַ (אָדער אַזוי שפּילעוודיק פאַרצויגן — טאָטשע), האָט גאָר געוואָלט ווערן אַ שוישפּילערין. שוין פון קינדווייז אָן האָט זי געצויגן צו דער בינע. זי האָט אַלס קינד אויסגעטרוימט אירע ראָלן, פאָזירט פאַרן שפּיגל. און אַזוי טרוי־מענדיק און עקשנותדיק דערגאַנגען צו קינסטלערישער שלימות.



ווען י. ל. פּרץ האָט זי דערקענט, האָט ער דערזען אין איר די נשמה פון אויפגייענדיקן יידישן טעאַטער. מער אינעם שטעטל איז זי שוין נישט צוריק געקומען, אַפילו עס וויט איבערגעשטיגן — אָבער נישט געזוכט צו פאַרגעסן די אַלטע היים, נישט געוואָלט זיך אָפּרייסן פון איר עבר.

איך ווייס נישט מיט וועלכע וועגן זענען די מוזעס אָנגעקומען אין דער שטרענג־אָרטאָדאָקסישער היים פון די ליפּסקיס, דעם סוחר פון גלאָזוואַרג אויף דער ברייטער גאַס אין קוטנע, אָדער צו די אַנדערע פּשוטע היימען פון די טרונקס, אַשס, גליקסמאַנס, ערדבערגס און אַנדערע — ווו זיי האָבן זיך באַוויזן אומדער־וואַרטעט. איינס איז אָבער זיכער: די אַלע חשובע בני־עיר אונדזערע זענען געוואָרן אָנגעשטעקט פונעם גרויסן גייסט פונעם באַוווּסטן ר׳ שיעלע קוטנער.

זי האָט זיך געקלאַמערט אין דער יידישער געשיכטע, אין די אַלטע יידישע טראַדיציעס און מנהגים, סימבאָלן און אַנטיקן, זעענדיק אין דעם אַלעמען עכט יידישע, טיפע שיינקייט. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ צווייג פונעם פינף־הונדערט־יאָריקן קוטנער־יידישן שטאַם. און געווען איינס פון זיינע געראָטענע

קינדער. זי האָט גערעדט ייִדיש מיטן קוטנער טעם, ווי ס'האָט גערעדט אונדזער שלום אַש, ווי עס האָבן גערעדט אונדזערע טאַטעס און מאַמעס און ווי עס רעדן נאָך היינט די לעבן־געבליבענע קוטנער. זי האָט ליב געהאַט צו טרעפן זיך און שמועסן מיט אירע בני־עיר, געפילט זיך ווי אַ היימישע אין דער קוטנער משפחה־געזעלשאַפט. אונדז איז גוט געווען צו וויסן, אַז מיר האָבן דאָ אַזאַ גוטן פריינד — און זי האָט טאַקע געוואָלט מיר זאָלן זי האַלטן פאַר אַן אייגענע.

די ייִדישע קוטנע וועט מער נישט אויפשטיין פון איר חורבן, אַזעלכע שיינגייסטער ווי טעאַ אַרצישעווסקאַ וועלן ביי אונדז מערער נישט אויסוואַקסן. די שפּעטערדיקע דורות וועלן איבערנעמען אַ טייל פון דער גרויסער גייסטיקער ירושה, פון די אָנגעזאַמלטע אוצרות — און אַוודאי זיך אָנטרעפן אויף אַרצישעווסקאַס אומשטערבלעך ווערק „מרימל“, מיט וועלכן זי האָט מיט גאָלדענע אותיות זיך פאַרשריבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

קוטנער ייִדן שטאַלצירן מיט זייערע גייסטרייכע פּערזענלעכקייטן און מיר וועלן בויגן דעם קאָפּ מיט יראת־הכבוד פאַרן ליכטיקן אָנדענק פון טעאַ אַרצישעווסקאַ.

הענעך שלייפער / פּאַריז

☆ ☆ ☆

פון אונדזערע גייסטיקע געשטאַלטן

ביים אויפשטעלן אַ גייסטיקע מצבה פאַר אונדזער פיינלעך־פאַרשניטענער קהילה, זאָלן מיר כאָטש אין אַ קליינער מאָס אָפּצאָלן אונדזער מאָראַלישן חוב צו אַ חשובן טייל פון די קדושים, אומגעבראַכטע דורך דער מערדער־האַנט, אָדער וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן אויף זייער וואַנדער־וועג.

די דורך אונדז סקיצנאַרטיק כאַראַקטעריזירטע פּערזענלעכקייטן, האָבן יאָרן לאַנג כסדר געוועקט און געמונטערט דעם גייסט, דאָס האַרץ און די נשמה פון אונדזערע שטאָטישע ייִדן; זיי דערהויבן און אַנטוויקלט, צוגעגרייט צו אַ שענער און בעסער לעבן. זיי זענען געווען דאָס מויל פון פאַרשידענע שיכטן אין דעם קאָכעדיקן ייִדישן לעבן אין שטאָט.

די ברידער צאַמבער

די, וואָס האָבן געטאָן זייער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט מיט עסקנישער איבערגעגעבנקייט און שעפערישן נוסח, זענען געווען די ברידער צאַמבער. דערצויגענע אין אַן אַטמאָספער פון ריינעם גייסט און הייליקער עבודה ביי זייער פאָטער ר' יעקב, וועלכער איז ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דער ייִדישער קהילה. ער האָט דאָרט געפירט די מעטריקע־אָפּטיילונג און געווען דער רעליגיעזער פאַרטרויאונגס־מאַן אינעם געריכט, בעת ייִדישע בירגער זענען געווען פאַרמישט אין כל־מיני משפטים. ער האָט מיט זיי אַדורכגעפירט די צערעמאָניע פון אָפּגעבן די שבועה.

זיינע קינדער האָט ער געגעבן אַ רעליגיעזע און וועלטלעכע דערציאונג, דערפירט זיינע זין צו דער מדרגה פון אויסגעצייכנטע לערער פון מיטלשולן, מיט הויכע פּעדאַגאָגישע קוואַליפיקאַציעס.

די יאָרן 1920—1919, דאָס ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן פאָרמירט זיך. עס אַנטשטייען פּאָליטישע פּאַרטייען, צווישן אַנדערע, אויך די פאָלקס־פּאַרטיי, געגרינדעט דורך נח פּרילוצקי, ה. ד. נאָמבערג און הלל צייטלין. דער עלטסטער זון, זינדל צאַמבער, ווערט אין שטאָט דער פירער פון דער פּאַרטיי. יאָרן לאַנג איז ער געווען זייער פאַרשטייער אין שטאָט־ראָט און קהילה. מוטיק און שטאַלץ האָט ער פאַרטיידיקט די רעכט פון די קוטנער ייִדן — פאַר נאַציאָנאַלער און קולטורעלער אויסלעבונג. ער האָט ריקזיכטלאָז צוריקגעשטויסן יעדן אַנטיסעמיטישן אָנגריף אויף אַן עפנטלעכער טריבונע.

ער איז געווען אַ ווירדיקער רעפּרעזענטאַנט ביים אָפּהיטן די אינטערעסן פון אונדזערע קוטנער ייִדן.

דער ייִנגערער ברודער, ליפּמאַן, איז געבוירן געוואָרן אין 1895. געענדיקט אַ האַנדלס־שול אין קוטנע און שפּעטער זיך פאַרפולקאָמט אַלס לערער.

גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דורך געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויקייט און שעפערישע עקשנות, געשאַפן געוואָרן פיל דערהויבענע קולטור־פּאָזיציעס, צווישן זיי — דאָס ייִדישע שול וועזן אין פּוילן. ליפּמאַן האָט געהאַלטן, אַז דער־אַ רענעסאַנס־אויפטו דאַרף באַקומען זיין מעכטיקן אָפּרוף אויך אין קוטנע.

איז טאַקע דורך זיין איניציאַטיוו און מיטהילף פון געוויסע קולטור־אינסטאַנצן און יחידים, געעפנט געוואָרן במשך אַ קורצער צייט אַ שול א. נ. פון י. ל. פּרץ.

ליפּמאַן צאַמבער אַרבעט אַלס לערער און פאַרוואַלטער. מיט זיין געמיטלעכקייט, פּקחות און ליבן שמייכל, געווינט ער ענטוזיאַסטישע אָנהענגער און פריינד, וועלכע שאַפן אַ וואַרעמע אַטמאָספער אַרום דער שול.

מערקווירדיק: הגם כמעט די גאַנצע שול־אַרבעט איז געלעגן אויף זיינע פּלייצעס, האָט ער פון דעסטוועגן געפונען צייט פאַר זיינע געשיכטלעכע פאָרש־אַרבעטן. צוליב דעם האָט ער מיט דער צייט אין גאַנצן זיך איבערגעטראָגן קיין וואַרשע. דאָרט טרעט ער אַריין אין אוניווערסיטעט און מיט גרויס התמדה גרייט ער צו זיין דיסערטאַציע־אַרבעט. ער באַקומט דעם דאָקטאָר־טיטל פאַר געשיכטע. גלייכצייטיק איז ער אויך אַקטיוו אין קרייז פון יונגע פאָרשערס און געשיכטע־שרייבער, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום די אויסגאַבן „יונגער היסטאָריקער“ און „בלעטער פאַר געשיכטע“, אָנגעפירט דורכן שפּעטערדיקן קדוש ד"ר עמנואל רינגעלבלום.

טאַקע דאָרט האָט ער פאַרעפנטלעכט ערנסטע פאָרש־אַרבעטן, ווי: „די באַציאונג פון דער פּרייסישער מאַכט צו די ייִדן אין פּוילן פון דער צווייטער ביז דער דריטער חלוקה — 1793—1795“; „אַ בילד פון ייִדישן קולטור־לעבן אין אַ פּוילישער שטאָט, אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט“.

זיינע היסטאָרישע שאַפונגען אין די דרייסיקער יאָרן, זענען געווען אַ דאָקומענטאַרער באַווייז, אַ היסטאָרישער אַטעסטאַט קעגן דער אַנטיסעמיטישער טעאָריע, אַז ייִדן האָבן זיך נישט לאַנג באַזעצט אין פּוילן. און ווען דער גורל האָט אים צוגלייך מיט אַלע וואַרשעווער ייִדן פאַרשפּאַרט אין געטאָ, איז ער דאָרטן געוואָרן דער לייטער פון אַ דערציאונגס־אַנשטאַלט פון יונגע קינדער. ווען די הענקער האָבן אים געצווונגען איבערצוגעבן די קינדער אַרויסצופירן צום אומקום, איז ער ווי אַ געטרייער פאָטער מיט זיי מיטגעגאַנגען.

זאָלן די עטלעכע קורצע ווערטער דינען אַלס אָמן צו אַ יתגדל ויתקדש, וואָס דאַרף לפּחות יאָר יערלעך געזאָגט ווערן אויפן אומבאַוווסטן אַש־קבר פון די ברידער צאַמבער.

אברהם פאַסירשטיין

אויב שלום אַש האָט אין פּאַנטעאָן פון נישט־פאַרגעסנקייט אַריינגעפירט דורך קינסטלערישער פּראָזע אונדזערע שטאָטישע ייִדן, זייער שטייגער־לעבן, סביבה און פּייזאַזש, — האָט דאָס געטאָן דורך דער פּאָעזיע אברהם פאַסירשטיין.

ער האָט געשטאַמט פון אומפאַרמעגלעכע, פרומע עלטערן. דער פאָטער איז געווען אַ ייִד אַ למדן. אויסער אַ קליין זייגער־מאַכער־וואַרשטאַט, האָט זיין פאָטער באַזיצט אַ גרויסן אַלמער מיט ספרים. די רייכע ביבליאָטעק אין טאַטנס שטוב דינט אים

צו פאַרפולקאָמען זיין פּאָעטישן אינסטרומענט און מאַכט רייפער זיין טאַלאַנט. דאָס האָט זיך גלייך געמערקט אין זיינע לידער.

ביים אָנהייב פון זיין דיכטערישן דעביוט, זינגט ער:

„אין צווישן ברויט־געראַנגל, אין אַ היים אַ פרומער,
כ׳האָב אַנטפּלעקט דעם ליבע־סוד אין ספרים אַלטע, שטומע״.

ס׳איז דאָס אַלטע טראַדיציאָנעלע בילד פון דער יידישער שטוב, ווו לומדות גייט געפּאָרט מיטן געראַנגל פאַ־ן דאַזיין, קאַמף מיטן דלות. אָט די דלות־סביבה מיט וועלכער דער שלאַנקער בחור מיטן שוואַרצחנעוודיקן פּנים און ליכטיק בלויע אויגן האָט זיך אַזוי אָנגעזעטיקט אין זיינע פאָרמאַטיווע יאָרן — ווערן אויף אַ קינסטלעריש־עמאָציאָנעלן אופן אָפּגעשפּיגלט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן אין זיין בוך לידער „ניגונים ראַנגלען זיך״. דאַנקבאַר מוז מען אים בלייבן נאָכן איבערלייענען און באַרוישט ווערן פון די פינקלענדיקע פאַרבן און פּשוטע טענער.

דער אויסברוך פון נאַצישן גיהנום טרעפט אים אין מערב־אייראָפּע. ער באַוויזט צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער זיך צו ראַטעווען פון היטלעריסטישע גאַז־אויוונס און קומט אָן צו די ברעגן פון אַמעריקע. דאָ צעשפּילן זיך אין אים אַלע קלאַנגען פון זיין שעפערישן טאַלאַנט. ער פאַרעפנטלעכט לידער און עסייען אין דער „צוקונפט״, „פרייע אַרבעטער־שטימע״, אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ און צוזאַמען מיט נ. סומער רעדאַגירט ער די ליטעראַרישע צייטשריפט „אויפסניי״.

געטריבן פון אַ גייסטיקן אומרו, ווי ער וואָלט פאָרויסגעפילט, אַז זיין לעבנסצייט איז אַ קורצע, האָט ער זיך באַמיט וואָס שנעלער אין זיינע לירישע באַלאַדעס צו געפינען אַ קינסטלערישן תיקון פאַר די אַזוי מאַסנהאַפטע אומגעבראַכטע פון זיין נאָענטער סביבה.

אין מיטן די פופציקער לעבנס־יאָרן, האָט דער רואינירטער פון טראַגישע איבערלעבונגען גוף, זיך פונאַנדערגעבראָכן ביים צאַרטן ליריקער, אָבער זיין גייסטיקע ירושה וועט צוגלייך מיט אַנדערע קוטנער אָפּשטאַמיקע שרייבער, ווי שלום אַש און ביניש זילבערשטיין, שעמערירן פאַר אונדז קאַלירפול אויפן גייסטיקן לעבנסוועג.

זלמן קירשטיין

ס׳איז אים לייכט געווען צו דערקענען — אַ ספּעציפישער מאַזאָוויע־טיפּ: אַ קיילעכדיק רויטלעך פּנים, גוטמוטיקע אויגן



מיט אַ מאָדנעם הייסן בליאַסק אין זיי. אַ האַרציקער מענטש מיט אַ צוציענדיקן כאַראַקטער. זיין שפּראַך — אַ ווייכע, אַ קלאַנגפול צעצויגענע, ווי ביי זיינע שטאָט־חברים. זיין גאַנג — אַ גרינגער, אָן עלאַסטיש־באַוועגלעכער. אַלץ איז ביי אים געווען פּראָפּאָרציאָנעל, דער אויסערלעכער הולך — עסטעטיש זויבער.

ער האָט געהערט צום טיפּ פרייהייט־שטרעבנדיקע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אָן אַ שיעור פּאַטאָס פאַר פרייהייט, קעגן יעדער פאָרם פון קנעכטשאַפט און אונטערדריקונג.

סאָציאַליזם איז פאַר אים געווען — געלייטערטער הומאַניזם. אָבער זיין נאַטור, זיין וועזן, האָט זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין וועלכער ס׳איז פּאַרטיי־ראַם.

זיין פאָטער, פון יחוסדיקער אָפּשטאַמונג, איז אָנגעזאָפּט געווען, ווי אַ שוואָם, מיט טראַדיציאָנעל און יידיש־וועלטלעך וויסן. נאָך אין די זעכציקער לעבנס־יאָרן, פלעגט ער מאַיעסטעטיש, רואיק, יעדן צווייטן טאָג, מיט אַ שטויס ביכער אונטערן אָרעם, אַריין אין ביבליאָטעק, וואָס אויף קרולעווסקע גאַס. קינדער און דערוואַקסענע האָבן באַוווּנדערט דעם אַלטיטשקן, מיטן אַריסטאָקראַטישן אויסזען.

אָט די גייסטיקע, פיינע שטריכן, האָט אויך פאַרמאָגט דער זון, וועלכער האָט באַקומען אַ מאָדערנע יידישע און וועלטלעכע אויסבילדונג. פון פאַך — אַ בוכהאַלטער, און טאַקע פון די בעסטע אין שטאָט. די קאָמפּליצירטסטע מאַטעמאַטישע חשבונות האָבן דורך אים באַקומען אַ באַשייד.

ער איז אַ לענגערע צייט געווען דער פאָרזיצער פון בוכהאַלטערן־ און האַנדלס־אָנגעשטעלטן־פאַראיין. ער האָט אויך אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין די קולטור־און ספּאָרט־אינסטיטוציעס, פאָרזיצער פון ייוו״אָ־קרייז. גאָר אַ סך האָט ער געלייסטעט פאַרן בוי און פונאַנדערוווקס פון דער יידישער קולטור און אירע אַנשטאַלטן.

און דאָך איז זלמן קירשטיין, ביז זיין פריצייטיקן טויט, פאַרבליבן אַ ראָמאַנטיקער. זיין סאָציאַליזם איז געווען באַדעקט מיט אַ בלוילעכן שלייער פון טרוים. און פּונקט ווי דער העלד צעזאַרי באַריקאַ אין זשעראָמסקיס „ערב־פרילינג״ חלומט וועגן אַ פּוילן פון גלעזערנע הייזער — אַזוי אויך ער (אגב, האָט ער ליב געהאַט אָפט צו ריידן וועגן דעם העלד).

אָבער צורירן זיך צום פּאָליטישן קאַמף, האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט.

אין סעפּטעמבער 1939, ווען דער הימל איבער פּוילן איז פאַרצויגן געוואָרן מיט פינצטערע, בלייענע כמאַרעס, די היטלער־משרתים האָבן פון דער לופט געזייט טויט און פאַרניכטונג, איז זלמן קירשטיין מאָביליזירט געוואָרן אַלס אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי. ער האָט קוים באַוויזן צו דערגיין ביז זשיכלין און דאָרט האָט אַ פאַרברעכערישע קויל פון אַ מיליטער־שאַרלאַטאַן דורכגעלעכערט זיין מענטשלעך האַרץ.

ער איז פאַקטיש געווען דער ערשטער קרבן פון קוטנער יידן, גלייך ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַרבעטער־טוער

אוממעגלעך אויסצורעכענען און אַרויסברענגען אַלע געשטאַלטן פון די אומגעקומענע טוער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג ביי אונדז אין שטאָט, צו דערציילן בפרטיות וועגן דער ראָל, וואָס יעדער פון זיי האָט געשפּילט אין זיין פּאַרטיי און באַוועגונג. וועל איך זיך באַגנוגענען מיטן פאַראייביקן דעם ליכטיקן אָנדענק פון די אַקטיווסטע פון זיי, די א. ג. פילאַרן, וועלכע האָבן אין אַ גרויסער מאָס געשטאַלטיקט און באַווירקט זייער סביבה.

הערמאַן קירשבוים איז געשטאַנען בראש פון „בונד״. פון פאַך — אַ שטעפּער, איז ער אַלע יאָרן געווען אַ לוין־אַרבעטער ביי יענעם. ער האָט מיט רעכט זיך געקענט באַטראַכטן, ווי אַן עקספּלאָאַטירטער און דערפאַר זיין גאַנצע פרייע צייט געווידמעט דעם קאַמף קעגן עקספּלאָאַטאַציע, פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען פאַרן אַרבעטער. זיין איינגעבוירענע אינטעליגענץ און שפּעטער אַנטוויקלטן אינטעלעקט, האָבן אים דערמעגלעכט, אין פּשוטע און פאַרשטענדלעכע ווערטער, מסביר צו זיין אַ פאַרוויקלט פּראָבלעם, דערקלערן פאַרשידענע דערשיינונגען פון אַלגעמיינעם און יידישן לעבן אין אַ זייער צוגענגלעכער שפּראַך.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער געווען

אַ מיטגליד אינעם אונטערערדישן לאַנד־ראַט פון דער פּאַרטיי. ביזן יאָר 1944 איז אים, מיט זיין פרוי עוואַ, געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אויף „אַרישע" פּאַפּירן. בעתן וואַרשעווער אויפשטאַנד פון גענעראַל באָר־קאָמאַראָווסקי אין נאָוועמבער 1944, האָט הערמאַן קירשבוים באַשלאָסן מיט געווער אין האַנט נוקם זיין זיך אין די דייטשן. אַ פאַררעטערישע קויל פון אַ פּויליש פאַשיסט האָט אַ סוף געמאַכט צו זיין שטורמיש און אינהאַלטרייך לעבן.

א. מ. זילבערבערג, מ. טיגער און ל. קאם זענען געקומען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, גלייך פון דער בית־המדרש־באַנק און מיט ברען זיך געווידמעט די נייע אויפגאַבן. זילבערבערג איז יאָרן־לאַנג געווען ראַטמאַן אין שטאָטראַט און אין דער קהילה; ל. קאם — פאַרדינסטפולער טוער אין קהילה־ראַט. דאַקעגן מ. טיגער איז אַ געוויסע צייט געווען באַאַמטער אין קוטנער מאַגיסטראַט. אַ וווּנדערלעכער טיפּ, מיט אַ לענגלעך פּנים, טרויעריק־פרעגנדיקע אויגן און באַוועגונגען — פון אַ ישיבה־בחור. יעדער פראַגע האָט ער געוואָלט דערגיין ביזן שורש, אַ בוך הט ער געלייענט ווי אַ בלאַט גמרא...

יעקב מרוז, לוסטיגמאַן, קאָוואַלסקי און לייביש פּיאָטרקאָווסקי זענען געווען באַגייסטערטע און איבערגעגעבענע טוער פון דער געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער ביי לינקע פּועלי־ציון, געהאָלפן אויפשטעלן אין קוטנע די שול־אָרגאַניזאַציע „טאָז" און געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ. פּיאָטרקאָווסקי איז אַ סך יאָרן געווען פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון באַקלייד־פאַראיין און אים איז אַ סך צו פאַרדאַנקען, וואָס פיל אַקציעס פונעם פאַראיין זענען פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ נצחון.

זאַקשעווסקי איז געווען באַקאַנט אַלס אומבויגזאַמער קעמפער אין די רייען פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עטלעכע מאָל געזעסן אין תפיסה. בעת דער מלחמה געווען אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט זיך מאָביליזירט אין דער פּוילישער דיוויזיע א. נ. פון קאָשטשושקאָ — און געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט ביי די טויערן פון בערלין.

שאָר — לערער אין „עם הספר", אָנגעזעענער טוער פון התאחדות־פּועלי־ציון, אידעם פון קוטנער ציוניסטישן מנהיג, יהודה ריפּטין. שאָר איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער קעמפער צו פאַרשפּרייטן די העברעישע שפּראַך צווישן דער יוגנט. זיינע רעפעראַטן אין דער אחד־העם ביבליאָטעק האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אָריגינעלקייט פון געדאַנק און פּאַרטיפּטקייט. ער האָט שטענדיק געזוכט באַשייד ביי די גרויסע פילאָזאָפן. אין די אַלטע ספרים און... אין זיין אייגענער, אומרואיקער נשמה. די וועלט פון מיסטיציזם האָט אים תמיד געצויגן און געלאָקט — און דאָרט האָט ער געפונען באַרואיקונג. ער האָט געטיילט דעם זעלבן טראַגישן גורל, וואָס זיינע אומצאָליקע תלמידים און פאַרערער.

נ. מאַשקאָוויטש
הרצליה

☆ ☆ ☆

אייניקע לומדים און עסקנים

מיט יראת־הכבוד נעם איך די פעדער אין האַנט, כדי אַרויסברענגען אויפן פּאַפּיר עטלעכע טייערע געשטאַלטן פון קוטנער יידנטום, אונדזערע קדושים וטהורים.

ר' שלמה האָכגעלערנטער

מערער באַקאַנט אַלס דער פּיאָנטקער שוחט. באַזעצט זיך אין קוטנע אָנהייב 1930. צוליב זיין אָפּשטאַמיקייט פון שטעטל פּיאָנטקי, איז ער שוין אַזוי געבליבן מיט דעם צונאָמען. אַ ייד אַ תלמיד־חכם, געוווינט אין הויז פון יעקב בראָמבערג ז"ל. יום ולילה געלערנט אין סקערניעוויצער שטיבל — ביחידות און אויך מיט אַ גרופּע זיינע יונגע אָנהענגער, מיט וועלכער ער האָט פאַרטאָג און אין די אָוונטן איינגעקנעלט אַ שיעור. זיינע פינף זין — יוסף, ביירעך, זישע, ברוך און ישראל האָבן געשמט אין שטאָט אַלס גרויסע מתמידים. זישע איז שפּעטער געפאָרן לערנען אין דער באַרימטער ישיבת חכמי לובלין.

ר' שלמהס שטוב איז געווען אָפן פאַר די, וואָס האָבן געוואָלט לערנען תורה, ווי פאַר די וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין הילף. זיין אויטאָריטעט און השפעה אין דער ידישער קוטנע איז געווען אַ גרויסע. ר' שלמה, צוזאַמען מיט ר' יצחק קוביץ און דער שמש מרדכי וועלצמאַן, האָבן געהאַט די זכיה צו לערנען ביים קוטנער רב ר' יצחק יהודה טרונק זצ"ל.

דער פריער דערמאָנטער ר' יצחק קוביץ איז אַ דאַנק זיין גרויסער למדנות געווען משגיח אויף כשרות אין שעכטהויז, באַקאַנט אַלס טרייער אַלעקסאַנדער חסיד. זיין זון אברהם — אַ באַוווּסטער עלוי.

צו די שוחטים האָט אויך געהערט ר' מרדכי וועלצמאַן — דער עלטסטער שוחט געווען. זיין זון הערשל האָט פון טאַטן איבערגענומען די פּראָפעסיע. די אַנדערע זין האָבן געלערנט אין ישיבת חכמי לובלין.

פון די קוטנער תלמידי־חכמים געדענק איך ר' לייבל מאַמלאָק און שלמה־מאיר ליבערמאַן. נאָך היינט איז מיר שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי די צוויי יידן האָבן געקאָנט פירן און אויסהאַלטן אַ חדר.

דער זייגערמאַכער מענדל מאַמלאָק האָט געהערט צו די טייערע, אידעלע נשמות וועגן וועלכע עס לאָזט זיך שרייבן נאָר גוטס. דער למדן משה־פּנחס קלעצעווסקי איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן ביי דער גמרא, בעת זיין פרוי, אַן אמתע אשת־חיל, האָט געפירט אַ קרעמל אין אַ קעלער. ר' משה־פּנחס האָט אויך געלערנט אין יידישע היימען און נישט געפוילט זיך צו גיין זאַמלען געלט פאַר נויטבאַדערפטיקע משפחות.

דער באַקאַנטער גערער חסיד אברהם באָמס האָט פאַנאַנדערגעטראָגן מילך אין די שטובן. זיין זון איז אומגעקומען פון א שראַפּנעל אין אָנהייב קריג.

דער מאַנופאַקטור־סוחר דוד מעטאַל און זיין פרוי שרה זענען געווען גרויסע בעלי־טובות, שטענדיק מקיים געווען די מצווה פון גמילת־חסדים. זייער זון אהרון־שלמה (מיינער אַ יוגנט־חבר) האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געלונגען מאָלן. זייערע צוויי טעכטער און דער זון חיים־יוסף וווינען אין ישראל, אין דימונה.

לייביש פינקלער האָט געהערט אַ מאָל צו די גרויסע סוחרים, גערופן האָט מען אים דער שפּיליטער. אַ געניטער בעל־תפילה. צו זיינעם אַ מוסף אין די ימים־נוראים אין סקערניעוויצער שטיבל, זענען הונדערטער יידן זיך צונויפגעקומען. מ'האָט געוואָלט הערן דעם גוטן חזן.

איך וועל שטענדיק געדענקען דעם גרויסן נדבן מיטן אַריסטאָקראַטישן אויסזען, ר' שמחה זשעלעכאָווסקי. דאָס האָב איך אים צו פאַרדאַנקען מיין בלייבן לעבן. אין נאָוועמבער 1939 האָט ער מיך פּשוט מיט גוואַלד פאַרטריבן פון דער היים, געהייסן פאַרלאָזן קוטנע, נישט בלייבן ביים דייטש. איך האָב נאָך באַוויזן צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט.

צווישן דער גאַלעריע געשטאַלטן פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט מיין זיידע ע"ה ר' הערש־בער סטריקאָווסקי, באַקאַנט אַלס דער שפּיגל־מאַכער. נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, איז ער אין אָוונט אַוועק אין בית־המדרש און ביים שיין פון אַ נאַפט־לאָמפּ געזעסן לאַנגע שעהן און געלערנט. ראש־השנה איז ער געווען בעל־תוקע — און ביים נעמען דעם שופר אין האַנט, האָט ער אַזש געציטערט פון איבערגעגעבנקייט און יראת־הכבוד. ער פלעגט מיך שיקן איינקאַסירן די חובות פון די יידן וועמען ער

האָט געליען געלט. כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געזען כעסן זיך אויף די וואָס האָבן מיר נישט געגעבן דעם חוב. ער האָט שטענדיק מלמד־זכות געווען אויף אַזאַ יידן.

מיין פאָטער ע״ה, אברהם אָרנער, איז געווען אַ באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער עסקן אין שטאָט. ר׳איז פריצייטיק געוואָרן אַ יתום און זיך דערצויגן אין זשיכלין ביי אַ מומען. נאָך אַלס בחור געלערנט די געזעצן פון לאַנד און זיך פאַרנומען מיט מסחר. צומערשט איז אים געגאַנגען נישט שלעכט, דערנאָך — מיט דער פוטער אַראָפּ... מיר זענען געווען 12 קינדער (11 זין און איין טאָכטער). איך געדענק מיין פאָטער, אַז זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך פאַרנומען מיט „יידישע צרות״: געווען סעקרעטאַר פון יידישן סוחרים־פאַראיין אין קוטנע. אויף גאַנצע שעהן פלעגט ער פאַרשווינדן פון אייגענעם געשעפט און געהאָלפן די קרעמער און קליינהענדלער אין זייערע אָפטע עניינים מיטן שטייער־אַמט, אין מאַגיסטראַט, אין די בענק. ספּעציעל אַקטיוו איז ער געווען, ווען דער סעקוועסטראַטאָר האָט זיך באַוויזן ביי אַ יידישן סוחר אין קוטנע און געוואָלט צונעמען דאָס לעצטע ביסל סחורה פאַר אומבאַצאָלטע שטייערן.

איך דערמאָן זיך אַזאַ געשעעניש: קומענדיק אין אונדזער געוועלב גלייך פון חדר, זע איך דאָרט אַ סך קונים. מיין מוטער ע״ה, זייענדיק אין די הויכע חדשים, האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די קונים. זי שיקט מיך רופן דעם טאַטן, נאָר איך ווייס נישט ווו ער געפינט זיך. זי דערציילט, אַז פריער איז דאָ געווען דער טאַנדייטער אַנשל בלאַנק — און ר׳איז אַוודאי דאָ ביי אים. כ׳בין אַוועק אין הויז פון די קאַזאַקן אויפן אַלטן מאַרק און טאַקע געטראָפן מיין פאָטער, ווי ער טענהט אין מיטן סעקוועסטראַטאָר, ער זאָל צורו לאָזן דעם אָרעמען טאַנדייטער. צום סוף ווענדעט ער זיך צו אַנשלען און פרעגט אים: „וויפל האָסטו איצט צו געבן?״ איך דערמאָן זיך שוין נישט דעם ענטפער. נאָר כ׳געדענק ווי מיין טאַטע האָט אַרויסגענומען 6 זלאָטעס, געגעבן דעם סעקוועסטראַטאָר אַלס „זאַליטשקע״ — און דער באַאַמטער איז אַוועק, נישט מיטנעמענדיק גאָרנישט פון ר׳ אנשלס מעבל פון שטוב. ערשט איצט איז מיין פאָטער אַוועק צו אונדז אין געשעפט.

און נאָך אַ פאַקט געדענק איך פון מיין פאָטער: איין מאָל איז ער געקומען פון וואַרשע און געבראַכט מיט זיך אַן אורח, אַן אומבאַקאַנטער ייד. אויף דער פראַגע פון דער מאַמען און די קינדער, האָט דער טאַטע דערציילט, אַז דעם דאָזיקן ייד האָט ער געטראָפן אין פראַנצויזישן קאָנסולאַט אין וואַרשע — אַ שרעקלעך פאַרצווייפלטן, ווייל מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט די וויזע. דער ייד האָט געהאַט בדעה אַזש דאָס לעבן זיך צו נעמען. האָט מיין פאָטער אים געבראַנגט קיין קוטנע, געהאַלטן אים ביז איבער שבת. מאָנטיק איז דער טאַטע ווידער געפאָרן קיין וואַרשע און אונדזער גאַסט איז געבליבן, וואַרטנדיק אַ גאַנצן טאָג און נאַכט ביים טעלעפאָן. און די גוטע ידיעה איז געקומען. מיין פאָטער איז געלונגען צו באַקומען פאַרן ייד די וויזע און מקיים געווען דעם צוזאָג, וועלכן ר׳האָט אים געגעבן: אַז ער פאָרט קיין פראַנקרייך.

אַזעלכע לומדים, עסקנים און סתם האַרציקע מענטשן האָט פאַרמאָגט אונדזער יידישע קוטנע...

אריה אָרנער


חיפה

☆ ☆ ☆

אונדזערע חזנים

קוטנע האָט געשמט מיט אירע גוטע חזנים און האַרציקע בעלי־תפילות. אייניקע געשטאַלטן פון זיי וויל איך אַרויסברענגען אין אונדזער יזכור־בוך.

אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט האָט אין שטאָט און אומגעגנט געדאַוונט דער באַרימטער חזן משה אָפּעלער. דער עיקר — אין דער גרויסער שול, וועלכע איז געווען באַרימט אין פוילן צוליב איר מזרח־וואַנט, אַ מייסטער־ווערק פון אַרכיטעקטור און מאָלעריי. דער באַקאַנטער זשורנאַליסט פון „היינט״, מ. ניימאַן ז״ל, האָט פיל באַשריבן די קוטנער שול.



דער חזן פּאָלאַקעוויטש

נאָך משה אָפּעלער האָט דאָס חזנות אין דער גרויסער שול איי־בערגענומען דער יונגער מאַראָקאָ, אַ באַגאַבטער זינגער, אַליין פאַרפאַסט ניגונים. ער האָט געוווינט אויף דער ברייטער גאַס, ביי פּאַלצן אין הויז. מאַראָקאָ האָט געהאַט אייגענע משוררים, מיט וועלכע עס האָט דיריגירט סאָקאָלאָווסקי, אויך אַ מוזיק־לערער. אַ הויכער, מיט לאַנגע הענט, וועלכע זענען אים צונוץ געקומען ביים דיריגירן.

דער ערשטער משורר אין כאָר איז געווען פישל פאָגעלמאַן, מיט אַ פיינער טענאָר־שטימע. כ׳דערמאָן זיך, אַז פונעם חדר פון ר׳ עוזר בילאָווסקי, אַ ייד אַ בעל־תורה און גוטער מחנך, ווו איך האָב געלערנט מיט מיין עלטערן ברודער, האָט דער חזן און דיריגענט אויסגעזוכט קינדערישע שטימעלעך פאַר זייער כאָר.

אין דעם חדר האָבן מיט מיר, דעם סאַמע יינגסטן תלמיד, געלערנט נ. מאָשקאָוויטש, מ. עלבוים, ז. עלבערג, א. גאָלדשטיין, ז. קאָוואַלסקי און אַנדערע. מר א. ש. עלבערג איז געווען דער פּאַטראָן איבער דעם חדר און יעדן פרייטיק געקומען פאַרהערן די קינדער די פּרשת השבוע. מיין ברודער יהודה־יעקב ז״ל (אומגעקומען מיט מיין מוטער און צוויי שוועסטער אין געטאָ) איז געווען דער בעסטער תלמיד און דערפאַר האָט מר עלבערג רעקאָמענדירט אים אָנצונעמען אין דער העברעישער גימנאַזיע, ווו ר׳איז געווען איינער פון אירע גרינדער און פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער.

אַ דאַנק מיין אַלט־שטימע, בין איך געוואָרן אָנגענומען אין פאַרשידענע כאָרן. אין אַ צייט אַרום האָט מאַראָקאָ אויסגע־וואַנדערט קיין דרום־אַמעריקע און סאָקאָלאָווסקי איז איבערגע־פאָרן קיין לאָדזש, ווו ר׳האָט געדאַוונט אין דער אָרטיקער, שטאָ־טישער שול. נאָך זייער פאַרלאָזן קוטנע, איז די שטאָט געווען

אַ לענגערע צייט אָן אַ חזן, ווייל די נייע קאַנדידאַטן אויף דעם אַמט האָבן געפאָדערט אַ צו גרויסע פּענסיע, לויט די באַגריפן און מעגלעכקייטן פון דער קהילה. האָבן זיך געפונען עטלעכע בעלי־הבתים, מבינים און ליבהאָבער פון חזנישן געזאַנג, הגם נישט אַזעלכע הייסע חסידים, וועלכע האָבן געהאָלפן פון זייערע קעשענעס באַלוינען די חזנים (ווי צ. ב. די משפחה קאָזאַק).

אין מאַראָקאָס צייטן איז געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישן די פרומע און פאָרגעשריטענע מתפללים. מאַראָקאָ האָט געוואָלט מאָדערניזירן דעם כאָר, יעדער זאָל טראָגן אַ ספּעציעל קאַפּעלע און טליתל. די גבאים האָבן ענדלעך מסכים געווען, הגם דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער אויסגאַבע. נאָר ווי גרויס איז געווען די אַנטוישונג און פאַרביטערונג, אַז דעם ערשטן זונטיק, צומאָרגנס נאָך דער שבתדיקער תפילה, בעת וועלכער דער כאָר איז אויפגעטרעטן אין דעם נייעם לבוש — זענען די קאַפּעלעך און טליתימלעך פאַרשוווּנדן. דאָס צימער (פון דער רעכטער זייט ביים אַריינגאַנג אין שול) האָט מען אויפגעבראָכן. אויף דער לינקער זייט האָט זיך געפונען די „חברת תהילים". די געשעעניש האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ זייער שלעכטן איינדרוק, נאָר צום גליק איז נישט געקומען צו קיין ערנסטע צוזאַמענשטויסן. די פּאָליציי האָט געפאָרשט, גאָרנישט אַנטדעקט — און מיט דער צייט איז דער ענין פאַרגעסן געוואָרן.

אין דער תקופה, ווען קיין שטאָטישער חזן איז נישט געווען אין דער גרויסער שול, האָבן אין די שבתים און יומטובים געדאַוונט פאַרן עמוד קוטנער בעלי־הבתים, וועלכע זענען געווען בקי אין די קליינע אותיות און אין נגינה. ר' יהונתן מייראַנץ, דער פאָטער פון שפּעטערדיקן מורשה פון קרן־קיימת, יצחק מייראַנץ, האָט געדאַוונט כל־נדרי. צו די פרייוויליקע חזנים האָבן נאָך געהערט: לייביש פינקלער, אַ סקערניעוויצער חסיד, אַ בעל־תפילה פון דער ערשטער מדריגה. באַשעפטיקט האָט ער זיך מיט ברענגען פאַר קוטנער סוחרים פאַרשידענע סחורות פון וואַרשע און לאָדזש (שפּיליטער). די משוררים האָט ער געצאָלט מיט געוויסע אַרטיקלען, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט. דאַקעגן פאַרן חזנות האָט ער נישט געוואָלט קיין שום באַלוינונג.

סליחות אין דער גרויסער שול האָט געזאָגט דער באַקאַנטער בעל־הבית לאַזנאָווסקי. אַ שיינער ייד, געפירט אַ זייף־פאַבריקל לעבן דער באַן־סטאַציע.



דער בעל־תפילה — חיים טיבער

אין סקערניעוויצער שטיבל, ווו איך האָב געדאַוונט, זענען געווען בעלי־תפילות ר' הענעך מענקע און דער פּיאָנטקער שוחט **ר' שלמה האַכגעלערנטער.**



פון די בעלי־תפילות אין בית־המדרש: ר' מרדכי שוחט (וועלצמאַן), וואָס אַחוץ שחיטה און חזנות, איז ער אויך געווען מוהל. באַקאַנט געווען מיט זיין איידלקייט און ערלעכקייט. אויך דער הויכער אברהם שמש, מיט די לאַנגע הענט און פיס, איז געווען חזן אין בית־המדרש. שטייענדיק אויפן בעלעמער, האָט ער געזען אַלץ און אַלעמען וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

אין די לעצטע יאָרן, ביזן אויסברוך פון קריג, איז חזן אין דער גרויסער שול געווען פּאָלאַקעוויטש, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין האַרציקן זינגען. אומגעקומען אין קוטנער געטאָ.

אויך דאָס גרויסע גערער שטיבל אויף דער ברייטער גאַס (אין קאָפּעלס הויז) און די פאַרשידענע חסידים־שטיבלעך און בתי מדרשים האָבן געהאַט אייגענע בעלי־תפילות.



דעם חזנס זון, פּאָלאַקעוויטש

דעם חזנס זון, פּאָלאַקעוויטש, האָט אַלס 15־יאָריקער בחור אַרויסגעוויזן איסערגעוויינלעכע פעיקייטן און באַגאַבונג אין מאָלעריי און צייכענען (אַ בילד ברענגען מיר אויף דער זייט). געווען געווען אויך געזעלשאַפטלעך אַקטיוו צווישן דער יידישער יוגנט אין קוטנע. אומגעקומען פון די נאַצישע רוצחים.

משה וויגדאָראָוויטש
תל־אביב

☆ ☆ ☆

חיים טיבער

חיים טיבער האָט געשטאַמט פון אַ שטעטל, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור. די אַלטע שול, וואָס איז געבויט געווען אין רענעסאַנס־סטיל — זי אַליין האָט געקאָנט אַ סך דערציילן וועגן דער דורות־לאַנגער געשיכטע פון די יידן אינעם דאָזיקן שטעטל. פון קוטנע האָט געשטאַמט נישט איין גרויסער למדן. פון קוטנע שטאַמט אויך

דער גרויסער יידישער שרייבער שלום אַש. די אייגנאַרטיקייט פון דער קולטור־אַטמאָספער האָט געלייגט איר סטעמפּל אויף די מענטשן פון ליטעראַטור און קונסט, וואָס האָבן געשטאַמט פון דער דאָזיקער שטאָט.

חיים טיבער איז געווען אַ יונגער מאָלער און גראַפיקער, וואָס האָט טיף געשטעקט אינעם ספּעציפישן לעבנס־שטייגער פון די קוטנער יידן. ער האָט געמוזט דורכברעכן די פאַרשידנסטע שוועריקייטן, און אויך דאָס באַקעמפן די פאַרשידענע איינגע־וואָרצלטע טראַדיציעס און אַבערגלויבנס, האָבן דעם קינסטלער געקאָסט נישט ווייניק כוחות. חיים טיבער האָט געירשנט זיין נייגונג צו פּלאַסטיק פון זיין פאָטער, וועלכער האָט נישט פאַרמאָגט גענוג כוחות אַרויסצושלאָגן זיך אַלס קינסטלער.

ער האָט ליב געהאַט אַ סך צו לייענען און האָט זיך גערן צוגעהערט צו די דיסקוסיעס, וועלכע ס׳האָבן געפירט די דער־וואַקסענע, אָבער אַממייסנטן האָבן אים געצויגן די אַלטע ספרים מיט די פּרעכטיקע שער־בלעטער. גאַנצע שעהן פלעגט ער באַטראַכטן די דאָזיקע צייכענונגען. ער האָט דעריבער מער געשעצט די דאָזיקע ספרים, ווי די היינטצייטיקע ביכער מיט זייערע געוויינלעכע הילעס, וואָס האָבן זיך אים אויסגעוויזן אָרעם לגבי די ספרים מיט זייערע באַפּוצונגען און אָרנאַמענטן.



חיים טיבער ז״ל


שוין אַלס יונג יינגל, האָט ער מיט פאַרגעניגן נאָכגעצייכנט די דאָזיקע שיינע הילעס און געטרוימט אַליין צו קענען שאַפן ענלעכע קאָמפּליצירטע אָרנאַמענטן. נאָך זייענדיק גאָר יונג, האָט חיים זיך אַרויסגעריסן פון זיין געבוירן־שטעטל און אָנגע־קומען קיין לאָדזש. פון לאָדזש האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין וואַרשע, ווו ער ווערט אָנגענומען אין דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע. דאָ אינטערעסירט ער זיך הויפּטזעכלעך מיט גראַ־פיק, מיט מאָלעריי פאַרנעמט ער זיך בלויז צופעליק.

טיבער איז געווען סיי אַ צייכענער, סיי אַ שטיכער. זיין ליניע איז לייכט און דין. ווען מען באַקענט זיך נענטער מיט זיינע אַרבעטן, פילט מען ווי שטאַרק זיי ווירקן אויפן צושויער, אַדאַנק דער גרויסער פעיקייט פונעם קינסטלער אַרויסצובאַ־קומען דעם אויסדרוק פונעם געגעבענעם מאָטיוו. אין טיבערס שאַפונג שפּיגלט זיך אָפּ ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ דאָס לעבן פון די יידן אינעם קליינעם שטעטל אין אַלע זיינע פאָרמען און אין זיין פאַרגליווערטן קאָנסערוואַטיזם. טיבער נעמט די מענטשן אַזוי ווי זיי זענען. ער באַטראַכט זיי ווי מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז און באַמיט זיך זיי אַרויסצוברענגען אַזוי, ווי ער האָט זיי אין דער געגעבענער רגע דערזען. די בילדער פון זיינע קינדער־יאָרן האָבן זיך אויפגעהאַלטן אינעם זכרון פונעם קינסטלער און גע־בליבן אַזוי פריש, אַז ער פלעגט ברייט געניסן פון דעם אוצר, בעתן שאַפן זיינע קאָמפּאָזיציעס. ער איז וואַרשיינלעך געבוירן אַ יאָר אָדער צוויי פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און די ערשטע פאָר יאָר זיינע זענען געווען זייער שווערע. טייל מאָטיוון פון זיינע אַרבעטן זענען פאַרבונדן מיט די דערינערונגען פון יענער צייט.



חדר־יינגלעך — חיים טיבער

פון מיין פאַרצווייגטער משפחה איז אַמיינסטן איינגעקריצט אין זכרון דאָס געשטאַלט פון מיין פאָטער ע״ה. אַלס יונגן געדענק איך אים נישט, ווייל ווען איך בין געבאָרן געוואָרן, איז ער שוין געווען אַ זיידע פון צוויי אייניקלעך. זיין גרויסע שיינע באָרד, דאָס רואיקע, ערנסטע פנים האָבן תמיד דערוועקט צו אים דרך־ארץ.

אַ ראַדזינער חסיד, געווען דער בן־זקונים און פאַריתומט געוואָרן פון ביידע עלטערן אַ שטיקל צייט נאָך זיין געבורט. דערצויגן געוואָרן אין דער היים פון עלטסטן ברודער הערשל גראָמאַן, וועלכער האָט געהאַט דעם גרעסטן פאַפּיר־האַנדל אין וואַרשע, און אפשר — אין פוילן. ר׳ אביגדור האָט חתונה געהאַט מיט דאַכען, אַן אייניקל פון גאון ר׳ יהושילע קוטנער — און זיין משפחה שטאָלצירט ביזן היינטיקן טאָג מיטן דאָזיקן יחוס. אַ מענטש אַ גלויביקער און גוטער, יעדן געשענקט צוטרוי און



אביגדור גרומן ז״ל

מיט פרעמדער נויט האָט ער זיך שטענדיק איבערגענומען. איך געדענק אים איין מאָל אַ שטאַרק וויינענדיקן. דאָס איז געשען בעת דער שריפה אויף דער „שוסטער־גאַס״. דאָס פייער האָט פאַרלענדט יידישע הייזער און פאַרמעגנס, עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך הילף און טרייסט־ווערטער פאַר די געליטענע.

מיין טאַטן פלעגט מען אָנפאַרטרויען אַ סוד: אָט דאַרף ווער חתונה־מאַכן אַ קינד, אַן אַנדערער האָט נישט אויף שבת צי יום־טוב. איז ר׳ אביגדור גלייך אַוועק צו עטלעכע פאַרמעגלעכע יידן און אַלץ געטאָן, כדי אָפּווישן אַ טרער, לינדערן די נויט...

ער האָט יעדן ערב פסח און די צווייטע נאַכט ראש־השנה איינגעאָרדנט טראַדיציאָנעלע סעודות, צו וועלכע עס זענען זיך צונויפגעקומען חסידים. מען האָט געזונגען און געזאָגט דברי תורה.

מיין פאָטער איז געווען גאָר פרום, נאָר געלערנט די קינדער, אַז ערלעכקייט און גוטסקייט שטייט העכער פון פרומקייט. מיין מאַמע ע״ה האָט אַ סך געהאָלפן דעם טאַטן צו זיין דער עסקן לצרכי ציבור.

פון אונדזערע צען קינדער זענען פאַרבליבן מיינער אַ ברודער און איך, די יינגסטע טאָכטער. זאָלן די שורות זיין אַ יאָרצייט־ליכט צום אָנדענק פון אונדזערע קדושים.

אסתר וואָלפסקאל-גראָמאַן / ניו־יאָרק

☆ ☆ ☆

לייבל פאַנקער

אין דעם יידישן שטעטל קוטנע, ביי אַ שוסטער־פאַמיליע מיט זעקס קינדער, איז דעם 2טן אַפּריל 1902 געבאָרן געוואָרן דאָס זיבעטע קינד, וועלכן מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן לייבעלע. 2 יאָר שפּעטער ווערט ביי דער זעלבער פאַמיליע געבאָרן נאָך אַ קינד... לייבלס פאָטער קלאַפּט מיטן העמערל, כדי צו



לייבל פאַנקער ז״ל

דערנערן די 10 נפשות. אין דער שטוב פון אַרבעט און נויט ווערט לייבל דערצויגן, ביז זיין 10־יאָריקן לעבנס־טאָג. דערנאָך ווערט ער געשיקט אַרבעטן ביי אַ בעקער. „גוט־שלעכט, ביי אַ בעקער עסט מען ברויט, דאָס וואָס אין דער היים איז נישטאָ, גענוג...״

אין 1914, ווערט מיט דער הילף פון חברים, וואָס קומען פון דער גרויסער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש, געשאַפן אין קוטנע אַ יידישער בעקער־פאַראיין. אין 1916 זעט מען דעם 14־יאָריקן לייבל פאַנקער צווישן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. ער געהערט צו די, וואָס זוכן צו פאַרשטיין דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, גיט אַוועק זיין פרייע צייט (אויף וויפל אַ בעקער־אַרבעטער האָט געהאַט דאַמאָלט פרייע צייט) צו לערנען זיך לייענען און שרייבן. ער איז צווישן די געציילטע בעקער־אַרבעטער פון יענער תקופה, וואָס באַזיצן אַ געוויסע מאָס קענטעניש פון דער יידישער און פוילישער שפּראַך.

זיין פאָרגעשריטנקייט אין אַרבעטער־פראַגן, שטעלט אים אין 1920 בראש פון די קוטנער בעקער־אַרבעטער.

דער דראַנג צו לעבן אין אַ גרויסער אַרבעטער־סביבה, ברענגט אים אין 1923 קיין וואַרשע. דאָ עפענען זיך פאַר לייבלען נייע פּערספּעקטיוון פון פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט. אין דער שטאַרקער אָרגאַניזאַציע פון די יידישע בעקער־אַרבעטער אין וואַרשע נעמט לייבל אַן אַקטיוון אָנטייל. די פוילישע רעאַקציע און די שטענדיקע אַרבעטלאָזיקייט אין בעקער־פאַך, פאַריאָגן אים אָבער פון פוילן. אין 1929 טרעפט מען לייבלען אין פּאַריז, וווּ עס האַלט זיך גראָד ביים ווידער אָרגאַניזירן די יידישע בעקער־אַרבעטער־סעקציע. לייבל ווערט גלייך אַריינגעצויגן אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, איז אַ מיטגליד אין דער פאַך־קאָמיסיע — ביזן אַרעסטירט ווערן דורך די היטלעריסטישע באַנדיטן.

טאָג־טעגלעך, אין לויף פון צען יאָר, שטייט לייבל ביי דער

סינדיקאַלער אַרבעט. דאָס ביסל וויסן, וואָס לייבל האָט באַוויזן דעראָבערן, נוצט ער פולשטענדיק אויס פאַר די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער. ער טרעט אַרויס אויף אַלע פאַרזאַמלונגען אין פאַך. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען האָט ער געזאָגט:

— מיר פאַרשטייען נישט די שפּראַך וואָס די פראַנצויזישע אַרבעטער רעדן צו אונדז. ער, דער פראַנצויזישער אַרבעטער, פאַרשטייט אָבער אונדזערע באַדערפעניש און אונדזערע נויטן. מיר זענען דאָ אין לאַנד אָן אַ שפּראַך און מיט קנאַפּע פאַך־קענטעניש. דאָך אַרבעטן מיר און פאַרדינען נישט בלויז פאַר זיך, נאָר קענען נאָך פון צייט צו צייט העלפן עקאָנאָמיש אונדזערע פאַמיליעס אין פוילן

אין סעפּטעמבער 1939 גייט ער פרייוויליק אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. נאָכן צוזאַמענברוך פון די פראַנצויזישע מיליטערישע כוחות, גיט זיך אים איין אויסצומיידן די היטלע־רישע געפאַנגענשאַפט. טראָץ די גרויסע געפאַרן, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט, שטייט לייבל ווייטער אויף זיין פּאָסטן אין דער אומלעגאַלער פאַך־קאָמיסיע פון די יידישע בעקער־אַרבעטער. ער ווערט אַרעסטירט אין יאָר 1941. אין יולי 1942 ווערט ער דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ. אין אויגוסט 1942, אַ חודש נאָך זיין אָנקומען אין אוישוויץ, וואַרפט ער זיך אויף די עלעקטרישע דראָטן און קומט אום.

(פונעם בוך „אין קאַמף פאַר פרייהייט", אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע אין פּאַריז).

☆ ☆ ☆

יידישע טיפּן אין קוטנע

נח גורקער

גוט באַקאַנט אין שטאָט אַלס דער וואָזשנע אין קוטנער מאַגיסטראַט. מ'האָט אים גערופן „דער יידישער קאָמיסאַר". גורקער זעלבסט איז געווען זייער שטאָלץ מיט זיין שטעלע. ער פלעגט מיט עלעגאַנץ שפּאַצירן איבער די גאַסן, אָנגעטאָן אין זיין מונדיר מיטן רונדיקן היטל און קרוין. פון אונטער די שליפעס זענען אַראָפּגעהאָנגען צוויי־טראָליקע שנירלעך, צו וועלכע ס'איז געווען צוגעשפּילעוועט אַ פייפערל. ביי דער זייט האָט ער געהאַט אַ לאַנגע שווערד און מיט די גלאַנציק אויסגעפּוצטע שטיוול האָט ער אָפּגעמאָסטן גלייכע, מיליטערישע טריט... די קינדער האָבן נאָר געהאַט פרייד אים צו זען, מיט גרויס יראת־הכבוד געקוקט אויפן „יידישן קאָמענדאַנט" מיט דער לאַנגער שווערד. די דרייסטערע ייִנגלעך פלעגן זיך גאָר שטעלן „נאַ באַטשנאָשטש" און אים סאַלוטירן. נח גורקער פלעגט זיך אָפּ־שטעלן ביי די קינדער, מיט ליבשאַפט גלעטן די קעפּלעך און זיי זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער. איך, אַלס קינד, האָב פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ און געטרוימט, אַז ווען כ'וועל גרויס ווערן, וועל איך אויך זיין אַזאַ קאָמענדאַנט. ווי נאָר נח גורקער פלעגט זיך אָפּשטעלן, פלעגן מיר אים אַרומרינגלען, גלעטן זיין שווערד, אָנרירן די זילבערנע קנעפּ פון מונדיר און בעטן ער זאָל אונדז ווייזן דאָס פייפערל.

נח גורקער איז געווען באַפריינדעט מיט מיין ברודער יוסף. ער פלעגט קומען צו אונדז קויפן האָלץ און קוילן און זיך אונ־טערהאַלטן מיט מיין ברודער. כל־זמן ער האָט געשמועסט מיט מיין ברודער, האָב איך, מיט גרויס הנאה, זיך געשפּילט מיט זיין שווערד.

מער ווי צו אַנדערע, האָט נח גורקער אַרויסגעוויזן פריינד־שאַפט צו פּיזוויש איזשביצקי. ווי נאָר ר' נח האָט זיך באַוויזן ביי אונדז אין סקלאַד, פלעגט דער לאָמער פּיזוויש זיך אַריינ־ריטשן אויף צוויי הילצערנע ברעטלעך און אָנהייבן דיסקוטירן מיט נחן. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען אין וואָס זיי גייט.

דער לאָמער פּיזוויש האָט געהאַט אַ בודקע מיט צייטונגען און סיגאַרעטן אין אַ ווינקל אויפן אַלטן מאַרק. ער פלעגט אין



נח גורקער ז"ל

זיין בודקע זיצן אויף אַ הויך בענקל ביים פענצטערל און פאַר־קויפן צייטונגען. נח גורקער פלעגט אָפט זיצן ביי אים אין בודקע און אים העלפן סאָרטירן און איינפּאַקן די צייטונגען. אַזוי האָט יאָרן־לאַנג ביי זיי די פריינדשאַפט אָנגעהאַלטן.

דער סאַניטאַר משה לייב זשאַק

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז משה לייב געווען אַ סאַניטאַר, געאַרבעט אין דער „פּאַרוווקע" אין באָד, געשוירן די האָר, דעזינפעקצירט זאַכן, געשפּריצט קאַרבאָל אין די הייזער פון טיפוס־קראַנקע. די דייטשן, וואָס האָבן דעמאָלט אָקופּירט פוילן, האָבן שטאַרק קאָנטראָלירט דעם סאַניטאַרן צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג. ווי נאָר ס'איז ווער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, האָט מען די גאַנצע פאַמיליע איזאָלירט, אַריינגעזעצט אין אַ קאַראַנטין ביי דאנבעקן אין אַרעסט, לעבן פּעטקעס פאַב־ריק. דאָס הויז איז דעזינפעקצירט געוואָרן. אַ באַזונדערע סאַני־טאַר־קאָמיסיע האָט זיך מיט דעם פאַרנומען און משה לייב איז געווען דער עלטסטער סאַניטאַר. איבער דער קאָמיסיע האָט גע־האַט צו זאָגן אַ דייטשער זשאַנדאַר, וועלכער האָט קאָנטראָלירט, אויב אַלץ איז אין אָרדענונג. אויך ביי אונדז, ווען מיין ברודער חיים־דוד איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, האָט מען דאָס גאַנצע הויז דעזינפעקצירט און אַלעמען אַריינגעזעצט אין איזאָלאַציע־אַרעסט.

אין יענע צייטן האָט משה לייב זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הילפס־אַרבעט. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער דערפאַר באַקומען פון מאַגיסטראַט אַ קאָנצעסיע אויף אַ קיאָסק. ער האָט טאַקע אויס־געבויט אַ גרעסערע בודקע אין אַ ווינקל פון אַלטן מאַרק און דאָרטן פאַרקויפט סיגאַרעטן, ליאָדעס און נאַשוואַרג פאַר קינדער.

דער דאָרפס־צדיק

איך געדענק נישט דעם פאַמיליע־נאָמען פון ביעלאָוועער דאָרפסגייער. גערופן האָט מען אים „דער דאָרפס־צדיק". ער האָט געוווינט אין זעלבן הויז ווו די משפחה קאַלמאַן, בשכנות פון אונדזערן. געווען איז דער דאָפס־צדיק אַ באַשיידענער, שטי־לער ייד, מיט אַ גרוי בערדל, גרויסע בלויע אויגן און געדיכטע ברעמען. זיין פּנים איז תמיד געווען בלאַס און פאַרזאָרגט. ער האָט ווי אַ שאָטן זיך געשאַרט ביי די ווענט. פאַרטאָג, ווען דער הימל האָט גענומען גרויען און אַלע זענען נאָך געשלאָפן, איז ער

אַרויס פון זיין שטוב מיטן זעקל אויפן אַקסל און שטעקן אין האַנט.

ווינטער, אַפילו אין די גרעסטע קעלטן און שנייען, איז ער געגאַנגען איבער די דערפער, געהאַנדלט מיט עופות. איבערן זומער האָט ער זיך געדינגען אַ סעדל, געזעסן אויף איין אָרט. ווען נאָר דער דאָרפס־צדיק איז געגאַנגען איבער די וועגן, האָט ער געזאָגט תהילים פון אויסנווייניק, אָדער תפילת־הדרך. די קריסטן וואָס האָבן אים באַגעגנט, האָבן אים באַגריסט און אויף אים געקוקט ווי אויף אַ הייליקן מאַן. אַפילו די דאָרפישע יינגלעך האָבן אים נישט פאַרטשעפּעט, געהאַט פאַר אים דרך־ארץ.

דער דאָרפס־צדיק איז געווען זייער פרום, געלעבט אָפּגעזונדערט. זומער, ווען ער איז געזעסן אין סעדל, פלעגט ער אויף שבת אַהיימקומען. אָבער אויך שבת האָט ער געדאַוונט ביחידות, ביי זיך אין שטוב. ער פלעגט אויסמיידן מענטשן. צו קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסריידן, אַ חוץ מיט די וואָס ער האָט געהאַנדלט.

שבת פלעגט ער שעהן־לאַנג שטיין אין אַ ווינקל ביי זיך אין שטוב, איינגעהילט אין טלית און שטיל דאַווענען. איך פלעג טייל מאָל צו אים אַריינקומען, אָבער דעם דאָרפס־צדיקס עלטסטע טאָכטער האָט מיך גלייך משלח געווען, מיטן אויסרייד, אַז די מוטער פילט זיך נישט גוט. געווען איז עס אויך ריכטיק, ווייל דעם דאָרפס־צדיקס ווייב איז פון צייט־צו צייט נישט געווען ביי די קלאָרע געדאַנקען.

ווי ווייט מיר איז באַוווּסט, האָט קיינער זיך נישט אומגעקוקט אויפן דאָרפס־צדיק. קיינער האָט מיט אים קיין מגע נישט געהאַט, אויך ער האָט זיך צו קיינעם נישט געוואָנדן נאָך אַ טובה, אָדער עצה.

אַזוי האָט יאָרן־לאַנג געלעבט ביי אונדז אין שטאָט אַ שטילער ייד, אַ זעלטענער טיפּ, אַ מיסטעריעז געשטאַלט — דער ביעלאַווער דאָרפס־צדיק.

מענדל ראַק

מענדל ראַק איז געווען אַלעמען באַקאַנט. מען האָט אים גערופן מענדל פּיאה. אַ זון פון ר׳ הענעך ראַק (הענעך וורשטנמאַכער). ר׳ הענעך האָט געהאַט פון אים אויסצושטיין גרויסע צרות. מענדל איז געווען אַ מאָדנער טיפּ, אַ שטיקל יוצא־דופן אין שטאָט. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, מיט אַ יידיש היטל און פּיאות. פון אונטער דער קאַפּאָטע האָבן זיך אַרויסגעזען די ציצית. זומער און ווינטער געטראָגן שטיוול אויף די פיס. אַרומגעדרייט האָט ער זיך פּוסט־און־פּאַסט. אין די חסידישע קרייזן האָט מען אויף אים געקוקט קרום, הגם צו די מאָדערנע יינגעלייט איז ער אויך נישט געווען צוגעפּאַסט. אָבער מענדל האָט זיך נישט געשעמט צו קומען אין די אַרבעטער־קרייזן אין זיין חסידישן לבוש. בלויז זיינע פּיאות פאַרשטעקט הינטער די אויערן. מענדל האָט זיך געהאַט זיין אייגענע שיטה, זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל פילאָזאָף. ער פלעגט אָפט קומען צווישן דער קוטנער אינטעליגענץ, פירן דיסקוסיעס, באַזוכט די פּרץ־ביבליאָטעק, די מיטינגען פון „בונד“, לינקע פּועלי־ציון און... זיך געהאַלטן פאַר אַ קאָמוניסט, אפילו זיך אַרומגעטראָגן מיט אומלעגאַלע בראָשורן. אָפט זיך אַריינגעכאַפּט אין קאָמוניסטישן קלוב, נאָר פריער באַהאַלטן זיין יידיש היטל אין קעשענע.

מענדל פּיאה פלעגט אויך פאַרקריכן אין פאַרבאָרגענע ערטער, אויף די פעלדער, אונטער דער שטאָט. פּאָליאַקן האָבן אויף אים אָנגערייצט די הינט, טייל מאָל אויך אים געבן קלעפּ. זייער אָפט פלעגט ער זיצן הינטער דער מקווה, ביי פּאסטס גאָרטן און לייענען ביכלעך. פון צייט־צו־צייט האָט ער זיך אויך אַריינגעכאַפּט אין אסתר־יאַכעטס צוקערניע אין קעלער, נאָר קיין גראָשן קיין מאָל נישט פאַרמאָגט. די חברה פלעגן אים פאַרלייגן טיי, אַ קיכל. צווערשט פלעגט מענדל פינטלען מיט די אויגן און אָפּזאָגן, אָבער לאַנג האָט ער זיך נישט געלאָזט בעטן...

מ׳האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער אַליין ווייסט נישט וואָס ער וויל. ליב געהאַט צו שמועסן וועגן מאַרקס „קאַפּיטאַל“, דאַרווינס טעאָריע, רמב״ם, אָדער גריכישע פילאָזאָפן.


מענדל ראַק („פּיאה“)

לויט מיין מיינונג, איז דער דאָזיקער מענדל געווען עפּעס אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, וואָס האָט נישט געפינען קיין תקון. אָבער פאָרט געווען אָנגעלייענט און געהאַט אַן אַנונג וועגן ערנסטע ווערק און פילאָזאָפישע שיטות. אפשר האָט מען אים נישט פאַרשטאַנען, אָדער ער אַליין האָט זיך נישט פאַרשטאַנען. ווער ווייסט? זיין סוד האָט ער מיטגענומען מיט זיך. ער האָט געטיילט דעם זעלבן גורל, וואָס אַלע אומגעקומענע קוטנער קדושים.

אברהם לוסטיגמאַן, חולון

☆ ☆ ☆

אין הויז פון די קוטשינסקיס

די היים פון שיע קוטשינסקי ז״ל איז געווען באַקאַנט אַלס פּועלי־ציוניסטיש הויז. דאָ האָבן זיך געטראָפן די אַקטיווסטע טוער פון דער פּאַרטיי און איר יוגנט. אין יענער שטוב האָט מען אָפּגעהאַלטן זיצונגען, באַראַטונגען און אַפילו גרעסערע פאַרזאַמלונגען. דאָ האָב איך באַקומען די ערשטע לעקציעס וועגן יידישן אַרבעטער־לעבן, וועגן ארץ־ישראל. דער „לערער“ איז געווען מנשה כ״ץ ז״ל. אויך יעקב מרוז, דער שפּעטערדיקער איידעם פון ר׳ שיע קוטשינסקי, האָט געפירט קרייזן, געווען פון די טעטיקסטע חברים.

אין הויז פון די קוטשינסקיס האָט מען נישט נאָר געלערנט און געוועקט אינטערעס צו לייענען, און „גריבלען זיך“ אין פּראָבלעמען. פאַר דער פּאַרטיי האָט זיך געפאָדערט צו טאָן אויך פּראַקטישע אַרבעטן. איך געדענק ווי מיר פלעגן אין די נעכט גיין קלעפּן פּלאַקאַטן, צי אויפרופן. באַזונדערס פאַר וואַלן, ווען מ׳האָט באַדאַרפט גרייכן אויף הויכע ערטער, מען זאָל די אויפרופן נישט קאָנען אַראָפּרייסן...

משה בילד און זיין פרוי

מיין פאָטער משה בילד איז געווען באַקאַנט אין קוטנע אַלס ייד מיט אַן אָפענער האַנט און אָפן האַרץ. געווען טעטיק אין דער פאַרוואַלטונג פון דער חברה קדישא און פון דער גמילות־חסדים קאַסע. ער פלעגט אויך גערן מקיים זיין די מצווה פון

ביקור־חולים, גיין נעכטיקן צו אַ קראַנקן. אַליין אַ פאַרנומענער מענטש, האָט ער שטענדיק געהאַט גענוג צייט און כוח צו העלפן אַנדערע. ער איז געבאָרן געוואָרן אין קוטנע אין יאָר 1876.

מיין מוטער איז געווע טעטיק אין פאַרשידענע ווױלטעטיקע פרויען־אָרגאַניזאַציעס און דערפאַר געהאַט דעם נאָמען פון אַ צדיקתטע. געגעבן אירע קינדער אַ רעליגיעזע און ייִדיש־נאַציאָנאַלע דערציאונג. דערלאַנגט הילף נויטבאַדערפטיקע און ארויסגעוויזן אַ סך זאָרג און אינטערעס פאַרן ליידנדיקן מענטש.

צום אָנדענק פון מיין שוועסטער רבקה ז״ל

פון אַ בריוו, וואָס כ׳האָב באַקומען נאָך דער באַפרייאונג פון דייטשלאַנד, טיילט מען מיט, אַז מיין שוועסטער רבקה האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען פון די רוצחישע הענט און אפשר איבערלעבן די מלחמה. נאָר איר טריישאַפט און צוגעבינדנקייט צו דער משפחה, איר געוויסן, האָבן זי נישט געלאָזן אויסנוצן די מעגלעכקייט פון רעטונג — און זי איז אומגעקומען אין געטאָ באַזאַמען מיט די קוטנער ייִדן. כבוד איר אָנדענק!

וועגן טראַגישן גורל פון נאָך אַ שוועסטער און אַנדערע משפחה־מיטגלידער איז באַוווּסט געוואָרן פון אַ בריוו, וואָס מיין שוואָגער האָט מיר געשיקט פון מינכען. מיינע עלטערן זענען געשטאָרבן אין געטאָ פון דער טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט געבושעוועט אין יאָר 1942. ווען אין לאָדזש איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ, איז מיין שוואָגער מאָניעק אָפּאַס, דער איידעם פון משה בילד, באַזאַמען מיט דער צווייטער שוועסטער, פון קוטנע, מיט איר מאַן (בוקסנער) און צוויי קינדער — אַוועק קיין וואַרשע, איידער מ׳האָט דאָרט די ייִדן פאַרטריבן אין געטאָ. נאָך מיין פאָטערס טויט, איז די מוטער געפאָרן קיין וואַרשע צו די קינדער. אָבער אויך דאָ האָט נישט לאַנג געדויערט זייער אַזוי אויך קלאָגעדיקע פרייהייט — און מ׳האָט געמוזט אַריין אינעם געשאַפענעם געטאָ. מיין שוואָגער איז געווען באַשעפטיקט ביי קאַטאָרגע־אַרבעט. ווען ר׳איז אַ געוויסן אָוונט געקומען אַהיים — האָט ער נישט געטראָפן די פרוי מיטן קינד. דאָס צווייטע קינד האָט מען אין אַ צייט שפּעטער אויך צוגענומען.

וועגן גורל פון מיין ברודער לייזער בילד און זיין פרוי ווייס איך נישט.

ברכה־צפורה לאַמסקי־בילד

☆ ☆ ☆

צום אָנדענק פון אַ ייִדישער משפחה

איך, יאַדזשאַ גראַבינסקי, די טאָכטער פון שמואל אַש און רבקה ראַבע־אַש, וויל אין אונדזער יזכור־בוך אַרויסברענגען אייניקע געשטאַלטן פון אונדזער ברייט־פאַרצווייגטער משפּחה, וועלכע די קוטנער איינוווינער געדענקען אוודאי נאָך היינט.

מיינע עלטערן זענען אין דער שוידערלעכער היטלער־תקופה אומגעקומען אין זשיכלין, ווו זיי האָבן געמוזט אַוועק, ווייל די נאַציס אין קוטנע האָבן זיי באַרויבט פון גאַנצן פאַרמעגן. דער טויט פון מיין פאָטער ע״ה, איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: די דייטשן האָבן פאַרבאָטן די ייִדן צו דאַווענען אין יום־כיפור אין אַ שול, צי מיט אַ מנין. אַזאַ חילול־הקודש האָט מיין פאָטער נישט געקאָנט פאַרטראָגן און מיט אַ גרופּע ייִדן תפילה געטאָן אין שטוב. צו נעילה זענען די דייטשן אַריין אין דער דירה און באַשטראָפט די מתפללים מיט נאָך אַ תענית אויף 24 שעה און דערביי שטיין אויף די פיס. דאָס איז געווען צופיל פאַרן שוואַכן געזונט־צושטאַנד פון מיין פאָטער — און אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט — און מיין גאָטזעליקע מוטער איז אים נאָכגעגאַנגען. איך וועל נישט פאַרגעסן די פיינע דערציאונג און הויכע קולטור וואָס זי האָט איינגעפלאַנצט אין אירע קינדער, זיי אויסגעלערנט די שיינע מידה פון צדקה און הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע. ווען כ׳בין אַלט געווען 10 יאָר, האָט די מאַמע אויפגעוועקט יעדן שבת די קינדער גאַנץ פרי און יעדן פון זיי געגעבן אַ פּעקל עסנוואַרג. אַמאָל אויך — אַ מלבוש פאַר אַן אָרעמען און איינזאַמען מענטשן. יעדער קינד האָט געהאַט „זיין" אָרעמאַן צו פאַרזאָרגן. מיין אָרעמע איז געווען אַ בלינדע, אַלטיטשקע פרוי, וועלכע האָט געוווינט אין אַ קעלער אויף דער פּאָדזשעטשנע גאַס. ווי נאָר איך בין אַראָפּ די טרעפּ, האָט זי דערקענט מיינע טריט און געפרעגט: „יאַדזשעלע, דאָס ביסטו ? !" איך פלעג מיט איר בלייבן אַ לענגערע צייט. דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אינטערעסאַנטער און אָנגענעמער שמועס (מיינע קינדער און אייניקלעך דערצייל איך וועגן די מידות טובות פון מיין מוטער ע״ה).

מיין עלטסטער ברודער יעקב אַש איז געהאַט אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער האָט געוואָלט צוריק אַהיים, נאָר אומגעקומען אויף אַ מיסטעריעזן אופן.

מיין יונגערער ברודער יצחק אַש מיט זיין פרוי און קינדער, האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן איינער מיטן אַנדערן — און אַלע זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן.

די איינציקע וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דעם גיהנום און אַדורכגעמאַכט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, איז מיין שוועסטער אסתרקע, וועלכע האָט פאַרלוירן איר מאַן און קינד.

און דאָס האַרץ טוט וויי צוליבן פאַרלוסט פון פעטערס און מומעס און אַנדערע קרובים. איך דערמאָן אָפּט מיין פעטער חיים ראַבע און זיין פרוי, די מומע סאַלטשע ; מיין קוזינע פריידקע ראַבע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט מאָניק ראָש פון קוטנע. זי איז געווען אין מיין עלטער, נאָענטע חברטעס...

אין קוטנע געפינען זיך די קברים פון מיינע צוויי טייערע שוועסטער, באַלטשע און פראַניע, וועלכע זענען געשטאָרבן פון דער „שפּאַנישער אינפלוענצאַ" אין יאָר 1918.

די דאָזיקע זכרונות ווערן איבערגעשיקט קיין ישראל, ווו מיינע ליבע און הויכגעשעצטע זיידע־באָבע, וואָלף־לייב ראַבע און אסתר־פייגל פון קאָנין, האָבן געוואָלט פאַרענדיקן זייער ערלעך לעבן. מיין זיידע האָט אין פראַנקפורט אַם מיין שטודירט אויף ראַבינער, געווען אַן אינטימער חבר און פריינד פון ר׳ שיעלע קוטנער און פון י. י. טרונק. ער האָט אַנומלט געזאָגט צו די קינדער: „ביז די 70 יאָר וועל איך זיין מיט אייך צוזאַמען — און קיין איין טאָג נישט לענגער, ווייל די געשענקטע יאָרן וואָס גאָט וועט מיר געבן, וויל איך ווידמען דעם לערנען (וואָס ער פלעגט במילא טאָן...). מיינע טעג וויל איך ענדיקן אין הייליקן לאַנד". ער האָט געהאַלטן וואָרט, מיטגענומען אַהין בלויז זיינע ספרים און מלבושים, פאַרטיילנדיק דאָס פאַרמעגן די קינדער נאָך ביי זיין לעבן. אַלע האָבן פּראָטעסטירט, ווייל מען האָט זיך נישט גענייטיקט אין דער ירושה. די צוואה האָט ער איבערגעגעבן מיין מוטער, וויסנדיק, אַז זי וועט טריי און ערלעך דערפיל יעדן זיין אָנזאָג.

די געזעגענונג וועל איך נישט פאַרגעסן. אין אונדזער הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע זין, טעכטער און אייניקלעך פון קוטנע, קאָנין, קאַליש און סאָמפּאָלנע. דעם זיידנס געזעגענונגס־ווערטער זענען געווען: „איך האָב פאַרפלאַנצט אַ שיינעם גאָרטן און די פרוכטן זענען שוין גוטע און רייפע, אַזוי, אַז איך קאָן אַ רואיקער פאָרן קיין ארץ־ישראל מיט דער האָפענונג, אַז די קינדער און אייניקלעך וועלן נאָכטאָן מיין ביישפּיל".

יאַדזשאַ גראַבינסקי
מעקסיקע

☆ ☆ ☆

ר׳ אהרון לאמסקי

ר׳ אהרון לאמסקי ברבי יהודה לייבוש שו״ב מגוסטינין, נשא לאשה את מרת לאה בת רבי משה ליכטנשטיין. הוא היה סוחר תבואות מצליח בעירו. בשנת תרע״ג (1913) עלה לארץ להשתקע בה. עם פרוץ מלחמת העולם הראשונה הוציא קמאל־פשה גזרה לגרש את כל הנתינים הזרים מארץ־ישראל. ר׳ אהרון למסקי ומשפחתו נאלצו אז לחזור לפולין.

אהרון יוסף, לאה אשתו והבן נחמן ניספו בגיטו קוטנה, יעקב ניספה בווארשא. בן אחר פישל נהרג בתאונת רכבת.

☆ ☆ ☆

הורינו יעקב־ישראל ורוזה יעבץ

אבינו יעקב־ישראל יעבץ נולד בשנת 1893 בעיר ורטה (ליד שירדז). בנו של גולדה וחנוך יעבץ (נינו) ונכדו של הרב יעבץ הידוע בפולין דאז. סבו הוריש לאבי הרבה מאד ספרים שהוא חיברם וכיסו קיר שלם בביתנו. זוכרת אני עד היום את מגילת אסתר הכתובה בידו על גבי נייר פרגמנט בקוטר של 12 ס״מ, את האותיות הזעירות אפשר היה לקרוא בקלות בעזרת זכוכית מגדלת.

אבי ז״ל הגיע לקוטנה בשנת 1912 ונשא לאשה את רויזה מבית ירוחמזון, שהיא אמי. צעירה ממנו בשנה בלבד. היה איש נבון, מוכשר, ישר וצנוע, בעל מסור ואב קפדן בחינוך ילדיו. השפעתו היתה בדרך של הסבר הגיוני. רבים היו ידידיו בין היהודים ובין הגויים. למד ועבד כל השנים, קרא הרבה ועבד על השתלמותו. לימד צעירים ממנו בישיבה ובערבי חורף התקיימו בביתנו חוגים לתלמוד. אמרו עליו: לאלוהים ולבני אדם. קולו היה ערב לאוזן ולעתים היה מחליף את החזן החולה בבית־הכנסת בימי חג. נהג תמיד לשיר בבית והיה שמח בחלקו. הושיט עזרה לכל נזקק: בכסף בעצה טובה וכבורר בריב חברים. אם היה צורך בפניה רשמית למוסד ממשלתי ידע יפה לנסח מכתב וכל בקשה בשפה פולנית צחה. בשנים האחרונות לפני פרוץ מלחמת העולם השניה נבחר כיושב ראש אגודת־ישראל והיה מועמד לציר לסיים הפולני מטעם האגודה. שאף לעלות ארצה ולהצטרף לבנותיו ולבנות את הארץ. הגורל האכזר רצה אחרת.

הוא נספה יחד עם אמי ואחי אברהם בן ה־16 בגטו קוטנה בשנת 1943. יהיה זכרם ברוך.

רויזה יעבץ (אשת יעקב) ז״ל היתה אשה ענוה שומרת דת ומסורת וטובת לב. בת, אם ורעיה מסורה למשפחתה. תמיד הושיטה יד עוזרת לנזקקים בלי לפגוע ברגשותיהם. ביתה היה פתוח לפני חיילים יהודיים ממקומות רחוקים ששירתו בצבא בעירנו. הם היו בקביעות סועדים את לבם בביתנו בשבתות ובחגים. בערבי חורף נערכו בביתנו חוגים ללמוד תורה והודות לה שפע הבית חמימות, אור ושמחה. גם לדברים חילוניים הקדישה מזמנה בין לעבודות בית ובין לעבודה בחוץ, בבית־המסחר. היתה פעילה בועד הורים בבית־הספר מהתחלה עד הסוף. בשנים האחרונות לפני פרוץ מלחמת העולם השניה שאפה לעלות ארצה אך הגורל האכזרי רצה אחרת.

רבקה פישר (יעבץ), לאה יעבץ

☆ ☆ ☆

דוד קלצ׳בסקי ז״ל

דוד קלצ׳בסקי היה נכדו של חסיד קוצק, ר׳ דוד אמפילנר, אך לא הלך בדרכי סבו. הוא היה הראשון שהביא לקוטנה את „האוטואמנציפציה" של פינסקר, אשר חוללה מהפכה בנפשם של האברכים החסידיים.

לאחר קום ההסתדרות הציונית היה בין פעיליה העיקריים ורבות פעל גם להקמת בית־הספר „עם־הספר". יחד עם יחיאל ארבוז הקים את אירגון בעלי המלאכה, שעמד תחת השפעת התנועה הציונית.



דוד קלצ׳בסקי ז״ל

דוד קלצ׳בסקי פעל גם להקמת בנקים קואופראטיביים כדי לסייע לבעלי המלאכה שפרנסתם תמיד היתה מצומצמת וחסרו כסף למימון עסקיהם.

יצחק קלצ׳בסקי

☆ ☆ ☆

אברהם־מנשה כץ

פון די פריסטע יאָרן טעטיק אין דער פועלי־ציון פאַרטיי און אין דער „יוגנט". אַלס יונגער בחור עמיגרירט קיין בעלגיע און אויך דאָ געבליבן טריי זיין נאַציאָנאַל־יידישן גייסט, געהאָלפן גרינדן אַ העבּרעישע צוגאַב־שול, אַ יידישע ביבליאָטעק און געווען אַן אַקטיווער ציוניסט. זיין טאַכטער און איניקלעך זענען דערצויגן געוואָרן אין יידישן גייסט.

אין די שרעקלעכע יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, איז זיין שוועסטער חנה מיט איר מאַן אברהם־יצחק דעפּאָרטירט געוואָרן פון בעלגיע קיין אוישוויץ. זייערע צוויי קינדער, אַ יינגל און אַ מיידל, איז געלונגען איבערצופירן אויפן דאָרף, ווו זיי האָבן ביי אַ בעלגישער קריסטלעכער פאַמיליע באַקומען שוץ, און אויך — אַן אויסגעשפּראָכן רעליגיעזע דערציאונג, לויטן נייעם טעסטאַמענט.

נאָך דער באַפרייאונג, האָט דער ניצול־געוואָרענער אברהם־מנשה כץ אויפגעזוכט די צוויי שוין אונטערגעוואַקסענע קינדער־יתומים פון זיין שוועסטער, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט מיט אים אַפילוריידן. נאָר צום צלם און צו זייערע עלטערן אויפן דאָרף, האָבן די קינדער געהאַט צוטרוי און גלויבן. אַ סך מיטלען האָט אברהם־מנשה אָנגעווענדעט, ביז אים איז געלונגען צו ברענגען די קינדער קיין בריסעל, קויפן מתנות, האַלטן עטלעכע טעג ביי זיך אין שטוב, ביז זיי האָבן באַקומען אַ ביסל צוטרוי צום אָנקל. אַ שליח פון ארץ־ישראל, וועמען אברהם־מנשה האָט זיך אָנפאַרטרויט, האָט אים געראָטן די קינדער צו שיקן קיין ארץ־ישראל. קודם — אויף אַן אויספלוג. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און זיי האָבן געשריבן פון לאַנד באַגייסטערטע בריוו, נישט געוואָלט צוריק קומען קיין בעלגיע און געפרעגט אַפילו דעם פעטער, הלמאי ער זיצט דאָרטן... מנשה איז טאַקע געקומען זיך זען מיט זיי. דער זון איז שוין געווען מיליטער־פּאָליציסט, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די באַפרייאונגס־קריג נאָכן פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה. ער איז געפאַלן פון אַן אַראַבישער קויל — אָבער פאַר מנשהן איז עס דאָך געווען אַ שטיקל טרייסט, אַז פון דעם אָפּגעפרעמדטן קינד, וואָס איז נאָך דער באַפרייאונג געגאַנגען אַלץ שלאָפן מיט אַ צלם אונטערן קישן, האָט אַוועק

געגעבן זיין לעבן פאַרן ידישן פאָלק און לאַנד. דאָס מידל, מלכה, האָט חתונה געהאַט און וווינט היינט אין חיפה מיט איר מאַן און קינדער.

אברהם־מנשה איז נפטר געוואָרן אין בריסעל, דעם 10טן פעברואַר 1964.

מיר וועלן תמיד דערמאָנען זיין שיינע געשטאַלט.

חנוך ה. האָפמאַן

פאַריז

☆ ☆ ☆

ר׳ דוד לוסטמן וב״ב ז״ל

אבא ע״ה, ר׳ דוד לוסטמאן, היה יליד קוטנה, בנו יחידו של ר׳ אליעזר לוסטמאן, שהתיחס למשפחת אפט בראדום, ושל אשתו, רחל לבית פאלץ.

אמא ע״ה, לאה, היתה בתם של אריה טושינסקי ושל טויבעלע לבית אַש. היא היתה בתו של משה אַש ואחותו של הסופר המפורסם שלום אש.

אבא ע״ה נולד בשנת 1880, התחתן בגיל צעיר וכשנקרא להשתתף במלחמת רוסיה־יפן ב־1904, השאיר בבית 5 ילדים קטנים. לאחר שחזר בשלום מן המלחמה היה מצבו קשה, וחבריו שהגרו לאמריקה כתבו לו והציעו לו להגר עם משפחתו. אבא מכר את חנותו, שלח את אשתו עם 6 ילדיו הקטנים לבית הוריה בלוביץ ונפרד בלב כבד מהוריו. אבל כאשר כבר היה בתחנת הרכבת, באו אליו הוריו ומררו בבכי שאינם יכולים להפרד מבנם יחידם ואינם יכולים להסכים שיסע לארץ נכריה. אבא נכנע וביטל את נסיעתו והחזיר את משפחתו לקוטנה. כאן פתח לו „חדר" והיה מלמד נערים ביום ונערות בלילה ועד לפרוץ מלחמת העולם נולדו לו עוד 4 ילדים.

כשפרצה המלחמה, ב־1914, גוייס שוב ועול הפרנסה למשפחה הגדולה הוטל על אמא ע״ה שנאלצה לעבוד קשה כדי לפרנס את עשרת ילדיה. ארבע שנים היה אבא ע״ה במלחמה ברוסיה וכשחזר בשלום נהיה למורה ב„ישיבה" בקוטנה ובמשך למעלה מעשרים שנה לימד וחינך דורות של תלמידים בעיר וכולם אהבוהו וכבדוהו.

אזכיר כאן גם את אחיי ואחיותי שנספו גם הם:

האח הבכור, מרדכי, היה נשוי לאלכסנדרה לבית קוראפט. הוא נפטר בשנת 1932 ואשתו ושני ילדיו גרו בעיר טהורן; מלכה היתה נשואה לאליהו קאטלארש, משפחה ידועה בקוטנה; אריה היה נשוי וגר בעיר קאליש; רבקה היתה נשואה למשה זאנדבערג בקוטנה; מאשה היתה נשואה בקוטנה; יחיאל היה נשוי לבינה אַפּלאַסט מקוטנה, היא ניצלה עם 2 ילדיה וגרה כעת בפריז; האחות הצעירה פריווה; האחות חיה־ליבע עם בעלה זנדלביץ בקוטנה; אחותי הינדה עזבה את קוטנה ב־1919 ונישאה בלייפציג לחיים שפילברג וכעת היא גרה עם משפחתה בחיפה.

אני עצמי עזבתי את קוטנה ב־1929, וכשדברתי על כך עם אבא, אמר לי: „אני לא אעכב בעדך, עד היום אני מצטער על שלא נסעתי לאמריקה ב־1905. אם אתה רוצה לנסוע — סע". וכך נפרדתי מאבא ויותר לא ראיתיו.

קלמן לוסטמאן

☆ ☆ ☆

סבא שלי דוד קולסקי ז״ל

לא זכיתי להכיר את סבי בעודו בחיים, אך הכרתיו יפה־יפה הודות לאלבום התמונות ממנו ניבט קלסתר־פניו, אותו למדתי לאהוב. דמותו של סבא מציצה אלי בחיוכו הנעים ובעיניו העליזות. דומה כאילו הכרתיו מימים ימימה, כאילו אחז בידי בהיותי ילד קטן והוא שומר עלי מכל פגע. כן זהו סבא שלי, כזה תיארתיו בדמיוני, כך רציתי לראות את סבא, אילו פגשתיו בעודו בחיים.

מקלסתר־פניו שמציץ אלי מאלבום התמונות, מקטעי־סיפורים עליו, וממכתביו הולכת ומצטיירת לפני אישיותו של סבא. הוא נולד טרם זמנו — אמרו בני משפחתו. הוא היה בין הנחשונים, בין הראשונים בכל מעשה ומחשבה! לדעת בני עירו, את החשמל לא אדיסון המציא כי אם סבא! שהרי הוא היה הראשון שהאיר את עירנו באור חשמל! הן הוא התקין גנראטור ראשון בקוטנה! אולם בד־בבד עם הגנראטור הביא דוד קולסקי עוד המצאה גאונית לעיר קוטנה — הראינוע! רק אמא של סבא, שרה רייזל בת ה־108 שנים לבה נחמץ, בחוששה, כי את כל האנשים והחיות שהיא רואה על הבד חייב בנה, דוד לפרנס ולהאכיל... שכן כיצד ייתכן הדבר, כי כל אלה יתנועעו על הבד סתם כך?!... אולם הראינוע שימש גם כאולם תיאטרון. וכשעמדה להופיע בו להקת התיאטרון הלודז׳אית בהצגת „מוטקה גנב" — דמות אותה הנציח



ר׳ דוד קולסקי ז״ל

שלום אש בן עירנו באחד מסיפוריו, ואשר לא היתה אלא דמות חיה מבין יהודי עירנו, — התפרץ אותו מוטקה גנב הבשר־ודמי ממש לתוך האולם בצעקות: כל עוד אני חי לא אתן להציג את „מוטקה־גנב"! אולם מוטקה־גנב התרכך מעט וזעמו שכך לאחר שקיבל שני כרטיסי־כניסה חינם להצגה. בהצגת הבכורה „כיבד" הוא יחד עם זוגתו את ההצגה.

אכן גם מוטקה גנב היה בן קוטנה, אך את חותמם על חיי היהודים בעיר הטביעו לא טיפוסים כמוהו כי אם אישים כסבא דוד קולסקי.

יהי זכרו ברוך.

יהושע (נכדו)

ר׳ דוד קולסקי, בן זאב ושרה רייזל נולד בשנת 1861 בעיר קוטנה. מטבעו היה ר׳ דוד איש מעשה ובעל יזמה. הוא היה הראשון אשר בנה ראינוע בשם „מודרן" בעיר והראשון שהשתמש בגנראטור להפקת חשמל לצורך זה. הוא היה גם בעל תושיה רבה ובעל כושר אירגוני רב. בימי המלחמה העולמית הראשונה כאשר שרר מחסור חמור בכל מיני מצרכים חיוניים ובערב פסח לא היו ליהודי קוטנה מצות לכבוד החג אירגן הוא בעזרת חבריו את אפיית המצות ואף סיפק מצות לעניי העיר. ידע תמיד להשיא עצה נבונה ונכונה לכל אשר פנה אליו ולכן זכה לכינוי „אפוט־רופוס". אך לא בלבד בעצה עזר דוד קולסקי. לא אחרת הושיט עזרה כספית לכל הפונים אליו. היה גומל חסד לאיש שנתון היה במצוקה כספית ועזר להם בדרכים שונות ככל שידו השיגה.

הוא אהב כל מלאכה. לעיתים קרובות מצאו אותו האנשים ב„בית־מלאכתו" שקוע בכל מיני עבודות ותיקונים. את אהבתו למלאכה ביקש לנטוע גם בלב בניו נוסף על ההשכלה שהוא היקנה להם.

ידוע היה האיש ביושרו ונאמנותו, לכן הופקדו בידיו הטיפול

בנכסי הקהילה — בית־הכנסת, תלמוד־תורה, בית־העלמין וכו׳ וכן פעל במוסדות ציבור שונים (לינת־הצדק, הכנסת כלה וכו׳). במשך שנים היה גם גבאי בבית־הכנסת.

אף כי לא היה פעיל בתנועה הציונית התעניין בכל הנעשה בארץ וכל בעיותיה ולבטיה היו קרובים ללבו. וכאשר נזדמנה לו האפשרות עלה לארץ־ישראל לתור אותה לאורכה ולרוחבה. הביא מהר הזיתים שקית עפר, בבוא יומו בהיאסף אל עמו, יישפך עפר ירושלים לקברו. אך אחריתו היתה כאחרית מיליוני אחיו ואחיותיו היהודים בפולין — יחד אתם הוא ניספה בשואה, במחנה חלמנו.

ת.נ.צ.ב.ה.

מנחם ואברהם

☆ ☆ ☆

הירש־מאיר וחנה ראַק


אבי הירש־מאיר ואמא חנה לבית ווייס מוצאם ממשפחות ותיקות בקוטנה. כרוב יהודי קוטנה היה גם אבא טרוד כל ימיו בעסקיו, כדי לפרנס את כל בני ביתו, אך למרות דאגות הפרנסה דאג אבא לחינוך ילדיו — בניו ובנותיו — שהיו שתים־עשרה נפש במספר. גם הוא עצמו מצא עת לתורה ומדי יום ביומו, בטרם צאתו לעסקיו למד אבא בצוותא „דף יומי" בגמרא בבית־המדרש. אבל הפיצוי לכל טרדות ימי החולין מצא אבא ביום השבת. ביום זה רוח של קדושה היתה שרויה על כל הבית. כבר בעצם ברכתו „שלום־עליכם" עם שובו בליל־שבת מבית־הכנסת הביא אבא רוח של קדושה וחג לתוך הבית! נועם ורוממות־נפש נסוכה היתה על כולם. ואמא היקרה ואצילת־הנפש הוסיפה על החן, היופי והעדנה של יום שבת בבית יהודי!

לכבוד יום זה, לכבוד השבת היה אבא נוהג להביא עמו מבית־הכנסת אורח ולעיתים אפילו שניים או יותר, כי לא נעמה לו סעודת שבת החגיגית ביודעו כי שם בבית־המדרש נשאר יהודי בודד, רעב ללחם ביום הקדוש!

אכן אבא וכן אמא היו מבית שמאי, הם היו מאוד מחמירים כלפי עצמם במצוות בכל אשר נגע לאורח־חייהם, אך היו מבית הילל בכל הנוגע לזולת. וכמובן ביקשו לחנך את ילדיהם ברוחם הם ברוח היהדות המסורתית, לשמור אמונים למורשת היהדות. ואכן לא מעט הנחילו לנו ממורשתם זו. מדי שבת בשבת היה אבא לומד אתנו פרקי־אבות בנעימה נלבבת, תוך הסברת הדברים על דרך המשל, בהביאו דוגמאות ממציאות חיינו.

בדרך זו הנחיל לנו אבא ערכים מתרבותנו וממורשתנו העתיקה והעשיר את עולמנו בתכנים וערכים שלא משו מאתנו בדרך חיינו בה הלכנו. נכסי רוח ותרבות אלה אותם ינקנו בבית אבא מלווים אותנו בכל אשר נפנה. יפים במיוחד היו ימי החג. הם היו כאור בהיר וזוהר אשר הקרין על מציאותנו העכורה בתנאי העיירה הגלותית. אך בהגיע „הימים־הנוראים" הבית כולו לבש קדרות. הנה קרב ובא יום־הדין, יום חשבון־הנפש, יום שכל באי עולם ניצבים לפני ריבון העולמים! ומי לא יחרד?! לפני לכתו ל„כל נדרי" היה אבא מחפה בטליתו הגדולה על צאצאיו ומברכם כברך יעקב אבינו את בניו. ידענו כי אבא חרד לשלומנו, לחיינו ולגורלנו.

אולם אבא לא יכול היה לגונן עלינו. ימים נוראים שלא היו דוגמתם בתולדות עמו ובתולדות מין האדם הלכו וקרבו. היטלר הגיע לשלטון. האנטישמיות בפולין החלה להשתולל בכל פראותה. אי־אפשר היה עוד לנשום באווירה המורעלת והנוער היהודי החל לתור אחר פתרון, אחר נדודים לארצות אחרות ואף אנו בתוכם. אנו שמונה בנים ובנות זכינו לעלות לארץ־ישראל! הורינו היקרים ליוו אותנו לתחנת הרכבת. בבכי, באנחות, בשמחה וברעדה נפרדו מאתנו, בתקווה להתראות על אדמת הקודש אליה כה נכסף אבא, אך לא! אבא ואמא, וכן שני אחי יהושע ודוד ובני משפחותיהם נשארו על אדמת פולין הארורה ולא זכו להגיע לארץ הנכספת — לארץ־ישראל. והרי אחים אלה התמסרו בכל נפשם ובכל מאודם לרעיון ולפעולה הציונית, לתחיית עמנו ולגאולתו!



הירש־מאיר וחנה ראַק ז״ל

הורי הטובים והישרים, אבי הטוב והרחום! אף כי לא הלכנו בכל דרכיך כמצוות תורתך הקדושה הרי נושאים אנו בלבנו את אהבתך למורשתו של עמנו העתיק, את נאמנותך לכל הקדוש לעמנו בכל תמורות העתים — את אהבת ישראל, את ערכיו המוסריים ואת התקווה לגאולה שלמה של עמנו בארצו החופשית העצמאית והפורחת!

הבנים

☆ ☆ ☆

חיים־נח בגנו ז״ל

אבי ז״ל, ר׳ חיים נח בגנו מוצאו ממשפחה מיוחסת ומכובדת ומגדולי התורה. אביו ר׳ שמחה בונים היה ממכובדי העדה היהודית בעיירה וכשנפטר נישא ארונו על הכתפיים ע״י מלוויו כאות של כבוד והערכה רבה להם זכה המנוח בימי חייו.

אבא נולד בשנת 1878 בעיירה גוסטינין הסמוכה לקוטנה. מנעוריו גדל בבית יהודי מסורתי, שומר מצוות וספוג ערכי יהדות מדורי מדורות. ככל בני דורו למד בחדר ובישיבה, אולם כבר מנעוריו התעניין בספרות העברית של זמנו ונחשב בעיני כל חבריו וידידיו כאיש משכיל ובעל אופקים רחבים.

הוא הגיע לקוטנה בעודו בחור צעיר. בעיר זו נשא אשה והקים את משפחתו. הכל הכירוהו כאיש אציל־רוח, עדין נפש, נבון ונכון לעזור לחברו בכל עת. כפי שכותב ידידנו ומורנו י. ב. כץ ז״ל ב„פנקס גוסטינין" (עמ׳ 88) השתתף אבי המנוח בפגישות של בחורי העיירה שהיו מ„חובבי־ציון". בבית י. ב. כץ התנהלו שיחות וויכוחים על נושאים שונים שעמדו אז ברומו של העולם היהודי. ורבים היו הנושאים: בעיות חברה, כלכלה, תרבות והעיקר ציונות. מפגישות אלה קמה וצמחה ההסתדרות הציונית בגוסטינין. אך גם כאן, בקוטנה המשיך אבא בפעילותו הלאומית וחלום חייו היה — לעלות לארץ־ישראל. אולם דאגות פרנסה היו לו ככלל יהודי. טרוד היה ודאג מאוד לפרנס את בני־ביתו. עם זאת מצא תמיד פנאי לעיין בספר ואף ללמוד שפות זרות. ומעניין, הוא למד גם את שפת האספרנטו — דבר נדיר מאוד בזמנו בעיקר בקרב החסידים — כי מחסידי הרבי מגור היה אבא. ציונותו לא היתה

לו למכשול לשמור מצוות התורה ולנהל אורח־חיים מסורתי כאבות אבותיו. אולם אבא הושפע גם מהרוחות החדשות שנשבו בימים ההם. את בנותיו שלח ללמוד בבית־ספר ציוני, בו למדו יחד בנים ובנות. כמובן שהדבר לא נשא חן בעיני חבריו — חסידי גור. אנשי השטיבל בו התפלל אבא איימו עליו שיגרשוהו מן השטיבל, אך הוא לא ויתר. בנותיו המשיכו ללמוד ב„עם־הספר" הציוני המעורב.

הוא ביקש לחנך אותנו ברוח ציונית, ועם זאת להאציל עלינו מרוח היהדות המסורתית. גם את בניו שלמדו בחדר ובישיבות שלח למורים פרטיים כדי שירכשו השכלה כללית ושלא יהיו מנותקים מהוויות העולם שמסביבם.

בימי מלחמת העולם הראשונה לא עמד אבא מהצד בעת שצרה רדפה צרה. הוא השתתף בהרבה פעולות ציבוריות כדי להקל על בני קהילתו את מצוקתם. הוא הקדיש הרבה מזמנו לצרכי ציבור, ובעת שהוקם בעיירה התמחוי לנצרכים, היה מחלק ארוחות חמות לנצרכים ונטל חלק בפעולות צדקה שונות כמו: „הכנסת־כלה" ביקור־חולים וכו'. הוא גם סייע כמיטב יכולתו בהקמת בית־ספר לבנות „בית־יעקב", שהיה בית ספר דתי מובהק לבנות. אולם אבא הבין שלא די לו לנער יהודי בלימודי החדר והישיבה. לנגד עיניו ניצב הטיפוס היהודי החדש הממזג ברוחו את תורת אבותיו ואת השאיפה לחידוש ולתחיית עמו. ואכן, חינוכו שהקנה לנו נשא פרי. כל בנותיו עלו ארצה ואף אבא זכה להגשים חלום חייו ובשנת 1934 הגיע לחופי ארץ ישראל והתיישב בחדרה. לאחר זמן הוא העלה גם את אשתו השניה ואת בנו הצעיר גבריאל. אולם שלושת בניו האהובים עליו מאוד לא זכה לראותם יחד אתו בארץ־ישראל. הם ניספו בתופת הנאצי יחד עם כל בית־ישראל בפולין.

ערב יום־הכיפורים בבית אבא

עמוק בלב ובזכרוני נחרת בי ערב יום־הכיפורים בבית אבא. אווירת יום הדין הממשמש ובא עמדה בבית כבר משעות הבוקר. השכינה והקדושה, הרעדה והאימה פרשו כנפיהם על כל הבית. אבא מהלך מרוכז בתוך עצמו, שפתיו לוחשות תפילה וכולו שקוע בעולמות אחרים. יום־הדין הגדול והנורא הולך וקרב. לב כל אחד מאתנו רועד. מה נושא בחובו היום הקדוש לכל אחד מאתנו? מי לחיים ומי למוות? מי ייכתב בספר החיים ומי דינו לעבור מן העולם חלילה?

השמש נוטה כבר לערוב. הצללים פשטו על הבית הנכון לקראת התענית, התפילה והדין. הוא טוהר וצוחצח ואין בו פינה שלא קודשה ליום הגדול. שבת השבתון הוא היום הזה. דומיה שוררת בבית. בני הבית עצרו נשימתם ועיניהם נשואות לראש המשפחה — לאבא. רק השעון שעל הקיר משמיע בלי הרף את תיקתוקיו. הוא־הוא העד היחידי לחיינו העוברים בשמחה ובעצב, בתקוות שבלב ובעצבונו, אך אין הוא מתערב בחיינו.

השולחן כוסה במפה צחורה, כשטיח לבן נראה השולחן ועליו ניצבים הפמוטים הגדולים בהם דולקים הנרות ולידם מכתש בו תקוע נר גדול ועבה — נר יום הכיפורים, שידלק עד שוב בני הבית מתפילתם בבית הכנסת, מחר לאחר הנעילה, עת יתיישבו כולם לסעוד את לבם לאחר הצום הקדוש. בראש השולחן מונחת החלה הקלועה הגדולה זה — „הקויליטש". השולחן ערוך ומצפה לסועדיו, שיישבו לאכול עתה את הסעודה המפסקת.

אך איש טרם תפס את מקומו לידו. כל הבנים והבנות ממתינים עד שאבא יתפוס את מקומו בראש השולחן ורק אז נתיישב גם אנו. מבטינו עוקבים אחר כל תנועותיו. והוא כולו דרוך אך שקט. הוא ניגש לארון, מוציא את הקיטל הלבן, לובשו ויושב בראש בשולחן, אז מתיישבים גם אנו, כל אחד במקומו הקבוע.

הנה, החלה „הסעודה המפסקת". דממה שוררת מסביב לשולחן. איש איש שקוע בהרהוריו ביהיוליו ובציפיותיו. דממה מסביב. רק אבא מפסיק מדי פעם את הדומיה ומדבר על קדושת היום ומקומו בחיי העם. הוא מפציר בנו שנאכל הפעם יותר מן הרגיל, כי הרי צום ארוך לפנינו.

את „הסעודה המפסקת" מסיימים אנו בברכת המזון „במזומן". גם הבנות אומרות את התפילה. ואז בא הרגע הגדול שתמיד הטיל עלי פחד גדול, שבה ביקשתי להרחיקו ממני. אבא קם מעם השולחן. עיניו מביעות טוב־לב וחרדה, תקווה ואחולים לקראת הבאות, עצבות ושמחה, ועל הכל תפילה ובקשה לחיים טובים לכל בני ביתו. ובעוד הילדים עומדים סביבו הוא פורש ידיו על בנו בכורו ומברכו כברך יעקב את בניו, לאחר הבכור מברך אבא את כל בניו ובנותיו לפי גילם. עיניו עצומות בשעת ברכתו, אך דמעה יורדת על לחייו ונופלת על ראשו של הבן. והבכי אוחז בכולם, כל אחד בוכה בכי חרישי וכוונה לפינתו להתייחד עם עצמו. אך הבכי גובר, הרי זה פורקן לצער שנצטבר בלבותינו ימים רבים, אף יש בו גם בקשה ותחינה ליושב במרומים שלא יסתיר פניו מאתנו.

אבא כילה את ברכותיו, עתה יילך לבית־הכנסת לבקש חיים, ושמחת חיים לכל בני־ביתו. ובטרם צאתו את ביתו ייגש אליו כל אחד מבניו, ינשק את ידו ויאחל בקול שקט ואוהב: „דער טאטעשי זאל זיך אויסבעטן א גוט יאהר".

יום־הכיפורים ירד עלינו בבכי, בתפילות, בצום ובתקווה לחיים טובים עלינו ועל כל בית־ישראל. אך התפילות שהתפללו יהודי קוטנה והדמעות שזלגו מעיני האבות והבנים כל שנה, ערב יום הכיפורים לא הועילו. בית־ישראל בפולין נגזר למוות ולא לחיים. והדמעות ששפכתי בערב יום הכיפורים לא יבשו עד היום הזה.

אבא נפטר בשנת 1937 בחדרה ושם הובא למנוחות. דמותו האצילה נשארה חרותה על לוח ליבנו לנצח. ת.נ.צ.ב.ה.

את אמנו היקרה לא הזכרתי, כי היא מתה עלינו בעודני ילדה קטנה וכמעט שאיני זוכרה. כבת שלושים ושתיים היתה במותה בהותירה אחריה שמונה ילדים קטנים. ת.נ.צ.ב.ה.

שרה בגנו־פיינר

☆ ☆ ☆

יאָסעלע גאָלדשמיד און זיין משפחה

אין יאָר 1935 בין איך פון קאָלאָ געקומען קיין קוטנע, אַלס פרוי פון מנחם קאַרן. דאָ האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט נעענטער צו דערקענען דעם וווּנדערבאַרן זקן און חכם — יאָסעלע דער גאָלדשמיד. געוועזן באַקאַנט אַלס דער 102־יאָריקער זקן פון דער פּאַדזשעטשנע גאַס, געשעצט און געליבט פון זיינע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ לעבעדיקע כראָניק פון קוטנע. אַפילו דער בירגערמייסטער פלעגט אים באַזוכן אין שטוב, כדי זיך דערוויסן אַ דאַטע, צי אַ וויכטיק געשעעניש, פאַרבינדן מיט דער געשיכטע פון קוטנע. ר' יאָסעלע האָט רואיק געלעבט און שטיל געשטאָרבן אין יאָר 1936.

דאָקעגן זיינע צוויי טעכטער: דבורה אַבראַמזאָן און פייגע בערקאָוויטש מיט זייערע משפחות, ווי אויך מיין שווער לייזער קאַרן, זענען דורך די נאַצי־מערדער פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ קאָנסטאַנציע און דאָרט אומגעקומען. פאַר דעם האָט מיין שווער געמוזט צוזען דעם טראַגישן טויט פון זיין זון און מיין מאַן מנחם קאַרן — דער ערשטער קרבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין קוטנע.

מאַי 1940 האָט מען אונדז פאַרטריבן אויף אַרבעט אין דער א. ג. „טיטאַניוווקע". בעתן האַלב־שעהדיקן שפּאַציר אויפן הויף פון לאַגער, האָט מיין מאַן באַמערקט אין דער פאַרצאַמונג אַן עפענונג. ער האָט מיך מיט די צוויי קינדער אַרויס געשטופּט אויף דער פריי, ער אַליין האָט זיך אומגעקערט צו די עלטערן —

און מער האָב איך זיי שוין נישט געזען. מיין אָפּגעראַטעוועט טעכטערל, חנה־ביילע, איז דעם זעלבן יאָר אומגעקומען. מיין זון יוסף געבאָרן אין קוטנע אין יאָר 1939, איז געלונגען מיט מיר אַדורכצומאַכן אַלע שבעת מדורי גהינום און איבערלעבן די שרעקלעכע מלחמה.

זאָלן די עטלעכע שורות זיין אַ דערמאָנונג לזכר די דריי דורות פון דער משפּחה קאָרן און דעם אָנדענק פון זיין מוטער שרה ווערנער פון קרושניעוויץ.

אסתר קאָרן־נתן

☆ ☆ ☆

יצחק־מאיר און זיסע־פריידע שפּיראָ ז״ל

געווען באַקאַנט אין קוטנע אַלס גרויסע בעלי־צדקה און בעלי־טובה. איך געדענק, אַז אין אונדזער שטוב האָבן זיך אויפגעהאַלטן צוויי פרעמדע ישיבה־בחורים אַ גאָר לאַנגע צייט. מיינע עלטערן האָבן זיי געוואָלט דערמעגלעכן צו לערנען תורה אין דער שטאָט פון ר׳ שיעלע קוטנער. הילף פאַר נויטבאַדערפ־טיקע, אַ גוט וואָרט לייַדנדיקע — איז געווען די זאָרג און מי פון מיין טאַטע־מאַמע.

אויך מיין פעטער הענעך (מיין פאָטערס ברודער) איז געווען אַ ייד אַ מכניס־אורח און בעל־צדקה. זיין גאַסטפריינדלעכקייט האָט געשמט אין קוטנע.

מיר האָבן געוווינט אויף פּאָדזשעטשנע 12, געווען פינף קינדער, אָפּגעראַטעוועט זיך פון היטלעריסטישן גהינום האָבן בלויז איך (אין ישראל) און מיין שוועסטער (אין קאַנאַדע).

איך וועל נישט פאַרגעסן די קדושים פון מיין פאַמיליע.

מאַשע שפּיראָ־זשוראַווסקי

☆ ☆ ☆

די משפּחה גאָרשקאָוויטש

פון אונדזערע שכנים אין קוטנע מיט אַ זעכציק יאָר צוריק, האָב איך אָנגעהויבן אונטערשיידן און זיך באַקענען מיט באַזונ־דערע משפּחות, זייערע קינדער, אייגנשאפטן, באַשעפטיקונג און כאַראַקטער.

אַמיינסטן האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון די פאַמיליע גאָרשקאָוויטש מיט זייערע פיר זין: ישראל, חיים־יעקב, אברהם־יצחק און אליעזר. זיי אַלע זענען געווען מוזיקאַליש באַגאַבט, געשפּילט אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן און געהאַט זעלטן שיינע שטימעס. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער פאָטער מיכאַל. זיין שטרעבונג, אַז די קינדער זאָלן זיך ווידמען דער וואָקאַלער און מוזיקאַלישער קונסט, איז ביי אים געווען אַן ענין נישט נאָר פון פּרנסה, נאָר אויך פון אמונה, נשמה יתירה און אידעאַל.

מיינע קינדערישע אויערן האָבן אין יענער צייט איינגעזאַפּט די שיינע קלאַנגען, וועלכע דער טאַטע מיט די פיר בנים האָבן אַרויסבאַקומען פון זייערע אינסטרומענטן און העלדזער. ישראל, דער עלטסטער זון, האָט מיט התלהבות געהאָלפן דעם טאַטן אין זיין מלאכה. מיט דער צייט איז די משפּחה אָנערקענט געוואָרן אַלס באַגאַבטע מוזיקער און מען האָט געהאַלטן פאַר אַ כבוד און דערגרייכונג צו האָבן זיי אויף יידישע, ווי אויך נישט־יידישע שמחות. שפּעטער האָט ישראל זיך פאַרפולקאָמט אין אַ מוזי־קאַלישער שול און ווי נאָר מ׳האָט אין קוטנע געעפנט דאָס ערשטע קינאָ „מאָדערן״, איז ער געוואָרן דיריגענט פונעם אָרקעסטער, וועלכער האָט באַגלייט אַלץ וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן עקראַן. דאָס איז געשען אין יאָר 1909.

נאָך פּוילנס זעלבשטענדיקייט, ווען אין שטאָט איז אַנטשטאַ־נען דער קאָאָפּעראַטיוו פון קריסטלעכע און יידישע קינאָ־אייגנ־טימער, איז ישראל געשטאַנען בראש פון דער אָרגאַניזאַציע, אַ דאַנק זיין פיינער האַנדלונג און טאַקטישער באַנעמונג, שוין אָפּגערעדט פון דעם גרויסן מוזיקאַלישן טאַלאַנט. אין יאָר 1937 איז ער שטאַרק געווען טעטיק אויפן קינאָ־געביט אין קוטנע.

אין יענעם יאָר האָט מען אין שטאָט געוווּסט צו דערציילן, אַז ישראלס שוועסטער, רבקה, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אין ארץ־ישראל (איז היינט דאָ אין לאַנד), האָט אים געפרעגט בנוגע צוריקפאָרן קיין פּוילן, ווייל אַזוי האָט דער דאָקטאָר איר באַפוילן צוליב געזונטהייטס־טעמים. ישראל האָט געענטפערט דער שוועסטער, אַז „מיר אַליין מוזן פאַרלאָזן פּוילן, ווייל פאַר יידן איז עס געוואָרן אַ גהינום צוליבן אַנטיסעמיטיזם״. ער האָט מיט זיין משפּחה עמיגרירט קיין פראַנקרייך, וווּ ר׳האָט אין יאָר 1942 געטיילט דעם טראַגישן גורל פון די דעפּאָרטירטע יידן — צוזאַמען מיט זיין פרוי לאה און טאָכטער זאָשע.

זיין ייִנגערער ברודער, אברהם־יצחק, איז אויף אַ שוידער־לעכן אופן אומגעקומען אין קוטנע, ווי נאָר די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט. די רוצחים האָבן אים געכאַפּט, צוגעבונדן צום עק פון אַ פערד און אַזוי אים געשלעפּט איבער די קוטנער גאַסן, ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

די דריי שוועסטערס שיפרה, מירל און פערל זענען אומגע־קומען אין די גאַז־קאַמערן.

ע. ש. גבעתיים

☆ ☆ ☆

משפחתי

אבי מורי חנוך בר׳ יוסף מיזלס (המכונה ר׳ יוסף הגבאי), נאבק כל ימי חייו לפרנסת בני ביתו. איש ישר־דרך היה ונכון תמיד לסייע לזולתו במידת יכולתו. נפטר בי״א אדר תש״ב (1941) בגיטו לודז׳.

אמי רחל־לאה, בת ר׳ יצחק צבי מנחה, ניספתה במחנה ההשמדה אושביץ. היא היתה אם יהודיה נאמנה ומסורה, הדואגת תמיד לילדיה, בכל התנאים והמצבים.

אחותי הבכירה שרה־חנה נפטרה בארגנטינה ב־12.1.63. הניחה בעל, בן ובת.

יסקה אחותי ניספתה יחד עם אמא במחנה אושביץ.

מרים — נפטרה בגיטו לודז׳ בט׳ תמוז תש״ב (1942).

ר׳ יצחק צבי מנחה בן ר׳ דוד ז״ל

בעל חנות עורות היה, איש בעל יוזמה ומרץ. עם זאת היה מופת ביושרו ובהגינותו. מחסידי גור וגבאי בית־הכנסת, נדבן וגומל חסדים, ביתו בית מכובד היה ורבים היו ידידיו, ביניהם גם לייב אש, שלאחר זמן היה גם קרובו. ר׳ יצחק צבי נפטר בשנת 1917, בגיל שבעים שנה.

ת. נ. צ. ב. ה.

אשתו חיה־פריידה בת ר׳ גרשון ז״ל היתה עקרת־בית למופת ובת לוויתו הנאמנה של סבי ר׳ יצחק צבי. נפטרה בשנת 1923 בגיל 74.

ת. נ. צ. ב. ה.

ר׳ לייב בן משה אש ז״ל (המכונה משה גומבינער) ירד לאמריקה בשנת 1905. נשאר חסיד נאמן לחצר גור כל חייו. אחיו הסופר שלום אש סיפר לנו כי נוהג היה להביא לבדו העוף לשוחט כדי להיות בטוח בכשרות. כשנפטר העמידו החסידים משמר ע״י גופתו לבל יגע אדם בה, כך קידשוהו וכיבדוהו.

הוא נפטר בשנת 1931 בגיל 70.


מרת הינדה אשת ר׳ לייב לבית לחמן ז״ל חיה באמריקה משנת 1905, נפטרה בשנת 1959 בגיל 96.

משה מיזלס (טבעון)

בני קוטנה בבניין הארץ ובחזיתות ארץ־ישראל

הראשונים — והבאים בעקבותיהם

בין ראשוני העולים לארץ־ישראל, מבין בני קוטנה היה הרב הגאון זית רענן זצ״ל. הוא עלה ארצה בסוף המאה ה־19, התיישב בעיר העתיקה בירושלים וייסד שם ישיבה. את כל חיי מסר לחינוך תורני של נערי ישראל. הוא נפטר בירושלים והובא למנוחות בהר־הזיתים.



בני קוטנה ליד הכותל המערבי — לפני קום המדינה...

יעקב מאיר ולצמן ז״ל, עלה ארצה בעודו ילד קטן, גם הוא היה בין ראשוני העולים מקוטנה. התיישב בירושלים והיה קברן חברת קדישא. י.מ. ולצמן נהרג במאורעות בירושלים על־ידי פורעים ערביים.

עם העלייה השניה לארץ־ישראל הגיעו אליה שני האחים עזריאל יוסף אלברג ואליהו אליעזר מרדכי אלברג שהיה חבר „השומר״.

ד״ר אברהם גליקסמן, שהיה חבר מערכת ה„היינט״ הווארשאי עלה ארצה ב־1910. הסופר יששכר דב פרייר (בר־דרורא) אף הוא מבני קוטנה עלה בשנת 1910. היה מעורכי „דאר היום״ שהופיע בירושלים ושבועון התאחדות האיכרים „בוסתנאי״. נפטר בישראל.

בימי מלחמת העולם הראשונה עזבו רבים מבני קוטנה את עירם והחלו לנדוד על פני ארצות רבות, ורבים מהם הגיעו בסוף דרכם לארץ־ישראל. רבים מהבאים תקעו יתד בה והשתרשו בארץ, אך רבים, בשל קשיי הקליטה חזרו לקוטנה. יוצאי קוטנה שהש־



חלוצי קוטנה הראשונים


תקעו בארץ היו: לודואר, שכפי שמסופר בספר „תולדות הגנת תל־אביב״ (עמ׳ 35) נהרג יחד עם יוסף־חיים ברנר במאורעות 1921; הירש־יוסף פלוצקר; חיים־יונה אופנבך, שהיה בין ראשוני המתיישבים בעפולה; רויר, שהיה בין ראשוני המייסדים של רעננה. הוא נפטר ברעננה והניח משפחה ענפה.

עם גל העלייה השלישית הגיעו ארצה בני־קוטנה: שלמה־פרנץ וולנשטיין ואחיו יוסף ז״ל ואשתו גולדה (מבית קלמן). הם היו בין קבלניה הראשונים שבנו את בתי נווה־שלום בתל־אביב; אוסובסקי (אלי „דונדיק״) התישב בירושלים, והיה כורך ספרים, פעל רבות כדי לשחרר את בנו יעקב, שהיה אסיר פוליטי בימי סטאלין, ביקש בכל מאודו לעלות לארץ־ישראל (ר׳ מכתבו מבית־הכלא בעמ׳ 487). אוסובסקי האב, הצליח להעלות את שלוש בנותיו של הבן יעקב — הן נכדותיו. ב־1923 הגיעה ארצה משפחת אברהם קלינגבייל והשתקעה בתל־אביב בנווה־שלום. בארץ היו בני המשפחה הזאת קבלנים לשרברבות. ביתם שימש אכסניה ליוצאי קוטנה.

העלייה לארץ־ישראל לא היתה סוגה בשושנים. מספר משה לוסטיגמאן, שעלה ארצה ב־1924, יחד עם מנחם קולסקי, כי בהגיעו לגבול רומניה, הוא נאסר ע״י המשטרה הרומנית. מבית־הסוהר הוא פנה לרב יהודה יצחק טרונק זצ״ל בבקשת מכתב המלצה לשם קבלת סרטיפיקאט, כי הרי בלי סרטיפיקאט אי־אפשר היה להיכנס לארץ־ישראל. הרב טרונק ז״ל נענה לבקשתו ונתן לו מכתב־המלצה אל הרב מצ׳רנוביץ. הודות לטיפולו של הרב מצ׳ר־נוביץ, הוא שוחרר מכלאו, קיבל סרטיפיקאט ועלה ארצה. בארץ נפגש עם יוצאי קוטנה אחרים, ביניהם: הירשל פדר, שייע




בני קוטנה בירושלים ב־1925, בתחפושות־פורים



תעודת שיחרור מבית־הס:הר ברומניה

יצחק יהודה טראנק
רב ואב"ד



המלצת הרב טרונק לשחרר מהכלא את משה לוסטיגמן

שפייער, פרופס ושמואל וינגארט, שהיה חבר בקיבוץ גבעת־השלשה, קלינגבייל, בנווה־שלום ועוד.

יוצאי קוטנה עבדו אז בעבודות שהיו אופייניות לארץ־ישראל: בבניין, בכבישים, בפרדסים וכד׳. עבדו — כשהעבודה היתה מצוייה, אך לא תמיד היה המצב משביע־רצון. הישוב — ויוצאי קוטנה בתוכם — ידע תקופות ממושכות של חוסר־עבודה, והחלה נדידה ממקום למקום, מיישוב ליישוב לחפש עבודה. מ. לוסטיגמאן מוסיף ומספר על התקופה ההיא: „כשהורע מצב העבודה עברנו אני, ווינגראט לירושלים. שם הוקמה יחד עם יוצאי לנצ׳יץ הקבוצה הקוטנאית. מיוצאי־קוטנה היו בה: חיים אלבוים ז״ל, שמואל־לייב וינגרט, שייע שפייר, מנחם קולסקי ואני. מיוצאי־לנצ׳יץ — יצחק סנירודין וצבי רבינוביץ. סללנו אז את הכבישים בשכונות בית־הכרם ובית־וגן בירושלים. כאן פגשנו את יעקב־מאיר וולצמן שהצטרף אלינו כשכיר־יום. אף־כי היה חרדי מופלג, קיבל על עצמו כל עבודה פיזית קשה. הוא נהרג במאורעות תרצ״ו—תרצ״ט, בבקשו להציל יהודי מדי הפורעים הערביים. ימים קשים עברו עלינו, חיינו חיי קומונה ושכר־עבודתנו הכנסנו לקופה המשותפת של הקבוצה. לאחר שהקבוצה התפרקה הלך איש־איש לדרכו ולמזלו.

אולם היו שחזרו לקוטנה בשל קשיי הקליטה, ביניהם היו: י. למסקי, יואל שטיינפלד, ארבוז, אלברג ואחרים.

בשנות השלושים שוב החלו להגיע עולים לארץ־ישראל. מבין אנשי קוטנה הגיעו אז שילם לנדוי ז״ל, יהושע אפלאסט ז״ל, דב ביגלאייזן ז״ל, דניאל שפירא ז״ל, חיים זיידנור ז״ל, עזריאל שמעונוביץ, מנחם גבירצמן, ר׳ שלמה־אהרון אלברג ומשפחתו — נשיא הכבוד של ארגון יוצאי קוטנה בישראל, יעקב זיידנור, יהושע אלבוים, יחיאל פלץ, רויזמן, יחיאל ליפסקי ועוד. רבים מבני קוטנה התבלטו בתחומי חיים שונים בארץ, רבים מאוד התיישבו בקיבו־צים והקדישו חייהם לבניין הארץ. כזה היה נתן טיגר ז״ל. בימי „חומה ומגדל" עת הוקמו ישובים קיבוציים בין לילה, בתוך סביבה ערבית עויינת. אחדים מיוצאי קוטנה כשמחה פרומר, אברהם לוסטיגמאן, יחזקאל באגנו ומשה לוסטיגמאן, התגייסו לנוטרות (משטרת־עזר להגנת הישובים היהודים בימי מאורעות תרצ״ו נגד הפורעים הערביים). י. באגנו נפל בקרב עם הכנופיות הערביות. מקרושניביץ, יעקב קלינגבייל, לולק וינשטיין ואחרים השתתפו בהגנה על היישובים היהודיים. גם בתחום העסקנות המפלגתית, או במישור הכלל־הארצי התבלטו יוצאי קוטנה כמו יעקב ריפתין ושמחה בבה. כן רבה היתה תרומתם של אנשי קוטנה בתחום ה„הגנה", אצ״ל, לח״י, ולבסוף בצה״ל.

אך עוד קודם לכן, בימי מלחמת העולם השנייה, עם הקמת הבריגאדה היהודית בצבא הבריטי, התגייסו בני קוטנה למלחמה נגד מרצחי עמם — האויב הנאצי. ביניהם היו: אפשטיין, זאב רוסק, יעקב פרנבך, ורשבצ׳יק, נחמן פלץ ז״ל, מנדל ארדברג ועוד. הרב י. גיל (ליפשיץ), בספר בספרו על הבריגדה היהודית, דברים אלה על זאב רוסק ז״ל.

רוסק זאב ז״ל

(קטע מדף 299 מספר הבריגדה היהודית מקפיטן י. ליפשיץ)

„נפל ביום ח׳ בניסן תש״ה 19 במרס 1945 בשעת התקפת הגדוד השלישי לאור היום, שבה נלקחו השבויים הגרמנים הרא־שונים, קרבן חזית ראשון של החי״ל.

נולד בעיר קוטנה שבפולניה בשנת 1914, למד בישיבה ואחר כך בבית ספר של „המזרחי", משחר נעוריו נספח לתנועה הציונית והיה חבר פעיל בהסתדרות המזרחי בעירו, נכנס



מן המספרים הגרמניים הרשמיים מסתבר, כי ב־1 בינואר 1942 מנתה האוכלוסיה היהודית ב„קונסטנציה" 5,762 נפשות. במשך שמונה וחצי חדשים ניספו איפוא 842 נפשות, כמעט 13 אחוזים. אך המספר 5,762 נפשות יש לראותו כמוגזם, משום שלא כל מקרי המוות נרשמו בהודעות הפטירה. מספר מסויים של יהודים הצליח לברוח מהגיטו.[87] אך אין לקבוע את מספרם המדוייק.

קבורת המתים היתה משום בזיון המת. קרון אופים קטן שימש כעגלה. שני קברנים, עגלון ושוטר גרמני ליוו את המת בדרכו האחרונה. את הגוויות השליכו לתוך הקרון, שבגלל מספרם הרב אי אפשר היה לסוגרו. טלטולי העגלה גרמו להתנגשות הגופות זו בזו והראשים קפצו כלפי מעלה ככדורים.

ט. מועצת הזקנים ושרותי הסדר הציבורי

הרשימות הגרמניות הנ״ל מאפריל־יוני 1941 מציינות את שמות חברי מועצת הזקנים: ברנרד הולצמן (יו״ר), סנדר פאלץ (גזבר), יצחק קוביץ ופייביש אופטושינסקי (חברים). לא ידוע אם זה היה ההרכב המלא של המועצה.

על פעילות המועצה נמסר לנו ברשימות אלה מעט מאוד: שניים מבין חברי המועצה, סנדר פאלץ (ציוני) ויצחק קוביץ (אגודת ישראל), שמשו במוסדות הקהילה עוד לפני המלחמה. היו״ר הולצמן היה לפני המלחמה יו״ר אגודת הספורט „מכבי". שלא כשאר היהודים אשר נאלצו לענוד שני סרטים של מגן־דוד צהובים התפורים לחזה ולגב, ענדו חברי המועצה סרטים של כחול־לבן.

עיקר תפקידה של מועצת הזקנים צריך היה להיות, לפי כוונת השלטונות הגרמניים, מילויים המדויק של הצווים וההוראות. זה היה תפקידן של המועצות לפי הכרזת הגנרל גוברנמנט, שנתפרסמה ב־28 נובמבר 1939, ובדומה לכך בכל ההודעות הרשמיות והבלתי רשמיות של הנאצים.

ההוראות והצווים היו שונים. בדרך כלל הן הטילו על המועצות חובת מסירת רשימות סטטיסטיות מדויקות על מספר היהודים, התעסקותם, ומצבם הכלכלי; איסוף כספים, רהיטים, לבנים וכלי בית אח־ים בשביל המוסדות הצבאיים, האזרחיים והמשטרה; לספק את מספר העובדים הנדרש ולהכין רשימות של המסוגלים לצאת למחנות עבודה וכן מועמדים ל„העברה" („אוסזידלונג") וכו׳. אלה היו התביעות השיגרתיות ה„נורמאליות" כלפי המועצות. נוסף לכך תבעו מהן תביעות מיוחדות שהיו תלויות על פי רוב ברצונם, נטיותיהם, דמיונם ואפילו ב„חוש ההומור" של ראשי השלטון הגרמני במקומות השונים.

מלבד תפקידים עיקריים אלה, מלאו מועצות הזקנים פונקציות אחרות בעלות אופי פנימי: קנייה וחלוקה של האספקה, ארגון העזרה הסוציאלית (במקביל ל„עזרה העצמית היהודית" שהוקמה בספטמבר 1940), יצירת מקורות עבודה בגיטו ע״י הקמת בתי מלאכה שייצורם היה מיועד בעיקר בשביל הווהרמאכט, שמירת השקט, הסדר והנקיון הציבוריים. כן מלאו המועצות תפקידים מסוימים של משטרה ובית־משפט.

אין ספק שהגרמנים לא ראו את המועצות כמוסדות שתפקידם לארגן את חיי הגיטאות, כדי לחזק את כוח עמידתם בתנאים הקשים, אלא כמכשיר סיוע במדיניות ההשמדה שלהם. ואין זה מקרה, כי באגרתו המפורסמת של ריינהארד הידריך, מיום ה־21 בספטמבר 1939 כבר נרמז על „הפתרון הסופי" של היהודים באזורים הכבושים, מצוי בו סעיף מיוחד המוקדש ל„יודנראט" ועזרתו בריכוז האוכלוסיה היהודית ברובעים מיוחדים.

אילו היתה מועצת יהודים מציבה לפניה כמטרה פעילות לטובת אוכלוסית הגיטו, ודאי שהשלטונות הגרמנים לא היו משלימים עם קיומה אף לא יום אחד. ידועים מקרים של סילוק חברי מועצות ורציחתם משום שסרבו למלא את פקודות השלטון, או שנחשבו ע״י הגרמנים כמפריעים לביצוע תכניותיהם.

במצב זה נאלצו המועצות, — אם רק רצו לשמור על קיומם בהניחם שע״י כך עשויים הם לפחות להקל על סבלות תושבי הגיטו — לתמרן בין שתי „חזיתות" המנוגדות: הפנימית היהודית והחיצונית הנאצית. מובן מאליו כי תימרון כזה לא יכול היה להאריך ימים. זו היתה הליכה על חבל מתוח. „החזית" הנאצית היתה חזקה והיא אשר הכריעה וקבעה את מדיניותן של המועצות.

כל ימיהן עמדו המועצות בפני הברירה: למלא את פקודות הגרמנים, או להמרותן ולשאת בכל התוצאות הכרוכיות בכך לרבות חיסול גופני. ידועים מקרים בהם יו״ר המועצה או אחד מחבריה, לא יכלו להשלים עם התפקיד שהוטל עליהם, להיות מסייעים לנאצים ולא ראו מוצא אחר לעצמם אלא לברוח, או לאבד עצמם לדעת.

ובכן, שדה פעולתן של המועצות היה תחום מראש: סיוע בביצוע התכניות הנאציות. כל פעולותיהן האחרות של המועצות שנעשו בהסכמת השלטונות הגרמניים המפקחים — כגון — עזרה סוציאלית ופעילות כלכלית ותרבותית — נשאו אופי זמני שעיקר תכליתן היה להסוות מזימותיהם של הנאצים, והעלמת „הפתרון הסופי" אותו הכינו ליהודים („יכולים אתם לחיות בשקט בגיטו, שום סכנה אינה צפויה לכם", נוהגים היו השלטונות הגרמנים להבטיח לאנשי המועצות). עד ספטמבר 1941, עת החלו בביצוע ה„אנד־ציל", לא יכלו ה„יודנראטים" לדעת מה תפקיד איום צפוי להן. — אחדים מאנשי המועצות, אלה שהרחיקו ראות, יתכן כי יכלו לשער השערות.

ודברים אלה אמורים גם כלפי גיטו קוטנה. מועצת הזקנים של קוטנה העסיקה במשרדה מספר פקידים. בשנת 1940 שימש כמזכיר אחד בשם משה פלוגר. ב־1941 מוזכרים כפקידי המועצה

דוד והנריקה ארונוביץ, נטע קרייאר (מי שהיה שמש בית־הכנסת).

הסיפור הבא המובא מפיו של ניצול גיטו „קונסטנציה" מוסר עדות נאמנה על נוהגם של אחדים מבין פקידים אלה: בסכנת מוות הצליח בעל הסיפור לשחד את ראש המשמר הגרמני כדי שיניח לו להעביר אל הגיטו את רכושו שהיה מוסתר בדירתו הקודמת בעיר. אולם הפקידים היהודים של מה שכונה „משרד המכס" החרימו את הסחורה ותבעו סכומים כה עצומים תמורת שיחרורה, עד שבעל הסחורה העדיף לוותר עליה ולהשאירה בידיהם של סחטנים אלה.[90] אותו „משרד מכס" מתואר בעדות זו כמי שהטיל מסים וסחט מן החיים ומן המתים. ודאי שיש להתיחס בזהירות אל תאור שלילי זה של משרד שמתפקידו היה למצוא אמצעים בשביל הצרכים הכלליים של הגיטו, אך אין כל ספק, כי באווירה המיוחדת ששררה בגיטו, שעה שכל אחד ואחד, נאבק יום־יום על קיומו הגופני והצלתו, נתרבו מעשי האונאה והעוול לגבי יחידים.[91]



אסיר־מחנה פלוטקין • לאַגער־אינטערנירטער פלאָטקין

ליד מועצת הזקנים היה קיים גם בית־משפט יהודי שבסמכותו היתה גם הטלת עונשי מאסר. ברשימה אחת המצויה בידינו על אותו בית־משפט מתואר היו"ר כאיש הגון ונמרץ,[92] אך שמו לא נמסר.

עוד פחות מכך מוסרים המקורות שבידינו על המשטרה היהודית בגיטו קוטנה. לא היו לה מדים וכל נשקה היו אך אלות. עדות אחת מתארת את התנהגותה של המשטרה „כנתעבת".[93] אחר מספר: „התנהגות המשטרה ראויה לגינוי, כאשר קיבל אדם רשיון יציאה (מהגיטו) נאלץ עוד לפדות עצמו אצל המשטרה".[94]

במיסמכים מוזכרים שמות השוטרים היהודים האלה: פראנקנשטיק, גורקר (אחד הפקידים היהודים הוותיקים בעירייה של קוטנה). בסיום ה„אקציה" השאירו הגרמנים 40 יהודים כדי שינקו את המחנה. בין אלה היו ודאי כמה שוטרים. בין האחרים נמנים: הלמן, פראשקר, מנדל וארשבצ'יק, קירשטיק, צלמנסקי, פרנקנשטיין וכן'[95] אין לדעת בבירור אם כל הנ"ל השתייכו למשטרה היהודית, אולם ידוע, כי הגורל שפקד את יהודי קוטנה לא פסח אף על המשטרה היהודית.

י. מבצע הגירוש לחלמנו

הגיע החורף של 1941—1942. בגיטו שורר רעב, קור, יגון ויאוש. אך הגרוע מכל הן השמועות שהחלו פושטות בגיטו הסגור לחלוטין, שקשה היה להאמין באמיתותן. נפוצו ידיעות על ה„אוסיזדלונג" בקהילות הסמוכות — קולו, קלודובה, בוגאי סומפולנו ואחרות. קהילות אלה חוסלו בין ה־7 בדצמבר 1941 לפברואר 1942. ב־8 בדצמבר 1941 הופעל מחנה ההשמדה בחלמנו (14 ק"מ מקולו).

ההחלטה על חיסולם הגופני של התושבים היהודים ב„וארטאלנד" נתקבלה לא מאוחר מאוקטובר 1941, שכן כבר בחודשים אוקטובר־נובמבר של אותה שנה נעשו ההכנות להקים את המחנה בחלמנו. ב־2 לינואר 1942 פרסם מושל ה„וארטאלנד" את ההודעה על „טיהור" האזור מיהודים („אנטיודונג").[96]

המבצע החל במחוז קונין בסוף ספטמבר, או בתחילת אוקטובר 1941 וכל האוכלוסיה היהודית במחוז זה (3000 נפשות) רוכזה בזאגורובה, עיירה סמוכה לקונין. כל יהודי נבדק בדיקה רפואית ונדרש לשלם עבורה מס גולגולת בסך של 4 רייכסמרק. כביכול הבדיקה הרפואית — של גברים מגיל 14 עד 60 ונשים עד 50 היתה צריכה לוודא את כושר עבודתם. לאחר מזה הוחל ב„אויסזידלונג" — „העברה". לאנשים נאמר, כי הם מוסעים במשאיות לקולו ומשם ברכבת ללודז'. הם נדחסו 60 איש למכונית משא והוסעו ליערות קזימייז'וב ושם הושמדו.

פולני שהיה אסור בידי הס.ס. והובא יחד עם שניים אחרים כדי לקבור את המתים ולמיין את בגדיהם סיפר, כי יהודים הושלכו חיים לבורות מלאים סיד לא כבוי וזרם מים ניתז עליהם ברציפות. באותו זמן הובאו במכוניות גופותיהם של יהודים חנוקים בגאז שאף הם נקברו שם.

זה היה השלב הפרימיטיבי „הגס", מבחינה טכנית. לאחר הפעלת מחנה חלמנו „שוכללה" מלאכת ההשמדה ונעשתה בקצב דוהר.

בתחילת מרס 1942 עבר על הפרובינציה הגל השני החזק יותר של ההשמדה שנמשך עד הסוף. ב־2 וב־3 במארס חוסלו הגיטאות בשתי העיירות הקרובות בקרושנייביץ וז'יכלין והגל התקרב לשערי הגיטו של קוטנה. ב־23 למרס התחיל המבצע שם והוא נמשך עד אמצע אפריל. הכל פעל באורח שיטתי. כל יום מוסעים לפי הא"ב 300—400 יהודים במשאיות בכיוון לקולו. גם כאן תבעו מהקרבנות לשלם תחילה את מס הגולגולת שבינתיים עלה מחירו והגיע ל־10־12 ר"מ.

את חברי מועצת הזקנים חיסלו ביריות בו במקום. לפי נוסח אחד נדרש ראש המועצה להביא כוס מים ובעוד הוא ממלא את הפקודה, ירו בו מעשה בגידה מאחור. חיסולם של היתר נעשה מחוץ לשטח הגיטו, כנראה בבית הקברות היהודי. המשטרה היהודית היתה האחרונה בתור החיסול.

לאחר מזה הובאו מגיטו לודז' 40 יהודים כדי לנקות את הגיטו ולמיין את הרכוש הנותר. אותה פלוגת ניקוי („אויפרוימונג־קומאנדו") שהתה בשטח הגיטו עד ספטמבר, היינו כמחצית שנה. כשסיימו עמדו להחזירם ללודז'. אך הנה התחבא אחד מהם — קיווה שיוכל אח"כ להימלט. כעונש על כך נאלצה כל הפלוגה לעבור דרך שורה של קלגסי ס.ס. מזויינים באלות כבדות. כמה מהם נפלו במקום ואת יתרם נאלצו להשליך לתוך המכוניות, משום שלא יכלו לעמוד על רגליהם. לאחר צאת פלוגת הניקוי נערכה ע"י ה־ס.ס. בדיקה יסודית בחפשם מקומות מחבוא אפשריים בגיטו. אחריהם חזרו וחיפשו שלטונות העיר והמשטרה. לאחר כל זאת נמסר כל השטח לעיר בתור מחסנים.

הדבר הראשון בו נתקלו התושבים הפולנים עם כניסתם ל„קונסטנציה" היו כלי־בית מפוזרים, לבנים ובגדים ישנים וערמות רבות של נייר וספרים וכן בורות פתוחים. זהו כל מה שנשאר משש אלפי היהודים בערך שהובלו לחלמנו.

המכוניות על מטענן האנושי הוסעו עד לבנין ששימש לפני מלחמת העולם הראשונה כארמון של פריץ, ומאז חדלו לגור בו בכלל. אחד מן ה„זודנר קומאנדו" של קולמהוף (השם הגרמני של חלמנו) נשא נאום בפני הבאים בו, הבטיח להם כי יישלחו לעבודה למזרח, שם ינהגו בהם יפה ויספקו להם מזון. לפני הנסיעה — כך אמר — חייבים הם רק להתרחץ ולמסור את בגדיהם לחטוי. לא פעם קרה כי בסופו של הנאום היו הקרבנות המרומים פורצים בתשואות — הנואם היה גרמני זקן ודבריו עוררו אמון.

את המשלוח שכרגיל היה בן 100—150 נפש היו מכניסים לאולם בקומה הראשונה, שם ציוו עליהם להתפשט ולהשאיר את בגדיהם מסודרים („הרי יהיו זקוקים להם אח״כ״). הקרבנות שנשארו בבגדיהם התחתונים הובלו מהאולם דרך פרוזדור שעל קירותיו היו כתבות: „אל הרופא״, „אל המרחץ״; בקצה הפרוזדור הסבירו לאנשים כי יובלו במכונית אל מקום הרחצה. צמוד לדלת היציאה חיכתה להם מכונית מכוסה שדלתותיה פונות אל פתח הפרוזדור. מכאן עלו במדרגות עשויות לכך אל המכונית. אך כבר בדרך אל המכונית חלפה חיש מהר כל אותה אווירה רגועה. בצעקות ומכות האיצו השוטרים המרובים בקרבנותיהם להיכנס למכונית חיש מהר וכך שיתקו כל רפלקס של התנגדות. מיד לאחר שהמכונית בלעה את קרבנותיה נסגרו הדלתות באורח הרמטי והמנוע הופעל. צנור שהותקן במיוחד הוביל את הגז שזרם מהמנוע אל המכונית הסגורה. תחילה נשמעו זעקות של יאוש ודפיקות בקורות המכונית אך כבר לאחר 4 או 3 דקות או יותר (בהתאם לעצמת הזרימה) השתררה דממה. את הגופות הובילו ליער ז׳וכוב שנמצא במרחק של ארבעה קילומטר, שם הוציאו אותן מהמכונית וערכו בהן חיפוש, שמא הסתירו חפצים יקרים. עקרו שיני זהב, תלשו טבעות מעל אצבעות הידיים. עד אביב 1942 הטמינו את הגופות החנוקות בקברי־המונים ואז בנו שני בתי משרפות. מאוחר יותר הוציאו את המתים מהקברות ושרפו את הגוויות, כדי למחות כל עקבות של מעשיהם.

בינתיים היה מגיע אל המחנה, שנוקה מקורבנותיו הקודמים, משלוח חדש וחוזר חלילה. כך נחנקו בגאז קרוב לאלף נפש ליום. זקנים וילדים נרצחו במקרים רבים עוד קודם לכן ע״י קלגסי הס.ס. בכל מיני מיתות סאדיסטיות.

נוסף על ה„זונדר קומאנדו״ שמנה כמאה איש, הועסקו במחנה עוד כשבעים פועלים יהודים. את הנחלשים היו הגרמנים הורגים וטומנים בקברים מוכנים ובמקומם העסיקו יהודים אחרים שבחרו מתוך המשלוחים. הפועלים היהודים הוכרחו להוציא את הגופות מתוך המכוניות, לבדוק אותם ולהטמינם בקברים המוכנים או לשרפם במשרפות. הפועלים חולקו ל„האוזקומאנדו״, שהועסק במחנה עצמו בשרות אנשי ה־ס.ס. ול„וואלדקומאנדו״ שעבד ביער. לא אחת אירע שאותם אסירים יהודים מצאו בתוך הקרבנות את קרוביהם. הם עבדו כשרגליהם כבולות ושוכנו במרתף תחת משמר חזק. המזון שחולק להם היה מחבילותיהם של הקרבנות.

אין לתאר את עומק יאושם של אותם „קברנים״ המעונים בגופם ובנפשם. שלושה מהם הצליחו לברוח ואף להינצל והם חיים כיום בישראל. אחרוני היהודים מן ה„וואלד קומנדו״ נורו ב־17 בינואר 1945, בעת חיסולו הסופי של מחנה חלמנו. רק אחד מהם שהיה פצוע קשה הצליח להמלט.[97]

בין עבדי המוות במחנה חלמנו היו גם יהודים מקוטנה, על כך נודע לנו מן הצוואה שנמצאה אחרי המלחמה בתוך מכונת תפירה בלודז׳, כפי הנראה הטמינו אותה חייטים מן „האוזקומאנדו״.

הצוואה נחתמה ע״י שנים־עשר אנשים, ביניהם שלושה מקוטנה: יוסף הרשקוביץ, משה פלוצקר ופייבל פלוצקר. כיוון שזוהי הידיעה האחרונה מגיטו קוטנה, אנו מביאים אותה במלואה:

— — „אלה הם היהודים האחרונים שעבדו אצל הגסטאפו ב(חלמנו) הנמצאת בין דומביה לקולו. אלה הם הימים האחרונים של חיינו. אנו משאירים, איפוא, זכר אחרינו, כי יתכן שמצויים עוד קרובים או מכרים של אנשים אלה. תדעו איפוא (כי) כל היהודים שנשלחו מליצמנשטדט הושמדו באורח מאוס ביותר. הם עונו ונשרפו. היו בריאים, אם תשארו בחיים, נקמו את נקמתנו.

אלה הם היהודים אשר עבדו במחנה המוות בקולמהוף (חלמנו) בין קולו ודומביה.

על התעודה חתומות שתים־עשרה חתימות. נוסף לשמות שלושת היהודים מקוטנה מוצאים אנו ארבעה מלנצ׳יץ. אחד מלודז׳ אחד מגראבוב, מסאניקי, מלוטומירסק ואחד מטורק.



גירוש יהודי קוטנה לגיטו קונסטנציה

אויסזידלונג אין געטאָ קאָנסטאַנציע



הגירוש — די אויסזידלונג

אונטערגאנג פון דער יידישער קוטנע

ישעיה טרונק
ניו־יארק

אינהאַלט:

1. פון אויסברוך פון קריג ביז דעם גירוש אין געטאָ (16.6.1940—1.9.1939)

קוטנע האָט זיך געפונען אויף דער וויכטיקער קאָמוניקאַציע־ליניע פּויזן—וואַרשע און אין מיטן פון שווערע קאַמפן, וואָס די אָפּטרעטנדיקע פּוילישע אַרמיי האָט געפירט מיט די דייטשע מאָטאָריזירטע האָרדעס פון 13טן ביזן 17טן סעפּטעמבער 1939. באַלד דעם ערשטן טאָג פון קריג, דעם 1טן סעפּטעמבער אין דער פרי, איז באָמבאַרדירט געוואָרן די באַנסטאַציע, ווו עס זענען געווען פאַרזאַמלט רעקרוטן צום אָפּפאָרן. דעם טאָג זענען געפאַלן ביי 120 הרוגים און 200 פאַרוווּנדעטע. צו מאָרגנס איז באָמבאַרדירט געוואָרן אַ ציווילער צוג און אין רעזולטאַט — אַ גרויסע צאָל הרוגים און פאַרוווּנדעטע.[1]

די שטאָט גופא האָט בכלל פון די לופט־אַטאַקעס ווייניק געליטן — בסך־הכל זענען חרוב געוואָרן 5 יידישע הייזער, ווו עס זענען אומגעקומען 16—18 יידן.[2] די שטאָט איז אָבער געווען פול מיט פאַרוווּנדעטע ציווילע און מיליטער־לייט. זיי האָבן פאַרפולט נישט נאָר אַלע שפּיטעלער, נאָר אויך די שול, דעם בית־המדרש און אפילו — פיל פּריוואַטע וווינונגען. די פאַרוווּנדעטע האָבן זיך געפונען אין שרעקלעכע באַדינגונגען, אָן מעדיצינישער הילף, באַשפּייזונג און מעדיקאַמענטן.[3]

אין די טעג פון 13טן—17טן סעפּטעמבער, האָבן זיך אַרום קוטנע געפירט פאַרביסענע שלאַכטן — די אָפּטרעטנדיקע פּוילישע אַרמיי האָט דאָ געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד און פאַרשאַפט דעם קעגנער באַדייטנדיקע פאַרלוסטן... אָבער דער אויסגאַנג פון דייטש־פּוילישן קריג איז שוין געווען אַ געחתמעטער. שבת דעם 16טן סעפּטעמבער, שבת־תשובה, זענען די דייטשן אַריין אין שטאָט. יידן זענען דעם טאָג נישט אַרויסגעגאַנגען און געזעסן פאַרהעמערט אין שטוב. דעם זעלביקן טאָג האָבן די דייטשן ארויסגעיאָגט אַלע מענער — יידן און קריסטן — אין מאַרק. מען האָט געפרעגט אויף געווער, אָבער מ'האָט ביי אַלע צוגענומען אפילו מעסערלעך און שערלעך. אין שרעק זענען אַלע אַזוי געשטאַנען אַ פּאָר שעה, ביז עס איז אָנגעקומען אַ דייטשער אָפיציר און האָט אין פּויליש אַלע אויפגעפאָדערט אָפּצוגעבן דאָס געווער, דראָענדיק אין קעגנפאַל מיט טויט־שטראָף.[4]

אין דריי טעג אַרום, דעם 19טן, האָט די דייטשע מיליטער־מאַכט אדורכגעפירט אַ גענעראַלע אָבלאַווע צווישן יידן. עס איז

פֿאַרהאַלטן געוואָרן אויך אַ געוויסע צאָל פּאָליאַקן. דעם גאַנצן עולם האָט מען פֿאַרזאַמלט אין דער קירך און אין אַ קינאָ־זאַל און נאָך אָפּהאַלטן דאָרט אַ גאַנצע נאַכט, בעת וועלכער מען האָט קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט, אפילו צו דערליידיקן פּיזיאָלאָגישע געברויכן, האָט מען צו מאָרגנס אין דער פֿרי צוגעטיילט די יידן צו פֿאַרשיידענע צוואַנגס־אַרבעטן. אַ גרופּע פֿון 200 פּערזאָן איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַ ציווילן געפֿאַנגען־לאַגער אין לענטשיץ, וווּ מען האָט אַלעמען נומערירט, דערביי שטאַרק געשלאָגן, געפּייניקט מיט שווערער אַרבעט און לגמרי נישט געגעבן צו עסן. נאָך אָפּזיין דאָרט 4 טעג, זיינען זיי צוריקגעשיקט געוואָרן אַ היים.[5]

אין נאָוועמבער איז דערשינען אַ פֿאַראָרדענונג פֿון דער דייטשער מאַכט, אַז יידן מוזן טראָגן אַ געלן באַנד אויפֿן אָרעם. דער געלער באַנד ווערט דערנאָך פֿאַרביטן אויף אַן אויסגעשניטענעם געלן „מגן־דוד", בכדי סוף אַפּריל 1940 אויסגעטוישט צו ווערן אויף אַ פֿולן „מגן־דוד" (10 צמ' די גרויס), וועלכן מען האָט געמוזט טראָגן אויף דער ברוסט און אנטקעגנאיבער אויף דער פּלייצע; אין דעם זעלביקן חודש — אַ פֿאַראָרדענונג אַז יידן טאָרן זיך נישט באַווייזן אויף דער גאַס נאָך 6 אָוונט,[6] (פּאָליאַקן נאָך 8), טאָרן נישט גיין אויפֿן טראָטואַר.[7] אויך די שחיטה איז פֿאַרבאָטן געוואָרן.[8]

אויפֿן באַפֿעל פֿון דער דייטשער פּאָליציי־מאַכט, האָט דער פּוילישער בירגערמייסטער איינגעשטעלט אַ ביוראָ ספּעציעל פֿאַר רעקוויזיציע־צוועקן. די מאַכט האָט פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל רעקווירירן אויך ביי קריסטן, אָבער למעשה האָט מען קאָנפֿיסקירט בלויז ביי יידן.[9]

די יידישע באַפֿעלקערונג איז געווען כסדר אויסגעשטעלט אויף כלערליי נגישות און טעראָר־אַקטן, אָנהייבנדיק פֿון כאַפּן אויף צוואַנגס־אַרבעט און ענדיקנדיק מיט געוויינלעכע אַקטן פֿון רויב און מאָרד. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין סאַדיזם און בעסטיאַלישקייט דער שעף פֿון דער אָרטיקער געסטאַפּאָ, שטאַדיע, וועמען די יידן האָבן גערופֿן „גנעיעק". אָדער „נחום" („נאָך אים"). ביי זיין באַווייזן זיך אין גאַס, פֿלעגט ביי יידן אויסברעכן אַ בהלה. ער פֿלעגט אַריינפֿאַלן אין יידישע הייזער און שמייסן מיידלעך, וועלכע ער האָט געצוווּנגען זיך אויסצוטאָן נאַקעט, ביז חלשות. אויס מורא פֿאַר אים פֿלעגט מען שפּרינגען דורך די פֿענצטער און ברעכן הענט און פֿיס.[10] ער האָט געאַרבעט מיט פֿאַנטאַזיע און דערפֿינדערישקייט. די נאָמינירטע מיטגלידער פֿון עלטעסטן־ראַט [11] פֿלעגט ער אויפֿנעמען, האַלבנדיק ליגן אַ רעוואָלווער אויפֿן טיש. פֿלעגט האַלטן פֿאַר זיי רעדעס וועגן זיין אויפֿגאַבע צו מאַכן די יידן מער איראָפּעיש. דער ראַט האָט געמוזט אויסרעמאָנטירן פֿאַר אים אַ קאָמפֿאָרטפֿולע וווינונג, וואָס די הוצאות האָבן באַטראָפֿן 15 טויזנט זלאָטעס. ער פֿלעגט שיקן אין דער קהילה פּוילישע מיידלעך מיט דער פֿאָדערונג זיי צו באַקליידן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט פֿאַר אים, האָט ער געשלאָגן מכות־רצח. זיין געהילף, אַ פֿאָלקס־דייטש, האָט דער ראַט געמוזט צאָלן אַ רעגולערע חודש־פּענסיע. איין מאָל האָט ער געהייסן ברענגען צו זיך אַ ספֿר־תורה, פֿלעגט אָפּט אַדורכפּירן רויב־רעוויזיעס אאַז"וו.[12]

„גנעיעק" איז נישט געווען קיין יחיד. מען האָט אים געהאָלפֿן פֿון אַלע זייטן. פֿון דער מצווה צו טרייבן ברוטאַלן חוזק איבער דער שוצלאָזער יידישער באַפֿעלקערונג, זענען נישט אָפּגעשטאַנען אויך אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון דער דייטשער מאַכט.

אַנומלט זענען איניקע מיליטער־לייט געקומען אין בית־המדרש און מיט רעוואָלווערן אַרויסגעטריבן די אָנגעטראָפֿענע מתפּללים אויפֿן מאַרק. דאָרט האָט מען זיי געצוווּנגען צוזאַמענצונעמען מיט די בלויזע הענט דאָס פֿערדישע מיסט און דערביי אַכזריותדיק געשלאָגן.[13]

דעם 11טן נאָוועמבער [14] זענען פֿאָרגעקומען צאָלרייכע אַרעסטן פֿון געוועזענע געזעלשאַפֿטלעכע טוערס, אַזוי יידן ווי פּאָליאַקן. מען האָט זיי געהאַלטן אין תּפֿיסה ביז ענדע דעצעמבער, ווו מען האָט זיך צו זיי — לויט ווי עס שטעלט פֿעסט איין עדות — זייער קאָרעקט באַצויגן.[15]

אין דעצעמבער איז געשאַפֿן געוואָרן ביים עלטעסטן־ראַט אַ יידישער אַרבעטס־אָפּטייל און עס האָט גענומען אַ סוף צו דעם ווילדן געיעג אויף מענטשן, וועלכע מען האָט געכאַפּט אויף אַרבעט. די גאַנצע יידישע מענערישע באַפֿעלקערונג, אין עלטער פֿון 14 ביז 60 יאָר, האָט געמוזט צוויי מאָל אַ וואָך גיין צו דער אַרבעט אויף דייטשע אַרבעטס־שטעלעס, ווו דער רעזשים איז געווען זייער אַ שטרענגער. ביי דער אַרבעט פֿלעגט מען שלאָגן מכות־רצח.[16] דעם 15טן יאַנואַר 1940 איז אַרויס אַ באַפֿעל, אַז יידישע פֿרויען אין עלטער פֿון 18 ביז 23 יאָר מוזן צוויי מאָל אַ וואָך גיין צו דער אַרבעט. „מען האָט דאָרט מיט זיי געמאַכט פֿאַרשידענע מאַנעוורעס".[17]

אין קעגנזאַץ צו דער דערדריקנדיקער מאָראַלישער אַטמאָספֿער, איז די עקאָנאָמישע לאַגע געווען אַ דערטרעגלעכע, מען קאָן זאָגן אַ גאַנץ נישקשהדיקע. אַחוץ אַ פּאָר ספּאָראַדישע פֿאַלן פֿון רעקווירירן יידישע געשעפֿטן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ווי מילן,[18] האָט מען דעם יידישן האַנדל נישט געטשעפּעט און קיין קאָמיסאַרן, די א"ג „טרויהענדער", נישט אַריינגעזעצט. יידן האָבן ווי פֿריער אויסגעקויפֿט גילטיקע פּאַטענטן אין פּוילישן מאַגיסטראַט, שפּעטער ביי דער דייטשער מאַכט, און געפֿירט אַ לעבהאַפֿטיקן האַנדל ביזן גיין אין געטאָ.[19] עס האָט זיך אַפֿילו פֿאַרן האַנדל געשאַפֿן אַ גינסטיקע קאָניונקטור און דאָס צוליב דעם ווייטערדיקן אומשטאַנד: נאָך דעם ווי די פּוילישע מערב־געביטן זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין דייטשן רייך,[20] האָט זיך קוטנע געפֿונען אויף דעם גרענעץ־פּאַס צווישן דעם רייך און דער גענעראַל־גובערניע און עס האָט זיך דאָרט צעבליט דער אומלעגאַלער שמוגל פֿון סחורות צווישן ביידע פּראָווינצן. „מען האָט געמאַכט גלענצנדיקע געשעפֿטן" — דריקט זיך אויס איין מקור.[21] חוץ דעם האָט דאָס דייטשע מיליטער אַ סך געגעבן צו לייזן, צאָלנדיק די געפֿאָדערטע פּרייזן. קוטנע האָט אין דער געגנט באַקומען אַ שם פֿון אַ גוטער שטאָט, פֿון אַן „אָאַזיס פֿון רו און וווילשטאַנד פֿאַר יידן".[22]

אָנהייבנדיק פֿון פֿעברואַר 1940, האָט זיך די לאַגע פֿאַרערגערט. קודם־כל האָט זיך די מאַכט גענומען צו די פּליטים, וואָס האָבן זיך אין אַ גרויסער צאָל אָפּגעשטעלט אין קוטנע.

דער אַריינמאַרש פֿון די דייטשן און די ערשטע גרויזאַמע פֿאַרפֿאָלגונגען, רופֿן אַרויס ביי דער יידישער באַפֿעלקערונג אַ שרעקלעכע פּאַניק און מהומה. באַלד אין די ערשטע וואָכן פֿון דייטשן אַריינמאַרש קיין פּוילן, זענען אָדורכגעפֿירט געוואָרן גירושים פֿון אַ גאַנצער ריי יידישע קהילות אין פּויזנער און פּאָמערנער וואָיעוואָדשאַפֿטן. אַ ריזיקע מענטשן־כוואַליע האָט פֿאַרפֿלייצט די פּראָנט־געביטן. מען לויפֿט. מען איז געלאָפֿן פֿון דער פֿראָנט־ליניע אין די שטעט, וואָס זענען געלעגן נאָענט צום צענטער. מען איז געלאָפֿן פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער, פֿון די קלענערע אין די גרעסערע און פֿאַרקערט. קיין וואַרשע, אין דער גענעראַל־גובערניע און קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד; פֿון איין אָרט, ווו די פֿאַרפֿאָלגונגען האָבן באַלד אָנגענומען דראַסטישע פֿאָרמען, אין אַ צווייט אָרט, ווו דער רעזשים האָט נישט באַלד געוויזן זיינע חיהשע נעגל. אַ טייל פֿון דער איינגעזעסענער באַפֿעלקערונג איז אַרויס און אויף איר אָרט האָבן זיך באַוויזן פֿרעמדע פֿון אַנדערע שטעט.

נאַטירלעך, האָט אויך די דאָזיקע מיגראַציע־כוואַליע, וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט גאַנץ פּוילן, נישט אויסגעמיטן קוטנע. אויך פֿון קוטנע איז מען געלאָפֿן אין דער גענעראַל־גובערניע, קיין סקערניעוויץ, וואַרשע וכדומה. די יוגנט איז על־פּי־רוב אַנטלאָפֿן קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

אָבער קוטנע האָט אויך, פאַרקערט, אויפגענומען אַ ריזיקע כוואַליע פון פּליטים פון אַ גרויסער צאָל אַנדערע שטעט. צוו"אַנד איז די סיבה פון דעם געווען דער פאַקט, אַז דער היטלערישער רעזשים האָט דאָ נישט תיכף אָנגענומען אַזעלכע ברוטאַלע פאָרמען ווי, למשל, אין שכנותדיקן וולאָצלאַוועק, ווו שוין אין אַ וואָך נאָכן אַריינמאַרש, אין דער נאַכט פון יום־כּיפּור, האָבן די דייטשן אַדורכגעפירט אַ מאַסן־הריגה און אין אַ פּאָר טעג אַרום, דעם 24סטן סעפּטעמבער, אונטערגעצונדן ביידע שולן.[23] צוליב דעם, משמעות, האָט זיך אין קוטנע אָפּגעשטעלט אַ גרעסערע צאָל פרעמדע יידן.

פאַר דער דאָזיקער פראַגע באַזיצן מיר סטאַטיסטישע ידיעות פון סוף 1940 און פון אַ שפּעטערדיקער צייט, נעמלעך, פון מיטן אַפּריל 1941, נאָך דעם ווי דאָס געטאָ האָט שוין עקזיסטירט כמעט אַ גאַנץ יאָר, און נאָך דעם ווי אַ גרויסער טייל פון די פּליטים האָט שוין באַוויזן, צוליב דער פאַראָרדענונג פון דער דייטשער מאַכט, צו פאַרלאָזן די שטאָט. מען דאַרף דעריבער אָננעמען, אַז די צאָל פּליטים איז ביז דעם גירוש (1940.2.10) געווען אַ סך אַ גרעסערע.[24] אין אַ סטאַטיסטישער רשימה פון יי.ס.ס. (יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף), נומ' 25 פון סוף 1940, איז פאַרן קוטנער געטאָ אָנגעגעבן 7000 איינוווינערס, צווישן זיי 1415 פרעמדע, ד"ה 22.1%. אַ געוויסע צאָל פּליטים זענען צוריק אויסגעוואַנדערט אין זייערע היימשטעט (למשל, קיין וולאָצלאַוועק). דער ראַט האָט זיך באַמיט וועגן פּאַסאַזשיר־שיינען פאַר די פּליטים, וואָס האָבן באַשלאָסן צוריקצוקערן זיך אין זייערע היימישע געטאָס (דאָרט, ז' 48).

לויט דער אויפגעהיטער רשימה פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין קוטנער געטאָ פון אַפּריל 1941,[25] זענען אויף 6604 נפשות נאָר געווען 1340 פּליטים, ד"ה 20.3%, דהיינו: 281 פון וולאָצלאַוועק, 102 פון אַלעקסאַנדראָוו־קויאַווסק, 121 פון לאָדזש, 108 פון קאַליש, 83 פון טשעכאָטשינעק, 65 פון דאָברין, 62 פון וואַרשע, 55 פון טורין, 38 פון לובין, 21 פון בידגאָשטש, 45 פון ליפּנע, 44 פון פּיאָנטקע, 19 פון שכנותדיקן קרושניעביץ און גאָמבין, 18 פון דאַנציג, 6 פון טשענסטאָכאָוו, צו 4 פון שעפּס, לוקאָוו און ביאַליסטאָק, 1 פון גראָדנע, 8 פון גרודזשאָנדז, 4 פון לעמבערג, 2 פון פּויזן, און אַפילו 3 יידן פון בערלין, ברעסלוי און נירנבערג (מסתמא פאַרטריבענע נאָך פון אָקטאָבער 1938) און פון אַ גאַנצער ריי אַנדערע קלענערע און גרעסערע ישובים (דערפער איינגעשלאָסן).[26]

מיר האָבן בכיוון געבראַכט די דאָזיקע גענויע רשימה פון פרעמדע יידן אין קוטנער געטאָ, בכדי צו ווייזן דעם ריזיקן ראַדיוס פון דער מיגראַציע־כוואַליע, וואָס האָט אין דעם ערשטן יאָר פון דער היטלער־אָקופּאַציע אַרומגעכאַפּט די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן. קוטנע האָט אין דעם פּרט געהאַט אַ ספּעציעלן באַטייט פאַר דעם מיגראַציע־שטראָם, ווייל זי איז געווען די לעצטע גרעסערע שטאָט אויף דער גרענעץ צווישן „וואַרטעלאַנד" און דער גענעראַל־גובערניע.[27] אַן ענלעך בילד זעען מיר אויך אין פּיעטרקאָוו, וואָס האָט זיך אויך געפונען אויף דער דרום־גרענעץ צווישן די דאָזיקעביידע פּראָווינצן.[28] אַן אָנזעעוודיקע צאָל קוטנער תושבים האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע. סוף 1940 האָבן זיך אין וואַרשע געפונען 241 קוטנער פּליטים (רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ' 41, ז' 4).

אַ דאַנק דער נישט שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע, זענען די פּליטים געווען פאַרזאָרגט מיט דירות און עסן. דער ספּעציעל געשאַפענער קאָמיטעט, אין וועלכן עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די געוועזענע קהילה־באַאַמטע יואב באַראָווסקי און אייקע, האָט גענומען אַ וואָכן־אָפּצאָל פון דער באַפעלקערונג לטובת די פּליטים. די פּליטים האָבן זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויף דער הילף, וואָס זיי האָבן באַקומען פון עלטעסטן־ראַט, וואָס איז נאַטירלעך נישט געווען ביכולת צו באַפרידיקן אַלע זייערע נויטן,[29] און האָבן געגרינדעט אייגענע לאָקאַלע קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך באַמיט אויף אייגענער האַנט צו באַקומען הילף פון דרויסן. אין אַ בריוו צום „דזשאָינט" אין וואַרשע פון 1940.5.15, מעלדן די וולאָצלאַוועקער פּליטים וועגן דער אַנטשטייאונג פון אַן אייגענעם הילפס־קאָמיטעט, פאַר וועלכן זיי בעטן פינאַנציעלע הילף.[30] אַ פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַן אייגענעם קאָמיטעט האָבן אויך געמאַכט די קאַלישער פּליטים.[31] צי דער פּרוּוו איז געלונגען, דרינגט פון די אַקטן נישט אַרויס.

די לאַגע פון די פּליטים, וואָס האָבן ס'רוב איבערגעלאָזט זייער ביסל האָב־און־גוטס אין זייערע אַלטע וווינערטער, איז געווען זייער אַ שווערע, אַן ערגערע פון די תושבים, און אויף דעם באָדן איז געקומען צו רייבונגען מיט דעם ראַט, וועלכער האָט קודם־כל געזאָרגט וועגן אייגענע[32] דאָס איז טאַקע געווען די סיבה פון דער אַנטשטייונג פון לאָקאַלע פּליטים־קאָמיטעטן.

דעם 12טן אָדער 15טן פעברואַר 1940, איז געקומען אין שטאָט אַ גרופּע פאָלקס־דייטשן פון גאָסטינינער פּאָוויאַט און ביי כמעט 80 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אַדורכגעפירט רעקוויזיציעס [33] פון יידישן מעבל, וועש, בעטגעוואַנט לטובת די איבערגעזעצטע דייטשע קאָלאָניסטן פון רייך. דאָס איז געווען אַן אמתער רויבצוג. מען האָט גענומען אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט, טייערע מעבל־שטיקער האָט מען גענוצט ווי ברען־מאַטעריאַל.[34]

מער־וויניקער אין דער זעלבער צייט זענען, לויט דעם ווי עס גיט איבער איין מקור, געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּרוּוון צו פאַרברענען די שול. נאָך דעם ערשטן נישט־געלונגענעם פּרוּוו, האָבן דייטשן אַ צווייט מאָל שוין מיט בענזין, שפּעט ביינאַכט, אונטערגעצונדן די שול, און ווען אויך דאָס האָט נישט געפועלט, האָבן זיי אַרויסגעריסן די פּוטרינעס און דילן און נאָך דעם אונטערגעצונדן. פון דער שול איז פאַרבליבן אַ חורבה. די ערשטע צוויי מאָל האָט די מאַכט דערלויבט צו לעשן דאָס פייער,ביים לעצטן מאָל האָט מען שוין נישט געלאָזט ראַטעווען די ברענענדיקע שול, אונטער דער דראָונג פון שיסן.[35]

עס זענען וואָס אַ מאָל אַלץ עפטער געוואָרן די פאַלן פון אינדיווידועלע גוואַלד־אַקטן. אַזוי, למשל, איז אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דערמאָרדעט געוואָרן מנחם קאָרן [36] פאַר זיין מוטיקער האַלטונג בעת אַן אויספאָרשונג אין געסטאַפּאָ; עס פלעגן זיך טרעפן פאַלן פון אַריינדרינגען ביי נאַכט אין יידישע וווינונגען און פּרוּוון באַגיין שאַנדטאַטן איבער יידישע מיידלעך.[37]

אין מערץ 1940 האָט מען עוואַקואירט יידן פון געוויסע הייזער אין צענטער שטאָט, איינגעוואָרפן גאַנצע הייזער אין דעם שטאָטטייל, וואָס איז געווען באַוווינט דורך יידן. פון האַלב מאַי 1940 האָט זיך די עוואַקואַציע פון יידישע הייזער פאַרשטאַרקט. זי האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער און האָט שווער געטראָפן אַ פּאָר הונדערט משפחות. די אַרויסגעטריבענע האָט מען אַריינגעזעצט אין די מאַגאַזינען פון טאַבאַק־מאָנאָפּאָל, וואָס זענען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ"ג „דורכגאַנגס־לאַגער". דאָרט האָט מען ביי זיי צוגערויבט די זאַכן, וועלכע זיי האָבן מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט מיט זיך מיטגענומען אין לאַגער (מסתמא, כדי צו קאָנען רויבן מיט גרעסערן דערפאָלג). חוץ דעם האָט מען דאָרט געפּייניקט און געשלאָגן די שוצלאָזע יידן אויף אַ מערדערלעכן אופן.[38]

דאָס האָט אַזוי געדויערט ביז סוף מאַי. דאַן איז געוואָרן שטיל. דאָס איז אָבער געווען אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם.

2. דער גירוש און דאָס לעבן אין געטאָ

א. דער גירוש

ווינטער 1939—1940 האָט די יידישע באַפעלקערונג געלעבט אין אַ כסדרדיקן פּחד פאַר דער אָנקומענדיקער „איבער־

„זידלונג". מיט פאַרפּאַקטע פּעק האָט מען געוואַרט אויפן פרילינג, אָבי איבערקומען דעם שווערן ווינטער.[39]

עס איז אָנגעקומען דער פרילינג, אָבער די נערוועזע שטי־מונג האָט ווייטער אָנגעהאַלטן. מען האָט געזען בחוש, אַז עס רוקט זיך אָן אַ פרישער אומגליק. תחילת יוני 1940, ד״ה אַ צוויי וואָכן פאַר דעם טאָג אײדער מען האָט איינגעשלאָסן די יידן אין געטאָ, האָט מען באַמערקט פאַרדעכטיקע צוגרייטונגען אויפן שטח פון דער אַלטער צוקער־פאַבריק „קאָנסטאַנציאַ", וואָס איז אין משך פון אַ לאַנגער צייט נישט געווען טעטיק, פאַרוואַנדלענדיק זיך איינציקווייז אין אַ חורבה. די דייטשן האָבן דאָרט פריער געהאַלטן פוילישע קריגס־געפאַנגענע. צו רייניקן דעם לאַגער האָט מען גענומען יידישע פרויען. אויפן שטח פון דער פאַבריק האָבן זיך געפונען נאָר פינף קלענערע בנינים. דעם גאַנצן שטח האָט מען אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן. וועגן צוועק פון די דאָזיקע צוגרייטונגען האָבן אין שטאָט אָנ־געהויבן אַרומגיין פאַרשידענע השערות און עס האָבן זיך פאַר־שפּרייט בהלהדיקע קלאַנגען. דער לאַנדראַט האָט דעם „עלטעסטן־ראַט" מבטיח געווען, אַז עס האָט נישט קיין שייכות צו יידן, אַז עס דאַרפן אָנקומען פראַנצויזישע געפאַנגענע. אָבער אייניקע פאַרשטייער פון דער דייטשער מאַכט, ווי, למשל, דער פּאָליציי־שעף,[40] וואָס פלעגט זיך נייען ביי יידישע שניידערס, האָט איבער־געגעבן בסוד, מען זאָל נישט גלייבן דעם בירגערמייסטער, אַז מען גרייט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר יידן און ווער עס קאָן זאָל אַנטלויפן פון שטאָט.[41]

ווי אַ פאָרשפּיל צו דעם גירוש, האָבן די דייטשן אַרעס־טירט אַ גרופּע רייכערע יידן און זיי אַריינגעזעצט אין דעם בנין פון טאַבאַק־מאָנאָפּאָל און אויסטוענדיק זיי נאַקעט, צוגענומען אַלע ווערטפולע זאַכן. מען האָט זיי געהאַלטן אַלס ערובניקעס ביז דעם גירוש.[42]

צוועלף ביינאַכט פון שבת אויף זונטיק, דעם 16טן יוני 1940, האָט מען אויפגעוועקט אַלע יידן און זיי געמאָלדן, אַז זונטיק ביז 6 אָוונט מוזן אַלע יידן זיך געפונען אין „קאָנסטאַנ־ציאַ". די פּאָליאַקן איז פאַרווערט געוואָרן דעם טאָג אַרויסצוגיין פון די הייזער. מען האָט געבראַכט אַ פּאָר וועגענער פון דער געגנט, אויך אַלע יידישע פערד און וועגענער זענען אויסגענוצט געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן צוועק. אַן עד־ראיה שילדערט אַזוי דעם גאַנג פון קוטנער יידן אין געטאָ:


„אַן אומפאַרגעסלעכער טאָג... אין באַגלייטונג פון ס״אַ־מענער, געסטאַפּאָ, הילפס־פּאָליציי א״אַ, שלעפּט זיך אַ ריזיקער המון מענטשן, וועמען מ'האָט אויפן וועג נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ, מיט רעשטלעך פון זייער האָב־און־גוטס אויף האַנט־וועגעלעך. פרויען, באַלאָדן מיט זעק אויף די פּלייצעס, פאַר־ברעכן פאַרצווייפלט די הענט, געשרייען, וויינען פון קינדער און דערוואַקסענע, דער ווילדער געשריי פון די דייטשע באַנדיטן.

דאָס ערגסטע איז פאָרגעקומען פאַרן בנין פון שטאָטראַט, ווו מען האָט צוגעטיילט פערד און וועגענער, מ'האָט זיך אָנ־געכאַפּט פאַר די ברעטער, איינגעהאַלטן די פערד, מ'האָט זיך געשלאָגן... יעדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער... אַן אָרט ווו אַוועקצושטעלן אַ בעט האָט מען געמוזט דעראָבערן מיט כוח. אָדער געקריגן האָט דאָס דער, וואָס איז געווען פּאַקטיש דער ערשטער... אָוונט אין קאָנסטאַנציע, קינדער, הונגעריקע נאָך דעם טראַגישן טאָג, זענען מיד איינגעשלאָפן אויף די פּעק אונטערן פרייען הימל, די מוטערס האָבן געשעפּטשעט ווערטער פון תפילות און וויי־טאָג"...[43]

אַן אַנדער עד־ראיה דערציילט: „אויפן וועג זענען אַלע רע־ווידירט געוואָרן, דערביי האָט מען שטאַרק ראַבירט, די מענער געכאַפּט אויף אַרבעט. אַ וועגעלע איבערצופירן די זאַכן האָט געקאָסט 100—200 מאַרק. די וועגעלעך האָבן זיך געפונען אין רשות פון עלטעסטנראַט..."[44]

ב. וווינונגס־באַדינגונגען

עס איז שווער באמת צו רעדן וועגן וווין־באַדינגונגען, ווען אויף אַ שטח פון אַ חורבער צוקער־פאַבריק האָט מען פאַרשפּאַרט קרוב 7.000 נפשות.[45] אין די פינף בנינים פון דער פאַבריק האָבן פריער געוווינט 200 מענטשן. זומער איז נאָך געווען האַלבע צרות. די אומגליקלעכע האָבן געוווינט אונטערן פרייען הימל אין פּאַלאַטקעס, אין די האַלב־חרובע פאַבריק־האַלעס און אין ענלעכע אימפּראָוויזירטע וווינונגען. מיטן אָנקומען פון האַרבסט איז די לאַגע געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל. מען האָט זיך געמוזט



די איבערזידלונג אין געטאָ קאָנסטאַנציע ● ההעברה לגיטו קונסטנציה

איבערטראָגן אין די פאַבריק־בנינים. פון די פינף פאַבריקס־בנינים איז איינער געווען פאַרנומען דורך דעם „עלטעסטן־ראַט" און שפּיטאָל, אין צווייטן האָבן געוווינט די מיטגלידער און באַאַמטע פון ראַט מיט זייערע פאַמיליעס און פאַרמעגלעכע וואָס האָבן פאַרן אָרט גוט באַצאָלט.[46] די אָרעמקייט האָט זיך גענעסטעט אין די קאָרידאָרן, ביידעמער, קעלערן, אין די האַלב־אָפענע דריישטאָקיקע פאַבריק־האַלעס אָן סופיטן, אין וועלכע דער ווינט און שניי האָבן אומגעשטערט געהוליעט.[47] אַן אַנדע־רער געטאָ־תושב דערציילט, אַז ער האָט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע פון 8 פּערזאָן געוווינט אין אַ חזיר־שטעלעכל, וואָס זיין הויך איז געווען 1.60 מעטער.[48] די פאַבריק־בנינים זענען איינ־געטיילט געוואָרן אין בלאָקן. אין בלאָק נומ' 8, וואָס האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק, האָבן געוווינט 15 משפחות. ווינ־טער זענען די ווענט און דער סופיט געווען באַדעקט מיט אייז. דאָס בעטגעוואַנט און די מלבושים זענען דעריבער געווען נאַס. עס איז נישט געווען קיין טרוקן אָרט ווו זיך אַוועקצוזעצן.[49] אויף איין צימערל פון צוויי מעטער די ברייט איז אויסגעפאַלן אויף קרוב 20 פּערזאָן.[50]

טראַגיש איז געווען די לאַגע מיט וואַסער. איין פּלומפּ האָט באַדאַרפט באַדינען 7,000 מענטשן. נאָך אַן עמער וואַסער פלעגט מען אָפּשטיין אין דער ריי ביז נאַכט. פאַר די פיזיאָלאָגישע געברויכן זענען געווען דריי אוביקאַציעס. פון דעם אַלעם קאָן מען זיך שאַפן אַ פאָרשטעלונג, וואָס פאַראַ גיהנום די דייטשן האָבן געשאַפן אין „קאָנסטאַנציאַ" פאַר די 7,000 קוטנער און פרעמדע יידן.

ג. דערנערונג

אין ערשטן פעריאָד, ד"ה ביזן אויסברוך פון דער טיפוס־עפידעמיע, איז די ווירטשאַפטלעכע לאַגע געווען אַ גענוג שווערע, אָבער מען האָט זיך ווי־עס־איז אַן עצה געגעבן. צוליב דער ביישפּיללאָזער קאָרופּציע, וואָס האָט געהערשט ביי דער דייטשער וואַך, וועלכע איז באַשטאַנען פון הילפס־פּאָליציי (אין געטאָ האָט מען זיי גערופן די „באָלקעס") פלעגט מען זיך קאָנען אַרויסקריגן אין שטאָט אַריין, בכדי איינצוקויפן שפּייז־פּראָדוקטן. אין אָוונט פלעגט מען געהיים אַריבערפירן אין געטאָ די שפּייז־פּראָדוקטן און ווערטזאַכן, וואָס מען האָט געהאַט באַהאַלטן אין שטאָט. חוץ דעם איז אָנגעגאַנגען אַ סיסטעמאַטישער שמוגל פון פלייש און אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן אויסערן געטאָ דורך צוויי יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער „אַרישער" זייט אין אַ נאָענטן דאָרף, בשותפות מיט צוויי פּאָליאַקן. אין געטאָ האָט זיך געפונען אַ גרופּע אָפּנעמערס. מען האָט זיי גערופן „בראַמקאַזשעס" (טויערלייט). אין געטאָ איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטער אומלעגאַלער האַנדל. פאַר געלט אָדער פאַר סחורות, וואָס מען האָט מיטגענומען מיט זיך אין געטאָ, האָט מען אַלץ געקאָנט קויפן, נאַטירלעך צו הויכע פרייזן. פאַר גוט געלט האָבן אַפילו פּאָלקסדייטשן צוגעשטעלט פּראָדוקטן. עס האָבן זיך אַפילו געעפנט „קאַפעען" אין די האַלב־חרובע שטאָלן. נאַטירלעך האָבן פון דעם אַלעם געקאָנט גענייסן נאָר פאַרמעגלעכע מענטשן. דער רוב, אַרויסגעריסן און אויסגעוואָרצלט פון זייערע ביז איצטיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, האָט געלעבט אין נויט און הונגער און האָט געמוזט אָנקומען צו דער פּאָלקס־קיך.

אָפיציעל האָט די דייטשע מאַכט צוגעשטעלט אין געטאָ ברויט, קאַרטאָפל, ירקות און פערד־פלייש פון ערגסטן סאָרט. חוץ דעם, פלעגט מען אין געטאָ צושטעלן אַ געוויסן קוואַנטום אָפּגעצויגענע מילך פון דעם קאָאָפּעראַטיוו אין שטאָט (די מילך פלעגט אַלץ באַפולמעכטיקטער פון קאָאָפּעראַטיוו אָפּנעמען מאיר־קאַפּלאַן).

אויך מיט דעם דאָזיקן וועג פלעגט מען אין געטאָ אַריינשמוגלען שפּייז און אַנדערע לעבנסמיטל. אַדאַם בילעצקי, אַ פּאָליאַק, וואָס האָט אַליין געפירט אַ שמוגל פון פּראָדוקטן אין געטאָ, שילדערט אַזוי די קאַנאַלן דורך וועלכע דער שמוגל איז געפלאָסן: „איך האָב געהאַט אַ צוטריט אין געטאָ, ווייל איך פלעג צושטעלן צוויי יידישע פאַמיליעס שפּייז. ביז אָפּשליסן דעם געטאָ, האָב איך געקאָנט אַריינגיין אינעווייניק. שפּעטער פלעג איך צוגיין ביז צום טויער ווען עס איז שוין געווען טונקל און דאָרט האָט מען שוין אויף מיר געוואַרט און צוגענומען מיין שמוגל. ווען מען האָט שוין ביים סוף 1941 נישט געקאָנט צוגיין אַפילו צום טויער, האָב איך זיך באַנוצט מיט דער לעצטער מעגלעכקייט צוצושטעלן עפּעס פאַרן געטאָ מיט דער הילף פון העלמאַנען, וואָס פלעגט פּאַשען אויף דער לאָנקע ביי דעם געטאָ 7 קי פון זוסמאַנען און קאַפּלאַנען. איך פלעג אַריינגיין אין דעם קאַנאַל, וואָס פירט פון (דעם טייך) אָכניא ביז „קאָנסטאַנציאַ", וואָס איז זומערצייט טרוקן, און אין אַזאַ איינגעבויגענער פּאָזיציע פלעג איך צוגיין ביז צו דער לאָנקע. אַ געוויסע צייט האָט זיך מיר דאָס איינגעגעבן, ביז איין מאָל האָט אַ זשאַנדאַר דאָס באַמערקט. העלמאַנען האָט ער געוואָלט אויפן אָרט דערשיסן.

דאָס לעבן האָט ער אים דאָס מאָל געשענקט, אָבער מיט די בהמות איז שוין קיינער פון דעם טאָג אָן נישט אַרויסגעגאַנגען. מען האָט דאָס שטרענג פאַרבאָטן.[51] סוף כל סוף איז מען געפאַלן אויף די שפּורן פון דער שמוגלער־גרופּע. אין די לעצטע טעג פון מאַי 1941 זענען 4 אָנגעקלאָגטע (איין וולאָצלאַוועקער ייד אברהם הערץ קאָנטאָראָוויטש און דריי קוטנער פּאָליאַקן) פאַרמשפט געוואָרן צום טויט דורך הענגען עפנטלעך אין די דערמאָנטע שטעט.[52] די איבעריקע האָבן באַקומען לאַנגע תפיסה־טערמינען.

דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשראָקן די שמוגלער, ווען עס איז געלונגען אויסצומיידן דעם אַרעסט. אין אַ נאָטיץ פון דער „ליצמאַנשטעטער צייטונג" מיט אַ קנאַפּ יאָר שפּעטער (פון 19טן אַפּריל 1942) איז ווידער פאַראַן אַ ידיעה וועגן עפנטלעך הענגען אין וולאָצלאַוועק און אין קוטנע 6 פאַרמשפּטע שמוגלערס, יידן און פּאָליאַקן (צו דריי אין יעדער שטאָט). זיי האָבן אָפּערירט אין וולאָצלאַוועק, קוטנע און גאָסטינין.

נאָך דעם דאָזיקן דורכפאַל, האָט זיך כמעט אין גאַנצן אָפּגעשטעלט דער צופיר אין געטאָ פון דרויסן און דער הונגער האָט אָנגענומען קאַטאַסטראָפאַלע פאָרמען, בפרט אַז דער אָפיציעלער שפּייז־קאָנטינגענט פאַרן געטאָ איז שפּעטער באַשטאַנען פון בלויז ברויט (100 גראַם אויף אַ קאָפּ).[53] אָבער שוין פריער, אין האַרבסט 1940, איז דער אומלעגאַלער האַנדל פון דעם געטאָ מיט דער „אַרישער" זייט געוואָרן זייער באַשווערט. צוליב דעם אויסברוך פון דער טיפוס־עפּידעמיע, איז דאָס געטאָ געשלאָסן געוואָרן און די שמירה איז געוואָרן זייער אַ שטרענגע. דער אומלעגאַלער צופיר פון דרויסן איז געפאַלן ביז אַ מינימום. אַ שווערן קלאַפּ פאַר דעם אומלעגאַלן האַנדל איז אויך געווען דאָס, וואָס אין יוני 1941 איז די וואַך פון דער שוץ־פּאָליציי, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען דער אָבער־לויטענאַנט ווייסבאָרן, אַליין אַ גרויסער כאַבאַרניק, פאַרביטן געוואָרן צוליב דער אינטערווענץ פון בירגערמייסטער שירמאַן, פאַר וועמען די צו לאַנגע עקזיסטענץ פון געטאָ איז געווען אַ דאָרן אין אויג, דורך עס־עס־לייט פון פּויזן.[54]

ד. צוואַנגס־אַרבעט

שוין פון דער ערשטער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, פלעגט מען כאַפּן יידן צו דער אַרבעט. נאָכן איינשליסן יידן אין געטאָ, האָט מען געפירט פּאַרטיעס יידן אונטער שמירה צו דער אַרבעט אויסערן געטאָ, דער עיקר אויסצולאָדענען וואַגאָנעס אויף דער באַן־סטאַציע. די מינימאַלע צאָל, וואָס דער ראַט האָט געמוזט יעדן טאָג שיקן צו דער אַרבעט, איז געווען 50 מאַן. זיי האָבן געאַרבעט אָן באַלוינונג.[55] פון דער דאָזיקער אַרבעט אויף דער סטאַציע פלעגט טייל מאָל געלונגען אַריינצוגנבענען אין געטאָ אַ שטיקל קויל, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע חשיבות, ווייל קיין באַהייצונג איז אין געטאָ נישט געווען און די דייטשע מאַכט האָט קיין הייץ־מאַטעריאַל נישט אַריינגעפירט. יידן האָט מען אויך באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע באַן־אַרבעטן.

בעלי־מלאכות האָבן געאַרבעט דער עיקר פאַר די דייטשן, וואָס פלעגן זיך נייען ביי יידישע שניידערס און שוסטערס. זיי פלעגן צאָלן מיט שפּייז־פּראָדוקטן. אָבער פאַר דער שוץ־פּאָליציי און אַנדערע שומרים האָט מען געאַרבעט אומזיסט און נאָך פון אייגענער סחורה דערצו.[56] חוץ דעם זענען קוטנער יידן אויך געווען באַשעפטיקט אין די פאַרשידענע דייטשע לאַגערן, ווי, למשל, אין וורוֹנטשין ביים גראָבן אַ קאַנאַל צווישן סראָצק און מאָדזשעוו, אין לאַגער גרינוואַלד נ' 3 (ביידע אין פּויזנער וואָיעוואָדשאַפט), אין אַרבעטס־לאַגערן אין גניעזן, אינאָווראָצלאַוו, יאַראָטשין, פּויזן, אַנדזשעיעוו און אַפילו אין בערלין.[57]

קוטנער יידן זענען אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאָדזשער געטאָ, ווו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן, מיט די לאָדזשער טראַנספּאָרטן אין פאַרשידענע אַרבעט־ אָדער פאַרניכטונגס־לאַגערן. אַזוי איז מיט דעם 26סטן טראַנספּאָרט, וואָס איז אָפּגעגאַנגען דעם 23סטן מאַי 1942, מיטגעשיקט געוואָרן דער קוטנער ייד יחיאל אייזמאַן. מיט דעם 23סטן טראַנספּאָרט פון 15טן מאַי — מרדכי ראַק, מיט דעם 21סטן טראַנספּאָרט פון דעם 12טן נאָוועמבער 1941 — אסתר עפּשטיין אאַז׳וו.[58]

ה. סאָציאַלע פאַרהעלטענישן

שוין דער עקאָנאָמישער מצב אין געטאָ איז געווען אַזאַ, אַז ער האָט לכתחילה פאַרשאַרפט אין אַ קאָלאָסאַלער מאָס דעם אונטערשיד צווישן אָרעם און רייך. דער איינציקער וואָפן מיט וועלכן דער ייד האָט זיך נאָך אין ערשטן פּעריאָד געקענט ווערן קעגן דעם אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג, איז געווען געלט. פאַר געלט האָט מען געקענט באַקומען אַ בעסערע „דירה" פאַר געלט, גאָלד, זילבער און בריליאַנטן האָט מען געקענט קויפן אַריינגעשמוגלטע פּראָדוקטן, לסוף מיט געלט איבערקויפן די קאָרומפּירטע דייטשע וואַך, און באַקומען אַ צוטריט צו דער פאַרשלאָסענער אויסערלעכער וועלט. און געלט — איז דער טייטש — אַ סך געלט. מיט אַבי וואָס האָבן זיך די דייטשן נישט באַגנוגנט. דער וואַכמייסטער האַגעדאָרן פלעגט, למשל, קריגן אַ טעגלעכן „האָראַטש" פון 200 מאַרק.[59] מזומן געלט אָדער ווערטזאַכן האָט נאַטירלעך געהאַט נאָר אַ קליינע גרופּע פאַרמעגלעכע, וואָס איז צוליב די אָביעקטיווע באַדינגונגען געשטעלט געוואָרן אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע לגבי דער איבערוויגנדיקער מערהייט נישט פאַרמעגלעכע און אָרעמע. די סאָציאַלע אונטערשידן זענען אין געטאָ פאַרשאַרפט געוואָרן ביז צום זידפּונקט, בפרט ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די גאַנצע צייט איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ ביטערער און האַרטער געראַנגל פאַר דערהאַלטן דאָס לעבן.


שוין די וווינונג־באַדינגונגען האָבן שאַרף פונאַנדערגעטיילט די געטאָ־איינוווינער אין צוויי גרופּעס: אין אַזעלכע, וואָס האָבן געוווינט אין איינעם פון די צוויי הייזער, וואָס זענען צוגעטיילט געוואָרן דעם יודענראַט, און אַלע איבעריקע, וואָס האָבן זיך געמוזט צונויפקוועטשן אין די פאַבריק־האַלעס, קאָרידאָרן, קעלערן און שטאַלן. אין די הייזער האָבן געוווינט די מיטגלידער פון יודענראַט און זייערע פאַמיליעס, באַאַמטע און די, וואָס זענען געווען ביכולת גוט צו באַצאָלן, אָדער תקיפים, וואָס האָבן באַוויזן באלד אין דער ערשטער נאַכט זיך אַריינצורייסן אין די בנינים. דעם דאָזיקן בנין האָט דאָס פאָלק איראָניש גערופן דאָס „לאָרדנהויז".[60] דער עלטעסטענראַט האָט וועלנדיק לינדערן די נויט פון דער אָרעמער באַפעלקערונג, אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־קיך פון די געלט־מיטלען פון „דזשאָינט". אָבער, נישט דיספּאָנירנדיק מיט קיין גענוגנדיקע זאַפּאַסן פון פּראָדוקטן און אָנגעוויזן שוין פון האַרבסט 1940 — נאָכן אויסברוך פון דער עפּידעמיע — אויף אָפּפערווויליקייט פון די געטאָ־איינוווינער, איז די דאָזיקע פאָלקס־קיך אַבסאָלוט נישט געווען ביכולת צו ראַטעווען די אָרעמע באַפעלקערונג פון אַ בהדרגהדיקן הונגער־טויט.

דער ראַט, נאַטירלעך, איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דעם סאָציאַלן לייטער און געהערט צו די סאַמע פּריווילעגירטער גרופּקע אין געטאָ. די דייטשן האָבן מיט אַ כיוון געשטרעבט צו פאַרשטאַרקן די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען אין געטאָ, שפּאַנדיק פאַר זיי אָביעקטיווע באַדינגונגען. דאָס איז אויך געווען איינע פון די מיטלען מאָראַליש צו אַנטוואָפּענען און דעמאָראַליזירן די געטאָ־איינוווינער.[61] אַ דראַסטישן פאַל, וואָס כאַראַקטעריזירט די שנאה פון דער אָרעמקייט צו די איינוווינערס פון „לאָרדנהויז", ברענגט אַן עד־ראיה: „אַ קראַנקע פרוי, אַ גייענדיקער שקעלעט, שרעקלעך פאַרלייזיקט, איז אַריינגעלאָפן אין „לאָרדנהויז" און זיך געוואָרפן אויף די בעטן, כדי זיי צו פאַרלייזיקן און מיט אַ טויט־קללה פאַר די איינוווינער פון הויז אויף די ליפּן איז זי אין קאָנווולסיעס אויסגעגאַנגען אויף די הויזטרעפּ.[62]

אויך די יוגנט איז געווען געטיילט אין צוויי לאַגערן: דער ערשטער האָט אַרום זיך גרופּירט די אַרבעטער־יוגנט און איז באַשטאַנען ס׳רוב פון בונדיסטן און זייערע סימפּאַטיקערס, דער צווייטער, וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר פון שול־יוגנט און פון די בירגערלעכע שיכטן, האָט אַרומגענומען אַנדערע פּאָליטישע גרופּירונגען (דער עיקר ציוניסטישע).

ו. קולטורעלע פאַרהעלטענישן

די דייטשע פּאָליטיק אויפן געביט פון קולטור אין די אָקופּירטע פּוילישע געביטן איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אַראָפּדריקן דעם בילדונגס־ניוואָ פון דער באַפעלקערונג אויף דער סאַמע נידעריקסטער מדרגה. פאַר פּאָליאַקן האָבן נאָך עקזיסטירט פאָלקס־שולן און פאַך־שולן פון ערשטע שטאַפּל, ד״ה אַזוי פיל בילדונג, וואָס איז נייטיק פאַר אַ לאַנדוווירט און אַ מייסטער פון וואַרשטאַט. אַלע העכערע טיפּן שולן זענען געווען פאַרווערט. מיטעלע און העכערע בילדונג האָט די יוגנט געקענט באַקומען נאָר אויף אַ געהיימען אופן, אויף די אַ״ג אונטערערדישע קאָמפּלעטן. וואָס שייך דער יידישער באַפעלקערונג, האָט די דייטשע פּאָליטיק געשטרעבט זי אויך איינצושליסן אין אַ גייסטיקן געטאָ. באַלד ווי די דייטשן זענען אַריין



70

COMITÉ INTERNATIONAL DE LA CROIX-ROUGE
Palais du Conseil Général
GENÈVE (Suisse)

SR/
AJPP

1 CMP 34684

DEMANDEUR — NADAWCA — ANFRAGESTELLER

Nom - *Nazwisko - Name* WELCMAN
Prénom - *Imie - Vorname* Nathan
Rue - *Ulica - Strasse* b/B. Tonenbaum, Ben-Yehuda, 11
Localité - *Miejscowość - Ortschaft* HAIFA
Province - *Województwo - Provinz*
Pays - *Kraj - Land* PALESTINE

Message à transmettre — Zlecenie — Mitteilung
(25 mots au maximum, nouvelles de caractère strictement personnel et familial) — (*najwyżej 25 słów, wiadomości ściśle osobiste*) — (*nicht über 25 Worte nur persönliche Familiennachrichten*).

Erbittet Nachrichten von :
WELCMAN Jakub & Familie
ul. Sienkiewicza, 16
Kutno
Lodsch
Deutschland

Date - *Data - Datum* 16.2.40

DESTINATAIRE — ODBIORCA — EMPFÄNGER

Nom - *Nazwisko - Name* WELCMAN
Prénom - *Imie - Vorname* Dawid
Lieu et date de naissance *Miejsce i data urodzenia Geburtsort und Datum*
Fils de *Imię ojca Sohn des* et de *Imię matki und des*
Dernière adresse connue *Ostatni adres Letztbekannte Adresse*
Rue - *Ulica - Strasse* Narutowicza, 3
Localité - *Miejscowość - Ortschaft* KUTNO
Province - *Województwo - Provinz* Lodsch
Pays - *Kraj - Land* DEUTSCHLAND

9 MAI 1940

RÉPONSE AU VERSO. Ecrire très lisiblement.
ODPOWIEDŹ NA ODWROCIE. Pisać czytelnie.
ANTWORT UMSEITIG. Bitte deutlich schreiben.

„זוכט קרובים" דורכן „רויטן קרייץ" — 9.5.1940
„חיפוש קרובים" ע״י „הצלב האדום" — 9.5.1940

קיין פוילן, האָבן זיי בדרך כלל געשלאָסן די שולן, אַלגעמיינע און יידישע, שפּעטער, אין האַרבסט 1939, זענען די פּוילישע פאָלקשולן געעפנט געוואָרן, אָבער די יידישע זענען ווייטער געבליבן געשלאָסן, מיטן אויסנאַם פון לאָדזש, וווּ די מאַכט האָט פאַראָרדנט צו עפענען די יידישע שולן, וואָס זייערע לאָקאַלן זענען נישט קאָנפיסקירט געוואָרן.

נאָכן איינשליסן די יידן אין געטאָס, האָט אַ פאַראָרדענונג פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק פון 31סטן אויגוסט 1940 דערלויבט צו עפענען די יידישע עלעמענטאַרע שולן מיט דעם תנאי, אַז זיי וועלן פירן זייערע לימודים אין יידיש אָדער העברעיש (זיי האָבן איבעריקנס עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט).

אין די גיהנום־באַדינגונגען פון דעם „קראַפּיר"־לאַגער,[63] ווי די דייטשן האָבן אַליין גערופן דעם קאָנסטאַנציאַ־לאַגער, האָט אין פלוג דוכט זיך נישט געקאָנט זיין אַפילו קיין רייד וועגן אַ שול. און דאָך איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו שאַפן אין געטאָ אַ יידישע שול. די איניציאַטיוו צו דעם האָט געגעבן דער „בונד", וואָס האָט אויף דעם געביט געהאַט אין קוטנע אַ שיינע טראַדיציע (אין יאָר 1929 האָט דער „בונד" אויפגעשטעלט אַ גרויסן געמויערטן בנין פאַר דער פאַרטיי און דער צישאָ־שול). אויף דעם באָדן איז אַפילו געקומען צו אַ דערנענטערונג און צוזאַמענאַרבעט צווישן די צוויי אויבנדערמאָנטע לאַגערן, וואָס זענען ביז איצט געשטאַנען פרעמדע אַנטקעגן זיך. דער „בונד" האָט זיך אונטערגענומען בויען די שול און די אַנדערע גרופּירונגען — דאָס צונויפשאַפן דעם בוי־מאַטעריאַל. דער בנין איז שוין געווען פאַרטיק, אָבער ער איז נישט גענוצט געוואָרן פאַר דעם צוועק, פאַר וועלכן מען האָט אים געבויט. ווען אין האַרבסט 1940 איז אויסגעבראָכן די טיפוס־עפּידעמיע, האָט מען אין דעם בנין איינגעאָרדנט א שפּיטעלעכל, ווייל דער ערשטער האָט נישט געקלעקט פאַר דער גרויסער צאָל קראַנקע.[64]

עס איז גענוג זיך אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון וויפל מי און אָנשטרענגונג עס האָט געקאָסט דאָס אויפשטעלן אַפילו אַ קליינעם שול־בנין אין אַזעלכע באַדינגונגען, בכדי צו פאַרשטיין דער ווייטאָג און צער וואָס עס האָט געפילט דאָס הייפל אידעאַליסטן, וואָס האָט אַפילו אין די קאָשמאַרע באַדינגונגען פון „קאָנסטאַנציאַ"־לאַגער, געפילט אין זיך דעם גייסטיקן כוח און אחריות פאַרן אונטערוואַקסנדיקן דור.

אין דעם קוטנער געטאָ איז אויך געפירט געוואָרן אַ געוויסע קולטור־אַרבעט. די ציוניסטישע יוגנט האָט געהאַט איר „קלוב" אין פאַבריק־טונעל, ווו מען פלעגט לייענען, רעציטירן און פירן קאָלעקטיווע שמועסן. דער „בונד" האָט געפירט אַן אָפענע קולטור־אַרבעט דורך איינאָרדענען עפנטלעכע „קאָנצערטן", אָדער „לעבעדיקן ראַדיאָ". אויף די דאָזיקע קאָנצערטן איז געפירט געוואָרן אַן אַקטועלע אויפקלערערישע אַרבעט. אין ספּעציעלע צו דעם צוועק פאַרפאַסטע לידער, רעציטאַציעס, סקעטשן א"ב „דאָס לעבן אין געטאָ", האָט מען קריטיקירט די טעטיקייט פון עלטעסטנראַט, אָנגעוויזן אויף זיינע פעלערן, קיינעם נישט געשוינט, נישט די יידישע פּאָליציי, סאַניטאַרן און די פּאָלקס־קיך.א[64] די דאָזיקע „קאָנצערטן", ווו עס איז געקומען צום אויסדרוק די עפנטלעכע מיינונג פון די געטאָאיינוווינערס, האָבן שטענדיק געצויגן צו זיך אַ גרויסן עולם. זיי זענען געוואָרן דער זאַמלפונקט פון עפנטלעכן לעבן אין געטאָ.

עמנואל רינגעלבלום האָט פאַרנאָטירט אין אָקטאָבער 1940, אַז אין געטאָ איז מיטן הסכם פון דער מאַכט פאַרגעקומען אַ געדענק־פייערונג נאָך הערצלען און זאב זשאַבאָטינסקין. (נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ, ז' 52).

די אויבן־געשילדערטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען און דערדריקנדיקע געטאָ־אַטמאָספער האָבן געהאַט אַ דעמאָראַליזירנדיקן איינפלוס אויף געוויסע יחידים און גרופּעס. אַ פאָר מקורים דערציילן אונדז וועגן מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט (שיכרות און סעקסועלע צעלאָזנקייט). זיי גיבן אויך איבער וועגן יידישע מוסרים און געסטאַפּאָ־אַגענטן.[65]

ז. אלײנהילף און הילף פון דרויסן

די אַלץ שווערערע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט געשטעלט אין אַ שאַרפער פאָרעם די פראַגע פון סאָציאַלער הילף פאַר די אָרעמסטע און ווירטשאַפטלעך־אויסגעוואָרצלטע שיכטן, בפרט פאַר דער גרויסער צאָל פּליטים. שוין אין די האַרבסט־חדשים פון 1939, איז טעטיק אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר די פּליטים, וועלכער מוז קודם־כל לייזן די פראַגע פון אַ דאַך איבערן קאָפּ און מינימאַלער באַשפייזונג. אַ גרויסע צאָל פּליטים, וואָס האָבן אין שטאָט נישט געהאַט קיין קרובים, זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין קולטור־הויז, ווו עס איז אויך געעפנט געוואָרן אַ קיך. די קיך האָט אין אַפּריל 1940 אַרויסגעגעבן 500 מיטאָגן.[66]



קינדער אין געטאָ ילדים בגיטו

די פראַגע פון אַ דאַך איבערן קאָפּ האָט זיך אויך שאַרף געשטעלט אַפילו פאַר קוטנער תושבים צוליב דער „אורבאַניסטישער" פּאָליטיק פון דער דייטשער מאַכט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין צעלייגן צענדליקער יידישע הילצערנע הייזער אין דער יידישער געגנט. אין רעזולטאַט זענען אַרום 250 יידישע פאַמיליעס געבליבן דאַכלאָז.[67]

צוליב דער כסדרדיקער פאַראָרעמונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווערן די געלט־מיטלען פון ראַט וואָס ווייטער אַלץ קאַרגער, בפרט נאָך דעם גירוש אין געטאָ אַריין, אין וועלכן די איבערוועגנדיקע מערהייט איז געקומען שוין ווירטשאַפטלעך אַ רואינירטע, זענען די הוצאות אויף סאָציאַלער הילף אומגעהייער אויסגעוואַקסן. דער ראַט ווענדט זיינע בליקן כלפּי חוץ קודם־כל צום „דזשאָינט", וואָס האָט ביזן אויסברוך פון קריג מיט אַמעריקע געפירט אַ ברייטע הילפס־טעטיקייט אין דעם גרעסטן טייל פון אָקופּירטן פּוילן.

די הילפס־אַקציע פון „דזשאָינט" אין די אַ"ג „איינגעגלידערטע אָסט־געביטן" צו וועלכע עס האָט אויך געהערט די פּראָווינץ „וואַרטעלאַנד", האָט אָבער אָנגעטראָפן אויף גרויסע מניעות פון פאָרמעלן כאַראַקטער, ווייל די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט דערלויבט דעם „דזשאָינט" צו פירן זיין כאַריטאַטיווע אַרבעט נאָר אויפן שטח פון דער „גענעראַל־גובערניע". פאַר איבערוויזן געלט פון דער „גענעראַל־גובערניע" קיין „וואַרטעלאַנד", וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ טייל פון רייך, האָט מען געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער קראָקעווער „דעוויזן־שטעלע" — און דאָס פלעגט נישט תמיד געלונגען.

אין אַ בריוו צום קראָשניעוויצער ראַט פון 12טן סעפּטעמבער 1940 איז די דירעקציע פון „דזשאָינט" מבטיח, אַז זי מאַכט אַלע באַמיאונגען, בכדי צו קענען אויסשפּרייטן איר טעטיקייט אויך מחוץ דער „גענעראַל־גובערניע".[68] אויך דער ראַט האָט אויף אייגענער האַנט זיך באַמיט ביי דער פּויזנער „דעוויזן־שטעלע" וועגן אַ דערלויבעניש.[69] אויף זיין ווענדונג האָט דער ראַט באַקומען פון פּויזן אַן אָפּזאָג. אין איר תשובה דאַטירט דעם 26סטן מאַי 1940, לייגט די „דעוויזן־שטעלע" פאָר נאָר איין מעגלעכקייט פון קענען איבערוויזן געלט — נעמלעך, אויפן וועג פון טראַנספער דורך דעם „פּערעכענונגס־אינסטיטוט" אין קראָקע.[70] ערשט דעם 2טן יוני 1940 איז דער „דזשאָינט" מודיע דעם ראַט, אַז פון דער „דעוויזן־שטעלע" איז אַזאַ דערלויבעניש אָנגעקומען.[71] אין רעזולטאַט האָט דער ראַט באַקומען די ערשטע געלט־אונטערשטיצונג אין דער הייך פון 5,000 רייכס־מאַרק. די סומע איז אַפילו נישט געווען ביכולת צו דעקן דעם חודשלעכן בודזשעט פון ראַט, וואָס האָט באַטראָפן 15,000 ר"מ. פון דעם אויספירלעכן מעמאָריאַל, דאַטירט דעם 19טן יולי 1940 אין וועלכן דער ראַט באַגרינדעט זיין פאָדערונג פון חודשלעכער סובווענץ פון 15,000 ר"מ באַקומען מיר אַן אַריינבליק סיי אין דער טראַגיש־שווערער לאַגע פון געטאָ, סיי אין דעם קאָלאָסאַל־אויסגעוואַקסענעם פאַרנעם פון דער סאָציאַלער הילף.[72] די הוצאות פון ראַט באַטרעפן, לויט דעם ציטירטן מעמאָריאַל, 800 ר"מ טעגלעך. די הכנסות פון פאַרשידענע אָפּצאָלן (פאַר באַשפּייזונג און פּאָסט) — 300 ר"מ, אַזוי, אַז דער טעגלעכער דעפיציט באַטרעפט 500 ר"מ.

אַ ביסל געלינדערט האָט די שווערע לאַגע דער טראַנספּאָרט שפּייז און מעדיקאַמענטן,[73] וואָס דער „דזשאָינט" האָט אַרויסגעשיקט אין יולי, אָדער אָנהייב אויגוסט 1940. פון די פּראָדוקטן האָבן גענאָסן 1,513 קינדער אין עלטער ביז 13 יאָר און 915 קראַנקע און אַלטע לייט. אַ טייל פון די פּראָדוקטן זענען געגאַנגען פאַר דער קיך און שפּיטאָל. אָבער דאָס אַלץ איז געווען ווי אַ טראָפּן אין ים פון נויט.

היות פון „דזשאָינט" איז שווער צו באַקומען הילף, ווענדט זיך דער ראַט, לויט זיין אָנווייזונג דעם 20סטן אויגוסט 1940, צו דער „רייכספערייניקונג דער דויטשען יודען אין בערלין". אויף זיין טעלעגראַפישער ווענדונג קיין בערלין האָט דער ראַט באַקומען פון דער „רייכספעריייניקונג" סוף נאָוועמבער אָדער אָנהייב דעצעמבער 3,000 ר"מ.[74] ווייטערדיקע ווענדונגען פון ראַט צו דער „רייכספערייניקונג" זענען שוין אָבער געבליבן אָן רעזולטאַטן. אויף דער דעפּעשע פון ראַט פון 29סטן יאַנואַר 1941, ענטפערט בערלין מיט אַן אָפּזאָג, מאָטיווירנדיק אים מיט פעלן פון אַ דערלויבעניש פון דעם שייכדיקן אַמט, אויף וועלכן דער „דזשאָינט" האָט אָנגעוויזן.[75]

אין דעצעמבער 1940 איז אין סאָסנאָוויץ אַנטשטאַנען אַ צענטראַלע הילפס־אָרגאַניזאַציע, אָנגעפירט דורך דעם לייטער פון דער „פאַראייניקונג פון יידישע קהילות אין מזרח־נידערשלעזיע", משה מערינען, וואָס האָט איבערגענומען פון „דזשאָינט" די הילפס־אַקציע פאַר די אינקאָרפּאָרירטע פּוילישע מערב־געביטן, צוו"אַנד. אויך אין „וואַרטעלאַנד".

פון די אַקטן איז נישט קלאָר, צי האָט די דאָזיקע „יידישע וואָלפאַהרטס־פעריייניגונג" אין סאָסנאָוויץ סובסידירט מיט וואָסער עס איז סומע דעם קוטנער געטאָ. די אַקטן אַנטהאַלטן צוויי ווענדונגען פון 17טן און 24סטן מערץ 1941 פון ראַט צו דער סאָסנאָווצער צענטראַלע ווי „צו דער איינציקער אינסטאַנץ, וואָס איז באַרופן צו דערליידיקן פאַר אונדזערע שטעט און שטעטלעך אַלע ענינים פון „דזשאָינט" און דער „רייכספעריייניגונג פון די דייטשע יידן".[76] אויך דער „דזשאָינט" האָט אַלע ווענדונגען פון ראַט איבערגעשיקט צו דער סאָסנאָווצער צענטראַלע. וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען — ווייסן מיר נישט.

איבעריקנס, האָט די סאָסנאָווצער „וואָלפאַהרטספעריייניגונג" נישט געהאַט קיין אריכת־ימים. אין אַ בריוו צום „דזשאָינט" פון 15טן מאַי 1941, מעלדעט דער ראַט, אַז ער האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק באַקומען אַ בריוו פון סאָסנאָוויץ, אַז איר טעטיקייט איז געוואָרן אָפּגעשטעלט.[77]

אַזוי אַרום האָבן די הילפס־קוועלן אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסטריקענען און אין געטאָ ווערט די לאַגע אַלץ שווערער און שווערער. די אויסגאַבן אויף מעדיצינישער הילף זענען אין שייכות מיט דער שרעקלעכער טיפוס־עפּידעמיע קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן. אַזוי, למשל, האָבן די הוצאות פאַרן „שפּיטאָל" אין נאָוועמבער 1940, ווען די עפּידעמיע האָט זיך ערשט געפונען אין איר אָנפאַנג־סטאַדיע, באַטראָפן כמעט אַ דריטל (32%) פון אַלע הוצאות (2,784 ר"מ אויף 8,564 ר"מ). חוץ דעם האָט דער ראַט געמוזט, צוליב דער גרויסער שטערבלעכקייט און וואַקסנדיקער צאָל פון קיילעכדיקע יתומים, עפענען אַ „יתומים־הויז".[78] עס וואַקסט די צאָל פון די וואָס מוזן אָנקומען צו דער פאָלקס־קיך. אין אויגוסט 1940 האָט זייער צאָל באַטראָפן 1,102 נפשות, אָבער אין מערץ 1941 איז זי אויסגעוואַקסן צו 2,340 ז"פ, ד"ה מער ווי אַ דריטל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג האָט געמוזט אָנקומען צו דער פאָלקס־קיך.[79] קיין הילף פון דרויסן קומט מער נישט אַריין. דער „דזשאָינט" האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו שיקן דירעקט הילף צוליב פאָרמעלע שוועריקייטן און נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה מיט אַמעריקע, אין דעצעמבער 1941, בכלל געמוזט אָפּשטעלן זיין טעטיקייט. סאָסנאָוויץ האָט געהאַט באַגרענעצטע מעגלעכקייטן און נאָך אַ קורצער עקזיסטענץ בכלל אָפּגעשטעלט זיין טעטיקייט. דאָס אויסשטאַרבנדיקע געטאָ איז אָנגעוויזן אויף אייגענע, אַלץ מער איינגעשרומפּענע כוחות. די דאָזיקע כוחות האָבן נאַטירלעך אויף לאַנג נישט געקענט קלעקן.

ח. די אויסראָטונג דורך עפּידעמיעס און מאָרד

פאַר דער אייגנטלעכער „אויסזידלונג"־אַקציע, איז די אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פאָרגעקומען אויף אַ בהדרגהדיקן און סיסטעמאַטישן אופן דורך מאָרד און עפּידעמיע. די דייטשע מאַכט האָט בכיוון געשטעלט די „קאָנסטאַנציאַ"־איינוווינער אין אַזעלכע מוראדיקע סאַניטאַרע באַדינגונגען, אַז דער אויסברוך פון עפּידעמיעס איז געווען אומפאַרמיידלעך.

קודם כל איז די יידישע באַפעלקערונג געבליבן אין דער ערשטער צייט אָן יעטוועדער ערנסטער מעדיצינישער הילף. די עטלעכע יידישע דאָקטוירים זענען פאַר דעם גירוש אין געטאָ אַנטלאָפן. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, דעם 6טן סעפּטעמבער, האָט זיך דער ראַט געווענדט צום לאָדזשער אָבערבירגערמייסטער, ווי דעם בעל־הבית פון לאָדזשער געטאָ, מיט דער בקשה איבערצושיקן קיין „קאָנסטאַנציאַ" אַ יידישן כירורג און דענטיסט, מאָטיווירנדיק די בקשה מיט דעם, אַז די איינציקע מעדיצינישע קראַפט, וואָס די געטאָ פאַרמאָגט (דער פעלדשער אַספּערשטיין) איז ווייט נישט גענוגנדיק פאַר דער באַפעלקערונג פון 7,000 נפשות.[80]

אויף דער דאָזיקער בקשה האָט דער אָבערבירגערמייסטער געענטפערט מיט אַן אָפּזאָג, באַגרינדנדיק אים מיט דעם דוחק אין דאָקטוירים אין לאָדזשער געטאָ.[81] די יידן האָבן זיך באַנוצט מיט דעם אָרטיקן פּוילישן דאָקטאָר יענדראַשקאָ, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט צו קומען אין געטאָ און געבן מעדיצינישע הילף.

נאָך דעם ווי די קראַנקייטס־פאַלן אין געטאָ האָבן זיך פאַרמערט, האָט זיך דעם עלטעסטנראַט איינגעגעבן צו באַציען צוויי יידישע דאָקטוירים, איינעם פון וואַרשע, דעם ד"ר בזשאָזאַ

און אַ צווייטן פון שכנותדיקן קראָשניעוויץ, דעם ד״ר ווײַנזאַפּט. עס איז כאַראַקטעריסטיש אַז אַ געוויסע צײַט פאַר דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט די דײַטשע מאַכט דערלויבט דעם ד״ר יענדראַשקאָ זיך צו זען מיט די יידישע דאָקטוירים נאָר אין וואַכשטיבל, אין דער אָנוועזנהייט פון עס־עס־מענער.

די עפּידעמיע איז אויסגעבראָכן אין האַרבסט 1940 און האָט געדויערט ביז דער ליקווידאַציע פון געטאָ. וועגן דעם כאַראַקטער פון דער עפּידעמיע איז פאָרגעקומען אַ שטרייט צווישן דעם פּויזנער און לאָדזשער באַקטעריאָלאָגישן אינסטיטוט. דער פּויזנער אינסטיטוט האָט געפּסקנט, אַז דאָס איז אַ בויך־טיפוס. ערשט דעם ד״ר יענדראַשקאָ האָט זיך אײַנגעגעבן מיט דער הילף פון לאָדזשער באַקטעריאָלאָגישן אינסטיטוט פעסטצושטעלן, אַז אין געטאָ איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס.[82]

צוליבן מאַנגל פון די עלעמענטאַרסטע דעזינפעקציע־מיטלען, אַפילו פון זייף און וואַסער, צוליב דעם פּערמאַנענטן הונגער, שמוץ און פאַרלײַזיקונג, האָט זיך די עפּידעמיע פאַרשפּרייט מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט.

די דײַטשע מאַכט האָט נישט בלויז נישט געגעבן קיין הילף, נאָר האָט בכיוון באַשווערט די מעדיצינישע אָפּוועראַקציע. די צוויי יידישע דאָקטוירים זענען כסדר געווען אויסגעשטעלט אויף שיקאַנעס. ווען ד״ר יענדראַשקאָ האָט זיך געווענדט צו דער מאַכט וועגן סערום־אײַנשפּריצונגען, האָט ער באַקומען אַן ענטפער, אַז פאַר יידן און פּאָליאַקן אין קיין סערום נישט פאַראַן. דעם קאַמף מיט דער עפּידעמיע האָבן יידן געמוזט פירן מיט די אייגענע, מער ווי באַשיידענע מיטלען, אויסגעשטעלט אויף כסדרדיקע מניעות מצד דער דײַטשער מאַכט. אין דעם בנין, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער שול איז, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אינסטאַלירט געוואָרן אַ שפּיטעלכל. ד״ר ווײַנזאַפּט און דער פעלדשער אַספּערשטיין האָבן אויסגעשטאַט דאָס שפּיטעלכל פאַר מיטלען, וואָס זענען געהיים געזאַמלט געוואָרן צווישן די געטאָ־איינוווינער גופא, מיט אַ גרויסער צאָל רפואות און אינסטרומענטן. מיט אייגענע מיטלען איז אויך אינסטאַלירט געוואָרן אַ מאַשין פאַר פאַרע־דעזינפעקציע.[83]

היות דאָס שפּיטעלכל איז כסדר געווען איבערפולט, האָט אַ גרויסע צאָל קראַנקע געמוזט פאַרבלייבן ביי זיך אין די ענגע בלאָקן, אָנשטעקנדיק אויף אַזאַ אופן די געזונטע. שפּעטער האָט זיך אײַנגעגעבן, וואַרשײַנלעך אַ דאַנק די ענערגישע באַמיאונגען פון דעם אָנפירער פון דער געטאָ־אַפּטייק, דעם פאַרמאַצעווט און געזעלשאַפטלעכן עסקן, מאיר באָזשיקאָווסקי, צו באַקומען מעדיקאַמענטן פון דרויסן. אַזוי, למשל, האָבן דעם געטאָ צוגעשטעלט רפואות און באַנדאַזשן די בערלינער פירמעס הוגאָ, רעמבער, קורטאָ און קאָ׳, און די פּאַביאַניצער באַנדאַזשן־פאַבריק אַנטאָן יאַנקאָווסקי.[84]

די יוגנט האָט ענערגיש מיטגעהאָלפן אין קאַמף מיט דער עפּידעמיע, זי האָט אײַנגעאָרדנט אַ שפּיטאָל־קיך, ווו די באַשפייזונג פון די קראַנקע איז לויט דעם גבית־עדות פון ד״ר יענדראַשקאָ געווען אַ גענוגנדיקע. די מיידלעך האָבן געזאַמלט געלט, געקאָכט, געוואַשן די וועש און דיזשורירט ביי די קראַנקע. וועגן אָפּשטעלן די עפּידעמיע האָט נאַטירלעך אין אַזעלכע באַדינגונגען נישט געקאָנט זײַן קיין רייד. זי האָט געשניטן איר בלוטיקן שניט. די יידן זענען געווען דאָס אײַנציקע פאָלק קעגן וועמען די דײַטשן האָבן אויך געפירט אַן אַכזריותדיקן באַקטעריאָלאָגישן קריג.

אויף אַ באַפעלקערונג פון 7 טויזנט, איז אין משך פון דער גאַנצער צײַט פאַרנאָטירט געוואָרן בערך טויזנט פאַלן פון פלעק־טיפוס. פון מערץ ביז דעצעמבער 1941, זענען פאַרנאָ־טירט געוואָרן 679 טויט־פאַלן. די שטערבלעכקייט באַטרעפט אַלזאָ דורכשניטלעך 10% אַ חודש! די ווייטערדיקע ציפערן גיבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דעם פאַרנעם און פאַרלויף פון דער עפּידעמיע אין משך פון די 10 חדשים, מערץ־דעצעמבער 1941:

אין מערץ זענען אויף 77 טויט־פאַלן, 31 געווען פון פלעק־טיפוס (42.6%), אין אַפּריל אויף 84 — 52 פאַלן פון פלעק־טיפוס (62%), אין מאַי אויף 105 — 70 פאַלן (69.2%), אין יוני אויף 115 — 69 פאַלן (60%), אין יולי אויף 75 — 27 (36%), אין אויגוסט אויף 48 — 13 (27%), אין סעפּטעמבער אויף 42 — 8 (18%), אין אָקטאָבער אויף 36 — 3 (8,5%), אין נאָוועמבער אויף 47 — 4 (8.5%), און אין דעצעמבער אויף 40 — 1 (2.5%).

די שטאַרביקייט־קרומע שטעלט פאָר פאָלגנדיק בילד: דעם הויכפּונקט האָט די עפּידעמיע דערגרייכט אין חודש מאַי (קנאַפּע 70% פון אַלע טויט־פאַלן). דער חודש יוני איז געווען דער חודש פון איבערברוך. אָנהייבנדיק פון דעם חודש, פאַלט די אינטענסיווקייט פון דער עפּידעמיע, ביז זי דערגרייכט אין די חדשים אָקטאָבער און נאָוועמבער צו אירע מינימאַלע פּונקטן (8.5%) און פאַרשווינדט ביים סוף יאָר כמעט אין גאַנצן (2.5% פון אַלע טויט־פאַלן.

אָנהייבנדיק פון חודש יוני, האָט אָבער דאָס אָרט פון פלעק־טיפוס פאַרנומען נישט קיין ווייניקער שרעקלעכע קראַנקייט — דער טובערקולאָז. ביי די אויסגעמאַטערטע און הונגערנדיקע געטאָ־איינוווינער, שנײַדט דער טובערקולאָז אויך זײַן בלוטיקן שניט, בפרט ביי די, וואָס האָבן איבערגעהאַלטן דעם פלעק־טיפוס. די איבערוועגנדיקע צאָל טויטשיינען אין די חדשים אויגוסט־דעצעמבער גיבן אָן ווי אַ סיבה פון טויט טובערקולאָז פון לונגען און די פאַרדייאונגס־אָרגאַנען.[85] וועגן דער גרייס פון דער שטערבלעכקייט זאָגן נאָך עדות די ווייטערדיקע ציפערן: אַן אָפיציעלע דײַטשע רשימה פון די געטאָ־איינוווינער, וואָס טראָגט די דאַטע פון 18טן אַפּריל 1941, גיט אָן די צאָל פון 6,604 נפשות. ביים סוף פון דער רשימה איז צוגעשריבן אַ באַמערקונג: „שטאַנד דער יודן אַם 1941.7.15 — 6015“ — דאָס הייסט, אַז צווישן דעם 18טן אַפּריל און 15טן יולי זענען אויסגעשטאָרבן און דערמאָרדעט געוואָרן 589 נפשות.[86]

אויך מאָרד איז געווען נישט קיין זעלטענער גאַסט אי־געטאָ. אַזוי זענען, למשל, דעם 19טן מאַי דערשאָסן געוואָרן לויטן דײַטשן שאַבלאָן־נוסח „אַוף דער פלוכט“ 5 קוטנער יידן: יצחק־מאיר פּרץ, לייזער־יוסף פּרץ, מרדכי נאָסאַל, הענעך ערדמאַן און משה בוקשטיין. אין משך פון 24סטן יולי ביזן 17טן דעצעמבער זענען לויט אָפיציעלע דײַטשע דאָקומענטן דערשאָסן געוואָרן 9 יידן: ישראל־יהושע יאַסטזשאָמב, משה פּאַסטערנאַק, ישראל־יהושע ראָזענבערג, ליפּמאַן ראָזענבלאַט, אַנשל פרענקל, אליהו זשעפּקאָוויטש, פריידע ראש, מאַטעס קאָרנבערג און משה־הערש ווײַנשטיין. דערביי איז אַפילו נישט אָנגעגעבן, ווי ביי די ערשטע פינף, די סיבה פון מאָרד. די דאָזיקע פּאַרמאַליטעט איז שוין באַטראַכט געוואָרן, ווייזט אויס, פאַר אַן איבעריקע.

לויט די אָפיציעלע דײַטשע ציפערן קומט אויס, אַז צום ערשטן יאַנואַר 1942, האָט די יידישע באַפעלקערונג אין „קאָנסטאַנציאַ“ געציילט 5,762 נפשות. דאָס הייסט, אַז אין משך פון אַכט און אַ האַלבן חודש האָט זי זיך פאַרקלענערט מיט 842 נפשות (קנאַפּע 13%). די ציפער 5,762 נפשות דאַרף מען באַטראַכטן גיכער פאַר אַ צו הויכע, ווייל נישט אַלע טויט־פאַלן האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט שפּורן אין די אויפגעהיטע טויטשיינען. חוץ דעם האָט זיך אַ געוויסער צאָל אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן. פאַראַן ידיעות וועגן געלונגענע פּרוּוון צו אַנטלויפן

פון געטאָ.[87] די פאַקטישע צאָל איז נאַטירלעך שווער פעסטצושטעלן.

דאָס קובר זיין די מתים איז פאָרגעקומען אויף אַן אופן, וואָס איז געווען אַ שענדלעכער בזיון־המת. אַ בעקער־וועגעלע האָט געדינט פאַר אַן עגלה. צוויי קברנים, אַ פורמאַן, אין דער באַגלייטונג פון אַ דייטשן זשאַנדאַר, האָבן מלווה געווען אויף זייער לעצטן וועג די קרבנות פון דער עפּידעמיע, הונגער און מאָרד. די מתים פלעגט מען פשוט אַרויפוואַרפן אויפן וואָגן, וועלכן מען האָט אָפט צוליב זייער גרויסער צאָל, נישט געקענט פאַרמאַכן און געטרייסלט בעתן פאָרן, פלעגן זיך די טויטע קערפּערס אָפּשלאָגן איינער פון אַנדערן, בפרט די קעפּ פלעגן אַזוי ווי פּילקעס אָפּשפּרינגען אין דער הייך.

ט. דער עלטעסטנראַט און די יידישע אָרדענונגס־דינסט

ווי מיטגלידער פון עלטעסטנראַט, ווערן אין די אויבנדערמאָנטע דייטשע רשימות פון אַפּריל־יוני 1941 אויסגערעכנט: בערנאַרד האָלצמאַן (פאָרזיצער), סענדער פאַלץ (קאַסירער), יצחק קוביץ און פייוויש אָפּאָטשינסקי (מיטגלידער). צי דאָס איז געווען דער גאַנצער באַשטאַנד פון ראַט — איז נישט באַוווּסט.[88]

וועגן זייער טעטיקייט גיבן אונדז די מאַטעריאַלן זייער קאַרגע ידיעות: סענדער פאַלץ (ציוניסט) איז פאַר דער מלחמה געווען ראַטמאַן אין שטאָטראַט און יצחק קוביץ (אַלעקסאַנדער חסיד), איז געווען מורה הוראה. דער פאָרזיצער האָלצמאַן איז פאַר דער מלחמה געווען פּרעזעס פון דעם ספּאָרט־קלוב „מכבי". די מיטגלידער פון עלטעסטנראַט האָבן, צום אונטערשיד פון אַלע איבעריקע יידן, וואָס האָבן געמוזט טראָגן צוויי געלע מגן דודס צוגענייט צו דער ברוסט און פּלייצע, געהאַט בלוי־ווייסע אָרעמבענדער.

מיר האָבן שוין אויבן דערציילט וועגן דעם צוזאַמענשטויס צווישן דעם רעוואָלטירנדיקן המון און דעם מיטגליד פון עלטעסטנראַט. פון דעם דאָזיקן פאַקט און פון נאָך אַנדערע דערגאַנגענע צו אונדז ידיעות, איבערגעגעבן פון קוטנער יידן, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ קיין וואַרשע (ווי לאַנג דאָס איז נאָך געווען מעגלעך), קאָן מען דרינגען, אַז די באַציאונג פון דער מאַסע צום ראַט איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן נעגאַטיווע.

אין די גביות־עדות, וואָס די דאָזיקע אַנטלאָפענע האָבן אָפּגעגעבן אין וואַרשע פאַר די מיטאַרבעטער פון רינגעלבלום־אַרכיוו, וואַרפן זיי פאָר דעם עלטעסטנראַט פניות און קאָרופּציע באַלד אין אָנהייב ביים איינאָרדענען זיך אין געטאָ, ווייטער: זאָרג וועגן אייגענע מענטשן און גלייכגילטיקייט לגבי דער נויט פון דער מאַסע, האַנדל מיט אַדורכלאָז־שיינען אאַז"וו.[89]

די עיקר־אויפגאַבע פון די ראַטן איז געווען, לויט דער כוונה פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט, דאָס פּינקטלעכע אויספירן פון אַלע באַפעלן און פאַראָרדענונגען, וואָס זיי וועלן פון איר באַקומען. אַזוי באַשטימען די ראָל פון די ראַטן די פאַראָרדענונג וועגן איינפירן די יודענראַטן אין דער גענעראַל־גובערניע פון 28סטן נאָוועמבער 1939, ווי אויך אַלע אָפיציעלע און נישט־אָפיציעלע נאַציש ענונציאַציעס.

די פאַראָרדענונגען און באַפעלן זענען געווען פאַרשידנאַרטיק. בדרך כלל זענען זיי באַשטאַנען אין צונויפשטעלן גענויע סטאַטיסטישע רשימות פון דער צאָל, באַשעפטיקונג און פאַרמעגנס־צושטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג, אין צונויפזאַמלען די אַרויפגעלייגטע קאָנטריבוציעס, מעבל, וועש, בעטגעוואַנט א"אַנד שטוב־איינריכטונגען פאַר די מיליטערישע פאָרמאַציעס, אַדמיניסטראַטיווע און פּאָליצייאישע אָרגאַנען, צושטעלן אַ באַשטימטן קאָנטיגענט אַרבעטער פאַר די באַדערפענישן פון דער מאַכט, און צונויפשטעלן רשימות פון אַרבעטספעיקע צום אַרויסשיקן אין די אַרבעטס־לאַגערן, אָדער קאַנדידאַטן צו די „אויסזידלונגען" אאַז"וו. דאָס זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, די נאָרמאַלע „געזעצלעכע" פאָדערונגען לגבי די ראַטן. חוץ דעם זענען געווען אויסערגעוויינלעכע, אַזוי צו זאָגן, אויסער־ן פּראָגראַם. זיי זענען אָפט געווען אָפּהענגיק פון די נטיות, געשמאַקן, פאַנטאַזיע און אַפילו „הומאָר", פון די לאָקאַלע „פירערלעך".

חוץ דער דאָזיקער עיקר־אויפגאַבע, האָבן די יודענראַטן אויסגעפירט אויך אַנדערע פונקציעס פון אַן אינעווייניקסטן כאַראַקטער: איינקויף און פאַרטיילונג פון דער אָפּראָוויזאַציע, אָרגאַניזירן סאָציאַלע הילף (פּאַראַלעל מיט דער, אין סעפּטעמבער 1940 געשאַפענער „יידישער סאָציאַלער אַליינהילף"), שאַפן אַרבעט אין געטאָ דורך גרינדן וואַרשטאַטן, וואָס זאָלן אַרבעטן בעיקר לטובת דער ווערמאַכט, אָפּהיטן די אינעווייניקסטע רו און אָרדענונג, ריינקייט. זיי האָבן אויך אויסגעפירט געוויסע פּאָליצייאישע און געריכט־פונקציעס.

דער קוטנער עלטעסטנראַט האָט אין זיין ביוראָ באַשעפטיקט אַ פאָר באַאַמטע. אין יאָר 1940 איז סעקרעטאַר פון ראַט געווען אַ געוויסער משה פּלוגער. אין 1941 ווערן אַלס ראַט־באַאַמטע אויסגערעכנט דוד און הענריקאַ אַראָנאָוויטש, נטע קרייער (געוועזענער שול־שמש).

אַ פאַקט דערציילט פון איינעם, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם „קאָנסטאַנציאַ"־לאַגער וואַרפט אַ ליכט אויף די מאַכינאַציעס פון געוויסע באַאַמטע פון ראַט. ווען דעם דאָזיקן ייד האָט זיך, מיט טויט־סכנה, נאָכן משחד זיין דעם הויפּט־וואַכמאַן, איינגעגעבן אַריבערצופירן אין געטאָ זיין האָב־און־גוטס, וואָס ער האָט געהאַט ליגן באַהאַלטן אין זיין פריערדיקער דירה אין דער שטאָט, האָבן די יידישע באַאַמטע פון דעם אַזוי גערופענעם „צאָלאַמט" קאָנפיסקירט די סחורה און געפאָדערט אַזאַ הויכע סומע אויסקויף־געלט, אַז דער ייד האָט רעזיגנירט פון די אַריינגעפירטע סחורות און חפצים, וואָס איז פאַרבליבן אין די הענט פון די אויספּרעסער־ס.[90] דער דאָזיקער „צאָלאַמט" ווערט אין דעם ציטירטן גבית־עדות כאַראַקטעריזירט ווי אַן אַמט, וואָס האָט אַרויפגעלייגט שטייערן און געריסן פון טויטע און לעבעדיקע. נאַטירלעך, דאַרף מען זיך צו דער דאָזיקער נעגאַטיווער כאַראַקטעריסטיק פון אַן אַמט, וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו שאַפן געלט־מיטלען פאַר די אַלגעמיינע הצטרכותן פון געטאָ, באַציען מיט פאָרזיכטיקייט. עס איז אָבער אויסער יעדן ספק, אַז אין דער ספּעציפישער געטאָ־אַטמאָספערע, וואָס איז געווען הויך געשפּאַנט מיט אַ כסדרדיקן קאַמף פאַר פיזישן קיום און רעטונג, וועלכער איז אָפט געווען דיקטירט פון אַ פיל פאַרשטאַרקטן זעלבסטדערהאַלטונג־אינסטינקט, זענען באַגאַנגען געוואָרן מיסברויכן און אַפילו אָפענע עוולות לגבי יחידים.[91]

ביים עלטעסטנראַט האָט אויך עקזיסטירט אַ יידיש געריכט, וואָס איז געווען קאָמפּעטענט צו פאַרמשפּטן אויף תפיסה־שטראָפן. אין אַן איינציקער נאָטיץ, וואָס מיר האָבן וועגן דעם געטאָ־געריכט, ווערט זיין פאָרזיצער כאַראַקטעריזירט ווי „אַן אָרנטלעכער און ענערגישער מענטש"[92] (זיין נאָמען איז נישט אָנגעגעבן).

וועגן דער יידישער פּאָליציי אין קוטנער געטאָ, גיבן אונדז די מאַטעריאַלן נאָך קאַרגערע ידיעות. זי איז נישט געווען מונדירט און איז געווען באַוואָפנט מיט שטעקנס. איין עדות באַצייכנט דאָס פאַרהאַלטן זיך פון דער יידישער פּאָליציי אַלס „אָרדינערע".[93] אַ צווייטער דערציילט: „דאָס פאַרהאַלטן זיך פון דער [יידישער] פּאָליציי איז אויך געווען צו באַדויערן. ווען איינער האָט באַקומען אַ פּשעפּוסטקע צום אַרויסלאָזן [פון געטאָ], האָט ער זיך געמוזט אויסקויפן ביי דער פּאָליציי".[94] אין די

אַקטן געפינען מיר נאָר אַ פּאָר נעמען פון די יידישע פּאָליציי־לייט: פראַנקענשטיין, גורקער (איינער פון די עלטסטע יידישע באַאַמטע אין קוטנער מאַגיסטראַט). ביים סוף פון דער „אַקציע" האָט מען איבערגעלאָזט 40 מאַן אויפצורוימען דעם לאַגער. צווישן זיי האָט זיך מסתמא געפונען אַ געוויסע צאָל יידישע פּאָליציי־לייט. צוו"אַנד ווערן אויסגערעכנט: העלמאַן, פּראַשקער, מענדל וואַרשאַוועטשיק, קירשטיין, צעלעמענסקי, פּראַנקענשטיין א"אַנד.[95] צי אַלע אויסגערעכנטע האָבן געהערט צו דער יידישער פּאָליציי — איז שווער צו זאָגן. נאַטירלעך, האָט אויך די יידישע פּאָליציי נישט אויסגעמיטן דעם גורל פון אַלע קוטנער יידן.

3. די „אויסזידלונג־אַקציע" קיין כעלמנאָ

עס האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער פון 1942/1941. אין געטאָ הערשט הונגער, קעלט, טרויער און פאַרצווייפלונג. אָבער ערגער פון אַלץ זענען די קלאַנגען איינע שטוינענדיקער ווי די אַנדערע, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין דעם הערמעטיש אָפּגעשלאָסענעם געטאָ — ידיעות, אין וועלכע עס איז שווער צו גלייבן. עס זענען נעמלעך דערגאַנגען ידיעות וועגן די „אויסזידלונגען" אין די שכנותדיקע קהילות קויל, קלאָדאַווע, איזשביצע, בוגאיי, סאָמפּאָלנע א"אַנד. די דאָזיקע קהילות זענען ליקווידירט געוואָרן צווישן 7טן דעצעמבער 1941 און פעברואַר 1942. דעם 8טן דעצעמבער 1941 איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג דער פאַרניכטונג־לאַגער אין כעלמנאָ (14 קל"מ פון קויל).

דער באַשלוס פון פיזישער אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין „וואַרטעלאַנד", איז געפאַסט געוואָרן נישט שפּעטער ווי אין אָקטאָבער 1941, ווייל שוין אין די חדשים אָקטאָבער־נאָוועמבער 1941, זענען געמאַכט געוואָרן די הכנות פאַר דעם כעלמנער לאַגער. דעם 2טן יאַנואַר 1942 האָט דער שטאַטהאַלטער פון „וואַרטעלאַנד", אַרטור גרייזער, אַרויסגעגעבן זיין דעקרעט וועגן „ענטיודונג דעס וואַרטעגאַוס".[96]

די ערשטע „אויסזידלונג"־אַקציע אין „וואַרטעלאַנד" האָט זיך אָנגעהויבן אין קאָנינער קרייז. סוף סעפּטעמבער, אָדער תחילת אָקטאָבער 1941, איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין קאָנינער קרייז (קרוב 3000 נפשות) קאָנצענטרירט געוואָרן אין זאַגוראָווע, אַ שטעטל לעבן קאָנין. יעדער האָט געמוזט אַדורכגיין אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג און איינצאָלן 4 רייכסמאַרק קאָפּגעלט. די מעדיצינישע אונטערזוכונג וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מענער פון 14 ביז 60 (פרויען ביז 50) יאָר, האָט געזאָלט כלומרשט פעסטשטעלן די אַרבעט־פעיקייט פון די אונטערזוכטע. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן די „אויסזידלונג" געהייסן האָט עס, אַז מען פאָרט מיט אויטאָס קיין קויל און פון דאָרט מיט דער באַן קיין לאָדזש. פּאַרטיעסווייז, צו 60 מאַן אין אַ לאַסטאויטאָ, זענען זיי אָפּגעפירט געוואָרן אין די קאַזשימיעזשאָווער וועלדער, וווּ מען האָט זיי אומגעבראַכט.

אַן עדות, אַ געוועזענער פּוילישער אַרעסטאַנט, וועמען די עס־עס־לייט האָבן צוזאַמען מיט צוויי אַנדערע אַרעסטירטע אַרויסגעפירט אין וואַלד, בכדי קובר צו זיין די מתים און סאָרטירן די מלבושים, דערציילט, אַז יידן זענען דאָרט אומגעקומען לעבעדיקערהייט אין גריבער, אָנגעפּילטע מיט נישט־געלאָשענעם קאַלך, אויף וועלכע מען האָט פון שלויכן געגאָסן וואַסער. גלייכצייטיק האָט מען פון וואַלד געבראַכט אויטאָס מיט פאַרגאַזעוועטע יידן און אויך דאָרטן קובר געווען. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער פּרימיטיווער, טעכניש נאָך שוואַכער, אָנהייב. נאָכן לאָזן אין גאַנג דעם כעלמנער לאַגער, איז די פאַרניכטונגאַקציע „פאַרפולקאָמט" געוואָרן און זי האָט באַקומען טעמפּא און שווונג.

תחילת מערץ 1942 האָט זיך איבער דער פּראָווינץ צעגאָסן די צווייטע און שטאַרקסטע אויסראָט־כוואַליע, וואָס האָט שוין אָנגעהאַלטן ביזן סוף. דעם 2טן און 3טן מערץ זענען ליקווידירט געוואָרן די געטאָס אין די נאָענטסטע צוויי שטעט קרושניעוויץ און זשיכלין. די כוואַליע האָט זיך דערנענטערט צו די טויערן פון קוטנער געטאָ. דעם 23סטן מערץ האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן די „אויסזידלונג"־אַקציע און זי האָט אָנגעהאַלטן ביז האַלב אַפּריל.

אַלץ גייט צו מיט סיסטעם. יעדן טאָג פירט מען אַרויס לויטן אַלף־בית 300—400 יידן אויף לאַסטאויטאָס אין דער ריכטונג פון קויל. אויך דאָ האָט מען פון די קרבנות געפאָדערט איינצוצאָלן פריער אַ קאָפּשטייער, וואָס איז בינתיים געהעכערט געוואָרן און האָט שוין באַטראָפן 10—12 ר"מ.

די מיטגלידער פון „עלטעסטן־ראַט" האָט מען ליקווידירט אויפן אָרט דורך דערשיסן. לויט איין ווערסיע, האָבן די דייטשן באַפוילן דעם ראש פון ראַט צו ברענגען אַ גלאָז וואַסער און בעת יענער האָט אויסגעפילט דעם באַפעל, האָט ער אויף אַ פאַררעטערישן אופן באַקומען פון הינטן אַ קויל אין קאָפּ. די עקזעקוציע פון די איבעריקע איז פאָרגעקומען אויסערן שטח פון געטאָ, וואַרשיינלעך אויפן יידישן בית־עולם. די יידישע געטאָ־פּאָליציי איז דערשאָסן געוואָרן די לעצטע.

נאָכן אַרויספירן די יידן, האָט מען געבראַכט פון לאָדזשער געטאָ פערציק יידן, בכדי אויפצורוימען און אויסצוסאָרטירן דאָס איבערגעבליבענע יידישע פאַרמעגן. די דאָזיקע „אויפרוימונג־קאָמאַנדאָ" האָט אויפן שטח פון געוועזענעם געטאָ פאַרבראַכט ביז סעפּטעמבער, ד"ה כמעט אַ האַלב יאָר. נאָך דעם ווי זי האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט און מען האָט זי שוין געהאַלטן ביים אָפּטראַנספּאָרטירן צוריק קיין לאָדזש, האָט פּאַסירט דער ווייטערדיקער פאַל: איינער פון זיי האָט זיך ערגעץ פאַרשטעקט אין דער האָפענונג צו קענען שפּעטער אַנטלויפן. מען האָט אים אָבער געפונען. ווי אַ שטראָף, האָט די גאַנצע גרופּע געמוזט אַדורכמאַרשירן דורך אַ ריי עס־עס־מענער מיט גראָבע שטעקנס. אַ פּאָר זענען געפאַלן אויפן אָרט און די איבעריקע האָט מען געמוזט אַריינוואַרפן אין אויטאָ, זיי האָבן זיך שוין נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. נאָכן אָפּפאָרן פון דער „אויפרוימונג־קאָמאַנדאָ", האָט די געסטאַפּאָ אַדורכגעפירט גרינטלעכע אונטערזוכונגען אין די מויערן און אַלערליי באַהעלטענישן. נאָך זיי האָט דאָס זעלבע געטאָן די שטאָט־פאַרוואַלטונג און די אָרדענונג־פּאָליציי. צום לעצט האָט מען דעם גאַנצן געוועזענעם געטאָ־שטח איבערגעגעבן צוריק דער שטאָט פאַר מאַגאַזינען.

דאָס ערשטע, וואָס די ציווילע פּוילישע באַפעלקערונג האָט געקאָנט באַמערקן, ווען זי האָט באַטרעטן דעם באָדן פון „קאָנסטאַנציא", זענען געווען צעוואָרפענע כלים און שטוב־חפצים, אַלטע צעריסענע וועש, בגדים, בעטגעוואַנט און גרויסע שטויסן פון פּאַפּירן, ספרים און צעגראָבענע גריבער. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן נאָך די בערך 6000 יידן אַרויסגעפירטע קיין כעלמנאָ.

לסוף אַ פּאָר ווערטער וועגן דער טויט־„פּראָצעדור" אין כעלמנער לאַגער.

די לאַסטאויטאָס מיט די „אויסגעזידלטע" פלעגט מען צופירן צו אַ בנין, וואָס איז פאַר 1914 געווען אַ פּריצישער פּאַלאַץ און איז שוין מחמת זיין שלעכטן צושטאַנד נישט באַנוצט געוואָרן. פאַר די אָנגעקומענע פלעגט אַ מיטגליד פון דער „זאָנדערקאָמאַנדאָ קולמהאָף" (קולמהאָף — דער דייטשער נאָמען פון כעלמנאָ) האַלטן אַ רעדע, פאַרזיכערנדיק, אַז זיי וועלן געשיקט ווערן אויף אַרבעט קיין מזרח, ווו זיי וועלן גוט באַהאַנדלט און באַשפּייזט ווערן. פאַר דער רייזע דאַרפן זיי זיך נאָך אויסבאָדן און אָפּגעבן די מלבושים צו דעזינפעקציע. עס פלעגט נישט זעלטן טרעפן, אַז ביים סוף פון דער רעדע, פלעגן

די פאַרפּירטע קרבנות אָפּלאָדירן (דאָס איז גראָד געווען אַן עלטערער דייטש, וואָס האָט אַרויסגערופן צו זיך צוטרוי).


פון הויף פלעגט מען דעם אָנגעקומענעם טראַנספּאָרט, וואָס פלעגט באַשטיין פון 100 ביז 150 נפשות, אַריינפירן אין אַ זאַל אויפן ערשטן שטאָק, ווו מען האָט זיי באַפוילן זיי זאָלן זיך אויסטאָן, אָוועקלייגן די מלבושים אין אָרדענונג („זיי וועלן דאָך זיי שפּעטער דאַרפן") און בלייבן אין דער אונטערוועש. פון זאַל האָט מען די קרבנות געפירט אַראָפּ צו אַ קאָרידאָר, וואָס אויף זיינע ווענט זענען געווען אויפשריפטן „צום דאָקטער", „צו דער באָד". דער קאָרידאָר האָט געפירט צו אַן אַרויסגאַנג. דאָ האָט מען זיי דערקלערט, אַז זיי וועלן מיט אַן אויטאָ פאָרן צום באַדעאַנשטאַלט. האַרט לעבן דער אַרויסגאַנג־טיר, האָט שוין אויף זיי געוואַרט אַ גרויסער געדעקטער אויטאָ, געווענדט מיט זיינע טירלעך צום אַרויסגאַנג פון קאָרידאָר, אַזוי אַז פון דאָרט פלעגן זיי אויף צוגעשטעלט'ע טרעפּלעך גלייך איינשטייגן אין אויטאָ. אויפן וועג צום אויטאָ האָט זיך די דאָזיקע „פריד־לעכע" אַטמאָספער בליץ־שנעל געענדערט. די זשאַנדאַרן, וואָס זענען געווען געדיכט אויסגעשטעלט אין קאָרידאָר, פלעגן מיט גוואַלדן און געשלעגן צווינגען די קרבנות אַריינצוגייען אין דעם אויטאָ אין אַ גיכן טעמפּאָ, פאַראַליזירנדיק ביי זיי יעטוועדן רעפלעקס פון ווערן זיך. נאָך דעם ווי דער אויטאָ האָט פאַרשלונ־גען די מענטשן, זענען די הערמעטיש זיך פאַרמאַכנדיקע טירלעך פאַרשלאָסן געוואָרן און דער מאָטאָר, וואָס אַ רער פון אים מיט דעם אַרויסשטראָמענדיקן בענזין־גאַז איז פון אונטן איינמאָנטירט געוואָרן אין אויטאָ, איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. פון הערמעטיש פאַרמאַכטן אויטאָ האָבן זיך געהערט געשרייען. אַ פאַרצווייפלט קלאַפּן אין די ווענט, אָבער נאָך 4—5 מינוט (טייל מאָל לענגער, עס איז געווען אָפּהענגיק פון דער שנעלער אָדער פּאַמעלעכער ווירקזאַמקייט פון גאַז) איז אין אויטאָ געוואָרן טויט־שטיל. פון דאָרטן איז דער אויטאָ מיט די פאַרגאַזטע צוגעפאָרן צו דעם נאָענטן זשוכאָוועער וואַלד — אַ מרחק פון 4 קילאָמעטער. דאָרט האָט מען די טויטע קער־פּערס אַרויסגעשלעפּט, געזוכט אין פאַרבאָרגענע ערטער, טאָ־מער האָט ווער באַהאַלטן אַ ווערטזאַך, אַרויסגעריסן גאָלדענע ציין, אַראָפּגעריסן רינגלעך פון די פינגער. ביז פרילינג 1942 האָט מען די פאַרגאַזטע באַגראָבן אין מאַסן־קברים. פון דער דאַטע אָן, ווען מען האָט אויפגעבויט צוויי קרעמאַטאָריעס, האָט מען די קערפּערס פאַרברענט (מען האָט אויך שפּעטער, כדי צו פאַרווישן די רוצחישע שפּורן, דאָרט פאַרברענט די אויסגע־גראָבענע פון די מאַסן־קברים).

בינתיים, איז שוין אין לאַגער, ווו מען האָט באַזייטיקט אַלע סימנים פון דעם פריערדיקן טראַנספּאָרט, אָנגעקומען אַ פרישע מענטשן־לאַדונג און די טויט־פּראָצעדור האָט זיך אָנגעהויבן אויף ס'ניי. דורכשניטלעך האָט מען טעגלעך פאַרגאַזט אויף אַזאַ אופן 1,000 נפשות. קינדער און זקנים פלעגן, נישט זעלטן, אויף אַן אַכזריותדיקן אופן דערמאָרדעט ווערן פריער דורך סאַדיסטישע עס־עס־לייט.

חוץ דער „זאָנדערקאָמאַנדאָ", וואָס איז באַשטאַנען פון בערך 100 מיטגלידער, איז דער לאַגער אויך באַדינט געוואָרן דורך אַ גרופּע יידישע אַרבעטער (דורכשניטלעך 70 מאַן), וואָס מען פלעגט אַלע מאָל באַנייען פון פרישע טראַנספּאָרטן (די שוואַך־געוואָרענע פלעגט מען דערמאָרדן) און זיי צווינגען אַרויס־צושלעפּן און רעווידירן די קרבנות און זיי באַגראָבן אין די צו־געגרייטע קברים, אָדער פאַרברענען אין די קרעמאַטאָריעס. זיי האָבן זיך געטיילט אויף אַ „האויזקאָמאַנדאָ", וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין לאַגער גופא פאַר די באַדערפעניש פון די עס־עס־לייט און אַ „וואַלד־קאָמאַנדאָ", וואָס האָט געאַרבעט אין וואַלד. עס פלעגט נישט זעלטן טרעפן, אַז די יידישע אַסירים פלעגן דערקענען זייערע דערמאָרדעטע נאָענטע קרובים. זיי האָבן געאַרבעט אין קייטן אויף די פיס און געוווינט אין אַ שטרענג־באַוואַכטן קעלער. עסן פלעגט מען זיי צוטיילן פון די שפּייז־פּעקלעך, וואָס די קרבנות האָבן געבראַכט מיט זיך.

די פאַרצווייפלונג ביי די דאָזיקע פיזיש און פסיכיש גע־פייניקטע „קברנים", וואָס קיין שום טייוול האָט ביז די נאַציס אַזאַ איינקוויזיציע נישט אויסגעטראַכט, איז געווען אָן לשער. דריי פון זיי האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן און זענען ניצול געוואָרן (זיי געפינען זיך היינט אין ישראל). בעת דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון כעלמנער לאַגער דעם 17טן יאַנואַר 1945, ווען מען האָט אויסגעשאָסן די לעצטע יידן פון דער „וואַלדקאָמאַנדאָ", האָט זיך נאָך איינעם, אַ שווער־פאַר־וווּנדעטן, איינגעגעבן צו אַנטלויפן און זיך צו ראַטעווען.[97]

צווישן די טויט־שקלאַפן אין כעלמנער לאַגער זענען אויך געווען באַשעפטיקט קוטנער יידן.



מצבה בחלמנו שהוקמה ע"י יהודי פולין
מצבה אין כעלמנאָ, אויפגעשטעלט דורכן צ.ק. פון יידן אין פוילן

צווישן די יידישע טויט־שקלאַפן זענען אויך געווען קוטנער יידן. מיר ווערן דאָס געוואָר פון אַ צוואה, וואָס מען האָט נאָך דער מלחמה געפונען אין אַ ניי־מאַשין אין לאָדזש, וואָס אַ גרופּע שניידערס פון דער „האויזקאָמאַנדאָ" האָט אַפּנים דאָרט באַהאַלטן.

די צוואה איז אונטערגעשריבן דורך 12 מאַן, צווישן זיי דריי פון קוטנע: יוסף הערשקאָוויטש, משה פלאַצקער און פייוול פלאַצקער. אַזוי ווי דאָס איז דער לעצטער „גרוס" פון קוטנער געטאָ, ברענגען מיר דעם פולן טעקסט פון דער דאָזי־קער צוואה: „דאָס זענען די לעצטע יידן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער געסטאַפּאָ אין (כעלמנאָ), וואָס ליגט צווישן דאָמביע און קויל. עס זענען די לעצטע טעג פון אונדזער לעבן, גיבן מיר אַ צייכן, מעגלעך געפינען זיך קרובים אָדער באַקאַנטע פון די מענטשן, זאָלט איר וויסן, [אַז] אַלע יידן, וואָס זענען אַרויס־געשיקט פון ליצמאַנשטאַדט [לאָדזש] זענען געוואָרן אומגע־בראַכט אויף זייער אַ מיאוסן אופן. זיי זענען געפייניקט און

געוואָרן פאַרברענט. בלייבט געזונט. אויב איר וועט איבערלעבן זאָלט איר נקמה נעמען.

דאָס זענען די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין קולמהאָף (כעלם) צווישן קויל און דאָמביע אין טויטלאַגער".

דערנאָך גייען 12 אונטערשריפטן. חוץ די 3 קוטנער, געפינען מיר דאָרט די נעמען פון 4 לענטשיצער, 1 לאָדזשער 1 גראַבאָוער, 1 סאָניקער, 1 לוטאָמיערסקער און 1 לורקער.[98]

הערות

פון אויסברוך פון קריג ביז דעם גירוש אין געטאָ

(10.6 1940 — 1.9.1939)

1 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1157 „געשיכטע פון מלחמה־איבערלעבענישן אין קוטנע, געשריבן פון יוסף פיאָטרקאָווסקי", ז״ז 7—8.

2 דאָרטן, נומ׳ 1155, „איבערלעבונגען פון קוטנער יידן פון אָנפאַנג קריג" (אַנאָנים).

3 דאָרטן, נומ׳ 1158, „Ludność żydowska Kutna pod okupacją niemiecką ז״ז 2—3.

4א Jerzy Kirchmayer — „Kampania wrześniowa", 194 p. 54—152.

4 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1157, זז׳ 9—10.

5 דאָרטן, נומ׳ 1155.

6 דאָרטן, נומ׳ 1157, ז״ז 12—19. דער פאָלקס־דויטש, וואָס האָט געהיטן, אַז יידן זאָלן נישט עובר זיין אויפן געזעץ, האָט שוין 5 אַזייגער געשלאָגן יידן פאַר שפּעט גיין אין גאַס.

7 דאָרטן.

8 די ערשטע פאַראָרדענונג וועגן שחיטה־פאַרבאָט איז אין דער גענעראַל־גובערניע דערשינען דעם 26סטן אָקטאָבער 1939.

9 דאָרטן, נומ׳ 1157, ז׳ 13.

10 דאָרטן, נומ׳ 1155.

11 דער עלטעסטענראַט איז נאָמינירט געוואָרן אין יאָר 1940.

12 דאָרטן, נומ׳ 1157, ז׳ 13.

13 דאָרטן, נומ׳ 1157, ז׳ 15.

14 טאָג פון פּוילישן נאַציאָנאַלן יום־טוב.

15 דאָרטן, נומ׳ 1155.

16 דאָרטן, געווען אָבער אויך אַזעלכע, ווו מען האָט נישט געטשעפּעט און אַפילו געגעבן עסן.

17 דאָרטן, נומ׳ 1157.

18 אין דעצעמבער 1939.

19 דאָרטן, נומ׳ 1155.

20 אָנהייב אָקטאָבער 1939.

21 דאָרטן, נומ׳ 1155.

22 דאָרטן, נומ׳ 1158, ז׳ 7.

23 אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, גבית־עדות (ג"ע) פון משה לישאַק, נומ׳ 375.

24 אין יאַנואַר אָדער פעברואַר 1940 איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג פון דער דייטשער מאַכט, אַז אַלע פּליטים מוזן פאַרלאָזן די שטאָט, וואָס איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דייטשן רייך. אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ בהלה. אין משך פון דריי טעג האָט אַ גרויסער טייל פון די פּליטים פאַרלאָזט די שטאָט און אַ טייל האָט זיך אויסבאַהאַלטן און פאַרבליבן.

25 נאָך פריער, אין נאָוועמבער 1939, האָט די געסטאַפּאָ אַדורכגעפירט אַ ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. ראשי משפחות האָבן געמוזט אָנגעבן וויפל מזומנים זיי באַזיצן, דעם ווערט פון זייער באַוועגלעכן און אומבאַוועגלעכן פאַרמעגן, די אַלע דאָקומענטן זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער שוץ־פּאָליציי. די דאָזיקע רשימות האָבן זיך נישט אויפגעהיט.

26 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1159, ז׳ 5 (אַנאָנימער מחבר). אין דער געגנט פון קוטנע, וועלכע איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער גערמאַניזאַציע־אַקציע פון דעם וואַרטעלאַנד, האָט מען עוואַקואירט 20 דערפער און צווישן זיי נאַטירלעך זייערע יידישע איינוווינערס. די יידן האָבן באַקומען דאָס רעכט זיך צו באַזעצן אין די נאָענטסטע שטעט פון קרייז. זיי האָבן אָבער באַשלאָסן צו בלייבן אין די נאָענטע וועלדער „עד יעבור זעם".

27 דער גרענעץ־פּונקט האָט זיך געפונען אין זשיכלין (14 ק"מ פון קוטנע).

28 אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, וואַרשע (ייה"א), מאַטעריאַלן פון דער „יידישער אונטערשטיצונג שטעלע" (ווייטער בקיצור „יאוס"), נומ׳ 33.

29 זע דאָס קאַפּיטל „אַליינהילף און הילף פון דרויסן".

30 אַרכיוו פון ייה"א, אַקטן פון „דזשאָינט", נומ׳ 106, ז׳ 106.

31 דאָרטן, ז׳ 80.

32 אין אַ רייע בריוו צום „דזשאָינט" באַקלאָגט זיך דער וולאָצלאַווער קאָמיטעט אויף דער נישט־יושרדיקער באַהאַנדלונג פון די פּליטים מצד דעם ראָט, אַז זיי ווערן באַעוולהט ביים באַקומען אונטערשטיצונג, וועלכע דער „דזשאָינט" האָט געשיקט ספּעציעל פאַר זיי. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ וולאָצלאַוועקער פּליט, וועלכער האָט מיטגעאַרבעט מיטן ראָט, איז פון אים אַרויסגעטרעטן. דאָרטן, ז"ז 82, 48.

33 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1157, ז׳ 18.

34 דאָרטן.ביידע מקורים, נומערן 1157 און 1158 גיבן אָן פאַרשידענע דאַטעס (12טן און 15טן פעברואַר) און פאַרשידענע צאָלן פאָלקסדויטשן (10 און 40). דעם זעלבן טאָג איז אַ גרופּע יידן — מסתמא אין שייכות מיט די רעקוויזיציעס — צווישן זיי לייזער לעווין, לייזער קאָרן און אהרן קאַפּעל — פאַרשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1157, ז׳ 23. קוועסטיאָנאַרן פון Instytut Pamięci Narodowej, Warszawa, No 6.

35 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1157, ז"ז 18—19. דאָרט ווערט איבערגעגעבן, אַז נישט געקוקט אויף דער סכנה, האָט אַ 70יאָריקע פרוי איינגעשטעלט דאָס לעבן און געלאָפן אין דער זשאַנדאַרמעריע מעלדן וועגן דער שריפה. דער קאָמענדאַנט זאָל האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אונטערצינדער האָבן דאָס געטאָן „אויף אייגענער האַנט, אָן אַ באַפעל".

36 פון דער פּאָפּולערער אין קוטנע משפחה גאָלדשמידן.

37 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1157, ז"ז 22—27.

38 דאָרטן, נומ׳ 1156, אַקטן פון „דזשאָינט" נומ׳ 106, ז"ז 95—99. די אינטערנירטע זענען דורך דער דייטשער מאַכט נישט באַשפּייזט געוואָרן. מיט פּראָוויאַנטירונג האָט זיך געמוזט פאַרנעמען דער עלטעסטן־ראָט.

39 עס איז געווען איינער פון די קאַלטסטע ווינטערס אין אייראָפּע אין משך פון די לעצטע 10 יאָר.

40 אַן עסטרייכער פון לינץ.

41 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1159, ז׳ 7.

42 אַרכיוו פון יה"א, כתבי־יד פון שטעט, נומ׳ 45.

43 אַרכיוו פון יה"א, גבית־עדות, נומ׳ 303 פון לוציאַ סטוטשינסקאַ (פּויליש).

44 דאָרטן, גבית־עדות, נומ׳ 305.

45 אַרכיוו פון ייה"א, געטאָ־פערוואַלטונג, טעקע נומ׳ IX/54, ז׳ 64 (בריוו פון קוטנער עלטעסטן־ראָט צו דער לאָדזשער געטאָ־פאַרוואַלטונג פון 6.9.1940 ; אַנקעטע פון „דזשאָינט" פון 20.12.40 ; „יאוס", נומ׳ 21).

46 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1156. צוליב דעם איז אַפילו דערגאַנגען צו אַ חקירה מצד דעם שעף פון דייטשן „איבערזידלונגסאַמט". פון אַ שטאַרק צעשעדיקטן גבית־עדות אין רינגעלבלום־אַרכיוו (נומ׳ 1159) קאָן מען דרינגען, אַז אויפן באָדן פון וווינונג־פאַרטיילונג זענען אויסגעבראָכן אינעווייניקסטע סכסוכים, וואָס האָבן דערפירט צו אַן אויספאָרשונג מצד דער מאַכט. נאָר אַ דאַנק דער סאָלידאַרישער האַלטונג פון אַלע אויסגעפרעגטע (דער שעף האָט געפאָרשט וועגן איינצאָלן דעם עלטעסטן־ראָט 1000 מאַרק פאַר אַ צימער), זענען דאַן אויסגעמיטן געוואָרן רעפּרעסיעס לגבי דעם ראָט.

47 אַרכיוו פון ייה"א, גבית־עדות, נומ׳ 303.

48 גבית־עדות, נומ׳ 312.

49 גבית־עדות, נומ׳ 315.

50 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1158.

51 גבית־עדות, נומ׳ 309.

52 Ostdeutscher Beobachter, vom 10.VI.1941,גבית־עדות, נומ׳ 303, דערציילט, אַז דעמאָלט איז אויך אויפגעהאַנגען געוואָרן דער קוטנער ייד לעאָן סטוטשינסקי. וועגן דעם דאָזיקן פאַל איז אויך געווען אַ ידיעה אין ניו־יאָרקער „אונזער צייט", נומ׳ 8, סעפטעמבער 1941, ז׳ 37.

53 גבית־עדות, נומ׳ 307.

54 גבית־עדות נומ׳ 314.

55 „יאוס", נומ׳ 106, ז׳ 87.

56 גבית־עדות, נומ׳ 307.

57 גבית־עדות, נומ׳ 312. אַרכיוו פון ייה"א אין וואַרשע, .G.V, טעקע נומ׳ XVI/5, ז׳ 22, בריוו פון קוטנער „בירגערמייסטער צו דער לאָדזשער געטאָ־פערוואַלטונג פון 18טן מאַי 1942".

58 אַרכיוו פון ייה"א, .G.V., טעקע IV/4, ז׳ 246.

59 אַרכיוו פון ייה"א, כתב־יד נומ׳ 45.

60 גבית־עדות, נומ׳ 303.

61 גבית־עדות, נומ׳ 304.

62 דאָרטן.

63 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1157, ז׳ 22. ווי עס גיט איבער איין עדות, איז איין מאָל געקומען אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע פון בערלין צו באַזוכן דעם לאַגער. בעת דעם באַזוך האָט זי פעסטגעשטעלט, אַז אַזוי קאָן עס ווייטער נישט בלייבן. זאָל דער בירגערמייסטער, וואָס האָט באַגלייט די דעלעגאַציע, האָבן צו איר זיך אָנגערופן „דאָס איסט דאָך איין קראַפּיער־לאַגער פיר די יודען אַוס קוטנאָ".

64 גבית־עדות, נומ׳ 303.

64א דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פאָלקלאָריסטישער געטאָ־מאַטעריאַל האָט זיך, מיטן אויסנאַם פון אויבן־דערמאָנטן לידל, ליידער נישט אויפגעהיט.

65 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1156, ז׳ 93; נומ׳ 1159, ז׳ 13.

66 מאַטעריאַלן פון „יידישער אונטערשטיצונגס־שטעלע" („יאוס"), נומ׳ 106. בריוו פון עלטעסטן־ראַט צום „דזשאָינט" פון 40.4.12.

67 דאָרטן.

68 דאָרטן, ז׳ 41.

69 דאָרטן, ז׳ 97.

70 דאָרטן, ז׳ 98.

71 דאָרטן, ז"ז 86—98.

72 דער מעמאָריאַל אַנטהאַלט די ווייטערדיקע פּאָזיציעס: פון דער פאָלקס־קיך געניסן 2.000 נפשות פון זיי 1.000 בחינם. 1,000 נפשות באַקומען חוץ דעם צו אַ פערטל קילאָ ברויט און 100 גראַם מילך. דער אַרבעטס־באַטאַליאָן אין צאָל פון 50 מאַן, קאָסט טעגלעך 50 רייכסמאַרק (די אַרבעטער האָבן נישט באַקומען פון די דייטשן געצאָלט פאַר זייער אַרבעט), דער שפּיטאָל (פאַר דעם אויסברוך פון דער עפּידעמיע) — טעגלעך 50 רמ., די פּאָליציי — 150 רמ., דאָס רעמאָנטירן די חרובע פאַבריקהאַלעס און אויפשטעלן באַראַקן — 300 רמ.

73 „יאוס", נומ׳ 106, ז"ז 51—55. דער טראַנספּאָרט האָט אַנטהאַלטן 4.358 פּושקעס קאָנדענסירטע מילך, 100 טעווועלעך שאָקאָלאַד, 33 פּושקעס קעז, 20 פּושקעס „אָוואָמאַלטין", 300 קילאָ מצות, 300 קג. פעטס, 9,25 קג. קוביקלעך בוליאָן, 2 קעסטלעך מעדיקאַמענטן א"אַ.

74 דאָרטן, ז׳ 31.

75 דאָרטן, ז׳ 7.

76 דאָרטן, ז׳ 15.

77 דאָרטן, ז׳ 6.

78 דאָרטן, ז׳ 11.

79 דאָרטן, ז"ז 56—69.

80 אַרכיוו פון ייה"א, .G.V XI/54, ז׳ 64.

81 דאָרט, ז׳ 63.

82 אַזוי ווי אַ טעות צווישן אַ בויך־ און פלעק־טיפוס נאָך אַ באַקטעריאָלאָגישן אַנאַליז איז ביי אַן עפּידעמיע כמעט אויסגעשלאָסן, מוזן מיר אָננעמען, אַז דער פּויזנער אינסטיטוט האָט בכיוון געוואָלט אַריינפירן אין אַ טעות, בכדי צו באַשווערן דעם קאַמף מיט דער עפּידעמיע און אַזוי אַרום מיטצוהעלפן אין דער הייליקער מצווה פון יודנאויסראָטונג. אין ליכט פון די היינט שוין אַלגעמיין באַקאַנטע אכזריותדיקע מעשים תעתועים פון דער דייטשער מעדיצין בעת דער מלחמה, וועט דער דאָזיקער פאַקט לחלוטין נישט זיין פאַראיינצלט.

83 גבית־עדות נומ׳ 311.

84 אַרכיוו פון ייה"א, .G.V 33/32, נישט פּאַגינירט. די דערמאָנטע פירמעס האָבן שוין נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ אַריינגעשיקט אויפן אַדרעס פון ראַט חשבונות פאַר צוגעשיקטע מעדיקאַמענטן, וועלכע זענען איבערגעשיקט געוואָרן צום סילוקן דער לאָדזשער געטאָ־פאַרוואַלטונג. די פּאַביאַניצער פירמע שרייבט צוו"אַנד אַזוי: „ווי מיר זענען געוואָר געוואָרן, איז דער פאַרוואַלטער פון אייער אַפּטייק הער ה. באַזשיקאָווסקי איבערגעזידלט געוואָרן קיין וואַרטעבריקן (קויל). מיר מיינען אָבער, אַז דאָס דאַרף נישט זיין קיין מניעה צו באַצאָלן דעם חוב"...

85 אַרכיוו פון ייה"א, כ"י פון שטעט, נומ׳ 46 (אָריגינעלע דייטשע טויטשיינען).

86 דאָרטן, כ"י נומ׳ 49.

87 גבית־עדותן, נומ׳ 303, 312.

88 אין דער גענעראַל־גובערניע האָט די צאָל מיטגלידער פון יודענראַט באַטראָפן, לויט פראַנקס פאַראָרדענונג פון 28סטן נאָוו׳ 1939 — 12 (אין קהילות ביז 10.000 נפשות) און 24 (אין קהילות, וואָס האָבן געציילט מער ווי 10.000).

89 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1156, 1159.

90 גבית־עדות, נומ׳ 315.

91 אויף עוולות באַקלאָגט מען זיך אין די גבית־עדות נומ 312, 315 און דאָק׳ נומ׳ 1159, ז"ז 8—10 אין רינגעלבלום־אַרכיוו.

92 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1159, ז׳ 12.

93 גבית־עדות, נומ׳ 312.

94 רינגעלבלום־אַרכיוו, נומ׳ 1156.

95 גבית־עדות, נומ׳ 307.

96 ישעיה טרונק — „שטודיע צו דער געשיכטע פון יידן אין וואַרטעלאַנד אין דער תקופה פון אומקום (1939—1944)", „בלעטער פאַר געשיכטע", באַנד II, 1950, ז. 150.

97 Władysław Bednarz — **Obóz straceń w Chełmnie nad Nerem**, Warszawa, 1946. N. Blumental — **Dokumenty i Materiały, t. I. Obozy, Łódź**, 1946, pp. 225—253.

98 דאָקומענט אין אַרכיוו פון „בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון" אין קיבוץ „לוחמי הגיטאות".

אין די ערשטע טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

צבי לאסמאן
גבעתיים

אין א געוויסן פרימארגן, ווען איך בין ארויס אין גאס, האב איך אנגעטראפן אויף מענטשן, וואס זענען געלאפן, געשריגן און געטומלט. דאס האט מען געטראגן פארוואונדעטע זעלנער פון די צוגן, וואס זענען באמבארדירט געווארן דורך די דייטשן. מען האט אויך געפירט מאביליזירטע זעלנער. די פאניק איז געווען גרויס. די שטאט איז באמבארדירט געווארן פון היטלעריסטישע עראפלאנען און די מענטשן זענען זיך צעלאפן אין אלע זייטן.

מ׳האט דערציילט, אז די דייטשן דערנענטערן זיך דורך פיאנטקע, ווו עס זענען פארגעקומען גרויסע שלאכטן. זיי זאלן שוין האבן איינגענומען די שטאט.

איך געדענק נישט גענוי דעם טאג, ווען די היטלעריסטן האבן אריינמארשירט קיין קוטנע, אבער יענע שעהן האבן זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון.

גלייך ווי די דייטשן זענען אריין אין שטאט, האבן זיי גענומען איינפירן זייער „ארדענונג״. עס איז ארויסגעהאנגען געווארן א באפעל, אז אלע מענער, יידן און קריסטן, זאלן זיך פארזאמלען אויפן נייעם מארק. דאס ערשטע, וואס זיי האבן געפאדערט איז געווען, אז די באפעלקערונג זאל אפגעבן דאס געווער צו דער נייער מאכט. דאס צווייטע האבן זיי געמאלדן, אז עס ווערט איינגעפירט אויסנאם־צושטאנד אין שטאט — פון א זייגער פינף נאך מיטאג ביז זעקס אין דער פרי.

גלייך צו מארגנס, האבן די דייטשן געכאפט יידישע מענער צו דער ארבעט אויפצוראמען די עפנטלעכע ערטער. צווישן די געכאפטע מענער, בין אויך איך געווען.

א סך מענטשן האבן זיך געפרווט אויסבאהאלטן, איינער אין א קעלער, דער צווייטער אויף א בוידעם, אבער עס איז געווען אומזיסט. מ׳האט אלעמען געכאפט.

איך האב זיך געפרווט אויסבאהאלטן ביי בלאנקן אין קעלער, האט מען אויך מיך געכאפט און צוגעפירט צו דער גרופע פארהאלטענע מענער.

די גאנצע מאסע מענטשן האבן די דייטשן אריינגעטריבן אין קלויסטער, וועלכער איז שוין געווען איבערפולט פון יידן און קריסטן. די לידן פון די ארעסטירטע איז געווען נישט צום באשרייבן. מ׳האט נישט באקומען קיין עסן, קיין טרינקען, דער הונגער איז געווען שרעקלעך. די הצטרכותן האט מען געמוזט דערלידיקן אינעווייניק, איינער לעבן אנדערן...

ווען איך האב פון מיין פאמיליע באקומען א פאקעטל מיט עסן, איז מען מיך באפאלן פון אלע זייטן, אזוי, אז פאר מיר איז גארנישט געבליבן.

נאך דריי פיינפולע טעג פון זיין פארשפארט אין קלויסטער, האט מען אנגעהויבן ארויסצולאזן די מענטשן. מע האט זיי איינגעטיילט אין גרופן: די פון לינקס האט מען ארויפגעפאקט אויף לאסט־אויטאס, און די פון רעכטס האט מען אוועקגעשיקט אויף ארבעט. די אלטע לייט האט מען אפגעלאזן אהיים.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאלן צו זיין צווישן די, וועלכע מען האט ווי די בהמות אפגעפירט אויף לאסט־אויטאס, אונטער א שטרענגער וואך, קיין לענטשיץ. דארט האט מען אונדז פארשפארט אין א שול, ארומגעצוימט מיט שטעכלדראט. אויפן הויף פון דער שול זענען שוין געווען פארזאמלט אלטע יידן מיט בערד און פיאות, וועמען מ׳האט ספעציעל צוגעטיילט די שמוציקסטע ארבעטן און דערביי זיי באשאטן מיט קלעפ.

אלע יידן האבן געטראגן לויף־נומערן אויף דער ברוסט און אויף די פלייצעס. מיין נומער איז געווען 640. אלע האבן געמוזט שטייק לויט די נומערן, א גאנצן טאג — פון פרי ביז אוונט.

אויף צו מארגנס האבן מיר ערשט באקומען א ביסל זופ, פארמישט מיט פערד־קלייען. צו מיטאג האבן מיר באקומען צו דריי קארטאפל מיט א געזאלצענעם הערינג, אן וואסער. נאכן הערינג איז דער דורשט געווען גרויס, אבער ערשט אויפן צווייטן טאג האט מען פאר 1400 מאן אריינגעבראכט בלויז איין פאס וואסער. אזוי ווי ס׳איז נישט געווען מיט וואס צום טרינקען, האט מען געפונען א נאכט־טאפ, אים אויסגעוואשן און אזוי ארום געשעפט דאס וואסער צום טרינקען. אזוי האט עס געדויערט עטלעכע טעג.



רעגיסטראציע־אמט פאר יידן אין קוטנער מאגיסטראט
משרד להרשמה ליהודים בבניין העירייה בקוטנה

אין איינעם א פרימארגן איז אריינגעקומען א דייטשער אפיציר און געפרעגט, ווער עס וויל ארויסגיין אויף ארבעט. איך און אפאטשינסקי און נאך פיר קריסטן האבן זיך געמאלדן פרייוויליק צו דער ארבעט.

האט מען אונדז איינגעשפאנט, אנשטאט פערד, אין א לאסט־וואגן און ארויסגעפירט אויפן פעלד אויסצוגראבן קארטאפל, אנלאדן אויפן וואגן און אפפירן אין לאגער אריין. קיין עסן האט מען אונדז נישט געגעבן.

אין לעצטן טאג האט מען געבראכט צו פירן געפאנגענע פוילישע זעלנער און אונדז האט מען צוריק אפגעשיקט קיין קוטנע צופוס, אונטער א באוואפנטער באגלייטונג פון פאלקס־דייטשן. ווען מיר זענען אריינגעקומען אין שטאט אריין, איז

שוין געווען פינצטער, די דייטשישע וואַך־פּאָסטנס, נישט וויסנדיק ווער מיר זענען, האָבן אויף אונדז געעפנט אַ שיסעריי.

מיט אויפגעהויבענע הענט, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין האָלצמאַנס פּאַלאַץ, וווּ עס האָט זיך געפונען דער דייטשער שטאַב. ווען מיר זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין שטאַב, האָט מען יעדן איינעם פון אונדז, פרעגנדיק דעם נאָמען, גענומען שלאָגן מיט גומענע שטעקנס. פאַרשטייט זיך, אַז אויך מיך האָבן נישט אויסגעמיטן די קלעפּ.

אין זעלביקן הויז האָב איך צווישן דער מאַסע ייִדן באַמערקט דעם אַלטן אויערבאַך פון נייעם מאַרק. אים האָט מען אין דער אַנוועזנהייט פון זײַן זון, געפּייניקט אויף אַ סאַדיסטישן אופן, אויסגעריסן באָרד־און־פּיאות. עס איז פון אים גערונען דאָס בלוט.

וואָס ס'איז באַזונדערס צו באַמערקן, אַז דער אַלטער ייִד האָט אויסגעהאַלטן די פּייניקונגען, נישט געבנדיק אַפילו קיין קרעכץ.

בײַנאַכט האָט מען אונדז מיט אויפגעהויבענע הענט אָפּגעפירט אין קלויסטער. צו מאָרגנס האָט מען אונדז אָפּגעפירט אין די קאָשאַרן פון 37סטן פּאָלק, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל.

די ערשטע אַרבעט, וואָס מיר האָבן באַקומען, איז געווען צו פאַרברענען די דאָקומענטן פון פּאָלק. דערנאָך האָט מען אונדז געצוווּנגען אויסצורייניקן מיט די הוילע הענט די קלאָזעטן.

מיך האָט מען באַשטימט פאַר אַ סאַניטאַר.

איין מאָל, ווען איך בין אַרומגעגאַנגען צווישן די בעטלעך, פרעגנדיק ווער פון די קראַנקע וויל עפּעס, האָב איך פּלוצלינג דערהערט ווי איינער רופט מיך אָן בײַם נאָמען. ווען איך האָב זיך אויסגעדרייט אין דער זײַט פון וואַנען עס האָט זיך דערטראָגן צו מיר די שטימע, האָב איך צו מײַן שטוינונג דערזען צווישן די קראַנקע אַ מענטש מיט פאַרבונדענע אויגן.

דאָס איז געווען יחיאל מאיר ביגלאײַזן. ער האָט מיר דערציילט, אַז לויפנדיק אַהיים, האָט אים געטראָפן אַ שראַפּנעל אין די אויגן און ער איז באַלד אויפן אָרט בלינד געוואָרן. זײַנע יסורים איז נישט צום באַשרײַבן. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע קדושים.

ענדלעך, נאָך פופצן שרעקלעכע טעג אין שפּיטאָל, האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש צו גיין אַהיים.

די פרייד פון מײַן משפּחה, ווען איך האָב אַריבערגעטראָטן די שוועל פון מײַן היים, איז שווער זיך פאָרצושטעלן. אַלע, סײַ מײַנע פאַמיליע־מענטשן, סײַ אונדזערע שכנים, האָבן באַוווּנדערט, ווי אַזוי איך האָב אויסגעהאַלטן די אַלע צרות און געבליבן לעבן.

נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז אַ מענטש איז שטאַרקער פון אײַזן...

קוטנע אין די טעג פון קריג

וואָלף מאַנטשיק
כרכור

1

איך געדענק ווי איצט, די ערשטע מאָביליזאַציע אין קוטנע, פאָרגעקומען דעם 21סטן מערץ 1939. שוין דעמאָלט האָט מען געפילט, ווי איבער אונדזערע קעפּ זאַמלען זיך פינצטערע מלחמה־וואָלקנס. עס ווערן מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי די פאָלגנדיקע ייִדישע זעלנער:

זלמן קירשטיין, מאיר פאַסט, אברהם שטיפט, הערש קאָזאַק, לייבל ביבערגאַל, טוביה הירשבערג, משה וועלצמאַן, אברהם בענעט, מאָריס שאַפּשעוויטש, זעליק ליפשיץ, אַלבערט קאין, יורעק אָגורעק, צאַלעל גרינבוים, לייביש קאַנאַל, יונה ראָזענבלום, שיע פייבער, דאַוויצקי זעליק, וואָלף נאָסאָל און אַנדערע.

אַ טייל פון זיי זענען שוין נישט צוריקגעקומען אַ היים. מיטן אויסברוך פון קריג זענען קוטנער ייִדישע ייִנגעלייט געפאַלן אין קאַמף מיטן היטלעריסטישן אַגרעסאָר. אַזוי זענען אומגעקומען: זלמן קירשטיין, מאיר פאַסט און וואָלף נאָסאָל; בײַם פאַרטיידיקן סאָכאַטשעוו — אברהם שטיפט, לייבל ביבערגאַל, טוביה הירשבערג; בײַם שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער דייטשער אַרמיי נישט ווײַט פון לאָוויטש, זענען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד — הערש קאָזאַק, אברהם בענעט און אַנדערע.

שוין נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן געהאַט אָקופּירט קוטנע, האָט מען געבראַכט אין שטאָט די טויטע קערפּערס פון שטיפטן, ביבערגאַלן און הירשבערגן און זיי איינגעאָרדנט אַ בשותּפותדיקע לוויה און קבורה.

איניקע קוטנער ייִדישע זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי, ווי: אַלבערט קאין, יורעק אָגורעק, לייביש קאַנאַל, זענען אַרײַנגעפאַלן אין דער היטלעריסטישער געפאַנגענשאַפט און דערנאָך אומגעקומען. אַנדערע איז געלונגען, נאָכן צעקלאַפּן די פּוילישע אַרמיי, צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד: זעליק ליפשיץ, שיע פייבער, מאָריס שאַפּשעוויטש, בעת איניקע האָבן זיך געלאָזט איבעררייִדן און צוריק אַוועק קיין קוטנע, וווּ זיי האָבן געטיילט דעם טראַגישן גורל פון אַלע: שלמה קאָוואַלסקי, הענעך כאבוז, חנא בלום, שמואל סאָבוטקאַ.

2

דעם 15טן סעפּטעמבער 1939 זענען די דייטשן אַרײַן קיין קוטנע, נאָך די קלעפּ, וואָס זיי האָבן באַקומען הינטער לענטשיץ. ווי באַוווּסט, האָבן די דייטשן פאַרלאָרן בײַ דער שלאַכט הינטער קוטנע 14.000 זעלנער (ווי עס גיט אָן די אויסגאַבע פון פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום פון פּוילן). נישט קיין וווּנדער, אַז ווי נאָר די דייטשן האָבן פאַרנומען קוטנע, האָבן זיי געוואָלט זיך נוקם זײַן פאַר זייערע פאַרלוסטן. זייער סאַדיזם האָבן זיי קודם־כּל אַרויסגעוויזן כּלפּי דער ייִדישער באַפעלקערונג: אַרעסטן, כאַפּן צו אַרבעט, פאַרשיקונגען, קלעפּ און באַליידיקונגען. איך בין געווען עדות פון אַ „לאַפּאַנקע". ס.ס.־לײַט האָבן אַרומגערינגלט די גאַסן זאַמענהאָף, טילנע, פּזשעסקאָק און אַ טייל פּאָדזשעטשנע, אַרײַן אין ווײַסבראָדטס צוקערניע אויף דער זאַמענהאָף־גאָס און פאַרהאַלטן דאָרט זעקס ייִדן: דעם שרייבער פון די שורות, זלמן זאָמער, נחום פוקס, יוקל צימבערקנאָפּף, סענדער צעלעמענסקי, שמעיה אָלשאַק. מ'האָט אונדז אַרויסגעטריבן אין גאָס, וווּ עס זענען געשטאַנען אַ 25 פאַרהאַלטענע, אַלע אַוועקגעפירט דורכן אַלטן רינעק, קאָשטשושקי, דאָמבראָווסקעגאָ און בעמאַ — אין הויז פון די ברידער וויגאַנאָווסקי און ד"ר קליינערמאַן. דאָרט האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער ס.ס. אונדז האָט מען פאַרשפּאַרט אין קעלער, כּלומרשט צו פּאָמפּען וואַסער פאַרן רעזערוואַר אין דער הייך. איך האָב געהערט צו דער גרופּע.

די אַרבעט איז אָבער נישט צוגעגאַנגען רואיק. אַלע מאָל

האָט מען געשלאָגן, געקאָפּעט, באַליידיקט. בלוט איז גערונען פון אַ טייל קרבנות. עס דערנעענטערט זיך 5 פאַרנאַכט — ד פאַליציי־שעה. מיר זענען זיכער, אַז איצט ווערט מען באַפרייט פון דער קאַטאָרגע־אַרבעט און פון די קלעפּ. מ'איז נאָך אַלץ פאַרשפּאַרט. די ס.ס. ווילן אונדז אַוודאי לאָזן איבער נאַכט און ליקווידירן. נחום פוקס ברעכט אויס די פּוטרינע, צוזאַמען מיט די אייזערנע קראַטעס — און ער אַנטלויפט דער ערשטער. מיר — נאָך אים. מע שפּרינגט אַריבער אַ פּאַרקאַן אין עפּעס אַ גאָרטן, שפּעטער — אין פייסטס גאָרטן און פון דאָרט לאָזט מען זיך אַהיים.

בעת אונדזער אַנטלויפן, האָב איך געזען ווי די דייטשן האָבן געפירט די פרומע יידן: ווישינסקי, זאַנדבערג, ליכטענשטייך. זיי זענען געווען צעשלאָגן, מיט אָפּגעשניטענע בערד. דוכט זיך, אַז זיי האָבן געאַרבעט אין הויז פון די ברידער ווינגאַנאָווסקי.

3

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונדז ווידער געכאַפּט צו דער אַרבעט. דאָס מאָל — אין שימאַנסקי'ס הויף אויף דער קאָשטשושקי־גאַס, לעבן דער גימנאַזיע א. נ. פון דאָמבראָווסקי. צוזאַמען מיט מיר האָבן זיך דעמאָלט געפונען: דער מאלער זונדעלעוויטש, הערשל יאַקובאָוויטש, הערש מענכע, בערל גאָלד־שמידט, צאַלעל שיפער, סענדער ניעוויאַלקאָווסקי, שלום באַגנע, קוטשינסקי, מאָניעק ראש, פנחס סטאַנקע, פישל גרינבאַום. דאָרט האָט מען אונדז געהאַלטן צוויי מעת־לעת. אָנשטאָט עסן — האָט מען באַקומען קלעפּ. די אַרבעט אין פעלד איז געווען אַ שווערע.

נאָכן באַפרייען אונדז, האָב איך באַשלאָסן זיך מעלדן פרייוויליק אין דייטשן אַרבעטס־אַמט, וואָס האָט זיך געפונען אין מאַגיסטראַט. מיט דעם אָפּשניט האָט אָנגעפירט יוסף שאַפּ־שעוויטש, אַ באַקאַנטער לערער פון דער פּאָווסעכנער שול אין קוטנע. אַלס פּאַכמאַן, האָט ער מיך געשיקט אַרבעטן אין די מיליטערישע קאַזאַרן אויף בעמאַ־גאַס. אָבער יעדן טאָג האָב איך זיך באַדאַרפט צו אים מעלדן אין מאַגיסטראַט. איין מאָל, בעתן אָנקומען אין מאַגיסטראַט, בין איך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט גראָד אַדורכגעפירט איינע פון אירע „לאַפּאַנקעס". אַ 30 יידן זענען מיר פאַרשיקט געוואָרן אין אַ פריצישן הויף הינטער קאָלאָ, נישט ווייט פונעם שפּעטערדיקן טויטן־לאַגער כעלמנאָ, ווו עס זענען אומגעקומען אונדזערע נאָענטסטע.

אַלס פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר אונדזער גרופּע האָבן די דייטשן באַשטימט יאַנקל באָק. צוזאַמען מיט מיר האָבן זיך דעמאָלט געפונען: גייזלער, פּיטשיסטאַ, פּוקאַטש, י. יאַקובאָוויטש, יוקל פּאַקולסקי, שיע כאַבוס, פלאָצקער, ישראל מאַרקעוויטש, מרדכי רוסאַק, האַזענפעלד, דוד הערשקאָוויטש, זלמן אָגורעק, חיים שפּילפאָגעל, שלמה שנורבאַך, דודטשע גאָלדמאַן, שלאַמעק קושמיראַק, יונה באַלזאַמאָוויטש, שאַיעק שולץ, שמואליק על־באַום, משה גאָלדוואַסער און נאָך אַנדערע. אויף לייטער־וואָגנס, באַגלייט פון אַ שטאַרקן קאָנוואָי, האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין הויף, ווו מ'האָט באַלד געטריבן צום גראָבן קאַרטאָפל. די ערשטע טעג זענען געווען שרעקלעך צום איבערהאַלטן. אויפן אָרט האָט זיך געפונען אַ פּונקט פון דער געסטאַפּאָ, פינף רוצחים פלעגן אַלע מאָל זיך באַווייזן אויף אונדזער אַרבעט, שלאָגן, חוזקן, פייניקן אויף פאַרשידענע אופנים.

אין די נעכט האָט מען אונדז געלאָזט אויסגלייכן די ביינער אין דער אָרטיקער שול, אויף דער פּאָדלאָגע, פאַרשפּרייט מיט אַ ביסל שטרוי. אָבער נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז די מערדער זענען אַריינגעפאַלן אין מיטן דער נאַכט, אָנגעהויבן שלאָגן און זיך איזדעקעווען איבער אונדז. נאָך אַזאַ נאַכט, אַז מ'האָט אין דער פרי נישט געקאָנט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, האָט מען ווידער געשלאָגן און געפייניקט.

נאָך צוויי וואָכן שווערער אַרבעט און נאָך שווערערע איבער־לעבונגען, האָט מען אונדז געשיקט אַהיים. אַזוי האָט געפאָדערט די אייגנטימערין פון פּאָלוואַרק, די פרוי נאָוואַצקאַ. זי האָט זיך געבעטן ביי דער געסטאַפּאָ מען זאָל אונדז בעסער באַהאַנדלען, באַגיין זיך מענטשלעך. אַ נאַכט פאַרן אַוועקפאָרן, האָט זי זיך פאַרשטענדיקט מיט אונדזערס אַ פאַרשטייער אין גרויס קאָנספּי־ראַציע, באַצאָלט יעדן איינעם פאַר דער אָפּגעטוענער אַרבעט. געזעגנדיק זיך מיט אונדז, האָט זי מיט טרערן אין די אויגן אויסגערופן: „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ..." דאָס איז, ווי באַוווסט, די ערשטע שורה פון פּוילנס נאַציאָנאַלן הימן „פּוילן איז נאָך נישט פאַרלוירן געגאַנגען".

צומאָרגנס זענען מיר אָנגעקומען קיין קוטנע און זיך דער־וווסט, אַז אין האָלצמאַנס הויז גיבן די דייטשן אַרויס דורכלאָז־שיינען קיין רוסלאַנד. איך בין גלייך אַהין אַוועק.

4

אַ גרופּע יונגעלייט האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט. איך, נחום פוקס, יצחק טימיאַנקאָ, סאַמעק פאַלץ, ישראל ראָטשטיין און אַנדערע, זענען אַריבערגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק. דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר מיט לאַראַנען זיך געטראָפן שוין אין זאַרעמבי קאָשטשעלנע, וועלכע איז געווען פאַרנומען דורך די סאָוויעטן.

אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל איז געהאָנגען אַ טאָוול פאַר די קוטנער, וועלכע האָבן צוווּסן געגעבן וועגן זייער אָנקומען אין שטאָט און אַדרעסן. אַ גאַנצער קוטנער קאָלעקטיוו האָט גע־וווינט אויף דער סטאַשיצאַ־גאַס. ווי דער שטייגער ביי יידן, יעדער מיט זיין אָנשויאונג און אידעאָלאָגיע, זענען אויך אין יענער צייט געפירט געוואָרן הייסע דיסקוסיעס, הגם ס'איז קלאָר געווען, אַז אַלע זענען מיר אַנטלאָפן פונעם געמיינזאַמען טויט־שונא און דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען, זיך ראַטעווען.

אין דעצעמבער 1939 האָב איך באַשלאָסן צוריקפאָרן קיין קוטנע, כדי פון דאָרט אַהערברענגען מיין פרוי און נאָענטע משפּחה. צוזאַמען מיט יצחק טימיאַנקאָ און ישראל ראָטשטיין, זענען מיר אָנגעקומען אין אונדזער היימשטאָט, וועלכע איז אונדז געווען איצט פרעמד און פאַרוויסט. אָנקומענדיק אַהיים צו מיינע עלטערן, אויף דער שענקעוויטשאַ־גאַס נר. 36, האָט מען מיר דערקלערט, אַז מיט אַ טאָג פריער איז מיין פרוי גע־פאָרן צו מיר. בין איך צומאָרגנס צוריק אַוועק קיין ביאַליסטאָק. אויפן וועג, אָפּטרעטנדיק אין וואַרשע, האָב איך באַגעגנט גאָלדע זילבער און זי מיטגענומען קיין ביאַליסטאָק.

דאָ האָב איך טאַקע געטראָפן מיין פרוי און אונדזער ביידנס פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך. עטלעכע קוטנער פאַמיליעס — יוסף גאָלדבערג און פאָלע, נחום קעניג מיט זיין פרוי, צבי לאַסמאַן און פרוי, משה מאָשקאָוויטש און געצל, אברהם מאַנ־טשיק, נ. פוקס, די סטריקאָווסקיס און האָפּמאַנס פון קרושניע־וויץ — זענען אַריבערגעפאָרן קיין מערב אוקראַינע. דערנאָך, אַז מען האָט אונדז פאַרשיקט קיין סיביר, זענען מיר אויך געווען אַ גרופּע לאַנדסלייט צוזאַמען: יוסף גאָלדבערג, פאָלאַ מאַנ־טשיק, יצחק גאָלדבערג מיט זיין פרוי איטקע פוקס, נחום פוקס, אברהם מאַנטשיק. אויף דער פאַרשיקונג האָבן מיר געטראָפן נאָך קוטנער משפּחות: הירשביין, חיים־דוד און אליעזר קלינג־בייל, פייבער, נחום קעניג מיט זיין פרוי טשאַרנע ראָזענבערג, וועלכע איז דאָרט געשטאָרבן. ישראליק אָרנער מיט זיין פרוי אסתר זלאָטאָק און איר ברודער יצחק (ער און ישראליק זענען אויך געשטאָרבן אין סיביר).

5

נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה, זענען מיר איבערגעשיקט גע־וואָרן קיין אוקראַינע און אין יאָר 1946 איז פאָרגעקומען די־

רעפּאַטריאַציע פון געוו. פּוילישע בירגער. איך, צוזאַמען מיט נאָך קוטנער, האָבן זיך באַזעצט אין ווראָצלאַוו. אין אַפּריל 1946 איז אויפן קוטנער בית־הקברות פאָרגעקומען די אַנטהילונג פון דענקמאָל נאָך אונדזערע אומגעקומענע קדושים. דעמאָלט איז געווען אַ געלעגנהייט צו טרעפן זיך אין שטאָט מיט דער גאַנצער שארית־הפליטה אונדזערער.

אין קוטנע האָט פונקציאָנירט אַ יידישער קאָמיטעט, מיטן פּרעזעס ד״ר פינקעלשטיין בראש. ער פלעגט אָפט קומען קיין נידערשלעזיע באַזוכן די לאַנדסלייט. בכלל איז אין נידערשלעזיע געווען אַ גרויסע קאָלאָניע פון קוטנער יידן. אין ווראָצלאַווי האָבן זיך געפונען: יידל פּראַשקער, נתן מאָשקאָוויטש, משה מאָשקאָוויטש, הערשל זאַנדבערג, נחום פוקס, אברהם מאַנטשיק, פעלעק קלאַפּער, פישל פרידמאַן, מענדל זשוראַווסקי מיט זיין פרוי קאָלאַשינסקאַ, נחום קעניג, אַלמאַן־קאָזשענעג, וואַלטער און אַנדערע. פון זיי אַלע, איז דער רוב געקומען אין דער יידישער מדינה.

א געפערלעכער טאג... (שמיני־עצרת 1939)

נתן קלאַר
תל־אביב

היינט איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידן מוזן זיך צושטעלן אין מאַגיסטראַט אויף נישט־באַצאָלטער אַרבעט, אויך איך בין אַוועק אַהין. אויפן וועג האָבן מיך פאַרהאַלטן עטלעכע געסטאַפּאָוועס, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פיס.

איך האָב די דייטשן דערקלערט, אַז איך מוז זיך מעלדן אין מאַגיסטראַט צו דער אַרבעט. האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי נעמען מיך אויך צו אויף אַרבעט — און וועלן מיר ארויסגעבן אויף דעם אַ באַשטעטיקונג. אויפן וועג, האָבן די געסטאַפּאָוועס פאַרהאַלטן נאָך יידן, צווישן די געכאַפּטע האָבן זיך געפונען:

פּאַדעמסקי, סענדער־לייב, וואָפּטשע קאָזאַק, משה מרדכי ביבערגאל, יחיאל־מאיר פרענקעלס אַ שוואָגער, וואָס האָט געוווינט ביי יואל שטיינפעלדס שכנים, ביילע, די שייטל־מאַכערינס אַן איניקל, הירשבערג, וואָס איז געווען אַ יינגל פון אַ יאָר 14 און נאָך אַנדערע יידן, וואָס איך געדענק שוין נישט זייערע נעמען. צוזאַמען זענען מיר געווען ביי אַ צוואָנציק מאַן.

געפירט האָט מען אונדז צום דייטשישן צווינטער. אַז מיר זענען געקומען אַהין, האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן דער אמתער גהינום.

אויפן אָרט האָבן זיך געפונען ביז אַ צען באַוואָפנטע היט־לעריסטן, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז.

דער עלטסטער פון זיי האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַ גאַנצע דרשה, אַז מיר יידן זענען אין אַלעם שולדיק, מיר האָבן עס דערהרגעט די דייטשישע אָפיצירן וואָס זענען באַגראָבן אויפן צווינטער... קיין פייניקונגען האָבן שוין נישט אויסגעפעלט.

די יידן מיט בערד זענען אויסגעשטאַנען שרעקלעכע יסורים. דער עלטסטער געסטאַפּאָוויעץ איז ארומגעגאַנגען צווישן



גירוש יהודי קוטנה

דער גירוש פון די קוטנער יידן

אונדז מיט אַ מעסער און אָפּגעשניטן די בערד, מיטן פּליישצוזאַמען... דערנאָך האָבן זיי געצווּנגען אויפצועסן די בערד, דראָענדיק מיט אַן אָנגעצילטן רעוואָלווער.

נאָך דעם איז געפאַלן אַ באַפעל זיך אויסצוטאָן האַלב נאַקעט. דערביי האָבן מיר אריינגעכאַפּט מערדלעכע קלעפּ, ביז בלוט. ווער עס האָט זיך נישט באַוויזן גיך אויסצוטאָן, האָט מען פון אים אַראָפּגעפליקט די מלבושים.

דעם פערצן־יאָריקן ייִנגל הירשבערג, האָבן די באַנדיטן באַפוילן אויסצוטאָן די קאַפּאָטקע. ער האָט געמוזט אָנקלייבן גרויסע שטיינער, ארויפלייגן אויף דער קאַפּאָטקע, צונויפבינדן די עקן און אויפהייבן אויף די פּלייצעס. ווען דאָס מלבושל האָט צוליב דער שווערער מאַסע זיך צעריסן אויף שטיקער און ער האָט נישט באַוויזן אויפצוהייבן די שטיינער, איז ער מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן מיט אַן אייזערנער שטאַבע, ביז ער איז געפאַלן און פאַרלאָרן דעם באַוווסטזיין.

דערנאָך האָט דער עלטסטער פון די היטלעריסטישע באַרבאַרן באַפוילן אריינצוּוואַרפן דאָס ייִנגל אין גרוב, פון וועלכן מ׳האָט געהאט ארויסגעגראָבן די דייטשישע אָפּיצירן.

עטלעכע ייִדן האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן, אַרויסגעשלעפּט דאָס ייִנגל פון גרוב, אים אָפּגעמינטערט — ביז ער האָט צוריק באַקומען דעם באַוווסטזיין.

אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסגראָבן די דייטשישע אָפּיצירן, וואָס זענען געפאַלן בעת די גרויסע שלאַכטן הינטער קוטנע, אין סעפּטעמבער 1939.

איך האָב שוין אין קורצן איבערגעגעבן ווי אַזוי מען האָט אונדז געפּייניקט אין דער אָנוועזנהייט פון ציווילע דייטשן — תושבים פון אונדזער שטאָט, בראש מיטן קיילער וואַגנער. ער איז יעדן איינוווינער פון אונדזער שטאָט באַקאַנט, געוווינט האָט ער אויפן שאָסיי, נישט ווייט פון שפּיטאָל.

דער עלטסטער פון די געסטאַפּאָווצעס האָט געליאַרעמט אויף אונדז, דאָס מיר ייִדן האָבן געוואָלט די מלחמה, מיר זענען שולדיק אין אַלץ און אין אַלעמען. דעריבער גיט ער אונדז אַ האַלבע שעה צייט, מיר זאָלן אָפּזאָגן ווידוי א׳ן דערנאָך וועלן מיר דערשאָסן ווערן. זיינע דראָונגען האָט ער פאַרענדיקט אויף אַזאַ אופן:

— איר דרעקיקע ייִדן דאַרפט פאַרנעמען אין די גריבער דאָס אָרט פון אונדזערע דייטשישע קאַמעראַדן, פאַרשטאַנען?

איינער פון אונדזעריקע, פּאָדעמסקי, האָט זיך פּלוצים אָפּגערופן:

— נישט אַלעס...

האָט דער ייִד באַקומען פאַר זיין „נישט אַלעס" — שרעקלעכע קלעפּ. דאַן איז אַרויסגעטראָטן דער קיילער וואַגנער און דערקלערט, אַז אַלע ייִדן פאַרשטייען גוט וואָס מען רעדט צו זיי אויף דייטש. חוץ דעם האָט ער אונדז איבערגעזעצט אויף פּויליש.

מיר, די פאַרהאַלטענע ייִדן, האָבן געאַרבעט ביים אויסגראָבן די דערשאָסענע דייטשישע אָפּיצירן ביז זעקס אָוונט. דאַן איז שוין געווען די פּאָליציי־שעה, ווען מען האָט נישט געטאָרט זיך באַווייזן אויף דער גאַס.

אין דעם מאָמענט איז אַקוראַט געקומען צו רייטן אויף אַ פערד אַ דייטשישער אָפּיציר, אַן עלטערער, גרויער מאַן, און געפרעגט פאַר וואָס מיר זענען אַזוי צעשלאָגן ביז בלוט.

דער עלטסטער געסטאַפּאָוויעץ האָט געענטפערט, אַז די ייִדן, די שווינען ווילן נישט אַרבעטן.

האָט דער געקומענער אָפּיציר זיך אָנגערופן:

— איך גלויב נישט, אַז די ייִדן, אונטער דער וואַך פון אייער געווער, זאָלן זיך אָפּזאָגן צו אַרבעטן, דאָס איז נישט מעגלעך...

צום סוף האָט ער געפרעגט, ווי לאַנג די ייִדן האָבן נאָך דאָ צו אַרבעטן?

— נאָך אַ שעה — האָבן די געסטאַפּאָווצעס געענטפערט.

דער אָפּיציר האָט ארויסגעגעבן אַ באַפעל:

— נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, אונדז גלייך אָפּלאָזן אהיים. און איז אַוועקגעריטן.

עס האָט אָבער נישט געדויערט קיין פינף מינוט און דער עלטערער אָפּיציר איז צוריקגעקומען און אונדז באַפוילן אויסצושטעלן זיך אין צווייען. דאַן האָט ער אונדז אַליין אָפּגעפירט, יעדערן באַזונדער אהיים, הייסנדיק צומאָרגנס זיך צושטעלן צו דער ארבעט.

קיין איינער פון אונדז האָט זיך מער צו דער אַרבעט נישט געמאָלדן...

זעקס טעג אין לענטשיצער לאַגער

יוסף גאָלדבערג
מאָנטרעאָל

זומער 1939 האָב איך געאַרבעט אין דעם לאָנצקער וואַלד נישט ווייט פון גאָסטינין. דאָרט איז געבויט געוואָרן אַ פּרעכטיקע געביידע — אַ סאַנאַטאָריום פאַר פּוילישע עמעריטירטע מלוכה־באַאַמטע. אין דער צייט איז אויסגעבראָכן די קריג. די דייטשן זענען שוין ווייט אַריבער די גרענעץ, מיר האָבן נאָך אַלץ פאָרגעזעצט דאָס פאַרענדיקן די געביידע. נאָר די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן אונדז פון דער אַרבעט באַפרייט...

אויף דעם וועג אַ היים קיין קוטנע, האָב איך זיך פאַרהאַלטן אין גאָסטינין. דאָ האָט די באַפעלקערונג איבערהויפּט נישט געפילט די מלחמה, ווייל אין קרייז גאָסטינין איז געווען אַ גרויסער פּראָצענט פאָלקס־דייטשן, פּוילישע בירגער.

דערווייל האָט שוין קוטנע געברענט. אין העלע פלאַמען איז די ספּירט־פאַבריק געשטאַנען ווי אַ פאַקל, וועמענס ליכט האָט דערגרייכט אַזש ביז גאָסטינין, אָפּגערוקט 21 קילאָמעטער פון קוטנע.

צומאָרגנס האָב איך אין קוטנע געטראָפן די דייטשע אַרמיי. די שרעק איז געווען גרויס, הגם די דייטשן האָבן אָנגעהויבן האַנדלען, אַפילו מיט ייִדן. מיט די פּאָליאַקן האָבן זיי קיין שפּראַך נישט געהאַט. אַלץ איז זיך געגאַנגען נאָרמאַל, ביז איינעם אַ טאָג, אַ צוויי וואָכן ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען קוטנע, איז פאָרגעקומען אַן אָבלאַווע אויף אַלע מענער אין שטאָט. די וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן, האָט מען געברענגט אין דער קירכע אויפן אַלטן מאַרק. די קירכע אין קוטנע איז געווען אַ גענוג גרויסע אויף אַריינצונעמען עטלעכע טויזנט מענטשן. אויך איך בין דאָרט אַריינגעוואָרפן געוואָרן. אינעווייניק בין איך געבליבן ביי דער טיר, ווייל עס זענען שוין געווען פיל מענטשן. איינגעפּרעסט ווי הערינג אין אַ פאַס. די שטימונג ביי אַלע איז געווען, אַז איצט איז דער סוף. נישט אַנדערש, איין באָמבע וועט גענוג זיין פאַר אונדז...

אַרום 1 אַ זייגער ביינאַכט, האָט זיך די טיר געעפנט. מענטשן האָבן זיך געריסן צום אַרויסגאַנג. אַזוי ווי איך האָב זיך געפונען ביי דער טיר, בין איך אויך אַרויסגעשטופּט געוואָרן. אין דרויסן זענען געשטאַנען גרייט אַ ריי לאַסט־אויטאָס. מער ווי צו 21 מענער האָט מען אויף אַן אויטאָ נישט אַרויפגעלאָזט.

עטלעכע באַוואָפנטע זעלנער האָבן געהיטן נישט צו קאָנען אַנטלויפן. קיינער האָט ·זיך נישט אָריענטירט, ווו מען פירט אונדז. איך אַליין, אַ געבאָרענער אין קוטנע, קענענדיק גוט אַלע וועגן, בין געווען איבעראַשט נישט צו דערקענען קיין איין וועג. זיי האָבן אונדז געפירט דורך פעלד־וועגן.

די אויטאָס זענען שטיין געבליבן פאַר אַ גרעסערער געביידע. אין יעדן צימער האָט מען אַריינגעיאָגט צו 60 מענטשן. דער זעלנער מיט דעם ליכט אין דער האַנט (ווייל קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז נישט געווען), האָט באַפוילן אַבסאָלוטע רו ביז אין דער פרי. אין קאָרידאָר האָבן מיר געהערט דעם טומל און געלעכטער פון די דייטשע זעלנער.

די טיר האָט זיך ענדלעך געעפנט אין דער פרי. מיט געשרייען האָט מען אונדז אַרויסגעיאָגט אויף דעם גרויסן פּלאַץ, ווו אין אַ ווינקל האָט זיך געפונען אַן אָרט פאַר דערליידיקן מענטשלעכע געברויכן. יעדער איינער האָט וואָס שנעלער געאיילט צו דעם פּלאַץ. צוקומענדיק אַהין, האָט מען אונדז גלייך צוריק געיאָגט. דאָס איז געווען אַ צייכן פון שוידערלעכן סאַדיזם.

...איך האָב געהערט צו די ערשטע 60 מענער. ס'האָבן זיך גלייך באַוויזן מאַליאַרעס מיט קליינע פּענדזלען און ווייסע פאַרב און גענומען צייכענען נומערן אויף דער ברוסט און רוקן פון די פאַרהאַלטענע. מיין נומער איז געווען 5 אין דער ערשטער קאָמפּאַניע.


און ווידער זענען מיר עדות פון אַ שוידערלעכן פאַקט: אַ מאַן, גראָד נישט קיין ייד, האָט נישט אַזוי שנעל אָפּגעקנעפּלט זיין מאַנטל פאַר דעם מאָלער. דאָס איז געווען גענוג, אַז אַ מענטש זאָל דערשאָסן ווערן פאַר נישט שנעל עפענען זיין מאַנטל. שטייענדיק אויף דעם גרויסן פּלאַץ, האָב איך ערשט געזען וויפל הונדערטער מענטשן מען באַצייכנט מיט די נומערן. אויף דער געביידע זע איך אַן אויפשריפט: 7 קלאַסיקע פאָלקס־שול אויפן נאָמען פון י. פּילסודסקי אין לענטשיץ. איצט האָב איך פאַרשטאַנען, ווו כ'געפין זיך.

פון געבן אונדז עסן — איז קיין רייד נישט געווען. קיינער האָט פאַר דעם נישט געזאָרגט. צומאָרגנס, קומענדיק פון דער אַרבעט, האָט יעדער באַקומען דריי קליינע קאַרטאָפל אין די שאָלן, וועלכן מ'האָט גלייך אַראָפּגעשלונגען. דער הונגער איז געווען גרויס.

דעם דריטן טאָג, געדענק איך, קומענדיק פון דער אַרבעט, האָט יעדער באַקומען אַ גרויסן געזאַלצענעם הערינג, ווידער דאָס זעלבע: קיינער האָט נישט באַוויזן איבערצולאָזן אַ שטיקל פון דעם הערינג אויף שפּעטער, אָדער מאָרגן. דאָס האָט פאַרשאַפט אויסערגעוויינלעכן דורשט, אָבער וואַסער איז געווען פאַרבאָטן צו נעמען. דאָס וואַסער איז געוואָרן געהיטן. די סאַדיסטן האָבן ווידער אויסגענוצט זייערע קענטענישן...

דעם פינפטן טאָג צוימען מיר אַרום אַ פּלויט מיט שטעכלדראָט. איך בין געשטאַנען אויף דעם פּלויט מיט אַ האַמער און גענאָגלט די דראָט. דער האַמער פאַלט פון מיין האַנט אַרויס און טרעפט דעם שטייענדיקן דערנעבן ס. ס.־מאַן. עס באַוויזט זיך אויף זיין שטערן אַ ביסל בלוט. איך בלייב פאַרגליווערט מיטן הענטל פון האַמער אין מיין האַנט. אַ געשריי פון דעם דייטש. איך בלייב שטיין פאַר אים אַן אויסגעצויגענער. ער נעמט אַרויס זיין רעוואָלווער און שרייט „לאופען!"... איך לויף — ער שיסט נישט. ווען איך בין געבליבן שטיין — געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, ווי אין מיין קאָמפּאַניע האָט מען מיר גראַטולירט און צוגעגעבן, אַז איך וועל די מלחמה זיכער איבערלעבן.

דעם זעקסטן טאָג האָט מען אונדז צו דער אַרבעט נישט געפירט. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געשטאַנען גרייט צו יעדן רוף, אויף דעם גרויסן פּלאַץ פון דער שול. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מען שיקט אונדז צוריק נאָך קוטנע. פּלוצלינג דערקען איך ביי דעם אַריינגאַנג צום פּלאַץ, מיין פרוי פּאָלאַ. איך קום צו און זי גיט מיר איבער אַ פּעקל... אַ ברויט און אַן אויבער־מלבוש. זי און נאָך 2 יידישע פרויען האָבן זיך דערוווּסט, אַז זייערע מענער זענען אין לענטשיץ. איך זאָג מיין פרוי, אַז וואַרשיינלעך פירט מען אונדז צוריק אַ היים. זי באַשליסט גיין מיט מיר צוזאַמען. אונטער דער אָנפירונג פון אַ ציווילן, פירט מען אונדז נאָך קוטנע. אויף דעם וועג איז געווען אַ פאַרקער פון דייטשן. קיינער האָט אונדז נישט געטשעפּעט. מיין פרוי איז געווען ביי מיין זייט און פון דער אַנדערער זייט איז געגאַנגען מיין קוזין, יואל גאָלדבערג. איך האָב מיין פרוי אָנגעטאָן אַ היטל, מען זאָל נישט באַמערקן אַז צווישן אַזוי פיל מענער געפינט זיך אַ פרוי.



פּאָסט־קאַרטל פון קוטנע קיין מעקסיקע — 1940

גלויית־דואר מקוטנה למקסיקו — 1940

צוקומענדיק צו דער שטאָט ביים לענטשיצער שלאָבאָן, האָט מען אויף אונדז געשאָסן. קיין טויטע זענען נישט געווען, אָבער בלוט האָט זיך געגאָסן. ס'איז באַלד געוואָרן ליכטיק פון רעפלעקטאָרן, מען באַפעלט גיין צו דריי אין אַ ריי, מיט די הענט אין דער הויך. אָפּגעפירט אונדז צו דער דייטשער קאָמענדאַנטור אין „האָלצמאַנס פּאַלאַץ". ביי דעם אַריינגאַנג אין הויף, האָט מען דערקענט מיין פרוי. די וואַך האָט זי איינגעהאַלטן. ביי יעדן איינעם ווערט געזוכט אין די קעשענעס, צונעמענדיק וואָס זיי געפעלט, אויך נישט קאַרגנדיק קיין קלעפּ. איך דערהער מיין נאָמען רופן. דער דייטש פרעגט, ווער איז די פרוי. אַנדערש ווי דעם אמת האָב איך נישט געקאָנט זאָגן. דאָס האָט אויך באַשטעטיקט, וואָס מיין פרוי האָט געזאָגט. האָבן זיי מיין פרוי אַרויסגעוואָרפן און איך מיט די הענט אין דער הויך — צוריק אויף דעם פּלאַץ. דערווייל האָט מען דאָרט געשניטן בערד ביי יידן — ביזן פלייש. וואָס ס'איז געוואָרן מיט מיין פרוי — ווייס איך נישט.

נאָך אַ טאָג אַרבעט צומאָרגנס אין די קאַשאַרן פון דעם 37טן פּולק, האָט מען מיך אַהיימגעלאָזט מיט אַ באַדינג, איך זאָל צומאָרגנס זיך צושטעלן. אין דער היים האָב איך געטראָפן מיין פרוי.

מיינע איבערלעבונגען פון די עטלעכע טעג האָבן געקלונגען אומנאַטירלעך. נישט אַלע האָבן געגלויבט. מיין מיינונג איז געווען, אַז ביי די מערדער וועט קיינער נישט קאָנען לעבן. די איינציקע וואָס האָבן מסכים געווען מיט מיר, איז געווען מיין פרוי פּאָלאַ. מיר האָבן געזוכט וועגן ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון די דייטשן...

הבריחה לפני המוות

אריה ווייסברוט
חיפה

בימי ילדותי למדתי ב„חדר", בעירי הקטנה קוטנה, שהיה מאחורי בית־המרחץ ליד משחטת העופות. רבים היו המלמדים שלי: משה־מרדכי ז"ל, יהודה נח זנדברג ז"ל, יחיאל ונגרובר ואחרים. במיוחד נחרת בזכרוני ר' יהודה זנדברג, שהצליח להמחיש לנו בצורה חיה ופלסטית את סיפורי התנ"ך, עד שניצבו חיים לפנינו, כאילו אנו עצמנו שותפים היינו למאורעות המסופרים. את יציאת ישראל ממצרים חייתי כאילו אני עצמי יוצא מבית־עבדים, חוצה את הים־סוף ונודד לארץ היעודה.

אך מובן את יציאת מצרים הזיתי בהקיץ או בחלום ולא יכולתי לשער, כי יעברו רק שנים מעטות ואחזה מבשרי יציאה אחרת — לא לארץ החופש והגאולה, כי אם יציאה — גירוש ונישול מהבית, בו גרתי אני והורי — אל ארץ הכליון, העינויים וההשמדה.

כאשר השלטונות הנאציים בקוטנה הוציאו הפקודה, כי על היהודים לעזוב את בתיהם ולהתרכז בגיטו שהקימו בבית־החרושת לסוכר בדרך לקרושנוביצה, נהפכה כל העיר לבית־משוגעים אחד גדול. יאוש, אבדן־עצות, טירוף־דעת וחוסר־מוצא אחזו את הכל. אנשים — הורים לילדים שאך אתמול היו כל־יכולים בעיני ילדיהם התרוצצו ברחובות בלי לדעת מה לעשות, כיצד לקדם את פני המציאות החדשה. כל אחד ביקש להשיג עגלה להעביר את מעט המטלטלים למקום הגירוש החדש, כל אחד ביקש להיות הראשון בתוך הגיטו, שהוקצה ליהודי קוטנה. בהגיענו למקום תפסנו מחסן גדול, שלא היו בו כל מחיצות ולא חלונות ודלתות. אך את הילדים שיעשע המצב החדש. הם התרוצצו בכל החדרים, טיפסו על הגגות וירדו למרתפים. אבל ההורים הבינו יפה־יפה את המצב לאשורו, אף־כי גם הם לא יכלו לתאר לעצמם את האימים הצפויים להם במקום הזה. כבר מן הרגע הראשון התעוררו הבעיות: איפה לבשל? מניין ישיגו מים? מזון? והעיקר — איפה ישתכנו כל היהודים שגורשו לתוך חורבות בית־החרושת הזה, שהינו כבר עתה, בשעה הראשונה מלא וגדוש יהודים.

ואכן המצב הלך ונעשה מיום ליום יותר ויותר ללא נשוא. אנשים שכבו בכל פינה בכל מיבנה ותחת כיפת השמים. בכל אשר פנו נטלו איתם את רכושם הדל, שהיה ארוז בשקים או בצרורות. עוד האמינו, כי יום יבוא ויחזרו לבתיהם ועל־כן יש לשמור על מעט הרכוש — פרי של חיי עמל.

בתחילה היתה הכניסה והיציאה אל ומן הגיטו חופשית, עוד יכולנו לסחור עם הנוצרים, יצאנו לעבודה — מי לתחנת־הרכבת, לבית־חרושת של סיגריות, לנקיון בעיר או כל עבודה אחרת שנזדמנה. בערב חזרנו למקום „מגורינו". כמו־כן הוקמו בגיטו בתי־קפה של קרוק ושל ווייסברוט, מאפיה, חנויות, בית־חולים, בית־מרחץ, משאבת־מים, בית־שימוש וכן תמחוי כללי לנצרכים ביותר. אך נצרכים היינו כולנו — וכך עמדנו בתור משעות הבוקר ועד לשעות הצהרים, על־מנת לקבל מעט מרק דליל, שהזכיר לי את מי הכביסה של אמא. אבל בראותי בתור למרק צבעוני זה גם את המנהל או את המנהלת קלפר, כשבידיהם קומקום עשוי קריסטאל ומצפים למנה שלהם, נשתכח ממני כליל טעמו וצבעו של המרק הזה.

אולם תנאים אלה, „הנוחים" לכאורה לא ארכו זמן רב. עם בוא החורף נהפכו החיים בגיטו לגיהינום כפול שבע. צרות,



הגירוש — דער גירוש

סבל ויסורים לא יתוארו החלו רודפים אותנו זה אחר זה. ראשית נסגר הגיטו — אין יוצא ואין בא.

רעב הולך וגובר השתרר בגיטו. אנשים נפלו ברחוב מאפיסת־כוחות, כי לא באה אל פיהם אפילו פרוסת לחם יבשה במשך ימים רבים. התוֹר למטבח הצבורי גדל מיום ליום ולא היה באפשרותו לענות ולספק את צלחת המרק לכל דורש. ועל הרעב ללחם נוספו המחלות הרבות עקב הגשמים והשלגים, שהרי רבים ישנו תחת כיפת השמים במשך חודשי הקייץ, אך עם בוא החורף עשה בהם מזג־האוויר שמות. אנשים לקו בדלקת־ריאות ובטיפוס. רבים מתו, ורק בפניהם נפתחו שעָרי הגיטו. לשאר תושביו הוא נשאר סגור על מנעול ובריח. גם המסחר עם הנוצרים פסק, הן בגלל נעילת שערי הגיטו והן בגלל שלנוצרים לא היה עוד במה לסחור.

נקל לשער שעל רקע זה התעוררו מריבות, סיכסוכים וקטטות. צעקות, בכי ומהלומות לא היו בתנאים אלה דבר נדיר.

עם זאת יש לציין שלא בכולם פגעה הרעה בצורה חמורה כל־כך. עוד היו בין תושבי הגיטו, אשר חיו בתנאים מעט טובים יותר. עוד היו בתי־הקפה של קרוק ושל ווייסברוט פתוחים ואנשים ביקרו בהם ושם אכלו לשובע ושתו משקאות שונים וחשבו כי הרעה לא תשיג אותם.

אבי שעבד בכפר סוויקי, כסנדלר היה שולח לי על־ידי החלבן שסיפק חלב לסטוצ׳ינסקי מעט צורכי אוכל, אך עם הרעת המצב חדל החלבן לבקר בגיטו. אמא היתה אובדת עצות, לא היה לה במה להזין אותנו. אחותי רבקה חלתה בטיפוס ואחי קלמן שהיה בן שבע ביקש מאמא פרוסת לחם והיא רק את דמעותיה שזלגו מעיניה ללא הרף יכלה לתת לנו. אך גם דמעותיה יבשו, רק אנחותיה גברו, אבל את השמים הן לא זעזעו. היש צער גדול יותר מצערה של אם בראותה את ילדיה מבקשים לחם והיא חסרת־אונים להושיע!?

החלטתי אני, הבן הגדול לצאת לאבא לכפר ולראות מה אירע אצלו. אמא, אחי ואחותי ז״ל ליוו אותי לגדר המערבית שם עברה תעלת הביוב של הגיטו ודרכה יצאתי לעבר השני. מבחוץ שמרו גרמנים מזויינים בנשק והיו יורים ללא אזהרה בכל מי שניסה לברוח מהגיטו. ואמנם, משרק התרחקתי מטרים אחדים מגדר הגיטו החלו הגרמנים יורים אחרי ללא הרף. בכל זאת הצלחתי להגיע אל הכביש הראשי. כאן החלו רודפים אחרי ה„שקצים" הקטנים בדורשם ממני כסף וידו בי אבנים. הצלחתי בכל זאת להתחמק מידיהם ולהגיע לדרך שמובילה לבית־הקברות היהודי. כאן נחתי מעט ושמתי פעמי לעבר הכפר סוויקי. הגרמנים שרצו בכל מקום, הם התהלכו ברחובות ובכבישים ואיש לא עמד בדרכם. בהיתקלי באחד מהם העמדתי פנים כאילו איני רואה אותו. מלא אימה ופחד הגעתי סוף־סוף לאבא. בראותו אותי הוא פרץ בבכי מרוב שמחה, כי ניצב אני לפניו חי ושלם. הוא ידע יפה מה מסוכנת הדרך אותה צריך הייתי לעבור. סיפרתי לו את כל הקורות אותנו, את אמא ואת ילדיו, על סיבלותינו וצרותינו. אבל מנת חלקו של אבא לא היה טוב משלנו. גם הוא חי כל הזמן מפחד הגרמנים. הם היו מבקרים לעתים קרובות בכפר ולא ידע מה יהיה גורלו בעוד שעה. הוא בילה את לילותיו באורווה ושם גם אני לנתי איתו בלילה. למחרת אמר לי אבא לבל אחזור עוד לגיטו.

כך נפלה ההכרעה ולא חזרתי עוד, לאמא שלי הטובה והיקרה והנאמנה, לאחותי רבקה ולאחי קלמן, וליתר בני המשפחה וה־חברים, אתם גדלתי.

החלטתי ללכת לכפר קלודובה, למשפחתי. בדרכי אנוס הייתי לעבור את קוטנה. העיר היתה מלאה גרמנים, הנה גרמני אחד רוכב על אופניים ויהודי רץ לפניו ולא הבנתי את פשר הדבר ואני שוב משים עצמי כאילו איני רואה אותם. הגעתי לבית הכנסת שלנו. מסביב שיחקו ילדים נוצרים, ביניהם הכרתי את בניו של הגרמני הופמן. למזלי הרע הם גם הכירו אותי והתחילו לרדוף אותי בסכינים. לפתע ראיתי נערים נוצריים שהיו עוד לפני זמן קצר שכנינו בטרם הוקם הגיטו. הם הצילו אותי מידי בני הופמן הרצחניים, שכני לשעבר הבטיחו להם להם הרבה נערים יהודיים אחרים במקומי. כך נמלטתי מידי הרוצחים הקטנים.

הייתי „חופשי" להמשיך בדרכי. עברתי ברחובות היהודיים, שהיו כה מוכרים לי, בהם גדלתי, שמחתי ובכיתי. עתה דממת־מוות מסביב. הכל דמם, הכל קפא וגווע. כאילו רוחות רפאים השתלטו על רחובותינו ומשכנותינו. היכן נעלמו החיים העשירים, מלאי מעשה, יוזמה ומרץ?! היכן נעלמו היהודים על סחרם, מלאכתם והמקח־והממכר שלהם? מלאך־המוות בדמות הגרמני־הנאצי חגג את מלא נצחונו, שאפילו האנטישמי האיום ביותר לא חלם עליו מימיו. הבתים, החנויות, בתי־המלאכה — הכל הרוס, נחרב ובעליהם היהודיים אינם עוד — בית־קברות, מוות וכליון מסביב. לא יכולתי לשאת עוד את המראה מסביבי. נמלטתי מכאן כאילו הייתי רדוף ע״י מלאך־המוות הבלתי נראה. יצאתי, כאמור, לעבר הכפר קלודובה, לבני משפחתי.

ליד סטניובקה, שגבלה עם הגיטו עמדו יהודים ליד הגדר, הם הביטו בי אך לא דיברו, כדי לא לעורר את תשומת־ליבם של הגרמנים עלי. כאן התחיל מצפוני שוב לנקבני, על כי עזבתי את היקרים לי ביותר את אמא, את אחותי ואת אחי ונמלטתי ואותם השארתי לסבלם ולצרותיהם. לעולם לא אוכל לסלוח לעצמי את המעשה הזה!

בהגיעי לכפר קלודובה היה ליל שבת. כאן בכפר החיים התנהלו עוד כתיקנם, היהודים הלכו לבית־הכנסת לבושים בגדי שבת. בבתים, על השולחנות דלקו נרות שבת ומשפחות יהודיות סעדו את סעודת־השבת שלהם, כאילו קיים היה עדין העולם של אתמול. הם לא ידעו את מעללי הגרמנים ואף לא שיערו את גודל הזוועות שהם מכינים גם ליהודי הכפר קלודובה. אך אני תוך בכי מר סיפרתי להם על המציאות האיומה, על הרציחות, הרעב והפחד בה חיים יהודי קוטנה המרוחקים מהם אך כמה קילומטרים. לשעה קלה הוצאתי אותם מעולמם השלוו עדיין, כי לא ידעו את הצפוי להם.

למחרת נודע לי בשעת בריחתי מהגיטו נורו למוות כמה יהודים, ביניהם בנו הצעיר של הסנדלר בוקשטיין ובנו של ארצביין הזקן (אלטקריינר) וגם כאן לא חדלו הצרות. כזר בקלודובה חייב הייתי לצאת לעבודה מטעם הקהילה במקום אחד מבני המשפחה אצלם התאכסנתי ותמורת זאת קיבלתי מזונות ומקום לינה. אולם, גם המצב הזה לא ארך זמן רב. באחד הלילות של שנת 1941 העירה אותי המשטרה הגרמנית והובילה אותי למחנה עבודה עד שהגעתי לבוכנוואלד, שם השתחררתי. בבוקר הועברתי עם צעירים אחרים לקולו ומשם למחנה עבודה נובה־מוסטי ליד פיזנו. מאז התחלתי לנדוד ממחנה עבודה למחנה עבודה עד שהגעתי למחנה בוכנוואלד, שם השתחררתי. במחנה זה פגשתי יוצאי קוטנה רבים. על מחנה בוכנוואלד אין צורך להרבות בדברים, שהרי טעמם של מחנות עבודה טעמו רבים מאתנו.

פינף יאָר גיהנום ביים לעבן

לאַזער יאַקובאָוויטש
פּאַר. שטאַטן

ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין קיין קוטנע, אין סעפּטעמבער 1939, האָבן זיי גענומען טרייבן די יידישע באַפעלקערונג צו אַרבעט, באַגלייט מיט קלעפּ, באַליידיקונגען, אָפּלאַכן פון די קרבנות און אויך — רציחות. די רוצחים האָבן ליב געהאַט די „לאַפּאַנקעס", דאָס כאַפּן אומשולדיקע מענטשן אומגעריכט פון די גאַסן און געשעפטן, כדי זיי פאַרשפּאַרן און דערנאָך יאָגן צו קאַטאָרגע־אַרבעט.

איין מאָל האָבן זיי געכאַפּט עטלעכע צענדליק יידן און זיי פאַרמאַכט אין אַ... קלויסטער. מיר זענען דאָרט אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט, נישט געוווּסט וואָס זיי האָבן בדעה מיט אונדז צו טאָן. אַרום 8 אין דער פרי זענען צום קלויסטער פאַרפאָרן אויטאָס, אויף וועלכע מ'האָט מיט געשלעגן אַרויפגעטריבן די פאַרהאַלטענע יידן און זיי אַוועקגעפירט קיין לענטשיץ. דאָ האָט מען ווידער געטיילט מערדערישע קלעפּ און — צוריקגעפירט קיין קוטנע.

יולי 1940, אין אַ זונטיק, האָבן זיי באַשטימט צו פאַרטרייבן אַלע קוטנער יידן אין געטאָ. די צוגעטיילטע צייט — עטלעכע שעה. הגם די אָרעמע פויערים האָבן באַדאַרפט צושטעלן פורן אויף טראַנספּאָרטירן די יידן מיט זייערע זאַכן קיין קאָנסטאַנציע, איז אָבער נישט געווען גענוג וועגענער. דער רוב איז אַוועק צופוס דעם וויטן מהלך און באַוויזן מיט זיך מיטנעמען פּעקלעך און קלומיקלעך אויפן אַקסל, צי אין די הענט. איך האָב יאָ געהאַט אַ וואָגן, אָבער אָן אַ פערד. ממש אין דער לעצטער מינוט זיך דערוואַרט אויף אַ פערד, אָבער אַ דייטש האָט מיך נישט געלאָזט אַוועקזעצן אויפן וואָגן. איך האָב געמוזט גייך צופוס קיין קאָנסטאַנציע.

אָנקומענדיק אַהין איז שוין נישט געווען קיין אָרט אין דער האַלב־חרובער געביידע פון אַן אַמאָליקער צוקער־פאַבריק, וועלכע איז שוין נישט געווען טעטיק אַ 30 יאָר. קוים מיט צרות זיך אויסגעזוכט אַ ווינקל הינטערן סאַמע דאַך פון דער צוקראָוניע. אַז די טעג זענען געווען וואַרעמע, פלעגן פויערים צוקומען צום געטאָ און פאַרקויפן פּראָדוקטן. מיטן אָנקום פון די האַרבסטיקע בלאָטעס און ווינטערדיקע קעלטן, איז דער האַנדל מיטן דאָרף כמעט ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן.

די געטאָ־איינוווינער האָט מען יעדן טאָג געשלעפּט צו פאַרשידענע שווערע אַרבעטן — און ס'איז נישט געווען דער פאַל, אַז פאַרנאַכט זאָלן זיך אומקערן קיין קאָנסטאַנציע די אַלע, וואָס האָבן אין דער פרי פאַרלאָזט דאָס געטאָ. געהיטן האָבן אונדז פאָלקסדייטשן. אויב ס'איז ווער נאָענט צוגעגאַנגען צו דער געטאָ־פאַרצוימונג, האָבן זיי אָן אַ וואָרענונג געשאָסן. מיטן אָנקום פון ווינטער האָבן זיך אויך געמערט די קראַנקייטן אין געטאָ, ווו דאָקטוירים און מעדיקאַמענטן זענען נישט געווען בנמצא. די איזאָלאַציע פון געטאָ איז געוואָרן נאָך שטרענגער, דער הונגער און די פאַרשידענע חולאתן האָבן גורם געווען צו אַ סך טויט־פאַלן. בלויז איין פעלדשער, אַספּירשטיין, האָט באַדאַרפט טראָגן הילף דער אומגליקלעכער באַפעלקערונג.

די דייטשן פלעגן אָפט פאָטאָגראַפירן און פילמירן דאָס לעבן אין געטאָ, אָדער ווי מיר האָבן אויף וואַגאָנעס אויפגעלאָדנט דאָס ברוכוואַרג פון דער אַמאָליקער צוקראָוניע. מיר האָבן אַלע געפילט, אַז די שטריק נעמט זיך פאַרציִען אַרום אונדזער האַלדז. די גזירות און רדיפות האָבן זיך פאַרשטאַרקט, די נויט און הונגער האָבן געהערשט כמעט אין יעדער געטאָ־שטוב.

איך אַנטלויף קיין זשיכלין

בלייבן אין געטאָ האָב איך נישט געוואָלט. אין אַ קאַלטער, פינצטערער נאַכט, איז מיר געלונגען איבערצוקריכן אַ דייטש פון דער שמירה און צופוס האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט קיין זשיכלין, ווו ס'האָט זיך געפונען מיין פרויס משפּחה. אָנקומענדיק דאָרט אין געטאָ, האָבן די יידן געמיינט, אַז כ'וויל ביי זיי עפּעס קויפן, אָדער גאָר פאַרקויפן. מ'האָט מיך נישט דערקענט, אַזוי פאַרפרוירן בין איך געווען. ערשט נאָכן אויסזאָגן ווער איך בין, האָט מען מיך אַריינגעפירט צו מיין שוויגער צוזאַמען האָבן מיר באַשלאָסן אַהער ברענגען פון קוטנער געטאָ מיין פרוי און קינד.

צומאַרגנס איז אַ מיטגליד פון זשיכלינער יודענראַט געפאָרן אויף אַ וואָגן קיין קוטנע. ער האָט איבערגעגעבן מיין פרוי אונדזער פאַרלאַנג, אַז זי זאָל זיך באַמיִען צו קומען קיין זשיכלין. איר איז געלונגען אויסצופועלן ביי אַ דייטשן אָפיציר, וועלכער איז געווען אַ „מאַכער" אין געטאָ, אַ דערלויבעניש אַריבערצופאָרן אין זשיכלינער געטאָ. צוויי חדשים זענען מיר געווען צוזאַמען אין דעם שטעטל און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אפשר וועט מען אַזוי איבערלעבן דעם קריג.

אַ געוויסן טאָג האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אַן אָבלאַווע אין געטאָ און געכאַפּט צו אַרבעט. צווישן דעם טראַנספּאָרט, וואָס איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין לאַגער ראַבע, בין איך אויך געווען. מיר האָבן באַדאַרפט פלאַסטערן אַן אויטאָסטראַדע.

פון לאַגער צו לאַגער

מיין ערשטער לאַגער־עלטסטער האָט געהייסן האַרט. אַ מוראדיקער סאַדיסט, וואָס פלעגט אַן אַרעסטירטן, וואָס איז אים נישט געפעלן געוואָרן, צובינדן צו אַ סלופּ און אים האַלטן אַזוי אַ גאַנצן טאָג אָן עסן און טרונקען. אַזאַ באַשטראָפטער האָט זיינע פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן דערליידיקט הינטער זיך. אָפּגעבונדן האָט מען בדרך כלל אַ האַלב־טויטן מענטש.

אין דעם לאַגער איז מען יעדן טאָג געגאַנגען 6 קילאָמעטער צו דער אַרבעט אין דעם זעלבן מהלך — צוריק נאָך דער אַרבעט. דאַקעגן אין צווייטן לאַגער ווו מ'האָט אונדז איבערגעשיקט, פאַלענפעלד, זענען מיר מיט אַ קאַלייקע געפאָרן פלאַסטערן דעם שאָסיי. דאָ האָבן מיר אַלע דערפילט די ברוטאַלע פויסט און די סאַדיסטישע נייגונגען פון אַן ס.ס.־מאַן באַפיר. ער פלעגט מיט דער לאָפּעטע שלאָגן אָן רחמנות — און דערנאָך געהייסן באַגיסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער, כדי ווייטער דערלאַנגען קלעפּ.

אין דריטן לאַגער, דויטשעיער, איז אויך געווען אַזאַ מיִז באַפיר, מיטן צונאָמען „טיגריס". זיין אמתער נאָמען איז געווען מעטקע. פלעגט ער עמעצן אָנהייבן שלאָגן — און דאָס איז ביי אים געשען זייער אָפט — איז מען קיין לעבעדיקער פון זיינע הענט נישט אַרויס.

נאָכן אָפּשטעלן די אויטאָסטראַדע־בויאונג, האָט מען אונדז איבערגעפירט אין אַ פערטן לאַגער, ווו ס'האָבן זיך געפונען פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע. דאָ האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט פעלד־אַרבעט, האַקן ביימער אין די וועלדער און דערנאָך זיי צעזעגן. שפּעטער זענען מיר איבערגעפירט געוואָרן אינעם קאַראַנטין־לאַגער וויזענגרונד, ווו מ'האָט שוין נישט געאַרבעט. פון דאַנען האָט דער וועג געפירט קיין אוישוויץ.

אין אוישוויץ

אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, ווי די בהמות, פאָרן מיר קיין אוישוויץ. ווי נאָר מ׳האָט אונדז אַרויסגעטריבן פון די וואַגאָנען, האָט מען אַלעמען אויסגעשטעלט אין אַ ריי. עס הערן זיך באַפעלן — „רעכטס, לינקס“. אין יענער צייט האָב איך נאָך נישט געוווסט, אַז אַזוי שיקן זיי אַ טייל פונעם טראַנספּאָרט גלייך אין די גאַז־קאַמערן. איך בלייב דערווייל אין לאַגער, אויף קאַטאָרגע און פּיין. ביים לאַנגן טיש קריצט מען אויס אַ נומער אויף מיין האַנט: 141154.

אין אָוונט באַווייזן זיך עטלעכע ס.ס.־לייט און אָן אַ פאַרוואָס הייבט מען אָן שלאָגן ביז בלוט. אַזוי עטלעכע טעג, ביז מ׳האָט אונדז איבערגעפירט אויף אַ נייעם פּלאַץ, לעבן אַ קוילנגרובן. דאָ האָבן מיר גענומען אויפשטעלן פאַר זיך די באַראַקן און אַנדערע איינריכטונגען פאַרן לאַגער. ווען אַלץ איז פאַרטיק געוואָרן, בין איך מיט נאָך צוואַנציק מענטשן געבליבן אַרבעטן אויבן, נאָר ס׳איז געווען אַ סך ערגער ווי אונטער דער ערד, אין גרובן גופא. מיט אונדז האָט אָנגעפירט אַ קאַפּאָ, וועלכער איז מיט זיינע רציחות איבערגעשטיגן די ס.ס.־לייט. ער פלעגט באַפעלן זיך אַנבייגן און מיט אַ שטעקן קלאַפּן אין די געזעסן. מיין געזעס איז געווען שוואַרץ און בלוי פון די קלעפּ, כ׳האָב נישט געקענט גיין און זיצן. ביים אַוועקלייגן זיך, האָט אַלץ געבראָכן און געשטאָכן. נאָכן אָפּזיין עטלעכע וואָכן אין קוילנגרוב, האָב איך נישט געקענט גיין, געמוזט קריכן אויף אַלע פיר. פון די צוואַנציק פון מיין גרופּע זענען פאַר דער צייט אַ סך פאַרשוווּנדן. מען האָט זיי דערמאָרדעט.

אַ געוויסן טאָג האָט מען מיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַ וואַגאָנעטקע און אַוועקגעפירט אין לאַגער, ווייל גיין האָב איך נישט געקענט. כ׳בין געווען זיכער, אַז איצט קומט מיין סוף. צו מאָרגנס האָב איך זיך נישט געקענט אויפהייבן צו דער אַרבעט. קוים זיך צוגעשלעפּט צום אַפּעל. מ׳האָט אויסגעקליבן דעמאָלט אַ צאָל מענטשן אין קרעמאַטאָריע. כ׳האָב זיך געבעטן מיט זיי מיטגיין. האָבן זיי דווקא מיך אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל, פון וואַנען מ׳האָט בדרך־כלל מער זיך נישט אומגעקערט. דאָרט איז די באַדינונג געווען פון בלויז יידן. בשכנות פון מיר איז געלעגן אַ קוטנער ייד, בערל באַלזאַמאָוויטש. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט און דערציילט אונדזערע איבערלעבונגען ביזן קומען אַהער.

אַז ס׳איז מיר אַ ביסל בעסער געוואָרן, האָב איך געבעטן מיך צוריק נעמען אין לאַגער, ווייל מיר האָבן געוווסט, אַז פון שפּיטאָל פירט מען גלייך אין דער גאַז־קאַמער. דאָס מאָל האָבן זיי מיר צוליב געטאָן. איך שלעפּ שווערע שטיינער און הייב צוריק אָן פאַרלירן די אַזוי אויך שוואַכע כוחות. ווען מען שטעלט אונדז אויס צום אַפּעל און מע הייבט אָן באַפעלן ״רעכטס״ און „לינקס“, בין איך זיכער, אַז דאָס מאָל איז מיין גורל אַ געחתמעטער. די סעלעקציע האָט זיך געענדיקט מיט אויסקלויבן 293 קאַצעטלער — און איך צווישן זיי. מ׳האָט אונדז פאַרשפּאַרט אויף אַ בוידעם, ווו מ׳איז אָפּגעלעגן 44 שעה אָן אַ טראָפּן וואַסער, אָן עסן. דערנאָך — ווידער אַ סעלעקציע. 70 מענטשן אומפּעיקע צו דער אַרבעט, האָט מען געשיקט אויף אומקום. איך מיט דער צווייטער גרופּע זענען איבערגעפירט געוואָרן אין דער „בונאַ“.

דער פראָנט דערנענטערט זיך

אין דעם לאַגער „בונאַ“, אַן אָפּצווייג פון ריזיקן טויטן־לאַגער אוישוויץ, האָבן מיר געאַרבעט ביי די שווערסטע באַדינגונגען. אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז באַפוילן צונויפנעמען דאָס ביסל זאַכן — און מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין. אַוודאי האָט מען אונדז נישט געזאָגט ווו מען מאַרשירט, נאָר אַ געפיל איז געווען, אַז איצט עוואַקויִרט מען דעם לאַגער צוליב דער נאָענטקייט פון פראָנט.

קיין מער אַנטשפּרעכנדיקע באַצייכענונג פאַר אַזאַ סאָרט עוואַקואַציע, ווי „טויטן־מאַרש“ — האָט טאַקע נישט געקענט זיין. די אומגליקלעכע קאַצעטלער, לעבעדיקע סקעלעטן, דערשעפּטע און פאַרפּייניקטע, האָט מען געטריבן צופוס אין קאַלטע, פראָסטיקע טעג און נעכט, בעת זייער אָנטאָן איז נישט גענוג געווען אַפילו פאַר אַ קילער זומער־נאַכט. יעדער איינער, וועלכער איז אָפּגעשטאַנען פון טראַנספּאָרט, אַרויסגעוויזן שוואַכקייט — איז אָן רחמנות דערשאָסן געוואָרן. דערביי האָבן די מערדער נישט געקאַרגט קיין קלעפּ מיט די ביקסן־קאָלבעס, מיט נאַהייקעס און לאַנגע פּייטשן. דער גאַנצער וועג ביז בוכענוואַלד איז געווען באַדעקט מיט דערשאָסענע און געפאַלענע אָנטיילנעמער פון יענעם שרעקלעכן מאַרש.

אין בוכענוואַלד זענען מיר לאַנג נישט געווען. מ׳האָט ווידער אויסגעקליבן אַ 400 מאַן און אונדז אַריינגעטריבן אין פאַרמאַכטע לאַסט־וואַגאָנען. אויפן וועג זענען אָנגעפלויגן אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען און באָמבאַרדירט דעם עשעלאָן, אַפילו גענומען שיסן פון מאַשין־געווער. זיי האָבן אַוודאי געמיינט, אַז מע פירט מיליטער. די וואַך איז זיך צעלאָפן, אייניקע פאַרשפּאַרטע איז געלונגען אויפצורייסן די טיר — ערשט דעמאָלט האָבן די פליערס דערזען, אַז דאָ פאָרן גאָר קאַצעטלער. נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. אַ 200 אונדזעריקע זענען אומגעקומען פון דער באָמבאַרדירונג.

ווי נאָר די עראָפּלאַנען זענען אַוועק, האָט די וואַך אונדז צונויפגעטריבן אין די וואַגאָנעס, מען האָט צוגעטשעפּעט אַן אַנדערן לאָקאָמאָטיוו, ווייל יענער איז צעשמעטערט געוואָרן — און אונדז אַוועקגעפירט אין אַן אַנדערן לאַגער. דוכט זיך, אַז אין גורהאַרץ. פון אַ ריזיקן טונעל האָבן מיר אויף וואַגאָנעטקעס באַדאַרפט אַרויספירן שטיינער. אין יענעם טונעל האָט זיך געפונען אַן אונטערערדישע עראָפּלאַנען־פאַבריק. פון אַלע מיינע דערפאַרונגען אין די לאַגערן האָב איך געלערנט, אַז איינער איז ערגער פון צווייטן. אַזוי איז אויך געווען מיט דעם איצטיקן לאַגער. בעת פאָרן מיליטער דאָרט האָט מען געקאָכט קאַרטאָפל, איז אונדזער עסן באַשטאַנען פון די בלויזע שאָלן. געשלאָפן איז מען אויף דער ערד, אונטערגעבעט מיט אַ ביסל שיטער שטרוי. דערפאַר איז אָבער געווען געדיכט פון לייז און פליי. אין די טויזנטער, אויב נישט מיליאָנען, האָבן זיי געווימלט אויף אונדזערע קערפּערס. נישט איין מאָל האָב איך זיך געפרעגט: ווי איז מעגלעך, אַז דער מענטש זאָל דאָס אַלץ איבערטראָגן?

זונטיק אַ האַלבן טאָג האָבן מיר געהאַט רו. איז דער „אָפּרו“ באַשטאַנען פון צונויפזאַמלען אַלע טויטע קערפּערס און זיי באַגראָבן אין אַ גרויסן קבר.

די באַפרייאונג

מיר פילן אָבער די גסיסה־אַנגסטן פון היטלעריזם, ער כאַפּט לייטישע קלעפּ אויף אַלע פראָנטן. מען עוואַקויִרט אונדז ווידער. אַ המשך פון טויטן־מאַרש. די נאַצישע חיות זענען נאָך אַלץ אַזוי סאַדיסטיש איינגעשטעלט לגבי די אומגליקלעכע קאַצעטלער, הגם זייער מפּלה איז שוין אַ באַשיינפּערלעכע. מען טרייבט אונדז אָן עסן און טרינקען. איך פאַל אַוועק אין אָנמאַכט אַ גליק, וואָס איך געפין זיך אין מיטן פון דער קאָלאָנע, נישט פון אונטן, ווייל דאָרט וואָלט די וואַך מיך באַלד דערשאָסן. עס פאַלט אַ באַפעל „אָפּשטעלן זיך!“ — און עטלעכע חברים הייבן מיך אויף. איצט רוט מען אַ ביסל — און דאָס האָט מיך אָפּגעראַטעוועט. איך הייב אָן לעקן שניי און דערכאַפּ זיך אַ ביסל.

נישט ווייט פון וויטענבערג אויף דער עלבע, האָב איך ווידער געחלשט אין מאַרש. האָט איין ייד פון וואַרשע מיך אונטערגעהאַלטן און אַזוי געפירט אַ שטיקל וועג. קיינער פון דער וואַך האָט נישט באַמערקט מיין אָפּגעשוואַכטקייט. מיטן דערנענטערן זיך צו דער שטאָט, דערהערן מיר אַ קאַנאָנאַדע. איין אָפיציר באַפעלט די געזונטע צו גיין באַזונדער און די שוואַכע טרייסט ער, אַז אָט באַלד איז אַ וואַלד, וועלן זיי זיך מעגן אַוועקלייגן אָפּרוען. ער האָט געוווּסט, אַז די רויטע אַרמיי דאַרף זיך אַ ליאַדע מינוט באַווייזן און דערפאַר איז ער געוואָרן אַזאַ גוטער. איך מיט דעם וואַרשעווער ייד האָבן נישט געקענט גיין ווייטער און זיך אַוועקגעלייגט אין דערבייאיקן ראָוו, אין גאַנצן רעזיגנירטע און פאַרצווייפלטע. איז צו אונדז צוגעקומען אַ זעלנער מיט אַ ביקס און באַפוילן אויפשטיין. פון וואַנען עס האָט זיך נאָך ביי מיר גענומען כוח אויפצוהייבן — ווייס איך נישט. נאָר אַ פאַקט איז, אַז מיר זענען אַריינגעקומען אין שטאָט. דער זעלנער איז פאַרשוווּנדן. אַ דייטשע פרוי האָט אונדז ביידע געגעבן צוויי בינטלעך רויטע רעטעכלעך. פאַר אונדז איז עס געווען ווי מן פון הימל. דערנאָך האָט אונדז אַ דייטשער בעקער אייגנטימער געגעבן אָפּצועסן צו דער זעט. נאָר ווייזט אויס, אַז מען האָט אים פאַרמסרט דאָס ער באַהאַלט ביי זיך אַנטלאָפענע קאַצעטלער, ווייל ס'איז אָנגעקומען פּאָליציי און אונדז פאַרהאַלטן. מיט אַמאָל האָבן אָנגעהויבן פאַלן באָמבעס און סנאַריאַדן, די פּאָליציאַנטן זענען אַנטלאָפן און מיר זענען איבערגעלעגן די נאַכט אויפן אויוון, אין דער בעקעריי. פאַרטאָג איז די רויטע אַרמיי אַריין אין שטאָט.

דאָס איז געשען דעם 27סטן אַפּריל 1945.

4 וואָכן בין איך געווען אין דער דייטשער שטאָט, ביז כ'בין אַ ביסל געקומען צו די כוחות און געווען אימשטאַנד אַריינצופאָרן קיין פוילן. כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל טרעפן אין קוטנע אַ לעבעדיקן פון מיין גרויסער משפחה. ליידער, אַלע זענען אומגעקומען. אַן ערך אַ האַלב יאָר בין איך געווען ביי אָפּאָטשינסקין, דערנאָך זענען מיר אַוועק קיין דייטשלאַנד און אין יאָר 1949 האָב איך עמיגרירט קיין אַמעריקע, וווּ כ'געפין זיך ביזן היינטיקן טאָג.

אין געטאָס און אין לאַגערן

אברהם ליפשיץ
אָהיאָ (פאַר. שטאַטן)

איך האַלט פאַר מיין חוב צו טיילן זיך מיט מיינע ביטערע דערינערונגען אין אונדזער יזכור־בוך. דאָס זענען מיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען אין די פינצטערע יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע. איך וועל אָנהייבן פון יאָר 1940, ווייל דאָס דאָזיקע יאָר האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון פון דער קוטנער שארית־הפליטה. דאָס איז געווען דער בראשית פון חורבן קוטנע...

די שנעלע אויסזידלונג קיין קאָנסטאַנציע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ שיסעריי פון די דייטשן, כדי אָפּצושרעקן דעם עולם און אים דערפירן צו אַ צושטאַנד פון פּאַניק, דעזאָריענטאַציע און נערוועזיטעט. אָנקומענדיק אויפן קליינעם שטח פון דער אַמאָליקער צוקער־פאַבריק, האָבן די קוטנער יידן דערזען מיט אַמאָל זייער גאַנצע טראַגישע נויט און עלנט. געפּאַקט האָט מען זיך לאַנג — און מ'האָט קוים באַוויזן מיטצונעמען דאָס וואָס יעדער האָט געקענט אַליין טראָגן. די וווין־באַדינגונגען זענען געווען שרעקלעכע, בלויז אַ גאָר קליינער פּראָצענט האָט באַוויזן מיט כוח צו באַקומען אַ מ'שטיינס־געזאָגטן דאַך איבערן קאָפּ.

אין געטאָ האָבן נישט נאָר אויסגעפעלט וווינונגען. נישט געווען אויך קיין אַרבעט, קיין מעדיצינישע הילף, קיין עסן צו דער זעט. און אין ווינטער האָט די קעלט, פּראָסט און שניי נאָך מערער פאַרביטערט דאָס אַזוי אויך ביטערע לעבן. וועגן האָלץ און קוילן צו באַהייצן די דירות — האָט מען נאָר געקענט חלומען.

די קראַנקייטן האָבן אין רוב פאַלן זיך געענדיקט מיט טויט. יעדן טאָג איז מען געשטאָרבן אין די גאַסן. אין געטאָ האָט מען געקענט הערן געשפּרעכן וועגן דעם ווער ס'איז היינט געשטאָרבן, ווער איז קראַנק. די געזונטע האָבן געפילט, אַז נישט ווייט איז דער טאָג, ווען אויך זיי וועלן פאַרלירן די כוחות.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען, האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון קאָנסטאַנציע. צוזאַמען מיט אייניקע באַקאַנטע (צווישן זיי — דער שוסטער משה בוקשטיין) האָבן מיר אויסגענוצט דעם מאָמענט ווען די וואַך טוישט זיך, און דורך אַ פאַרעיפּושטן קאַנאַל אַנטלאָפן אויף יענער זייט געטאָ־פאַרצוימונג. איך בין געקראָכן דער ערשטער. מיט אַמאָל דערהער איך עטלעכע שאָסן. כ'האָב זיך נישט אומגעקוקט — אָבער קיינער פון די, וואָס זענען אַנטלאָפן מיט מיר, האָב איך מער נישט געזען. שפּעטער איז מיר באַקאַנט געוואָרן, אַז מ'האָט זיי אַלע געכאַפּט און דערשאָסן.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן מיין וואַנדער־וועג — פון דאָרף צו דאָרף, איבער וועלדער און פעלדער, דורך זייטיקע וועגן און שטעגן, ווו עס האָט שטענדיק געדראָט אַ טויט־געפאַר פאַרן גערודפטן ייד. דאָך איז מיר געלונגען אָנצוקומען קיין לענטשיץ. דאָ האָב איך געטראָפן קוטנער יידן: מרדכי בוקשטיין, פּודאַלאָוויטש, פאַמיליע גזשיוואַטש. זיי האָבן מיך וואַרעם אויפגענומען, באַזאָרגט מיט אַ דירה, מיט אַרבעט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע הילף און דערמוטיקונג. פון מיינע פאַרדינסטן האָב איך אויך געקענט העלפן מיין משפחה אין קוטנער געטאָ.

לאַנג האָט מיין פרייד נישט געדויערט. אין עטלעכע וואָכן אַרום בין איך קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. אויס מורא זיי זאָלן זיך נישט אָנשטעקן, האָב איך פאַרבאָטן מיינע פריינד צו פאַרנעמען זיך מיט מיר. כ'בין אַוועק אין שפּיטאָל, אָפּגעלעגן עטלעכע חדשים און אַרויס אַ געזונטער. די דייטשן האָבן מיך געוואָלט צוריק שיקן קיין קוטנע. בין איך אַנטלאָפן קיין גראַבאָוו, פונוואַנען מ'האָט די יידן דעפּאָרטירט אויף צוואַנגס־אַרבעט אין די לאַגערן פון פּויזן. בין איך צוזאַמען מיט די גראַבאָווער יידן און פּליטים אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער קיין פּויזן. געפּרוּווט פון דאָרט קאָנטאַקטירן זיך שריפטלעך מיטן קוטנער געטאָ, אָבער קיין ענטפער נישט באַקומען. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דער ליקווידאַציע פון קאָנסטאַנציע און אירע איינוווינער.

אין פּויזנער לאַגער בין איך געווען אַ יאָר צייט. מ'האָט געאַרבעט, געהונגערט, נישט געהאַט די פרייהייט — אָבער קיין גאַז־קאַמערן זענען דאָרט נישט געווען, מ'האָט אויך נישט גע־

שאָסן, אָדער ספּעציעל האָבן געפּייניקט. אויך דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט. מ׳האָט אונדז איבערגעשיקט קיין אוישוויץ. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אמתדיקע גהינום.

צונויפגעדרענגט אין באַראַקן, הונגעריקע, פאַרווילדעוועטע און געפּייניקטע, האָט מען געוווּסט, אַז אין בירקענאַו—אוישוויץ דערוואַרט אונדז די קרעמאַטאָריע. נאָר אין אַ געוויסן טאָג, בעת דעם אַפּעל, האָט מען מיך מיט אַ גרעסערער גרופּע אינטערנירטע אַרויסגענומען פון די רייען, אויפגעלאָדנט אין וואַגאָנעס און אַוועקגעפירט. מיר זענען אָנגעקומען אין דעם חורבן, פאַרברענטן און אויסגעליידיקטן וואַרשעווער געטאָ, כדי דאָרט ברענגען אין אָרדענונג יענעם קוואַרטאַל, אויפרוימען די טויטע און פּרובירן פאַרווישן די שפּורן פונעם אויפשטאַנד און חורבן פון דער יידישער וואַרשע. יענע טעג אינעם וואַרשעווער געטאָ וועלן אויף שטענדיק בלייבן אין מיין זכרון. פון בונקערס האָבן מיר באַדאַרפט אַרויסשלעפּן די פאַרגאַזטע און פאַרברענטע קערפּערס פון מענער, פרויען און קינדער.

אויך דאָ איז מיר אויסגעקומען צו זיין העכער אַ יאָר צייט. מיר זענען געווען אינטערנירט אין אַ לאַגער אויף דער גענשע גאַס. מיטן דערנענטערן זיך פונעם פראָנט צו פּוילנס הויפּטשטאָט, האָט מען אונדז אָנגעהויבן צו עוואַקואירן קיין דאַכאַו, אין טיף דייטשלאַנד. דעם גאַנצן, זייער וויטן וועג, האָט מען באַדאַרפט אַדורכמאַכן צופוס. און די דייטשישע רוצחים האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז מיר זאָלן אויפן וועג נישט באַקומען קיין עסן און קיין ביסל וואַסער...

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער טויטן־מאַרש. מיר זענען אָנגעקומען קיין לוויוויטש, אַדורכגעגאַנגען דעם טייך בזוראַ און געמיינט, אַז דאָ וועט מען כאָטש קענען באַנעצן די ליפּן מיטן שמוציקן טייך־וואַסער. אונדזערע היטער האָבן אָבער אויף ביידע ברעגעס אַוועקגעשטעלט מאַשין־געווער און ווער ס׳האָט זיך אָנגעבויגן צום וואַסער צו געבן אַ טרונק — האָט באַצאָלט מיטן לעבן. נישט איין מאָל איז די בזורע באַפאַרבט געוואָרן אויף רויט פונעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. הונדערטער זענען דעמאָלט אומגעקומען אינעם לוויוויטשער וואַסער.

מיר שלעפּן ווייטער אונדזערע פיס, מע קומט אָן קיין לענטשיץ. דאָ האָט מען יאָ דערלויבט צו טרינקען אומבאַגרעניצט. דריי טעג און נעכט איז מען געשטאַנען אין לענטשיץ. דער ווייטערדיקער בלוטיקער שליאַך האָט געפירט דורך מיין היימשטאָט קוטנע. איך מאַרשיר איבער די הויפּט־גאַסן, זע אויך קאָנסטאַנציע... קיין זכר פון אַ ייד, ווו ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן אַרום 8 טויזנט אחינו בני ישראל געמיינט איבערצולעבן היטלערן. די יידישע קוטנע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט איין גרויסן בית־עולם. איך האָב זיך דעמאָלט גוט אויסגעוויינט — ביז מ׳האָט אונדז אַריינגעשטויסן אין פראַכטוואַגאָנען, כדי אָפּצופירן קיין דאַכאַו.

די רייזע איז געווען אַ נישט קלענערער גהינום ווי דער צופוסיקער מאַרש. פאַרשמוציקט און פאַרלייזיקט, מיט זיך צעפאַלנדיקע בגדים, פון וועלכע ס׳האָט זיך געטראָגן זייער שלעכטע ריחות, אָן עסן — זענען מיר נאָך עטלעכע טעג פאָרן אָנגעקומען קיין דאַכאַו. נאָר דער גאַנצער וועג איז געווען פאַרזייט מיט אונדזערע קרבנות, לאַגער־יידן, וועלכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן די שוידערלעכע באַדינגונגען און מאַסנווייז געשטאָרבן אין די וואַגאָנען. אין דאַכאַו איז מען לאַנג נישט געווען, בלויז עטלעכע טעג. פונדאַנען האָט מען אונדז איבערגעפירט אין אַ קליינעם לאַגער אין מילדאָרף. אין פאַרגלייך מיט אוישוויץ, איז דאָ געווען פאַר אונדז אַ פּענסיאָנאַט. אויך דאָ איז מיר אויסגעקומען צו זיין בערך אַ יאָר, ביז דער באַפרייאונג דורך די אַמעריקאַנער.

נאָך דער באַפרייאונג האָב איך זיך געטראָפן אין דייטשלאַנד מיט עטלעכע לעבנגעבליבענע קוטנער יידן. אין אולם האָבן מיר אין יאָר 1945 אַדורכגעפירט אַ יזכור־אָוונט צום אָנדענק פון די אומגעבראַכטע יידן אין אונדזער שטאָט...

מיינע איבערלעבונגען אין די לאגערן

בערל באַלזאַמאָוויטש
מאָנטרעאָל (קאַנאַדע)

...בלויז עטלעכע שעה האָט מען געגעבן דער יידישער באַפעלקערונג אין קוטנע צו פאַרלאָזן די ביז איצטיקע וווינערטער און זיך איבערטראָגן אין געטאָ קאָנסטאַנציע — די האַלב־חרובע צוקער־פאַבריק מיט עטלעכע אַלטע בנינים, ווו ס׳האָבן זיך באַדאַרפט איינאָרדענען אַזוי פיל יידן. פון יענעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיין לעבן פון פּיין און וואַנדער, ווי דאָס לעבן פון אַ גאַנצער עדה יידן פון מיין היימשטאָט.

דער קליינער שטח פון געטאָ האָט באַלד געשאַפן האַרבע פּראָבלעמען פון איינאָרדענונג און היגיענע. יעדעס ווינקעלע און דורכגענג זענען פאַרנומען געוואָרן, אָבער הונדערטער זענען געבליבן אין דרויסן, אונטערן פרייען הימל.

דאָס געטאָ איז געוואָרן אַרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט און געווען שטרענג באַוואַכט דורך פּאָליציי. פאַרלאָזן דעם אָפּגעצוימטן שטח האָט מען נישט געטאָרט. צוליב די שווערע סאַניטאַרע באַדינגונגען, האָבן אין געטאָ געבושעוועט קראַנקייטן און עפּידעמיעס און דער כסדרדיקער הונגער האָט פאַרגרעסערט די דעמאָראַליזאַציע.

פון דעסטוועגן האָט מען אויך אין יענע פינצטערע טעג נישט אַראָפּגעלאָזט אין גאַנצן די הענט. באַזונדערס האָט די יוגנט אַלץ געטאָן, כדי באַנייען אַ געוויסע קולטור־טעטיקייט. אין די אָוונטן האָט מען געהערט זינגען לידער, דער עיקר פון אייגענער פאַרפאַסונג, וועלכע האָבן געשילדערט דעם טרויעריקן היינט און אָנגעזאָגט אַ בעסערן מאָרגן. מ׳האָט אַ סך געטאָן כדי אַנטקעגנצווווירקן דער הערשנדיקער שטימונג. די ברידער קירשבוים האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו ענדערן די לאַגע.

ביזן היינטיקן טאָג איז מיר שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי כ׳האָב פאַרלאָזט דאָס געטאָ. איך געדענק בלויז, אַז אַן אַלטער מאַן, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ בעטלער, האָט מיר איין מאָל געגעבן דעם אַדרעס פון אַן אוקראַינער פאַמיליע, כוטשקאָ, אין דאָרף גנוינע, 3 קילאָמעטער ווייט פון קאָנסטאַנציע. איך האָב אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען דער פּאָליציאַנט ביים געטאָטויער האָט געשמועסט מיט אַ מיידל — און כ׳בין שוין געווען אויף יענער זייט.

די פאַמיליע כוטשקאָ האָט מיך זייער גוט באַהאַנדלט. אין פאַרלויף פון זעקס וואָכן האָב איך זיי געגנייט מלבושים. אמת, זיי האָבן מיר נישט געצאָלט — און איך וואָלט נישט גענומען קיין געלט, אַפילו ווען זיי לייגן פאָר. כ׳בין געווען פאַרזיכערט מיט אַ היים, אַ גוט געלעגער, עסן צו דער זעט און אַ מענטש־

לעכע באַהאַנדלונג. אַנטקעגן דעם געטאָ וועלכן כ׳האָב פאַרלאָזט, האָט דער מקלט אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ גן־עדן. לײדער, האָט דער גן־עדן זיך געמוזט ענדיקן. די אָפטע רעוויזיעס און זוכענישן נאָך יידן האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה אויך אויף די כוטשקאָס — און כ׳האָב געמוזט פון זיי אַוועק.

איך בין אָנגעקומען אין שטעטל קלאַדאָווע, ווו ס׳האָט געוווינט מיין פעטער וו. באַלזאַמאָוויטש, מיין טאַטנס אַ ברודער. אַ נאַכט פריער האָב איך גענעכטיקט אין קרושעוויץ, ביי דער פאַמיליע מילאָשערני. אין קלאַדאָווע איז נאָך נישט געווען קיין געטאָ, יידן האָבן זיך געקענט באַוועגן פריי איבער דער גאַנצער שטאָט, נאָר געמוזט טראָגן געלע לאַטעס. ס׳האָט ווידער נישט געדויערט קיין סך צייט — און בעת אַן אָבלאַווע אין שטעטל, האָט מען מיך געכאַפּט און מיט אַ גרעסערן טראַנספּאָרט אַוועקגעפירט אין דער שטאָט קויל (קאָלאָ). נאָך אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג, זענען מיר אָפּגעשיקט געוואָרן קיין בוכוועלדער־פאָרס, ביי נוי־טאָמישעל, אין דייטשלאַנד. איידער כ׳בין אַהין אָנגעקומען, האָב איך נאָך געהערט די לעצטע גרוסן פון קוטנער געטאָ: די יידן גייען דאָרט אויס פון הונגער, שמוץ און קראַנקייטן. און דאָס דאָזיקע בילד האָט מיך באַגלייט אויפן גאַנצן וועג פון מיין נסיעה קיין וויזענבורג, אַלס געכאַפּטער שקלאַפן־אַרבעטער.

אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסענדיקן אין און אַרום וויזענבורג די אויטאָסטראַדע. הגם דאָס איז געווען אַ קאַטאָרגע, האָט דאָס פאַרהעלטנישמעסיק גוטע עסן און די נישט־שלעכטע באַהאַנדלונג פון ציווילע דייטשן, אונדזערע אויפזעער, געשאַפן די אילוזיע, אַז אויב ס׳וועט אַזוי ווייטער גיין, וועט מען ווי ס׳איז אַדורכשטופּן די מלחמה... אַז די אויטאָסטראַדע איז פאַרענדיקט געוואָרן, זענען מיר אָפּגעשיקט געוואָרן אין נוי־קיסטרין, ווו מיר האָבן געטראָפן טויזנטער געפאַנגענע אויך פון אַנדערע פעלקער. דאָס עסן דאָ איז געווען זייער שלעכט און אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אויסגעקליבן די יידן און זיי אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ.

אָנקומענדיק אין דעם גהינום, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ביז איצט זענען מיר געווען פּריווילעגירטע געפאַנגענע, אַנטקעגן דעם, וואָס מיר האָבן געזען און באַוויזן זיך אָנצוהערן וועגן די גרוילטאַטן אין אוישוויץ. אָנשטאָט ציווילע דייטשן — ס.ס.־מערדער מיט סאַדיסטישע און ברוטאַלע נייגונגען, אונדזערע פּריוואַטע קליידער זענען דאָרט פאַרטוישט געוואָרן אויף די לאַגער־מונדירן אין פּאַסן; אויף יעדנס אָרעם האָט מען אויסטאַטואירט אַ נומער. אונדזערע נעמען זענען פאַרביטן געוואָרן אויף נומערן.

אין אוישוויץ האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט קוטנער לאַנדסלייט: אייזיק ראָזענבלום, דאַוויצקי און זרח קירשבוים. וואָס מיט זיי איז געשען ווייס איך נישט.

אין אוישוויץ האָט אויסער טעראָר און דער פּערספּעקטיוו פון אומקומען אין דער גאַז־קאַמער, געהערשט אויך אַ כסדרדיקער הונגער. מיר האָט אָפּגעגליקט און כ׳בין צוגעטיילט געוואָרן אין איינעם פון די שניידער־וואַרשטאַטן. די אַרבעט איז נישט געווען קיין צו שווערע — נאָר די פרייד האָט לאַנג נישט געדויערט. אַ געוויסן טאָג האָט מען בעת אַ סעלעקציע אויסגעקליבן 300 מאַן און זיי איבערגעפירט אין בלאָק נומער 2, פונוואַנען ס׳האָט געפירט דער וועג גלייך אין קרעמאַטאָריע. איך בין געווען צווישן די פאַרמשפּטע און קיינער פון אונדז האָט נישט געגלייבט, אַז מע וועט נאָך זיין צווישן די לעבעדיקע. פון דעסטוועגן האָט מען אונדז נאָך עטלעכע טעג צוריק געשיקט אין וואַרשטאַט. אַ געפיל האָבן מיר געהאַט, גלייך מ׳וואָלט צוריק געקומען פון יענער וועלט...

אַן ענלעכן פאַל האָב איך געהאַט שפּעטער, ווען כ׳בין צוליב אָפּגעשוואַכטקייט אַוועקגעשיקט געוואָרן אין שפּיטאָל. בעת אַ סעלעקציע פון די קראַנקע, בין איך געשטאַנען דער לעצטער אין דער ריי. ווייזט אויס, אַז די מערדער האָבן שוין געהאַט אַ פולע „נאָרמע״ פאַר דער גאַז־קאַמער — און די עטלעכע קראַנקע פון דער לעצטער ריי זענען געבליבן.

ווען די ערשטע באָמבעס זענען געפאַלן איבער אוישוויץ און די דייטשן האָבן שוין דערשפּירט זייער בראָך, האָט מען אונדז אַוועקגעפירט קיין בוכענוואַלד און פון דאָרט קיין רעמסדאָרף. דאָס אָרט איז געווען שטאַרק צעקלאַפּט פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער אַוויאַציע. האָט מען טויזנטער געפאַנגענע באַפוילן ווייטער מאַרשירן צופוס — קיין טערעזיענשטאַט, ווו מיר האָבן זיך דערוואַרט אויפן טאָג פון דער באַפרייאונג. די ס.ס.־לייט זענען מיט אַמאָל פאַרשוווּנדן — און אויף זייערע ערטער זענען דערשינען אונדזערע באַפרייער...

אין קאנסטאנציע, גאמבין, פלאצק, סטשעגאוו

לוציא סטוטשינסקא*

בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע בין איך געווען אין קוטנע, אינעם יידן־לאַגער קאָנסטאַנציע, אין גאָמבין, פּלאָצק און סטזשעגאָוו. די ווייטערדיקע שילדערונג שטיצט זיך אויף פּערזענלעכע איבערלעבונגען.

שווערע צייטן האָבן איבערגעלעבט קוטנער יידן ביזן אויפשטעלן דעם לאַגער קאָנסטאַנציע. נאָר אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מ׳האָט איבערגעלעבט אין קאָנסטאַנציע גופא — איז עס געווען ממש אַ גאָרנישט. מיר, ווי איינע פון די געציילטע, וועלכע האָבן דערלעבט דעם היינטיקן טאָג, איז געגעבן געוואָרן צו דערפילן דעם פאַרלאַנג פון מאַסן יידן, וועלכע האָבן געוואָלט בלייבן לעבן, זיי זאָלן כאָטש טיילוויז קענען דערציילן דאָס. וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט.

ווינטער 1939/40 האָבן די יידן געלעבט מיט דער כסדרדיקער מורא פון אויסזידלען. מיט פאַרפאַקטע רוקזעק, האָט מען אויסגעקוקט דעם פרילינג ווי אַ רעטונג, האַלטנדיק, אַז אַ גירוש אין פרילינג וועט זיין לייכטער צוליבן טראַנספּאָרט און מיטן באַזעצן זיך אויפן נייעם אָרט; און די מאַמעס וועלן כאָטש טיילווייז אויסמיידן אַזעלכע טראַגעדיעס ווי עס האָבן איבערגעלעבט די מוטערס פון פּאָמערן (פּאָמאָזשע), וועלכע האָבן די פאַרפרוירענע קערפּערלעך פון זייערע קינדער געמוזט אַרויסוואַרפן פון די אָפענע קוילן־וואַגאָנען, אין וועלכע מ׳האָט זיי געפירט עטלעכע טעג, אָן אַ טראָפּן וואַרעם וואַסער, אין יענע שרעקלעכע פרעסט פונעם ערשטן מלחמה־ווינטער. אַזאַ בילד

* געוועזענע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידערין פון דער קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל. געשטאָרבן אין תל־אביב, אין יאָר 1961. (געב׳ 15.2.1926). אירע איבערלעבונגען האָט זי פאַרציילט פאַר דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין וואַרשע (אַקט 016/8). איבערגעזעצט פון פּויליש.

האָב איך אַליין געזען אויפן וואָקזאַל אין קוטנע. איינער פון די באַן־פּאָליציי (באַנהאָף־שופּאָ), דערזעענדיק אַ פּעקעלע, האָט עס שנעל אויפגעוויקלט און פון דאָרט איז אַרויסגעפאַלן אַ טויט קינד פון עטלעכע וואָכן, מיט אַ צעטל „בעלאַ מאָשקאָוויטש, בידגאָשטש״. ווייזט אויס, אַז דער טראַנספּאָרט איז געווען פון בידגאָשטש און די וואַגאָנען זענען אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען אויפן וואָקזאַל. די פראָסט האָט געקנאַקט און מ׳האָט די אומגליקלעכע גאָרנישט געטאָרט דערלאַנגען...

פרילינג האָט מען אויך דערוואָרט פּאָליטישע ענדערונגען, מענטשן האָבן געגלייבט אין דער שנעלער הילף פון ענגלאַנד און אַמעריקע. נאָר אויסער נייע צרות און אַנטוישונגען, האָט דער פרילינג גאָרנישט געבראַכט מיט זיך. דערפאַר אָבער זענען אין פרילינג באַרימט געוואָרן דריי נייע הענקערס: אַ יונגער געסטאַפּאָוויעץ האָפּמאַן, גערופן „שוואַרצער גענעק״, וועלכער איז געווען אַ ספּעציאַליסט צו רויבן און צו פּייניקן יונגע מיידלעך. ער האָט זיי אויסגעטאָן אדם־נאַקעט און מוראדיק געשלאָגן. דער צווייטער איז געווען אַן ס.ס.־מאַן מיטן צונאָמען „געלער״. ער איז געווען אַ מומחה צו שלאָגן מענער. ער איז מיר באַזונדערס געבליבן אין זכרון צוליב אַ פּערזענלעכער איבערלעבונג. איין מאָל, בעת אַ „לאַפּאַנקע״ צו אַרבעט, האָט ער גראָד ביי אונדזער הויז געוואָלט כאַפּן מיין פאָטער צו דער אַרבעט, וועלכער האָט געהאַט אַ באַפרייאונגס־שיין פון עלטעסטן־ראָט אַלס איינציקער קצב, וואָס האָט געפירט זיין געשעפט און דערפאַר געווען באַפרייט פון צוואַנגס־אַרבעט. נישט געקוקט אויפן פּאַפּיר און אויפקלערונגען, האָט דער „געלער״ נישט נאָכגעגעבן און דערלאַנגט אַ זעץ מיין פאָטער, וועלכער האָט אים באַלד צוריק געגעבן און אַריינגעלאָפן אין הויז. דער „געלער״ האָט זיך געלאָזט נאָך אים און ס׳איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג, וואָס וואָלט זיך פאַרענדיקט זייער טראַגיש. איך, דערהערנדיק געשרייען, בין אַראָפּגעלאָפן אונטן און אַריין אין דער מיט, ווילנדיק באַשיצן מיין פאָטער, ווייל דער „געלער״ האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שטילעט. אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען מיין מוטער. דערהערנדיק געשרייען, איז זי אַריינגעלאָפן אין הויז און מיט אויסערגעוויינלעכער פלינקייט אַרויסגעריסן דעם שטילעט און זיך געלאָזט מיט אים לויפן אין דער פּאָליציי. דער „געלער״ דאַקעגן איז אַוועק אין דער געסטאַפּאָ און באַלד זענען זיי אָנגעקומען מיט צוויי אויטאָס. דעם טאַטן האָבן זיי נישט גענומען, ער האָט באַוויזן צו אַנטלויפן, נאָר די מאַמען — יאָ. זי האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון דער פּאָליציי, ווו מ׳האָט זי דווקא אויפגענומען זייער געמיטלעך, צוגענומען דעם שטילעט און איר דערקלערט:

— יאָ, וויר פערשטייען, אַבער יודען האַבען קיינע רעכט...

איצט האָט די געסטאַפּאָ פאַרהאַלטן מיין מוטער און מיט אַן אייזערנער שטאַבע זי מוראדיק געשלאָגן. נאָך מיינע גרויסע באַמיאונגען, האָט מען זי באַפרייט, נאָר אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. זי האָט געשפּיגן מיט בלוט, דער רוקן איז געווען שוואַרץ. דאָס איז נאָך אַלץ געווען ווייניק דעם „געלן״ באַנדיט. מיט דער הילף פון אַ דריטן באַרימטן באַנדיט, סטומפּפער מיכאַל, שטורמפירער און געסטאַפּאָ־שעף פאַרן קוטנער פּאָוויאַט, איז ער צוגעקומען צו אונדזער וווינונג און צוגענומען דאָס באַוועגלעכע פאַרמעגן. איינס האָב איך נישט געלאָזט אַוועקפירן, ווען ער האָט געוואָלט צונעמען דאָס בעטגעוואַנט פון דער נאָך קראַנקער מוטער. כ׳האָב זיך אַקעגנגעשטעלט און אין אויפרעגונג געזאָגט אַלץ וואָס איך האָב געטראַכט וועגן די דייטשן, אונטערשטרייכנדיק, אַז זיי זענען אַ פאָלק פון רויבערס און באַנדיטן. ער האָט מיך געלאָזט אַלץ אויסריידן, נאָר זיך צוגעקוקט. נאָך די ווערטער, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן צופיל אמת, איז ער צו מיר צוגעשפּרונגען... אַלע אין שטוב זענען פאַרשטאַרט געוואָרן פאַר שרעק. די יידן, וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן דאָס מעבל, וויסנדיק וועגן דעם דייטשס באַנדיטישקייט, האָבן זיך אַרויסגעשאַרט אין פאָדערהויז. זיי זענען געווען זיכער, אַז ער וועט מיך אומברענגען. איך ווייס נישט וואָס אים האָט אָפּגעהאַלטן, ר׳האָט מיר בלויז דערלאַנגט אַ זעץ אין פּנים און אַ געשריי געגעבן:

— דיעזע יודין איזט פרעך...

כ׳האָב געהאַט מזל. אַז די מיטגלידער פון יודענראַט האָבן געהערט פון דעם פאַל, זענען זיי געווען דערשטוינט, אַז דער טיפּישער „יודענפרעסער״ האָט מיך נישט דערהרגעט אויפן אָרט.

זיי האָבן געזוכט מיין פאָטער — נאָר אָן דערפאָלג. ער איז געווען גוט באַהאַלטן און פון אונדז האָבן זיי גאָרנישט אַרויסבאַקומען.



די פאַמיליע פּלאָטקין אין געטאָ קאָנסטאַנציע
משפחת פלוטקין בגיטו קונסטנציה

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג. מען האָט אויסגעקליבן די רייכערע יידן, אַריינגעזעצט אין דער „טיטאָניוווקע״ און שלאָגנדיק, האָט מען זיי אויסגעטאָן נאַקעט און גענוי רעווידירט, צונעמענדיק די ווערטפולע זאַכן. דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן ביזן אויסזידלען קיין קאָנסטאַנציע.

וועגן אויפשטעלן אַ געטאָ אין קאָנסטאַנציע האָבן קורסירט קלאַנגען, נאָר קיינער האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז אין אַן אַלטער, פאַרלאָזענער פאַבריק און אין פינף וווין־הייזער, וועט מען אַריינשטופּן זיבן טויזנט מענטשן. דאָס האָט זיך פשוט נישט געלייגט אויפן שכל. נאָר דער גרויזאַמער בירגערמייסטער שירמאַן האָט אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה אַלעמען איבערצייגט אין דעם שוידערלעכן אמת.

זונטיק, דעם 16טן יוני 1940, האָבן די יידן באַקומען אַ באַפעל תיכף צו פאַרלאָזן זייערע דירות און זיך אַריבערטראָגן קיין קאָנסטאַנציע. די פעיקסטע פעדער פון אַ דיכטער אָדער שרייבער וואָלט נישט געווען מסוגל צו שילדערן יענעם טאָג. אַן אומפאַרגעסלעכער טאָג. פאַרצווייפלטע און פאַרלאָזטע מענטשן, האָבן זיך געשלעפּט אין דער באַגלייטונג פון ס.א., געסטאַפּאָ, שופּאָ און אַנדערע באַנדיטן. אַ מאַסע מענטשן, וועמען מ׳האָט נישט געקאָרגט קיין קלעפּ. וועגעלעך מיט רעשטלעך יידיש האָב־און־גוטס האָבן זיך געשלעפּט איבער די גאַסן; געשרייען

פון קינדער; אַ געיאָמער און אַ הילפלאָז פאַרברעכן די הענט פון די פרויען; זעק און פאַרשידענע פעק האָט מען געטראָגן אויף די פלייצעס: דאָ — טעפּ, דאָרט — אַ צעבראָכענע שטול, אַ בעט צי אַן אַנדערע זאַך. און דאָס אומאויפהערלעכע געשריי פון די דייטשע רוצחים. דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. דער וואָס האָט דאָס נישט געזען, איז נישט אימשטאַנד דאָס זיך פאָרצושטעלן, אַפילו מיט דער רייכסטער פאַנטאַזיע.

דאָס ערגסטע האָט זיך אָבער אָפּגעשפּילט ביים מאַגיסטראַט, ווו מ'האָט געטיילט פורן. מ'האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די ברעטער, אָפּגעהאַלטן די פערד, קעגנזייטיק זיך געזידלט — יעדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער. מע האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר דער וואָס וועט פריער אָנקומען קיין קאָנסטאַנציע, וועט נאָך האָבן אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. און אַזוי איז טאַקע געוועזן. אַן אָרט אויף אַריינצושטעלן אַ בעטל, האָט מען זיך אויסגעקעמפט מיט כוח, אָדער דער וואָס איז טאַקע געווען דער ערשטער. דער יודענראַט האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע צוויי הייזער, וואָס איינס איז באַשטימט געוואָרן אַלס שפּיטאָל און אַמטן, און דאָס צווייטע האָבן באַקומען די מיטגלידער פון עלטעסטן־ראַט. די באַאַמטע און אויך די וואָס האָבן גוט באַצאָלט, האָבן אויך געקענט זיך דאָרט אַריינבאַקומען. דערפאַר האָבן די בונדיסטן אַ נאָמען געגעבן דאָס הויז „לאָרדן־הויז". די קאָרידאָרן, ביידעמער און קעלערס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך פאַרשידענע מענטשן.

וואָס פאַראַ טרויעריק בילד האָט קאָנסטאַנציע מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם ערשטן אָוונט. די שטאַרקסטע האָבן געוויינט. 95 פּראָצענט זענען געווען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. די הונגעריקע קינדער זענען נאָך די איבערלעבונגען פון יענעם טראַגישן טאָג, איינגעשלאָפן אויף די פּעק, אונטערן פרייען הימל. לעבן זיי האָבן מאַמעס, אין פאַרשידענע פּאָזעס, געפּרעפּלט אַ תפילה, געקרעכצט פון ווייטיק, אָדער הילפלאָז געקוקט אויף זייערע מענער. אויך די מענער האָבן פאַרשידנאַרטיק רעאַגירט — מיט שטומער צי אַרויסגעזאָגטער פאַרצווייפלונג. מ'האָט געהערט קללות, אָדער ווערטער „ווען ס'וועט קומען דער טאָג פון באַצאָלונג..." טייל האָבן געביילט די פויסטן, אַנדערע האָבן זיך אויפגעפירט ווי פרויען. אין די אויגן פון אייניקע האָט מען געזען אַ פעסטן באַשלוס — און דאָס פאַרקלעמטע מויל האָט דאָס וואָרשיינלעך באַשטעטיקט. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווי די בליקן זאָגן: מיר ליידן טאַקע, נאָר מע דאַרף זיך אַרויסהעלפן; אין די טראַגישע באַדינגונגען מוזן מיר קענען לעבן. דער ווילן איבערצולעבן האָט געהאַט אַזאַ כוח, אַז די רעזולטאַטן פון די פאַרשידענע מחשבות האָבן זיך געלאָזט זען באַלד צו מאָרגנס...

אין קאָנסטאַנציע האָט זיך גערודערט ווי אין אַ בינשטאָק. די מער ענערגישע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב ס'איז אַ גזירה דאָ צו לעבן, מוז מען זיך פאַרלייכטערן. אייניקע האָבן אָנגעהויבן צונויפשטעלן געצעלטן, אַנדערע ווידער האָבן אָנגעהויבן באַזייטיקן דאָס ברוכוואַרג פון דער פאַבריק, ווילנדיק אָוועקשטעלן אַ בעט. ווייל אַ בעט אין געטאָ איז געווען דאָס נייטיקסטע מעבל. אויפן בעט איז מען געשלאָפן, געגעסן, געזעסן, זיך אָנגעטאָן. אונטערן בעט האָט מען געהאַלטן דאָס געפּעס, זאַכן, שפּייז און אַנדערע נייטיקע קעגנשטאַנדן. גאָר אַנדערע האָבן צונויפגעקליבן ציגל, ווייל פון ציגל און ליים האָט מען געקענט צונויפשטעלן אַ וווינונג. מ'האָט צוגעגעבן מוט די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע איניציאַטיוו.

באַלד דעם ערשטן טאָג האָט מען אַרויסגעפירט עטלעכע טויטע, וואָס זענען געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. טרויעריק איז געווען מיט וואַסער און קלאָזעטן. איין ברונעם און דריי קלאָזעטן אויף זיבן טויזנט איינוווינער. נאָך אַ טעפּל וואַסער איז מען אָפּגעשטאַנען אין דער ריי ביז אין אָוונט. ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אויפגעשטעלט עטלעכע אָפענע קלאָזעטן פאַר מענער און פרויען, אָן אַן אָפּצאָל.

אין געטאָ האָט זיך איינגעשטעלט אַ לעבן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער האַנדל. אַלץ איז געווען צו באַקומען, מ'האָט נאָר באַדאַרפט האָבן געלט. און דער וואָס האָט נישט געהאַט, האָט געמוזט אָנקומען צו דער קיך, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם יודענראַט.

דער אומלעגאַלער האַנדל האָט זיך אַנטוויקלט אַ דאַנק „לאַפּוווקע", וועלכע ס'האָבן גענומען די וואַכלייט, וועלכע מען האָט גערופן „באָלעקס", דורך דער פאַרמיטלונג פון די יידן, וועלכע מ'האָט גערופן „בראַמקאַזשעס" („טויערלייט"). פון די זיך צעפאַלנדיקע חזיר־שטאַלן האָט מען איינגעאָרדנט צוקערניעס. מענטשן זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט. געווען אַזעלכע וועלכע האָבן געהאַט וואָס צו עסן, נאָר דער גרעסטער טייל האָט צו די שווערע באַדינגונגען נאָך געליטן הונגער. צוויי אָדער דריי מאָל האָט קאָנסטאַנציע באַקומען פון „דזשאָינט" הילף — קאָנדענסירטע מילך און שמאַלץ. די מילך האָט מען געגעבן פאַר די קינדער, דאָס שמאַלץ איז צוגעטיילט געוואָרן דער קיך. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט דאָס לעבן אין געטאָ זיך נאָרמאַליזירט.

די יידישע יוגנט האָט זיך פאַרטיילט אויף צוויי גרופּעס. איינע איז באַשטאַנען פון בונדיסטן און זייערע אָנהענגער, דער עיקר פון די אַרבעטער־קרייזן; די צווייטע — פון דער פריער שטודירנדיקער און זיך לערנענדיקער יוגנט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט קולטורעלע פאַרוויילונגען. אַ מאָדנע זאַך, אַז טראָץ דער אַלגעמיינער אויסגלייכונג, האָט די יוגנט געשאַפן צוויי מחנות און די אונטערשידן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן, מערער ווי פאַר דער מלחמה. בעת אינעם איינגעאָרדנטן קלוב („שוויעטליצע") אין דעם טונעל פון דער פאַבריק, זענען מיר זיך צונויפגעקומען, כדי צו לייענען ביכער, רעציטירן, פירן געשפּרעכן, דיסקוסיעס אאַז"וו — האָט די בונדישע יוגנט אויפן בערגל אין קאָנסטאַנציע, איינגעאָרדנט אַ „לעבעדיקן ראַדיאָ", קריטיקירט און אויפגעוויזן די פעלערן פון יודענראַט אין ליד, רעציטאַציע, וויצן, דערציילונגען און פאָרגעשטעלט ערשטקלאַסיקע איינאַקטערס אויף דער טעמע „דאָס לעבן אין געטאָ". זייערע אויפטריטן האָט מען אָנגערופן קאָנצערטן און זענען גערן באַזוכט געוואָרן דורך די יידן.

יעדער האָט געמוזט טראָגן די „לאַטע". אויסער די מיטגלידער פון עלטעסטן־ראַט, האָבן די לאַטע געטראָגן די יידישע פּאָליציי, די באַאַמטע, די סאַניטאַרן און אַפילו די קוכערס פון דער ביליקער קיך. סוף זומער האָט מען אָנגעהויבן בויען אַ שול און יתומים־הויז. מיר האָבן צוגעשטעלט בוי־מאַטעריאַל און דער „בונד" האָט באַדאַרפט בויען. פון איצט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די צוזאַמענאַרבעט.

די שול איז אויפגעבויט געוואָרן, נאָר מ'האָט זי נישט אויסגענוצט פאַרן צוועק פאַר וועלכן זי איז געווען באַשטימט. אין די האַרבסט־חדשים איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע טיפוס־עפּידעמיע. די שול־געביידע האָט מען צוגענומען פאַר די קראַנקע, ווייל יענץ שפּיטאָל איז נישט געווען גענוג. דאָס געטאָ איז פאַרמאַכט געוואָרן, מ'האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט און נישט אַרויסגעלאָזט. דער האַנדל האָט זיך אָפּגעשטעלט. די דייטשע מאַכט האָט צוגעשטעלט נאָר ברויט. פלייש און פעטקייטן האָבן אומלעגאַל צוגעשטעלט אין געטאָ מיין מוטער עוואַ סטוטשינסקאַ און דער פּאָליאַק זענאָן זשימאָווסקי. מיין מוטער איז אַלס „אַריער" געזעסן אויפן דאָרף. ביינאַכט האָבן זיי, נאָכן איבערקויפן די „שופּאָ", געליפערט אין געטאָ די סחורה דורך די דראָטן.

עס איז געוואָרן אַלץ ערגער. דער ווינטער האָט אַלעמען מייאש געווען. די עפּידעמיע האָט יעדן טאָג אַוועקגעריסן עטלעכע קרבנות. עס האָט געהערשט הונגער, קעלט, ענגשאַפט. אַלע פון

די געצעלטן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין דער פאַבריקס־געביידע, ווו ס'איז אַזוי אויך געווען ענג. אין די בלאָקן, אָן סופיטן, דריי שטאָק די הייך, ווו ס'האָט פריי געהוליעט דער ווינט מיטן שניי, האָבן מענטשן געפרירט. אַלץ אָפטער האָט מען געהערט: „דער האָט שוין געל הינטער די אויערן...״ ד. ה., אַז אַ ליאַדע טאָג וועט ער פון דערשעפּונג זיך איבערטראָגן אויף יענער וועלט. אונדזער יוגנט האָט איינגעאָרדנט אַ שפּיטאָל־קיך, אַז די קראַנקע זאָלן נישט ליידן קיין הונגער. דאָ האָבן פיל ענערגיע אַרויסגעוויזן די מיידלעך. זיי האָבן צווישן יידן געקליבן געלט. פּראָוויאַנט האָט צוגעשטעלט מיין מוטער, ווייל ביזן קראַנק ווערן, האָב איך אָנגעפירט מיט דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג. אַנדערע מיידלעך האָבן געקאָכט אָדער געוואַשן. אויסער דעם האָבן מ'ר געהאַט דיזשורן אין שפּיטאָל. אין פרילינג האָט די עפּידעמיע, צוליב פאַרשידענע טעמים, נאָך מער געווילדעוועט. יעדער האָט געזען דעם טויט פאַר די אויגן.

געווען פאַלן, אַז מענטשן זענען אַראָפּ פון זינען, צי אַן אַנדערער שגעון איז זיי באַפאַלן. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד וואָס כ'האָב געזען: אַ פרוי, אַ גייענדיקער מת, שרעקלעך פאַרלייזיקט, איז אַריינגעלאָפן אינעם „לאָרדן־הויז״ און זיך געוואָרפן אויף די געלעגערס אין עטלעכע רייכע דירות, אָדער אַרומגעכאַפּט מענטשן, אָפּטרייסלענדיק פון זיך די לייז אויף זיי און דערביי געלאַכט, געוויינט און געקרעכצט, ווינטשנדיק אַלעמען אַזאַ טויט וואָס איר דערוואַרט — פון שמוץ און פון הונגער. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זי באַקומען קאָנוווּלסיע־קראַמפּן און טרייסלענדיק זיך פון ווייטיק, איז זי אויסגעגאַנגען אויף די טרעפּ פון „לאָרדן־הויז״.

דער־הונגער־טויט אויף די גאַסן, דאָס איבערטראָגן קראַנקע און טויטע אויף בעטלעך — איז געווען אַן אָפּטע דערשיינונג. די שטענדיקע טעמעס זענען געווען: דער איז געשטאָרבן, יענער איז קראַנק...

אין מאַי 1941 האָט עמעץ פאַרמסרט מיין פעטער, לעאָן סטוטשינסקי, מיט זיינע שותפים, אַז זיי ליפערן שפּייז אין געטאָ. זיי אַלע האָט מען געכאַפּט אויפן דאָרף און איינגעזעצט. מיין מוטער איז געלונגען צו אַנטלויפן קיין גאָמבין. די אַרעסטירטע האָט מען אַוועקגעשיקט קיין וולאָצלאַוועק און דאָרט אויפגעהאָנגען. דאָס געטאָ האָט אויפגעהערט צו באַקומען פּעטקייטן. פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע געוואָרן טראַגישער. אין אַזעלכע באַדינגונגען, איז אוממעגלעך געווען צו לעבן, און אין יוני 1941 זענען מיר, איינשטעלנדיק דאָס לעבן, אַנטלאָפן צו דער מאַמען קיין גאָמבין. מיר זענען אַוודאי געווען די ערשטע, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דעם גהינום.


מיר האָבן געוווינט אין גאָמבין און אַ דאַנק דעם וואָס כ'האָב געאַרבעט אויף דער פּאָסט, האָבן מיר געשיקט פּעקלעך פאַר די נאָענטסטע — ווייל מיטן שיקן איז געווען זייער שווער. שפּעטער האָט אויך דאָס אַלץ אויפגעהערט.

פון קאָנסטאַנציע זענען אָנגעקומען אַלץ מער פאַרצווייפלטע ידיעות. ווינטער 1942, אַ צוויי וואָכן פאַר דער אַקציע, זענען מיר פון גאָמבין אַריינגעפאָרן קיין סטשעגאָוו און דאָרט זיך באַזעצט אַלס „אַריער״: פינף קינדער אין עלטער פון 4 ביז 16 יאָר און די מאַמע. דער פאָטער, צוליב זיין שלעכטן פוילישאַקצענט, האָט געמוזט בלייבן אין געטאָ.

די אַקציע אין סטשעגאָווער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַכט חדשים שפּעטער. מ'האָט געוואָלט געווונען צייט. גלייך אין אָנהייב פון אונדזער באַזעצן זיך אין סטשעגאָוו, איז מיין מאַמע אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, מ'האָט זי פאַרשפּאַרט אין דער פּלאָצקער תפיסה, פאַרן איבערפירן אויסבאַהאַלטענע יידן פון גאָמבין און גאָסטינין קיין סטשעגאָוו און מלאַווע. אויסגעגעבן האָט זי קאַזשימיעזש באַנאַשיאַק פון פּלאָצק, אַ שאָפער, וועלכער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג. דריי מאָל בין איך געווען אין דער געסטאַפּאָ אין פּלאָצק. מע האָט מיך אויך אַוועקגעפירט אין געטאָ, זען צי געוויסע יידן דערקענען מיך. טראָץ די פייניקונגען, האָבן זיי גאָרנישט אַרויסבאַקומען. אין זייערע אויגן זענען מיר פאַרבליבן „אַריער״. מיך האָט מען באַפרייט, כ'זאָל זיך פאַרנעמען מיט די קינדער. כ'בין דעמאָלט אַלט געווען 16 יאָר און פאַרמאָגט גענוג חוצפּה צו ווענדן זיך צום שעף פון דער געסטאַפּאָ און אויספּועלן אַ דערלויבעניש צו זען זיך איין מאָל אין וואָך מיט דער מוטער אין אויספאָרשונגסאַרעסט, הגם צו אַרעסטירטע אין דער אויספאָרשונג האָט מען קיינעם נישט צוגעלאָזט פון דרויסן.

שווער געווען צו האָבן אַ מאַמען אין תפיסה, אַ טאַטן אין געטאָ און אַליין שפּילן די ראָל פון אַן אַריערין און אויסהאַלטן פיר קליינע קינדער, דערינטער איין יינגל. עס איז געלונגען. געווען אָבער מאָמענטן, אַז כ'האָב אויפגעהערט גלייבן אין דעם, צי כ'וועל ווייטער מצליח זיין זיך אַדורכצודרייען. דאָס איז געווען אַ שווערע ראָל פאַר אַ 16־יאָריק מיידל.



די צוקער־פאַבריק קאָנסטאַנציע • בית־חרושת לסוכר קונסטנציה

מיין מוטער האָט מען אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ. מיר האָבן אָנגעהאַלטן בלויז אַ בריוולעכן קאָנטאַקט. אויף מיין בקשה צו באַפרייען זי, האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז מ'וועט מיר, אַן אַריערין, קיין מאָל נישט מוחל זיין פאַרן העלפן יידן. נעמען מיך און באַפרייען די מאַמען — האָבן זיי אויך נישט געוואָלט. מיטן פאָטער האָב איך געהאַט אַ קאָנטאַקט ביז דעם לעצטן מאָמענט; כ'האָב אים צוגעשטעלט אַלץ וואָס ער האָט באַדאַרפט. געשיצט אים קעגן אויסזידלונגען, צוויי מאָל האָט מען אים אַראָפּגענומען פון אויטאָ: איין מאָל, מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, מיט דער לאַטע אויפן רוקן, האָב איך געשפּילט די ראָל פון אַ באַוועלהטער פרוי, ווייל נישט ווייט זענען געשטאַנען די דייטשן, וועלכע האָבן מיך געקענט אַלס אַריערין. כדי מ'זאָל מיך נישט דערקענען, האָב איך געגעבן אין האַנט אַריין דעם לייטער פונעם טראַנספּאָרט; אַ צווייט מאָל, ווען געלט האָט נישט געהאָלפן, האָב איך פאַרן קאַפּיטאַן געשפּילט די ראָל פון אַן אויפגערעגטער דייטשקע, וועמענס מאַן איז אויפן פראָנט און דאָ נעמט מען פון איר צו אַ גוטן אַרבעטער. מ'האָט אים ווידער אָפּגעלאָזט. די פון געטאָ, וועלכע האָבן מיך געקענט, האָבן שפּעטער געזאָגט, אַז דער גרעסטער אַמעריקאַנער סענסאַציע־פילם האָט נישט אויף זיי איבערגעלאָזט אַזאַ איינדרוק, ווי דאָס דאָזיקע בילד. אַ טאָכטער אַ „דייטשקע״ האָט באַפרייט איר פאָטער, אַ ייד...

אין דעצעמבער האָט מען אויסגעזידלט דאָס געטאָ אין סטשעגאָוו. מיין פאָטער האָט זיך נישט געוואָלט ראַטעווען. ער האָט געזאָגט, אַז ר'וויל אומקומען גלייך מיט אַלע, איידער זיך

אַרומטראָגן מיט אַ שטענדיקן טויט־אורטייל אין קעשענע. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, אַז אין אַ בריוו פון דער מוטער, באַקום איך אַ גרוס פון פאָטער. איך האָב נישט געגלייבט, האַלטנדיק, אַז די מאַמע וויל מיך בלויז טרייסטן. נאָר ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער טראַנספּאָרט פון סטשעגאָוו אָפּגעפירט געוואָרן גלייך אין דער קרעמאַטאָריע. זיי האָבן נאָר איבערגעלאָזט עטלעכע מענער צו אַרבעטן, צווישן זיי — מיין פאָטער. מיינע עלטערן האָבן כמעט יעדן טאָג זיך געטראָפן ביי דער טואַלעט.

דאָס לעבן איז מאָדנע. מיין פאָטער איז מיט אַ טראַנספּאָרט אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד און שפּעטער באַוויזן צוריק צוקומען. מיין מוטער איז געלונגען צו אַנטלויפן פון אַ טראַנספּאָרט און אַ דאַנק דעם שנעלן פאַרנעמען דורך די רוסן דאָס דערפל ווי זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן — האָט זי זיך געראַטעוועט.

עטלעכע וואָכן נאָכן אויסזידלען די סטשעגאָווער יידן, האָב איך באַקומען אַ פּאָסטן אין דער אָרטיקער גמינע אַלס איבערזעצערין און ביוראַליסטין און געאַרבעט אַזוי ביזן אָנקומען פון די רוסן. פון די פאַרדינסטן האָב איך אויסגעהאַלטן זיך און די קינדער...

אין קוטנער געטאָ


פנחס אָסאָווסקי
ראשון־לציון

איך בין געבוירן אין קוטנע, אין יאָר 1914, געוווינט אויפן אַלטן מאַרק נומ׳ 30. מיין פאָטער, שלום, איז געווען אַ שניידער און די מאַמע, איטע־רחל, האָט אויסער איר פאַרנעמען זיך מיט דער שטוב־ווירטשאַפט, אויך צוגעהאָלפן צו דער פרנסה. מיר זענען געווען זיבן קינדער. יונה, דוד, שיע, יאָסל און חיים — זענען אומגעקומען. פון די דייטשע רוצחישע הענט האָבן זיך געראַטעוועט מיין ברודער אליעזר, מיין שוועסטער שרה און איך. מיר אַלע געפינען זיך אין ישראל.

א

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, האָב איך געוווינט און געאַרבעט זעלבשטענדיק אין קוט־נע, ביי סטאָלערײַ. אַז די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָט די קהילה באַשטימט איך זאָל אַרבעטן ביי דעם אָקופּאַנט. מיין אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין צענעמען מעבל פון יידישע היימען, וואָס די דייטשן האָבן קאָנפיסקירט פאַר זיך. די אַרבעט האָב איך געטאָן אונטער זייער אויפזיכט, געהאַלט האָט מיר געצאָלט די קהילה. אַרבעטנדיק אין די וווינונגען פון שלייפערן, זשעליכאָווסקין און אַנדערע פאַרמעגלעכע יידן, האָב איך געזען, ווי די דייטשן האָבן זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיטן מעבל, נאָר אויך צוגערויבט דאָס צירונג, ווערטזאַכן און געלט.

אין די ערשטע צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז דאָס לעבן זיך געפלאָסן פאַרהעלטנישמעסיק רואיק, הגם קיין אויסברוכן פון דייטשן טעראָר און רציחות האָבן נישט געפעלט.



„משרד־עבודה" ליהודים בקוטנה

„אַרבעטס־אַמט" פאַר יידן אין קוטנע

אָבער יידן האָבן נאָך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן, האַנדלען — הגם די שרעק פאַרן אומזיכערן מאָרגן האָט נישט אויפגעהערט באַאומרואיקן אַלעמען.

אַ געוויסן טאָג אין יאָר 1940, האָבן פאַרנאַכט זיך באַוויזן מעלדונגען אין דער פוילישער און דייטשער שפּראַך, אַז אין פאַרלויף פון מאָרגנדיקן טאָג דאַרף די גאַנצע אָן אויסנאַם יידישע באַפעלקערונג פאַרלאָזן די ביז איצטיקע דירות, געשעפטן און בכלל די שטאָט, כדי זיך אַריבער קלויבן אין דעם ניי־באַשטימטן וווין־קוואַרטאַל פאַר יידן, אין דער אַמאָליקער, האַלב חרובער צוקער־פאַבריק אין קאָנסטאַנציע. מען מעג זיך מיטנעמען עסן אויף דריי טעג און פאַרשידענע זאַכן.

די דאָזיקע מעלדונג האָט ווי אַ דונער געטראָפן די יידן, וועלכע זענען פרי אויפגעשטאַנען. זיי האָבן באַלד אויפגעוועקט אַנדערע און די טרויעריקע בשורה איז אַלעמען באַוווּסט געוואָרן. קיין צייט צו קלערן איז נישט געווען. דער דייטשער לאַנדראַטאַמט און די קהילה האָבן צוגעשטעלט אַ סך וועגענער איבערצופירן דאָס ביסל אָרעמקייט און די מענטשן. נאָר דער גאַנצער טראַנספּאָרט האָט נישט געסטייעט. טויזנטער אומגליקלעכע יידן האָבן אויסגעזען ווי באַגלייטערס נאָך אַ לוויה, ווען זיי האָבן געצויגן איבער די קוטנער גאַסן אין דער ריכטונג קיין קאָנסטאַנציע, נאָכגייענדיק נאָך די וועגענער, וועלכע זענען געווען אָנגעלאָדן מיט זאַכן, בעת זיי אַליין זענען געווען באַהאָנגען מיט זעק און פּעק. דער דאָזיקער גירוש האָט באַדאַרפט פאַרענדיקט ווערן פאַרנאַכט. הונדערטער יידן האָבן שוין נישט געהאַט וווּ אַוועק צו לייגן זייער ביסל אָרעמקייט און געמוזט עס שלעפּן אויף זיך ביז קאָנסטאַנציע.

ב

אין געטאָ האָט גלייך אָנגעהויבן פירן זיין טעטיקייט דער יודענראַט, וועלכער האָט דער ערשטער פאַרנומען אַ באַזונדערן בנין, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם איראָנישן צונאָמען „לאָרדן־הויז״, צוליב דער פּריווילעגירטער לאַגע פון זיינע איינוווינער. נאָך פריער האָבן אין קאָנסטאַנציע געהאַט פאַרנומען די בעסערע הייזער און וווינונגען אַ גרופּע רייכע קוטנער יידן, וועמען די דייטשן האָבן געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין דער „טיטאָניוווקע״, כדי באַצייטנס צורויבן די גוט־איינגעאָרדנטע דירות זייערע. פאַר הונדערטער און הונדערטער עמך־יידן איז אין קאָנסטאַנציע נישט געווען קיין ווינקל ווו דעם קאָפּ אַוועק צו לייגן.

6 אָוונט איז דאָס געטאָ געוואָרן אָפּגעשלאָסן. קיינער איז נישט געוואָרן אַריין געלאָזט און פון פאַרלאָזן דאָס אָרט — איז געווען אָפּגערעדט. די וואָס זענען געבליבן אויפן גאַס אין געטאָ, האָבן גענעכטיקט אונטערן פרייען הימל. מער פלינקע האָבן באַוויזן צונויפצושטעלן אַ געצעלט, אַ ביידל, צי אַ קעמערל — און דאָרטן זיך איינגעאָרדנט. שפּעטער האָט מען צונויפגעשלעפּט ציגל, שטיינער, בלעכן, האָלץ, כדי זיך צונויפשטעלן אַ מ׳שטיינס געזאָגטע דירה. אַזוי האָט מען זיך דערוויל באַשיצט קעגן רעגן, ווינט און קעלט.

עס האָט גענומע עטלעכע טעג, ביז די יידן האָבן זיך צוגעוווינט צו די נייע באַדינגונגען. דעם צווייטן טאָג זענען אין געטאָ צוגעקומען וועגענער מיט ברויט, געבאַקן דורך קריסטלעכע בעקערס און באַשטעלט דורכן יודענראַט. די וואָס האָבן באַוויזן פאַרכאַפּן מיט זיך אייזערנע אייוועלעך, האָבן געהאַט אויף וואָס צו קאָכן. ערגער איז געווען מיט וואַסער. בלויז צוויי פּלומפּן האָבן זיך געפונען אין געטאָ. די רייען נאָכן ביסל וואַסער זענען געווען גרויס. מיט דעם זעלבן וואַסער האָט מען זיך באַדאַרפט אויך וואַשן — און דעם מאַנגל דערפון האָט יעדער איינער געפילט.

געווען נאָך אַ פּראָבלעם מיטן וואַשן. אין די לאַנגע באַראַקן, ווו עס האָבן געוווינט אַ סך משפחות, אָן מחיצות, האָבן פרויען נישט געקאָנט זיך אויסטאָן פאַר פרעמדע מענער. נאָר מיט דער צייט האָט מען אויפגעהערט זיך איבערנעמען מיט אַזעלכע קלייניקייטן. אין יענע צייטן האָט מען זיך באַפרייט פון אַ סך בושות...

די אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען האָבן נאָך געהאָלפן פאַרשפּרייטן קראַנקייטן אין געטאָ. פאַר קלאָזעטן האָבן גענוצט אָפענע גריבער, פאַרשטעלט בלויז מיט אַ בלעך — באַזונדער פאַר פרויען, באַזונדער פאַר מענער.

אין „ווייסן הויז״ אין קאָנסטאַנציע האָט מיט דער מעדיצינישער אָפּטיילונג אָנגעפירט דער פעלדשער אַספּירשטיין, צוזאַמען מיט עטלעכע קראַנקן־שוועסטערס. די אָפּטיילונג איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל פאַרן געטאָ.

ג

אין אָנהייב האָבן די דייטשן דערלויבט בלויז אין די מאַרקטעג, אַז פּויערים זאָלן פאַרן אָפּצאָל פון 1 מאַרק, קאָנען אַריינקומען אין געטאָ און דאָרט פירן אַ טויש־האַנדל אָדער איינקויפן ביי יידן פאַרשידענע סחורות, מלבושים, שיך און זאַכן — פאַר פּראָדוקטן, עסנוואַרג און ברויט. די דייטשן האָבן אַזאַ טויש־האַנדל טאָלערירט אַזוי לאַנג, ביז עס איז אין געטאָ אויסגעבראָכן די טיפוס־עפּידעמיע. דאָס איז געווען אַן אויסרייד פאַר די רוצחים הערמעטיש אָפּצושליסן דאָס געטאָ און איזאָלירן די יידן פון דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס האָט דערפירט צו אַ גאָר שווערער לאַגע. דער יודענראַט האָט איצט באַדאַרפט אַליין זאָרגן פאַר באַשפּייזן דאָס געטאָ. ס׳איז געעפנט געוואָרן אַ פאָלקס־קיך, וועלכע האָט צעטיילט אומזיסטיקע מיטאָגן פאַר די נויטבאַדערפטיקע. אויף צו באַקומען דאָס ביסל געקעכטס, האָט מען באַדאַרפט שעהן שטיין אין דער ריי.

די דייטשן האָבן אָנגעבאָטן פערד־פלייש פאַרן געטאָ, האָט דער יודענראַט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג. שפּעטער, ווען דער הונגער איז געוואָרן צודרינגלעכער און שטאַרקער און מען האָט שוין מסכים געווען אויפן פערד־פלייש — האָבן די דייטשן נישט געוואָלט מער געבן.

אין געטאָ ווערט געשאַפן אַן אַרבעטס־אַמט, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט קיבעל, וויינשטיין און מאַנטשעסטער. יעדער אין דער פרי האָבן הונדערטער זיך פאַרזאַמלט אין דעם אַמט, וואַרטנדיק אויף אַרבעט. פון דאָרט האָט מען זיי צעשיקט אונטער אַ וואַך, צו דער באַן, צו צענעמען און אַראָפּ רוימען אַלטע הייזער, רייניקן גאַסן און אַנדערע שווערע און שוואַרצע אַרבעטן. דעם לוין האָט זיי אויסגעצאָלט דער אַרבעטס־אַמט.

אַ געוויסן טאָג איז דורך די דייטשן פאַרלאַנגט געוואָרן אַ טישלער צו אַרבעטן אויפן פלי־פעלד. דער אַרבעטס־אַמט האָט מיך געשיקט אַהין.

ד

אָנגעקומען אויפן פלי־פּלאַץ אין כאָינע, איז מיר באַלד שלעכט געוואָרן, ווייל כ׳האָב דערזען אַ סך יונגע, דייטשע פליערס און פון טעכנישן פּערסאָנאַל. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז פון זיי קאָן איך דערוואַרטן נאָר צרות און פּורעניותן. צו מיין אַנטוישונג, האָט דער אינספּעקטאָר פונעם פלי־פּלאַץ מיך אויפגענומען גוט, זיך פיין באַצויגן און אויך די אַנדערע דייטשן האָבן נישט געטשעפּעט. יעדער שבת האָב איך באַקומען אויסגעצאָלט דעם געהאַלט — 24 מאַרק. דעם ערשטן שבת בין איך מיט דעם פאַרדינטן געלט אַוועק אין דער קאַנטינע אויפן אַעראָדראָם, כדי איינקויפן שפּייז. דער אויפזעער האָט מורא געהאַט צו פאַרקויפן אַ ייד און גרויס איז געווען מיין איבעראַשונג, ווען כ׳האָב געפרעגט דעם אינספּעקטאָר אויף אַ דערלויבעניש, האָט ער באַפוילן צו פאַרקויפן מיר אַלץ וואָס כ׳וויל און אפילו באַזאָרגט מיט אַ האַנט־וועגעלע, כ׳זאָל די פּראָדוקטן אָפּפירן אין געטאָ. ביים טויער פון געטאָ איז מיין פרייד צעשטערט געוואָרן,

ווייל די פּאָליציי האָט צוגענומען דאָס וועגעלע מיט דער גאַנצער סחורה, און געווען גרייט אַלץ אומצוקערן פאַר אַ גרויסער סומע אויסקויף־געלט. צומאָרגנס, אויף דער אַרבעט, האָב איך דערציילט דעם אינספּעקטאָר וואָס מיך האָט געטראָפן ביים געטאָ־טויער. האָט ער אין מיין אַנוועזנהייט טעלעפאָניש זיך פאַרבונדן מיטן קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־וואַך און אים אויס־געזידלט, הלמאי מ'האָט זיינעם אַן אַרבעטער באַרויבט פון זאַכן, וואָס ער האָט דערלויבט פירן אַהיים. דער קאָמענדאַנט האָט זיך פאַרענטפערט. פאַרנאַכט, אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט, האָט ער מיך אָפּגעוואַרט ביים אַריינגאַנג אין געטאָ, אַריינגעפירט צו דער וואַך, אומגעקערט די פּראָדוקטן מיטן וועגעלע און אָנגע־זאָגט די פּאָליציאַנטן, מען זאָל מיך תמיד אַדורכלאָזן מיטן וועגעלע.

יעדן טאָג האָב איך אויפן פלי־פעלד געגעסן צוזאַמען מיט די אָפיצירן און קיין איין מאָל נישט געהאַט אויסצושטיין וועלכע ס'איז פאַראַלגונגען.

יום־כיפור 1941, בין איך געקומען צו מיין אַרבעט אויפן פלי־פעלד. אין אַזאַ טאָג האָבן די הענט זיך נישט געלייגט עפּעס צו טאָן און פון עסן — איז דאָך אָפּגערעדט. איך בין אַ פאַר־ווינטער געשטאַנען אין אַ ווינקל פון וואַרשטאַט און געזאָגט פון אויסנווייניק די תפילות, וואָס זענען פאַרבליבן אין זכרון, געטרויערט אויף דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט אונדז געטראָפן. ביים מיטאָג־איבעררייס, ווען כ'האָב באַדאַרפט עסן, באַוויזט זיך דער אינספּעקטאָר און פרעגט הלמאי כ'האָב נישט געאַרבעט און פאַר וואָס איך עס נישט. כ'האָב אים דערציילט וועגן אונדזער יום־כיפור. דער טעמפּער דייטש נעמט אַרויס זיין טאַשן־קאַלענ־דאַר, זוכט דאָרט דעם יום־טוב — און געפינט נישט. מלא כעס דערקלערט ער, אַז כל־זמן דער טאָג ווערט נישט באַצייכנט אין זיין קאַלענדאַר — איז עס נישט קיין יום־טוב. ער כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער און דראָט מיט שיסן, אויב כ'נעם זיך נישט צום עסן. נאָך דעם ווי כ'האָב עפּעס איבערגעכאַפּט, לייגט דער דייטש אַריין דעם רעוואָלווער אין פוטעראַל און דערקלערט:

— אויב היינט איז אַזאַ געבעט־טאָג, טאָ גיי אַהיים... מוזט נישט אַרבעטן.

איך האָב אים באַדאַנקט און אַוועק אין געטאָ.

ה

אַ געוויסן שבת אין דער פרי זענען די דייטשן אַריין אין געטאָ און געפאָדערט שוין צוועלף טויזנט אַרבעטער. עס איז געוואָרן אַ בהלה, ווייל אַ סך האָב געמיינט, אַז די אַרבעטער וועלן שוין נישט קומען צוריק. דער עולם נעמט זיך אויסבאַהאַלטן. די יידישע פּאָליציי העלפט אָבער אַרויסנעמען פון די באַהעלטענישן די אַנטרונענע — און אין לאַסט־אויטאָס זענען טויזנט יידן אָפּ־געפירט געוואָרן קיין סטאַראָוויעש, ווו ס'האָט זיך געפונען אַ פלי־פעלד. איך בין געווען אין דעם טראַנספּאָרט. דער באַפעל איז געווען: אויסברוקירן מיט שטיינער אַ וועג — אָבער אָן וועלכע ס'איז כלים און אינסטרומענטן. מען האָט זיך אַ נעם געטאָן מיט פלייס צו דער אַרבעט, ווייל די אויפזעער האָבן געדראָט מיט קלעפּ און אפילו מיט שיסן.

אַרום 3 נאָך מיטאָג איז מען פאַרטיק געוואָרן, נאָר פאַר דער צייט האָט מען נישט באַקומען צו עסן, אַדער טרונקען. ווען עט־לעכע אָפיצירן האָבן באַקוקט די אָפּגעטוענע אַרבעט, איז זיי געפעלן געוואָרן. יעדער פון אונדז האָט באַקומען אַ זעמל. צוריק אין געטאָ האָט מען באַדאַרפט גיין צופוס. די דייטשן באַפעלן מיר זאָלן זינגען... יידישע לידער. דאָס מאָל האָט זיך גראָד גוט געזונגען, מיר גייען דאָך אַהיים צו אונדזערע פאַמיליעס, וועלכע זענען אַוודאי שטאַרק באַזאָרגט מיט אונדזער גורל. נאָך גרעסער איז געווען די פרייד אין געטאָ, ווען אַלע זענען בשלום צוריק געקומען.

דער ווינטער אין געטאָ איז געווען זייער שווער, באַזונדערס פאַר די וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין לייטישן דאַך איבערן קאָפּ. צווישן צוויי ציגל פלעגט מען אָנצינדן אַ פייער און דערביי עפּעס אָפּקאָכן, אויב ס'איז געווען וואָס, און גלייכצייטיק זיך דערוואַרעמען. ווען כ'האָב אַמאָל באַמערקט אויפן פלי־פעלד עטלעכע פליטעס מיט פייערקעס, האָב איך געבעטן ביים קאָמאַנ־דאַנט אַ דערלויבעניש זיי אַוועק צו פירן אין געטאָ. ער האָט דערלויבט. אַ טייל פליטעס האָב איך אַוועק געשאָנקען, אַ טייל פאַרקויפט.

די לאַגע אין געטאָ איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. קעלט, פראָסט, שנייען — און אַלץ ווייניקער עסן. אויך די אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען האָבן גורם געווען צו עפּידעמישע קראַנ־קייטן. צוליבן טיפוס האָט דער שטאָטישער דאָקטאָר יענדראַשקאָ פאַראָרדנט הערמעטיש פאַרשליסן דאָס געטאָ, קיינעם נישט אַריינלאָזן און אַרויסלאָזן. איצט איז דער הונגער געוואָרן נאָך גרעסער, ווייל אַלע מקורות פון אומלעגאַלן האַנדל און פּראָ־דוקטן־ליפערונג זענען געוואָרן אָפּגעשניטן. אַ שטיקל טרייסט איז געווען די קולטור־טעטיקייט פון דער יוגנט, וואָס פלעגט זיך יעדן אָוונט צונויפזאַמלען אין אַ מ'שטיינס־געזאָגטן קאַפּעהויז, זינגען דאָרט לידער און פאַרברענגען אין אַ היימישער סביבה.



אַריינגאַנג אין געטאָ קאָנסטאַנציע • הכניסה לגיטו קונסטנציה

דאָס איזאָלירטע געטאָ האָב אויך איך נישט געטאָרט פאַר־לאָזן. איין מאָל, ווען מיין אינספּעקטאָר איז פאַרבייגעפאָרן די שטאָט און מיך צופעליק באַמערקט שטיין ביים געטאָ־מויער, איז ער צו מיר צו און געפרעגט פאַר וואָס כ'קום נישט צו דער אַרבעט. איך האָב אים דערציילט וועגן הערשנדיקן טיפוס און דעם פאַרבאָט פון דאַנען אַרויסצוגיין. ער האָט מיך געטרייסט און צוגעזאָגט שיקן אין געטאָ מיין טעגלעכע שפּייז־ראַציע, כל־זמן איך וועל זיך דאָרט געפונען. אַזוי איז טאַקע געשען!

אָבער דאָס געטאָ האָב איך נישט געטאָרט פאַרלאָזן. דער טיפוס האָט צוגענומען הונדערטער קרבנות. אין אָנהייב, אַז עס זענען יעדער טאָג געווען עטלעכע טויטע, האָט מען יעדערן קובר געווען כדת משה וישראל. שפּעטער, ווען די קראַנקייט האָט אָנ־גענומען אַן עפּידעמישן כאַראַקטער און צענדליקער פלעגן יעדן טאָג אַוועקשטאַרבן, האָט מען שוין געגראָבן מאַסן־קברים, די חללים אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן און זיי אַריינגעלייגט אין אַ ברידער־קבר.

ו

דער טיפוס האָט אויך דערגרייכט דאָס „לאָרדן־הויז". אַ טייל מיטגלידער פון יודענראַט זענען אַוועקגעפאַלן אויף דער שרעקלעכער קראַנקייט און איינער פון זיי, הרב יצחק קובעץ, אַ זייער טיכטיקער און איבערגעגעבענער טוער, איז נפטר געוואָרן. ביזן געטאָ־טויער האָבן אים באַגלייט אַלע אָן אויסנאַם יידן. זיין לוויה איז באמת געווען אַן אימפּאָזאַנטע, לויט ווי פאַר יענע שרעקלעכע באַדינגונגען. דאַקעגן אויפן בית־הקברות אויסערן געטאָ, זענען מיטגעפאָרן בלויז אייניקע מיטגלידער פון יודענראַט, אונטער אַ דייטשער שמירה.

כדי אָפּשרייען די טיפוס־קראַנקייט, האָט דער רב אין געטאָ באַפוילן אַדורכפירן אין הקדש אַ חתונה, ווי יידן פלעגן עס אַמאָל טאָן אויפן בית־הקברות. אַלס כלה איז באַשטימט געוואָרן מרדכי־שמואלס אַ שוועסטער, אַ צעדולטע מיידל. אַלס חתן — אַ יונגערמאַן פון דער פרעמד, וועלכער האָט זיך געפונען אין קוטנער געטאָ. אונטער דער חופּה איז די כלה געשטאַנען אָנגעטאָן אין גאַנצן אין שוואַרצן, דאָס זעלבע — דער חתן. דער וועג צום הקדש איז געווען באַצירט מיט גרינס, אפילו מוזיק האָט געשפּילט. עטלעכע דייטשע אָפיצירן זענען אין צוויי דראָזשקעס געקומען אין געטאָ זיך צוקוקן צו דער צערעמאָניע. אויפן באַפעל פון רב, האָט דער עולם זיך משמח געווען נאָך דער חופּה, געלאַכט און געטאַנצט. דאָס האָט באַדאַרפט העלפן פאַרטרייבן די טיפוס־מגיפה פון קוטנער געטאָ.

ז

מיטן קלאָגעדיקן מצב פון די דייטשן אויפן רוסישן פראָנט, איז די לאַגע פון די יידן אין געטאָ געוואָרן אַלץ ערגער. די רוצחים האָבן אָנגעהויבן ווילדעווען און פאַר די גרויסע טראַנספּאָרטן אויף אומקום, פלעגן זיי אָפּט אַריין אין געטאָ און פאַרווילן זיך מיט שיסן אויף יעדן אָנגעטראָפענעם ייד. אַזוי האָט אַ פאָליציאַנט פון די פאָלקסדויטשן דערשאָסן דעם אַלטן מאמלוק, משה דראָזשקאַזש און יואל ראשס פרוי, וועלכע זענען מיט נאָך יידן געשטאַנען אויפן גאַנעק, נישט ווייט פון די געטאָ־דראָטן.

דער פאַל האָט מיך באַוויגן צו אַנטלויפן פון געטאָ.

עס איז גרינג צו זאָגן — אַנטלויפן פון געטאָ. נאָר ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? די דייטשע רוצחים מיט זייערע פּוילישע העלפערס האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז וואָס מערער קוטנער יידן זאָלן אָנקומען קיין כעלמנאָ און וואָס וויניקער זאָלן זיך אַרויסרייסן פון קאָנסטאַנציע. איך האָב פונדעסטוועגן צוגעטראַכט צו ווענדן זיך צו מיין אינספּעקטאָר אויפן פלי־פעלד, אים דערציילן וועגן אָנגענומענעם באַשלוס. ער האָט מיך בלויז געוואָרנט בנוגע די געפאַרן פון אַזאַ שריט, אָבער אָנגעזאָגט דעם שעף פון דער געטאָ־וואַך ער זאָל מיך דורכלאָזן. ווען אין געטאָ איז פאַרפאָרן אַ פור מיט קאַרטאָפל, האָב איך אין ליידיקן וואָגן פאַרלאָזט קאָנסטאַנציע אומגעשטערט.

מיר איז געלונגען אָנצוקומען קיין קרושניעוויץ, ווו כ'האָב געטראָפן אונדזער בן־עיר מאָניעק נאָסאָל. שפּעטער בין איך אַריבער געפאָרן קיין גאָסטינין, ווו כ'האָב ווידער געטראָפן עטלעכע קוטנער: די שוועסטער קאָוואַלסקי מיט זייער ברודער, חיים האָניגשטאָק און פרוי, זעליק פּיעטריקאָווסקי און פרוי, נח גורקער — דעם מאַגיסטראַט־וואָזשני.

אין גאָסטינין האָבן יידן געוווינט אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, אָבער נישט אין קיין אָפּגעשלאָסענעם געטאָ. איך האָב געפונען אַרבעט ביי דעם טישלער אברהם דאַנציקער (היינט אין ישראל), וועלכער האָט געאַרבעט פאַר די דייטשן. איך האָב גוט פאַרדינט און אַ דאַנק דעם געקאָנט העלפן מיט פּעקלעך מיין משפּחה, וועלכע איז פאַרבליבן אין קוטנער געטאָ.

אין יאָר 1942 האָט מען אונדזער סטאָליער־וואַרשטאַט איבערגעפירט קיין קאָנין. פאָרנדיק אַהין, זענען מיר פאַרבייגעפאָרן קוטנע. איך האָב געזען, ווי קאָנסטאַנציע ליידיקט זיך אויס...

שפּעטער איז מיר באַקאַנט געוואָרן דער טראַגישער גורל פון קוטנער געטאָ, ווו ס'איז אויך אומגעקומען מיין גאַנצע משפּחה.

כבוד זייער אָנדענק!

(פאַרצייכנט: י. עלבוים)

צוויי בריוו פון קוטנער געטא


בעלאַ וואַלצער

די בריוו זענען געשריבן געוואָרן אין קאָנסטאַנציע, דעם 2.5.1941 (אין דייטש) און דעם 13.10.1941 (אין פּויליש) און ארויסגעשיקט געוואָרן קיין בוענאָס־איירעס, צו דער מאַמען און שוועסטער. איבערגעגעבן פאַרן יזכור־בוך: ס. וואַלצער, בוענאָס־איירעס.

קאָנסטאַנץ, דעם 2טן מאַי 1941.

מיינע ליבע,

דעם בריוו מיט דעם געלט האָב איך דערהאַלטן. איך דאַנק אייך גאָר הערצליך. איר האָט די קינדער ביים לעבן דערהאַלטן. איך האָב גלייך געקויפט ברויט, געמאַכט וואַרעמס צום טרינקען און זיי געגעבן. די קינדער האָבן זיך זייער געפרייט, אַז יענטע האָט געשיקט געלט. זיי וועלן קענען אָפּעסן צו דער זעט. שטעלט אייך פאָר, אונדזער לאַגע איז זייער שרעקלעך. דאָ אין געטאָ פאַרדינט מען גאָרנישט, די קינדער האָבן נישט צום עסן. ווען זיי פאָדערן ברויט, זאָג איך שטענדיק, אַז ווען מיר וועלן זיין ביים טאַטן, וועט מען אַלץ האָבן. נאָר דערביי מוז איך וויינען, ווייל די שמערצן זענען זייער גרויס, אַז מען קען נישט קיין קינד אַ שטיקל טרוקן ברויט געבן. זיי זענען גאָר שוואַך, קאָנען קוים אויף די פיס גיין. איך און מיין זון זענען שוין, דאַנקען גאָט, פון קראַנקן־הויז אַרויס, אין פעברואַר. כ'בין קוים אַרויס מיטן לעבן. פון טויט לעבעדיק געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז פון אַזאַ שווערער קראַנקייט קריכט מען זעלטן אַרויס. און




דער בריוו פון בעלאַ לוסטיגמאַן־וואַלצער ז"ל
המכתב של בלה לוסטיגמן־וולצר ז"ל

נאָך דער שווערער קראַנקייט, מוז איך אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען זיך, מיט דעם הונגער קעמפן. עס גייט שוין נישט אין מיר, נאָר די פּיין פון מיינע קינדער איז שרעקלעך, עס איז מיר שווער אויסצוהאַלטן.

איצט פון לעמבערג קאָן איך אייך מיטטיילן, אַז דעם לעצטן בריוו פון חנהן האָב איך דערהאַלטן אין דעצעמבער. זי שרייבט מיר, אַז סאַלאָמאָן איז פאַרשיקט געוואָרן קיין טיף רוסלאַנד, ווייל זיי האָבן זיך רעגיסטרירט צוריק צו פאָרן קיין פּוילן. די אַלע האָט מען פאַרשיקט. סאַלאָמאָן האָט זיך רעגיסטרירט. פון דעמאָלט האָב איך נישט פון אים קיין שרייבן. וואָלט סאַלאָמאָן איצט געווען אין לעמבערג, וואָלט ער אונדז געקאָנט עטוואָס העלפן, ווייל פון רוסלאַנד קאָן מען איצט שיקן פּעקלעך. די וואָס האָבן דאָרט קרובים אָדער באַקאַנטע, ווערן אָפט געשטיצט. אַזוי זעט אויס די פּרנסה אין געטאָ. מיר מוזן הונגערן.

מיינע ליבע! איך בעט אייך זייער אין אונדז נישט צו פאַרגעסן. איר זאָלט אונדז אימער שטיצן. עס איז פון מיין זייט



אַ פּאָסט־קאַרטל פון לענטשיץ קיין פּאַריז...
גלוייה מלנצ׳יץ לפאריס...

גאָר פרעך, וואָס ערשט נאָכן דערהאַלטן דאָס געלט, בעט איך שוין ווייטער, אָבער מיר געפינען זיך דאָ אין אַ שרעקלעכער נויט און איך וויל מיינע קינדער ביים לעבן דערהאַלטן. סאָלאָמאָן זאָל זיין געזונט, ער האָט צו דעם שטענדיק געשטרעבט. איך גרוס אַלע זייער האַרציק און דאַנק נאָך אַמאָל פאַר דער שטיצע.

פון מיר בעלאַ וואַלצער

✶

ליבע ראָזאַ!

איך פריי מיך זייער דאָס דו האָסט שוין אַ זון, ער הייסט געוויס פישל. איר, עלטערן, זאָלט אים לייכט און גליקלעך דערציען. איך בעט דיך נאָך אַמאָל, ראָזע, אין אונדז נישט פאַרגעסן. איך גרוס דיך און דיין מאַן און דיין ליבן זון.
פון מיר בעלאַ.

מיין אַדרעס: דבורה איילענבערג־לוסטיגמאַן, קוטנאָ־קאָנסטאַנציע, עלטעסטענראַט.

*

(צווייטער בריוו)

קוטנע, דעם 13.10.41

ליבע מאַמע, שוועסטער און ליבע קינדער!

איך קאָן אייך דאַנקען פאַר די פּעקלעך, וועלכע כ׳האָב פון אייך באַקומען, אַלע פיר. דער סוועטער, וואַרעמע וועש פאַר לאַניען, העמדלעך און אַ פּעקל פאַרן קינד. אַלץ דערהאַלטן, נאָר איינס נאָכן אַנדערן, נאָך לאַנגע איבעררייסן. איצט מיינע טייערע, האָב איך צו אייך אַרויסגעשיקט צוויי קאַרטלעך און אייך בריוו. איר, מיינע ליבע, האָט דאָס נישט דערהאַלטן. איצט וועל איך אייך שרייבן פון זיך.

איך בין שוין אַ לאַנגע צייט מיט מיין ווייב און קינד ביי זיך, אויף אייגענע קעסט. מיר עסן שוין נישט ביים פעטער. כ׳האָב פאַרקויפט מיין גראַנאַטענעם פּאַלטאָ, וועלכן כ׳האָב געטראָגן בלויז צוויי מאָל און נאָך פאַרשידענע זאַכן, די חתונה־רינגלעך און אַזוי ווייטער. די וואַרעמע וועש פאַר די קינדער האָב איך דערהאַלטן ערב יום־כיפור. כ׳האָב נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה, האָב איך פאַרקויפט די וואַרעמע וועש פאַר 22 מאַרק כ׳זאָל דעם קינד עפּעס קויפן. כ׳האָב נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג, כדי עפּעס קויפן פאַרן קינד אויף יום־טוב. כ׳האָב זייער געוויינט אויף דעם ביטערן גורל, וואָס האָט מיך געטראָפן, הלמאי כ׳האָב געמוזט פאַרקויפן אַזאַ מתנה.

מיינע ליבע, כ׳האָב פאַרגעסן אייך אָנצווווינטשן צום נייעם



...און פון קוטנע קיין ניו־יאָרק
...ומקוטנה לניו־יורק

יאָר. איר זאָלט זיין געזונט און אין גיכן זיין צוזאַמען מיט נאַטאַנען און אונדז. דאָס איז אונדזער ווונטש.

איצט, מיינע טייערע, איז נישטאָ ביי אונדז קיין שום אַרבעט, אַז מע זאָל קאָנען עפּעס פאַרדינען. מע לעבט ווי עס לאָזט זיך. איך גיי אַרום אָן זוילן, וואָס איז דאָ זייער טייער, נישט צו דערגרייכן פאַר מיר.

טייערע שוועסטער, איך שרייב אַליין דעם בריוו, אפשר וואָלסטו געקענט אונדז אַרויסשיקן אָנטועכץ, ווי סוועטערס, וועש, אויב דו האָסט. מיט דעם וועל איך מיר אַן עצה געבן, ווייל אַנדערש ווייס איך נישט אַ וואָסער גורל דערוואַרט אונדז דריי. מיר זענען אָן אַ טראָפּן פעטס, פון פסח אָן. אפשר איז מעגלעך צושיקן עפּעס פון דעם.

איצט, טייערע שוועסטער, דאַנק איך דיר פאַר די פּעקלעך, וועלכע איר האָט געשיקט. מיין ווייב וועט אייך מערער שרייבן, ווייל מיר טוט וויי דער קאָפּ. העלפט מיר ווי איר קענט. איך גרוס אייך פון דערווייטנס און קוש מיך געליבטע מאַמע, די שוועסטער און קינדער פון אונדז:

איציק, סאָניע, שלאַמעק

ליבע שוועסטער, שרייב מיר ווו איז נאַטאַן און זאָל ער אונדז אָנשרייבן עטלעכע ווערטער. אַ ספּעציעלן גרוס פאַר נאַטאַנען פון אונדז אַלע. בלייבט געזונט, שרייבט שנעל ענטפער.

נאָר ווען כ׳באַקום פון דיר פאַרן קינד, ווייס, אַז איך גיב

אים עפּעס. נאָר די „געסטל‟, סאָניע, האָט ער נישט ספּעציעל ליב. אַנשטאָט דעם שיק עפּעס אַנדערש. מאַננע־קאַשע, אָדער קלי־סקעלעך, צי סוכאַרעס מיט אַ ביסל פעטס — ווייסן שמאַלץ, אָדער קאָקוס־פּוטער, כ׳זאָל האָבן אויף עטלעכע מאָל צו באַ־שמעלצן, ווייל מיר לעבן כסדר אָן פעטקייטן. איצט, מייַן ליבע, שיק איך דיר צוריק די קופּאָנען, ווייל זיי זענען ביי אונדז נישט גילטיק. איך וואָלט דיר געשריבן דעם בריוו פאַר די יום־טובים, נאָר אויף מייַן ערן־וואָרט, כ׳האָב נישט געהאַט אויף קיין מאַרקע. כ׳האָב זיך נישט איבערגעלאָזט אויף קיין ברויט און שרייב דעם בריוו. ווילסט וויסן צי סאָניע איז געזונט געוואָרן — יאָ, זי איז געזונט. עדזשע באַקומט אויך פון אירע ברידער געלט און פון צייט צו צייט — אַ פּעקל. די שוועגערין רוזשע האָט אויך דערהאַלטן אַלע פּעקלעך און אייך געשריבן צוויי קאַרט־לעך. זי איז געזונט מיט איר ליב טעכטערל, וועלכע טענהט כסדר, אַז זי וועט צו אייך אַהין פאָרן. וועגן מייַן זון, קיין שום עין־הרע, קאָן איך נישט אַזוי פיל שרייבן; ווי ער לייענט אייערע בריוו און וואָס איך באַקום, ווייזט ער יעדן וועלכער קומט צו אונדז און זאָגט, אַז דאָס איז פון דער מומען. איצט פרעג איך זיך, מומע, צי מלכה האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט. דאַכט זיך, אַז איצט ווערט ווערט צוויי יאָר.

די פאַסטן האָט מיט עטלעכע וואָכן צוריק געבוירן אַ זון. מאַניע נאָסאָל האָט חתונה געהאַט מיט וואָלקאָוויטשן, זיי האָבן שוין אַ טעכטערל פון עטלעכע חדשים. הינדע־ראַצע איז ביי איר אויסגעגעבענעם זון. איך האָב אַ סך דיר צו שרייבן וועגן פאַרשידענע באַקאַנטע, נאָר שוין אַן אַנדערש מאָל. דו פרעגסט זיך צי ביי אונדז קאָסט אַזוי טייער ברויט. אויף קאַרטן — 80 פעניג 2 קילאָ, און אָן קאַרטן — פינף מאָל אַזוי פיל. אין וואַרשע זענען נאָר דאָ די זלאָטעס. קאָסט עס דאָרט אויף קאַרטן נישט אַזוי פיל, אָבער אָן קאַרטן קאָסט אויך אַ סך. פרעגסט דיך וועגן פעדערן. מיר יידן האָבן נישט די רעכט, מיר פאַרקויפן פון זיך וואָס מען האָט.

מיר גריסן אייך אַלע און קושן פון דער ווייטנס. מיר ווילן ווי אַמשנעלסטן זיך זען. שרייב מיר אָן וועגן נאַטאַנען. אַ באַזונ־דערער גרוס פאַר אים. שרייב צי ער וווינט צוזאַמען מיט דער מומע קיילע־מאַשע. פון מיר דייַן

ס אָ נ י ע

צוויי לידלעך פון געטא קאנסטאנציע

איבערגעגעבן צום דרוק:
קאָוואַלסקאַ תמר
תל־אביב

1

הערט נאָר אויס, כ׳וועל אייך דערציילן נסים, גרויסע וווּנדער,
ווי מיר אַלע יידן לעבן זיך באַזונדער.
גאָר באַזונדער, אָפּגעטיילט אונדז פון דער גרויסער וועלט —
אַ יידישע קאָנסטאַנציע אויפגעשטעלט.

נישט יעדער דאָרט האָט געהאַט זיין וווינונג.
האָבן אונדזערע יאַטן זיך אויפגעשטעלט פּאַלאַטן.*
אויף פּלעצער און אין מיטן פעלד —
אַ „פּראָלעטאַריש שטעטל‟ אויפגעשטעלט.

דאָס לעבן אין קאָנסטאַנציע — אַן אמתע מחייה,
אַלע טאָג — אַ חתונה און אַ לוויה.
גאַנצע טעג אין די רייען נאָכן שטיקל ברויט.
דאָס לעבן קומט דאָ אָן ווי דער טויט!

נאָר חברה יאַטן, זייט מונטער, נישטאָ קיין צייט צו זאָרגן.
העכער הייבט די קעפּ, עס קומט אָן דער מאָרגן.
דאַן ברעכן מיר די געטאָ־צוימען, צעשטערן די געטאָ־ווענט.
מיר נעמען אונדזער גורל אין די אייגענע הענט!

(צו זינגען מיט דער מעלאָדיע „פּשישלי וזיענלי נאַם‟)

2

הינטער די דראָטן וועל איך אייך פירן,
שטעלט אייך אויס פון גרויס ביז קליין.
עפּעס דאָ קויפן זאָלט איר נישט פּרובירן
ווייל קאָנקורירן מיט אונדז איז געמיין.

אין געוועלב אַריין זאָלט איר נישט לויפן,
דער גרופּן־פירער מוז אויך שמוגל קויפן:
פּאַפּיראָסן, זייף, ליכט און סאַרדינען —
צו פאַרקויפן און דערביי גוט פאַרדינען...
טראַ־לאַ־לאַ טראַ־לאַ־לאַ טראַ־לאַ־לאַ!

* געמיינט אַוודאי פּאַלאַטקעס, געלטן. — ר ע ד.

די חורבן־תקופה אין פראַנקרייך

בערנאַרד האָפמאַן
פּאַריז

אין דעם גרויסן חורבן, בעת וועלכן ס׳איז אומגעקומען אַ דריטל פונעם יידישן פאָלק, האָבן זיך אויך געפונען אַרום הונדערט צוואַנציק טויזנט יידן פון פראַנקרייך, און צווישן זיי — אַ באַדייטנדיקע צאָל אונדזערע לאַנדסלייט: קוטנער, קרושניעוויצער, לענטשיצער און דאָמבראָוויצער. ווי איינער פון די, וואָס האָט אין משך פון 4 יאָר זיך געפונען אין די מערדערישע לאַפּעס און אויסגעשטאַנען פאַרשידענע רדיפות און נגישות אין די נאַצישע לאַגערן — וויל איך דערציילן מיינע איבערלעבונגען אין יענער פינצטערער תקופה, ווי אויך מיינע באַגעגענישן מיט לאַנדסלייט, וועלכע כ׳האָב געטראָפן אויף מיין לאַנגן וועג פון יסורים. ליידער, איז אַ גרויסער טייל פון זיי אומגעקומען — און זאָלן די ווייטערדיקע שורות זיין אַ מצבה־דערמאָנונג אויף זייערע אומבאַקאַנטע קברים...


1

מיטן דערנענטערן זיך פון די דייטשע חיילות צו די טויערן פון פאַריז, איז אין דער הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך אַנטשטאַנען אַ גרויסע פּאַניק. אַלץ האָט גענומען אַנטלויפן. אין דעם עקזאָדוס האָבן צענדליקער און הונדערטער מענטשן, יונג און אַלט, זיך געוואַלגערט אויף די וועגן, זוכנדיק אַ מער זיכער אָרט אַנטרונען צו ווערן פון דעם שרעקלעכן שונא. אין יענער גרויסער בהלה זענען אַ סך פאַרלוירן געגאַנגען, משפחות האָבן זיך צעשיידט. פאַריז איז באַזעצט געוואָרן דורך דער ווערמאַכט. נאָכן אונטערשרייבן דעם וואָפנשטילשטאַנד צווישן דער פּעטען־רעגירונג און דייטשלאַנד, האָט די פראַנצויזישע באַפעלקערונג ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן אומצוקערן אין דער הויפּטשטאָט נאָר גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע פון די יידן. זיי האָט באַהערשט אַ פחד פון בלויזן געדאַנק אַריינצופאַלן אין די רוצחישע לאַפּעס פון די היטלעריסטן. זענען אַ סך טאַקע פאַרבליבן אויף דער פּראָווינץ. די פון דער אָקופּירטער זאָנע, האָבן זיך אויסגעזוכט פאַרשידענע באַהעלטענישן און געלעבט אין שטענדיקער שרעק.

דערווייל איז געשען אַ „וווּנדער" מיט דער דייטשער אָקופּאַנטישער אַרמיי אין פאַריז. אַנשטאָט טעראָר, רויב מאָרד — אַ דזשענטעלמענישע באַהאַנדלונג פון דער ציווילער באַפעלקערונג. נאָך מער: זייער ראַפינירטקייט איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז אין די יידישע קאַפעהייזער האָט מען געזען נאַצי־לייט און זעלנער. זיי האָבן אַפילו זיך אונטערגעהאַלטן מיט יידן. איינגערעדט, אַז מע מיינט נאָר די גרויסע קאַפּיטאַליסטן — אַ באַווייז — מען גייט צוזאַמען מיט די רוסן... זיי האָבן אַפילו געוויזן מונדירן און שיך פון דער סאָוויעטישער פּראָדוקציע, וועלכע זיי האָבן געטראָגן. און דאָס וואָס מ׳דערציילט, אַז די דייטשן באַציען זיך שלעכט צו די יידן — איז עס נישט מער ווי ענגליש־אַמעריקאַנער פּראָפּאַגאַנדע...

אַ סך יידן האָבן געגלייבט אין די דאָזיקע ווערטער, דערציילט אַנדערע און מ׳האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון די באַהעלטענישן. אַ טייל האָט אַפילו געשריבן צו זייערע קרובים און פריינד אויף דער פּראָווינץ, אַז מע מעג קומען קיין פאַריז. די דייטשן פירן זיך אויף אָנשטענדיק. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז געוויסע יידן האָבן אַפילו אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט די דייטשן און זיי צוגעשטעלט אַזעלכע אַרטיקלען, וועלכע האָבן אויסגעפעלט אויפן מאַרק.

ערשט אָנהייב 1941, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן באַווייזן זייער אמתדיקן פּרצוף. אַחוץ עטלעכע אַנטי־יידישע גזירות, האָט מען באַפוילן אַדורכצופירן אַ רעגיסטראַציע פון אַלע יידן — און גראָד אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן, ווו מ׳האָט אויף יעדער אידענטיטעט־קאַרטע אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל „יודע — זשואיף". דערנאָך האָט מען ביי אַ גרויסן טייל נאַטוראַליזירטע יידן צוגענומען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט, יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו באַזוכן עפנטלעכע אַנשטאַלטן און ערטער.



די „געלע לאַטע" אין פראַנקרייך • „הטלאי הצהוב" בצרפת

יידישע סוחרים האָבן נישט געטאָרט מער האַנדלען, זייערע געשעפטן האָבן איבערגענומען אַרישע פאַרוואַלטערס. יידן מעגן נאָך פאָרן אין דער מעטראָ — נאָר באַנוצן זיך בלויז מיטן לעצטן וואַגאָן. יידישע קינדער מעגן נאָך באַזוכן אַ שול — נאָר זיצן אויף באַזונדערע בענק.

13טער מאַי 1941. פינף טויזנט יידן פון פּוילישער אָפּשטאַמונג באַקומען די א. ג. „גרינע צעטעלעך" מיט דער אויפפאָדערונג זיך צוצושטעלן צומאָרגנס 7 פרי אויף עטלעכע זאַמלפונקטן, צו אַ קאָנטראָל. עס ווערט אַ בהלה. מע לויפט צו שכנים און פריינד זיך פרעגן אַן עצה. אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ. קיינער ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. די אָפּטימיסטן האָבן געגלייבט, אַז מע וויל נאָר קאָנטראָלירן די פּאַפּירן, נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. אַנדערע האָבן געפילט, אַז מע וויל די פינף טויזנט יידן אַריינגאַרן — און מ׳דאַרף זיך נישט צושטעלן. אינעם „גרינעם צעטל" איז אָבער געווען צום סוף אַ דראָאונג אָנצווווענדן האַרבע סאַנקציעס לגבי דער גאַנצער פאַמיליע, אויב דער אויפגעפאָדערטער וועט זיך נישט צושטעלן. איז מען טאַקע אַוועק אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט...

דאָ האָט מען באַפוילן די מענער זיך אויסצושטעלן באַזונדער און די באַגלייטנדיקע פרויען האָט מען געזאָגט, אַז זיי זאָלן פון דער היים ברענגען פאַרשידענע זאַכן פאַר זייערע מענער, וועלכע ווערן איבערגעשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער. אַז די פרויען האָבן זיך אומגעקערט מיט פּעקלעך און וואַליזעס, האָבן די דייטשן זיי געהייסן אויפשרייבן די נעמען פאַר וועמען דאָס איז — און נישט דערלויבט מער צו דערנענטערן זיך צו די

מענער. מיט שטעקנס און ביקסן־קאָלבעס האָט מען די ווײנענדיקע פרויען געשלאָגן און פאַרטריבן.

אַזאַ איז געווען דער אָנהייב — אַ שרעקלעכער אָנהייב!

2

איך האָב זיך געפונען צווישן דער דאָזיקער ערשטער גרופּע דעפּאָרטירטע. פאַר מיטאָג זענען אָנגעקומען אויטאָבוסן און אַלעמען אַוועקגעפירט צום וואָקזאַל. ווען מיר זענען געפאָרן איבער די גאַסן פון פּאַריז, האָבן די פראַנצויזן אונדז נאָכגעקוקט און נישט געוווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר. בלויז אײנצלנע פון זיי, פאַרסמטע פון דער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן אָפן אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט פון דעם ספּעקטאַקל, בעת דער רוב האָט אונדז באַגלייט מיט מיטפילנדיקע בליקן. שפּעט בײנאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין צוויי לאַגערן: באָן לאַ ראָלאַנד און פּיטיוויע. איך בין אַרײנגעפאַלן אין דעם ערשטן לאַגער.

נאָכן אַוועקשיקן אונדז אין די לאַגערן, איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע ייִדן דאַרפן טראָגן אַ געלן מגן־דוד. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פראַנצויזן, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט געוווּסט וועגן פון זייערע שכנים צי באַקאַנטע, זענען ייִדן — האָבן איצט זיי דערקענט לויט דער געלער לאַטע... געווען פאַלן, אַז אײניקע פראַנצויזן האָבן אײגנוויליק אָנגעטאָן דעם געלן מגן־דוד, כדי צו באַווייזן, אַז זיי שעמען זיך נישט מיט קיין ייִדן. געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען אַרײנגעגאַנגען אין לעצטן וואַגאָן פון מעטראָ.

אין אויגוסט 1941 קומט פאָר די ערשטע גרויסע מאַסן־אַבלאַווע אויף ייִדן אין פּאַריז. טויזנטער ווערן געכאַפּט אויף די גאַסן און אין די היימען. זיי ווערן אָפּגעשיקט אין דעם טרויעריק־באַקאַנטן לאַגער דראַנסי — דער ערשטער גהינום פאַר ייִדן אויפן פראַנצויזישן באָדן. די נישט־פאַרענדיקטע בנינים ווערן פאַרפולט מיט די געכאַפּטע ייִדן. יעטוועדע פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט איז שוין איבערגעריסן. דאָס עסן איז גאָר קנאַפּ און דאָס וואָס מ׳באַקומט — איז פון ערגסטן קוואַליטעט. אויך דער סאַניטאַר־היגיענישער מצב איז אַן אומדערטרעגלעכער. עפּידעמיעס און שטערבלעכקייט ווערן אַ טאָג־טעגלעכע דערשײנונג. עס הייבן זיך אויך אָן עקזעקוציעס. די ייִדן אין פּאַריז ווערט באַקאַנט די לאַגע אין דראַנסי, די שטימונג איז אַ דערדריקנדיקע און מ׳האָט מורא אַרויסצוגיין אין גאַס. עס שטאַרקן זיך די קלאַנגען, אַז פון דראַנסי גייען אַוועק טראַנספּאָרטן מיט ייִדן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. מער זעט מען זיי נישט. (דראַנסי איז טאַקע געוואָרן דער טראַנזיט־פּונקט פאַר די פראַנצויזישע ייִדן, וועלכע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ, כעלמנאָ, טרעבלינקע און מיידאַנעק).

דער 16טער יולי 1942 איז אײנע פון די טראַגישסטע דאַטעס פאַרן ייִדישן ישוב אין פּאַריז. בײנאַכט זענען די מערדער אַרײן אין די ייִדישע היימען און פון דאָרט מיט כוח און ברוטאַלקייט אַרויסגעשלעפּט מענער און פרויען, אַלטע און קינדער, קראַנקע, האַלב־פאַרשלאָפענע און אויסגעטועטע. די געשרייען און יללות פון די אומגליקלעכע האָבן זיך אַרײנגעשניטן אין דער פינצטערער נאַכט און זיך צונויפגעמישט מיט די רוצחישע באַפעלן פון די דייטשן. די פאַרהאַלטענע ייִדן האָט מען אין פּאָליציייאישע אויטאָס אָפּגעפירט אינעם ריזיקן צירק „וועלאָדראָם ד׳היווער" און אַלעמען צונויפגעדרענגט אין אַ גוואַלדיקער ענגשאַפט. דרייסיק טויזנט נפשות האָט מען פאַרשפּאַרט אויף איין אָרט. אין יענעם גהינום זענען עטלעכע משוגע געוואָרן און נישט איין טויטער איז געוואָרן אַרויסגעטראָגן. די וואָס האָבן מיטגעמאַכט יענע תקופה אינעם צירק, דערמאָנען נאָך היינט מיט שוידער די מוראדיקע סצענעס.

דערנאָך האָט מען די אומגליקלעכע אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ־בירקענאַו. דער רוב פון זיי איז אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן, אָדער מיט אַנדערע מיתה־משונהס מיט וועלכע אוישוויץ האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט.

3

...שפּעט אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אינעם לאַגער באָן־־לאַ־ראָלאַנד, וווּ מ׳האָט אונדז אַרײנגעשטופּט אין באַראַקן מיט דריי־גאָרנדיקע נאַרעס, אויף וועלכע ס׳זענען געלעגן שעניקעס אָנגעפּילטע מיט שטרוי. אין דער פינצטער האָט מען זיך געוואָרפן אויף די געלעגערס און באַלד אײנגעשלאָפן ווי געהרגעטע. אויפשטייענדיק אין דער פרי, האָט מען שטומערהייט און אויפן קול געפרעגט זיך אַליין און אײנער דעם אַנדערן: „וווּ זענען מיר? נאָך וואָס האָט מען אונדז דאָ אַהערגעבראַכט?".

מיין נאָענטסטער שכן אויף דער נאַרע האָט מיט זיין אויסזען אַרויסגערופן גרויס רחמנות. מ׳האָט געזען, אַז ער איז אַן אָרעמער און דערשלאָגענער מענטש. מיט זיין ליטווישן ייִדיש האָט ער מיר דערציילט, אַז ערשט נעכטן גאַנץ פרי האָט אים די פרוי מיטגעגעבן אַ קיישל אײנצוקויפן אין קראָם, ווען ער וועט זיך אומקערן פון דער אַרבעט. מ׳האָט אים געכאַפּט אויף אײנער פון די פּאַריזער גאַסן. ער פאַרשטייט נישט וואָס דאָ קומט פאָר — און צעוויינט זיך שטאַרק... איך פּרוביר אים באַרואיקן און דערמוטיקן, זאָג אים צו אונטערצוהאַלטן, נישט לאָזן פאַלן.

איך גיי אַרויס פון באַראַק. כ׳דערזע נאָך צענדליקער באַראַקן אויף אַ גרויסן פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט שטעכלדראָט. פראַנצויזישע וועכטער היטן דאָס אָרט. מע זעט פאַרשידענע ייִדן, פון אַלע שיכטן און קלאַסן. ביי אַ צוויי טויזנט האָט מען זיי געבראַכט אַהער, אין לאַגער באָן־לאַ־ראָלאַנד.

אין אָנהייב איז שווער געווען צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך און פאַרשטענדעניש מיט אַזאַ פאַרשידנאַרטיקן עולם. נאָר ביסלעכוויז, נאָך אַ קעגנזייטיקן באַקענען זיך, הייבט מען געמיינזאַם אָן צו אָרגאַניזירן דאָס לעבן אין די נייע באַדינגונגען. מיר האָבן אַליין אויסגעקליבן אַ באַראַק־עלטסטן, וועלכער זאָל אײנשטעלן און אָפּהיטן אַ געוויסן סדר און גלייכצייטיק זאָל ער זיין דער פאַרבינדלער צווישן אונדז און דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע און וועכטער.

פון אונדזערע משפּחות זענען מיר אין גאַנצן איזאָלירט. דאָס עסן וואָס מיר באַקומען איז גענוג אויף צו געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון כראָנישן הונגער. שוין 3 מעת־לעת זענען מיר אין דעם לאַגער — און דער פרעגצייכן „צוליב וואָס?" און „וואָס דערוואַרט אונדז דאָ?" — שוועבט אויף אַלעמענס ליפּן. מיט אַמאָל זענען מיר שטאַרק איבערראַשט געוואָרן פון קולות, וועלכע האָבן זיך דערטראָגן פון יענע זייט דראָטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזערע פרויען האָבן אין פּאַריז זיך דערוווּסט ווו מ׳האָט אַוועקגעשיקט דעם ערשטן טראַנספּאָרט — און זיי זענען געקומען אַהער. נאָר די וועכטער לאָזן זיי נישט אַריין. שטייען זיי פונדערווייטנס, מאַכן מיט די הענט, שרייען — נאָר מיר הערן גאָרנישט. מע ענטפערט צוריק מיט געשרייען דאָס אײנציקע וואָרט: „ברויט!" די פרויען האָבן דאָס יאָ דערהערט — זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין שטעטל און געבראַכט ברויט. איצט וואַרפן זיי צו אונדז דורכן פּאַרקן פרישע געשמאַקע ברייטלעך. עס וועט כאָטש זיין צו שטילן דעם הונגער.

4

מיט אַ צייט שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ דערלויבעניש צו שרייבן בריוו. פון די ידיעות וועלכע מיר האָבן באַקומען פון פּאַריז איז קלאָר געוואָרן, אַז עס גייען אַרום פאַרשידענע און אויסטערלישע קלאַנגען וועגן אונדזער אַרעסט: בעת אַ טייל האַלט, אַז ער איז פאָרגעקומען צוליב שוואַרץ־האַנדל, טענהן

אַנדערע, אַז מיר דאַרפֿן זיין ערובניקעס... אַזוי לויפֿן די וואָכן און חדשים — און מע זעט נישט קיין ענדערונג. נאָך עטלעכע ענערגישע אינטערווענצן, האָבן מיר אויסגעפּועלט, אַז אונדזערע פֿרויען זאָלן אונדז קענען באַזוכן. די צוזאַמענטרעפֿן זענען פֿאָרגעקומען אין גרויסע באַראַקן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אויף יענער זייט דראָטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז אונטערן וואַכזאַמען אויג פֿון די וועכטער.

דערנאָך האָבן מיר אויך באַקומען אַ דערלויבעניש צו דערהאַלטן פּעקלעך. דאָס האָט געשאַפֿן אַן אומבאַקוועמע לאַגע, ווייל אַ טייל האָט גאָרנישט באַקומען און אַנדערע ווידער — זייער באַשיידענע פּעקלעך. דעריבער האָבן מיר אין יעדן באַראַק צונויפגעזאַמלט פּראָוויאַנט און עס צעטיילט צווישן די נויטבאַדערפטיקע.

אַ געוויסן טאָג האָב איך זיך געטראָפֿן אין לאַגער מיט מיין לאַנדסמאַן זלמן בילד. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט און דערביי זיך דערוווּסט, אַז עס געפֿינען זיך דאָ נאָך עטלעכע לאַנדסלייט, מיט וועלכע מ'האָט זיך שוין אָפּט געטראָפֿן: ניסן פּרענקעל, בנימין פּיאָטרקאָווסקי און זיין ברודער וואָלף, טראַיאַנאָווסקי (זלמן בילדס אַ שוואָגער) און העניך שטיין.

זלמן בילד האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט מיר, יעדן טאָג געקומען אין מיין באַראַק, געפֿרעגט, צי איך נייטיק זיך נישט אין עפּעס און אָפּט געבראַכט אַ ביסל געקעכטס (אין זיין באַראַק האָט זיך געפֿונען אַן עלעקטריש קיכל). אין די אָוונטשעהן איז ער צו מיר געקומען, מכבד געווען מיט אַ גלאָז טיי. ער איז צו מיר געווען ווי אַ לייבלעכער ברודער.

דערווייל האָט זיך נישט געזען קיין סוף צו אונדזער שנעלער באַפֿרייאונג, צי עפּעס אַן ענדערונג. האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן איינשטעלן אַ קולטור־געזעלשאַפֿטלעך לעבן. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי גרופּן: אַ יידיש־רעדנדיקע און אַ פֿראַנצויזיש־רעדנדיקע. בעת צו דער ערשטער גרופּע האָט געהערט דער עלטערער דור, איז די צווייטע גרופּע באַשטאַנען פֿון דעם יונגערן עלעמענט.

די לאַגער־אַדמיניסטראַציע האָט באַוויליקט אונדז אויסצוטיילן אַ גרויסן זאַל אין איינעם פֿון די באַראַקן. מ'האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ ביבליאָטעק — און דער עולם האָט געשמאַק געלייענט ביכער. זייער אָפּט זענען פֿאָרגעקומען רעפֿעראַטן אויף ליטעראַרישע און וויסנשאַפֿטלעכע טעמעס. מיט אונדז אין לאַגער איז געווען אַ גרופּע אינטעלעקטועלע. אויך ביי דער יוגנט האָבן זיך געפֿונען זייער פֿעיקע און אינטעליגענטע מענטשן. באַזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט דער 19יאָריקער קאַדי בירנבוים, דער זון פֿון באַקאַנטן אַרטיסטן־פּאָרל בירנבוים—זעווקינאַ. דער יונגערמאַן איז סיי פֿיזיש, סיי גייסטיק, געווען זייער אַ געראָטענער. אויף זיין איניציאַטיוו איז דורך דער יוגנט געשאַפֿן געוואָרן אַ כאָר, אַ דראַמאַטישע סעקציע, אַ ספּאָרט־קלוב. ער האָט געגעבן לעקציעס, געהאַלטן רעפֿעראַטן — באמת אַ יחיד בדורו. ליידער, איז ער געווען פֿון די ערשטע קרבנות, ווי נאָר מיר זענען איבערגעפֿירט געוואָרן קיין אוישוויץ.

ביי די יידיש־רעדנדיקע איז געשאַפֿן געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז, אָנגעפֿירט פֿון באַקאַנטע יידישע אַרטיסטן פֿון פּאַריז. גאַנץ ערנסטע פּיעסן זענען אָפּט געוויזן געוואָרן אין לאַגער. אַ כאָר פֿון 50 מאַן האָט איינגעשטודירט און אויפֿגעטראָטן מיט די שענסטע לידער פֿון אונדזער פֿאָלקס־אוצר. דיריגענט פֿון דעם כאָר איז געווען אונדזער בן־עיר, ניסן פּרענקעל. ער איז באמת געווען אַ קענער פֿון מוזיק און אַליין געשפּילט פּאָרטעפּיאַן. דער כאָר האָט אַ סך געהאָלפֿן צו הייבן די מאָראַל אין לאַגער און פּרענקעל האָט דערפֿאַר געהאַט גרויס אָנזען און אָנערקענונג ביי אַלעמען.

דאָס לאַגער־לעבן האָט זיך פֿיל־וויניק איינגעשטעלט און נישט איינער האָט געגלייבט, אַז אפשר וועט מען אַזוי איבערלעבן די מלחמה. נאָר די ידיעות, וועלכע מיר האָבן באַקומען פֿון פּאַריז, האָבן נישט געגעבן קיין צו גרויסע האָפֿענונגען.

5

ס'איז אַדורך אַ יאָר זינט מיר זענען אָנגעקומען אין באָן־לאַ־ראָלאַנד. אָנהייב יוני 1942 הייבן זיך אָן פֿאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מע וועט אונדז פֿון דאַנען אַוועקפֿירן, וואָרשיינלעך אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין דייטשלאַנד. עס באַווייזן זיך דייטשע אָפֿיצירן, די רעוויזיעס אין די באַראַקן ווערן אָפֿטערע. אַלע פֿילן, אַז אונדז דערוואַרטן שווערע איבערראַשונגען. דער עולם ווערט אומרואיק און צעטומלט, דער ערב שטורעם טראָגט זיך אין דער לופֿטן. אין די בריוו, וועלכע מ'דערלויבט נאָך צו שרייבן אַהיים, געזעגנט מען זיך מיט די נאָענטע און גלייכצייטיק בעט מען זיי נישט צו פֿאַרלירן דעם מוט, אַכטונג געבן אויף די קינדער, אָפּהיטן די שטוב... מיר גיבן זיי האָפֿענונגען צו זיין נאָך צוזאַמען — הגם אין האַרצן נאָגט דער וואָרעם פֿון אומרו און ציטער.

דעם 26סטן יוני קומט דער באַפֿעל זיך צו גרייטן צום טראַנספּאָרט. מיר מעגן מיטנעמען אַלע זאַכן אַחוץ געלט. דעם 27סטן יוני זענען מיר שוין צונויפגעקוועטשט אין פּראַכטוואַגאָנען, שווער צו עטעמען, אָדער מאַכן די מינדסטע באַוועגונג. פֿאַרבייפֿאָרנדיק פֿראַנצויזישע דערפֿער און קליינע סטאַציעס, ווי נאָר די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן די פֿראַנצויזן צוגעטראָגן אַ ביסל וואַסער, אָדער עסנוואַרג. ווי נאָר אָבער מיר זענען אַריינגעפֿאָרן אויף דער טומאהדיקער דייטשער ערד — האָט זיך אַלץ געענדערט. די וואַגאָנען זענען הערמעטיש פֿאַרמאַכט געוואָרן. אַחוץ דער ענגשאַפֿט און שטיקעניש, האָט זיך אין יעדן וואַגאָן געפֿונען אַן אָפֿענער פֿאַס פֿאַר די פֿיזיאָלאָגישע באַדערפֿענישן. דער געשטאַנק איז געווען נישט איבערצוטראָגן און די וואָס האָבן באַוויזן מיט זיך מיטצונעמען עפּעס עסן אין וועג אַריין — זענען נישט געווען אימשטאַנד צו נעמען עס אין מויל אַריין. מענטשן האָבן געחלשט, אָדער געפֿאַלן אין אָנמאַכט.

אַזוי איז מען געפֿאָרן עטלעכע מעת־לעת.

מיט אַמאָל האָט די באַן זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. אַ באַנדע ס.ס.־מענער האָבן גענומען טרייבן פֿון די וואַגאָנען, שלאָגנדיק און קאָפּענדיק אָן רחמנות. מ'האָט אַפֿילו נישט באַוויזן צו נעמען מיט זיך די זאַכן. מיט ווילדע געשרייען און קלעפּ האָט מען אונדז צונויפגעטריבן אויף אַ גרויסן פּלאַץ, אויסגעשטעלט אין רייען. רייטנדיק אויף אַ פֿערד, איז אָנגעקומען דער לאַגער־קאָמענדאַנט. ער האָט זיך צו אונדז געווענדט בזה הלשון:

— איר פֿאַרפֿלוכטע יודען! איר געפֿינט זיך דאָ אין פֿאַרניכטונגס־לאַגער אוישוויץ. פֿון דאַנען קימט איר נישט מער אַרויס לעבעדיק. דאָ קען אייך דער אָנקל רוזוועלט נישט העלפֿן...

נאָך דער רעדע, האָט אַן ס.ס.־אָפֿיציר מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט אָנגעהויבן אויסלייענען די נעמען פֿון די אָנגעקומענע. יעדער אויסגערופֿענער האָט געמוזט אַריבערלויפֿן אויף דער צווייטער זייט און דערביי האָט דער אָפֿיציר געשלאָגן מיט זיין שטעקן איבערן קאָפּ, אויפֿן רוקן — און ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. אַז עטלעכע יידן האָבן געהאַט דעם זעלבן נאָמען, האָבן זיי מיט אַמאָל זיך געלאָזט לויפֿן — דאָ איז דער סאַדיסט גאָר צעיושעט געוואָרן און גענומען טיילן קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס.

נאָך דעם דאָזיקן „קבלת־פּנים“, זענען צו אונדז צו אַ באַנדע פּאָליאַקן און אָנגעהויבן צונעמען די זייגערלעך און רינגלעך פֿון די הענט. שפּעטער זענען מיר אַריינגעטריבן געוואָרן אין בלאָקן, ווו ס'האָבן געוועלטיקט די קאַפּאָס. זיי האָבן שטרענג באַפֿוילן אַריינצושיטן אַלע אונדזערע זאַכן אין די קאָסטנס, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין יעדן בלאָק און געדראָאט מיט ערגסטן,

אויב מען וועט ביי זיך לאָזן אַפילו אַ שטיקל פּאַפּיר. אַמשווערסטן איז אָנגעקומען דאָס שיידן זיך מיט די בילדער פון פרוי, קינד, עלטערן. מיר האָבן דאָס אָפּגעהיטן ווי אַ הייליקייט — און איצט דאַרף עס פאַרשווינדן אויף שטענדיק. מיטן אַוועקוואַרפן אַ פאָטאָגראַפיע, האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל, אַז מען שנײַדט פון יעדן אָפּ אַן אבר...

6

דריי טעג האָט מען אונדז געפּייניקט מיט איבונגען, מיט לויפן הין און צוריק, מיט אַפּעלן, מיט אָפּשערן די האָר און פאַרשידענע דעזינפעקציעס. דערנאָך האָט מען אונדז אַוועקגעשיקט אין לאַגער בירקענאַו (בזשעזשינקע), דריי קילאָמעטער פון אוישוויץ, ווו ס'האָבן זיך געפונען די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. עטלעכע שעה זענען מיר געשטאַנען בעתן ערשטן אַפּעל. פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטס־קאָמאַנדאָס האָבן זיך אומגעקערט פון די אַרבעטס־פּלעצער, האָט יעדע גרופּע געטראָגן מיט זיך עטלעכע טויטע. דאָס האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. מיר האָבן זיך געכאַפּט, פאַרוואָס זיי האָבן אונדז אַזוי לאַנג געלאָזט שטיין און וואַרטן: זאָלן מיר זעען און דערפילן וואָס אונדז דערוואַרט דאָ...

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אייניקע דייטשע סאַדיסטן זיך אויסגעקליבן אַ „פאַרווײַלונג״: אַרויסגענומען ביי אונדז עטלעכע קרעפטיקע מענער און זיי באַפוילן צו קאָלערן זיך אין די בלאָטעס איינער איבערן אַנדערן. צווישן די מענער איז אויך געווען אונדזער לאַנדסמאַן זלמן בילד. שפּעטער איז ער אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדערן לאַגער — און כ'האָב אים מער נישט געזען.

איך און ניסן פרענקעל זענען צוגעטיילט געוואָרן צו איין אַרבעטס־קאָמאַנדאָ. מ'האָט אונדז געטריבן צו דער אַרבעט, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער. מאַרשירן אַהין און אַרבעטן האָט מען געמוזט אין אַ שנעלן טעמפּאָ. מ'האָט געגראָבן גריבער, אָנגעלאָדנט וועגענער מיט שטיינער, זיי צוריק אויסגעלאָדנט. די היצן זענען געווען מוראדיקע און קיין טראָפּן וואַסער האָט מען ביי דער אַרבעט נישט באַקומען. איך האָב נישט איין מאָל געזען, ווי דערשעפּטע יידן זענען צוגעגאַנגען צו די וואַך־פּאָסטנס און זיך געבעטן מ'זאָל זיי דערשיסן — זיי קענען נישט אַריבערטראָגן דעם שרעקלעכן דורשט. דווקא אין אַזעלכע פאַלן האָט דער רוצח נישט געוואָלט שיסן אַזוי שנעל...

איין מאָל האָט זיך אונדזער קאַפּאָ פאַרגלוסט צו הערן זינגען. ער האָט געפרעגט ווער עס קאָן די מלאכה. די וואָס זענען געווען מיט מיר אין באָן־לאַ־ראָלאַנד האָבן אָנגעוויזן אויף מיר. דער קאַפּאָ האָט מיך גענומען צו זיך אַלס זיין זינגער און דערפאַר געגעבן בעסער צו עסן און אויך מיך פּריווילעגירט. ניסן פרענקעל האָט מיך געבעטן פרעגן ביים קאַפּאָ, צי אויך ער קען פאַר אים זינגען. דער קאַפּאָ האָט געהייסן פרענקלען קומען צו אים, פאַרהערט — נאָר נישט געוואָלט אים אַנגאַזשירן.

ווען מ'האָט פון לאַגער אויסגעקליבן אַ גרופּע שניידערס אַוועק צו שיקן מיט אַ טראַנספּאָרט — איז אויך ניסן פרענקעל געווען צווישן זיי. נאָר אָנשטאָט צו שניידעריי — האָט מען זיי גאָר פאַרשיקט אויף שווערער אַרבעט. אין אַ צייט אַרום איז אַ טייל פון דער גרופּע צוריק געברענגט געוואָרן אין אונדזער לאַגער — קראַנקע, צעבראָכענע און דערשעפּטע. צווישן זיי האָט זיך געפונען ניסן פרענקעל. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף זיינע געשוואָלענע פיס, געווען פאַרצווייפלט, נישט געוואָלט עסן. מיט אַ שוואַכער שטים האָט ער מיר געזאָגט:

— צו וואָס דאַרף איך זיך נאָך פּייניקן? מיין פרוי און זון לעבן שוין נישט. אָט קומען יעדן טאָג טראַנספּאָרטן פון פאַריז...

וועגן זיין זון האָט ער אָפט און אַ סך גערעדט, דערציילט וועגן זיינע גרויסע פעיקייטן צו מוזיק, ער האָט געטרוימט צו זען אים אַלס ווירטואָז. עטלעכע טעג שפּעטער נאָך דעם געשפּרעך — איז ניסן אַוועקגענומען געוואָרן אין גאַז־קאַמער בעת אַ סעלעקציע. זיין פרוי און זון האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל.

נאָכן אָפּזיין אין בירקענאַו עטלעכע וואָכן, האָב איך אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ביים אַרויסמאַרשירן צו דער אַרבעט, דערזען אַן עלטערן מענטש לויפן אַ פאַרצווייפלטן און דערשראָקענעם אַהין־און־צוריק. ער איז נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען אין לאַגער. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער מענטש איז מיר באַקאַנט. דערנענטערנדיק זיך צו אים איז מיר נישט שווער געווען צו דערמאָנען זיך, אַז כ'האָב דאָ אַ לאַנדסמאַן, דעם דאָמבראָוויצער ייד, וועלכן כ'האָב גוט געדענקט פון מיינע יוגנט־יאָרן, ווען כ'האָב פאַרלאָזט דאָס שטעטל. דער ייד האָט חתונה געהאַט אין קוטנע מיטן דאָרטיקן פעלדשערס טאָכטער — וולאָסקי, זיך באַזעצט אין וולאָצלאַוועק און דאָרט געפירט



אַ גרופּע קוטנער אין פאַריז. דער רוב פון זיי — אומגעקומען

קבוצת בני קוטנה בפאריס. הרוב מהם ניספו

אַ שניידער־וואַרשטאַט, וואָס האָט געהאַט אַ גוטע קליענטעלע. אין די דרייסיקער יאָרן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פאַריז. ערשט די טעג איז ער אָנגעקומען קיין בירקענאַו מיט אַ טראַנספּאָרט פון פאַריז.

אַז איך האָב אים געפרעגט, צי ער איז משה חויקע פון דאָמבראָוויץ, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט און געענטפערט מיט אַ פראַגע „ווער בין איך?״ דערוויסנדיק זיך ווער איך בין, האָט ער זיך גענומען צו מיר טוליען און בעטן כ'זאָל זיך מיט אים פאַרנעמען. אין משך פון עטלעכע טעג איז מיר געלונגען אים צו האַלטן אין מיין אַרבעטס־גרופּע. דערנאָך האָט מען אים צוגענומען. מער האָב איך אים נישט געזען...

אין מיין בלאָק האָט זיך אויך געפונען וואַרטסקי, אַ שוואָגער פון זלמן בילד. ער איז פון טאָג צו טאָג שוואַכער געוואָרן. איין מאָל האָט מען אים צוריק געטראָגן פון דער אַרבעט, ווייל ער האָט נישט געקענט מער גייך אויף זיינע געשוואָלענע פיס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר און אפילו נישט געקענט אַרויסריידן עטלעכע ווערטער. ער האָט נאָך פּרובירט צו צעקייען דאָס שטיקל ברויט — און עסנדיק איז ער אַוועקגעפאַלן. דאָס איז געווען דער סוף.

7

פאַר מיין פאַרלאָזן בירקענאַו, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין ברודער שמחה איז אָנגעקומען פון פאַריז מיט אַ טראַנספּאָרט. אויך האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז ער זוכט מיך אַרום.

צומאַרגנס האָט אַ באַקאַנטער אים צוגעברענגט צו מיר — נאָר ר׳האָט מיך נישט דערקענט... אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מייַן אויסזען אין די 11 וואָכן בירקענאו.

נאָך דער באַגעגעניש מיטן ברודער, האָט מען מיך אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ. דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט און כ׳האָב געאַרבעט אין שניידער־וואַרשטאַט. דאָס האָט מיר אַ סך געהאָלפן איבערצוקומען די שווידע׳לעכע צייט. אין אוישוויץ האָב איך זיך געטראָפן מיט בנימין פּיאָטרקאָווסקי. אויך אים האָט אָפּגעגליקט וואָס ר׳האָט נישט באַדאַרפט גיין אַרבעטן מיט אַ קאָמאַנדאָ. ער איז געבליבן אַרבעטן אין בלאָק. פון זיין ברודער וואָלף האָט ער גאָרנישט געוווסט. אויך האָב איך דאָרט געטראָפן די ברידער שטיין (הענעך־מרדכי און חיים) פון די טראַנספּאָרטן וועלכע זענען געקומען פון פראַנקרייך.

פון קרושניעוויץ האָב איך באַגעגנט פנחס־לייזער האָפמאַן און זיינע צוויי זין משה־הערצקע און זכריה; די צוויי ברידער משה־לייב און ישראל סטריקאָווסקי. און פון דאָמבראָוויץ — לייב כעלמינסקי, מיכאל חויקע, דוד און לייביש בזשוסטאָווסקי.

אין סעפּטעמבער 1943 האָט מען מיך איינגעשלאָסן אין אַ טראַנספּאָרט פון פראַנצויזישע און בעלגישע יידן, וועלכע זענען איבערגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע כדי אָפּצוראָמען די חורבות פון געטאָ. צונויפגעקוועטשט אין וואַגאָנען, וועלכע זענען געווען גוט באַוואַכט, האָט מען זיך געלאָזט קיין וואַרשע. פּלוצום האָט איינער אַ זאָג געטאָן הויך אויפן קול, אַז היינט איז ערב יום־כיפור. ספּאָנטאַן האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן דער ערשטער קלאַנג פון „כל נדרי" — און כ׳האָב די דאָזיקע תפילה אויסגעזונגען ביזן סוף, גלייך כ׳וואָלט געשטאַנען פאַרן עמוד... דער וואַכפּאָסטן האָט געפרעגט ווער ס׳האָט געזונגען און אָנגעהויבן זיך דורכשטופּן אין מיין ריכטונג. אַלע זענען פאַרשטאַרט געוואָרן פון שרעק, מ׳איז געווען זיכער אַז כ׳וועל באַצאָלן מיטן לעבן פאַר דעם יום־כיפּורדיקן געבעט. דער וועכטער האָט אָבער יאָ געוווסט ווער ס׳האָט געזונגען. צוקומענדיק צו מיר, האָט ער מיר דערלאַנגט זיין פלאַש און דערלויבט צו טרינקען, פרעגנדיק פריער, צו כ׳בין דורשטיק.

דריי טעג און דריי נעכט האָט געדויערט די מוראדיקע רייזע קיין וואַרשע. דער לאַגער ווו מ׳האָט אונדז איינגעאָרדענט, האָט זיך געפונען אויף דער גענשע גאַס. אויך דאָ זענען געווען קאַפּאָס, וועלכע מ׳האָט צוזאַמען מיט אונדז געבראַכט פון אוישוויץ.

די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אָפּרייניקן די חורבות פונעם באָמבאַרדירטן און פאַרברענטן געטאָ, נאָכן העלדישן אויפשטאַנד דאָרט. מ׳האָט אויך זיך באַטייליקט אין געוויסע בוי־אַרבעטן. אין די בונקערס און באַהעלטענישן האָבן מיר געפונען זאַכן און עסנוואַרג, וועלכע מ׳האָט באַהאַלטן אויף אַ שלעכטער שעה און געהאָפט אַמאָל דערפון צו געניסן. אויב מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף מענטשן — זענען דאָס געווען לעבעדיקע סקעלעטן. זיי זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער.

אינעם לידיקן געטאָ האָט מען איין מאָל פאַרהאַלטן אַ פרוי מיט אַ ייִנגל. די דייטשן האָבן זיי געפּאַרשט, געוואָלט אַנטדעקן נאָך באַהעלטענישן פון יידן — נאָר די מאַמע מיטן זון האָבן געוווסט צו שווייגן. מען האָט זיי ביידע דערשאָסן.

אינעם חרובן געטאָ זענען געבליבן אַ סך גאַנצע מויערן. אַז די וועכטער האָבן נישט באַמערקט, פלעג איך זיך אַוועקגנבענען הינטער אַזאַ מויער און דאָרט נישט איין מאָל אַנטדעקן אַ גאַנץ געבליבן צימער מיט ספרים־שענק און בילדער פון רבנים, וועלכע זענען נאָך געהאָנגען אויף די ווענט. כ׳האָב געטראַכט וועגן די איינוווינער פון די דירות, די פרומע האַרציקע יידן, וואָס פלעגן יום־ולילה זיצן ביים ספר און לערנען. דאָס איז ביי זיי געווען דאָס גרעסטע גליק... כ׳האָב ווידער אַ קוק געגעבן אויף די בילדער — און דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן פון ווייטיק.

נישטאָ מער דאָס פּוילישע יידנטום — די קרוין פון יידישן פאָלק. אש און שטויב איז געוואָרן פון אַלץ...

מיטן דערנענטערן זיך פון ווינטער, האָב איך געפילט, אַז די פרעסט און קעלטן וועלן מיך אויסענדיקן, אויב כ׳בלייב אַרבעטן אין דרויסן. מיר געלונגט זיך אַריינצובאַקומען אין דער שניידעריי ווו כ׳אַרבעט עטלעכע חדשים. שפּעטער ווער איך איבערגעפירט אויף אַרבעט אין שפּיטאָל, ווו כ׳פאַרבלייב ביזן פאַרלאָזן וואַרשע.

8

אין יולי 1944, ווען די סאָוויעטישע אַרמיי דערנענטערט זיך צו וואַרשע, באַפעלט מען צו עוואַקואירן אונדזער לאַגער. די באַנען האָבן שוין נישט קורסירט ווי מיט אַ יאָר צוריק. מיר האָבן אַ פאַרדאַכט, אַז די דייטשן וועלן אונדז אומברענגען אויפן אָרט. געאַרבעט האָט מען שוין נישט, נאָר די אַפּעלן זענען פאָרגעקומען ווי ביז איצט און די שמירה איז געוואָרן אַ שטרענגערע. סוף־כל־סוף דערהערן מיר דעם באַפעל צו מאַרשירן. מיר ווייסן, אַז די עוואַקואַציע וועט פאָרקומען צופוס. די 300 קראַנקע פון שפּיטאָל זענען דערשאָסן געוואָרן. 400 פון אונדזער קאָמאַנדאָ זענען געבליבן אויף אָפּצוראַמען די טויטע.

דאָס פאַרלאָזן וואַרשע הייבט זיך אָן. באַלאָדנט מיט 2 קאָלדרעס און אַ ביסל פּראָוויאַנט, מאַרשירן מיר אַרויס פון פּוילנס הויפּטשטאָט, באַגלייט פון ביידע זייטן מיט ס.ס.־לייט, בראש פון אַ יונגן כוליגאַן, געוועזענער לאַגער־קאָמענדאַנט אין וואַרשע. די היצן זענען געווען גרויס און שטילן דעם דורשט לאָזט מען נישט. צוליב אָפּגעשוואַכטקייט און דערשעפּונג, קאָנען נישט אַ טייל אינטערנירטע ווייטער גיין. די וואָס פאַלן אום — ווערן גלייך דערשאָסן.

נאָכן אָפּרוען זיך אויף אַ פעלד, האָט מען באַפוילן זיך אויפצוהייבן און ציילן. די רוצחים האָבן ביי אַלע געלעגנהייטן געציילט, ס׳האָט זיך זיי געוואָלט וויסן וויפל זענען שוין אומגעקומען. נאָר איצט איז מיר שווער זיך אויפצוהייבן. איך פיל, אַז מיינע לעצטע מינוטן דערנענטערן זיך. צוויי חברים האָבן בגוואַלט מיך אויפגעשטעלט און אונטערגעהאַלטן. נאָכן אַפּעל בין איך אַוועקגעפאַלן, נאָר אַ גליק, אַז די דייטשן האָבן דאָס נישט באַמערקט. די חברים האָבן מיר ווידער אויפגעהויבן און געהאָלפן גיין. פאַר דער גאַנצער צייט פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן מאַרש, האָבן די מערדער אַלץ געטאָן, אַז מיר זאָלן נישט האָבן וואָס צו טרינקען. אויפן וועג האָבן מיר פאַרביימאַרשירט פיל טייכן און אפילו בעתן רוען, און דווקא נאָענט פון אַ טייך, איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן צו גיין זיך אָנטרונקען. געווען אַזעלכע וואָס האָבן ריזיקירט — און מ׳האָט זיי אויפן אָרט דערשאָסן. די וואָס זענען געשפּרונגען אין וואַסער אַריין, זענען שוין פון דאָרט נישט ארויס קיין לעבעדיקע. דאָס איז פאָרגעקומען נישט ווייט פון לאָוויטש, ביים טייך בזורא.

איין מאָל האָט מען אונדז געהייסן רוען אויף אַ גרויס פעלד, וואָס איז מיר געווען גוט באַקאַנט. יאָ, מיר געפינען זיך איצט ביי קוטנע. מיט אַמאָל האָבן אַ פלייץ געגעבן זכרונות פון די קינדער־יאָרן, כ׳האָב דערזען מיינע עלטערן, די שוועסטער און ברידער, חברים און פריינד. דערמאָנט זיך די שטורמישע יוגנט־יאָרן אין שטעטל און דערנאָך אין קוטנע. עס שוועבן פאַרביי זכרונות פון וויגעלע, פון די געסלעך, פון די יידן, עס דערמאָנען זיך די שבתים און יומטובים. וואָס איז פון דעם אַלעמען געוואָרן?

די ס.ס.־וועכטער זענען ערגעץ אַוועק, געהיטן האָבן אונדז נאָר די קאַפּאָס. נאָר אויך זיי האָבן נישט געלאָזט גיין צום וואַסער. זענען מיר געזעסן און געלעגן פאַרשמאַכטע, אויסגעטרוקנטע און געטרוימט וועגן אַ ביסל וואַסער. ביי איינעם איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו גראָבן מיט אַ שטיקל האָלץ אין דער ערד — און ר׳איז געווען געפּלעפט פון דער אַנטדעקונג, אַז דאָס האָלץ איז געוואָרן נאַס. נישט אַנדערש — פאַראַן דאָ וואַסער. ער האָט נאָך אַביסל געגראָבן און געקענט זיך אָנטרונקען וויפל זיין

הא͏ַרץ הא͏ָט געגלוסט. א͏ַנדערע זענען צו אים צו, כדי געניסן פון דעם אוצר, נא͏ָר די קא͏ַפּא͏ָס הא͏ָבן נישט דערלא͏ָזט קיין צוזאמענלויף. הא͏ָט מען גענומען גרא͏ָבן פא͏ַר זיך — און ס׳הא͏ָט געסטייעט נישט נא͏ָר זיך א͏ָנצוטרינקען, נא͏ָר אפילו זיך א͏ַרומוואַשן. נא͏ָך א͏ַזוי פיל טעג וואנדערן א͏ָן וואַסער, איז די איצטיקע א͏ַנטדעקונג געווען פא͏ַר אונדז ווי א͏ַ נס.

דערווייל זענען א͏ָנגעקומען די ס.ס.־בא͏ַנדיטן און געמא͏ָלדן, א͏ַז איצט וועלן מיר פא͏ָרן מיטן בא͏ַן. איז מען ווידער א͏ַוועק אויפן פעלד וואַרטן אויף דער בא͏ַן. דערווייל הא͏ָט זיך ארא͏ָפּגעלא͏ָזט א͏ַ שלאקס־רעגן און מיר א͏ַלע זענען געווא͏ָרן דורכגענעצט. ענדלעך זענען די וואגא͏ָנען א͏ָנגעקומען. ביים איינשטייגן, הא͏ָט א͏ַ ייד געפּרווט אנטלויפן. הגם ס׳איז געווען פינצטער, הא͏ָט מען באַמערקט דעם אנטלויפנדיקן און אים דערשא͏ָסן.

מיר זענען שוין א͏ַלע אויפגעלא͏ָדנט אויף דער בא͏ַן. נא͏ָר מען פא͏ָרט נישט. מ׳הא͏ָט זיך א͏ָנגעשטויסן, א͏ַז צוליב די פּא͏ַרטיזא͏ַנער וועלכע זענען געווען טעטיק אין יענער געגנט, הא͏ָבן די דייטשן מורא געהאט צו פא͏ָרן בא͏ַנא͏ַכט. פא͏ַרטא͏ָג איז אונדזער בא͏ַן א͏ַוועק אין ווייטערדיקן וועג. מ׳הא͏ָט זיך אין די וואגא͏ָנען עטווא͏ָס אויסגעטרוקנט פונעם רעגן און אויף די ווענט אויסגעהא͏ָנגען די קא͏ָלדרעס זיי זא͏ָלן זיך איבערטרוקענען. א͏ַז ס׳איז צוגעפאלן די נא͏ַכט, הא͏ָבן א͏ַ גרופּע יידן פון אונדזער וואגא͏ָן זיך א͏ָפּגערעט צו א͏ַנטלויפן. א͏ַ דא͏ַנק דער פינצטערניש זענען זיי ארונטערגעקרא͏ָכן הינטער די קא͏ָלדרעס און אויפגעריסן די קרא͏ַטעס פון פענצטערל — און גענומען שפּרינגען פונעם לויפנדיקן צוג. זיכער וואָלט א͏ַ גרויסער צא͏ָל געלונגען צו אנטלויפן, ווען נישט די פא͏ַרעטערישע הא͏ַנדלונג פון א͏ַ פויער, וועלכער הא͏ָט כלומרשט גאסטפריינדלעך אויפגענומען ביי זיך צוויי א͏ַנטלא͏ָפענע און בא͏ַלד א͏ַוועק מעלדן אין נא͏ָענטסטן פּא͏ָסטערונעק וועגן די „געסט“. מ׳הא͏ָט די צוויי יידן געכא͏ַפּט און צוגעשטעלט צו דער נא͏ָענטסטער סטא͏ַציע, ווו אונדזער טרא͏ַנספּא͏ָרט איז געשטא͏ַנען. מ׳הא͏ָט געציילט און געציילט אין ווא͏ַגא͏ָן, ביז מ׳הא͏ָט פעסטגעשטעלט, א͏ַז עס פעלן עלף מענטשן. די דייטשן הא͏ָבן מערדערלעך צעשלא͏ָגן די צוויי צוריק געבראַכטע יידן און זיי א͏ַריינגעווא͏ָרפן אין ווא͏ַגא͏ָן, וועלכער איז בא͏ַשטרא͏ָפט געווא͏ָרן אויף דריי טעג נישט צו בא͏ַקומען קיין עסן און טרינקען. א͏ָנקומענדיק אין לא͏ַגער דא͏ַכאו, הא͏ָבן מיר געזען די טרא͏ַגישע רעזולטא͏ַטן פון דער שטרא͏ָף: עטלעכע זענען א͏ַרא͏ָפּ פון זינען, א טייל איז געשטא͏ָרבן אין ווא͏ַגא͏ָן און די איבעריקע זענען געווען א͏ַזוי א͏ָפּגעשווא͏ַכט, א͏ַז איינער הא͏ָט דעם א͏ַנדערן נישט דערקענט. איך הא͏ָב געפילט, א͏ַז איצט דערנענטערט זיך מיין סוף.

מיט קלעפּ בא͏ַפעלט מען אונדז אויסשטייגן פון די ווא͏ַגא͏ָנעס. אויף איין א͏ָרט טיילט מען ווא͏ַרעם וואַסער. מיטן לעצטן ביסל כוחות הא͏ָב איך זיך דערשלעפּט א͏ַהין און צופעליק דערזען א͏ַ בא͏ַקא͏ַנטן קא͏ַפּא͏ָ, וועלכער הא͏ָט בא͏ַוויליקט מיר צו געבן א͏ַ ביסעלע וואַסער. ס׳איז אין מיר א͏ַריינגעטרעטן נייער מוט און ווילן נישט אונטערצוגעבן זיך די מערדער, זיי איבערלעבן.

9

15 טעג הא͏ָט מען אונדז געהא͏ַלטן אין דא͏ַכא͏ַו אין קא͏ַרא͏ַנטין. שפּעטער איז מען געווא͏ָרן איבערגעפירט אין א͏ַ לא͏ַגער וואָס איז געשטא͏ַנען טיף אין ווא͏ַלד. מיר הא͏ָבן אים טא͏ַקע גערופן „ווא͏ַלדלא͏ַגער“. דא͏ָרט איז נא͏ָך גא͏ָרנישט געווען. מיר הא͏ָבן ערשט בא͏ַדא͏ַרפט אויפשטעלן דעם לא͏ַגער. שפּעטער אויפבויען אונטערערדישע פא͏ַבריקן, די א͏ַרבעט איז געטא͏ָן געווא͏ָרן אין א͏ַ לויפטעמפּא͏ָ. געא͏ַרבעט הא͏ָט מען אין צוויי שיכטן, בא͏ַטא͏ָג און בא͏ַנא͏ַכט. נא͏ָר די כוחות זענען געהאט עטווא͏ָס צוריק געקומען נא͏ָך די 15 טעג קא͏ַראנטין. געהיטן זענען מיר געווא͏ָרן דורך ציווילע דייטשן, וואָס אייניקע פון זיי זענען געווען נישט ווייניקער ברוטא͏ַל און סאדיסטיש ווי די ס.ס. א͏ַז מיר איז געשווא͏ָלן געווא͏ָרן א͏ַ הא͏ַנט, הא͏ָט א͏ַזא͏ַ דייטש געדרא͏ָט מיט דערשיסן, אויב כ׳וועל ווייטער נישט א͏ַרבעטן. מיינער א͏ַ בא͏ַקא͏ַנטער הא͏ָט מיך איינגעא͏ָרדענט אין שפּיטא͏ָל — און כ׳הא͏ָב דא͏ָרט געא͏ַרבעט ביז דער בא͏ַפרייאונג.

דעם 2טן מאי 1945 זענען מיר בא͏ַפרייט געווא͏ָרן דורך די א͏ַמעריקא͏ַנער. דעם 23טן מאי בין איך שוין געווען אין פּאריז און צו מיין גרויסן גליק געפונען דא͏ָ מיין פרוי מיט די דריי קינדער. נא͏ָבעלע פראנצויזן הא͏ָבן זיי אויסבא͏ַהא͏ַלטן און א͏ַ דא͏ַנק דעם זיך געראטעוועט פון די היטלעריסטישע לא͏ַפּעס. א גרויסער טייל יידן אין פרא͏ַנקרייך הא͏ָט צו פא͏ַרדא͏ַנקען זייער לעבן דער מענטשלעכער הא͏ַנדלונג פון פיל פיל פראנצויזן.

*

א͏ַזא͏ַ איז בקיצור מיין דערציילונג וועגן גורל פון די יידן אין פרא͏ַנקרייך בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אויפן סמך פון מיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען. כ׳הא͏ָב זיך בא͏ַמיט איבערצוגעבן די וויכטיקסטע פּרטים פון יענע פינצטערע טעג און אויך דערמא͏ָנען די א͏ַלע לאנדסלייט, וועלכע כ׳הא͏ָב בא͏ַגעגנט אויפן וועג פון יסורים און פּיין, און וועלכע זענען אומגעקומען מיט א͏ַלע מיתה־משונהס וואָס די נא͏ַצי־רוצחים הא͏ָבן צוגעטרא͏ַכט פא͏ַר אונדזער פא͏ָלק.

מחנה המוות חאלמנו

(על מחנה המוות הגרמני חא͏ָלמנו, בו מצאו את מותם האכזרי יהודי קוטנה והסביבה, — אנו מוצאים מסופר ב„ספר מלחמות הגיטאות“, הוצאת הקיבוץ המאוחד, בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון, ערוך בידי יצחק צוקרמן, משה בסוק. ניסן תשי״ד, 1954. עמ׳ 594—598).

בשלהי דצמבר 1941 הוקפה העיר קולו ע״י יחידות גרמניות. היהודים הובהלו מבתיהם אל בית היודנראט, שהיה בבנין סמוך לבית־הכנסת. הגיעו אוטומובילים ויהודים יצאו מתוך הבנין, הם ומשפחותיהם, וצרורות בידיהם. ביציאה עמד שולחן ואליו הסב קצין ס.ס. ובידו רשימת כל היהודים יושבי קולו, וכל אשר נקרא בשמו, נצטווה להיכנס אל תוך האוטומוביל. בכל אוטומוביל הוכנסו ארבעים איש בערך. את הצרורות הטעינו על קרון־גרר. השומרים וכן חברי היודנראט אמרו, כי המוסעים יובלו לעבודה בקו מסילת־הברזל. בשני אוטומובילי־המשא שהובילו יהודים, נהגו גרמנים. במשך היום הוצאו כאלף איש. בין המלווים היה הפולקסדויטשא סיודה מגושצ׳יא͏ֶלא͏ֶץ, ששירת בעת ההיא במשטרה הצבאית. הוא אמר להם ליהודים: „אל תפחדו, מובילים אתכם לתחנת בארלוגי ומשם תצאו מזרחה“. היהודים תושבי העיר הכירו אותו והאמינו לדבריו. כל מכונית חזרה במשך היום 10—12 פעמים, ודבר זה הוסיף תוקף להשערתנו, כי אמנם מובלים היהודים לא־הרחק מקולו.

אני לא הייתי בין המובלים, וטעמו של דבר: בעת ההיא רשום הייתי בבוגאי, שבמחוז קולו, ולא נמצאתי כלל ברשימת יהודי קולו. הבאתי אל האוטו את אבי, אמי, אחותי עם חמשת

ילדיה, את אחי ואשתו עם שלושת ילדיהם. עזרתי להם באריזת החפצים והטענתם על קרון הגרר. בחפץ לב הייתי עד להשתדלותו של יהודי אחד, גולדברג שמו, בעל מנסרה בסביבת קולו, שלאחר שילוח בנו, הפציר בהם, בשלטונות הגרמניים, למנותו מנהל התחנה של קולו. הם הבטיחו לו זו המשרה.

יום אחד בא במקרה לבית היודנראט איזה נער, וסיפר כי את היהודים מובילים לא לבארלוגי כי אם לחאלמנו, — במו עיניו ראה זאת. על כך השיבו הגרמנים, כי שם רק ממיינים את היהודים, ואת החזקים יותר בוחרים לעבודה במערב. ובכך נרגעו הרוחות. לאחרונה הוצאו החולים. לנהגים ניתנו הוראות לנסוע לאט ובזהירות. האקציה בקולו נמשכה ארבעה־חמישה ימים.

בתחילת ינואר 1942 נלקחתי, יחד עם עוד ארבעה־עשר יהודים, אל תחנת המשטרה ונעצרתי באשמת בריחתו של דודני מרדכי פודחלֶבניק.

בשבת בשעה ארבע אחר־הצהרים הגיעה מכונית־משא ובה חמישה־עשר יהודים מאיזביץ. אותה שעה הגיעה מכונית־נוסעים ובה קצין הס.ס., שהיה ידוע לי מזמן האקציה בקולו (הוא־הוא שהיה מוחק מן הרשימה שבידו את שמות הבאים לתוך האוטומו־בילים). העלו אותנו על מכונית־המשא ויחד עם יהודי איזביץ הובלנו לחאלמנו.

הגענו אל שטח הפארק שליד הארמון בחאלמנו. כל השטח גדור היה בגדר קרשים שנעשתה לא מזמן, כשלושה מטרים לגובה. צפופה היתה הגדר ולא ניתן לראות בעדה דבר מן הנעשה בפנים. השער נפתח והמכונית נכנסה ונעצרה ליד הארמון. בשעת הכניסה לחצר, הרימותי קצת את האברזין והבחנתי בערימה של בגדים משומשים. ירדנו. בין שורות של אנשי ס.ס. הובלנו למרתף, כשהם ממריצים אותנו בקתות הרובים ובצריחות. ספרו אותנו ונעלו את דלת המרתף מאחורינו.

כל אותו השבוע לא נתארע דבר. כלואים היינו בתוך המרתף באפס מעשה. עביט שהוצב לעשיית צרכים, היה מוצא ע"י אחד מאתנו תחת משמר חזק. דבר אחד יכול הייתי להבחין: בכל מקום ניצבים משמרות חזקים.

על קירות המרתף היו כתובות מרובות. בין השאר היתה שם כתובת באידיש: „כל הבא לכאן — שוב לא יצא חי". לא עוד השלינו את עצמנו לאשר צפוי לנו.

בבוקרו של יום ב' נלקחו מאתנו שלושים איש לעבודה ביער. עשרה, ואני בתוכם, נשארו במרתף. חלון קטן קבוע היה במרתף, אך כולו מוגף קרשים. בשעה שמונה הגיעה מכונית לארמון. שמעתי קולו של גרמני, הפונה בדברים אל הבאים. בין השאר אמר: „אתם תסעו מזרחה, שם מצויים הרבה מקומות־עבודה. אין לכם אלא להחליף את בגדיכם בנקיים שיינתנו לכם ולהתרחץ". נשמעו מחיאות־כפיים. מקץ שעה קלה הבחנו ברגלים יחפות רצות במסדרון המרתף, בסמוך למקום כליאתנו. כן הגיעו אלינו קולות הגרמנים: „מהר, מהר!" אין זאת כי אם דרך המסדרון מעבירים את היהודים לתוך החצר הפנימית. פתאום שמעתי חריקת דלת בהיסגרה. נשמעו צעקות, דפיקות בדופן המכונית. אחר כך שמעתי כי מניעים את המכונית ולאחר 6—7 דקות, משנדמו הצעקות, יצאה המכונית את החצר.

אותה שעה נקראנו אנחנו, עשרת הפועלים היהודים, למעלה, אל חדר גדול שעל רצפתו היו מוטלים בערבוביה בגדי גברים ונשים, מעילים ונעליים. נצטווינו להוציאם מהר אל חדר אחר, שהיה כבר משופע בגדים ונעליים. את הנעליים סידרנו בערימה מיוחדת. בגמר עבודתנו הובהלנו חזרה למרתף. ושוב הגיעה מכונית וחזר הכל כמתואר למעלה. וכך יום תמים.

לעת ערב משחזרו החברים מעבודתם ביער, סיפרו כי קברו בקבר אחים גדול את יהודי קלודאבה. את הגוויות הוציאו מתוך אוטומובילים גדולים צבועים שחור, בתוכם הומתו היהודים, כפי שמסתבר, בגאזי רעל. הגוויות כולן היו עטופות לבנים, ובתוך המכונית התגוללו מגבות וחתיכות סבון. דבר זה חיזק את השערתי שלאחר התפשטם, ניתנו ליהודים מגבות וסבון והובאו אל המרתף ל„רחיצה" כביכול. שלושה־ארבעה מקבוצת העובדים ביער לא חזרו אותו יום: לא הניחו את הדעת והומתו ביריה בו במקום.

למחרת היום הייתי אף אני בין היוצאים ליער. בצאתי הבחנתי באוטומובילים גדולים שעמדו בקצה החצר ואחוריהם כלפי הארמון. דלתותיהם פתוחות היו ולוחות היו מונחים להקלת הכניסה לתוכם. השגחתי שעל הרצפה היה סורג של עץ, כמות שמצויים במרחצאות. הכניסו אותנו שלושים פועלים לתוך שני אוטומובילים, אחד של משא והשני של נוסעים, והוסענו אל היער שמאחורי חאלמנו. כשלושים אנשי ס.ס. היו לנו למשמר. ביער היתה שוחה כרויה, קבר־האחים הגדול ליהודים המומתים. נצטווינו לכרות השוחה ולהאריכה, ולשם כך ניתנו לנו מכושים ואתים.

בשמונה בבוקר הגיע האוטומוביל הראשון מחאלמנו. בהיפתח דלתותיו, פרץ עשן חיוורין־כהה. נאסר עלינו אותה שעה להתקרב אל האוטומוביל, אף לא להביט לעבר הדלתות הנפתחות. אך השגחתי, כי עם פתיחת הדלתות, הסתלקו הגרמנים מהר מן האוטומוביל. קשה לי לקבוע טיבם של הגאזים שפרצו מתוך האוטומוביל. עומדים היינו במרחק די ניכר, והריחות לא הגיעו לאפנו. במסכות־גאז לא השתמשנו. כעבור שלוש־ארבע דקות עלו אל המכונית שלושה יהודים והשליכו מתוכו את הגוויות. בפנים האוטומוביל היו המומתים מוטלים זה על גבי זה בערבוביה ומילאו כחצי חללו. מהם — מחזיקים בזרועותיהם את הנפשות היקרות להם; מהם — עדיין יש בהם רוח חיים, ואנשי הס.ס.



אבן־זכרון בחלמנו שהוקם ע"י ממשלת פולין

אנדענק־שטיין אין כעלמנאָ, אויפגעשטעלט דורך דער פּוילישער רעגירונג

מקרבים קיצם ביריות אקדח; מי שנורה בראשו ומי בעורפו. לאחר שהוצאו כל הגוויות, חזר האוטומוביל לעבר חאלמנו.

בצהרים ניתן לנו אוכל. נצטווינו לצאת מן השוחה בלי האתים ולהסתדר במעגל. אף אנשי הס.ס. כבר היו מסודרים במעגל שני. ניתן לנו קפה שחור והאוכל שהביאו אתם היהודים בצרורותיהם. אותו ערב, לאחר העבודה, תלה את עצמו במרתף קשיוואצקי, איש קלודאבה, ועוד יהודי אחד, שאיני זוכר שם־משפחתו. ביקשתי לעשות כמותם, אך שידלוני לא לעשות כן.

...שעה שהיינו נוסעים לעבודה שמתי לב, כי חלון אחד של מכונית ניתן להיפתח. מסרתי על כך לחברי וינר מאיזביץ והצעתי תכנית של בריחה. החלטנו לבצע את הדבר למחרת היום; בשעת הנסיעה לעבודה נקפוץ בעד החלון ונברח אל היער. למחרת, בכניסתנו לאוטומובילים, הפרידו בינינו. אני הוכנסתי במכונית־משא, והוא, וינר, באוטובוס. החלטתי לברוח לבדי. כאשר המכונית כבר היתה ביער, פניתי אל השומר המלווה בבקשה שיתן לי סיגריה. כשקיבלתי את הסיגריה, נרתעתי והחברים הקיפו את השומר בזה אחר זה — ביקשו אף הם סיגריות. בתנועת־פתע מהירה חתכתי בסכין, שהיה טמון עמי, באברזין שמימין לנהג וקפצתי מתוך האוטומוביל. ירו כמה פעמים אחרי והחטיאו. לאושרי לא היה אוטובוס מאחורינו, באופן שירו רק מתוך מכונית־המשא.

דבר העדרו של האוטובוס עורר בי השערה, שווינר ברח ומחמת כך נעצר האוטובוס כדרכו. ברוצי ביער, ניסה אי־מי, אזרח רכוב על אופניים, לעצרני אגב יריות באקדח. נמלטתי. התגנבתי לתוך איזו גורן והתחבאתי בשחת. בבוקר שמעתי קול אנשים ליד הגורן. עומדים ומסיחים שהגרמנים מבקשים יהודים שברחו. מקץ יומיים, ושום דבר־אוכל לא בא אל פי, יצאתי בהתגנב מן הגורן ושמתי פעמי לכיוון גראבוב. בדרך סרתי לביתו של איכר אחד (לא אדע את שמו), והוא נתן לי כובע־איכרים, גילחני והורה לי את הדרך.

בגראבוב מצאתי את וינר מאיזביץ.

מגראבוב יצאתי לזאֶשוב ונותקו קשרי עם חאלמנו. וינר אבד, כפי הנראה, בסביבות זאמושץ׳, בשנת 1944.

מיכאל פודחלאבניק

2

...כשנתקרבו צבאות הסובייטים, הוחל בחיסולם של אחרוני היהודים. הוצאו חמישה־חמישה, נצטוו להשתטח על הארץ ונורו בערפם. הפעם התמרדו היהודים. אחד מהם, מרדכי ז׳וראבסקי, סכין בידו, פרץ את משמר הז׳נדארמים וברח לעיניהם, ולא עלתה בידם למצאו. כמה יהודים, חייטים, פרצו דלת המובילה למטה, וכשבאו נגדם שני גרמנים (בתוכם לאנץ) נהרגו בידי היהודים. מיקלעים כוונו לפתח המרתף והוחל לירות בתוכו. אותה שעה עצמה הועלה המחסן באש.

כך ניספו אחרוני היהודים בחאלמנו.


מישצ׳אק אנדז׳יי

3

בספטמבר־אוקטובר 1944 הוחל בחיסול המחנה, הכבשנים נהרסו ואת עיי־המפולת פיזרו בדרכי היער. „מכוניות־המוות" נשלחו לברלין. מיספר הפועלים בחאלמנו הלך ופחת. יום אחד נשלחו משם 60 פועלים למחנה אחר, כביכול, אך למעשה הומתו כולם. מצאנו אחר־כך את בגדיהם במקום ההריגה. בחאלמנו שוכנו הפועלים במחסן. למעלה נמצאו החייטים והסנדלרים, ולמטה הסתדרו העובדים במקום והעובדים ביער.

בשבעה־עשר בינואר 1945, בלילה, נכנס לאֶנץ אל המחסן וקרא אליו החוצה חמישה אנשים. כעבור רגע נשמעו חמש יריות. ידענו שכולנו אבודים, וסופנו כלים אחד־אחד. בקרש שבידי הקשתי בתקרה להזעיק את החייטים והסנדלרים שמלמעלה. החלטתי להימלט ויהי מה. עם סכין ביד ניצבתי ליד הדלת מאחורי פרגוד השמיכה. משהוצאה החמישיה הרביעית והדלת נסגרה, הסתערתי במלוא התנופה על הדלת, והפלתי, כנראה, את לאֶנץ שסגרה. רצתי בכל כוחותי, מכה בסכיני על ימין ועל שמאל. כאחוז־טירוף הייתי. כפי שנודע לי אחר־כך, קטמתי חטמו של ז׳אנדראם אחד ואת אזנו של אחר. ירו אחרי, וכדור אחד פגע בבשר שוקי הימנית. ספגתי גם חבטה הגונה מקת רובה של ז׳אנדראם אחד, אך המשכתי לרוץ. טיפסתי ועברתי את הגדר, ותוך כדי כך פצעתי יד ימיני עד לעצם, ורצתי לעבר היער. החלו לרדוף אחרי. בשכבי בתעלה אחת, שמעתי קולותיהם של שני ז׳אנדארמים רוכבי־אופניים, כשהם מזעיקים את תושבי הסביבה ומודיעים על בריחתי. משנעלמו, קמתי ורצתי עד שהגעתי אל הכפר אומייק. הסתתרתי בגורן לילה ויום שלם. בשעת הבריחה הסיבותי עיני וראיתי כי המחסן עולה באש. שמעתי גם קול יריות משם. את הכבלים השלכתי מעלי עוד בהיותי במחסן, קודם לבריחה. שמורים היו אתי מספריים גדולים גוזרי־תיל, בהם ניתקתי את החוטים המקשרים את החוליות.

מרדכי ז׳וראבסקי



רשימת היהודים האחרונים שעבדו בחלמנו
רשימה פון די לעצטע יידן, באַשעפטיקטע אין כעלמנאָ

בחזיתות ובמחתרות האנטי־נאציים • אויף די פראנטן און אנטי־נאציישן אונטערגרונט


בני קוטנה במלחמת העולם השניה

אפרים וייכסלפיש
תל־אביב

רבים מבני הנוער היהודי הקוטנאי גוייסו ונטלו חלק בחזיתות השונות במלחמת העולם השנייה, נגד האוייב הנאצי. היתה זו מלחמת בזק. הצבא הגרמני כבש ערים וארצות בזו אחר זו, וכבר בימים הראשונים עמד בשערי בירת פולין — וורשה. כבר אז חזו היהודים את מלוא משמעותה של הפלישה הנאצית ואת אשר היא נושאת בכנפיה בשביל יהודי פולין בערים ובעיירות.

קוטנה השוכנת על צומת מסילת־הברזל המחברת את מזרחה ומערבה של פולין שימשה מטרה חשובה לפולש הנאצי. הם הפציצו את תחנת־הרכבת הקוטנאית, כבר בימיה הראשונים של המלחמה ובהפצצה זו נפלו קורבנותיה הראשונים של קוטנה:

ביחידה הצבאית שנלחמה על־יד העיר לוביץ ונהר בזורה שרתו רבים מבני קוטנה. הגרמנים שהסתערו בעוצמה רבה על



קבוצת חיילים יהודיים מקוטנה בצבא הפולני, ב־1939. כולם ניספו.
אַ גרופּע קוטנער יידישע זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי, 1939.
אַלע אומגעקומען.

העיר הזאת והפציצוה יומם וליל. מול הטאַנקים הגרמנים נאלץ הצבא הפולני לסגת, ובקרב נפלו מות גיבורים הקוטנאים: פנחס לייכמן, מאיר פסט, אברהם סטוצ׳ינסקי, אברהם שטיפט, בוקי ליפסקי וביברגל.

בהגנה על עיר הבירה וורשה הצטיינו בגבורתם רבים מבני קוטנה הצעירים. הם ידעו והבינו יפה את משמעותה של הפלישה הגרמנית בשביל המוני בית־ישראל ולחמו כאריות על הגנת הבירה הפולנית. אך כידוע מר היה גורלה של וורשה ושבעים ושבעה מר היה גורל יהודי וורשה, שכעבור כמה שנים הוצמתו והושמדו ברעב, במגפות, ברצח ובמחנות ההשמדה. רק שרידי היהודים בוורשה הרימו את נס המרד נגד הרוצח הגרמני ולא הלכו עוד כצאן לטבח.

אולם בני קוטנה לאחר התפוררות החזית והשתלטות הגרמנים החלו להצטרף לפלוגות הפאַרטיזאנים שפעלו ביערות. אחרים שוב — החליטו לנדוד מזרחה, לעבר רוסיה בבקשם שם מקלט בפני הרוצח הנאצי. שם הצטרפו לצבא האדום או לפלוגות פארטיזאניות שפעלו ביערות רוסיה ולאחר מכן לצבא הפולני בהנהגתו של הגנראל אנדרס ולצבא הפולני — הדיביזיה הראשונה ע״ש קושציושקו — שהתארגן על אדמת ברית־המועצות. גם בצבא האדום זכו אנשי קוטנה לעלות בדרגה בסולם הקצונה הצבאית הרוסית, כי רבים מהם שימשו מופת בהקרבתם וקנאותם במלחמתם נגד משמידי עמם. אולם חלק מיוצאי קוטנה אלה לא זכו לראות במפלה ובהדברת החיה הנאצית כי נפלו בקרב.

ואלה בני קוטנה אשר לחמו בחזיתות השונות נגד הצורר הנאצי:

ישעיהו אלטמן — לחם בחזית ורשה כקצין בחיל־רגלים. כיום מורה בבית־ספר תיכון בחיפה.

דוד אספרשטיין — בוגר עם הספר, חניך השומר הצעיר, לחם בשורות הצבא הפולני בחזית וורשה כרופא.

אפשטיין — גויס לצבא הבריטי ושירת בבריגדה היהודית שלחמה באיטליה ובגרמניה.

מנדל ארדברג — חניך בית״ר. הגיע ארצה בעלייה „בלתי־לגאלית״. התגייס לצבא הבריטי ונשבה בחזית יוון בשנת 1941. לאחר השיחרור נטל חלק בהגנת תל־אביב והשתתף במלחמת השחרור.

ביברגל — נולד בשנת 1912. עם פרוץ המלחמה גוייס לצבא והשתתף בקרב על נהר בזורה. נפל מות גיבורים.

אברהם בנט — נולד ב־1931. חניך בית״ר ונמנה על הציירים הצעירים בעיר. נפל על הגנת קוטנה.

מנשה גרינבוים. — יליד 1900. לחם בחזית וורשה, נפצע קשה בקרב ומת בבית־החולים.

פישל גרינבוים — נולד בשנת 1900. לחם בחזית לוביץ ובחזית וורשה. נפל בשבי הגרמני ולאחר בריחתו משם חזר לקוטנה. נספה בחלמנו עם בני קהילתו.

הירשברג טוביה — נולד ב־1917, חניך בית״ר. נהרג יחד עם אברהם ברנט בהפצצת קוטנה מיד עם פרוץ המלחמה.

אפרים וייכסלפיש — בן משה, חניך בית״ר. גוייס להגנת וורשה. ברח לרוסיה וגוייס לצבא האדום. השתתף בקרבות בדרגת קצין ונשלח כקצין לארגן הדיביזיה הראשונה של צבא אנדרס. נפצע קשה בקרב לנינו בחזית הביילורוסית. לאחר השחרור נתמנה מטעם הצבא הפולני למושלה הצבאי של העיר לובלין. שם אירגן את שרידי־הפליטים של הנוער היהודי ולאחר פגישתו עם חיילי היחידה היהודית הלוחמת אירגן הבריחה בפולין — אוסטריה — איטליה.

שמואל ויכסלפיש נולד בט׳ באב תרע״״ט (1919) בעיר קוטנה, למשפחה מיוחסת, לר׳ ישראל־משה ואמו תמר. בצעירותו למד בגימנסיה „עם־הספר״ ולאחר מכן בגימנסיה „ברודה״ בלודז׳. מנעוריו פעיל בבית״ר.

פרוץ המלחמה מוצאת אותו ואת אחיו הצעיר אפרים, בדרכם לארץ־ישראל אך הם הגיעו רק לגבול הרומני, לזלשצ׳יקי ונאלצו לחזור לוורשה. לאחר זמן קצר יוצא הוא יחד עם קבוצת חברים מבית״ר לעבר רוסיה. קשה למדי היה להסתגל למשטר החיים ברוסיה, אך למרות זאת הצטיין בעבודתו כאגרו־טכנאי בסובחוז ואף זוכה לפרס בעד עבודתו. לאחר התנפלות הגרמנים על ברית־המועצות הוא מתגייס לצבא האדום ונלחם בחזית סטאלינגראד

בדרגת קצין. כמפקד יחידה מגן ש. ויכסלפיש על ביח״ר לטראקטורים ומשחרר את הגישה לנהר וולגה.

כקצין בצבא־האדום נוטל הוא חלק בשיחרור פולין ומשחרר עיר אחר עיר ורואה את ההרס, החורבן והמוות שזרעו החיות־הנאציות בעת שלטונם. הוא משתחרר מהצבא האדום ב־1945 וכאזרח פולני חוזר לפולין, שם פוגש את אחיו היחידי, שנותר מכל בני משפחתו, פצוע ומשרת כקצין שירות הבטחון הפולני. נוכח בית הקברות הגדול ששמה פולין, בה ניספו כל בני משפחתו, וכל יהודי פולין, גמלה בו ההחלטה, כי כיהודי בעל הכרה לאומית, אין מקומו עוד בארץ ארורה זו. הוא גמר אומר לעלות לארץ־ישראל. למרות הקשיים המרובים עובר שמואל את הגבולות ומגיע לאוסטריה. שם הוא מארגן פלוגות בית״ר ומטיף להם את תורת ז׳בוטינסקי „לערנט אייך קינדער שיסן״. אחרי קטטה עם נאצים, בה הוא נתן להם להרגיש את נחת זרועו עובר שמואל באורח בלתי־ליגאלי את גבול איטליה ומשם מגיע לקפריסין. גם במחנות הפליטים בקפריסין אין שמואל שוכח את תורת בית״ר ומארגן שם פלוגות הגנה. אנשי פלוגתו חופרים מנהרה ובורחים ממחנה הפליטים. הקבוצה מגיעה ארצה עם פרוץ הקרבות של מלחמת השיחרור ומיד צורפה לגדוד 5 של הפלמ״ח. שוב נלחם שמואל בחזית, אך הפעם זו היא חזית ירושלים. על־אף היותו בעל דרגת קצונה, אין איש יודע על כך ועובר קורס קצינים ואף בצבא הגנה לישראל מגיע הוא במהרה לדרגת קצין בכיר. אחרי מבצע סיני הועלה לדרגת רב־סרן ומשרת בצה״ל עד היום.

פנחס (פאוול) הרשברג - פרטיזן ומפעילי הבריחה

נולד בקוטנה בשנת 1921. בוגר „עם־הספר" והגימנסיה העברית בוולוצלבק. ב־1939 ברח לרוסיה־הלבנה ושימש כמורה במחוז ברנוביץ׳. עם כניסת הגרמנים ב־1941 ברח ליערות ונמנה עם מיסדי וראשוני התנועה הפרטיזנית ביערות נליבוקי. בתור מפקד כיתה השתתף במיקוש רכבות, פיצוץ גשרים, חבלות בדרכי הקישור וחיסול מיפקדות גרמניות ביערות הסביבה.

מתחילת שנת 1944 עורך עלון מחתרתי, ששוכפל והופץ בין כל בריגדות הפרטיזנים בסביבה והתושבים הכפריים. בחדש יוני של שנת 1944 התאחדו כוחות הפרטיזנים ביערות נליבוקי עם יחידות־קשר של הצבא האדום והוא התגייס בו במקום לשירות צבאי סדיר. השתתף בקרבות והגיע עם הצבא האדום, בדרגת רס״ר, למבואות העיירה סוקולי, שם נפצע קשה בשתי רגליו.

חזר עם ה„רפטריאציה" לפולין והקדיש שנתיים לעבודה בקרב „עליית הנוער". עמד בראש בית הילדים בלודז׳, דרכו עברו — בעלייה ארצה — מאות ילדים יהודיים ממנזרים, מבתי פולנים ומן הרחוב.

מאות מחניכיו חיים כיום בקיבוצי הארץ, במושביה ובעריה. עם קבוצת הילדים האחרונה הגיע לצרפת ומשם, באניה „נחשון הקסטל", לקפריסין. בעת ההפוגה הראשונה הגיע ארצה. הוענק לו „אות ההגנה" עבור עבודתו בבריחה ובעליית הנוער ארצה. מיום בואו ארצה, ב־1948, ועד היום משמש כאחד מפקידיה הבכירים של מערכת הבטחון.

אבא ורשבציק — חניך בית״ר. כאזרח ארצישראלי התגייס לצבא הבריטי ונפל בשבי הגרמני בחזית יוון — היום באמריקה.

יהודה משה וידבסקי — השתתף בהגנת וורשה. יחד עם גדודו נפל בשבי לאחר כניעת וורשה. חזר לקוטנה וגורלו היה כגורל כל בני קהילתו.

זלמן זומר — עסקן באיגוד המקצועי בקוטנה. גויס לצבא פולין על אדמת רוסיה. השתתף בקרבות ונפצע. לאחר השיחרור היגר לאמריקה. ביקר בישראל.

חיים זקשבסקי — חבר המפלגה הקומוניסטית. גויס לצבא הפולני ועלה לדרגת קצין. נפל בקרב בשנת 1942.

טאוב ישעיהו — סרן בצבא פולין. שבוי בידי הגרמנים עד סוף המלחמה. לאחר השחרור עלה ארצה וכיום מורה בבית־ספר תיכון.

אליעזר טיגר — חניך בית״ר. גוייס לצבא פולין ברוסיה. השתתף בכיבוש וורשה. עתה באמריקה.

צבי (הירש) כהן — חניך בית״ר. גוייס לצבא אנדרס ברוסיה ועלה לדרגת סרן. השתתף בכיבוש ברלין. היום באמריקה.

לייכמן פינחס — נפל ע״י בזורה.

שמואל בן יעקב פלק. — נולד בשנת 1920 בקוטנה. למד בגימנסיה בקוטנה, ולאחר מכן למד בגמנסיה בוולוצלאבק. מילדותו חבר אירגון „מכבי" ואחד ממדריכיה בקוטנה. נפצע בחזית ווארשה והועבר על־ידי הגרמנים לבית־חולים. הוא חזר לקוטנה ומשם ברח לרוסיה והגיע עד למברג.

ברוסיה הוא גוייס לצבא הפולני של הגנראל אנדרס, שם צורף לחיל־האוויר והועבר לבריטניה. השתתף בהפצצות חיל־האוויר האנגלי על ערי גרמניה עד נופלו בשבי הרגמנים בשנת 1944.

לאחר גמר המלחמה זכה בסטיפנדיה מטעם הממשלה הבריטית ושוב חוזר לבריטניה לשם השתלמות. עם פרוץ מלחמת השיחרור עלה ארצה, כדי להשתתף בה, גוייס לחיל האוויר הישראלי שעמד בראשית התארגנותו.

ליפסקי — נפל בשורות הצבא הפולני על נהר בזורה.

גצל מושקוביץ — .גוייס לצבא הפולני. השתתף בקרבות. עלה לדרגת סגן.

אברהם סטוצ׳ינסקי — נפל בקרב על עיר לוביץ.

מאיר פסט — השתתף בקרב כידונים ליד לוביץ ושם נפל.

פישל פריזלר — השתתף בקרב על וורשה. לאחר שנפל בשבי הגרמני ברח משם לרוסיה. גוייס לצבא האדום ולחם בחזית האוקראינית. נפל בקרב על קייב.

הרמן צלמנסקי — גוייס ברוסיה לצבא הפולני. השתתף בקרב על שיחרור וורשה. כיום תושב קנדה.

פקולסקי דוד — נולד ב־1915 בקוטנה. חניך תנועת הנוער הציוני. לחם בשורות הצבא האדום ונפצע קשה ב־1945 בחזית קניגסברג. עלה ארצה ב־1957. נפטר ב־1963.

מיכאל ראש — חניך השומר הצעיר, גויס לצבא פולין על אדמת רוסיה, נפל בקרב על נהר ויסלה ב־1944.

צבי קלינברג — גויס לחיל הפרשים בפרוץ מלחמת העולם השניה. השתתף בקרב ע״י עיר פוזנן. נפל בהגנת עיר הבירה וארשה.

יצחק קניג — גויס לצבא פולין על אדמת רוסיה. השתתף בכיבושים שונים. שוחרר ב 1945. היום באמריקה.

אברהם שטיפט — גוייס בפרוץ מלחמת עולם. נפל עם ליפסקי בקרב ע״י עיר לוביץ.

זלמן קירשטין — גויס ב־1939. נפל בקרב בעיר זיכלין.

פרוינט — גויס לצבא פולני של אנדרס. נלחם בחזית איטליה.

שפירא — גויס לצבא פולני של גנרל אנדרס. נלחם בחזית איטליה.

מיכרובסקי — חניך בית״ר. הגיע ארצה בעליה בלתי לגאלית. כארצישראלי התגייס לצבא הבריטי. כמלחין השתתף עם להקתו בחזיתות שונות כדי לעודד החילים. ידוע כקומפוזיטור בארץ ובעולם. היום באמריקה.

נחמן פלק — חניך בית״ר בארץ־ישראל וחבר האירגון הצבאי הלאומי. בהיותו למטה מגיל הגיוס הצטרף לצבא הבריטי. לחם ביחידתו תחת דגל עברי. יחידתו הוקרה כיחידה ארצישראלית על דגלה הלאומי. נפצע קשה בחזית איטליה. אחרי סבל רב ורפוי ממושך התהלך על קביים. כשחזר ארצה

התייצב לאצ״ל והיה אחד ממדריכיו. הוא נטל חלק בהרבה קרבות מחתרתיות למרות נכותו. נפל בקרב בי״א באייר עת יצא להתקפה עם קבוצת צעירים, חברי האירגון הצבאי הלאומי ולא חזרו לבסיסם. גורלו ומקום נפילתו לא נודעו עד היום הזה.

יעקב פרנבך — השתתף במלחמת העולם השניה בבריגדה היהודית הלוחמת באיטליה.

יעקב שוורץ — לחם בחזית ווארשה. הצליח לברוח מהשבי. היה פעיל בעליה ב׳ ב־1947—1946.

יהושוע פוקס — גויס לצבא פולין ב־1939 לחיל רגלים. השתתף בקרב ע״י קוטנה־לוביץ. בבריחתו מהשבי נתפס ונשלח לגטו. שם נספה עם כל בני עירו.

בוקי — חניך בית״ר. גויס לצבא בפרוץ המלחמה. נפל מות גיבורים בקרב רובים ע״י נהר בזורה.

וולף נוסאל — גויס לצבא בפרוץ המלחמה, נפל בקרב ליד סוחאצ׳ב, מחוז ווארשה.

זלמניק פאסט — גויס ברוסיה לצבא הפולני של הגנראל אנדרס.

ישראל פאסט — גויס לצבא הגנראל אנדרס ברוסיה.

די לעצטע שלאכט פון קוטנער יידישע זעלנער

זיסקינד ביבערגאַל
ניו־יאָרק

דער חודש מערץ 1939, האָט אויף שטענדיק זיך איינגעקריצט אין אונדזער זכרון: די נאָכגיביקייט פון טשעמבערליין; די רעאַלע געפאַר פון אָנגרייפנדיקן היטלעריזם; פוילן מאָביליזירט אירע מיליטערישע רעזערוון.

שטיל, אין געהיימען טרויער, האָט אין יאָר 1939, זיך צעבליט דער פרילינג אין פוילן. כאָטש די זוניקע טעג האָבן געשיינט, איז עפּעס אַ שטילער אומעט געהאָנגען אין דער לופטן. מענטשן האָבן זיך באַוועגט מיט ארונטערגעלאָזטע קעפּ, אומגעקוקט שטיל, זיך געסודעט, מלחמה אָדער פרידן — איז געווען די הויפּט־טעמע פון אַלע געשפּרעכן. אומבאמערקבאַר, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, האָט זיך דערנענטערט די צייט פון צוזאַמענשטויס און פאַרמעסט.

מיט די מאָביליזירטע פון דער פוילישער אַרמיי, איז אַוועק אונדזער יידישע יוגנט פון קוטנע. אין קוטנע האָט סטאַציאָנירט דער 37טער פוסגייער־פּולק פון פוילישן מיליטער. פון מאָביליזירטע יונגעלייט פון דער אַרומיקער געגנט, האָט מען פאָרמירט אַ צווייטע גרופּע פון 37טן פּולק — רעזערוויסטן, — וועלכע מען האָט אַוועק געשטעלט אין וואָנגראָוויעץ, נישט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ.

פון אונדזער שטוב איז אַוועק דער עלטסטער ברודער לייבל. ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין 37־טן פּולק, קיין וואָנגראָוויעץ. אין די לעצטע זומער־חדשים פון 1939, האָט אונדזער משפּחה נישט געהאַט פון אים קיין שום ידיעה. נאָך אין אָנפאַנג קריג, סעפּטעמבער 1939, ווען דאָס לאַנד איז פאַראַ־



הרב באָרנשטיין, לעצטער קוטנער רב, נעמט אָפּ די שבועה ביי יידישע זעלענער אין דער פוילישער אַרמיי, אין 1939, פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט.

הרב בורנשטיין, רבה האחרון של קוטנה, בעת השבעת חיילים יהודיים בקוטנה ב־1939, לפני צאתם לחזית.

ליזשירט געוואָרן, די וועגן צעשמעטערט, איז געוואָרן באַוווּסט, אַז דער 37־טער פּולק פון וואָנגראָוויעץ האָט פאַרלאָזט די פעסטונג און איז דורך אונטערוועגן אַוועק פאַרטיידיקן וואַרשע, וועלכע האָט נאָך אַלץ געשטעלט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד. דעם 21טן סעפּטעמבער 1939, האָט אַ באַקאַנטער יונגער פּאָליאַק צוּוויסן געגעבן, אַז מיין ברודער איז געפאַלן אין אַ דאָרף ביי לאָוויטש, נישט ווייט פון דער בזורע. די טרויעריקע ידיעה האָב איך נישט דערציילט מיינע עלטערן. איך האָב געטראַכט, אַז די שרעקלעכע נייעס וועט צעברעכן דאָס לעבן אין דער משפּחה. אָבער דער פּאָליאַק האָט נישט געוואָלט איינשטיימען צו שווייגן. „איך וועל נישט קענען רוען", — האָט ער געזאָגט — „איך קאָן נישט האָבן אויף מיין געוויסן אַזאַ שרעקלעכן סוד. מען מוז די פאַרשניטענע יונגע העלדן, און צווישן זיי אויך דיין ברודער, ברענגען צו קבורה, מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז הינט אָדער קראָען זאָלן צעשלעפּן זייערע קערפּערס".

דער קריסט איז געקומען צו אונדז אין הויז און איבערגעגעבן מיינע עלטערן די טרויעריקע בשורה. דעם אַנדערן טאָג אין דער פרי, זענען מיינע עלטערן, איך, און נאָך צוויי משפּחות, אַוועק געפאָרן צום אָנגעוויזענעם אָרט. איין משפּחה איז געווען די ליפּסקיס, וועלכע האָבן דעמאָלט פאַרלוירן זייער איינציקן זון. די אַנדערע משפּחה איז געווען די אָסאָווסקיס, אויך זיי האָבן דעמאָלט פאַרלוירן אַ זון.

אויף דעם שאָסיי פון קוטנע קיין לאָוויטש, האָבן זיך שוין געצויגן מחנות פון זיגרייכן דייטשן מיליטער. געפאַנצערטע אויטאָמאָבילן, טאַנקן, מאָטאָציקלען און לאַסט־אויטאָס האָבן פאַרפלייצט די וועגן פון פּוילן.

מיר זענען געקומען צום אָנגעוויזענעם אָרט, נישט ווייט פון דער שטאָט לאָוויטש. דער סאָלטיס פון דער געגנט האָט אונדז געגעבן אַ בלעכל מיט דעם באַצייכנטן נאָמען פון מיין ברודער, אויך די ליפּסקיס און אָסאָווסקיס האָבן באַקומען בלעכעלעך מיט די נעמען פון זייערע זין. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, מיט אַ קאַרטאָטעקע פון די געפאַלענע זעלנער. אויך פאַרשיידענע זאַכן, וואָס די געפאַלענע זעלנער האָבן באַזיצט, איז געווען פאַרצייכנט. מען האָט די זאַכן צוריק געגעבן די עלטערן פון די געפאַלענע, וואָס זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד זייערע קינדער.

דאָרטן האָב איך באַקומען אַ בילד פון אברהם שטיפט, וועלכער איז אויך געפאַלן אין יענער שלאַכט. זיינע עלטערן האָבן נאָך נישט געוווּסט פון דער אַבידה.

— אָט זענען זיי! — האָט דער סאָלטיס געוויזן מיט דער האַנט אויף אַ גרויסן גרוב. — עטלעכע הונדערט זעלנער... אונטער אַ וועלדל זענען זיי געלעגן אין אַ ברידער־קבר.

— זיי האָבן געקעמפט ווי די לייבן, — האָט דער סאָלטיס מיט טרויער דערציילט. — קיינער איז פון זיי נישט אַוועק. אַלע זענען געבליבן ביזן לעצטן. די דייטשן האָבן זייערע טויטע אַוועק געפירט פון שלאַכטפעלד. די דייטשן האָבן אין יענער שלאַכט פאַרלוירן אַ סך מער זעלנער. צוויי טעג און דריי נעכט האָבן זיי געקעמפט. דעם לעצטן פרימאָרגן, ווען אונדזערע סאָלדאַטן זענען אַוועק אין שלאַכט, האָבן זיך נאָך אויף די אַרומיקע פעלדער געהערט שיסערייען. דאָס האָבן זיך שוין די לעצטע פּוילישע זעלנער פאַרטיידיקט. זיי האָבן זייערע קאַמפּסברידער נישט פאַרלאָזן, צוזאַמען געגאַנגען אין קאַמף ביזן סוף. די דייטשן האָבן זיך באַנוצט מיט טאַנקן, אַרטילעריע און צום סוף — מיט עראָפּלאַנען. זיי האָבן גערעדט דורך מיקראָפאָנען, מיט ווייסע פאָנען געפאָכעט, אַגיטירט און געשריגן אַז פּוילן איז שוין געפאַלן, אייער קאַמף איז זינלאָז! וואַרפט אַוועק דאָס געווער, גיט זיך אונטער!

אויף די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע־רייד האָט מען געענטפערט מיט... קוילן. די דייטשן האָבן די פּוילישע זעלנער אַרויסגעטריבן פון וואַלד, אַרומגערינגלט, און מיט דער הילף פון עראָפּלאַנען זיי פאַרניכטעט ביז צום לעצטן. פאַרן סוף פון דער שלאַכט האָבן די העלדישע פּוילישע זעלנער פיל מאָל פאַרטריבן די דייטשן פון די אַרומיקע פּוילישע פעלדער און וועלדער. די דייטשן האָבן אָבער געבראַכט פאַרשטאַרקונגען, ממש פאַרברענט די אַרומיקע וועלדער און געצוווּנגען די העלדישע פּוילישע זעלנער אַרויסצוקומען אין פרייען פעלד. אַזוי אַרום האָבן די דייטשן אויסגעשאָסן די יידישע זעלנער אין פּוילישע מונדירן.

צווישן פאַרברענטע וועלדער, פון ביידע זייטן אַרומגערינגלט מיט אַ גלייכער פּלאַנע, זענען געבליבן אייביקע סימנים פון בלוטיקן צוזאַמענשטויס און שלאַכט.

דער שמאָלער וועג, וועלכער האָט אַדורכגעשניטן דאָס פעלד, האָט געדינט פאַר דעם פּוילישן מיליטער צו דערנענטערן זיך צו וואַרשע, צו העלפן איר זיך צו פאַרטיידיקן. די הויפּט־וועגן זענען געווען פאַרנומען דורכן דייטשן שונא.

אויף דעם שמאָלן וועג האָבן געדאַרפט אַדורכמאַרשירן די זעלנער פון 37סטן פּולק. עס זענען דאָרט געלעגן ליסטעס מיט פאַרשידענע נעמען, טיילן פון צעבראָכענעם געווער, שטאָלענע העלמען. די ערד האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאָס בלוט פון קינדער, וואָס האָבן שוין מער נישט געקאָנט זען די שיין פון טאָג אין זייער יונגן לעבן...

זיי זענען געפאַלן ווי זאַנגען — פּריציייטיק אָפּגעהאַקט פון אַ קאָסע, נישט האָבנדיק דערפילט די צאַרטקייט פון זומער־שטראַלן... אָנשטאָט פרייד האָבן די עלטערן איינגעזאַפּט דעם אייביקן טרויער אין זיך... זיי, די אָרעמע עלטערן, האָבן נאָך

יידישע בחורים פון קוטנע אויף די פראָנטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1939—1945)

בחורים יהודיים מקוטנה בחזיתות של מלחמת העולם השנייה (1939—1945)


זיסקינד ביבערגאַל


אפרים ווייכסלפיש


אליעזר יאַקובאָוויטש


אנשל פריינד


משה־פנחס שפּיראָ

געהאַט די זכיה צו ברענגען זייערע קינדער צו קבורה. צווישן געוויין פון די אָנוועזנדע אבלים, איז דאָס שרעקלעכסטע געווען דאָס יאָמערלעכע קלאָגן פון ליפּסקין. זיין פּנים איז געוועזן רויט ווי פייער, די אויגן פאַרגלייזט, ער האָט שוין מער נישט געקאָנט וויינען און נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט... ער האָט געוואָרפן מיט די הענט און געגאַנגען מיט נישט קאָנטראָלירטע טריט...

עס איז געווען אַ זוניקער האַרבסט־טאָג, אַ לייכטער ווינט האָט געבלאָזן און געוואָרפן מיט די צווייגן פון די ביימער אין די אַרומיקע וועלדלעך.

אין מיין זכרון וועל איך אייביק געדענקען דעם אומ־פאַרגעסלעכן טרויער, אָבער אויך געפילן פון העלדישער מענטש־לעכער טאַט און שטאָלץ...

מיט די געפילן האָב איך דעמאָלט פאַרלאָזט אָט יענעם טייל פון דער פוילישער ערד און לאַנדשאַפט...

פראַנט־זעלנער, פּאַרטיזאַנער, אונטערגרונט־קעמפער

איבערגעגעבן: יהודה שטיין
פאַרצייכנט: ח. ה. האָפמאַן, פּאַריז

פון יאָר 1940 ביז דער באַפרייאונג, האָבן אַ סך קוטנער, דאָמבראָוויצער און לענטשיצער ידישע בחורים און מיידלעך אין פראַנקרייך (און אַנדערע לענדער), געקעמפט אויף פאַרשידענע פראָנטן קעגן דער נאַצישער בעסטיע. מיר ברענגען דאָ אַ רשימה פון די אַנטי־נאַצי־קעמפער, הגם מיר ווייסן, אַז זי איז נישט קיין פולקאָמע:

בילד, פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי.

גלאָווינסקי אליעזר, מאָביליזירט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, געווען אין געפאַנגענשאַפט און פון דאָרט אַנטלאָפן אין אַ דייטשן מיליטערישן הוט.

גלאָווינסקי שמחה־יהודה, פרייוויליקער אין דער פראַנצוי־זישער אַרמיי.

וואָלמאַן שלמה, געקעמפט אַלס אָפיציר אין דער פוילישער אַרמיי, פאַרן אָקופּירן דאָס לאַנד דורך די דייטשן. ביים באַפרייען פוילן דורך די רוסן, האָט וואָלמאַן געקעמפט אין דער פוילישער באַפרייאונגס־אַרמיי. פאַרוווּנדעט געוואָרן לעבן פּלאָצק.

זאַנדבערג שלום, פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, געווען אין געפאַנגענשאַפט. ווי אַזוי אומגעקומען — אומ־באַוווּסט.

טשאָלעק יוסף, פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, פּאַרטיזאַנער, אָנטיילנעמער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג.

לאַמסקי יהושע, אַוועק פרייוויליק אין דער פראַנצויזישער אַרמיי.

פּודאַלאָוויטש בונם, מאָביליזירט געוואָרן אין דער געפאַנ־גענשאַפט.

פאַלק אברהם, פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, שפּעטער דעפּאָרטירט געוואָרן און אומגעקומען.

פאָנטש בערל, פרייוויליק אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, פּאַרטיזאַנער.

צאלער ישראל, פרייוויליק אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. געווען אין געפאַנגענשאַפט.

שלייפער הענעך, פרייוויליק אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. נאָכן דעמאָביליזירן זיך — מיטגליד אין אונטערערדישן ידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין די שטעט טולוז, ליאָן און גרענאָבל.

שאַפּשעוויטש גרשון, פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי.

שטיק הענעך, פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי.

מיניעווסקי אליעזר (שפּייערס אַן אייניקל פון קוטנע). אַלס פרייוויליקער איז ער צוגעטיילט געוואָרן צו דער קאָלאָניאַל־אָפּ־טיילונג פון דער פראַנצויזישער אַרמיי אין מאַראָקאָ. נאָכן וואָפנ־שטילשטאַנד אין 1940 קומט ער צוריק קיין פראַנקרייך. נעמט אָנטייל אין דער רעזיסטאַנס (ווידערשטאַנד־באַוועגונג). איינער פון די אַקטיווסטע טוער. די געסטאַפּאָ האָט אים געזוכט. ווען ער האָט זיך געפונען אין ליאָן אין אַ וויכטיקער מיליטערישער שליחות, האָבן אים די דייטשן געוואָלט אַרעסטירט אין באַן. ער שפּרינגט פון לויפנדיקן צוג, נאָר אַ מערדערישע קויל דערגרייכט אים.



קוטנער בחורים אין פראַנצויזישן אונטערגרונט
בני קוטנה במחתרת הצרפתית

די דריי בחורים פון ד אָ מ ב ר אָ ו ו י ץ:

גלאָגאָסקי חגי, געקעמפט אין דער פוילישער אַרמיי קעגן די דייטשן בעתן פאַרטיידיקן וואַרשע. שפּעטער געווען אין געטאָ קאָנסטאַנציע, פון וואַנען ר׳איז דעפּאָרטירט געוואָרן.



יידישער פּאַרטיזאַן אין פראַנקרייך — מיניעווסקי.

פרטיזן יהודי בצרפת — מינייבסקי.

האָפמאַן הערש, געקעמפט אין דער פוילישער אַרמיי ביי לאָוויטש. דאָרט פאַרוווּנדעט געוואָרן. נאָכן פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל, אַוועק קיין רוסלאַנד. זיין גורל דאָרט — אומבאַקאַנט.

כעלמינסקי זלמן האָט זיך מאָביליזירט אין דער קאָש־טשושקאָ־דיוויזיע, וועלכע איז אין יאָר 1943 געגרינדעט געוואָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. געדינט אַלס אָפיציר אין אַ טאַנקן־אָפּטיילונג און אַדורכגעמאַכט דעם קאַמפּס־שליאַך ביז בערלין.

ל ע נ ט ש י צ ע ר יידישע בחורים, וועלכע האָבן געקעמפט אין די רייען פון דער פראַנצויזישער אַרמיי:

שוואַנג שמואל, בענעדיק מאַקס, מאָשקאָוויטש רוזשע, מאַשקאָוויטש לעאָן, וווידיסלאַווסקי רפאל, טראָיאַנאָווסקי אליעזר, ליסנער, יאכימאָוויטש אברהם, ראָזענבערג מאַקס, זאָלנער יעקב (געווען אין געפאַנגענשאַפט).

אין דער רעזיסטאַנס: מיטעלמאַן קיילע, שורעק.

בערנארד פאנס העלפט נעמען אין געפאנגענשאפט א דייטשע דיוויזיע

(פון א שמועס מיטן וויצע־פּאָרזיצער פון יידישן קאָמבאַ־טאַנטן־פאַרבאַנד אין פּאַריז, בערנאַרד פּאָנס, וועלכער איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן פראַנצויזישן ערן־לעגיאָן. איבערדרוקט פון דער „נייע פּרעסע" — פּאַריז, 5־6 יוני 1965. אויפגענומען דורך ה. בוים).

בערנאַרד פּאָנס, וויצע־פּאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון די געוו. יידישע פראָנט־קעמפער פון 1939—1944, האָט באַקומען דעם טיטל פון קאַוואַליר פון ערן־לעגיאָן. דער דאָזיקער פאַקט האָט ביי די פילצאָליקע קאַמפּס־חברים זיינע אַרויסגערופן גרויס צופרידנקייט.

דער ערן־לעגיאָן איז, ווי באַקאַנט, די העכסטע אויסציי־כענונג, וואָס די פראַנצויזישע מלוכה דאַרף צוטיילן די, וועלכע האָבן אויפגעטאָן גרויסע זאַכן פאַר אַנטוויקלען אירע מאַטע־ריעלע און גייסטיקע ווערטן, אָדער פאַר באַזונדערער העלדיש־קייט ביים באַשיצן דאָס לאַנד קעגן שונא.


נישט שטענדיק באַקומען אָבער אָט די אויסצייכענונג די, וואָס פאַרדינען זי באמת. און גאָר זעלטן ווערט זי צוגעטיילט אַרבעט־מענטשן, דערצו נאָך איינגעוואַנדערטע. דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל עס פעלן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען עס ווערט. דאָ ווירקן גאַנץ אַנדערע פאַקטאָרן.

איז דעריבער אַ סאַטיספאַקציע, וואָס אַ יידישער פאָלקס־מענטש האָט באַקומען אַזאַ הויכע אויסצייכענונג, און דאָס פאַר זיינע פאַרדינסטן אין אַנטי־נאַצישן ווידערשטאַנד.

אין זיין אַטעליע, אויף רי סען־מאַרטען, שמועסן מיר מיט אונדזער פריינד פּאָנס. אויף דער וואַנט פון זיין אַרבעטס־צימער, וואָס דינט פאַר אויפנעמען די קליענטן, זעען מיר אַ פּאָרטרעט פון שלום אַש. „איך בין — זאָגט אונדז בערנאַרד — געבוירן אין דער זעלבער שטאָט, ווי עס האָט דערזען די ליכטיקע שיין און פאַרברענגט זיינע יוגנט־יאָרן איינער פון די גרעסטע שרייבער פון אונדזער דור, און נישט בלויז ביי יידן".

מיר בעטן אים צו דערציילן וועגן די קאַמפן, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט אין לעצטן קריג און פאַר וועלכע ער האָט באַקומען דעם ערן־לעגיאָן.

— כ׳וויל איך קודם־כל דערמאָנען — ענטפערט בערנאַרד פּאָנס, — אַז די „נייע פּרעסע" האָט שוין געשריבן וועגן מיר מיט 17 יאָר צוריק. דאָס איז געווען אין סעפּטעמבער 1948, ביי דער געלעגנהייט פון צוטיילן מיר און מיין פראַנצויזישן קאַמפּס־חבר, לייטענאַנט לאַנעי, די אויסצייכענונג „קרואַ דע גער" (קריגס־קרייץ) מיט אַ זילבערנעם שטערן.



דער צווייטער פון רעכטס: בערנאַרד פּאָנס ● השני מימין: ברנרד פונס

מיר ביידע האָבן דאָס באַקומען פאַר אַ קאַמפּס־מיסיע, וועלכע מיר האָבן דורכגעפירט אין סעפּטעמבער 1944.

ס׳איז אָבער נייטיק אָנצוהייבן פון פריער.

נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן אָקופּירט פראַנקרייך, האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זינט 1943 האָב איך זיך געפונען אין די „מאַקיס" פון שער־דעפּאַר־טאַמענט, וווּ מיר האָבן געהאַט גרעסערע צאָל פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען מיט בערך 2.500 מאַן, צווישן זיי נישט ווייניק יידן.

אין דעם זעלבן דעפּאַרטאַמענט האָט צו יענער צייט סטאַ־

ציאָנירט אַ דייטשע דיוויזיע, אָנגעפירט דורכן גענעראַל עלטסטער אין באַשטאַנד פון 18 טויזנט מאַן.

במשך פון חדשים האָבן מיר דורכגעפירט צאָלרייכע אָפּעראַציעס און סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן די איינהייטן פון דער דאָזיקער דיוויזיע; דער עיקר אין דער געגנט פון בורזש.

נאָך דער לאַנדונג פון די אַליאירטע אין נאָרמאַנדיע, האָבן מיר אונדזערע אַקציעס נאָכמער פאַרשטאַרקט. אָנהייב סעפּטעמבער 1944 האָט אונדזערס אַ גרופּע פאַרכאַפּט אַן אַמבולאַנס פון דייטשן רויטן קרייץ, וועלכער איז געווען אָנגעפּולט מיט געווער.

בעתן פאַרהער האָט דער דייטשער מאַיאָר, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אַמבולאַנס, מודה געווען, אַז די מאָראַל פון דער דייטשער דיוויזיע איז אַ קלאָגעדיקע.

דער קאָמענדאַנט פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, קאָלאָנעל אָבער, האָט באַקענענדיק זיך מיט די אַרויסזאָגונגען, באַשלאָסן אונטערצונעמען אַ דרייסטן אָפּשרעק־מאַנעווער קעגן דער דייטשער דיוויזיע. ער האָט, נעמלעך, רעדאַגירט אַ בריוו צום שעף פון דער דיוויזיע מיט דער אויפפאָדערונג, אַז זי זאָל לייגן דאָס געווער.

גלייך איז אנטשטאַנען די דראַמאַטישע פראַגע: ווער זאָל אָט דעם בריוו איבערגעבן דעם „אַדרעסאַט״? אונדזער קאָלאָנעל האָט דערצו אויסגעוויילט דעם פראַנצויז לאַנעי און מיך.

מיט דעם בריוו זענען מיר אַוועק צו די דייטשע פּאָזיציעס. אָנטרעפנדיק זיך אויפן ערשטן דייטשן פּאַטרול, האָבן מיר, פאָכענדיק מיט אַ ווייס פענדל, זיך צו זיי דערנענטערט און פאַרלאַנגט אונדז פאָרצושטעלן דעם דייטשן קאָמענדאַנט פון סעקטאָר.

נאָך פאַרשידענע קאָנטראָלעס, האָט מען אונדז מיט פאַרבונדענע אויגן צוגעפירט צום „סאָמעראָדנעם״ נאַצישן דיוויזיע־קאָמענדאַנט, גענעראַל עלטסטער. אין ערשטן מאָמענט, ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו מיט דער פאָדערונג פון זיין קאַפּיטולאַציע, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן גרימצאָרן: „וויר האַבען דעם קריג ניכט פערלאָרען״ — האָט ער געגרעוועט. גלייך דערנאָך האָט ער אַ געשריי געגעבן: „דערשיסן אויפן אָרט!״.

אין אָט דעם גורלדיקן פאַר אונדז בידע מאָמענט, האָב איך זיך אָנגערופן: „מיר האָבן היינט פרי פאַרכאַפּט אַן אַמבולאַנס פון אייער רויטן קרייץ, אָנגעפּולט מיט געווער. אין פאַל, ווען מיר זאָלן ווערן דערשאָסן, דערוואַרט דער זעלבער גורל די דייטשע געפאַנגענע״.

די ווערטער האָבן, זעט אויס, געווירקט ווי אַ קאַלטער דוש אויפן צערייצטן נאַצישן קאָפּ. ער האָט באַפוילן אונדז צוריק אָפּצופירן צום אָרט, ווו מיר האָבן גענומען דעם קאָנטאַקט מיטן דייטשן פּאַטרול.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער גענעראַל קאַפּיטולירט.

אַזוי ווייט — די ממש לעגענדאַרע געשיכטע מיטן יידישן שניידער פון קוטנע, וואָס האָט מיט זיין קאַלטבלוטיקייט בייגעשטייערט דערצו, אַז 18 טויזנט היטלער־סאָלדאַטן זאָלן זיך אונטערגעבן אָן איין שאָס.

— וואָס טראַכט איר היינט וועגן דעם אַלעם? — פרעגן מיר.

— זיכער דערמאָן איך זיך אָפט וועגן דעם פאַרגאַנגענעם און ספּעציעל וועגן דעם, אַז דער גורל האָט געוואָלט, דאָס גראָד אַ פּוילישער ייד זאָל אויפפאָדערן אַ נאַצישן יונקער צו לייגן דאָס געווער. אָבער נישט מיין פּערזאָן איז דאָ וויכטיק. דער עיקר איז, וואָס דורכן צוטיילן מיר דעם ערן־לעגיאָן, ווערט, ווי איך טראַכט, באַערט דער באַדייטנדיקער אָנטייל פון די יידן פון אַלע ריכטונגען אין דער רעזיסטאַנס־באַוועגונג, וועלכע האָט, — ווי דאָס האָבן אויך פעסטגעשטעלט די העכסטע פירער פון דער אַנטי־היטלערישער קאָאַליציע — געגעבן אַ וויכטיקן ביישטייער צום צעשמעטערן די דייטשע קריגס־מאַשין.

וועגן אָט דעם אָנטייל דאַרף מען נאָך פיל און פיל שרייבן.

ס'איז נייטיק, לויט מיין מיינונג, צו דערציילן באַזונדערס פאַרן יונגן דור, נישט בלויז די העלדן־טאַטן פון די פירער, נאָר אויך פון די נאָמענלאָזע מענטשן, וואָס האָבן געקעמפט אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּן. יעדער פון זיי איז געווען גרייט אָן שום וואַקלענישן אָפּצוגעבן באַוווסטזיניק זיין לעבן אין קאַמף קעגן נאַצי, ביים העלפן ראַטעווען קאַמפס־חברים און נישט אויסצוגעבן קיינעם בעת מען איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון שונא. דערפאַר האָט אונדז די באַפעלקערונג פון די געגנטן, ווי מיר האָבן אָפּעריִרט, אַרויסגעוויזן אַזוי פיל הילף, אַכטונג און ליבע.

דער גרויסער נע־ונד

משה-פנחס שאַפּיראָ
לאָנדאָן

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון מיינע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש־השם אין די גאַז־קאַמערן און געטאָס.

ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, בעת די ערשטע באָמבעס זענען געפאַלן אויף קוטנע, אַז חורבן און אומקום רוקט זיך אָן אויפן פּוילישן יידנטום? און וועמען האָט געקענט איינפאַלן, אַז מיר, דעם קוטנער ייד, וועט אין פאַרלויף פון די זעקס מלחמה־יאָרן אויסקומען אַדורכצומאַכן אַזאַ גרויסן נע־ונד — איבער פּוילן, רוסלאַנד, פּערסיע, ארץ־ישראל, עגיפּטן, אַפריקע, צפון־אַמעריקע, קאַנאַדע און ענגלאַנד? איך מיין, אַז אַן ענלעכער מלחמה־גורל האָט געטראָפן נישט נאָר מיך, נאָר אויך אַנדערע בני־עיר, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען צו דער באַפרייאונג. זאָלן די ווייטערדיקע שורות זיין אויך אַ באַשיידענע ווידמונג אויף די אומבאַוווסטע מצבות און אומבאַקאַנטע קברים פון די דאָזיקע קדושים.

א

די מערדערלעכע אָנפליען אויף קוטנע האָבן זיך געצויגן צוויי וואָכן צייט — ביז די דייטשן האָבן באַזעצט די שטאָט. פּונקט ווי מ'איז בעת די באָמבאַרדירונגען געלעגן אין די קעלערס, אַזוי האָט מען מורא געהאַט צו באַווייזן זיך אין גאַס, ווען די רוצחים זענען שוין געווען אין קוטנע. זיי האָבן אָבער געהאַט גענוג מיטלען צונויפצוזאַמלען אַלע יידן אויף איין אָרט, יעדן באַשטימען אַ נומער און צעטיילן אויף פאַרשידענע אַרבעטס־גרופּן. איך מיט נאָך עטלעכע יידן האָבן באַדאַרפט זיין באַשעפטיקט אין דער געסטאַפּאָ.

יענעם טאָג איז גראָד געווען אַ שטאַרקער רעגן. האָבן זיי אונדז באַפוילן מיט די צונגען צו לעקן די טרעפּ און זיי אָפּרייניקן פון דער בלאָטע... נאָך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן די אַרבעט, דערהערט זיך אַ געבילערײַ פון אַ הונט, וועלכער האָט

פאַרבלאָנדזשעט אויף אונדזער הויף. אַ געסטאַפּאָ־אָפיציר שטעלט אויף אונדז אַן זיין רעוואָלווער און באַפעלט צו כאַפּן דעם הונט. עס הייבט זיך אָן אַ געיעג נאָך דער חיה. ענדלעך איז זי אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. דער סאַדיסט הייסט אַריינשטופּן דעם הונט אין אַ זאַק, פאַרבינדן אים — און קלאַפּן מיט שטעקנס מיט אַלע כוחות. דער געיאָמער פונעם געשלאָגענעם און געפּייניקטן הונט האָט געקענט רירן אַ שטיין — אָבער נישט דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ פונעם געסטאַפּאָוויעץ. פּלוצים איז דער הונט אַנטשוויגן געוואָרן. דער דייטש באַפעלט אויפבינדן דעם זאַק. מיר טאָן זיין באַפעל — און דער הונט גיט זיך אַ ריס אַרויס און הייבט אָן לויפן. דער סאַדיסט איז אויסער זיך פאַר כעס. ער שרייט אויף אונדז „קרעציקע יודען" — און באַפעלט צוריק כאַפּן דעם הונט. ער איז שוין ווידער אין פאַרבונדענעם זאַק, די שטעקנס קלאַפּן ווײַטער — איצט אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז דער הונט איז טויט. ווידער אַ באַפעל: אַרויסנעמען דעם פּגר, אַריינלייגן אין אַ קעסטל, אויסגראָבן אַ קבר, באַגראָבן, אַוועקשטעלן אַ מצבה... דאָס אַלץ האָבן מיר אויסגעפירט לויט קאָמאַנדעס, אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען און באַדאַרפט מיטן מויל שפּילן מוזיק, אַ מין טרויער־מאַרש איבערן טויט פון הונט. ביים אָפענעם קבר האָט יעדער פון אונדז געמוזט זאָגן עטלעכע ווערטער, אין נוסח, אַז „די שמוציקע יידן זענען שולדיק אין דער מלחמה"; אַז טשערטשיל איז אַ ייד; אויך רוזוועלט איז אַ ייד. ס׳איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט, ווען מיר האָבן פאַרשיט דעם קבר. דער געסטאַפּאָוויעץ האָט אונדז באַפוילן צו גיין שלאָפן אין שטאַל, באַזאַמען מיט די פערד.

מיר זענען געווען אויסגעהונגערט און נאַס, מיד און דערשלאָגן. אין אַזאַ מצב שלאָפט זיך נישט. עס האָט ווידער אַ פלייץ געטאָן אַ שטאַרקער רעגן. איך האָב פאַרגעלייגט צו אַנטלויפן פון דער שטאַל, וועלכע איז אַוודאי נישט געהיטן. מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז אַרום איז נישטאָ קיין וואַך און העלפנדיק איינער דעם אַנדערן — איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן, אַריבערשפּרינגענדיק איבערן פּלויט.

ב

איך בין אַוועק צו מיינע עלטערן. אין זייערע אויגן האָב איך אויסגעזען ווי אַ געקומענער פון יענער וועלט. זיי האָבן נישט געגלייבט, אַז כ׳געפין זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע.

אין דער זעלבער נאַכט האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן די קוטנער שול און געטריבן די יידן פון זייערע היימען צו לעשן דאָס פייער. אַז מיר האָבן געלאָשן די שריפה, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אויף אונדז צו שיסן. אַהיימקומענדיק, האָב איך דערקלערט מיינע עלטערן, אַז איך מוז אַוועק קיין רוסלאַנד, עס ווילט זיך מיר נישט לעבן ביי די נאַציס. מיינע עלטערן איז דער פּלאַן נישט געפעלן. נישט זיי האָבן מיך געוואָלט לאָזן אַליין אין אַזאַ געפערלעכן וועג און אויך זיי האָט זיך נישט געוואָלט בלייבן אָנעם זון אין יענע שווערע טעג. זיי האָבן אָבער געוווּסט, אַז די דייטשן כאַפּן יונגנטלעכע אַוועקצושיקן אויף אַרבעט — און בלית־ברירה האָט מען זיך געזעגנט און צוזאַמען מיט עטלעכע חברים האָבן מיר זיך געלאָזט קיין וואַרשע. פון דאָרט — צו דער רוסישער גרענעץ און ס׳איז אונדז געלונגען אַריינצופאָרן קיין ביאַליסטאָק. דאָ האָבן מיר עטלעכע קוטנער יונגעלייט געוווינט צוזאמען און זיך פיל־ווייניק איינגעאָרדנט אונדזער לעבן.

ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט פראַנקרייך, זומער 1940, האָבן די רוסן אָנגעהויבן צו פאַרשיקן פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד די פּליטים פון פּוילן. אַ געוויסן טאָג האָב איך זיך געפונען אין אַ לאַנגן, גוט־באַוואַכטן עשאַלאָן, וועלכער האָט געפירט אַרעסטירטע אויפן ווײַטן סיביר.

כ׳געפין זיך איצט אין אַ סאָוויעטישן אַרבעטס־לאַגער, צוזאַמען מיט פאַרברעכער, וועלכע זענען נאָך פריער פאַרמשפּט געוואָרן דורך געריכטן. צו דער שווערער קאַטאָרגע־אַרבעט באַקומט מען זייער ווייניק עסן. די שטערבלעכקייט איז גרויס און די שטימונג — אַ דערדריקטע און דערשלאָגענע. דאָס אויסהאַקן ביימער אין ריזיקע וועלדער, ביי שטאַרקע פרעסט און שניי־זאַווירוכעס, ווען אויף דער אַרבעט איז מען געפירט געוואָרן מיט הינט און דאָס ביסל עסן האָט מען באַקומען ערשט 8 אין אָוונט, נאָכן אומקערן זיך פון דער אַרבעט — האָט דעם רוב אינטערנירטע געשטויסן צו פאַרצווײַפלטע שריט. 14 חדשים בין איך געווען אין לאַגער, קיין איין מאָל זיך נישט אויסגעטאָן צום שלאָפן, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט, אַז מע וועט מיר אַוועקגנבענען דאָס אָנטאָן.

איך האָב אויסגעזען ווי אַ סקעלעט — הויט און ביין. ענדלעך האָט דער לאַגער־דאָקטאָר באַשלאָסן מיך אָפּצושיקן אין שפּיטאָל. דאָס האָט מיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

ג

נאָכן דייטשן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, זענען די געוו. פּוילישע בירגער אַמנעסטירט געוואָרן פון די לאַגערן און תּפיסות. איך בין גלייך אַוועק אין דער סאָוויעטישער אַרמיי און צוגעטיילט געוואָרן צו אַן איינהייט, וועלכע האָט געקעמפט הינטער מאָסקווע. ביי אַ 40־גראַדיקן פראָסט האָבן די רוסן זיך געשלאָגן ווי די לייבן און נישט געלאָזט די דייטשן פאַרנעמען די הויפּטשטאָט.

אַ געוויסן טאָג האָט מיין קאַפּיטאַן מיר באַפוילן אָפּצופירן אַ טראַנספּאָרט דייטשע קריגס־געפאַנגענע אויפן אוראַל. איך האָב געזען די „אומבאַזיגבאַרע" דייטשע זעלנער אין זייער גאַנצער נעבעכדיקייט און געפאַלנקייט. זיי זענען אין טראַנספּאָרט אויסגעשטאָרבן פון הונגער און קעלט. קיין רחמנות האָבן זיי ביי מיר נישט געקענט דערוועקן.

מיטן אַנטשטיין פון דער פּוילישער אַרמיי (פון גענעראַל אַנדערס) אין יאָר 1942 אין רוסלאַנד, האָב איך זיך דאָרט מאָביליזירט. שפּעטער האָט די דאָזיקע אַרמיי פאַרלאָזט די סאָוויעטישע טעריטאָריע און אַריבערגעפאָרן קיין פּערסיע. ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן מיין וואָגל און וואַנדער.

פון פּערסיע האָט מען אונדזער איינהייט אָפּגעקאָמאַנדירט קיין אינדיע, פון אינדיע — קיין סאודיע, דערנאָך קיין עגיפּטן. מיטן סועץ־קאַנאַל זענען מיר אָנגעקומען אין מדבר סיני, פון דאַנען — קיין ארץ־ישראל, וווּ כ׳האָב געהאַט די זכיה צו זיין זעקס וואָכן. איך האָב געקושט די ערד פון דעם לאַנד און געווען אַנטציקט מיט אַלץ וואָס מיינע אויגן האָבן געזען.

פון ארץ־ישראל האָב איך ווידער געמוזט פאָרן — דאָס מאָל אין אייניקע לענדער פון מיטעלן מזרח. עטלעכע חדשים בין איך געווען אויפן פראָנט. ביז כ׳האָב באַקומען אַ באַפעל אַריבערצופאָרן קיין ענגלאַנד, וווּ עס פאָרמירט זיך אַ פּוילישע דיוויזיע.

ביזן אָנקומען קיין לאָנדאָן, האָב איך געדאַרפט קאָנוואָאירן דייטשע קריגס־געפאַנגענע (פון ראָמעל־קאָרפּוס) קיין מאַדאַגאַסקאַר. דאָ פאַרבראַכט עטלעכע טעג. איך פאָר ווייטער קיין קעפּשטאַדט, אין דרום־אַפריקע. די דאָרטיקע יידן האָבן מיך זייער וואַרעם אויפגענומען. פון קעפּשטאַדט בין איך ווידער אָנגעקומען קיין צפון־אַפריקע. אַלץ אין מיליטערישע שליחותן. פון דאַנען ווער איך געשיקט קיין באָסטאָן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דערנאָך בין איך אַריבערגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, וווּ די יידן האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך אינטערעס מיטן גורל פון פּוילישן יידנטום. אין דער גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט איז מען נישט

לאַנג געווען. מיין פּוילישער קאַפּיטאַן הייסט ווידער זיך פּאַקן — מיר פאָרן קיין קאַנאַדע. פון דאָרט מיט אַ שיף — קיין האַליפאַקס און שפּעטער קיין ליווערפּול.

ד

אין יאָר 1943 בין איך אָנגעקומען קיין סקאָטלאַנד, ווו מען האָט געשאַפן אַ פּוילישע אַרמיי. דער אַנטיסעמיטיזם איז אָבער געווען אַזוי גרויס און מ׳האָט אים אַרויסגעוויזן אויף אַזאַ פּרעכן אופן, אַז די יידן אין דער אַרמיי האָבן דערפון שטאַרק געליטן. די פּשוטע זעלנער, די אונטעראָפיצירן און אָפיצירן, האָבן אויף טריט און שריט דעמאָנסטרירט זייער שנאה צו די יידן. אַז מיין קאַפּראַל האָט זיך אויסגעדריקט באַליידיקנדיק אויף דער יידישער רעליגיע, האָב איך אים אָנגעקלאָגט פאַר אַ העכערן אָפיציר. דער רעזולטאַט — איך האָב באַקומען צוויי חדשים אַרעסט פאַר העצן קעגן דער פּוילישער אַרמיי. דאָ האָט מיין געדולד געפּלאַצט און כ׳האָב אָרגאַניזירט אַלע יידן אין אונדזער אָפּטיילונג מיר זאָלן אַנטלויפן פון די אַנטיסעמיטן.

250 יידן האָבן דעמאָלט פאַרלאָזט די פּוילישע אַרמיי און מיר זענען אַוועק קיין לאָנדאָן און געבעטן אונדז אָננעמען אין דער בריטישער אַרמיי. גענוג געליטן פון די דייטשן, די רוסן, איצט ווילט זיך נישט אויסשטיין די באַליידיקונגען פון די אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן.

אין יאָר 1944, ווען ס׳האָט זיך געעפנט דער צווייטער פראָנט — בין איך געווען אין דער ענגלישער אַרמיי. באַדאַרפט זיך באַטייליקן אין דער דעסאַנט־אַרמיי ביי נאָרמאַנדיע. איך בין זייער קראַנק געוואָרן און געלעגן אין שפּיטאָל עטלעכע חדשים. די ענגלישע דאָקטוירים האָבן מיך אין גאַנצן באַפרייט פון מיליטער־דינסט — אַזוי בין איך געווען אָפּגעשוואַכט.

אָנהייב 1945 יאָר קום איך צוריק קיין לאָנדאָן. העלף דאָ אָרגאַניזירן אַ יידיש טעאַטער, מיר האָבן געשטעלט ערנסטע פּיעסן. אָבער די יוגנט האָט נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר אַ יידיש טעאַטער. בכלל איז דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין ענגלאַנד געווען זייער הינטערשטעליק.

ה

צום סוף פון מיינע זכרונות וויל איך דערמאָנען עטלעכע קוטנער, מיט וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן זיך אויף מיין וואַנדער־וועג. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, איז אליהו בראַון דערטרינקען געוואָרן אין רוסלאַנד, בעת דער אַרבעט. אויך אלי ליפּשיץ איז געווען אין רוסלאַנד. בערל טערשמיל איז פון רוסלאַנד צוריק געפאָרן קיין פּוילן און פון אַ בריוו ווייס איך, אַז ער דאַרף זיך געפינען אין ישראל.

און איצט — אייניקע ביאָגראַפישע דאַטעס און פאַקטן וועגן מיר און מיין ברייט־פאַרצווייגטער משפּחה, קוטנער תושבים פון דור־דורות, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם, ווי אויך עטלעכע דערינערונגען פון דער שטאָט.

איך בין געבוירן אין קוטנע, דעם 14טן אויגוסט 1914. מיין פאָטער האָט געהייסן אהרון־הענעך, מיין מוטער — חיה־שרה. מיר זענען געווען פינף קינדער: זישע־מרדכי, ישראל־יהושע, יהודה־לייבל, גאָלדע־ראַצע און איך (משה־פּנחס).

די משפּחה שפּירא האָט פון דור־דורות געהאַלטן דעם אַמט פון שוחטים ביי די רבנים טרונק בקוטנה. אין דער צייט פון רב יהושיעלע קוטנער זצ״ל, איז מיין עלטער־זיידע ר׳ זישע־מרדכי געווען שוחט. ר׳ יהושיעלעס זון האָט געהייסן משה־פּנחס און דער זון פון משה־פּנחס — ר׳ יצחק יהודה טרונק. מיין זיידע ר׳ אליהו, איז געווען שוחט ביים זון און מיין פעטער ר׳ יצחק מאיר, איז געווען שוחט ביים אייניקל פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. מיין פאָטער איז אַ געוויסע צייט אויך געווען שוחט. דערנאָך האָט ער זיך גענומען האַנדלען מיט לעדער, געהאַט אויך אַ שיך־געשעפט. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר געוווינט אויף זאַמענהאָף 36, נעבן אַלטן מאַרק. די לעצטע צייט — אויף קרולעווסקע 4. מיין טאַטע, ווי אויך אַלע פון אונדזער משפּחה, זענען געווען גערער חסידים.

אין קוטנע איז געווען אַ שיין יידיש לעבן. די שטאָט האָט אַרויסגעגעבן גרויסע רבנים, חזנים, שרייבער, מוזיקער, לומדים, מאָלער און דענקער. דער גלאַנץ פון יידישער קולטור און וויסנשאַפט איז איינגעשטאַנען אין אונדזער הייליקער שטאָט.

פאַר פּסח האָט די קהילה באַזאָרגט די אָרעמע יידן מיט מצות, וויין, און וואָס מ׳האָט באַדאַרפט. ווינטער האָבן זיי געטיילט קוילן פאַר נויטבאַדערפטיקע. די קהילה האָט אויך אויסגעהאַלטן דאָס שעכטהויז, די מקוה, די ישיבות, חדרים, בית־המדרש און די גרויסע שול.

אויף אַ באַרג איז געווען דאָס גאָר אַלטע בית־עולם, מיט אַלטע מצבות פון הונדערטער יאָרן צוריק. דערנעבן איז געווען דאָס צווייטע בית־עולם. דאָרט איז אויך געווען דער אוהל, ווו יידן פלעגן אַריינוואַרפן קוויטלעך. דאָרט איז געלעגן ר׳ יהושיעלע קוטנער זצ״ל, זיין זון און אייניקל. די דייטשע באַרבאַרן האָבן פאַרניכטעט ביידע בית עולמס, נישט איבערגעלאָזט קיין צייכן פון דעם הייליקן אוהל. אויך די שול האָבן זיי פאַרברענט.

קוטנע האָט געשמט נאָך פון נאַפּאָלעאָנס צייטן, ווען ער האָט באַזוכט די שטאָט, אויף זיין וועג צוריק פון רוסלאַנד. דאָס הויז, אין וועלכן ער איז איינגעשטאַנען, האָבן די פּאָליאַקן קיין מאָל נישט געלאָזט ענדערן אָדער פאַרגרעסערן.

פּאַרטייען זענען געווען אַ סך אין קוטנע: ציוניסטן, „בונד״, השומר הצעיר, מזרחי, אגודה, רעוויזיאָניסטן אאַז״וו. איך פלעג אָנטייל נעמען אין דראַמאַטישע קרייזן. אַ טייערע יוגנט האָט די שטאָט פאַרמאָגט; פון 8 ביז 9 טויזנט נפשות האָבן דאָרט געלעבט.

איך דערמאָן זיך פרייטיק פאַרנאַכט, צו ליכט־בענטשן, פלעגט דער שמש פון שול, נאָטע קרייער, קלאַפּן מיטן האַמער אין יעדער טיר, פלעגט מען שוין וויסן צו שליסן די געשעפטן. ווי ליכטיק איז געווען אין יעדן הויז פרייטיקצונאַכטס, די ליכט האָבן געברענט אויף דעם געגרייטן שבת־טיש. אין מיין זכרון איז איינגעקריצט דאָס ליכט־בענטשן פון מיין טייערע מוטער, איר לייענען די תחינה וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. שבת בייטאָג האָט מען געהערט זינגען זמירות פון אַלע יידישע הייזער. נאָך מיטאָג האָט קינד־און־קייט שפּאַצירט אויף קרולעווסקע גאַס. מ׳האָט אויך געזען חסידים אין אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, גייענדיק אין גערער שטיבל. אַזוי מנוחהדיק איז אַדורך דער שבת.

צו סליחות פלעגט דער שמש וועקן פאַרטאָג. ראש־השנה האָט מען געוויינט און געבעטן אויף אַ גוט יאָר. דער טאַטע פלעגט אונדז בענטשן, איידער ער איז אַוועק צו כל־נדרי אין שול אַריין. די מורא וואָס פלעגט מיך דאַן אַרומכאַפּן — וואָס וועט דאָס נייע יאָר ברענגען?...

מאָנטע קאַסינאָ

אַנשל פריינד
לאָנדאָן

(עפּיזאָד פון מיינע מלחמה־איבערלעבונגען)

— געדענקט, סאָלדאַטן, אַז מיר האָבן קעגן זיך אַ פאָרמאַציע פון שונא, וועלכע איז איינע פון די בעסטע אין דער ווערמאַכט — פאַראַשוטיסטן. אייער אויפגאַבע איז: צו פאַרניכטן זיי. מיר האָבן גוט און ניי געוווער! שלאָגט דעם דייטש, נעמט נקמה פאַר וואַרשע, פאַר פוילן, פאַרן פאָטערלאַנד — האָט מיט אונדז איינגעטענהט דער קאַפּיטאַן פון דער טאַנק־אָפּטיילונג פון דער פוילישער איינהייט, וועלכע האָט זינט עטלעכע טעג געפירט די גרויסע שלאַכט צופוסנס פון באַרג מאָנטע קאַסינאָ, אין איטאַליע.

מיר האָבן זיך געפונען אויפן וועג נעאַפּאָל—רוים. אין דער העלפט מאַי 1944 האָט דער פאָראויסמאַרש פון צווייטן פוילישן קאָרפּוס, אָנגעפירט פון גענעראַל אַנדערס, זיך פאַרהאַלטן צוליבן שטאַרק באַפעסטיקטן באַרג מאָנטע קאַסינאָ — 5199 מעטער. פון דאָרט האָבן די דייטשן געהערשט אויפן גאַנצן שטח אַרום און כסדר געשפיגן מיט פייער. קרבנות זענען דאָרט געפאַלן אין די טויזנטער. אויך די דייטשן האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן.

...מיר זענען אַריין אין די טאַנקען, אָנגעצונדן די מאָטאָרן און די שווערע מאַשינען האָבן זיך גענומען רוקן פאָראויס. אָבער נישט ווייט. דערווייל האָט מען געמוזט זוכן שוץ און קאַמופלאַזש אין אַ צעשטערטן דאָרף. מ׳האָט געוואַרט.

פון באַרג האָט אויף אונדז אַראָפּגעקוקט דער האַלב־פאַרברענטער קלויסטער. גלייך ווי אָנגעשטשירעטע ציין פון אַ סקעלעט, וועלכער רייצט זיך מיט דיר: „דריי טויזנט ענגלענדער האָבן מיך נישט געקענט נעמען, אָט ליגן זיי דאָ אַלע — ווילט איר זיך פאַרמעסטן?!".

איצט איז שטיל אומעטום. דער דערבייאיקער, העכערער באַרג פון מאָנטע קאַסינאָ — מאָנטע קאַיראָ — איז פאַרשטעקט אין די וואָלקנס. עס זעען זיך גוט אָן די רויטע מאָן־בלומען, מיט וועלכע דער גאַנצער שטח איז געדיכט באַוואַקסן. אָבער מיט נאָך עפּעס איז געווען באַדעקט דער שטח: דייטשע בונקערס, אָקאָפּעס, שיס־לעכער, אָבסערוואַציע־פּונקטן, מינירטע פעלדער. זיי האָבן דאָ געהערשט, געהאַט קאָנטראָל און מאַכט אויף אַ שטח אין אַ ראַדיוס פון 15 קילאָמעטער. אַנטקעגן דער מינדעסטער באַוועגונג אין טאָל צי באַרג־אַרויף, איז באַלד געעפנט געוואָרן אַ שטאַרק קאָנצענטרירט פייער. זענען מיר געלעגן פאַרשטעקט הינטער די טאַנקען, געריט, געשמועסט, אַ ביסל זיך געלאַנגווייליקט, גערייכערט און געכאַפּט אַ דרימל.

פלוצים דערהערט זיך אַ מעכטיקע קאַנאָנאַדע. מיר שטויסן זיך אָן, אַז דאָס וויל אונדזער אַרטילעריע „ווייך מאַכן" די דייטשע פּאָזיציעס. דערנאָך באַקומען מיר אַ באַפעל „מאָטאָרי וו רוך, נאַפּשוד!" („לאָזן די מאָטאָרן, פאָראויס!").

די קעגנזייטיקע שיסעריי הערט נישט אויף — און מיר קריכן מיט די טאַנקען אין סאַמע פייער אַריין. די אַזוי אויך שווערע קערפּערס פון די מאַשינען קלעטערן באַרג־אַרויף און שפּייען מיט פייער. די סנאַריאַדן פאַלן אין ציל, איך זע ווי אַלע מאָל לויפן אַרויס פון אַן אַנדערן בונקער פאַרוווּנדעטע דייטשן, זיי הייבן די הענט אין דער הייך, גיבן זיך אונטער. אַ סך בלייבן דערהרגעט אינעווייניק. נאָר אויך פון דער פוילישער זייט פעלן נישט קיין קרבנות.

אַ גאַנצן טאָג האָט געדויערט די שלאַכט. נאָך איינע פון די פאַרביטערטע און אומברחמנותדיקע פאַרמעסטן צו דעראָבערן דעם וויכטיקן סטראַטעגישן פּונקט. עטלעכע אונדזערע טאַנקען ליגן איבערגעקערטע, צעקלאַפּטע. די מאַנשאַפטן — שוין נישט צווישן די לעבעדיקע. איך דערהער אַ באַפעל דורך ראַדיאָ: „צוריקציען זיך, שנעל, באַהאַלטן זיך הינטערן בערגל מיט שטיינער!" מיר באַווייזן קוים זיך צוריק רוקן אויף דעם אָנגעוויזענעם פּונקט, ווי אויפן הימל באַווייזן זיך שווערע דייטשע באָמבאַרדירערס. נאָר עס יאָגן זיי אָן ענגלישע יעגעראעראָפּלאַנען. מיר זענען עדות פון אַ לופט־שלאַכט. צו הילף די ענגלענדער קומען אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען, וועלכע באָמבאַרדירן מאָנטע קאַסינאָ. עס גייט אָן אַ שוידערלעכע שחיטה.

פאַרנאַכט איז שטיל געוואָרן. אַמבולאַנסן און סאַניטאַראויטאָס נעמען צונויף די פאַרוווּנדעטע. מיר קריכן אַרויס פון די טאַנקען, עס ווילט זיך איינאָטעמען אַ ביסל פרישע לופט.

מיט אַמאָל דערהער איך אויסרופן מיין נאָמען — און דערצו אַ פראַגע: „קענסט ריידן דייטש?" מיט אַ דזשיפּ פירט מען מיך אַוועק אין אַ בונקער, וווּ עס געפינען זיך צוויי פוילישע אָפיצירן, אַן ענגלישער קאַפּיטאַן, אַ גלח און עטלעכע סאָלדאַטן. אויף דער ערד זיצן דייטשע קריגס־געפאַנגענע. דער פוילישער אָפיציר דערקלערט מיר, אַז צוליב דעם וואָס זייער איבערזעצער איז אַוועק אויף אַ צווייטן פּונקט, נייטיקן זיי זיך אין מיין הילף. דער ערשטער פאַרהערטער קריגס־געפאַנגענער איז אַ דייטשער סערזשאַנט.

— ביסט געווען אין פוילן?

— ניין!

כ׳נישטער אין זיינע דאָקומענטן און געפין פאַרצייכנט און מיליטערישן ביכל, אַז אין יאָר 1943 האָט ער זיין אורלויב פאַרברענגט אין גניעזנאָ. איך ווייז אים די פאַרצייכענונג, ער נעמט פלאָנטערן מיט דער צונג, אַז אומקערנדיק זיך פון רוסישן פראָנט, איז ער אין גניעזנאָ געווען אַ צוויי טעג.

— פאַר וואָס האָסטו געזאָגט ליגן?

— כ׳האָב פאַרגעסן.

איך זוך ווייטער אין זיינע פּאַפּירן און פאָטאָגראַפיעס. איך געפין אַ בילדל פון אַ געטאָ, מיט שטעכלדראָט פאַרצוימט. אויפן פאָדערגרונט זעט מען אַ שטאַרק צעשלאָגענעם ייד, אויסגעדאַרטע און האַלב נאַקעטע קינדער קוקן דורך דער פאַרצוימונג.

— וואָס איז דאָס? — פרעג איך.

— אַ געטאָ אין פוילן — ענטפערט דער סערזשאַנט.

— ווו האָסטו דאָס פאָטאָגראַפירט?

— נישט איך, באַקומען פון אַ חבר.

נאָך אַ ליגן, כדי זיך אַרויסדרייען פון דער אַחריות. און דער נעכטיקער „העלד" פאַלט אַוועק אויף די קניען, הייבט אָן ספּאַזמאַטיש שרייען: „איך בין אומשולדיק, איך נישט, כ׳בין אַ סאָלדאַט!".

איך ווייס נישט וואָס ס׳האָט דעמאָלט מיט מיר פּאַסירט. כ׳האָב שנעל אַראָפּגעכאַפּט מיין שטאָלענעם העלם פון קאָפּ און דערלאַנגט דעם זעלנער איברן קאַרק. ער איז אַוועקגעפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער — און איך האָב געשריען „דו נאַצי, מערדער — איך בין אַ ייד! איצט איז דיין סוף!".

דער קאַפּיטאַן נעמט מיך פּאָטערלעך אַרום. „סינו, אוספּאָקויִשיען" („מיין זון, באַרויִק זיך"). איך פאַל אַוועק אין אָנמאַכט. מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק קוק איך אויפן בילד, אויף די פאַרפייניקטע ברידער מיינע. איך האָב שוין צו יענער צייט געוווּסט דעם ביטערן גורל זייערן אין די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָרעס.

איך לויף אַרויס אין דרויסן. איצט איז שטיל, נאָר אין דער לופט טראָגט זיך דער ריח פון שלאַכט, פון טויטע און פאַר־

ווונדעטע. לעבן מיר שטעלט זיך אָפּ אַן אַמבולאַנס. איך דער־הער פון אינעווייניק אַ יידישן קרעכץ מיט ווערטער: „אוי, מאַמע... מאַמע!...“ איך גיי צו צום פאַרוווּנדעטן זעלנער, רייד צו אים יידיש: „באַרואיקט זיך, באַרואיקט זיך“.

מיט אַ שוואַך קול דערציילט ער מיר וועגן דער אומגעקו־מענער מאַנשאַפט פון זיין טאַנק, זיי זענען אַלע פאַרברענט געוואָרן. ער איינער איז ניצול געוואָרן — צי אויף לאַנג? איך טרייסט אים, אַז פאַר אים איז די קריג שוין געענדיקט. דעם סוף פון היטלערן זעט מען שוין, ער וועט איצט אַוועק אין שפּיטאָל, זיך אויסהיילן און שפּעטער וועט מען דאַרפן היילן די ווונדן פון אונדזער פאָלק.

ער שאָקלט מיטן קאָפּ, זאָגט מיט אַ שטיל־שטיל קול:

— אויך דו וועסט לעבן, וועסט איבערהאַלטן די מלחמה. זיי געזונט...

ה נ ק מ ה

שמואל לרון (פלץ)
תל־אביב

המפציץ הבריטי הארבעה־מנועי התנהל בכבדות בשמים. נוסף על הצוות הוא הוביל אתו כארבע טונות פצצות. ככל שהת־רחקנו משדה־התעופה כן גברה מהירותו של המטוס. חופיה הדרומיים של אנגליה מאחורינו — וכבר מצטיירת לפנינו תבניתה של יבשת אירופה. הנה, אנו בשמי ארץ הולאנד, אך לא ארץ זו היא יעדנו. פנינו אל אדמת גרמניה הארורה, שם נשליך את פצצותינו על עריה ומפעליה החרושתיים.

אין זו טיסתי הראשונה כטייס בחיל־האוויר הבריטי. כבר קודם־לכן השתתף הלהק שלי בכמה מבצעים חשובים בשמי ארצות הכיבוש הנאצי. אך עתה טסים אנו לגרמניה, לקינם של המרצחים.

הרהורי חוזרים לימי ספטמבר שנת 1939, עת ישבתי עם כל משפחתי בקוטנה, העיר בה נולדתי וגדלתי. האווירייה הגרמנית כבר היתה מפציצה אז לעתים קרובות את תושבי העיר חסרי הישע. רוצחי־האוויר הגרמניים לא חסו אף על הפליטים בדרכים שנמלטו מקוטנה והפציצום במכונות־יריה ולאחר שפולין נפלה וקוטנה נכבשה בידי הצבא הנאצי החלה מלאכת ההשמדה של עמנו. לנגד עיני חולפות תמונות של התעללות הגרמנים בילדים, נשים וזקנים יהודיים. באיזו הנאה סדיסטית, באיזו אכזריות נטולת כל שמץ של רגש אנושי הם עינו, ורצחו את אחיותינו ואחינו!! בראותי את זוועותיהם ובהיותי בעצמי קורבן של התעללותם, צץ במוחי הצעיר הרעיון להיות טייס ולנקום בחיות הגרמניות.

אך ככל שהתלהבותי לרעיון זה גברה כן ראיתי את אי־ממשותו. יתכן כי בשעה שקלגסי הנאצים במגפיהם המסומרים משוטטים ברחובות קוטנה — יחלום נער יהודי, פצוע, על טיסה במטוס־קרבי וישליך פצצות על ראש הגרמנים...

לאחר שהוגלדו הפצעים, עזבתי כעבור חודש את קוטנה. אין לתאר ולספר את החוויות בעת היותי נע־ונד, רעב ומוכה בשנות המלחמה הקשות. אבל חלומי נתגשם. עתה בשנת 1943, הנני טייס אנגלי, אחד מטייסי הלהק של מפציצים שמשימתו להטיל את „מטענו“ על אדמת גרמניה. ביושבי במטוס אני מלא סיפוק ושמחה, כי סוף־סוף אגמול לרוצחים באורח מעשי על החרבתם ארצות, ערים ועמים. וראש־לכל מפעמת בי הרגשת נקמה על הדם היהודי הנקי השפוך.

מבעד לחשכת הלילה הסמיכה מבחינים אנו באורות בודדים וקלושים. העיר הגרמנית — היעד של התקפתנו, בוערת במקומות אחדים, זכר להפצצות קודמות עליה. ככל שאנו מתקרבים כן גוברת האש של תותחי־המגן האנטי־אוויריים שלהם. מסביבנו התפוצצויות באוויר, רגעי פחד וחרדה.

עוד מעט — ונגיע למטרתנו. הוקל לי. סוף־סוף לוחץ אני על הכפתור המשחרר את הפצצות. הפתח נפתח ופצצות בריטיות מושלכות על ראש הגרמנים בידי טייס יהודי. שעת הנקמה הגיעה!

היתה זו טיסתי הראשונה להפצצת גרמניה — אך לא האחרונה. עוד ניתנה לי ההזדמנות ליהנות ולבוא על סיפוקי בהטילי פצצות על אדמת גרמניה. לאור הלהבות שהתנשאו אל־על שגרמו פצצותינו שב לבי קמעה אל מנוחתו על האסון שפקד את עמנו. לבי גאה בקרבי בזוכרי, כי אני נער יהודי מקוטנה מנחית מהלומות על ראש הגרמנים בנוקמי טיפה אחת מים הנקמה על מעשיהם האיומים ועל רצחנותם שלא היתה כדוגמתה.



המחבר ש. לרון — בשבי • דער מחבר ש. לאַראָן — אין געפאַנגענשאַפט

אך לא לזמן רב יכולתי להשביע את נקמתי. שנה לאחר המאורעות המסופרים לעיל הופל מטוסי על־ידי תותחי־הזניט של הגרמנים. אמנם שיחקה לי השעה, הצלחתי לצנוח ממטוסי הבוער ונפלתי בשבי הגרמני. למזלי, לא גילו הגרמנים את מוצאי היהודי ונהנתי בשבי מכל הזכויות שהוענקו לקצינים הבריטיים.

מלים אחדות על הפלת מטוסי:

כאשר באוגוסט שנת 1944 פרצה ההתקוממות בבירה הפולנית — בוורשה בהנהגתו של הגנראל בור־קומרובסקי נגד הכובשים הגרמניים, העבירה מפקדת חיל־האוויר הבריטי כמה להקי־מטוסים לברינדיזי, איטליה, כדי שיהיו קרובים יותר לשדה־המערכה בוורשה הלוחמת. ואכן, לעתים קרובות פקדו מטוסינו את הבירה הפולנית כדי להצניח להם נשק, תחמושת, מזון ותרופות. היו אלה מבצעי־טיסה מסובכים וקשים ביותר. שכן את האספקה שהטסנו חייבים היינו להצניח ברחובות מסויימים שהיו בחלקם בשליטתם של הגרמנים ובחלקם בידי הפולנים המתקוממים. את מטעני שלי צריך הייתי להשליך בכיכר גז׳יבובסקה־קרולבסקה, סמוך לבורסה. ושם הופל מטוסי.

בהיותי בשבי הרהרתי רבות על שום־מה לא הושיטו בנות־הברית שום עזרה לגיטו היהודי שנלחם על חייו. הן לא

שיגרו אפילו לא אווירון אחד! לא הצניחו לגיבורי הגיטו אפילו לא רובה אחד, לא כיכר לחם אחת! ולא תרופה כלשהי! מה שונים יכלו להיות פני המערכה וההתמודדות הבלתי־שווה בין קומץ יהודים לוחמים ובין נוגשיהם הגרמניים אילו לונדון, מוסקבה וניו־יורק היו מעמידות לרשות גיבורי הגיטו ולו רק חלק זעיר ביותר מזה שהן סיפקו למורדי הגנראל בור־קומארובסקי?!


תשובה לשאלה נוקבת זו לא קיבלתי עד היום...

נקמה

שמואל לאַראָן (פאלץ)
תל־אביב

דער פיר־מאָטאָרדיקער ענגלישער באָמבירער האָט שווער זיך באַוועגט אין דער לופט. אויסער דער גאַנצער מאַנשאַפט, האָבן זיך דאָרט געפונען נאָך אַ 4 טאָן באָמבעס. מיטן דערווייטערן זיך פונעם פלי־פעלד, איז די שנעלקייט געוואַקסן. מיר האָבן איבערגעלאָזט די דרומדיקע ברעגן פון ענגלאַנד — און אָט זעען זיך שוין די קאָנטורן פון אייראָפּעס יבשה. האָלאַנד. אָבער נישט די מדינה איז איצט דער ציל פון אונדזער פלי. מיר דאַרפן דערגרייכן די פאַרשאָלטענע דייטשע ערד, אַראָפּלאָזן אונדזערע באָמבעס אויף דייטשע פאַבריקן און שטעט.

דאָס איז נישט געווען מיין ערשטער פלי אַלס זעלנער פונעם בריטישן מיליטערישן לופט־פלאָט. נאָך פריער האָט מיין עסקאַדרע אָנטייל גענומען אין עטלעכע וויכטיקע אָפּעראַציעס, נאָר איבער די אָקופּירטע דורך די נאַציס לענדער. איצט איז מען געפלויגן קיין דייטשלאַנד, צו דער נעסט פון די רוצחים.



דאָקומענט פון קריגס־געפאַנגענעם ש. לאַראָן (פאַלץ)
תעודת שבוי־מלחמה של ש. לרון (פלץ)

...מיינע געדאַנקען טראָגן זיך אַוועק צו די סעפּטעמבער־טעג פון 1939, ווען כ׳האָב מיט מיין גאַנצער משפחה זיך געפונען אין קוטנע, די שטאָט וווּ מ׳איז געבאָרן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. די דייטשע אַוויאַציע האָט דעמאָלט אָפּט און געדיכט באָמבאַרדירט די שוצלאָזע שטאָט און אירע איינוווינער. אַפילו די פּליטים אויף די וועגן, וועלכע זענען געלאָפן פון קוטנע, האָבן די דייטשע לופט־פּיראַטן באַשאָסן פון מאַשין־געווער. נאָך דעם ווי פּוילן איז געפאַלן און קוטנע איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער היטלעריסטישער אַרמיי, האָט זיך אָנגעהויבן זייער מאָרד־מלאכה איבער אונדזער פאָלק. אין זכרון טויכן אויף בילדער, ווי אַזוי די דייטשן האָבן זיך איזדעקעוועט איבער יידישע קינדער, פרויען, אַלטע לייט. מיט סאַדיזם, ברוטאַלקייט, אויסגעטאָן פון יעטווידן מענטשלעך געפיל, האָבן זיי געשלאָגן, געפייניקט און געמאָרדעט אונדזערע שוועסטער און ברידער. צוזעענדיק די אַלע גרויל־טאַטן און זייענדיק אַליין אַ קרבן פון זיי, איז אין מיין יוגנטלעכן מוח געבאָרן געוואָרן אַ געדאַנק... צו ווערן אַ פליער און נקמה נעמען אין די דייטשן.

נאָר וואָס מער כ׳האָב אין יענער צייט זיך אַנטציקט מיט דעם געדאַנק, אַזוי האָב איך אַלץ בולטער געזען די אומרעאַלקייט זיינע. וואָס הייסט — בעת אויף די גאַסן פון קוטנע הערן זיך די באַשטיוולטע טריט פון דייטשע זעלנער, זשאַנדאַרמעריע און געסטאַפּאָ — זאָל אַ יידישער בחור, דערצו נאָך אַ פאַרוווּנדעטער, טרוימען וועגן פליען אין אַ קאַמפּס־עראָפּלאַן און וואַרפן באָמבעס אויף דייטשע קעפּ...

נאָכן אויסהיילן זיך פון די וווּנדן, האָב איך אין אַ חודש אַרום פאַרלאָזט קוטנע. שווער צו באַשרייבן די איבערלעבונגען פון נע־ונד, הונגער, נויט אין די שווערע מלחמה־יאָרן. אָבער מיין טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. איצט, אין יאָר 1943, בין איך אַן ענגלישער פליער, באַטייליק זיך אינעם פלוג פון אַן עסקאַדרילע באָמבירער, וועלכע דאַרף אויסלאָדן איר „באַגאַזש“ אויף דער דייטשער ערד. איצט זיץ איך אין עראָפּלאַן, האָב הנאה און אַ סאַטיספאַקציע, וואָס כ׳וועל ענדלעך אויף אַ ממשותדיקן אופן אָפּצאָלן די רוצחים פאַר זייער חרוב מאַכן לענדער, שטעט און פעלקער און קודם כל — נקמה נעמען פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם יידישן בלוט.

דורך דער געדיכטער נאַכט־פינצטערניש דערזעען מיר איינצלנע פייערלעך. די דייטשע שטאָט, דער ציל פון אונדזער אַטאַקע, ברענט אויף עטלעכע ערטער פון די פריערדיקע באָמבאַרדירונגען. מיטן דערנענטערן זיך פון אונדזערע עראָפּלאַנען, ווערט שטאַרקער דאָס פייער פון זייערע זעניט־האַרמאַטן. אויפרייסן אין דער לופט אַרום אונדז, מינוטן פון שרעק און טיפע איבערלעבונגען. נאָך אַ ביסל — מיר זענעןביים ציל. עס ווערט מיר לייכטער אויפן האַרצן. ענדלעך גיב איך אַ דריק אויפן מעכאַניזם וועלכער באַפרייט די באָמבעס. די קלאַפּע עפנט זיך און ענגלישע באָמבעס, געשיקט דורך אַ יידישן פליער — פאַלן אויף די דייטשנס קעפּ. די מינוט פון נקמה איז געקומען.

דאָס איז געווען מיין ערשטער פלי צו באָמבאַרדירן דייטשלאַנד — אָבער נישט דער לעצטער. שפּעטער האָב איך נאָך געהאַט די הנאה און די סאַטיספאַקציע צו שליידערן אויפן שונאס טעריטאָריע טויזנטער קילאָ באָמבעס. אין שיין פון זייערע אויפרייסן האָב איך אַ ביסל געקילט מיין צעווייטיקט האַרץ צוליבן אומגליק פון אונדזער פאָלק; אַ שטאָלץ האָט מיך באַהערשט, וואָס כ׳בין כמעט דער איינציקער יידישער יוגנטלעכער פון קוטנע, וועלכער האָט זוכה געווען אַלס פליער צו דערלאַנגען קלעפּ די היטלעריסטן, מיט דער הילף פון אַן ענגלישן באָמבירער; וואָס איך צאָל כאָטש טיילווייז אָפּ די רוצחים פאַר זייערע גוואַלד־טאַטן און פורעניותן.

אָבער נישט לאַנג האָב איך געקענט זעטיקן מיינע נקמה־געפילן. אַ יאָר נאָך די פריער געשילדערטע געשעענישן, איז מיין עראָפּלאַן אַראָפּגעשאָסן געוואָרן דורך דער דייטשער זעניט־אַרטילעריע. מיר איז געלונגען מיט אַ פאַל־שירם צו שפּרינגען פונעם ברענענדיקן עראָפּלאַן און — אַריינפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. צום גליק, האָבן די דייטשן נישט אַנטדעקט מיין יידישקייט און כ׳האָב אין דער געפאַנגענשאַפט גענאָסן פון די זעלבע רעכט וואָס די ענגלישע אָפיצירן.

עטלעכע ווערטער וועגן דער אַראָפּשיסונג פון מיין עראָפּלאַן:

ווען ס׳איז אין אויגוסט 1944 אויסגעבראָכן אין וואַרשע דער

אויפשטאַנד פון באָר־קאָמאָראָווסקי קעגן די דייטשן, האָט די בריטישע אַוויאַציע אריבערגעפירט עטלעכע פלי־עסקאַדרעס קיין ברינדיזי אין איטאַליע, כדי זיין וואָס נענטער צו דער קעמפנדיקער הויפּטשטאָט פון פוילן. מיר פלעגן טאַקע אָפט



דער מחבר אין געפאַנגען־לאַגער • המחבר במחנה השבויים

אַהין פליען, כדי אַראָפּוואַרפן פאַר די אויפשטענדלער געווער, אַמוניציע, שפייז און מעדיקאַמענטן. דאָס זענען געווען גאָר שווערע און קאָמפּליצירטע פלי־אָפּעראַציעס, ווייל דעם טראַנס־פּאָרט האָט מען באַדאַרפט אַראָפּוואַרפן אויף באַשטימטע גאַסן, וואָס איין טייל האָט געהערט צו די דייטשן, די צווייטע טייל — צו די פוילישע אויפשטענדלער. איך האָב באַדאַרפט פון דער לופטן צושטעלן אַ גרעסערן טראַנספּאָרט אויפן פּלאַץ גזשיבאָוו־סקי—קרולעווסקע, לעבן דער געלדע. און דאָרט איז מיין עראָפּלאַן געטראָפן געוואָרן.

זייענדיק אין געפאַנגענשאַפט, האָב איך אַ סך געטראַכט, הלמאי האָבן די אַליאַנטן נישט געהאָלפן די העלדישע אויפ־שטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ, נישט געשיקט קיין איין עראָפּלאַן מיט אַ ביסל ביקסן, פּראָדוקטן, רפואות? ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען דער אומגלייכער פאַרמעסט צווישן אַ הייפל יידישע קעמפערס און זייערע דייטשע באַצווינגערס, ווען פון לאָנדאָן, מאָסקווע און ניו־יאָרק וואָלט געליפערט געוואָרן כאָטש אַ ברוכטייל פון דער הילף וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן די אויפשטענדלער פון גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי?!

קיין ענטפער אויף דער האַרבער פראַגע האָב איך נישט געפונען ביזן היינטיקן טאָג...

די געטא קעמפער ישראל און סאלא קאנאל

דעם יחוס־בריוו פון דער משפחה קאַנאַל הייבן מיר אָן פונעם זיידן מרדכי קאַנאַל, אַ קוטנער איינוווינער, געבוירן אין יאָר 1864. זיין פרוי מלכה האָט געשטאַמט פון דער משפחה וואַרשאַווטשיק. זיי האָבן געהאַט דריי זין: ישראל־מענדל, משה (חתונה געהאַט מיט ליובא סמוזיק) און ישעיה.

ישראל קאַנאַל, איינער פון די מיטבאַטייליקטע אינעם העל־דישן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, איז דער זון פון משה און ליובא. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער וווינונג פון זיין באָבע מלכה אין קוטנע. דער צווייטער זון, יאָסעלע, איז געבוירן געוואָרן אין בידגאָשטש, נאָך דעם ווי די עלטערן זענען געפאָרן אַהין וווינען.

וועגן ישראלס און סאַלאָס קאַמפּס־טעטיקייט אין וואַרשע־ווער געטאָ, ווערט דערציילט אין דעם בוך פון מלך ניישטאַט „חורבן און אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע", דערשינען אין תל־אביב אין יאָר 1948.

...געבוירן אין בידגאָשטש, אין דער מערב־געגנט פון פוילן, וואָס איז געווען אונטער דער דייטשער הערשאַפט ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביי רייכע פרומע עלטערן, קאָן זיין, אַז קרובים פון הרב י. מ. קאַנאַל, איינעם פון די אָנגעזעענסטע וואַרשעווער רבנים. דער פאָטער, אַ מאַנופאַקטור־סוחר, איז געווען אַ ציוניסט און האָט דערצויגן די קינדער אין נאַציאָנאַלן גייסט און זיי געלערנט ריידן העברעיש פון קליינווייז אָן. ישראל האָט פאַרענדיקט די לימודים אין אַן אָרטיקער גימנאַזיע. ער איז געווען אַקטיוו אין דער „עקיבא"־באַוועגונג און האָט זיך נאָך באַטייליקט אין דער לעצטער זומער־קאָלאָניע אין זאַקאָ־פּאַנער געגנט, האַרט פאַר דער מלחמה. נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער אָנגעקומען, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, קיין וואַרשע און באַלד נאָך דעם איז אים אָפּגעשטאָרבן די מוטער (אין אָנהייב 1942 איז געשטאָרבן דער פאָטער פון טיפוס, ישראל איז אויך קראַנק געוואָרן אויף דער זעלבער קרענק, אָבער ער איז גענזונט געוואָרן). צו דער „עקיבא"־באַוועגונג האָט אויך געהערט זיין ברודער סאַלאָ און אין וואַרשע זענען זיי ביידע געווען אינעם שטאָטישן „עקיבא"־קיבוץ אויף נאַלעווקי 10, וועלכער האָט געציילט 25 חברים. ישראל איז געווען אַן אינ־טעליגענטער, ענערגישער יינגל, פול מיט איניציאַטיוו. אין זיין באַוועגונג — און אויך אויסער איר — איז ער געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן געפאָדערט אַן אַקטיוון, באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. לויט דער פאָדערונג פון דער באַוועגונג, האָט ער געדינט אין דער יידישער געטאָ־פּאָליציי, אָבער ער האָט זי פאַרלאָזט ערב דעם גרויסן גירוש. דעם 20סטן אויגוסט 1942, ווען עס האָט געבושעווועט די אַקציע פון דעם גרויסן פאַרניכ־טונגס־גירוש, האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַרויסגע־געבן אַ טויט־אורטייל אויפן קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי יוזעף שערינסקי — און ישראל קאַנאַל איז געווען דער, וועלכער האָט געגעבן דעם ערשטן שאָס פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פאַרוווּנדעט דעם פאַרעטער.

נאָך פאַר דעם אָנהייב פון די קאַמפן, האָט ער געלערנט די קעמפער געווער־באַנוצונג. בעת די איבונגען איז ער פאַרוווּנ־דעט געוואָרן אין פוס, אָבער ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט. אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער זיך באַטייליקט אין די קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון „השומר הצעיר". ער איז געווען קאָ־מענדאַנט פון אַ גרופּע, וואָס האָט העלדיש געקעמפט נאָך אין ערשטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, דעם 18טן יאַנואַר 1943, אויף נאָוואָליפּיע־גאַס. דערנאָך איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס קאָ־מענדאַנט פונעם „צענטראַלן געטאָ". צווישן די חברים איז ער אויך געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען מיעטעק. אין די קאַמף־באַריכטן ווערט ער זייער אָפט דערמאָנט ווי איינער פון די העלדישסטע און מוטיקסטע קעמפער.

נאָך דער אונטערדריקונג פונעם געטאָ אויפשטאַנד, איז ער צוזאַמען מיט די לעצט־פאַרבליבענע קעמפער אַרויס דורך די

קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אין די ווישקאָווער וועלדער. צוליב זיין קראַנקייט, האָט ער געמוזט זיך אומקערן קיין וואַרשע. זיין אויסגעשפּראָכן יידישער אויסזען האָט אים נישט דערמעגלעכט קיין שום טעטי־קייט אויף דער אַרישער זייט און אויך זיין אויסבאַהאַלטונג איז געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן. דעריבער האָט ער מסכים געווען מען זאָל אים מאַכן דאָקומענטן אַלס אויסלענדישער ביר־גער. אין אויגוסט 1943 איז ער אַריבערגעפאָרן אין לאַגער בערגען־בעלזען. שמחת־תורה תש"ד, דעם 21סטן אָקטאָבער 1943, האָט מען אים מיט נאָך 1800 יידן אַוועקגעשיקט כלומרשט קיין בערגאַו ביי דרעזדען. 22 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז דערמאָרדעט געוואָרן (זיין ברודער סאַלאָ איז אַרויסגע־שיקט געוואָרן פון קראָקעווער „החלוץ הלוחם" אין וואַלד, מיט אַ קליינער פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון זעקס יינגע יידישע קעמפער. צוליב אַ מסירה האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט זייער באַהעל־טעניש און אין דעם קאַמף זענען פינף געפאַלן, צווישן זיי — סאַלאָ) (ז"ז 515—516).

(צוקערמאַן), טוביה באָזשיקאָווסקי — צו א. דאָבקין, י. טאַבענקין, מ. יערי און י. באַראַש, דאַטירט: וואַרשע, 24טער מאַי 1944).

...יענע נאַכט (29סטער אַפּריל) איז אַרויס געשיקט געוואָרן נאָך אַ דעלעגאַציע: טוביה באָזשיקאָווסקי (זע זיין טאָגבוך), ישראל קאַנאַל, מרדכי גראָוואַס, מנחם ביגעלמאַן און נאָך זעקס קעמפער. אויפן וועג האָבן זיי זיך צוזאַמען געשטויסן מיט דייטשן. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף, אין וועלכן עס זענען דערהר־געט געוואָרן עטלעכע דייטשן. 7 פון די קעמפער, און צווישן זיי — 4 פאַרוווּנדעטע, האָבן באַוויזן אַדורך צו רייסן זיך צוריק צו די פּאָזיציעס פון די קעמפער; 3 פון זיי וואָס דאָס איז נישט געלונגען, האָבן אויסגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט אַ געראַנגל מיט אַ סך גרעסערע דייטשע כוחות — און די דייטשן זענען זיי נישט ביי‌געקומען (ז' 278).

...זשימאַק לילקע איז... בעת דעם אויפשטאַנד געווען אַ מיטגליד אין אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור". זי האָט געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ", געווען די פאַרבינדלערין פונעם קאָמענדאַנט פון „צענטראַלן געטאָ", ישראל קאַנאַל (ז' 464).



שמואל וייכסלפיש (צה"ל)



זאקשבסקי (צבא אדום)



פריזלר ז"ל



צלמנסקי הרמן

...יענעם טאָג (פון 20סטן אויפן 21סטן אויגוסט 1942) איז אויך געגעבן געוואָרן דער ערשטער שאָס מצד דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע: י ש ר א ל ק אַ נ אַ ל האָט מיט צוויי קוילן שווער פאַרוווּנדעט יוזעף שערינסקין.

...י. קאַנאַל איז געקומען צו שערינסקין אין דער וווינונג אויף נאָוואָליפּקי, אַלס פּאָליציאַנט, אַנדערש וואָלט מען אים נישט צוגעלאָזט צו אים. שערינסקי איז נישט געשטאָרבן פון די ווונדן (ז' 141).

...אינעם וואַרשטאַטן־געביט האָט אין דער שפּיץ פון אַ קליינער גרופּע קעמפער — העלדיש געקעמפט ישראל קאַנאַל. (ז' 150).

...אַלס קאָמענדאַנט פון „צענטראַלן געטאָ־געביט" איז באַ־שטימט געוואָרן ישראל קאַנאַל (ז' 152).

...פאַראַיאָרן זענען אליעזר געלער און ישראל קאַנאַל, צו־זאַמען מיט אַ גרופּע חברים, אַרויס געפאָרן אויפן גרונט פון אויסלענדישע דאָקומענטן אין לאַגער בערגען ביי האַנאָווער (בערגען־בעלזען). מיר האָבן נישט וועגן זיי קיין שום ידיעות. מיר זענען זייער באַאומרואיקט וועגן זייער גורל. אינטערווענירט פאַר זיי... (ז' 220 — פון אַ בריוו פון צביה (לובעטקין), יצחק

...עטלעכע פון די געפאַלענע, כאָטש זיי ווערן דערמאָנט נאָך אין די דאָקומענטן, האָבן דערפילט צענטראַלע און הויפּט־פונק־ציעס אין דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, ווי למשל, הערש בערלינסקי, אליעזר געלער, מרדכי (מערדעק) גראָוואַס, ישראל קאַנאַל, מיכאל ראָזענפעלד און אַנדערע (ז' 323).

...צווישן דער ליסטע מיט 50 נעמען פון געטאָ־קעמפערס, וואָס צום צווייטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט זיי דער גענעראַל־שטאַב פונעם פוילישן מיליטער באַערט מיט אויסצייכענונגס־אָרדנס פאַר זייער העלדישן קאַמף קעגן דעם נאַצישן אָקופּאַנט, געפינט זיך אויך דער נאָמען פון ישראל קאַנאַל (ז' 328).

וועגן אונדזער בן־עיר אַש אליעזר, ווערט אין בוך פון מ. נײַשטאַט אָנגעגעבן אָט־וואָס:

... אַש אליעזר — מיטגליד פון דער קאַמף־גרופּע פון „הנוער הציוני". זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, וועלכע איז אַריבערגעשיקט גע־וואָרן נאָך לאָנדאָן אין נאָוועמבער 1943. עס איז אונדז נישט געלונגען צו דערוויסן זיך איינצלהייטן וועגן אים (ז' 354).

רשימה פון סטאביל רעגיסטרירטע

די וויטערדיקע רשימה פון פארעגיסטרירטע יידן אין קוטנער הילפס־קאָמיטעט אין די יאָרן 1945—1946, איז צונויפגעשטעלט גע־וואָרן אין דער פוילישער שפראַך און נעמט אָרום קוטנער און נישט־קוטנער פון פאַרן קריג.

(,,קאָמיטעט פאָמאָצי זשידאָם אָדזיאַל וו קוטניע") קאָמיטעט צו העלפן יידן, אָפטיילונג אין קוטנע

פאַמיליע־נאָמען, נאָמען, באַשעפטיקונג

1. פראַשקער איגנאַצי, פאָטאָגראַפיסט
2. עלעכנאָוויטש אסתר, סוחרטע
3. מאַיאַרעק אירענאַ, קאָסמעטיקערין
4. בוקשטיין שמעון, שניידער
5. קירשטיין סטעפאַניאַ, סטודענטין
6. קירשטיין רעגינע,
7. קירשטיין אַדאַם, שילער
8. סאַרנא עדאַ,
9. סאַרנאַ איזידאָר, אינדוסטריעלער
10. סאַרנאַ אַננאַ, שילערין
11. בלאָושטיין גרשון, שניידער
12. לינדע זאָפיאַ, שילערין
13. דענענסאָן ריטאַ, פלעגערין
14. פינקעלשטיין נאַטאַליאַ
15. פינקעלשטיין מאַריאַן, שילער
16. פינקעלשטיין רענאַטאַ, שילערין
17. ד"ר אַלטער־קאָוואַלעווסקי יאַן, דאָקטאָר
18. אַלטער־קאָוואַלעווסקי אַננאַ
19. אַלטער־קאָוואַלעווסקי קלאַראַ, שילערין
20 פאַסט ישראל, שלאָסער
21. צוקער נינאַ, שילערין
22. ד"ר אוסטער העגריק, אַדוואָקאַט
23. ד"ר פינקעלס מאַרעק, אַדוואָקאַט
24. מאַדפעס אַלעקסאַנדער, אינזשעניער
25. ד"ר פינקעלשטיין מאַוריצי, דאָקטאָר
26. שאַפער סטעפאַן, וועטערינאַר־דאָקטאָר
27. וואַסערצוג יהודה, ערד־אַרבעטער
28. קלאַפּפער פעליקס, פאָטאָגראַפיסט
29. פינקעלשטיין אַלעקסאַנדער, שילער
30. ראָזענבלום יחיאל, תבואה־סוחר
31. ראָזענבלום זעליג, שילער
32. אייזיק אהרון, ערד־אַרבעטער
33. האַרצשטאַרק בערנאַרד, גאָלדשמיד
34. האַרצשטאַרק העגריק, שניצער
35. צעלעמענסקי איזאַק, סוחר
36. סטוטשינסקאַ עוואַ
37. סטוטשינסקאַ טאַלאַ, סטענאָטיפּיסטין
38. פאַסט (געב' סטוטשינסקאַ) סאַבינע
39. סטוטשינסקי איגנאַצי, שילער
40. סטוטשינסקאַ יאַנינאַ, שילערין
41. סטוטשינסקאַ ראָזאַליאַ, שילערין
42. מאַשקאָוויטש געצל, שניידער
43. קאָן הערש, קאָמאַשנמאַכער

(אין מיליטער)

44. באַרשטש לעאָן, פריזירער
45. עקער קיסעל, ערד־אַרבעטער
46. גרינסבערג יאַקוב, ערד־אַרבעטער
47. מאַשניצקאַ גערטרודאַ (טשעכין)
48. וואַלטער אברהם, סוחר
49. זלאָטאָגורסקי וואָלף, אַרבעטער
50. קאָרן אסתר, שניידערין
51. קאָרן יוזעף, שילער
52. יוזעפאָוויטש מרדכי, שלאָסער
53. קופּפער ליובאַ, גאַרסעט־מאַכערין
54. מעטאַל יוסף, שלאָסער
55. באַטשאַן יהודה, אַרבעטער
56. אַלטמאַן שעיה, לערער
57. ליכטיק בערטאַ, לערערין
58. ליכטיק רות, שילערין
59. ליכטיק יוסף, קינד
60. אַלטמאַן אסתר, לערערין
61. אַלטמאַן עמנואל, שילער
62. קאָוואַלסקאַ פאַלאַ, אַרבעטערין
63. קאָוואַלסקאַ תמר, אַרבעטערין
64. פאַסענפעסט מרדכי, שניידער
65. לובראַניעצקי הערש־לייב, אַרבעטער
66. זאַנדבערג אברהם, זייגערמאַכער
67. יאַקובאָוויטש לאָזער, שניידער
68. צענטנער שיע, אַרבעטער
69. גלאַנץ אברהם, אַרבעטער
70. קאַזאַק ליפּמאַן, אַרבעטער
71. ראַדזשיצקי לייב, פורמאַן
72. ראָזענבלום עוגעניאַ
73. זאַפּראַן האַנקאַ
74. טענענבאַום דאַנוטאַ, אַ קינד
75. שליוועק שמואל, אַרבעטער
76. קאַשוב ראובן, קצב
77. באַלסאַמאָוויטש בערעק, שניידער
78. שראַנק מאַניעק, סוחר
79. קאַלאַשינסקי מאַניעק, סוחר
80. שקלאַ וואָלף, אַרבעטער
81. אָסאָווסקי פנחס, סטאָליער
82. קראַסני מיכאל, ערד־אַרבעטער
83. זלאָטאָגורסקאַ פעלינאַ
84. נאָסאַל מאַניעק, קצב
85. ד"ר קליינערמאַן יוסף, דאָקטאָר
86. גאָלדמאַן עאוגעניאַ, שילערין
87. פערענבאַך באַלבינע, שניידערין
88. אַספּערשטיין דוד, פעלדשער

(אין מיליטער)

89. בזשאָסטאָווסקי גבריאל, אַרבעטער
90. האָפמאַן שמואל, אַרבעטער
91. אַראָנאָוויטש מאַריאַ
92. בוקשטיין אידאַ
93. אַראָנאָוויטש יוסף, שניידער
94. לוי סידאָני, אַרבעטערין (טשעכין)
95. אייזענבערג מיעטשיסלאַוו,

(עלעקטריקער)

96. ראָזענקראַנץ שיע, אַרבעטער
97. סטוטשינסקי מרדכי, קצב
98. מראָז ראובן, העפטער
99. מראָז עזריאל, באַן־אַרבעטער
100. שוסטער ארון, שניידער
101. שוסטער חנה,
102. שוסטער נתן, שילער
103. מראָז שולמית
104. ערדבערג כעלע
105. קעניג איציק, שניידער
106. קרול אביגדור, סוחר
107. זאַממער זלמן, שניידער
108. קעניג מאַריאַ
109. זאַנדבערג גבריאל, שניידער
110. לאַסמאַן הערש, שניידער
111. לאַסמאַן לאה, שניידערין
112. לאַסמאַן רחל, קינד

(סטעמפל — אין פויליש: ציטווייליקער יידישער קאָמיטעט אין קוטנע).

.6

אחרי השחרור

נאך דער באפרייאונג

קוטנה לאחר השחרור


צבי לסמן
גבעתיים

המלחמה נסתיימה ואני נשארתי בחיים. גם כיום לאחר שנים רבות לא אדע מניין שאבתי הכוחות הפיזיים והנפשיים לעמוד בכל התלאות, במחלות, ברעב, ביסורים וברדיפות ללא הפסק אשר פקדו אותי בימי האימים ההם.

עם תום הקרבות החלטתי, כי עלי לבקר במקומות בה חייתה משפחתי. תחילה יצאתי ללודז׳ שם פגשתי את חברי מייטק ווייכסלפיש שהיה אז קצין בצבא הפולני וכן עוד חבר אחד, יעקב שוורץ ורעייתו פרומה. הוא סיפר, כי עתה הוא פעיל בהברחות יהודים לארץ־ישראל. נוסף על יעקב שוורץ שהיה יחד עמי בתנועת „השומר הצעיר" פגשתי חברים נוספים, שהיו אתי בתנועה זו וציפורה זנדלביץ׳ ועזריאל וראובן ומרים מרוז.

משם יצאתי לקוטנה, אליה הגעתי ב־15 באוגוסט 1945. עמדתי בתחנת הרכבת שהזכירה לי מחזות אימים להם הייתי עד, עת עבדתי כאן עם יהודים אחרים בסבלות ועגלונות תחת השגחת הרוצחים הגרמניים. מדוכדך ואבל המשכתי בדרכי לאורך רחובות עירי. ברחוב שנקיביצ׳ה פגשתי את יאנק הגיבן, הוא הציע לי ללכת למשפחת אופטוצ׳ינסקי, שם מצאתי את חברי בלזמוביץ׳ ויעקובוביץ׳. בראות איש את רעהו פרצנו כולנו בבכי מר, על הסבל הנורא שהיה מנת חלקנו ועל שמחת הפגישה המחודשת. איש־איש סיפר על קורות אותו בשנות אימים אלה, על סבלו ועל מצוקתו ועל הינצלו וכולנו העלינו את זכרם של יקירינו ושל בני־משפחותינו שאינם עוד אתנו.


למחרת בבוקר הלכתי לביתו של ד"ר פינקלשטיין והאסיסטנטית שלו טולה סטוצ׳נסקה ז"ל. הרופא בישר לי את בשורת איוב הנוראה. כי איש מבני משפחתי ומבני משפחת אשתי לא ניצל וכי כולם נשלחו למחנה ההשמדה חלמנו, שם הם נשרפו חיים בידי חיות הטרף הנאציות. ירדתי לחצר ביתו של הרופא, זו החצר בה שכן בזמנו קן „השומר־הצעיר" — תנועת הנוער שכה הרבה אני חייב לה, ששקקה חיים של נערים ונערות יהודיים. ונגד עיני עוברות וקמות לתחייה מחזות ותמונות של חיי נוער יהודי צמא חיים, מלא תקווה לבנות את עתידו בארץ־ישראל. הרי בחצר זו ביליתי ימים וערבים — שנות חיי היפות! מסביבי בתים של יהודים, בתים שאך אתמול המו ילדים, נערים ונערות שכל עתידם היה עוד לפניהם, בתים שהיו עדים לחיים יהודיים עשירים בתרבות, ומסורת רבי־דורות, ליגון ושמחה לתוגה ועליצות. עתה משתרע סביבי בית־קברות גדול של החיים היהודיים. פסל לזכרו של חייל רוסי ניצב באמצע הרחוב, אך זכר לחיים יהודיים נמחה כליל, כאילו מעולם לא היו יהודים בקוטנה!



המחבר בעת ביקורו בטרבלינקה אחרי שחרורה
דער מחבר באַזוכט טרעבלינקע, נאָך דער באַפרייאונג

אני ממשיך לשוטט ברחובות עירי. ליבי כאילו חדל מלפעום, רק לנגד עיני חולפות דמויות לאין ספור: הנה רואה אני את הורי היקרים, אבא ניצב מולי ומוכר את סחורתו והנה הקוזקים, לנצ׳יצקי, לייכמן, קוטלז׳, אייזיק שפשביץ, בלנק ועוד ועוד. פתע ערפל מכסה את עיני, איני רואה עוד מאומה, רק להבות אש אדומות ונחלי דם שוצפים, מסתערים עלי מכל עבר! קוטנה עירי שטופה כולה בדם בני משפחתי, בני משפחתך, בני אברהם יצחק ויעקב! הגעתי לבית בו גר אחי דוד לסמן ומשפחתו. ביקשתי מאת הדיירים החדשים שמא נתגלגלו לידיהם תמונות ותצלומים של אחי ובני ביתו, אך הם ענו לי כי כולם גורשו לגיטו קונסטאנציה ואיש מהם לא נותר בחיים. אכן הוא ובני ביתו לא יחזרו עוד לעולם, אך ביתו נשאר עומד על תילו, על הרהיטים וכל כלי הבית שבו. את הכל ירשו הדיירים החדשים, רק אחי איננו עוד!

לא יכולתי לשאת יותר את מראות קוטנה החדשה, הגווית, הרצחנית. אך תקווה קלושה עוד הבהבה בקרבי, שמא נותרו בחיים בני משפחה אחרים: אחותי חיה ובראנה ואחי אפרים שהתגוררו בז׳יכלין. נסעתי לכן לעיר הזאת. כאן מצאתי רק את גיסו של אחי, אידל קירשטיין וידידתו תמרה קובלסקי. הם סיפרו, כי אחיותי ואחי גורשו למחנה חלמנו, שם נשרפו חיים כרבים מבני עמם. חזרתי ללודז׳, אך גם עיר זו דמתה לבית־קברות של חיים יהודיים, שהיו כה תוססים, מלאי מרץ, יוזמה ופעילות. משם המשכתי את דרכי לברלין, העיר המקוללת לנצח



המצבה בקוטנה שהוקמה ע"י שרידי העיר
מצבה אין קוטנע, אויפגעשטעלט נאָך דער באַפרייאונג

נצחים, אך כאן דאיתי בנקמה מעטה על אשר עוללו לנו חיות הטרף הנאציות.

פניתי לעבר מחנה המוות ברגן־בלזן. יחד עמי היו אשתי לאה בלנק ובתי הקטנה, שנולדה באמצע המלחמה. עומד אני ליד המשרפות שבלעו אלפים ורבבות יהודים על לא עוון בכפם ומסביבי פזורים בגדים ונעלים של צעירים, זקנים, נשים וטף וקברות אחים ממלאים את כל שטח המחנה.

בברגן־בלזן שהיתי שנתיים ימים בציפיה לעליה לארץ־ישראל, לקראת חיים חדשים בישראל המשוחררת המצמיחה מחדש את גזע ישראל על אדמת ישראל לנצח נצחים!

קוטנע אין יאנואר 1945

א. ווייכסלפיש
תל־אביב

אַלס קאַפּיטאַן פון דער פּוילישער אַרמיי, האָב איך אין די מלחמה־יאָרן אַדורכגעמאַכט דעם קאַמפּס־שליאַך פון פּוילישן מיליטער, וואָס האָט זיך געשאַפן אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, אין לענינאָ. מיטן דערנענטערן זיך צו דער פּוילישער ערד, נאָך שווערע און בלוטיקע שלאַכטן מיט די אָפּטרעטנדיקע דייטשן, האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן האַסטיקער און זיך ציען צו דער אַמאָליקער היים, קיין קוטנע, ווו מ׳איז געבאָרן, דערצויגן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. די חרובע שטעט און פאַרברענטע ישובים, די אומגעבראַכטע יידישע באַפעלקערונג, האָבן מיך צוגעגרייט צו זען דאָס זעלבע בילד אויך אין מיין היימשטאָט קוטנע. אָבער אַ פונק פון האָפענונג האָט תמיד געטליעט: אפשר פאָרט איז ווער פון די נאָענטע ניצול געוואָרן פונעם בלוטיקן מבול? האָב איך דאָך אויף אונדזער פיינפולן וועג געטראָפן יחידי־סגולה, הגם צעבראָכענע און קראַנקע, וועמען ס׳איז געלונגען זיך אָפּצוראַטעווען. פאַרוואָס זאָל אַזאַ נס נישט געשען אויך אין קוטנע?

אין דער באַפרייטער, נאָר חרובער פוילן

אין אויגוסט 1944 האָט מיך אַרויס גערופן דער גענעראַל־שטאָב און באַפוילן איינצושטעלן אין דער באַפרייטער כעלם די מיליטערישע קאָמענדאַנטור. כ׳בין נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון מיין באַזוך אין דער שול אין קאָוועל, ווו מיטן אייגענעם בלוט האָבן די פאַרפּייניקטע דאָרט יידן אָנגעשריבן אויף די ווענט: „יידן, נעמט נקמה פאַר אונדזער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט!". כ׳האָב אויך נישט געקאָנט פאַרגעסן דאָס יידישע שטעטל קיווערץ, ווו אַן אַלטע קריסטין האָט אונדז געוואָרנט נישט טרינקען דאָס וואַסער פון ברונעם, ווייל די דייטשן האָבן אַהין אַריינגעשליידערט יידישע קינדערלעך... איך האָב דעמאָלט באַפוילן עטלעכע זעלנער אַרויסנעמען די זיך צעפּאַלנדיקע קערפּערלעך און זיי געבראַכט צו קבר ישראל.

מיט אַזאַ געמיט בין איך אָנגעקומען קיין כעלם, ווו ס׳האָט זיך באַלד געשאַפן אַ יידישער קאָמיטעט און רעגיסטרירט די



קוטנער שארית־הפליטהביים אויפשטעלן דעם אָנדענק־שטיין אויפן בית־הקברות (1946)

שרידי קוטנה היהודית בטקס הקמת אבן־זכרון בבית־הקברות (1946)

שארית־הפליטה. קיין קוטנער נעמען האָב איך אין דער רשימה נישט געפונען...

נאָכן באַפרייען פוילן ביזן מזרח־ברעג פון דער ווייסל, האָבן מיר ערשט אין יאַנואַר 1945 פאַרסירט פוילנס גרעסטן טייך. די ערשטע שטאָט, ראַדאָם, ווו ס'האָט אַ מאָל געשפּרודלט מיט יידיש לעבן — איז איצט יודן־ריין. דער זעלבער גורל פון אַנדערע שטעט, ווו די דייטשע רוצחים האָבן געוועלטיקט. הגם אויף די טראָטואַרן שטייען מאַסן מענטשן, באַגריסן די אַרמיי — די באַפרייערן, זע איך נישט צווישן דעם המון קיין יידיש פּנים.

דעם 16טן יאַנואַר דאַרף איך פאָרן קיין לאָדזש. פרייד און טרויער באַהערשן מיך. טאַקע נענטער צו קוטנע, אָבער דער גורל פון דער יידישער לאָדזש איז מיר שוין באַוווסט. אין דער גרויסער שטאָט דאַרף איך איבערנעמען אַלע געוועזענע דייטשע אַמטן. דעם 17טן יאַנואַר מעלדעט דער ראַדיאָ און די פּרעסע וועגן באַפרייען קוטנע. איך וואָלט אויף פליגל אַהין געפלויגן, אָבער מיין מיליטערישער ראַנג און מונדיר צווינגען צו דיסציפּלין. דעם 20טן יאַנואַר ווער איך אַרויס געפאָדערט קיין וואַרשע. דאָ, אין דער הויפּטשטאָט, באַקום איך אַן שווערי־קייטן אַ דערלויבעניש פון וויצע־מיניסטער מיעטקאָווסקי צו פאָרן קיין קוטנע.

דער נאַטשאַלניק פון דער באַן־סטאַציע גיט אַ באַזונדערע קופּע מיר און מיין אָרדינאַנס. אויפן רייזע־באַפעל איז דאָך אָנגעשריבן אַז מיר פאָרן אין אַ ספּעציעלער, וויכטיקער מיסיע. דער צוג רירט, די רעדער קלאַפּן — און ס'דערמאָנט זיך יוליאַן טווימס באַקאַנט ליד „סטאַי נאַ סטאַצי לאָקאָמאָטיוואַ"... עס טויכן אויף אין זכרון די נעמען און בילדער פון די אַלע ערטער, וועלכע מיר פאָרן איצט פאַרביי. אומעטום — אַ ליידיקער יידי־שער חלל. שוין־זשע דערוואַרט מיך דאָס זעלבע אין קוטנע?

אין דער צעשטערטער היים

ענדלעך — דער גוט־באַקאַנטער אויפשריפט אויף דער סטאַציע: קוטנאָ! שווער צו פאַרלאָזן די באַן. דער געדראַנג אין די וואַגאָנען און קאָרידאָרן איז אין לשער. מיין אָרדינאַנס מוז מיטן טשעמאָדאַן קריכן דורכן פענצטער. אָט בין איך שוין אויף אויפן פּעראָן. אַ סך אַ סך מענטשן — אָבער ווו זענען די קוטנער יידישע שפּיליטערן, די סוחרים און מאַרק־פאַרערס? ווו איז אַהין געקומען לייביש פינקלער און אַש?

קוים זיך דערשלאָגן אין וואָקזאַל. אַן ענגשאַפט — ווי אין אַ שאַכטל סאַרדינען. עפּעס איבערגעכאַפּט ביים בופעט, ווו מען וויזט אויך אָן דאָס אָרט פונעם מיליך־פּאַסטערונעק. מיר לאָזן זיך אַהין אַוועק צו באַקומען אַ נאַכטלעגער. דער דעזשורנע אָפיציר באַפעלט צוויי מיליציאַנטן אונדז באַגלייטן צום ה' סטאַרנאַווסקי, דעם אַפּטייקער, ווייל פאַרן פאַן קאַפּיטאַן מוז זיין אַ גוט געלעגער...

די פרוי סטאַרנאַווסקי עפנט די טיר און בלית־ברירה נעמט זי גרייטן אַ באַזונדער צימער פאַר אונדז. אין דער צייט כאַפּ איך אַ שמועס מיטן בעל־הבית. איך פרעג אים: „ווו זענען די קוטנער יידן, וואָס האָבן דאָ געוווינט אַרום אייך?" ער שטעלט אויף אַ פּאָר אויגן: „איר קאָנט מיך?" „אַוודאי" — ענטפער איך רואיק. „געוועזן אייער שכן אפילו, געוווינט אַנטקעגן..." ער גיט אַ געשריי צו זיין פרוי: „זאַבאַטש, טאָ סין מאַשקאַ ווייכסעלפּישאַ, צאָ מיעשקאַל נאַפּשעטשיווקאַ" („זע, דאָס איז משה ווייכסעלפּישס זון, וועלכע האָבן געוווינט אַנטקעגן איבער"). און דערביי זיך שטאַרק צעווינט. איך שעם זיך נישט אים צו זאָגן, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין יידן־פריינד. ער דערציילט וועגן גורל פון די קוטנער יידן, דערמאָנט אייניקע נעמען, ווייסט איבערצו־געבן פּרטים פון דעם גרויסן חורבן.

אין דער פרי לאָז איך זיך איבער די קוטנער גאַסן...

אָט איז דער נייער מאַרק. ווו זענען די גוט באַקאַנטע אַרבעטער, סוחרים, צי שטייט נישט דאָרט איצט פּרענקעל פון אייזן־געשעפט? און ראַבינאָוויטש מיט זיין שאַרפן, משכילישן קאָפּ? לעבן אים דאַרף זיך דאָך געפינען באַזשיקאָווסקי... אָט איילט זיך ר' אַברהם־פישל זאַנדבערג, ער כאַפּט אַ שמועס מיט אַ צווייטן יידן.

נאָר דאָס אַלץ זענען דאָך האַלוצינאַציעס. די גוט־באַקאַנטע הייזער, טראָטואַרן, געשעפטן און וווינונגען, האָבן אַרויסגערופן די אַסאָציאַציע פון יענע לעבעדיקע געשטאַלטן, וועלכע זענען גוט גוט איינגעקריצט אין זכרון נאָך פון פאַרן קריג. איצט איז די קריג פאַרענדיקט. באַזיגט דעם היטלעריזם, נאָך דעם ווי ר'האָט אויסגעשאָכטן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. צווישן זיי — אונדזערע קוטנער יידן. ניין, זיי וועלן זיך מער נישט באַווייזן אויפן נייעם מאַרק, אויפן אַלטן מאַרק, נישט אומקערן זיך פונוואַנען מ'האָט זיי פאַרטריבן קיין קאָנסטאַנציע און דערנאָך — קיין כעלמנאָ.

אָט איז דער שול־פּלאַץ. איצט — אַ ליידיקער. נישט ריכטיק. בלויז פון יידן איז ער אויסגעליידיקט. פּויערישע פערד־און־וועגענער שטייען דאָ אויף אכסניה און אָפּרו. דאָס בית־המדרש האָבן די דייטשן פאַרוואַנדלט אין אַ פייערלעשער־רעמיזע. רעכטס



דער אָנדענק־שטיין לזכר די אומגעבראַכטע יידן פון קוטנע.

מצבת־זכרון לזכר יהודי קוטנה שנרצחו ע"י הנאצים.

שטייט פאַריתומט דאָס הויז פון דער תלמוד־תורה. אפשר וועט דאָרט זיך באַווייזן דער באַקאַנטער ייד אַרבוז, צי שמואל דער מויערער? עס גייען פאַרביי פרעמדע געשטאַלטן. איך קום צו צו דער קרולעווסקאַ גאַס. אפשר איז דאָ ווער פאַרבליבן? איך גיי פון הויז צו הויז. אויף דער גאַס בין איך אויסגעוואַקסן. איך קלאַפּ אָן אין צעלעמענסקיס הויז. קיין ענטפער. פון ליכטנשטיינס דירה קומט אַרויס אַן אומבאַקאַנטער פּאָליאַק. איך אַנטשולדיק זיך פאַר אים, געהאַט אַ טעות... דאָס זעלבע טרעפט אין הויז פון מיין קרובה סאָניאַ קרוינזילבער. דער זייגער ווייזט 8.30 פרי. דאָס געשעפט איז אָפן. איך גיי אַריין מיט זיכערע טריט און פרעג ווו איז דער אייגנטימער? דער איצטיקער בעל־הבית בלייבט שטיין אַ צעטומלטער, ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. ענדלעך רופט ער זיך אָן: „באַקומען דאָס אַלס דייטשיש אייגנטום". אַ צעבראָכענער ענטפער איך: „דאָס איז יידיש אייגנטום" — און גיי אַוועק.

איך קום צו צו אונדזער אַמאָליק הויז און געשעפט אויף קרולעווסקע 14. נישטאָ וואָס צו טאָן. איך גיי פאַרביי דאָס געשעפט פון אברהם־פישל זאַנדבערג, דאָס סאָדע־וואַסער פאַבריקל פון אברהם אָפּאַטאָווסקי, דאָס ליקל פון די קירשבוימס. כ'קער זיך צוריק אין אונדזער הויז, די סטרוזשין האָט מיך דערקענט, אין פאַרלאָרנקייט געבעטן מיך מיטן אָרדינאַנס זיך אַוועקזעצן. מיט טרערן אין די אויגן דערציילט זי וואָס קוטנע האָט אַדורכגעמאַכט אין די פינצטערע יאָרן 1939—1945.

פון דער קרולעווסקע לאָז איך זיך אַוועק אויפן אַלטן מאַרק. איך קוק זיך איין אין געשעפט פון אונדזער שכן שאול זאַקאַרסקי, וואַרף אַ בליק אויפן קעלער פון אסתר פרידמאַן די לעקעך־בעקערין און אויף דער יאַטקע פון סטוטשינסקין. עס שטייט דאָס געשעפט פון העניך וואַלטער, ווו די פויערן פלעגן קויפן זייף און וואַש־פולווער. איך דערמאָן זיך אינעם ראַזירער דעם לץ, גאַרשקאָוויטש. געווען אויך אַ קלעזמער און באַנקע־שטעלער. ווי ער פלעגט עס אויף זיין טראָמפּייט שפּילן אויף חתונות און שמחות.

פאַרטאָן אין מחשבות, בין איך דערגאַנגען צום אַלטן מאַרק. דער אָרדינאַנס וויל מיך אַרויסרייסן פון דעם צושטאַנד, ער בעט מיך, ממש וויינענדיק:

— הער קאַפּיטאַן, מ'דאַרף עפּעס עסן, טרינקען אַ גלאָז טיי.

איך ענטפער גאָרנישט. מיין פאַרשטאַרטער בליק באַמערקט אויפן טראָטואַר אַ מצבה־אויפשריפט: אברהם ליפשיץ ז"ל. וואָס איז דאָס? האָט מען דעם בית־הקברות איבערגעטראָגן אויפן אַלטן מאַרק? אַרום דער אויפשריפט — נאָך מצבות, שטיינער פון בית־עלמין. האַ, איך ווייס שוין! דאָס האָבן די דייטשע באַרבאַרן פאַרניכטעט דעם בית־הקברות און מיט די מצבות געפלאַסטערט טראָטואַרן. שוין געזען אַזעלכעס אין אַנדערע שטעט. אויך אין קוטנע האָבן די וואַנדאַלן געטאָן דאָס זעלבע.

גענוג! ס'איז אומעגלעך ווייטער גיין איבער דער שטאָט. די טריט ווערן שווער, דער קאָפּ איז ווי אָנגעפולט מיט בליי. קוים זיך דערשלעפּט צוריק צו מיין סטאַציע ביים ה' סטאַרנאָווסקי.

בעתן אָוונט־ברויט דערציילט דער פּאָליאַק פון דער אָקופּאַציע־צייט. אים פעלן אויס ווערטער צו לויבן די מענטשלעכע און קרבנותפולע טעטיקייט פון הער באָזשיקאָווסקי, פון פעלדשער אַספערשטיין. ער גיט אויך איבער עטלעכע מאָמענטן פונעם לעבן פון זיינע יידישע שכנים: אברהם מרוז, מאיר לענטשיצקי, די משפחה וואָלצמאַן, שיינראָק, בענדער, וואַרעצקי. ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן האָט זיך געצויגן דאָס געשפרעך.

אויפן בית־הקברות און אין געטאָ קאָנסטאַנציע

אין צווייטן טאָג פון מיין זיין אין קוטנע האָב איך באַשלאָסן צו באַזוכן דעם יידישן בית־עלמין. די קאָמענדאַנטור האָט מיר



א. ווייכסלפיש וי. פאסירשטיין, קציני הצבא הפולני, בין נושאי המיטה עם אפר הקדושים. הרב כהנא (מימין) עורך תפילת „אל מלא רחמים".
א. ווייכסלפיש און י. פאַסירשטיין, אָפיצירן פון דער פוילישער אַרמיי, טראָגן די מיטה מיטן אַש פון די קדושים. רעכטס — הויפּט־ראַבינער פון דער פוילישער אַרמיי, פּאָלקאָווניק כהנא, ריכט אָפּ די תפילה „אל מלא רחמים".

געגעבן אַ בריטשקע און אין באַגלייטונג פון צוויי זעלנער און אַ מיליציאָנער בין איך אַוועק צום בית־הקברות. אויך אַהער האָט דערגרייכט די ברוטאַלע האַנט פון די דייטשע באַרבאַרן. די מצבות — אַרויסגעריסן, די פאַרצאַמונג — אומגעלייגט. דער אהל פון צדיק ר׳ שיעלע טרונק איז צעשטערט.

אויפן ליידיקן און געשענדעטן פעלד האָבן זיך געפאַשעט בהמות. דאָס פאַסטעכל, אַ יונגער פוילישער יאַט, איז צוגעלאָפן צום מיליציאָנער זיך פאַרענטפערן, אַז די קי זענען אַליין אַרויף אויפן פעלד, ער האָט זיי געפאַשעט אויף אַן אַנדער אָרט. דער מיליציאָנער וואָרנט אים מערער אַכטונג געבן, אַ נישט דראָט אים אַ שטראָף.

בלויז די מצבות פון ר׳ בעריש חסיד און רוסק זענען גע־בליבן אומבאַרירט. (איך האָב זיי פאָטאָגראַפירט). שפּעטער האָב איך געבעטן דעם קאָמענדאַנט פון דער מיליץ און דעם שעף פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי, זיי זאָלן ווי ווייט מעגלעך העלפן די צוריק געקומענע יידן.

נאָך מיטאָג בין איך געפאָרן קיין קאָנסטאַנציע, די אַמאָליקע חרובע צוקער־פאַבריק, ווו מ׳האָט אין יאָר 1941 פארשפאַרט די קוטנער יידן. איצט האָבן פאַר מיינע אויגן זיך אַנטפּלעקט בלויז האַלב־צעשטערטע מויערן, וואָס אויב זיי וואָלטן געקענט רעדן, וואָלט איך געהערט איינע פון די שרעקלעכסטע און אויפשוידער־רנדיקסטע געשיכטעס פונעם לעצטן וועג פון אונדזערע קוטנער יידן. קאָנסטאַנציע איז געווען דער לעצטער, נאָר שווערסטער עטאַפּ אויפן וועג צום מאַרטירער־טויט. אויסגעוויזן האָט זיך מיר, אַז די נאַקעטע מויערן פון קאָנסטאַנציע שרייען אויס בלויז איין וואָרט, וואָס דער ווינט צעטראָגט עס איבער גאַנץ פוילן, און אפשר איבער דער גאַנצער וועלט: נקמה!

און א־שבועה האָב איך דעמאָלט געגעבן: ברענגען אַ ביסל אַש פון כעלמנאָ און עס קובר זיין אויפן קוטנער בית־הקברות. זאָל דאָס אַש פון די קדושים געבראַכט ווערן צו קבר ישראל.

מיט דעם געדאַנק פאַרלאָז איך קוטנע דעם 25טן יאַנואַר.

נאָך מיין אַוועק פאָרן פון שטאָט, האָבן זיך אומגעקערט אַהין: דער גוטבאַזיצער און אַגראָנאָם אייזיק וואַסערצוג, טאָלאַ סטוטשינסקי מיט דער שוועגערין און אַנדערע. איך טרעף זיך אויך מיט אַבעק אַספּערשטיין, וועלכער האָט געדינט אַלס פעלדשער אין מיין פולק און שפּעטער אַוועק שטודירן מעדיצין. קיין קוטנע האָט זיך אויך אומגעקערט מרדכי זאַנדבערג, פּעלעק טייכנער, ד״ר פינקעלשטיין, שמואל וויינטראַוב, פלאָצקער און אַנדערע. עס ווערט געשאַפן אין קוטנע אַ יידישער קאָמיטעט.

בעת מיינע באַגעגענישן מיט ניצול־געוואָרענע קוטנער יידן אין לאָדזש און אין וואַרשע, באַריר איך די פראַגע פון שטעלן אַ דענקמאָל־מצבה די אומגעקומענע יידן פון אונדזער שטאָט, פאַרבונדן מיטן ברענגען אַש פון כעלמנאָ. דער קאָמיטעט האָט זיך פאַרנומען מיט רעאַליזירן דעם פּלאַן. די מיליץ האָט צוגעזאָגט הילף.

די סימבאָלישע לוויה

נאָכן אַדורכפירן אַלע צוגרייטונגען צו דער לוויה און צום אויפשטעלן דעם דענקמאָל, זענען די לאַנדסלייט צעלעמענסקי און וויינטראַוב דעלעגירט געוואָרן קיין כעלמנאָ, פון וואַנען זיי האָבן אין אַ שוואַרצן קאַסטן געבראַכט אַש פון דער קרעמאַטאָריע.

אין דער צערעמאָניע פון ברענגען דאָס אַש צו קבר ישראל, האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, דער הויפּט־ראַבינער פון יידישע זעלנער אין פוילישן מיליטער, פּולקאָווניק כהנא און זיין פאַרטרעטער, דער קוטנער שטאָטראַט מיטן בירגערמייסטער בראש, פון פאָוויאַטאָווע אַמט, פאַרטיי־טוער אדג״ל. אין איינדרוקספולע טרויער־רעדעס האָבן זיי געשילדערט דעם דערנער־וועג פון קוטנער יידנטום און אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד זייער אַש.

דער ארון מיטן אַש איז געטראָגן געוואָרן דורך צוויי יידישע אָפיצירן פון דער פוילישער אַרמיי: צבי כהן און דער שרייבער פון די שורות. דער צוג האָט פאַרביימאַרשירט די וויכטיקסטע גאַסן פון קוטנע, ביז דער שול. דאָ האָט מספּיד געווען די קדושים הרב כהנא. דער קוטנער אײדעם אַטלאַס זאָגט קדיש. אַ געוויין און כליפּעריי הערט זיך פונעם עולם. די פאַרקלעמטע הערצער קאָנען זיך נישט איינהאַלטן.

דער צוג רירט ווייטער. מיר קומען אָן אויפן בית־הקברות. דאָ איז מען קובר דאָס אַש און גלייכצייטיק ווערט אַנטהילט דער שטיין־דענקמאָל. בעת דער אַנטהילונג האַלט הרב כהנא אַ רירנ־דיקע רעדע. ווידער טרערן און קרעכצן. פון 8 טויזנט קוטנער יידן איז דאָך פאַרבליבן בלויז אַ הייפל...

פוילישע וואַנדאַלן האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס די שארית הפליטה האָט מיט אַ דענקמאָל באַערט די קדושים פון דער יידישער קוטנע. צוויי טעג נאָך דער לוויה, האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָנישע ידיעה קיין לאָדזש, אַז די מצבה האָט מען צע־בראָכן... ד״ר פינקעלשטיין, טאָלאַ סטוטשינסקאַ און איך האָבן זיך געווענדעט צום שטאָטראַט וועגן אַדורכפירן אַן ענערגישע אויספאָרשונג און באַשטראָפן די שולדיקע.

*

אַזעלכע זענען מיינע דערינערונגען פון קוטנע נאָך דער באַפרייאונג.

בקוטנה המשוחררת

אפרים וייכסלפיש
תל־אביב

יום שיחרור קוטנה על־ידי הצבא האדום והצבא הפולני, היה בשבילי יום של שמחה ונצחון. עיר הולדתי שוחררה! בימים ההם שהיתי בוורשה, בה הייתי מצורף למטה הצבא הפולני. לפתע קיבלתי פקודה לצאת ללודז׳ בה נתמנתי לקצין העיר. בדרכי ללודז׳ ערכתי ביקור קצר בעירי, קוטנה. ידעתי מה צפוי לי שם לאחר שלטון הרוצחים הנאציים, אך מראה עינים מזעזע היה פי כמה!

מסביב היה אך הרס, חורבן וחרבות, עוד המוות נישא בחלל האוויר. רחובות ילדותי, בהם שיחקתי וגדלתי, בהם פסעתי את פסיעותי הראשונות על אדמת פולין — מלאים היו הריסות, יגון ואבל. עולם הילדות נמחק ללא זכר, עולמם של יהודים שחיו על אדמתה דורות על דורות — דבר לא נשאר ממנו. אבן מקיר תזעק! אלם מסביב, אך הקירות עדיין ספוגים צער, יגון וסבל שלא יתוארו, שהיו מנת חלקם של תושביהם היהודיים.

עתה נותרה קוטנה בלי יהודיה, אך המוות עוד לא סר ממנה, עוד היא מלאה אנחות אבות ואמהות יהודיות המבקשים לגונן על ילדיהם.

קוטנה בלי יהודים!

בעוברי ליד בית ברומברג, שם שכן בית־הכנסת של חסידי סקרנביץ, נעצרתי ובדמיוני ציפיתי לצאתם של היהודים מתפילתם, עוד רגע קט ייראו ראשוני המתפללים, טליתותיהם

תחת בית שחיים, בקאפוטות השחורות הם ילכו זוגות־זוגות וימשיכו בשיחתם בה החלו בבית הכנסת. אך לשווא! לא יתפללו עוד יהודים בקוטנה. נסגרו שערי השמים לקול תפילתם. תפילתם לא נתקבלה, רק אנחותיהם עוד נישאות באוויר של עיירתנו. והפעמון שממגדל שעון העיריה, צלצל אותה שעה את צילצוליו כאילו היה מקונן על הטבח והמוות האיום שפקד את יהודי עיר הולדתי. והרי לכאורה דבר לא השתנה בעירי. ברחוב קרולבסקה החנויות היהודיות פתוחות כבימים ימימה. הנה חנויותיהם של ר א ב ה, של ולטר ושל אחרים. השולחנות עומדים במקום, האיצטבות תלויות על הקירות, החנויות מלאות בדים כבימיהם של בעליהם היהודיים, אך הבעלים האלה אינם עוד! הם נרצחו, נשרפו ורכושם נגזל על־ידי אחרים. לא! ברחוב קרולבסקה, רחוב מגורינו במשך שנים רבות אין עוד יהו־דים, בחנותם של הורי דבר לא השתנה, הכל כמו שהיה לפני השחיטה אך הורי אינם עוד. וכך בכל רחובות היהודים, כך בכל בתי היהודים, כך בכל חנויות היהודים, כך בכל קוטנה היהודית! בשוטי בעירי הגעתי לסטארי־רינק, שם נתגלה לי מחזה מסמר שערות. כיכר השוק ורחובותיה רוצפו באבני המצבות של בית־הקברות היהודי! כתובותיהן של המצבות כלפי מעלה, ועוד תוכל לקרוא בהן את שמות הנפטרים! ואנשים ובהמות דורכים עליהן. אכן, אין גבול לנוולותם של הגויים! עוד טיפת מלח לפצעינו שותתי הדם.



חלוקת כבוד לארון עם אפר הקדושים
דאָס אָפּגעבן כבוד דעם ארון מיטן אַש פון די קדושים

הגעתי לבית השוערת של בית מגורינו. ביקשתי לשמוע ממנה פרטים על משפחות יהודיות או על בודדים שניצלו מן השחיטה. על שאלתי מדוע לא החביאה את בתו של אברהם מרוז ובנות ממשפחת קופר שאביהם היה ארי, ענתה, כי לאחר שכל היהודים גורשו לגיטו, הסתיר יוזף ז׳אביצקי את איטה מרוז בזמן המלחמה, אולם לקראת סיומה מסר אותה במו ידיו לידי הגיסטאפו. לאחר השיחרור גזרה עליו המשטרה הפולנית גזר־דין מוות.

עם היהודים עלה הכורת גם על בית קודשיהם. בית־הכנסת נהפך למקום חניה לעגלות האיכרים הבאים העירה ליום השוק. בית־המדרש, שהיה מקום לימוד תורה של רבני העיר עם ר׳ יהושע׳לה קוטנר בראשם, נהפך לתחנת „מכבי־האש״ וכל אשר היה בו עלה בעשן יחד עם לומדיו.

תחנתי האחרונה היתה בקונסטנציה — זה הגיטו המפורסם של יהודי קוטנה. לפני מלחמת העולם הראשונה שכן כאן בית־חרושת לסוכר, אבל ייצורו נפסק עם פרוץ המלחמה ההיא ונותרו ממנו רק הבניינים ההרוסים שעמדו ללא גג וללא חלונות ודלתות. הנאצים לאחר שגידרו את המקום, ריכזו בו את כל יהודי העיר והפכוהו לגיטו. תנאי החיים היו כאן איומים ביותר, הצפיפות היתה נוראה ועלתה על כל מה שהדמיון האנושי יוכל לתאר לעצמו. לא נותר לי אלא לצלם את מקום סיבלם ויגונם של יהודי קוטנה ובלב בוכה וכואב עזבתי את התופת הזה.

ביקורי השני נערך בקוטנה לרגל הבאת אפר קדושי עירנו, שנשרפו ונרצחו במחנה חלמנו לקבורה. ביקשנו גם להקים מצבה לזכרם על קבר האפר שלהם. אבל לאנטישמים הפולניים אפילו חסד אחרון זה היה כצנינים בעיניהם. בשובי ללודז׳ קיבלתי ידיעה, כי המצבה שהוקמה נהרסה על־ידם. לאחר זמן־מה קיבלתי הודעה מטעם המשטרה העממית בקוטנה, לפיה היא מאשימה בהרס המצבה יחידה צבאית רוסית שעברה במקום, ואילו קצין־העיר הרוסי הטיל את האחריות למעשה וואנדאלי זה על הפא־שיסטים הפולניים...

הריפאטריאנטים מקוטנה

משלוש מאות ושישים המשפחות היהודיות מקוטנה, הנמצאות כיום בישראל, חלק מהם הגיע ארצה עוד לפני מלחמת העולם השניה, רובם היו ציונים בעלי הכרה. האחרים הגיעו ארצה



ההלווייה הסמלית
די סימבאָלישע לוויה

לאחר הקמת המדינה. רבים מהם לא היו ציונים ואפילו התנגדו לפתרון הציוני של בעיית היהודים. אולם לאחר המלחמה נוכחו לדעת, כי לחיות כיהודים יוכלו רק בישראל. כך הם התקרבו לרעיון הציוני ועלו ארצה. בפולין שנהפכה לבית קברות, לא יכלו ולא רצו לחיות בה עוד ובעוברם בנדודיהם דרך אוסטריה, צ׳כיה וגרמניה הם הגיעו לחוף מבטחים — לישראל. גל עליה שני שהגיע לישראל בא לאחר התמורות המדיניות שפקדו את פולין ב־1956, עת הגיע גומולקה לשלטון בארץ זו.

רבות נעזרו עולים אלה על־ידי בני עירנו שכבר ישבו בארץ מזמן, נוסף על העזרה שהושיטה להם מדינת ישראל כלכל העולים החדשים. בייחוד ראויה לציון עזרתן של משפחות א. ש. אלברג, מ. ויגדורוביץ׳ ונורדברג, שקיבלו את כל העולים בלב פתוח וסייעו להם בכל אשר השיגה ידם, כדי שבני עירם אלה, יבנו במדינת ישראל את ביתם מחדש.

קוטנע און יידן

א. שעדלעצקי

געווען אַמאָל אַ יידישע שטאָט קוטנע

קוטנע האָט פאַר דער מלחמה געהאַט פינף און צוואַנציק טויזנט איינוווינער. די צאָל יידן האָט באַטראָפן איבער אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג. קוטנע האָט געהערט צו די עלטסטע יידישע קהילות אין פוילן. דער בית־עולם, וואָס שטייט אַ חרובער און געשענדעטער, איז שוין אַלט העכער 400 יאָר. די אַלטע שול האָט געשטאַמט נאָך פון 15טן יאָרהונדערט.

אין קוטנע האָט געבליט און געשפּרודעלט אַ פולבלוטיק יידיש לעבן אויף אַלע געביטן. איצט איז דאָס אָפּגעשוואונקט.

אויף קבר־אבות

עס איז אַ זון־ליכטיקער זונטיק אינדערפרי. קיין קוטנע זענען זיך צונויפגעפאָרן די לעבן־געבליבענע קוטנער יידן, וואָס וווינען איצט אין פאַרשיידענע שטעט אין לאַנד — אין וואַרשע, לאָדזש און וראָצלאַוו, — אַזעלכע, וואָס זענען נישט לאַנג צוריק־געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד. אַלע זענען זיי געקומען זיך באַטייליקן אין דער טרויער־פייערונג צום 4טן יאָרטאָג פון חורבן פון זייער היימשטאָט.

מיר שפּאַנען איבער די גאַסן פון אַמאָליקן יידישן קוטנע. ס'איז שטיל. די געוועלבער זענען נאָך געשלאָסן, די לאָדנס — נאָך פאַרמאַכט. די גאַסן זענען צוגערוימט. עס דערמאָנט אין אַ שבתדיקער מנוחה־ושלוהדיקייט פון אַ יידיש שטעטל. כ'קוק אין די טויערן פון די הייפלעך און טראַכט — אפשר וועלן זיך דאָך באַווייזן די נשמה־יתירה'דיקע יידן; די יידן, וואָס זענען באַזונגען געוואָרן אין דער ליטעראַטור דורך דעם קוטנער שלום אַש.

יאָ, שלום אַש'ס שטעטל איז געבליבן גאַנץ (קוטנע האָט ווייניק געליטן פון די מלחמה־אָפּעראַציעס), אָבער נישטאָ קיין שלמה נגיד, קיין יחזקאל גאָמבינער. קוטנע איז אָן יידן.

מיר גייען פאַרביי דעם צוויי־שטאָקיקן רויטן ציגל־בנין. דאָ האָט געוווינט דער גרויסער גאון און למדן ר' יהושע'לע קוט־נער, וואָס האָט אַזוי פיל כבוד געבראַכט דער שטאָט. מ'ווייזט אונדז: דאָ איז געווען זיין בית־דין־שטיבל, זיין שלאָף־חדר, די ישיבה...

מיר גייען ווייטער. אָט איז האָלצמאַנס פּלאַץ. אַ יידישער עושר. און דאָ איז געווען שליפּערס מיל. די דייטשן האָבן זי פאַרברענט. און דאָ האָט געוווינט ר' שבתי, דאָ חיים דוד, משה עין — און אַזוי כסדר און כסדר. דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון בענקעניש און ווייט. ווו זענען די יידן?

אויפן שטח פון געטאָ

אויף אַ חרובן פּלאַץ אין עק שטאָט, אַנטקעגנאיבער דער באַן־ראַמפּע — אינפאָרמירט מען אונדז — איז געווען דאָס קוטנער געטאָ. דעם 16טן יוני 1940 האָבן די דייטשן פאַרבאָטן דער פוילישער באַפעלקערונג צו פאַרלאָזן די וווינונגען. אין יענעם טאָג איז פאָרגעקומען דער גירוש פון די יידן. אַלע יידן זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַן אָפּגעצאַמטן פּלאַץ, ווו עס האָט זיך אַמאָל געפונען די צוקער־פאַבריק „קאָנסטאַנציע". דאָ, אין די האַלב־חרובע צוקראָווניע־איינריכטונגען און אין די שכנות'דיקע 4 געביידעס, האָבן געלעבט 8,000 יידן!

סוף מערץ 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די ענטגילטיקע ליק־ווידאַציע פון די קוטנער יידן. יעדן טאָג זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צו עטלעכע הונדערט מאַן קיין כעלמנאָ. דאָרט זענען זיי פאַרגאַזט געוואָרן. די אַקציע האָט געדויערט ביז סוף אַפּריל.

די טרויער־מאַניפעסטאַציע

דער קליינער זאַל פון יידישן קאָמיטעט אויף מיצקעוויטשאַ־גאַס איז איבערגעפולט מיט מענטשן — עטלעכע הונדערט יידן. דאָס איז די שארית הפליטה פון דער שטאָט קוטנע און אומ־געגנט. עס זענען צו דער טרויער־פייערליכקייט אויך געקומען די יידן פון די שכנות'דיקע שטעטלעך קראָשניעוויץ, זשיכלין, אָזאָרקאָוו, קאָנין און וולאָצלאַוועק.

אינמיטן צימער, אויף אַ קאַטאַפאַלק געהילט אין שוואַרצן, ליגט די אורנע מיט'ן אַש, געבראַכט פון טויטן־לאַגער כעלמנאָ, ווו עס איז אומגעקומען די קוטנער עדה יידן. אַרום ברענען יאָרצייט־ליכט. דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט, ד"ר פינקעלשטיין, לייענט די מגילה פון חורבן קוטנע. דערנאָך האַלטן רעדעס: דער סטאַראָסטע, דער וויצע־פאָרזיצער פון שטאָטישן נאַציאָנאַל־ראַט און אַ פאָרשטייער פון מיליטערישן גאַרניזאָן. זיי פילן מיט, זיי ווייסן, וואָס דער היטלעריזם האָט מיט זיך געבראַכט. אויך היינט ווירקט נאָך היטלערס גייסט צווישן אונדז... מ'דאַרף אים אויסברענען מיטן שורש... דערנאָך רעדט ביי אַ געדריקטער שטימונג נאָך אַ קוטנער ייד, ג. פאָגעל. ער דערציילט, וואָס עס איז געווען אַמאָל... דער חזן מאַכט אל מלא רחמים...

עס פאָרמירט זיך אַ טרויער־צוג, אַ לוויה. די אורנע מיטן



דער אָנדענק־שטיין — פון דער צווייטער זייט
אבן־זכרון — מן הצד השני

אַש ווערט געטראָגן אויף אַ מיטה. בראש פון צוג גייט דער הויפּט־ראַבינער פון פּוילישן מיליטער, הרב ד״ר ד. כהנא, און דער פאָרזיצער פון דער לאָדזשער רעליגיעזער קהילה, יוסף אַטלאַס, וואָס זענען ספּעציעל געקומען אָנטיילנעמען אין דער פייערלעכקייט.

ביים ליידיקן פּלאַץ פון דער סינאַגאָגע, וואָס די דייטשן האָבן פאַרברענט און נישט איבערגעלאָזט פון איר קיין זכר, בלייבט שטיין דער לוויה־צוג. צו דער פאַרזאַמלטער שטאָטישער באַפעלקערונג האַלט אַ רעדע רב כהנא.

די אורנע מיט׳ן אַש פון די קדושי־קוטנע איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפ׳ן יידישן בית־עולם. אויפן קבר איז געשטעלט געוואָרן אַ מצבה מיט דער אויפשריפט: „מצבת זכרון לקהלה הקדושה קוטנא שנהרסה ונשמדה ע״י הרוצחים הגרמנים״.

פאַר׳ן אָפּגעמען קבר האַלט אַ רירנדיקן הספד יוסף אַטלאַס. קדיש זאָגט הרב כהנא. דער עולם ברעכט אויס אין אַ גרויסן געוויין.

דער בית־עולם אין קוטנע האָט אויך נישט אויסגעמיטן דעם גורל פון חורבן. די קברים זענען געוואָרן געשענדעט און די מצבות צעהאַקט. געשענדט איז דער אוהל פון ר׳ יהושעלע קוטנער, פון ר׳ משה גאָסטינינער און פון נאָך גוטע יידן, מיט וועלכע קוטנע האָט געשמט.

אויפ׳ן בית־עולם געפינען זיך אויך מאַסן־קברים פון געשטאָרבענע אין געטאָ און פון אומגעקומענע אין הריגות, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט אין שטאָט גופא. פאַראַן אַ מאַסן־קבר פון 50 געשענדעטע יידישע מיידלעך, וואָס זענען דורך דעם געסטאַפּאָ־שעף פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט. און ווען דער זעלביקער דייטשער רוצח איז אין אַ פּאָר טעג אַרום ווידער געקומען נאָך יידישע מיידלעך, נעמען זיי כלומרשט אויף אַרבעט, האָט דער פּרעזעס פון יודענראַט, בערנאַרד האַלצמאַן, אים אָפּגעזאָגט צו געבן. „כל־זמן די ערשטע 50 מיידלעך וועלן נישט צוריק קומען, וועט קיינער צו דיר אויף אַרבעט נישט גיין!״ — האָט ער דערקלערט.

פאַר די דאָזיקע דרייסטע רייד האָט האַלצמאַן, ווי אויך זיין חבר סענדער פּאַלץ, טייער באַצאָלט: די געסטאַפּאָ־לייט האָבן זיי אָוועקגענומען אויפן בית־עולם, געצוווּנגען זיי אַליין פאַר זיך אויסצוגראָבן אַ קבר און לעבעדיקערהייט זיי באַגראָבן...

אַזעלכע און ענלעכע געשיכטעס פון יידישן פּיין דערציילן די קברים פון קוטנער בית־עולם...

(„דאָס נייע לעבן״, לאָדזש, יוני 1946. ציגעשיקט פאַרן יזכור־בוך: אהרון־הענעך קעניג, פּאַריז).

אין מיין קוטנע - נאָכן חורבן

משה פּיעטרקאָוווסקי
בראַזיל

(אַ בינטל זכרונות און קאָנפראָנטאַציעס)

א.

ק—ו—ט—נ—אָ—אָ—אָ!...

דער דאָזיקער אויסרוף פונעם קאָנדוקטאָר האָט מיך אויפגעוועקט — נישט פון שלאָף, נאָר פון אַ וואַכעדיקן חלום אין וועלכן כ׳בין געווען פאַרזונקען זינט כ׳בין אריין אין וואַגאָן, וואָס האָט מיך געזאָלט צוריק ברענגען אין דער שטאָט, וואָס איך האָב פאַרלאָזן מיט 28 יאָר צוריק.

אָט שטיי איך אויפן פּעראָן פון קוטנער וואָקזאַל; דער זייגער ווייזט 6 אינדערפרי ווען ס׳קומט געוויינטלעך אָן דער צוג פון פּויזן קיין וואַרשע.

איך גיי אַרויס פון וואָקזאַל, קוק זיך אַרום און זוך צווישן די געציילטע פּנימער עפּעס אַ באַקאַנטן, אַ נאָענטן. כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז ס׳איז געשען אַ טעות, אַז דאָס איז נישט דער קוטנער וואָקזאַל, נאָר עפּעס אַ דאָרפיש סטאַציעלע, ווו ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע פּויערים צו זען אַ דורכפאָרנדיקן צוג, וועלכער האָט זיך צופעליק אָפּגעשטעלט אין זייער דאָרף.

שטיי איך אַזוי אין ליכטיקן דרויסן און אַ ציטער גייט מיר דורך איבערן לייב.

...כ׳בין נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פונעם וואַכעדיקן חלום, אַז כ׳בין צוריק געקומען אַלס טוריסט אין מיין שטעטל קוטנע, ווו ס׳האָבן אויף מיר געוואַרט מיינע אויסגעבענקטע טאַטע־מאַמע, מיין שוועסטערל שרהלע, וועלכע איז פאַר מיין אָוועקפאָרן אַ כלה געוואָרן מיט איר באַשערטן יעקב מענכע. איך קוש אירע בילד־שיינע קינדערלעך.

עס וואַרט מיך אַפּ מיין גוטער פעטער ישעיהלע זאַמער מיט זיין פ׳רומער שעמעוודיקער פרוי, די מומע יוכבד, עס כאַפּן מיך אַרום מיינע חברים ישראליק רעכענסמאַן און ווינער, אביגדור קרול און זיין ברודער פנחס.

אַ ביסל אַ פאַרשפּעטיקטע איז אָנגעקומען מיין שוויגער גיטל סאַלאָמאַן, אַ פאַרויטלטע פון לאַנגן וועג און אַ שמייכלענדיקע פון גליק, וואָס זי זעט ווידער איר משהן, איטעלעס מאַן, איר געליבטן איידעם, צו וועמען זי איז גרייט געווען צו פאָרן, ווען ס׳זאָל אפילו דויערן גאַנצע דריי חדשים די רייזע אויפן ים, וועלכער איז איר לגמרי פרעמד געווען מיט זיינע קאַפּריזנע כוואַליעס און שטורעמס.

אַלע ריידן, אַלע דערציילן וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן, דערמאָנען פון דעם אַזוי שיינעם אַמאָל.

די זון וואַרעמט דעם סיונדיקן פרימאָרגן, אָבער מיר איז פּראַסטיק קאַלט אויף דער נשמה. די אויגן האַלט איך פאַרמאַכט, כ׳האָב מורא זיי צו עפענען, כדי נישט פאַרלירן די אויסגעבענקטע וויזיע. און ווען איך עפן זיי, דערקען איך דאָס אָרט ווו כ׳האָב זיך צום לעצטן מאָל געזעגנט מיט מיין ליבן און האַרציקן טאַטן; איך האָב דאָס געפיל, אַז כ׳הער זיין שטיל שלוכצן און פיל זיינע פאָטערלעכע קושן אויף מיינע באַקן און איך הער נאָך איצט דעם קלאַנג פון זיינע לעצטע ווערטער:

— געדענק משהקע, אויב ס׳וועט דיר זיין שלעכט, זאָלסטו שרייבן, און מיר וועלן דיר העלפן צוריק קומען. דער עיקר, מיין קינד, זאָלסט חלילה נישט פאַרגעסן צו שרייבן, יעדע וואָך זאָלסטו שרייבן אַ בריוועלע צו טאַטע־מאַמע...

אין די ערשטע חדשים האָב איך געשריבן. געשריבן צו מיינע עלטערן, געשריבן יעדע וואָך צו מיין ווייב און אַמאָל אויך צו אַ חבר.

איז איטעלע געקומען, געשאַפן אַ היים. דאגות פרנסה האָבן איינגעשלונגען יעדע פרייע מינוט; קיין גרויסער אויפטוער בין איך נישט געווען, אַזוי, אַז דאָס לעבן איז נישט לייכט אָנגעקומען.

אי: געבוירן געוואָרן אַ קינד, פֿאַרגעסט מען במילא אָן אַלץ און אַלעמען; טאַטע־מאַמע זענען ווייט, אויף יענער זייט אַטלאַנ־טיק שרייבט מען אַמאָל אַ פּאָר ווערטער פֿון יוצא וועגן.

קומען אָבער טעג ווען עס הייבט אָן נאָגן אַ בענקעניש, הייבט מען אָן פּלאַנעווען אַהער צו ברענגען וועמען פֿון די נאָענטע, וואָס זאָל דערמעגלעכן צו פֿאַראייניקן זיך מיט דער גאַנצער משפּחה.

קומט צו דער מאַכט אַ דיקטאַטאָרישע רעגירונג, וועלכע באַשווערט די אימיגראַציע און די פּלענער צעפֿאַלן זיך.

איז געקומען די שוידערלעכע מלחמה און אַלע מיינע נאָענטע און ליבע זענען אַריינגעפֿאַלן אין די לאַפּעס פֿון די רוצחים, וועלכע האָבן זיי אומגעבראַכט צוזאַמען מיט די מיליאָנען יידן, קדושים.

ב.

שטיי איך מיט אַ פֿאַרביטערט געמיט און זע אין מיין דמיון, קאַליידאָסקאָפּיש, דעם גאַנג פֿון יאָרן, וועלכע האָבן פֿאַרקריפּלט דאָס לעבן פֿון די וועלכע האָבן געהאָפֿט, אַז יושר וועט הערשן אויף דער וועלט.

— גוט מאָרגן, הער פּיעטריקאָווסקי! — דערהער איך פּלוצים מיין נאָמען פֿון עמיצן אַרויסזאָגן אין אַ צעקאַלעטשעטן יידיש.

איך קוק זיך אַרום און דערזע פֿאַר זיך אַ ברייטפּלייציקן גוי מיט אַ לענגלעך אויסגעצערט געזיכט, צוויי בלוי־גרויע טרויעריקע אויגן, וועלכע קוקן אויף מיר מיט אַן אומבאַהאָלפֿענעם שמייכל, אויסדריקנדיק אַ געוויסע אומזיכערקייט.

שטייט ער אַזוי מיט דער בייטש אין האַנט און וואַרט אויף מיין באַשטעטיקונג, צו בין איך עס טאַקע דער וועמען ער האָט נאָר וואָס אָנגערופֿן ביים נאָמען.

אויף מיין פֿראַגע, ווער ער איז און ווי אַזוי ער האָט מיך דערקענט, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט פֿון זיינע יינגסטע יאָרן געדינט ביי יידישע קצבים און זיין הויפּט בעל הבית איז געווען חיים נאָסאָל און אַז די שוואָבעס האָבן אים פֿאַרשיקט אין אַ לאַגער צוזאַמען מיט טויזנטער קוטנער יידן.

כדי צו באַשטעטיקן זיינע רייד, האָט ער פֿאַרקאַטשעט זיין אַרבל פֿון דעם אָרעמען געלאַטעטן בגד און מיר באַוויזן אַן אויסטאַטואירטן נומער אויף זיין טונקעלער הויט.

זיצן מיר ביידע אויף דער קעלניע פֿון זיין דראָזשקע און ער, באַלעק, דערציילט מיר וועגן די טראַגישע יאָרן פֿון די קוטנער יידן און, באַזונדערס, וועגן סוף פֿון זיינע חברים און בעלי־הבתים.

גרויסע טרערן־טראָפּנס קייקלען זיך לענגאויס זיינע ביינער־דיקע באַקן און ער פֿאַרענדיקט זיינע שילדערונגען מיט אַן אומזיסטן שמייסן זיין בידנע פֿערדל, גלייך ווי די בהמה וואָלט שולדיק געווען אין דעם געשעענעם.

שלעפּט זיך אַזוי פּאַוואָליע די דראָזשקע דורך דער אַלייע מיט די אַלטע קאַשטאַן־ביימער פֿון ביידע זייטן וועג און מיר אָטעמען אַריין די שמעקעוודיקע ריחות פֿונעם לויטערן אַרום.

ג.

מיר קומען אָן צום הילצערנעם בריקל. באַלעק שטעלט אָפּ זיין דראָזשקע, איך גיי צו צום פּאַרענטש און קוק אַראָפּ צו דער אַכניע, וועלכע שלענגלט זיך אַריין אין דער בזורע און די לעצטע טראָגט אַוועק די וואַסערן צו דער ווייסל, די מאַמע פֿון די פּוילישע טייכן.

קוק איך אַראָפּ און דערמאָן זיך, אַז ערשט מיט 40 יאָר צוריק זענען מיר געלעגן אַ דריילינג אויפֿן גראָז, פֿאַרקוקט אין די שטילע וואַסערן פֿונעם טייכל און געחלומט וועגן אַ שענערער און בעסערער וועלט.


אָט זע איך זיך מיט מיינע יוגנט־פֿריינד: **דער דיכטער פֿון פּיין און צאָרן**, ביניש זילבערשטיין און דער שרייבער **יוסף** אַקרוטני (טורקאָ).

ביניש זילבערשטיין, דער אויסגעדאַרטער און תמיד הונגע־ריקער, מיט צוויי טרויעריק־פֿאַרבענקטע בלויע אויגן, איינגע־פֿאַסטע אין זיין בלאַס־לענגלעך פּנים, קוקן צום הימל און באַלד באַקומען זיינע אויגן דעם גלאַנץ פֿון אַ פֿיבערקראַנקן; זיינע ליפּן באַוועגן זיך, גלייך ווי זיי וואָלטן שעפּטשען אַ תפֿילה און זיין בליישטיפֿט פֿאַרצייכנט שורות פֿון אַ ניי ליד, אַן אימפּראָוויזאַציע אויף אַ פֿאַרויס־באַשטימטער טעמע.

יוסף אַקרוטני, דער קליין־געוואַקסענער בלאָנדער יינגל מיט אַן ערנסט־פֿאַרטראַכטן געזיכט פֿון אַ דערוואַקסענעם, פּילט אויס גאַנצע זייטלעך פּאַפּיר, באַהאַנדלענדיק אין פּראָזע די זעלבע טעמע אויף וועלכער ביניש דיכטערט אויס זיין ליד. און אָט זע איך זיך דעם היפּוך פֿון זיי ביידן; אַ ברייטפּלייציקער יונגאַטש, אַ נאַיוו־לאַכנדיקער, תמיד אויפֿגעלייגטער און פֿולבלוטיקער, האַלט מיין בליישטיפֿט מיטן שטיקל פּאַפּיר און מאַטער זיך מיטן צופּאַסן די גראַמען פֿון מיין ליד.

ביניש, אַן אויסגעמוטשעטער פֿון טאַטנס אָרעמקייט, האָט פֿאַרלאָזן קוטנע און אַוועק קיין וואַרשע, דעם וועלט־צענטער פֿון יידיש און יידישקייט.

אין וואַרשע איז ער געוואָרן געהילפֿס־סעקרעטאַר אין פֿראָ־פֿעסיאָנעלן נאָדל־אַרבעטער פֿאַראיין, לעבנדיק פֿון אַ הונגער־לוין, אָבער דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו ווערן אַן



מיט מצבות האָבן די דייטשן אויסגעפּלאַסטערט דעם אַלטן מאַרק
במצבות ריפדו הגרמנים את השוק הישן

אָפּטער אַריינגייער אויף טלאָמאַצקע 13 און מיט דער צייט פאַררעכנט געוואָרן אַלס איינער פון דער שרייבער־משפּחה.

ביניש האָט חתונה געהאַט, אַוועק געפאָרן מיט זיין פרוי קיין בעלגיע, אַנטלויפנדיק פון פּוילן, ווו די פּאָליציי האָט אים כסדר פאַרפאָלגט.

אין בעלגיע האָט ביניש רעדאַגירט אַ יידישע צייטונג, געלעבט צופרידן מיט זיין משפּחה, ביז ער איז געפאַלן צוזאַמען מיט זיין זון פון פאַרברעכערישער קויל פון אַ נאַצי.

אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן דער דיכטער ביניש זילבער־שטיין, וועלכער האָט שוין געהאַט דערגרייכט אַ בכבודיק אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע.

יוסף אָקרוטני איז אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, אַלס גאָר יונגער בחור, אַוועק קיין לאָדזש, אָנגעהויבן אַלס רעפּאָרטער אין „לאָדזשער טאַגעבלאַט", שפּעטער חתונה געהאַט מיט זיין אסתרקע, געדרוקט פון צייט־צו־צייט דערציילונגען אין פאַרשידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן מיט וואַרעמקייט דורך דער ליטעראַטור־קריטיק, וועלכע האָט אין יוספן געזען אַ צו־קונפטיקן קרעפטיקן שרייבער. יוסף מיט זיין באַשערטער האָבן איבערגעלעבט די שוידערלעכע מלחמה אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, געוואַנדערט איבער די סיבירער טייגעס, דורך וואָגלענישן זיך דערשלעפּט קיין מאָסקווע, געוואָרן אַ מיטגליד אין סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד, געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די דאָרטיקע יידישע שרייבער־קדושים.

נאָך דער מלחמה איז יוסף אָקרוטני מיט זיין פרוי צוריק געקומען אין באַפרייטן פּוילן, ווו ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער ליטעראַרישער וועלט, אָבער סוף־כל־סוף איז ער אַן אַנטוישטער און פאַרביטערטער אַנטלאָפן דורך פאַרשידענע אומוועגן קיין אַרגענטינע. איך האָב אים אויסגעפונען אין בוענאָס־איירעס, אַלס רייפער און אָנערקענטער יידישער שרייבער, פאַר־נעמענדיק אַ גאָר־בכבודיקן אָרט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

ד.

...איך גיי אַריבער דאָס בריקל וואָס איבער דער אָכניע און בלייב שטיין ביים הויז פון אַמאָליקן באַנקיר בראָמבערג, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינעם יידישן לעבן אין קוטנע. דאָס הויז — אַ חורבה, קיין צייכן פון באַרימטן פאָטאָגראַף און קולטור־טוער דעגענשיין, וועלכער האָט אין דעם דאָזיקן בנין געהאַט זיין אַטעליע.

דעגענשיין, דער לעבנסלוסטיקער אינטעליגענטער מענטש, איז געווען צווישן די גרינדער פון ערשטן אין קוטנע דראַמ־קרייז. שווער צו פאַרגעסן זיינע ראָלן אין „דודלס פידעלע", „דער אייביקער וואַנדערער", „די רויבער" און אַנדערע פּיעסן פון יידישן און וועלט־רעפּערטואַר. אַנטקעגן שטייט דאָס גרויסע הויז פון וואָלף אַש, דער ברודער פון וועלט־באַרימטן שרייבער.

דערמאָן איך זיך דאָס יאָר 1916, ווען ס'איז קיין קוטנע געקומען דער אָזאָרקאָווער וווּנדער־יינגל, דער שאַך־מייסטער שמואליק ראַשעווסקי, און אין דאָזיקן הויז, אויפן דריטן שטאָק, איז פאָרגעקומען דער שאַך־פאַרמעסט פונעם 10־יאָריקן מייסטער מיט צענדליקער קוטנער שאַך־שפּילער.

דאָס הויז איז מיר באַזונדערס געווען נאָענט און ליב, מחמת דאָרטן האָט געוווינט די מוטער פון שלום אַש. מיט דער דאָזיקער הערלעכער און האַרציקער פרוי בין איך געווען באַפריינדעט, נישט קוקנדיק דערויף וואָס איך בין קוים אַלט געווען 12 יאָר. געווען אַ סיבה פאַר דער דאָזיקער פריינדשאַפט.

דער לאָקאַל פון דער יידישער גימנאַזיע, פלעגט יעדעס יאָר פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שול צום דאַווענען אין די ימים נוראים. די מתפללים פון דער דאָזיקער שול זענען ס רוב געווען עלטערן פון די קינדער, וועלכע האָבן געלערנט אין דער גימנאַזיע. אָבער דער עיקר זענען געקומען דאַווענען ציונים, וועלכע זענען די פּאַקטישע בעלי־הבתים פון דער שול.

אַרום די ציונים האָבן זיך גרופּירט די מער־פאַרמעגלעכע יידן, ספּעציעל דער פּראָגרעסיווער שיכט פון דעם נגידישן טייל. צווישן די מתפללים האָבן זיך אויך געפונען די ליטוואַקעס פון שטעטל, וועלכע האָבן געהאַט אָנזען צוליב זייער ברייטהאַרציקייט און אינטעליגענץ.

מיט אַ פרישן פּאַרנעם פלעגט קומען צום דאַווענען דער ליטוואַק טימקאָווסקי. אָבער זיין עבודה איז געווען אָנצוגיסן וואַסער אין די שיך פון די כהנים בשעתן דוכענען, אָדער גאָר פאַרבינדן די ציצית פון די טליתים פון עטלעכע דאַווענענדיקע יידן. דערפאַר אָבער האָט ער מנדב געווען גרעסערע סומעס פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן.

גאָר אַ חשוב אָרט האָט פאַרנומען דער איידעלער און אינטע־ליגענטער ליטוואַק ריפּטין, וועלכער איז אין טעמפּעראַמענט געווען דער היפּוך פון זיין לוסטיקן לאַנדסמאַן.

ריפּטין, אַ ייד אַ תלמיד־חכם, איז געווען ענלעך אין אויס־זען צום באַרימטן מנחם־מענדל אוסישקין, מיט זיין קורץ־געשוירן בערדל. דער דאָזיקער האַרציקער און איידעלער מענטש איז געווען בעל־קורא אין דער־אָ אימפּראָוויזירטער שול.

כדאי צו דערמאָנען אַ פאַקט, וואָס איז פאַרבליבן אין זכרון ביי אַלע קוטנער יידן.

עס איז שוין אַן אָנגענומענער פאַל, אַז קוים גייט מען לייענען אין דער תורה, גייען ס'רוב מתפללים אַרויס פון שול כאַפּן אַ שמועס. אַנדערש איז געווען, בשעת מ'האָט געוווּסט, אַז באַלד וועט ריפּטין אָנהייבן זיין הייליקע עבודה. קיין איינער פון די דאַווענער איז נישט אַרויס אין דרויסן, נאָר פאַרקערט, ס'פלעגן קומען יידן פון אַנדערע שולן און מנינים, כדי צו הערן דעם בעל־קורא.

באַלד איז דער דאַרער און מיטלוווּקסיקער ליטוואַק ריפּטין אויסגעוואַקסן אין דער גרייס פון משהן, לויט דער קאָנצעפּציע פונעם וווּנדערלעכן מיקעל אַנזשעלאָ. ריפּטינס קלינגענדיקע און זיסע שטימע האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ. ס'האָט זיך געשאַפן דאָס געפיל, אַז די אותיות פון די אויסגעזונגענע זילבן, שוועבן אין דער לופט און קייקלען זיך צום כסא־הכבוד און דאָרטן זיצט דער אַלמעכטיקער באַשעפער מיט אַ צופרידענעם שמייכל און שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זאָגן: „אָט אַ ליטוואַק, ווי ער פאַרשטייט עס אַריינצודרינגען אין די יידישע הערצער. אָט וועט ער באַווייזן דעם וווּנדער, אַז יידן זאָלן ווידער אַמאָל אויסשרייען אין פולן עקסטאַז: נעשה ונשמע!"

געווען איז אויך אין דער דאָזיקער שול אַן עזרת־נשים און צווישן זיי, האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן די מאַמע פון שלום אַש.

אין די מעשהלעך וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט פון מיין זגערזשער מלמד רב ישראל, וועגן מלכים און מלכהס, פּרינצן און פּרינצעסינס, האָט מיין פאַנטאַזיע זיך אויסגעמאָלט אַ בילד פון אַ פרוי וועלכע דאַרף אויסזען אַזוי און אַזוי.

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען די פּאַטריאַרכאַלע פיגור פון שרייבערס מאַמע, האָב איך צו זיך געזאָגט: „יאָ, משה! אַזוי זעט אויס אַ קייסערינע".

איך האָב געזוכט אַ מעגלעכקייט אָנצורירן איר אַטלאַס־זיידן קלייד, באַרירן אירע איידעלע הענט און לסוף איר פאַר־געשלאָגן אַהיימצוטראָגן דעם מחזור נאָכן דאַווענען.

אַ גאָר־אָפטער איינגייער בין איך געוואָרן אין די הייזער פון אירע צוויי זין, וועלכע האָבן געוווינט אין קוטנע. טאָג־טעגלעך פלעג איך באַזוכן די שטוב פון איר זון יעקב־יהושע, וועלכער האָט מיר אָנפאַרטרויט צו זיין דער לערער פון זיינע צוויי שיינע טעכטערלעך.

מיין אָנזען האָט זיך געהויבן אין די אויגן פון מיין קייסערינע,

וועלכע האָט פון מיר געשעפּט נחת. כ׳בין באמת געווען איר ליבלינג אין משך פון לאַנגע יאָרן.

ה.

...גייען מיר ווייטער און שטעלן זיך אָפּ ביי דער הייזקע, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט פונעם יונגן ראַטאַפּעל, אָבער נישט ער געפינט זיך דאָרטן, נאָר עפּעס אַ בלאָנדער שייגעץ שטייט בייט אַריינגאַנג. דאָס איז דער נייער בעל־הבית, וועלכער שטאַמט פון שטעטעלע פּיאָנטקע און דאָ געפינט ער זיך עטלעכע יאָר, אויספירנדיק די אַרבעט פון איינציקן פאָטאָגראַף אין קוטנע.

איך לאַד אים איין מיט זיין פאָטאָ־אַפּאַראַט מיך צו באַגלייטן, כדי צו פאַרפיקסירן אין בילד אַלץ וואָס כ׳וועל געפינען פאַר נייטיק צו פאַראייביקן פונעם שטעטעלע קוטנע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פּרעכטיק קאַפּיטל אין דעם אַמאָליקן רום־פולן יידישן לעבן אין פוילן.

גייען מיר זאַלבעדריט און דאָס אויסגעמוטשעטע פערדל שלעפּט זיך מיט דער ליידיקער דראָזשקע, צושאָקלענדיק מיטן פערדישן קאָפּ, צום טאַקט פון מיינע טרויעריקע מחשבות.

זענען מיר אָנגעקומען צום נאָווי רינעק, ווו ס׳האָבן זיך אַמאָל געפונען די שענסטע הייזער פון שטאָט.

איך בלייב שטיין אַן אַנטוישטער, באַטראַכטנדיק דעם אַרום. איך האָב דאָס געפיל, אַז כ׳האָב פאַרבלאָנדזשעט אין אַ גרויס דאָרף, ווו ס׳באַוועגן זיך אַפּאַטיש עטלעכע פויערים.

כ׳לאַדן איין מיינע מיטגייערס אַריינצוגיין אין אַ קאַוויאַרניע, צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין, און כ׳דערמאָן זיך די עלעגאַנטע צוקערניע פון ברייטשניידערן, ווו ס׳פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין די נאָכמיטיגן און אין די אָוונטן די אַזוי־גערופענע „שמיעטאַנע״ פון שטעטל.

מיר גייען אַריין אין דער צוקערניע — אַן איינגעפאַלן כאַלופּקעלע, אינעווייניק געפינען זיך צוויי צעקרומטע טישלעך מיט עטלעכע צעבראָכענע בענקלעך וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דאָס אַמאָליקע לוקסוס־מעבל פון דאָזיקן באַרימטן לאָקאַל.

נאָך אַ לאַנגער ווילע וואַרטן, האָט זיך באַוויזן אַ ברוגזע גויקע, וועלכע האָט אונדז דערלאַנגט צו גלאָז מילך מיט אַלט־געבאַקן ברויט, פאַר וועלכן זי האָט זיך געהייסן גוט באַצאָלן.

דעם ערשטן אָפיציעלן באַזוך האָב איך געמאַכטביים בור־מיסטש פון קוטנע.

מיינע באַגלייטער האָבן מיך אינפאָרמירט, אַז דער שטאָט־טאַטע הייבט אָן אַמטירן אין די פרימאָרגן־שעהען און יעדן טאָג גייט ער אַרויס אויף אינספעקציע איבער דער שטאָט. דערוויסנדיק זיך אַז כ׳בין אַן אויסלענדער, האָט ער מיך גלייך אויפגענומען.

אָן שום צווייפל האָב איך נאָך געלעבט אונטערן איינדרוק פון אַמאָל, פאָרשטעלנדיק זיך, אַז אָט וועל איך אָנטרעפן אַ בייכיקן פאַרשוין מיט אַ פּאָר שליאַכעצקע וואָנסעס, אָדער איינעם אַן אויסגעפּוצטן מענטשן מיט דינע פאַרביסענע ליפּלעך און אַ פּענסנע אויף דער לאַנגער נאָז, מעשה אינטעליגענט — און דאָ זע איך גאָר פאַר זיך אַ יונגן מענטש, אַ בלאָנדער מיטל־וווּקסיקער בחור, זייער איינפאַך געקליידעט.

עס איז געווען צו דערקענען, אַז דער דאָזיקער פאַרשוין איז אַ קלוגער און דינאַמישער מענטש, שטאַמענדיק פון אַ דאָרפישער סביבה, וועלכער איז געקומען אין שטאָט אַרבעטן אין איינע פון די פאַבריקן. האָט ער זיך אויסגעצייכנט אַלס פעיקער אַרבעטער און טוער און מיט דער צייט געווילט געוואָרן אַלס בירגערמייסטער.

ער האָט מיר דערציילט, אַז עס געפינען זיך בסך־הכל 4 יידן אין קוטנע: 2 אָפּשטאַמיקע פון גאַליציע און 2 צוריק געקומענע באַלד נאָך דער מלחמה, אַלטע תושבים.

מיט פאַרגעניגן נעם איך אָן זיין גרייטקייט מיך צו באַגלייטן.

מיר זעצן זיך אַריין אין דער דראָזשקע און פאָרן צו צום בית־עולם, באַזוכן די קברים, דעם אוהל פון ר׳ ישעיהלע קוטנער זצ״ל און בכלל זען דאָרט דעם מצב.



השוק החדש — אחרי המלחמה

דער נייער מאַרק — נאָכן קריג

פאָרן מיט דער דראָזשקע ביזן בית־עולם איז אוממעגלעך געוועזן, ווייל דער וועג איז אַ זאַמדיקער און דאָס פערדל איז צו־שוואַך צו שלעפּן 4 פּאַסאַזשירן.

ענדלעך געפינען מיר זיך אויף אַ גרויס פעלד, טיילווייז באַוואַקסן מיט גראָז, וווּ ס׳ליגן צעוואָרפן שטיקלעך פון צעבראָכענע מצבות. שווער צו דעשיפרירן פאַר וועמען זיי זענען געשטעלט געוואָרן.

אויפן גראָז פאַשעט זיך אַ פערד.

ס׳באַווייזט זיך אַ יונגע גויקע פון דער הייזקע וואָס געפינט זיך ביים אַריינגאַנג. מיט דער דאָזיקער פרוי פאַרבינד איך אַ שמועס.

די פרוי איז אַ באַריידעוודיקע און צוו.אנד. דערציילט זי מיר וועגן די קברים און מצבות וועלכע זענען געשענדעט געוואָרן און זי שילדערט מיר דעם אומקום פון טויזנטער יידן.

מיר גייען צו צו אַ קבר. די פרוי דערציילט מיר, אַז עטלעכע חדשים נאָך דער מלחמה, האָבן זיך באַוויזן יידישע יונגעלייט, אָפּשטאַמיקע פון קוטנע. די דאָזיקע יונגע מענטשן האָבן אין אַ געוויסן טאָג געבראַכט אַן אורנע אַש און ביינער פון כעלמנאָ, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון קויל (קאָלאָ), ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ טויטן־לאַגער. אין דאָזיקן דאָרף זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די ספּעציעל־אויפגעבויטע גאַז־קאַמערן, די רעשטלעך פון די קוטנער יידן און דאָ, אין דעם דאָזיקן קבר, איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה די סימבאָלישע אורנע. גלייך איז אויסגעבויט געוואָרן אַ באַשיידענער דענקמאָל פון צעמענט, לזכרון אויף דור דורות פון דער אַזוי־רומפולער קוטנער קהילה. נאָר דעם זעלבן טאָג, אין די שפּעטע אָוונט־שעהען, האָבן פאַרברעכערישע הענט מיט דינאַמיט אויפגעריסן דאָס קבר — — — און אָט שטייען מיר ביי די חרובע רעשטלעך.

דער בורמיסטש האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אויף דער ווענדונג פון דער לאָדזשער קהילה אָפּצוהיטן די רעשטלעך פונעם געשענדעטן יידישן בית־הקברות, האָט ער פאַרופן אַלע איינוווינער פון אַרום דעם הייליקן אָרט און געצוווּנגען זיי אונטערצושרייבן אַ פאַרפליכטונג אָפּצוהיטן דאָס וואָס איז פאַרבליבן פון הונדערטער יאָרן יידיש לעבן.

פּלוצים ווענד איך מיין בליק צום בערגל, ווו ס׳האָט זיך אַמאָל געפונען דער אוהל פון קוטנער צדיק, וועלכער האָט פאַרזיכערט, אַז קוטנע וועט קיינמאָל נישט חרוב ווערן און אַז קוטנער יידן וועלן אייביק עקזיסטירן און וועלן באַהיט זיין פון אַלע מעגלעכע אומגליקן און שטורעמס וואָס וועלן קומען אויף גאָטס וועלט.

קיין צייכן פון אוהל איז נישטאָ, נאָר איך דערזע פאַר זיך אַ ברייטן פּאַס פון אומבאַגראָזטער ערד, געלע זאַמדיקע ערד, וואָס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ס׳ווערט דאָרט צוגעגרייט אַ פּלאַץ צו שטעלן אַ בנין.

די פרוי האָט פאַרשטאַנען מיין בליק און זי האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן:

— דער הער זעט דאָרטן, דעם דאָזיקן פּאַס ערד? דאָ געפינט זיך אַ מאַסן־קבר פון טויזנטער קוטנער יידן. צווישן זיי — קינדער און מאַמעס, טאַטעס און זיידעס, וועלכע זענען פאַרזאַמלט געוואָרן דורך די דייטשן צו גראָבן זייער אייגענעם קבר. געגראָבן טעג און נעכט אָן איבעררייס, געגראָבן אַ גרוב פון עטלעכע צענדליק מעטער אין דער לענג און אין דער ברייט. די אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן אונטער קלעפּ פון זעלנערישע קאָלבעס און שמיץ פון די ס.ס. ביז די הענקער האָבן מיט שוואַבישער פּינקטלעכקייט און אויסרעכענונג געהאַלטן דעם קבר פאַר גענוג אַריינצונעמען די טויזנטער קרבנות. די קריסטלעכע איינוווינער וועלכע האָבן פון ווייטנס בייגעווויִנט די דאָזיקע מערדערישע אַרבעט, זענען אַוועק געטריבן געוואָרן, בכדי נישט צו זיין קיין עדות פון דעם וואָס דאַרף ווייטער געשען. ליבער הער! גלייבט מיר, עס ציטערט נאָך איצט מיין יעדעס אבר, אַז כ׳דערמאָן זיך דאָס שרעקלעכע בילד וואָס איך האָב געזען. דאָרטן, אין מיין טאַטנס הייזקע בין איך געווען, די פענצטער פאַרצויגן מיט פאָרהאַנגען. איך בין הינטער זיי געשטאַנען אַ צוגעשמידטע און צוגעזען ווי די דייטשישע מערדער האָבן באַפוילן אַלעמען זיך אויסטאָן נאַקעט. אַלטע פרויען און מענער, מאַמעס, האָבן געהאָלפן אויסטאָן זייערע פּיצלעך קינדער. אַלע, אַלע האָבן געוויינט אַ גרויליק געוויין און ווען אַלע זענען שוין געווען נאַקעטע, האָב איך געזען ווי איינער טוליעט זיך צום צווייטן און גאָר פּלוצים האָב איך דערהערט אַ שיסעריי פון מאַשין־געווער און ביקסן. מאַסנווייז זענען די קערפּערס געפאַלן אין גרוב מיט פאַרהויבענע הענט צום הימל, מיט מאַמעשע הענט, וועלכע האָבן געדריקט זייערע קינדערלעך צום האַרצן. די בלוטדורשטיקע שוואַבעס האָבן צוגעפירט אַ גרופּע יונגע מענטשן, וועלכע זיי האָבן געבראַכט פון געטאָ און זיי באַפוילן צו פאַרשיטן דאָס קבר מיט ערד און קאַלך. דריי טעג און דריי נעכט בין איך נישט אַוועק פון פענצטער, נאָר געהאַלטן אײַן איין קוקן צום בערגל און האָב געזען... וויי און וויי, וואָס איך האָב געזען! דער באַרג האָט זיך כסדר באַוועגט אַרויף־און־אַראָפּ, אַרויף־און־אַראָפּ. כ׳בין געווען



צעשטערטע מצבות אויפן יידישן בית־עלמין אין קוטנע
מצבות הרוסות בבית־העלמין היהודי בקוטנה

זיכער, אַז דאָס האָבן זיי געפּרוּווט, די האַלב־דערשאָסענע, זיך אַרויסצורייסן פון גרוב, צוריק אַרויס צו דער ליכטיקער וועלט און מיט ווייטיק אויסשרייען: פאַרוואָס?! אָ, יעזוס טייערער! ווי שוידערלעך איז געווען דאָס דאָזיקע בילד און כ׳גלייב, אַז כ׳וועל דאָס נישט פאַרגעסן ביזן סוף פון מיין לעבן. פון דעמאָלט אָן וואַקסט נישט קיין גראָז אויפן דאָזיקן הייליקן אָרט. דערפאַר, זעסטו, מיין הער, ווי אַרום־און־אַרום וואַקסן געדיכט די פעלד־בלומען, אַזעלכע צאַרטע, ליכטיקע. מענטשן זאָגן, אַז דאָס זענען די אומשולדיקע נשמהלעך פון די קינדערלעך מיט זייערע ריינע ליכטיקע קערפּעלעך, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען תחית־המתים, אָנזאָגן דער וועלט, אַז דאָס זענען זיי די לעצטע קרבנות פון אַ שלעכטער און פינצטערער עפּאָכע, וועלכע איז פאַרשוווּנדן אויף אייביק...

אינסטינקטיוו האָבן מיך מיינע פיס דערטראָגן צום באַרג, צום הייליקן באַרג. מעכאַניש האָבן מיינע הענט אַרויסגענומען

פון טאַש אַ ווייס טיכל, פונאַנדערגעשפּרייט אויפן גאָלדענעם זאַמד און מיט ביידע הענט פּרווו איך צונויפנעמען צוויי זשמעניעס זאַמד פון דער דאָזיקער הייליקער ערד, וועלכע דעקט צו אויף אַלע אייביקייטן מיינע טייערע און ליבע קוטנער יידן און צווישן זיי — מיינע טייערסטע און ליבסטע — מיין אומגעקומענע משפּחה.

קניענדיק, טו איך די הייליקע עבודה, אָבער ווען איך דערהייב מיינע דלאָניעס מיט זאַמד, דערזע איך ביינער. דינינקע ביינדלעך פון קינדערישע הענטעלעך און פיסעלעך, דראָבנינקע ביינדעלעך פון קינדערישע פינגערלעך.

זענען דאָס די ביינדעלעך פון מיין שוועסטער שרהלעס קינדערלעך ? זענען דאָס זיכער די קינדערלעך פון קוטנער נישט־דערוואַקסענע יידעלעך, זענען דאָס די ביינער פון די צוקונפטיקע גאונים און גוטע־יידן, פּאָעטן און שרייבער, שניידערלעך און שוסטערלעך און סתם תהלים־זאָגערס ?

זיץ איך אַזוי אויף דער ערד אַ פאַרשטאַרטער און באַטראַכט דעם אוצר וואָס ליגט אין מיינע הענט.

כ׳זע נישט קיינעם אַרום זיך און האָב דאָס געפיל, אַז כ׳הער דעם ניגון פון אַ מאַמעס וויג־ליד ביים איינשלעפערן איר קינד:

אונטער יענקעלעס וויגעלע,
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע...

ליגן אין מיינע הענט גאָלדענע דינינקע ביינדעלעך פון טויזנטער משהלעך און שלמהלעך, שרהלעך און לאהלעך.

שווייגנדיקע זענען מיר אַרויס פון הייליקן אָרט...

ו.

געפינענדיק זיך ווייט פון בית־עולם, האָט מיר דער ליבנס־ווירדיקער בירגערמייסטער דערמאָנט, אַז ער וויל מיר ווייזן פאַרשידענע קוריאָזן. באַלד זענען מיר צוגעקומען צום סטאַוו, וואָס געפינט זיך הינטער דער תפיסה. אַרום דעם וואַסער — אַ סךביימער און פאַרפלאַנצטע בלומען.

די אַלייע וואָס רינגלט אַרום דאָס דאָזיקע שטייענדיקע וואַסער איז אויסגעפלאַסטערט מיט צעמענטענע פּלאַטעס — מצבות פון יידישן בית־עולם, וואָס די דייטשן און פּאָליאַקן־רשעים האָבן דאָ אַהערגעבראַכט.

מיין גאַסטגעבער האָט מיך צוגעפירט צום הויז וואָס האָט געהערט צו דער פאַמיליע קאָלסקי, געוועזענער אייגנטימער פון קינאָ „מאָדערן״. דער הויף פון דאָזיקן הויז איז אויך אויסגעפלאַסטערט מיט מצבות.

איך געזעגן זיך מיט מיין אינפאָרמאַטאָר און זאַלבעדריט באַשליסן מיר צו באַזוכן דאָס הויז פון ד״ר קליינערמאַן. מיר פאָרן אַרויס אויף גאָסטינינער גאַס און קומען צו אַ שיין הויז, צווישן געדיכט באַוואַקסענע פּרוכט־ביימער, אַ צי געטאָן ביי אַ גלאָק און גלייך האָבן מיר דערהערט אַ הילכיקן: ביטע, אַריין!

איך עפן די טיר, הינטער מיר — דער פאָטאָגראַפיסט. מיר בלייבן שטיין אין אַ גרעסערן זאַל, ווו ס׳געפינען זיך טרעפּ צו די אויבערשטע צימערן. אויף די דאָזיקע טרעפּ שטייט אַ דיקלעכער מאַן, אין וועמען איך דערקען גלייך דעם ד״ר יוסף קליינערמאַן.

פּלוצים דערהער איך זיין שטים געווענדעט צו מיר:

— מיר דוכט, אַז איר שטאַמט פון דער פאַמיליע פּיאָטרקאָווסקי, אָדער פּיעטריקאָווסקי ?!

די דאָזיקע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער פּוילישער שפּראַך.

אַ לאַנגע ווײַלע בין איך געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל איך האָב מיר נישט פאָרגעשטעלט, אַז מיין גאַסטגעבער זאָל האָבן אַזאַ פענאָמענאַלן זכרון.

מיר האָבן זיך דערנענטערט איינער צום צווייטן, זיך אַרומגענומען ווי צוויי אַלטע גוטע פריינד און באַלד האָבן זיך אונדזערע צונגען אויפגעבונדן און ס׳איז אַוועק אַ שמועס אויף גאַנצע צוויי שעה.

האָט ער מיר דערציילט, דער אַלט־יונגער ד״ר קליינערמאַן, וועלכער האָט אין זיך פול אָפּטימיסטישן ענטוזיאַזם און האַלט אָן דעם שמועס אין אַ לוסטיקער פאָרם, וועגן זיינע איבערלעבונגען אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד; די מלחמה־צייט, אַרבעטנדיק אין שפּיטאָלן — און אַזוי איבערגעלעבט די שווערע יאָרן; און צו ענדע, איז ער צוריק געקומען קיין קוטנע, ווו ער האָט פאַרבראַכט די מערסטע יאָרן פון זיין לעבן.

געקומען איז ער פון לידאַ, אַלס יונגער מעדיקער. האָט זיך פאַרליבט אין אַ בילד־שיינער יידישער טאָכטער פון אַ גאָר אָנגעזעענער משפּחה, וועלכע האָט נישט צוגעלאָזן צום שידוך און לסוף חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער, וועלכע האָט אויך געהערט צו דער אַזוי־גערופענער „שמיעטאַנע״. געלעבט גליקלעך מיט זיין פרוי און געראָטענער טאָכטער, וועלכע איז געוואָרן דער אינהאַלט פון זיין לעבן. די פרוי און די אומפאַרגעסלעכע טאָכטער האָבן געטיילט דעם גורל פון די קוטנער יידן, איבערלאָזנדיק אַ טיפע וווּנד אין זיין האַרץ.

היינט־צו־טאָג איז ער דירעקטאָר פון שטאָטישן שפּיטאָל, ספּעציאַליזירט אַלס קינדער־דאָקטאָר, ער ווערט הויך געשעצט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. פאַרשטענדלעך, איז זיין פּאָזיציע אַ וויכטיקע אויך דערפאַר, ווייל עס געפינען זיך זייער ווייניק פּראָפעסיאָנאַלן פון זיין פאַרנעם, וועלכע זאָלן אים קאָנען פאַרטרעטן.

מיר זיצן ביי אַ רונדיקן טיש און האַלטן אָן אונדזער שמועס. אויף אַ סאָפע זיצט זיין איצטיקע, פיל יונגערע פון אים פרוי און האַלט אויף דער שויס אַ 6—7 יאָריק קינד, זייער טעכטערל.

מיט ווייטיק דערציילט ער מיר, אַז די לעבן־געבליבענע יידן פון קוטנע, וועלכע האָבן געבראַכט צו קבורה די אורנע אַש, האָבן אויף אים אויסגעטראַכט אַ בילבול, אַז ער זאָל זיך האָבן געשמדט און געוואָרן אַ קריסט — און דאָס דערפאַר, ווייל ער האָט נישט אָנטייל גענומען אין דער צערעמאָניע ביים שטעלן דעם מאָנומענט פאַר די קדושים אויפן קוטנער בית־עולם, באַלד נאָך דער באַפרייאונג.

מיט טרערן אין די אויגן האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז ער טראָגט דעם נאָמען ייד מיטן גרעסטן שטאָלץ און אַז ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געפילט אַזאַ נאָענטקייט און צוגעהעריקייט צו יידן און במילא צום גאַנצן יידישן פאָלק. ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין געבורט־שטאָט לידאַ, זיינע יוגנט־פריינד זענען געווען צענדליקער תלמידים פון דער באַרימטער לידער ישיבה און מיר גלייך דאָס באַוויזן, ציטירנדיק איניקע מאמרים פון תלמוד.

אויף מיין פראַגע פאַר וואָס ער האָט נישט אָנטייל גענומען אין קאָמיטעט פאַר שטעלן דעם מאָנומענט, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער האָט געוואָרנט אַלע, אַז ס׳איז צוועקלאָז אָנצוגיין מיט דער דאָזיקער אַרבעט, ווייל עס לעבט נאָך אין פאָלק אַ טיף־פאַרוואָרצלטער אנטיסעמיטיזם און אַז כוליגאַנעס וועלן פאַרניכטן דאָס, וואָס ווערט מיט אַזוי פיל ענערגיע געבויט. אַ פאַקט איז, אַז דאָס וואָס ער האָט פאָרגעזען — איז פאַקטיש געשען.

ענדלעך האָבן מיר זיך געזעגנט ווי צוויי אַלטע גוטע פריינד און זיך געווונטשן ווידער אַמאָל זיך צו טרעפן.

האַלטנדיק מיך אין זיינע אָרעמס, האָט ער מיך געבעטן איבערגעבן אַ גאָר־וואַרעמען גרוס פאַר אַלע יידן און גאָר באַזונדער פאַר די וועלכע געדענקען אים — די קוטנער לעבן־געבליבענע יידן איבער דער גאָרער וועלט.

ז.

געווען איז מיטאָג־צייט. ווען מיר זענען אַרויס געפאָרן פון גאָסטינינער גאַס און זיך געלאָזט מיט דער דראָזשקע לענגאויס דעם אַלטן מאַרק, קרולעווסקי גאַס, נייעם מאַרק און נאַרוטאָוויטש־גאַס, אויפן וועג קיין קאָנסטאַנציע, ווו מיר האָבן גע־

פלאַנעוועט זיך צו טרעפן מיטן צווייטן תושב פון די אַמאָליקע קוטנער יידן.

פאָרן מיר אַזוי אויפן ברייט־געפלאַסטערטן שאָסיי און מיינע באַגלייטער דערציילן מיר, אַז דאָרט רעכטס פונעם שאָסיי האָט זיך געפונען דאָס געטאָ און זיי ווייזן מיט זייערע הענט, אַז אָט דאָרטן זעט מען נאָך סימנים פון שטעכלדראָט. באַלד דרייען מיר זיך אַריין לינקס אויף אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן געדיכט פאַרוואַקסענע ביימער, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ הויז, וווּ אין דרויסן האָבן זיך געשפּילט קינדער צווישן אַ געטומל פון הינער, געגנדז, טויבן, קאַטשקעס. עטלעכע גוט אויסגעפּאַשעטע חזירים האָבן זיך געריבן מיטן רוקן אינעם שטעכיקן פּלויט.

ס'קומט אונדז אַנטקעגן אַ מיטלוו׳קסיקער מאַן מיט אַ טונקל, פון דער הייסער זון פאַרברענט פּנים, שטאַרק באַוואַקסן, מיט אַ קאָפּ טונקל־ברוינע האָר. דאָס צעקנעפּלטע העמד האָט אַנט־בלויזט זיין געדיכט־באַוואַקסענעם ברוסטקאַסטן, מיט דער זעלבער קאָליר האָר ווי זיין פּנים.

ער דערנענטערט זיך צו מיר מיט ברייט צעעפנטע אָרעמס. עס זעט זיך באַלד, אַז ער האָט דערוואַרט מיין וויזיט, האָבנדיק ידיעות, אַז עס געפינט זיך אַ גאַסט פון אויסלאַנד, און טאַקע אַן אייגענער, אַ לאַנדסמאַן.

איך גיי אַראָפּ פון דער דראָזשקע און מיר פאַלן זיך אין די אָרעמס ווי צוויי ברידער, וועלכע באַגעגענען זיך נאָך גאָר אַ סך יאָרן צעשיידונג. מיר צעקושן זיך, ממש, ווי צוויי לייבלעכע.

איך דערקען אין דאָזיקן מענטשן איינעם פון די צוויי ברידער־גערטנער — אייזיק.

ער פירט מיך אַריין אין אַן אַלטאַנע, וווּ מיר זעצן זיך אַוועק ביי אַ טישל און ס'הייבט זיך אָן אַ שמועס, וואָס פירט אונדז אַוועק אויף אַ מהלך פון דרייסיק יאָר צוריק, צום פאַרבענקטן אַמאָל, צו די זוניקע, גאָלדענע טעג פון אונדזערע יוגנט־יאָרן ביי טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, גוטע פריינד און באַקאַנטע.

דערציילט מיר אייזיק, אַז ער און זיין ברודער האָבן חתונה געהאַט, געפירט בשותפות זייער דאָרפישע ווירטשאַפט, געהאַט טרייע, גוטע ווייבער און אויך גראַטענע קינדערלעך.

זענען געקומען די טרויעריקע, שרעקלעכע טעג. ער מיטן ברודער זענען אַוועק אין וואַלד אַלס פאַרטיזאַנער און מער ווי איין מאָל ס'לעבן אין סכנה געשטעלט אינעם נישט־גלייכן קאַמף מיט די נאַצישע מערדער און היימישע כוליגאַנעס. אָבער סוף־כל־סוף איבערגעלעבט די שרעקלעכע יאָרן, מיט איבערמענטש־לעכער גבורה און ענדלעך געקומען צו דער אויסגעבענקטער היים.

„אַ היים? אַ חורבה! נישטאָ קיין ווייב, נישטאָ קיין קינדער. פאַרברענט האָט מען זיי אין די קרעמאַטאָריעס פון דאָרף כעלמנאָ. פאַרברענט, יאָ, פאַרברענט אויף אש...״

האָבן מיר אַ צייט לאַנג געוויינט, געזוכט ווו ס'האָט זיך געלאָזט און לסוף האָבן מיר זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב־און־לעבן אין דער אַרבעט צוריק אויפצובויען די חרוב געוואָרענע ווירטשאַפט.

מיט הענט און נעגל האָבן מיר געאַקערט ס'פעלד, ווידער פאַרפלאַנצט רויזן און כל־המיני בלומען, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרן באַרימט געמאַכט די ברידער אייזיק אויף די בלומען־אויסשטעלונגען אין וואַרשע, ווו מיר פלעגן באַקומען די העכסטע אויסצייכענונגען.

איז אַוועק אַ שטיקל צייט און זיין ברודער האָט חתונה געהאַט, געוואָרן אַ פאָטער פון אַ שיין־געראָטענעם זון און קורץ נאָך דעם אַוועק מיט זיין משפחה קיין ישראל און באַשלאָסן אין דער נייער היים אָנגיין מיט דער זעלבער באַשעפטיקונג: פלאַנצן רויזן אויף יידישער ערד און טאַקע נאָר פאַר יידן.

אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער האָט נישט נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון זיין ברודער, האָט ער מיר אַ פאַרחלומטער געענט־פערט:

— זעסט, משה. איך לעב מיט מיינע בלומען, מיט מיין מאַמע־ערד און מיט די זיסע זכרונות פון אַמאָל. אין די פאַרנאַכטן זיץ איך אין דער דאָזיקער אַלטאַנע, נאָך אַ גאַנצן טאָג פון שווערער פּראַצע און איך האָב דעם איינדרוק, אַז אָט וועל איך דערהערן די קלינגענדיקע שטימעלעך פון מיינע שיינע קינדערלעך און איך וואַרט, אַז מיין ליבע, האַרציקע פרוי זאָל מיך רופן צו דער צוגעגרייטער וויעטשערע.

ביים טישל זיצט נאָך אַ מענטש מיט טונקעלע ברילן און הערט זיך צו צום שמועס.

אייזיק דערציילט מיר וועגן דאָזיקן שטומען צוהערער, וועל־כער האָט אַ זייער־אידעלן אויסזען. זיין לענגלעך גלאַט אויסראַזירט פּנים מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט אַ סך געליטן אין זיין לעבן. ער איז דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער קוטנער שטאָטישער פּאָסט, אַן אמתער צדיק הדור. אָט דער זעלטן־גוטער קריסט איז היינט זיין בעסטער פריינד מיט וועמען ער צעשיידט זיך נישט, האָט מערערע מאָל געשטעלט אין סכנה זיין לעבן, כדי צו ראַטעווען אַ יידן און נישט איין מאָל געפּייניקט געוואָרן דורך די דייטשן, באַקומענדיק שמיץ איבערן הוילן לייב און לסוף פון די פּייניקונגען בלינד געוואָרן.

פאַרשטענדלעך, אַז ער איז נישט מער אַרבעטספעיק, באַקומט אַ נישטיקע פּענסיע, וועלכע גיט אים נישט אויף אויסצוקומען דאָס בידנע לעבן, דערצו האָט ער אַ ביז־גאָר געראָטענעם זון, וועלכער וויל שטודירן און זיינע מעגלעכקייטן דערלויבן נישט דעם דאָזיקן „לוקסוס״. נו, איז ער, אייזיק מקרב דעם דאָזיקן גוי, געמאַכט אים פאַר זיין לייב־פריינד און במילא לערנט זיך זיין זון אויף אייזיקס אויסהאַלט.

הער מיעטשיסלאַוו הערט זיך צו וואָס זיין פריינד אייזיק דערציילט וועגן אים, בייגט ער אַראָפּ דעם קאָפּ אַ פאַרשעמטער און איך גלייב, אַז דאָס שעמט ער זיך דערפאַר, וואָס ער איז געווען איינער, איינער אַליין צווישן טויזנטער און טויזנטער קריסטן, וואָס זייער פליכט איז געווען נאָכצוטאָן זיין ביישפּיל לגבי זייערע שכנים און מיטבירגער — אַפילו ביז מסירות נפש, כדי אָפּצוהיטן די הייליקע געבאָטן. נאָר זיי האָבן זיך בעסער צוגעקוקט מיט גלייכגילטיקייט. ס'האָט אויך פּאַסירט, אַז זיי פלעגן פאַרקויפן אַן אויסבאַהאַלטענעם ייד פאַר אַ קילאָ זאַלץ.

פלוצים נעמט דער בלינדער אַרויס פון אונטערן אָרעם אַ פּעקל, וואָס איז זאָרגפעלטיק איינגעפּאַקט אין פּאַפּיר, צעעפנט עס מיט ציטערנדיקע הענט און לייגט עס אַוועק אויפן טישל ביי מיין זייט־צו.

כ'דערזע פאַר זיך אַן אַלבום מיט פאָטאָגראַפיעס. דאָס זענען בילדער, וואָס ער, מיעטשיסלאַוו, האָט פאַרפיקסירט מיט זיין פּרימיטיוון אַפּאַראַט; די דאָזיקע אַרבעט האָט ער אויסגעפירט אין געפערלעכע מאָמענטן וואָס האָבן באַדראָט זיין לעבן.

כ'זע פאַר זיך בילדער פון אויסגעמוטשעטע יידן: מענער, פרויען, קינדערלעך, וואָס ווערן געטריבן און געשלאָגן פון דייטשישע סאָלדאַטן־בעסטיעס.

דורך שפּאַרונעס פון בוידעמער האָט ער פאָטאָגראַפירט די גרויליקע סצענעס און ענדלעך איז אָט דעם גוטן מענטשן געלונ־גען צו פאַראייביקן אין בילד דאָס שרעקלעכע, אוממענטשלעכע וואָס איז געטון געוואָרן צו טויזנטער און טויזנטער אומשולדיקע יידן.

כ'פּרוּוו פאַרהאַנדלען מיטן הער מיעטשיסלאַוו וועגן פאַר־קויפן מיר דעם דאָזיקן היסטאָרישן אַלבום, לייג אים פאַר אַ באַדייטנדיקע סומע געלט, אָבער איך באַקום אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג.

— ניין, מיין טייערער פריינד! קיין שום געלט קאָן מיך

נישט באַפרייען דערפון, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם אינהאַלט פון מיין לעבן.

כ׳האָב אַרומגענומען דעם גוטן, ערלעכן מיעטשיסלאַוו און מיט אים זיך צעקושט, ווי מיט אַן אייגענעם ברודער.

ביי די בייזיצער האָבן זיך באַוויזן טרערן...

מיין גאַסטגעבער האָט מילדער געמאַכט די שפּאַנונג, מיטן באַפעלן איינצושפּאַנען צוויי קאַשטאַנעס אין זיין פּריצישער בריטשקע. זאַלבעדריט האָבן מיר פאַרנומען פּלעצער און זיך געלאָזט צוריק אין שטאָט אַריין.

דער דראָזשקאַזש מיטן פאָטאָגראַפיסט האָבן אונדז באַגלייט.

ח.

דער סוף־פרילינג טאָג איז געווען אַ מחייהדיקער.

מיר פאָרן אויף אַ גוט־געפּלאַסטערטן שאָסיי, די פערד אויסגערוטע, מיט זייער גלאַנציק־ברוינער פעל האָפּקען אויפן וועג, גלייך זיי וואָלטן צופרידן געווען, וואָס זיי פירן אין דעם פאַעטאָן אַזעלכע וויכטיקע פּאַסאַזשירן. מיר טרעפן זיך זייער אָפט מיט מענטשן וואָס שטעלן זיך אָפּ ביים אָנקומען פון אונדזער בריטשקע. מענער נעמען אַראָפּ ס׳היטל און פאַרנייגן זיך מיט דרך־ארץ צו אונדזער זייט־צו, אויסרופנדיק:

— גוטן טאָג אייך, הער אייזיק!

דערמאָן איך זיך, אַז מיט יאָרן צוריק, ווען דער פּריץ זאַוואַדזקי איז געפאָרן אין שטאָט אַריין, פלעגן די פאַרבייגייענדיקע יידן אַראָפּכאַפּן ס׳היטל פון קאָפּ און אָנבייגן זיך ביז צו דער ערד צו באַגריסן: „גוט מאָרגן, דזשעדזשיצו!״

קוק איך אַזוי אָן דעם אויסגעדאַרטן אייזיק און ער וואַקסט פאַר מיינע אויגן אויס מיט זיין חשיבות.

אָט אַ כוואַטסקע יידעלע. נישטאָ מער דער פּריץ זאַוואַדזקי, איז זיין אָרט פאַרנעמט איצט דער גוטער, וווילער ייד אייזיק, וועלכער איז דער פּאַקטישער בעל־הבית פון קוטנע, דער „טאַטע״ און פאַרזאָרגער פון אַלע נויטבאַדערפטיקע.

פאָרן מיר אַזוי שווייגנדיקע, ביז מיר קומען אָן אויף נאַרוטאָוויטש־גאַס. כ׳בעט מיין פריינד אָפּשטעלן די בריטשקע ביים הויז, וווּ ס׳האָט געוווינט די פאַמיליע ריפּטין.

מיר בלייבן שטיין ביי אַן איינגעשרומפּענער אַלטער הייזקע. עס לאָזט זיך נישט גלייבן, אַז דאָ האָט געוווינט דער אָנגעזעענער ליטוואַק ריפּטין מיט זיין איידעלער פרוי און זיינע צוויי זין און צוויי טעכטער, וועלכע זענען פאַררעכנט געווען פאַר די אינטעליגענטסטע יונגע איינוווינער אין שטאָט.

די צוויי באַחנטע טעכטער זענען געווען לערערינס. דער עלטערער זון איז געווען אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט און דער יונגערער, קובאַ, אַ רעוואָלטירנדיקער שילער אין דער אַנטיסעמיטישער רעגירונגס־גימנאַזיע, וועלכע ער האָט פאַרלאָזן אין 8טן קלאַס און אַוועק קיין ארץ ישראל, אַלס אָנפירער פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר״.

אין הינטערגרונט פון דער דאָזיקער הייזקע איז געווען דער בנין פון דער יידישער גימנאַזיע. דאָרטן האָב איך פאַרבראַכט מיינע שענסטע יוגנט־יאָרן. דאָרטן האָבן מיינע טאַטע־מאַמע געאַרבעט פון פאַרטאָג ביז אין די שפּעטע אָוונט־שעהן. מיינע עלטערן זענען געווען די ערשטע אַרבעטער צייט דער גרינדונג, ביזן לעצטן טאָג פון איר עקזיסטענץ, ביזן מאָמענט ווען די דייטשן האָבן זי פאַרניכטעט — די יידישע גימנאַזיע, צוזאַמען מיט די הונדערטער שילער און זייערע איבערגעגעבענע לערערס.

געגרינדעט האָט מען די יידישע גימנאַזיע אין יאָר 1917. אין דאָזיקן יאָר איז געקומען קיין קוטנע דער באַרימטער ציוניסטישער טריבון ד״ר יהושע טהאָן אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגן סטודענט אברהם וויעזשביצקי.

דער גרויסער צוזאַמענטרעף מיט די קוטנער יידן איז פאָרגעקומען אין זאַל „פּאָלאָניאַ״, כדי צו פייערן די באַלפור־דעקלאַראַציע. וויעזשביצקי האָט זיך אין דאָזיקן אָוונט אויסגעצייכנט אַלס פלאַם־פייערדיקער רעדנער. דער דאָזיקער דינאַמישער יונגערמאַן איז פאַרבליבן אין קוטנע און אָנגערעגט אַ גרופּע יידן צו שאַפן אַ יידישע שול.

צווישן די גרינדער איז געווען אַ טייל אָנגעזעענע יידן פון שטאָט. אַלס ערשטער פאָרזיצער פון דער גימנאַזיע איז געוויילט געוואָרן דער אינטעליגענטער און חשובער אהרן שלמה עלבערג און צוגעהאָלפן האָבן אים די וווילע יידן סענדער פאַלץ, חיים ראַבע, ווינער און אַנדערע.

אין מייראַנצעס הויז איז געווען אַ חדר מתוקן, ווו מ׳האָט אויך געלערנט וועלטלעכע לימודים. באַזונדערס האָט מען מקפיד געווען אויף העברעיש.

דער אייגנטימער פון דעם דאָזיקן חדר איז געווען אַ ייד פון גאָסטינין, יונה־ברוך כ״ץ.

די ניי־געגרינדעטע שול־פאַרוואַלטונג האָט איינגעלאַדן יונה־ברוכן און ס׳איז געקומען צו אַ הסכם צו פאַראייניקן ביידע שולן אין איין גרויסן לערן־אַנשטאַלט, ווו דער תלמיד־חכם און געניטער פּעדאַגאָג יונה־ברוך כ״ץ איז באַשטימט געוואָרן אַלס העברעישער לערער און אברהם וויעזשביצקי — ערשטער דירעקטאָר.

צווישן די שילער פון דער דאָזיקער שול, זענען געווען די פאַרמעגלעכסטע קינדער פון שטאָט.

געקומען איז דאָס יאָר 1918, פּוילן איז לויטן ווערסאַלער טראַקטאַט געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה. די דייטשן האָבן פאַרלאָזט די פאַרנומענע געביטן. אויך די וועלכע האָבן זיך געפונען אין קוטנע, האָבן זיך פיבערהאַפט געגרייט אַהיימצופאָרן.

צו דער זעלבער צייט זענען אָנגעקומען אַלאַרמירנדיקע ידיעות וועגן דורכגעפירטע פּאָגראָמען אויף יידן אין לעמבערג, אויסגעפירט פון באַפרייטע פּאָליאַקן; אַז די כוליגאַנעס גרייטן זיך איבערצוחזרן די אָנפאַלן אין אַ ריי אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון באַפרייטן פּוילן.

אין דער געביידע פון דער יידישער גימנאַזיע האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרעסערע צאָל יונגע בחורים און ביי פאַרהאָנגענע פענצטער אָפּגעהאַלטן געהיימע באַראַטונגען, צו גרינדן אַ זעלבשוץ, כדי זיך קעגנצושטעלן די פּאָגראָמשטשיקעס, אין פאַל ווען עס וועט זיין נייטיק.

מ׳האָט זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט אַ דייטשן סערזשאַנט, שוואַבע. דער דאָזיקער דייטש האָט זיך פאַרפליכטעט צו באַזאָרגן געווער און גלייכצייטיק געגעבן אינסטרוקציעס ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט ביקסן און רעוואָלווערן וואָס זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל אָנגעזאַמלט.

צווישן די פרייוויליקע זענען אין דער ערשטער ריי געווען די קצבים מיט די ברידער נאָסאָל אין דער שפּיץ; אָנפירער איז געווען בערנאַרד האָלצמאַן.

צום גליק זענען קיין פּאָגראָמען מער נישט פאָרגעקומען און דאָס געווער איז נישט באַנוצט געוואָרן.

צווישן די ווענט פון דער יידישער גימנאַזיע זענען אויסגעוואַקסן הונדערטער און הונדערטער קינדער, וואָס האָבן באַקומען אַ נאַציאָנאַל־יידישע דערציאונג. ס׳זענען פאַרקאָנטראַקטירט געוואָרן די בעסטע לערערס, אויך דער שילער־מאַטעריאַל איז געווען אַ געקליבענער. די שילער פון די העכערע קלאַסן, יינגלעך און מיידלעך אין עלטער פון 13—14 יאָר, האָבן ארויסגעגעבן אַ דריי־שפּראַכיקע שול־אויסגאַבע וואָס האָט באַקומען אָנזען אין אַלע אַנדערע שילער־קרייזן. ס׳איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ הילפס־פאַראיין צווישן אַלע שילער, אָן אונטערשיד פון עלטער, ס׳האָט געאַרבעט אַ שילער־געריכט מיט ריכטער, פּראָקוראָרן און פאַרטיידיקער.

גאַנצע נעכט פלעגט מען זיצן מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג ביים העקטאָגראַף און דרוקן די שילער־צייטונג.

די דאָזיקע שול האָט עקזיסטירט ביז ס׳זענען געקומען די

נאַצישע האָרדעס און אומגעבראַכט די שילערס, זייערע לערערס, זייערע טאַטע־מאַמע, צוזאַמען מיט נאָך מיליאָנען יידן אין פּוילן.

ט.

גייען מיר לענג־אויס די נאַרוטאָוויטש־גאַס און בלייבן שטיין ביי מייראַנצעס הויז, וווּ ס׳האָבן אַמאָל געלעבט די גרעסטע צאָל לאָקאַטאָרן. אין דאָזיקן הויז האָט געוווינט די רייכע משפחה מייראַנץ. די זין און טעכטער מייראַנצעס האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט. צווישן די לאָקאַטאָרן זענען געווען יידן פון אַלע שיכטן. אין הויף האָט געוווינט אַ ייד, אליהו כ״ץ, מיט זיין פרוי ביילע און קינדער משה און יענטע.

אליהו כ״ץ איז געווען אַ ייד אַ מנגן, אַ גוטער בעל־תפילה. דער פּריץ זאַוואַדזקי האָט אים צוגענומען ס׳גאַנצע געלט וואָס ר׳האָט אַמאָל געברענגט פון אַמעריקע, אַזוי, אַז ער איז געבליבן אַ ביטערער אָרעמאַן. זיין זון איז אַוועק קיין רוסלאַנד מיט זיין חבר יעקב אָסאָווסקי און דאָרטן פאַרפאַלן געוואָרן אָן אַ שפור. די גרעאָטענע טאָכטער יענטע לעבט אין ישראל מיט איר מאַן און צוויי קינדערלעך, אין אַ קיבוץ.

געווען צווישן די שכנים נאָך אַ ווילער, איידעלער ייד, רעכטמאַן. געווען אַמאָל אַ רייכער גוט־באַזיצער, געוווינט אויף די פּיאַסקעס און געפירט אַ פּריציש הויז, געהאַט אייגענעם באָדן, פערד און אָקסן. זיין שטוב איז באַקאַנט געווען ווי די היים פאַר אַלע נויטבאַדערפטיקע. פון זיין הויז איז קיינער נישט אַרויס קיין הונגעריקער, און דער עיקר — מיט ליידיקע קעשענעס.

האָט ער פאַרקויפט זיין הויז, דעם באָדן און געקומען אין שטאָט אַריין זוכן תכלית פאַר די קינדער, וואָס זענען אונטער־געוואַקסן. אין געציילטע וואָכן איז ער פאַראָרעמט געוואָרן און שווער קראַנק געוואָרן.

(נאָך היינט פיל איך זיין קוש אויף מיין שטערן, בשעתן געזעגענען זיך מיט אים. ער האָט מיך, מיט גערעכטע טעמים, ליב געהאַט, נישט ווייניקער ווי זיינע אייגענע קינדער).

שווער אויסצורעכענען די אַלע שכנים פון יענעם הויז, אָבער כ׳געדענק זיי אַלע.

גייען מיר ווייטער און בלייבן שטיין פאַרן הויז וווּ ס׳האָט געוווינט דער ערנסטער גוטער מענטש, סענדער פאלץ. דערציילן מיר מיינע באַגלייטערס, ווי אַזוי די נאַצישע רוצחים האָבן דעם דאָזיקן ליבן, טייערן מענטש אומגעבראַכט צוזאַמען מיטן מעצענאַט פון די קוטנער ספּאָרטלער, בערנאַרד האָלצמאַן.

די דאָזיקע צוויי קדושים זענען געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעך צוצושטעלן יונגע פרויען פאַר די דייטשע בעסטיעס. דער ערשטער טראַנספּאָרט איז צוגעשטעלט געוואָרן און זיי זענען קראַנק גע־וואָרן. האָבן זיי די דייטשן אומגעברענגט. איז געקומען אַ באַפעל, אַז די צוויי יידן זאָלן צושטעלן נייע הונדערט געזונטע שיינע מיידלעך, האָבן די צוויי יידן געשטעלט אַ באַדינג, אַז מ׳זאָל זיי פריער צוריק ברענגען יענע הונדערט קראַנקע פרויען, אין קעגנפאַל וועלן זיי נישט אויספירן דעם באַפעל.

פאַר אַ שטראָף האָבן די מערדער זיי געצוווּנגען אויסצו־גראָבן אַ גרוב אין מיטן גאַס און זיי ביידע לעבעדיקערהייט באַגראָבן.

יחיאל פאלץ, בערנאַרד האָלצמאַן, כבוד אייער אָנדענק!

...קומען מיר אָן אין נייעם מאַרק און בלייבן שטיין ביים הויז פון באַנקיר וולאַדעק הירשבערג.

צווישן אַ סך אָנגעזעענע יידן, האָט דאָרטן געוווינט דער פעלדשער קינצלער, ער איז געווען דער הויפּט־רופא פון דער קוטנער אָרעמער באַפעלקערונג.

אָט זענען מיר ביים ראָג יאַטקע־געסל, וווּ ס׳איז אַמאָל געווען גאָמבינסקיס רעזורע. קוטנער אינטעליגענטן און „באָהעמען״ האָבן אין דאָזיקן לאָקאַל געהאַט זייער טרעפפונקט, בראש מיטן תלמיד־חכם יעקב מאיר פרענקעל און זיין אומצעשיידבאַרן חבר משה פאָנטש.

דערמאָן איך זיך, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אָנהייב פון די צוואָנציקער יאָרן, ווען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער באַרימטער לאַנדסמאַן שלום אַש גרייט זיך צו באַזוכן זיין געבורטשטאָט וווּ ס׳לעבט זיין מוטער און זיינע צוויי ברידער. צווישן די אָפטע געסט פון גאָמבינסקיס רעזורע, איז אויך געווען דער העלד פון שלום אַשס ראָמאַן „מאָטקע גנב״, דער באַקאַנטער אונטערוועלטניק מרדכי פּשאָרעק. ווען מרדכי האָט זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן אין דער רעזורע, איז ער אַרויס מיט לשון:

— וואָ־עס? שלום סראַקע קימט צע פאָרן? זאָל ער זיך נאָר באַוואַזן אין שטועט, וועל איך עים אַ פּולקע אָסדראַיען, איך וועל אים אָנלערנען פאַר באַשראַבן מיך און פאַרשעימען פאַר די גאַנצע וועלט...

דער גאַסט איז געקומען, אין שטעטל האָט זיך געקאָכט. אָרעם און רייך האָבן זיך געפילט דערהויבן. אַ קלייניקייט, שלום אַש, דער באַרימטער שרייבער, וועמען די וועלט, יידן און נישט־יידן, האָבן אָנערקענט אַלס איינעם פון די גרעסטע שריפט־שטעלער.

זענען טאַקע די שטעטלדיקע איבערגליקלעך דערמיט, וואָס שלום אַש איז זייערס אַ בן־עיר.

די סענסאַציע איז געווען נאָך גרעסער, ווען מ׳האָט געזען גיין לענג־אויס דעם מאַרק דעם באַרימטן לאַנדסמאַן, געאָרעמט מיט מאָטקע פּשאָרעקן — אין אַ חברישן שמועס.

געזאָגט האָט מען, אַז מאָטקע האָט באַקומען פון שלומען אַן אַפּותיקה, אָבער די, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה צו קענען פערזענלעך דעם שרייבער, האָבן געצווייפלט אין די דאָזיקע קאָמענטאַרן, ווייל דער קינסטלער איז געווען ברייטהאַרציק אין זיינע ווערק, אָבער דערפאַר אַ קאַרגער — ביז גאָר.

מיר קומען אָן צום אָרט, וווּ ס׳איז אַמאָל געווען די קוטנער שול. נישטאָ קיין זכר פונעם מקום קדוש, אויך דאָס אַלטע בית־המדרש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאָקאַל פאַר די פייער־לעשער.

נישטאָ קיין שול, נישטאָ קיין שול־געסל וווּ ס׳האָבן געקי־ניגט די גאונים רב יהושעלע קוטנער, זיין זון משה פּנחס און זיין איניקל, דער לעצטער מרא־דאתרא.

מיר שפּאַצירן איבער דער קרולעווסקי־גאַס, פאַרשוווּנדן זענען די שיינע געשעפטן. נישטאָ קיין בראָדע און וואַלטער, דאָס שיינע פּאַפּיר־געשעפט און בוכהאַנדלונג פון גייסטן, דאָס שמוק־געשעפט פון האַלערן, די לייוונט־ און וועש־געשעפט פון ראַבען, וווּ אַ סך כלה־מיידלעך האָבן איינגעקויפט זייערע חתונה־אויסשטייערס. קאַפּעלס עלעגאַנט געשעפט מיט אַרטיקלען פאַר קאַוועליערן, די געשעפטן פון די ברידער באַנאַך און לעווינס אַפּטייק; דאָס הורט־געשעפט פון שטיינפעלדן און דאָס הייזון־קרעמל פון ווישינסקין. און באַלד לעבן אים — די לעקעך־בעקערין.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין אַלטן מאַרק. נישטאָ קיין מאַרק, נישטאָ מער די קרעמלעך, וואָס פלעגן אין די מאַרק־טעג פאַרקויפן די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער זאַלץ און נאַפט, צוקער און הערינג. נישטאָ מער קיין געדעכעניש פון דעם אַמאָל.

אַלטער מאַרק נומער 8 — איז אַן אַלטע איינגעפאַלענע חורבה, פלאָצקערס וויין־געשעפט — אַ מצבה פון אַ הויז. אַפילו דער קאָשטשאָל איז עפּעס ווי איינגעזונקען. דאָס הויז אַנטקעגן איז אויך עפּעס ווי איינגעשרומפּן. אויף ראָג אַלטער מאַרק אין גאָסטינינער גאַס איז אַמאָל געשטאַנען אַ שיינער בנין און דאָרטן האָט אַמאָל זיך געפונען די קוטנער פילהאַרמאָניע „לירא״,

איינע פון די שענסטע און רומפולסטע יידישע קולטור־אַנשטאַלטן.

אין יאָר 1916 האָבן יונגע מענטשן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו גרינדן אַן אָרקעסטער. האָבן זיי געדונגען דעם דאָזיקן לאָקאַל, איינגעקויפט אַלע נייטיקע אינסטרומענטן, קאָנטראַקטירט אַן ערשטקלאַסיקן דיריגענט און אין די אָוונטן האָבן זיך אַלע געשטעלט צו רעפּעטיציעס.

לאַנגיאָריקער פּרעזידענט פון דער „לירא" איז געווען מייראַנצעס עלטסטער זון. אַלס לאַנגיאָריקער דיריגענט איז קאָנטראַקטירט געוואָרן דער מייסטער בוכנער, וועלכער האָט צוגעגרייט דעם אָרקעסטער דורכצופירן די אומפאַרגעסלעכע פילהאַרמאָנישע קאָנצערטן.

שטייט אַ הויז אויפן ראָג גאָסטינינער גאַס און געדענקט נישט, אַז דאָרטן האָט מען געהערט די קלאַנגען פון יידישן אויפטו, פון יידיש־מענטשלעכער דערהייבונג, קלאַנגען פון אַלטן יידישן יחוס, אַקאָרדן פון גלאָררייכער און האַרציקער יידישער נגינה.

שטיי איך אַזוי מיט מיינע באַגלייטער און דערצייל זיי די שיינע מעשהלעך פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעגענדעס, מעשהלעך פון טויזנט און איין נאַכט.

שטייען מיר אַזוי מיט געבויגענע קעפּ און עס דוכט זיך, אַז אונדזערע אַלעמענס ליפּן שעפּטשען אַ תפילה און פון די אויגן קייקלט זיך אַ טרער...

י


מיר גייען צוריק לענג־אויס דעם אַלטן מאַרק און קרולעווסקאַ־גאַס, מיר באַגעגענען אויפן וועג געציילטע דורכגייער און עס מערקט זיך, אַז דאָס זענען נישט קיין געוועזענע קוטנער תושבים, נאָר פון ערגעץ אַנדערשוואו אָנגעקומענע. קוטנע איז אַ טויטע שטאָט און אפשר אַ גרויס דאָרף, ווו די איינוווינער לעבן זיך אויס אין אַ דאָרפישן אַרט לעבן. עס פעלט דער שטאָטישער אימפּעט, דער יידישער האַרמידער, ס'פעלן די יידישע שניידערקעס און שניידער־יונגען, די יידישע יונגעלייטלעך מיט זייערע גראַציעזע באַגלייטערינס אין די אָפּטע „בלימל־טעג", צו שאַפן געלט־מיטלען פאַר פאַרשידענע וווילטעטיקע צוועקן.

איך דערמאָן זיך דאָס יאָר 1915, ווען כ'בין אָקאָרשט געהאַט אָנגעקומען אין מיין טאַטנס געבורט־שטעטל. כ'געדענק די יידישע בחורים פון די רייכע היימען, וועלכע זענען אַרומגעלאָפן איבער די קוטנער גאַסן מיט אַ ווייס־בלויען באַנד אויפן אָרעם און אויפן באַנד האָט געגלאַנצט דער סימבאָלישער מגן־דוד. די דאָזיקע יונגעלייט זענען געווען די, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַר דער יידישער אָרעמקייט.

אין שטאָט האָט געבושעוועט אַ טיפוס־עפּידעמיע, זענען זיי געווען די, וועלכע האָבן געשאַפן מיטלען צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע מיט אַלעם מעגלעכן.

ס'האָבן זיך געעפנט קיכן, ווו יידישע טעכטער פון רייכע, ווי אויך פון חסידישע היימען, האָבן צוגעגרייט אומזיסטע מיטיקן פאַר הונגעריקע און שוואַכע.

דער שטאָט־רב איז קראַנק געוואָרן, האָבן אים באַוואַכט צוויי אָנגעזעענע קוטנער בעלי־בתים און נאָענטע חברים זיינע: בעריש קרויט און יהודה משה גאָלדבערג. איז דער רב געזונט געוואָרן, אָבער זיינע וועכטער זענען קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. קוטנער יידן האָבן באַוויינט די צוויי קדושים, וועלכע האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס, איבערלאָזנדיק יונגע אלמנות מיט גאָר יונגע יתומים. האָט מיין טאַטע זלמן אָנגעשריבן אַ ליד און צוגעטראַכט אַ מעלאָדיע. דערנאָך האָבן קליין און גרויסן געזונגען און באַזונגען די, פאַר יענער צייט, טראַגישע געשעענישן.



דאָס קוטנער בית־המדרש וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ... פייערלעשער־רעמיזע
בית־המדרש בקוטנה שנהפך... לתחנת מכבי־אש

יא.

אַ באַזונדער קאַפּיטל צו דערמאָנען איז דאָס אַנטשטיין פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען און גרופּירונגען.

אין די שיינע סאַלאָנען, ווו אין די שפּעטערע יאָרן האָט זיך געפונען דאָס קינאָ „פּאַלאַניאַ", איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער קולטור־פאַראיין. אין דאָזיקן לאָקאַל זענען, ביי דער באַלייכטונג פון קאַרביד־לאָמפּן, זיך צונויפגעקומען יינגעלייט און מיידלעך אויסלייען ביכער, כאַפּן אַ שמועס אָדער שפּילן אַ שאַך.

הויפּט־ביבליאָטעקאַר איז געווען דער אינטעליגענט חיים טיגער, פון וועמען איך האָב באַקומען אַ פלאַמפּייערדיקן פּאַטש דערפאַר, וואָס איך האָב זיך איינגעשפּאַרט צו לייענען שעקספּירן אַלס 12 יאָריקער בחור — און נישט געוואָלט זיך צוהערן צו זיינע עצות.

געלעבט האָט אין אַ הויז פון נייעם מאַרק אַ ייד, גלאַווינסקי, אַ שניידער מיט זיינע פינף זין און אַ טאָכטער. דער יינגסטער פון די ברידער, ישראליק, איז געווען מיין שול־חבר און יוגנט־פריינד.

הערש מאיר גלאַווינסקי, אליהו גלאַווינסקי, יוסף און ישראליק, זענען געווען באַגאַבטע בינע־קינסטלער און זיי זענען דאָס געווען צווישן די גרינדער פון דעם באַרימטן דראַמקרייז אין קוטנע. צווישן די ערשטע האָבן זיך אויך געפונען: דער פאָטאָגראַפיסט דעגענשיין, ליבערמאַן, וועלכער איז צו דער זעלבער צייט באַשטימט געוואָרן דורך די דייטשן אַלס קוטנער פּאָליציי־שעף. לייזער זילבערשטיין, דער ביז גאָר באַגאַבטער נאַסאַל, און אַ צאָל יונגע באַגאַבטע יידישע טעכטער, וועמענס נעמען איך האָב פאַרגעסן, כאָטש איינע געדענק איך, ווייל זי איז געווען די פּרימאַדאָנע פון קרייז. ליבערמאַן האָט זי געהייסן, שפּעטער חתונה געהאַט מיט לייזער זילבערשטיין.

רייך און פאַרשידנאַרטיק איז געווען דער רעפּערטואַר פון דאָזיקן דראַמקרייז, אונטער דער לייטונג פונעם גאָר יונגן רעזשיסאָר יעקב ווייסליץ וועלכער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן איינער פון די הויפּט־אַקטיאָרן אין דער באַרימטער „ווילנער טרופּע".

איך דערמאָן זיך די ערשטע אויפפירונגען, וועלכע זענען אַדורך מיט פולן גלאַנץ. דעמאָלט זענען פּיעסן רעזשיסירט געוואָרן דורך אייגענע אַמאַטאָרישע קרעפטן, אָבער שווער צו פאַרגעסן די גראַנדיעזע טעאַטער־פאָרשטעלונגען: „דער אייביקער וואַנדערער", הויפּטמאַנס „די רויבער" און „דודס פידעלע". אונטער ווייסליצס רעזשי: עטלעכע איינאַקטערס, און צווישן זיי „פּיעטראַ קאַרוזאַ", „קאָנקורענטן" און אַנדערע. אָבער עס איז געקומען די גלאַנץ־עפּאָכע, ווען די דראַמקרייזלער האָבן געשפּילט „די פּוסטע קרעטשמע", „זיבן געהאַנגענע" און לסוף דאָס מייסטערווערק „דער דאַרפסיונג", וואָס האָט געקענט זיך באַווייזן אויף די בעסטע טעאַטער־בינעס פון לאָדזש און וואַרשע.

קרעאַציעס זענען געווען די אויסגעפירטע ראָלן פון יוסף גלאַווינסקי אַלס „יעקל בוילע", די ליבערמאַן־זילבערשטיין אַלס „נאַטאַשע" און דער קליינער מאַקס נאַסאַל, וועלכער לעבט אין נאָרד־אַמעריקע, אַלס „פּראָקאָפּ".

לאַנגע יאָרן איז אָנגעגאַנגען דער דאָזיקער קרייז אונטער דער לייטונג פון ביז־גאָר פעיקן הערש־מאיר גלאַווינסקי. אַ קרעפטיקער אַקטיאָר איז געווען אליהו גלאַווינסקי און מיין חבר ישראליק איז אַלס יונגער סטודענט באַרימט געוואָרן אַלס גוטער רעציטאַטאָר.


איז געקומען פון ערגעצוו אַ דאַרער און לאַנגער ייד מיט אַ קלינגענדיקן באַס, אַ ייד אַ מוזיקער און גוטער בעל־מנגן. דער דאָזיקער ייד, וועמענס נאָמען איז געווען סאָקאָלאָווסקי, האָט איינגעלייגט וועלטן, אַז יינגע חברה זאָלן גרינדן אַ כאָר. זענען זיך צונויפגעקומען אַ גרופּע בחורים און מיידלעך אין אַ פּריוואַטער וווינונג און באַשלאָסן צו גרינדן דעם שפּעטער באַרימטן כאָר „הזמיר" און איינגעלאַדן סאָקאָלאָווסקין אַלס דיריגענט. האָט געזונגען דער „הזמיר", האָבן טאַטעס און מאַמעס געזונגען, דאָס גאַנצע שטעטל האָט געזונגען און אַלע זענען געווען צופרידן.

סאָקאָלאָווסקי האָט דיריגירט מיטן כאָר, ביז ער איז איינגעלאַדן געוואָרן פון אַ באַרימטן חזן צו דיריגירן זיין כאָר. דאָס אָרט פון מאַעסטראָ האָט פאַרנומען דער שטאָטישער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט יעקב־מאיר פרענקל.

עס זענען אויך אַנטשטאַנען פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען. 13־14 יאָריקע בחורים האָבן געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע „פּרחי ציון" (אונטער דער אָנפירונג פון גבירישן זונדל יוסף שטיינפעלד), צעירי־ציון, פּועלי־ציון (רעכטע און לינקע).

מיין איטעלע איז געווען אַ תלמידה פון יעקב זרובבל און איך מיט אַ גרופּע אַרבעטער־אינטעליגענטן, שול־חברים און אַפילו חסידישע זינדלעך — זענען אריבער צו די קאָמוניסטן, כדי צו קעמפן פאַר יושר און גערעכטיקייט.

די דאָזיקע יונגע אידעאַליסטן האָבן געגלויבט, אַז מיט זייער קאַמף וועלן זיי אויסבעסערן די פאַרפוילטע אַנטיסעמיטישע וועלט און מיט דער ענדערונג דורך אַ סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, וועט די וועלט פאַרקערעווען צו יושר און גלייכהייט פון אַלע מענטשן און פעלקער, אַזוי, אַז מיר יידן וועלן אָן שום צווייפל פאַררעכנט ווערן צווישן די וועלכע האָבן גלייכע רעכט מיט אַלע. זענען מערער פון די דאָזיקע פאַנאַטיקער אָפּגעזעסן לאַנגע תפיסה־טערמינען און נישט אויפגעגעבן זייערע האָפענונגען אין דער גערעכטיקייט פון זייער אידעע.



דער צעהאַקטער אַנדענק־שטיין, צומאָרגנס נאָכן אויפשטעלן אים
המצבה השבורה, למחרת להקמתה

דערמאָן איך זיך אין מיין יוגנט־פריינד אַביגדור קרול, וועל־כער האָט זיינע בעסטע יאָרן געאָפּפערט די באַפרייאונגס־אידעאַלן און לסוף אַ פאַרביטערטער און אַנטוישטער פאַרלאָזן דאָס לאַנד, פאַר וועמענס באַפרייאונג ער איז פאַרבליבן אַן אומהיילבאַרער אינוואַליד.

די יידישע האָרעפּאַשניקעס, די שניידערס, טישלערס און בערשטן־מאַכערס, טריקאָטאַזש־אַרבעטער, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אונטער דער העגעמאָניע פון סאָציאַליסטישן „בונד".

די אָנפירערס פון „בונד" אין קוטנע זענען געווען אַ גרופּע אַרבעטער־אינטעליגענטן, אונטער דער אָנפירונג פון די ברידער קירשנבוים. אין קוטנע האָבן די בונדאָוצעס געהאַט אַ שטאַרקן אָנזען און אויסגעוויילט אין שטאָטראַט דריי ראַטמענער.

יב.

...שפּאַנען מיר איבער די האַלב־ליידיקע קוטנער גאַסן און קוקן אויף די פאַרמאַכטע קראָמען, כמעט איינגעפאַלענע הייזער און עפּעס ווילט זיך נישט גלייבן, אַז דאָ האָט אַמאָל עקזיסטירט אַ קאָמפּאַקטער יידישער ישוב, וועלכער האָט דורך שווערע מי און מאַטערניש געבויט אַ מענטשלעך לעבן; געלעבט אין כסדר־דיקער שרעק און דאגות פרנסה, אָבער אויסגעפילט די טעג, וואָכן און יאָרן מיט חתונות און בריתן, טרויער־טעג און שמחות. אָפּגעהיטן די שבתים מיט מי און מאַטערניש און מיט אהבה געפּראַוועט די פרייטיק־צו־נאַכטס־סעודה — אַפילו ביי אַ קאָפּ פון אַ הערינג.

נישט איין ייד האָט פאַרזעצט אַ קישן, כדי זיך משמח זיין אין די יומטוב־טעג און מיט לייטן גלייך זיצן אין דער סוכה. געלעבט פון שווערער האָרעוואַניע און געהאָפט אויף בעסערע צייטן, אויף אַ בעסערן מאָרגן.

אומגעקומען זענען די קוטנער יידן, אַוועק מיטן רויך אין די קרעמאַטאָריעס פון כעלמנאָ, צוזאַמען מיט זייערע האָפענונגען און גלויבן אין גוטע מענטשן, וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בעסטיעס.

די וועלט האָט זיך צוגעקוקט קאַלטבלוטיק צו די שוידער־לעכע געשעענישן; אַפילו מיר, אין די אַמעריקאַנער לענדער, האָבן נישט געגלויבט אין די אכזריותן פון די נאַצי־מאָנסטערס.

פאַרזונקען אין די דאָזיקע מחשבות, זענען מיר אָנגעקומען צום קוטנער וואָקזאַל.


ענדלעך האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע באַגלייטער...

*

נאָך היינט פיל איך דעם ציטער איבער מיין לייב, ווען איך האָב געהאַלטן אין מיינע אָרעמס דעם איינציקן, האַרציקן יידישן מענטש, וועלכער האָט מיט זיין פּערזאָן סימבאָליזירט אַ גאַנצע שטאָט יידן און צווישן זיי מיינע אומגעקומענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און שוואָגער, שוועסטערן־קינדער און בכלל אַלע מיינע נאָענטע פריינד און חברים.

נאָך היינט פיל איך דעם ברודערלעכן קוש פון דעם האַרציקן און טייערן מענטש און ייד — אייזיק...

סאַן פּאַולאָ, 30סטן יאַנואַר 1966



בית־הכנסת די שול

אין מיין היימשטאט

ישעיה טרונק
ניו־יאָרק

איך בין שוין אַ לענגערע צייט צוריק אין פּוילן און איך האָב נאָך אַלץ נישט געהאַט באַזוכט מיין שטעטל. עפּעס אַן אומבאַ־וווּסטע העמונג האָט מיר כסדר געשאַפן מניעות אויסצופירן מיין הייסן פאַרלאַנג. איצט, ווען דער דאָזיקער באַזוך איז צושטאַנד געקומען, פאַרשטיי איך די סיבה — דאָס איז געווען די אומבאַוווּסטע מורא פאַר דער שטאַרקער פּסיכישער אויפ־טרייסלונג.

איך בין אַראָפּ פון צוג אין אַ שיינעם מאַי־פרימאָרגן און לאַנג געבלאָנקעט איבער די גאַסן פון מיין היים־שטעטל. אַלץ אַזוי באַקאַנט, אַזוי האַרציק־נאָענט און גלייכצייטיק אַזוי פרעמד. איז דאָס דאָס שטעטל, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע קינדער־יאָרן, די יאָרן פון יוגנטלעכן אויפברויז, פון קאַמף מיט זיך און דעם אַרום? דאָס שטעטל, ווו אויף דעם בערגל, וואָס אויף דעם בית־עולם ליגן מיינע זיידעס און באָבעס? צי האָב איך אַמאָל נישט פאַרבלאָנדזשעט?

איך בין געגאַנגען איבער די אַזוי מיר באַקאַנטע גאַסן און געסלעך און זיי נישט דערקענט. דוכט זיך, די זעלביקע מויערן, די זעלביקע שורות הייזער, וואָס פּאַזע זיי בין איך טויזנטער

מאָל פֿאַרבייגעגאַנגען — און דאָך אינגאַנצן אַנדערע. זיי האָבן מיך שטום און פרעמד אָנגעקוקט.

דאָס שטעטל האָט פאַרלוירן דעם וועזנטלעכן פאַר מיר עלעמענט — זיין מענטשלעכע לאַנדשאַפט, דעם אייגנאַרטיקן קאָלאָריט, וואָס האָבן דעם שטעטל געגעבן זיינע יידישע איינ־ווױנער. זיי — די יידן — האָבן געהערט צו זיינע כאַראַקטער־עלעמענטן, זענען געווען אַזאַ וועזנטלעכער באַשטאַנד־טייל פון זיין לאַנדשאַפט ווי דער פירעקיקער מאַרק, פון וועלכן עס ציען זיך אַוועק די גאַסן און געסלעך, ווי דאָס טייכל, וואָס שניידט אַדורך דאָס שטעטל, ווי די איינגעהויקערטע, פון אַלטקייט דרימלענ־דיקע הייזלעך. מיין היים־שטעטל אָן יידן? ס׳איז מיר באמת שווער געווען דאָס זיך פאָרצושטעלן. פאַר מיין איינגעוואָרצלטער אידעען־אַסאָציאַציע זענען די דאָזיקע צוויי באַגריפן געווען צווישן זיך אומצערייסבאַר פאַרבונדן.



KUTNO, POLAND, SHOWING THE MARKET SQUARE. A CENTRE OF THE SUGAR INDUSTRY, IT FELL TO ZHUKOV, WITH LODZ, ON JANUARY 19.

אַרטילעריע פון דער רויטער און פוילישער אַרמיי, נאָך דער באַפרייאונג פון קוטנע (יאַנואַר, 1945).

תותחים של הצבא האדום והפולני, אחרי שחרורה של קוטנה (ינואר, 1945).

איך האָב זיך אַרומגעדרייט צווישן די גאַסן און געסלעך, אַריינגעקוקט אין די מיר אַזוי גוט באַקאַנטע געוועלבער און קלייטן און פון זייער טונקעלן אינעווייניק האָט אויף מיר אַרויס־געקוקט. — דער טויט. אָט דער דאָזיקער יידישער טויט האָט מיך באַגלייט אויף טריט און שריט. ער איז געווען מיין שאָטן אויף מיינע וואַנדערונגען איבער די חורבות פון מיין שטעטל. כדי צו זען דעם יידישן טויט, דאַרף מען נישט ערשט גיין אויף דעם בית־עלמין. איך בין אויף אים געווען. ער האָט געלעבט אין מיינע קינדער־זכרונות מיט זיינע קלאָגעדיקע לוויות, מיט טומלענדיקע תשעה־באבן פון ווייבערישע יללות, מיט די, פאַר די חדר־יינגלעך, פריילעכע חתונות בעת מגפות ר״ל — איך האָב אים נישט דערקענט. אויף זיינע ראַנדן, ביי דעם צענו־מענעם פלויט, וואַלגערן זיך הפקר ברוכשטיקער פון מצבות. דאָס פעלד צעגראָבן, פאַרוואָקסן מיט ווילד־גראָז און קוסטעס (די דייטשן האָבן דאָרט אויף צופלייס פאַרזייט אַ יינג וועלדל). עס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שלאַכט־פעלד נאָך אַ שווערן שטרייט. דאָס „הערן־פאָלק״ האָט אויף דעם דאָזיקן שלאַכט־פעלד אויסגעפאָכטן זיין לעצטן היסטאָרישן קאַמף מיט די יידישע מתים. אין מיין היים־שטעטל איז מיט דריי יאָר צוריק פאָרגע־קומען אַ גענעראַלע אָפּרעכענונג נישט נאָר מיט די לעבעדיקע יידן, נאָר אויך מיט זייערע, פאַר הונדערטער יאָרן, פאַרשטאָרבענע אבות. אַן אָפּרעכענונג מיטן אַלטן גאון, וועמענס אוהל איז אויסגעגליכן געוואָרן מיט דער ערד און מיטן מלמד ר׳ לייבל ציביעס, וואָס האָט, כידוע, געשטרעבט נאָך וועלט־הערשאַפט, בכדי צו פאַרשקלאַפן דאָס דייטשע פאָלק.

און לויט דעם דייטשן פראַקטישן מעטאָד, אַז יעטוועדע פאַרניכטונג פון שונא פון דער אַרישער ראַסע דאַרף ברענגען דעם דריטן רייך נישט בלויז רום, נאָר אויך ממשותדיקן מאַטע־ריעלן נוצן, האָט מען די יידישע מצבות פאַרנוצט אויף צו ברוקירן די גאַסן און אויף אַנדערע אורבאַניסטישע צוועקן. עלנטע באַרבאַרן!

זייערע פלייסיקע היימישע תלמידים האָבן געפרוווט פאָרזעצן דעם דאָזיקן היסטאָרישן חשבון מיטן יידישן בית־עולם. און זיי קאָנען זיך באַרימען פאַר זייער רבין מיט אַזאַ רומפולער טאַט, ווי די פראָפאַנאַציע פון דעם באַשיידענעם מאָנומענט, אונ־טער וועלכן מען האָט ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק באַגראָבן אַ ביסל אַש פון דעם כעלמנער טויטן־לאַגער, ווו מען האָט אומ־געבראַכט די 7.000 יידישע נפשות.

דער דאָזיקער געשענדעטער בית־עולם איז פאַרבליבן. אַ איראָניע פון שיקזאַל, דער איינציקער עדות פון דעם לעבן, וואָס האָט אַמאָל פולסירט אין מיין יידישן שטעטל.

אויפן אָרט פון דער אַמאָליקער שול (געבויט אין סוף 18 י״ה), וואָס האָט אין דער שטאָטישער לאַנדשאַפט קאָנקורירט מיט דער הויכער גאָטישער קירך (פון באַן־פענצטערל פלעגן זיך די דאָזיקע צוויי בנינים קודם־כל וואַרפן אין די אויגן) — אַ פוסטער פלאַץ, און ווי קליין און איינגעשרומפן ער איז געוואָרן. איצט הערשט שוין די קירך קאָנקורענצלאָז איבער דער גאַנצער שטעטלדיקער לאַנדשאַפט.

דער בית־מדרש, פון וועמענס הויכע פענצטער עס האָט ארויסגעקלונגען דער טרויעריקער גמרא־ניגון פון אַסקעטישע און עצבות פאַרזונקענע ישיבה־בחורים און דער נאַיוו־פריילע־כער זמר פון שמחת־תורה ביי הקפות. דער בית־המדרש, אין וועמענס פיר ווענט עס איז אַדורכגעלאָפן די גאַנצע גייסטיקע געשיכטע פון מיין שטעטל — איז היינט אַ גאַראַזש פאַר די שטאָטישע פייערלעשער.

איבעריקנס, דער נר־תמיד, וואָס האָט אַמאָל געברענט אין דעם דאָזיקן בית־המדרש און וואָס איז כידוע, געווען באַ־שטימט אויף אונטערצוצינדן די אַרישע וועלט, האָבן פאַרלאָשן אַנדערע, וואָס האָבן זייערע פייערלעשערישע טעטיקייט אָנגעהויבן פון אונטערצינדן זייער אייגענעם רייכסטאַג.

אייגנטלעך, פאַר וועמען דאַרף מען איצט אין שטעטל אַ בית־המדרש, אַז בסך־הכל וווינען דאָרט ביי 20 יידישע נפשות, די מאָדערנע מאַראַנען, די „אַריער״ שוין אַריינגערעכנט.

ווי עקשנותדיק־קאָנסערוואַטיוו חזרט איבער די יידישע געשיכטע אירע אַלטע מאָטיוון. אויף אַ שטח פון 6 יאָר האָבן מיר אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם רעקאַפּיטולירט אַ פאָר הונדערט יאָר יידישן מיטלאַלטער אין אַלע זיינע וואַריאַנטן; יאָ — אים הונדערט־פאַך איבערגעשטיגן אין הסכם מיט דער, פאַר דער דאָזיקער צייט שטאַרק אויסגעוואָקסענער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע.

די שאַרית־הפליטה פון דער גייסטיקער ירושה פון מיין היים־שטעטל געפינט זיך היינט צו טאָג, אין דעם בוידעם־שטיבל פון אַ פוילישער לערערין, אַ קענערין פון דער העברע־אישער שפּראַך, אַפילו פון „עברי־טייטש״ (ווי זי רופט אָן יידיש), אַ מיסטיקערין וואָס זוכט אַרום דעם „זוהר״ און „ספר־היצירה״ און דער עיקר אַ יידישן לערער, וואָס זאָל איר זיין בייהילפיק ביי אירע יודאַאיסטישע שטודיעס. ביי איר קאָנט איר געפינען פאַרשידענע אויסגאַבן פון סידורים און מחזורים (אויסלענדישע אויסגאַבעס), דעם „מדרש־תנחומא״ און „עין יעקב״, איינצלנע בענדער פון „אשכול״־ענציקלאָפּעדיע און פון דער רוסישער פעטערבורגער ענציקלאָפּעדיע און אַפילו עקזעמפּלאַרן פון דער

יידישער און העברעישער וועלטלעכער ליטעראַטור. חוץ דעם קאָן זי געגוי די גאַנצע מאַרטירלאָגיע פון די שטעטלדיקע יידן. זי איז געווען אין געטאָ ביי דעם העברעישן לערער, וואָס איז אַ געוויסע צייט געווען איר מדריך. אַז איך האָב איר פאָרגעלייגט, זי זאָל אַוועקשענקען דעם דאָזיקן אוצר פאַר ד'ער צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק, נאַטירלעך פאַר אַ געהעריקן מאַטעריעלן עקוויוואַלענט (זי איז אַן איינזאַמע, שוין גראָע פרוי און אַ לערער לעבט זיך היינט אין פוילן נישט איבעריק לייכט), האָט זי אפילו נישט געוואָלט הערן. „מיך קען מען נישט קויפן" — האָט זי געזאָגט כמעט א באַלדיידיקטע. זי האָט די ספרים אָפּגעקויפט ביי אַ פוילישן שוסטער און זיי זענען איר נייטיק פאַר אירע יודאַ־איסטישע סטודיעס. אַ פּאָר מסכתות האָט זי אַוועקגעשאָנקען דעם אָרטיקן יידישן קאָמיטעט. אַזוי אַרום איז די דאָזיקע ווונדערבאַרע סלאַווישע טאָכטער געוואָרן אַ היטערין פון דעם גייסטיקן יתר הפּליטה פון מיין היים־שטעטל.

*

אין שטעטל איז גראָד געווען אַ יאַריד. דער מאַרק איז געווען פול מיט סטראַגאַנעס און אויפן פּלאַץ פאַר דער אַמאָליקער שול זענען געשטאַנען פויערישע פורלעך. עס איז פאַרבאָטן צו פאַרפאָרן אויפן שול־פּלאַץ, אָבער מען היט דעם דאָזיקן פאַרבאָט נישט גאַנץ געגוי אָפּ.

פאַר מיינע אויגן איז אויפגעשטאַנען די וויזיע פון אַמאָליקע שטעטלדיקע יאַרידים, מיט די יידישע „שטעלן", מיט די קרעמערס אין די פולע קלייטן, מיט די סוחרימלעך, וואָס זענען פאַרהאַוועטע, מיט פאַררוקטע היטלעך, ארומגעשמייעט צווישן די פויערשע פירלעך, די ווירטשאַפטלעכע פאַרבינדקייט צווישן דעם קליינשטעטלדיקן ייד און דעם פויער. אַ בונד, וואָס זיין געשיכטע ציילט שוין אַוודאי אַ האַלבן יאָר טויזנט — ער איז איצט אויף אַ קאַטאַסטראָפאַלן אופן איבערגעריסן געוואָרן, היינט גייט צו אויף דעם דאָזיקן יאַריד רואיק און געלאַסן. נישטאָ מער דער יידישער סוחרישער אימפּעט און די יידישע נערוועזיטעט — אויך פון דעם דאָזיקן יאַריד האָט אויף מיר אַ ווייע געטון מיט יידישן טויט.

אין דרויסן האָט געשמעקט מיט מאַי, מיט פרישן בעז און נאַרציזן. קינדער האָבן זאָרגלאָז געשפּילט זיך אויף דער זון. דער ריח האָט מיר דערמאָנט אָן דעם אַמאָליקן שטעטלדיקן שבועות. איך האָב זיך אָבער נישט געקאָנט באַפרייען פון געדאַנק, אז אין אַ סך ערטער פון פוילן איז דער ריח פון שמעקנדיקן בעז אויס־געמישט מיטן ריח פון פוילנדיקע מאַסן־קברים פון מיינע ברידער און שוועסטער. ווען איך האָב אַ טרויעריקער פאַרלאָזט מיין היים־שטעטל, האָב איך געפילט, אַז דאָס דאָזיקע אָרט איז מיר דאָס סאַמע נאָענסטע און גלייכצייטיק דאָס סאַמע פרעמדסטע אין דער וועלט.

.7

הסביבה: לנצ׳יץ,
קרושנייביץ, דומברוביץ

די סביבה: לענטשיץ,
קרושניעוויץ, דאָמבראָביץ



היסטאָריע פון דער שטאָט

לענטשיץ (Łęczyce), די שטאָט אויף דעם טייך בזורא. דער נאָמען פון דער שטאָט שטאַמט פון סלאַווישן וואָרט לענקי (בלאָטעס, זומפן). די שטאָט האָט זיך געפונען אין אַ געגנט פון טאָלן, פולע מיט זומפן.

לענטשיץ איז אַנטשטאַנען אין צענטן יאָרהונדערט אַלס סלאַווישע פעסטונג. די ערשטע כראָניקער דערציילן וועגן דער שטאָט אין די צייטן פון דעם פוילישן קיניג באָלעסלאַוו קזשיוואָאוסטי. אין 1108 האָט דער דערמאָנטער קיניג דעראָבערט לענטשיץ. די שטאָט איז געשטאַנען על פרשת דרכים און צוליב דעם האָט זי געדינט אַלס אָרט פון פּאָליטישע צוזאַמענפאָרן פאַר פרינצן און מלכים, ווי אויך אַלס אָרט פאַר די סינאָדן פון דער קאַטוילישער קירכע (אַזעלכע סינאָדן זענען דאָרט אין מיטלאַלטער פאָרגעקומען אַרום 20). אין דער צייט פון דער פעאָדאַלער צעשפּליטערונג, האָט די שטאָט געהערט צו פאַרשידענע פרינצן פון דער דינאַסטיע פון די פּיאַסטן. אין 1331 איז די שטאָט פאַרברענט געוואָרן דורך די דייטשע קרייץ־טרעגער.

אין 1655 האָבן די שטאָט דעראָבערט די שוועדן. אין 1794 איז ווייטער פאָרגעקומען אַ גרויסע שריפה, וועלכע האָט פאַרניכטעט די שטאָט. פון 6טן—8טן יאָרהונדערט, ביז דער צעטיילונג פון פּוילן, איז לענטשיץ געווען אַ וואָיעוואָדישע שטאָט. די יידישע קהילה געהערט צו די עלטסטע אין פּוילן. מען קאָן האַלטן, אַז די ערשטע יידישע איינוווינער זענען געקומען קיין לענטשיץ אין 11טן—12טן יאָרהונדערט.

די פּריווילעגיעס האָט די יידישע קהילה באַקומען אין 1453 פון דעם מלך קאַזשימיעזש יאַגיעלאָנסקי. לויט דער ציילונג פון 1564, האָבן די יידן פאַרמאָגט אין דער שטאָט 17 הייזער. אַחוץ דעם האָבן זיי געוווינט אין נאָך 3 קריסטלעכע הייזער. זיי האָבן דעמאָלט געצאָלט פאַר יעדן הויז אַ פונט פעפער שטייער. מען האַלט, אַז דער באַקאַנטער מגיד אפרים מלענטשיץ שטאַמט פון דער שטאָט.

אין 1639 איז דאָ פאָרגעקומען אַן עלילת־דם פּראָצעס. מען האָט באַשולדיקט די יידן מאיר און אליעזר, אַז זיי האָבן דערמאָרדעט אַ קינד צוליב ריטועלע צוועקן. די צוויי יידן זענען אומגעקומען אויף קידוש השם.

אין דער קירכע פון לענטשיץ געפינט זיך נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג אַן ארון מיט די ביינער פון דעם קינד און אַ בילד, אויף וועלכן עס איז אויסגעמאָלט די סצענע פון צאַפּן בלוט ביי אַ קינד דורך די יידן. די גלחים האָבן אינסצעניזירט דעם פּראָצעס, כדי צו באַקומען אַ רעליקוויע פאַר זייער נייער קירכע (זי איז געבויט אין 1632).

אין 1656 איז פאָרגעקומען אין שטאָט אַ מאַסן־שחיטה אויף יידן. דער מלך יאַן קאַזשימיעזש האָט דעראָבערט די שטאָט פון די בראַנדערבורגער חיילות און נאָך דעם שטורעם, האָבן די פּוילישע חיילות אויסגעשאָכטן כמעט די גאַנצע יידישע קהילה. די יידישע מקורות דערציילן וועגן 3000 געפאַלענע. די יידישע קינדער האָט מען אָפּגעשמדט. מ׳האָט פאַרברענט דעמאָלט 600 ספרי תורה.

נאָך די שוועדישע מלחמות אין דער ערשטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט, באַזעצן זיך די יידן אין לענטשיץ מאַסנווייז. אין 1724 האָבן די יידן באַקומען אַ פּריווילעגיע צו האַנדלען און פאַרנעמען זיך מיט שענקעריי און פּראָדוקציע פון משקאות, אויך אַרענדירן קרעטשמעס און גיטער. אין 1728 האָבן זיי באַקומען אַ דערלויבעניש אויפצובויען דעם בית הכנסת. דאָס גאַנצע האַנטווערקעריי האָט זיך דעמאָלט געפונען אין די יידישע הענט. לויט דער ציילונג פון 1765, האָבן צו דער יידישער קהילה אָנגעהערט 1067 נפשות. דער יידישער קהילה פון לענטשיץ, זענען געווען אונטערגעאָרדנט די קהילות פון סטריקאָוו (625 נפשות), זשעזשיני (243 נפשות), סאָבאָטאַ (114), פּאָרענטשעוו (267 נפשות) — און נאָך אַ פּאָר קלענערע יידישע ישובים.

אין 1789 האָבן די יידן פאַרמאָגט אין לענטשיץ 47 הייזער.

(צוגעשיקט פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע)



צו דער געשיכטע פון לענטשיץ

הרב יצחק ידידיה פרענקעל
תל־אביב

אויסצוגן פון אַ גרעסערער היסטאָרישער אַרבעט „לינטשיץ (1939 — 970)", דערשינען אין „ספר לינטשיץ" וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן פון דעם מחבר און אַרויסגעגעבן דורך די עולי לענטשיץ אין ישראל, תשי"ג — 1953. איבערגעזעצט פון עברית.

ערשטער קאַפּיטל

לענטשיץ אין די אוראַלטע צייטן — זיצאָרט פון פּוילישע מלכים — די לעגענדע רבי שלמה אפרים, מחבר פון „כלי יקר" — דער עלילת דם־פּראָצעס — יידיש לעבן אין זעכצנטן יאָרהונדערט — דער מהר"ל פון פּראָג אין לענטשיץ — די שוועדישע מלחמה — דער ועד ארבע הארצות — די יאָרן ת"ח און ת"ט

אין אָנהייב פון אויפשטעלן די פּוילישע מלוכה דורכן קיניג מיעטשיסלאַוו דער ערשטער, אין די יאָרן 980—970 פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, ווערט שוין לענטשיץ דערמאָנט ווי איינע פון די ערשטע שטעט פון דער דאָזיקער מדינה. נאָך היינט זעט מען אויף אַ מרחק פון הונדערטער מעטער דעם אַלטערטימלעכן קלויסטער אין דאָרף טום, ווו די ערשטע קאַטאָליקן אין פּוילן האָבן אָנגענומען זייער נייעם גלויבן. דער טויזנט־יאָריקער קלויסטער שטייט ביזן היינטיקן טאָג. ווי ס'ווערט דערציילט אין די פּוילישע ביכער פאַר געשיכטע, האָט דער קיניג באָלעסלאַוו כראָברי צונויפגערופן די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען אין לענטשיץ, און אין יאָר 1181 „האָט דער קיניג סטאַניסלאַוו דער ערשטער צונויפגערופן די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג קיין לענטשיץ, הגם ער איז געזעסן אין דער הויפטשטאָט". אין דער געשיכטע פאַרנעמט לענטשיץ דאָס אָרט צווישן קראָקע און גניעזנאָ, די סאַמע עלטסטע שטעט אין פּוילן. אין לענטשיץ איז פאַראַן אַן אַלטערטימלעכע פעסטונג („זאַמעק"), וואָס האָט געדינט אַלס פּאַלאַץ פאַר די מלכים און אונטער אירע פונדאַמענטן געפינט זיך אַ הייל וואָס ציט זיך אונטער דער ערד ביזן דאָרף טום. אַ סך לעגענדעס האָבן זיך געוועבט אַרום דער פעסטונג און הייל. זייערע בילדער זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אויף פאַרביקע קאַרטלען פאַר טוריסטן. לויט דער לעגענדע, איז די פעסטונג געווען דער פּאַלאַץ פון קיניג יאַן לעשטשינסקי, וועמענס לעגענדאַרע געשטאַלט שוועבט איבער דעם דאָזיקן אַלטערטימלעכן בנין. ביי דער פעסטונג געפינט זיך אַ פּרעכטיקער פּאַרק, וואָס זיינע אַלטע ביימער האָבן פאַרשטעלט די זון־ליכט און צווישן די ציפּרעסן און סאָסנעס איז זיך לאַנגזאַם געפלאָסן דער באַרימטער טייך בזוראַ, באַשאָטנט פון ביידע זייטן מיט ביימער. דער אַלטערטימלעכער גאָרטן האָט זיך גערופן „קיניגלעכער פּאַרק" צום אָנדענק פון יענעם פּוילישן מלך, וועלכער האָט אים געפלאַנצט נאָענט פון זיין פּאַלאַץ און געדינט אַלס אָרט פאַר קערפּערלעכן און גייסטיקן אָפּרו, אַריינגעפירט דעם מענטש אין אַן אַנדערער וועלט וואָס איז כולו לעגענדע און פּאָעזיע. דאָס זענען געווען שיינע איבערבלייבענישן פון אַ תקופה, אין וועלכער לענטשיץ האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דער מדינה, אין דער גלאַנצעפּאָכע פון דער פּוילישער מלוכה.

אָבער וואָס אונדז אינטערעסירט דער עיקר, איז די געשיכטע פון יידישן ישוב אין דער דאָזיקער שטאָט, איינגעהילט אין לעגענדעס. פאַרצייטיקע פּראַכט איז אויסגעשפּרייט אויף



דער רב און דאָזאָרעס פון דער לענטשיצער קהילה (1939): פון לינקס צו רעכטס — ישעיהו קוהן, קושניר, שלמה כהן, הרב אליעזר אורבאַך, יעקב אלחנן הערמאַן, מיכאל לאַנדאַו, ראָגאָזשינסקי.

הרב ופרנסי הקהילה בלנצ'יץ (1939): משמאל — ישעיהו קוהן, קושניר, שלמה כהן, אליעזר אורבך, יעקב אלחנן הרמן, מיכאל לנדאו, רוגוז'ינסקי.

די גאונים, מענטשן און פרנסים פון לענטשיץ, וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עיר ואם בישראל און איר נאָמען באַרימט געמאַכט אויסער די גרענעצן פון פוילן. אַ סך מענטשן האָבן שטאָלצירט מיט זייער אָפּשטאַם פון לענטשיץ. צווישן זיי געהערט דער גרויסער גאון רבי שלמה ב״ר אפרים פון לענטשיץ, מחבר פון „עוללות אפרים״ און „כלי יקר״, אב־בית־דין פון פראָג.

ר׳ שלמה אפרים ב״ר אהרון פון לענטשיץ איז געבוירן געוואָרן, ווי מען שטויסט זיך אָן, אין יאָר ש״ה (1545) און נפטר געוואָרן ד׳ אדר שני שע״ט (1619). אין דער יוגנט געוווינט אין דער שטאָט יאַראָסלאַוו און דאָרט פאַרפאַסט זיין ערשטן ספר „עיר גבורים״, וואָס איז פול מיט תוכחה און מוסר. אין דער הקדמה צו זיין ספר „עוללות אפרים״ שרייבט ער, אַז אַלץ וואָס ער ברענגט אין דעם בוך פון דער תורה און תלמוד, איז עס נאָר פון זכרון, אָן דער הילף פון ספרים. אין יאָר שמ״א האָט ער געוווינט אין לעמבערג און געווען פון די גרעסטע דרשנער. אויך אין לובלין האָט ער געלאָזט הערן זיינע דרשות. אין יאָר שס״ד איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס ראש ישיבה און דרשן אין פראָג און דער מהר״ל פון פראָג איז דעמאָלט געווען אב־בית־דין. נאָך דער פטירה פון מהר״ל אין יאָר שס״ט איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אב־בית־דין.

...רבי ישעיה הלוי איש הורביץ, בעל השל״ה, איז צום סוף פון זיין לעבן געווען מיטגליד אין ר׳ שלמה אפרימס בית־דין. זיינע ספרים „עוללות אפרים״ און „כלי יקר״ האָבן אים געמאַכט וועלט באַרימט. ער האָט אויך פאַרפאַסט די ספרים „שפתי דעת״, „אורח חיים״, און „עמודי שש״. צו זיינע תלמידים האָבן געהערט: ר׳ יום טוב ליפּמאַן העלער, בעל „תוספת יום טוב״; ר׳ שעפּסיל הלוי איש האָראָוויץ, זון פון בעל השל״ה, מחבר פון ספר „ווי עמודים״, אב־בית־דין און ר״מ אין פיורדא, פראַנקפורט; פויזן און ווין; אויך דער זון פון ר׳ שלמה אפרים, רבי צבי הירש איש לענטשיץ (נפטר געוואָרן י״ט תמוז שפ״ד אין פראָג). ר׳ שלמה אפרים איז געווען ראש ישיבה און אב־בית־דין אין עטלעכע קהילות און אַ סך יאָרן געווען אין פראָג דיין און דרשן. אויף זיין מצבה איז אויסגעקריצט: „ראש דרשנים נקרא שמו, דורש טוב לעמו״. אין יאָר שע״ו האָט ער אונטערגעשריבן זיין הסכמה צום ספר „„יש נוחלין״ פון אברהם שעפּטליש, פאָטער פון בעל השל״ה, צוזאַמען מיטן מהרש״א, סמ״ע און ב״ח.

אַזאַ איז די קורצע ביאָגראַפיע זיינע לויט באַגלייבטע קוועלן, נאָר זיין געבורט און קינדער־יאָרן זענען איינגעהילט אין לעגענדעס, ווי דאָס איז אָפּגעדרוקט אין ספר „סיפורי הקדושים״ אין יאָר תקצ״ז (1837) אין לייפּציג (זע אויך „ספר המעשיות״ פון מ. בן יחזקאל).


...אַזאַ איז דאָס בילד פון איינער פון די גרויסע לענטשיצער פּערזענלעכקייטן, איינגעהילט אין וווּנדער און געהיימנישן. נאָר בדרך כלל איז די אַטמאָספער אין לענטשיץ געווען דורכגעזאַפּט מיט פיל לעגענדעס וועגן צדיקים, ווי דער מחבר פון „קב ונקי״, מחבר פון „קול יהודה״, רבי חיים אורבאַך, מחבר פון „דברי משפט״, זיין זון ר׳ איציק אורבאַך, מחבר פון „דברי חיים״. זיין זון ר׳ מאיר אורבאַך, מחבר פון „אמרי בינה״, אב־בית־דין אין קאַליש און ירושלים. און צום סוף — דער גאון רבי לייבוש מלבי״ם, וועלכער האָט דעם רוב זיינע ספרים און קאָמענטאַרן געשריבן אין לענטשיץ, ווי ער שטרייכט דאָס אונטער אין זיין פירוש אויפן ספר יהושע. די גאוני ישראל, וועמענס לעבנסגעשיכטעס מיר ברענגען אין דעם ספר, האָבן געלייגט זייער חותם אויף דער דאָזיקער שטאָט און אירע יידישע איינוווינער.

לויט היסטאָרישע קוועלן, האָט דער יידישער ישוב אין לענטשיץ זיך אָנהייב אין דער תקופה פון גירוש שפּאַניע ד. ה. אין סוף פופצנטן יאָרהונדערט (זע „מאָנאָמענטאָ פּאָלאָניאָ היסטאָריקאַ״, לעמבערג 1888, ז׳ 837 און שטערנבערגס „תולדות היהודים בפולין״, ז׳ 109 און דעם „אַרכיוו פון דער שטאָט וואַרשע״, אָפּטיילונג „פּראָווינץ פויזן״, ז׳ 250). ס׳איז אָבער שווער געפינען פּעסטצושטעלן דאָס יאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער ישוב אין שטאָט. אויפן אַלטערטימלעכן בית־הקברות געפינען זיך רעשטלעך מצבות פון יאָר רס״ג (1503), נאָר אַנדערע קוועלן מיינען, אַז די תקופה איז אַ סך אַ פריערדיקע.


מלבי״ם — מאיר לייבוש בן יחיאל מיכל

דער ווונדערבאַרער גאון רבי מאיר לייבוש מלבי״ם זצ״ל, רב און קאָמענטאַטאָר פון תנ״ך, וועלכער האָט געלעבט אין נייצנטן יאָרהונדערט, האָט פאַרנומען דעם רבנות־אַמט אין קעמפּנע, וואָראָשנע, דערנאָך אין קעניגסבערג, כערסאָן, מאָהילעוו און בוקאַרעשט. נאָר די תקופה פון לענטשיץ, ווי ער אַליין שרייבט, איז געווען די שענסטע, ווייל אין דער דאָזיקער שטאָט איז ער רואיק געזעסן על התורה ועל העבודה איבער פירושים צום תנ״ך. זיין הקדמה צום ספר „יהושע״ שרייבט ער אין לענטשיץ אין יאָר תר״כ. אויך געפינען מיר אין רוב פון זיינע ספרים די באַמערקונג: „כתבתי פה ק״ק לנטשיץ״. אין זיין הסכמה צום ספר „מי נח״, שרייבט ער זיך אונטער: „מאיר לייבוש מלבי״ם — פריער אב־בית־דין אין בוקאַרעשט און איצט אב־בית־דין פון דער קהילה לענטשיץ״.

רבי מאיר לייבוש בן יחיאל מיכל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקס״ט אין דער שטאָט וואָלאָטשיסק. אין דער קינדהייט



דער טייך בזורא ביי לענטשיץ
הנהר בזורה ליד לנצ׳יץ



רבי חיים אורבך זצ"ל, בעל „דברי משפט"

האָט מען אים גערופן „דער וואָלינער עילוי". אין עלטער פון צוואָנציק יאָר האָט ער באַקומען הסכמות פון די גאונים: „חתם סופר", דער גאון פון ניקעלסבערג, דער גאון פון טיקטין, אב־בית־דין פון דער קהילה ברעסלאַו און דער גאון אב"ד פון אַמ־סטערדאַם, צוליב זיין ווילכטיק ספר „ארצות החיים", וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, ווי ער גיט איבער אין דער הקדמה, ווען ר'איז אַלט געווען 19 יאָר. אין יאָר תקצ"ח (1838) איז ער אויפ־גענומען געוואָרן אַלס רב אין וואַראַשנע אין יאָר תר"ה — אין קעמפּנע, דערנאָך אַלס רב אין בוקאַרעשט, ווו ר'איז שטאַרק גערודפט געוואָרן פון די משכילים. ער ווערט דאָרט אַרעסטירט, פאַרמשפט צום טויט און אַ דאַנק די באַמיאונגען פון מאָנטע־פיאָרען — באַפרייט. דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין לענטשיץ, כערסאָן, מאָהילעוו, קעניגסבערג. געשטאָרבן אין קיעוו, אויפן וועג קיין קרעמענטשוג, דעם צווייטן טאָג ראש־השנה תר"מ (1880). קבלה האָט ער געלערנט ביים הייליקן גאון רבי צבי פון זשידאַטשאָוו. פאַרפאַסט די ספרים: „ארצות החיים", „ארצות השלום", „התורה והמצווה", אַן אויספירלעכן קאָמענטאַר אויף ספרא (מדרש ההלכה), „מגילת סתרים" אויף קבלה „יאיר אור", „אילת השחר" אויף דקדוק, „מקרא קודש" — קאָמענטאַר צום תנ"ך, „משל ומליצה" — שירים, „ארץ המדה" — דרושים און אַנדערע.

אין דער באַגלויבטער רוסיש־העברעישער ענציקלאָפּעדיע „בראָקהאַוז" ווערט געזאָגט וועגן לענטשיץ:

„אין דער תקופה פון פוילנס קיניגרייך, איז לענטשיץ גע־ווען די ווילכטיקסטע קרייז־שטאָט. די לענטשיצער קהילה איז איינע פון די גאָר עלטסטע אין פוילן. פאַרשטייער פון די ייִדן אין לענטשיץ האָבן אין יאָר 1453, צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדן, באַקומען ספּעציעלע פּריווילעגיעס פון קיניג קאַזשימיעזש יאַ־געללאָנסקי. די פאָלקס־ציילונג אין יאָר 1564 גיט איבער וועגן 17 הייזער וואָס באַלאַנגען צו ייִדן. פאַר דער רעכט צו קויפן די הייזער, האָט די רעגירונג גענומען איין פונט פעפער פאַר יעדער הויז. אויסער דעם האָבן ייִדן פאַרנומען דריי הייזער פון קריסטן. דער באַרימטער מגיד אפרים לענטשיץ איז געבוירן געוואָרן אין דער דאָזיקער שטאָט. אין יאָר 1639 איז דאָ פאָרגעקומען דער באַרימטער לענטשיצער פּראָצעס. נאָך דער שריפה וואָס האָט חרוב געמאַכט די שול און ייִדישע הייזער און נאָך דעם ווי עס זענען בטל געוואָרן זייערע אַלטע פּריווילעגיעס, האָט דער קיניג יאַן קאַזשימיעזש באַפוילן אין יאָר 1652 דער אָרטיקער מאַכט נישט שטערן די ייִדן פון דאָס ניי צו בויען די שול, פאַר־נעמען זיך מיט האַנדל און זיך באַנוצן מיט די אַלטע פּריווי־לעגיעס, וואָס זייערע באַשטעטיקונגען זענען פאַרברענט געוואָרן בעת דער שריפה אין שטאָט. מיט 4 יאָר שפּעטער איז אויף די לענטשיצער ייִדן געקומען אַ גרויס אומגליק. די שטאָט האָט זיך דעמאָלט געפונען אין די הענט פון בראַנדענבורגער מיליטער און פּוילישע אויפשטענדלער. דער קיניג יאַן קאַזשי־מיעזש, וועלכער האָט באַלאַגערט די שטאָט, האָט זיך אָנגע־שטויסן אויף אַ מוטיקן ווידערשטאַנד פון שונא. די ייִדן האָבן פאַרויסגעזען די שרעקלעכע רעזולטאַטן, באַזונדערס נאָך דעם, ווען אין יום־כיפור האָבן מיט אַמאָל זיך אויסגעלאָשן אַלע ליכט אין שול. דעם 4טן אָקטאָבער 1656, דעם צווייטן טאָג סוכות, איז די שטאָט דעראָבערט געוואָרן דורכן קיניגס אַרמיי. דער לעצטער האָט גראָד געוואָלט שוינען די באַפעלקערונג, נאָר די פּאָליאַקן האָבן אויף אַ באַרבאַרישן און לגמרי ניט קריסטלעכן אופן דערהרגעט די אַלע וועלכע זענען ניט אומגעקומען, באַ־זונדערס די ייִדן, וואָס העכער טויזנט פון זיי זענען אַן אונטער־שיד פון עלטער און געשלעכט — אומגעבראַכט געוואָרן (זע „טעאַטרום אייראָפּעום", באַנד 7, ז' 88). איין פּריץ האָט צונויפ־געזאַמלט די ייִדישע קינדער און זיי געשמדט. ייִדישע מקורות דערציילן וועגן דריי טויזנט אָדער פינף הונדערט דערהרגעטע משפחות און שילדערן דעם חורבן פון שטאָט. עס זענען פאַר־ברענט געוואָרן 600 ספרי־תורות. די נעמען פון אייניקע קדושים זענען אויפגעהיטן אין פאַרשידענע יזכור־ביכער. לויט דער שיל־דערונג פון יאָר 1661, האָט די שטאָט אָנגעהויבן זיך צוריק אויפבויען, נאָר די צאָל ייִדישע הייזער איז געווען אַ נישטיקע (פינף). בעתן שוועדישן קריג, אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט, האָט לענטשיץ ווידער געליטן. נאָכן ענדיקן די מלחמה, האָבן ייִדן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין לענטשיץ אין גרעסערע צאָלן. אין




רבי אברהם טיקטין, בעל „פתח הבית"

יאָר 1724 האָבן זיי באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאַרנעמען זיך
מיט האַנדל, שעכטן בהמות, אויסאַרבעטן וויין און אויפשטעלן
אכסניות און קרעטשמעס. אין יאָר 1728 האָט מען זיי דערלויבט
בויען אַ שול. אינטערעסאַנט זענען די אָנגאַבן פון יאָר 1765.
אין שטאָט איז דעמאָלט געווען איין ניט־יידישער שניידער אויף
איבער 20 יידישע שניידערס. די צאָל יידן אין לענטשיץ, צוזאַ־
מען מיט די שטייער־אינקאַסענטן און צאָל־באַאַמטע אין דער
סביבה, איז יענעם יאָר דערגאַנגען צו 1067. צו דער לענטשיצער
קהילה האָבן געהערט די יידן פון סטריקאָוו — 625 פערזאָן,
ברעזין — 243, אויעזד — 212, סאָבאָטאַ — 114, ביעלאַני —
88, פאַרענטשווו — 267, פיאָנטקי פאַקשיווניע — 139, קרושניע־
וויץ — 79, קאָטווו — 69. די אַלגעמיינע צאָל יידן אין דעם
קרייז איז געווען 2905. לויט אַ באַשרייבונג פון יאָר 1789, האָבן
לענטשיצער יידן זיך פאַרנומען אויך מיט אַנדערע פאַכן, אויסער
שניידעריי. יענעם יאָר איז די צאָל הייזער געווען 47. אין יאָר
1856 זענען אין לענטשיץ געווען 2903 קריסטן, 2496 יידן. לויט
דער עווידענץ פון דער באַפעלקערונג אין יאָר 1897, זענען אין
שטאָט געווען 8863 איינוווינער, דערפון 3471 יידן. אין גאַנצן
לענטשיצער קרייז איז די צאָל איינוווינער דערגאַנגען ביז
100.000, מיטן העכסטן פראָצענט יידן. אין גראַבאָוו — 1054
איינוווינער, דערפון 640 יידן; אין אָזאָרקאָוו — 11533, דערפון
5838 יידן; אין פאַרענטשווו — 984, דערפון 254 יידן; אין
פיאָנטעק — 2325, דערפון 1090 יידן; אין פאַדעמביץ — 2724,
דערפון 1266 יידן". אַזוי וויט — די רוסיש־העברעיִשע ענצי־
קלאָפּעדיע, וואָס איז אָבער ניט דער איינציקער מקור פאַר דער
געשיכטע פון יידן אין דער דאָזיקער שטאָט.

אין יאָר תרפ"ד (1924) זענען ביי די מויערן פון שול
אַדורכגעפירט געוואָרן אויסגראַבונגען און ס'האָט זיך אַרויסגע־
וויזן, אַז אין די אַלטערטימלעכע צייטן איז לענטשיץ געווען אַ
פעסטונג־שטאָט, אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער מויער פון
דריי מעטער די גרעב. די שול, וואָס איז אויך געבויט געוואָרן
אין געשטאַלט פון אַ מיטלאַלטערלעכער פעסטונג — איז אויפ־
געשטעלט געוואָרן ביי דער שטאָטישער מויער אויף אַזאַ אופן,
אַז זי האָט געדינט אַלס וואַנט פאַרן פרוזדור פון דער שול און
אין אירע פענצטער האָט געקענט וווינען אַ גאַנצע משפחה מיט
די זאַכן. כדי פאַרמאַכן די פאַרקראַטעוועטע פענצטער, האָט מען
באַדאַרפט גיין אַ 3 מעטער, לויט דער דיק פון דער מויער. אין
די דערמאָנטע אויסגראַבונגען האָבן זיך אַנטפּלעקט זאַכן, וואָס
האָבן געלאָזן אַ שטאַרקן רושם אויף די אַרכעאָלאָגן. נאָכן
גראָבן אַ 2 מעטער טיף אין דער ערד, האָט מיט אַמאָל זיך באַ־
וויזן אַ לאָך אין דער מויער און אַזוי אַרום האָט זיך אַרויסגע־
וויזן, אַז די מויער איז הויל. אַז די ערשטע גראָבערס זענען
דורכן לאָך אַריין אין דער מויער, האָבן זיי זיך געפונען אין אַ
חלל די גרייס פון אַ צימער, מיט פונאַנדערגעוואָרפענע ביינער.
אויף די שטיינער פון די ווענט זענען געווען אויסגעקריצט
פאַרשידענע יידישע נעמען. בנוגע דעם זענען געווען פאַרשידענע
ווערסיעס. לויט איינער פון זיי, פון פוילישע וויסנשאַפטלער, איז
דאָס פאַרגעקומען בעת דער שוועדישער אינוואַזיע קיין פוילן.
אויף זייער זיגרייכן מאַרש איבער לענדער און פעלקער, האָבן זיי
אין פוילן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ביטערן און אכזריותדיקן
ווידערשטאַנד. אין יאָר 1656 איז זיי געלונגען צו דערגיין צום
האַרץ פון דער מדינה און זי אין גאַנצן פאַרכאַפּן. אַזוי דערציילט
דער היסטאָריקער פראָפ' ש. דובנאָוו אין זיין „געשיכטע פון
יידישן פאָלק":

...לענטשיץ, וואָס איז געווען אָקופּירט פון די דייטשן און
שוועדן איז באַלאַגערט געוואָרן דורך אַ פּאָלק פויליש מיליטער,
אָנגעפירט פון קיניג יאַן קאַזשימיעזש אַליין. געשען איז דאָס
אין די ימים נוראים: בעת דער תפילה אין יום־כיפור אין שול,
האָבן פלוצעם זיך פאַרלאָשן די וואַקסענע ליכט און די יידן האָבן
אין דעם געזען אַ שלעכטן סימן. אין עטלעכע טעג אַרום, דעם
צווייטן טאָג סוכות, איז די שטאָט איינגענומען געוואָרן פון שונא.
דער קיניג האָט געוואָלט שוינען די רויִקע איינוווינער פון
שטאָט, נאָר די צעבונטעוועטע פּאָליאַקן זענען באַפאַלן — לויט
אַ „דייטשע" שילדערונג פון יענע טעג — די אַלע וועלכע זענען
ניצול געוואָרן פון פייער, באַזונדערס די יידן, און אויף אַ באַר־
באַרישן און גאַרניט קריסטלעכן אופן דערהרגעט איבער טויזנט
מענער, פרויען, אַלטע לייט און יונגע. אַ פוילישער מקור דער־
ציילט: „מיר האָבן אויף אַ באַזונדערן אופן זיך איזדעקעוועט
איבער יידן, ווייל זיי האָבן געהאָלפן דעם שונא פאַרטיידיקן די
שטאָט. מיט ברענענדיקן צאָרן האָבן מיר געהרגעט אויך די
פרויען פון די יידן און זייערע קינדער און אַ סך פון זיי זענען
אומגעקומען אין די פלאַמען. וואַלף, איינער פון די קיניגלעכע
ריטער, האָט צונויף גענומען אַלע לעבן געבליבענע יידישע



די גרויסע שול אין לענטשיץ
בית־הכנסת הגדול בלנצ'יץ

קינדער, וועלכע זענען האַלב פאַרברענטע ניצול געוואָרן פון
די פלאַמען און זיי אָפּגעשמדט, כדי ראַטעווען זייערע נשמות.
לויט יידישע מקורות, זענען אין לענטשיץ געטויט געוואָרן אַ
500 משפחות (3000 נפשות). פיל האָבן זיך אַליין געוואָרפן אין
פייער אָדער אין וואַסער, כדי אויסמיידן די גרוילטאַטן פון
שונא".

די אַלטע לייט פון לענטשיץ גופא דערציילן, ווי זיי האָבן דאָס
געהערט פון זייערע אָבות, איבערגעגעבן פון דור צו דור, אַז די
שוועדן זענען געווען אָנגעטאָן אין לאַנגע בגדים און פוטער־
היטלען, ענלעכע צו שטריימלען און אַזוי געשטאַנען אויף דער
מויער, גיסנדיק אויף די פוילישע חיילות קאָכעדיק וואַסער און
בוימאייל. פאַרנעמענדיק די שטאָט, האָבן די פּאָליאַקן געטענהט,
אַז די וואָס האָבן געגאָסן פון די מויערן, זענען געווען יידן, ווייל
זיי זענען געווען יידיש געקליידעט. דאָס איז פאַקטיש דער איינ־
ציקער אויסרייד צו באַרעכטיקן די שרעקלעכע רציחות און פאַר־
טיליקונג. ווייזט אויס, אַז אַ צאָל יידן האָט זיך באַהאַלטן אין
דער הוילקייט פון דער מויער, ווייל זיי האָבן געוווּסט דעם סוד
פון דעם עקזיסטירנדיקן „בונקער", און פאַרן טויט אויסגעקריצט
זייערע נעמען אויף די שטיינער פון די ווענט.

אָבער לענטשיץ האָט געוווּסט אַ סך צרות נאָך פאַר דעם. אין
יאָר 1633 זענען צוויי גבאים פון שול, מאיר און אליעזר, באַשול־
דיקט געוואָרן אין דערמאָרדן אַ קריסטלעך קינד פון קומזשיצע
און געשטעלט געוואָרן פאַרן שטאָטישן, דערנאָך פאַרן העכסטן
געריכט. דער פאַלשער עדות אין דעם פּראָצעס איז געווען אַן
אַלטער פוילישער בעטלער, טאָמאַש, וועלכער האָט נאָך פייניקונ־
גען דערקלערט, אַז ער גופא האָט געגנבעט דאָס קינד און עס
פאַרקויפט צו יידן. אומזיסט האָט געטענהט דער בירגערמייס־
טער פון דער שטאָט לענטשיץ, אַז דאָס איז קעגן געזעץ. לויט
וועלכן נאָר דאָס וואָיעוואָדישע געריכט, צוזאַמענגעשטעלט פון
נאָמינירטע דורך דער מאַכט ריכטער, מעג אורטיילן שטראָפן
אויף יידן. דער ענין איז אויך געבראַכט געוואָרן פאַרן העכסטן

געריכט, וועלכער האָט אַרויס געטראָגן אַזאַ אורטייל: „טראָץ דעם וואָס די באַשולדיקטע יידן טענהן אויך נאָך די פייניקונגען, אַז זיי זענען אומשולדיק, איז לשם אַ פאַרגלייך, און אויך צוליבן פאַקט, אַז אין קערפּער זענען פאַראַן איבער הונדערט ווונדן און שטעך איז וואַרשיינלעך, הגם נישט מיט אַבסאָלוטער זיכער־קייט, אַז די יידן זענען די מערדער". ניט געקוקט אויף דער באַוואָרעניש פון העכסטן געריכט, איז אויף די דערמאָנטע גבאים אַרויס געטראָגן געוואָרן אַ טויט־אורטייל, וואָס איז גלייך אויסגעפירט געוואָרן. ביידע קדושים זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקער און אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף סלופּעס אויף שידוועגן.

אין אַ צייט אַרום זענען אַנטדעקט געוואָרן די אמתע גורמים פון דעם בלבול. אין בערנאַרדינער קלויסטער אין לענטשיץ איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר אַלעמען די טרומנע מיט די ביינער פון הייליקן קינד. אויף דער טרומנע האָט מען אָנגעקלאַפּט אַ מעטאַלענעם טאָוול, אויף וועלכן מ'האָט אויסגעקריצט און באַשריבן די גאַנצע געשעעניש און אויף דער וואַנט האָט מען אויסגעמאָלן יידן, וועלכע זייגן אויס דאָס בלוט פון קינד. פון דעמאָלט אָן איז שטאַרק באַרימט געוואָרן דער לענטשיצער קלויסטער און ביז די לעצטע צייטן פלעגן מאַסן מענטשן אַהין עולה רגל זיין". אַזוי דערציילט פּראָפ' ש. דובנאָוו און אַנדערע פאָרשערס פון דער יידישער געשיכטע. אָבער די רוסיש־העבּ־רעישע ענציקלאָפּעדיע ביים אות „ל" גיט איבער מער פּרטים וועגן דער דאָזיקער עלילת־דם־געשיכטע:

„אין חודש יוני 1633 איז פאַרן קיניגלעכן טריבונאַל אין לענטשיץ פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן מאיר און אליעזר, באַשולדיקטע אין דערהרגענען אַ קינד פון דאָרף קושמיצע. דאָס קינד איז נעלם געוואָרן דעם 20סטן אַפּריל, פיר טעג פאַר פּסח. די עלטערן זענען אַוועק און אים איבערגעלאָזן ביי דער שטוב. אומקערנדיק זיך אַהיים, האָבן זיי אים געפונען טויט. דעם קינדס קערפּער איז אויף אַ סך ערטער געווען באַדעקט מיט ווונדן. דער פאַרדאַכט איז געפאַלן אויף דעם וואַנדערנדיקן קריסטלעכן בעטלער טאָמאַש, וועלכער האָט זיך מודה געווען, אַז ר'האָט פאַרכאַפּט דאָס קינד און עס פאַרקויפט די יידן אין לענטשיץ. נאָך אַן אויספאָרשונג, האָט דער סטאַראָסטע דערלויבט די יידן צו דערלאַנגען אַן אַפּעלאַציע צום אַסעסאָרן־געריכט אין איינקלאַנג מיט די באַזונדערע פאַר זיי קיניגלעכע פּריווילעגיעס. דער טריבונאַל האָט אָנערקענט דעם סטאַראָסטעס האַנדלונג פאַר אומלאָגיש און אומגעזעצלעך, ווייל יידן באַשולדיקטע אין מאָרד, געהערן צום שטאָטישן געריכט און קעגן זיינע באַשלוסן דאַרף מען דערלאַנגען אַן אַפּעלאַציע צום טריבונאַל. בעת דער אויספאָרשונג האָט דער בעטלער זיך מודה געווען, אַז דאָס קינד האָט ער פאַרקויפט צו מאירן און אליעזרן פאַר אַנדערט־האַלבן זלאָטעס און צומאָרגנס, אין אָונט, האָט ער באַקומען דאָס טויטע קינד און עס פאַרשטעקט צווישן די קוסטעס אין וואַלד, לויט דער אָנווייזונג פון די יידן. דער בעטלער האָט איבערגעחזרט די רייד אין דער אָנוועזנהייט פון די יידן, נאָך פייניקונגען און אויספאָרשונגען.

פאַרן אויספירן דעם טויט־אורטייל, האָבן די באַשולדיקטע מאיר און אליעזר אָפּגעלייקנט די באַשולדיקונג, הגם מען האָט זיי שווער געפייניקט. זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און צערייסן זייערע קערפּערס אויף פיר טיילן. די אַנדערע צען יידן, וועלכע זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס „אינטעלעקטועלע" באַשולדיקטע, צווישן זיי דער ראש הקהל, דער רב און די עלטסטע פון דער עדה, האָט מען פרייגעשפּראָכן נאָך דעם ווי זיי האָבן געשווירן, אַז זיי ווייסן גאָרנישט. די אָרטיקע גלחים־בערנאַרדינער זענען געווען זייער צופרידן פון דעם גאַנצן ענין צוליב אַ פּשוטן טעם: אין יאָר 1632 האָבן זיי אין לענטשיץ אויפגעשטעלט אַ מאָנאַסטיר און קלויסטער און מ'האָט באַדאַרפט

צוטראַכטן אַן עצה ווי אַזוי צוציען גלויביקע צום נייעם היכל. דאָס דערמאָרדן דאָס קינד איז פאַר די מאָנאַכן געווען ממש אַ מציאה. די ביינער פון דערהרגעטן קינד האָבן זיי אַריינגעלייגט אין אַ גלעזערן קעסטל אין קלויסטער און ביזן היינטיקן טאָג ווערט דאָרט אויפגעהיטן דאָס בילד פון איילפאַרב, וואָס שטעלט פאָר, ווי יידן זייגן אויס דאָס בלוט פונעם קינד. ביים קעסטל איז אָנגעקלאַפּט אַ מעטאַלענער טאָוול ווו עס ווערט באַשריבן די געשעעניש" — — —

אַ זכר נאָך די קדושים איז אויפגעהיטן אין סידור פון די תפילות, וואָס געפינט זיך אין כתב־יד אין דער פינטשעווער שול. אין קורצן נוסח ווערט געזאָגט: „על העינויים עלי אדמות בעירי לינטשיץ, בשבת שצ"ט, מורינו רבי מאיר בן רבי מרדכי הכהן, והרב רבי אליעזר בן רבי אביגדור". אויף אַן אַנדער אָרט אין דעם סידור, אין די תפילות פון אַלגעמיינעם יזכור, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם מחמת אַן אומשולדיקן בלבול, ווערן ווידער דערמאָנט די נעמען פון די צווי קדושים.

רבי שלמה כהן שיחי' (פון די גרינדער פון קוואַרטאַל מקור חיים ביי ירושלים, עולה געווען אין לאַנד מיט העכער 30 יאָר צוריק) דערציילט, אַז אין יאָר 1915 איז אין לענטשיץ געווען אַ בוכהאַנדלונג „קרעיוואַ". די בוכהאַנדלונג האָט אויף קאַרטלען אָפּגעדרוקט דאָס בילד אין קלויסטער, וואָס שטעלט פאָר ווי יידן, מיט שטריימלען אויף די קעפּ, שטייען אַרום דעם טיש אויף וועלכן עס ליגט דאָס קריסטלעכע קינד, האַלטן אין זייערע הענט זילבערנע בעכערס און דאָס בלוט פונעם קינד פליסט אין די בעכערס... ווער עס האָט געקויפט אַ בוך, האָט מען דאָרט אַריין געלייגט דאָס קאַרטל מיט דעם בילד. דאָס איז געווען ערב פּסח. דאָס קאַרטל האָט געשאַפן אַ פּאָגראָם־שטי־מונג אין שטאָט. מיט אַמאָל האָט ר' שלמה דערזען שטיין אַ קאַרעטע פאַרן מאַגיסטראַט, פון וועלכער עס זענען אַרויסגע־גאַנגען צוויי מענטשן: איינער אין אַ מונדיר פון אַ גענעראַל און דעם צווייטן האָט ער דערקענט לויט די בילדער וואָס זענען געווען אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען — פּראָפ' באָדענהיימער, וועלכער איז זייער געווען געשעצט דורך דער מאַכט. ר' שלמה איז גלייך צו אים צו און דערציילט דעם ענין. פּראָפ. באָדענ־היימער האָט אים געהייסן שיקן ווען מען קויפן דאָס בוך, כדי זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון זיינע רייד. ר' שלמה האָט טאַקע געשיקט זיין שוועגערין, רבקה רחל לייבזאָן, וועלכע האָט געבראַכט דאָס בוך, ווו עס איז געלעגן דאָס דערמאָנטע קאַרטל. פּראָפ' באָדענהיימער האָט תיכף דערציילט דעם גענעראַל די געשיכטע און דער האָט געגעבן אַ באַפעל צו פאַרמאַכן די בוכהאַנדלונג.

נאָך אין אונדזערע צייטן פלעגן מיר אויסמיידן דורכצוגיין די פּאָזנאַנסקע גאַס, ווו עס געפינט זיך דער בערנאַרדינער קלויסטער, בעת דער פּוילישער המון איז פון דאָרט אַרויס נאָכן געבעט. ערשט מיט 20 יאָר צוריק איז געקומען פון פּויפּסט אַ פאַראָרדענונג אַוועק צו נעמען די טרומנע, נאָר דאָס בילד אויף דער קלויסטער־וואַנט איז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס זענען איינצלנע קאַפּיטלען פונעם ים טרערן און פּיין פונעם פּוילישן יידנטום בכלל און פון די יידן אין לענטשיץ בפרט, ווייל אין דער דאָזיקער שטאָט איז ניט נאָר דער גורל פון די לענטשיצער יידן אַנטשיידעט געוואָרן, נאָר אויך דער גורל פון גאַנצן פּוילישן יידנטום. אָט איז אַן אויסצוג פון פּנקס פון ועד ארבע הארצות פון יאָר תט"ז: אין אַ באַפעל פון 27סטן פעברואַר 1656 (ב' אדר תט"ז) דראָט דער קיניג פון פּוילן, יאַן קאַזשימיעזש, מיט אַ האַרבער שטראָף, „אויב די מנהיגים פון די יידן אין פּוילן וועלן ניט תיכף ומיד אַריינטראָגן דעם קאָפּ־שטייער פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, ווייל אַלע זענען ערוב פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע". דער קאָפּ־שטייער, אויף אַ סומע פון 70 טויזנט זלאָטעס, איז באַצאָלט

געוואָרן אויף אַזאַ אופן: די יידן פון לעמבערג האָבן געצאָלט דעם הערשער פון לענטשיץ 10 טויזנט זלאָטעס, אויך איז אים געצאָלט געוואָרן פאַרן אַמט פון באָדן־פאַרצייכענער יאַן סאַפיעהאַ 3 טויזנט זלאָטעס, און דורך דעם אויבנדערמאָנטן הערשער פאַר אַ סאָטניע קאָזאַקן — 2600 זלאָטעס, דעם פאָלק פיעכאָטע פון יאַן זאַמויסקי — 4 טויזנט, דעם אַרמיי־פירער קאָצקי — 1600 זלאָטעס, דער פוילישער פיעכאָטע. די איינהייטן פון אַנדזשיי פאָטאָצקי אד"גל („זשעמסקיע אַרכיוום", לעמבערג, באַנד 405, ז' 142).


אין די פנקסים פון ועד ארבע הארצות געפינען זיך פיל מאָל אונטערשריפטן אונטער אורטיילן, געחתמעט דורך גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, וועלכע זענען געשטאַנען בראש פון ועד ארבע ארצות. צווישן זיי... נפתלי בן לא"א מו"ה שרגא זצלה"ה בלאָך פון לענטשיץ.

אין בוך געשיכטע פון די יידן אין ליסאַ, אין דער דייטשער שפּראַך, פאַרפאַסט פון ד"ר לואיס לעווין, ווערט דערציילט, אַז אין יאָר 1628 איז דער ערשטער ראש הקהל אין ליסא געווען אַ ייד אליעזר פון דער שטאָט לענטשיץ און ער האָט עס באַקומען די פריווילעגיע פאַר די יידן אין ליסא. פאַראַן אַ גאַנצע ביבליאָגראַפיע וועגן דער געשיכטע פון יידן אין לענטשיץ, פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע זאַמלביכער דורכן באַוווסטן היסטאָריקער פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן און ד"ר י. שיפּער הי"ד, ווי אויך פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום הי"ד. אַ ספּעציעלע בראָשור וועגן דער געשיכטע פון יידן אין לענטשיץ פון ד"ר פיליפּ פרידמאַן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון ייווא.

די געשיכטע איז זייער אַ רייכע און אַרומגענומען מיט אַ סך לעגענדעס, נאָר די ביכער פון די טויטע דערציילן אונדז מער ווי די ביכער פון די לעבעדיקע. אין דער יוגנט האָב איך באַוויזן אַ ביסל דורכקוקן די דאָזיקע פנקסים אין לענטשיץ און פון זיי האָב איך זיך אַ סך דערוווּסט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון דער שטאָט. פאַקטן, וועלכע זענען אומבאַקאַנט די היסטאָריקער.

...אין יענע טעג איז אויפן כסא הרבנות אין פּראָג געזעסן דער גאון פון פּראָג — דער מהר"ל. איין מאָל דערהאַלט ער אַ קונטרס מיט תורה־חידושים פון אַ תלמיד וואָס האָט געהערט צו די רבנים אין לענטשיץ. ווי נאָר דער מהר"ל האָט געוואָלט נעמען דעם קונטרס אין האַנט אַריין, איז ער אַראָפּגעפאַלן און אין צימער האָט זיך געהערט אַ שלעכטער ריח פון טומאה. דער מהר"ל איז דערשיטערט געוואָרן און געזאָגט: „דברי תורה נעמען אויף זיך קיינמאָל ניט קיין טומאה". טומאה האָט ניט קיין שליטה איבער די תורה — טאָ פונוואַנען דער שלעכטער ריח, אַז מען קאָן ניט שטיין אין זיינע ד' אמות? לויבן און דערמאָנען גאָטס נאָמען אויף אַזאַ אָרט — טאָר מען אַוודאי ניט! דער מהר"ל איז אַנטמוטיקט געוואָרן. האָט שוין די טומאה אַ שליטה אויף דער תורה? די געפאַר איז גרויס און מען דאַרף זיך אָנטאָן אַ כוח און זי בייקומען.

ניט געקוקט אויף זיין אָפּגעשוואַכטקייט און אַלטקייט, באַשליסט דער מהר"ל צו פאָרן קיין לענטשיץ. ער, דער 80־יאָריקער זקן האָט איינגעזען, אַז פון דער ווייטנס וועט ער ניט העלפן, מען דאַרף זיין אויפן אָרט, פונוואַנען די טומאה פאַרשפּרייט זיך אין אַלע תפוצות, כדי קענען מיט איר קעמפן און אויסוואָרצלען, הגם זי איז פאַרבונדן מיט דער הייליקער תורה. אַז דער מהר"ל איז געקומען אין תחום פון דער שטאָט, האָט ער געהאַט אַ שרעקלעך געפיל און געוווּסט, אַז אים דערוואַרט אַ שווערע מלחמה. דאָ האָט זיך אויסגעמישט די קדושה מיט דער טומאה און דער מנוול איז אַריין אין בית־המדרש און דאָרט זיך פאַרפעסטיקט. אַז דער מהר"ל איז געקומען אין שטאָט און געהערט דאָס קול פון תורה און, להבדיל, דעם גלאָקן־קלאַנג פון דאָמיניקאַנער קלויסטער צוליב זייער פסחא — האָט ער שוין געוווּסט וואָס דאָ קומט פאָר. נאָך דער קורצער תפילה, וואָס מען זאָגט ביים אַריינקום אין שטאָט, ווען עס זענען געקומען די רבנים און ישיבה־בחורים אים מקבל פנים זיין, האָט ער זיי ניט געוואָלט אויפנעמען, נאָר געבעטן ברענגען צו אים די רייכע יידן פון שטאָט, און דער עיקר דעם באַרימטן נגיד, וועמענס נאָמען ער האָט אַפילו ניט געוואָלט דערמאָנען. די רבנים האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'איז עפּעס פאָרגעקומען אויסער זייערע השגות און זייערע הערצער האָבן גענומען קלאַפּן פאַר מורא און ציטער. אַז ר' אברהם האָט דערהערט, אַז די גאַנצע טירחה איז נאָר צוליב אים, האָט ער זיך שנעל געשטעלט פאַרן מהר"ל פון פּראָג. געשטאַנען פאַר אים שטיל, איינגעבויגן דעם קאָפּ און זיך צוגעהערט צום מהר"לס רייד, וועלכער האָט צו אים גערעדט ניט מיט כעס, נאָר מיט רחמים און חסד. און אַזוי האָט ער אים געזאָגט: „הער, אברהם, דו ביסט אַ חוטא ומחטיא פון ישראל און אַ סך גדולים זענען שוין נכשל געוואָרן און דורך דיר אַריינגעשטויסן געוואָרן אין טיפן אָפּגרונט. און אַ כלל איז פאַראַן: אַ חוטא ומחטיא ברבים איז אפילו ניט אימשטאַנד תשובה צו טאָן. נאָר איך קאָן דיך פאַרזיכערן, אַז דיין תשובה וועט ווערן אָנגענומען. מיין גאַנצע תורה וועל איך לייגן אויף דער וואָגשאָל פאַר דיינעטוועגן און אויך פון הימל וועט מען דיר העלפן, ווייל דער וואָס וויל זיך מטהר זיין — העלפט מען אים. דעריבער, אברהם, זאָג אַ דאַנק. די דאָזיקע עשירות, פון וואַנען קומט זי צו דיר?



די „יידישע גאַס" — נאָך דער אויסזידלונג...
„הרחוב היהודי" — אחרי הגירוש...

— הייליקער רבי, כ'וועל אייך אַלץ אויסזאָגן, אַבי איר זאָלט ראַטעווען מיין נשמה. מיין פאַרמעגן גיב איך אייך אַוועק, באַפעלט און כ'וועל מקיים זיין. — און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן, ווי אַזוי ר'איז פריער געווען אַן אָרעמאַן און אַ הענדלער פון אַלטוואַרג. האָט ער איין מאָל געפונען אַ פיגור פון מעטאַל און צוויי אידלשטיינער זענען געווען איינגעפּאַסט אויפן אָרט פון די אויגן. די פיגור מיט די טייערע שטיינער האָט ער פאַרקויפט דעם ביסקופּ און דערפאַר באַקומען אַ זעקל גאָלדענע טאָלערס. זינט דעמאָלט איז ער רייך געוואָרן.

דער מהר"ל איז פאַרזונקען אין מחשבות, זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און ער האָט גערעדט צו זיין האַרץ: „ווי גרויס זענען די ווערטער פון די חז"ל „עכו"ם מטמאה כנידה". די זעלבע טומאה, דער שלעכטער ריח און קיינער פילט ניט מחמת די פאַרטעמפּטע חושים, רחמנא ליצלן".

אין יענער נאַכט זענען דער מהר"ל מיט אברהם און זיין משפחה פאַרשוווּנדן פון לענטשיץ, ניט איבערלאָזנדיק קיין שום שפּורן. צומאָרגנס האָבן די שטאָט פאַרלאָזן די רבנים און די ישיבה־בחורים. ר' אברהמס פאַרמעגן איז געבליבן אויף הפקר, אָבער קיינער האָט זיך דערצו ניט צוגערירט, ווייל סיי די ייִדן, סיי די גוים האָבן מורא געהאַט פון דעם צו געניסן. נאָך עטלעכע טעג שרעק און ציטער פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג, איז אויסגעבראָכן אַ שריפה און דאָס פייער האָט פאַרלענדט ס'גאַנצע פאַרמעגן. דריי טעג און דריי נעכט אָן אויפהער זענען אַוועק מיטן פייער אַלע הייזער וועלכע אברהם האָט געבויט, בעת די אַנדערע הייזער איז גאָרניט געשען, גלייך אַ גרענעץ וואָלט געווען צווישן זיי; און קיינער איז ניט געגאַנגען לעשן די שריפה, ווייל מ'האָט געוווּסט, אַז מן השמים איז זי געקומען. — — — אין יענער נאַכט האָט מען אַנטפּלעקט דעם הרב הגאון און אב־בית־דין פון לענטשיץ, אַז די שטאָט איז אויסגערייניקט געוואָרן פון דער טומאה און זי האָט שוין ניט דאָרט קיין שום שליטה און אַז פון איצט אָן וועט שוין ניט זיין מערער קיין שריפה אין שטאָט...

זכרונות פון דער אלטער היים

שמשון לוסנער

געווען אַמאָל אַ ייִדישע שטאָט לענטשיץ. לויט אירע אַלטערטימלעכקייטן איז מען זיך משער, אַז לענטשיץ מוז זיין איינע פון די עלטסטע שטעט אין פּוילן. פאַראַן דאָרט אַ זייער אַלטע קירכע, צוויי קילאָמעטער פון שטאָט. היינט איז עס אַ דאָרף מיטן נאָמען טום. מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָט די קירכע געהערט צו דער שטאָט לענטשיץ. דאָרט פלעגט דער קעניג קאַזשימיעזש אָפּריכטן זיינע גאָטעסדינסטן, ווען ער האָט פאַרברענגט אין לענטשיץ. עס געפינט זיך נאָך, היינט־צו־טאָג, אַ חורבה פון אַ שלאָס. אַ לעגענדע דערציילט, אַז פון שלאָס ציט זיך אַ טונעל דירעקט אין דער קירכע אַריין. עס געפינען זיך אונטער דער ערד קברים, שטאַלן פון פערד א. אַ. וו. פאַראַן אויך אַ גרויסער גאָרטן — „דעם מלכס גאָרטן". די קירכע אין טום איז איינע פון די עלטסטע קירכעס אין גאַנץ פּוילן. זי איז געבויט געוואָרן, ווען די פּאָליאַקן האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן קרוב מיט 1000 יאָר צוריק.

לענטשיץ איז אַ מאָל געווען אַ וואָיעוואָדישע שטאָט (קרייז־שטאָט), צו וועלכער עס האָבן געהערט קונע, בזשעזשין און אַ גאַנצע ריי אַנדערע שטעטלעך. פון צייט צו צייט פלעגט דער סענאַט דאָרט אָפּהאַלטן זיצונגען.

פאַראַן צווישן לענטשיץ און טום אַ גרויסער באַרג — „שוועדזקאַ גוראַ": דאָרט האָבן די שוועדן, אָנפאַנג 17טן יאָר־הונדערט, באַשאָסן די שטאָט לענטשיץ. אין מיטלאַלטער האָט יעדע שטאָט פאַרמאָגט אַ הויכע מויער אָרום זיך, מיט אַ פעסטונג. ווען די פּאָליאַקן האָבן געזען, אַז די שטאָט האַלט ביים פאַלן, האָבן זיי זיך איבערגעטאָן פאַר ייִדן און פון דער מויער געגאָסן הייס וואַסער אויף דעם אַריינמאַרשירנדיקן שוועדישן מיליטער. דערפאַר איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע שחיטה. כמעט אַלע ייִדן פון שטאָט זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. נאָר איין פרוי — דערציילט די לעגענדע — איז געבליבן לעבן, ווייל זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער שול אין אַ דיקן מויער, וווּ מען האָט זי נישט געקענט געפינען. דאָס האָט זי געראַטעוועט פון טויט...

די שטאָט האָט פאַרמאָגט אַ רונדיקן מאַרק מיט גאָסן אַרום. יאָרמערק פלעגן פאָרקומען 6 אַ יאָר. געוויינטלעכע מערק: צוויי מאָל אין וואָך — דינסטיק און פרייטיק.

דאָס ייִדישע לעבן איז שטענדיק געווען ברויזנדיק. די אַלגעמיינע באַפעלקערונג האָט געציילט אַריבער 13 טויזנט, דערונטער ביי אַ 5 טויזנט ייִדן, וועלכע האָבן זיך ס'רוב פאַרנומען מיט האַנדל און מלאכה: שניידערס, שוסטערס, בייטלמאַכערס, שטעפּערס, זייגערמאַכערס און אַנדערע פאַכן. קיין פאַבריקן האָט לענטשיץ נישט פאַרמאָגט. מיט יאָרן צוריק, איז געווען אַ גילזן־פאַבריק פון ר' יונה ליבקע. עס איז געווען אַ ביר־ברויערײַ, צוויי זייפן־פאַבריקן: איינע האָט געהערט צו ש. ראַוויצקי, די צווייטע צו ש. מ. ליפּנער; צוויי מילן: אַ וואַסער־מיל און אַ דאַמף־מיל. געווען אַ מאָל אויך אַ טעקסטיל־פאַבריק; זי האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג צוליב דער נאָענטער שטאָט אָזאָרקאָוו מיט איר טעקסטיל־אינדוסטריע. נאָך אַ קורצער צייט, האָט זיך די לענטשיצער טעקסטיל־פאַבריק געמוזט ליקווידירן.

לענטשיץ האָט אויך פאַרמאָגט צוויי קירכעס: די בערנאַרדינער איז געווען פאַר די פרומערע קריסטן. דאָרט האָט זיך געפונען אַ פענצטערל, דורך וועלכן מ'האָט געזען אַ קליין טרומנעלע מיט אַ סקעלעטל פון אַ קינד. הינטער דעם טרומנעלע — אַ געמאָלן בילד אין פאַרבן, ווי ייִדן מיט לאַנגע בערד צאַפּן דאָס בלוט פון דעם קינד, צו די מצות אויף פסח... עס איז פשוט געווען אַן עלילת־דם בילד. (ווען שלום אַש האָט אַ מאָל באַזוכט לענטשיץ, האָבן מיר אים דאָרט אַריינגעפירט און געוויזן דאָס בילד. עס האָט אויף אים געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק... מיט יאָרן שפּעטער, האָט אונדז באַזוכט לאַזאַר קאָהן, האָבן מיר אים אויך געוויזן דאָס בילד. ער האָט שפּעטער אין „לאָדזשער פאָלקס־בלאַט" אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דעם גרויל־בילד). דאָס בילד האָבן שפּעטער פאַרשפּרייט די פּאָליאַקן, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט געבושעוועט, כדי אַרויסצורופן מער צאָרן קעגן די ייִדן. און אין דער צווייטער קירכע האָבן די דייטשן פאַרזאַמלט אַלע ייִדן פון שטאָט, איידער מען האָט זיי צעשיקט אין די געטאָס.

עס איז אויך געווען להבדיל, אַ שיינע שול, אַ צירונג פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג. אין דער דאָזיקער שול איז אין יאָר 1898 פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע, גראָד צו כל־נדרי. קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז נאָך נישט געווען. האָבן די פרומע ווייבער זיך באַזאָרגט מיט אַ נאַפט־

לעמפּל, וואָס האָט זיך איבערגעקערט. ס׳איז געוואָרן אַ טומל „עס ברענט״ !...

די ווייבער האָבן אין שרעקלעכער פּאַניק גענומען לויפן צום אַרויסגאַנג. די טירן זענען געווען פאַרמאַכט ; געווען אומ־מעגלעך זיך אַרויסצוקריגן — זענען 32 פרויען אומגעקומען. פּיל האָבן זיך געוואָרפן פון צווייטן שטאָק און אַזוי דעם טויט געפונען. צומאָרגנס, איז די גאַנצע שטאָט געווען איינגעהילט אין טרויער. ביי נאַכט, נאָך מעריב, איז פאָרגעקומען די קבורה. מען האָט די אַלע קרבנות מקבר געווען אין איין לאַנגן קבר אין פּראָנט, אויפן בית־עולם. פּיל יאָרן, אַז מען איז אַריינגעקומען אויפן בית־עולם, האָט זיך דער לאַנגער קבר געוואָרפן אין די אויגן. די דייטשן האָבן דעם בית־עולם צעשטערט, די מצבות אַרויסגעריסן, ברוקירט מיט זיי די גאַס, וואָס פירט צו דער באַן. אַפילו דעם אוהל צעשטערט און דאָס פעלד פאַראַקערט, אַז מען זאָל נישט דערקענען וואָס דאָ איז אַ מאָל געווען. עס איז דאָרט געוואָקסן גראָז און די קריסטן האָבן געפּאַשעט קאָזעס און חזירים.

יידן האָבן פאַרמאָגט אַ קהילה פון פיר דאָזאָרעס. די קאָמפּעטענץ פון דער קהילה איז געווען נאָר אָפּצוהיטן די רעליגיעזע ענינים. צו דעם צוועק האָט מען אויסגעהאַלטן אַ רב, דיינים, שוחטים, אַ גבאַי פאַר דער שול און אַ חזן. חזנים — פאַר דער צייט, וואָס מיר געדענקען — זענען געווען דריי: איינער אַ ליטווישער ייד מיטן נאָמען בערקע, געווען חזן ביז אין טיפן עלטער. שפּעטער איז געווען חזן מנחם לובעלסקי ; אין די צוואָנציקער יאָרן איז ער אָפּגעפאָרן קיין בעלגיע, ווו ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. נאָך אים, איז אָנגעקומען קיין לענטשיץ אַלס חזן הענעך ברוש ; ער האָט געשטאַמט פון קלעטשעווע ; ער איז שוין פאַרבליבן חזן אין לענטשיץ ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אומ־געקומען אין כעלמנאָ צוזאַמען מיט פיל טויזנטער אַנדערע יידן.

וואַל־רעכט האָט געהאַט דער ייד, וואָס האָט געצאָלט עטאַט.

אַלע 3 יאָר זענען פאָרגעקומען קהילה־וואַלן צו קלויבן נייע דאָזאָרעס, אָבער כמעט יעדעס מאָל זענען די זעלבע שיינע יידן אויסגעוויילט געוואָרן... קיין וואַסער־לייטונג האָט נאָך די שטאָט נישט פאַרמאָגט. יעדער בעל־הבית האָט געהאַט זיין וואַסער־טרעגער. גענומען וואַסער האָט מען פון דער בזורע, וואָס איז געפלאָסן אין דער שטאָט. זומער פלעגט מען זיך באָדן אין דער זעלבער בזורע.

אויף פסח האָט מען נישט געטרויט דעם וואַסער־טרעגער, ווייל יידן זענען געווען זייער אָפּגעהיטן אין פרומקייט. האָט מען געמוזט מיטשיקן אַ קינד צו היטן דעם גוי, ער זאָל נישט אַריינוואַרפן קיין חמץ אין וואַסער.

יידישע בעלי־מלאכות האָבן געשיקט זייערע טעכטער דינען אויף גבירישע שטעלן. שפּעטער, האָט מען שוין געמאַכט די טעכטער פאַר שניידערקעס, פריזירערקעס, הוטנפוצערקעס, אָדער זאָקן־מאַכערינס !

עס זענען געווען חדרים מיט מלמדים : פון אַ דרדקי־מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט קינדער דעם אלף־בית, ביז אַ גמרא־מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט דערוואַקסענע בחורימלעך. עס זענען געווען פאַרשידענע חברות, ווי : חברה־תהילים, הכנסת־אורחים, חברה־קדישא, אַ בית־המדרש, ווו יונג און אַלט זענען תמיד געזעסן און געלערנט.

יעדן שבת פאַרנאַכט, האָט אַ ייד אַ תלמיד־חכם געלערנט מיט די בעלי־מלאכות אַ פרק משניות און אַלץ זיי דערקלערט אין מאַמע־לשון. אַנדערע יידן האָבן געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים. שפּעטער האָט מען געדאַוונט מעריב...

אַזוי איז זיך געגאַנגען דאָס יידישע לעבן !

יעדעס יאָר, דעם 15טן פעברואַר, איז פאָרגעקומען דער „פריזיוו״. זענען זיך צונויפגעקומען יונגע פּאָליאַקן פון גאַנצן פּאָוויאַט, ווען זיי האָט זיך געוואָלט אַ הוליע טאָן, האָט מען גענומען ראַבעווען יידיש האָב־און־גוטס. אָבער, אַז יידישע יונגעלייט האָבן זיי גוט אָנגעבראָכן די ביינער, האָט זיך דער רויב און פּאָגראָם אָפּגעשטעלט.

דער לענטשיצער פּאָוויאַט האָט געהערט צו דער קאַלישער גובערניע. לענטשיץ איז פאַקטיש געווען אַ פּוילישע שטאָט, אָבער ס׳רוב געשעפטן און הייזער האָבן באַלאַנגט צו יידן. ווען ס׳איז געקומען אַ שבת, אָדער אַ יום־טוב, איז די גאַנצע שטאָט געווען איינגעהילט אין אַ הייליקער שטילקייט, אויסער דעם ווורשטן־געשעפט און די קריסטלעכע בעקעריי, וואָס זענען געווען אָפן !

עס האָט געלעבט אין לענטשיץ אַ ייד, בצלאל פּאַנטשעווסקי. ער האָט געהאַט יינגלעך, ווען ר׳האָט געוואָלט געבן אַ וועלטלעכע דערציאונג און דערפאַר אַראָפּגעברענגט אַ לערער. צו יענער צייט, איז נישט געווען אָנגענומען צו שיקן די יינגלעך אין אַ קריסטלעכער שול, כאָטש עס זענען געווען צוויי יידישע לערערס : משה לערער, וואָס האָט געהאַט זיין שול אין זיין וווינונג, אומלעגאַל ; דער צווייטער, ישעיה לערער, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דער סאָלטיס ביי יידן. אויך ער האָט געפירט אַ שול אין זיין וווינונג — אָבער לעגאַל.

דער דאָזיקער יהושע לערער האָט אויך געהאַט אַן אַנדערע פונקציע : ווען עס איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, האָט מען אים געגעבן אַ פּאָר גילדן, ער זאָל דאָס קינד איינמעלדן אין מאַגיסטראַט. אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, האָט ער דערווייל דאָס געלט פאַרטרונקען און דאָס קינד נישט איינגעמאָלדן ! איז עס אָבער געווען אַ יינגל, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס וועט זיך אָנרוקן דער פריזיוו, וועלן זיין גרויסע



דער אַלטערטימלעכער שלאָס („זאַמעק״)

המבצר העתיק „זאמק״ (טירה)

צרות... האָט ער דאָס קינד מיט יאָרן שפּעטער איינגעמאָלדן. אַזוי איז טאַקע געווען: איינער איז געווען פאַרשריבן עלטער, אַן אַנדערער — יינגער א. אַ. וו.

דער לערער, וואָס איז געקומען קיין לענטשיץ צו פּאַנטשעווסקין, האָט געהייסן קלויזנער. ער איז געווען אַן אַקטיווער ציוניסט. באַלד אָרגאַניזירט אַ ציוניסטישע באַוועגונג. ס׳רוב האָט ער זיך געלאָזט צו די בית־מדרש בחורים; דאָס איז פאַר אים געווען אַ דאַנקבאַרער עלעמענט. די לענטשיצער ציוניסטן זענען צום גרעסטן טייל געווען אַלגעמיינע ציוניסטן.

עס איז אויך געווען אַ רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג, אָנהענגער פון זאב זשאַבאָטינסקי. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט אויך עקזיסטירט אַ ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „גורדוניה" און מזרחי.

אין יאָר 1904 איז פון דער ליטע געקומען קיין לענטשיץ אַ צאָן־דאָקטאָר משה קושנער, אויך אַ ציוני. מיט זיין מיטהילף און גרויסער אָנשטרענגונג איז געלונגען צו באַקומען אַ לעגאַליזאַציע (אין יאָר 1907), אויף אַ יידישער געזעלשאַפטלעכער ביבליאָטעק. מיט 10 יאָר שפּעטער, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, שוין ביי די דייטשן, האָט די ביבליאָטעק געפייערט איר אַ יובילייַ מיט גרויס פאַרנעם.

געווען אויך אַ גרויסע חסידישע באַוועגונג, דער רוב — גערער. עס זענען אויך געווען אַלעקסאַנדער חסידים. די גערער חסידים האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך אָרגאַניזירט אין אַ פּאַרטיי — די אגודה, מיט אייגענע חדרים, אַ מיידל־שול בית־יעקב, אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע פּועלי אמוני ישראל. צו די סיים־וואַלן זענען זיי שטענדיק געגאַנגען מיט דער סאַנאַציע, די רעגירונגס־פּאַרטיי. געווען אויך אַ דריטע חסידישע באַוועגונג, די מער־אויפגעקלערטע „מזרחי". זיי האָבן זיך גערופן די זאַוויערטשער חסידים.

לענטשיץ האָט אויך פאַרמאָגט אַן אַלטע דינאַסטיע פון רבנים. אין אוהל אויפן בית־עולם זענען נקבר געוואָרן פיר גרויסע רבנים פון איין משפּחה. דער לעצטער רב איז אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ.

מיט יאָרן צוריק איז געווען אין לענטשיץ אַ גרויסער צדיק. ער איז אָבער געווען אַ מתנגד, האָבן אים די חסידים אַזוי פאַרפאָלגט, מיט פאַרשידענע רכילותן און בילבולים, אַז ר׳איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן לענטשיץ און אַוועק אין אַן אַנדערער שטאָט. זיין נאָמען איז געווען ר׳ מלבי"ם. אין יאָר 1863 האָבן לענטשיצער יידן זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד קעגן דער צאַרישער מאַכט, פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן; זיי האָבן שפּעטער באַצאָלט דערפאַר אַ טייערן פּרייז...

דעם 1טן אויגוסט 1914, האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. נאָך עטלעכע וואָכן שווערע קאַמפן, האָבן די דייטשן פאַרנומען אַ גרויסן טייל פון רוסיש פּוילן, דערונטער אויך לענטשיץ.

די לאַגע פון די יידן איז געוואָרן אַן אויסערסט־שווערע: ווער עס האָט באַוויזן אַרויסצוכאַפּן די אָפּגעשפּאָרטע רובלס פון דער רעגירונגס־באַנק, האָט נאָך געקענט ווי־עס־איז אַדורכקומען, אָבער די גרעסטע טייל פון דער באַפעלקערונג האָט געהונגערט. מיר האָבן זיך אַרומגעזען, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן צו לינדערן די נויט. מען מוז שאַפן אַ הילפס־פאַראיין און אַרויסגעבן מיטאָגן. מיר האָבן זיך געוואָנדן צום קאָמענדאַנט מיט אַ ביטע, ער זאָל אַרויסגעבן פּראָדוקטן. די פאַרמעגלעכע יידן האָט מען באַשטייערט.

אַזוי זענען מיר אָנגעגאַנגען מיט הילף כמעט אַ גאַנצן ווינטער.

פאַר פּסח, זענען מיר צוגעטראָטן אויפצופירן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג — „דער ווילדער מענטש" פון יעקב גאָרדין. דאָס טעאַטער האָט געהערט צו די פייערלעשער. מיר האָבן עס געקריגן פאַר אַ זייער קליינעם אָפּצאָל.

באַלד נאָך פּסח האָבן מיר אַדורכגעפירט אַ בלימל־טאָג, וואָס האָט אונדז אַריינגעבראַכט א שיינע הכנסה.

זומער 1915, האָבן מיר אָנגעהויבן קלערן וועגן הייבן דעם גייסטיק־קולטורעלן מצב פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. אהרון און שמשון לוסנער, יעקב־יוסף וואָידיסלאַווסקי, יהושע גרינבוים, זעליק בענעדיק, האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַרבעטער אָוונט־קורסן. מיט דער הילף פון יחיאל־מאיר ראָגאָזינסקי (אינזשיניער־כעמיע), זענען די קורסן רעאַליזירט געוואָרן. מ׳האָט אַראָפּ געבראַכט צוויי לערערס פון לאָדזש: קאַרליצקי און אייכנער. אַחוץ די לעקציעס יעדן אָוונט, האָבן מיר שבת אַדורכגעפירט וויסנשאַפטלעכע לעקציעס, ווי: כעמיע, פיזיק, קולטור־געשיכטע, יידישע געשיכטע, וועלכע זענען געווען שטאַרק באַזוכט. דער אָפּצאָל איז געווען אַ קליינער. שפּעטער, אין לויף פון יאָרן, איז דער לאָקאַל, וווּ מיר האָבן געהאַט די אָוונט־קורסן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער שטאָטישער יידישער פאָלקס־שול נומ׳ 4.

כמעט אין דער זעלבער צייט, האָט אין לענטשיץ זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען אברהם גוטמאַן. ער איז געווען אַ פּועלי־ציוניסט. דעמאָלט האָט איבערהויפּט קיין אַרבעטער־פּאַרטיי אין לענטשיץ נישט עקזיסטירט. מיט דער הילף פון די חברים פון לאָדזש, איז געלונגען אַזאַ פּאַרטיי צו שאַפן, וועלכע איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן כוח, — מיט אַן אייגענעם לאָקאַל, אַ ראַטמאַן אין שטאָטראָט. גוטמאַן האָט זיך שפּעטער איינגעאָרדנט אין לענטשיץ, חתונה געהאַט, געוווינט דאָ ביז אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, עמיגרירט קיין פּאַריז, וווּ ער איז מיט דריי יאָר צוריק געשטאָרבן.

אין לענטשיץ האָט בעצם יאָ עקזיסטירט אַן אַרבעטער־באַוועגונג נאָך פון די רוסישע צייטן, ווי: „בונד", פּ.פּ.ס., ס.ד. ק.פּ.ל. יעדע פּאַרטיי האָט געהאַט איר „באָיוווקע". אין יענער צייט, פלעגט מען אָפט ברענגען פון לאָדזש פּאָליטישע אַרעסטירטע אָפּצוזיצן זייערע „וויראָקן", אָדער אויפן „עטאַפּ", אָפּגעשיקט צו ווערן קיין סיביר — אין דער לענטשיצער טורמע. אין 1906 האָט מען געבראַכט פון לאָדזש אַ לענטשיצער מיידל מיטן נאָמען ריווטשע דעם מוהלס טאָכטער. זי האָט דאָרט געאַרבעט אַלס היטן־פּוצערין און באַלאַנגט צו אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג האָט מען זי, די רעדנערין, צוזאַמען מיט נאָך חברים, אַרעסטירט און אָפּגעשיקט קיין לענטשיץ, וווּ זי איז אָפּגעזעסן קרוב צוויי יאָר און שפּעטער אָפּגעשיקט געוואָרן מיט א פּאַרטיע פּאָליטישע אַרעסטירטע קיין סיביר. פון סיביר איז זי שפּעטער אַנטלאָפן קיין פּאַריז, וווּ מען האָט פון איר מער נישט געהערט. איר פאָטער, אַ גרויסער חסיד, האָט נאָך איר געריסן קריעה...

אָפט פלעגט מען הערן, אַז מ׳האָט געשאָסן אויף אַ „רעוויראָווי", צי אַ זשאַנדאַר. מיט אַ מאָל — אַ מהומה אין שטאָט: מ׳האָט דעם נאַטשאַלניק פון טורמע דערשאָסן, ווען ער איז געפאָרן מיט אַ ייד, אַ פאָדריאַטשיק, בערנאַרד פּזשעדבאָרסקי. דעם ייד האָט נישט געשאַדט; דעם אַטענטאַט זאָל האָבן אויסגעפירט איינער קאָפּאַטשעווסקי פון פּ.פּ.ס.

דעם 15טן אָקטאָבער 1905, נאָך רוסלאַנדס מפּלה אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן, האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער שטורעם. עס זענען פאָרגעקומען גרויסע פּאָליטישע שטרייקן. צו קאָנטראָלירן די וואַרשטאַטן, צי די מענטשן אַרבעטן נישט, האָט מען געשיקט לערן־יינגלעך. ווי נאָר זיי זענען אַריין צו משה־לייבן דעם דאַמען־שניידער, האָט ער גערופן פּאָליציי. מ׳האָט די יינגלעך אַרעסטירט. זיי זענען געזעסן פון דאָנערשטיק ביז שבת.

אַזוי ווי די צאַרישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט און צוגעזאָגט די פעלקער פון רוסלאַנד אַ קאָנסטיטוציע, האָבן מיר זיך שבת אין דער פרי פאַרזאַמלט ביי דער טורמע

און געפאָדערט צו באַפרייען אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע. מיטאָגצייט האָבן זיך די טויערן געעפנט און אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע זענען באַפרייט געוואָרן. עס איז באַלד פאָרמירט געוואָרן אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע מיט רויטע פענער, מיט פאַרשידענע אויפשריפטן. רעדעס, רעוואָלוציאָנערע לידער, פאַרשידענע אויסרופן. שפּעטער, איז מען אַריין אין אַ קריסטלעכן רעסטאָראַן, געטרונקען און געגעסן ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין, אַלץ אויפן חשבון פון משה־לייבן...

אַ געוויסן פרייטיק־צו־נאַכטס, האָט די לענטשיצער פּוילישע באַפעלקערונג איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע מיט פאַרשידענע פענער, אויך קירכלעכע און גערופן צו די יידן: „זאָל לעבן די אייניקייט!"..., „זאָל לעבן אַן אומאָפּהענגיק פּוילן!" די צאַרישע רעגירונג האָט זיך אַרומגעזען, וואָס פאַר אַ לאַגע עס האָט זיך געשאַפן און אָפּגעשאַפט די קאָנסטיטוציע. די רעאַקציע האָט געבושעוועט. פיל זענען געלאָפן קיין אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די „פרייהייט", וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געגעבן דעם פאָלק!

זומער 1916, איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע טיפוס־עפּידעמיע. מענטשן, אין זייער בליענדיקסטן עלטער, זענען יעדן טאָג אַוועקגעריסן געוואָרן. די מהומה איז געווען גרויס... פרומע יידן האָבן באַשלאָסן: חתונה מאַכן אויפן בית־עולם אַן אָרעמען בחור מיט אַן אָרעמער מויד...

די גאַנצע שטאָט יידן, די שענסטע בעלי־בתים — זענען געווען מחותנים; מ'האָט געשפּילט און געטאַנצט, געשענקט דרשה־געשאַנק. דער סוף איז געווען, אַז אַ פּאָר טעג נאָך דער חתונה, איז דער יונגערמאַן אַוועק פון זיין יונג ווייב און זי איבערגעלאָזט אַן אייביקע עגונה... צום אָפּשטעלן די עפּידעמיע האָט עס ווייניק געהאָלפן...

אויפן קולטורעלן געביט האָבן מיר פיל אויפגעטאָן: אין זומער 1918, האָבן מיר געפייערט דעם דריי־יאָריקן יובילייי פון די דערמאָנטע אָוונט־קורסן, מיטן אָנטייל פון אַ גאַסט־רעדנער פון לאָדזש, פריינד ראַווין. די פייערונג איז געווען זייער אימפּאָזאַנט. דאָס איז שוין געווען בעת פּוילנס אומאָפּהענגיקייט.

מיר האָבן געשאַפן אַ געזאַנג־פאַראיין „הזמיר", אַן אייגענעם אָרקעסטער, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט זיידערמאַן. עס זענען אַדורכגעפירט געוואָרן איניקע געלונגענע קאָנצערטן.

מיר האָבן אויך אָרגאַניזירט אַ ספּאָרט־פאַראיין, געאיבט אויפן פרייען פעלד, אונטער דער אָנפירונג פון אַ דייטשן זעלנער. שפּעטער האָבן מיר אויסגעשריבן אַ ספּאָרט־לערער פון לאָדזש. אין אַ צייט אַרום האָט די אַרבעט זיך אָפּגעשטעלט. נאָך עטלעכע יאָר, איז דער ספּאָרט־פאַראיין ווידער אָרגאַניזירט געוואָרן אונטערן נאָמען „הכוח", מיט אַן אייגענעם לאָקאַל, אַ פוטבאָל־דרוזשינע, אַן אייגענעם בלאָז־אָרקעסטער, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט שמעון ברודזיצקי (איצט אין ישראל).

עס האָט אויך עקזיסטירט אַ האַנטווערקער־פאַראיין, מיטן פּרעזעס ר' נתן ראָגאָזינסקי. דער האַנטווערקער־פאַראיין איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער וואַרשעווער צענטראַלע. אַלע דריי יאָר איז פאָרגעקומען אַ קאָנגרעס און לענטשיץ האָט געשיקט אירע דעלעגאַטן. עס זענען געווען זייער פיל קאָמפּליצירטע פראַגן צו לייזן, ווי: די האַנטווערקער־קאַרטן, די עקזאַמענס פאַר נייע מייסטערס.

עס האָט אויך עקזיסטירט אַ סוחרים־פאַראיין מיטן פּרעזעס משה פּיאָנטקאָווסקי — ביז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קליינהענדלער־פאַראיין מיטן פּרעזעס יעקב שפּיגעל און סעקרעטאַר יעקב ווישעגראָדזקי. ביידע זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן פון די דייטשע רוצחים.

דער קליינהענדלער־פאַראיין האָט לאַנג נישט עקזיסטירט, ווייל אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

עס איז אויך געווען אַ יידישע ליי־ און שפּאָר־קאַסע, וואָס איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־באַנק, אָנגעשלאָסן אין דער וואַרשעווער צענטראַלע.

פּאַראַלעל מיט דער פאָלקס־באַנק, האָט אויך עקזיסטירט אַ גמילות־חסדים קאַסע, ווו אַן אָרעמער סוחר, אָדער אַ קליינער בעל־מלאכה, האָט געקענט קריגן אַן אָנפּראָצענטיקע הלוואה. די גמילות־חסדים קאַסע האָט אָרגאַניזירט משה מעסערשמיד, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין לענטשיץ אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט געשטאַמט פון לאָדזש. די גמילות־חסדים קאַסע איז געווען אַ גרויסע הילף פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג!

לענטשיץ האָט אויך פאַרמאָגט אַ ביקור־חולים, צו וועלכן עס האָט געהערט כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג — פון לינקס ביז רעכטס. די אויפגאַבע פון ביקור־חולים איז געווען: באַדינען די אָרעמע באַפעלקערונג מיט מעדיצינישער הילף. צו דעם צוועק, האָבן מיר זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט אַ יידישע דאָקטאָר, געווען פאַרבונדן מיט אַן אַפּטייק; יעדן חודש האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיט דאָקטאָר און אַפּטייקער.

דער לענטשיצער שטאָטראַט איז באַשטאַנען פון 24 ראַטמענער, אַ בירגערמייסטער, אַ וויצע־בירגערמייסטער און דריי „לאַווניקעס". יידן האָבן שטענדיק אַדורכגעפירט 8 ראַטמענער, דערונטער אַ פּועלי־ציוניסט. דעריבער איז יידן געקומען אַ לאַווניק. יאָרן־לאַנג איז דאָס געווען דוד קאָפּעל.

לענטשיצער יידן האָבן זייער ליב געהאַט טעאַטער. אויף דער וועלט־מאַפּע פון טעאַטער האָט לענטשיץ פאַרנומען אַ



בניין העירייה („מגיסטרט") בלנצ'יץ
די מאַגיסטראַט־געביידע אין לענטשיץ

חשובן אָרט. עס פלעגן צו אונדז קומען די בעסטע אַקטיאָרן, ווי: יוליוס אַדלער, הערמאַן שעראַצקי, אסתר־רחל קאַמינסקאַ, אידאַ קאַמינסקאַ, זיגמונט טורקאָוו, אברהם מאָרעווסקי, סאַמבערג, רחל האָלצער, יעקב ווייסליץ, דער „אַראַראַט" מיט דזשיגאַן און שומאַכער, גאָלדשטיין און אויך אַנדערע. מיר האָבן אויך געהאַט אַ דראַמאַטישן קרייז, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך ביי די ערשטע דייטשן. יאָרן־לאַנג איז געווען רעזשיסער לייזער גאַש; שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין פראַנקרייך — איצט אין בעלפאַרט. נאָך זיין אָפּפאָר האָט איבערגענומען די רעזשי דער שרייבער פון די שורות, ביז זיין אָפּפאָר (דעם 10טן פעברואַר 1939) קיין אויסטראַליע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ביי דער פּוילישער רעגירונג איז שוין דער דראַמאַטישער קרייז געווען אָנגעשלאָסן אין דער וואַרשעווער צענטראַלע אַלס פאַראיין „יידישע בינע", מיט אַן אייגענעם לאָקאַל. מיר האָבן אויפגעפירט אַ ריי פּיעסן פון יידישן רעפּערטואַר, ווי אויך פון אייראָפּעישן.

אויך די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן געפירט אַ פּיבערהאַפטע טעטיקייט. זיי האָבן אַראָפּ געבראַכט די בעסטע רעדנער, צו פאַרשידענע רעפעראַטן אויף פּאַרטייאישע אָדער ליטעראַרישע טעמעס. עס האָבן אונדז אויך באַזוכט יידישע שריפטשטעלער, ווי: מלך ראַוויטש, ז. סעגאַלאָוויטש, ד"ר טשערמאַן, ד"ר מיכאַל ווייכערט און אַנדערע.

דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. נאָך שווערע קאַמפן, וואָס האָבן געדויערט איניקע טעג, האָבן די דייטשן פאַרנומען אַ גאַנצע ריי שטעט, דערונטער אויך לענטשיץ. די לאַגע פון די יידן איז געוואָרן זייער פיינלעך: עס איז נישט דערלויבט געווען אַ קאָפּ אַרויסצושטעקן אין גאַס. און ווער עס האָט זיך נישט צוגעהערט צו זייער באַפעל, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן! די שול איז באַלד מיט דינאַמיט אויפגעריסן געוואָרן. אין מיטן מאַרק האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ תליה און אַלע יידן פון שטאָט האָבן געמוזט זיין פאַרזאַמלט און זען, ווי מען הענגט די 10 יידן. דערנאָך האָט מען געכאַפּט אויף אַרבעט, אַוועק געשיקט אין לאַגערן. נישט לאַנג האָט געדויערט, אפשר אַ יאָר צייט, האָט מען אַלע יידן פאַרזאַמלט אין אַ קירכע און זיי אַוועקגעשיקט אין צוויי געטאָס: פּאָדעמביץ און גראַבאָווע. אַזוי איז אָפּגעווישט געוואָרן אַ יידישער ישוב, וואָס האָט געציילט הונדערטער יאָרן.

היינט צו טאָג איז לענטשיץ יידן־ריין. עס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אַ ביסל לענטשיצער יידן אין רוסלאַנד, ווער ביי די דייטשן. אַלע זענען זיך צעפאָרן — קיין ישראל, אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע א. אַ. וו. די איבעריקע לענטשיצער יידן האָבן געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן יידן־קדושים.

איניקע לענטשיצער יידן האָבן זיך געפונען אין טויטן־לאַגער כעלמנאָ, ווו מען האָט אומגעבראַכט הונדערטער טויזנטער יידן. זיי האָבן דאָרט געאַרבעט אַלס שניידערס. פאַרן אָפּטרעטן פון די דייטשן, האָט מען זיי אַלע גענומען אויפן הויף און מיט מאַשין־געווער אויסגעשאָסן. צווישן די קדושים: שמחה וואַכטעל מיט זיין זון ישראל, יהושע יודאַ, בעניעק יאַסטזשעבסקי.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס קאַפּיטל לענטשיצער יידן...

אונדזער שטעטל לענטשיץ

ש. ראָגערס
מעלבורן

אונדזער אַמאָליק שטעטל לענטשיץ געפינט זיך אין איינער פון די פרוכטבאַרסטע געגנטן פון פוילן. די יידישע פּרנסות אין שטאָט זענען געווען אָפּהענגיק פון דער אַרומיקער פּויערישער באַפעלקערונג. כמעט אַלע געוועלבער האָבן געהערט צו יידן. אין די מאַרק־טעג (צוויי מאָל אַ וואָך), האָבן די יידן אָן געשפּטן אויסגעשפּרייט זייערע סחורות אויף טישלעך און אין די אַנדערע טעג פון דער וואָך געפאָרן אויף מערק אין די שכנותדיקע שטעטלעך. אַ טייל יידן זענען אויך געווען דאָרפסהענדלער, געקויפט און פאַרקויפט וואָס עס האָט זיך נאָר געטראָפן.



ר' העניך ברוש
דער לענטשיצער חזן ז"ל
החזן מלנצ'יץ ז"ל

די בעלי־מלאכות ביי אונדז זענען מייסטנס געווען שניידערס, שטעפּערס, שוסטערס, בעקערס, בלעכערס, זייגערמאַכערס. נישט אַלע בעלי־מלאכות האָבן געהאַט פּרנסה אַ גאַנץ יאָר, נאָר געמוזט אין די זומער־חדשים זוכן אַנדערע באַשעפטיקונגען. זיי האָבן געדונגען סעדער אין די אַרומיקע דערפער און פאַרלאָזט די שטאָט אויף אַ גאַנצן זומער. געווען אויך יידן, וואָס האָבן געצויגן זייערע פּרנסות אַלס שווייגערס (פּאַכטשאַזש). אַ פּאַכטשאַזש האָט געהאַט זיין פערד־און־וואָגן, יעדן אין דער פרי געפאָרן אין דאָרף, געברענגט מילך און זי צעטיילט צווישן די יידן אין שטאָט. אויך געמאַכט פּוטער און קעז — און פון דעם געפירט אַ באַשיידן לעבן.

געווען אויך אין שטאָט אַ גרופּע נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, ווי טרעגערס און פורמאַנעס. דאָס איז געווען דער אָרעמסטער שיכט, ספּעציעל די טרעגערס. זיי זענען גאַנץ פרי אַרויס אין גאַס זוכן אַרבעט און נישט געהאַט קיין פאַר גראָשן איבערצולאָזן דער פרוי אויף עפּעס אָפּצוקאָכן פאַר די קינדער. אויך די פורמאַנעס האָבן געלעבט אין גרויס רחקות. מיט יאָרן צוריק, ווען עס איז נישט געווען קיין באַן צווישן קוטנע און לאָדזש, האָבן זיי געהאַט אַ פאַרהעלטניסמעסיקע שיינע פּרנסה, אָבער שפּעטער, ווען עס האָט אָנגעהויבן קורסירן די באַן און אויטאָבוסן, איז זייער לאַגע געוואָרן אַ שווערע. זיי האָבן פאַרלוירן זייערע פּרנסות — און קיין אַנדערע נישט געפונען.

די קינדער פון די אַלע האָרעפּאַשנע יידן האָבן זיך געלערנט פאַכן, געוואָרן קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אַזוי ווי לענטשיץ איז נישט געווען קיין אינדוסטריעלע שטאָט, האָבן די יוגנטלעכע זיך אויסגעלערנט די פאַכן ביי די יידישע בעלי־מלאכות, דער עיקר שניידערס, וואָס האָבן געהאַט אַ שם פאַר גוטע פאַכלייט. ס'איז אָבער נישט געווען קיין אַרבעט פאַר אַלע אין שטאָט, זענען אַ סך אַוועק געפאָרן נאָך לאָדזש, אויך עמיגרירט קיין אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך, ווי זיי האָבן זיך מאַטעריעל גוט איינגעאָרדנט און קיינמאָל נישט פאַרגעסן זייערע משפחות אין דער היים, שטענדיק זיי געשטיצט. אַ טייל אַרבעטער ווידער



די לענטשיצער שול אין פלאַמען (1942)

בית־הכנסת בלהבות (1942)

האָבן עמיגרירט נישט צוליב מאַטעריעלע סיבות, נאָר פּאָליטישע. דאָס איז געווען נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1905, ווען זיי זענען געווען באַדראָט פון צאַרישע רעפּרעסיעס.

די יידישע אַרבעטער אין לענטשיץ האָבן געהאַט אַ חוש און אינטערעס פאַר קולטורעלער און פּאָליטישער טעטיקייט. זיי האָבן מיט זייער טעטיקייט אַריינגעברענגט אויפלעבונג אין שטאָט, געווען די שעפער פון יידישן טעאַטער אין לענטשיץ. זיי שאַפן אויך די פּאָליטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין שטאָט. אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אַ לינק פּועלי־ציוניסטישע באַוועגונג. די פּאַרטייאיש־פּאָליטישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך דעם זיג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. פון לאָדזש זענען צו אונדז געקומען רעדנער פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען און אַגיטירט די לענטשיצער אַרבעטער. אַ דאַנק דעם איינפלוס פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט די קאָמוניסטישע באַוועגונג געהאַט גרויס השפּעה.

נאָכן פאַרענדיקן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָבן זיך געשאַפן אַרבעטער־ראַטן (פּוילישע מיט יידישע אַרבעטער צוזאַמען). דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. די ראַטן ווערן פון דער מאַכט פאַנאַנדערגעלאָזט, ווייל זיי זענען געווען אונטער דער קאָמוניסטישער השפּעה. פּוילן האָט אָנגעהויבן פירן אַ מלחמה קעגן רוסלאַנד.

דער איינציקער יידישער פּראָפעסיאָנעלער פּאַראיין, וואָס האָט עקזיסטירט אין לענטשיץ, איז געווען דער נאָדל־פּאַראיין. די שניידער־אַרבעטער האָבן צוליב פּאָליטישע מאָטיוון נישט געוואָלט זיין אָנגעשלאָסן אין דער וואַרשעווער צענטראַלע. די גרינדער פון נאָדל־פּאַראיין זענען געווען משה־לייבל באָרנשטיין (אומגעבראַכט דורך די דייטשן), בערל שקאָלניק (איצט אין פּאַריז), און דער שרייבער פון די שורות.

די טעטיקייט פון נאָדל־פּאַראיין איז געווען געקרוינט מיט גרויס דערפאָלג אויפן פּראָפעסיאָנעלן, פּאָליטישן און קולטורעלן געביט. מיר האָבן אַדורכגעפירט געלונגענע אַקציעס פאַר בעסערע לוינען און וויניקער אַרבעטס־שעהן. ביים פּאַראיין איז געשאַפן געוואָרן אַ ביבליאָטעק מיט אַ סך ביכער. עס ווערן איינגעאָרדנט וועכנטלעכע רעפעראַטן, דיסקוסיעס, קעסטלאָוונטן. ביים פּאַראיין איז געשאַפן געוואָרן אַן עספּעראַנטאָגרופּע, אָנגעפירט דורך א ספּעציעלן לערער פון לאָדזש. אין זעלבן לאָקאַל איז אויך געווען טעטיק דער „מאָפּר" (צו העלפן די פּאָליטישע אַרעסטירטע). דאָ זענען צוגעגרייט געוואָרן פּעקלעך פאַר די אַרעסטירטע אין דער לענטשיצער תפיסה, דורך אונדז זענען די אַרעסטאַנטן געווען אין קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. די טירן פון נאָדל־פּאַראיין זענען געווען אָפן פאַר אַלע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געוואָנדן נאָך הילף.

מיר זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די פּאָרגעשריטענע אָרגאַניזירטע פּוילישע אַרבעטער און אַ דאַנק דעם אויסגעמיטן אַ פּאָגראָם אין אונדזער שטאָט.

דאָס איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן, ווען די עקאָנאָמישע לאַגע אין פּוילן איז געווען זייער אַ שלעכטע. דאָס האָבן אויסגענוצט די פּוילישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן פּראָוואָצירט אַנטיסעמיטישע עקסצעסן. אויך אין לענטשיץ האָבן די ענדעקישע כוליגאַנעס געוואָלט פּראָוואָצירן אַ פּאָגראָם, זיי האָבן דערצו באַשטימט אַ מאַרק־טאָג, ווען יידן האָבן זייער האָב־און־גוטס אויסגעלייגט אויף טישן. די כוליגאַנעס זענען אָבער פאַריאָגט געוואָרן מיט דער הילף פון פּוילישע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען מיט אונדז איינֿיק.

אין זעלבן יאָר איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ערשטע מאַי־מאַניפעסטאַציע, ווו פאַרשידענע רעדנער האָבן געשטעמפּלט די פּראָוואָקאַציעס. דער שרייבער פון די שורות האָט גערעדט אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער...

דער ספּאָרט פּאַראיין „הכוח" אין לענטשיץ

זלמן באָרנשטיין
אויסטראַליע

איינער פון די ליכטיקע פּונקטן אין שטאָט איז געווען דער טורן־פּאַראיין „הכוח". נישט לייכט איז אָנגעקומען אויפצובויען די דאָזיקע אומפּאַרטייאישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט ביי אַלעמען. אַן אָרגאַניזאַציע, ווו יעדער איינער, אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט — האָט געקענט אַריינקומען. אויך די קאָלירן פון איר פאָן איז געווען אומפּאַרטייאיש: לילאַ־ווייס.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען געמאַכט געוואָרן פּרווון צו שאַפן דעם „הכוח". עס זענען אָבער געווען שטערונגען מצד די רעליגיעזע יידן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַ יידיש יינגל דאַרף נאָר לערנען אין חדר.

נאָך יאָרן אָנשטרענגונגען און מי פון אַ גרופּע איבערגעגעבענע טוער, ווי: יוסף קאָטעק, אַהרון ראַבינאָוויטש, בער בעאַטוס, הענעך אַמפּולינסקי, משה־לייב באָרנשטיין, מרדכי בזשעזשינסקי (די ערשטע פאַרוואַלטונג), איז אין 1928 געלונגען צו עפענען דעם טורן־פּאַראיין אויף דער אָזאָרקאָווער גאַס, אין הויז פון אברהם־ניסן בלאָך, וועלכער האָט שפּעטער געהאַט פאָרוואָרפן פון די חסידים פאַר געבן דעם לאָקאַל. מען האָט אים נישט אַריינגעלאָזט אין שטיבל דאַווענען, ביז ער האָט געמוזט צוזאָגן, אַז יינגלעך מיט מיידלעך וועלן נישט זיין צוזאַמען ביי די איבונגען...

די לאָזונג פון „הכוח" איז געווען: „אַ געזונטער קערפּער, אַ געזונטער גייסט"! האָט מען טאַקע מיט גרויס חשק זיך גענומען צו די פיזישע איבונגען. יינגלעך און מיידלעך האָבן געשמאַק געלערנט הלכות גימנאַסטיק, אונטער דער ליידונג פון דעם אינסטרוקטאָר אברהם מעטאַלענא, געשטאַמט פון קוטנע. די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט האָבן נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן: שיין און אימפּאָזאַנט זענען געווען די ספּאָרט־פייערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען פון צייט צו צייט, אויפן פרייען פּלאַץ, צי אויף דער טעאַטער־בינע. „הכוח" האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ ריי גוטע ספּאָרטלער, ווי: לייבל קעניג, ירחמיאל קילבערט, יוסף ציעלסקי, אריה ליפשיץ, משה גליצענשטיין, א. אָפּאַטשינסקי, בעניע יאַסטזשעמבסקי און אַנדערע. אויך די מיידלעך האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף די ספּאָרט־פייערונגען.

בכדי אויפצוהאַלטן דעם אינטערעס ביי דער יוגנט און די עלטערן, פלעגט דער „הכוח" פון צייט צו צייט איינלאַדן פּרעלעגענטן צו רעפערירן וועגן דער וויכטיקער באַדייטונג פון ספּאָרט פאַר דער יידישער יוגנט. ספּעציעל געדענק איך אַ רעפעראַט פון ד"ר לעסער פון קראָקע, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „מכבי"־פאַרבאַנד אין פּוילן. עס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער רעפעראַט, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק.

אחוץ די ספּאָרט־פייערונגען, פלעגט מען זומער־צייט

מאַכן אויספלוגן אין אַנדערע שטעט און פלעצער, אַפילו אַזוי ווייט ווי טשעכאָטשינעק, ווו עס האָבן געשפילט די יידישע מוזיקער גאָלד און פעטערסבורסקי. זייער אָפט פלעגט מען פאָרן אָדער גיין אין שערפּאָווער וואַלד וואָס איז געווען נישט ווייט פון לענטשיץ און פון אָזאָרקאָוו. די יוגנט פוןביידע שטעט פלעגט זיך דאָרט טרעפן און געמיטלעך פאַרברענגען דעם טאָג.

ס׳איז באַזונדערס ווערט צו דערמאָנען די זונטיקדיקע פאַרוויילונגען אין מיילעכס גאָרטן, מיטן אייגענעם אָרקעסטער, בופעט, פאַרשידענע אַטראַקציעס. מען פלעגט אויך איינלאַדן די יידישע קלובן פון די אַרומיקע שטעטלעך צו אונדז און מיר פלעגן אָפט פאָרן צו זיי אויף פייערונגען און פאַרוויילונגען.

ווי אומעטום, איז אויך ביי אונדז דער פוטבאָל געווען אַ פאָפּולערער ספּאָרט. ווען מ׳האָט געשפּילט מיט נישט־יידישע קלובן, איז די אַטמאָספער געווען אַ געשפּאַנטע. מערסטנטייל פלעגן מיר שפּילן מיט יידישע קלובן פון קוטנע, אָזאָרקאָוו, זגערזש אאז״וו.

איין מאָל, געדענק איך, האָבן מיר געשפּילט מיט דעם 37סטן פּולק פון קוטנע. מיר האָבן איינגעלאַדן צו גאַסט דריי שפּילער פון לאָדזשער „מכבי״: פרענקעל, בומעץ און סינאַדערקאָ. (אפרים ראָגאָזינסקי, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר געשפּילט אויפן דאָזיקן מעטש, געפינט זיך אויך אין מעלבורן. אויך דער שפּילער אברהם בענעדיק).

נישט קיין סך יידישע קלובן אין פּוילן האָבן געהאַט אַן אייגענעם אָרקעסטער. דעריבער איז דאָס שאַפן אַזאַ אָרקעסטער ביים לענטשיצער „הכוח״ געווען אַ גרויס געשעעניש. אין דער ערשטער ריי, האָט מען עס צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס מיר האָבן געהאַט צווישן אונדז דעם מוזיקער שמעון ברודזיצקי, — אַ מענטש מיט אַ סך ענטוזיאַזם און געדולד. די מוזיקער גופא האָבן באַצאָלט אַ היפּשן טייל פון דעם, וואָס די אינסטרומענטן האָבן געקאָסט. דעם רעשט האָט די יידישע באַפעלקערונג מיט צופרידנקייט געגעבן. מען קאָן זיך פאָרשטעלן די יום־טובדיקע שטימונג, ווען דער אָרקעסטער איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין גאַס. יונג און אַלט, קליין און גרויס, זענען געקומען זען און הערן דאָס גרויסע וווּנדער — אַן אייגענער יידישער אָרקעסטער!...

דער אין שטאָט באַקאַנטער אַנטיסעמיט שימאַנסקי האָט פאַר עגמת־נפש פאַרמאַכט זיין געוועלב, ווען דער יידישער אָרקעסטער האָט מאַרשירט און געשפּילט אויף די לענטשיצער גאַסן.

אויך אין דער אַרומיקער פּראָווינץ איז שנעל באַקאַנט געוואָרן דער לענטשיצער „הכוח״ מיטן אָרקעסטער. מיר זענען אָפט איינגעלאַדן געוואָרן אויף זייערע פייערונגען און קאָנצערטן.

אַן עפּיזאָד פון אַזעלכע רייזעס אין די שטעטלעך, איז מיר געבליבן אין זכרון:



פאַרוואַלטונג פון טורן־פאַראיין „הכוח״ אין לענטשיץ. פון לינקס: בינעם הערמאַן, זלמן באָרנשטיין, בערל שקולניק, יוסף קאָטעק. עס זיצן: זלמן נייהויז, משה יאַקובוויטש, מרדכי בזשעזשינסקי.

אין לאַסק נעבן פּאַביאַניץ, ווען דער אָרקעסטער האָט אָפּגעשפּילט אַן אוווערטורע, וואָס האָט געהייסן: „די פּוילישע קעניגין״, איז צו אונדז צוגעקומען דער פאָרשטייער פון לאַסקער קלוב און האָט געשטעלט אַ פעסל ביר פאַר דעם שיינעם מאַרש, וואָס מיר האָבן געשפּילט.

צו מיין אָפּפאָר קיין אויסטראַליע אין יולי 1938, האָט מען זיך געווונטשן צו דערלעבן גוטס, כאָטש אין מוח האָט שוין געעגבערט דער געדאַנק וועגן די פינצטערע וואָלקנס וואָס רוקן זיך אָן אויף דעם אייראָפּעישן האָריזאָנט, און וועלכע זענען געקומען פיל שנעלער, ווי מען האָט גערעכנט. אָבער מיר, לענטשיצער, דאָס קליינע הייפעלע לעבנגעבליבענע, וואָס זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט; די וואָס האָבן מיטגעלעבט און מיטגעאַרבעט אין „הכוח״, וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן די פּרעכטיקע יאָרן פון יידישער אַקטיוויטעט, פון אַ באַגייסטערטער יידישער יוגנט, וואָס איז אַזוי פּריצייטיק פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע.

כבוד זייער אָנדענק!

ווי אזוי זענען אומגעקומען די לענטשיצער יידן

גבית־עדות פון משה שערפּינסקי, אויפגענומען און איבערגעגעבן דורך דוד וואַכטעל ז״ל, פּאַריז.

באַלד נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן אין לענטשיצער קרייז, הויבן זיך אָן שיקאַנעס און גזירות, וואָס זייער ציל איז געווען צו טעראָריזירן, צעטומלען און דעמאָראַליזירן די יידישע באַפעלקערונג.

שפּעטער הויבן אָן צו פונקציאָנירן די „יודענראַטן״, „עלטסטע דער יודן״, יידישע פּאָליציי.

אין אָנהויב 1942, האָבן אין די געטאָס פון דער א. ג. „וואַרטעגאַו״ (לאָדזשער און אַ טייל וואַרשעווער וואָיעוודסטווע) זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז אין די וועלדער צווישן דאָמביע און קאָלאָ האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלן לאַגער, ווי זיי פאַרגאַזן און פאַרברענען יידן. עס קומען גלייכציטיק אָן ידיעות, אַז פון וואַנען די יידן ווערן אַוועק געפירט — ווערן זיי פאַרשוווּנדן. פויערים פון דער געגנט דאָמביע האָבן איבערגעגעבן, אַז אין דאָרף כעלמנאָ, 110 קילאָמעטער פון קאָלאָ, ברענגען די דייטשן מאַסן יידן, ווו זיי ווערן אויסגעהרגעט. יידן, וועלכע פלעגן אַרבעטן ביי דער באַן־סטאַציע, האָבן אָפט באַמערקט לאַנגע, אָנגעפּאַקטע פראַכט־צוגן מיט יידן, וועלכע מען האָט געפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

אַ יונגערמאַן, וואָס אים איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון טויטן־לאַגער כעלמנאָ, האָט איבערגעגעבן אין געטאָ, וואָס ער האָט דאָרט געזען. קיינער האָט אים אָבער נישט געוואָלט גלויבן, מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אומנאָרמאַלן, אָדער פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר. די יידן אַליין האָבן אים געדראָט איבערצוגעבן אין דער געסטאַפּאָ. בכדי זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון די אַלע קלאַנגען, באַשליסן די יידן אין לענטשיצער געטאָ צו שיקן שליחים קיין קאָלאָ, וואָס איז געווען די לעצטע סטאַציע פאַר דעם אויסראָטונג־לאַגער כעלמנאָ. פאַר געלט איז געלונגען דעם „עלטסטן דער יודן” אַרויסצובאַקומען פון דער געסטאַפּאָ אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פאַר צוויי יידן צו פאָרן נאָך קאָלאָ. די דעלעגאַציע קומט אָבער צוריק מיט גאָרנישט. ווייטער ווי ביז קאָלאָ האָבן זיי נישט געקאָנט פאָרן.

די לאַגע אין די געטאָס ווערט געשפּאַנטער, די קאָנטראָל איבערן געטאָ — אַלץ שאַרפער.

פּורים 1942 האָבן די דייטשע מערדער אויפגעהאָנגען צו 10 יידן אין יעדן געטאָ — אַן אָנצוגעהערעניש אויף די עשרת בני המן.

די געטאָ־איינוווינער ווערן אויפגעפאָדערט זיך צו מעלדן און רעגיסטרירן: צוערשט איין מאָל, דערנאָך צוויי מאָל טעגלעך. עס ווערט קלאָרער, אַז די לאַגע איז האָפנונגסלאָז, דער אומקום איז אומפאַרמיידלעך.

דעם 12טן אַפּריל 1942 (כ״ד ניסן), דער צווייטער טאָג נאָך פּסח, ווען די יידן האָבן אַ נאָכמיטאָג זיך אויסגעשטעלט, ווי געווינלעך, אויפן מאַרק־פּלאַץ, פאַרן בנין פון דער קאָמענדאַנטור, ווערן זיי פּלוצלינג אַרומגערינגלט דורך אַ מחנה געסטאַפּאָווצעס. מ׳האָט זיי באַלד אַוועק געפירט אויפן שטאָטישן ספּאָרט־פּלאַץ. זיי האָבן זיך מער נישט אומגעקערט אין זייערע היימען.

צומאָרגנס איז די שטאָט אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ באַנדע ס. ס.־לייט פון לאָדזש. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג. גרופּנווייז, צו 20—25 מאַן, ווערן די יידן אַריינגעטריבן און אַריינגעשטופּט אין הערמעטיש פאַרמאַכטע אויטאָס, וואָס פאָרן שנעל אָפּ צום טויט־לאַגער כעלמנאָ.

אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך.

דער אומקום פון די לענטשיצער יידן

אברהם ווישעגראָדזקי
אויסטראַליע

ווען די נאַצישע האָרדעס האָבן אָקופּירט פּוילן, איז צווישן די ערשטע שטעט, וועלכע זיי האָבן באָמבאַרדירט — געווען אויך אונדזער שטאָט. נאָכן אָקופּירן לענטשיץ, האָבן זיי צונויפגעטריבן די יידישע באַפעלקערונג אין דער שטאָטישער שול. גרויס איז געווען די בהלה, יאוש און שרעק פון די פרויען און קינדער.

ווי אין פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך, האָבן זיי אַרויסגענומען 10 מענער אַלס „זאַקלאַדניקעס” (ערובניקעס):

יעקב חיים לעסמאַן, יעקב שפּיגל (אויפן אָרט איז טעווע באַהאַריער געשטאָרבן פאַר שרעק), שפּרינגער, ראובן קאַלסקי, בן־ציון (פון זיין אייגענעם זון געהאָנגען, דערנאָך — דעם זון



פאַר דער אויסזידלונג ערב הגירוש

געהאָנגען), יעקב ווישעגראָדסקי (מיין ברודער), ישראל שייבע, אברהם אליהו שייבע, מרדכי שטאַר.



יעקב ווישעגראָדזקי, איינער פון די געהאָנגענע ערובניקעס, ביי וועמען דער שטריק האָט זיך איבערגעריסן בעתן אויפהענגען. נישט געקוקט אויף די אינטערנאַציאָנאַלע כללים, אַז אין אַזאַ פאַל ווערט אים געשאנקען דאָס לעבן — האָבן די דייטשן דאָך אים געהאָנגען.

דער נאָמען פון צענטן איז מיר אומבאַקאַנט, ווייל דאָס איז געווען אַ צוגערייזטער קיין לענטשיץ.

איך וויל באַמערקן, אַז ביים הענגען יעקב ווישעגראָדזקי, האָט פּאַסירט, אַז די שטריק האָט זיך איבערגעריסן. האָט ער זיך געוואָנדן צו דעם עלטסטן פון די ס.ס.־לייט און געזאָגט, אַז „לויט דעם אינטערנאַציאָנאלן געזעץ, דאַרף מען מיך נישט הענגען מער". האָט דער רוצח געענטפערט: „דו מוזט הענגען"!

אַ צווייטער פאַל האָט אויך פּאַסירט מיט יעקב שפיגל, אַז בעת מען האָט אים געפירט מיט די 9 מאַן צו דער תליה, איז ער געפאַלן אין חלשות. דאָס געזעץ זאָגט, אַז הענגען אַ מענטשן, מוז ער זיין ביים באַוווסטזיין. האָט מען אים אַרויסגענומען פון דער ריי און אים געמאַכט איינשפּריצונגען. און ווען ער האָט זיך שוין געפילט בעסער, האָט מען אים אויפגעהאָנגען.


אָט אַזעלכע זענען געווען די נאַצישע בעסטיאַלישע געזעצן!

די תליה האָט מען אויפגעשטעלט אין מיטן מאַרק, און דאָס גאַנצע שטעטל מענטשן האָבן געמוזט שטיין און קוקן גלייך צו דער תליה, ווי אויך די פרויען, קינדער און פאַמיליע — ווי מען הענגט זייערע נאָענטסטע.

שפּעטער האָט מען צוזאַמענגענומען די יונגע מענטשן און זיי צעשיקט אויף אַרבעט, אַ טייל אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַ גרויסע טייל אין די גאַז־קאַמערן, דער עיקר — קיין כעלמנאָ, די ערשטע געשאַפענע גאַז־קאַמער אין פּוילן.

מיט פאַרשידענע אכזריותדיקע טויטן, זענען פאַרשניטן געוואָרן די יונגע לעבנס פון אונדזערע נאָענטסטע קרובים: טאַטעס, מאַמעס, פרויען, קינדער, שוועסטער, ברידער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן געטיילט דעם טראַגישן גורל.

מיט גרויס יראת־הכבוד דערמאָנען מיר אונדזערע קדושים. אַ שטענדיקער קאָשמאַר שטייט פאַר אונדזערע אויגן. ביז אונדזער קבר — וועלן מיר זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן!



צוואַנגס־אַרבעט אין געטאָ — עבודת־כפייה בגיטו

די צען געהאנגענע

זלמן באָרנשטיין

מעלבורן, אויסטראַליע

מי בהרג ומי בחנק... פאַרשידנאַרטיק זענען געווען די טויטן, מיט וועלכע עס זענען אומגעקומען אונדזערע נאָענטע און טייערע אין יענע פינצטערע יאָרן, ווען די היטלער־מגיפה האָט געבושעוועט איבער דעם לעבעדיקסטן און שעפערישסטן טייל פון וועלט־יידנטום, וואָס האָט זיך געפונען אין פּוילן. ווען נישט בלויז יידיש האָב־און־גוטס, און אַלץ וואָס איז הייליק און טייער איז געוואָרן הפקר, נאָר דאָס לעצטע, דאָס פיזישע נאַקעטע לעבן, איז אויך געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט, דורך אַ טייוולאָניש אויסגעטראַכטן פּלאַן פון יענע „איבער־הערן" וואָס האָבן געוואָלט און ווילן נאָך באַהערשן די וועלט.

לענטשיץ איז געווען בלויז אַ צווייגל פון דעם קרעפּטיק צעוואַקסענעם בוים, וואָס האָט געהייסן יידיש פּוילן. אַ לעבעדיק צווייגל, וואָס איז מיטגעוואַקסן אין פאַרלויף פון פיל דורות און איינגעזאַפּט אין זיך די נאַרונג און זאַפטן פון די געזונטע וואָרצלען אירע.

און פונקט ווי צווייגלעך זענען ענלעך איינע צו דער אַנדערער, אַזוי אויך איז לענטשיץ געווען ענלעך צו די אומצאָליקע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן מיט זייערע מנהגים, יום־טובים, פּרנסות, פאַראיינען, פּאַרטיי־קאַמפן און קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.


די נאַציס וועלכע זענען באַגאַנגען אַלע פאַרברעכנס, וואָס מען געפינט נאָר אין אַ קרימינעלן קאָדעקס מיט אַ צולאָג פון זייערע אייגענע סאַדיסטישע דערפינדונגען, האָבן באַשולדיקט די אויסגעהונגערטע און אויסגעמוטשעטע לענטשיצער יידן, פאַרשפּאַרטע אין געטאָ, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן דעם לעצטן חפץ פאַר אַ פּאָר קאַרטאָפל, אָדער אַ שטיקל ברויט, כדי צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן, — אויב מען קען עס אַזוי אָנרופן, — אַז די יידן האַנדלען מיט גאָלד, און דערפאַר פאַראורטיילט זיי צום טויט. און נישט בלויז די פון געטאָ האָבן זיי באַשולדיקט, נאָר אויך יידן וואָס זיי האָבן אַליין אַריינגעוואָרפן אין תפיסה.

ביים ברענגען די פאַרמשפּטע פון טורמע, איז איינער פון שרעק געשטאָרבן. ווען אַלע יידן זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אין מאַרק, ווו אַ ספּעציעלע תליה פאַר די צען יידן איז געווען אָנגעגרייט, האָט דער אָנפירער פון די ס.ס.־לייט, קודם אַרויס־גענומען דעם ערשטן בעסטן ייד פון דער ריי צו פאַרטרעטן דעם פאַרשטאָרבענעם. דער אומדערוואַרטער קרבן, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צום ס.ס.־מאַן מיט זיין פרוי און צוויי יינגלעך, איז געווען יאַנקל שפּיגעל ז״ל, פאַר דער מלחמה אַ ייד אַן עושר.

דאָס וואָס איינער איז שוין געווען טויט פאַרן הענגען, רעכנט זיך נישט, אויב ס׳איז אָנגעגרייט אַ תליה פאַר צען, מוז מען אויפהענגען צען. אַזוי אַרום היט מען אָפּ די דייטשע אָרדענונג.

יידישער יום־טוב פורים... אַ באַפעל איז געוואָרן אַרויסגעגעבן, אַז אַלע יידן מוזן זיין אָנוועזנד ביי דער עקזעקוציע, קיינער טאָר נישט בלייבן אין דער היים, מען טאָר אויך נישט פאַרשליסן די טירן פון די הייזער, נאָר לאָזן זיי אָפן...

צווישן די געהאָנגענע זענען געווען די צוויי ברידער: ישראל און אליהו שייבע ז״ל, האָט איינער געמוזט פריער אויפ־הענגען דעם צווייטן. עס זענען אויך געווען צווישן זיי אַ פאָטער מיט אַ זון: בן־ציון און יעקב מאָשקאָוויטש ז״ל, האָט דער זון יעקב אויך געמוזט פריער אויפהענגען דעם פאָטער... צו אַזאַ מדרגה האָט זיך דערקייקלט דאָס דייטשע פאָלק אינמיטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען זוכנדיק צו באַהערשן די וועלט



די אָפּגעצוימטע „יידישע גאַס״ — אַ טייל פונעם געטאָ, ווו מ׳האָט אַריינגעשטויסן אַלע יידן פון שטאָט.

„הרחוב היהודי״ מגודר בתיל, כחלק מהגיטו שבו רוכזו יהודי העיר.

מיט איין געהאָנגענעם איז געשען אַ מכשול, די שטריק האָט זיך איבערגעריסן. דער נאָך לעבעדיקער יאַנקעלע ווישעגראָדזקי ז״ל, אַ יודע ספר, זאָגט צום דייטשן אָפיציר, אַז לויטן אינטערנאַ־ציאָנאַלן געזעץ טאָר מען אים מער נישט הענגען, און ער דאַרף בלייבן לעבן... — „פאַר יידן איז נישטאָ קיין געזעץ״, איז געווען דער ענטפער.

צען יידן האָבן זיי פאַרמשפּט צו ווערן אויפגעהאָנגען אין מיטן מאַרק. דער גנבישער הינטער־געדאַנק איז געווען: דער

מיט כוח, האָט מען זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ דע־גענערירטן מאַסן־מערדער.

נאָכן אומקום פון אונדזער יידישער לענטשיץ, באַווייזן מיר צווישן זיי אַלע אויך די צען געהאָנגענע יידן, די אַנדערע פיר יידן: נפתלי קאָן, יצחק שפּרינגער, מרדכי שטאַר און יעקב חיים לעסמאַן ז״ל, וועלכע זענען אַלע אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט פאַר זייער יידישקייט.

כבוד זייער אָנדענק!



דער יודענראַט, בראש פון מוטשניק, און אַ פאָרשטייער פון די ס.ס. קאָנטראָלירן די רשימה פון די יידן פאַר דער אויסזידלונג.

ה„יודנראט״, עם מוצ׳ניק בראש ונציג הס.ס., עוברים על הרשימה לפני הגירוש.

לענטשיצער אין פראַנקרייך

דוד וואַכטעל ז״ל
פּאַריז

מיט יראת־הכבוד און ציטער אין האַרצן זעץ איך זיך אַוועק שרייבן וועגן מיין פאַרשניטענער היימשטאָט לענטשיץ, וועלכע כ׳האָב פאַרלאָזט אין יאָר 1927, אויסוואַנדערנדיק נאָך פראַנקרייך. און ווי קאָן מען דיך פאַרגעסן, שטאָט פון דער קינדהייט און יוגנט, מיט אירע פּרעכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, פּאַרטייען און געזעלשאַפטן? אין מיין זכרון איז באַזונדערס איינגעקריצט דער דראַמאַטישער קרייז (אין וועלכן כ׳האָב אויך געשפּילט).

ווי אַ „גרינעם" איז מיר געווען שווער אויפן פּאַריזער באָדן. נאָך פאַרן קריג זענען געמאַכט געוואָרן ערנסטע פּרוּוון אויפצושטעלן אין פראַנקרייכס הויפּטשטאָט אַ לאַנדסמאַנשאַפט („סאָסייטי") פון אונדזערע בני־עיר. דער אויסברוך פון קריג האָט צונישט געמאַכט די אַלע פּרוּוון און פּלענער.

מיינע איבערלעבונגען אין דער אָקופּירער פראַנקרייך זענען אַ קאַפּיטל פאַר זיך. אַ דאַנק דער גוטהאַרציקייט פון עטלעכע פראַנצויזן, איז מיר געלונגען איבערצולעבן די קריג.

נאָך דער באַפרייאונג, איז דער דראַנג ביי דער לענטשיצער שארית־הפליטה צו שאַפן אַ סאָסייטי געווען זייער גרויס. די ערשטע אזכרה אין זאַל לאַנקרי האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. מיר זענען אָבער געווען צו ווייניק אין פּאַריז, כדי מיט אייגענע כוחות אויפהאַלטן די אָרגאַניזאַציע. עס איז דעריבער געווען נאַטירלעך אונדזער פאַרבינדן זיך מיט דער קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט, אונטער וועמענס גאַסטפריינטלעכן דאַך, בשותפות מיט נאָך בני־עיר פון עטלעכע אַרומיקע שטעטלעך, מיר געפינען זיך היינט־צו־טאָג און גייען אָן מיט אונדזער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.



יום הזכרון ליד המצבה בלנצ׳יץ (10.5.1946)
אָנדענק־טאָג ביי דער מצבה אין לענטשיץ (10.5.1946)

לענטשיצער אין אויסטראַליע

שלמה ראָגאָזשינסקי (ראָגערס)
מעלבורן

די שוידערלעכע ידיעות, וואָס זענען דערגאַנגען באַלד נאָך דער מלחמה וועגן דער פאַרניכטונג פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום און פון אונדזער שטאָט לענטשיץ, האָט אונדז באַוויגן צו שאַפן אין מעלבורן אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל אָנפירן מיט אַ הילף־אַקציע פאַר די לעבן־געבליבענע לענטשיצער יידן. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ לענטשיצער לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן. דער ערשטער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע חברים: צבי ריזמאַן, ז. באָרנשטיין, ש. ליסנער, דוד און אפרים ראָגאָזשינסקי. בעצם איז דאָס געווען אַ רעטונגס־קאָמיטעט.

מיר האָבן זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן לענטשיצער מאַגיסטראַט, כדי אויסצוגעפינען וויפל און ווער פון די יידן זענען געבליבן לעבן. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ד״ר האָלצער מיט זיין פרוי און נאָך עטלעכע זענען צוריק געקומען קיין לענטשיץ. די אַלע קאָנצענטרירן זיך אַרום זיין הויז. אונדז איז געלונגען אָנצוקניפּן מיט זיי אַ קאָנטאַקט. מיר האָבן באַלד אַדורכגעפירט אַ געלט־אַקציע. די ערשטע הילף וואָס מיר האָבן געגעבן: שיקן פּעקלעך מיט עסנוואַרג. אונדזער קאָמיטעט האָט זיך אויך פאַרבונדן מיטן אַלגעמיינעם יידישן הילפס־קאָמיטעט אין אויסטראַליע.

עס איז געלונגען די יידישע פאָרשטייער צו פּועלן ביי דער רעגירונג, זי זאָל דערלויבן אַריינצוברענגען אין לאַנד אַ טייל פון די לעבנגעבליבענע יידן. צו דעם צוועק האָט די לענטשיצער לאַנדסמאַנשאַפט אונטערגענומען אַן אַקציע, אַז די אַלע, וואָס ווילן קומען נאָך אויסטראַליע, זאָלן דורך אונדז דערהאַלטן איינרייזע־דערלויבענישן. לויטן געזעץ, האָבן נאָר נאָענטע קרובים געקענט קומען: זענען מיט איין מאָל אַלע לעבנגעבליבענע לענטשיצער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אונדזערע ברידער און שוועסטער. אַלע אונדזערע פאַרלאַנגען, אויף אַריינפאַר־דערלויבענישן — זענען געגעבן געוואָרן.

צו דעם אַלעם האָט זיך געפאָדערט אַ סך געלט אויף שיפסקאַרטן. מיר האָבן זיך געוואָנדן צו אונדזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע, אָבער פון דאָרט קיין מאַטעריעלע הילף נישט באַקומען.

די ערשטע לענטשיצער, וואָס זענען געקומען נאָך אויסטראַליע, זענען געווען סמיט פון גראַבאָווע מיט זיין פרוי (אַ טאָכטער פון האַרינאַק). דאָס איז נאָך געווען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיט זיי האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע אימיגראַציע פון לענטשיץ נאָך אויסטראַליע. ס׳איז באַלד געקומען איר ברודער האַרינאַק מיט זיין פרוי (פון דער היים ריזמאַן). אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן, קומען אויך סיימאָן יאָסקאָוויטש מיט זיין פאַמיליע. שפּעטער, ווען די יידן האָבן אין פּוילן נישט געקענט עקזיסטירן צוליב די שווערע שטייערן, קומען נאָך מעלבורן ריזמאַן, שאַפּיראָ און טשערניקאָווסקי מיט זייערע פאַמיליעס. עס זענען אויך געקומען ח. האַריניאַק, יענטע ריזמאַן, ס. פּיעטרקאָווסקי און דוד ראָגאָזשינסקי.

ביי דער ענדע פון די 20־קער יאָרן, בעת דעם עקאָנאָמישן

קריזיס אין אויסטראַליע, ווערט די אימיגראַציע אָפּגעשטעלט. אין יאָר 1936 ווערן די טויערן ווידער געעפנט, אָבער נאָר פאַר נאָענטע קרובים. און ווידער הייבן לענטשיצער אָן צו קומען: לאה טשעריאַקאָווסקאַ, די שוועסטער שוואַרצפעלד, זלמן באָרנ־שטיין און פרוי, יוסף הירש לוסנער פון פּאַריז מיט זיין פאַמיליע, קאָלסקי פרייטמאַן מיט זיין פאַמיליע, אהרון לעסנער מיט די פאַמיליע, שלמה און אפרים ראָגאָזשינסקי, גרשון שוואַרצפעלד, אליעזר שקאָלניק, ש. ליסנער און ג. קלוגערמאַן (די לעצטע דריי האָבן זייערע פרויען און קינדער פאַרלאָרן אין פּוילן).

אין סעפּטעמבער 1939, ווען ס׳ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה, ווערן מיר ווידער אָפּגעשניטן פון אונדזער אַלטער היים. ערשט סוף 1945 באַקומט דער קאָמיטעט פון דער „לאַנדס־מאנשאַפט לענטשיץ" אַ פולע ליסטע פון די לעבן־געבליבענע לענטשיצער יידן. די ערשטע, וואָס זענען אָנגעקומען נאָך מעל־בורן, זענען געווען: ד"ר האָלצער, יהושע־הירש יאַכימאָוויטש מיט זייערע פרויען. דערנאָך קומען אברהם ווישאָגראָדזקי מיט זיין פרוי, עקיבא האריניאַק, אברהם בענעדיג, שקאָלניק, די ברידער שלאַמאָוויטש, די ברידער בענעדיק, די ברידער יאַכי־מאָוויטש מיט זייערע פרויען, לידאַ ראָגאָזשינסקאַ, קובאַ ראָ־גאָזשינסקי, דער זון פון אינזשיניער יחיאל־מאיר, יאַנקל בזשע־זשינסקי מיט זיין שוועסטער רויזע, לאַנדוי מיט איר מאַן, בעריש מיט זיין פרוי עטקאַ, בענקעל פון גראַבאָווע, טשעלסקי און פרוי, אליהו סרעבנאַס טאָכטער און מאַן. דערנאָך קומט פון פּאַריז אַדוואָקאַט שייבע.

נישט אַלע וואָס האָבן פון אונדז באַקומען איינרייזע־דער־לויבענישן, באַזעצן זיך אין אויסטראַליע, א טייל זענען געפאָרן נאָך קאַנאַדע, אַמעריקע און ישראל.

אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר אַהערגעבראַנגט עטלעכע לענטשיצער פאַמיליעס, צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד נאָך פּוילן. דאָס זענען די פאַמיליעס שטאַר, אירקע גאָלדמאַן, ווייסעלנער, די ברידער ענגעלמאַן מיט זייערע פאַמיליעס, די פאַמיליע שמעון האַריניאַק. אַלע האָבן זיך איינגעאָרדנט.

אונדזערע לאַנדסלייט האָבן מאַטעריעל בייגעשטייערט צום אַרויסגעבן דאָס ספר לענטשיץ, וואָס איז דערשינען אין ישראל, רעדאַגירט דורך הרב פרענקעל. מיר האָבן געפּלאַנצטביימער אין יער הקדושים אויפן נאָמען פון לענטשיצער קהילה. ביים היינטיקן טאָג עקזיסטירט אַ קאָמיטעט, וועלכער באַשטייט פון זלמן באָרנשטיין, אברהם ווישאָגראָדזקי, שמשון ליסנער און דער שרייבער פון דעם באַריכט.

אונדזערע לאַנדסלייט טרעפן זיך צוזאַמען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. ביי אונדז איז נאָך געבליבן טיף איינגעוואָרצלט דער סענטימענט פאַר אונדזער אַלטער היים, וואָס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען דורך די בעסטיאַלע דייטשע רוצחים, ימח שמם.



קאָמיטעט פון לענטשיצער אין אויסטראַליע — ועד בני לנצ׳יץ באוסטרליה

מיין שטעטל קרושניעוויץ

חננאל האָפמאַן
טולוז (פראַנקרייך)

מיטן אַרויסגעבן דאָס יזכור־בוך „ספר קוטנה והסביבה", וועלן אויך מיר, די שארית־הפליטה פון קרושניעוויץ, האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַשרייבן און פאַראייביקן אונדזער שטעטל, איר עקאָנאָמיש, קולטורעל און רעליגיעז לעבן. אַוודאי איז קרושניעוויץ געווען ענלעך צו אַ סך אַזעלכע שטעטלעך אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, אָבער אָן גוזמא און מליצה מעג געזאָגט ווערן, אַז דער דראַנג נאָך וויסן איז אין קרושניעוויץ געווען אַזוי גרויס, אַז פאַרטיי־טוער און עסקנים, פרעלעגענטן און שליחים פון גרויסע שטעט, קומענדיק צו אונדז, פלעגן אייַנטענהן: „צו וואָס דאַרפט איר ברענגען אַהער מענטשן פון דער גרויסער שטאָט, בעת איר אַליין האָט דאָ גוטע, אייגענע כוחות?"

די ווייטערדיקע שורות פרעטענדירן נישט צו זיין אַן אַלזייטיקע און אויפאַסנדיקע געשיכטע פון קרושניעוויץ, נאָר פערזענלעכע דערינערונגען פון מחבר — ווי אַזוי דאָס שטעטל האָט געלעבט, געקעמפט, געליטן און אומגעקומען על קידוש־השם.

זאָל די דאָזיקע אַרבעט זיין אַ באַשיידענער צושטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור ווי אויך אַ מצבה פאַר די אַלע, וואָס זענען דערמאָרדעט און פאַרפייניקט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים ימ"ש.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס שטעטל

בלויז דרייצן קילאָמעטער האָבן אָפּגעטיילט קרושניעוויץ פון קוטנע. אָנקומענדיק קיין קרושניעוויץ, איז מען גלייך אַרייַנגעפאַלן אין סאַמע האַרץ פון יידישקייט. פון ביידע זייטן הויפּטגאַס — קליינע הייזער, דער רוב פון האָלץ. בעת אויף דער רעכטער זייט גאַס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס רעליגיעזע לעבן (בית־המדרש, די שול, דאָס גערער שטיבל, די מקווה, און אין אַ באַזונדער הויז האָט געוווינט דער רב) — האָבן אויף דער לינקער זייט זיך געצויגן די פעלדער פון כראַביע דעמבעלינסקי, וווּ ס'האָבן זיך געפּאַשעט די שטאָטישע בהמות. אויף יענער זייט גאַס האָט זיך אויך געפונען די שטאָל־גיסעריי פון דיזנערן און עטלעכע הייזער באַוווינטע דער עיקר דורך יידן.

די גאַס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן פּלאַץ, אויף וועלכן עס זענען צוויי מאָל אין וואָך פאָרגעקומען די מערק. דאָ האָבן יידישע קרעמערס און הענדלערס אויפגעשטעלט זייערע ביידלעך און סטראַגאַנעס, יאָגנדיק זיך נאָך פרנסה.

ווייטער פון דעם פּלאַץ — די אַלייען מיט דער קלאַדאָווער גאַס, וווּ די יוגנט פלעגט שפּאַצירן. צום סוף פון די אַלייען האָט זיך געפונען די סטאַציע פון דער קאָלייקע. די דאָזיקע קליינבאַן איז געפאָרן מיט דער שנעלקייט פון פופצן קילאָמעטער אַ שעה און פאַרבונדן קרושניעוויץ מיט לענטשיץ, אָזאָרקאָוו און אַנדערע ערטער.

אויף דער רעכטער זייט פון פּלאַץ איז געווען די אָסטראָווער גאַס, מיט איר באַרימטן פּאַרק פון גראַף דעמבעלינסקי, אַ פּאַמיליאַר מיטן לעצטן רוסישן צאַר ניקאָליי דער צווייטער. אויף דער לינקער זייט פּלאַץ — די לענטשיצער גאַס מיטן „חזיר־מאַרק", און אויך — דער קלויסטער.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס שטעטל קרושניעוויץ, מיט אירע 3500 אייַנוווינער, צווישן זיי — 1300 יידן.

יידישע פרנסות

פון וואָס האָבן יידן געלעבט אין אַזאַ שטעטל? אויף דעם געביט איז נישט געווען קיין גרויסער אונטערשיד מיט דער יידישער עקאָנאָמישער לאַגע אין אַנדערע שטעטלעך אינעם פאַרמלחמהדיקן פוילן. דאָמינירט האָט דער האַנדל: מיט תבואה, מיט פערד און בהמות, קרעמעריי, דאָרפס־גייער. און אויך, פאַרשטייט זיך, בעלי־מלאכות: שניידערס, שוסטערס, בלעכערס, טישלערס. האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, איז מען אויך געוואָרן אַ שדכן און אַ מלמד. פון די אַלע באַשעפטיקונגען איז נאָך געווען ווייט צו פרנסה, נאָר ווי פלעגט מען ביי אונדז זאָגן: „מען שטופּט די בידע".

געווען אַזעלכע פאַכן, וואָס קיין פרנסה האָבן זיי נישט געגעבן, אָבער אַ נאָמען — אַז מ'האָט קיין מאָל נישט געוווּסט דעם אמתן פאַמיליע־נאָמען פון אַזאַ ייד, ווי צום ביישפּיל: דער זייפן־זידער, דער אייל־שלעגער, דער שפּילקע־מאַכער, דער וואַטן־מאַכער. האָט מען דערמאָנט דעם אייל־שלעגער, האָבן אַלע געוווּסט, אַז מען מיינט נישט קיין אַנדערן, ווי נאָר ר' יצחק־פייוויש ריבסקי; און וואַטן־מאַכער געהערט בלויז צו יעקב־וואָלף גייגער. אָדער מען פלעגט אָנגעבן דעם פאָרנאָמען און באַלד צוגעבן די באַשעפטיקונג: שאול גלעזער, זעליג בעקער, הערשל שוסטער אאַז"וו.

דאָס לעבן אין שטעטל איז געווען גענוג טרויעריק. בימי גראַבסקי איז די לאַגע געוואָרן גאָר ביטער. דאָס לעצטע ביסל זשעמקייט פון אַ ייד האָט דער שטייער־אַמט אויסגעשטעלט אויף ליציטאַציעס. דאָס שטעטל האָט אַדורכגעמאַכט אַ ירידה. די כלומרשטע גבירים זענען פאַראָרעמט געוואָרן, דער קרעמער, האַנטווערקער און אַרבעטער זענען פשוט אויסגעגאַנגען.

אַזאַ בילד פון קרושניעוויץ, אין די יאָרן 1929—1930, איז אייַנגעקריצט אין מיין זכרון.

אין יאָר 1934 בין איך פון אַפריקע געקומען קיין קרושניעוויץ און געהאַט דעם אייַנדרוק, אַז די אָרטיקע יידן דרייען זיך אַרום ווי לעבעדיקע מתים. מענטשן אין די פערציקער יאָרן האָבן אויסגעזען אַלט און די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט האָט געלעבט אָן אַ פּערספּעקטיוו און אויסזיכט צו עפּעס זיך דערשלאָגן. זענען זיי דעריבער זיך צעלאָפן אין די גרעסערע שטעט צו לערנען אַ פאַך און פאַרדינען אויף חיונה. די עלטערע מענטשן, די בעלי־מלאכות און קרעמערס, פלעגן גאַנצע טעג שטיין אין ווינקל פון גאַס, ווּ ס'האָט זיך געפונען וואָלף קירשטיינס אייזן־געוועלבל — און אויסגעקוקט אַ פאַרדינסטל: אפשר וועט זיך באַווייזן אַ פויער מיט אַ פעלעכל פון אַ קרוליק, אָדער מיט אַ זעקל ווייץ?!...

פאַרנאַכט זענען די יידן אַוועק אין בית־המדרש, צו מנחה־מעריב. ביי דער געלעגנהייט האָט מען שוין גערעדט פון פּאָליטיק און געוואַרט אויף אַ נס פון הימל...

די עמיגראַציע און עליה קיין ארץ־ישראל האָט דערמעגלעכט אַ טייל יוגנטלעכע צו באַפרייען זיך פון דער קליינשטעטלדיקער אויסזיכטלאָזיקייט. פון די וואָס האָבן זוכה געווען צו באַקומען סערטיפיקאַטן און עולה זיין קיין ארץ־ישראל, געדענק איך: יוקיש גראַבינסקי, דוד ראָזען, אברהם טראַמאַן מיט זיין פרוי, יחזקאל באַגנאָ. דער לעצטער איז אומגעקומען אין א"י דורך די ענגלענדער.

נאָר טראָץ די אַלע שאָטן־זייטן אינעם יידישן לעבנס־שטייגער אין קרושניעוויץ, זענען אויך געווען אַ סך ליכטיקע מאָמענטן — און די שארית־הפליטה פון אונדזער שטעטל דערמאָנען מיט שטאָלץ יענע תקופה, ווען קרושניעוויץ האָט געשמט איבער פוילן מיט איר למדנות און פרומקייט, פונקט ווי מיט איר וועלטלעכקייט און פאַרביקן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַ ביסל געשיכטע

אין די לעצטע יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, איז קרושניעוויץ באַרימט געווען איבער גאַנץ פוילן צוליב איר נגיד און בן־תורה ר׳ יעקב ענגעלמאַן, איינער פון די גרעסטע וואַלד־סוחרים. ער האָט פאַרמאָגט אייגענע דערפער. איין דאָרף האָט אַפילו געטראָגן זיין נאָמען — יאַנקאָוויצע. אין זיינעם אַ צווייטן דאָרף, גלאַזנאָווע, האָבן אָפּגעשטאַט וויזיטן די גרעסטע נגידים און תלמידי־חכמים, ווי ר׳ יהושיעלע קוטנער. ענגעלמאַנס קאָטש מיט די שיינע פערד איז תמיד גרייט געווען צו פאָרן צו דער סטאַנציע און ברענגען צו אים אין הויף אַריין די אָנגעזעענסטע געסט.

י. י. טרונק, אַליין אַן אייניקל פון ר׳ יהושיעלע קוטנער, אַ געבוירענער אין קוטנע און מחבר פון דעם זיבן־בענדיקן ספר „פוילן", שילדערט דאָרט דעם הויף פון ר׳ יעקב ענגעלמאַן: צענדליקער אָרעמעלייט, חסידים, לומדים און סתם שלעפּערס, מיט זייערע גאַנצע פאַמיליעס, האָבן זיך דאָרט באַזעצט אויף וואָכן און געהאַט צו עסן און צו טרינקען. אַלע שפּייכלערס, דאָס גאַנצע האָב און גוטס איז געווען אָפן פאַר אַלעמען. דאָס בית־המדרש וואָס האָט זיך געפונען אין דעם זעלבן דאָרף, איז פול געווען מיט לומדים. עס האָבן נישט געפעלט קיין מקוואות — באַזונדער פאַר מענער, באַזונדער פאַר פרויען. דער דאָזיקער הויף איז אָבער געווען אויסגעשטאַט ווי אַלע פּריצישע גרויסע הויף אין פוילן.

„אין די זומערדיקע דאָנערשטיקן — שרייבט י. י. טרונק — זענען אַלע וועגן פול געווען מיט וואַנדערנדיקע אָרעמעלייט, וועלכע זענען געגאַנגען נאָך גלאַזנאָווע אויף שבת. די לייוונטענע בוידן וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט, זענען געשטאַנען צווישן ר׳ יעקבס פּורן און קאָטשן. די ווייבער פון די בעטלערס האָבן נישט פּרעגנדיק ביי קיינעם, געגאַנגען אין די קי־שטאַלן און געמאָלקן די קי, ווי דאָס וואָלט געווען זייער אייגנטום".

אַזאַ רייכקייט איז דעמאָלט געווען ביי געציילטע יידן אין פוילן.

צווישן זיינע געסט איז אויך געווען דער גרויסער ר׳ ישעיה פּריוועס, דער זיידע פון י. טרונקס פרוי. אין דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום, האָט י. פּריוועס פאַרנומען איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער.

קרושניעוויץ האָט אויך געשמט אין דער למדנישער וועלט מיט איר רב הגאון ר׳ אברהמעלע באָרנשטיין, אַן איידעם פון קאָצקער רבין ר׳ מענדל מאָרגנשטערן. ר׳ אברהמעלע איז שפּעטער געוואָרן סאָכאַטשאָווער רבי און מ׳האָט אים פאַררעכנט, צוזאַמען מיט ר׳ יהושיעלע קוטנער, פאַר די צוויי גרעסטע גאונים אין פוילן.

מיטן אונטערגיין פון ר׳ יעקב ענגעלמאַנס הויף, זענען אויך פאַרשוווּנדן די אַנדערע נגידים פון שטעטל. אמת, אין עשירות האָבן זיי נישט געקענט זיך פאַרגלייכן מיט ר׳ יעקבן, אָבער קרושניעוויץ האָט אויך שטאָלצירט מיט אַזאַ אָנגעזעענעם ייד ווי אברהם ראָזען, וועלכער איז שבת געגאַנגען אין שול אַריין מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ און דערצו נאָך — קורץ געקליידעט. דאָס איז אין יענער תקופה געווען אַ גאַנצע איבערקערעניש אין אַזאַ קליין שטעטל.

ביסלעכווייז האָבן די נייע ווינטן אָנגעהויבן זיך אַריינרייסן קיין קרושניעוויץ. עס באַווייזט זיך דער „בונד", וועלכער פירט זיין אַרבעט צווישן די בעלי־מלאכות, ווייל קיין אַרבעטער זענען דעמאָלט נישט געווען. די יוגנט הייבט אָן לייענען פאַרבאָטענע ביכער. בראש פון דער ערשטער בונדישער גרופּע זענען געשטאַנען בנימין פלאַכטע, שמעיה קויפמאַן און אַנדערע.

דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 האָט אויך געהאַט זיינע פאָלגן אין שטעטל. עס זענען פאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן. אַ גרויסן טייל איז געלונגען צו אַנטלויפן אין אַנדערע לענדער. עס זענען אָבער געבליבן קענטיקע שפּורן פון דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

אַזוי זענען זיך געלאָפן די יאָרן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין נאָוועמבער 1914 באַזעצן די דייטשן אונדזער שטעטל. די שיסערייען הערן אויף, עס רוקן זיך אָבער אָן אַנדערע צרות: הונגער, קראַנקייטן, עפּידעמיעס און אַנדערע שלעק, וועלכע אַ מלחמה ברענגט מיט זיך.

דאָס שטעטל וויל אָבער לעבן. יידן נעמען זיך ווידער צום האַנדל און צו מלאכה, די יוגנט מאַכט אַן ערנסטן פּרוּוו אויפצושטעלן אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע. אין דער געגרינדעטער „הזמיר"־געזעלשאַפט גרופּירט זיך די בעסערע יוגנט.

עס אַנטשטייען אויך פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּן, דערווייל אָן קלאָרע פּראָגראַמען, אָן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער ראָם. אין „הזמיר" גייען אָן ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס און אַרומרייסעניש. יעדע גרופּע שטרעבט צו אַ מערהייט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק.

אין יענער צייט האָט אין קרושניעוויץ זיך געפונען יעקב־מאיר קויאַווסקי, וועלכער איז געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער בונדישער ביבליאָטעק. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין רעדנער־טאַלאַנט. אין יאָר 1920 עמיגרירט ער קיין אַמעריקע, ענדיקט דאָרט אַ הויכשול און פאַרנעמט היינט אַן אָנגעזעען אָרט אין דער אָנפירונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. זיין טרייד־יוניאָן האָט אים אַפילו בעת די וואַלן צום ניו־יאָרקער שטאַטראַט, אַרויסגעשטעלט אויף דער קאַנדידאַטן־ליסטע.

אויך אויפן רעליגיעזן געביט האָט קרושניעוויץ נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו שעמען. דאָס בית־המדרש איז שטענדיק פול געווען מיט בחורים, וועלכע האָבן דאָרט יום ולילה געלערנט, נאָר גלייכצייטיק „אונטערגעזינדיקט" מיט וועלטלעכקייט, געלייענט אַ צייטונג, דיסקוטירט, אָנטיילגענומען אין וואַל־קאַמפּאַניעס און בכלל ווייט געווען פון פאַנאַטישקייט. צו די יונגעלייט האָט געהערט הערש־אברהם אָפּאָטשינסקי, וועלכער האָט פאַרלאָזט דאָס בית־המדרש און געוואָרן פירער פון דער לאָקאַלער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (איצט איז ער ראַבינער אין איינער פון די אַמעריקאַנער שטעט).

צווישן די־אָ בחורים איז געווען חנן גייגער, יחזקאל זיידע, משה־יוסף האָפמאַן. דער לעצטער, אַ טרייער תורה־לערנער, האָט אָבער נישט פאַרפעלט קיין איין טאָג צו לייענען די צייטונג. אין די אָוונטן האָבן מיר באַמערקט, אַז ער שרייבט ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אין העברעיש אַ ראָמאַן „שמע ישראל". דער אינהאַלט פון דעם ראָמאַן: בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה טרעפן זיך צוויי יידישע זעלנער פון זיך שלאָגנדיקע לענדער אויפן פראָנט. ביידע שטעכן זיך, און פאַלנדיק, שרייען ביידע אויס „שמע ישראל"... דער דאָזיקער ראָמאַן האָט נישט דערזען די ליכטיקע שיין, ווייל דער מחבר האָט נישט געהאַט גענוג געלט. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען אין קרושניעוויץ איז אויסגעבראָכן די טיפוס־עפּידעמיע, שטאַרבט משה־יוסף. מיט אים פאַרשווּנדעט אויך דער מאַנוסקריפּט פון ראָמאַן.

אין די יאָרן פון פוילנס זעלבשטענדיקייט

די ערשטע וועלט־מלחמה איז געענדיקט. פוילן ווערט זעלבשטענדיק, עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה. זי דויערט אָבער נישט לאַנג. ווידער אַ מלחמה. דאָס מאָל — צווישן פוילן און דעם באָלשעוויסטישן רוסלאַנד. אַלע מיליטער־פליכטיקע יונגע־

לייט ווערן מאָביליזירט, נאָר גלייכצייטיק ווערן דעמאָלט מאַסן ייִדן אַרעסטירט אונטער דער באַשולדיקונג פון שפּיאָנאַזש, פון סימפּאַטיזירן מיטן קאָמוניסטישן רוסלאַנד. די אַרעסטירטע ווערן — אַלס שונאים פון פוילן — פאַרשיקט אין אַ לאַגער הינטער קראָקע. צווישן זיי געפינען זיך אונדזערע לאַנדסלייט מיכאַל מידלאַק, אהרון קויאַווסקי, מרדכי וויגדאָרטשיק, שבתאי קירש און זיין שוועסטער חיה־ראַצע. קירש איז אַ היים גע־קומען פון לאַגער אַ קראַנקער און צעבראָכענער. שפּעטער איז ער געשטאָרבן. פון דער גרופּע לעבן היינט חיה־ראַצע קירש און וויגדאָרטשיק. די אַנדערע צוויי זענען אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ.

בעת די מלחמה מיט די רוסן דויערט נאָך, באַווייזן זיך זעלנער פון גענעראַל האַלער, באַקאַנט צווישן די ייִדן אַלס „האַלערטשיקעס". די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע מיליטער־לייט באַפאַלן ייִדן אין גאַס, אויף די באַנען, אין עפנטלעכע ערטער, רייסן און שניידן די בערד, שלאָגן און איזדעקעווען זיך איבער ייִדן. זיי באַווייזן זיך אויך אין קרושניעוויץ, טוען דאָ אָפּ זייער פּאָגראָם־מלאכה און פאַרשווינדן.

נאָר צו די צרות נעמט נישט קיין סוף. אַ נייע פּלאָג — אַן עפּידעמיע פון טיפוס. זי רייסט זיך אַריין אין שטעטל און זייעט דאָ טויט און חורבן. הונדערטער מענטשן שטאַרבן אויס. אין יעדער שטוב זענען דאָ קראַנקע, אָדער שוין קרבנות פון דער מוראדיקער קראַנקייט. די האַרבע סאַניטאַר־היגיע־נישע באַדינגונגען אין וועלכע מ'האָט דעמאָלט געלעבט, האָבן בלויז פאַרגרעסערט די געפאַר, באַזונדערס ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג. גרויסע משפחות האָבן געוווינט אין אַ קליין צימערל, עסן איז קיין מאָל נישט געווען צו דער זעט.

קינדער באַווייַנען זייערע עלטערן און עלטערן — די קינדער. מען זוכט וועגן זיך צו ראַטעווען. מ'לויפט אין די דערפער. פרומע ייִדן פאָרן צו רבנים. גוטע ייִדן באַשליסן, אַז כדי אָפּצושטעלן די עפּידעמיע, דאַרף מען שטעלן אַ חופה אויפן בית־עולם. מען געפינט אַ פּאָרל: אַן אָרעמער וואַסער־טרעגער און אַן עלטערע, אָרעמע מויד. די חתונה ווערט גע־פּראַוועט אויפן בית־עולם. די לעבן־געבליבענע פון עלטערן דור פון קרושניעוויץ געדענקען אַוודאי ווי דאָס גאַנצע שטעטל האָט באַגלייט מיט אָרקעסטער און אָנגעצונדענע פאַקעלן דאָס פּאָרל אויפן בית־עולם און דאָרט איז געשטעלט געוואָרן די חופה... דאָס איז באמת געווען אַ טרויעריקער ספּעקטאַקל. עס האָט נאָך געדויערט עטלעכע חדשים, ביז די מגיפה האָט זיך אָפּגעשטעלט.

עס נעמט אַ סוף צום פויליש־באָלשעוויסטישן קריג. די פאַראָרעמונג צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג איז גרויס. הילף איז דרינגענד נייטיק. דער „דזשאָינט" שיקט שפּייז און אָנטאָן פאַר די נויטבאַדערפטיקע. דער געגרינדעטער האַנטווערקער־קאָמיטעט אין קרושניעוויץ פאַרנעמט זיך מיטן פאַרטיילן די הילף. מען שאַפט אויך אַ קיך, וואָס טיילט מיטאָגן פאַר קינדער, בעת די עלטערע באַקומען טרוקענע פּראָדוקטן. מיטן קאָמיטעט האָבן אָנגעפירט די פאָלקס־מענטשן מרדכי בלומענפעלד, הערש קירש (דער שמש), אברהם קאָשיק, יעקב וויגדאָרטשיק, פּנחס־לייזער האָפמאַן און אַנד. די אַלע געפינען זיך שוין אויפן עולם־האמת.

אונדזערע פּאַרטייען, עסקנים און געזעלשאַפטלעכע טוער

אין די יאָרן 1924—1925 הייבט זיך אָן דער געזעלשאַפט־לעכער באַרג־אַרויף אין קרושניעוויץ. עס אַנטשטייען פּאַר־טייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס גיט אַ ברייט פעלד פון טעטי־קייט פאַר לאָקאַלע טוער, די העוסקים בצרכי ציבור.

דער עיקר פאַרמעסט אויף דער קרושניעווי־צער ייִדישער גאַס קומט פאָר צווישן די צוויי כוחות: בונדיסטן און ציו־ניסטן. עס אַנטשטייען פּאַרטייען, יוגנט־קלובן, ספּאָרט־געזעל־שאַפטן, דראַמאַטישע קרייזן, ביבליאָטעקן. עס קאָכט זיך און רודערט זיך אין שטעטל. מ'וויל אויך פאַרגעסן די פאָלגן פון די מלחמה־יאָרן און די שפּעטערדיקע צרות אין גלייכ־צייטיק אַרויסרייסן זיך פון דער גראָער קעגנוואַרט

פאַרשטייט זיך, אַז דער הויפּט־פאַרמעסט גייט איבער דער יוגנט. מיטינגען, פאַרזאַמלונגען, לעקציעס, קרייזן — איינער וויל איבערצייגן דעם צווייטן. בעת דער „בונד" געווינט זיינע אָנהענגער צווישן אַרבעטער און בעלי־מלאכות, געלונגט די ציוניסטן צו האָבן אויף זייער זייט דעם מיטלשטאַנד און די פאַרמעגלעכע ייִדן. פון די ציוניסטישע טוער האָבן זיך אויסגעצייכנט: הערש־אברהם אָפּאַטשינסקי (איצט — טאַרלאָ, וווינט אין אַמעריקע), זיין פרוי פּערל שמערלאָווסקי, קאָפּל גייזלער, זיין פרוי אַנדזשע פאָגעל און אַנדערע.


ביים „בונד": בנימין פּלאַכטע, לייזער קויאַווסקי, ישעיה שוואַרצבאַרד, און דער ייִנגסטער פון זיי — ישראל האָפמאַן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער אָנגעזעענסטער טוער אינעם אַלגעמיינעם ייִדיש־קרושניעוויצער לעבן. ער איז געווען די נשמה און דאָס האַרץ פון אַלע געזעלשאַפטלעכע אַקטיווי־טעטן אין שטעטל.

ישראל האָפמאַן איז געבאָרן געוואָרן אין קרושניעוויץ אין יאָר 1902. אַלט זייענדיק 9 יאָר, איז אים געשטאָרבן דער פאָטער. אין גאָר פריען עלטער ווערט ישראל אַ שניידער־געזעלן, הייבט אָן זיך אינטערעסירן מיטן אַלגעמיינעם און אַרבעטער־לעבן אין שטעטל. ער שליסט זיך אָן אין „בונד", גרינדעט דעם נאָדל־פאַראיין, אין וועלכן עס שליסן זיך אָן אַלע שניידער־אַרבעטער אין קרושניעוויץ. ער שטייט בראש פון עטלעכע שטרייקן, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דערפאָלג. זיין פּאָפּולאַריטעט שטייגט.

ישראל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין רעדנער־טאַלאַנט. דאָס שטעטל האָט אים ליב, ער דערציט אַ גאַנצן דור יוגנט־לעכע צו געזעלשאַפטלעכן קאַמף. אַפילו זיינע פּאַרטיי־קעגנער רעדן וועגן אים מיט רעספּעקט. ביי די וואַל־קאַמפּאַניעס צום שטאָטראַט און צום סיים, גייט מען הערן זיינע פלאַמיקע רע־דעס. ער שאַפט אויך אַ דראַמאַטישן קרייז, שפּילט אַליין און רעזשיסירט פּיעסן. און ווי דער שטייגער — אויך אויף דעם געביט ווייזט ער זיך אַרויס אַלס פעיקער יונגערמאַן. זיין אויס־סערלעכע שיינקייט (אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, אַ געדיכטן קאָפּ שוואַרצע האָר) און דרייסטקייט, האָבן זיך געקענט פאַרעכענען צו זיינע מעלות.

קרושניעוויץ ווערט פאַר אים צו קליין. ער פאָרט אַריבער קיין לאָדזש, ווערט דאָרט פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין נאָדל־פאַראיין. דעם זעלבן אַמט פאַרנעמט ער גלייך נאָך זיין אַרי־בערפאָרן אין אַ צייט אַרום קיין וואַרשע. שפּעטער ווערט ער מיטגליד אינעם צענטראַל־ראַט פונעם באַקלייד־פאַראיין אין פוילן. ער האָט חתונה אין וואַרשע (דער שרייבער יהושע פּערלע ווערט זיין שוואָגער), ס'ווערט אים געבאָרן אַ זון. אין סעפּטעמ־בער 1939 נעמט ער אָנטייל אין פאַרטיידיקן וואַרשע, בלייבט דערנאָך אין וואַרשעווער געטאָ, איז טעטיק אין דעם אונטער־ערדישן קאָמיטעט. ער האָט געאַרבעט אין דעם שאָפּ פון טע־בענס און געהאַט מוט צו וואָרענען דעם פאַבריקס־דירעקטאָר, יאַק, אַ פאָלקס־דויטש, וועגן די פאָלגן און נקמה פאַרן אַוועק־שיקן די ייִדישע אַרבעטער אויף אומקום. נאָכן דערשטיקן דעם העלדישן געטאָ־אויפשטאַנד, ווערט האָפמאַן טראַנספּאָרטירט אינעם לאַגער פּאָניאַטאָוו לעבן לובלין און איז אויך דאָ טעטיק אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג. דעם 15טן נאָוועמבער 1943 איז קיין לאָנדאָן אָנגעקומען אַ ידיעה פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, געחתמעט פון ד"ר א. בערמאַן (באָראָווסקי), יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) און ד. כפתור (גוזשיק), אַז דעם 3טן נאָ־וועמבער 1943 איז דער גאַנצער פּאָניאַטאָווער לאַגער מיט

זיינע 15 טויזנט אינטערנירטע יידן — ליקווידירט געוואָרן; אַז אין פּאָניאַטאָוו האָט עקזיסטירט אַ יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען פיינקינד (לינקע פּועלי־ציון), עטקין („בונד״), שמידט (פּועלי־ציון צ. ס.) און ישראל האָפּמאַן („בונד״). די יידישע קעמפער דאָרט האָבן באַוויזן פאַרן אומקום אונטערצוצינדן די מאַגאַזינען פון עסנוואַרג און באַקליידונג.



פאַרוואַלטונג פון דער פאָלקס־באַנק אין קרושניעוויץ
ועד „הבנק העממי״ בקרושנייביץ

אַזוי האָט געלעבט, געקעמפט און אומגעקומען אונדזער לאַנדסמאַן ישראל האָפּמאַן ז״ל.

*

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַט איר לאָקאַל ביי וואָלף אַפּעל אין הויף, האָט געפירט אַ זייער אינטענסיווע טעטיקייט. גרעסערע אונטערנעמונגען פלעגט זי אַדורכפירן אין דעם שטאָטישן זאַל. עס האָט אויך פּאַסירט, אַז איייניקע ציוניסטישע אימפּרעזן זענען פאָרגעקומען אין בונדישן לאָקאַל, וועלכער האָט זיך געפונען אין הויז פון „בונד״.

אין ציוניסטישן קלוב האָבן געהאַט זייער אכסניה די רעוויזיאָניסטן און אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און גרופּן, ווי אויך די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. זיי אַלע האָבן פאַרמאָגט אַ ביבליאָטעק, אַ דראַמאַטישע סעקציע און אַפילו אַן אייגענעם בלאָז־אָרקעסטער.

בראש פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטעטל זענען געשטאַנען קאָפּל גייזלער און זיין פרוי אַנדזשע פּאָגעל. קאָפּל גייזלער איז געווען אַן אידעלער מענטש, געשטאַמט פון אַן אינטעליגענטער משפחה. צווישן די אַנדערע ציוניסטישע טוערס, דאַרפן דערמאָנט ווערן: אַלוש קירשטיין מיט זיין פרוי (די טאָכטער פון וואָלף־געצל קאָרן), מאיר פּאָגעל און אַנד.

אין שטאָט איז אויך געווען טעטיק די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועמענס אַקטיוו איז באַשטאַנען דער עיקר פון געוועזענע בונדיסטן און עטלעכע סטודענטן. זייערע אומלעגאַלע פּאַרטיי־קעמערלעך האָבן געווירקט נישט נאָר אויף דער יידישער גאַס, נאָר אויך צווישן דער פּוילישער יוגנט. ביז ס׳איז געקומען אַ יידישער מסור — און אַלעמען פאַרשיט. אַ טייל האָבן באַקומען הארבע תפיסה־אורטיילן, עטלעכע האָט מען פאַרשיקט אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען די תפיסות געעפנט געוואָרן. די וואָס האָבן געקענט — זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. אַ גרופּע קרושניעוויצער קאָמוניסטן זענען געבליבן אין ביאַליסטאָק: אליהו־הערש שטעטשינסקי, אהרון טראָמאַן, יעקב ביגלאַייזן און אַנדערע.

*

זאָל מען אויך דערמאָנען די חסידיש־נגידישע יידן פון אונדזער שטעטל. פון עלטערן דור: ר׳ משה־לייב שוחט — אַ פרומער ייד, אַ למדן. ער איז אַ מאָל געפאָרן אין באַן און אַ פרוי האָט בעת דער רייזע באַקומען געבורט־ווייען. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט. בלויז ר׳ משה האָט זיך נישט פאַרלאָרן און אַדורכגעפירט די געבורט, מעשה געניטער אַקושער... דערמיט האָט ער אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט די מוטער מיטן קינד. זיין זון ירוחם לעבט איצט אין ישראל.

איך געדענק נאָך אַנדערע שיינע יידן פון שטעטל, ווי רפאל קאָלסקי, מיט זיין שיינער ווייסער באָרד, וואָס פלעגט יעדן טאָג גיין אין גערער שטיבל. ער האָט ביי יעדן איינעם אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ; בעריש לאופער, אַ גרויסער תבואה־סוחר, וואָס זיין בילד־שיינע טאָכטער האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט ישראל ריימאַן, פּרעזעס פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַנק, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך אַלע פּאַרטייען אין שטאָט; מאיר פּאָגעל; בעריש ראָזען. זיי אַלע זענען אומגעקומען אין כעלמנאָ און אין אוישוויץ.

אונדזער שטעטל האָט אויך פאַרמאָגט אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי הערמאַן גאָלדבערג. ער איז געקומען קיין קרושניעוויץ פון זיין געבורט־שטאָט גאָסטינין. אַ געבילדעטער מאַן, מיט אַ סך וויסן, געקענט עטלעכע שפּראַכן, געשפּילט אויך פידל. ער האָט רעפּרעזענטירט דעם „בונד״ אין שטאָטראַט — אַלס ראַטמאַן און לאַווניק. פאַר דער קריג פאָרט ער קיין ארץ־ישראל און האָפט וואָס פריער אַראָפּנעמען זיין פרוי טשאַרנע מיט די קינדער. די מלחמה ברעכט אויס — און זיין פרוי מיט די קינדער קומען אום אין כעלמנאָ, צוזאַמען מיט דער גאַנצער שטאָט יידן. גאָלדבערג האָט די לעצטע יאָרן פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין ישראל. ער איז פּלוצים געשטאָרבן.

פון די רעליגיעזע יידן וויל איך נאָך דערמאָנען יצחק־פייוויש ריבסקי, יהושע מאַמלאָק, משה טראָמאַן, בצלאל טראַמאַן, גד ביגלאַייזן, יחזקאל זיידע. די דאָזיקע יידן זענען געווען אַ מוסטער פון פרומקייט און ערלעכקייט. אַזאַ יהושע מאַמלאָק, וואָס ביי אים אין שטוב איז קיין מאָל נישט געווען צו פיל צו עסן, האָט שטענדיק אין זינען געהאַט אַ היים בעטן צו זיך אורחים און סתם אָרעמעלייט. ער פלעגט זאָגן: „טייל זיך מיט דעם וואָס דו האָסט — גאָט וועט אונדז צוריק געבן דאָפּלט...״

פון די געזעלשאַפטלעכע טוערס איז נאָך כדאַי צו דערמאָנען לייזער און משה־יעקב קויאַווסקי, אַלוש און הערש קירשטיין. דער ערשטער האָט אַ סך אויפגעטאָן אין קרושניעוויצער געטאָ. אַ דאַנק זיין „אַרישן״ אויסזען (אַ בלאָנדער קאָפּ האָר, בלויע אויגן), האָט ער געקענט פאַרלאָזן דאָס געטאָ און געברענגט אַהין שפּייז און מעדיקאַמענטן, מיט וועלכע ער האָט געהאָלפן די נויטבאַדערפטיקע. די ברידער קויאַווסקי לעבן היינט אין קאַנאַדע.

פון די יינגערע טוערס געדענק איך ראובן באָרנשטיין, בנימין וויגדאָרטשיק, ישראל און איציק בלומענפעלד, יעקב־מרדכי סטריקאָווסקי (היינט — אין ישראל), הענעך אַפּעל, הערש פּאַסנפּעסט און פיל פיל אַנדערע וואָס זייערע נעמען האָבן אין לויף פון יאָרן זיך פאַרווישט אין מיין זכרון. זיי אַלע האָט כאַראַקטעריזירט — ליבע צום יידישן בוך. די קרושניעוויצער ביבליאָטעק איז פאַר זיי געווען צו קליין און אַ סך זענען פאַרשריבן אין דער פּרץ־ביבליאָטעק אין קוטנע.

שילדערנדיק די פאַרשידענע געשטאַלטן פון קרושניעוויץ, טאָר מען נישט אַדורכלאָזן אַזאַ טיפּ ווי שמחה ליסאַק — אין גאַנצן אַ בלינדער, מיט אַ הויקער. ביי אים אין שטוב איז געווען אַ לייען־זאַל. חברים פלעגן פאַר אים פאָרלייענען אויפן קול ביכער און צייטונגען. אים האָט אַלץ אינטערעסירט און ער

האָט אויך רעאַגירט אויף אַלע געשעענישן. דער ייד איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט וויסן, ליטעראַטור, פּאָעזיע, סאָציאָלאָגיע און וויסנשאַפטלעכע ווערק, זענען אים געווען נאָענט און באַקאַנט. לאָדזשער צי וואַרשעווער פּרעלעגענטן, וועלכע זענען געקומען קיין קרושניעוויץ, האָבן געשטוינט פון זיין ערודיציע און געהאַט אַן אינטערעס מיט אים צו שמועסן און דיסקוטירן. אַזוי ווי זיין פאָטער איז געווען דער שטרענג־רעליגיעזער ייד ר׳ משה־לייב שוחט, האָבן די פרומע אים נישט געקענט מוחל זיין וואָס זיין זון איז „אַראָפּ פון גלייכן וועג“. די דייטשע רוצחים האָבן ליסאַקן דערשאָסן אין קרושניעוויץ, ס׳האָט זיך זיי נישט געלוינט צו פירן אים ערגעץ אַנדערש אויף אומקום.



האָפמאַן פון קרושניעוויץ — אומגעקומען אין געטאָ וואַרשע.

הופמן מקרושנייביץ — ניספה בגיטו ורשה.

איך קען אויך נישט פאַרגעסן די ליבע און האַרציקע פאָלקס־מענטשן, ווי: מלך מילאָשערני, אליהו סטריקאָווסקי, פּנחס־לייזער האָפמאַן, מרדכי בלומענפעלד, לייב קויאַווסקי, אַיציק־הערש קירשטיין, יאַנטשע קירשטיין, חיים־שלמה מידלאַק, אליהו באַרג, הענעך נאַשעלסקי, מרדכי קויאַווסקי, בנימין פלאַכטע, קאָזאַק (דער שניידער), אַנשל טראַמאַן, וואָלף קאַפקע, אברהם קאַפקע און פיל פיל אַנדערע.

צווישן די פאַרגעשריטענע פאָלקס־מענטשן געדענק איך דעם לערער אברהם־שלמה בוימגאַרטן, אַ פאָטער פון פינף זין און דריי טעכטער. אויך די קינדער האָבן שפּעטער אָנטייל גענומען, ווי זייער טאַטע, אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אין די פאַרשידענע קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

צווישן די חסידים דערמאָן איך זיך אין אַזעלכע בעלי־הבתישע יידן, ווי: שלמה גראַבינסקי, ליבזאָן, שעפּסל באָרנשטיין, אייזיק, ישראל גראַבינסקי, שמערלאָווסקי. די אַלע זענען אומגעקומען על קידוש השם.

חורבן קרושניעוויץ

ביים דערציילן דעם חורבן און אומקום פון דער ידישער קרושניעוויץ, וועל איך איבערגעבן אייניקע שטעלן פון משה־דוד קויאַווסקיס בוך, וואָס איז דערשינען אין אַמעריקע. ער גיט איבער, אַז באַלד אין ערשטן טאָג פון קריג, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, איז קרושניעוויץ געוואָרן באָמבאַרדירט. און אַזוי טאָג־טעגלעך, ביזן 15טן, ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל. דעם 10טן זענען פון אַ לופט־אָנפאַל אומגעקומען: מאיר פּאַסטערנאַק, אברהם קאַפקע, שרה אַפּעל (אַ בלינדע), יחיאל־וואָלף וואַסערטרעגער (דער זעלבער, וואָס זיין חתונה איז פאָרגעקומען אויפן בית־עולם בעת דער טיפוס־עפּידעמיע, ווי ס׳איז שוין פריער באַשריבן געוואָרן), און פראַדל קויאַווסקי.

ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל, האָבן זיי אָנגעהויבן צו פייניקן די יידן, ספּעציעל די וועלכע זענען געגאַנגען דאַווענען. מען האָט זיי געשלאָגן, דעם טלית און תפילין אַוועק געוואָרפן אָדער צעריסן. אַלע מאָל האָבן זיי אַרויפגעלייגט אויף די יידן פאַרשידענע קאָנטריבוציעס און געלט־שטראָפן. די פרומע יידן האָבן געוואָלט קודם אָפּראַטעווען די ספר־תורות. מיט אייגענע כוחות איז דאָס געווען אוממעגלעך אַדורכצופירן. אַזוי ווי ביי לייזער־מרדכי סטריקאָווסקי האָט פון לאַנגע יאָרן געדינט אַ דייטשקע, וועלכע איז געווען שטאַרק אַריינגעטאָן אין יידישן לעבן, האָט מען איר איבערגעגעבן די ספר־תורות. זי האָט זיי איינגעוויקלט אין אַ פאַטשיילע און געטראָגן ווי אַ קינד — ביזן בית־עולם. דאָרט האָט מען זיי באַהאַלטן. (די דאָזיקע דייטשקע געפינט זיך איצט אין ישראל, זי איז געקומען אַהין צוזאַמען מיט סטריקאָווסקיס זון, נתן).

מ. י. קויאַווסקי דערציילט ווי אַזוי די דייטשן האָבן פריער אויסגעליידיקט די שול און דערנאָך זי אונטערגעצונדן. זיי האָבן אויך באַפוילן, אַז יצחק־פּיוויש ריבסקי, יעקב־וואָלף כעלמינסקי און אַנדערע יידן, זאָלן מיט די בלויזע הענט ריי־ניקן די גאַסן. אַ גרויל נעמט דיך אַרום, לייענענדיק די אויפטרייסלענדיקע שילדערונגען פונעם געטאָ־לעבן, דאָס פייניקן די פרויען און מיידלעך, דער הונגער און די קראַנקייטן, די בעסטיאַלישקייטן פון די דייטשן איבער אַן אָפּגעשלאָסענער און דערשלאָגענער באַפעלקערונג.

זיי האָבן באַפוילן יידישע מיידלעך זיך אויסטאָן נאַקעט און זיי געשלאָגן מכות רצח. זיי האָבן דעם 60־יאָריקן יאַנטשע קירשטיין און די 55־יאָריקע פרוי רובינשטיין אַוועקגעפירט אין אַ שטאַל אויף דער בלאָניע, אין רעמבעלסקיס דאָרף, זיי געצוווּנגען זיך דאָרט אויסטאָן נאַקעט, אָנטאָן טלית און תפילין און טאַנצן פאַר די צעיושעטע דייטשן. פישל פראַנקאַנטאַל האָבן זיי מיט קלעפּ פאַרפייניקט אויף טויט און זיין טויטן קערפּער אַוועק געוואָרפן אויפן מיסט־קאַסטן.

ביזן טויט פון גאַנצן קרושניעוויצער געטאָ אין כעלמנאָ,



מצבה לזכר קדושי קרושנייביץ — בבית־הקברות בקרית־שאול (תל־אביב).
מצבה צום אָנדענק פון די קרושניעוויצער קדושים אויפן תל־אביב בית־הקברות קרית־שאול.

האָט מען די יידן אָנגעטאָן אַלע מיתה־משונהס און אַזעלכע פייניקונגען, וואָס דער טייוול וואָלט אַוודאי נישט געווען אימשטאַנד צוצוטראַכטן.

דעם 2טן מערץ 1942 איז געווען דער יום־הדין פאַר די קרושניעוויצער יידן. זיי זענען אומגעקומען על קידוש־השם אין די גאַז־אויטאָס אין כעלמנאָ און אין די קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ.

י ז כ ו ר!

אַזאַ איז די געשיכטע פון מיין היימשטאָט קרושניעוויץ. נאָך איצט זע איך די גאַסן און געסלעך, די הייזער און שטובן ווו ס׳האָבן געלעבט אין לײדן און אין פריידן אַ גאַנצע עדה יידן.

איך זע איצט דעם ייד יעקב פוקס, וועלכער האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע יידן אין שטאָט. זיינס אַ זון, קומענדיק נאָך ישראל, איז געפאַלן אין באַפרייאונגס־קאַמף פאַר דער יידישער מדינה.

איך זע מיין ברודער פנחס־לייזער, וועלכער איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ און דאָרט געווען אָפּגעהיטן נישט צו עסן קיין טריפות. ער האָט זיך דערנערט מיט דעם וואָס זיין זון משה־הערצקע האָט אים געבראַכט אַ קאַרטאָפל, אַ שטיקל ברויט און אַ מאָל — אַ טראָפּן שנאַפּס.

איך זע מיין שוועסטער אסתר־רויזע מיט איר מאַן יצחק־משה לאַנדאַו און זייערע קינדער, ווי מ׳פירט זיי אין טויטן־לאַגער כעלמנאָ.

איך געדענק די אַלע פאַרפייניקטע, געשלאָגענע, פאַרגאַזטע און פאַרברענטע. זאָלן די דאָזיקע שורות זיין אַ הייליקער אָנדענק פאַר די אומגעקומענע און זייער לעצטער קרעכץ — אַ פאָדערונג קיין מאָל מער אַזעלכעס!

קרושניעוויץ נאָכן חורבן

לעצטנס האָב איך מיט מיין פרוי באַזוכט פוילן. זייענדיק אין וואַרשע, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן קיין קרושניעוויץ און זען וואָס פון „אונדזער" שטעטל איז געבליבן. אין דעם אויטאָבוס פון קוטנע נאָך קרושניעוויץ, זענען מיר אַדורך געפאָרן די דערפער, וואָס פירן אין שטעטל — און וואָס האָבן דערמאָנט אונדזער יוגנט...

מיט האַרץ־קלאַפּעניש זענען מיר אָנגעקומען אויף דער קוטנער גאַס — דאָ ווו ס׳איז געווען די געטאָ פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

די הילצערנע הייזער, ווו יידן האָבן געוווינט — זענען מער נישטאָ. אויף זייערע ערטער וואַקסן ווילדע קוסטעס און ווילדגראָז. פאַראַן בערגלעך זאַמד און שטיינער, מער גאָר נישט.

פאַר אונדז איז געווען אוממעגלעך צו דערקענען די ערטער. מיר פרעגן זיך אַליין: „ווער האָט דאָ געוווינט?"

אַרום אונדז שאַפט זיך באַלד אַ רעדל פון אָרטיקע איינוווינער. יעדער זאָגט עפּעס אַנדערש וועגן אונדז. פאַר איינעם זענען מיר אַמעריקאַנער, פאַר אַ צווייטן זענען מיר זשורנאַליסטן — ביז מיר זאָגן ווער מיר זענען, דעמאָלט הייבן זיי אָן געבן אויפקלערונגען; זאָגן, ווער עס האָט געוווינט אויף די פלעצער. באַלד פרעגן זיי, צי מיר זענען געקומען „פאַרקויפן די הייזער", וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט און צי מיר האָבן די ליידיקע פלעצער צו פאַרקויפן.

גיי זאָג זיי, אַז מיר האָבן קיין שום הייזער און פלעצער נישט פאַרמאָגט, אַז נישט דאָס איז אונדזער ציל פון דעם באַזוך אין שטעטל.

די שול אויף דער קוטנער גאַס איז איצט אַ קינאָ, מיט אַ ראָמאַנטישן נאָמען „טענטשאַ" (רעגנבויגן). אַרויס פון דער קוטנער גאַס, האָבן מיר באַזוכט אַנדערע גאַסן פון שטאָט. מיר זענען אויך געגאַנגען אין מאַגיסטראַט זיך נאָכפרעגן, אפשר איז עפּעס געבליבן פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבן. „נייך" — ענטפערן זיי, גאָרנישט... זיי שיקן אונדז צו באָרקאָווסקי (דעם אַפּטייקער). ביי אים געפינט זיך יאָ עפּעס, וואָס קאָן אונדז אינטערעסירן.

באָרקאָווסקי האָט אונדז גוט אויפגענומען און טאַקע געוויזן אַ צענדליק יידישע צעבראָכענע מצבות, וואָס ער האָט געהאַט צוזאַמענגענומען נאָך דער באַפרייאונג. די דייטשן האָבן מיט זיי געהאַט אויסברוקירט די גאַסן. ער האַלט דאָס טאַקע אַלס רעליקוויע און וואַרט, אַז יידישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן עפּעס טאָן מיט דעם.

אַזוי האָבן מיר פאַרברענגט אין דער שטאָט אַ פינף שעה. געגאַנגען אויף אַלע ערטער ווו יידן האָבן אַ מאָל געוווינט. מיר האָבן געזוכט, געפרעגט, געוואָלט דערגייך וועגן אַלעם, וואָס מיר האָבן נאָך נישט געוווסט.

מיט אַ שווער געמיט, שטאַרק נידערגעשלאָגן, זענען מיר אַוועק פון דעם שטעטל, ווו ס׳האָבן אַ מאָל געלעבט ביז דרייצן הונדערט יידן. היינט איז דאָס שטעטל פוסט, אַ שרעק נעמט אַרום...

זאָלן די שורות זיין אַן אָנדענק פאַר אַלע קרושניעוויצער, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם.

קינדער זכרונות פון קרושניעוויץ

רפאל־הערש פּאַצאַנאָווסקי
מאַנטשעסטער

מיינע קורצע דערינערונגען פון אונדזער היים־שטעטל קרושניעוויץ, באַציען זיך בלויז צו די קינדער־יאָרן. כ׳בין געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1892, און ביי דריי און אַ האַלב יאָר — אָנגעהויבן לערנען אין חדר. מיין ערשטער דרדקי מלמד האָט געהייסן דער געלער. כ׳מיין, אַז נישט נאָר איך האָב נישט געוווסט זיין פאַמיליע־נאָמען, נאָר דער רוב איינוווינער אין שטעטל. דער צווייטער מלמד מיינער איז געווען שאול פּיץ. פּיץ איז אויך געווען אַ צונאָמען. מ׳האָט דערציילט, אַז באַקומען האָט ער אים, צוליב דער שוואַכקייט איינצושלאָפן אין מיטן לערנען. און חברה קליינוואַרג האָבן מער נישט באַדאַרפט, ווען דער רבי האָט אַנומלט געכאַפּט אַ דרימל, האָט ווער גענומען סמאָלע און זיין באָרד צוגעקלעפּט צום טיש. אַ גאַנץ חדר קינדער האָט דערנאָך באַקומען שמיץ מיטן קאַנטשיק — אָבער די סאָלידאַריטעט ביי די קינדער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מ׳האָט נישט אויסגעזאָגט ווער ס׳האָט אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט.

אַז כ׳בין אונטערגעוואַקסן, איז מיין דריטער מלמד געווען ר׳ נחום־הירש דאָמאַנקיעוויטש (פאָטער פון ל. דאָמאַנקיעוויטש, רעדאַקטאָר פון דער פּאַריזער טאָג־צייטונג „אונדזער וואָרט"). ר׳ נחום־הירש איז געווען אַ האַרציקער ייד, אַרויסגעוויזן אַ סך ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש צו זיינע תלמידים. ער, ווי זיין גאַנצע משפחה, זענען געווען גערער חסידים.

מיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ געשעפט אין קרושניעוויץ פון פּוטער, אייער און... פאָרצעלאַן. אָבער אַלס יונגערמאַנטשיק שוין, בין איך געווען געצווונגען צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל און איבערפאָרן קיין לאָדזש אַרבעטן.

אויף יעדער יום־טוב פלעג איך קומען אין שטעטל און געדאַוונט אין גערער שטיבל. דאָרט איז געווען חזן ר׳ רפאל קאָלסקי — אַ גרויסער לערנער און יודע ספר. ער האָט זיך נישט געשאָקלט פאַרן עמוד, נאָר רואיק געשטאַנען לעבן קאַכליעס־אויוון און געדאַוונט זייער האַרציק.

איך וועל נישט פאַרגעסן אַ שמחת־תורה, ווען כ׳בין געקומען קיין קרושניעוויץ — שוין קורץ געקליידעט, מיט אַ קאַפּעלוש אויפן קאָפּ. ווי דער שטייגער, האָט מען ביי ר׳ רפאלן אין שטוב געמאַכט אַ „לחיים" און דערנאָך האָט דער עולם זיך געלאָזט טאַנצן און זינגען אויף דער קוטנער גאַס. ווען ר׳איז אַריין אין גערער שטיבל, האָבן יידן ערשט באַוויזן וואָס שמחת תורה איז. ר׳ ישראל קאָלסקי האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין קאַפּעליוש, אים אָנגעטאָן אויף זיך — און מיר אַרויפגעלייגט זיין שטריימל...

אין יאָר 1919 בין איך ווידער געקומען אויף אַ לענגערן באַזוך קיין קרושניעוויץ. עס זענען שוין געווען טעטיק די ציוניסטישע פאַרטיי און דער „בונד". האָב איך געשטעלט פאַר זיי צוויי פּיעסן: דעם „יידישן קעניג ליר" — פאַרן „בונד"; „צעבראָכענע הערצער" — פאַר די ציוניסטן. אין יענער צייט איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין שטעטל געווען זייער דינאַמיש. די יוגנט האָט אַרויסגעוויזן אַ סך אינטערעס צו פּאַרטייען, געלעכצט נאָך וויסן און בילדונג. די ביבליאָטעק האָט געהאַט גרויס דערפאָלג.

*

אַזוי האָט דאָס שטעטל געלעבט, ביז דער בלוטיקער צורר פון מערב האָט אַלץ פאַרניכטעט. אין יאָר 1961, בעת אַ באַזוך אין ישראל, האָבן מיר אַ גרופּע לאַנדסלייט זיך פאַרזאַמלט אויפן תל־אביבער בית־הקברות אין קרית־שאול, ביים אָנדענק־שטיין לזכר די קרושניעוויצער קדושים און דאָרט געזאָגט אַ קאָלעקטיוון קדיש. פעסט איז געווען אונדזער באַשלוס: נישט פאַרגעסן וואָס דער היטלעריסטישער עמלק האָט געטאָן מיט אונדזער פאָלק און מיט דער עדה יידן פון קרושניעוויץ...

דאמבראוויץ ביי קוטנע

חנוך-הענעך האָפמאַן
פאַריז

היינט נאָך אַזאַ אומגליק,
ווי עס איז געווען פאַר אונדז
דער היטלער־אומגליק —
איז נישטאָ נאָך דאָס וואָרט
צו באַצייכענען אָט דאָס אומגליק,
נישטאָ נאָך דאָס וואָרט, נישטאָ...

ה. לייוויק

אַ סימבאָלישע מצבה

מיר יידן, האָבן דורות־לאַנג געהאַט אויסצושטיין פאַרשידענע רדיפות, פּאָגראָמען, בילבולים, גזירות — אָבער קיינמאָל נישט אין אַזאַ מאָנסטרועז־אַכזריותדיקן פאַרנעם ווי ס'איז געווען די לעצטע פרעצעדענסלאָזע היטלערישע הריגה.

אַלע מאָל, ווען עס זענען אויף אונדז געקומען רדיפות, האָבן זיי אין אַ געוויסער מאָס געטראָגן אַ לאָקאַלן כאַראַקטער — אין אַ שטאָט, אַ געגנט, אַ לאַנד, אָבער קיינמאָל נישט אָנגענומען אַזעלכע מאָסשטאַבן, ווי די פלאַנמעסיקע פארניכטונג פון אייראָ־פּעישן יידנטום אין די יאָרן 1939—1945. דאָס זענען געווען יאָרן פון פארוויסטן און פארניכטן יידישע קהילות, פון די גרעסטע ביז די קלענסטע.

אין דער יידישער מאַרטירער־געשיכטע זענען די קדושים און העלדן קיינמאָל נישט באַצייכנט געוואָרן דורך אויפשטעלן פאר זיי שטיינערנע מאָנומענטן (חוץ מיט עטלעכע אויסנאַמען און די לעצטע נאָך מלחמה־יאָרן). יידן, דער עם־הספר, האָט זיי תמיד פאַראייביקט אין פנקסים. אויך איצט, נאָך דער בלוטיקער שחיטה, שאפט זיך דורך די לאַנדסמאַנשאַפטן אַ גרויסע, מאָנומענטאַלע מעמוארן־ליטעראַטור אין דער פאָרם פון יזכור־ביכער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מזכיר־נשמות זיין פאַר אונדזערע קדושים.

מיר, די ניצול־געוואָרענע פון דעם שטעטל דאָמבראָוויץ, קומען דערפילן אונדזער הייליקן חוב און פאַראייביקן אונדזערע קדושים פון דער קליינער יידישער קהילה, אפשר די קלענסטע פון די קהילות אין פוילן, אומגעקומען דורך די דייטשע רוצחים אויף קידוש־השם. צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידן.

שלום אַש האָט געשריבן אין זיין „שטעטל": „יידן זענען איין פאָלק, פון איין גאָט און אַלע וואַרטן אויף איין משיח. נאָר יעדעס שטעטל האָט זיין טעם". ביי אונדז אין שטעטל זענען נישט געווען קיין גאונים, נגידים, אָדער אַנדערע פראָמינענטע פער־זענלעכקייטן, וואָס זאָלן האָבן געשמט אויסער דאָמבראָוויץ. נאָר פשוטע מענטשן. עמך, אָרנטלעכע יידן, צווישן וועלכע אויך — יודעי־ספר. בעלי־מלאכות און קרעמער, נישט קיין חסידים, אָבער פרומע, לויטן טראַדיציאָנעלן יידישן שטייגער. געהאָרעוועט און פאַרדינט אויף זייער באַשיידן לעבן. שטענדיק פאַרנומען מיט צוויי הויפט דאגות: אמונה און פרנסה.

אין דעם זין וועלן מיר זיי דערמאָנען און אָפּגעבן כבוד זייער פשטות און זייער לעבנס־שטייגער בכלל.



...די יידישע משפחות זענען פלוצלינג אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען, פאַרזאַמלט זיי אויף איין פלאַץ און אַוועק געפירט נאָך קאָנסטאַנציע, אין קוטנער געטאָ. שפּעטער — נאָך זשיכלין, און פון דאָרט — אין די גאַז־אויוונס אין כעלמנאָ.

היסטאָריע, געאָגראַפיע און... טאָפּאָגראַפיע פון שטעטל

ווי אַלט די קהילה איז געווען — שווער צו וויסן. קיין אַרכיוון זענען נישט געווען. לויט ווי מען האָט געקענט אַרויס־דרינגען פון די זכרונות פון אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, האָבן זיך דאָ יידן באַזעצט נאָך פאַר דער „פּאָווסטאַניע" פון יאָר 1863. די באַדערפעניש אין שפּייז און באַקליידונג פון דער אַרומיקער דאָרפישער באַפעלקערונג, האָבן צוגעצויגן יידן צו דעם קליינעם שטעטל.

דאָמבראָוויץ געפינט זיך 20 קילאָמעטער פון קוטנע, 5 קילאָמעטער אָפּגעריקט לינקס פון דער באַן־ליניע וואַרשע—קוטנע—וולאָצלאַוועק; געאָגראַפיש שטעלט עס מיט זיך פאָר אַ „ליק" (פון דעם שטאַמט דער צונאָמען „דאָמבראָוויצער לי־קעס" — אַזוי אויף יידיש און אויף פּויליש). די אַלגעמיינע באַפעלקערונג האָט געציילט אַן ערך 2,000 נפשות, צווישן זיי — 140 יידישע נפשות, וועלכע האָבן געבילדעט די קהילה פון אַן ערך 40 משפּחות. די פאַרבינדונג מיט די שכנותדיקע שטעטלעך איז געווען דורך „באַטשנע" וועגן: בלאָטיק אין ווינטער און זאַמדיק אין זומער.

דער צענטער פון שטעטל: איין לאַנגע גאַס און צוויי מאַרק־פּלעצער. ביי דער ענדע פון קראָשניעוויצער וועג, הייבט זיך אָן די לאַנגע גאַס, ברוקירט מיט פּרימיטיווע שטיינער. פון ביידע זייטן — נידעריקע, הילצערנע, ווייס־געקאַלכטע פּויערישע הייזלעך, מייסטנס מיט שטרוי־באַדעקטע דעכער. דעם אָנהייב פון דער גאַס האָט מען גערופן „פּשעדמיעשטשיע", ווו עס האָבן געוווינט בלויז דריי יידישע פאַמיליעס. די גאַס דערגייט אַזוי ווייט, ביז זי ברייטערט זיך אויס אויף רעכטס, אין אַ פיר־עקיקן לענגלעכן פּלאַץ, ברוקירט מיט קליינע שטיינדלעך, צווישן וועלכע עס שפּראָצן גרעזלעך. אויף דעם פּלאַץ — אַ מאַסיווע, 2־שטאָקיגע געביידע, געבויט פון גרויסע, קוואַדראַט־אַרטיקע אויסגעהאַמערטע שטיינער אין אַמאָליקן סטיל, מיט הויכע אַר־קאַדישע פענצטער אין טירן. פון דאַך שטאַרט אַרויס אַ הויכער טורעם וואָס ענדיקט זיך מיט אַ פירקאַנטיקן גדר אין סטיל פון די אַמאָליקע פריצישע פעסטונגען. דאָס איז דער ראַטוש (ראַטהויז). פון דאַנעט אַן ווייטער, אויף דער זעלבער גאַס, אָנהייבנדיק מיט דער שול — אַ ריי באַוווינטע מיט יידן הייזער פון שטאָטישן אויסזען, וועלכע ציען זיך ביז אַ צווייטן, גרויסן, פירקאַנטיקן מאַרק־פּלאַץ. פון דאָ הייבן זיך אָן דריי וועגן, וועלכע פירן צו די שכנישע שטעטלעך מיט פאַריידישטע נעמען: כאָדעטש (כאָטש), פּשעדעטש (פּשייטש) און לוביען (לובין).

דער רעליגיעזער שטייגער

די קליינע עדה יידן האָט געהאַט איר קהילה, אויסגעהאַלטן אַ כלי־קודש, לויט אַלע יידישע מינהגים: אַ שול, אַ רב, אַ שוחט, אַ שמש, אַ בית־הקברות מיט אַ חברה־קדישא, אויך אַ חברה־תהילים. אַ חוץ די געוויינלעכע רעליגיעזע פירערכצן, איז אויך פון צייט־צו־צייט געקומען אַ מגיד און געהאַלטן דרשות בין מנחה למעריב. צומאָרגנס איז ער געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און גענומען אַ פּאָר גראָשן פאַר זיין דרשה.

דעם גרעסטן חוש אין איבערגעגעבנקייט האָט מען גע־ווידמעט דעם חדר. מ'האָט אָפּגעשפּאָרט פון די מאָגערע פּרנסות און אויסגעהאַלטן מלמדים, וועלכע מ'האָט געברענגט פון אַנדערע שטעט, אויפן זמן פון אַ האַלב יאָר, אַ זומער, צי אַ ווינטער, פאַר אַ שכר מיט קעסט, וואָס איז באַשטאַנען אין „עסן טעג" ביי די עלטערן פון די חדר־יינגלעך. פאַר אָרעמע קינדער, וואָס זייערע עלטערן האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן שכר־לימוד, האָט מען געשאַפן אַ „פאָנד" (תלמוד־תורה), וועלכן אַ חדר־יינגל האָט צוזאַמענגענומען יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג.

דער גרעסטער טייל יינגלעך איז געגאַנגען אין חדר ביז בר־מצוה, דערנאָך האָט מען אים געגעבן אויף דער לער צו אַ בעל־מלאכה, אַ שניידער אָדער אַ שוסטער — די איינציקע מלאכות, וואָס מ'האָט געקענט לערנען אין שטעטל. עס זענען אויך געווען יינגלעך, וואָס האָבן ווייטער געלערנט, אויב די עלטערן האָבן דאָס געוואָלט (צווישן זיי — עוזר שומריי, וועגן וועלכן עס וועט נאָך אויסקומען צו ריידן). צו דעם צוועק האָט מען אויפגענומען אַ מלמד, אים באַזעצט אין שטעטל, געצאָלט אַ העכערן שכר. דאָס איז געווען ר' ליפּמאַן סענדזשעיעווסקי. אַן איידעם פון עקיבא־דוד קעניג, אַ קוטנער דרדקי־מלמד. געוווינט אין דאָמבראָוויץ. ליפּמאַן האָט געשטאַמט פון זדונסקע־וואָליע, אַ ייד אַן עילוי, אַ תלמיד פון גרויסע ישיבות. ער האָט איינגעשטעלט דעם חדר, אויפן שטייגער פון אַ ישיבה. די תל־מידים האָבן געמוזט אָנטאָן גאַרטלען און זיך פירן ווי ישיבה־בחורים. ער איז געווען זייער אַ שטרענגער, געהאַלטן זיינע תלמידים אין אַ דיסציפּלין, זיי האָבן פאַר אים געציטערט — אַפילו אויף דער גאַס.

יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס איז ביי ישראל־יצחק שומריי זיך צוזאַמענגעקומען אַן עולם אַרום אַ לאַנגן טיש — דאָס איז געווען די חברה תהילים. ביים שיין פון אַ נאַפט־לעמפּל, האָט ר' ליפּמאַן מיט זיי געלערנט די סדרה פון דער וואָך. מיט טאַלאַנט האָט ער די פּסוקים פאַרטייטשט מיט זייער געלונגענע משלים אין דערמיט מהנה געווען דעם פּשוטן עולם.

(זיינער אַ זון מיט אַ טאָכטער לעבן היינט אין ישראל).

טיפּן און געשטאַלטן

אויב עס זענען געווען בעל־הבתים וואָס האָבן זיך אונטער־שיידט פון אַנדערע אין יודע־ספר, אָדער מיט עפּעס אַן אַנדערן יחוס, און דערפאַר געווען די בעלי־דעה פון שטעטל — האָט דאָס פונדעסטוועגן נישט געשאַפן קיין גרויסע דיפערענצירונג וואָס זאָל דערווייטערן איינעם פון אַנדערן. דער גרעסטער בעל־דעה איז געווען ר' לייביש יאַכימאָוויטש פון קוטנע. לאַנגע יאָרן געוווינט אין דאָמבראָוויץ, זיך געהאַלטן פאַר אַ גערער חסיד. ער איז געווען דער מוהל פון שטעטל, געהאַט אַ שיינע שטימע, און במילא — דער בעל־תפילה אין די ימים־נוראים (שחרית און כל־נדרי). אַ ברייט־פּלייציקער ייד, עטוואָס העכער ווי מיטלוווקס, אַ לאַנגע, ברייטע טונקל־בלאָנדע באָרד, מיט אַ שטרענג־אויטאָריטעטן בליק. פאַר זיינע אויגן האָט מען נישט געטאָרט עובר זיין אויף עפּעס וואָס איז געווען קעגן יידישקייט. דער וועג פון אים ביז דער שול, איז געווען דורך דער גאַנצער לאַנגער גאַס, מיט אַלע געוועלבער. פרייטיק פאַרנאַכט, פאַר ליכט־צינדן, אַז מ'האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיטן צומאַכן די קראָם, וויל עס זענען נאָך געווען קונים, האָט מען כסדר גע־קוקט, צו לייביש גייט שוין אין שול אריין. אַז מ'האָט אים געזען שפּרייזן פון דער וויטנס, האָט מען פאַרקלאַפּט די טירן. אויב נישט, האָט ער געקאָנט אַ געשריי טאָן באַפעלעריש: „מאַך צו די קראָם — ס'איז שבת". ער אַליין האָט אויך געהאַט אַ שפּייז־קראָם.

אין מיין זכרון איז פאַרבליבן פאָלגנדער פאַל: אין שטעטל האָט געוווינט אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַ דאָרפס־גייער, געווען אויך שמש. פון ביידע באַשעפטיקונגען נישט געהאַט קיין פּרנסה. דערפאַר אָבער באַוואָרפן מיט אַ שטוב קינדער. אַז די טעכטער זענען אונטערגעוואַקסן, זענען זיי געפאָרן אַרבעטן קיין קוטנע. אַז ס'איז געקומען די צייט זיי חתונה צו מאַכן, האָבן עטלעכע בעל־הביתטעס, טוערינס פון דער „הכנסת־כלה" — חנה־גאָלדע שומריי, חנה האָפּמאַן און גאָלדע יאַכימאָוויטש, צוזאַמענגענומען פון אַלעם גוטן און צוגעגרייט די חופּות. קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרשעמען די עלטערן פון דער כלה, וויל זיי זענען

נישט קיין רייכע — און אַלע זענען געקומען אויף דער חתונה. מיטן חתן פון קוטנע זענען געקומען צוויי בריטשקעס מיט יונגעלייט און מיידלעך. נאָך דעם מאָלצייט, האָט מען פונאַנדערגערוקט די טישן און בענק, פאָרלעך האָבן זיך געגרייט צום טאַנצן. האָט ר׳ לייביש אַ געשריי געטאָן:

— איך וועל נישט לאָזן טאַנצן ייִנגען מיט מיידן!...

די קוטנער האָבן אים נישט געוואָלט הערכן און אָנגעהויבן טאַנצן. האָט ער מיט כעס אַוועקגעשטעלט אַ שטול אין מיטן שטוב, זיך אַוועקגעזעצט...

— איך זאָג מ׳וועט נישט טאַנצן.

די קוטנער האָבן געשריגן „מ׳וועט יאָ טאַנצן!" ס׳איז געוואָרן אַ געפילדער, מיט שטעך־ווערטער אויף ר׳ לייבישעס חשבון: זיין ברודער מענדל טרעפּיאַזש האָט זין און טעכטער, וואָס טאַנצן מיט יונגען און מיט מיידן. זאָל ער זיי זאָגן אַ דעה...

ס׳איז געווען אַ הייסע זומער־נאַכט. די ענגשאַפט איז געווען גרויס. אויך די בליך־לאָמפן האָבן צוגעגעבן היץ. ר׳ לייביש איז געזעסן אין מיטן שטוב, מיט אַ פאַטשטיילע זיך געווישט די גרויסע טראָפּנס שוויס וואָס זענען גערינען פון הינטערן סאַמעטן היטל. אין פינצטערן דרויסן זענען געשטאַנען מענטשן — יידן און קריסטן, אריינגעקוקט דורך די אָפענע פענצטער מיט נייגיר, געוואָלט זען ווער עס וועט אויספירן. ס׳איז געוואָרן שפּעט, עס האָט שוין באַלד אָנגעהויבן טאָגן. דער עולם איז מיד געוואָרן און זיך ביסלעכווייז פונאַנדערגעגאַנגען. ר׳ לייביש האָט מיט זיין עקשנות אויסגעפירט: מ׳האָט נישט געטאַנצט. עטלעכע טעג האָט מען וועגן דעם גערעדט. אפילו אַזעלכע יידן וואָס האָבן מיט אים געהאַלטן, זענען געווען אומצופרידן. פאַרט אַ פאַרשטערטע שמחה.

ר׳ לייביש האָט זיך אויך נוהג געווען אָנצינדן אין שול אַ יאָרצייט־ליכט נאָך זיין פאָטער. ר׳האָט אַוועקגעשטעלט אַ יום־כיפור ליכט פאַרן עמוד, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט. איין מאָל האָט עפּעס פּאַסירט מיטן ליכט, ס׳איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. אַז מען האָט געהערט ביינאַכט געוואַלדן „עס ברענט" — איז שוין די שול געשטאַנען אין פלאַמען. אַלע יידן פון שטעטל זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן. זיי שטייען מיר נאָך היינט פאַר די אויגן, ווי זיי ברעכן זיך די הענט, וויינען מיט ביטערע טרערן און שרייען „שמע־ישראל". די שול איז אָפּגעברענט געוואָרן, געבליבן נישט מער ווי אַ חורבה מיט שוואַרץ־פאַרויכערטע, איינגעפאַלענע ווענט.

דאָס האָט געשאַפן זייער אַ טרויעריקע שטימונג אין שטעטל. מ׳האָט אין דעם געזען אַ שטראָף פון גאָט פאַר עפּעס אַ חטא וואָס מ׳האָט זיך פאַרזינדיגט.

ר׳ לייביש, וואָס האָט זיך געפילט דער בעל־חיוב, האָט אויף זיך גוזר געווען צו לאָזן זיך איבער דער מדינה און בעטן נדבות צוריק אויפצובויען אַ שול. די שריפה האָט אויך געמאַכט אַ רושם אין אַלע שטעטלעך, זיי האָבן זיך מתנדב געווען — און אין אַ שטיקל צייט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שול. אין דער לעצטער מלחמה האָבן די דייטשן וואַנדאַלן חרוב געמאַכט די שול און איבערגעלאָזט אַ ליידיקן פלאַץ.

אין אַלגעמיין זענען די יידן פון דאָמבראָוויץ זייער ווייניק געקומען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע שטעטלעך, חוץ עטלעכע קרעמער און בעלי־מלאכות, וואָס זענען פון צייט צו צייט געפאָרן נאָך קוטנע איינקויפן סחורות פאַר זייער מסחר. צייטונגען זענען ווען אָנגעקומען. די נייעסן פון דער וועלט, און ספּעציעל יידישע נייעסן, האָט געברענגט אשר כעלמינסקי. ער איז געווען די „טעלעגראַפן־אַגענטור" פון שטעטל. ער האָט געהאַט אַ שפּייז־קרעמל, אויך אַ פערד־און־וואָגן, ארומגעפאָרן אין די דערפער, אויפגעקויפט אַלטע שמאַטעס און זיי געפירט נאָך קוטנע. פון דאָרט האָט ער געברענגט די נייעסן. ווי נאָר ר׳איז געקומען אַהיים, קוים באַוויזן אויסצושפּאַנען דאָס פערד, איז ער גלייך געלאָפן איבערגעבן די נייעס וואָס ער האָט געהערט. ביי מנחה־מעריב, איז אין שול געווען וועגן וואָס צו ריידן. ער האָט געהאַט אַ טבע די נייעס אַ ביסל צו צעשפּרייטן, ספּעציעל ווען ר׳איז געוואָר געוואָרן אַ שלעכטע בשורה קעגן יידן. דאָס האָט ער איבערגעגעבן מיט אַן ערנסטע מינע, שטילערהייט. ווי אַ מאָביליזירטער בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, האָט ער שטענדיק געהאַט צו דערציילן, אַז ר׳האָט געזען דעם צאַר ניקאָליי, געמאַכט איבער אים אַ ברכה, און נאָך ענלעכע מעשיות. דאָס איז געווען אַ פּשוטער ייד, נישט קיין גרויסער מבין אין די „דראָבנע אותיות", אַ דיקלעכער מענטש מיט אַ לאַנגע, געדיכטע און רונדיק־געשוירענע באָרד. אין שול האָט מען אים אָממיינסטן געזען תשעה־באב, צו קינות. ער האָט אַוועקגעלייגט זיין שטענדער, זיך אַוועקגעזעצט ווי צו שבעה, געזאָגט די קינות און דערביי געוויינט אויפן הויכן קול. גרויסע טרערן זענען גערונען איבער דער באָרד, ווי עס וואָלט געווען זיין פּערזענלעך אומגליק, וואָס האָט ערשט איצט פּאַסירט...

(אַז איך האָב אין די שפּעטערע יאָרן געלייענט וואָס דער צווייטער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דוד וואָלפסאָן האָט געזאָגט, אַז ר׳איז געוואָרן אַ ציוניסט, בעת ער האָט תשעה־באב געזען ווי זיין פאָטער וויינט אויפן חורבן ירושלים — האָט עס מיך דערמאָנט אין אשר כעלמינסקי).

ער איז געווען גבאי־שני אין דער חברה קדישא. גבאי ראשון איז געווען — אַלע זיינע יאָרן — ר׳ שלמה האָפמאַן. אַ ייד אַ בעל־תורה, כמעט גאַנץ תנ״ך געקענט אויף אויסנווייניק, אַן אָנגעזעענער ראש־הקהל. צו אים איז מען געקומען פרעגן אַן עצה און אויך אויסגלייכן אַ סיכסוך. געהאַט אַ חזקה צו דאַווענען פאַרן עמוד מעריב און אין די ימים־נוראים. ביי אים זענען שמחות־תורה פאָרגעקומען די פייערונגען פון דער חברה קדישא. מ׳האָט געטרינקען בראָנפן, געגעסן לעקעך. אַז מ׳איז געוואָרן פריילעך, איז מען אַרויס אין גאַס, טאַנצענדיק און זינגענדיק ביז אין שול אריין.

צוויי יידן אין שטעטל האָבן זיך פאַרנומען מיט קצבות — די ברידער דוד־יוסף און פרץ־מאיר שומריי. מיר זאָגן — זיך פאַרנומען, ווייל פאַקטיש זענען זיי קיין קצבים נישט געווען. זיי האָבן דאָס קצבות איבערגענומען בירושה פון זייער פאָטער שמואל צמח, וואָס איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ מלמד. דוד־יוסף איז געווען אַ בן־תורה, דורכגענומען מיט פאַנאַטישער פרומקייט; דער גרעסטער קעגנער פון דער שפּעטערדיקער יוגנט, וואָס האָט אָנגעהויבן גיין אין וועלטלעכע דרכים. פרץ־מאיר, אַ יודע־ספר, האָט אויסער קצבות, געהאַט אַ שפּייז־קראָם.

דאָס זעלבע — מיט בעקערס. אויך די פּראָפעסיע איז איבערגעגאַנגען בירושה. דאָס זענען געווען שלמה און לייב בזשאָסטאָווסקי, וואָס האָבן זייערע קינדער געלערנט בעקעריי. אַנדערע קינדער האָבן דאָס פאַך נישט געלערנט. מיר ווילן אויך דאָ דערמאָנען צוויי פּשוטע יידן: מאיר קוטשינסקי און בערטשע לובינסקי, מיט זייער אייגנאַרטיקן האַנדל. זיי האָבן אין ווייטע שטעט געקויפט אַ ספּעציעלע ראַסע מילך־קי און זיי פארקויפט די אָרטיקע פויערים. מאיר קוטשינסקי, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן מאירקע סוחר, האָט דעם דאַשעק פון זיין היטל שטענדיק געהאַט אויסגעדרייט — רעכטס אָדער לינקס. ער האָט געגעבן געלט אַ גוי, וועלכער איז אַוועק אויף די מערק קויפן בהמות — און זיך געטיילט מיטן פאַרדינסט. דאַקעגן בערטשע איז אַליין געגאַנגען אויף די יאַרידים, צופוס, וואָס האָט אמאָל געדויערט אַ 8 טעג. וועגן אים האָט מען דערציילט אין שטעטל אַזאַ אַנעקדאָט:

אין פּיאָטרקאָוו־קויאַווסקי איז אויסגעפאַלן אַ יאַריד אין די חנוכה־טעג. בערטשע איז געשטאַנען פאַר אַ נסיון: נישט גיין — איז אַ שאָד. ס׳טייטש, אַדורכלאָזן אַ יאַריד, וועלכער איז

געווען באַרימט מיט אַזעלכע בהמות. יאָ גייך — וועט ער נישט קענען אָנצינדן די חנוכה־ליכט. איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה: ער האָט געצונדן די חנוכה־ליכט 8 טעג פריער... און איז אַוועק אויפן מאַרק.

באַציאונגען צווישן קריסטן און יידן

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז די קליינע עדה דאָמבראָוויצער יידן געווען אויסגעמישט צווישן אַ גרויסער באַפעלקערונג פון קריסטן פון שטעטל און פון די נאָענטע, אַרומיקע דערפער. די באַציאונג פון די קריסטן צו יידן איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ טאָלעראַנטע. מ'האָט געברויכט דעם ייד, אפילו געוווינט אונטער איין דאַך, אין בשותפותדיקע הייזער. זיי האָבן זיך צוגעפאַסט — אָדער געמוזט זיך צופאַסן — צו די רעליגיעזע יידישע מינהגים. פרייטיק פאַרנאַכט פאַרלאָזן פריער די אַרבעט אויף די פעלדער און שנעל גיין איינקויפן, ווייל יידן האָבן צוליב שבת צוגעמאַכט פרי די געזעלבער. דאָס זעלבע — מיט מילך. אַ ייד האָט נישט גענוצט די מילך, אויב ר'איז נישט געשטאַנען דערביי, ווען די פויערטע האָט געמעלקט די קו. האָבן די פויערטעס גערופן אַ „רוכעלקאַ" אָדער „עסטערקאַ", איידער זי איז געגאַנגען מעלקן.

הגם דאָס צוזאַמענוווינען איז געווען אַ דורות־לאַנגע געוווינהייט, האָט מען דאָך נישט געהאַט קיין צו גרויסן צוטרוי צו די קריסטלעכע פריינד. אַ זידל־וואָרט קעגן אַ ייד האָט מען שטענדיק געקענט הערן. מ'האָט אַ סך מאָל געמוזט פאַרשווייגן אַן עוולה און זיך באַגנוגענען מיט אַן אומבאַהאָלפענעם קרעכץ: „וואָס זאָל מען טאָן, מ'איז דאָך אין גלות". אמאָל איז געשען אַזאַ פאַל מיט שמואל גלאָגאָווסקי: נעבן זיין געוועלב, האָט דער פּאָליאַק יאַסקולסקי געעפנט די זעלבע קראָם. דאָס האָט געשאַפן אַ שנאה. שמואל האָט אויך געהאַט אַ פערד־און וואָגן, ער האָט אין די דערפער איינגעקויפט פוטער און אייער. דער פּאָליאַק איז אים באַפאַלן אויפן וועג און שטאַרק צעשלאָגן. ער איז געלעגן אין וואָגן און געשריען פון ווייטאָק. דאָס פערד האָט געקענט דעם וועג און איז געקומען אין שטאָט אריין. שמואל האָט קרעכצנדיק געשריגן: „זאַבילי מניע". פּאָליאַקן האָבן זיך געוויצלט: „ער שרייט ,זאַבילי מניע' — און לעבט..." מ'האָט אפילו געוווּסט ווער ס'איז געווען דער שלעגער, מ'האָט אים אָבער גאָרנישט געטאָן, עס זענען נישט געווען קיין עדות. מ'האָט אויך געוואָלט פאַרשווייגן, נישט אויפהעצן די גויים און פאַרשאַרפן די שנאה.

דער פאַל האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד צווישן יידן. דאָס ערשטע מאָל וואָס אַזאַ זאַך האָט פּאַסירט. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, איז דער רב פון שטעטל דערהרגעט געוואָרן אומגעפער אויף אַזאַ אויפן.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1918—1914)

אין אויגוסט 1914, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט דער רוסישער גענעראַל־שטאַב אויסגעקליבן אונדזער געגנט פאַר אַ סטראַטעגיש־פּאַסיקן שלאַכט־פעלד. זיי האָבן געגראָבן אָקאָפּעס אויף די אַרומיקע פעלדער, באַלאַגערט דאָס שטעטל און דערפער מיט מיליטער (פּוסגייער און קאָזאַקן). די לעצטע האָבן אָנגעהויבן ווילדעווען איבער יידן. מ'האָט געהערט, אַז זיי האָבן אין קלאָדאַווע אויפגעהאָנגען אויף זייערע באַלקאָנען דריי יידן, די קרבנות האָבן נאָך געמוזט אַליין צושטעלן די שטריק... די געשעעניש האָט אַרויסגערופן גרויס פּאַניק אין שטעטל, ווו אַ קליינע צאָל יידן האָט געוווינט צווישן אַ גרעסערער צאָל קריסטן. באַ'ד האָבן זיך געפונען פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אויסגענוצט די לאַגע און — „הוראַ נאַ זשידאַ"! דערנאָך האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זיי גרייטן זיך צו אַרעסטירן 8 יידן מיטן רב בראש. מען האָט באַדאַרפט געפונען אַ פּאָליאַק, וואָס זאָל פאַר לאַפּוווקע זען אָפּשרייען די גזירה. פון דעם פּאָליאַק האָט מען זיך דערוווּסט, פאַרוואָס מען וויל די יידן אַרעסטירן — זייער כלומרשטע פאַרבינדונג מיט די דייטשן. און כדי באַרעכטיקן אַזאַ שריט, האָט אויף דער רשימה פון די פאַרדעכטיקטע זיך געפונען אויך דער אָרטיקער דייטש, קיזעוועטער מיט זיין זון.

אַ שרעק האָט באַהערשט די יידן, מ'האָט געהאַט פאַר די אויגן די געשעעניש אין קלאָדאַווע. שטילערהייט האָט מען זיך דערציילט וועגן דער גזירה, מ'האָט מורא געהאַט צו ריידן אויפן הויכן קול, כדי נישט שטערן די פאַרהאַנדלונגען און דאָס אונטערקויפן די אַנטיסעמיטישע אָפיצירן.

איך געדענק יענעם שרעקלעכן אָוונט ביי אונדז אין שטוב, ביי פאַרהאָנגענע פענצטער. מ'האָט מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורײדן. מיט איין מאָל האָט זיך האַסטיק אויפגעפּראַלט די טיר, ס'איז אריין די רביצין מיט שרעקעוודיקע אויגן, איינגעהילט אין אַ גרויסער פאַטשיילע, פונוואַנען זי האָט אַפּירגענומען צוויי פּאָר זילבערנע לייכטער, זיי אַ שטעל געגעבן אויפן טיש, צעשפּרייט די הענט און מיט אַ ציטערדיק קול געזאָגט:

— ר' שלמה, ראַטעוועט!.

דריי יידן פון דער ליסטע: לייביש, שלמה און דוד־יוסף, האָבן אונטערהאַנדלט דורך דער פאַרמיטלונג פון פּאָליאַק. איך געדענק נישט די סומע פאַר וועלכער ס'איז געלונגען אָפּצוקויפן די כוליגאַנעס. דעם דייטש קיזעוועטער מיטן זון האָבן זיי ערגעץ פאַרשלעפּט, זיי זענען קיינמאָל נישט צוריק געקומען.

אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער, האָט זיך אָנגעהויבן די דייטשע אָפענסיווע. נאָך אַ שלאַכט פון 2 טעג, זענען די רוסן אָפּגעטרעטן. דרך־אגב איז כדאי צי דערמאָנען אַ געוויסע שייכות פון דער שלאַכט, מיט די יידן פון אונדזער שטעטל:

בעת די רוסן זענען אָפּגעטרעטן, זענען אויף דעם שלאַכטפעלד געבליבן אַ גרויסע צאָל הרוגים. די פויערים פון די אַרומיקע דערפער, האָבן ווי מאַרודערן פאַרפלייצט דאָס אָרט און געזוכט אין די קעשענעס פון די געהרגעטע. צווישן אַנדערע זאַכן, האָבן זיי ארויסגעשלעפּט סידורים און תפילין פון יידישע הרוגים און זיי איבערגעלאָזט צעוואָרפן אויף די פעלדער. אין שטעטל האָט מען זיך וועגן דעם דערוווּסט. עטלעכע יידן פון דער חברה־קדישא האָבן זיך געוואָנדן צו דער דייטשער מיליטערישער קאָמענדאַנטור וועגן אַ דערלויבעניש צונויף נעמען די טויטע יידישע סאָלדאַטן און זיי ברענגען צו קבר־ישראל. מ'האָט באַקומען די דערלויבעניש. צו פאַרנעמען זיך מיט דעם, האָט מען באַשטימט אשר כעלמינסקי, אַ געוועזענער סאָלדאַט אויפן יאַפּאַניש־רוסישן פראָנט. פאַר אים איז דאָס נישט געווען קיין נייעס, ר'האָט געוווּסט ווי אַזוי באַגיין זיך אין אַזאַ פאַל. חוץ דעם איז ער אויך געווען גבאי־שני פון דער חברה־קדישא. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר זיין חוב און מצווה. ער האָט איינגעשפּאַנט זיין פערד, מיטגענומען עטלעכע יונגעלייט און איז אַרויסגעפאָרן אויפן שלאַכטפעלד. ער האָט אויסגעפונען פינף יידישע הרוגים, זיי געברענגט אין שטאָט אריין און חברה־קדישא האָט געטאָן זייער רעכט, לויטן יידישן שטייגער.

ביי איינעם פון די הרוגים האָט מען געפונען אַ בריוו פון זיין פרוי מיט אַ קינד. אַזוי אַרום האָט מען געוווּסט, אַז ער האָט געהייסן משה גאָלדבערג, פון גראָדנע, אַן אָנגעשטעלטער אין שערעשעווסקיס טאַבאַק־פאַבריק. קיין פּאָסט־פאַרקער איז מיט יענער געגנט נישט געווען, מ'האָט נישט געקענט צוויסן געבן דער פרוי. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער טרעפן אַ קריסט פון גראָדנע, ער האָט געדאַרפט מיינס אַ טובה. איך האָב אים צוגעזאָגט, מיט אַ באַדינג, אַז ער וועט איבערגעבן אַ בריוו דעם גראָדנער רב. און אַ צייט

אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוו, פון גראָדנער רב צום רב פון דאָמבראָוויץ, און אים געבעטן, אַז דריי עדות זאָלן זיך אונטער־שרייבן אין אַ בריוו וועגן דעם אומגעקומענעם גאָלדבערג, כדי די פרוי זאָל נישט בלייבן קיין עגונה. דער רב האָט אָנגעשריבן אַ בריוו מיט זיין אונטערשריפט און די צוויי גבאים פון דער חברה־קדישא (ר׳ שלמה האָפמאַן און ר׳ אשר כעלמינסקי) האָבן אויך אונטערגעשריבן און געענטפערט דעם גראָדנער רב.

אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט אונדזער שטעטל באַקומען אַן אַנדערן אויסזען. עס האָבן זיך געשאַפן פאַרשידנאַר־טיקע פּרנסות, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען צווישן די קליינע ערטער מיט גרעסערע שטעט, ווו עס האָבן אויסגעפעלט פּראָדוקטן. אויך האָבן איינוווינער פון די גרויסע שטעט, געזוכט צו באַזעצן זיך אין די קליינע ערטער.

אַ באַדייטנדיקע צאָל ידישע משפחות פון לאָדזש, האָט זיך באַזעצט אין דאָמבראָוויץ. אייניקע זענען אפילו געבליבן תושבים נאָך דער מלחמה. איינער פון זיי — מאיר ווישאָגראָדסקי. וועמענס נאָמען מיר געפונען צווישן די אונטערשריפטן אין דעם בריוו צום „דזשאָינט", וואָס מיר פאַרעפנטלעכן אין דעם בוך.



רחל שומריי



יהושע שומריי, פון לאָמזשער ישיבה, געוואָרן אַ בונדיסט — אומגעקומען אין כעלמנאָ.

אויך די יוגנט האָט אָנגעהויבן זיך צו אָריענטירן אויף אַן אַנדער לעבן. זיי האָט באַהערשט אַ ווילן צו ענדערן דעם קליינשטעטלדיקן לעבנס־שטייגער.

צו יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ידיש־קולטורעלע אויפלעבונג אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון פוילן. אין די צאַרישע צייטן, נאָך דער פאַרשפּילטער רעוואָלוציע פון 1905, איז געווען פאַרבאָטן יעדע געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע און פּאָליטישע טעטיקייט. בעת די דייטשן האָבן באַזעצט פוילן, האָבן זיך אַלע פּאָליטישע גרופּירונגען לעגאַליזירט אַלס קולטור־גע־זעלשאַפטן. אומעטום האָבן זיך געגרינדעט ביבליאָטעקן, ספּאָרט־קלובן און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וואָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף אונדזער שטעטל. מיר אָבער האָבן קיין אייגענע ביבליאָטעק נישט געקענט גרינדן. אונדזער יוגנט איז נישט געווען זעלבשטענדיק. זיי האָבן געהאַנדלט, אָדער געאַרבעט מיט די עלטערן צוזאַמען. פון האָבן געלט פאַר זיך — חוץ קליינע גראָשנס — האָט מען נישט געוווּסט. זעענדיק די באַוועגונג אין די שכנותדיקע שטעטלעך, האָט ביי עטלעכע פון אונדז זיך דערוועקט אַ ווילן צו טעטיקייט און צו לייענען. מיר זענען געווען דריי יוגנטלעכע: כתריאל זונטאַג, יהושע שומריי און איך. מיר האָבן זיך פאַרשריבן אין קרושניעוויצער ביבליאָ־טעק, באַקומען דריי ביכער, וועלכע מ׳האָט געטוישט צווישן זיך. נאָכן אויסלייענען, איז איינער געגאַנגען נאָך קרושניעוויץ און געביטן אויף אַנדערע דריי ביכער. מיט דער צייט האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן גרינדן אַן אייגענע ביבליאָטעק אין שטעטל, ווייל מיר האָבן שוין געהאַט עטלעכע יוגנטלעכע, וואָס האָבן אָנגעהויבן האַנדלען זעלבשטענדיק. צו אונדז דריי זענען צוגעקומען: בצלאל כאַיקע און אליהו מיכאַלסקי, זיי האָבן אונדז אינטערעסירט נישט אזוי אַלס לייענער, ווי אַלס געלט־געבער. מיר האָבן אויך געהאַט אַנדערע געלט־געבער, וואָס האָבן זיך אויסגעטויגט אין דער היים — און געגעבן געלט בשתיקה. איינער פון זיי, דער גרעסטער געבער, איז געווען יעקב־לייב שומריי. הגם אַ יונגערער פון אונדז, איז ער אָבער געווען אינספּירירט פון זיין עלטערן ברודער עוזר, וואָס האָט דאַמאָלט געלערנט אין "כאַדיעטש" (כאַטש).

איינער פון די לאָדזשער ידן זיינוול — דעם פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט — איז געווען אַ פּאַרטייאישער, אַ סאָציאַליסט, (ס. ס.), אַ באַוווסטזיניקער מענטש. די גאַנצע וואָך איז ער געווען אין לאָדזש, ווו ער האָט געהאַט זיין פּרנסה. ער איז בלויז אַהיים געקומען אויף שבת. מיר האָבן זיך ביי אים פאַרזאַמלט און פלאַנירט די גרינדונג פון אַ ביבליאָטעק. מ׳האָט געמאַכט אַ רשימה פון ביכער, וואָס ער האָט געקויפט אין לאָדזש. מיר האָבן אָפּגעגעבן אַ ביטע אין דער דייטשישער קאָמענדאַנטור אין קוטנע וועגן אַ דערלויבעניש. זיי האָבן פון אונדז פאַרלאַנגט אַ רשימה פון די ביכער. אַזאַ רשימה איז זיי צוגעשטעלט געוואָרן. זיי האָבן אונדז געגעבן די דערלויבעניש, נאָר איין בוך איז פון דער רשימה אויסגעשטראָכן געוואָרן — „דער בלוטיקער שפּאַס" פון שלום־עליכם. דער מאָטיוו איז געווען — „יוגנט דאַרף מען נישט לאָזן שפּאַסן מיט בלוט". דער „רעפערענט" האָט זיכער נישט געקענט דעם אינהאַלט פון בוך. דער נאָמען איז אים נישט געפעלן...

אין יוני 1917 האָבן מיר געפייערט די דערעפענונג פון דער ביבליאָטעק. מיט אַ זייער שיינעם רעפעראַט איז אַרויס־געטרעטן די טאָכטער פון אַ צוגערייזטער לאָדזשער פאַמיליע — דעם נאָמען געדענק איך נישט.

מען האָט זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק און געגאַנגען צו דער דערעפענונג. די דאָמבראָוויצער בעל־הבתים האָבן נישט געקענט פאַרשטיין: סטייטש? וואָס איז געשען? עפּעס אַ יום־טוב אין דער וואָכן? דער גרעסטער קעגנער איז געווען דוד־יוסף. ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער אין דעם עלטער, וואָס זאָלן געהערן צו די „לאַבוסעס" — און דערפאַר מער געוואָלדעוועט פון אַנדערע, באשר ס׳איז אַ חרפה און אַ בושה, מ׳זאָל קינדער געבן געלט צו קויפן טריפה־פסולע ביכער, זיי זאָלן ווערן פושעי־ישראלים...

אַנדערע ידן האָבן געטענהט, אַז דאָ איז נאָך מיט חסד. באשר מ׳זאָגט, אַז אין קוטנע איז נאָך ערגער. דאָרט עסן זיי קעלבאַס און רייכערן אין שבת.

דער עולם האָט זיך צוביסלעך צוגעוווינט — און אונדז צורו געלאָזט. ביי דער דערעפענונג האָבן מיר געהאַט 18 פאַרשרי־בענע מיטגלידער. פאַר אַזאַ יוגנט, וואָס איז דורות־לאַנג געווען דערצויגן אין אַ פאַרצייטישן גייסט, איז דאָס געווען אַן אָנהייב — אַן איבערקערעניש. דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן געהאַט די ביכער פון דינעזאָן, שלום־עליכם, שלום אש און זשול ווערן. מיר האָבן אויך אַראָפּגעבראַכט רעדנער אויף פאַרשידענע ליטע־ראַרישע טעמעס. די קרושניעוויצער האָבן אונדז צו דעם צוגע־האָלפן.

דער ערשטער, וואָס איז צו אונדז געקומען, איז געווען בועז כישאָפסווערדער, אַן אינטעליגענטער בחור, געשטאַמט פון לובין, געוווינט אין קרושניעוויץ. ער האָט פאַר אונדז געלייענט „שלושה שאכלו ביום הכיפורים" פון דוד פרישמאַן און אויך שלום־עליכמס דערציילונגען. אַן אַנדערער רעדנער — לוריע — איז צו אונדז געקומען אויס נייגעריקייט. אים האָט אינטערעסירט צו זען דאָס קליינע שטעטל, מיט אַזאַ קליינער צאָל יוגנט און אַזוי פיל גייסטיקע ענערגיע, צו גרינדן אזש אַ ביבליאָטעק און פירן אַ קולטור־טעטיקייט. זיין טעמע איז געווען „דאָס בוך

און דער לעזער״. אים האָט אויך אינטערעסירט צו וויסן, וואָס פאַראַ ביכער מיר האָבן. בעת ער האָט אַדורכגעקוקט דעם קאַטאַלאָג, האָט ער באַמערקט אַ גענוגנדע צאָל ביכער פון שמ״ר, וואָס איז אין די ליטעראַרישע קרייזן פאַררעכנט געווען צו דער שונד־ליטעראַטור.

אין זיין רעפעראַט, האָט ער אונדז שטאַרק קריטיקירט. עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז זיינוול האָט אין דעם געהאט אַן אינטערעס...

מיר האָבן איינגעאָרדנט לעקציעס איבער סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. אויך אויף פילאָזאָפישע טעמעס. די פּרעלעגענטן זענען ס׳רוב געווען פון די נאָענטע שטעט. איינער פון זיי, אונדזער פריינד ל. דאָמאַנקעוויטש, איצט רעדאַקטאָר פון „אונדזער וואָרט״ אין פּאַריז.

ציוניסטישער אָנהייב

צו יענער צייט, זומער 1917, האָט מען געהערט קלאַנגען, אַז די מלחמה וועט לאַנג נישט דויערן: דייטשלאַנד וועט פאַרשפּילן! די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט פאַרשטאַרקט די אונטערהאַנדלונגען מיט די עווענטועלע זיגערס: אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַקומען ארץ־ישראל פאַר יידן. אין פּוילן האָט זיך געפירט אַ קאַמף פאַר השפעה אויף דער יידישער גאַס. — אַ קאַמף צווישן ציוניסטן, בונד און פאָלקיסטן. די שטאַרקסטע טעטיקייט האָבן געפירט די ציוניסטן.

עס איז געווען ערב דער באַלפור־דעקלעראַציע, כלפּי־חוץ האָט מען באַדאַרפט מאַניפעסטירן דעם ווילן פון פּוילישן יידנטום פאַר אַ נאַציאָנאַלער יידישער היים אין ארץ־ישראל.

אונדזער חבר עוזר שומריי ז״ל, האָט דעמאָלט געלערנט ביים כאָטשער רב. זיין פאָטער האָט אים אָפּגענומען פון ליפּמאַנען און געשיקט נאָך כאָטש, כדי ער זאָל זיך נישט חברן מיט די יונגען פון דער ביבליאָטעק. ער איז אָבער דאָרט אריינגעטראָטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און געשטאַנען מיט אונדז אין פאַרבינדונג, כדי מיר זאָלן אין דאָמבראָוויץ אויפשטעלן אַ צעירי־ציון גרופּע און זיך אָנשליסן אין כאָטש, כדי צוזאַמען באַלאַנגען צו וולאָצלאַוועק. ער האָט אונדז געשיקט ציוניסטישע בראָשורן, צייטונגען א.אַ.וו. מיר האָבן אויך באַקומען פאָרמוליאַרן, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט אויספילן, בשייכות מיט דער דעמאָלטיקער ציוניסטישער אַקציע.

עוזרן איז געלונגען צו שאַפן אַ ציוניסטישע שטימונג. אויך געווינען אָנהענגער פאַר דער ציוניסטישער אידעע, אָבער קיין אָרגאַניזאַציע האָט מען דעמאָלט נישט געשאַפן. עס זענען אָבער געבליבן שפּורן, אַ דאַנק וועלכע עס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט אַ ציוניסטישע באַוועגונג מיטן אַקטיוון אַנטייל פון דער פרוי בינה עקערט — עוזר׳ס אַ באָבע, אַ טרייע ציוניסטין. זי האָט דאָס עוזרן דערצויגן אין נאַציאָנאַלן גייסט.

אונדזער חבר עוזר שומריי ז״ל, איז פון זיין פריסטער יוגנט געווען אַן איבערגעגעבענער און טעטיקער ציוניסט. זיין איינציקער ציל איז געווען — ארץ־ישראל. הגם עס זענען אים באַקאַנט געווען די דעמאָלטיקע שווערע באַדינגונגען פון לאַנד, האָט עס אים נישט אָפּגעהאַלטן פון עולה זיין אין יאָר 1920.

ער איז געווען אַן עלנדער בחור. קיין פיזישע אַרבעט האָט ער קיינמאָל נישט געטאָן. אין ארץ־ישראל האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ מלאָכה און שווער געאַרבעט. ער האָט נאָך דעם אַריבערגעבראַכט זיינע צוויי שוועסטער און אַ ברודער. (איינע פון די שוועסטער, ציפּורה, איז אונדזערע אַ פריינדין). ער איז קראַנק געוואָרן און פריצייטיק געשטאָרבן. ער האָט נאָך געהאַט די זכיה צו זען די פאַרווירקלעכונג פון זיין אידעאַל — די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. ער איז געווען דער ערשטער עולה פון אונדזער שטעטל.

אויב עס האָבן זיך אָנגעהויבן מערקן פאַרטייאיש־פּאָליטישע טענדענצן, האָט דאָס אָבער נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף דער ביבליאָטעק־אָנפירונג. מיר האָבן געפירט אונדזער קולטור־טעטיקייט בהדרגה׳דיק: צוגעקויפט ביכער, איינגעאָרדנט אונטערנעמונגען, קעסטל־אָוונטן און פאַרוויילונגען. מיר האָבן זיך אפילו פאַרמאָסטן צו אַן איינאַקטער־פאָרשטעלונג מיטן רעזשיסער קאַפּקע, וואָס איז ספּעציעל געקומען קיין דאָמבראָוויץ.

איין מאָל האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז וולאַדימיר מעדעם קומט קיין קוטנע רעפערירן אויף דער טעמע „סען־רעמאָ, ציוניזם און דער יידישער אַרבעטער־קלאַס״. דער רעפעראַט איז פאָרגעקומען אין שבת. מיר זענען געשטאַנען פאַר אַ נסיון פון חילול השבת. מ׳האָט געדאַרפט פאָרן נאָך קוטנע. דאָס איז נישט געווען אַזוי איינפאַך אין אונדזער שטעטל. אַזאַ עבירה בפרהסיה האָט מען נאָך נישט אָפּגעטאָן.

נאָך אַ סך וואַקלענישן, האָבן מיר דאָך באַשלאָסן צו מאַכן דעם געוואַגטן שריט. ס׳איז געווען אַ שיינער זומער־טאָג. מ׳האָט אָפּגעגעסן דאָס טשאָלנט און אַוועק צו דער באַן אין אָסטראָוו, כדי פאָרן נאָך קוטנע. מען האָט נאָך באַוויזן נאָכן רעפעראַט



הירש בזשוסטאָווסקי פון דאָמבראָוויץ, זיך אויסגעצייכנט אַלס שרייבער אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ אין וואַרשע און אין אַנדערע ליטעראַרישע אויסגאַבן אין אַמעריקע.

צוריק צו קומען צו הבדלה. פאַרן שטעטל איז דאָס געווען אַ האַלבער סוד, נישט אַלע האָבן דערפון געוווּסט. די וואָס האָבן יאָ געוווּסט, האָבן געמאַכט אַ שוויג. איך וויל נישט חושד זיין אונדזערע יידן, אַז זיי האָבן געענדערט זייער איבערצייגונג. אַ סברה אָבער, אַז זיי האָבן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז די נייע צייט איז שוין נישט די זעלבע וואָס פריער. זיי האָבן דאָך געזען, אַז מיר גייען נישט אין קרומע וועגן. איניקע יידן זענען ביי זיך געווען צופרידן, וואָס זייערע קינדער זענען נישט אַזוי אָפּגעשטאַנען ווי אַמאָל, זיי לייענען ביכער און ווייסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

אין אומאָפּהענגיקן פּוילן

ווינטער 1918 האָט זיך די מלחמה געענדיקט. ס׳איז אַנטשטאַנען דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן. מען האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו וואַלן צום ערשטן פּוילישן סיים. אַלע יידישע פּאַרטייען האָבן אַרויסגעשטעלט וואַל־ליסטעס. הגם מיר, יוגנטלעכע, האָבן נאָך נישט געהאַט קיין וואַל־רעכט, האָבן מיר פונדעסטוועגן אַנטייל גענומען אין דער וואַל־קאַמפּאַניע: פאַרטיילט אויפרופן און געקלעפּט אַפישן אין שול און אין בית־המדרש. די גרעסטע השפעה האָבן געהאַט די ציוניסטן און די אגודה.

צו די פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין בית המדרש, זענען געקומען חסידישע יידן פון קוטנע און געהייסן שטימען פאַר דער אגודה.

מיר האָבן אונדזערע פאַרזאַמלונגען געפירט אין דער ביבליאָטעק, מיט יעקב מאַמלאָק (דער געלער יעקב) פון קרושניעוויץ

און יעקב בזשוסטאָווסקי. דאָס זענען געווען פאָרשטייער פון צוויי קעגנזעצלעכע ריכטונגען: אַ רעכט־נאַציאָנאַלע און אַ לינק־רעוואָלוציאָנערע. יעקב, דער זון פון לייב בעקער, איז געקומען אַהיים פון רוסישן מיליטער. פאַרן מיליטער־דינסט, איז ער געווען אַקטיוו אין דער אומלעגאַלער אחדות־באַוועגונג אין וולאָצלאַוועק. צוריק געקומען איז ער אַ באָלשעוויק, אַ טראָצקיסט, אַ באַוווסטזיניקער, רעוואָלוציאָנערער בעקער־אַרבעטער. ביי די פרומע יידן איז ער נישט געווען באַליבט, ווייל ער האָט זיין אפיקורסות נישט באַהאַלטן. די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט דעמאָלט באַיקאָטירט די סיים־וואַלן. יעקב האָט אַגיטירט נישט צו שטימען. ער האָט נאָך דעם חתונה געהאַט, געעפנט אַ בעקעריי אין לובראַניעץ. שפּעטער איז מיר באַוווּסט געוואָרן, אַז ער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער בעל־הבית, געגאַנגען אין שול אַריין און שבת געשטאַנען נעבן בעל־קורא בעתן לייענען. ער איז אומגעקומען אין פויזנער לאַגער.

זומער 1919, האָבן די קרושניעוויצער „קאָלעיקע" (קלייך־באַן) אַרבעטער, אָרגאַניזירט אַן ערשטע־מאַי מאַניפעסטאַציע, צוזאַמען מיט דער אַרומיקער געגנט. דאָס איז געווען די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. די אַרבעטער פון דער צוקער־פאַבריק אין אָסטראָוו האָבן פאָרמירט דעם צוג, מיט פענער פון פּ.פּ.ס. — ביז קרושניעוויץ. פון דאָמבראָוויץ איז אַ טייל פון דער יוגנט געגאַנגען נאָך קרושניעוויץ צו דער דעמאָנסטראַציע. די קרושניעוויצער בונדיסטן האָבן זיך באַטייליקט אין צוג.

אויף דער טריבונע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ טיש, האָבן רעדנער גערעדט איינער נאָכן אַנדערן. צום לעצט איז אַרויפגעגאַנגען אַ מאַן מיט אַ קורץ שפּיציק בערדל, אַן אינטעליגענטער אויסזען. מיט אַן אָראַטאָרישן זשעסט האָט ער אַ הייב געטאָן די האַנט און אויפן הויכן קול אויסגערופן: „פּאָליאַקן, פּוילן איז אַ מעלקנדיקע קו, נאָר עס מעלקן זי — די יידן. קויפט נישט ביי זיי, ס'וועט זיי באַלד דער טייוול נעמען".

עס האָבן זיך דערהערט געשרייען: „פּראָוואָקאַטאָרן!" די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן גערופן שנעל זיך פונאַנדערצוגיין און אַזוי־אַרום אויסגעמיטן אַן אינצידענט, וואָס וואָלט געלאָזט נאָך זיך שווערע פאָלגן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה צווישן פּוילן און סאָוויעטן־לאַנד. מ'האָט אָנגעהויבן מאָביליזירן די יוגנט. דער גאַנצער אַקטיוו אונדזערער איז גענומען געוואָרן אין מיליטער. אַ טייל איז אוועק נאָך אויסלאַנד. דער יונגערער דור איז נאָך נישט געווען רייף איבערצונעמען די טעטיקייט. אַ געוויסע צייט איז אַלץ געוואָרן אָפּגעשטעלט. נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה, האָבן די צוריקגעקומענע ווידער אויפגעלעבט די ביבליאָטעק. איך בין שוין קיין דאָמבראָוויץ נישט צוריקגעקומען. פון די קלאַנגען וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען פון דער ווייטנס, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אונדזער מי איז נישט געגאַנגען לאיבוד.

די אונטערגעוואַקסענע יוגנט זענען געוואָרן לייענער און אָנפירער פון דער ביבליאָטעק. זיי האָבן איבערגענומען אַ צעאַקערט פעלד, געקליבן די פרוכט, וואָס מיר האָבן געזייט.

נאָך דעם ווי עס האָט זיך פאַרענדיקט די פּויליש־סאָוויעטישע מלחמה, איז די טעטיקייט ווידער באַנייט געוואָרן. די דעמאָביליזירטע כתריאל זאָנטאַג, יהושע שומריי און אַנדערע, האָבן ווידער אָנגעהויבן זייער אַקטיוו. די צאָל יוגנטלעכע איז געוואָרן באַדייטנדיק גרעסער. דער פאַקט פון אַן עקזיסטירנדיקער ביבליאָטעק, האָט זיי, באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם חדר, געפירט צו לייענען ביכער.

ס'האָט זיך אויך געגרינדעט אַ דראַמאַטישע סעקציע. מען האָט אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג פאַרשידענע איינאַקטערס פון אָנגעזעענע שרייבער. מ'האָט אויך אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט פאַרטייאיש־פּאָליטישע פּראָבלעמען. דער קאַמף פאַר מינדערהייט־רעכט, וואָס איז צו יענער צייט געפירט געוואָרן אויף דער יידישער גאַס אין פּוילן, האָט אַרויסגערופן קאַמפּס־ווילן ביי אַלע שיכטן. בעת די ציוניסטישע לאָזונג איז געווען „בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט פאַר דער יידישער מינדערהייט", האָט דער בונד געפאָדערט נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע מיט רעכט פאַר שולן פאַר יידישע קינדער, מיט יידיש אַלס אינטעריכט־שפּראַך, אויפן חשבון פון דער מלוכה.

אין דעם זין האָבן אויך אַנדערע יידישע פאַרטייען, ווי פּועלי־ציון און פאָלקיסטן, פאָרמולירט זייערע לאָזונגען. דאָס אַלץ האָט סטימולירט אַ גייסטיקן און פּאָליטישן שווונג. אונדזער שטעטל איז אין דעם פאַרמעסט נישט געשטאַנען פון דער ווייטנס.



כתריאל זאָנטאַג, גרינדער און אָנפירנדיקער חבר פון דער בונדישער יוגנט אין דאָמבראָוויץ. אומגעקומען אין כעלמנאָ.

עס האָבן זיך געשאַפן פאַרטייאישע גרופּן, וועלכע האָבן געפירט אַן אַקטיווע טעטיקייט. מיט די ציוניסטן האָט אָנגעפירט די שוין־דערמאָנטע פרוי עקערט. זי האָט אָרגאַניזירט פאַרזאַמלונגען, אויך דורכגעפירט פאַרשידענע אַקציעס פאַר ציוניסטישע צוועקן.

יעקב־לייב שומריי האָט אָנגעפירט מיטן בית"ר, וועלכע האָבן געטראָגן מיליטערישע אוניפאָרמען, געהאַט אַן אייגענעם לאָקאַל און געווען אָנגעשלאָסן אין דער קרושניעוויצער אָרגאַניזאַציע. כתריאל זאָנטאַג און יהושע שומריי האָבן געשאַפן אַ בונדישע גרופּע און געפירט אַ פאַרטייאישע טעטיקייט. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט רבקה האָפמאַן. זי האָט געגרינדעט די קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף" און געלערנט דאָס קליינוואַרג לייענען און שרייבן יידיש.

אין יאָר 1925, ווען די גאַנצע וועלט האָט פּראָטעסטירט קעגן טויט־אורטייל איבער סאַקאָ און וואַנצעטי, איז אויך אין דאָמבראָוויץ פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע פון דער יידישער יוגנט. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן אָרטיקע רעדנער, ווי אויך פון די שכנותדיקע שטעטלעך. אַלע רעזאָלוציעס, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן, האָט מען טעלעגראַפיש איבערגעשיקט קיין אַמעריקע.

ווי דערמאָנט, זענען די יידן ביי אונדז קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסע גבירים. זייער עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך אָבער נאָך מער פאַרערגערט צוליב די פאַרשידענע גזירות און שווערע שטייערן, וואָס האָבן ספּעציעל געטראָפן די יידן. מיט דער הילף פון „דזשאָינט", איז געשאַפן געוואָרן אַ גמילת־חסדים קאַסע אָנגעפירט פון ר' לייבל יאַכימאָוויטש, שלמה האָפמאַן און אַנשל כעלמינסקי. אַ דאַנק דער קאַסע האָט מען זיך געהאָלפן אין אַ נויט.

חורבן דאָמבראָוויץ

דאָמבראָוויץ האָט געהאַט דאָס טרויעריקע מזל צו געהערן צו דעם שטח, וועלכן דער נאַציש־גזלנישער פּלאַן האָט צוגערעכנט

צו דייטשלאַנד. די דאָזיקע שטחים זענען געווען די ערשטע, וועלכע זיי האָבן געמאַכט „יידן־ריין".

אין סעפּטעמבער 1939 זענען די מערדערישע חיילות אַריין קיין דאַמבראָוויץ. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן שיטן מיט גזירות. דאָס ערשטע איז געווען — שלעפּן צו אַרבעט אויף די גאַסן און וועגן, דערביי געשניטן בערד און געשלאָגן. די ערשטע קרבנות: לייב זלאָטיגורסקי און הערשל הערצבערג (לייביש יאַכימאָוויטשעס אידעם), וועמען זיי האָבן אָפּגעשוירן די בערד און אַזוי צעשלאָגן, אַז זיי האָבן אַ לאַנגע צייט געמוזט ליגן אין בעט. פאַר פחד, האָט מען אַליין זיך אָנגעהויבן שנײַדן די בערד און אויסטאָן די „יידישע" היטלען.

די דייטשן האָבן גענומען באַראַבעווען יידישע געוועלבן.



די בית"ר־חברטע ווישעגראַדזקא ז"ל


די שניט־קראָם פון בינה ביבריק האָבן זיי אינגאַנצן צערויבט. אויף אַ זייער שווידערלעכן אופן האָבן זיי דערהרגעט אַן עלטערע פרוי, חנה: מען האָט זי צוגעבונדן צום עק פון אַ פערד, געיאָגט דאָס פערד אַזוי לאַנג, ביז זי איז געבליבן ליגן אַ טויטע.

ראש־השנה, בעת די יידן זענען געווען ביים דאַווענען, זענען די וואַנדאַלן אַריין אין שול און גענומען שלאָגן. אַלץ צעבראָכן, אויסגעהאַקט די שויבן און איבערגעלאָזט אַ חורבה. אַ גליק, וואָס עס איז על־פּי־נס געלונגען אָפּצוראַטעווען די ספרי־תורות, וועלכע מ'האָט נאָך דעם אַריינגעלייגט אין קאַסטנס און באַהאַלטן. זייער אַ סך מיטגעהאָלפן אין דעם חורבן האָבן די אָרטיק־איינגעזעסענע דייטשן, די אַזוי גערופענע פאָלקס־דויטשן.

ביז יוני 1940 האָט געדויערט דער ווילדער טעראָר. פאַר דער קליינער צאָל יידן האָט זיך, אַ פּנים, נישט געלוינט צו שאַפן קיין געטאָ. ווי נאָר עס איז גרייט געווען די געטאָ אין קאָנסטאַנציע־קוטנע, האָט מען גלייך אָנגעהויבן אַהין אַרויס־שיקן. במשך קורצע, געציילטע שעהן, איז פאַרגעקומען דאָס פּאַקן זיך און אַרויסשיקן. בלויז קלייניקייטן האָט מען באַוויזן מיט זיך צו נעמען. עס זענען געווען שוין פון פריער צוגעגרייטע וועגענער און אַלע צוזאַמענגעטריבענע אויף איין פּלאַץ, זענען אָפּגעפירט געוואָרן קיין קוטנע. אין קאָנסטאַנציע איז נישט געווען קיין פּלאַץ. מען איז געלעגן אונטערן פרייען הימל. מ'האָט גע־קאָכט אויף עטלעכע צוזאַמענגעשטעלטע ציגל. פון קאָנסטאַנציע האָט מען זיך געקענט פאַרשרייבן נאָך פּאַביאַניץ, נעבן זשיכלין. דאָרט זענען געווען אַביסל ווייניקער מענטשן. די נויט, דער הונגער, די שרעקלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען — אַלץ האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט.

אַט די שרעקלעכע לאַגע האָט געדויערט ביז מערץ 1942. ווען זיי האָבן ליקווידירט די געטאָ פון דער גאַנצער געגנט, האָבן זיי אַלעמען אַוועקגעפירט אויף פול־געפּאַקטע אויטאָס קיין כעלמנאָ. דאָרט זענען זיי אין די גאַז־אויוונס דערשטיקט און פאַרברענט געוואָרן.

לאָמיר דאָ מיט גרויס כבוד דערמאָנען: כתריאל זאָנטאַג, אָנפירער פון דער יוגנט; יהושע שומריי, געוועזענער ישיבה־בחור אין לאָמזשע, שפּעטער זיך באַזעצט אין קוטנע. דאָרט


Issacher Elster
Rat von Żychlin
fir di Dombrowicer
Juden

בריוו פון דאָמבראָוויצער יידן אין זשיכלינער געטאָ

מכתב מיהודי דומברוביץ, שנשלח מגיטו ז'כלין

געוואָרן פאַרטרעטער פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג״; חגי גלאָגאָווסקי — סעקרעטאר פון דער ביבליאָטעק. ער האָט ביז דער לעצטער מינוט געקעמפט קעגן די דייטשן אין דער פוילישער אַרמיי, בעתן פאַרטיידיקן וואַרשע. אומגעקומען אין כעלמנאָ. רבקה האָפמאַן — פאַר דער מלחמה זיך באַזעצט אין בריסל, צוזאַמען מיט איר מאַן. ביידע אומגעקומען אין אוישוויץ די שטאָלצע יידישע טאָכטער — רחל שומריי. אויסבאַהאַלטן געווען אין ראָדזשעווע. בעתן אנטדעקן איר בונקער, האָט אַ דייטש איר געמאַכט א „ליבע״־פאָרשלאַג, פאַרן פּרייז פון לאָזן אירביים לעבן. זי האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים און געזאָגט: „איך וועל טיילן דעם גורל פון מיינע עלטערן״; מען דאַרף אויך דערמאָנען די פרוי ביילע־רבקה ווישאָגראָדזקי. זי איז געווען ממש די מאַמע פון שטאָט. יעדן געקומען צו הילף, מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט. פאַר אַלעמען געשריבן און געלייענט בריוו — אַ צדקיתטע פון אַ פרוי.

אחרון, ווילט זיך דערמאָנען מיט יראת הכבוד אונדזער יוגנטלעכן לאַנדסמאַן לייב (אריה) גרינבוים — אַ זון פון חיים זאטלער.

אַ שטיקל צייט נאָכן צוריקקומען פון די דייטשע טויט־לאַגערן, האָט ער עולה געווען קיין ישראל. ער איז צו ערשט אריינגעטראָטן אין קיבוץ חפצי־בה, נאָך דעם — אין דער ארמיי. געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון מדינת־ישראל און צו 22 יאָר העלדיש געפאַלן אויפן פראָנט, אין נגב.

די הספדים פון זיינע קיבוץ־חברים און דעם מיליטער, זאָגן עדות וועגן זיין העלדישקייט. כבוד זיין אָנדענק!

י ז כ ו ר!

מיט ווייטיק אין האַרץ דערמאָנען מיר אַלע אונדזערע פאַר־פייניקטע משפחות און פריינד; מיט יראת הכבוד בייגן מיר די קעפּ פאַר אייך — אָרעמע פשוטע יידן פון אונדזער שטעטל. אין אונדזער דמיון גייען פאַרביי אייערע געשטאַלטן: מיר זעען אייערע בלייכע, צערפּולטע און דערשראָקענע פנימער, אייערע פאַרווייַנטע אויגן. מיר הערן די יללות פון די מאַמעס און קינדער. איר וועט קיינמאָל פון אונדזער זכרון נישט ארויס! מיר וועלן אין אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דור־דורות וועט דערמאָנט ווערן דער שוידערלעכער מאָרד איבער אונדזער פאָלק, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן אויף קידוש השם.

אונדזער צאָרן וועט קיינמאָל נישט געשטילט ווערן. אונדזער געשריי עם ישראל חי — וועט קיינמאָל נישט אויפהערן. זאָל אין דעם יזכור־בוך אויסגעקריצט זיין אויף אונדזער סימבאָלישער מצבה אונדזער גרויס געוויין, ווי דאָס געוויין פון גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער ח. נ. ביאַליק:

אונ פאַר אַ זכר פון די היינטיקע כמאַרעס
וועט פאַרבלייבן אַ נייער על נהרות —
וואָס ער וועט הימל און ערד איבערקערן.
גליקלעך איז דער, און געבענטשט זאָל דער ווערן,
וואָס וועט פאַראייביקן אייערע טרערן:
הייליקע צווייטויזנט־יאָריקע טרערן...

דער בעסטיאַלישער מאָרד איבערן דאמבראָוויצער רב זצ״ל

בערנאַרד האָפמאַן
פאַריז

די דאָמבראָוויצער קהילה איז אָפיציעל געווען צוגעטיילט צו דעם שכנותדיקן שטעטל קרושניעוויץ. דער אָרטיקער רב איז אָבער געווען אַ קאַזיאָנער און ער האָט געדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט אַלע רעליגיעזע ענינים פון אונדזער שטעטל. די דאָמבראָוויצער יידן האָבן אָבער געוואָלט האָבן אַן אייגענעם רב, האָבן זיי אַליין אים געמוזט אויסהאַלטן.

פאַר מיינע צייטן איז געווען רב ר׳ חנוך גייזלער, אַן איידעם פון אַ באַקאַנטן שוחט, פון קרושניעוויץ. אַליין האָט ער געשטאַמט פון וולאָצלאַוועק, פון אַ זייער יחוסדיקע משפחה. זיינער אַ ברודער איז געווען מיליטער־ראַבינער.

הרב ריז איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער למדן און — גרויסער פאנאַטיקער.

ער האָט גאַנץ אָפט געהאַלטן דרשות וועגן דער אפיקור־סישקייט פון דער יוגנט און געוואָרנט די עלטערן פאַר דער סכנה, וואָס לויערט, חלילה, אויפן קיום פון דער יידישער אמונה. אין שטעטל זענען קיין גרויסע גבירים נישט געווען. זיי האָבן ווי עס איז זיך דערנערט, נאָר דאָס צאָלן דעם רב אַ פענסיע, איז געוואָרן אַלץ שווערער. דער עקאָנאָמישער מצב האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט. ס׳איז געווען אוממעגלעך אויסצו־האַלטן דעם רב. האָט ער זיך געזען געצוווּנגען אויפצוגעבן דאָס רבנות — און זיך נעמען צום האַנדל.

ער פלעגט יעדע וואָך אַוועקפאָרן נאָך וואַרשע און פון דאָרט ברענגען פאַרשידענע סחורות. די רביצן האָט די סחורות פאַרקויפט. איין מאָל, בשעת אַזאַ צוריק־רייזע (עס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק פון חודש שבט תרפ״ג), איז ער אָפּגעשטיגן אין שטעטל קרושניעוויץ. אזוי ווי עס איז שוין געווען באַלד נאַכט, האָט ער זיך אריינגעכאַפּט אין שול דאַווענען מנחה, און שפּעטער זיך געלאָזט אויפן וועג נאָך דאָמבראָוויץ.

צומאָרגנס איז געקומען אַ פויער אין אונדזער שטעטל און דערציילט אשר כעלמינסקין, אז ער האָט געזען אויפן שאָסיי אין אַ ראָוו, ליגן אַ הרוג: לויט דער באָרד דערקענט ער, אַז דאָס איז אַ ייד. עטלעכע יוגנטלעכע זענען גלייך אוועק אויפן אָרט — און אין דעם הרוג דערקענט דעם דאָמבראָוויצער רב. ער איז געווען צעשלאָגן מיט אַ שטיק אייזן. די אויגן זענען געווען אַרויסגעזעצט, קוים געווען אים צו דערקענען.

די שרעקלעכע ידיעה האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. אַלע זענען געלאָפן צום אָרט פון אומגליק. די וואַליזע מיט סחורה האָט מען געהאַט פון אים צוגענומען, דעם פעלץ מיט די שטיוול — אַראָפּגעצויגן. עס איז אָנגעקומען די זשאַנדאַמעריע און אויף אַ וואָגן געבראַכט צופירן דעם רב. דער גאַנצער עולם, וואָס האָט באַגלייט דעם וואָגן, האָט געקלאָגט און געוויינט מיט שרעקלעכע קולות. מ׳איז געווען זיכער, אַז מען פירט אַ מת.

מיט וועלכע ניסים דער רב איז לעבן געבליבן — איז נישט געווען צו פאַרשטיין. ער איז וואָכן לאַנג געלעגן אין בעט. ביי זיין בעט איז תמיד געשטאַנען שלמה האָפמאַן. ער האָט זיך

געבעטן ביים רב, ער זאָל עפּעס זאָגן וועגן מאָרד, אָבער, ליידער — מער ווי קרעכצן האָט ער נישט געקענט. מען איז באַלד אַוועק נאָך קרושניעוויץ זוכן אַ דאָקטאָר, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. דער רב האָט אויסגעהויכט די נשמה.

ווען די קרושניעוויצער ייִדן האָבן זיך דערוווּסט די טרויער־ריקע נייעס, זענען אין דער פרי געקומען צו פאָרן די חברא קדישא און פאַרלאַנגט מ׳זאָל זיי ארויסגעבן דעם מת, מחמת זיי ווילן ער זאָל געבראַכט ווערן צו קבורה אין קרושניעוויץ. זיי האָבן דאָס מאָטיווירט דערמיט, וואָס ערשטנס, געהערט די דאָמבראָוויצער קהילה צו קרושניעוויץ, צווייטנס — ווייל דער רב איז אן איידעם פון דאָרטיקן שוחט. די דאָמבראָוויצער ייִדן האָבן אָבער נישט געוואָלט דערויף איינגיין און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת. ווער ווייסט ווי ווייט עס וואָלט דערגאַנגען, ווען עס מישט זיך נישט אריין ר׳ שלמה האָפמאַן און גיט זיין הסכמה, אז מען דאַרף דעם דאָמבראָוויצער רב קובר זיין אויפן קרושניעוויצער בית־עולם.

ווען מען האָט דעם רב אַהין געבראַכט, האָבן די דאָרטיקע ייִדן אינטערווענירט, אַז מען זאָל אים נישט פלמסן. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן — און מ׳האָט אים יאָ געפּלמסט. זונטיק, צו דער לוויה, איז דאָס גאַנצע שטעטל, יונג און אַלט, אַוועק אהין. עס זענען געקומען זייער אַ סך רבנים פון נאָענט און פון ווייט. אויפן שול־הויף האָט מען געהאַלטן הספדים. גאָר באַזונדערס זענען די דאָמבראָוויצער ייִדן גערירט געווען פון דער דאָזיקן פאַל, מחמת געשען איז עס דאָך צוליב זיין פרנסה, וואָס דער דאמבראָוויצער קהל האָט דעם רב נישט געקענט געבן. האָט מען דעריבער באַשלאָסן אַז מען מוז ביים רב בעטן מחילה. זייער רירנד איז געווען, בעת מען האָט דעם מת אריינגעבראַכט אין שול אריין און צען ייִדן האָבן אויסטועניק די שיך, איינער נאָכן אַנדערן, געבעטן מחילה ביים רב. אַ יאָמערלעך געוויין האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שול. אויף אַלע אַרומיקע האָט עס געמאַכט אַ שרעקלעכן רושם. שפּעט אין אָוונט, ביים ליכט פון לאַמטערן האָט מען געבראַכט צו קבורה דעם דאָמבראָוויצער רב, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געמאַטערט מיט דער פרנסה און אַזוי טראַגיש אומגעקומען.

.8

בני קוטנה והסביבה
בישראל ובתפוצות

לאנדסלייט פון קוטנע
און אומגעגנט
אין ישראל און אין די תפוצות

דין־וחשבון על פעולות האירגון בישראל

בשנות האימים של מלחמת העולם, עת החלו להגיע פריסות־השלום הראשונות מבני עירנו שנעו־ונדו כפליטים במרחבי רוסיה, החליטה קבוצת בני־העיר בארץ, באורח ספונטאני להקים ועד־פעולה לעזרת הנצרכים. בעת ההיא (1943—1944) הגיע לארץ נציג ועד העזרה העולמי, הא׳ יוסף קלארמן, מסרנו לידיו רשימת שמות וכתובות של יהודי קוטנה ברוסיה, כדי לשלוח להם חבילות מזון ובגדים מתורכיה.



אפר של קדושי חלמנו מובא לקבורות בבית־העלמין בנחלת־יצחק (תל־אביב) — 1949.

אַש פון די קדושים פון כעלמנא ווערט געבראנגט צו קבורה אויפן בית־עלמין אין נחלת־יצחק — 1949.

בחודש מאי הגיעו אלינו ידיעות ראשונות מוסמכות על חורבן בית־ישראל בפולין וקהילת קוטנה שם. בעת ובעונה אחת החלו להגיע לארץ ראשוני שארית־הפליטה מביתנו הישן. אז נהיה עניין הקמת אירגון יוצאי קוטנה לדחוף ואקטואלי יותר.

הפגישה הראשונה נתקיימה כעבור זמן קצר, באחת השבתות, אחר־הצהרים בביתו של ה׳ אהרן־שלמה אלברג. השתתפו בה כעשרים איש, ותיקים בארץ ובני־עיר שזה מקרוב באו. בראש הוועד הועמדו הח״ח: א. ש. אלברג, מ. ויגדורוביץ, צ. נורדברג, י. פאלץ וא. לוסטיגמן. ההחלטות החשובות שנתקבלו אז היו: עזרה־הדדית; קיום אזכרה לקדושי העיר; הקמת מצבה להנצחת זכרה של קהילת קוטנה על הר־ציון בירושלים.

כל ההחלטות האלה בוצעו. אירגוננו היה בין הארגונים הראשונים של יוצאי־ערים, שקבעו לוח־זכרון לזכר קהילת יהודי קוטנה במרתף השואה. בעצרת, למחרת האזכרה השתתפו רבים מבני עירנו, ביניהם שני חברי־כנסת יוצאי קוטנה, — ש. באבה ויעקב ריפתין וכן מנכ״ל משרד הדתות הרב ש. כהנא.

בשנת 1962 הוקמה במקום מצבת־שייש. בטקס השתתפו רבים מבני קוטנה מכל חלקי הארץ.

כבר בימים ההם התגבש הרעיון על הנצחת קהילת יהודי קוטנה ב„ספר־יזכור״, שינציח את זכרה לדור־ודור. נשלחו פניות לכל אירגוני יוצאי־קוטנה בחו״ל בבקשה להתחיל באיסוף תעודות, זכרונות, רשימות וכספים לאפשר הוצאתו־לאור. ב־1950, עת בארץ שהה בן־עירנו, ההיסטוריון מג׳ י. טרונק דנו איתו ביתר פירוט על „ספר־יזכור״ המתוכנן.

*


ב־1956 החליט האירגון לערוך קבלת־פנים חגיגית לסופר היהודי הגדול, בן־עירנו — שלום־אַש. לקבלת־הפנים באו לא בלבד בני קוטנה, כי אם רבים אחרים שדבר אין להם עם עירנו, אך בדרך זו ביקשו להביע כבוד ויקר לבן־עירנו הדגול. (על קבלת־הפנים — ראה דבריו של א. לוסטיגמן).

אולם עיקר פעילותו וטיפולו של הוועד היו מרוכזים בהוצאת הספר, בעריכת האזכרות השנתיות ובקיום מגע עם אירגוני בני־קוטנה ויחידים בחוץ־לארץ.

ב־1961 נבחר ועד יוצאי קוטנה בהרכב הבא: ש. אלברג — יו״ר־כבוד, יו״ר הוועד — י. מיראנץ, סגן־יו״ר והאחראי על המזכירות — י. אלבוים, מזכירות — א. לוסטיגמן, א. וייכסלפיש, וח. גרינבוים. כספים — פ. הירשברג וש. לרון (פאלץ), פ. חסין (באגנא), ט. פוטרמן־סטוטשינסקה, ה. פלוצר, מ. ויגדורוביץ׳, צ. לסמן, ז. מטאל, נ. מושקוביץ׳, ע. שמעונוביץ׳.

הוועד קיים ישיבות סדירות מדי חודש, ואילו הנשיאות התכנסה אחת לשבוע. החלטות הנשיאות הובאו לדיון במליאה.

כמו־כן נערכו פגישות לעתים תכופות עם הקוטנאים בחיפה — בבית־הכנסת של לייזר נייביאלקובסקי, או באחד החדרים



המצבה בהר־ציון

די מצבה אויפן הר־ציון (ירושלים)

בטכניון או בביתו של הח' אריה אורנר. בחיפה פעל ועד של יוצאי־קוטנה, שחבריו היו: אריה אורנר, ד"ר ניסן ולצמן, פעלעק טייכנר, ליובא טורבוביץ'. כן נערכו ביקורים אצל הקוטנאים בירושלים ובמקומות אחרים.

*

בראשית שנות השישים גברו הפניות והבקשות **מצד** בני קוטנה בחו"ל ובארץ, לזרז את הטיפול ב„ספר־יזכור" המתוכנן. בישיבה שנערכה בביתה של הגב' הלה פלוצר הועלו לדיון כל הענינים בקשר לספר והוחלט לבחור בוועד מיוחד שחבריו היו: פ. הירשברג, ל. לרון, י. אלבוים, א. לוסטיגמן, א. וייכסל־פיש, פולה חסין (באגנא) וטולה פוטרמן־סטוטשינסקה ז"ל. כמו־כן הוחלט לארגן מחדש את המזכירות — והתוצאות לא אחרו לבוא. קויים ומגע ונתהדקו הקשרים עם ועדי יוצאי בני־קוטנה בפאריס, ניו־יורק, מקסיקו, קנדה, בריטניה, ברזיל ואוסטרליה. גם בארץ החלו יוצאי עירנו להרגיש ביתר־שאת את פעילותה האינטנסיבית של המזכירות החדשה, בקבלם לעתים תכופות תזכורות, חוזרים ומכתבים בבקשה להשתתף מפרי־עטם בספר ולהרים תרומה כספית כדי לאפשר את הוצאתו־לאור.

הביקורים של בני קוטנה מארצות שונות במדינת ישראל סייעו רבות להידוק הקשרים אתנו. אנו קיבלנו אותם בלבביות ובחמימות, ברוב המקרים סביב שולחנות ערוכים חגיגיים ובילינו איתם שעה קלה בהעלת זכרונות מביתנו הישן ובשיחה על תכניות לעתיד. רבים מהם בשובם לארצות מגוריהם נהיו לשגרירי הרצון־הטוב שלנו, כמו: א. מ. בילד ומהנדס י. גרא־בינסקי במקסיקו, מג' י. טרונק וזומר בארצות־הברית, הופמן ושלייפר בפאריס. למערכת הספר החלו להגיע חומר תעודי, רשימות, פרקי־זכרונות ותצלומים מימים עברו בעיר קוטנה.

ב־1963 הוצאנו פרוספקט „ספר קוטנה והסביבה", בו נמסר על תוכנו ומגמתו של הספר. הפרוספקט נשלח לכל חברי האירגון בארץ ולאירגונים־אחים בחו"ל.

בעייה מיוחדת התעוררה נוכח הבקשה להכליל ב„ספר־יזכור" לבני קוטנה גם מקומות יישוב יהודיים הסמוכים לעירנו. לפי בקשת אירגוננו בפאריס, החלטנו לאפשר הנצחת שלושה יישובים יהודיים גדולים בסביבות קוטנה והם: לנצ'יץ, קרושנייביץ, ודומברוביץ, שכן יוצאי שלוש עיירות אלה בצרפת מאורגנים באירגון משותף עם יוצאי קוטנה.

*

לאחר שהתקשרנו עם העורך מר דוד שטוקפיש, החל חבר־עורכים — שנקבע למטרה זו מטעם הוועד — הח"ח: באבה, מנדלביץ', מייראנץ, ריפתין, מושקוביץ, פרומר, וייכסלפיש, אל־בוים, ויגדורוביץ, לרון (פאלץ), הירשברג ולוסטיגמן — בקריאה (כל אחד לחוד או במשותף) את כל החומר שהגיע למערכת הספר.



מר זומר (ארה"ב) בפגישה עם הוועד בישראל (1964)

ה' זאָמער (פאַר. שטאַטן) אויף אַ צוזאַמעטרעף אין ישראל (1964)

חבר־העורכים העיר את הערותיו, מיין ותיקן את שדרש תיקון והכינו בשביל הספר. אולם עקרון אחד היה נקוט בידיהם — לא לפסול שום חיבור שנתקבל במערכת. לכן רבה היתה יגיעתם בעיבוד ובליטוש החומר הרב. רבות דנו חברי הוועד והעור־כים על כל מאמר ורשימה וכד' עד שמצאוהו ראוי להכלל בספר.



חברי המערכת בישראל

רעדאַקציע־קאָלעגיע אין ישראל

חבר־העורכים מורכב היה מנציגי יוצאי קוטנה מכל ארצות מגוריהם:

למרות הפעילות האינטנסיבית סביב הוצאת הספר לא פסקה הפעולה השוטפת של האירגון. נערכו נשפי פורים וחנוכה וקבלות־פנים לאורחים מחו"ל. אולם גם פעולות אלה ואחרות שזורות היו במאמצינו להוצאת הספר. הנאומים, ההופעות והכנסותיהן קודש היו ל„ספר־יזכור" זה.

מועד האזכרה השנתית — כ"ג אדר — נשמר בקפדנות. חלקה הראשון של האזכרה מוקדש להעלאת זכרם של קדושינו, ואילו חלקה האחר עוסק בענינים אירגוניים: דו"ח על פעילות הוועד, דו"ח על הקופה, ויכוח ובחירות ועד חדש.

ב־1963 נבחר ועד, הפועל עד היום בהרכב שלא השתנה כמעט: א. ש. אלברג — יו"ר־כבוד, י. מייראנץ — יושב־ראש, י. אלבוים — סגן יושב־ראש ומזכיר כללי, פ. הירשברג, ש. לרון — כספים, א. לוסטיגמן, א. וייכסלפיש, ח. גרינבוים — מזכירות. חברי הוועד — ע. שמעונוביץ', מ. ויגדורוביץ', ג. וולשטיין, צ. לסמן, נ. מושקוביץ', ש. פיינר (באגנא), ה. פלוצר.

ועדת־ביקורת — ש. פרומר.

מדומברוביץ — צ. ויינשטוק.

כדי לייעל את הפעולה נבחר ועד־פועל (נשיאות) בהרכב החו"ח: י. אלבוים, פ. הירשברג, א. וייכסלפיש, ח. גרינבוים, א. לוסטיגמן, ש. לרון (פאלץ), מ. ויגדורוביץ'.

במדינת ישראל יושבות כ־300 משפחות יוצאי קוטנה (שהן כאלף נפש). בתל־אביב, רמת־גן, גבעתיים — 170 משפחות; בחיפה וסביבתה — 85; בירושלים — 10; בקיבוצים — 52; ובדרום הארץ יושבות 8 משפחות יוצאי קוטנה.

המזכירות

טעטיקייט־באריכט פון אירגון יוצאי קוטנע אין ישראל

אין די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן, ווען קיין ארץ־ישראל זענען אָנגעקומען די ערשטע גרוסן פון אונדזערע לאַנדסלייט, וועלכע זענען אַלס פליטים פאַרוואָגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד, האָבן עטלעכע קוטנער אין לאַנד, אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן, געשאַפן אַן איניציאַטיוו־קאָמיטעט, כדי העלפן די נויטבאַדערפטיקע. אין יענער תקופה (1943—1944) איז געקומען אין לאַנד ה' יוסף קלאַרמאַן, פאָרשטייער פון אַלוועלטלעכן הילפס־קאָמיטעט, ווען מיר האָבן איבערגעגעבן אַדרעסן און נעמען פון קוטנער אין רוסלאַנד, ער זאָל זיי פון טערקיי שיקן פּעקלעך שפּייז און



בכניסה להר־ציון בירושלים
ביים אַריינגאַנג אויפן הר־ציון אין ירושלים

מלבושים. עטלעכע מאָל האָבן מיר אויסגענוצט די דאָזיקע מעג־לעכקייט פון דערלאַנגען ברידערלעכע הילף די בני קוטנע, וואָס האָט אויך ענגער געמאַכט די קאָנטאַקטן צווישן די לאַנדסלייט אין א"י גופא.

אין מאי 1945 האָבן מיר שוין געהאַט די ערשטע שרעקלעכע ידיעות וועגן חורבן פון דער יידישער פּוילן און פון אונדזער קוטנע. גלייכצייטיק האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע שארית הפליטה פון אונדזער היימשטאָט, וואָס האָט רייפער און אַק־ט.עלער געמאַכט די פראַגע פון אויפשטעלן אַ לאַנדסמאַנשאַפט פון קוטנער און פון דער סביבה אויפן היגן באָדן.

דער ערשטער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען דעם זעלבן יאָר, אַ געוויסן שבת נאָכמיטאָג, אין דער וווינונג פון ה' אהרון־שלמה עלבערג. באַטייליקט האָבן זיך עטלעכע צוואַנציק קוטנער לאַנדסלייט — אַלט־איינגעזעסענע און אָקערשט געקומענע אין לאַנד. בראש פון דעם אויסגעווײלטן קאָמיטעט זענען געשטעלט געוואָרן די ח"ח: א. ש. עלבערג, מ. וויגדאָראָוויטש, צ. נאָרדענ־בערג, י. פאַלץ, א. לוסטיגמאַן. די וויכטיקסטע באַשלוסן וואָס זענען דעמאָלט געפאַלן: קעגנזייטיקע הילף; איינאָרדענען אַן אזכרה נאָך די קדושים; פאַראייביקן די קוטנער יידישע קהילה מיטן אויפשטעלן אַ מצבה אויפן הר ציון אין ירושלים.

די אַלע באַשלוסן זענען רעאַליזירט געוואָרן. מיר זענען געווען פון די ערשטע לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע האָבן אין מרתף השואה פאַראייביקט אונדזערע קדושים מיט אַן אָנדענק־אויפ־שריפט אויף פאַרמעט. אין דער פייערונג פאָרגעקומען צומאָרגנס נאָך דער ערשטער אזכרה, האָבן זיך באַטייליקט פיל לאַנדסלייט און די צוויי כנסת־דעפּוטאַטן, אונדזערע בני־עיר — ש. באַבע און י. ריפתין, ווי אויך דער גענעראַל־דירעקטאָר פון רעליגיעס־מיניסטעריום הרב ש. כהנא. (אין יאָר 1962, איז דער פאַרמעט פאַרביטן געוואָרן אויף אַ מאַרמאָר־שטיין, אין דער פאָרם פון אַ מצבה. אויך אין דער צערעמאָניע האָבן זיך באַטייליקט אַ סך קוטנער פון גאַנצן לאַנד).

שוין אין יענער צייט איז רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן פאַראייביקן די יידישע קוטנע אין אַ ספר־מאָנומענט, אַ יזכור־בוך. וועגן דעם פּראָיעקט זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן ווענ־דונגען צו די לאַנדסלייט־אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד, מיט דער בקשה אָנצוהייבן זאַמלען מאַטעריאַל און געלט. אין יאָר 1950, ווען אונדזער בן־עיר, דער היסטאָריקער מגר. י. טרונק האָט געווײלט אין ישראל, איז אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט אים אַרומגערעדט געוואָרן אויף אַ מער קאָנקרעטן אופן דער פּלאַן פון אַרויסגעבן דעם ספר יזכור.

*

אין יאָר 1952, האָט דער אירגון באַשלאָסן איינאָרדענען אַ קבלת־פּנים פאַרן גרויסן יידישן שרייבער און קוטנער בן־עיר — שלום אַש. צום קבלת־פּנים זענען געקומען ניט נאָר שטעטישע, נאָר פיל יידן, וועלכע ס'האָט מיט קוטנע גאָרנישט געבונדן, נאָר זיי האָבן געוואָלט אָפּגעבן כבוד אונדזער גרויסן בן־עיר. (וועגן

פאַרלויף פון קבלת־פּנים — זע ווייטער די באַשרייבונג פון א. לוסטיגמאַן).

נאָר די עיקר זאָרג און אַקטיוויטעט פון קאָמיטעט איז געווען קאָנצענטרירט אַרום דעם בוך און די יערלעכע אזכרות, ווי אויך שטיין אין פאַרבינדונג מיט די קוטנער לאַנדסמאַנשאַפטן און יחידים אין דער וועלט.

אין יאָר 1961 איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון אירגון יוצאי קוטנה בישראל, אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: א. ש. עלבערג — ערן־פּאָרזיצער, י. מייראַנץ — פאָרזיצער, י. עלבוים — וויצע־פאָרזיצער און פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן סעקרעטאַריאַט, א. לוסטיגמאַן, א. ווייכסעלפיש און ח. גרינבוים — סעקרעטאַריאַט; פינאַנסן: פּ. הירשבערג און ש. לרון (פּאַלץ), פּ. חסין (באַנגאָ), ט. פּוטערמאַן־סטוטשינסקאַ, ה. פלוצער, מ. וויגדאָראָוויטש, צ. לאַסמאַן, ז. מעטאַל, נ. מאָשקאָוויטש, ע. שמעונאָוויטש.

דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן רעגולערע זיצונגען איין מאָל אין חודש, בעת דאָס פּרעזידיום האָט זיך געטראָפן איין מאָל אין וואָך. די באַשלוסן פון פּרעזידיום זענען געבּרענגט געוואָרן פאַרן פּלענום.

זייער אָפט זענען פאָרגעקומען צוזאַמענטרעפן און פאַרזאַמלונגען מיט די קוטנער אין חיפה — אין שולעכל פון לייזער ניעביאַלאָווסקי ז״ל, אָדער אין איינעם פון די זאַלן פון פּאָלי־טעכניקום, צי אין דער וווינונג פון ח׳ אריה אָרנער. אין חיפה האָט אויך פונקציאָנירט אַ קאָמיטעט פון די קוטנער: אריה אָרנער, ד״ר ניסן וועלצמאַן, פעלעק טייכנער, ליובא טורבאָוויטש. עס זענען אויך באַזוכט געוואָרן ירושלים און אַנדערע ערטער.

*

אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן, איז שטאַרקער געוואָרן דער פאַרלאַנג און דרוק מצד די קוטנער אין לאַנד און אויסלאַנד, צואײַלן מיט די צוגרייטונגס־אַרבעטן פאַרן יזכור־בוך. אין דער וווינונג פון פרוי העלאַ פלוצער איז אויף אַ זיצונג באַהאַנדלט געוואָרן אַלע פראַגן אין שיכות מיטן בוך, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטימען אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פון די ח״ח: הירשבערג, לאַראָן, עלבוים, לוסטיגמאַן, ווייכסעלפיש, פּאָלאַ חסין (באַנגאָ) און טאָלאַ פּוטערמאַן־סטוטשינסקאַ ז״ל. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו רעאָרגאַניזירן דעם סעקרעטאַריאַט — און די רעזולטאַטן האָבן נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. עס זענען איינגעשטעלט געוואָרן ענגערע און לעבעדיקערע קאָנטאַקטן מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן אין פּאַריז, ניו־יאָרק, מעקסיקע, קאַנאַדע, ענגלאַנד, בראַזיל און אויסטראַליע. אויך די לאַנדסלייט אין ישראל האָבן אָנגעהויבן פילן די אינטענסיווע טעטיקייט פון סעקרעטאַריאַט, ווייל זיי האָבן אָפט באַקומען דערמאָנונגען, בריוו, צירקולאַרן וועגן זייער באַטייליקן זיך אין ספר מיט צושיקן מאַטעריאַל און באַשטייערונגען.

די באַזוכן פון קוטנער פון אויסלאַנד אין דער יידישער מדינה האָבן אַ סך געהאָלפן צו שטאַרקן די פאַרבינדונג מיט אונדז. מיר האָבן זיי וואַרעם און האַרציק אויפגענומען, אין רוב פאַלן — ביי געדעקטע טישן, ווו מ׳האָט פאַרברענגט מיט טיילן זיך מיט זכרונות און גלייכצייטיק אַרומגערעדט פּלענער אויף דער צוקונפט. אַ סך פון זיי זענען געוואָרן אונדזערע אַמבאַסאַדאָרן אין די לענדער, ווו זיי האָבן זיך אומגעקערט נאָכן באַזוכן די יידישע מדינה, ווי די לאַנדסלייט: א. מ. בילד און אינזש. י. גראַבינסקי אין מעקסיקע, מאג. י. טרונק און זאָמער אין אַמע־ריקע, האָפמאַן און שלייפער אין פּאַריז. עס זענען אָנגעקומען זכרונות, אַרטיקלען, מאַטעריאַלן און בילדער פאַרן ספר.

אין יאָר 1963 איז דערשינען אַ ספּעציעלער פּראָספּעקט „ספר קוטנה והסביבה״, וועלכער האָט אין אַ מיניאַטור־פאָרם איבערגעגעבן דעם פּלאַן און טענדענץ פון ספר. דער פּראָספּעקט איז צוגעשיקט געוואָרן צו יעדער לאַנדסמאַן אין ישראל און צו אונדזערע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד.

אַ באַזונדער פּראָבלעם איז געווען דאָס אַריינגעמען אין



יוצאי קוטנה בישראל באזכרה בהר־ציון בירושלים (1958)

קוטנער אין ישראל אויף דער אזכרה אין ירושלים (1958)



אויף דער יערלעכער אזכרה פון דער קוסנער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל (ירושלים, 1958)

באזכרה השנתית של ארגון יוצאי קוסנה בישראל (ירושלים, הר־ציון, 1958)



קוטנער בוך אויך עטלעכע ערטער פון דער סביבה, אויב עס וועט זיין אַזאַ פאַרלאַנג. אויף דער בקשה פון אונדזער לאַנדסמאַנ־שאַפט אין פאַריז, האָבן מיר באשלאָסן צו דערמעגלעכן די פאַראייביקונג פון די דריי וויכטיקע יידישע ישובים אין קוטנער געגנט — לענטשיץ, קרושניעוויץ און דאָמבראָוויץ, ווייל אין פראַנקרייך בילדן די שטעטישע פון די פיר מקומות — איין לאַנדסמאַנשאַפט.

*

נאָכן פאַרבינדן זיך מיטן רעדאַקטאָר ה׳ דוד שטאָקפיש און א. כנעני, האָט אַ ספּעציעל אויסגעקליבענע רעדאַקציע־קאָלעגיום אין באַשטאַנד פון די ח״ח: באַבע, מענדעלעוויטש, מייראַנץ, ריפתין, מאָשקאָוויטש, פראָמער, ווייכסעלפיש, עלבוים, וויגדאָ־ראָוויטש, לרון (פאַלץ), הירשבערג און לוסטיגמאַן, אָנגעהויבן לייענען (קאָלעקטיוו און אינדיווידועל) דעם גאַנצן צוגעשיקטן מאַטעריאַל, געמאַכט זייערע באַמערקונגען, אויסבעסערונגען און ענטגילטיק קוואַליפיצירט דעם חומר פאַרן בוך. דער פּרינציפּ איז געווען — ניט פסלען קיין שום אַרבעט, דערפאַר איז גרויס געווען די מי פון די רעדאַקטאָרן ביים באַאַרבעטן און „שלייפן" די אַריינגעשיקטע מאַטעריאַלן. דער קאָמיטעט, די רעדאַקטאָרן און ח׳ עלבוים האָבן אַ סך דיסקוטירט און באַהאַנדלט יעדער מאמר — ביז ער איז אריין אין דרוק.

דער רעדאַקציע־קאָמיטעט איז געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון די קוטנער לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער גאַנצער וועלט:

ערן־פאָרזיצער: א. ש. עלבערג
אוריון (בעכלער) מאיר, חיפה
אָרנער אריה, חיפה
עלבוים יהושע, תל־אביב
אַראַד מענדל, לאָנדאָן
ערדבערג־שאָטאַן מירל, קאַנאַדע
באַבע שמחה, תל־אביב
בילד אייזיק מאיר, מעקסיקע
גראַבינסקי יצחק, אינזש., מעקסיקע
הירשבערג פנחס, תל־אביב
כץ מנשה, בעלגיע
לוסטיגמאַן אברהם, חולון
ליפשיץ משה, לאָנדאָן
לרון שמואל, תל־אביב
מאָשקאָוויטש געצל, קאַנאַדע
מאָשקאָוויטש נתן, הרצליה
מייראַנץ יצחק, רחובות
מענדעלעוויטש אהרון, תל־אביב
ניעביאַלקאָווסקי אליעזר, חיפה
נאָסול מאַקס, ניו־יאָרק
נאָרדענבערג צבי, תל־אביב
האָפמאַן חנוך, פאַריז
האָפמאַן בער
וויגדאָראָוויטש משה, תל־אביב
וואָלקאָוויטש חיים, מעקסיקע
ווייכסעלפיש אפרים, תל־אביב
וועלצמאַן ניסן, ד״ר, חיפה
זשעליכאָווסקי נפתלי, ד״ר, ירושלים
זאַנדבערג מרדכי, תל־אביב
טורבאָוויטש ליובאַ, אינזש., חיפה
טרונק ישעיהו, ניו־יאָרק
פאָגעל גרשון, ניו־יאָרק
פאָגעלמאַן בערל, יאָהאַנעסבורג
פּיאָטרקאָווסקי משה, בראַזיל
פרומער שמחה, תל־אביב
קוהן שמואל, מעקסיקע
קלינגבייל אליהו, באר־שבע
קרול נפתלי, בית־אלפא
ריפתין יעקב, עין־שמר
שמעונאָוויטש עזריאל, רמת־גן
שלייפער חנוך, פאַריז
שפּירא זישע, תל־אביב

באַגלייך מיט דער אינטענסיווער טעטיקייט פאַרן יזכור־בוך, איז ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן די נאָרמאַלע, לויפנדיקע אַרבעט פון אירגון. מיר פלעגן אַדורכפירן פורים־פאַרווײלונגען, חנוכה־אָוונטן, צי אַ קבלת־פּנים פאַר אויסלענדישע געסט. אַזעלכע אונטערנעמונגען, מיט אַ פּראָגראַם, זענען אויך געווען באַשטימט פאַרן בוך — סיי די הכנסות, ווי די אויפטריטן און רעדעס.

דער טערמין פון דער יערלעכער אזכרה ווערט שטרענג אָפּגעהיטן — כ״ג אדר. דער ערשטער טייל איז געווידמעט דעם יזכור, מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקן פּראָגראַם. אין צווייטן טייל פאַר־



פּרעזידיום פון דער אזכרה אין תל־אביב, 1965 • נשיאות האזכרה בתל־אביב, 1965
פון רעכטס (מימין): טורבאָוויטש, אָרנער, מענדעלעוויטש, עלבערג, ווייכסלפיש, הירשבערג, לוסטיגמאַן, עלבוים, לרון.

נעמט מען זיך מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן: באַריכט פון דער טעטיקייט, קאַסע־באַריכט, דיסקוסיע און וואַלן פון אַ נייעם קאָמיטעט.

אין יאָר 1963 איז דערוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט, וועלכע פירט די טעטיקייט ביז איצט, אין אַ צוזאַמענשטעל וועלכער ווערט כמעט ניט געענדערט:

א. ש. עלבערג — ערן־פאָרזיצער, י. מייראַנץ — פאָרזיצער, י. עלבוים — וויצע־פאָרזיצער און גענעראַל־סעקרעטאַר, פינאַנסן — פ. הירשבערג, ש. לרון (פאַלק), סעקרעטאַריאַט: א. לוסטיגמאַן, א. וויכסלפיש, ח. גרינבוים. מיטגלידער: גאָלדע וואָלשטיק, צבי לאַסמאַן, נתן מאָשקאָוויטש, שרה פיינער (באַנגאָ), משה ווינגדאָראָוויטש, יוכבד כץ, העלאַ פלוצער.

פון דאָמבראָוויץ — צפורה ווינשטאָק.

רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: שמחה פראָמער.

כדי פאַרבעסערן די טעטיקייט, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן עקזעקוטיווע (פרעזידיום) פון די חברים: עלבוים יהושע, הירשבערג פנחס, וויכסעלפיש אפרים, גרינבוים חיים, לוסטיג־מאַן אברהם, לרון (פאַלק) שמואל און ווינגדאָראָוויטש משה.

*

אין מדינת ישראל געפינען זיך איבער 300 קוטנער יידישע משפחות (אַ טויזנט נפשות: דערפון אין תל־אביב, רמת־גן, חולון, גבעתיים — 170; אין חיפה און אומגעגנט — 85; אין ירושלים — 10; אין דרום פון לאַנד — 8; אין די קיבוצים — 25).

סעקרעטאַריאַט





אויבן: אַ טייל פונעם עולם אויף דער יערלעכער אזכרה פון די קוטנער, אין „בית החלוצות" אין תל־אביב — 1963.
למעלה: חלק מן הקהל באזכרה השנתית של בני קוטנה, ב„בית החלוצות" בתל־אביב — 1963.
למטה: ועד אירגון יוצאי קוטנה בישראל ● אונטן: קאָמיטעט פון דער קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.



קבלת־פנים פאַרן שרייבער שלום אש פון זיינע קוטנער לאַנדסלייט אין ישראל (1952)

קבלת־פנים לסופר שלום אש מטעם בני־עירו — בישראל (1952)

שלום אש ביי די לאַנדסלייט אין ישראל

אברהם לוסטיגמאַן
תל־אביב

פונקט אין דער צייט, ווען ס׳האָט אין ישראל זיך געטומלט מיט שלום אַשן, האָט דער גרויסער שרייבער געפונען פאַר נייטיק צו קומען אין לאַנד אַריין.

דאָס איז געווען אין אַפּריל 1952.

געטומלט האָט זיך נישט נאָר אין ישראל, נאָר אין אַלע ייִדישע קולטור־צענטערס. אַשס לעצטע ווערק „דער מאַן פון נצרת" און „משה", האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם אין דער ייִדישער וועלט. פון אַלע זייטן האָט מען אַרונטערגעריסן דעם גרויסן שרייבער און פאַרשוואַרצט זיין פּנים. מיט אַ מאָל האָבן זיינע פריינד פון נעכטן אים גענומען פאַרפאָלגן, באַיקאָטירן און באַצייכענען אים אַלס מיסיאָנערישן שרייבער. אַנדערע ווידער זענען געגאַנגען נאָך ווייטער און אָפן באַשולדיקט שלום אַשן, אַז ער איז אַ „פאַרקויפטע נשמה", אַז זיינע „קריסטלעכע ביכער" האָט ער אָנגעשריבן צוליב... געלט.

דער אָנגריף אויף אַשן איז צוערשט אויסגעבראָכן אין אַמעריקע און האָט זיך באַלד איבערגעטראָגן קיין ישראל. דאָ איז דאָס פייער נאָך מער צעפלאַקערט געוואָרן. די רעליגיעזע קרייזן האָבן געשאָטן אויף אַשן פעך און שוועבל, אים אָפּגעצאָלט אַן אַלטן חוב פאַר זיין פּיעסע „גאָט פון נקמה".

און הגם שלום אַש האָט זיך געפונען אין פריַיען ישראל. זענען דאָס אָבער פאַר אים געווען שווערע און גרוילעכע טעג.

ער האָט דעמאָלט געוווינט אין אַ פּענסיאָנאַט אויפן הר הכרמל אין חיפה. אַ ריי קוטנער לאַנדסלייט האָבן געוואָלט פאַר אים איינאָרדענען אַ קבלת־פּנים. זענען אָבער אויך געווען קעגנער, וואָס האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף זיך פון אַשן אָפּשאָקלען. דעצידירט האָט די שטעלונג פון אונדזער ערן־פּרעזעס ר׳ אהרן־שלמה עלבערג. ער האָט אַשן באַשיצט. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן דעם קבלת־פּנים יאָ אַדורכפירן און דווקא אין אַ גרויסן זאַל אין תל־אביב. מ׳האָט אויסגעווילט אַ דעלעגאַציע פון דריי: ב. עפּשטיין, אפרים ווייכסעלפיש און דער שרייבער פון די שורות. מיר זענען אַוועק קיין חיפה, אין „פּענסיאָן באַדענהיימער", וווּ אַש האָט געוווינט. אָבער ער האָט די דעלעגאַציע נישט געוואָלט אויפנעמען. מיר האָבן פאַרשטאַנען זיין פאַרביטערונג און געבעטן דעם פּענסיאָן־אייגנטימער, איבערצייגן אַשן אונדז אויפצונעמען. דעם ה׳ באַדענהיימער איז געלונגען דאָס אויסצופּועלן.

ס׳איז געווען אין די פרימאָרגן־שעהן. שלום אַש איז אַראָפּ פון די טרעפּ. מיר האָבן דערזען די הויך־מאַיעסטעטישע פיגור מיטן ווייסן קאָפּ האָר און גרויסע פאַרטרויערטע אויגן, אַרומגערינגלטע מיט שוואַרצע ראַנד־קישעלעך. מיר זענען צוגעגאַנגען צו די טרעפּ, אים באַגריסט און זיך פאָרגעשטעלט. אַש האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן לעצטן טרעפּל. אַ ווילע האָט ער אונדז

באַטראַכט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אַ צייכן, אַז ער איז מסכים אונדז אויפצונעמען. אָבער באַלד האָט ער גענומען נערוועז שפּאַנען פאָראויס. ער האָט זיך פון אונדז אויסגעדרייט און אַנטשולדיקט:

— כ׳וועל פריער עסן פרישטיק און דערנאָך הערן וואָס איר ווילט פון מיר — האָט אַש געזאָגט אין אַ בייזלעכן טאָן.

מיר האָבן באַשלאָסן וואַרטן.

נאָכן פרישטיק איז ער צוגעקומען צו אונדז. נערוועז געפינטלט מיט די אויגן און אייליק אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— מיר זענען דעלעגירט געוואָרן פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אייך איינצולאַדן אויף אַ קבלת־פּנים.

צוערשט האָט ער זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער הייך, דערנאָך איז זיין פּנים אַ ביסל פאַרכמאַרעט געוואָרן. ער האָט גענומען שאָקלען מיטן ווייסן קאָפּ, געגאַנגען פאָראויס מיט פאַמעלעכע טריט אין גאָרטן אַריין. זיינע ליפּן האָבן גענומען ציטערן, ווי ער וואָלט אין דער שטיל צו זיך גערעדט. זיין פּלייצע האָט זיך אַ ביסל איינגעבויגן און ער האָט מיט שטוינונג געפרעגט:

— וואָס הייסט איר ווילט איינאָרדענען אַ קבלת־פּנים? פאַר וועמען?... מיר איינאָרדענען אַ קבלת־פּנים?!... פאַר דעם ייד, וועלכער איז טריפה און ווערט פאַרשריגן?...

ער האָט זיך צעבייזערט. זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געטרייסלט. מיר האָבן נאָר געהערט אָפּגעריסענע ווערטער:

— לאַנדסלייט... קבלת פּנים...

פּלוצים האָט ער זיך אויסגעגלייכט, האַסטיק גענומען שפּאַנען אַהין־און־צוריק. באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אונדז. אַ באַרו׳קטער, אָנגעהויבן מיט אַ ווייכן טאָן:

— צו וואָס דאַרף איך דאָס? און צו וואָס דאַרפט איר דאָס? צו וואָס און צו ווען?

ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט און באַלד ממשיך געווען:

— איר ווילט מיר איינאָרדענען אַ קבלת־פּנים און זיי אַלע ווילן מיך פאַרשרייען און פאַרטרייבן פון זיך. יאָ, יאָ, זיי ווילן מיך פאַרברענען! — האָט ער זיך געטרייסלט פאַר אויפרעגונג. — אַ בלבול האָבן זיי אויף מיר אויסגעטראַכט. מיינע שונאים מאַכן דאָס צוליב קנאה. יאָ, יאָ, — האָט אַש געזיפצט. — ווען מיינע אַלע יידישע לייענער וואָלטן געלעבט, וואָלטן זיי נישט געוואָגט דאָס צו טאָן. אָבער אַלע מיינע לייענער זענען מער נישטאָ, טאָר ווער וועט זיך פאַר מיר אָננעמען? פאַר וועמען זאָל איך אויסשרייען, אַז דאָס אַלץ וואָס זיי וואַרפן מיר פאָר — איז אַ גרויסער ליגן, אַ מיאוסער שקר!

ער איז שטיל געבליבן און טרערן זענען געפלאָסן פון זיינע אויגן. מיר זענען געבליבן ווי פאַרשטיינערט. ערשט איצט איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז דער גרויסער יידישער שרייבער איז ווירקלעך פאַריתומט געוואָרן. זיינע צענדליקער טויזנטער לייענער זענען פאַרשניטן געוואָרן. טויזנטער יידישע ביבליאָטעקן אין אייראָפּע, וווּ ס׳זענען געווען זיינע ביכער — זענען פאַרברענט געוואָרן. דער נייער יידישער דור וועט נישט לייענען זיינע ווערק אין אַשס שפּראַך — יידיש.

ביסלעכווייז האָט זיך אַש באַרו׳קט, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. גענומען אויספרעגן אויף אונדזער קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל: וויפל מיטגלידער, וואָס פאַר אַ טעטיקייט מיר פירן. ווען מיר זענען צוריק געקומען צום קבלת־פּנים, האָט ער אונדז געענטפערט:

— וועגן קבלת־פּנים וועל איך זיך צוערשט באַראַטן מיט מיין נאָענטן פריינד, אברהם סוצקעווער. אויב ער וועט דערצו מסכים זיין, וועל איך אייער איינלאַדונג אָננעמען. אָן סוצקעווערס הסכמה, וועל איך צו קיין קבלת־פּנים נישט קומען!

מיר האָבן אָנגענומען זיין תנאי. סוצקעווערס שטעלונג איז געווען אַ פּאָזיטיווע — און שוין דעם 29סטן אַפּריל 1952, האָבן מיר פאַר שלום אַשן איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן קבלת־פּנים אין זאַל „בית החלוצות” אין תל־אביב.

די אַלע וואָס האָבן געזאָגט, אַז „צו שלום אַשס אָוונט וועט קיינער נישט קומען” — האָבן זיך ביטער טועה געווען. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט אַלע קוטנער לאַנדסלייט, שרייבער, קינסטלער און איינגעלאַדענע געסט. אַלע זענען געווען נייגעריק צו הערן אַשן.

שלום אַש איז אויף דעם אָוונט אויפגעטראָטן ווי אַ... לייב. ער האָט אַרויסגעזאָגט די זעלבע געדאַנקען און געלאָזט הערן די זעלבע ווערטער ווי אין דעם שמועס מיט אונדז. ער האָט גערעדט מיט טעמפּעראַמענט און געקלאַפּט אין טיש אַריין:

— איך בין קיינמאָל נישט אַוועק פון יידישן פאָלק! דאָס איז שקר וכזב! אַ בלבול האָט מען אויף מיר אויסגעטראַכט. און דאָס האָבן נאָר געטאָן מיינע שונאים!

נאָך דעם קבלת־פּנים וואָס אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט האָט פאַר אַשן איינגעאָרדנט, האָבן גענומען בלאָזן אַנדערע ווינטן. פאַרשידענע גרופּן און אינסטיטוציעס האָבן אויפגענומען אַשן. למען האמת מוז מען זאָגן, אַז ס׳זענען אויך געווען אַ סך קעגנער. מאַנכע צייטונגען האָבן קריטיקירט אונדזער איניציאַטיוו איינצואָרדענען אַשן אַזאַ וואַרעמען קבלת־פּנים און זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי קומט דאָס, „אַז אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד, ווי עס איז ר׳ אהרן שלמה עלבערג, זאָל עפנטלעך באַגריסן אַשן דעם „קריסטוס־פאַרערער”. ר׳ שלמה עלבערג האָט זיך פון דער קריטיק נישט איבערגענומען, נאָר אַ זאָג געטאָן:

— הייסט עס, אַז איך האָב געכשרט אַשן...

אין דעם זאָג איז אויך געלעגן אַ סך אמת. ווייל דער קבלת־פּנים־אָוונט האָט געשאַפן די וואַרעמע אַטמאָספער, אַז אַש זאָל זיך באַזעצן אין לאַנד. אָן „דעם וועג, וועלכן מ׳האָט געבראָכן” וואָלט אַש נישט געוואַגט אַוודאי צו טאָן אַזאַ שריט.

אין יאָר 1956 באַזעצט זיך שלום אַש אין בת־ים. דאָס שטעטל איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַנטוויקלט. די עטלעכע גאַסן זענען געווען אַרומגערינגלט מיט זאַמדן. אָבער אַש האָט דווקא אויסגעקליבן צו וווינען אין בת־ים, הגם אויך דאָס איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען.



שלום אַש מיט זיינע קוטנער יידן אין תל־אביב (1952)

שלום אש עם בני קוטנה בתל־אביב (1952)

ווי נאָר מ'האָט אָנגעהויבן בויען אַ הויז פאַר אַשן, האָט זיך אויפסניי צעפלאַקערט אַ שנאה־פייער. די רעליגיעזע יידן האָבן געקלעפּט פלאַקאַטן אין די גאַסן, אָנרופנדיק אַשן „משומד" „מיסיאָנער". זיי האָבן זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט פאַר דראָונגען, געוואָרנט דעם ראש העיר, דוד בן ארי, ער זאָל נישט וואגן אַשן אַריינצולאָזן אין שטאָט אַריין.

אין 1958 האָט י. פאַנער, דער פּריוואַט־סעקרעטאַר פון אַשן אין בת־ים, אַרויסגעגעבן אַ בוך זכרונות וועגן שלום אַשן, אין וועלכן ער דערמאָנט דעם קבלת פנים פון דער קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט. איך ברענג דאָ אַ ציטאַט:

„...מחוץ פון אַט דעם אומאָפיציעלן באַיקאָט, זענען געשטאַנען: די יידישע פרעסע און די יידישע שרייבער אין ישראל. די „גאָלדענע קייט" איז, דאַכט זיך, געווען דער איינציקער יידיש־זשורנאַל אויף דער וועלט, וואָס האָט אין די קריטישע יאָרן געגעבן אַשן „אַזיל־רעכט", נאָך אַ סך פריִער איידער ער איז געקומען זיך באַזעצן אין לאַנד. נאָך עמעץ האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אין דער „פּאַסיווער רעזיסטאַנץ" — די קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט... די קוטנער אין ישראל זענען געווען די סאַמע ערשטע, וואָס האָבן איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן קבלת־פנים פאַר זייער באַרימטן לאַנדסמאַן. אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד ר' אהרן־שלמה עלבערג, דער יושב ראש פון ארגון, אַ יוגנט־חבר פון אַשן, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים געלערנט אין בית המדרש אין קוטנע, האָט אין זיין באַגריסונגס־רעדע געזאָגט: „נישט שלום אַש קעגן אונדז, נאָר מיר האָבן קעגן אים געזינדיקט. ער האָט תמיד געמיינט נאָר אונדזער טובה. זיין כוונה איז געווען צו פאַרשיטן דעם תהום פון שנאה, וואָס הערשט צווישן „זיי" און אונדז. דער ייד האָט גערעדט מיט הארץ און זיך געוואָרגן מיט טרערן" — שרייבט פאַנער.

אין פאַנערס בוך געפינט מען אויך אַן אויפקלערונג פאַר־וואָס שלום אַש האָט זיך באַזעצט אין בת־ים און נישט אין אַן אַנדערע שטאָט אין ישראל. פאַנער שרייבט:

„רעדנדיק מיט מיר אַמאָל וועגן איר נייער היים, האָט מאַטילדאַ אַש געזאָגט, אַז בת־ים דערמאָנט זי אין... קוטנע. דאָס זעלבע אויסזען, די זעלבע קליינע קלייטן און געשעפטן. די זעלבע קליינשטעטלדיקייט... אפשר האָט אַש טאַקע דערפאַר אויסגעקליבן אַט דאָס שטילע שטעטל פאַר זיין לעצטער היים? אפשר האָט ער נאָך די אַלע שטורעמס פון די לעצטע יאָרן געבענקט נאָך דעם אידילישן שטעטל פון זיין קינדהייט — וועמענס המשך און נייער גלגול עס איז בת־ים?".

קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט אין די פאַר. שטאַטן (לויט פרעסע־באַריכטן)

מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט די הויפּט־אַקטיוויטעט פון דער קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק זיך קאָנצענטרירט אַרום די צוגרייטונגס־אַרבעטן אַרויסצוגעבן אונדזער יזכור־בוך — דער ספר־מאָנומענט צו פאַראייביקן די רומפולע יידישע קהילה אין אונדזער היימשטאָט. דאָס אַרויסגעבן אַזעלכע יזכור־ביכער האָט אויפן אַמעריקאַנער באָדן דערפירט צו אַ צוזאַמענ־אַרבעט פון דורות יידישע עמיגראַנטן פון פריער, מיט די נייַ־געקומענע קוטנער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַלע האָבן מיט ענטוזיאַזם און עקשנות זיך גענומען צו דער הייליקער אַרבעט און גורם געווען צו אַ באַנייטער טעטיקייט פון אונדזער „סאָסייטי" אין ניו־יאָרק.





אויף אַן אזכרה פון די קוטנער אין ניו־יאָרק. רעכטס — אַ טייל פון עולם. פרעזידיום — (פון לינקס צו רעכטס): ביבערגאַל, גייער, טרונק, ז. זאַמער, הרב לובאַרט און ג. פאָגעל (רעדט).

באזכרה של בני קוטנה בניו־יורק. מימין — חלק מן הקהל. הנשיאות — (משמאל לימין): ביברגל, גייאר, טרונק, ז. זומר, הרב לוברט וג. פוגל (נואם).

צום 22סטן יאָרצייַט פון די קוטנער קדושים, איז צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע פאָרגעקומען אַ טרויער־פאַרזאַמלונג צו באַערן די אומגעקומענע קוטנער יידן, וועלכע דער נאַצישער מערדער האָט אומגעבראַכט. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע און טראַדיציאָנעל־ווירדיקע.

דעם 9טן מאַי האָבן די לאַנדסלייט ווידער זיך באַגעגנט. דאָס מאָל איז עס געווען אַ יום־טובדיקער צוזאַמענטרעף אָפּצומערקן דעם 19טן יאָרטאָג זינט דער באַפרייאונג פון היטלערן און דעם 16טן יום־העצמאות פון מדינת ישראל. נאָכן באַלייכטן די צוויי טעמעס דורך די רעפערענטן, איז אויך באַרירט געוואָרן די פראַגע פון יזכור־בוך. און דאָ איז פאָרגעקומען אַ באמת רירנדיקע סצענע. צווישן די אָנוועזנדיקע האָט זיך געפונען אַ לאַנדסמאַן, וועלכער האָט פאַרלאָזט קוטנע נאָך ביים סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס איז הימאַן עלבוים פון ניו־יאָרק. פריינד עלבוים איז שטאַרק גערירט געוואָרן פון דער טעטיקייט פון די קוטנער בני־עיר אין דער גרעסטער אַמעריקאַנער שטאָט און דערקלערט וועגן זיין וויטגייענדיקער מיטהילף אַרויסצוגעבן אונדזער ספר יזכור, באַלד זיך באַשטייערט מיט 200 דאָלאַר און צוגעזאָגט צו געבן נאָך. ער האָט ביי יענער געלעגנהייט דערציילט אינטערעסאַנטע פּרטים פון דער אַמאָליקער קוטנע און וועגן זיין אָנטייל אין דער הילפס־אַקציע פאַר דער שטאָט, וועלכע האָט שטאַרק געליטן פון אַ שׂריפה אין יאָר 1906.

אין ניו־יאָרק איז טעטיק היינט־צו־טאָג אַ קאָמיטעט פון די קוטנער, בראש פון וועלכן עס שטייען: דער היסטאָריקער און שרייבער ישעיה טרונק, הרב לובאַרט און דער זשורנאַליסט גרשון פאָגעל. עס ווערן געמאַכט אַלע באַמיאונגען, אַז אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן, מיט זיינע ספּעציפישע באַדינגונגען און באַגרענעצטע מעגלעכקייטן פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, זאָל דאָך אָנגעהאַלטן ווערן דער „קוטנער גייסט" און קאָנטאַקטן צווישן די לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק און ביי זיי פלעגן סאָלידאַריטעט, קאָאָפּעראַציע און הילף פאַר די בני־עיר אין מדינת ישראל און אין אַנדערע לענדער.

ניו־יאָרקער קאָמיטעט פאַר׳ן „יזכור־בוך״

פון קוטנע

און אומגעגנט

זכור את אשר עשה לך עמלק!

זונטאָג כ״ד אדר שני, תשכ״ה — מערץ 28, 1965

אום 4:00 אזייגער נאָכמיטאָג

אין קלינטאָן פלאַזאַ

151 קלינטאָן סטריט, ניו יאָרק, נ. י.

CLINTON PLAZA

151 CLINTON STREET, NEW YORK

וועט פאָרקומען

א הזכרה פאַרזאַמלונג

צום 23־טען יאָהרצייט

פון די קדושים פון קוטנא

און אומגעגענט

וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרען דורך די דייטשע רוצחים ימ״ש אין דער געטאָ פון קאָנסטאַנציא און אין די גאַז־קאַמערען פון כעלמנאָ.

חזן ר׳ אברהם ווייַנבערגער

וועט זאָגען תהלים און מאַכען דעם „א־ל מלא״

אַ הספד וועגען חורבן קוטנא

און אָנצינדען די יאָהרצייט ליכט נאָך די קדושים

וועט געמאַכט ווערען דורך די לאַנדסלייט

קומט אָפּגעבען כבוד אונזערע קדושים

ברענגט מיט אייער פאַמיליע

דער יזכור קאָמיטעט

Please mail all your correspondence to:

G. FOGEL, 387 Grand St., N. Y. 2, N. Y. — GR 3-4180 - GR /-1457

הזמנה לאזכרה מטעם הוועד הניו־יורקי למען הספר יזכור של קוטנה.
איינלאַדונג אויף אַן אזכרה פונעם ניו־יאָרקער קאָמיטעט פאַרן יזכור־בוך.

קוטנער לאנדסמאנשאפט אין פראנקרייך

הענעך שלייפער
פאַריז

דער אָנהייב

לויטןביישפּיל פון צענדליקער לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פּאַריז, מיטן אָנקומען פון די ערשטע גרעסערע אימיגראַנטן־גרופּעס פון יידישע שטעט אין פּוילן, האָבן אויך אונדזערע לאַנדסלייט דאָ געשאַפן די קוטנער „סאָסיעטע".

שוין ביים אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, האָבן זיך געפונען אין פּאַריז עטלעכע צענדליק קוטנער אָפּשטאַמיקע, וואָס זענען נאָר וואָס אַוועק פון אונדזער היים־שטאָט און דורך לעגאַלע און אומלעגאַלע וועגן זענען זיי אָנגעקומען אַהער און געפונען עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. דאָ האָבן זיי געבויט זייערע נייע היימען, דאָ האָבן זיי געשאַפן זייער אייגן פאַמיליע־לעבן און אין לויף פון יאָרן, האָט מען מיט שווערער מי און פּראַצע זיך איינגעאָרדנט און געצויגן פּרנסה פון דער גרויסער וועלט־שטאָט — ווער מער, ווער ווייניקער. סיי ביי די פאַכן, וואָס מען האָט געאַרבעט אין קוטנע און אויך ביי נייע באַשעפטיקונגען, וואָס מען האָט געפונען אויפן אָרט.

די צאָל קוטנער איז געוואָקסן מיט יעדעס יאָר. געקומען זענען פאַמיליעס און יחידים. די בחורים זענען געוואָרן באַווייבטע און פון די יונגע פּאָרפעלקער זענען געוואָרן משפּחות מיט קינדער, אָבער קיינער פון די מענטשן האָט נישט געקענט פאַרגעסן די שטאָט פון זייער געבאָרן און די דאָרט פאַרבליבענע פאַמיליעס און חברים, די פאַרלאָזטע פאַראיינען און געזעלשאַפטן. זיי האָבן געלעבט אין פּאַריז מיט די זכרונות פון דער נאָר וואָס פאַרגאַנגענער יוגנט, מיט דעם היימישן געסל, מיט דעם קרובישן הויף, מיט די באַקאַנטע גערטנער, פעלדער און וועלדלעך, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע וועלט; ווי איין גרופּע קינדער האָט זיך געשלאָגן מיט אַן אַנדערער און מען האָט דאָס גערופן — מלחמות, ווי מען האָט געקעמפט מיט געמאַכטע שווערדן און שפּיזן און ביקסן, מיט וועלכע מען האָט זיך אויך באַוואָפנט אין ל״ג בעומר און תשעה־באב,

ווען מען האָט זיך דערמאָנט אין די מלחמות, וואָס יידן האָבן געמוזט פירן קעגן זייערע שונאים, וועלכע זענען באַפאַלן אונדזער לאַנד — ארץ־ישראל.

די אימיגראַציע־שטראָמען, וואָס זענען געקומען נאָך פראַנקרייך, אָנהייבנדיק פון די ערשטע צוואַנציקער יאָרן, האָבן געברענגט מיט זיך אַ געזעלשאַפטלעך רייפן עלעמענט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין די קוטנער פאַרשידענע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען; זיי האָבן געברענגט אַהער דעם קוטנער אומרו, דעם ריזיקן באַגער צו קאָלעקטיווער טעטיקייט און נישט צו לאָזן זיך באַהערשן פון די טאָג־טעגלעכע דאגות. פאַראייניקט האָט זיי טאַקע די איינגעבוירענע פאַמיליאַרישקייט, די נאָענטע היימישקייט, דאָס אָרט פון זייער משפחה־שטאַם און די נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך אַלץ און אַלעמען וואָס האָט געהאַט איין נאָמען — קוטנע.

אַזוי אַרום איז אין די דרייסיקער יאָרן געשאַפן געוואָרן דער „פאַרבאַנד פון די קוטנער לאַנדסלייט און פון דער אומגעגנט". אויף פראַנצויזיש: „סאָסיעטע דע סעקור מוטיעל — לעז אַמי דע קיטנאַ", געגרינדעט לויט די דעמאָלטיקע מיטגלידס־קאַרטן אין אַפּריל 1938. פאַקטיש איז די גרינדונג פאָרגעקומען אַ סך פריער און די אָנגעגעבענע דאַטע איז וואַרשיינלעך נאָר די דאַטע פון דער לעגאַליזאַציע. די ערשטע מיטגלידער און אָרגאַניזאַטאָרן, לויט דעם אָנגעגעבענעם סדר, זענען געווען:

א. מ. בילד, גרשון שאַפּשעוויטש, יהושע לאַמסקי, יוסף קאַם, העניך שטיין, זלמן בילד, משה סטריקאָווסקי, העניך כאַבוס, ש. קאָהן, מאיר עליאַש, מ. פאָגעלמאַן, ל. פינקוס און ב. פאָנטש. דער „פאַרבאַנד" האָט זיך באַמיט אַריינצוציען אַלע קוטנער און שוין דעמאָלט האָבן זיך דאָרט געפונען עטלעכע קרושניעוויצער און דאָמבראָוויצער (פון די פאַמיליעס האָפמאַן), וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די קוטנער און מיט דעם שוין באַרעכטיקט דעם נאָמען קוטנע און אומגעגנט. עס זענען פאָרגעקומען זיצונגען, פאַרזאַמלונגען און פאַרווײַלונגען, די הויפּט־טעמעס אויף די צוזאַמענקונפטן און געשפרעכן זענען געווען וועגן קוטנע, קוטנער מערקווירדיקייטן און אַנעקדאָטן, קוטנער יחוס און חשיבות, די פאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט. מען האָט זיך געטיילט מיט גרוסן און דערציילט די לעצטע נייעס און געשעענישן: ווער ס'האָט חתונה געהאַט, ביי וועמען עס זענען געבאָרן געוואָרן קינדער, ווער ס'איז נעבעך געשטאָרבן און דאָס וו'יכטיקסטע: מען האָט זיך געפרייט מיט די פריש־אָנגעקומענע וועלכע מען האָט אויפגענומען מיט שמחה און וואַרעמקייט. אויף אַזעלכע באַגעגענישן האָבן די לאַנדסלייט זיך געפילט בעסער ווי אין דער היים. עס האָט דאָמינירט די פרייד זיך צו טרעפן מיט אַלטע, גוטע באַקאַנטע נאָך פון די קינדער־יאָרן. דאָ האָט מען אויסגעפּאַקט אַלע מעשיות און זכרונות, ווערטלעך און וויצן, וואָס איינער האָט נאָר פאַרמאָגט. דאָ האָט מען אויפגעלעבט די כאַראַקטעריסטישע טיפּן און פּערזענלעכקייטן, דאָ איז געווען קוטנע — ביחד, דאָ האָט מען אַלץ געזען פון אַ דיסטאַנס און פאַרגעסן די פאַרטיי־מחלוקתן, די מחיצות, וואָס האָבן פאַנאַנדערגעטיילט און צעשפּליטערט דאָס שיינע, פולסירנדיקע יידישע לעבן אין קוטנע.

פון די קנאַפּע הונדערט אָפּשטאַמיקע פון קוטנע, זענען



ביים מאָנומענט צום אָנדענק פון די קדושים פון קוטנע און אומגעגנט אויפן בית־עלמין אין פּאַריז.

ליד האנדרטה לזכרם של קדושי קוטנה והסביבה בבית־העלמין בפאריס.

געוועזן אָרגאַניזירט עטלעכע פּערציק מיטגלידער־פאַמיליעס. (אויף די פּאַראָווילונגען זענען געקומען מער). דאָס קאָן מען אָננעמען פאַר מאַסגעבנדיקע ציפערן, ווייל קיין פּראָטאָקאָל־ביכער, מיטגלידס־רשימה און פינאַנס־באַריכטן זענען נישט געפונען געוואָרן נאָך דער מלחמה. מיט פולער זיכערקייט קאָנען מיר היינט זאָגן, אַז די טעטיקייט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט איז געווען דער בולטער אויסדרוק פון דער היים־שטאָטישער צוגע־בונדנקייט, וואָס האָט געוואַרעמט די קוטנער אָנן זיי באַוויגן זיך צו האַלטן צוזאַמען און פאַראייניקט אין איין אָרגאַניזאַציע.

ביז דער מלחמה

אַזוי האָט עס זיך געצויגן ביז צום אויסברוך פון דער שרעקלעכסטער פון אַלע מלחמות, דער צווייטער וועלט־קריג. דער מוראדיקער שטורעם, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבער גאַנץ אייראָפּע, די שוואַרצע כמאַרעס, וואָס האָבן פאַרדעקט די פראַנצויזישע הימלען, די נאַציִשע בעסטיעס, וואָס האָבן געוויל־דעוועט איבער פראַנקרייך — האָבן נישט אויסגעמיטן אויך אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט. פראַנקרייך איז געוואָרן אָקופּירט פון די היטלער־חיילות, אַ הוראַגאַן האָט צעטראָגן די פונדאַמענטן פון דעם יידישן ישוב. חורבן און טרויער האָט זיך צעלייגט איבער יידישע היימען, דאָס יידישע לעבן איז פאַרוויסט געוואָרן, פיל יידישע פאַמיליעס זענען אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל און פאַר פיל אַנדערע האָבן זיך געעפנט אומהיילבאַרע וווּנדן, וואָס פאַרביטערן דאָס לעבן ביז היינט.


אין דעם גיגאַנטישן קאַמף, אויף לעבן און טויט, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין יענער צייט, האָבן אונדזערע לאַנדסלייט זיך געראַנגלט מיט אַלע כוחות, וואָס איז אַלץ געווען און זייער אַרע־מען באַזיץ, מיט דער האָפענונג און איינציקן ציל, איבערצו־לעבן דעם טויט־פּיינט, צו ראַטעווען וואָס ס'איז נאָר מעגלעך און צו להכעיס אַלע שונאים, צוריקשטעלן זיך צו אַ פרידלעכן, מענטשלעכן לעבן.

דער טראַגישער צוריקקער

פינצטער און טרויעריק איז געווען דער צוריקקער פון יידן קיין פּאַריז נאָך דער וועלט־שריפה. שווער געווען פאַר די געראַ־טעוועטע פון דער קאַטאַסטראָפע איבערצוטראָגן די מוראדיקע ידיעות, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער, וואָס זענען גע־פאַלן ווי שווערע שטיינער אויף אונדזערע קעפּ און וואָס האָבן אַנטפּלעקט דאָס אומגעהויערע טראַגישע בילד פון דעם גרויסן אומגליק און בראָך. יעדע יידישע פאַמיליע איז שווער געטראָפן געוואָרן. יידישע הייזער זענען פאַרטרויערטע, געהילט אין ווײ־טיק און אין צער. פיל יידישע טירן זענען פאַרמאַכט, ווייל עס איז נישט געווען, ווער ס'זאָל זיי עפענען; עלטערן האָבן געזוכט זייערע פאַרלוירענע קינדער, און קינדער זענען געוואָרן קיילעכ־דיקע אָדער האַלבע יתומים. און צו דעם — די אימהדיקע בשו־רות פון דעם פאַרשניטענעם יידישן לעבן אין פוילן און די פולשטענדיקע פאַרטיליקונג פון אונדזער ליבער היים־שטאָט קוטנע. יעדער האָט זיך געפילט ווי אַן אליין געבליבענער, אַן איינזאַמער פאַרבלעטער, וואָס מוז אַלץ אָנהייבן פונדאַסניי. אָבער ווי קען מען דען פאַריכטן אַזאַ טיפן ווייטיק, אַזאַ גרויסן טרויער. מענטשן האָבן זיך באַגעגנט מיט פאַרצערטע פּנימער און מיט טרערן פאַרגאָסענע אויגן, מען האָט גערעדט מיט האַלבע ווערטער, דער ענטפער איז אַלע מאָל געווען דער זעלבער: נישטאָ, חורבן, אומקום...

די ערשטע אַזכרה

לאַנג וועט בלייבן אין זכרון דער ערשטער צוזאַמענקונפט פון די לאַנדסלייט נאָך דער מלחמה. אַרום זעכציק זענען מיר געקומען — אונדזער גאַנצע שארית הפליטה. די שטימונג איז געווען אַ דערדריקטע, אַ טיפער טרויער האָט געוויַעט פון אַלע ווינקלען, יעדער איינער האָט געפילט, אַז מ'איז געקומען מזכיר זיין אַ געוואַלטיקן, טרייסטלאָזן אומגליק, די גרעסטע קאַטאַס־טראָפע, וואָס האָט געטראָפן דעם יידישן פאָלק, די אויף אייביק פאַרשניטענער שטאַם־שטאָט און דעם פולשטענדיקן אומקום פון אונדזער קהילה — קוטנע.


SOCIÉTÉ DE SECOURS MUTUELS
LES AMIS DU KUTNO
Autorisée en date du 1 Avril 1938
Siège Social:
LIVRET N° 18
M Chabus H.
Le Président, Le Secrétaire

געגרינדעט דעם קוטנער פאַרבאַנד האָבן פאָלגענדע פּערזאָנען:

איזאַק מייר בילד
גערשאָן שאַפּשעוויטש
שיע לאַמסקי
יוסף קאַם
העניך שטיין
זלמן בילד
משה סטריקאָווסקי
העניך כאַבים
שמיעל קאַהן
מייער עליאַש
מיילעך פאַנעלמאַן
לודוויג פינקוס
בערל פּאַנטש

מיטגלידס־קאַרטע פון דער געזעלשאַפט „פריינד פון קוטנע" אין פּאַריז

אין אַ געפּרעסטער שטילקייט האָט דער פּאַרזיצער ח' העניך שלייפער געעפנט די ערשטע אזכרה. אויפן טיש זענען געשטאַנען זעקס ברענענדיקע ליכט און נאָך אַ לאַנגער מינוט שטייענדיקן שטילשוויגן, האָט ער גערעדט וועגן דעם ים פון ליידן און פּיין, וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט אונטער דער אַכ־זריותדיקער אָקופּאַציע פון די היטלעריסטישע מערדער בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. באַזונדער האָט ח' שלייפער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער גרויסער צאָל דעפּאָרטירטע לאַנדסלייט פון פראַנקרייך און בעלגיע און די אומגעברענגטע לאַנדסלייט פון די אַרומיקע שטעט און אָפּגעגעבן כבוד די אַלע קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם והעם. ח' ב. פּאַנטש האָט גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון קוטנע פאַר אונדזער לעבן און דערציאונג, וועגן דער יחוסקייט פון קוטנע צווישן די קהילות אין יידישן פוילן, ווי איינגעקריצט די שטאָט איז אין אונדזער פליש און בלוט און ענדיקט, אַז ס'איז אוממעגלעך אַז מיר זאָלן פאַרגעסן קוטנע און אונדזערע יידן, אַפילו אויף איין מינוט אין אונדזער לעבן.

ח' ב. האָפמאַן, היינט פּרעזידענט פון אונדזער לאַנדסמאַנ־שאַפט, אַליין אַ געוועזענער דעפּאָרטירטער, רעדט וועגן די קוטנער אין די טויטן־לאַגערן, וועגן זייערע שרעקלעכע צרות און מאַרטירער־טויט. ער דערמאָנט אויך די „סאָסיעטע" פאַרן קריג. ער רעדט וועגן קוטנע, קראָשניעוויץ און דאָמבראָוויץ, און די אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך — און ענדיקט וועגן דעם גרויסן פאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן יידן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. שוידערלעך איז געווען דער מאָמענט, ווען א. ה. קעניג האָט אַרויסגעלייענט די לאַנגע רשימה פון די לאַנדסלייט קרבנות פון די נאַציִשע רוצחים, דעפּאָרטירטע און אומגעקומענע אין די לאַגערן און געפאַלענע מענער און פרויען, זקנים און קינדער, קרובים, חברים און פריינט. יעדער נאָמען האָט אויפגעציטערט די שווערע געמיטער און די טרערן האָבן געשטיקט אין האַלדז. דאָס זענען דאָך געווען אונדזערע עלטערן און קינדער, אייגענע שוועסטער און ברידער, פאַר וואָס אַזאַ סוף? ווי קאָן מען דאָס אַלץ פאַרגעסן?...

פר' זאַלני האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" און דערמאָנט די ליידן און פּיין פון דער שטאָט לענטשיץ און דעם שרעקלעכן גרויסן חורבן.

מיט פיל אויפמערקזאַמקייט האָבן די פאַרזאַמלטע אויס־געהערט די טרייסט־ווערטער פון פר' גוסטין, פּרעזידענט פון דער

קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק, וואָס האָט געברענגט וואַרעמע גרוסן פון אונדזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע.

אין קאַמף און אין ווידערשטאַנד

ווען מיר דערמאָנען דעם גרויסן בלוט־שטייער, וואָס אונדזערע לאַנדסלייט האָבן געצאָלט בעת דעם צווייטן וועלט־קריג, מוזן מיר אויך געדענקען, אַז אין דעם פאַרטיידיקונגס־קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען במשך פולע פינף יאָר, זענען מיר נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. שוין פאַרן אויסברוך פון קריג, זענען די פון אונדזערע, פראַנצויזישע בירגער, גערופן געוואָרן אין דער אַרמיי, אַפילו עטלעכע זין פון קוטנער יידן זענען מאָביליזירט געוואָרן. אַנדערע, וואָס זענען נאָך געווען אויסלענדער, האָבן אין דער גרעסטער צאָל זיך געמאָלדן אַלס פרייוויליקע. זיי זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין די רעגימענטן פון אויסלענדער־לעגיאָן, אָדער אין דער פוילישער אַרמיי אין פראַנקרייך און מיטגעמאַכט פיל שווערע שלאַכטן קעגן דער דייטשער אינוואַזיע. שפּעטער, ווען עס האָט זיך צעפלאַקערט דער ווידערשטאַנד, האָבן פיל פון אונדזערע אָפּשטאַמיקע אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דעם אונטערערדישן קאַמף, אָפּט מאָל אויף געפערלעכע פּאָזיציעס און צוגעהאָלפן צום נצחון איבער די טויט־שונאים.

כדאַי צו באַמערקן, אַז שוין אין ערשטן וועלט־קריג האָבן איינצלנע קוטנער זיך אַנגאַזשירט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי אַלס פרייוויליקע, איינער פון זיי איז געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד. אויך בעתן בירגער־קריג אין שפּאַניע, האָבן צוויי פון אונדזערע לאַנדסלייט (וויינבערג און ציאָלעק) געקעמפט אויף דער זייט פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי.

נאָך דעם נצחון איבערן נאַציזם זענען אונדזערע חברים, יהושע לאַמסקי, בערל פּאַנטש און הענעך שלייפער, געווען פון די גרינדער פון די יידישע קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך און אויך איצט פאַרנעמען זיי דאָרט פירנדיקע פּאָזיציעס.

נאָך דער באַפרייאונג

מיטן פאַרענדיקן דעם קריג איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אַז מיר מוזן זיין אָרגאַניזירט אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט, וועמענס הויפּט־אויפגאַבע וועט זיין אָפּצוהיטן דעם אָנדענק פון קוטנע און ארויסברענגען די ווערטן, וואָס זענען דאָרטן געשאַפן געוואָרן, באַקאַנט מאַכן דעם אָנטייל פון קוטנער יידן אינעם פאָלקס־לעבן פון דעם אַמאָליקן גייסטרייכן יידישן ציבור אין פוילן.

אַזוי איז טאַקע געשען. יעדעס יאָר, ביים סוף פון חודש מערץ, קומען זיך צוזאַמען אונדזערע לאַנדסלייט ביים מאָנומענט, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט לזכר די קדושים. אין קורצע ווערטער ווערן דערמאָנט די שוואַרצע יאָרן פון דער באַרבאַרישער היטלער־ממשלה און דעם שרייענדיקן פאַרברעכן קעגן אונדזער פאָלק. מיר דערמאָנען די מאַסן־שחיטה פון אונדזער יידישער קוטנע, די דערבייאיקע שטעט און שטעטלעך און די גרויזאַמע דעפּאָרטאַציעס פון אונדזערע לאַנדסלייט. אַ תפילה ווערט אָפּגעריכט, כדי נאָך מער אָנצוהאַלטן זייער הייליקן אָנדענק.

צו די יערלעכע אַזכרות אין פּאַריז, קומען אָפט לאַנדסלייט פון דער פראַנצויזישער פּראָווינץ, פון בעלגיע און אַפילו פון ענגלאַנד. אויך פריינד מאַקס גוסטין און פרוי, ווען זיי זענען אין פּאַריז, קומען צום אָנדענק־טאָג.

אויב די יאָרצייט ווערט אַזוי הייליק אָפּגעהיטן, איז דאָס אָבער נישט אונדזער איינציקע אַקטיוויטעט. יעדעס יאָר אָרדענען מיר איין אַ חנוכה־פייערונג, צו וועלכער עס קומען די לאַנדסלייט מיט זייערע קינדער און אייניקלעך; דער פּראָגראַם ווערט צוגעגרייט ספּעציעל פאַר די קינדער, מען זינגט, מען



אזכרה־פייערונג אין פּאַריז

טקס אזכרה בפאריס



ועד אירגון יוצאי קוטנע והסביבה בפאריס

פרייט זיך און מ׳דערמאָנט די גבורי ישראל פון אַ מאָל און פון היינט. אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען ווערן אַ חוץ די לויפנדיקע ענינים, אויך באַהאַנדלט ערנסטע אַלגעמיינע פראַגן מיט וועלכע מען פאַראינטערעסירט די לאַנדסלייט. צווישן די רעפערענטן, וואָס מיר האָבן איינגעלאַדן, קאָן מען אויסרעכענען באַקאַנטע יידישע פערזענלעכקייטן: יוסף מילנער ע״ה, יצחק פוגאַטש, ד״ר ל. בערנאַרד, שלמה שווייצער, דאָמאַנקעוויטש ל., ד״ר ל. קורלאַנד, ד״ר שאַטאַן, ה. פאָזנאַנסקי, משה שולשטיין, א. וואָגלער, טעאַ אַרצישעווסקאַ, אפרים קאַגאַנאָווסקי, הענעך קאָן, הערץ גראָסבאַרד און אַנדערע. מיר לאָזן נישט אַדורך קיין געלעגנהייט אויפצונעמען אונדזערע בני־עיר, ווען זיי באַזוכן פאַריז; מירל ערדבערג־שאַטאַן פון קאַנאַדע, ה׳ גוסטין פון ניו־יאָרק, ישעיה טרונק, משה פיעטריקאָווסקי פון בראַזיל, מנשה קאַץ פון בריסעל, פרוי פלוצער און ה׳ קלעטשעווסקי פון ישראל און אַנדערע. מיר האָבן געפייערט די זיבעציק יאָר פון אונדזערע וועטעראַנען: מנחם קעניג און מאַקס מאָשקאָוויטש ע״ה און זיי צו לאַנגע יאָרן: הענעך כאַבוז און א. ה. קעניג, לכבוד וועמען מיר האָבן געפלאַנצט זיבעציקביימער אין די וועלדער פון ישראל. איצט האָבן מיר שוין געפייערט אויך די פינף און זעכציק יעריקע: ש. ה. ציאָלעק, יצחק קאַץ און מנשה קאַץ פון בעלגיע. מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ שיינעם באַנקעט צו דער עליה פון נחמן בוקי און זיין פאַמיליע. נאָך דער פטירה פון אונדזער גרויסן שרייבער און בן־עיר שלום אַש, האָבן מיר איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכן טרויער־אָוונט, אויף וועלכן אַ חוץ רעדעס — זענען אויך געלייענט געוואָרן דעם שרייבערס שאַפונגען. כמעט יעדעס יאָר באַצייכענען מיר זיין יאָרצייט מיט אַ ספּעציעלן אָוונט. מיר האָבן אויך נישט פאַרגעסן אונדזער כמעט לאַנדסמאַן ביניש זילבערשטיין (אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע). צום דערשיינען פון בוך מיט זיינע געזאַמלטע לידער האָבן מיר איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכן אָוונט, אויף וועלכן עס זענען אַרויסגע־טראָטן די שרייבער: משה שולשטיין, ב. שלעווין, יוסף מאַניטש און אלחנן וואָגלער. צו דעם אָוונט איז ספּעציעל געקומען די אַלמנה פרוי זילבערשטיין, וועמען מיר האָבן אויך געהאָלפן פאַר־שפּרייטן דאָס בוך. דעם אָוונט האָבן בייגעוווינט אַ גרויסע צאָל יידישע שרייבער און קולטור־טוער. אַגב, איז דאָס געווען דער איינציקער אָוונט צום אָנדענק פון ביניש זילבערשטיין.

די איצטיקע טעטיקייט

אויסער די אַנדערע אונטערנעמונגען, וואָס מיר האָבן אָרגאַ־ניזירט, באַטייליקן מיר זיך אָפט אין געזעלשאַפטלעכע אַקציעס פון אַלגעמיין־יידישן און ישראלדיקן כאַראַקטער. נאָך היינט ווערט אויף אונדזערע צוזאַמענקונפטן אָפּגעגעבן פיל צייט פאַר זכרונות און דערציילונגען פון אונדזער אַמאָליקן לעבן און אין אַרום קוטנע. אין די שמועסן און דיסקוסיעס נעמען אָנטייל אַ גרעסערע צאָל חברים, מיט רעציטאַציעס טרעט אָפט אַרויס חבר דוד וואַכטעל (לענטשיץ).

אַ דאַנק דער אָפּגעטוענער וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט זיך דערוואָרבן אַ שיינעם נאָמען אין דער עפנטלעכקייט און די באַציאונג צו אונדז איז אַ סימפּאַטישע פון אַלע יידישע קרייזן. די באַציאונגען צווישן די לאַנדסלייט זענען פריינדלעכע, אין געוויסע פאַלן קומען מיר אַנטקעגן די מיטגלידער מיט סאָציאַלער הילף. צום באַדויערן זענען מיר זייער באַשרענקט און די פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן און אונדזער גוטער ווילן מוז אָפט אויך זיין באַגרענעצט.

ווי אַנדערע יידישע געזעלשאַפטן, פאַרמאָגן מיר אַן אייגן קבר, אַ דאַנק דער ערשטער וויכטיקער הילף פון פר׳ גוסטין פון ניו־יאָרק. אויפן שטח פון דעם קבר געפינט זיך דער מאָנומענט — אַ שיינער מאַרמאָר־שטיין מיט דער אויפשריפט: „יזכור! צום אייביקן אָנדענק פון די אַכט טויזנט יידן פון

קוטנע און אומגעגנט — קרבנות פון דייטשן באַרבאַריזם". מיט די נעמען פון די דעפּאָרטירטע בני־עיר און פיל נעמען פון די אומגעקומענע פון קוטנער געטאָ אין כעלמנאָ.

די עקזיסטענץ פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט האָט פיל מיט־געהאָלפן צו הייבן די מאָראַל ביי די מיטגלדער, מיר האָבן אין אַ גרויסער מאָס פאַרטריבן די איינזאַמקייט און יאוש, וואָס האָט באַהערשט יעדן פון אונדז נאָך די שרעקלעכע איבערלעבונ־גען אין די מלחמה־יאָרן און אַוודאי נאָך דעם קריג, ווען עס איז אונדז קלאָר געוואָרן, ווי גרויס ס'איז דער פאַרלוסט און ווייטיק. די לאַנדסמאַנשאַפט איז ווי אַ משפחה, וואָס האָט זיך צוריק געפונען — דאָס ערשטע מאָל נאָך דעם אויסוואַנדערן, און דאָס צווייטע מאָל אַלס די שארית־הפליטה, געראַטעוועטע פון דעם גרויסן וועלט־פייער און היטלערס מערדערייען.

אַלע אונדזערע פּרוּוון צו פאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער, דורך אַריינציען די אָפּשטאַמיקע פון די אַרומיקע שטעטלעך, האָבן ביז איצט געגעבן שוואַכע רעזולטאַטן. דאָך געפינען מיר זיך אין האַרציקער געמיינשאַפט מיט די לענטשיצער, קרושניצ־וויצער און דאָמבראָוויצער. אונדז איז פאָרט געבליבן די האָפע־נונג, אַז די יידן פון די אַנדערע שטעטלעך, וואָס זענען נישט אָרגאַניזירט, וועלן געפינען דעם וועג צו אונדזער געזעלשאַפט. צוזאַמען וועלן מיר דאַן בילדן אַ גרויסע פאַראייניקונג פון די דריי פּאָוויאַטן, וואָס האָבן אַ מאָל געהאַט דעם געמיינזאַמען וואַל־קרייז: קוטנע—לענטשיץ—לאָוויטש און אפשר אויך גאָס־טינין, ווי עס האָבן דעמאָלט געלעבט אַ גרויסע צאָל יידן.

אין ליכט פון דער פּרעסע

צום פאַרענדיקן אונדזער איבערזיכט וועגן דער טעטיקייט פון דער קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז, ברענגען מיר ווײַ־טער עטלעכע אויסצוגן פון די יידישע צייטונגען אין פראַנקרייך, ווו עס ווערט אין דער פאָרם פון מעלדונגען און באַריכטן, דער־ציילט וועגן די אַקטיוויטעטן פון דער „סאָסיעטע".

*

...נאָך דעם ווי דער פאָרזיצער בערנאַרד האָפמאַן לאַדנט איין אין פּרעזידיום דעם וויצע־פאָרזיצער ה' שלייפער, דעם פּרעזי־דענט סאַניטאַר פר' לאַמסקי, און דעם געוועזענעם מיטגרינדער פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט ב. פּאָנס, מעלדעט ער, אַז עס איז אָנגעקומען אַ טרויעריקע ידיעה פון אַמעריקע, אַז דער פּרעזי־דענט פון די דאָרטיקע קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט ה' גוסטין (קאָס־טינסקי) איז געשטאָרבן.

נאָכן דערמאָנען וועגן זיין ערשטן קאָנטאַקט מיט די לאַנדס־לייט פון פּאַריז אין 1947, ווו ער האָט, אַ חוץ זיין מאָראַלישע דערמונטערונג, אויך געברענגט אַ פינאַנסיעלע הילף וואָס האָט דערמעגלעכט צו קויפן אַ „קאַווע", און בייגעשטייערט שפּעטער אויף צושטעלן אַ מאָנומענט לזכר די אומגעקומענע קהילה קוטנע און אומגעגנט, בעט דער פאָרזיצער באַערן זיין אָנדענק מיט אַ מינוט שטילשווייגן.

נאָכן אונטערציען אַ קורצן סך הכל וועגן דער אַקטיוויטעט פון אונדזער געזעלשאַפט אין דעם לעצטן יאָר, שטעלט ער פעסט, אַז אין די ראַמען פון אונדזערע באַשיידענע מעגלעכקייטן, האָבן מיר געטאָן זייער אַ שיינע און נוצלעכע אַרבעט. אין דעם בודזשעט האָבן מיר באַשטימט הילף פאַרן מגבית, פאַרן יידישן מעמאָריאַל און פאַר די קינדער־קאָלאָניע נאָך ישראל. מיר האָבן אויך אַדורכגעפירט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט ביים צוגרייטן מאַטעריאַלן פאַר דעם יזכור־בוך וואָס דאַרף בקרוב דערשיינען אין ישראל. מיר האָבן פאַר דעם צוועק אויך געזאַמלט אַ שיינע סומע געלט, אָבער עס ווייזט זיך אַרויס איצט, אַז עס פאָדערט זיך נאָך אַ גרויסע אָנשטרענגונג, צו קענען דערגרייכן די סומע וואָס עס נייטיקט זיך צו קענען פאַרענדיקן דאָס בוך.

דער פאָרזיצער מאַכט דעריבער אַן אַפּעל צו אַלע לאַנדס־לייט זיך צו באַשטייערן מיט אַ מאַקסימום. דער פריינט לאַמסקי, וואָס קומט איצט צוריק פון אַ לענגערן באַזוך אין ישראל, גיט איבער אַ גרוס וועגן זיין קאָנטאַקט מיט די לאַנדסלייט דאָרט. ער איז שטאָלץ — זאָגט ער — מיט די אַקטיוויטעט, וואָס די לאַנדסלייט פירן אין ישראל. די לאַנדסמאַנשאַפט איז זייער אַ גרויסע אין צאָל און פאַראַן צווישן זיי זייער אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן אין לאַנד ווי אויך עטלעכע כנסת־דעפּוטאַטן. מיט דעם אַרויסגעבן דאָס יזכור־בוך פאַרנעמען זיך זייער וויכטיקע פערזאָנען און מיר קענען האָבן צו זיי — זאָגט ער — דעם פולן צוטרוי. ער דערמאָנט אויך וועגן די פיינע אויפנאַמע וואָס זיי האָבן געמאַכט פאַר אים און זיין פרוי, און ווינטשט אַז אַלע לאַנדסלייט זאָלן זיך באַמיען צו באַזוכן ישראל און זיך טרעפן דאָרט מיט אונדזערע לאַנדסלייט.



ביים אָנדענק־שטיין אין פּאַריז • ליד מצבת־הזכרון בפאריס

די פאַרזאַמלונג ווערט שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ יום־טוב, ווען דער פאָרזיצער מעלדעט, אַז מיר פייערן היינט זייער אַ וויכטיק געשעעניש. און נעמלעך, דאָס באַקומען די הויכע אויס־צייכענונג פון ערן־לעגיאָן פון אונדזער בן־עיר ב. פּאָנס, פאַר זיין אָנטייל אין דער רעזיסטאַנץ. ער שטעלט אים פאָר פאַר די נייע מיטגלידער, דערמאָנענדיק וועגן זיין אַקטיוון אָנטייל ביים גרינדן די לאַנדסמאַנשאַפט פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג, און שפּעטער נאָך דעם גרויסן חורבן ביים צוריק אויפשטעלן די היינטיקע לאַנדסמאַנשאַפט פון קוטנע און אומגעגנט.

רעדנדיק וועגן די הויכע אויסצייכענונג וואָס עס האָט לעצטנס באַקומען דער פר. פּאָנס, האַלט ער, אַז עס איז אַ גרויסע זכיה פאַר די לאַנדסמאַנשאַפט צו האָבן ביי זיך אַ מיטגליד מיט אַזאַ אויסצייכענונג. דער פאָרזיצער דערמאָנט אויך דאָס גרויסע גליק וואָס אים אַליין האָט געטראָפן, אַז נאָך פיר יאָר אַדורכגיין אַלע שבעה מדורי גהינום אין די נאַצישע מאָרד־

לאַגערן, האָט ער היינט דערלעבט צו קענען באַגריסן זיין לאַנגיאָריקן פריינט, פאַר דער אָנערקענונג וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים אַרויסגעוויזן מיט צוטיילן אים דעם שעוואַליע פון ערן־לעגיאָן, און ווינטשט אים צו טראָגן מיט שטאָלץ זיין אויסצייכענונג אין אַ וועלט פון שלום.

אַ וואָרט צום באַגריסן באַקומט דער וויצע־פּאָרזיצער ה׳ שלייפער, אַ יוגנט־חבר פון ב. פּאָנס. ער דערמאָנט דעם אָנטייל פון יידישע קעמפער אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער ביי דער זייט פון די, וואָס האָבן געקעמפט פאַר יושר און צדק. אָבער דעם אמתן העלדנמוט האָבן יידן אַרויסגעוויזן ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביים פאַרטיידיקן די אייגענע יידישע מדינה. אויך דאָ האָבן אונדזערע לאַנדסלייט געגעבן אַ גרויסן חלק.

רעדנדיק וועגן דער אויסצייכענונג פון ב. פּאָנס, זאָגט ער, אַז דאָס איז זייער אַ וויכטיק געשעעניש און אַז די קוטנער וועלן זיך אַלעמאָל גרויסן מיט דעם יחוס.

עס באַגריסט נאָך שפּעטער פריינד יהודה שטיין, דערמאָנענדיק די גוטע מידות פון ב. פּאָנס און ווינטשט אים נאָך פיל גליק.

נאָך דעם ווי דער עולם טרינקט לחיים און איז טועם פון די פיינע צוגעגרייטע מאַכלים, וואָס האָבן מיט אַזוי פיל געשמאַק צוגעגרייט די מאַדאַם סאַראַ שטיין, מאַד. שלייפער, מאַד. שקולניק און מאַד. וואַכטעל, באַקומט דאָס וואָרט דער בעל שמחה ב. פּאָנס. עס איז אים שווער — זאָגט ער — צו ריידן אין אַזאַ מאָמענט, ווען ער איז נאָך אונטערן רושם פון דעם אַלעם, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן אויף זיין חשבון. ער איז זייער גערירט פון די האַרציקע אויפנאַמע, וואָס מען האָט פאַר אים געמאַכט. ער האַלט דאָס פאַר זייער אַ גרויסע זכיה. ער זאָגט, אַז ווען מען רעדט וועגן זיין אויסצייכענונג, דאַרף מען אויך דערמאָנען די אַלע אַנאָנימע העלדן וואָס האָבן געקעמפט פאַר די זעלבע זאַך. און דעם מהלך וואָס טיילט אָפּ קוטנע ביז פּאַריז זעט ער דאָך עפּעס אַ שייכות, אַ געמיינזאַמען, אין דעם היינטיקן יום טוב, ווייל וואָלט ער נישט באַקומען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמאַציע אין זיין שטעטל — וואָלט ער אפשר נישט דערגרייכט צו דער מדרגה.

ער דאַנקט דעם קאָמיטעט פאַר דעם היינטיקן אָוונט, וואָס האָט אים פאַרשאַפט זייער פיל פאַרגעניגן.

דער פריינד וואַכטעל האָט זייער פיין פאַרוויילט דעם עולם — און עס קומט אים אַ יישר־כוח.

*

אויסצוגן פון דער הספד־רעדע, געהאַלטן פון סעקרעטאַר ה. האָפמאַן פון פאַרבאַנד פון דער לאַנדסמאַנשאַפט קוטנע און אומגעגנט אין פראַנקרייך — צו דער דריי און צוואַנציקסטער יאָרצייט נאָכן אומקום פון אונדזערע קדושים ביים מאָנומענט פאַר אונדזערע בני־עיר אויפן בית־עולם אין פּאַריז.

חשובע לאַנדסלייט און פריינד!

זינט דעם לעצטן חורבן, קומען מיר זיך צוזאַמען יאָר־איין, יאָר־אויס צו דערמאָנען און אָפּגעבן כבוד אונדזערע טראַגיש־אומגעקומענע משפחות.

הונדערטער דורות לאַנג, האָבן יידן יערלעכע טרויער־טעג נאָך פאַרשידענע גזירות און רדיפות, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אוראַלטער און מיטלאַלטער. עס האָט אָבער קיינער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט גלויבן, אַז אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט וועט אונדז די וועלט, וואָס פּרעטענדירט צו זיין ציוויליזירט, קולטורעל און הומאַניש — דערלאַנגען אַ טרויער־טאָג נאָך אַ באַרבאַרישן חורבן, וואָס האָט נישט קיין פאַרגלייך אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

מיר טאָרן אָבער נישט אָפּשליסן דאָס דערמאָנען די טרויעריקע געשעענישן מיט אונדזער דור. אונדזער נקמה, אונדזער קיום, אונדזער נישט פאַרגעסן, וועט נאָר האָבן אַ ממשות, ווען מיר וועלן איבערגעבן די אכזריותדיקייט קעגן יידישן פאָלק אונדזערע קינדער און פאַר די קומענדיקע דורות, אַז עס זאָל זיך נישט



קאָמיטעט פון קוטנער און אומגעגנט אין פּאַריז

ועד יוצאי קוטנה והסביבה בפאריס

איבערחזרן די גלייכגילטיקייט ווי פאַר דעם לעצטן חורבן. אַז היטלער ימח שמו האָט אָנגעשריבן זיין טרויעריק באַרימט בוך „מיין קאַמף", ווי ער האָט אָפן פראָקלאַמירט זיין סאַדיסטישן פלאַן אויסצוראָטן דאָס יידנטום — האָט די וועלט זיך צו דעם באַצויגן מיט גלייכגילטיקייט און לייכטזיניקייט, ביז עס זענען געקומען די טרויעריקע פאַקטן, וואָס די וועלט האָט הימל־שרייענדיק פארשוויגן און געלאָזט אויסקוילן זעקס מיליאָן יידן.

מיר טאָרן קיינמאָל נישט זיין גלייכגילטיק און פאַרשווייגן אַנטי־יידן העצעס אָדער מאָרד־פּלענער, וועלכע עס גרייט אויך היינט צו דער שונא ישראל, דער היינטצייטיקער פרעה — נאַצער. אויך ער זאָגט אָפן צו פאַרניכטן מדינת ישראל. ער וויל דערמיט געווינען די אַנטיסעמיטן פון אַלע לענדער.

דאָס יזכור־בוך, וואָס מיר גיבן אַרויס מיט דער באַטייליקונג פון אונדזערע לאַנדסלייט פון אַלע לענדער ווו זיי געפינען זיך, איז אַ מאָנומענטאַל ספר צום הייליקן אָנדענק פון אונדזערע טראַגיש אומגעקומענע קדושים. מיר פאַראייביקן זייערע נעמען, וואָס וועט זיין פאַר אונדז אַ הייליקייט, איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער און אין די הערצער פון די צוקונפטיקע דורות.

דאָ, ווי מיר שטייען היינט פאַרזאַמלט, ווענד איך מיך סימבאָליש צו דעם מאָנומענט, ווו עס זענען אויסגעקריצט די נעמען פון אונדזערע הרוגים. מיט די אויסגעקריצטע ווערטער פון זלמן שניאור אויף אַ מצבה לכבוד די הרוגים פון ביאַליסטאָקער פאָגראָם:

„שטיי פעסט און גרויזאַם, דו טרויער־זייל ווי אַ פעלז. זאָלסט נישט צעגיין אין דעם בלוט פון די געהרגעטע קדושים אונטער דיר: און פון דעם שטראָם פון די טרערן אויף דיר. וואַרף אויף זיי אַ שרעק אין די נעכט, לייג זיך אויס אויף זייער פאַרשאָלטענער נשמה ווי אַ קללה, און דערצייל דאָס געשעענע די קינדער נאָך אונדז, און די קומענדיקע דורות".

היינט, דאָ פאַרזאַמלט צו דער 23סטער יאָרצייט, בייגן מיר די קעפּ מיט יראת הכבוד פאַר אונדזערע אומגעקומענע קדושים.

די לאנדסמאנשאפט אין קאנאדע

(פון דער פרעסע)

דער באַגריף לאַנדסמאַנשאַפט, ווי ער ווערט פאַרשטאַנען אין אַמעריקע, איז אין דער אַלטער היים, וואָס די היטלער־מערדער האָבן גרויזאַם פאַרשניטן, געווען פרעמד. לאַנדסמאַנשאַפטן זענען אַן אַמעריקאַנער שאַפונג. זייער הויפּט־ציל איז געווען צו העלפן זייערע ברידער אין דער אַלטער היים. אין אַ געוויסן זין זענען זיי געווען די בריק צווישן די אימיגראַנטן אין אַמעריקע מיט די לאַנדסלייט אויף יענער זייט ים. זיי זענען געווען די סטאַציעס פאַר נייע אימיגראַנטן־לאַנדסלייט, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן מיט אַ היימישער וואַרעמקייט און ווו ס'איז גלייכצייטיק געזאָרגט געוואָרן פאַר זייער איינאָרדענונג.



קוטנער לאַנדסלייט אין מאָנטרעאַל — קאַנאַדע — בני קוטנה במונטריאול — קנדה

(זיצן פון רעכטס — יושבים מצד ימין): ב. באַלזאַמאָוויטש, י. מאַמלאָק, מ. ערדבערג־שאַטאַן, מ. ח. שאַטאַן, ה. צעלעמענסקי. (שטייען פון רעכטס — עומדים מצד ימין): מ. שער, א. מאַנטשיק, י. גאָלדבערג, פּ. מאַנטשיק־גאָלדבערג, מ. קראַסני, ל. קופּער־קראַסני, ל. שנורבאַך און לעוויטאַן.

די מצוות און פליכטן, וואָס האָבן אויף זיך גענומען ביים אַנטשטיין די אַלע פריערדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן, זענען ליידער איבעריק געווען ביי דער צום לעבן געקומענער קוטנער־וולאָצלאַווקער לאַנדסמאַנשאַפט אין קאַנאַדע. אירע גרינדער, די שארית הפליטה מיט אַ צאָל יחידים, היגע לאַנגיאָריקע תושבים פון די דערמאָנטע שטעט, זענען מיט דער גרינדונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אויסן געווען צו שאַפן אַ ברייטערן משפחה־קרייז, וואָס זאָל אין אַ געוויסן זין פאַרטרעטן די פאַרלוירענע פאַמיליעס און קרובים און מילדער מאַכן גרויזאַמע איינזאַמקייט. עס האָט ווי פון זיך אַליין איינגעשטעלט אַ שליחות צו האַלטן הייליק דעם אָנדענק פון די אויסגעלאָשענע לעבנס פון אייגענע און נאָענטע, מיט וועלכע מיר זענען געווען געבונדן מיט אומצעררייסבאַרע משפחה־בענדער.

דורך די יאָרן, פון אָנהייב פופציקער, זינט די לאַנדסמאַנשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן ביז היינט, ווערט דער נר־תמיד וואָס דערמאָנט די נאָענטסטע קדושים, אָפּגעהיטן מיט דער גרעסטער זאָרגפעליקייט.

די מיטגעבראַכטע דורך אַ טייל אָפּגעראַטעוועטע נאַצי־קרבנות, גרויסע צאָל פאָטאָגראַפישע בילדער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם חורבן און פיין פון די יידן, העלפן נישט ווייניק איינצוקריצן אין זכרון דעם גרויסן אומגליק. די גאַסן, די הייזער און די פאַרשידענע פלעצער, וואָס דערמאָנען אין דעם גייסט־רייכן און קאָלירפולן פאַרשניטענעם לעבן, רופן אַרויס נאָסטאַלגיעס, וואָס גייען אָפט איבער אין וויטיקן, צוליב די אַנטוישטע האָפענונגען.

*

אויף דער אַנומלטן אָפּגעהאַלטענער אַזכרה פון דער קוטנער־וולאָצלאַווקער לאַנדסמאַנשאַפט, זענען אַרויסגעטראָטן ל. שנורבאַך און מ. כשאַנסקאָווסקי,ביידע אָפּגעראַטעוועטע פון נאַצישן גהינום. און כאָטש נישט צום ערשטן מאָל גיבן זיי איבער זייערע פינצטערע דערפאַרונגען, האָבן זיי אָבער אויף דער דערמאָנטער טרויער־פאַרזאַמלונג געשילדערט נאָך נישט איבערגעגעבענע נאַצישע גרויזאַמקייטן, וואָס האָבן ביז די טיפסטע טיפענישן צעבראָכן דאָס געמיט.

די ברענענדיקע זעקס נשמה־ליכט האָבן דערמאָנט דעם גהינום־וועג, וואָס די זעקס מיליאָן קדושים האָבן מיטגעמאַכט. פאַר די אויגן האָבן זיך לעבעדיק באַוויזן די פנימער און געשטאַלטן פון די נאָענטסטע, וואָס ווערן צוזאַמענגעפרעסט אין אַ גרויסע מאַסע, געטריבן צו ברענענדיקע שייטער־הויפנס. די צעפלאַקערטע פייערן פאַרשלינגען זיי און עס וואַקסן אויס ריזיקע אַש בערג. פון אָט די בערג טראָגן זיך פאַרפייניקטע שטימעס, שטימעס פון נאָר וואָס געבוירענע קינדער־עופהלעך ביז זקנים.

וועגן אָט דעם חורבן מיט אַלע זיינע פינצטערע באַגלייטונגען, וואָס איז שווער מיטן מענטשלעכן שכל משיג צו זיין, האָט פ. וואָלקאָוויטש דערקלערט, אַז אַזעלכעס האָט נאָר געקענט קומען אין אַ צייט, ווען די וועלט איז אַריין אין אַ צושטאַנד פון אַנטווערטן דעם מין מענטש בכלל.

מ. הערץ, וועלכער האָט לעצטנס באַזוכט פוילן און געוואָלט גיין אויפן קבר־אבות אויפן ליפנער בית עולם, ווו זיין פאָטער איז געפאַלן אַלס קרבן, האָט דערקלערט: לא די וואָס ער האָט נישט געפונען קיין סימן פון לעבעדיקער יידישקייט אין זיין געוועזענער היים־שטאָט ליפנע, נאָר אַפילו נישט אַ דערמאָנונג פון אַ יידישקייט, וואָס זאָל זיין אַ זכר פו אַ יידישן טויט.

מ. שאַטאַן, וועלכער האָט גערעדט וועגן דער היים־שטאָט פון שלום אַש, האָט גלייך ביי דער דערעפענונג פון דער טרויער־פאַרזאַמלונג אָנגעשלאָגן דעם געהעריקן טאָן.

אין דעם אַרטיסטישן טייל האָבן אָנטייל גענומען פרוי טרעפמאַן מיט שפּילן אויף דער פיאַנאָ געטאָ־מאָטיוון. די דיכטערין מ. שאַטאַן האָט געלייענט פון אירע שאַפונגען — צוויי לידער, געווידמעט די אומגעבראַכטע פון די שטעט קוטנע און וולאָצלאַוועק. י. גאָנשער האָט געלייענט דאָס רירנדע ליד פון מלך ראַוויטש „מיין מאַמע“.

קוטנער אין מעקסיקע

(לויט פּרעסע־באַריכטן)

עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ לאַנדסמאַנשאַפט פון קוטנע און אומגעגנט, מיטן ציל צו פאַראייביקן די אומגעקומענע קהילות פון יענער געגנט אין פוילן, און באַקאַנט מאַכן די יוגנט פון די לאַנדסלייט מיט די ווערטן פון די ערטער פון וועלכע זיי שטאַמען. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פאַרוואַלטונג פון די קוטנער לאַנדסלייט בראש פון וועלכע עס שטייט אינזש. אַ. גראַבינסקי און ה׳ קאָהן; ערן־פאָרזיצערס זענען די ה״ה גראַבינסקי און טשאָנסטקאָווסקי. אויף דאָנערשטיק דעם 27־טן יוני, 8 אָוונט, ווערט גערופן (אין לאָקאַל פון קולטור־צענטער, קוליאַקאַן 71) אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע לאַנדסלייט פון קוטנע און אומגעגנט; עס וועלן באַהאַנדלט ווערן וויכטיקע פראַגן, און אַלע זענען איינגעלאַדן.

*

ביי אַ גרויסן עולם איז אין זאַל פון יידישן קולטור־צענטער דאָנערשטיק, דעם 27־טן יוני, פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די קוטנער לאַנדסלייט און אומגעגנט מיט דער באַטייליקונג פון דער יוגנט.

דער פאָרזיצער, אינזש. יצחק גראַבינסקי, עפנט די פאַרזאַמלונג, ביי אַ זייער ערנסטער שטימונג גיט ער אַ ברייטע אויפקלערונג וועגן דעם ציל פון דעם היינטיקן צונויפטרעף, לאַדט איין די ערן־פאָרזיצערס „די עלטסטע לאַנדסלייט“ פ. בצלאל גראַבינסקי און מאיר טשאָנסטקאָווסקי, אָנצינדן די ערשטע 2 ליכט. און די פרויען האַננאַ בילד און געניאַ אָפּאָטשינסקי טשנאָסטקאָווסקי — די געבליבענע 4 ליכט.

פ. איזאַק מ. בילד מאַכט אַן אל־מלא־רחמים, וועלכע רירט דעם עולם ביז טרערן.

דער פאָרזיצער גיט דאָס וואָרט דעם סעקרעטאַר שמואל קאָן, וועלכער רעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו זיין אָרגאַניזירט אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס דאַרף זיך שטעלן פאַר אַ ציל אַרויסצוהעלפן די לאַנדסלייט, ווו זיי זאָלן זיך נאָר געפינען. ער קלערט אויף די פאַרזאַמלטע די גייסטיקע נעסט, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס יידישע לעבן אין דעם שטעטל קוטנע, פון איין עקסטרעם ביזן צווייטן; די חשיבות פון ר׳ יהושע קוטנער ביז דעם וועלט־באַרימטן שרייבער שלום אַש און דערפאַר טאַקע דאַרפן פאַרנעמען אַ חשובן פלאַץ אין געזעלשאַפטלעכן לעבן די לאַנדסלייט פון קוטנע.

ער דערמאָנט אויך דעם רוף פון די לאַנדסלייט אין ישראל וועגן באַטייליקן זיך און העלפן צום דערשיינען פון יזכור־בוך.

דער וויצע־פּאָרזיצער י. בילד דערציילט וועגן זיין באַזוך אין ישראל, ווו ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט די דאָרטיקע לאַנדסלייט און לויט ווי ער האָט איבערגעגעבן, האָבן זיי שוין דערהאַלטן דעם מאַטעריאַל פון היסטאָריקער י. טרונק, וועלכער דערציילט די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פונעם קוטנער ישוב פון 14טן יאָרהונדערט ביז דעם לעצטן חורבן.

ער רופט די פאַרזאַמלטע איבערצוגעבן זייערע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, כדי זיי זאָלן אויך קענען אַריינגענומען ווערן אין יזכור־בוך. מיט אַ פּאַטעטישן רוף, ווענדעט ער זיך צו די אָנוועזנדע, זיי זאָלן זיך באַשטייערן און דערמיט העלפן דאָס דערשיינען פון אייביקן אָנדענקען נאָך די קדושים פון קוטנע.

ה׳ לייב בראָנשטיין באַגריסט און דריקט אויס זיין איבעראַשונג פאַר דער צאָלרייך באַזוכטע פאַרזאַמלונג. ער ברענגט צום אויסדרוק די צופרידנקייט צו קענען רעדן און מיטבאַטייליקן זיך אין אַ פאַרזאַמלונג פון לאַנדסלייט פון אַזאַ שטעטל, ווי קוטנע, וועלכע האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער וועלט מיט אירע גרויסע פּערזענלעכקייטן. ער רופט אַלעמען צו זיין געאייניקט און ווייטער פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אין יידישן לעבן.

בשעת אַ קורצער הפסקה ווערט אַדורכגעפירט אַ באַשטייערונג, וועלכע ברענגט אריין אַ באַשיידענע סומע פאַר דעם יזכור־בוך.

דער פאָרזיצער אינזש. י. גראַבינסקי האַלט אַ זייער געלונגען שלוס־וואָרט.

דער עולם האָט אויסגעדריקט אַ דאַנק דעם יידישן קולטור־צענטער פאַרן געבן זיי די מעגלעכקייט אָפּצוהאַלטן די פאַרזאַמלונג.

*

זונטיק, דעם 8־טן מערץ האָט די לאַנדסמאַנשאַפט פון קוטנע און אומגעגנט, איינגעאָרדנט אין לאָקאַל פון יידישן קולטור־צענטער, אַן אַזכרה צו דעם 21־טן יאָרצייט נאָך אירע קדושים.

דער פאָרזיצער אינזש. י. גראַבינסקי האָט דערעפנט די אַקאַדעמיע און געגעבן אַ ברייטע אויפקלערונג פאַר דער יוגנט וועגן דער באַדייטונג פון דעם טרויער־אַקט און וואָס פאַר אַ שייכות זיי האָבן מיט דעם אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין דער אַלטער היים.

נאָך דעם ווערן אָנגעצונדן 6 ליכט נאָך די 6 מיליאָן פאַרשניטענע לעבנס.

ש. קאָן גיט איבער דעם פאָרזיצער אינזש. י. גראַבינסקי אָנצוצינדן אַ 7־טע ליכט נאָך די קדושים פון קוטנע און אומגעגנט, און דערמאָנט צו באַערן דעם ערן־פאָרזיצער בצלאל גראַבינסקי ז״ל, וועלכער איז לעצטנס פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן. דער פאָרזיצער זאָגט קדיש נאָך די אַלע אומגעקומענע.

עס ווערן איינגעלאַדן די לאַנדסלייט געניאַ טשאָנסטקאָווסקי און מ. לאַסמאַן אָפּצודעקן דעם מעמאָריאַל נאָך די מאַרטירער, און י. בילד מאַכט אַן אל מלא רחמים, וואָס רופט אַרויס טרערן ביים עולם. די פאַרזאַמלטע הערן אויס שטייענדיקערהייט שאָפּענס טרויער־מאַרש, געשפּילט דורך פרוי אידאַ בילד.

די געוועזענע תלמידות פון דער יידישער שול, היינט תלמידות פון יידישן לערער־סעמינאַר, דבורה מייקאָן און דבורה רענער, דעקלאַמירן אויף אַ גלענצנדן אופן „וואַגאָנען” פון י. קאַצענעלסאָן און „און די ערד האָט געשטוינט” פון מ. א. סול, וועלכע ווירקן שטאַרק אויף די אָנוועזנדע.

ה׳ אַלטער טשאָנסטקאָווסקי, ווען ס׳איז געלונגען צו באַזוכן מערערע מאָל די געטאָס פון קוטנע און אומגעגנט, אָנ־



קאָמיטעט פון קוטנער אין מעקסיקע — ועד יוצאי קוטנה במכסיקו



קוטנער אין מעקסיקע

בני קוטנה במכסיקו



די אזכרה אין מעקסיקע

האזכרה במכסיקו



פראָיעקט פון אַ שער־בלאַט פאַרן קוטנער יזכור־בוך, געצייכנט פונעם זון פון אונדזער בן־עיר, אייזיק־מאיר בילד אין מעקסיקע. די צייכענונג איז אָפּגע־דרוקט געוואָרן אינעם פראָספּעקט פאַרן ספר.

גייענדיק אַלס קריסט, האָט געקענט ברענגען טיילווייזע הילף צו אונדזערע פּאַרפּייניקטע, — האָט איבערגעגעבן די שוידער־לעכע מאָמענטן וואָס ער האָט איבערגעלעבט.

ה׳ לאַסמאַן, אַליין אַ קאַצעטניק, וועלכער האָט דורכגע־מאַכט פאַרשידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, מאַכט אַ געוואַל־דיקן רושם אויף די פאַרזאַמלטע ביים דערציילן געוויסע עפּיזאָדן פון זיינע איבערלעבונגען.

דער סעקרעטאַר ה׳ ש. קאָן, גיט אַ געשיכטלעכן איבערבליק פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען די רוצחים זענען אַריינגעקומען אין קוטנע; די פאָרמירונג פונעם געטאָ, די פּיין אוןליידן דאָרטן; ווי אַזוי זיי האָבן אָרגאַניזירט זייער לעבן, כדי נישט צו לאָזן ברעכן זייער גייסט, ביז זייער פאַרניכטונג אין דעם טויטן־לאַגער אין כעלמנאָ.

דער וויצע־פּרעזידענט י. בילד רעדט וועגן דער באַדייטונג פון דער טרויער־אַקאַדעמיע און רופט די פאַרזאַמלטע נישט צו פאַרגעסן אונדזערע שוועסטער און ברידער און יעדעס יאָר אָפּצוגעבן כבוד דעם אָנדענק פון די, וועלכע זענען אויף אַזאַ טראַגישן אופן אומגעקומען.

מיטן פּאַרטיזאַנער־הימן, און ביי זייער אַ געדריקטער שטימונג, האָט דער פאָרזיצער געשלאָסן די אַקאַדעמיע.

קוטנער גרוסן פון סאָוויעט־רוסלאַנד

יעקב אָסאָווסקי

„עס פעלט מיר נאָר ירושלים...״

רירנדיקער ווידוי־בריוו פונעם קוטנער ייד יעקב אָסאָווסקי ז״ל, זון פון עלי־בער („דאַנדיק״), געשריבן מיט מיניאַטור־אותיות אין רוסיש, צו זיינע דריי טעכ־טער — פון דער תפיסה־קאַמער אין קאַזאַן, אין יאָר 1936.

דעם דאָזיקן בריוו האָט צוגעשיקט פאַרן קוטנער יזכור־בוך זיין שוועגערין פון מאָסקווע. די דריי טעכטער פונעם מחבר פון בריוו, צו וועמען ר׳איז געשריבן, גע־פינען זיך איצט אין ישראל. אויסער פיל פּערזענלעכע ענינים בנוגע זיין אַרעסט און די באַמיאונגען פון פּראָפ. העראַלד לאַסקי און מאַקסים גאָרקי אים צו באַפרייען, ווי אויך אָנווייזונגען די קינדער, זיי זאָלן זיך ווייטער לערנען און געדענקען אין אים — באַרירט יעקב אָסאָווסקי אויך דאָס וואַסער־פּראָבלעם פון ארץ־ישראל, עליה־מעגלעכקייטן און פּערספּעקטיוון, יידיש־אַראַבישע באַציאונגען. נאָר פון יעדער שורה שרייט אַרויס די בענקשאַפט נאָך ציון, דער ווילן און גלויבן, אַז ער מיט די קינדער וועלן נאָך זיין אין ארץ־ישראל...

צו מיינע טייערע טעכטער רות, ראָזאַ און אסתר!

וויפל קומט אונדז אויס צו ליידן — און אייך מיינע געליבטע טייבעלעך, און מיר אייער פאָטער, דערפון וואָס מיר זענען ווייט איינער פון אַנדערן. מיר האָבן דאָך געקאָנט זיין צוזאַמען אין א״י, אין ירושלים. וועמען שאַדט דען דאָס, אָבער אין קורצן וועט עס זיין. איך בין אין דעם זיכער. עס הענגט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פון אייך, מיינע טייערע.

פון ענדע יאַנואַר ד. י. האָב איך נישט דערהאַלטן פון אייך אַפילו קיין איין וואָרט. לויט ווי ס׳איז מיר היינט באַקאַנט געוואָרן פון רותס בריוו (צווישן אַנדערן, אָן אַ דאַטע, נאָר אין שושנהס און אסתרס בריוו איז דאָ די דאַטע פון 30.6), קומט אויס, אַז רות האָט געשריבן אין די ערשטע טעג פון יולי — האָט איר נישט דערהאַלטן פון מיר קיין בריוו.

איך ווייס נישט, צי איר דאַרפט אייך וווּנדערן דערויף, אָדער עס אָננעמען ווי אַ זעלבפאַרשטענדלעכע זאַך, נאָך דעם ווי אין די לעצטע זעקס חדשים האָב איך אייך געשריבן נישט ווינ־ציקער ווי 15 בריוו. און וויפל בריוו האָט איר געשריבן צו מיר דירעקט — גיט מיר צו וויסן.

דעם בריוו, וואָס איך האָב געגעבן אַוועק צו שיקן דעם 23.5 איז אַרויס פון דאַנען דעם 14.6, אונטערן נומער 1142, מיט אַ באַשטעטיקונג וועגן דערהאַלטן... פון דער פּאָסט נומער 10 קאַזאַן.

ווען דו וועסט דערהאַלטן דעם בריוו, דאַרפסטו גלייך אָפּי־ציעל פאָדערן דעם דערמאָנטן בריוו, אין איינקלאַנג פון די פּרטים: קאַזאַן 10, קוויטאַנציע 142, פון 14.6, פון י. אָסאָווסקי און דעם אַדרעס.

איר דאַרפט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פאָדערן דעם בריוו פון דער אָרטיקער מאַכט, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין זאַך.

פאַר דעם בריוו, האָב איך איבערגעלעבט נאָר דאָס יאָר 75 „ניינטל אווא״. דו ווייסט שוין איצט וואָס דאָס באַדייט. דער בריוו אַכט זייטלעך, איז געווען געשריבן אין אַ העפט, אָבער אויף יעדער ליניע איז געווען צוויי שורות, ווי דער איצטיקער בריוו.

דאָרט האָב איך געשריבן, וויפל בריוו כ׳האָב אייך געשיקט אין משך פון דעם יאָר. חוץ דעם, האָב איך דאָרט געשריבן אַן ענטפער צו דיין פראַגע וועגן... דאַרפסט מאַכן אַלע אָנשטרענ־גונגען, כדי אָנגענומען ווערן אין אוניווערסיטעט אויפן 37 יאָר... צוויי יאָר אין ירושלים, צוויי יאָר אין לאָנדאָן, און נאָכן איינאָרדענען די ענינים — מיך באַזוכן דאָ... צוזאַמען מיט לאַסקין צו געבן מ־ב און צוזאַמען מיט... אויב ביז דער צייט וועל איך נאָך נישט זיין אין א״י. דאָס איז מיין פּלאַן.

דאַרפסט זיך צוגרייטן צו דער גרויסער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט וועגן דער גייסטיקער קולטור־געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער תקופה פון קריסטנטום. וועגן דער תקופה האָב איך אויסגעאַרבעט אַ טיילווייזע מעטאָדאָלאָגיע.

גיב מיר דיין ערנוואָרט, אַז וועסט טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, כדי דערגרייכן דעם דאָזיקן הייליקן ציל, אַז וועסט דיין גאַנץ לעבן אונטערוואַרפן דער אויפגאַבע. גיב מיר וועגן דעם צו וויסן. דו דאַרפסט קאָנען די פיר טויזנט־יעריקע געשיכטע פון יידישן פאָלק. דעמאָלט גלויב מיר, וועסטו זיין גליקלעך, קיין סכנה דאַרף דיך נישט אָפּשרעקן. וועסט קאָנען אַלץ איבער־קומען, אַרויס מיט אַ נצחון, און דיינע שונאים — ווי עס קומט זיי.

דאַרפסט אויך זאָרגן, אַז שושנה זאָל באַקומען בילדונג און מאַכן פאָרשריט אין סקולפּטור און אין האָלץ־שניצעריי. און אסתר — אין ליטעראַטור און פאָלקלאָר.

אַ גרויסער וויסנשאַפטלער האָט געזאָגט: גליקלעך איז דער, וואָס האָט אין זיין יוגנט זיך קלאָר געמאַכט זיין באַשטי־מונג. זייט איר צווישן די, איר דריי פייגעלעך מיינע... צו

נעמען אין באַטראַכט אַ סך יאָרן. דאַרפסט נישט איצט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט.

דיין ידיעה, אַז „הדסה" איז גרייט מיך אַרויסצופאָדערן, איז גוט און ריכטיק נאָר עס דאַרף געמאַכט ווערן דורך דעם אוניווערסיטעט, און, לויט לאַסקיס מיינונג, אויסדריקלעך דורך מאַגנוסן.

דו ווייסט שוין זיכער, אַז די גאַנצע צייט נאָכן 4.1.35... נאָך אייער אַוועקפאָרן, געפין איך זיך אין אַזאַ געזונט־צושטאַנד, ווי ערב אייער אַוועקפאָרן...

...דו פאַרשטייסט עס אַליין. נאָר מיט איר דאַרפסטו פירן אַן ענערגישע קאָרעספּאָנדענץ. נישט בלויז מיט איר, נאָר מיט אירע בעלי־הבתים, לויט דער גלייכער ליניע. אַזעלכע אינס־טיטוציעס זענען דאָ אויך ביי אייך. דאָס איז דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער רויטער קרייץ. דערנאָך אויפֿן נאָמען, ווו דער זיידע איז געשטאַנען... וועגן אייך. וועמען דו האָסט געזען דעם 26.2.34, דער וואָס איז געשטאַנען העכער פון אַלע, דו אַליין, צוזאַמען מיט אסתרן זאָלט... ענערגיש און דרייסט וועגן דעם צו וויסן געבן לאַסקין, בעטנדיק זיין הילף, וואָס ער האָט צוגעזאָגט מיר און אייך.

דו דאַרפסט וויסן, אַז ס'איז בכלל נישטאָ קיין אַבסאָלוטע סיבה אויף אונדזער נישט זען זיך אין א"י. איר דאַרפט אויך פאָדערן אַן ענטפער פון דעם, וואָס קאָן און אויך מיר ענטפערן. אַלץ וועט זיין גוט. נאָר נישט פאַרלירן קיין צייט.

לערנט אייך פלייסיק, גרייט אייך צו גרויסער וויסנשאַפט־לעכער אַרבעט, נישט אָפּשטעלנדיק אייער זאָרג וועגן מיר.

דו געדענקסט רודקע, ווער עס קאָן אונדז העלפן אין דער זאָך דאָרט ביי אייך, ווי כ'האָב אייך דעמאָלט געזאָגט. דאָס דאַרף מען איצט טאָן ענערגיש. גענוג געוואַרט. אַ שאָד, וואָס גאָרקי איז געשטאָרבן, ער האָט דאָך צוגעזאָגט אַלץ טאָן פאַר מיר.


זאָלסט זיך נישט מצער זיין וואָס באַקומסט נישט פון מיר אָפּט קיין בריוו. בעסער... דער אמת, איידער ליגנט.

אויב די מומע וויעראַ האָט אָפּט דערהאַלטן בריוו, וועט זי אייך איבערשיקן מיינע בריוו פון 25.6, 3.3 און פון 17.7. דאָס איז גענוג, איר זאָל וויסן דעם אמת וועגן מיר.

אין דעם בריוו פון 23.5 איז געווען אַ סך עפּיזאָדן פון שושנהס לעבן און אסתרס, ווען זיי זענען אַלט געווען 2־3 יאָר, און וועגן דער מאַמען. עס איז געווען אָנגעשריבן צום יאָרצייט פון איר טויט, 15.2 דריי מאָל האָב איך איבערגעשריבן, ווייל יעדעס מאָל איז דער בריוו נישט געשיקט געוואָרן.

ווייטער האָב איך אייך געמאָלדן וועגן פאַרבעסערונגען אין דער וואַסער־ווירטשאַפט אין א"י. דעם מאַנגל אין וואַסער קאָן מען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס קאָמפּענסירן דורך איינאָרדענען אַ צעטיילונג און זיך איבערחזרנדיקע סיסטעם פון אויסנוצן דאָס וואַסער, ד. ה. — צעטיילן די וואַסער־לייטונג, אַז אין יעדער הויז זאָל די נעץ זיין אַ דאָפּלטע: 1. בית־שמוש, 2. וואַנעס און וואַש־בעקנס. יעדע נעץ זאָל האָבן איר פילטער, אויב ס'איז אַ גרויס הויז, אָדער עטלעכע פילטערס אויב ס'איז קליין און נאָענט איינס צום אַנדערן.

דאָס וואַסער פון די קלאָזעטן, נאָכן דורכגיין דעם פילטער, זאָל זיך קאָנען צוריקקערן צום רעזערוואַר, כדי עס באַנוצן



אַ טייל פון יעקב אַסאָווסקיס בריוו

חלק ממכתבו של יעקב אוסובסקי

אַ צווייט מאָל — און אַזוי אַ סך מאָל. דאָס זעלבע וועגן וואַסער פון די וואַנעס און וואַש־בעקנס.

בלייבט איבער נאָר וואַסער צום עסן, נישט קיין סך.

אויף דעם געדאַנק האָט מיך אַרויפגעפירט שושנה אין איינעם פון אירע בריוו: ווינטער באָדן מיר זיך יעדע וואָך, און זומער — ווען ס׳איז דאָ וואַסער.

איך האָב דיך געבעטן מיר אַהערשיקן ליטעראַטור וועגן דער וואַסער־ווירטשאַפט אין א״י און וועגן אַנדערע צווייגן פון דער ווירטשאַפט, אַ גרויסע געאָגראַפישע מאַפּע, היינטצייטיקע שיינע ליטעראַטור וועגן לעבן אין א״י אויף העברעיש, אַראַביש ענגליש, סינטאַקס, גראַמאַטיק, אַ כרעסטאָמאַטיע און צו צוויי ווערטערביכער פון דער העברעישער און אַראַבישער שפּראַכן. אויך צייטונגען און זשורנאַלן. פאָדערט ענערגיש, אַז אַלץ זאָל מען מיר איבערגעבן. פון דיר הענגט אָפּ זייער פיל.

אין איינעם פון דיינע לעצטע בריוו, ביסטו געווען באַאומ־רואיקט צוליבן נישט וויסן מיין פּאַקטישן צושטאַנד. נאָר איך האָב דאָך נישט איין מאָל געשריבן, אַז איך פיל זיך די גאַנצע צייט, ווי דעמאָלט, ערב אייער אַוועקפאָרן. די גאַנצע צייט אָן איבערייס. דו פאַרשטייסט מיך, רות? זיי נישט מער באַזאָרגט וועגן דעם. גלויב נישט קיין פלוידערייען. דיין פאָטער איז שטאַרק אין אַלע הינזיכטן, עס פעלט אים נאָר ירושלים, ליבע קינדער און וויסנשאַפטלעכע אַרבעט דאָרט, מיט דער צייט וועט עס זיין.

איך האָב דיך געבעטן באַקומען און שיקן מיר קאַטאַלאָגן פון וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס וועגן געשיכטע און ליטע־ראַטור, דערשינענע אין ווילנע, וואַרשע, ווין, פּאַריז, פּראַג, בערלין, לאָנדאָן און ניו־יאָרק. איך דאַרף עס זייער נייטיק.

ווי מען זעט פון דער צושריפט פון פּראָפ. לאַסקי צו דיין בריוו צו מיר פון זומער פאָריקן יאָר, אינטערעסירט ער זיך זייער מיט אונדזער גורל ווי ער האָט מיר פּערזענלעך צוגע־זאָגט אין מאָסקווע. דערפאַר שטייט מיט אים אין קאָנטאַקט, שרייבט זיך מיט אים איבער און גיט מיר וועגן אַלעם צו וויסן.

איך האַלט פאַר נויטווענדיק צו בעטן שושנהן, אַז זי זאָל נאָך אַ מאָל אויסמאָלן דעם באַלעט פון ליזע, „דער טאַנץ פון אויפשטייג" — און שיקן לאַסקין אַ מתנה. אַזאַ קאָמפּלעט — אויך פאַר מיר.

גוט וואָלט געווען מיט אייל־פאַרבן אָדער אַקוואַרעלן, נאָר אויב עס איז איר שווער, מיט אַ קאָלירטן בליישטיפט, אויף גוט פּאַפּיר.

אויך וויל איך איר זאָלט פירן טאָגביכער און פאַרשרייבן אייערע איבערלעבונגען און געדאַנקען פון יעדן טאָג. דאָס איז זייער וויכטיק צו דערציען דעם כאַראַקטער...

אויך דער זיידע זאָל איינפירן אַ טאָגבוך צום געדענקען אַלע משפּחהדיקע און פּערזענלעכע געשעענישן וועגן זיך, די קרובים און מיר.

שרייבסט, אַז האָסט געשריבן אַ סך בריוו און קאַרטלעך, אַפילו נאָכן 30.1.36. נאָר צו מיר, איז אַ חוץ דעם איינעם קאַרטל גאָרנישט דערגאַנגען. איך האָב זיך אַלץ געמוטשעט, כאָטש ווערטלעכע צוזאָגן זענען געווען אַ סך, נאָר אָן שום נוצן. גע־דענקט, קינדער מיינע, וועגן דעם.

באַלד וועט זיין דיין געבורטס־טאָג, פרייד מיינע רות, מיין גייסטיקע יורשטע. דו דאַרפסט אַרבעטן פאַר די אידעאַלן, וועלכע מיר איז נישט געלונגען צו פאַרווירקלעכן — און עס וועט זיך איינגעבן אין גאַנצן. וועסט זיך איינשליסן אַלס רינגעלע אין דער גרויסער קייט, די אומשטערבלעכע. אַזוי וועסטו אויך זיין אומשטערבלעך.

פיל טיפע גייסטיקע פרייד האָב איך, וואָס מיר איז גע־לונגען דיך איינצושליסן אין דער אייביקער, לעבנסשאַפנדיקער קייט פון אונדזער גרייז־גראָען, נאָר אייביק פאָלק, אויף וועמענס פאָן פון זיין פריען אויפשטייג איז געווען אָנגעשריבן צו די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט: אייניקייט! איך, דאָס האַרץ און נפש אייערע! ווי אַ פלאַם וואָס ציט זיך אַרויף אינעם אָנסוף, אַזוי אויך די באַצויבערנדיקע ווערטער. זיי באַגייסטערן אין משך פון טויזנטער יאָרן מיליאַרדן מענטשן צו אַ קאַמף פאַר אַ פּרעכטיקן לעבן אויף דער ערד.

ביים פאַרווירקלעכן די גרויסע אידעע פון אוניווערסאַלער אייניקייט, שפּילט אונדזער פאָלק אַן אויסערגעוויינלעכע ראָל אין דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. זי ווערט פאַרווירקלעכט מצד דער העכסטער אָנפירונג פון דער וועלט, מצד דעם פינאַנס־קאַפּיטאַל און אויך מצד דער העכסטער און אָרגאַניזירטער עקזעקוטיווע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער ענדציל איז אייניקייט אין וועלט־מאַסשטאַב, אין דער העכסטער אָנפירונג, דאָס איז דער מאַגנעס, צו וועלכן עס ציען זיך די בעסטע כוחות פון דער מענטשהייט. זאָלן קריצן מיט די ציין אַלע קליינלעכע חיות, זאָלן זיי בילן. אונדזער ציל איז קלאָר: גיין פאָראויס, הגם נישט אומגעשטערט. דערפאַר איז זיסער דער דערגרייכטער ציל אויף יעדן עטאַפּ.

נו, איך האָב אַ ביסל מאַריך געווען, פאַרעדט זיך. כ׳האָב דאָך אָנגעהויבן וועגן דיין געבורטס־טאָג, 9.8 ד. י. איך קוש דיך שטאַרק, שטאַרק — דיין שטערן, דיינע קלאָרע אויגן, ליפּן.

דו האָסט דאָך נישט ליב קיין טראַגעדיעס. ביסט גערעכט. מען דאַרף זיי נישט ליב האָבן. נאָר אין לעבן פון פעלקער זענען טראַגעדיעס אומפאַרמיידלעך, ווי זיי זענען אומפאַרמיידלעך אין לעבן פון מענטשן, וויפל מ׳זאָל נישט וועלן... נאָר מען מוז.

דאָס איז די גרויסע טראַגעדיע פון צוואָנציקסטן יאָרהונ־דערט, די טראַגעדיע פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס. קלאָר, אַז די גאַנצע טיפקייט פון דער פראַגע קאָנסטו נישט פאַרשטיין, האָסט נאָך ווייניק היסטאָרישע פאַקטן, מעטאָדן און אידעען.

דו דאַרפסט אָנזאַמלען פאַקטן, וואָס מער פאַקטן, אין דיין עלטער איז דאָס אַמוויכטיקסטן, ס׳איז רוי־מאַטעריאַל, איבער וועלכן וועסט אַרבעטן דיין גאַנץ לעבן.

דעם מהות פון דער גרויסער טראַגעדיע פון דייטשן אַרבע־טער־קלאַס וועל איך דאָ נישט באַהאַנדלען. דערפאַר דאַרפסטו צוזאַמענעמען מאַטעריאַלן און פאַקטן פון לעבן, פון פאַרשי־דענע שיכטן, סיסטעמאַטיזירן זיי אין פולער אָרדענונג. דאַרפסט עס נישט טאָן ספּעציעל, נאָר דרך־אגב, אויף לעקציעס, צווישן חברים, באַקאַנטע, אין גאַס, באַן, קינאָ, טעאַטער. בקיצור — אין לעבן, צווישן מענטשן.

צו דעם זאָלסטו איינפירן פּאַפּירענע פיילן. די גרויס 8X4 ס״מ. מיט אַ לויף־נומער אויף רעכטס, און פון לינקס לאָז איבער אָרט פאַרן נומער פון דער טעמע און איר אינדעקס. לאָז נישט קיינמאָל, אַז די געדאַנקען זאָלן בלייבן ליגן אין מוח אומטעטיק. די דייטשן זאָגן: „דעם מוח דאַרף מען איבעראַרבעטן אַלס מאַגאַזין". דאָס איז ריכטיק, ווייל דער מוח איז אַן אייביקע לאַבאָראַטאָריע...

איצט — וועגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל. אייניקע ליטע־ראַטן גייען צו צו דער פראַגע מיט אַ לייכטזין וואָס רעגט אויף. דרך־אגב: אויפרעגן זיך איז נישטאָ וואָס, ווייל ס׳איז גאַנץ קלאָר זייער ציל, וואָס דעמאַסקירט זיי.

איך רעד וועגן די סיבות פון די קאָנפליקטן אין ארץ־ישראל, וואָס ברעכן אויס פון צייט צו צייט און זייער שורש. די־אָ בייזע צינגער, זייערע לייכטזיניקע אַרויסזאָגונגען, האָבן מיר ערשט נישט לאַנג געצוווּנגען אָנצושרייבן אַן אַרטיקל וועגן דעם פּראָבלעם.

מען דאַרף מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַזוי אַוועקשטעלן די פראַגע: צי איז א״י אַ שטרייט־פראַגע צווישן:

1. די דאָרטיקע יידן און די אַראַבער פון דער גאַנצער וועלט?

2. די דאָרטיקע יידן און דאָרטיקע אַראַבער?

3. די דאָרטיקע אַראַבער און די יידן פון דער גאַנצער וועלט?

4. די יידן פון דער גאַנצער וועלט און די אַראַבער פון דער גאַנצער וועלט.

די פראַגע לייזט זיך אַזוי: וואָס פאַראַ אָרט שטעלט מיט זיך פאַר די דאָזיקע טעריטאָריע אין די שפּעפּרישע זכרונות פון דעם פאָלק, ספּעציעל פון דעם טייל זכרונות, מיט וועלכן דאָס באַהאַנדלטע פאָלק איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

ווען מיר כאַפּן אַ בליק אויף צוריק, אויף דער טויזנט־יאָריקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור אין א״י, דערזעט יעדער אומפּאַרטייאישער מענטש פון איין זייט גרויסע שעפערישע ווערטן, פון גייסטיקן מענטשלעכן קולטור־אוצר, וועלכע זענען געוואָרן אַ לייכט־טורעם, אַ וועג־ווייזנדער שטערן פאַר די פעלקער פון דער מערב־אייראָפּעישער ציוויליזאַציע.

איך פאַרשטיי דערמיט בלויז דעם איינעם תנ״ך. אָט וואָס יעדער מענטש דערזעט, ווען ער קוקט אויף א״י; פון די זכרונות וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך יידן אויף יענער ערד.

איצט זאָלן מיר אַ קוק טאָן אויף דער זעלבער טעריטאָריע זכרונות, געשאַפן דאָרט דורך די אַראַבער, הגם נישט גלייכוואַרטיקע מיטן תנ״ך. איך האָב נישט אונטער דער האַנט קיין היסטאָרישע דאָקומענטן, כאָטש דאָ איז אַן אוניווערסיטעט־שטאָט, וואָס איז, דרך אגב, אַ מאָל געווען אונטער דער הערשאַפט פון אַראַבער, נאָר מיר דוכט זיך... מיט די קאָפּיטעס פון די רייטערס פערד, וואָס האָבן דורכגעלאָפירט אין זעקסטן, זיבעטן און אַכטן יאָרהונדערט דורך א״י און קליין־אַזיע, צפון־אַפריקע און אייראָפּע, צווינגענדיק די דאָרט איבערגעבליבענע יידישע פויערים (היינטיקע פעלאַכן), אָנצונעמען זייער רעליגיע (דעמאָלט גענומען פון תנ״ך, זייער ענלעך צו דער יידישער).

פון די גרויסע הויכקייטן פון דער מענטשלעכער קולטור, אויף וועלכע עס שטייט די יידישע זכרונות־קולטור פון א״י (1500 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג), איז אויסער זיי — גאָרנישט צו זען.

נישט בלויז וואָס ס׳זענען גאָרנישט דאָ קיין אַנדערע, אַפילו ווען מיר זאָלן אַריינגיין אין דער טיף... דאָרט וועלן מיר גיין איבער פאַרלאָזענער אין משך פון טויזנט יאָר ערד פון די יידישע פויערים, זינט דער צייט פון טיטוס און וועספּאַסיאַן — אָן ערד, וועלכע האָט ערשט אין 20־טן י. ה. זיך פאַרוואַנדלט אין בליענדע פעלדער, אַ דאַנק דער מי פון יידישן פאָלק.

איך האַלט פון אַזאַ וויסנשאַפטלעכער פאָרמולירונג פון דער פראַגע: אמתע אַראַבער זענען נאָר די בעדואינער — 60 טויזנט נפשות. און נישט מער, אָבער די פעלאַכן — אַסימילירטע אויף כוח אַמאָליקע יידישע פויערים. אַ קאַץ האָט אָנגעוויינט...*

מיר האָבן געמאַכט אַ טעות. אָנשטאָט קויפן ערד ביי די לײדיקגייערישע עפענדים פאַר אַלץ מער שטייגנדיקע פרייזן (אַ דאַנק דער טעכניק און מי פון יידישן פאָלק) — האָט מען באַדאַרפט צוזאַמען מיטן גאַנצן פויערטום פון א״י, רעקווירירן די גאַנצע ערד, לויט אַן איינהייטלעכן פרייז, נאָך מיט 25 יאָר צוריק, פאַרן אָנהייב פון דער מאַסן־אימיגראַציע קיין א״י. דאָס וואָלט געווען פולשטענדיק גערעכט.

די גאַנצע ערד האָט געדאַרפט ווערן אַן ארץ־ישראל־פאָנד פאַר די פויערים פון אַלע שיכטן וואָס זאָלן באַקומען די נייטיקע ערד־צוטיילן אויף אויסצוהאַלטן זייערע משפחות. די ערד־שטחים וועלן זיין וואָס קלענער, אויף וויפל ס׳וועט גרעסער ווערן דאָס אָנווענדן דורך יידן די באַאַרבעטונג פון באָדן.

ווי ס׳איז שוין באַקאַנט פון דער בעל־הביתישקייט פון בעדואינער און פעלאַכן, פאָדערט זיך 25 העקטאַר צו באַשפּייזן אַן אַרבעטנדיקע פויערישע משפּחה. אָבער ביי דער אינטענסיווער באַאַרבעטונג פון איין ווירטשאַפט ביי יידן, איז גענוג — 2 העקטאַר.

וואָסערע אויספירן איז פון דעם צו מאַכן? אויף די פאַראַנענע 11 מיליאָן דונאַם (אַ דונאַם — 0,1 האַ), פּאַסיקע צום באַאַרבעטן, ד. ה. בערך 40 פּראָצענט פון א״י־שטח, לעבן בערך 100 טויזנט משפחות. אָבער עס קאָנען דאָרט לעבן ביז 500 טויזנט נפשות. די מסקנה: נישט אַרויסשטויסנדיק דערביי די פעלאַכן, אַפילו נישט די בעדואינער.

400 טויזנט יידישע פויערישע משפחות קאָנען אַריינקומען אין לאַנד מיט דער פּערספּעקטיוו צו דערגרייכן 2 מיליאָן נפשות: קלאָר, אַז דאָס אימיגרירן פון נישט־יידן דאַרף נישט דערלאָזט ווערן, אויב ס׳איז איין מאָל געשטעלט געוואָרן דער ציל צו שאַפן אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים אויף דער היסטאָרישער ערד וואָס געהערט נאָר צו יידן, און מער נישט צו קיינעם.

קאָנסט זיך פאָרשטעלן, אַז נאָך 10—20 יאָר, וועט אין א״י זיין 3,5 מיליאָן איינוואוינער, דערפון 70 פּראָצענט יידן, אַפילו אָן די פעלאַכן, וואָס וועלן דעמאָלט ווערן צוריק געקערט אין דער ספערע פון דער גייסטיקער קולטור פון זייערע אור־עלטערן, ד. ה. — פאַקטיש 90 פּראָצענט יידישע באַפעלקערונג.

ווּעמען שאַדט עס, וואָס די יידן מיט זייער מי און דער אָנשטרענגונג פון יידישן פאָלק וועלן פאַרוואַנדלען זייער צוגעזאָגט לאַנד (איצט — פון די אַראַבישע פעאָדאַלן) אין אַ בליענד, אַרבעטנדיק פאָלק? וואָס פאַראַ רעכט האָבן די פעאָדאַלן־עפענדים, וועלכע באַקומען (אומבאַרעכטיקט!) אויסטערליש גרויסע סומען פאַר נישט זייער ערד, אַריין צו טרייבן קיין א״י פון דער גאַנצער וועלט נאָך אַרבעטסלאָזע אַראַבער און אַנדער ערב־רב, מיטן איינציקן ציל: צו שטערן דער גרויסער קולטור־אַרבעט.

אונדזערע אָרגאַניזאַציעס האָבן ווייניק געאַרבעט צווישן די פעלאַכן, אַפילו צווישן די בעדואינער איז פאַראַן אַ פעלד פאַר נוצלעכער אַרבעט. נישטאָ קיין מחיצה צווישן יידן און פעלאַכן, די אַרבעטנדע אַראַבער פון א״י.

...שאַפן אַ נאַציאָנאַלן פאָנד צו שטיצן דאָס אַרבעטנדיקע פויערטום. פאַר אייגענער אַרבעט, מיטן אומבאַדינגטן צוריק קערן די ערד אין אַ נאַציאָנאַלן פאָנד. אויב קאָמפּענסירן די צוויי־פלהאַפטע ערד־באַזיצער, לויטן ווערט פון פאַר 25 יאָר פאַר דער יידישער אימיגראַציע אין א״י, וועט עס זיין פולשטענדיק יושרדיק, אַפילו פאַר די אָנהענגער פון הייליקן פּריוואַטן אייגנטום.

מיט די פעלאַכן איז גרינג זיך צונויפרעדן אין דער וויכטיקער פראַגע. אויך וועגן רעגולירן די אימיגראַציע, פּאַרצעלירן די ערד־חלקים. די צוויי פונדאַמענטן דאַרפן ווערן געלייגט אין יסוד פון דער אַרבעט צווישן די פעלאַכן. זיי וועלן מסכים זיין, ווייל ס׳איז אין זייער אייגענעם אינטערעס. מען דאַרף די פראַגן גוט באַאַרבעטן און פאַרשפּרייטן צווישן די אַראַבער־פעלאַכן. דערפאָלג וועט באַלד זיין.

מען דאַרף דערצו שוין צוטרעטן. שנעל וועלן זיי זיך איבערצייגן, אַז עס האָט נישט קיין זין זיך צוהערן צו די, וואָס זענען אין א״י אַ סיבה פאַר בייזע סכסוכים, פאַר אַריינשטעלן פלאָקנס אין די רעדער איינער דעם אַנדערן. עס וועט קומען אַ שנעלע אַנטוישונג, אַפילו צווישן די הייסטע אָנהענגער פון בייזע קנוניהס.

מען דאַרף קאָנען הערשן איבער די מוחות פון די פרידלעכע מאַסן פעלאַכן, וועלכע זענען זיכער נישט מיט די העצערס (?). אַלנפאַלס, נישט טיף, מיט דער ווילדער באַוועגונג. דאָ ווירקן, דער עיקר, פרעמדע עלעמענטן פון די שכנותדיקע לענדער צו א״י, צפון־אַפריקע, אַראַביע, סיריע. ווייל דאָרט האַלט עס שלעכט.

טייערע רות. איך וואָלט זייער געוואָלט זאָלסט זיין באַהאַוונט

* אין רוסישן אָריגינאַל פון בריוו: „קאָשקאַ נאַפּלאַקאַלאַ...״

אין דער פראַגע, זאָלסט דאָס אַרויסברענגען עפנטלעך אין דער פרעסע.

איצט וועלן מיר באַרירן נאָך אַ פראַגע: די לאַגע אין פוילן. דאָרט גייט ווידער אָן אַ העצע קעגן יידן. מיר איז איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק: מ'דאַרף שאַפן אָביעקטיווע באַדינגונגען וואָס זאָלן יידן מאַכן אומפּגיעהדיק צו אַזאַ העצע... איצט איז נישטאָ צווישן יידן קיין פּויערים, ערד־אַרבעטער. מען דאַרף קויפן ביי דער רעגירונג אייך מיליאָן העקטאַר ערד, אַפילו נישט באַאַר־בעטע — און זי צופּאַסן צום באַנוצן... באַזעצן אויף איר 200 טויזנט יידישע משפחות אַלס אַרענדאַטאָרן און קאָלכאָזן, איבער־לאָזנדיק עס אין באַזיץ פון נאַציאָנאַלן פאָנד.

אַזוי וואָלט די יידישע באַפעלקערונג געקאָנט לעבן אַ זעלבשטענדיק לעבן. די לאַנדווירטן אַרבעטן פאַר דער אינדוס־טריע און האַנדל — און פאַרקערט.

אַזוי וואָלט זיך עס געלאָזט פילן אין דער צייט פון דער היגטישער העצע. געלט אַדורכצופירן די קניה וועט זיך געפונען פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען ביי אונדז פאַראַן פאַר דעם צוועק. מען קאָן אַפילו אויף דעם אויסשרייבן אַ ספּעציעלע הלוואה.

אין פוילן וועט זיך געפונען די נייטיקע ערד... מען דאַרף באַלד צוטרעטן צו דער פראַגע. צום ערשט פעסטשטעלן אין אַ וואָסערע ראָמען, וויפל ערד, פאַרוואָס איז זי ביז איצט געווען פאַרלאָזט, אין וועמענס באַזיץ געווען, וועלכע אייגנשאַפטן האָט זי און וואָסערע מעגלעכקייטן.

דאָס פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידעע, שאָדנט מיט גאָרנישט דער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל. די לאָזונג „יידן אויף ערד" — דאַרף ווערן אַרויסגעהויבן אומעטום וו: יידן לעבן אין גרויסע מאַסן, אַפילו אין די פאַראייניקטע שטאַטן...

איך האַלט, אַז די אויפגאַבע פון יידישן קאָנגרעס באַשטייט אין רעגולירן דעם פּראָצעס. נייטיק צו וויסן דעם צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרשידענע לענדער. מיט אַ פּלאַנירטער אַריינמישונג, אויסמיידן היפּערטראָפיע פון איין פּראָפעסיע איבער אַן אַנדערער.

אַ קולטורעלער ייד קאָן האָבן הכנסה פון וועלכער ס'איז פּראָפעסיע אַ דאַנק זיין פליייסיקייט, מי, טעכניק און וויסנשאַפט.

רות! שיק מיר צו אַלע מאַטעריאַלן פון די זיצונגען פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, פאָרגעקומען אין אויגוסט היי־יאָר, אין דער שווייץ.

גענוג! אויב דער בריוו וועט דערגיין ביזן 9.8, וועל איך זיין גליקלעך. זאָלן שושנה און אסתר דיך קושן פאַר מיר אין טאָג פון דיין געבאָרן. ווערסט אַלט 18 יאָר...

אַ גרוס דעם זיידן, דעם פעטער, חברים.

ליבע שושנה מיינע.

דיינע שורות האָב מיר אַריין געגאָסן אַן אומענדלעכע פרייד. צום געבורטס־טאָג דיינעם, האָב איך דיר אַ טעלעגראַם געשיקט: איך באַגריס שושנה און אסתר מיט די מאַי־טעג פון געבאָרן, מיט פאָטערלעכער ליבע — יעקב. נאָר זעט אויס, איר האָט נישט דערהאַלטן. כאָטש „וויכטיקע מענטשן" האָבן מיר געגעבן זייער ערנוואָרט — מינדלעך און שריפטלעך, אַז די טעלעגראַם איז געוואָרן אַוועקגעשיקט. פאַראַן שלעכטע מענטשן. נישט געלאָזט אונדז פרייען זיך מיטן געבורטס־טאָג. מיין רויז, דאָס זענען די מענטשן, פון וועלכע ס'איז נישטאָ קיין מנוחה, ווי פליגן זעצן זיי זיך אויף מיין נאַקעטער פּלייצע (דאָ איז זייער הייס). נאָר איך כאַפּ זיי און פאַרניכטע. אין מיין קאַמער זענען קיין סך נישטאָ.

איך האָב גרויס הנאה פון דיינע בילדער, צעהאָנגענע אויף דער וואַנט אין אַ רעמל פון אַ צייטונג, ווי אין אַן אַלבום. פון אויבן הענגט אַ רעליעף, פון רעכטס — אַ מאַן מיט אַ פּלייט... פון לינקס — דאָס בית־המקדש, פון אונטן לינקס, אין פאַרבן — די טעכטער פון ציון ביי די ברעגן פון בבל. דיין פאָטאָגראַפיע. דו זעסט אויס זייער אַ קליינע. ווען די זון־שטראַלן פאַלן אויף דעם אָרט אויף דער וואַנט, האָב איך ליב צו קוקן אויף דיר ווי שיין דו שמייכלסט.

...די טעכטער פון ציון ביי די ברעגן פון בבל. דאָס איז אַזוי: „זאָל מיין צונג זיך צוקלעבן צום גומען, אויב איך וועל דיך פאַרגעסן! זאָל טרוקענען מיין רעכטע האַנט, ציון, אויב כ'וועל דיך פאַרגעסן".

די שבועה איז געגעבן געוואָרן אין יענע טונקעלע טעג. זאָל די שבועה זיין אונדזער ליד ביזן מאָמענט, ווען מיר וועלן זיך זען אין ירושלים, אויף די בערג פון ציון. ווען עס וועט נעמען אַ סוף צו אונדזערע ליידן...

זאָל רות דיר קויפן די שירים פון רבי יהודה בן הלוי, עס איז זיכער נאָך דאָ וועלכע אויסגאַבע, פון מיר צו איר געבורטס־טאָג, פון 36־טן יאָר, כאָטש מיט פאַרשפּעטיקונג. עס איז דאָך נישט מיין שולד.

גיב מיר צו וויסן דעם נאָמען פון דעם פעטער, וועלכער איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל: משה צו שלמה.

אויסגעטרוקנטע בלעטער פון קאַווקאַז, קאָן איך ליידער נישט שיקן. ווען מיר וועלן זיין צוזאַמען, וועל איך אויפקלערן פאַרוואָס.

וועגן די אַראַבער, זאָל רות אייך אויפקלערן די פראַגע, ווי זי זעט אויס.

ביי אונדז איז געווען אַ ליקוי־חמה, ווי ביי אייך?

איך בין צופרידן, וואָס איר לערנט שפּראַכן. דאָס וועט דיר צונוץ קומען. אויך מאַטעמאַטיק, פיזיק און נאַטור־וויסנ־שאַפט.

איך קוש דיך, מיין פרייד — דיין פאָטער.

איצט מיין קליינע אסתר.

אַ גרוס פון פאָטער יעקב צום געבורטס־טאָג, כאָטש מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון 59 טעג. נישט צוליב מיין שולד, נאָר... בעסער זיי נישט אָנרופן, נישט שמירן דאָס פּאַפּיר מיט זייערע נעמען.

איך פיל זיך גוט, נאָר איר פעלט מיר, ווען איך וואָלט געווען מיט אייך אויף די בערג פון ירושלים... איך בין אין קאַזאַן, נישט צוליב מיין גוטן ווילן. רות וועט דיר אַלץ דערציילן גענוי. שרייבט אָפט. פאַרשאַף דיר אַ טאָגבוך, פאַרשרייב דאָרט אַלע איבערלעבענישן און געדאַנקען.

איך מיין, איר וועט קאָנען איבערלייענען מיין שריפט. דאָס איז נישט שווער, מען דאַרף זיך נאָר צוגעוווינען. עס איז נישט אַזוי אוממעגלעך.

שרייב מיר ווי אַזוי איר האָט דאָס יאָר פאַרברענגט די וואַקאַציעס אין פאַרגלייך מיט 34, 35 אין מאָסקווע.

איך בענק שטאַרק נאָך אייך, נאָך ירושלים, נאָך דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. איך האָף, אַז עס וועט נעמען אַ סוף צו דעם אַלעם, מיר וועלן זיך זען. עס הענגט אָפּ פון אייך, ספּעציעל פון רות, זי פאַרשטייט אין וועלכן שייכות דאָס איז. שרייבט מיר אָפט.

איך קוש דיך, דיינע גרויסע אויגן, דער פאָטער יעקב.

טייערע רות,

איך לייען איצט דיין בריוו. עס פעלט די דאַטע. לערן זיך שטעלן אַ דאַטע. זיי נישט אַזוי צעטראָגן. לערן זיך דאָס ביי שושנהן און אסתר. גיב אומבאַדינגט צו וויסן, ווער עס האָט פאַרשמירט עטלעכע וויכטיקע ווערטער אויף די ערשטע זייטלעך פון דיין בריוו. עפּעס אין קלאַמערן.

איך האָב געשריבן 10 בריוו מיט קוויטאַנציעס... און 12 אויף וועלכע איך האָב נישט קיין קוויטאַנציעס. דו דאַרפסט פאָדערן די אַלע בריוו. דו פאַרשטייסט פאַר וואָס איך קאָן עס דאָ נישט טאָן. איך וועל מער קוויטאַנציעס פון דער האַנט נישט

אַרויסגעבן. איך האָב איניקע געגעבן — און זיי זענען פאַרפאַלן געוואָרן.

אין דער ביטע צו דער פּאָסט אָדער אין מיניסטעריום, דאַרף ווערן אָנגעגעבן אַלע פּרטים פון דער קוויטאַנציע, ווען אַרויסגעשיקט, נומער, פון וועמען א. אַ. וו.


מישא אָסאָווסקי

ווי איז מיט מיין בריוו צו ד"ר קלויזנער? ווי האַלט עס מיט דער ענגלישער קאָרעספּאָנדענץ וואָס האָסט אָנגעהויבן לערנען דעם לעצטן ווינטער? האָסטו דערפאָלג און אַ וואָסערן? צי ווערסטו אָנקומען אין אוניווערסיטעט אין 1937 יאָר? וואָסערע פלענער האָסטו בכלל? צי ווילסטו ווערן אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעטערין? אויף אַ וואָסער געביט? איך האָב דיר שוין געשריבן מיינע עצות. פאַר דיר.

„אויב ס'איז נישטאָ קיין ענטפער, פאַלט אָפּ דער חשק צו שרייבן" — דיינע ווערטער. צי איז עס אָבער ריכטיק, ספּעציעל אין די דאָזיקע באַדינגונגען?

איך בין אין ערגעץ נישט געפאָרן, זייענדיק אויף איך און דעם זעלבן אָרט, ביזן אָנקומען צו אייך. איך האָב נישט מער ווו צו פאָרן.

מען דאַרף אויסקעמפן אַן ענטפער. זאָלסט וויסן, אַז מיר געלונגט עס נישט. ווי אַזוי איר זאָלט אייך דאָס דערשלאָגן, האָב איך שוין פריער געשריבן.

וויפל בריוו האָסטו געשריבן נאָכן 30.1.36, צי איז עס דערהאַלטן געוואָרן? דערשלאָג זיך אַן אָפיציעלן ענטפער פון פּאָסט-מיניסטעריום, פון נ.ק.וו.ד. אומבאַדינגט צוזושטעלן מיינע בריוו צו מיר און דיינע — צו מיר. דיינע הענט זענען דאָך פריי, נישט געבונדן ווי מיינע. ווען מען האָט ליב, קאָן מען אַלץ דורכלייענען, און איר האָט דאָך מיך, אָן שום ספק ליב.

איך ענדיק דאָס איצטיקע מאָל. זיי געזונט. זיי נישט באַאומרואיקט וועגן מיר, נאָר טוט ענערגיש, מיט עקשנות, לויטן פּלאַן, בנוגע מיין קומען קיין א"י.

א בריוו פון מאסקווע

ליפשע חנה אָסאָוואסקי
מאָסקווע

איך בין געבאָרן אין קוטנע — 16.11.1895. איך געדענק גוט די זיידע-באָבע: משה-יוסף אָסאָווסקי, אַ געבאָרענער אין קוטנע און די באָבע הינדע. דער זיידע איז געשטאָרבן אין עלטער פון 82 יאָר, די באָבע — מיט אַ יאָר שפּעטער. דער זיידע משה-יוסף איז געוואַקסן אַ יתום און זייער פרי אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אַ דאָרפס-שניידער. שפּעטער איז ער געוואָרן זעלבשטענדיק. נאָך דער חתונה האָט ער געניית ביי רייכע שררים. ער פלעגט יעדן מאָנטיק פרי נעמען מיט זיך טלית-און-תפילין און צוויי טעפּלעך — און זיך אַוועקלאָזן איבער די דערפער. אין די טעפּלעך האָט ער זיך אַליין געקאָכט גרויפּן, קאַרטאָפל, ציבל — אַבי נישט דאַרפן עסן קיין טריפות. יעדן פרייטיק פלעגט ער צוריק קומען קיין קוטנע און אויף אַ פור איז געלעגן אַ סך פּראָדוקטן, אַפילו עופות, וועלכע ער האָט פאַרדינט פאַר זיין אַרבעט.

די באָבע הינדע האָט דערנאָך אויף אירע פּלייצעס געשלעפּט דעם ווייץ צו דער ווינט-מיל צו צעמאָלן. און צוריק אַ היים — אַ זעקל מעל... אַ העלפט פון די אַלע פּראָדוקטן פלעגט די באָבע פאַרקויפן, אַלץ געמאָסטן אויף דער קוואָרט. פאַרן געלט האָט זי געהאַט צו באַקליידן און צו באַשיכן די קינדער. ביי זיי זענען געווען פינף טעכטער און צוויי זין — איינער פון זיי מיין טאַטע.

אויב ס'איז נייטיק, וועל איך שרייבן דאָס ווייטערדיקע לעבן פון אַלטן קוטנע פאַרן בוך.

17.10.63 ליפשע חנה אָסאָווסקי

*

צו דער געזעלשאַפט פון קוטנער בוך,

איך בין נישט זיכער, צי איר וועט קאָנען אויסנוצן דעם מאַטעריאַל, וואָס איך שרייב פאַרן קוטנער בוך און דער עיקר — צי דער מאַטעריאַל וועט נישט פאַרשפּעטיקן.

איך בין געבאָרן אין קוטנע. צו 5 יאָר האָט מיין מאַמע מיך געלערנט עברי און צו 6 יאָר — האָב איך שוין געלייענט די סדרה, געדאַוונט און געלייענט „קו הישר" און אַנדערע ספרים, וואָס האָט געשראָקן מיין קינדערישע פאַנטאַזיע און געפילן. איין ספר שרייבט, אַז „אַ מענטש זינדיקט אויף טריט און שריט". דערפאַר ווילט זיך מיר צו 8 יאָר שטאַרבן נישט קיין געזינדיקטע... שבת נאָכן טשאָלנט לייג איך זיך אין בעט אַריין כדי שטאַרבן, ווייל אין דער וואָכן איז נישטאָ קיין צייט.

ביי מיינע עלטערן איז געווען אַ גאַנצער טוץ קינדער. איך — די עלטסטע. אין עלטער פון 10 יאָר בין איך אַוועק זיך לערנען אַ פאַך ביי אַ נייטאָרין און אַלץ נישט אויפגעהערט גלויבן אינעם מעכטיקן גאָט. צו 14 יאָר ווער איך אַן אַפּיקורס און אַנטי-רעליגיעז — ביזן היינטיקן טאָג.

ביי 15 יאָר אָנגעהויבן שרייבן לידער. זייער טרויעריקע. נאָך היינט געהער איך אין מאָסקווע צו אַ ליטעראַריש קרייזל. שרייב פאַר זיך לידער, פּראָזע. אויפהערן קאָן איך נישט.

איך האָב געקענט די מענטשן, וועלכע שלום אַש האָט באַשריבן, אַפילו געוווינט מיט זיי אין שכנות. די פשאָריקס פון „גאָט פון נקמה", שאַפּשעוויטש, דער דיק, ר' לייביש און אַנדערע. אויך די יידישע טרעגערס, וועלכע האָבן געוווינט בשכנות מיט מיינע עלטערן.

אויב אייך אינטערעסירט, וועל איך באַשרייבן דאָס טרויעריקע לעבן פון די קוטנער יידישע טרעגערס און פון זייערע קינדערלעך מיט די טראַכאָמע-אייגעלעך, וועלכע זענען געוואַקסן אין שמוץ, הונגעריק. אויף אַ שטיקל זייף האָבן די פאַרדינסטן נישט געקלעקט.

21.10.63 ליפשע אָסאָווסקי

קוטנער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד (1947-1945)



נאַסאַל וואָלף



אַספּירשטיין דוד



כץ יצחק ז״ל





מאַי 1945. די צווייטע וועלט־מלחמה איז פאַרענדיקט מיטן זיג איבער דער היטלעריסטישער דייטשלאַנד. די ניצול־געוואָרענע שארית־הפליטה פון די נאַצישע טויט־לאַגערן, אויף וויפל די כוחות האָבן נאָך געסטייעט — ווילן צוריק פאָרן קיין פוילן. מיט דער שוואַכער האָפענונג אין האַרץ, קוים איז ווער פון די נאָענטע געבליבן לעבן. אַ סך אָבער בלייבן אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד, ווייל מ׳איז צופיל דערשעפּט און קראַנק, צו לאָזן זיך אויף אַ ווייטער רייזע אין די דעמאָלטיקע שווערע באַדינגונגען אויף די באַנען. צווישן די געבליבענע, האָבן זיך געפונען עטלעכע קוטנער.

דער וועג אָבער פון דער חרובער פוילן קיין ארץ־ישראל, האָט אין רוב פאַלן געפירט בעל־כורחו דורך... דייטשלאַנד. אין די פאַרשידענע פּליטים־לאַגערן, אויפגעשטעלט דורך דעם „דזשאָינט״ און יידישער אַגענץ, טרעפן זיך יידן פון פוילן — לאַנדסלייט, קרובים, פריינד. עס שטעלט זיך איין אַן אינטענסיוו געזעלשאַפטלעך און פּאַרטייאיש לעבן — און די בני קוטנע, אין די ראַמען פון אַן אייגענער לאַנדסמאַנשאַפט, האָבן אין די יאָרן 1946—1947 איינגעאָרדנט צוזאַמענטרעפן, אזכרהס און פאַרזאַמלונגען.

אויף די בילדער: אַן אזכרה אין דייטשלאַנד, 1946. דאָס בילד אויבן, לינקס, שטעלט פאָר דעם קוטנער יצחק כץ ז״ל, ביי דער אויסגעמאָלענער דורך אים מצבה, צום אָנדענק פון די 101 דערמאָרדעטע קרבנות אין לאַגער, האַרט פאַר דער באַפרייאונג — אַפּריל 1945.

.9

בלעטער וואס פאראייביקן

דפי הנצחה.



יזכור

לבני קוטנה והסביבה — אנשים, נשים וטף, אשר עונו ונרצחו על קידוש-השם על ידי הצוררים הגרמנים הנאצים ועוזריהם האו־קראינים והפולנים.

יזכור ה׳ לטובה, ותהא נפשם צרורה בצרור החיים, בתוך שאר קדושי ישראל.

כי דורש דמים אותם זכר, לא שכח זעקת עינויים.

ואלה שמות בני עירנו שנהרגו, שנשחטו, שנשרפו ושנחנקו על קידוש השם — בימי מלחמת העולם השניה

א

אייזמאַן גאָלדע
אייזמאַן שמואל
אייזמאַן שרה
אראָנאָוויטש זעמל און משפחה
אראָנאָוויטש יוסף
אראָנאָוויטש ראָזא
אראָנאָוויטש העלאַ
אראָנאָוויטש זיסל
אראָנאָוויטש סימע
אבראַמאָוויטש שמואל
אברמאָוויטש ראָזא
אברמאָוויטש מאָטל
אברמאָוויטש יהודה
אַבראַמאָוויטש דינה־רחל
אַבראַמאָוויטש מרדכי
אבראַמאָוויטש עוזר
אַבראַמאָוויטש אברהם
אַבראַמאָוויטש שמואל
אַבראַמאָוויטש אברהם
אַבראַמאָוויטש יהודה
אַבראַמאָוויטש משה
אַבראַמאָוויטש רודע און קינדער
אַש אליעזר
אַש הערש
אַש אליעזר
אַש שרה־לאה
אַש משאַרנע־גיטל
אַש הערש
אַש זקן
אַש דאָבריש
אַש שמעון
אַש לאה
אַש וואָלף און משפחה
אַש שלמה
אַש סערקע
אַש אליהו
אַש ישראל
אַש לייבל
אַש רחל
אַש אברהם־יצחחק
אַש יעקב
אַש געניע און מאַן
אַש יעקב
אַש איטע
אַש רומא
אַש מארעק
אַש אדאם
אייקע ברוך
אייקע הינדע
אייקע ביילע
אייקע ברוך
אויגאפעל אסתר
איילענבערג אסתר

איילענבערג שלמה
איילענבערג גיטל
איילענבערג שלמה־הערש
אשר חיים
איזביצקי שרה
איזביצקי יהודה
איזביצקי כתריאל
אריקאָווסקא פרידאַ
אפעלאסט צירל און קינד
אפעלאסט יחיאל און משפחה
אפעלאסט אסתר
אפעלאסט הערשל
אפעלאסט חוה
אפעלאסט קיילע
אפעלאסט פעסע
אייזנשטאַב שרה
אייזנשטאַב
(ברידער און משפחה)
אייזנשטאַב אברהם
איזנשטאַב ישראל
אייזנשטאַב יעקב
אייזנשטאַב שיינדל
אָגורעק יצחק און משפחה
אָגורעק יואל
אָגורעק דאָבריש
אָגורעק יצחק
אָגורעק דוד
איזביצקי יאַסקע
איזביצקי כתריאל, פרוי
און קינדער
אָסאָווסקי יונה, פרוי און קינדער
אָסאָווסקי דוד־יעקב,
פרוי און קינדער
אָסאָווסקי שרה־חנה און קינדער
אָסאָווסקי יוסף, פרוי און קינדער
אָסאָווסקי חיים
אָסאָווסקי און משפחה
אלבערט אסתר
אַלבערט רחל
אלבערט רוזשע
אלבערט פסח
אלבערט רבקה
אלבערט חנה
אלבערט איידל
אלבערט משה
אלבערט איטע
אלבערט קיין
אלבערט מאַניע
אנקער ראובן
אנקער צירל
אנקער אסתר
אנקער גרתם
אנקער שמעון

אָפּאָטשינסקי אברהם
און משפחה
אָפּאָטשאַנסקי איגנאַצי
אָפּאָטשינסקי פראַנדל
אָפּאָטשינסקי עדזשאַ
אָפּאָטשינסקי שמעון און משפחה
אָפּאָטשינסקי יצחק
אָרנער אברהם
אָרנער לאה
אָרנער מרדכי־מנחם
אָרנער נחום
